STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01734

# YUDISHE ENTSIKLOPEDYE

Symcha Pietruszka

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יודישע ענציקלאָפּעדיע

פאַר יודישע געשיכטע, קולטור, רעליגיע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, ביאָגראַפיע, ביבליאָגראַפיע און אַנדערע יודישע ענינים.


בעאַרבייט און צונויפגעשטעלט
פון
**שמחה פּיעטרושקאַ**


## בוך I (א — אדם הראשון)


תרצ"ב וואַרשא 1932

פאַרלאַג „יהודיה"

*Copyrright 1932.*
*by Symcha Pietruszka Warszawa.*

*PRINTED IN POLAND*

S. PIETRUSZKA

„ENCYKLOPEDJA ŻYDOWSKA"
Książka I.

Wydana przez wydawn. „Jehudia"

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz, Warszawa

# הקדמה.

ביים צוטרעטען ארויסצוגעבען איצט א יודישע ענציקלאָפּעדיע אין דער יו־דישער שפּראַך, האַלטען מיר פאַר נויטיג צו זאָגען צוערשט עטליכע ווערטער וועגען יודישע ענציקלאָפּעדיעס בכלל. אונטער דעם נאָמען „יודישע ענציקלאָ־פּעדיע" פערשטעהען מיר אזא ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל ארומנעהמען אַלע ענינים פון גאַנצען יודישען לעבען, פון די עלטעסטע צייטען אָן ביז דער נייעסטער צייט. אזא ענציקלאָפּעדיע נעהמט אַרום די יודישע רעליגיע, קולטור, געשיכטע, די יודישע ליטעראַטור אין די פערשידענסטע עפּאָכען און פערשידענ־סטע שפּראַכען, לעבענס־בעשרייבונגען פון די אָנגעזעהענסטע יודישע ווי אויך נישט־יודישע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען אַ בעדייטונג פאַר'ן יודענטום אין אַלע דורות, בעשרייבונגען פון בעדייטענדע יודישע צענטרומס אין פערשידענע צייטען, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו יודענטום.

אַזעלכע יודישע ענציקלאָפּעדיעס זענען פאַרהאַן אין אַ רייה אַנדערע שפּראַ־כען. די ערשטע יודישע ענציקלאָפּעדיע איז ערשינען אין ענגליש. דאָס איז די בעקאַנטע „דזשואיש ענסיקלאָפּעדיע", וואָס איז ערשינען אין אַמעריקא אין די יאָהרען פון 1901 ביז 1906 אין 12 גרויסע בענדער. אין דער דאָזיגער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע האָבען מיטגעאַרבייט ביי 400 געלעהרענטע פאָרשער, נישט נור יודען, נאָר אויך קריסטען, און זי איז אויך דער גרונד פאַר אַלע יודישע ענציקלאָפּעדיעס, וואָס זענען דערנאָך ערשינען אין אַנדערע שפּראַכען. נאָך דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע זענען אין די יאָהרען פאַר דער וועלט־מלחמה ערשינען גלייכצייטיג צוויי יודישע ענציקלאָפּעדיעס: איינע אין העברע־איש מיט'ן נאָמען „אוצר ישראל", און די צווייטע אין רוסיש מיט'ן נאָמען „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ". אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה זענען ערשינען אין דער דייטשער שפּראַך אַ „יודיש־דייטשער לעקסיקאָן" אין 5 בענ־דער, וועלכער נעהמט אַרום אַלע בוכשטאַבען פון א ביז זעט, און אויך עטליכע בענדער פון דער גרויסער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ", פון וועלכער עס איז ערשינען ביז דעם בוכשטאַב „קאַ". אַ חוץ דעם האָט דערזעלבער פערלאַג, וואָס גיעט אַרויס אין דייטש די „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ", אָנגעהויבען אויך אַרויסגעבען אויף העברעאיש אַ גרעסערע יודישע ענציקלאָפּעדיע מיט'ן נאָמען: „אשכול"; פון דער דאָזיגער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע איז ביז איצט ערשי־נען נור איין באַנד, בוכשטאַב „א—או".

די דאָזיגע אַלע יודישע ענציקלאָפּעדיעס, וואָס יעדע פון זיי האָט איהרע בעזונדערע מעלות, האָבען אָבער אַלע איין גרויסען חסרון, נעמליך, וואָס זיי

זענען נישט געשריבען אין דער יודישער שפראך, און אזוי ארום זענען זיי נישט פערשטענדליך פאר די יודען, וועלכע פערשטעהען נישט גוט העברעאיש צי די אנדערע שפראכען. איבערהויפט איז עס געווען א נישט־נארמאלע און נישט־שעהנע ערשיינונג, וואס גראד אין דער יודישער שפראך, אויף וועלכער עס רעדען פיל מיליאנען יודען זאל נישט זיין קיין יודישע ענציקלאפעדיע. אין די לעצטע יאהרען האבען א גרופע יודישע כלל־טהוער און געלערנטע אין בערלין, וואס גרופירען זיך ארום דעם דובנאוו־פאנד, בעשלאסען ארויסצוגעבען אין דער יודישער שפראך א ענציקלאפעדיע, אבער א אלגעמיינע, דאס הייסט, וואס נעהמט ארום אלע געביטען פון וועלטליכער וויסענשאפט און קולטור, און דערביי זאל נור א געוויסער טייל פון איהר זיין געווידמעט דעם יודישען לעבען. א פראבע־העפט דערפון איז שוין ערשינען. מיר גלויבען דעריבער, אז מיט'ן ארויסגעבען אין דער יודישער שפראך א ספעציעלע יודישע ענציקלאפעדיע, ערפילען מיר א געוויסען חוב פאר דער יודישער שפראך און קולטור.

מיר האבען גערעכענט ארויסצוגעבען די יודישע ענציקלאפעדיע אין 10 גרעסערע בענדער. אבער צוליב דעם מאטעריעלען קריזיס, וואס האט ארומגענומען בעזונדערס די ברייטע יודישע מאסען, זענען מיר געצוואונגען ארויסצוגעבען איהר אין קלענערע ביכער, כדי זי זאלען זיין צוגענגליך צום קויפען. די גאנצע ענציקלאפעדיע וועט האלטען 30 אזעלכע ביכער.

אין דער דאזיגער ענציקלאפעדיע וועלען מיר, לויט דעם סדר פון אלף־בית, געבען גענויע אויפקלערונגען וועגען אלעם, וואס האט א שייכות צום יודענטום פון אלע צייטען און לענדער. דערביי האלטען מיר פאר נויטיג צו מאכען פאלגענדע ערקלערונגען:

1) מיר בעמיהען זיך צו מאכען די דאזיגע ענציקלאפעדיע נישט נור פאר א „נאכשלאג־בוך", וואו מען זאל קאנען געוואר ווערען וויסענשאפטליכע דאטומס און איינצעלהייטען וועגען פערשידענע יודענטום־ענינים, נאר אויך פאר א „לעזע־בוך", וואס זאל זיין פערשטענדליך און בעלעהרענד פאר פשוטע מענשען. דעריבער בענוצען מיר אין דער ענציקלאפעדיע א פאפולערען סטיל, אהן די בעזונדערע וויסענשאפטליכע אנגענומענע קיצורים, מיר זענען מסביר יעדען אויסדרוק קלאר, אבוואהל מיר ווייסען, אז טייל וועלען האלטען, אז דאס איז עטוואס „צו־קלאר". יעדער העברעאישער טעקסט ווערט גלייך איבערזעצט אין יודיש; יעדעס פרעמד־ווארט ווערט גלייך אויפגעקלערט; אויב מיר פעררופען זיך אויף א פאקט פון דער געשיכטע, געבען מיר גלייך צו ערקלערען, וואס דאס בעדייט.

2) מיר ערקלערען אין פאראויס, אז נישט אלע ערשיינונגען און פערזענליכקייטען פון יודענטום וועלען אריינקומען אין דער דאזיגער ענציקלאפעדיע; מיר וועלען נור געבען די בעדייטענדסטע פון זיי. נישט יעדער תנא צי אמורא פון דער משנה און גמרא און אויך נישט יעדער רב און מחבר צי יודישער שריפטשטעלער און געלעהרטער צי ארגאניזאציע און אינסטיטוציע צי יודישע קהלה

וועלן אריינקומען אין דער ענציקלאָפּעדיע. פערשטעהט זיך, אז די פראגע, צי די אָדער יענע יודישע פערזענליכקייט דאַרף אריינקומען אין דער ענציקלאָ־פּעדיע, איז געווען גאַנץ אָפט שווער צו ענטשיידען. מיר האָבען געוועהנליך אָנ־גענומען אַלס כּלל, אז מיר נעהמען אריין נור אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם יודישען לעבען, אָדער וואָס זענען כאַראַקטעריס־טיש. דאָס וואָרט „כאַראַקטעריסטיש" וועלען מיר דאָ ערקלערען מיט פאָלגענ־דעם ביישפּיל: אין דער גמרא ווערען געבראַכט אַ סך אמוראים מיט'ן נאָמען רבי אבא. טייל פון זיי, די בעדייטענדסטע, די וואָס זייערע ווערטער ווערען אָפטער געבראַכט אין דער גמרא, געבען מיר אין דער ענציקלאָפּעדיע. אָבער דערביי האָבען מיר אויך געגעבען אַן'אמורא „רבי אבא מקרתיגנאה", וואָס אַבוואָהל פון איהם ווערען געבראַכט ווייניג ווערטער אין דער גמרא, אָבער ער איז „כאַראַקטעריסטיש" דערמיט, וואָס ווי זיין נאָמען זאָגט, האָט ער געשטאַמט נישט ווי די געוועהנליכע אמוראים פון ארץ־ישראל צי בבל, נאָר ער האָט געשטאַמט פון וויטען לאַנד קאַרטאַגאַ אין אפריקא. דאָס דאָזיגע כאַראַקטעריסטישע איז וויכטיג, ווייל דאָס ווייזט אונז, אז נאָך דעמאָלט, אין דער צייט פון דער גמרא, איז געווען אַ גייסטיגע פערבינדונג פון די יודען אין ארץ־ישראל מיט די קהלות אין אפריקא. פערשטעהט זיך, אז מיר האָבען זיך בעמיהט אריינצונעהמען וואָס מעהר פערזענליכקייטען און אינסטיטוציעס און בעגריפען אין דער ענציקלאָפּעדיע; אָבער נישט אַלע האָבען מיר געגעבען. וואָס אָנבעלאַנגט דער מאָדערנער יודישער ליטעראַטור און אויך טעאַטער־לעבען, האָבען מיר גענומען אין אַכט אויך דעם פאַקט, וואָס אין דער יודישער שפּראַך איז ערשינען אַ פולשטענדיגער ערשעפּענדער „לעקסיקאָן" פון זלמן רייזען, און אויך ערשיינט אַ ערשעפּענדער טעאַטער־לעקסיקאָן פון זלמן זילבערצווייג.

3) מיר זענען פולשטענדיג אָביעקטיוו, דאָס הייסט, מיר האָבען זיך בעמיהט אין דער ענציקלאָפּעדיע צו געבען אַלע ערנסטע מיינונגען וועגען די פערשידענ־סטע ענינים פון יודענטום. אויב עס זענען פאַראַן זאַכען, אין וועלכע טייל ווי־סענשאַפטליכע טעאָריעס זענען נישט איינשטימיג מיט דער אָנגענומענער טראַדי־ציע, געבען מירביידע מיינונגען, די טראַדיציאָנעלע און אויך די קריטישע.

4) עס זענען פאַראַן פרעמדע ענינים, וואָס זענען נישט יודישע, אָבער זיי האָבען אַ גרויסען שייכות מיט יודענטום, און אויך זיי האָבען מיר אריינ־גענומען אין דער ענציקלאָפּעדיע, אויף וויפיל זיי האָבען געהאַט אַ איינפלוס אויף דעם יודענטום אָדער זיי זענען כאַראַקטעריסטיש כדי אויפצוקלערען גע־וויסע ערשיינונגען פון יודענטום. דעריבער קומען אריין אין דער ענציקלאָ־פּעדיע אויך געוויסע ערשיינונגען פון די אַנדערע בעדייטענדע רעליגיעס, ווי קריסטענטום, איסלאַם, פערסישע רעליגיע וכדומה, אויב זיי האָבען געוויסע בעריהרונגס־פונקטען מיט'ן יודענטום. עס פערשטעהט זיך, אז אין דער ענצי־קלאָפּעדיע, וואָס מוז זיין שטרענג־וויסענשאַפטליך, מוזען מיר זיך בעמיהען צו זיין אָביעקטיוו, נישט אַפּאָלאָגעטיש; די מיינונגען און ערשיינונגען פון יענע אַנדערע רעליגיעס און זייער בעריהרונג מיט דער יודישער רעליגיע געבען מיר־

מיט דער געהעריגער וויסענשאַפטליכער אָביעקטיוויטעט. ספּעציעל, ווען מיר ברענגען וועגען די ערשטע ערשיינונגען פון קריסטענטום, וואָס איז ענטשטאַנען אין בעריהרונג מיט'ן יודענטום, האַלטען מיר זיך מייסטענס ביי די וויסענשאַפטליכע מיינונגען פון די גרויסע יודישע פאָרשער און היסטאָריקער ווי פּראָפעסאָר גרעץ און אַנדערע. ווען למשל מיר געבען דעם שטיך־וואָרט „אביונים", די לעהרע פון דער אַלטער קריסטליכער „עביאַניטען"־סעקטע ווי זי איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון יודענטום, האַלטען מיר פאַר נויטיג צו ברענגען די השערה פון פּראָפעסאָר גרעץ, אַז דאָס איז געווען אַ איבערבלייבעניש פון אַ ריין־יודישער סעקטע „אביונים", אָבוואָהל די השערה איז נישט זיכער, אָבער אין וויסענשאַפטליכער פאָרשונג איז נויטיג צו וויסען די השערה. דאָס זעלבע טהוען מיר אויך מיט די לעהרען פון איסלאַם און אַנדערע רעליגיעס. דאָס זעלבע קומען אַריין אין דער ענציקלאָפּעדיע אויך טייל זעהר גרויסע נישט־יודישע פּערזענליכקייטען און אינסטיטוציעס, אויב זיי האָבען געהאַט אַ איינפלוס אויפ'ן לויף פון דער יודישער געשיכטע. דאָ מוזען מיר בעמערקען, אַז פון די נישט־יודישע פּערזענליכקייטען האָבען מיר נור גענומען די בעדייטענדסטע, און על פּי רוב געבען מיר זיי נישט אין בעזונדערע שטיךווערטער, נאָר אונטער אַלגעמיינע שטיך־ווערטער. למשל טייל רוסישע קייסרים אָדער מיניסטאָרען אָבוואָהל זיי שפּילען אַ געוויסע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע, געבען מיר וועגען זיי אין דער אַלגעמיינער בעשרייבונג פון „רוסלאַנד".

5) ביים געבען בעשרייבונגען פון פּערזענליכקייטען, ברענגען מיר זיי טיילווייז אונטער די שטיך־ווערטער פון זייערע פאַמיליע־נעמען און טיילמאָל אונטער זייערע נעמען. למשל חסידישע רביים געבען מיר על פּי רוב לויט זייערע נעמען, ווי „אַברהם פון טשעכאַנאָוו", דאַגעגען גרויסע רבנים, וואָס זענען אויך בעקאַנט מיט זייערע פאַמיליע־נעמען געבען מיר לויט די פאַמיליע־נעמען, למשל, „איגער, עקיבא". מיר האָבען דערביי נישט קיין פעסט־בעשטימטע כללים. געוועהנליך האַלטען מיר זיך ביי דעם סיסטעם צו ברענגען אַ פּערזענליכקייט לויט דעם נאָמען, מיט וועלכען ער איז אַממייסטען בעקאַנט. — אין די קעפּ פון די שטיך־ווערטער געבען מיר נישט קיינע טיטולען, נישט קיין „רבי" און נישט קיין „דאָקטאָר", נאָר בלויז דעם נאָמען. דעם טיטול געבען מיר שוין אין דער בעשרייבונג זעלבסט.

6) מיר ערשפּען נישט דעם ענין, וועגען וועלכען מיר שרייבען. ווען מיר זאָלען, למשל, וועלען ערשעפּען און בעשרייבען אַלץ וועגען די יודען אין „אונגאַרן", זייער געשיכטע און זייער איצטיגען צושטאַנד, וואָלט דאָס אַליין געדאָרפט פאַרנעהמען עטליכע גרויסע ביכער. דאָסזעלבע איז אויך מיט טייל אַנדערע שטיך־ווערטער. ווען מיר זאָלען וועלען שרייבען אַלץ וועגען „אבן עזרא", וואָלט מען געדאָרפט שרייבען אַ ספּעציעל גרויס בוך. מיר געבען דעריבער די סאַמע וויכטיגסטע דאַטומס ווי אויך די בעדייטענדסטע איינצעלהייטען פון יעדען ענין, כדי דער לעזער זאָל בעקומען וועגען איהם אַ קלאָרען בעגריף.

7) אַ פּאָר בעמערקונגען וועגען דער „ביבליאָגראַפיע". מיר האָבען זיך בע־

מיהט אין דער ביבליאָגראַפיע וועגען די וויכטיגערע ענינים אויף אָנצווייזען אויף די בעטרעפענדע ביכער און אַרטיקלען אין דער יודישער שפּראַך. — ווען מיר ברענגען „גרעץ", אָדער „גרעץ געשיכטע", מיינען מיר דאָס גרויסע ווערק פון גרעץ, „געשיכטע פון יודישען פאָלק", וואָס אַבוואָהל עס איז אויך פאַרהאַן אין יודישער איבערזעצונג. אָבער די ברייטערע וויסענשאַפטליכע בעהאַנדלונג געפינט מען נור אין דעם „גרויסען" גרעץ אויף דייטש ווי אויך אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון שפ"ר. — ביים ברענגען ראַפּאָפּאָרט'ס (שי"ר) „ערך מלין", האָבען מיר געהאַט פאַר זיך די אויסגאַבע פון וואַרשא תרע"ד מיט די „הוספות" צום סוף. — ביים ברענגען רייזענ'ס „לעקסיקאָן" אונטערשיידען מיר צוויי בעזונדערע ווערק: 1) „לעקסיקאָן" פון יאָהר 1914 און דאָס בעצייכנען מיר מיט „לעקסיקאָן (1914)"; 2) לעקסיקאָן פון יאָהר 1926. — די ווערק, וואָס זענען געשריבען אין פרעמדע שפּראַכען, ברענגען מיר זייער טיטול מייסטענס אויף יודיש און מיר געבען דערביי צו אין וועלכער שפּראַך דאָס ווערק איז פערפאַסט. אויב דאָס ווערק איז נישט אין דייטש, נאָר אין אַנדערע שפּראַכען, ברענגען מיר דעם טיטול אַממייסטען לויט ווי ער קלינגט אין די אַנד. שפּראַכען. מיט'ן נאָמען „יודישע ענציקלאָפּעדיעס", וואָס מיר ברענגען אָפט אין דער „ביבליאָגראַפיע", מיינען מיר די דערמאָהנטע יודאאיקאַ-ענציקלאָפּעדיעס אין ענגליש, רוסיש, דייטש, העברעאיש.

מיר ווילען האָפען, אַז עס וועט אונז געלונגען אַרויסצוגעבען די יודישע ענציקלאָפּעדיע אינגאַנצען, ביז צום סוף.

# דרוק-פעהלער

צוליב געוויסע סיבות זענען אריינגעפאלען אין בוך א רייה דרוק-פעהלער, וועלכע מיר פערריכטען דאָ:

| | | | | עס איז געדרוקט | עס דאַרף זיין געדרוקט: |
|---|---|---|---|---|---|
| זייט | 10 | שורה | 31 | גאַגילעאישער — | גאַליילעאישער |
| ,, | 25 | ,, | 5 | אַבאָרניק — | אָבאָרניק |
| ,, | 32 | ,, | 37 | זוהן פון יצחק — | פאָטער פון יצחק |
| ,, | 77 | ,, | 1 | חרמים הורדו — | חכמים הזהרו |
| ,, | 88 | ,, | 1 | חיים — | חייא |
| ,, | 125 | ,, | 29 | אין מאַראָקאָ — | און מאַראָקאָ |
| ,, | 152 | ,, | 32 | דברי — | הרבי |
| ,, | 154 | ,, | 11 | וואָס — | ווערט |
| ,, | 201 | ,, | 16 | ריגא — | ריגיו (רעדזשא) |
| ,, | 232 | ,, | 1 | שטאַמט | שטאַמט נישט |
| ,, | 242 | ,, | 1 | בוצא | גוצא |
| ,, | 282 | ,, | 32 | 4-טען — | 14-טען |
| ,, | 302 | ,, | 13 | ווערט | וועט |
| ,, | 304 | ,, | 16 | הדם — | האדם |

# א.

**א** **(אַלֶף)** איז דאָס ערשטע אות פון אלף־בית סיי אין העברעאיש סיי אין דער יודישער שפּראַך. דער נאָמען „אלף" שטאַמט דערפון, וואָס אין דעם גאָר אַלטען העברעאישען אלף־בית האָט דער בוכשטאַב „אלף" געהאַט דעם אויסזעה פון א קאָפּ פון אַנ'אָקס, און א אָקס אויף העברעאיש הייסט אויך „אלף". דאָס דאָזיגע אות הייסט אין דער אַראַמעאישער שפּראַך „אלפא", און דער־פון שטאַמט אויך דער נאָמען פון ערשטען בוכשטאַב אין גריכיש „אלפא".

דער יודישער געלעהרטער שי"ר (ראַ־פּאָפּאָרט) אין זיין תלמודיש־ענציקלאָ־פּעדישען ווערטער־בוך „ערך מלין" (שטיך־וואָרט „ארם") וויל האָבען, אז דער בוכשטאַב „אלף" אָדער „אלפא" איז גאָר דער טייטש א „שיף". אָבער דער גרעס־טער טייל געלעהרטע פאַרשער האַלטען פון דער מיינונג, אז דער „אלף" איז פון וואָרט „אָקס".

דאָס אות „אלף" האָט אין דער העברעאישער שפּראַך אויך געהאַט די בעדייטונג „דער ערשטער". די משנה אין שקלים פּרק ג' זאָגט, אז אין בית־המקדש איז געווען א גרויסע קאַסע און דאָרט איז געלעגען דאָס גאַנצע געלד, וואָס מען האָט געגעבען פאַר דעם בית־המקדש, און ווען מען האָט געדאַרפט נעהמען געלד, האָט מען פון דאָרט אַרויס גענומען אין דריי קווישען („בשלש קופות תורמין את הלשכה"), און „וכתוב בהן אלף, בית, גימל", אויף די קווישען זענען געווען אויפגעשריבען די בוכשטאַבען אלף, בית, גימל, דאָס הייסט, דער ערש־טער, דער צווייטער און דער דריטער. אויך אין ספרים איז דער מנהג צו פער־צייכנען דעם ערשטען בלאַט אָדער דעם ערשטען טייל צי קאַפּיטעל מיט דעם בוכ־שטאַב „א".

עס איז אויך צו בעמערקען, אז יועגען געשטאַלט פון „אלף" זענען געזאָגט געוואָרען געוויסע דרשות. א זאַמלונג פון זיי איז פאַרהאַן אין מדרש „אותיות דרבי עקיבא".

מיט דעם אות „א" מיט 2 פּינטעלעך אין דער הויך פלעגט מען אויך בעצייכנען אין העברעאיש די ציפער „1000", און ווען מען פלעגט שרייבען די דאַטע „1500" האָט מען עס געשריבען „א ת"ק". — אין דעם יודישען אלף־בית האָט „א" אויך די בעדייטונג פון „א" אָדער „אַ".

„א" האָט אויך די בעדייטונג: „דער אָנהויב", און מיר געפינען אין דער גמרא שבת נ"ה „בני אדם שקיימו את התורה כולה מאלף ועד תיו" („מענשען, וואָס האָבען מקיים געווען די גאַנצע תורה פון אלף ביז תיו", דאָס הייסט „פון אָנהויב ביז'ן סוף").

אין דער קבלה האָט „א" אויך די בע־דייטונג פון דער העכסטער „ספירה", פון „כתר". — די סעקטע פראַנקיסטען אין פוילען האָבען געזעהען אין דעם בוכשטאַב „א" דעם סימבאָל פון קרים־טענטום. — וועגען „אלף־בית" בכלל וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „אלף־בית".

ביבליאָגראַפיע: שי"ר, „ערך מלין" (שטיך־וואָרט „ארם"); פין, „האוצר"; „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע; קרויסהאַר, „פראַנק און פראַנקיסטען" (געשריבען אויף פּויליש, ערשינען אויך אין העברעאיש מיט'ן נאָמען „פרנק ועדתו").

**אאיליון** שלמה בן יעקב (1660 — 1728), רב פון די ספרדישע קהלות אין לאָנדאָן און אמסטערדאַם. אין וועל־כען יאָהר ער איז געבוירען געוואָרען און אין וועלכער שטאָדט, ווייסט מען נישט אויף זיכער. מען נעהמט אָן, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1660 (ת"כ), און אַז זיין געבורטס־שטאָדט איז געוועזן צפת אין ארץ־ישראל. אַנדערע מיינען, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין סאַלאָניקי. זיכער איז, אַז אאיליון האָט בעקומען זיין ערציהונג אין סאַלאָ־ניקי, און דאָרט האָט ער זיך בעקענט מיט די תלמידים פון שבתי־צבי, און ביי זיי האָט ער געלערנט קבלה. אין סאַלאָניקי האָט ער חתונה געהאַט. פון דאָרט איז ער אוועק קיין צפת, וואו ער האָט געלעבט א געוויסע צייט, און פון צפת איז ער געשיקט געוואָרען אַלס שד"ר (ארץ־ישראל־משולח, „שליחא דרבנן") קיין אייראָפּא צו זאַמלען געלד. אין יאָהר 1689 איז ער געקומען קיין לאָנדאָן, און דאָ האָט מען איהם, צוליעב זיין גרויס לומדות, אויפגענומען אַלס רב אין דער דאָרטיגער ספרדישער קהלה, און ער איז דאָרט געוועזן רב 12 יאָהר. אָבער ער האָט אין לאָנדאָן געהאַט שונאים, וועלכע האָבען וועגען איהם פערשפּרייט א קלאַנג, אַז ער איז א געהיימער אָנהענגער פון שבתי־צבי, דאָס איז געוועזן אין א צייט, ווען מען האָט די שבתי־צבי'ניקעס שטאַרק גע'רודפ'ט. אאיליון האָט פער־לאָזט לאָנדאָן אין יאָהר 1701 און איז אָנגעקומען אין אמסטערדאַם אַלס רב פון דער דאָרטיגער ספרדישער קהלה. אין יאָהר 1713 איז געקומען קיין אמסטער־דאַם דער שבתי־צבי'ניק נחמיה חיון און ער האָט בעקומען פון אאיליון א הסכמה אויף זיין ספר „מה מנותא דכולא". דעמאָלס זענען געגען אאיליון אַרויס מיט א מחלוקה די רבנים רבי צבי אשכנזי (מחבר פון ספר „חכם צבי") און רבי משה חאגיז, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אין אמסטערדאַם א העפטיגע מחלוקה מיט געגענזייטיגע חרמות. אאיליון איז געשטאָרבען אין אמסטערדאַם אין יאָהר 1728 (תפ"ח). קיין געדרוקטע ספרים זענען פון איהם נישט פאַרהאַן. זיינע שאלות־ותשובות געפונען זיך אין די ספרים פון די רבנים פון זיין צייט: „כנסת יחזקאל", „דבר שמואל", „חכם צבי", „אהל יעקב".

ביבליאָגראַפיע: דוד כהנא „תול־דות המקובלים", גרעץ „יודישע געשיכטע", יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אאַכען** א אַלטע שטאָדט אין דייטש־לאַנד אין דער געגענד פון טייך רהיין. לויט טייל מיינונגען איז דאָס איינע פון די שטעדט אין אייראָפּא, וואו יודען האָבען זיך בעזעצט נאָך אין די צייטען פון די רוימער. דאָס ערשטע מאָל ווערען די יודען פון אאַכען דערמאָנט אין ענדע פון 8־טען יאָהרהונדערט, אין די צייטען פון קאַרל דעם גרויסען. אין יאָהר 1629 האָט מען פון אאַכען די יודען פערטרי־בען, און מען האָט זיי ערלויבט צוריק זיך צו בעזעצען ערשט אין יאָהר 1667. די צאָהל יודען אין אאַכען איז איצט ביי 1600.

ביבליאָגראַפיע: י. דרעזעמאַן: „די יודען אין אאַכען" (דייטש) 1887; א. יוליוס „די געשיכטע דער אאַכענער יו־דען" (דייטש) 1924, („די אאַכענער היי־מאַטס־געשיכטע").

**אָב** דאָס איז דער נאָמען פון'ם עלפטען חודש אין יאָהר אין יודישען לוח; נאָר אַמאָל, ווען דער אָנהויב פון יודישען

יאָהר האָט זיך גערעכענט פון חודש ניסן, איז אָב געווען דער פינפטער חודש פון יאָהר. דער נאָמען ,,אָב'' ווערט אין תנ''ך נישט דערמאָהנט, און אין תנ''ך הייסט ער ,,החמישי'', ,,דער פיפטער חודש''. דעם דאָזיגען נאָמען ,,אָב'', פונקט ווי די נעמען פון אַלע חדשים, האָבען די יודען איבערגענומען פון די איינוואוינער אין בבל, אין די צייטען פון גלות־בבל נאָכ'ן חורבן פון ערשטען בית־המקדש. אין חודש אב זענען פאָרגעקומען די טראַגישע געשעהענישען פון דער יודישער געשיכטע, דער חורבן ירושלים, דער חורבן פון ביידע בית־המקדש'ם, דער ,,חורבן פון ביתר'', און גאָר שפּעטער דער גירוש פון שפּאַניען. אין דער משנה ווערט אב בעטראַכט פאַר א טרויער־חודש, און עס ווערט געזאָגט: ,,משנכנס אב ממעטין בשמחה'', ,,ווען עס הויבט זיך אָן דער מאָנאַט אב, פרעהט מען זיך ווייניגער'' (תענית ד', ו'). די ערשטע ניין טעג פון חודש אב זענען בעקאַנט אַלס די טרויעריגע ,,ניין טעג''. אין די שפּעטערדיגע צייטען האָט מען אַלס טרייסט גערופען דעם חודש ,,מנחם אב''. אין דאָזיגען חודש זענען פאַרהאַן א סך טעג, וואָס האָבען א היסטאָרישע בעדייטונג. טייל פון זיי, די וויכטיגע, גיבען מיר בעזונדער. פון די ווייניגער וויכטיגע פערצייכנען מיר דאָ: 1) ראש חודש אב איז געשטאָרבען אהרן הכהן, און אין טייל קהלות אין די מזרח־לענדער מיט א יאָהר טויזענד צוריק פלעגט מען דעם טאָג פאַסטען; 2) כ''ד אב ווערט געבראַכט אין ,,מגילת תענית'', אַז ער איז געווען א יום־טוב, וויל דעמאָלס האָט מען צוריקגעשטעלט אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש דעם. יודישען געזעץ־קאָדעקס, וואָס יודישע שונאים האָבען אָבגעשאַפט.—דער חודש אָב האָט שטענדיג 30 טעג און ווערט בעצייכענט אַלס ,,מזל אריה''.

זעה אויך ,,תשעה באב'', ,,חמשה עשר באב'', ,,שבת חזון'', ,,שבת נחמו'', ,,ניין טעג''.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: אוצר ישראל, ,,אשכול'' אין דעם שטיך־וואָרט ,,אב''.

**אָב** אין העברעאיש איז אָב דער טייטש א ,,פאָטער''. דערפון שטאַמט אויך די בעדייטונג פון וואָרט ,,אב'' אַלס ,,עלטסטער'', ,,העכסטער'', דער ,,יסוד פון א זאַך'', די ,,קוועלע'' פון א זאַך. די קוועלע פון וואָנען זאַכען זערען לויט דער יודישער רעליגיע טמא הייסט ,,אב הטומאה'' (וועגען דעם וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט ,,טמא''). די גרונד־אַרבייט, וואָס מען טאָר נישט טהון אים שבת הייסט ,,אב־מלאכה'' (וועגען דעם וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט ,,שבת''). — דאָס וואָרט ,,אָב'' געפינט זיך אין א סך העברעאיש־יודישע נעמען, ווי ,,אבנר'', ,,אבשלום''.

**אַב בית דין** (דער עלטסטער פון דעם געריכטס־שטוב). דאָס איז דער טיטול, וועלכער ווערט געגעבען דעם העכסטען רב אין א שטאָדט. דער טיטול שטאַמט פון גאָר אַלטע צייטען. לויט ווי די גמרא זאָגט (מועד קטן כ''ז) איז שוין דער טיטול אב־בית־דין געווען אין די צייטען, ווען די יודען האָבען זיך געפינען אין דער מדבר, און נדב ואביהוא, די זיהן פון אהרן הכהן, זענען געווען ,,אב בית דין''. אָבער עס איז שווער צו זאָגען, ווען דער דאָזיגער טיטול איז איינגעפיהרט געוואָרען אָפיציעל ביי יודען. די משנה (חגיגה ב', ב') זאָגט, אַז אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש זע־

נען אין דער שפּיץ פון סנהדרין געשטאַנען צוויי פּערזאָן, די „זוגות“, — וואָס ווערען דערמאָהנט אין פּרק אבות — איינער פון זיי איז געווען דער „נשיא“, און דער צווייטער איז געווען דער „אב בית דין“. זיכער איז, אַז דער „אב בית דין“ איז געווען איינער פון די העכסטע רעליגיעזע פיהרער ביי יודען אין ארץ־ישראל אין דער צווייטער העלפט פון בית־שני, און אויך אין די צייטען פון דער משנה און פון דער גמרא. אין דער תוספתא (סנהדרין ז׳, ח׳) ווערט געזאָגט, אַז ווען דער אב בית דין פלעגט אַריינקומען אין בית־המדרש, האָבען אַלע מענשען, נעבען וועלכע ער איז פערביינגעגאַנגען, זיך געמוזט אויפשטעלען. אין טאָג, ווען דער „אב בית דין“ איז געשטאָרבען, האָבען אַלע זיך געמוזט קריעה־רייסען (מועד קטן כ״ו), און אין אַלע בתי־מדרשים האָט מען אויפגעהערט צו לערנען יענעם טאָג אַלס צייכען פון טרויער (מועד קטן כ״ב). דער „אב בית דין“ פלעגט פעסטשטעלען ווען ראש חודש איז, און ער פלעגט „הייליגען“ דעם ראש חודש (משנה ראש השנה ב׳ ז׳). אויך נאָך די צייטען פון דער גמרא, אין דער עפּאָכע פון די „גאונים“, סיי אין בבל סיי אין ארץ־ישראל, איז אויך געווען איינער פון די פיהרער פון דער ישיבה, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטול „אב בית דין“. — אין די שפּעטערע צייטען אין אייראָפּא געפינען מיר אַ סך רבנים בעצייכענט מיט דעם טיטול „אב״ד“ (וואָס איז דער ראשי־תבות פון „אב בית דין“) אָדער ראב״ד („ראש אב בית דין“, אָדער „רבנו אב בית דין“).

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאַפּאָרט „ערך מלין“ שטיכוואָרט „אב״ד“; רייפמאַן „סנהדרין“; „אוצר ישראל“, „אשכול“.

**אַב הָרַחֲמִים** („דער פאָטער פון דערבאַרמונגיי“),

דאָס איז אַ תפלה אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ווערט געזאָגט יעדען שבת אין די קהלות פון פוילען און ליטא, און אויך אין פיל אַנדערע לענדער. די תפלה איז אַ געבעט צו גאָט („פאָטער פון דערבאַרמונג“) פאַר די נשמות פון פערשטאָרבענע. די תפלה איז פערפאַסט געוואָרען צום אָנדענקען פון די אַלע יודען, וואָס זיינען געטויט געוואָרען אויף קידוש השם. ווער דער מחבר איהרער איז, און ווען די תפלה איז פערפאַסט געוואָרען, איז נישט בעקאַנט. דאָס ערשטע מאָל געפינט מען די תפלה אין אַ מחזור אין כתב יד פון יאָהר 1270. מען גלויבט, אַז זי איז פערפאַסט געוואָרען אין דייטשלאַנד נאָך די בעקאַנטע שחיטות פון יאָהר תתנ״ו (1096) איז די צייטען פון די „קרייץ־פאָהרער“ („נוסעי הצלב“). „אב הרחמים“ ווערט אויך געזאָגט אין די ימים טובים ווען מען איז מזכיר נשמות. אין טייל לענדער, ווי דרום־דייטשלאַנד, בעהמען, אונגאַרן, זאָגט מען די תפלה נור אין געוויסע שבתים. צו דער תפלה איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלע מעלאָדיע.

— אין דער יודישער שפּראַך איז פאַרהאַן אַ פאָלקס־ליעד, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין רוסלאַנד אין מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט, ווען מען האָט געכאַפּט יודישע קינדער צום מיליטער (די „קאַנטאָניסטען“), און דאָס ליעד הויבט זיך אָן: „אב הרחמים שוכן במרומים, דו ביזט דער פאָטער פון אַלע יתומים“, און טרויערט אויף דער מיליטער־גזירה. דער פוילישער שריפטשטעלער ביסטראָן ווייזט אָן, אַז דאָס ליעד איז גענומען געוואָרען פון פוילישען און אוקראאינישען.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער

תפלה „אָב הרחמים“ איז פאַרהאַן „אוצר דינים ומנהגים“ פון אייזענשטיין; עלבּויגען, „תולדות התפלה“; וועגען דעם יודישען ליד „אב הרחמים“ איז פאַרהאַן בּיי מאַרק גינזבּורג „יודישע פאָלקס־לידער“ און אין זשורנאַל „יודישע פילאָלאָגיע“ (וואַרשא, 1924) אין דער רעצענזיע אויף בּיסטראָנ׳ס בּוך וועגען 10 יודישע פאָלקס־לידער.

**אַבּאָ** (דאָס איז דער טייטש „פאָטער“ אויף אַראַמעאיש). דאָס דאָזיגע וואָרט איז זעהר פערשפּרייט אַלס נאָמען בּיי יודען שוין פון יענער צייט אָן, ווען יודען האָבּען גערעדט אַראַמעאיש, דאָס הייסט שוין פון די צייטען פון 2־טען בּית־המקדש. מיר געפינען דעם דאָזיגען נאָמען „אבּא“ זעהר פערשפּרייט אין דער גמרא, און אויך אין די שפּעטערדיגע צייטען, און אויך היינט קאָן מען בּיי יודען דעם נאָמען אבּא גאַנץ אָפט טרעפען. אָבּער עס איז דערבּיי אויך צו בּעמערקען, אַז אין די צייטען פון דער משנה און גמרא האָט דאָס וואָרט „אבּא“ אויך געהאַט די בּעדייטונג פון אַ „עהרען־טיטול“, אַ שטייגער ווי „רבּי“, און מיר געפינען גאַנץ אָפט אין דער משנה, למשל, „אבּא שאול“, דאָס איז אַזוי ווי „רבּי שאול“. — ווי עס איז שוין דערמאָהנט געוואָרען, זענען פאַרהאַן אין דער גמרא פיעל פערזאָנען, וואָס ווערען אָנגערופען „אבּא“. אַ קליינע טייל פון זיי זענען געווען „תנאים“, אָבּער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע פערזאָנען זענען געווען „אמוראים“. זיי זענען פאַרהאַן זעהר אַ סך, און מיר דאָ, בּיי די נעמען „אבּא“, וועלען דעריבּער בּרענגען נור די גאָר וויכטיגסטע פון זיי. עס דאַרף אויך בּעמערקט ווערען, אַז וועגען אַ סך אמוראים מיט דעם נאָמען „אבּא“ אין דער גמרא איז זעהר שווער פעסטצושטעלען, וועלכע פערזאָן מען מיינט. וועגען דעם זענען פאַרהאַן אַ סך ספרים; די וויכטיגסטע פון זיי זענען דער „סדר הדורות“ פון רבּי יחיאל האַלפּערין, „דור דור ודורשיו“ פון וויים, דער „תולדות התנאים ואמוראים“ פון היימאַן, „משפּחות סופרים“ פון אַלבּעק, ווי אויך אין די פערשידענע יודאאיקאַ־ענציקלאָפּעדיעס; עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דער נאָמען אבּא איז אַ פערקירצונג פון נאָמען אברהם, און עס איז אַ פאַקט, אַז אין די שפּעטערדיגע צייטען בּעגעגענען מיר די נעמען „אברהם“ און „אבּא“ צוזאַמען: „אברהם־אבּא“. ווייטער וועלען מיר געבּען אין בּעזונדערע שטיך־ווערטער די וויכטיגסטע תנאים און אמוראים מיט דעם נאָמען „אבּא“. — מען דאַרף אויך בּעמערקען, אַז דאָס וואָרט „אבּא“ איז שפּעטער אין די צייטען פון דער „קבּלה“ געוואָרען אויך אַ געוויסער בּעגריף פאַר איינע פון די זעכסטע „ספירות“. נור אויך וועגען דעם וועלען מיר שרייבּען בּיים שטיך־וואָרט „ספירות“.

— וועגען די וויכטיגסטע רבּנים אין די שפּעטערדיגע צייטען, וואָס האָבּען געהייסען „אבּא“ וועלען מיר שרייבּען בּיים וואָרט „אברהם“, ווייל זיי האָבּען אַלע געהייסען „אברהם אבּא“.

בּיבּליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס; בּיכלער: „דער גאַגילעאישער עם־הארץ“ (דייטש); שיר, „ערך מלין“; אלבּעק, „משפּחות סופרים“.

**אַבּאָ** רבּי. אַ נאָמען פון אַנ׳אמורא, וואָס מען טרעפט אָפט אין דער גמרא, סתם, אָהן אַ שום בּיי־נאָמען, אויך נישט מיט דעם נאָמען פון פאָטער זיינעם. עס איז שווער פעסטצושטעלען ווען ער האָט געלעבּט. פון אַ סך ערטער אין דער

גמרא איז צו זעהן, אַז ער האָט געלעבט אין צווייטען דור פון די אמוראים (אונגעפעהר אין יאָהר 240); אָבער פון אַנדערע ערטער אין דער גמרא איז צו זעהן, אַז ער האָט לאַנג געלעבט, ווייל מיר טרעפען איהם אויך מיט 50 יאָהר שפּעטער, אין די צייטען פון פירטען דור פון די אמוראים. רבי אבא האָט געוואוינט אין אָנהויב אין בבל און איז געווען אַ תלמיד פון די אמוראים שמואל און רב יהודה. נאָר נאָך דעם טויט פון שמואל איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל (ברכות כ"ד). די שפּעטערדיגע אמוראים, וואָס זענען געווען אין בבל האָבען גערופען רבי אבא'ן רבותינו שבארץ־ישראל („אונזער רבי פון ארץ־ישראל") (סנהדרין י"ז). אין דער גמרא ווערט פון איהם געבראַכט אַ סך הלכות; אויך פיעל אגדה־ווערטער ווערען געבראַכט אין זיין נאָמען, הגם מען קאָן נישט זאָגען גאַנץ גענוי, צי דאָס איז דערזעלבער רבי אבא. די גמרא דערצעהלט, אַז רבי אבא האָט אַזוי ליעב געהאַט ארץ־ישראל, אַז ווען ער איז געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל און איז צוגעקומען אין דער שטאָדט עכו, וואו עס איז די גרעניץ, האָט ער געקושט די שטיינער פאַר גרויס ליבשאַפט צום לאַנד (כתובות קי"ב). עס ווערט ווענען איהם אויך דערצעהלט, אַז ער פלעגט געבען צדקה אַזוי אַז קיינער זאָל נישט בעמערקען, און דעריבער האָט ער זיך אָנגעטהון אַ זעקעל מיט מטבעות און עס אויפגעהאָנגען אויף די פלייצעס, כדי די אָרימע לייט זאָלען פון דאָרט נעהמען געלד, און ער זאָל נישט זעהן, ווער עס נעהמט (כתובות ס"ז).

ביבליאָגראַפיע: באַכער „אגדות אמוראי ארץ־ישראל"; היימאַן „תולדות התנאים והאמוראים; שור, „ערך מלין", יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבאַ** אַריכאַ. דאָס איז דער נאָמען פון בעדייטענדסטען אמורא, וואָס איז פאַרהאַן אין דער גמרא, און וועלכער ווערט אומעטום געבראַכט מיט זיין סתם־נאָמען „רב". מען קאָן זאָגען, אַז ער איז געווען דער גרינדער פון רעליגיעזען יודענטום אין בבל, וואָרום אָבוואָהל שוין פאַר איהם זענען געווען אין בבל ישיבות, אָבער זיי זענען געווען קליין, און ער, רב, האָט זיי ענטוויקעלט און פערברייטערט. אַ גענויע און אויספיהרליכע בעשרייבונג פון דאָזיגען אמורא, וועלכער איז איינע פון די גרעסטע פערזענליכקייטען אין דער יודישער געשיכטע, וועלען מיר געבען ביים שטיכוואָרט „רב".

**אַבאַ בר אַבאַ** אַ אמורא, דער פאָטער פון בעריהמטען אמורא אין בבל שמואל, און ער הייסט דעריבער אין דער גמרא אויך „אבוה דשמואל" („דער פאָטער פון שמואל"). עס איז שווער פעסטצושטעלען, ווען ער איז געבוירען געוואָרען. זיכער איז, אַז שוין אין די צייטען פון די לעצטע תנאים איז אבא בר אבא געווען אַ דערוואַקסענער מאַן און האָט אָנגעפיהרט מיט אַ ישיבה אין בבל; מען קאָן דעריבער אָננעהמען, אַז ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 160—170. ער האָט געוואוינט אין דער שטאָדט נהרדעא, און איז געווען אַ רייכער מאַן; די גמרא דערצעהלט פון איהם אַ סך מעשיות ווענען זיין טיילען צדקה צו אָרימע לייט. עס ווערט, למשל, דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט ער געשיקט זיין זוהן שמואל מיט אַ גרויסער נדבה אָבצוטראָגען צו אַן אָרימער פאַמיליע; שמואל האָט געטראָפען די פאַמיליע־מענשען ווי זיי האָבען געגעסען פלייש און געטרינקען וויין. ער

איז צוריקגעקומען און עס דערצעהלט דעם פאָטער און דערביי בעמערקט, אַז דער האָזינגער פאַמיליע דאַרף מען דעריבער נישט געבען מעהר קיין נדבות. דערויף האָט איהם זיין פאָטער געזאָגט, אַז אויב זיי זענען געוואוינט צו אַזעלכע טייערע מאכלים, דאַרף מען זיי געבען נאָך גרעסערע נדבות (ירושלמי פאה פ״ח). אבא בר אבא איז אויף אַ געוויסע צייט אַוועק קיין ארץ־ישראל. ער פלעגט אויך מאַכען רייזעס אין די ווייטע לענדער פון „יענע זייט ים״ („מדינות הים״). אין שפּעטערדיגע קוועלען („הלכות גדולות״ צום סוף פון הלכות גטין, געבראַכט אין תוספות קדושין ע״ג) ווערט דערצעהלט פאָלגענדע לעגענדע: אבא בר אבא איז אַמאָל געווען אין די ווייטע לענדער, האָט ער געטראָפען אַ כשוף־מאַכערין, וועלכע האָט איהם פאָרגעלעגט צו לעבען מיט איהר, ווייל זי האָט געזעהן מיט כשוף, אַז פון אבא בר אבא דאַרף יענע נאַכט אַרויסקומען אַ גרויסער מאַן. ווי אבא האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט אַ שם המפורש, און איז אין איין אויגענבליק געווען ביי זיך אין דער היים אין נהרדעא, און האָט געלעבט מיט זיין אייגען ווייב, און זי איז מעוברת געוואָרען און האָט איהם געבוירען דעם זוהן שמואל. — פון אבא בר אבא זענען פאַרהאַן אין דער גמרא זעהר פיעל הלכות און אגדות. ער האָט אין ארץ־ישראל אויך געלערענט תורה ביי „רבי״, דעם מסדר פון דער משנה. עס איז אויך נישט גענוי בעקאַנט, ווען אבא איז געשטאָרבען, אָבער עס איז זיכער, אַז ער איז געשטאָרבען אַ קורצע צייט פאַר זיין זוהן שמואל, און די גמרא (ברכות י״ח) דערצעהלט, אַז באַלד נאָך זיין טויט האָט ער געזאָגט פון יענער וועלט צו זיין זוהן שמואל, אַז אויך ער, שמואל, וועט אינגיכען שטאַרבען. שמואל איז געשטאָרבען אין יאָהר 254 („אגרת רב שרירא גאון״). דעריבער איז אָנצונעהמען, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען מיט איין יאָהר אָדער 2 יאָהר פריהער.

ביבליאָגראַפיע: סדר הדורות, תולדות התנאים והאמוראים, „משפחות סופרים“, „אוצר ישראל“ („אבוה דשמואל“), אשכול („אבא בר אבא״).

**אַבָּא אוּמָנָא** („אבא דער פעלדשערי״). דאָס איז געווען אַ בעריהמטער צדיק און בעל מופת, וואָס האָט געלעבט אין בבל אין פערטען דור פון די אמוראים (לערך אין אָנהויב פון פערטען יאָהרהונדערט). וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא (תענית כ״א), אַז יעדען טאָג פלעגט מען איהם פון הימעל שיקען אַ גרוס און איהם זאָגען „שלום״. ער האָט געהיילט קראַנקע און פאַר זיין אַרבייט האָט ער נישט גענומען קיין געלד. ער איז אויך געווען בעקאַנט אַלס בעל צדקה און האָט געגעבען געלד אויף פדיון שבויים. די צוויי אמוראים אביי און רבא האָבען איהם הויך געשעצט.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל״ און „אשכול״.

**אַבָּא גוֹלִיש** אַ העלד פון אַ אַלטער יודישער פאָלקס־לעגענדע פון די צייטען פון דער משנה. אין „מדרש הגדול״ (שמות ו׳ ט״ז, אויסגאַבע האָפמאַן) ווערט דערצעהלט אין נאָמען פון די אמוראים ר׳ פנחס הכהן בר חמא און ר׳ אבון פאָלגענדע מעשה: אין דער שטאָדט דמשק איז געווען אַ קריסטליכע קירכע („בית צלם״) און דאָרט איז געווען אַ כומר, האָט ער געהייסען אבא גוליש. איינמאָל, אין אַ עת צרה,

האָט דער כומר מתפלל געווען פאַר דעם צלם, אָבער דער צלם האָט איהם נישט געהאָלפען. אבא גוליש האָט דעריבער אויפגעהערט צו גלויבען אין צלם און ער איז ביינאַכט אנטלאָפען פון דמשק קיין ארץ־ישראל, אין דער שטאָדט טבריה, און האָט זיך דאָרט מגייר געווען, און מען האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גבאי איבער צדקה־געלד. אָבער אבא גוליש, וועלכער איז געוואוינט געווען צו גנב'ענען דאָס געלד, וואָס מען פלעגט ברענגען פאַר דער קירכע פון צלם, האָט גענומען אויך גנב'ענען געלד פון צדקה. ער איז געשטראָפט געוואָרען פון הימעל און איז בלינד געוואָרען אויף ביידע אויגען. אבא גוליש האָט גענומען זיין ווייב און איז אוועק קיין דמשק און האָט צונויפגערופען אין קירכע אַלע גויים, און האָט צו זיי געזאָגט, אַז ווען ער איז געווען כומר ביים צלם און האָט גע'גנב'עט, איז איהם גאָרנישט געשעהן, ווייל דער צלם זעהט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט, אָבער ווען ער האָט גע'גנב'עט געלד פון יודישען הקדש, האָט דער יודישער גאָט, וואָס זעהט אַלץ, איהם באַלד געשטראָפט. ווי ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער צוריק זעהעוודיג געוואָרען, און טויזענדער און צעהנער טויזענדער פון די גויים האָבען זיך דאַדורך מגייר געווען.

פון וועלכער צייט די לעגענדע שטאַמט איז שווער צו זאָגען. עס איז מעגליך, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט דער לעגענדע פון קריסטליכען עוואַנגעליום וועגען אַפּאָסטאָל שאול (פּוילוס), וואָס איז בלינד געוואָרען אויף דעם וועג קיין דמשק, און איז דערנאָך צוריק זעהעוודיג געוואָרען.

ביבליאָגראַפיע: קאָהוט „השלמת ערוך השלם" 8; „אשכול".

**אַבָּא גוריון** אַ תנא, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין צווייטען יאָהרהונדערט. אין דער משנה ווערט ער אויך אָנגערופען „איש צדיין", דאָס הייסט, אַז ער האָט געוואוינט אין דער שטאָדט „צידון"; עס איז אַ סברא, אַז דאָס דאָזיגע „צידון" מיינט מען נישט די בעריהמטע פעניצישע שטאָדט „צידון" ביים ברעג ים אין סיריען, נאָר אַ שטאָדט אין ארץ־ישראל נעבען דעם ים כנרת.

אין דער משנה סוף קדושין ווערט געבראַכט פון איהם, אַז אַ פאָטער זאָל נישט לערנען זיין זוהן דעם פאַך פון אַ אייזעל־טרייבער, אַ שיפער, אַ פאַסטוך און אַ סוחר, ווייל זייער אומנות איז דאָס פאַך פון גנבה. אין דער פתיחה צום „מדרש אבא גוריון" און אויך אין דער פתיחה צום מדרש אסתר רבה ווערען געבראַכט פון איהם אַ רייה עטישע בעמערקונגען וועגען דרך־ארץ און גוטער אויפפיהרונג פון מענש.

עס איז שווער צו זאָגען, צי דער דאָזיגער אבא גוריון האָט אַ שייכות צו דעם „מדרש אבא גוריון". וועגען „מדרש אבא גוריון" וועלען מיר געבען אויספיהרליך ביים שטיך־וואָרט „מדרש אבא גוריון".

ביבליאָגראַפיע: „תולדות התנאים והאמוראים", באַבער „אגדת התנאים", „משפחות סופרים".

**אַבָּא בר זבדא** רבי. ער איז געווען אַ אמורא אין ארץ־ישראל אין דריטען דור פון די אמוראים, אַ תלמיד פון רבי יוחנן און אויך פון רב הונא אין בבל. פון איהם ווערען געבראַכט אַ סך הלכות אין דער גמרא. רבי אבא בר זבדא האָט אויך געזאָגט פיעל אגדה־ווערטער. בעריהמט איז

זיין וואָרט (סנהדרין מ"ד): „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא" („אַ יוד אפילו ער האָט געזינדיגט, איז ער אַ יוד"). ער האָט אויך געזאָגט (ירושלמי תענית ב'), אַז איינער וויל תשובה טהון אויף זיינע חטאים, זאָל ער צוערשט גוט בעשליסען, אַז דערנאָך זאָל ער מעהר נישט זינדיגען, ווארום אויב נישט, וועט ער זיין אַ „טובל ושרץ בידו" („איינער איז זיך טובל און האַלט אַ טמא זאַך אין דער האַנד").

ביבליאָגראַפיע: „משפחות סופרים", „תולדות התנאים והאמוראים", יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַבָּא חִלְקִיָּה** א צדיק און בעל מופת אין ארץ־ישראל אונגעפעהר אין אָנהויב פון ערשטען יאָהרהונדערט, נאָך אין די צייטען, ווען דאָס 2־טע בית־המקדש איז געשטאַנען. אין דער גמרא (תענית כ"ג) ווערט דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַנ'איניקעל פון בעל מופת חוני המעגל. אבא חלקיה איז געווען אַנ'אַרבייטער און האָט געאַרבייט אַלס געדונגענער בעל מלאכה ביי יענעם אין פעלד, פיהרענדיג אַ אָרעם לעבען. אין אַ טרוקען יאָהר, ווען עס איז נישט געפאַלען קיין רעגען, פלעגט מען קומען צו אבא חלקיה, אַז ער זאָל מתפלל זיין: די גמרא דערצעהלט, אַז זיינע תפלות האָבען געהאָלפען. אין דער גמרא (מכות כ"ד) ווערט געזאָגט אויף דעם פסוק אין תהלים ט"ו „הולך תמים ופועל צדק" („פיהרט זיך אויף ריכטיג און טהוט גערעכטיגקייט"), אַז „הולך תמים" מיינט מען אברהם אבינו, און „פועל צדק" מיינט מען אבא חלקיה. דאָס ווייזט, אַז מען האָט איהם געהאַלטען פאַר זעהר אַ גרויסען צדיק.

ביבליאָגראַפיע: „תולדות התנאים והאמוראים" און „משפחות סופרים".

**אַבָּא בַּר כַּהֲנָא** רבי. ער איז געווען אַ אמורא אין ארץ־ישראל אין דריטען דור פון די אמוראים, און איז געווען אַ גרויסער דרשן. ער האָט געהאַלטען, אַז אַלעס, וואָס קומט פאָר מיט אַ מענש, איז אויף איהם נגזר געוואָרען פון הימעל און ער זאָגט אין מדרש קהלת י', אַז „אין הנחש נושך מלמטה אלא אם כן נלחש עליו ממעלה" („דער שלאַנג בייסט נישט, נאָר לויט אַ גזירה פון אויבען"). אין זיין צייט האָט די רוימישע רעגירונג שטאַרק געדריקט די יודען אין ארץ־ישראל, און רבי אבא בר כהנא האָט אין זיינע דרשות געטרייסט די צוהערער (אין מדרש איכה) אַז „אם ראית ספסלין בארץ־ישראל מלאין בבליים צפה לרגלו של משיח" (אויב דו וועסט זעהען אין ארץ־ישראל די בבליים, — דאָס הייסט דאָס מיליטער פון פערסיען, וואָס האָט געקעמפט געגען רוים, — האָף אויף דער גאולה").

ביבליאָגראַפיע: „משפחות סופרים", יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַבָּא מְרִי** בן אליגדור (מען האָט דעם דאָזיגען געלעהרטען אויך גערופען „סען אשטרוק" און אויך „סען נאַגארי"), אַ יודישער פילאָזאָף, אַסטראָנאָם און מפרש פון תנ"ך. ער האָט געלעבט אין פראַנקרייך אין דער שטאָדט סאַלאָן (דרום־פראַנקרייך) צום סוף פון 13־טען און אין דער ערשטער העלפט פון 14־טען יאָהרהונדערט. זיין תלמיד איז געווען דער בעקאַנטער אַסטראָנאָם רבי שמואל בן יהודה פון מאַרסייל, דער איבערזעצער פון אַסטראָנאָמישען בוך „אַלמאַגעסטאַ" אויף העברעיש. ער האָט מחבר געווען פירושים צו איוב און „שיר השירים", וועלכע געפינען זיך אין כתב־יד; ער זאָל אויך האָ־

בען געשריבען הלכה־ספרים. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז די העברעאישע איינלייטונג צום ערשטען גאָמעטרישען בוך פון אייקלידעס זאָל זיין פון דאָזיגען אבא מרי.

ביבליאָגראַפיע: ענגליש־יודי־שע ענציקלאָפּעדיע, „אוצר ישראל" און „אשכול".

## אַבָּא מָרִי הַיַּרְחִי (אויך געהייסען „דון אשתרוק"),

אַ גרויסער למדן און מחבר אין פראַנק־רייך אין דער 2־טער העלפט פון 13־טען און אָנהויב פון 14־טען יאָהרהונדערט. זיין איינפלוס איז געווען זעהר אַ גרוי־סער, און ער שפּילט אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף ביי יודען געגען לערנען פילאָזאָפיע אַ זעהר גרויסע ראָליע. אבא מרי איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1250 אין פראַנקרייך אין דער שטאָדט לוניל („לון" איז דער טייטש אויף פראַנצויזיש „לבנה", און „ירח" איז אויף העברעאיש „לבנה", און דער־פון שטאַמט זיין נאָמען „הירחי"). פון דאָרט איז ער אוועק אין דער שטאָדט מאָנפּעליער, אויך אין פראַנקרייך. אבא מרי האָט אַ סך געלערענט יודישע למודים, אָבער ער האָט אויך זיך פער־אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע. דאָס איז געווען אַ געוויסע צייט נאָכדעם, ווי עס זענען ערשינען די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב"ם און דער עיקר דער „מורה נבוכים", און אַ סך יודען האָבען אָנגע־הויבען לערנען פילאָזאָפיע, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען יודען, ספּעציעל אין דרום־פראַנקרייך, אַ בעוועגונג פון פריידענקעריי. אבא מרי האָט זיך דע־מאָלס געווענדעט צו דעם גרויסען רב און יודישען פיהרער אין יענע צייטען, דעם רשב"א (רבי שלמה בן אדרת), אַז מען זאָל פערווערען צו לערנען פילאָזאָ־פיע, וואָס פיהרט אַראָב, לויט זיין מיי־נונג, פון וועג פון גלויבען. דער רשב"א האָט דערויף פונאַנדערגעשיקט בריעף צו אַ סך רבנים און לומדים, כדי צו הערען זייער מיינונג. טייל האָבען זיך אַרויסגע־זאָגט געגען לערנען פילאָזאָפיע און טייל האָבען געהאַלטען, אַז עס איז ערלויבט. אָבער דער רשב"א האָט זיך מעהר צוגע־הערט צו דער מיינונג פון אבא מרי. שבת חזון אין יאָהר 1305 האָט ער אויס־גערופען אַ חרם אויף אַלע, וואָס לערנען פילאָזאָפיע, וועלכע פיהרט אַראָב די יו־דען פון דת. דער דאָזיגער חרם האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען רושם, און אין די יודישע קהלות אין פראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבען אַ העפטיגע מלחמה צווישען די פילאָזאָפיע־אָנהענגער פון איין זייט און די געגנער מיט אבא מרי אין דער שפּיץ—פון דער צווייטער זייט. מען האָט זיך רודף געווען איינער דעם צווייטען, און די רעגירונג, וועלכע האָט געשטיצט די פילאָזאָפיע־פריינד, האָט בעפוילען אבא מרי'ן צו פערלאָזען מאָנ־פּעליער. ער האָט גענומען וואַנדערן, ביז ער האָט זיך צום סוף בעזעצט אין פּערפּי־ניאַן, און דאָרט איז ער געשטאָרבען; דאָס יאָהר פון זיין טויט איז נישט בע־קאַנט. אבא מרי האָט אַלע בריעף וועגען דעם קאַמף אַרום דער פילאָזאָפיע צו־נויפגעזאַמעלט אין אַ ספר „מנחת קנאות" אין 132 פּרקים. אין די ערשטע פּרקים ווייזט אויף אבא מרי די דריי עיקרים פון דער יודישער רעליגיע, וואָס זענען 1) די עקזיסטענץ פון גאָט; 2) די תורה האָט גאָט געגעבען פון הימעל; 3) די השגחה פון גאָט אויף אַלץ, וואָס דער מענש טהוט. אבא מרי האָט אויך געשריבען אַ קלאָג־ליד (קינה) אויפ'ן טויט פון רבינו מנחם המאירי. לויט טייל

מיינונגען זאָל אבא מרי אויך האָבען פערפאַסט אַ בוך אויף אַסטראָנאָמיע, און אויך די קינה אויף תשעה באב, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אבוא לאסוף מחנות“. — דאָס ספר „מנחת קנאות“ איז ערשינען אין פרעשבורג אין יאָהר 1838.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, יודישע געשיכטע; קאַרפעלעס, „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור“; גינזבורג, „יודישע דענקער און פּאָעטען“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבָּא סִיקְרָא** דער נאָמען פון אַ יודישען העלד אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן פון צווייטען בית־המקדש. ער ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא (גטין נ״ו) און דאָרט ווערט דערצעהלט, אַז ער איז געווען דער שוועסטערן־זוהן פון רבן יוחנן בן זכאי, און ער איז געווען דער „ריש בריוני“, דער פיהרער פון די קעמפּפער געגען דער רוימישער הערשאַפט. לויט זיין עצה האָט רבן יוחנן פערלאָזט ירושלים ווען די שטאָדט איז שוין געווען בעלאַגערט דורך דעם רוימישען מיליטער. טייל ווילען האָבען, אַז „אבא סיקרא“ איז נישט קיין פּריוואַט־נאָמען, נאָר דאָס איז דער טייטש „דער פיהרער פון די סיקאַריער“, און „סיקרים“ האָבען דעמאָלס געהייסען די קעמפער, וואָס האָבען געטראָגען קורצע שווערדען. אין מדרש איכה ווערט ער אויך גערופען „בן בטיח“.

ביבליאָגראַפיע: „ערך מלין“ פון ראַפּאָפּאָרט, און די יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבָּא קוֹלוֹן** אַ לעגענדאַרער העלד, וואָס ווערט דערמאָהנט אין מדרש (שיר השירים רבה א׳ מ״ב), וואָס לויט זיין עצה האָט מען געבויט רוים. אין מדרש דערצעהלט דאָרט ר׳ לוי, אַז אין טאָג, ווען דער יודישער מלך ירבעם בן נבט האָט געשטעלט די צוויי קעלבער („עגלים“) פאַר עבודה זרה, זענען דעמאָלס געבויט געוואָרען צוויי קליינע ביידלעך אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך שפּעטער געפונען די שטאָדט רוים. אָבער די ביידלעך האָבען זיך נישט געקאָנט האַלטען; ווי נור מען האָט זיי געבויט, זענען זיי באַלד אומגעפאַלען. דעמאָלס איז דאָרט געווען אַן אַלטער מאַן, אבא קולון, און ער האָט געהייסען ברענגען וואַסער פון טייך פּרת און קנעטען דערמיט דעם ליים און דערמיט בויען די הייזלעך, וועלען זיי קאָנען שטעהען. אבא קולון איז געגאַנגען אַליין און האָט געבראַכט דאָס וואַסער און געבויט דערמיט רוים. דערפון, זאָגט דער מדרש, שטאַמט דאָס שפּריכוואָרט, אַז: „די מדינה, וואו עס איז נישטאָ אבא קולון, הייסט נישט קיין מדינה“. — וועגען דער דאָזיגער לעגענדע פון אבא קולון האָט מען שוין אַ סך געשריבען. דאָס איז אַן אָבקלאַנג פון אַ גאָר אַלטער לעגענדע. טייל מיינען, אַז דאָס איז אַ גרייז און עס דאַרף שטעהען „אבא קונון“ מיט אַ „נון“, און דאָס זאָל מען מיינען דעם בעריהמטען גריכישען מאַטעמאַטיקער און בוי־מייסטער קאָנאָן פון גריכענלאַנד (פערטען יאָהרהונדערט פאַר אונזער צייט־רעכנונג). עס זענען פאַרהאַן נאָך אַנדערע השערות. עס איז זיכער, אַז די כונה פון דער לעגענדע אין מדרש איז דורכצופיהרען דעם געדאַנק, אַז דאָס, וואָס ארץ־ישראל איז פערנומען געוואָרען דורך די רוימישע מאַכט און די יודען האָבען פערלוירען זייער לאַנד איז געווען, וויל זיי האָבען געזינדיגט, און די

זינד פון יודען („דינען עבודה זרה״) פערשטאַרקט די מאַכט פון רוים, וואָס דערדריקט די יודען.

ביבליאָגראַפיע: קרויס: „גריכי־שע און לאַטיינישע לעהן־ווערטער אין תלמוד״, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבָּא קַרְתִּיגְנָאָה** רבי. דאָס איז דער נאָמען פון אַנ־אמורא אין ארץ־ישראל אונגעפעהר אַרום דעם יאָהר 300. ער איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ווי זיין צו־נאָמען בע־ווייזט, האָט ער געשטאַמט פון ווייטען אַפריקאַ, פון קאַרטאַגאַ, דער פעניצישער שטאָדט. פון זעלבען קאַרטאַגאַ ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא נאָך נאָך איין אמורא, „רבי יצחק דמין קרטיגנין״ (ברכות כ״ט).

ביבליאָגראַפיע: באַכער: די אגדה פון די פּאַלעסטינעזישע אמוראים (דייטש), יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבָּא שָׁאוּל** אין דער משנה און דער גמרא ווערען דערמאָהנט עטליכע תנאים און אמוראים מיט דעם דאָזיגען נאָמען. מיר וועלען זיי געבען אין דער רשימה ביי דעם שטיק־וואָרט פון די „תנאים״. דאָ וועלען וועלען מיר נור געבען וועגען דעם וויכ־טיגסטען פון זיי, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער משנה אין אַ סך ערטער מיט דעם סתם־נאָמען „אבא שאול״. ער איז געוועזען אַ תנא און האָט געלעבט נאָך אין דער צייט סוף פון צווייטען בית־המקדש, און ער איז וואָהרשיינליך אויך געוועזען אַ תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי. אַמ־מייסטען זיינע הלכות זענען וועגען בית־המקדש און קרבנות (מדות ב׳; מנחות ט׳). אין דער גמרא (נדה כ״ד) ווערט דערצעהלט, אַז אבא שאול איז געוועזען אַ מתים־גרעבער, און ער דערצעהלט דאָרט גוזמאות־מעשה׳ס וועגען מתים. פּראָפעסאָר לעווי פון ברעסלוי האָט אָנגע־שריבען אַ אַבהאַנדלונג אויף דייטש „די משנה פון אבא שאול״, אַז דער דאָזיגער אבא שאול זאָל האָבען געהאַט מסדר געווען משניות.

ביבליאָגראַפיע: „דרכי המשנה״ פון פראַנקעל, „תולדות התנאים והאמוראים״, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבַּאס** (עבאס). אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער געפינען מיר אַ סך יודישע חכמים, וואָס האָבען גע־טראָגען דעם נאָמען „אבאס״, אָבער אין העברעאיש שרייבען זיי זיך „עבאס״ און דעריבער וועלען מיר זיי געבען ביים בוכשטאַב „ע״, ביי די ווערטער „עבאס״.

**אַבַּאסִידען** דאָס איז דער נאָמען פון אַ בעריהמטער אַראַבישער הערשער־דינאַסטיע, וואָס ציהט איהר יחוס פון מוכאַמעד׳ס פעטער, וועלכער האָט געהייסען „אבאס״. די די־נאַסטיע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 750, און זי האָט אַרויסגעגעבען 37 קאַליפען. די רעזידענץ פון דער די־נאַסטיע איז אין אָנהויב געווען די שטאָדט באַגדאַד, וועלכע איז דורך די אַבאַסידען געגרינדעט געוואָרען. נאָכ־דעם, ווי די מאָנגאָלען האָבען איינגע־נומען באַגדאַד (אין יאָהר 1258), זענען די אַבאַסידען געווען קאַליפען אין עגיפּ־טען. די לאַגע פון די יודען אונטער זייער הערשאַפט איז געווען פערשידען. אָבער אים אַלגעמיין האָבען די אַבאַסידען זיך גוט בעצויגען צו יודען, און אין פער־שידענע צייטען זענען יודען געווען הויכע

בעאַמטע ביי די הערשער פון דער אַבאַ־סידען־דינאַסטיע.

ביבליאָגראַפיע: ענגליש־יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַבאַרניק** מאיר (1764 — 1808). דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע משכילים. ער איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט אַבאַרניק אין פויזנער געגענד; זיינע גאַנצע יאָהרען האָט ער פערבראַכט אין ווין, וואו ער האָט געהאַט א דרוקעריי. אַבאַרניק האָט ארויסגעגעבען א תנ"ך מיט א דייטשער איבערזעצונג און א פירוש „מנחה חדשה" צו איהר. אַבאַרניק אליין האָט איבערזעצט עטליכע ספרי נביאים און צוגעגעבען פירושים. פון איהם איז פאַרהאַן א ליעד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „בצל ימינו עלי ארץ" („ווי א שאָטען זענען אונזערע יאָהרען אויף דער ערד"). ער האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דער פערשפרייטונג פון השכלה ביי יודען אין עסטרייך.

ביבליאָגראַפיע: ראובן פאַהן, „תקופת ההשכלה בוינה"; לאַכאָווער, „תולדות הספרות העברית החדשה"; „אשכול".

**אַבגאָט** (אין לשון רבים „אַבגעטער"). אין די גאָר אַלטע צייטען האָבען זיך געפינען א סך יודען, וואָס האָבען געדינט צו פרעמדע געטער, „אַבגעטער", אויף העברעאיש „אלילים", אָדער ווי מען האָט עס גערופען אין די צייטען פון דער גמרא „עבודה זרה".— ווענען די אַלע אַבגעטער ביי יודען וועלען מיר שרייבען ביים בוכשטאַב „ג", וואָרט „געצען־דינסט".

**אַבד** דאָס איז א וואָרט, וואָס מען טרעפט גאַנץ אָפט אַלס א טייל פון מענשען־נעמען, וואָס שטאַמען פון דער אַראַבישער שפּראַך. אזוי, למשל, איז פאַרהאַן נעמען פון אַראַבישע הערשער „אַבדול", „אַבדאַלאַה", די נעמען פון די טערקישע סולטאַנען „אַבדול כאַמיד" און „אַבדול אַזיז". דאָס וואָרט „אַבד" האָט אין אַראַבישען דעמזעלבען טייטש, וואָס „עבד" אין העברעאישען, דאָס הייסט קנעכט. „אַבדאַלאַה" איז אין אַראַבישען דער טייטש „דער קנעכט פון גאָט", פונקט ווי אין דער העברעאישער שפּראַך דער נאָמען „עובדיה" איז אויך דער טייטש גאָטס קנעכט. — וועגען די אַראַבישע הערשער און די סולטאַנען און זייערע בעציהונגען צו יודען וועלען מיר געבען אין די ווערטער „אַראַביען" און „טערקיי". — אין די אַראַבישע היסטאָרישע ביכער ווערט איבערגעגעבען ווענען א רייה יודען מיט זייערע פאָרדער־נאָמען „אַבדאַלאַה", וואָס האָבען געלעבט אין די צייטען פון מוכאַמעד, דעם גרינדער פון דער מאַכמעדאַנישער אמונה, און די דאָזיגע יודען זאָלען האָבען אָנגענומען מוכאַמעד'ס גלויבען. וועגען זיי וועלען מיר שרייבען ביים וואָרט „מוכאַמעד".

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

**אַבדימי** דאָס איז א נאָמען פון א גאַנצער רייה אמוראים, וואָס ווערען דערמאָהנט אין דער גמרא. דער דאָזיגער נאָמען, מיינען טייל געלעהרטע פאָרשער, איז צוזאַמענגעזעצט פון וואָרט „אבא", וואָס האָט די בעדייטונג פון „רבי" און „דימי", וואָס איז א בעקאַנטער נאָמען געווען אין די צייטען פון דער גמרא. די פערשידענע

אמוראים מיט'ן נאָמען „אבדימי" טרעפט מען גאַנץ אָפט אין דער גמרא. דאָ וועלען מיר נור געבען די וויכטיגסטע פון זיי. טייל פון די אמוראים גיבען מיר ביים נאָמען „דימי".

## אַבְדִימִי דְמִן חֵיפָא

א אמורא אין ארץ־ישראל, וואָס האָט, וואַהרשיינליך, געלעבט אין דריטען דור פון די אמוראים לערך אין אָנהויב פון 4־טען יאָהרהונדערט. זיין נאָמען אַליין („דמן חיפא", „פון חיפא") זאָגט אונז, אַז ער האָט געלעבט אין דער ארץ־ישראל־פּאָרטשטאָדט חיפא. נאָך היינטיגע צייטען ווייזט מען אין ארץ־ישראל אויף דעם כרמל־באַרג נישט ווייט פון דער „מערת אליהו" („הייל פון אליהו הנביא") דעם קבר פון רבי אבדימי דמן חיפא. אין דער גמרא ווערען פון איהם געבראַכט הלכות און אגדה־ווערטער. פון איהם שטאַמט דאָס וואָרט (בבא בתרא י"ב), אַז זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט מען צוגענומען די נבואה ביי די נביאים און מען האָט איהר איבערגעגעבען צו די חכמים. פון ירושלמי עירובין ב' איז צו זעהען, אַז ער האָט אין חיפא געפּסק'נט שאלות, און פון ירושלמי שביעית ב', תרומות ג' איז צו זעהען, אַז ער איז געווען א גרויסער מיקל און פלעגט טיילמאָל מתיר מאַכען, וואָס אַנדערע האָבען גע'אסר'ט.

ביבליאָגראַפיע: „משפחות סופרים", תולדות התנאים והאמוראים, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַבְדִימִי בַר חָמָא

רבי, א אמורא, וואָס ווערט דערמאָהנט נור אין דער גמרא בבלי; אין ירושלמי ווערט ער נישט דערמאָהנט. מען קאָן אויך נישט וויסען, אין וועלכער צייט ער האָט געלעבט. פון איהם ווערען דערמאָהנט עטליכע אגדה־ווערטער, אָבער די דאָזיגע ווערטער זענען זעהר אינטערעסאַנטע. אין איין אָרט, שבת פ"ח, זאָגט ער אויף דעם פסוק אין חומש, אַז די יודען ביים מקבל זיין די תורה „ויתיצבו תחת ההר" („זיי האָבען זיך געשטעלט אונטער דעם באַרג סיני"), אַז דאָס מיינט מען ממש אונטער דעם באַרג, דאָס הייסט, גאָט האָט אויפגעהויבען דעם באַרג איבער די יודען און זיי געצוואונגען אָנצונעהמען די תורה, און אויב נישט, וועלען זיי בעגראָבען ווערען אונטער דעם באַרג. פון איהם איז אויך פאַרהאַן אין הוריות י' ארויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז ווער עס ווערט א הערשער איבער מענשען, איז ער נישט קיין הערשער, נאָר א קנעכט צו זיי. — לויט מיינונגען פון טייל געלעהרטע פאָרשער, זאָל ער האָבען געלעבט אין ארץ־ישראל אין 2־טען דור פון די אמוראים.

ביבליאָגראַפיע: „סדר הדורות"; „תולדות התנאים והאמוראים"; „משפחות סופרים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַבְדָן

דאָס איז דער נאָמען פון א אמורא אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען א תלמיד פון „רבי", דעם מסדר פון דער משנה. טייל געלעהרטע מיינען, אַז דער נאָמען „אבדן" איז א קיצור פון „אבא יורדן", אַנדערע ווידער מיינען, אַז דאָס איז א קיצור פון „אבא דן". וועגען דאָזיגען אבדן ווערט דערצעהלט (יבמות ק"ה), אַז ער איז געווען א קפדן און האָט נישט דרך־ארץ געהאַט פאַר אַנדערע תלמידי חכמים, וואָס האָבען אויך געלערענט ביי „רבי", און ער איז דעריבער בעשטראָפט געוואָרען: זיינע צוויי זיהן זענען דערטרינ־

קען געווארען, און ער אליין האט בעקומען א הויט־קראנקהייט. אין דער גמרא דינט דער פארפאל אלס מאראלישע לעהרע, אז מען טאר נישט קיינעם בעליידיגען. פון אבדן ווערען געבראכט אויך טייל הלכות.

ביבליאגראפיע: „מבוא הירושלמי", תולדות התנאים והאמוראים, יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבהו** רבי. דאס איז דער נאמען פון איינעם פון די בעדייטענדסטע אמוראים אין ארץ־ישראל, פון די גרויסע חכמי־התלמוד, און ער האט געשפילט ביי די יודען אין ארץ־ישראל אין יענע צייטען אויך א גרויסע פאליטישע ראליע. רבי אבהו האט געלעבט אין דריטען דור פון די אמוראים, צום סוף פון דריטען יאהרהונדערט און אין אנהויב פון פירטען יאהרהונדערט. ער איז געווען א תלמיד פון אמורא און ראש ישיבה רבי יוחנן, און ער איז געווען ביי זיין רבי'ן אזוי חשוב, אז ער האט איהם גערופען „בני", „מיין זוהן" (גטין מ"ד). אין דער גמרא ווערט גאנץ אפט געבראכט הלכות אלס „אמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן", וואס רבי אבהו זאגט נאך פון זיין רבי ר' יוחנן. רבי אבהו האט געוואוינט אין דער שטאדט קיסרין, אדער ווי זי האט אויך געהייסען „צעזארעא". דאס איז געווען א פארט־שטאדט אין ארץ־ישראל, אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים. אין יענע צייטען האט רוים געהערשט אין ארץ־ישראל, און אין קיסרין איז געזעסען דער רוימישער הערשער פון ארץ־ישראל. רבי אבהו איז געווען נישט נאר א גרויסער למדן, נאר אויך א קענער פון דער גריכישער שפראך און וועלטליכע וויסענשאפטען, ווי מאטעמאטיק. ער איז דעריבער געווען א גרויסער חשוב ביי די רוימישע הערשער, וואס האבען געוואוינט אין קיסרין, און דעריבער, ווען ער האט געגרינדעט זיין ישיבה אין קיסרין, איז ער געווארען דער פאקטישער פיהרער פון אלע יודען אין ארץ־ישראל. דעמאלס איז איבער די יודען אין ארץ־ישראל געווען אלס פיהרער דער נשיא רבן גמליאל, וועלכער איז אבער געווען א מאן מיט שוואכע פעהיגקייטען, און דעריבער איז אויך ער געווען אונטערגעווארפען אונטער רבי אבהו.

פון רבי אבהו ווערען געבראכט אין דער גמרא א סך הלכות, ווי אויך זעהר פיעל אגדה־ווערטער, אין וועלכע מען בעמערקט אויך גריכישע ווערטער. דער גרונד־געדאנק פון זיינע אגדה־ווערטער איז, אז א מענש דארף זיין פריינדליך צו יעדען, נישט גרוים־האלטען זיך, נישט רודפ'ן קיינעם. אזוי זאגט ער אין בבא קמא צ"ג „לעולם יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים" („א מענש זאל בעסער זיין פון די פערפאלגטע און נישט פון די, וואס רודפ'ן יענעם"). ער זאגט אויך אין חולין פ"ט, אז די וועלט עקזיסטירט נור אין זכות פון דעם מענש „שמשים עצמו כמי שאינו", „וואס מאכט זיך פאר גארנישט". ער האט געהאלטען, אז מען דארף שעצען מענשען, וואס האבען געזינדיגט און תשובה געטהון, און ער זאגט דאס בעקאנטע ווארט („ברכות ל"ד), אז „במקום שבעלי־תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם עומדים", דאס הייסט, אז א בעל־תשובה איז גרעסער ווי א צדיק, וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט. פון רבי אבהו איז פארהאן א אגדה־ווארט, וואס ברענגט אויפ'ן געדאנק די נייעסטע וויסענשאפטליכע פארשונגען פון אונזער צייט. ער זאגט, נעמליך, אין מדרש בראשית רבה ג' וועגען דער וועלט־

שאפונג, אַז גאָט האָט בעשאפען וועלטען און זיי חרוב געמאכט, ביז ער האָט געשאפען די איצטיגע וועלט („בורא עולמות ומחריבן"). דאָס זאָל שטימען מיט די נייע געאָלאָגישע פאָרשונגען, אַז פאַר דער איצטיגער עפּאָכע אויף דער ערד זענען געווען פריהער עפּאָכען מיט לעבעדיגע בעשעפענישען, וואָס זענען חרוב געוואָרען. פון ירושלמי תרומות ה' איז צו זעהען, אַז רבי אבהו האָט געקענט מאַטעמאַטיק. די רוימישע הערשער האָבען איהם אָנגעטהון גרויס כבוד, און די גמרא (סנהדרין י"ד) דערצעהלט, אַז ווען רבי אבהו פלעגט קומען אין רעגירונגס־הויז, זענען איהם ענטקעגען געגאַנגען די דאַמען פון די רוימישע שרים און האָבען איהם בעגריסט מיט די ווערטער: „פיהרער פון פאָלק, לייכטענדעס ליכט, זיי געגריסט". אין דער גמרא (חגיגה י"ד) געפינען מיר, אַז ער פלעגט זיך משתדל זיין בײַ די רוימישע שרים פאַר דער טובה פון די יודען.

עס איז ווערט אויך צו בעמערקען, אַז רבי אבהו האָט געפיהרט גרויסע ויכוחים מיט די אָנהענגער פון קריסטענטום אין יענער צייט, ווען די קריסטליכע אמונה האָט זיך פערשפּרייט אין ארץ־ישראל. די דאָזיגע אָנהענגער פון קריסטענטום ווערען אָנגערופען אין דער גמרא „מינים". אין ירושלמי (תענית ב') ווערט געבראַכט זיין טייטש אויפ'ן פסוק „לא איש אל ויכזב, בן אדם ויתנחם", אַז דאָס איז געווענדעט געגען קריסטענטום, ווייל גאָט זאָגט, אַז ער איז נישט קיין „זוהן פון אַ מענש" („בן אדם"), ווי די קריסטען גלויבען וועגען ישו הנוצרי.

רבי אבהו האָט געהאַט 5 זיהן (אבימי, אביי, רבי חנינא, רבי זעירא און רבי שמעון) און איין טאָכטער, וועגען וועלכער עס ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט איהר געלערענט גריכיש (ירושלמי פאה א'), אבוואָהל אַ סך יורישע חכמים פון יענע צייטען האָבען געהאַלטען, אַז מען טאָר עס נישט לערנען. אין דער גמרא (מועד קטן כ"ה) ווערט דערצעהלט, אַז ווען רבי אבהו איז געשטאָרבען, האָבען געוויינט אפילו די „שטאָדט־זיילען פון קיסרין", דאָס הייסט, אַז עס איז געווען אַ טרויער בײַ אַלעמען.

ביבליאָגראַפיע: „דור דור ודורשיו"; „דורות הראשונים"; „תולדות התנאים והאמוראים"; גרעץ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אבו** דאָס איז אַ וואָרט, וואָס איז זעהר פיעל בענוצט געוואָרען אין דער אַראַבישער שפּראַך אַלס אַ פאָר־נאָמען צוזאַמען מיט נאָך אַ וואָרט, למשל מען טרעפט גאַנץ אָפט בײַ די אַראַבער אַזעלכע נעמען, ווי „אבו־איסחאַק" וכדומה. דער טייטש פון וואָרט „אבו" אין אַראַביש איז דערזעלבער, וואָס פון „אב" אין דער העברעאישער שפּראַך, נעמליך: „פאָטער". עס פיהרט זיך נאָך היינט בײַ טייל אַראַבער, אַז אויב איינער פון זיי האָט אַ זוהן מיט וואָסער עס איז נאָמען, למשל, „מוכאַמעד", הייסט דער פאָטער „אבו־מוכאַמעד", „דער טאַטע פון מוכאַמעד". אָבער אַ חוץ דעם פלעגען די אַראַבער בענוצען אויך דאָס וואָרט „אבו" לויט היסטאָרישע נעמען. למשל אַזוי ווי פון חומש ווייסען מיר, אַז אברהם איז געווען דער זוהן פון יצחק, דעריבער אויב איינער האָט געהייסען בײַ די אַראַבער „איבראַהים" (דאָס איז „אברהם"), האָט מען איהם אויך גע־

רופען „אבו איסחאַק'' („דער פּאָטער פון יצחק''). דאָס וואָרט „אַבו'', פּלעגן די אַראַבער אויך בענוצען נישט דוקא אַלס „פּאָטער'', נאָר אויך יעדע אַנדערע קרובה'שאַפט, ווי „זוהן", „ברודער". למשל, אַז איינער האָט געהייסען ביי זיי „האַרון'' (דאָס איז „אַהרן''), האָט מען איהם גערופען אויך „אַבו מוסאַ'' („דער פּאָטער פון משה''), כאָטש משה אין חומש איז געווען נישט אַ פּאָטער, נאָר אַ ברודער פון אַהרן. מען האָט אויך בענוצט דאָס וואָרט „אַבו" אין גייסטי־גען זין, למשל, אַ דאָקטאָר האָט געקאָנט הייסען ביי זיי „אַבו־אַלעפּיאַ'', וואָס איז דער טייטש „דער פּאָטער פון גע־זונד'', וכדומה. מיר געבען דאָ ספּעציעל אַ לענגערע אויסטייטשונג פון וואָרט „אַבו'', ווייל דאָס דאָזיגע וואָרט טרע־פען מיר זעהר פיל ביי די נעמען פון גרויסע יודישע חכמים פון די אַראַבישע צייטען און אויך שפּעטער, און די אויסטייטשונג פון דאָזיגען וואָרט גייט אונז קלאָרער צו מאַכען די בעדייטונג פון אַ סך נעמען. מיר געבען ווייטער אין ספּעציעלע שטיך־ווערטער די אָנגע־זעהענסטע יודישע חכמים, וואָס זייערע נעמען הויבען זיך אָן מיט'ן וואָרט „אַבו''. עס איז זעהר שווער צו געבען אַלע יודישע פּערזענליכקייטען, וואָס זייערע נעמען הויבען זיך אָן מיט'ן דאָזיגען וואָרט. דאָס וואָלט געדאַרפען פערנעהמען פיל ביכער. מיר געבען די סאַמע בעדייטענדסטע פון זיי.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער בע־דייטונג פון „אַבו" האָט געשריבען דער גרוי־סער געלעהרטער פּראָפעסאָר משה שטיינשניי־דער אין יודיש־ענגלישען זשורנאַל „דזשו־איש קוואָרטערלי רעוויו'', באַנד 6. געוויסע בעמערקונגען זענען אויך פאַרהאַן אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבו אַלפַרַג** (דאָס דאָזיגע וואָרט לעזט זיך „אַל פּאַראַדזש"). דאָס איז דער נאָמען פון אַ גרויסען געלערענטען חכם, אַ קאַ־ראַאימער, וואָס האָט געלעבט אין ירושלים אין דער ערשטער העלפט פון 11־טען יאָהרהונדערט. טייל זאָגען, אַז זיין העבראַאישער נאָמען איז געווען „אַהרן ישועה''. אין דער יודישער וועלט שפּילט ער אַ גרויסע ראָליע דורך זיין ספר „אַלמשתמל'', וואָס ער האָט גע־שריבען וועגען דער העבראַאישער שפּראַך. מען דאַרף וויסען, אַז אין יע־נער צייט האָט מען נאָכנישט געהאַט אויסגעפּאַרשט גרינדליך די העבראַאישע שפּראַך; די העבראַאישע גראַמאַטיק, דער „דיקדוק'', איז נאָכנישט געווען בעאַרבייט ווי געהעריג, עס זענען געווען גאַנצע חלוקי דעות וועגען די העבראַאי־שע וואָרצעל־ווערטער. אבו אלפאראדזש האָט אין זיין ספר „אלמשתמל'' פעסט־געשטעלט קלאָרע כללים פאַר די העב־ראַאישע גראַמאַטיק, און די שפּעטערדי־גע יודישע חכמים האָבען זיך מיט איהם פיל בענוצט, און זיי רופען איהם „המדקדק הירושלמי'', דאָס הייסט „דער גראַמאַטיקער פון ירושלים''.

ביבליאָגראַפיע: פּינסקער „לקוטי קדמוניות"; באַכער: „די אָנפאַנגען פון דער העברעאישער גראַמאַטיק" (דייטש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבו אַלרַבי אהרן** ער איז געווען אַ גרויסער געבילדעטער יודישער חכם, וואָס האָט געלעבט אין סיציליען אין דער צווייטער העלפט פון 14־טען יאָהר־הונדערט. זיין בעדייטונג בעשטעהט אין דעם, וואָס שוין אין יענער צייט איז ער געווען אין אַ געוויסער מאָס

אַ פריידענקער; ער האָט איינגעטייטשט אַ סך פּסוקים אין תנ"ך גאַנץ אַנדערש, ווי זיי ווערען אויסגעטייטשט לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע פון דער גמרא און מדרשים, און האָט אַרויסגעזאָגט פרייע מיינונגען וועגען תנ"ך. ער האָט געשריבען אַ סך ספרים, אָבער פערבליבען איז נור זיין ספר, בעמערקונגען צום פירוש פון רש"י אויף תורה, און דאָ ווייזט ער אַרויס זיין פרייען גייסט. דאָס דאָזיגע ספר איז געדרוקט געוואָרען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 16־טען יאָהרהונדערט (עס פעהלט אויפ'ן שערבלאַט דאָס יאָהר פון דרוק). אבו אלרבי איז געווען פיל געבילדעט אויך אין פילאָזאָפיע און וועלטליכע ווּיסענשאַפטען און ער האָט אַ סך געדייזט איבער דער וועלט.

ביבליאָגראַפיע: פערלעס אין רעווי עטוד זשואיף באַנד 21, יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע, „אשכול".

## אַבו עיסי איספאהאַני

דאָס איז געווען אַ גרויסער יודישער פיהרער און העלד, איינער פון די „פאַלשע משיחים", וואָס האָבען געפּרובט אויסלייזען די יודען פון גלות מיט דער הילף פון כח, פון אָרגאַניזירען אַ יודישע אַרמעע און בעפרייען ארץ־ישראל. זיין יודישער נאָמען איז געווען יצחק בן יעקב (עס זענען פאַרהאַן מיינונגען, אַז ער האָט געהאַט אַנדערע נעמען, ווי „עובדיה"). ער האָט געלעבט אין איספאהאַן אין פערסיען אין אָנהויב פון 8־טען יאָהרהונדערט. דעמאָלס האָט געהערשט אין פערסיען דער קאַליף איבן מערוואַן, וועלכער האָט שלעכט בעהאַנדעלט די יודען אין זיין לאַנד. דעמאָלס איז אויפּגעשטאַנען אבו עיסי און האָט זיך ערקלערט אַלס משיח און גענומען זאַמלען אַרום זיך יודישע קרעפטיגע יונגע לייט, כדי מיט זייער קראַפט אויסצולייזען די יודען פון גלות. די לעגענדע דערצעהלט, אַז אבו עיסי איז געווען אַן איינפאַכער מענש, אַ שניידער, אָבער ער האָט פערמאָגט אין זיך אַ וואונדערבאַרען איינפלוס אויף מענשען. ער איז אויך געווען אַ גרויסער העלד. עס ווערט דערצעהלט וועגען איהם, אַז ער פלעגט איינער אַליין אַרויסטרעטען אין שלאַכטפעלד אין קאַמף געגען אַ מחנה פון פיינדליכען מיליטער און זיי בעזיגען. ווען דער קאַליף איז געוואָר געוואָרען וועגען דעם אויפשטאַנד, האָט ער געגען אבו עיסי און זיין אַרמעע, וואָס איז בעשטאַנען פון צעהן טויזענד יודען, געשיקט אַ סך מיליטער, און אין אַ שלאַכט איז אבו עיסי געפאַלען טויט, און זיינע אָנהענגער זענען זיך צולאָפען.

אָבער נישט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער מפלה און אויפ'ן טויט פון אבו עיסי, האָבען אַ סך יודען געגלויבט, אַז ער איז ווייטער משיח, און אַז ער איז נישט אומגעקומען אין דער מלחמה, נאָר אַז ער איז אַוועק אין יענער זייט טייך סמבטיון, צו די לעגענדאַרע בני משה, און פון דאָרט וועט ער צוריקקומען מיט אַ אַרמעע און אויסלייזען די יודען. פון די דאָזיגע גלויביגער איז ענטשטאַנען אַ בעזונדערע יודישע רעליגיעזע סעקטע מיט'ן נאָמען די „איסאַוויטען" („עיסונים"), וואָס האָבען אין אַ סך רעליגיעזע זאַכען און מצוות זיך אויפּגעפיהרט אַנדערש פון אַנדערע יודען. זייער משיח אבו עיסי האָט נאָך ביי זיין לעבען איינגעפיהרט געוויסע אייגענע דינים, ווי אַז מען טאָר זיך נישט גט'ן מיט אַ פרוי, נישט טרינקען קיין וויין און נישט עסען קיין פלייש און

אַז מען דאַרף דאַווענען 7 מאָל אין טאָג. נאָך מיט 200 יאָהר נאָך אבו עיסי׳ם טויט האָבען זיך געפונען אין דמשק גלויביגער פון דער דאָזיגער סעקטע.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, פּאָזנאַנסקי אין „רשימות״ באַנד 1, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אבו אימראָן תיפליסי

אויך ער איז געווען אַ גרינדער פון אַנ׳אַלטער יידישער רעליגיעזער סעקטע, וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָליע אין די מזרח־לענדער. זיין העברעאישער נאָמען איז געווען משה און דערפון שטאַמט זיין נאָמען „אבו עימראָן״ („דער פאָטער פון עמרם״, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט ביים וואָרט „אבו״). ער האָט געוואוינט צוערשט אין באַגדאַד, דערנאָך אין טיפליס אין דער צווייטער העלפט פון 9־טען יאָהרהונדערט. די הויפּט־יסודות פון זיין אמונה איז געווען, וואָס ער האָט געלייקענט אין „שכר ועונש״ (אַז גאָט בעשטראָפט פאַר שלעכטע מעשים און בעלוינט פאַר גוטע מעשים) אויף יענער וועלט און האָט אויך געלייקענט אין תחיית המתים. ער האָט נור געגלויבט, אַז גאָט בעצאָהלט דעם מענש אַלץ אויף דער וועלט. אַ סך מנהגים און דינים האָט ער געהאַט די זעלבע, וואָס די קאַראַאימער. ער האָט מתיר געמאַכט צו עסען פליש. ער זאָל אויך האָבען געשריבען בעמערקונגען צו שווערע שטעלען אין חומש. זיין סעקטע האָט נישט לאַנג עקזיסטירט.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, באַכער אין „דזשואיש קוואַרטערלי רעוויו״ באַנד 7, יודישע ענציקלאָפּעדיעס, ספּעציעל אין דער העברעאישער „אשכול״־ענציקלאָפּעדיע.

## אַבודיענטי

דאָס איז דער פאַמיליען־נאָמען פון אַ בעריהמטער יודישער פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין פּאָרטוגאַל אין דער צייט, ווען מען האָט די יודען געצוואונגען אין פּאָרטוגאַל צו שמד׳ן זיך און אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. אויך די דאָזיגע פאַמיליע האָבען געמוזט אָננעהמען די קריסטליכע אמונה, אָבער זיי האָבען עס געטהון נור לפנים, און אין געהיים זענען זיי געבליבען יודען (אַנוסים, מאַראַנען). דער נאָמען „אַבודיענטע״ איז אַ צוזאַמענגעזעצטער און האָט די בעדייטונג „אבו״ דער „פאָטער״ און „דיענטע״, וואָס איז דער טייטש אויף פּאָרטוגעזיש דער „צאָהן״ (טייל געלעהרטע זאָגען, אַז דאָס איז גאָר פון אַנ׳אַנדער אָבשטאַמונג און דער ריכטיגער פאַמיליען־נאָמען איז „אובודיענטע״). דער ערשטער, וואָס איז אונז בעקאַנט פון דער דאָזיגער פאַמיליע, האָט געהייסען גדעון און ער האָט געלעבט אין אָנהויב פון 17־טען יאָהרהונדערט. ווען ער האָט געוואָלט עפענטליך ווערען צוריק אַ יוד, איז ער ענטלאָפען פון פּאָרטוגאַל און איז געקומען קיין אַמסטערדאַם, וואו עס האָבען זיך דעמאָלס בעזעצט אַ סך אנוסים, וואָס זענען פון פּאָרטוגאַל ענטלאָפען. אין אַמסטערדאַם איז גדעון געוואָרען צוריק אַ יוד. באַלד נאָך איהם זענען ענטלאָפען פון פּאָרטוגאַל אויך אַ זוהן פון גדעון, אַ געוויסער אברהם, ווי אויך אַנדערע פון דער זעלבער אבודיענטע־פאַמיליע, און זיי האָבען זיך אויך בעזעצט אין אַמסטערדאַם און אין האַמבורג. — אברהם אבודיענטע, דער זוהן פון גדעון איז בעקאַנט דערמיט, וואָס ווען שבתי צבי האָט זיך ערקלערט אַלס משיח, האָט אברהם אבודיענטע, ווער־

בער איז אין יענער צייט געווען איינער פון די פיהרער פון דער פּאָרטוגעזישער קהלה אין אַמסטערדאַם, געשריבען צוזאַמען מיט אַנדערע יודען אַ בריף צו שבתי צבי און איהם אַנערקענט אַלס זייער משיח און קעניג. — די פאַמיליע אבודיענטע האט ארויסגעגעבען נאָך אַנדערע בעדייטענדע יודישע פּערזענליכ־קייטען, דיכטער און געלעהרטע מענער, וואָס האָבען פערפאַסט פּאָעטישע ווערק אין די שפּראַכען שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און העברעאיש. טייל פון דער אבודיענטע־פאַמיליע האָבען אויך איבערגעמאַכט זייער פאַמיליען־נאָמען אויף גדעון, און איינער פון זיי איז געווען דער פאַטער פון דעם בעריהמטען פינאַנסיסט און באַנקיר שמשון גדעון, וועלכער האט אין אָנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט געוואוינט אין ענגלאַנד און האט דאָרט געגרינדעט אַ באַנקהויז. דער דאָזיגער שמשון האט געשמד'ט זיין זוהן און ער איז געוואָרען דערנאָך דערהויבען צום ענגלישען אדעל. פון איהם שטאַמט־אָב דער ענגלישער שטאַטס־מאַן „לאָרד ערדלי''.

ביבליאָגראַפיע: קייזערלינג אין דער מאָנאַטשריפט פאַר יודישע וויסענשאַפט (דייטש) באַנד 9, דעליטש אין זיין געשיכטע פון דער יודישער פּאָעזיע (דייטש), יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אבודרהם** דאָס איז דער נאָמען פון אַ בעריהמטער יודישער פאַמיליע, וואָס האט געלעבט אין שפּאַניען אַ לאַנגע צייט פאַר דעם גירוש־שפּאַניען. דער נאָמען איז דער טייטש „דער פאַטער („אבו'') פון די דראַכמען'', דאָס הייסט „דער פאַטער פון געלד''. דעם דאָזיגען נאָמען האט בעקומען דער ערשטער, וואָס האט געגרינדעט די דאָזיגע פאַמיליע, אַ געוויסער דוד; ער איז געווען פיהרער פון דער יודישער קהלה פון דער שפּאַנישער שטאָדט טאָלעדאָ, און ער האָט געהאַט צו ענטשיידען וועגען די שטייערען, וואָס יעדער פון די יודישע איינוואוינער פון טאָלעדאָ האָט געדאַרפען צאָהלען דער רעגירונג. אַלס דעה־זאָגער איבער די שטייערען האָט מען איהם דערפאַר גערופען דער „געלד־פאַטער'', „אבודרהם''. פון דער דאָזיגער פאַמיליע שטאַמט דוד אבודרהם, וועגען וועלכען מיר שרייבען בעזונדער. מען געפינט יודען מיט דעם פאַמיליען־נאָמען אבודרהם אויך שפּעטער אין איטאַליען און אפריקא. דאָגאר היינט געפינט זיך אַ אבודרהם־פאַמיליע אין טוניס אין אפריקא.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, רומנלי, משא בערב, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אבודרהם דוד** ער איז געוועזען אַ יודישער למדן און איז בעריהמט דורך זיין ספר „אבודרהם'', וואָס האט אַ גרויסען ווערט פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון סידור און דאַווענען און מנהגים. דוד אבודרהם האט געלעבט אין שפּאַניען אין דער שטאָדט סעווילא (אין די אַלטע העברעאישע ספרים הייסט די שטאָדט „אישבילה'') אין דער מיט פון 14־טען יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1340 (ה' אלפים ק') האָט ער מחבר געווען דאָס דערמאָהנטע ספר „אבודרהם'', וואָס איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרען אין דער יודישער וועלט אַלס אויטאָריטעט און פוסק אין אַלע ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צום דאַווענען און דעם נוסח פון פערשידענע תפלות. אין דעם דאָזיגען ספר האט דער מחבר צונויפגענומען אַלע מנהגים און אויך טעקסטען

פון תפלות, וואס זענען פאראן אין די לענדער שפאניען און פראנקרייך און האט צו זיי צוגעגעבן א פירוש און אויפגעקלערט אלע נישט־פערשטענדליכע שטעלען. דערביי ברענגט ער אויך פערשידענע דינים, וואס זענען נוגע דעם דאווענען און וואס זענען פאראן אין דער גמרא און אין די שפעטערדיגע ספרים, ווי דעם רמב״ם, דעם ראש, דעם טור און אנדערע. אין דאזיגען ספר איז אויך פאראן א גענויער קאלענדאר מיט א לוח פון די מולדות אויף לערך 300 יאהר ארויס. דער ספר אבודרהם איז דאס ערשטע מאל געדרוקט געווארען אין ליסאבאן אין יאהר 1490 (ר״ן), און פון דעמאלס אן איז ער געדרוקט געווארען פיל מאל. דוד אבודרהם האט אויך פערפאסט פירושים צו טייל פיוטים פון מחזור און זיי זענען געדרוקט געווארען אין בערלין יאהר 1900 (תר״ס) אונטער דעם נאמען „תשלום אבודרהם״.

ביבליאגראפיע: ווייס: ״דור דור ודורשיו״, ווינער: „קהלת משה״ (אויסגערעכנט אלע דרוקען פון אבודרהם), יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבוהב** דאס איז געווען דער נאמען פון א בערימטער יודישער פאמיליע, וואס האט געלעבט אין שפאניען, פארטוגאל, האלאנד און איטאליען. פון דער פאמיליע זענען ארויסגעקומען גרויסע רבנים און אנדערע בעדייטענדע פערזענליכקייטען, וואס האבען געשפילט א גרויסע ראליע אין יודישען לעבען. אין דאקומענטען, וואס זענען געשריבען געווארען מיט לאטיינישע אותיות און שטאמען פון די צייטען, ווען די דאזיגע פאמיליע האט געלעבט, ווערט אויסגעלייגט דער דאזיגער פאמיליען־נאמען „אבאאב״. אויך היינט קאן מען טרעפען מענשען פון דער אבוהב־פאמיליע. אין צפון־אפריקא, טערקיי, אמעריקא. דער ערשטער יוד פון דער דאזיגער פאמיליע, וואס איז אונז בעקאנט, איז געווען אברהם אבוהב; ער האט געלעבט אין שפאניען, אין אראגאן אין דער 2־טער העלפט פון 13־טען יאהרהונדערט. ער איז געווען זעהר אנגעזעהען ביים קעניג פון אראגאן, און ער האט פון קעניג בעקומען אלס מתנה א שלאס מיט פעלדער, און האט גע׳שמ׳ט אלס רייכער מאן. פון דעמאלס אן טרעפען מיר די פאמיליע אבוהב זעהר אפט. עס איז א פאקט, אז איינער פון די ערשטע יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין ניו־יארק (אין יענע צייטען האט די דאזיגע גרויסע שטאדט אין אמעריקא געהייסען „ניו־אמסטערדאם״) איז געווען א געוויסער יעקב אבוהב, און ער איז געקומען קיין אמעריקא אין יאהר 1654. פון דער אבוהב־פאמיליע זענען אויך ארויסגעקומען בעקאנטע דאקטוירים און שריפטשטעלער. — מיר געבען ווייטער בעזונדערע בעשרייבונגען פון די סאמע אנגעזעהענסטע פערזאנען פון דער אבוהב־פאמיליע, וועמענס בעדייטונג אין יודישען לעבען איז געווען א גרויסע.

ביבליאגראפיע: א ספעציעלע אבהאנדלונג וועגען דער פאמיליע אבוהב האט געשריבען ל. לעווענשטיין ״די פאמיליע אבאאב״, געדרוקט אין דעם יודיש־דייטשען וויסענשאפטליכען זשורנאל ״מאנאטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאפט דעס יודענטומס״, אין ברעסלוי, יאהר 1904.

**אבוהב יצחק** (דער ערשטער). דאס איז געווען א גרויסער יודישער למדן און ער האט

געלעבט אין שפּאַניען. עס איז נישט בעַ־וואוסט כמעט קיין שום זאַך פון לעבען פון דאָזיגען גרויסען מאַן. מען ווייסט נור, אַז ער האָט געלעבט אין שפּאַניען אונגעפעהר צום סוף פון 14־טען יאָהר־הונדערט. זיין בעדייטונג בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט מחבר געווען דאָס ספר ,,מנורת המאור'', וואָס איז געלע־זען געוואָרען שפּעטער דורך מיליאָנען יודען און איז געדרוקט געוואָרען פיל מאָל, אויך אין איבערזעצונגען אויף דער יודישער שפּראַך, און האָט אַזוי אַרום געהאַט אַ גרויסע ווירקונג צו פערשפּרייטען מוסר און עטישע אַנ־שויאונגען ביי די ברייטסטע פרומע יו־דישע פאָלקס־מאַסען דורך הונדערטער יאָהרען.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט זענען אונז בעקאַנט זעהר ווייניג פּרטים ווע־גען דעם לעבען פון רבי יצחק אבוהב. לויט געוויסע ראשי־תבות, וואָס געפינען זיך אין דער הקדמה צום ,,מנורת המאור'', איז צו זעהען, אַז דער פאָטער פון רבי יצחק האָט געהייסען אברהם. רבי יצחק אבוהב שרייבט אין דערזעל־בער הקדמה וועגען זיך, אַז ער איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אַ סוחר און ער פלעגט אויך לערנען, אָבער ערשט אויף דער עלטער האָט ער בעשלאָסען אָבצו־געבען זיך בלויז מיט לערנען און צו שרייבען ספרים. ווי ער זאָגט, זאָל ער האָבען מחבר־געווען נאָך 2 אַנדערע ספרים מיט די נעמען ,,ארון העדות'' און ,,שלחן הפנים'', זיי זענען פערלוי־רען געגאַנגען און מען געפינט זיי נישט אין ערגעץ. געבליבען איז נור זיין דריט ספר, דער דערמאָהנטער ,,מנורת המאור''.

אין דעם ,,מנורת המאור'' האָט רבי יצחק אבוהב צונויפגענומען פיל פיינע ווערטער וועגען מוסר און דרך ארץ און גוטער אויפפיהרונג, וואָס געפינען זיך אין דער גמרא און מדרש און אויך אַנ־דערע פאַרצייטישע ספרים. דערביי בעַ־נוצט ער זיך אויך מיט די מיינונגען פון די אַמאָליגע פילאָזאָפען און קבלה־ספרים, וואָס זענען געווען בעקאַנט אין יענער צייט. אין דער הקדמה שרייבט ער, אַז אויב די הלכה און די דינים פון דער גמרא זענען דאָס טעגליכע ברויט, זענען די מוסר־ווערטער און די אגדה— דער מים חיים, דאָס קוואַל־וואַסער, וואָס איז טיילמאָל נאָך נויטיגער ווי ברויט. ער שרייבט אויך דאָרט, אַז זיין ספר האָט ער מחבר געווען ,,להאיר לכל אשר יחפוץ באור ולהבדילו מן החושך'' (,,צו בעלייכטען יעדען, וואָס וויל ליכט און איהם צו בעזייטיגען פון פינסטער־ניש''). אין איין אָרט פון דער הקדמה זאָגט ער, אַז ער האָט געשריבען זיין ספר ,,לקטנים ולנערים ולזקנים ולשלמים ולריקנים ולאנשים ולנשים (,,פאַר יונגע און אַלטע, געלערענטע און פּראָסטע, מענער און פרויען'').

דער ,,מנורת המאור'' בעשטעהט פון 7 טיילען, פונקט ווי די מנורה האָט 7 ליכט. יעדער טייל פון ספר הייסט דערי־בער ,,נר'' (,,ליכט''). אין דעם ערשטען טייל ווייזט אויף דער מחבר פון פיל שטעלען אין דער גמרא און מדרשים און פילאָזאָפישע ווערק, אַז דער מענש דאַרף זיך נישט נאָכיאָגען נאָך לוקסוס און איבריגע זאַכען (,,מותרות'') און זאָל אויסוואָרצלען פון זיך די שלעכטע מידות: קנאה, תאוה און כבוד. אין דעם צווייטען טייל רעדט ער אַרום די שעד־ליכקייט פון ליצנות, ליגען - זאָגען, חנופה, לשון־הרע, פערשעמען מענשען, קריגען זיך מיט מענשען. אין דעם דריי־טען טייל ווערט בעהאַנדעלט ווי אַזוי

דער מענש דארף זיך אויפפיהרען אין
פערשידענע מצוות, ווי אַבהיטען שבת
און יום־טוב, דאווגען, עהרליך האלטען
עלטערען, ערציהען קינדער, הכנסת־
אורחים, מאַן־און־ווייב־לעבען. דער פיר־
טער טייל רעדט אַרום די גרויסקייט פון
לערנען תורה, ווי יעדער מענש, אפילו
ער איז פערנומען מיט געשעפטען, דארף
אויך יעדען טאָג בעשטימען עטליכע
שעה צום לערנען („קובע עתים
לתורה"), און ווי מען דארף שאַנעווען
תלמידי־חכמים. אין פינפטען טייל גיעט
דער מחבר אָנווייזונגען וועגען תשובה
טהון אויף בעגאַנגענע זינד, די גרויס־
קייט פון תשובה. דער זעקסטער טייל
רעדט אַרום די מעלות פון שלום און
לעבען גוט מיט מענשען און אַרויס־
ווייזען דרך־ארץ און ליבשאַפט צו מענ־
שען. דער זיבעטער טייל בעהאַנדעלט
דאָס עניוות, ווי יעדער מענש דארף זיין
ביי זיך נידריג, נישט גרויס האַלטען
זיך. דאָס גאַנצע ספר איז דורכגעפלאָכ־
טען מיט ווערטער פון דער גמרא און
מדרשים, וואָס שטיצען די עטישע און
רעליגיעזע אַנשויאונגען פון מחבר.

ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ביי
אַלע געלערענטע יודישע פאָרשער גע־
הערשט די מיינונג, אַז דאָס ספר „מנורת
המאור" איז אַ אָריגינאַל ווערק פון רבי
יצחק אבוהב, און ער האָט עס אינגאַנ־
צען אַליין מחבר געווען. ערשט אין די
לעצטע יאָהרען האָבען צוויי יודישע גע־
לערענטע: ישראל אפרת און ה. ג. ענע־
לאו אָנגעשריבען אַרטיקלען און אויפ־
געוויזען, אַז אַ סך טיילען און שטיקער
פון „מנורת המאור" האָט רבי יצחק
אבוהב גענומען פון אַנ'אַנדער ספר,
וואָס איז געשריבען געוואָרען אין
אַ פריהערדיגער צייט. ישראל אפרת האָט
פערעפענטליכט זיין אַרטיקעל אין יו־
דיש־ענגלישען זשורנאַל „דזשואיש
קוואָרטערלי רעוויו" יאָהר 1918, און
ענעלאו האָט זיין אַרטיקעל פערעפענט־
ליכט אין יאָהר־בוך פון „היברו יוניאָן
קאָלעדזש" יאָהר 1927. זיי ביידע וויי־
זען אויף, אַז אַ סך טיילען פון „מנורת
המאור" זיינען גענומען געוואָרען פון
אַ ספר, וואָס האָט אויך געהייסען
„מנורת המאור" און זיין מחבר איז גע־
ווען דער יודישער למדן אין שפּאַניען
רבי ישראל בן יוסף אַלנאַקוואַ (אַלנ־
קאווה), פון דער שטאָדט טאָלעדאָ, וועל־
כער איז געטויט געוואָרען אויף קידוש־
השם אין דעם יאָהר 1391 (ה' קנ"א)
אין דער ערשטער גרויסער שחיטה אין
שפּאַניען. דער דאָזיגער ערשטער „מנורת
המאור" איז געבליבען אין כתב יד
און געפינט זיך אין דער אָקספאָרדער
ביבליאָטעק און ענעלאו האָט איהם
אָנגעהויבען אַרויסגעבען (ניו־יאָרק, יאָהר
1929). אָבער דערמיט ווערען נישט אָב־
געשוואַכט די פערדינסטען פון רבי יצחק
אבוהב, ווייל יענער ערשטער „מנורת
המאור" איז געווען געשריבען אין אַזאַ
פאָרם און סטיל און אינהאַלט, אַז עס
האָבען איהם נור געקאָנט פערשטעהען
לומדים, דאַגעגען רבי יצחק אבוהב האָט
דאָסזעלבע ספר געשריבען אין אַזאַ סטיל
און פאָרם, אַז עס איז געוואָרען פער־
שטענדליך אויך פאַר פּראָסטע מענשען,
נישט־געלערענטע פרויען און קינדער
און המון־עם, און אַזוי־אַרום איז עס
געוואָרען פערשפּרייט צווישען די יודען.

דער „מנורת המאור" פון רבי יצחק
אבוהב איז געדרוקט געוואָרען דאָס ער־
שטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל יאָהר
1514 (רע"ד). פון דעמאָלס אָן האָט
מען דאָס דאָזיגע ספר איבערגעדרוקט
זעהר פיל מאָל. אין אַ צייט שפּעטער
איז עס געדרוקט געוואָרען אין אַמ־

סטערדאם יאָהר 1705 מיט אַ פּירוש „נפש יהודה" פון רבי משה פראנקפורט, דיין אין אַמסטערדאם, וועלכער האָט דערצו אויך צוגעגעבן אַ איבערזעצונג אויף יודיש־דייטש. מיט אַ ריין־יודישער איבערזעצונג איז דער „מנורת־המאור" געדרוקט געוואָרען ערשט אין ווילנא יאָהר 1880 (תר"ם). דער מנורת המאור איז אויך ערשינען אין דער דייטשער שפּראַך (קראטאשין, 1845).

ביבליאָגראַפיע: האָראָדעצקי: „רבי יצחק אבוהב" (אין „הגורן" באנד 3). די צוויי דערמאָהנטע ארטיקלען פון ישראל אפרת און ה. ג. ענעלאו. העברעאיש־יודישע ענציקלאָפּעדיע, „אשכול".

## אַבוהָב יצחק (1433 - 1493).

דעם דאָזיגען גרויסען רב האָט מען גערופען אויך „רבי יצחק אבוהב דער צווייטער", כדי איהם אונטערצושיידען פון דעם מחבר פון „מנורת המאור". ער איז געווען אַ למדן און האָט געשריבען פּירושים צום תנ"ך. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1433 (קצ"ג) און איז געווען רב אין שפּאַניען אין דער שטאָדט טאָלעדאָ. אין זיין צייט איז אויסגעפאַלען די טרויעריגע פּאַסירונג אין דער יודישער געשיכטע, דער „גירוש שפּאַניען" אין יאָהר 1492 (רנ"ב). ווען עס איז אַרויס דער דעקרעט פון שפּאַנישען קעניג, אַז די יודען מוזען פערלאָזען שפּאַניען, האָט רבי יצחק אבוהב בעקומען פאַר זיך און נאָך אַ רייה יודען די ערלויבניש פון פּאָרטוגאַלישען קעניג צו בעזעצען זיך אין פּאָרטוגאַל, וואָס ליגט אין שכנות מיט שפּאַניען. אין פּאָרטוגאַל האָט רבי יצחק געלעבט נישט מעהר ווי 7 חדשים. פון גרויס צער אויף דעם אומגליק, וואָס איז געשעהען זיינע יודישע ברידער אין שפּאַניען, איז רבי יצחק שלאַף געוואָרען און איז געשטאָרבען (יאָהר 1493). זיין תלמיד איז געווען דער גרויסער יודישער אַסטראָנאָם און היסטאָריקער רבי אברהם זכות, וועלכער האָט געהאַלטען אויף זיין רבי'ן אַ הספד. איינער פון זיינע חברים איז געווען דער בעריהמטער יודישער גאון און מיניסטער דון יצחק אברבנאל. ווען דער מחבר פון „שולחן ערוך" רבי יוסף קארו דערמאָהנט רבי יצחק'ן, רופט ער איהם אָן „רבנו הגדול" („אונזער גרויסער רבי"). ער האָט פערפאַסט דאָס דרשות־ספר „נהר פישון" (געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1538), ווי אויך אַ פּירוש אויף רש"י און אויך הלכות־חידושים. וועגען רבי יצחק אבוהב ווערט אויך דערצעהלט די לעגענדע, אַז אין אַ טרוקען יאָהר, ווען מען האָט געדאַרפט רעגען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר'ן ארון־קודש און אויסגערופען, אַז ער וועט נישט אַוועקגעהען פון דאָרט, כל זמן עס וועט נישט געהען קיין רעגען. עס איז טאַקי באַלד אראָב אַ רעגען, אָבער אַלס שטראָף איז רבי יצחק בלינד געוואָרען אויף איין אויג.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, לעווענשטיין (מאָנאַטסשריפט 1904), וויס: „דור דור ודורשיו", „אשכול".

## אַבוהב יצחק

מען האָט איהם גערופען „דע פאָנסעקא" (1605-1693). ער איז געווען אַ בעריהמטער ספרדישער רב און דרשן אין אַמסטערדאם. זיין פאָטער האָט געהייסען דוד און האָט געוואוינט אין פּאָרטוגאַל און איז געווען פון די געהיימע יודען, אנוסים, וואָס האָבען לפנים אָנגענומען די קריסטליכע אמונה. רבי יצחק איז געבוירען געוואָרען אלס קריסט אין פּאָר־

טוגאל אין יאהר 1605. ווען ער איז אלט געווען 7 יאהר, איז זיין פאטער און מוטער מיט איהם ענטלאפען פון פארטוגאל, כדי צו בעזעצען זיך אין א פריי לאנד און ווערען צוריק יודען. אויפ'ן וועג איז זיין פאטער געשטארבען, און זיין מוטער איז מיט איהם ענטלאפען קיין אמסטערדאם, וואו זיי זענען געווארען עפענטליך יודען. שוין אין דער יוגענד האט ער ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין לערנען און איז שפעטער געווען רב צוערשט אין אמסטערדאם, נאכהער אין בראזיליען אין דער שטאדט פערנאמבוקא, און נאכהער ווידער אין אמסטערדאם. אין זיינע צייטען האט געלעבט אין אמסטערדאם דער בעריהמטער יודישער פילאזאף ברוך שפינאזא, — און רבי יצחק איז געווען איינער פון די רבנים, וואס האבען געלעגט שפינאזא'ן אין חרם. אין זיינע עלטערע יאהרען איז רבי יצחק געווען איינער פון די, וואס האבען אין געהיים געגלויבט, אז שבתי צבי איז געווען משיח, און ער האט זיך געהאלטען אין זיין דאזיגען גלויבען אויך נאכדעם, ווי שבתי צבי האט אנגענומען די מאכמעדאנישע אמונה. רבי יצחק האט איבערגעזעצט פון שפאניש אויף העברעאיש די צוויי פילאזאפישע קבלה־ספרים „בית אלהים" און „שער השמים" פון רבי אברהם אירירה. אין דער הקדמה פון „שער השמים" גיט ער איבער וויכטיגע היסטארישע פאקטען פון די יודישע לײדען אין פארטוגאל פון דער אינקוויזיציע. ער האט אויך געשריבען אויף פארטוגעזיש א רייהע ספרים מיט דרשות אין רעליגיעז־פילאזאפישען אינהאלט. א בעדייטונג האט אויך זיין איבערזעצונג פון חומש אויף שפאניש. רבי יצחק האט געהאט א גרויסע ביבליאטעק און דער קאטאלאג פון זיינע ספרים איז געדרוקט געווארען אין יאהר 1693. אין דער זאמלונג פון דער יודישער קהלה אין בערלין איז אויך פארהאן זיין בילד.

ביבליאגראפיע: גרעץ', יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אבוהב עמנואל (אומגעפעהר 1555־1628).

ער איז געווען אן אייניקעל פון רבי יצחק אבוהב דעם צווייטען, וועלכער איז ענטלאפען פון שפאניען קיין פארטוגאל און איז דארט געשטארבען. אויך איהם האט מען יונגערהייט אבגעשמד'ט, אבער ווען ער איז אויפגעוואקסען, איז ער ענטלאפען פון פארטוגאל און האט געוואנדערט איבער דער וועלט, ביז ער האט זיך צום סוף בעזעצט אין איטאליען, אין ווענעציע. עמנואל אבוהב איז געווען זעהר א געלערענטער מאן סיי אין יודישע זאכען, סיי אין וועלטליכע בילדונג. ער האט אויך געקענט שפראכען, און ער איז אויפגעטרעטען מיט רעדעס פאר דעם סענאט אין ווענעציע צו פערטיידיגען די יודען. ער האט מחבר געווען אין דער שפאנישער שפראך א בוך „נאמאלאגיע", וואס פערטיידיגט די תורה שבעל פה און די גמרא געגען די טענות פון די פריי־דענקער. עס איז פארהאן א מיינונג, אז דאס ספר איז געשריבען געווארען געגען דער קריטיק פון דער תורה שבעל פה פון בעריהמטען פריי־דענקער אין יענער צייט אוריאל אקאסטא. ער האט אויך געוואלט מחבר זיין א ספר „יסוד האמת" צו פערטיידיגען דעם תלמוד. אין זיינע לעצטע יאהרען האט ער געוואלט פאהרען קיין ארץ־ישראל, אבער ער איז געשטארבען אין ווענעציע אין יאהר 1628.

ביבליאָגראַפיע: קייזערלינג אין „ישורון" באַנד 4, יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַבוהב שמואל (1610-1694).

ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין יענער צייט און שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער מלחמה, וואָס טייל רבנים האָבען געפיהרט געגען שבתי צבי און זיינע אָנהענגער, וואָס האָבען געגלויבט אין שבתי צבי אַלס משיח. רבי שמואל אבוהב איז געבוירען געוואָרען (אין יאָהר 1610) אין האַמבורג (זיין פאָטער האָט געהייסען אברהם) און ווען ער איז אַלט געוואָרען 13 יאָהר, איז ער געפאָהרען קיין ווענעציע אין דער ישיבה לערנען. פון דעמאָלס אָן איז ער פערבליבען אין איטאַליען. צוערשט איז ער געווען רב אין וועראָנאַ, נאַכהער איז ער געוואָרען רב אין ווענעציע. רבי שמואל אבוהב איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער למדן, נאָר ער האָט אויך געקענט אַ סך וועלטליכע וויסענשאַפט און האָט גוט בעהערשט די שפּראַכען לאַטיין, דייטש, איטאַליעניש, שפּאַניש. צו דעם אַלעם איז ער געווען אַ זעהר פרומער יוד און פלעגט אָפט פאַסטען תעניתים, און פלייש האָט ער איבערהויפּט נישט געגעסען, מיט'ן אויסנאַהם פון שבתים און ימים־טובים. אויסערדעם האָט ער אויך געהאַט אַ גוט האַרץ און ער פלעגט שטיצען אָרימע לייט, אַוועקגעבענדיג זיי אַלץ, וואָס ער האָט פערמאָגט. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע בעוועגונג פון שבתי צבי, וועלכער האָט זיך ערקלערט אַלס משיח און זיין נביא נתן העזתי האָט נביאות געזאָגט, אַז שבתי צבי וועט אויסלייזען די יודען. רבי שמואל אבוהב איז אַרויסגעטרעטען געגען דער שבתי־צבי־בעוועגונג מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און ער האָט געצוואונגען נתן העזתי צו חתמ'ען אויף אַ ערקלערונג, אַז שבתי צבי איז נישט משיח. פון רבי שמואל אבוהב, וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1694, איז געבליבען דאָס בעריהמטע ספר שאלות ותשובות „דבר שמואל", וואו צום סוף זענען פאַראַן תשובות וועגען שבתי צבי און נתן העזתי. דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרען אין ווענעציע יאָהר 1702; אין ספר איז פאַראַן אויך די לעבענס־בעשרייבונג פון ר' שמואל אבוהב. טייל ווילען האָבען, אַז דער „ספר הזכרונות", אַ ספר מיט הלכות, וואָס איז ערשינען אָהן דעם נאָמען פון מחבר, שטאַמט אויך פון רבי שמואל אבוהב. רבי שמואל האָט איבערגעלאָזט פיער זיהן: אברהם, דוד, יעקב, יוסף. צוויי פון זיי זענען געווען רבנים.

ביבליאָגראַפיע: לעווענשטיין: „די פאַמיליע אבוהב" אין מאָנאַטסשריפט; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַבולַעפיָה

דער דאָזיגער נאָמען איז אויך געשריבען געוואָרען „אבלעפיה", „אבולפיו", „אבואלפיע", „אבול־עפייא"). דאָס איז אַ פאַמיליען־נאָמען (דער טייטש איז: „דער פאָטער פון געזונד") פון אַ בעריהמטער יודישער פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט אין שפּאַניען איידער מען האָט די יודען פון דאָרט פערטריבען. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז די שפּעטערדיגע יודישע פאַמיליעס „באָלאַפי" אין איטאַליען און „באָלאַפעי" אין ענגלאַנד שטאַמען אויך אָב פון דער אבולעפיאַ־פאַמיליע. די דאָזיגע פאַמיליע האָט אַרויסגעגעבען פיל וויכטיגע יודישע

פערזענליכקייטען; צווישען זיי זענען געווען מיניסטאָרען, רבנים, לומדים, דאָקטוירים, אַסטראָנאָמען, פילאָזאָפען, מקובלים, וועלכע האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין יודישען לעבען. דאָס ערשטע מאָל טרעפען מיר אַ פּערזאָן פון דער דאָזיגער פאַמיליע אין 12־טען יאָהרהונדערט. דאָס איז אַ געוויסער יהודה אבולעפיא אין דער שטאָדט בור־גאָס. ער איז געווען אַ לוי, און כמעט אַלע שפּעטערדיגע אבולאפיע־פּערזאָנען זענען געווען לויים. וועגען דעם דאָזי־גען יהודה אבולעפיא ווייסען מיר זעהר ווייניג. ער האָט געמוזט זיין אַ וויכטיגע פּערזאָן, ווייל עס ווערט דערצעהלט ווע־גען איהם, אַז אין זיינע צייטען האָבען זיך אין שפּאַניען זעהר פערשטאַרקט די קאַראַאימער און זיי האָבען בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אויף די דאָרטיגע יודען און אַ סך פון זיי געוואָלט מאַכען פאַר קאַראַאימער, אָבער דער דאָזיגער יהודה אבולעפיא האָט אָנגעהויבען גע־גען זיי אַ העפטיגען קאַמף און האָט זיי פערטריבען פון שפּאַניען. אַ געבויע רשימה פון דער אבולעפיא־פאַמיליע גע־פינט מען אין דער העברעאישער ענצי־קלאָפּעדיע „אשכול” ערשטער באַנד. מיר וועלען דאָ געבען ווייטער איינצעל־נע בעשרייבונגען פון די גאָר וויכטיגע פּערזאָנען פון דער דאָזיגער פאַמיליע.

ביבליאָגראַפיע: לוצאַטו: „אבני זכרון”; שטיינשניידער אין „דזשואיש קוואָרטערלי רעוויו” באַנד 11. גרעץ; יודי־שע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבולעפיא אברהם** (פאַלשער משיח אין 13־טען יאָהרהונדערט). דאָס איז געווען אַ גרויסער מקובל און ער שפּילט אין דער געשיכטע פון דער קבלה און אויך פון די משיח־בעוועגונ־גען אַ גרויסע ראָליע. רבי אברהם אבולעפיא איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1240 (ה' אלפים) אין שפּאַניען אין דער שטאָדט סאַראַגאָסאַ. זיין פאָ־טער האָט געהייסען שמואל און איז גע־ווען אַ למדן און ער האָט זיין זוהן געלערענט תנ"ך, גמרא, העברעאישע גראַמאַטיק. דער רבי שמואל איז גע־שטאָרבען ווען זיין זוהן איז אַלט געווען 18 יאָהר. עס ווייזט אויס, אַז שוין אין זיינע יונגע יאָהרען האָט רבי אברהם געהאַט אַ רייכע פאַנטאַזיע, און עס ווערט דערצעהלט, אַז ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָהר, האָט ער בעשלאָסען צו פערלאָזען שפּאַניען און וואַנדערען אי־בער דער וועלט, כדי צו געפינען דעם טייך סמבטיון, וועגען וועלכען די יודישע לעגענדע דערצעהלט, אַז ער וואַרפט מיט שטיינער אַ גאַנצע וואָך און רוהט אים שבת און אַז אויף דער צווייטער זייט פון דאָזיגען טייך געפינען זיך די עשרת השבטים. ער האָט זיך געלאָזט אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל. אויף דעם וועג איז ער אָנגעקומען קיין גריכענלאַנד; דאָרט האָט ער זיך בעקענט מיט אַ מייר־דעל, און ער האָט מיט איהר חתונה גע־האַט. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער פערלאָזט זיין פרוי, און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל און איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט עכו. ער האָט גערעכענט צו פאָהרען ווייטער, כדי צו געפינען דעם טייך סמבטיון. אָבער דעמאָלס זענען אין ארץ־ישראל פאָרגעקומען די גרויסע מלחמות צווישען די קריסטליכע „קרייץ־פאָהרער” („נוסעי הצלב”), וועלכע האָ־בען געהאַט איינגענומען ארץ־ישראל, און די מאַכמעדאַנער פון עגיפּטען, וואָס האָבען געוואָלט ארץ־ישראל צוריק אָב־נעהמען ביי די קריסטען.

רבי אברהם האָט דעריבער ווייטער

נישט געקאנט פאהרען. ער איז דעריבער צוריקגעפאהרען קיין גריכענלאנד, גענו־מען זיין פרוי און פון דארט איז ער אוועק קיין איטאליען, וואו ער האט גע־לערנט פילאזאפיע ביי רבי הלל פון ווערא נא, און נאכדעם ווי ער האט אזוי געוואנדערט פיל יאהר, איז ער צוריק־געקומען קיין שפאניען און ער האט זיך בעזעצט אין דער שטאדט בארצעלאנא.

דא האט זיך אנגעהויבען פאר רבי אברהם אבולעפיא א נייע עפאכע, ווען ער האט זיך בעקענט מיט דער געהיימער קבלה־לעהרע. ער אליין שרייבט וועגען דעם, אז ער איז דעמאלס אלט געווען 31 יאהר, ווען „גאט האט איהם אויפ־געוועקט פון זיין גייסטיגען שלאף" און ער האט אנגעהויבען צו לערנען דעם „ספר יצירה", און דעמאלס איז געשע־הען מיט איהם, ווי ער שרייבט אליין, פאלגענדעס: „ותהי עלי רוח ה' ואכתוב ספרי חכמות ומהם ספרי נבואות מופלאים, ורוח קדושה נוססה בי ואראה מוראות נוראות רבות ונפלאות" („עס איז געקומען אויף מיר גאט'ס גייסט און איך האב געשריבען א סך קלוגע ספרים און צווישען זיי וואונדערליכע נבואות און דער גייסט פון הייליגקייט האט זיך ערוועקט אין מיר און איך האב געזעהן א סך וואונדערליכע און מורא'דיגע ער־שיינונגען").

רבי אברהם אבולעפיא האט דעמאלס צונויפגענומען ארום זיך תלמידים און גענומען מיט זיי לערנען קבלה לויט א נייער שיטה, וואס ער האט אליין גע־שאפען. זיין שיטה איז בעשטאנען אין דעם, ווי אזוי דער מענש זאל מיט דער הילף פון מאכען „צירופים", מצרף־זיין די אותיות פון דער תורה, זיך אזוי פערטיפען אין געדאנק, אז זיין נשמה זאל בעהעפט ווערען מיט דעם העכסטען שכל פון דער געטליכקייט און אזוי ארום וועט ער זעהן וואונדערליכע געט־ליכע זאכען, און וועט דערגרייכען צו דער מדריגה פון זעהן וואס וועט זיין אין דער צוקונפט און זאגען נביאות. דעריבער זאגט רבי אברהם אבולעפיא (אין זיין ספר „חיי עולם הבא"), אז ווער עס וויל דאס טהון, מוז זיך אבזא־גען פון די נארישקייטען פון דער וועלט, ענטלויפען פון קערפערליכע תענוגים, פיהרען א לעבען פון פרישות און נזירות, פאסטען א סך, פערברענגען אין התבודדות, איינער אליין, אמבעסטען ביינאכט, ווייל דאס מאכט ריינער די נשמה פון מענש און דערוועקט אין איהם יראה און אהבה צו גאט. רבי אברהם אליין האט ווירקליך זיך אזוי אויפגעפיהרט. ער איז געווען א ריכטי־גער אסקעט, פיל געפאסט, אנגעטהון זיך קערפערליכע יסורים. אים אלגעמיין איז ער געווען א פיינער מענש, א עהרליכער, נישט געוואלט קיינעם אבנארען. נאר זיין פאנטאזיע האט זיך אין איהם אזוי צע־פלאקערט, אז ער האט ווירקליך גע־גלויבט, אז ער האט געזעהן די געטליכ־קייט, וועלכע האט איהם אויסגעוועהלט צו געהן לערנען די יודען די נייע גע־היימע לעהרע, וואס וועט ברענגען די גאולה.

ווען רבי אברהם אבולעפיא איז אלט געווארען 33 יאהר, האט ער זיך ווידער געלאזט וואנדערען; ער איז אוועק קיין איטאליען, סיציליען, גריכענלאנד. אין גריכענלאנד, אויף דעם בארג פאטראס, האט ער מחבר געווען זיין „ספר הישר", א געמיש פון „נבואות" און גימטריאות און סתם קבלה־מיינונגען. נאכהער האט ער זיך בעזעצט אין איטאליען, וואו ער האט באלד געזאמעלט ארום זיך א סך תלמידים, און געלערנט מיט זיי זיין

גייע לעהרע. די לעגענדע דערצעהלט, אז א טייל תלמידים זיינע האבען געפונען אין זיין לעהרע מיינונגען, וואס זענען גענויגט צום קריסטענטום, און דעריבער האבען זיי זיך גע׳שמד׳ט. סיי־ווי אין איטאליען זאל רבי אברהם אבולעפיא שוין האבען ערקלערט עפענטליך וועגען זיך, אז ער איז משיח, וואס איז געקומען אויסלייזען די יודען צום ערשטען פון זייער גייסטיגער פינסטערניש און דערנאך זיי אויסלייזען פון גלות. רבי אברהם איז געווען אזוי איינגעגלויבט אין זיין געטליכער שליחות, אז ווען ער איז אלט געווארען 40 יאהר, איז ער געפאהרען קיין רוים, כדי צו ווירקען אויף דעם דעמאלסטיגען פויפסט ניקאלאאוס דער דריטער, אז ער זאל זיך מגייר זיין און מיט איהם זאל זיך מגייר זיין די גאנצע וועלט. דער פויפסט האט איהם געלאזט ארעסטירען, און עס האט איהם געדראהט טויט־שטראף. נאר דערווייל איז דער פויפסט געשטארבען און נאך גרויסער מיה איז געלונגען צו בעפרייען רבי אברהם׳ן פון תפיסה. אויך דערנאך האט רבי אברהם ווייטער פערשפרייט די בשורה, אז ער איז משיח. אבער דעמאלס איז געגען איהם ארויסגעטרעטען דער בעריהמטער רב אין יענער צייט, רבי שלמה בן אדרת, וואס איז בעקאנט מיט דער ראשי־תיבות „רשב״א“, וועלכער איז געווען רב אין בארצעלאנא. ער האט פונאנדערגעשיקט א בריף געגען דעם דאזיגען „נבל שם רשעים ירקב“ („נידערטרעכטיגער מאן, זיין נאמען זאל פערפוילט ווערען“), וואס נארט־אפ די יודען. רבי אברהם האט זיך געפרובט פערענטפערען. אבער דאס האט איהם נישט געהאלפען. דער רשב״א צוזאמען מיט אנדערע גרויסע רבנים זענען ארויסגעטרעטען געגען איהם מיט דער גאנצער שארפקייט. רבי אברהם האט זיי אויך שארף אבגעענטפערט, און ער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט געוואגט שוין ארויסצוטרעטען מיט ווערטער געגען גמרא, און אז די אלע, וואס לערנען גמרא און זענען נישט עוסק אין קבלה, זענען נאך ערגער ווי די גויים.

וועגען דעם, וואס עס איז פארגעקומען מיט רבי אברהם אבולעפיא אין זיינע עלטערע יאהרען, האבען מיר נישט קיין שום ידיעות. מען ווייסט אפילו נישט, אין וועלכען יאהר ער איז געשטארבען, און אויך נישט, אין וועלכער שטאדט ער איז געשטארבען. מען ווייסט נור, אז ווען ער איז אלט געווען 51 יאהר, האט ער נאך געשריבען זיין ספר „אמרי שפר“, וואס נעהמט ארום זיין שיטה. מען גלויבט, אז ער איז געשטארבען אלט זייענדיג לערך א יאהר זעכציג.

די בעדייטונג פון רבי אברהם אבולעפיא אין דער געשיכטע פון די גייסטיגע בעוועגונגען ביי יודען איז אונגעוועהנליך גרויס. ערשטענס, איז רבי אברהם געווען דער ערשטער, וואס האט ארויפגעפיהרט דאס לערנען קבלה אויף א ברייטען וועג און ער האט איהר זעהר פערשפרייט עפענטליך, און ביז איהם האבען עס געלערענט נור געצעהלטע מענשען אלס געהיימע לעהרע. צווייטענס איז פארהאן א מיינונג, אז דאס בעריהמטע קבלה־ספר „זהר“, וואס איז שפעטער געפונען געווארען דורך רבי משה די ליאון, זאל האבען פערפאסט געווארען אין דער קבלה־ישיבה פון רבי אברהם אבולעפיא; יעדענפאלס איז זיכער, אז א סך מאמרים פון „זהר“ שטאמען זיכער פון זיין ישיבה. דריטענס איז רבי אברהם אבולעפיא געווען דער

ערשטער, וואס האט זיך ערקלערט אלס משיח אויף אויסצולייזן די יודען פון גלות מיט'ן כח פון קבלה. דאס איז גע־ווען דער אריינפירער צו דער שפעטער־דיגער בעוועגונג פון שבתי צבי. — אים אלגעמיין האבען די גרויסע מקובלים אויך שפעטער פיל געהאלטען פון רבי אברהם אבולעפיא; אויך אויף די מקובלים אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון רבי יצחק לוריא („ארי הקדוש”) איז דער איינפלוס פון רבי אברהם אבולעפיא זעהר גרויס.

ביבליאגראפיע: לוצאטו: „ויכוח על חכמת הקבלה”; יעלינעק: „גנזי חכמת הקבלה”; גינציג: „ר' אברהם אבולעפיא” אין זשורנאל „האשכול” ה'; יודישע ענצי־קלאפעדיעס.

**אבולעפיא חיים** דאס איז געווען א בעריהמטער ספרדישער רב אין ארץ־ישראל. ער איז געבוירען געווארען אין ארץ־ישראל אונגעפעהר ארום דעם יאהר 1670. צוערשט איז ער געווען רב אין דער שטאדט סמירנא (איזמיר) אין קליין־אזיען, וואו ער האט געהאט א גרויסע ישיבה און ערצויגען א סך תלמידים. דארט האט ער אויך מחבר געווען זיינע שפעטער בעריהמטע ספרים „מקרא קודש”, „ישרש יעקב”, „עץ החיים”, „יוסף לקח”, „שבות־יעקב” אויף הלכות און אגדות. אין יאהר 1740 (ת"ק) איז ער איינגעלאדען געווארען אלס רב אין ארץ־ישראל אין דער שטאדט טבריה. דער הערשער פון דער שטאדט איז געווען אן אראבישער שייך אלעמאר, וועלכער איז געווען זעהר בע־פריינדעט מיט דעם רב. אין צוויי יאהר שפעטער איז ארויסגעטרעטען אין א מלחמה געגען דעם שייך דער טערקישער פאשא פון דמשק סאלימאן. ער האט בעלאגערט טבריה און ער האט פער־לאנגט פון רב און פון די יודען אין דער שטאדט, אז זיי זאלען איהם ארויס־געבען דעם שייך. רבי חיים איז אבער געבליבען געטריי דעם שייך, און די יודען האבען דעם שייך געהאלפען אין זיין מלחמה געגען דעם פאשא, אזוי אז ער איז געצוואונגען געווארען אבצוטרע־טען פון דער שטאדט. צום אנדענקען פון דער דאזיגער ישועה האבען די יודען אין טבריה יענעם טאג, ווען דער פאשא איז מיט זיין מיליטער אוועק פון שטאדט (ד' כסלו) געפייערט יעדעס יאהר אלס יום־טוב. רבי חיים אבולעפיא האט פיל מיטגעהאלפען צו דער ענטוויקלונג פון יודישען ישוב אין טבריה. ער האט גע־זאמעלט געלד און אויפגעשטעלט הייזער און א שוהל, ברוקירט די גאסען און ער איז געווען פון די ערשטע, וואס האבען געקויפט פעלדער אין דער אומגעגענד פון דער שטאדט, כדי יודען זאלען זיך בעשעפטיגען מיט פעלד־ארבייט. רבי חיים אבולעפיא איז געשטארבען אין יאהר 1744 (תק"ד) און זיין קבר איז אין טבריה. ער האט איבערגעלאזט 2 זיהן און 2 טעכטער. זיינע זיהן זענען רבי יצחק, דער שפעטערדיגער רב אין טבריה און רבי ישכר, דער שפעטער־דיגער רב אין סאפיע.

ביבליאגראפיע: לונץ: זאמל־בוך „ירושלים” באנד 7; „לוח ארץ ישראל”; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבולעפיא טודרוס** (בן יהודה; ער האט געלעבט לערך 1247—1306), ער איז געווען איינער פון די בע־קאנטע דיכטער אין שפאניען אין דער שטאדט טאלעדא און אויך א גרויסער חשוב ביים קעניג פון קאסטיליען. ער

איז געווען אויך זעהר רייך און האט פערנומען ביים קעניג א אמט ביים פערוואלטען מיט די שטייערען. אין א צייט ארום האט דער קעניג דערהאלטען א מסירה אויף אבולעפיא און אויף א ריי אנדערע יודישע גבירים. לויט א בעפעהל האט מען אבולעפיא און די אנדערע גבירים ארעסטירט, און טייל פון זיי האט מען געטויט. אבולעפיא האט אין דער תפיסה ערווארט, אז אויך איהם וועט מען טויטען. אבער איינמאל ביינאכט האט ער אין חלום געזעהן א נבואה, אז מען וועט איהם בעפרייען, און ווירקליך איז ער אויף צומארגענס פון יענער חלום־נאכט בעפרייט געווארען פון תפיסה. אבער ער האט פערלוירען זיין גאנץ פערמעגען. שפעטער איז ער ווידער געווארען א חשוב אין קעניגליכען הויף. אבולעפיא האט מחבר געווען פיל לידער „גן המשלים והחידות“. אין די לידער געפינען מיר אינטערעסאנטע היסטארישע שילדערונגען וועגען לעבען פון די שפאנישע יודען אין יענער צייט.

ביבליאגראפיע: גרעץ; „גן המשלים והחידות“ (לאנדאן 1926); יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אבולעפיא טודרוס (בן יוסף, ער האט געלעבט אין 13־טען יאהרהונדערט).

ער איז געווען א בעריהמטער רב אין שפאניען, און ער איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט בורגאס לערך אין יאהר 1224. עס זענען פאראן טייל (צווישען זיי אויך די העברעאישע ענציקלאפעדיע „אוצר ישראל“), וואס מיינען אויס דעם דאזיגען טודרוס אבולעפיא מיט טודרוס בן יהודה אבולעפיא, וועגען וועלכען מיר האבען פריהער געשריבען און וועלכער איז געווען ארעסטירט. דאס איז נישט ריכטיג. עס איז נור ריכטיג, אז דער דאזיגער טודרוס בן יוסף אבולעפיא איז אויך געווען א חשוב ביים קעניג. ער האט מחבר געווען א ספר „עלית יבמות“ אויף דער גמרא יבמות, ווי אויך א ריי קבלה־ספרים „שער הרזים“, „אוצר הכבוד“ און אנדערע. די וויכטיגקייט פון זיין ספר „אוצר הכבוד“ בעשטעהט אין דעם, וואס דאס איז איינער פון די עלטסטע ספרים, אין וועלכען עס ווערט געבראכט מאמרים פון „זהר“ און האט דעריבער א בעדייטונג פאר דער געשיכטע פון דער קבלה. טייל ווילען אויך האבען, אז דער דאזיגער טודרוס אבולעפיא האט מחבר געווען דאס בעריהמטע קבלה־ספר „מערכת האלהית“. אבער דאס איז נישט זיכער.

ביבליאגראפיע: גרעץ; שלום אין זאמל־בוך „מדעי היהדות“ באנד 1; העברעאישע ענציקלאפעדיע „אשכול“.

## אבולעפיא מאיר הלוי (רמ"ה).

**דאס איז** דער בעריהמטער גאון און פוסק און מקובל, איינער פון די „ראשונים“, וואס זיינע חידושים אין לומדות זענען אנגענומען אין דער גאנצער לומדישער וועלט. רבי מאיר אבולעפיא איז בעקאנט מיט זיין ראשי־תבות־נאמען רמ"ה, וואס מאכט „רבנו מאיר הלוי“. ער איז געבוירען געווארען אין שפאניען אין דער שטאדט בורגאס לערך אין יאהר 1170 (ד' אלפים תתק"ל) און ער איז געשטארבען אין טאלעדא אין יאהר 1244 (ה' אלפים ד'). שוין אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געווען בעריהמט אלס גרויסער למדן, און ער האט אנגעפיהרט אין טאלעדא מיט א גרויסער ישיבה. מען האט איהם אזוי געשעצט,

אז די שטאָדט־מענשען האָבען איהם געגעבען דעם טיטול „נשיא“. זיין רוהם איז געגאַנגען זעהר ווייט, אַזוי אַז מען האָט איהם געהאַלטען גרויס נישט נור אין שפּאַניען, נאָר אויך צווישען די דער־מאָלסטיגע גרויסע יודישע קהלות אין דייטשלאַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז דער גרויסער מפרש און פוסק רבי משה בן נחמן, דער „רמב״ן“, האָט איהם גע־רופען „נשיא מנשיאי הלויים“.

רבי מאיר אבולעפיא איז געווען נישט נור אַ גרויסער גאון אין לומדות, נאָר ער איז אויך געווען אַ גרויסער מקובל, און ער איז געווען איינער פון די יודי־שע רבנים, וואָס האָבען געוואַגט אַנצו־הויבען אַ קאַמף געגען רמב״ם און זיינע פילאָזאָפישע ספרים און דער עיקר גע־גען די אַנשויאונגען פון רמב״ם וועגען „עולם הבא“ און „תחית המתים“. דער רמב״ם שרייבט, אַז די אַלע ערטער, וואָס די גמרא זאָגט וועגען דעם, אַז אין „עולם הבא“, אויף יענער וועלט, וועט מען עסען שור הבר און לויתן און טרינקען יין המשומר, זענען אַלע־גאָריעס, משלים, כדי מסביר צו זיין דעם פשוט׳ן המון, וואָס פערשטעהט נישט קיין העכערע פערגניגענס, ווי עסען און טרינקען, און אַז באמת קאָנען זיין אויף יענער וועלט נאָר גייסטיגע פערגניגענס, די נשמה וועט דערגרייכען צו דער העכ־סטער קענטניס פון אַלע פראַגען, און „אין תענוג כהתרת הספקות“, („עס איז נישט פאַרהאַן קיין גרעסערער תענוג ווי ווען מען בעקומט אַ אויפקלערונג אויף מאַטערענדע פראַגען“). געגען דער דאָזיגער סובטעלער אויפפאַסונג פון עולם הבא איז רבי מאיר אבולעפיא שאַרף אַרויסגעטרעטען און ער האָט גע־שריבען וועגען דעם אַ בריף צו די בע־ריהמטע יודישע לומדים אין יענער צייט אין דער שטאָדט לוניל, וואָס זענען בע־קאַנט מיט׳ן נאָמען „חכמי לוניל“. רבי מאיר האָט די אַלע אגדה־ערטער אין תלמוד געוואָלט אויפקלערען מיט די אָנ־שויאונגען פון קבלה און נישט פון פילאָזאָפיע. ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס לערנען פילאָזאָפיע פיהרט אַראָב פון וועג פון אמונה. אָבער דער כבוד פון רמב״ם איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז די בריף געגען איהם פון רבי מאיר אבולעפיא האָבען שוין נישט געמאַכט קיין איינדרוק. פערקעהרט, די חכמים, וואָס האָבען געהאַלטען מיט׳ן רמב״ם, זענען אַרויסגעטרעטען געגען רבי מאיר׳ן, און האָבען איהם בעשולדיגט אין גרויסהאַלטען זיך דערפאַר, וואָס ער האָט געוואַגט „לדבר באיש אלהים“ („רעדען אויף דעם געטליכען מאַן“). רבי מאיר אבולעפיא איז נפטר געוואָ־רען, ווי געזאָגט, אין יאָהר 1244 אים פסח, און דער נוסח פון זיין מצבה איז אָבגעדרוקט אין ספר „אבני זכרון“ סימן י״ב. די בעריהמטעסטע ספרים, וואָס רבי מאיר אבולעפיא האָט מחבר געווען זענען: זיין „פרטי פרטין“ חידושים אויף דער גאַנצער גמרא; דאָס דאָזיגע ספר איז צו אונז דערגאַנגען נור אין אויסצוגען, וואָס ווערען געבראַכט אין „שיטה מקובצת“. אַ חוץ דעם זע־נען געדרוקט געוואָרען זיינע חידושים מיט׳ן נאָמען „יד רמה“ אויף די גמרות בבא בתרא און סנהדרין. עס זענען אויך געדרוקט פון איהם „תשובות“. טייל ווילען האָבען, אַז אויך געוויסע קבלה־ספרים („גינת ביתן“, „לפני ולפנים“, „שושן סודות“) זענען געשריבען גע־וואָרען דורכ׳ן רמ״ה.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ; גייגער: „יודישע צייטשריפט“ באַנד 9; גינזבורג: „יודישע דענקער“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבולעפיאַ דון שמואל** געבוירען 1320, געשטאָרבען 1360). דאָס איז געווען דער בעריהמטער יודישער מיניסטער אין שפאַניען אין 14-טען יאָהרהונדערט וועמענס טראַגישער גורל איז בעשריבען געוואָרען דורך אַ ריזה שריפטשטעלער. ער איז געבוירען געוואָרען אין טאָלעדאָ לערך דעם יאָהר 1320. ער האָט שוין אין די יונגע יאָהרען אַרויסגעוויזען אַזעלכע געניאַלע פעהיגקייטען אין פיהרען פינאַנסען, אַז דער קעניג פעדראָ (דער „אכזר") האָט איהם בעשטימט אַלס זיין פינאַנץ-מיניסטער, און מיט דער צייט איז ער געוואָרען דער גאַנצער פאָליטישער בעל-יועץ פון קעניג. דון שמואל אבולעפיא האָט אַזוי גלענצענד געפיהרט די געשעפטען פון דער רעגירונג, אַז ער האָט אין אַ קורצער צייט אָבגעצאָהלט אַלע חובות פון דער מלוכה, און אַוועקגעשטעלט די מלוכה-פינאַנסען אויף זיכערע פונדאַמענטען. דון שמואל אַליין איז אויך דערביי רייך געוואָרען און זיין פערמעגען האָט מען געשאַצט אויף 6 מיליאָן גאָלד-פראַנק. ער האָט זיך אויפגעשטעלט איינעם פון די שענסטע פאַלאַצען אין טאָלעדאָ. נאָך היינט שטעהט דער דאָזיגער פאַלאַץ און די שפאַניער רופען איהם „פאַלאַציאָ דעל יודיאָ" (דער יודישער פאַלאַץ). ער האָט געטהון אַ סך טובות יודען, און אָנגענומען יודישע בעאַמטע צו דער פינאַנסען-פיהרונג. ער האָט אויך אויפגעשטעלט שעהנע סינאַגאָגעס, און איין סינאַגאָגע שטעהט נאָך היינט אין טאָלעדאָ; די גלחים האָבען די דאָזיגע שוהל איבערגעמאַכט אויף אַ קירכע, וועלכע איז נאָך היינט אַ קירכע און הייסט די „טראַנזיטאָ"-קירכע, און אינוועניג אויף די ווענט זענען נאָך פאַרהאַן די העברעאישע אויפשריפטען, וואָס ריהמען די גרויסקייט פון דון שמואל אבולעפיא; זיי זאָגען וועגען איהם, אַז ער איז „אציל מאצילי הארץ" („דער אדעל-מאַן פון די אדעל-מענער אין לאַנד"). נאָך דער רעוואָלוציע אין שפאַניען אין יאָהר 1931 האָט מען די קירכע איבערגעמאַכט אויף אַ מוזעאום.

אָבער צום סוף איז זיין גליק צושטערט געוואָרען, אין יאָהר 1360 איז אויסגעבראָכען אַ מרידה אין לאַנד געגען דעם קעניג פעדראָ, וועלכער האָט די מרידה דערשטיקט. שונאים פון דון שמואל אבולעפיא האָבען איהם פער'מסר'ט פאַר'ן קעניג, אַז אויך ער האָט געהערט אין געהיים צו די מורדים. דער קעניג, וועלכער האָט געדאַרפען געלד און איז איבערהויפט געווען אַ גרויזאַמער מענש (ער האָט אין דער געשיכטע בעקומען דעם צונאָמען „דער אכזר"), האָט גערן זיך צוגעהערט צו דער מסירה. ער האָט געהייסען אַרעסטירען דון שמואל'ן, און האָט צוגענומען זיין גאַנץ פערמעגען. דער קעניג האָט זיך דערמיט נישט בעגנוגענט, נאָר ער האָט נאָך געהייסען צונעהמען דאָס פערמעגען פון דון שמואל'ס קרובים. אין דער תפיסה האָט מען דון שמואל'ן אָנגעטהון די שרעקליכסטע עינויים, און פון די דאָזיגע פייניגונגען איז ער געשטאָרבען, אין חודש מרחשון יאָהר 1360. אויף זיין מצבה האָט מען אויפגעקריצט די ווערטער: צדיק נבחן, סבל שבט מוסר ומדרכי האל לא סר, וקבל את היסורין מאהבה" („אַ אויסגעפּרובטער צדיק, ער האָט געליטען יסורים און איז נישט אָבגעטרעטען פון גאָט'ס וועג און אָנגענומען די יסורים מיט ליבשאַפט"). עס איז דערפון משער צו זיין, אַז אין תפיסה האָט מען פאַרגעלעגט דון

שמואל'ן, אז אויב ער וועט זיך שמד'ן, וועט מען איהם אויפהערען צו פייניגען, און ער האט זיך דערפון ענטזאגט.

ביבליאגראפיע: לוצאטו: „אבני זכרון"; קייזערלינג: „דאן פעדרא אונד זיין שאץ־מייסטער שמואל הלוי" (אויף דייטש); גרעץ; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אָבות** מיט דעם ווארט „אבות" (די פאטערס, די „פאטריארכען") ווערען אנגערופען קודם־כל די דריי ערשטע „פאטערס" פון יודישען פאלק, אברהם אבינו, יצחק אבינו און יעקב אבינו. די גמרא אין ברכות ט"ז זאגט דעריבער: „אין קורין אבות אלא לשלשה", אז „מיט דעם ווארט אבות רופט מען אן נור דריי פערזאן", דאס הייסט אברהם, יצחק און יעקב. אבער נישט קוקענדיג דערויף, געפינען מיר אין דער גמרא בעצייכענט מיט'ן ווארט „אבות" אויך אנדערע גרויסע יודישע פערזאנען. אזוי איז פאראן אין דער גמרא בבא־מציעא פ"ה, „אבות העולם מה ניהו? רבי חייא ובניו" — „ווער זענען די אבות העולם? רבי חייא און זיינע קינדער", וואס זענען געווען די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען אין יענער צייט. אין דער משנה עדיות פרק א' געפינען מיר אנגערופען מיט'ן נאמען „אבות העולם" די ערשטע תנאים בית־שמאי און בית־הלל.

אין דער חסידישער וועלט האט מען אנגעהויבען בענוצען דאס ווארט אבות אויך צו סתם עלטערען און עלטער־עלטערען, אויב די דאזיגע עלטערען זענען געווען בעקאנט אלס צדיקים. מען פלעגט דעריבער גאנץ אפט הערען אין דער חסידישער וועלט זאגען „דער זכות אבות", אדער „דער זכות פון די אבות" זאל ביישטעהן אין א עת צרה, און געמיינט האט מען דערביי דעם זכות פון די פרומע עלטערען און עלטער־עלטערען. וועגען „זכות אבות" איבערהויפט וועלען מיר שרייבען ביים ווארט „זכות אבות".

ביבליאגראפיע: „אוצר השמות", יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אָבות** (די תפלה אין דאווענען). די ערשטע ברכה אין שמונה עשרה הייסט אויך „אבות", ווייל אין איהר ווערט געזאגט „אלהינו ואלהי אבותינו אלהי אברהם ואלהי יצחק ואלהי יעקב". שוין אין די צייטען פון דער משנה (ראש השנה פרק ד') ווערט די דאזיגע תפלה אנגערופען מיט'ן נאמען „אבות". צו דער דאזיגער תפלה אין ראש השנה און יום־כיפור ביי מוסף און נעילה ווי אויך סוכות און פסח ביי טל און גשם איז פאראן ספעציעלע ניגונים, וועלכע ווערען געזונגען אין אלע יודישע קהלות פון פוילען, ליטא און בכלל אלע אשכנזישע יודען. דאגעגען די מזרח־יודען זאגען די דאזיגע תפלה מיט אן'איינפאכער מעלאדיע.

ביבליאגראפיע: די העברעאישע ענציקלאפעדיע „אשכול".

**אָבות פרקי** דאס איז דער נאמען פון דער בעקאנטער מסכתא אין משניות סדר נזיקין. די דאזיגע מסכתא איז זעהר פאפולער ביי אלע יודען אויך מיט'ן סתם נאמען „פרק", און זי ווערט געזאגט פרקים־ווייז א גאנצען זומער, יעדען שבת א פרק.

שוין אין די צייטען פון דער גמרא האט די דאזיגע מסכתא געהייסען „אבות", און מיר געפינען אין דער גמרא בבא קמא דף ל', אז אויב איינער

ווייל זיין א חסיד ,,לקיים מילי דאבות'', זאל ער ערפילען די אנווייזונגען פון דער מסכתא אבות. שוין דער דאזיגער מאמר פון דער גמרא גיעט אונז א כא־ראקטעריסישע מיינונג וועגען דעם אינ־האלט פון ,,פרקי אבות''. דאס איז א זאמלונג פון די ערהאבענסטע רעלי־גיעזע און עטישע ווערטער וועגען יו־דישקייט און מוסר און דרך־ארץ און סתם גוטע מידות פון מענש, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארען דורך די אנגע־זעהענסטע יודישע פיהרער פון די צייי־טען פון די ,,אנשי כנסת הגדולה'' אן (וואס האבען געלעבט אין אנהויב פון דער צייט פון צווייטען בית המקדש), ביז די לעצטע תנאים פון דער משנה. דעריבער הייסט די מסכתא אבות, ווייל די דאזיגע גרויסע יודישע פיהרער ווע־רען בעטראכט אלס די ,,אבות'', די פאטערס פון יודענטום.

באלד אין די ערשטע פרקים ווערען געגעבען די ,,ווערטער'' פון די ,,אנשי־כנסת הגדולה'', דערנאך פון שמעון הצדיק און דערנאך פון די ,,זוגות''; דאס זענען געווען די צוויי יודישע פיה־רער אין יעדען דור, וואס זענען גע־שטאנען אין שפיץ פון סנהדרין. דערנאך הויבען אן צו געהן די ווערטער פון סתם תנאים פון די צייטען פון דער משנה. אין דער מסכתא זענען פאראן זעקס פרקים; דער לעצטער, זעקסטער פרק ווערט אויך אנגערופען די ,,ברייתא פון קנין תורה'' און דארט ווערען גע־זאגט אלע ווערטער וועגען דער גרויס־קייט פון לערנען תורה.

דער אלגעמיינער געדאנק פון די אלע עטישע און רעליגיעזע ווערטער פון פרקי אבות איז, אז דער מענש זאל גוטס טהון צו מענשען, לערנען תורה און די־נען גאט, און נישט זארגען פיל וועגען די זאכען פון דער וועלט. די ,,פרקי אבות'' זאגען, אז מען זאל זיין ,,אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות'' (,,ליב האבען שלום, און זוכען דעם שלום, ליב האבען מענשען''). וועגען העלפען יעדען מענש ווערט געזאגט אין פרקי אבות: ,,יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי עניים בני ביתך'' (,,דיין שטוב זאל זיין אפען פאר יעדען, און ארימע לייט זאלען זיין דיינע שטוב־מענשען''). די פרקי אבות ראטען דעם מענש נישט צו־פיל נאכיאגען זיך נאך געשעפטען, ווייל ,,מרבה נכסים מרבה דאגה'' (,,וואס מעהר געשעפטען מען האט, אלץ מעהר זארגען האט מען''), און דער מענש דארף זיך נישט גרויס האלטען, ,,שתקות אנוש רימה'' (,,ווייל דער סוף פון מענש איז ווערים''). ,,איזה עשיר''? ווער הייסט רייך? ענטפערט די ,,פרקי אבות'' ,,השמח בחלקו'', ווער עס איז צופרידען מיט דעם, וואס ער האט. ,,איזהו חכם''? ווער הייסט קלוג? הלומד מכל אדם, דער וואס פערלאזט זיך נישט אויף זיין אייגע־נעם שכל נאר ער הערט אויס אויך די מיינונגען פון אנדערע. אין פרקי אבות דערגעהט דער מוסר פון יודענטום, די עטיש־רעליגיעזע אנשויאונגען, ביז צו דער העכסטער מדריגה אין די ווערטער ,,אל תהיו כעבדים המשמשין את רבן על מנת לקבל פרס'' (,,איהר זאלט נישט זיין ווי די קנעכט, וואס דינען זייער האר כדי צו בעקומען בעלוינונג'').

צו די ,,פרקי אבות'' זענען שפעטער געשריבען געווארען פירושים דורך די גרעסטע יודישע רעליגיעזע דענקער אין פערשידענע צייטען, ווי דער רמבם, רבי יונה גירונדי, אברבנאל, ר' יוסף יעבץ און אנדערע. א זאמלונג אויסצוגען פון די דאזיגע פירושים האט צונויפגעשטעלט רבי שמואל אוזידא פון צפת אין זיין

„מדרש שמואל", געדרוקט אין ווענעציע 1579. די פרקי אבות זענען איבערגעזעצט געוואָרען און געדרוקט אויף יודיש פיל מאָל אין די סידורים (דאָס ערשטע מאָל איז עס געדרוקט געווען אויף יודיש אין קראָקא יאָהר שמ"ו). עס זענען פאַרהאַן איבערזעצונגען פון פרקי אבות אויף לאַטיין (פון פויליוס פאַגיוס יאָהר 1541), אויף שפּאַניש, דייטש, ענגליש, פויליש, רוסיש און בכלל אויף פיל אַנדערע שפּראַכען. די קריסטליכע געלעהרטען־וועלט האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט די פרקי אבות ספּעציעל צוליב דעם, וואָס עס זענען פאַרהאַן השערות, אַז טייל עטישע אַנשויאונגען און אויסדרוקען פון די ערשטע צייטען פון קריסטענטום זענען גענומען געוואָרען פון די אבות־ווערטער פון די ערשטע תנאים.

עס איז אויך צו בעמערקען, אַז לעצטענס האָט מען נאָכגעוויזען, אַז די „פרקי אבות" האָט געהאַט אויך אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם גרויסען ענגלישען שריפטשטעלער שעקספּיר. ל. קלנר פון וויען האָט אָנגעשריבען וועגען דעם אַ ספּעציעלע אָבהאַנדלונג אין העברעאישען זאַמעלבוך „דביר" (בערלין, תרפ"ג) באַנד 1. ער ווייזט אָן אין אַ גאַנצער רייהע דראַמען פון שעקספּיר זענען פאַרהאַן אויסדריקען, וואָס זענען גענומען געוואָרען בוכשטעבליך פון פרק ווי „שכר מצוה מצוה", „שלי שלך ושלך שלי" און אַנדערע. קלנר גלויבט, אַז שעקספּיר האָט געקענט די לאַטיינישע איבערזעצונג פון פרק דורך פאַגיוס.

דער מנהג צו זאָגען „פרק" אין די שבתים ווערט געבראַכט שוין אין סידור פון רב עמרם גאון, וועלכער זאָגט, אַז אין בבל אין די צייטען פון די גאונים איז געווען דער מנהג שבת נאָך מנחה צו לערנען פרקי אבות און די ברייתא פון קנין תורה. דער טור אורח חיים סימן רצ"ב זאָגט, אַז אין שפּאַניען איז געווען דער מנהג צו זאָגען פרק שבת אין דער פריה. דער „כל־בו" סימן מ' דערצעהלט, אַז אין דייטשלאַנד איז געווען אַ מנהג צו זאָגען פרק שבת נישט נור זומער נאָר אויך ווינטער; אין טייל ערטער זאָגט מען עס נור פון שבת „יתרו" ביז שבת „מסעי".

ביבליאָגראַפיע: זכריה פראַנקעל אין „מאָנאַטסשריפט" יאָהר 1852; דייטשע אויסגאַבע פון פרקי אבות פון שטראַק מיט אַנ'איינלייטונג, לייפּציג, 1888; צונץ: „ריטוס"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָבות דרַבִּי נָתָן** דאָס איז אויך דער נאָמען פון אַ מסכתא, וואָס ענטהאַלט עטישע און רעליגיעז־מאָראַלישע ווערטער פון תנאים פון די צייטען פון דער משנה. פון דעם נאָמען „אבות דרבי נתן" איז צו זעהן, אַז מען האָט געהאַלטען רבי נתן, דעם בעקאַנטען תנא, אַלס דעם צוזאַמענשטעלער פון דער מסכתא. באַלד צווישען די ערשטע תנאים, וואָס ווערען דערמאָהנט אין דער מסכתא, געפינט זיך דער נאָמען פון רבי נתן. אין דער דאָזיגער מסכתא געפינען זיך אויך כמעט אַלע ווערטער, וואָס זענען פאַרהאַן אין פרקי אבות. עס זענען דעריבער געווען טייל יודישע געלעהרענטע פאָרשער, ווי שי"ר (ראַפּאָפּאָרט) און האָפמאַן, וואָס האַלטען, אַז גאָר אַמאָל האָט עקזיסטירט נור די „אבות דרבי נתן", און שפּעטער האָט מען דערפון געמאַכט אַ קיצור און דערפון איז אַרויסגעקומען די פרקי אבות. דאַגעגען אַנדערע געלעהרטע ווי צונץ זאָגען, אַז די „אבות דרבי נתן" איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען ערשט אין גאָר שפּעטע צייטען, נאָך די צייטען פון

דער גמרא. לעצטענס האָט מען געפינען, אַז פון „אבות דרבי נתן" האָבען עקזיסטירט צוויי נוסחאות, וואָס די געלעהרענטע רופען אָן „נוסח א'" און „נוסח ב'"; דער „נוסח א'" בעשטעהט פון 41 פרקים, דער „נוסח ב'" פון 48 פרקים. דער בעקאַנטער געלערנטער שעכטער האָט פערעפענטליכט ביידע נוסחאות מיט פערשידענע טעקסט־פערגלייכונגען אין וויען יאָהר 1887.

אויך אין אבות דרבי נתן זענען פאַרהאַן ערהאַבענע עטישע און רעליגיעז־מאָראַלישע ווערטער: אַזוי ווערט דאָרט געזאָגט: „אם יתן איש לחבירו ממון הרבה ואין פניו פשוטין לו כאילו לא נתן כלום" („אויב איינער שענקט זיין חבר אַ סך געלד, נאָר טהוט עס נישט מיט אַ צופרידען געזיכט, איז עס פונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט געגעבען"). אויף די ווערטער פון פרקי אבות, אַז דער מענש דאַרף זיך נישט גרויס האַלטען ווייל ער וועט דאָך ווערען נאָך זיין טויט „רימה ותולעה" („ווערים"), זאָגט דער „אבות דרבי נתן", אַז נישט נור נאָכ'ן טויט, נאָר אויך ביים לעבען איז דער מענש „רימה", נישט מעהר ווי אַ ווערימעל. אין „אבות דרבי נתן" געפינען מיר אויך פיל ווערטער, וואָס לויבען די גרויסקייט און שענקייט פון ארץ־ישראל, און עס ווערט דאָרט געזאָגט „אין לך יופי כיופי של ירושלים" („קיין שטאָדט איז נישט אַזוי שען ווי ירושלים"). אין אבות דרבי נתן געפינען מיר אויך טייל ידיעות וועגען חורבן ירושלים און וועגען דער ענטשטעהונג פון די צוויי יודישע סעקטען אין די צייטען פון בית המקדש, די „צדוקים" און „ביתוסין". עס ווערט דאָרט אויך דערמאָהנט אַ ספר „הלכות חסידים", וואָס איז צו אונז נישט דערגאַנגען.

צום אבות דרבי נתן זענען געשריבען געוואָרען פיעל פירושים, און די מסכתא זעלבסט איז איבערגעזעצט געוואָרען אין לאַטיין, ענגליש און דייטש. אויף יודיש איז נישט פאַרהאַן קיין איבערזעצונג.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: שי"ר אין „כרם חמד" חלק ג'; פראַנקעל „דרכי המשנה". חיות: „שאלות ותשובות מהר"ץ" סימן י"ג; האָפמאַן „די ערשטע משנה" (אויף דייטש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אבטולמוס בן ראובן** דאָס איז אַ תנא, וואָס האָט געלעבט אונגעפעהר אין די צייטען פון בר כוכבא. ער האָט געלערנט ביי די תנאים רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה, רבי עקיבא און רבי טרפון, וועלכע ער רופט אָן מיט'ן נאָמען חמשה זקנים. ער ברענגט עטליכע הלכות אין נאָמען פון די דאָזיגע רביים. די בעדייטונג פון דאָזיגען אבטולמוס, וועלכער ווערט אויך אָנגערופען „אבטולוס" און „אבטולים", בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי די רוימישע שרים, וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט אין ארץ־ישראל. אבטולמוס האָט געקענט די שפּראַכען גריכיש און לאַטיין און ער איז געווען אַן איינגעהער צו די רוימישע הערשער און פלעגט פועל'ן ביי זיי טובות פאַר יודען. וועגען איהם זאָגט די גמרא אין בבא קמא פ"ג, אַז אַבוואָהל פאַר אַ יוד איז געווען אסור צו אָבשערען זיך און אונטען איבערלאָזען זיך לאַנגע האָהר („לספר קומי"), ווייל דאָס איז געווען דער שטייגער שערען זיך פון נישט יודען, פונדעסטוועגען האָבען די חכמים מתיר געמאַכט אבטולמוס'ן, אַז ער זאָל זיך יאָ אָבשערען „קומי", ווייל ער איז געווען אַן איינגעהער אין הויף פון די רוימישע הער־

שער, „קרוב למלכות". עס איז פאראן א מיינונג, אז אויך דער חשוב ביי די רוימישע הערשער ראובן בן איסטרובלי וואס וועגן איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא מעילה י"ז א', אז ער האט געראטעוועט יודען פון שווערע גזירות, איז דערזעלבער אבטולמוס בן ראובן, און אז אין דער גמרא איז א גרייז. אנ־דער מיינונג איז פאראן, אז דער אבטולמוס איז געווען דער פאטער פון יענעם ראובן. אבער אויך דאס איז נישט זיכער.

ביבליאגראפיע: קרויס: אין „ביזאנטינישע צייטשריפט" און אין זיין בוך „גריכישע לעהן־ווערטער אין תלמוד" (דייטש). יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבטינס** דאס איז דער נאמען פון א יודישער פאמיליע אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש. די משנה אין יומא פרק ג' דערצעהלט וועגן די מיטגלידער פון „בית אבטינס" (משפחה אבטינס), אז זיי האבען געקאנט גוט איינריכטען די קטורת (שמעקעדיגער ווייריך) פון בית־המקדש, און זיי האבען עס קיינעם נישט געוואלט אויסלערנען, און דעריבער האָ־בען די חכמים זיי פערשאלטען. אין דער גמרא יומא ל"ח ווערט געזאגט, אז די אבטינס־פאמיליע האט זיך פערענטפערט, אז דעריבער האבען זיי דאס קיינעם נישט געוואלט אויסלערנען, ווייל זיי וויסען, אז דאס בית־המקדש וועט חרוב ווערען און עס קאן קומען איינער און מאכען די זעלבע קטורת פאר עבודה־זרה. עס ווערט דארט אויך דערצעהלט, אז קיין פרוי פון זייער פאמיליע האט נישט גע־נוצט קיין שמעקעדיגע זאכען, כדי מען זאל נישט זאגען, אז דאס איז פון די קטורת. די פאמיליע האט געהאט א „מגלת סממנין", וואו עס איז געווען געשריבען ווי אזוי מען דארף די קטורת מאכען. טייל געלעהרטע מיינען, אז דער נאמען „אבטינס" איז פון דער גריכי־שער שפראך „איי" (גוט) און „דומא" (רויך) און דאס האט א שייכות געהאט צו זייער פראפעסיע.

ביבליאגראפיע: יודישע ענצי־קלאפעדיעס; "ערך מלין" פון ראפאפארט אין בריעף צו יהודה לייב לעף.

**אבטליון** דאס איז דער נאמען פון איינעם פון די גרעסטע יודישע פיהרער אין ירושלים אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש, בעת דער הערשאפט פון די לעצטע יו־דישע פירשטען פון דער חשמונאים־דינאסטיע. ער איז געווען פון די „זוגות", און אלס זיין חבר איז געווען „שמעיה", און מיר געפינען זיי אין דער משנה און גמרא צוזאמען „שמעיה ואבטליון". לויט א געוויסער טראדיציע אין דער משנה איז שמעיה געווען דער נשיא פון די סנהדרין און אבטליון איז געווען דער ראש בית־דין. אין דער גמרא פסחים (ס"ו און ע') ווערט גע־זאגט וועגען אבטליון, אז ער איז געווען פון די „גדולי הדור", „די גרעסטע פון דער צייט", און פון „דרשנים גדולים", די גרויסע ערקלערער פון רעליגיעזע זאכען. לויט איין קוועלע אין דער גמרא (גטין נ"ז) האט אבטליון געשטאמט פון נישט־יודען, פון גרים, און ער זאל הא־בען געווען א אור־אייניקעל פון סנחריב מלך אשור, וועלכער זאל זיך האבען מגייר געווען. אויך פון אנדערע גמרא־ערטער (יומא ע"א און די משנה אין עדיות) איז צו זעהן, אז עס האט גע־הערשט די מיינונג, אז אבטליון שטאמט פון גרים. פון אבטליון איז פאראן אין

פרקי אבות א לעהר־וואָרט: ,,חכמים הזהרו בדבריכם, שמא תחובו חובת גלות ותגלו למקום מים הרעים וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו ונמצא שם שמים מתחלל'', אַז חכמים דאַרפֿען זיין פאָרזיכטיג מיט זייערע ווערטער, ווייל זייערע תלמידים קאָנען זיי שלעכט אויסטייטשען און דער נאָמען פון גאָט וועט ווערען פערשוועכט.

טייל געלעהרטע ווילען האָבען, אַז אבטליון ווערט דערמאָהנט אויך אין דעם היסטאָרישען ווערק יודישע ,,אַלטערטימער'' (15, 1) פון פלאַוויאוס, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז ווען הורדוס המלך איז געוואָרען קעניג, האָט ער געטויט אַ סך יודישע חכמים, אָבער ער האָט נישט געטויט ,,פאָליאָן''; דער זעלבער ,,פאָליאָן'' ווערט אויך דערמאָהנט ביי פלאַוויאוס'ן אַלס רבי און חבר פון ,,סאַמעאַס''. וועגען די דאָזיגע צוויי נעמען ,,פאָליאָן'' און סאַמעאַס זענען געשריבען געוואָרען פיל אָבהאַנדלונגען פון געלעהרטע יודישע היסטאָריקער, וואָס זענען מחולק, וועמען מען מיינט. טייל ווילען האָבען, אַז דאָס מיינט מען ,,פאָליאָן''־אבטליון, און ,,סאַמעאַס''־שמעיה. אַנדערע אָבער ווילען האָבען, אַז ,,פאָליאָן'' און ,,סאַמעאַס'' מיינט מען גאָר הלל און שמאי, וואָס זענען געווען די תלמידים פון שמעיה ואבטליון. אַנדערע ווידער זאָגען אַרום די השערה, אַז פאָליאָן מיינט מען אבטליון און סאַמעאַס מיינט מען שמאי, וועלכער זאָל האָבען געווען דער תלמיד פון אבטליון. זיכער איז נישט קיינע פון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען.

אבטליון האָט צוזאַמען מיט שמעיה געפיהרט אַ ישיבה אין ירושלים און זייערע הויפּט־תלמידים זענען געווען הלל און שמאי, און די משנה אין פרקי אבות זאָגט: ,,הלל ושמאי קבלו מהם''. אין דער משנה ווערען געבּרענגט עטליכע הלכות אין נאָמען פון אבטליון צוזאַמען מיט זיין חבר שמעיה.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: ווייס: ,,דור דור ודורשיו'' באַנד 1; גרעץ; שירער; ,,די געשיכטע פון די יודען''; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

## אַבִי זִמְרָא

דאָס איז דער נאָמען פון אַ בעקאַנטער יודישער פאַמיליע, וואָס האָט צוערשט געוואוינט אין שפּאַניען פון 13־טען יאָהרהונדערט ביז צום סוף פון 15־טען יאָהרהונדערט. נאָכ'ן גירוש פון יודען פון שפּאַניען (אין יאָהר 1492) איז אַ טייל פון דער אבי־זמרא־פאַמיליע אַוועק קיין אַפריקא און האָט זיך בּעזעצט אין אַלזשיר, און אַ טייל פון זיי האָט זיך בּעזעצט אין ארץ־ישראל. פון דער פאַמיליע איז כדאי צו פערצייכנען דעם מחבר פון פּיוטים אברהם בן מאיר, וועלכער איז געווען איינער פון די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניען. ער האָט געשריבען אַ מוסר־ליעד ,,נפשי למתי תסכלי דרך'' (,,מיין נשמה, ביז ווי לאַנג וועסטו געהן אין נישט גליכען וועג''). אַ צווייטער פּיוטים־מחבר איז אויך געווען יצחק מאַנדיל אבי־זמרא אין אַלזשיר אין 16־טען יאָהרהונדערט. זיינע פּיוטים זענען פאַרהאַן אין די מחזורים פון די קהלות אין צפון־אַפריקא. אָבער די וויכטיגסטע פערזענליכקייט פון דער פאַמיליע איז געווען רבי דוד בן שלמה אבי זמרא, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען ,,רדב''ז''. וועגען איהם שרייבען מיר בעזונדער.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: ,,נר המערב'' 56; סלושטש אין די ,,רשימות'' באַנד 4; העברעאישע ענציקלאָפּעדיע, ,,אשכול''.

**אַבִּי זִמְרָא דָּוִד** (רדב״ז). ער איז געווען איינער פון די גרעסטע יודישע רבנים אין 16־טען יאָהרהונדערט, און אויך היינט איז ער אַ אויטאָריטעט אין דער לומדישער וועלט. רבי דוד אבי זמרא אָדער „בן זמרא״ (דערפון איז זיין ראשי־תבות־נאָמען רדב״ז) איז געבוירען געוואָרען ביי זיין פאָטער שלמה אין שפּאַניען אין יאָהר 1479. פּונקט אין יאָהר ווען ער איז געוואָרען בר־מצוה איז פאָרגעקומען דער גרויסער גירוש פון די שפּאַניען. רבי דוד צוזאַמען מיט זיינע עלטערען האָט פערלאָזט שפּאַניען און האָט זיך בעזעצט אין צפת. דערנאָך איז ער אַוועק קיין פעז אין אַפריקא און אין יאָהר 1512 האָט ער זיך בעזעצט אין עגיפּטען. שוין דעמאָלס אַלס יונגערמאַן איז ער בעריהמט געוואָרען אַלס גרויסער למדן, און די עגיפּטישע יודען האָבען איהם אויפגענומען אַלס זייער העכסטען רב. אין עגיפּטען איז ער געווען רב אַ זעהר לאַנגע צייט ביז צום יאָהר 1569, ווען ער איז אַלט געוואָרען 90 יאָהר. ער איז דעמאָלס אַוועק קיין ירושלים און דערנאָך קיין צפת, וואו ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר 1589 (אין עלטער פון 110 יאָהר).

די בעדייטונג פון רדב״ז בעשטעהט קודם כל אין די פיל וויכטיגע ספרים, וואָס ער האָט מחבר געווען, ווי „שאלות ותשובות רדב״ז״ (געדרוקט אין ליוואָרנא 1651, ווענעציא 1749, פירט 1781, ליוואָרנא 1818), ווי אויך אַ פּירוש אויף אַ סך שטעלען פון רמב״ם מיט׳ן נאָמען „יקר תפארת״. אַ חוץ דעם האָט ער געשריבען אַנדערע הלכה ספרים און אויך עטליכע ספרים אויף קבלה. דער רדב״ז האָט אויך אויסגעשטעלט גרויסע תלמידים, וואָס זענען נאָכהער געוואָרען די רעליגיעזע פיהרער פון יודישען פאָלק, ווי דעם גרויסען גרינדער פון דער קבלה־שיטה אין צפת רבי יצחק לוריא (ר״י), רבי בצלאל אשכנזי; אויך דער מחבר פון שולחן ערוך, רבי יוסף קארו האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד. ביז די צייטען פון רדב״ז האָבען די יודען אין מצרים געצעהלט זייער צייט־רעכנונג לויט דעם אַלטען „מנין שטרות״ פון גריכישען קעניג אַלעקסאַנדער מוקדון. דער רדב״ז האָט דאָס אָבגעשאַפט און דאָרט איינגעפיהרט די צעהלונג „לבריאת העולם״, ווי עס איז היינט אָנגענומען די יודישע צעהלונג.

וועגען יאָהר, ווען דער רדב״ז איז נפטר געוואָרען געפינען מיר אין היסטאָרישען ספר „קורא הדורות״ פון רבי דוד קונפורטו, אַז דער רדב״ז איז נפטר געוואָרען ווען ער איז אַלט געווען 110 יאָהר. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר 1589. דער „קורא הדורות״ דערצעהלט אויך, אַז דער רדב״ז איז געווען זעהר אַ רייכער מאַן און אַז ער האָט געפינען ביי זיך אין הויז אַ אוצר פון טויזענדער רענדלעך, און ער האָט דעם אוצר צעטיילט צווישען אָרימע תלמידי חכמים. גרויסע סומעס געלד האָט ער אויך געשיקט קיין ירושלים, חברון און צפת, כדי אויפצוהאַלטען דאָרט דעם יודישען ישוב.

ביבליאָגראַפיע: „קורא הדורות״; אזולאי, „שם הגדולים״; גרעץ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָבִיב** דאָס איז געווען אין די גאָר אַלטע צייטען פון תנ״ך דער יודישער נאָמען פאַר דעם חודש „ניסן״. ווי בעוואוסט, זענען די היינטיגע יודישע נעמען פון חדשים נישט קיין אור־אַלטע

יודישע, נאָר די יודען האָבען זיי איבערגענומען פון די באַבילאָנער. ווען זיי זענען געווען אין גלות בבל נאָכ'ן חורבן פון ערשטען בית־המקדש. אין תנ"ך ווערען די חדשים בעצייכענט מיט צאָהלען, און ניסן האָט געהייסען דער ערשטער חודש, אייר דער צווייטער חודש און אַזוי כסדר, ביז אדר האָט געהייסען דער 12־טער חודש. אָבער פון 4 חדשים זענען יאָ געבליבען אין תנ"ך אויך זייערע אור־אַלטע יודישע נעמען, און דער חודש ניסן איז איינער פון זיי און הייסט „אביב". מיר געפינען אין חומש שמות י"ב „היום אתם יוצאים בחדש האביב" און אין חומש דברים ט"ז: „כי בחדש האביב הוציאך ה' אלהיך ממצרים" („וואָרום אין חודש אביב האָט דיך גאָט אַרויסגענומען פון מצרים") און דאָס איז אין חודש ניסן.

ערשט אין די שפּעטערע צייטען פון תלמוד האָט מען אָנגעהויבען בעצייכנען מיט'ן וואָרט „אביב" פריהלינג אום אַלגעמיין, דאָס הייסט די חדשים ניסן, אייר, סיון, און די גמרא סנהדרין י"א ברענגט די ברייתא, אַז אויף דריי זאַכען מאַכט מען אַ יאָהר פאַר אַ עיבור־יאָהר און מען גיט־צו נאָך אַ חודש, און איינע פון די דריי זאַכען איז „על האביב", דאָס הייסט, אויב דער פריהלינג האָט זיך פאַרשפּעטיגט און די תבואה אין ארץ־ישראל, וואו עס ווערט צייטיג אין פריהלינג, איז נאָכנישט צייטיג געוואָרען. אין דער שפּעטערדיגער העברעאישער ליטעראַטור איז דאָס וואָרט „אביב" בענוצט געוואָרען נור צו בעצייכנען דעם פריהלינג, און אויך דעם פריהלינג פון מענשענס לעבען פלעגען די העברעאישע דיכטער אָנרופען „אביב ימי" („דער פריהלינג פון מיינע טעג"). אין דעם נאָמען פון דער נייער יודישער שטאָדט אין ארץ־ישראל אין אונזערע צייטען „תל־אביב" איז אויך געלעגען דער זין פון „פריהלינג", פון נייער יודישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: „מלון" פון בן־יהודה, אוצר ישראל.

## אַביגדור אברהם

ער איז געווען אַ בעריהמטער דאָקטאָר און שריפטשטעלער און איבערזעצער אין דרום־פראַנקרייך אין 14־טען יאָהרהונדערט. אביגדור אברהם, וועלכער איז אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען „אברם בוניט" איז געבוירען געוואָרען אין אָרלעי (אין דרום־פראַנקרייך) אין יאָהר 1351 (קי"א) אין אַ פאַמיליע פון בעריהמטע דאָקטוירים. ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און מעדיצין אין דער אוניווערסיטעט פון דער שטאָדט מאָנפעליער. נאָכהער איז ער געוואָרען דאָקטאָר. ער האָט געשריבען אַ סך ביכער וועגען מעדיצין און פילאָזאָפיע, און ער האָט אויך געמאַכט פיל איבערזעצונגען פון ביכער איבער לאָגיק און מעדיצין. אין יענע צייטען איז געווען די גרויסע מחלוקה ביי יודען, צי מען זאָל לערנען פילאָזאָפיע, ווייל דאָס פיהרט אַראָב פון וועג פון אמונה. אביגדור שרייבט וועגען דעם אין איינעם פון זיינע ספרים, אַז ער איז געגען די פילאָזאָפען, וואָס זענען נישט פאָרזיכטיג מיט זייערע ווערטער און ברענגען די לעזער צו אפיקורסות. וועגען זיך אַליין זאָגט אביגדור, אַז ער היט אָב אַלע מצוות און איז אַ גלויביגער. פון זיינע ספרים איז קיין איינער נישט ערשינען; אַלץ איז פערבליבען אין כתב־יד. אביגדור'ס זוהן איז געווען דער בעריהמטער איבערזעצער אביגדור שלמה, וועגען וועלכען מיר שרייבען בעזונדער.

ביבליאָגראַפיע: גראַעץ: „גאליא

„יודאאיקא" (אין פראנצויזיש); יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אביגדור גאלדסמיד אסמאנד,

איז דער נאָמען פון א גרויסען יודישען כלל־טוער אין ענגלאנד. אין יאָהר 1931 איז ער אויסגעוועהלט געוואָרען אלס פרעזעס פון דער „יודישער אגענצי". ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1877 (א זיהן פון עלים העברי אביגדור). א געוויסע צייט איז ער געשטאנען אין דער שפיץ פון דער „אנגליא־דזשואיש אסאָסיישאָן" (ענגליש־יודישע געזעלשאפט). אביגדור גאָלדסמיד איז אויך א מיטגליד פון דער פערוואלטונג פון יק"א, און טהוט אויך ארבייט פאר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

## אביגדור כהן צדק (בן אליהו).

ער איז געווען איינער פון די גרעסטע יודישע פוסקים, פון די „ראשונים", און האָט געלעבט אין 13־טען יאָהרהונדערט אין וויען; דאָרט איז ער געווען רב און האָט געלערענט מיט תלמידים. זיין נאָמען און אָנזעהן איז געווען זעהר גרויס אין דער לומדישער וועלט און מען האָט זיך מיט איהם שטארק גערעכענט. ער איז אויך בעקאנט מיט'ן נאָמען רבנו אביגדור כהן צדק. זיין הויפט־תלמיד איז געווען דער בעריהמטער פוסק רבי מאיר פון רוטענבערג, וואָס איז בעקאנט מיט'ן נאָמען „מהרם מרוטענבערג". דער דאָזיגער תלמיד שרייבט צו דער קהלה אין וויען וועגען זיין רבי, אז ער איז ווי דער אורים ותומים. דער גרויסער פוסק רבנו אשר (רא"ש) ברענגט איהם און רופט איהם אָן „רבנו הגדול" (אונזער גרויסער רבי). אין „מרדכי" און הגהות „מיימוניות" ווערען געבראכט הלכות פון רבי אביגדור כהן צדק. עס איז פאראַן א מיינונג, אז די תוספות, וואָס מיר האָבען אויף די מסכתאות עירובין און כתובות זענען פון רבי אביגדור. ער האָט אויך מחבר געווען פירושים אויף תורה און אויף די פינף מגילות. אָבער זיי זענען נישט געדרוקט געוואָרען און געפינען זיך אין כתב־יד אין דער ביבליאָטעק אין האמבורג.

ביבליאגראפיע: שטיינשניידער: קאטאלאג פון כתבי־יד אין האמבורג; יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אביגדור העברי עלים (1841—1895).

איינער פון די ערשטע חובבי ציון אין ענגלאנד; נאָך איידער עס איז אויפגעקומען דער ציוניזם האָט העברי עלים אביגדור שוין געהאט געגרינדעט אין ענגלאנד א געזעלשאפט צו קאלאָניזירען ארץ־ישראל דורך יודען ערד־ארבייטער. אביגדור איז געבוירען געוואָרען אין לאָנדאָן אין יאָהר 1841; זיין מוטער איז די גרעפין ראָשעל ד'אביגדור, א בעריהמטע פילאנטראָפישע פרוי, וואָס האָט אין לאָנדאָן געגרינדעט שפיטאלען. העברי אביגדור איז געווען א גרויסער אינזשינער און האָט געבויט אייזענבאהנען אין סיריען און טראנסילוואניען. ער האָט אויך געשריבען פיל ביכער אין ענגליש. זיין הויפט־בעדייטונג בעשטעהט אין זיין ארבייט פאר די פערשפרייטונג דעם חובבי־ציון־געדאנק נישט נור אין ענגלאנד נאָר אויך אין אנדערע לענדער. אין יאָהר 1891 איז ער געווען אין פאריז צו פעראייניגען די חובבי־ציון פון דער גאנצער וועלט. דאס איז געווען דער אָנהויב פון ציוניזם. אביגדור איז אויך געווען איינער פון די הויפט־פיהרער פון

דער יודיש־ספרדישער קהלה אין לאָנדאָן און אויך מיטגליד פון דער „אַנגלאָ דזשואיש־אַסאָסיישאָן״ („יודיש־ענגלי־שער פערבאַנד״). געשטאָרבען איז ער אין יאָהר 1895.

ביבליאָגראַפיע: ציטראָן: לעקסי־קאָן (העברעאיש); סאָקאָלאָוו: „געשיכטע פון ציוניזם״ (ענגליש). יודישע ענציקלאָ־פעדיעס.

## אביגדור בן יוסף חיים

ער איז געוועזן רב צוערשט אין שקלאָוו און דערנאָך אין פינסק אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט. ער איז בעריהמט דורך זיין קאמף געגען חסידים און חסידישע רביים. אין יענע צייטען איז די מלחמה צווישען מתנגדים און חסידים געווען גאָר גרויס. אין פינסק איז פריהער געוועזן רב דער בעריהמטער למדן און שפעטער חסידישער רבי, רבי לוי יצחק, שפעטער רב אין בערדיטשעוו, מחבר פון ספר „קדושת לוי״. די מתנגדים האָבען איהם רודף געווען און אין יאָהר תקל״ב (1772) פערטריבען פון פינסק; אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען קיין פינסק אַלס רב רבי אביגדור. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער זיין שנאה צו חסידים איז געווען זעהר גרויס און ער האָט זיי פער־פאָלגט. די חסידים האָבען איהם אויך גענומען רודף זיין, אַזוי, אַז אויך רבי אביגדור האָט אין יאָהר 1795 זיך גע־מוזט אָבזאָגען פון זיין רבנות אין פינסק. ער האָט דעמאָלס געשיקט צום רוסישען קייזער פאַוועל אַ אָנקלאַגע אויף די חסידים און ער איז וועגען דעם ספעציעל געפאָהרען קיין פעטערבורג, וואו ער זאָל האָבען אויפגענומען געוואָרען דורכ׳ן קייזער. אין יענער צייט האָט מען לויט אַ בעפעהל פון קייזער אַרעסטירט דעם בעריהמטען חסידישען רבי, רבי שניאור זלמן פון לאַדי, דעם גרינדער פון דער ליבאָוויטשער דינאַסטיע. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז דער אַרעסט איז פאָרגע־קומען לויט אַ מסירה פון רבי אביגדור. וועגען די שפעטערע יאָהרען פון רבי אביגדור איז אונז נישט בעקאַנט קיין פרטים. אין די חסידישע קרייזען האָט מען רבי אביגדור׳ן געשאָלטען און איהם גערופען אָהן דעם טיטול „רבי״, נאָר סתם „אביגדור פון פינסק״. דער זוהן פון רבי אביגדור מיט׳ן נאָמען רבי חיים איז געווען מורה־הוראה אין פינסק. פון רבי אביגדור זענען פאַרהאַן הסכמות אויף די ספרים „שיח השדה״ פון רבי אליעזר בן מאיר הלוי (געדרוקט אין שקלאָוו תקמ״ה) און „ריח השדה״ פון זעלבען מחבר (געדרוקט אין שקלאָוו תקנ״ה).

ביבליאָגראַפיע: טויטעלבוים: „הרב מלאדי״; עפשטיין: „מקור ברוך״; „שיח שרפי קודש״. דובנאָוו: „דורות אחרונים״. „אשכול״־ענציקלאָפעדיע.

## אביגדור סופר (אויך איצמוניש)

פון אייזענשטאַדט. ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע שרייבער, וואָס האָבען אין די עלטערע צייטען געשריבען ספרים׳לעך אויף דער אַלטער יודישער שפראַך „יודיש־טייטש״. ער האָט גע־לעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט אין דער שטאָדט אייזענשטאַדט אין אונגאַרן, און ער איז דאָרט געווען, ווייזט־אויס, דער סעקרעטאַר (סופר) פון דער יודישער קהלה, און דערפון שטאַמט זיין נאָמען אביגדור סופר. זיין פאָטער האָט געהיי־סען משה. רבי אביגדור סופר איז אויך בעקאַנט מיט דעם נאָמען „איצמוניש״. ער האָט איבערזעצט אויף יודיש־טייטש דעם גאַנצען סידור ווי אויך דעם מחזור פאַר אַ גאַנץ יאָהר. אין דער מחזור־

איבערזעצונג האָט ער אויך איינגע־טייטשט די שווערע נישט־קלאָרע פיוטים. די מחזור־איבערזעצונג איז געווען גע־דרוקט אין קראָקא אין יאָהר של״א (1571) און די סידור־איבערזעצונג אין קראָקא יאָהר שנ״ד (1594). רבי אביגדור האָט אויך אָנגעשריבען אויף אַלט־יודיש אַ ביכעל וועגן גזירה („וינר גזירה״) וועגען דעם גירוש פון יודען פון ווין. דאָס דאָזיגע ביכעל איז איבערזעצט געוואָרען אויף העברעאיש אין קראָקא. אַביגדור סופר האָט אויך איבערזעצט און אָבגעדרוקט אויף יודיש דעם „שיר היחוד״.

ביבליאָגראַפיע: גרונוואַלד: „היהודים באונגריה״; אוצר הספרים; אשכול־ענציקלאָפּעדיע.

## אביגדור שלומה בן אברהם.

ער איז געווען אַ בעריהמטער איבערזעצער פון וויסענשאַפטליכע ספרים אויף העב־רעאיש אין ענדע פון 14־טען און אָנהויב 15־טען יאָהרהונדערט. זיין פאָטער איז געווען אביגדור אברהם, וועגען וועלכען מיר שרייבען בעזונדער. אביגדור שלמה איז געבוירען געוואָרען אין דרום־פראַנק־רייך אין דער שטאָדט ארלעי אין יאָהר 1384. שוין ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָהר האָט ער איבערזעצט פון לאַטיין אויף העברעאיש דאָס אַסטראָנאָמישע בוך „דע יודיצי אַסטראָנאָמיע״ פון אַרנאָלדי דע ווילאַנאָווא. אויף העברע־איש האָט ער עס אַ נאָמען געגעבען „פנים במשפט״. דאָס בוך איז געבליבען אין כתב־יד. אביגדור שלמה האָט אויך איבערזעצט דאָס אַסטראָנאָמישע בוך „ספערא מונדי״ פון סאַקרא־באָסקא אויף העברעאיש מיט׳ן נאָמען „מראה האופנים״ און דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרען צום סוף פון ספר „צורת הארץ״ פון רבי אברהם בן חיים הנשיא אין אָפּענבאַך יאָהר 1720. אין די ביכער ווערען בעהאַנדעלט דער אַלטער אַסטראָ־נאָמישער סיסטעם פון די הימעלס־ספערען („גלגלים״), אויך די כללים פון אַסטראָלאָגיע און דעם איינפלוס פון די שטערענס אויף דעם גורל פון מענש.

ביבליאָגראַפיע: שטיינשניידער: „קאַטאַלאָג פון באדלעיאָן״, ווי אויך אין „העברעאישע איבערזעצונגען״ (דייטש); יו־דישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אביגדור בן שמחה פון גלאָגאָוו

דאָס איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע יודישע משכילים אין די צייטען פון משה מענדעלסאָן, וואָס האָט גע־פיהרט צווישען פרומע יודען די פּראָפּאַ־גאַנדע, אַז מען זאָל לערנען וועלטליכע בילדונג. אביגדור בן שמחה האָט זיך געפלעגט אונטערשרייבען אונטער זיינע אַרטיקלען מיט׳ן ראשי־תבות „אלם״, וואָס מאַכט „אביגדור לוי מגלוגא״, ווייל ער איז געווען אַ לוי און האָט געשטאַמט פון דער שטאָדט גלאָגאָוו. ער איז גע־בוירען געוואָרען אין דער ערשטער העלפט פון 18־טען יאָהרהונדערט און איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1810. ער איז געווען לעהרער אין פּראָג. עס ווערט דערצעהלט, אַז צוליב אַ מסירה איז ער געווען אַרעסטירט, און אַ דאַנק משה מענדעלסאָן האָט מען איהם בע־פרייט. אביגדור האָט געדרוקט אַ רייהע ספרים ווי „דבר־טוב״ אויף דקדוק, געדרוקט אין פּראָג 1783, ווי אויך „אגרות רמ״ד״ (וויען 1797), וואָס בע־שטעהט פון בריף פון מענדעלסאָן צו איהם (רמ״ד מאַכט „רבי משה דעסאָ״, דאָס איז מענדעלסאָן). ער האָט אויך אַרויסגעגעבען דעם חומש מיט מענדעל־סאָנס דייטשע איבערזעצונג. זיינע

„אגרות רמ"ד" האָבען אַ בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער השכלה־בעוועגונג און דעם קאַמף פון פרומע יודען געגען דער השכלה.

ביבליאָגראַפיע: פין: „כנסת ישראל", „אוצר הספרים"; ליאַכאָוועצקי: „תולדות הספרות העברית החדשה", יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אביגיל** אין תנ"ך געפינען מיר צוויי פרויען מיט דעם נאָמען אביגיל. איינע איז דערמאָהנט אין שמואל ב', קאַפּיטעל י"ז און עס ווערט דערצעהלט, אז זי איז געווען אַ שוועסטער פון דוד המלך. די צווייטע אביגיל ווערט דערמאָהנט אין שמואל א' קאַפּיטעל כ"ה און דערנאָך ווייטער אין ספר שמואל. זי איז אין אַנהויב געווען די פרוי פון אַ געוויסען גוטס־בעזיצער אין ארץ־ישראל מיט'ן נאָמען נבל הכרמלי, וועל־כער האָט געהאַט אַ סך סטאַדעס שעפּסען נאָר ער איז געווען זעהר אַ קאַרגער מאַן און ער האָט נישט געוואָלט שטיצען דוד המלך, ווען ער מיט זיינע מענשען האָבען געליטען נויט. ווען נבל איז געשטאָרבען איז אביגיל געוואָרען די פרוי פון דוד המלך. אין תנ"ך ווערט דערצעהלט וועגען איהר, אז זי איז געווען „טובת שכל ויפת תאר", אַ קלוגע און אַ שעהנע. אין דער גמרא זענען פאַרהאַן פיל דרשות וועגען אביגיל. אין דער גמרא מגילה י"ד ווערט זי פערעכענט צווישען די 7 פרויען־נביאות, וואָס זענען געווען ביי יודען. אָבער אין דעמזעלבען אָרט פון דער גמרא ווערט געמאַכט פאַרוואָרפען אביגיל, פאַרוואָס זי האָט אין זיינען גע־האַט צו ווערען דוד המלך'ס פרוי נאָך אין דער צייט ווען איהר מאַן האָט גע־לעבט.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל", „אשכול".

**אבידאָס** דאָס איז די טערקישע פעס־טונג ביי די דאַרדאַנעלען, וועגען וועלכער מען האָט אין דער אַלטער גריכישער צייט דערצעהלט לעגענדעס. אין דער יודישער געשיכטע שפּילט די דאָזיגע פעסטונג אַ ראָליע דאַדורך, וואָס דאָרט האָט די טערקישע רעגירונג איינגעזעצט אין דער פעסטונג־טורמע שבתי צבי אין ערב־פסח יאָהר 1666. די תלמידים פון שבתי צבי און זיינע אַנהענגער האָבען אויך אין דעם דאָזיגען פאַקט פון אַרעס־טירען זייער משיח געזעהען רמזים און געטייטשט דערין דעם פסוק „מלך אסור ברהטים". די פעסטונג אבידאָס האָט געהייסען ביי זיי „מגדול עוז" (דאָס וואָרט עוז און „אָס" פון אבידאָס) און האָבען עס שטאַרק פערהייליגט. אין די פעסטונג־טורמע זענען געקומען פיל תלמידים פון שבתי צבי, כדי איהם צו בעזוכען. עס זענען פאַרהאַן אויך אַלטע בילדער, ווי שבתי צבי זיצט דאָרט אַרעסטירט, געשמידט אין קייטען. שבתי צבי האָט פון דער פעסטונג־טורמע אַרויסגעשיקט מאַניפעסטען צו זיינע גלויביגע.

ביבליאָגראַפיע: דוד כהנא: „תולדות המקובלים והשבתאים"; גרעץ; ווייגריך: „שטורמווינטען". יודישע ענצי־קלאָפּעדיעס אין דעם שטיך־וואָרט „שבתי־צבי".

**אבידן** אין דער גמרא ווערט אין עטליכע ערטער דערמאָהנט אַ פערזאַמלונגס־הויז, וואו עס זענען פאָרגעקומען ויכוחים צווישען די יודישע תנאים און אמוראים פון איין זייט און די „אבידן"־לייט פון דער צווייטער

זייט. דאָס פּערזאָמלונגס־הויז הייסט „בי־אבידן" („דאָס הויז פון אבידן"). וואָס דער דאָזיגער „אבידן" איז געווען איז נישט בעקאַנט. אין איין אָרט אין דער גמרא שבת קט"ז, ווערט דערציילט, אַז דאָרט זענען געווען אויך יודישע ספרים, און מען האָט זיי גערופען „ספרי דבי אבידן". דאָס אבידן־הויז האָט, לויט ווי עס ווייזט אויס פון פערשידענע ער־טער אין דער גמרא, עקזיסטירט פון די צייטען באַלד נאָכ'ן חורבן פון צווייטען בית־המקדש, ווען עס האָט געלעבט דער תנא רבי יהושע בן חנניה (שבת קנ"ב), ביז דעם שפּעטערדיגען אמורא רבא (שבת קט"ז). עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס אבידן־הויז איז געווען אַ פילאָזאָפישע שולע פון די גריכען און רוימער. דער בעקאַנטער געלעהרטער ראַפּאַפּאָרט מיינט, אַז „אבידן" איז אַ פּערסיש וואָרט „אַבאַדאַן", וואָס איז דער טייטש „מאַרק", וואו עס זאַמלען זיך צונויף אין די מזרח־לענדער מענשען און מען פיהרט ויכוחים אין גייסטיגע ענינים. קאָהוט, דער מחבר פון „ערוך השלם", האַלט, אַז דאָס איז געווען אַ פּערסישע סעקטע „בענע אַבאַדן", וואָס איז געווען זעהר פרום. אַנדערע געלעהרטע גלויבען, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט קריסטליכע סעקטען פון די ערשטע קריסטליכע צייטען.

ביבליאָגראַפיע: „ערוך השלם"; „השחר" ערשטער באַנד 111; „החלוץ" באַנד 2; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אביה** דאָס איז אַ פּערזאָנען־נאָמען, וואָס ווערט דערמאָהנט עטליכע מאָל אין תנ"ך. דער וויכטיגסטער פון זיי איז אביה, וועלכער הייסט טיילמאָל אויך „אבים", דער קעניג פון מלכות יהודה, אַ זוהן פון קעניג רחבעם און אַנ'אייניקעל פון שלמה המלך. אין ספר מלכים א' קאַפּיטעל ט"ו ווערט דערציילט וועגען איהם, אַז ער איז געווען מלך אין ירושלים דריי יאָהר, און ער איז בעגאַנגען פיל זינד. אין דברי הימים הייסט ער אביה, און אין ספר מלכים אבים. טייל געלעהרטע זענען משער, אַז דעריבער האָט איהם דער שרייבער פון ספר מלכים איבערגעמאַכט דעם נאָמען אויף „אבים", כדי נישט צו דערמאָהנען ביי אַ זינדיגען מאַן דעם נאָמען פון גאָט „יה". וועגען קעניג אביה ווערט דערציילט, אַז ער האָט געפיהרט מלחמה געגען דעם קעניג פון ישראל ירבעם בן נבט, וועלענדיג צוריק פעראייניגען יהודה און ישראל אין איין מלוכה. ער האָט אין דער מלחמה אַרויסגעשטעלט אַ אַרמעע פון 400 טויזענד מאַן. אביה האָט אַבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון און ער האָט איינגענומען די שטעדט פון מלכות ישראל בית־אל און אַנדערע. אין פּסוק ווערט נישט דערציילט, פאַרוואָס האָט אביה נאָך אַזאַ נצחון נישט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ישראל און עס נישט פעראייניגט מיט יהודה אין איין מלוכה. עס ווייזט אויס, אַז ער איז באַלד געשטאָרבען, און דעריבער איז דער נצחון נישט אינגאַנצען געוואָרען אויסגענוצט. דער מחבר פון דברי הימים גיט אָן אַלס קוועלע פאַר זיינע ידיעות וועגען אביה מלך יהודה אַ ספר „מדרש הנביא עדו".

ביבליאָגראַפיע: גרעץ; קיטעל: געשיכטע; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אביהוא** אין חומש ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ זוהן פון אהרן הכהן. אין שמות כ"ד ווערט ער און זיין ברודער נדב גערעכענט צו די אָנגעזעהענסטע יודישע פיהרער

אין דער מדבר. אין ויקרא י' ווערט דערצעהלט וועגען אביהוא און זיין ברודער נדב, אז זיי האבען מקריב געווען אויף דעם מזבח פרעמד פייער („אש זרה''), און דעמאלס איז ארויס פון מזבח א פייער און האט זיי ביידע פערברענט. אין דער גמרא און מדרש זענען פאראהאן פיל דרשות וועגען דעם דאזיגען פאל, און איין מדרש (ילקוט חלק ב') ווערט געזאגט אויף אביהוא און זיין ברודער „יש צדיק אובד בצדקו'' (א פרומער, וואס איז פערלוירען געגאנגען דורך זיין פרומקייט). אין ספרא ווערט געזאגט וועגען די דאזיגע צוויי ברודער, אז זיי זענען געווען בעלי־גאוה און האבען נישט געוואלט חתונה האבען, ווייל זיי האבען געהאלטען, אז פאר אזעלכע יחסנים ווי זיי זענען נישט פאראהאן פאסענדע פרויען, און צוליב זייער גאוה זענען זיי בעשטראפט געווארען.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל'' שטיך־ווארט „נדב ואביהוא''; „אשכול'' שטיך־ווארט „אביהוא''.

**אביוב** דאס איז א יודישע ספרדישע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען א גאנצע ריהע רבנים. איינער פון זיי רבי אהרן אביוב איז געווען רב אין אוסקיוב און קאנסטאנטינאפאל אין דער צווייטער העלפט פון 16־טען יאהרהונדערט. ער האט מחבר געווען א ספר „שמן המור'' אויף אגדות. — א צווייטער מיטגליד פון דער פאמיליע רבי יעקב אביוב איז געווען דאקטאר אין דער שטאדט אמאסיא אין טערקיי אין דער ערשטער העלפט פון 16־טען יאהרהונדערט. אין זיין צייט האבען די גריכישע קריסטען אין אמאסיא בעשולדיגט די יודען אין עלילת הדם, אז זיי האבען געשאכטען א קריסטליך קינד אויף פסח. מען האט אויך ארעסטירט רבי יעקב אביוב און געבראכט פאר די טערקישע ריכטער. מען האט איהם געפייניגט און פעראורטיילט צום טויט. מען האט איהם פערברענט עפענטליך אינמיטען דער שטאדט לערך אין יאהר 1545 (ש''ה). — עס איז אויך געווען א בעריהמטער מקובל רבי שמעון בן דוד אביוב. ער האט געלעבט אין ארץ־ישראל אין חברון אין סוף פון 17־טען יאהרהונדערט. ער האט מחבר געווען דאס ספר „בת־מלך'' אויף קבלה (געדרוקט אין ווענעציע יאהר (תע''ב). — עס איז אויך געווען א רבי שלמה בן יוסף אביוב, א דאקטאר אין בעזערס (בדרש) אין דרום־פראנקרייך.

ביבליאגראפיע: „שבט יהודה''; „עמק הבכא''; גרעץ; ראזאנעס: „דברי ימי ישראל בתוגרמה''; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אביונים** דער טייטש פון דאזיגען ווארט אויף העברעאיש איז „ארימע לייט'', מענשען, וואס בעזיצען גארנישט. אין די לעצטע יאהרען פון 2־טען בית־המקדש און אויך א געוויסע צייט דערנאך האט געלעבט אין ארץ־ישראל א רעליגיעזע סעקטע „אביונים''. אין דער גמרא ווערט די סעקטע נישט דערמאהנט, אבער מיר געפינען ידיעות וועגען איהר ביי די ערשטע קריסטליכע שרייבער. די דאזיגע אביונים־סעקטע איז געווען א יודיש־קריסטליכע. פון איין זייט האבען איהרע מיטגלידער זיך געהאלטען איינגאנצען אין דער יודישער אמונה, מקיים געווען אלע מצוות פונקט ווי אלע איבריגע יודען. אבער פון דער צווייטער זייט האבען זיי געגלויבט, אז ישו הנוצרי (יעזוס קריסטוס) איז געווען דער משיח, וואס איז געקומען אויסלייזען די מענשען נישט פון זייערע קערפערליכע ליידען, נאר פון זייער גייסטיגער

געפאלענקייט, און לערנען די מענשען, אז רייכקייט איז גארנישט און אז די ארימע, וואס בעזיצען גארנישט, וועלען האבען דאס גן־עדן. די „אביונים" האבען נישט געגלויבט אין דער קריסטליכער לעגענדע, אז ישו הנוצרי איז געווען דער זוהן פון גאט און אז ער האט געהאט אין זיך געטליכקייט. די אביונים האבען אמ־מייסטען געלעבט אין דער געגענד פון טייך ירדן און האבען געפיהרט אנ'ארים לעבען, א קאמונע, אלע זענען געווען גלייך, דאס פערמעגען פון איינעם האט געהערט צו דער גאנצער געמיינדע זייערער.

עס איז פארהאן א מיינונג, אז די בער־ריהמטע בערג־דרשות, וואס געפינען זיך אין עוואנגעליום „מתי" קאפיטעל 5 „גליקליך זענען די ארימע, ווארום זיי וועלען ירשנען די וועלט, גליקליך זענען די טרויערענדע, ווייל זיי וועלען געטרייסט ווערען", שטאמען פון דער אביונים־סעקטע. אויף ווי וויט די אביונים־סעקטע האט געהאט א שייכות מיט דער ריין־יודישער איסיים־סעקטע, וואס האט עק־זיסטירט אין דער צייט פון בית־שני און האט אויך געפיהרט אנ'ארים קאמונע־לעבען, איז נישט בעקאנט. די אפיציעלע קריסטליכע קירכע האט שטארק פער־פאלגט די אביונים־סעקטע, האלטענדיג איהרע מיטגלידער פאר אפיקורסים, וואס גלויבען נישט אין דער געטליכקייט פון ישו הנוצרי. צוליב דעם איז די סעקטע ביסלעכוויז געווארען קלענער ביז זי איז גענצליך פערשוואונדען געווארען.

גענויע ידיעות וועגען דער אביונים־סעקטע געפינען מיר אין די שריפטען פון די ערשטע קריסטליכע „קירכען־פאטערס" טירטוליאן און אריגינעס, וועלכער דערצעהלט, אז סומכוס, דער איבערזעצער פון חומש אויף גריכיש, איז אויך געווען א יוד פון די אביונים. טייל ווילען האבען, אז די מעשה, וואס די גמרא בבא קמא דף קי"ז דערצעהלט „רב הונא איקלע לבי אביוני" („רב הונא איז געקומען אין אביוני־הויז"), אז דאס מיינט מען די דאזיגע סעקטע. דער קריסטליכער קירכע־פאטער היע־א־נימוס דערצעהלט, אז די אביונים־סעקטע האט געהאט א עוואנגעליום, געשריבען אויף העברעאיש.

דער גרויסער יודישער היסטאריקער פראפעסאר גרעץ אין זיינס אנ'ארטי־קעל אין די ברעסלויער „מאנאטסשריפט פאר געשיכטע און וויסענשאפט פון יו־דענטום" (דייטש) 1869 איז ארויסגע־טרעטען מיט א השערה, אז די אביונים־סעקטע האט עקזיסטירט ביי יודען פון גאר אלטע צייטען, נאך פון ערשטען בית־המקדש אן. לויט דער מיינונג פון גרעץ זענען עס געווען אממייסטען די מיטגלידער פון שבט לוי, וואס האבען קיין אייגענע ערד אין ארץ־ישראל נישט געהאט און האבען געפיהרט אנ'ארים לעבען, האבען געוואנדערט איבער דעם לאנד און אומעטום פערשפרייט די הויכע אידעאלען פון מאראל און עטיק, אז דער מענש דארף זיך אויפפיהרען מיט יושר, נישט אונטערדריקען דעם צווייטען. פון דער דאזיגער אלטער אביונים־סעקטע זענען ארויסגעקומען די נביאים שמואל, אליהו, ישעיה, ירמיה און אלע אנדערע נביאים, וואס זענען כסדר ארויסגעטרע־טען שטראפען די גבירים. די ווערטער פון ירמיה הנביא קאפיטעל 7 „הללו ה' כי הציל את נפש אביון מיד מרעים" (לויבט גאט, ווייל ער האט מציל געווען דעם אביון פון שלעכטע מענשען) און די ווערטער פון צפניה הנביא „והשארתי בקרבך עם עני ודל" („איך וועל איבער־לאזען ביי דיר א ארים פאלק") און

אויך די קאַפּיטלעך אין תהלים „לה' הארץ ומלואה" („צו גאָט געהערט די וועלט"), זאָלען אַלץ זיין די אידעען פון יענער אַלטער אביונים־סעקטע. נאָכ'ן חורבן פון ערשטען בית־המקדש זאָלען די דאָזיגע אביונים זיך האָבען איינגאַנצען אָבגעזונדערט און זיי האָבען זיך געהאַט זייערע אידעאַלען פון אָרימקייט, און שפּורען פון זיי געפינען מיר אויך אין דער מכילתא פּרשת וישלח, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ווער עס האָט היינט צו עסען ברויט און ער זאָרגט אויף מאָרגען איז ער פון די „מחוסרי אמנה" („נישט גלויביגע"). נאָכדעם ווי גרעץ האָט אויפגעבויט זיין דאָזיגע טעאָריע וועגען די אַלטע „אביונים" האָט אַ צווייטער יודישער געלעהרטער איזידאָר לעב אין „אָריענט" אָנגעשריבען אַן־אַרטיקעל אויף פראַנצויזיש „די ליטעראַטור פון די אביונים" און צונויפגענומען אַלע ערטער פון תנ"ך וואו עס ווערט גערעדט וועגען עני און אביון און עס ווערט געלערענט גערעכטיגקייט צום אָרימאַן און עס אויפגעפאַסט, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון דער אביונים־סעקטע. אָבער די דאָזיגע טעאָריע פון גרעץ און איזידאָר לעב איז נישט קיין גאַנץ זיכערע.

וועגען די „אביונים" איז געשריבען געוואָרען זעהר פיל אַרטיקלען און אויך ביכער.

ביבליאָגראַפיע: קרויס: „דאָס לעבען פון ישו הנוצרי לויט יודישע קוועלען" (דייטש), פון זעלבען מחבר „סינאַגאָגאַלע אַלטערטימער" (דייטש); הילגענפעלד: „די געצער געשיכטע פון אורקריסטענטום (דייטש); גרעץ: „מאָנאַטשריפט" 1869; לעב: אָריענט; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַבּיחַצִירָא יעקב** (1808—1880). דאָס איז אַ בּערימטער יודישער מקובל, וואָס האָט געלעבט אין מאַראָקאָ אין 19־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקס"ח (1808). אין מאַראָקאָ האָט ער גע'שמ'ט אַלס אַ גרויסער צדיק און קבלה־קענער און מען פלעגט צו איהם קומען, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר מענשען אין אַ עת־צרה. רבי יעקב אביחצירא האָט מחבר געווען אַ סך ספרים אין הלכה און קבלה. זיינע ספרים זענען „דורש טוב", „פתוחי חותם" און „יורו משפטיך ליעקב", געדרוקט אין ירושלים יאָהר תרמ"ג, ווי אויך „בגדי השרד" (ירושלים תרמ"ח), „מחשוף הלבן" (תרנ"ב), „מעגלי צדק" און „גנזי המלך" (תרנ"ג) און „יגל יעקב" פיוטים (אַלזשיר, תרס"ה). אין יאָהר תר"מ (1880) האָט ער בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין ארץ־ישראל. אָבער אויפ'ן וועג, אין מצרים נעבען אַלעקסאַנדריען, איז ער געשטאָרבען. טויזענדער מענשען קומען אין זיין יאָהרצייט (כ' טבת) אויף זיין קבר מתפלל צו זיין.

ביבליאָגראַפיע: „נר המערב"; „אשכול"־ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבַּיי** דאָס איז דער נאָמען פון אַ סך אמוראים אין דער גמרא, און מיר וועלען טייל פון זיי געבען אין דער רשימה פון די אמוראים. דאָ אָבער וועלען מיר געבען די בעשרייבונג פון איינעם פון זיי, אַבּיי, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע אמוראים, און זיינע הלכות און אגדה־ווערטער זענען צעוואָרפען איבער דעם גאַנצען תלמוד. ער האָט געלעבט אין בבל אין פירטען דור פון די אמוראים. עס איז שווער צו זאָגען גאַנץ גענוי ווען אַבּיי איז געבוירען געוואָרען.

דער היסטאָרישער בריף פון רב שרירא גאון („אגרת דרב שרירא”), וועלכער גיט אונז ווערטפולע ידיעות וועגען די צייטען פון די אמוראים, דערצעהלט, אַז אַביי איז געשטאָרבען אין יאָהר 339. ווידער אין דער גמרא ראש השנה י''ח ווערט געזאָגט, אַז אַביי האָט געלעבט 60 יאָהר („שתין שנין”) און אַזוי אַרום קומט אויס, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 279. אָבער עס זענען פאַרהאַן אַ סך געלערנטע פאָרשער, וואָס האַלטען, אַז דער אויסדרוק „שתין שנין” (60 יאָהר) איז נור אָנגענומען לערך און ער איז נישט גענוי. סיי־ווי, עס איז צו זעהן, אַז אַביי איז געבוירען געוואָרען לערך אין לעצטען פירטעל פון 3־טען יאָהרהונדערט.

אַביי'ס פאָטער האָט געהייסען „כיילי”, און ער איז געשטאָרבען איידער אַביי איז געבוירען געוואָרען, אויך די מוטער אַביי'ס איז געשטאָרבען באַלד נאָך דעם, ווי אַביי איז געבוירען געוואָרען און ער איז אַלס קינד געבליבען אַ יתום, און ער איז ערצויגען געוואָרען ביי זיין פעטער דעם אמורא רבה בר נחמני. אין דעם דערמאָהנטען בריף פון רבי שרירא גאון ווערט איבערגעגעבען, אַז דער ריכטיגער נאָמען פון אַביי איז געווען נחמני; נאָר וויל זיין פעטער רבה האָט איהם נישט געוואָלט רופען מיט רבה'ס פאָטער'ס נאָמען, וועלכער האָט אויך געהייסען „נחמני”, דעריבער האָט ער איהם גערופען „אַביי”, וואָס זאָל זיין דער טייטש „מיין פאָטער”. עס איז אַ פאַקט, אַז טיילמאָל ווערט אַביי גערופען אין דער גמרא אויך נחמני.

שוין ווען ער איז געווען אַ יונגעל, האָט אַביי אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און זיין פעטער רבה האָט אויף איהם געזאָגט אין ברכות מ''ח: „בוצין בוצין מקטפיה ידוע” („געוויקסען דערקענט מען שוין ווען זיי הויבען אָן צו שפּראָצען”). אַביי האָט געלערנט תורה נישט נור ביי זיין פעטער רבה בר נחמני, נאָר אויך ביים צווייטען גרויסען אמורא אין יענעם דור, רב יוסף, דעם ראש־ישיבה אין דער שטאָדט אין בבל פומבדיתא. נאָכ'ן טויט פון רב יוסף איז אַביי אויסגעוועהלט געוואָרען אויף זיין אָרט צו זיין דער ראש־ישיבה אין פומבדיתא, וואָס איז געווען דעמאָלס איינע פון די העכסטע רעליגיעזע שטעלונגען אין דער יודישער וועלט. אין זיין שיטה אין לערנען האָט אַביי אַרויסגעוויזען גרויס חריפות און זיינע חברים האָבען איהם גערופען (יבמות ע''ה) „קרקפנא”, דאָס הייסט „גוטער קאָפּ”.

די בעדייטונג פון אַביי בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אמוראים אין בבל און זיינע הלכות זענען פון די וויכטיגסטע טיילען פון תלמוד בבלי. אין דער גמרא אַליין ווערט געזאָגט וועגען די הלכות און קשיות און תירוצים, וואָס ער פלעגט פיהרען מיט זיין חבר רבא, דעם צווייטען גרויסען אמורא אין יענעם דור, און וואָס ווערט בעצייכענט מיט'ן וואָרט „הוויות דאַביי ורבא”, אַז זיי זענען זעהר גרויס. אין דער גמרא (בבא מציעא כ''ב) ווערט געזאָגט, אַז אין אַלע פראַגען, אין וועלכע אַביי איז געווען מחולק מיט רבא, איז די הלכה ווי רבא, מיט'ן אויסנאַהם פון 6 פראַגען, וואָס זענען בעקאַנט מיט די ראשי־תיבות „יע''ל קג''ם” („יאוש שלא מדעת”, עד זומם”, „לחי העומד מאיליו”, „קדושין שאין מסורין לביאה”, „גילוי דעתא בגיטא”, „מומר אוכל נבלות להכעים”), וואו די הלכה בלייבט ווי אַביי.

אַביי האָט זיך געפיהרט אין פריוואַ־

טען לעבען זעהר בעשיידען. ער האָט, ווי די גמרא דערצעהלט אין חולין קל״ג, קיינמאָל נישט געוואָלט נעהמען מתנות פון מענשען, זיין שפּריכוואָרט איז געווען, לויט דער גמרא אין ברכות י״ג, אַז אַ מענש דאַרף ענטפערען שטיל, נישט זיין אין כעס, לעבען אין שלום מיט מענשען, אַפילו מיט נישט־יודען. אין אַן אַנדער אָרט אין דער גמרא יומא פ״ו, טייטשט ער דעם פּסוק „ואהבת את ה׳ אלהיך״ („דו זאָלסט ליב האָבען גאָט״), אַז „שיהא שם שמים מתאהב על ידיך״ („גאָט׳ס נאָמען זאָל בעליבּט ווערען דורך דיר״), דאָס הייסט, אַז איינער איז אַ פרומער יוד און אַ תלמיד חכם, זאָל ער לעבען מיט מענשען עהרליך און אין שלום, וועלען מענשען דערפאַר בענשען די תורה. אַביי איז אַרויסגעטרעטען געגען די תלמידי־חכמים, וואָס האַלטען, אַז מען דאַרף נור זיצען און לערנען און נישט זאָרגען זיך וועגען פּרנסה, און ער זאָגט אין דער גמרא ברכות ל״ה, אַז מען דאַרף זיך פערנעהמען מיט „תורה עם דרך ארץ״, לערנען צוזאַמען מיט אַרבּייטען אויף צו פערדינען פּרנסה. די גמרא גטין מ״ה דערצעהלט, אַז אויך די „כותים״ (נישט־יודען) האָבען איהם זעהר געשעצט פאַר זיינע גוטע מידות. — זיין ווייב חומה איז געווען בעריהמט מיט איהר שענקייט (כתובות ס״ה). אַביי האָט געהאַט עטליכע זיהן און טעכטער (ברכות נ״ו) און צווישען זיי זענען געווען די אמוראים רב ביבי בן אביי און רב שימי בר אביי. די גמרא ראש השנה י״ח דערצעהלט אויך, אַז אַביי איז געווען אַ כהן. ווען ער איז געשטאָרבען, איז דער טרויער געווען אַזוי גרויס, אַז די גמרא אין מועד קטן כ״ה דערצעהלט, אַז „נשיק כיפי דדגלת אהדדי״ („די ווילען פון דער בריק איבער דעם טייך חדקל האָבען זיך צעבּראָכען און דערנעהנטערט איינער צום צווייטען״).

ביבליאָגראַפיע: סדר הדורות; ווייס: דור דור ודורשיו; הלוי: דורות הראשונים; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אֲבִילָה

דאָס איז דער נאָמען פון אַ שטאָדט אין שפּאַניען, וואו עס האָבען פאַר׳ן גירוש־שפּאַניען געוואוינט אַ סך יודען. אין דער צייט פון דעם גירוש האָבען זיך דאָרט טייל יודען געשמד׳ט און זענען געוואָרען אַנוסים. דאָס בית־המדרש פון אבילה (אַווילאַ) האָט די רעגירונג איבערגעמאַכט אויף אַ קירכע. נאָך היינט איז פאַרהאַן אין מיטען דער שטאָדט דאָס אַלטע יודישע בית־הקברות. פון דער דאָזיגער שטאָדט האָבען געשטאַמט גרויסע יודישע רבנים און זייער פאַמיליען־נאָמען איז דעריבּער געווען „אבילה״; זיי האָבען זיך אַלע בעזעצט אין מאַראָקאָ. די אָנגעזעהענסטע פון די דאָזיגע רבנים זענען: רבי אליעזר בן שמואל די־אבילה, בעריהמטער רב אין מאַראָקאָ, ער איז געבּוירען געוואָרען אין יאָהר 1714 (תע״ד) און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1761 (תקכ״א). ער האָט מחבר געווען אַ ריהע ספרים, ווי „מלחמת מצוה״, „מגן גבורים״ און אַנדערע. — דער צווייטער אָנגעזעהענער רב פון דער דאָזיגער פאַמיליע איז געווען רבי שמואל די־אבילה אין ענדע פון 18־טען און אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט. פון איהם איז פאַרהאַן אַ ספר „עז והדר״ אויף דער גמרא שבועות. — גאָר בעריהמט איז געווען רבי משה בן יצחק די־אבילה אין מאַראָקאָ אין אָנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ גרויסער בעל דרשן און אויך אַ זעהר

רייכער מאַן, אַ בעל צדקה און מכניס־אורח. עס זענען פון איהם געבליבען דרשות. — דער זוהן פון דאָזיגען מכניס אורח איז געווען רבי שמואל אבילה, ער האָט מחבר געווען די ספרים „אבן שמואל“, „כתר תורה“ און אויך הלכה־ספרים.

אָבער אַמבעריהמטעסטען פון אַלע איז געווען דער „נביא פון אבילה“, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון יודען אין שפּאַניען. וועגען איהם שרייבען מיר בעזונדער.

ביבליאָגראַפיע: „נר המערב“; גרעץ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבִילָה, אברהם הנביא** ער האָט געלעבט אין שפּאַניען אין דער שטאָדט אַבילה (אַווילאַ) אין דער צווייטער העלפט פון 13־טען יאָהרהונדערט. אייגענטליך איז נישט גאַנץ קלאָר, ווי דער דאָזיגער נביא האָט געהייסען מיט'ן נאָמען. פון דעם „תשובה“־בריף אין „שאלות ותשובות הרשבא“, סימן תקמ"ח, וואו דער גרעסטער רב אין שפּאַניען אין יענער צייט, רבי שלמה בן אדרת, איז אַרויסגעטרעטען געגען דעם נביא, איז צו לערנען, אַז דער נביא האָט געהייסען אברהם. פון אַן'אַנדער קוועלע, פון שפּאַנישען משומד אבנר פון בורגאָס, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, ווערט דערצעהלט, אַז דער דאָזיגער נביא האָט ערקלערט, אַז אין לעצטען טאָג פון פירטען חודש אין יאָהר 1295 (ה' אלפים נ"ה) וועט קומען משיח. דער נביא האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער, וואָס האָבען געגלויבט אין איהם, זיי האָבען זיך אַלע צונויפגענומען אין שוהל, אָנגעטהון ווייס ווי אום יום־כיפּור, און געוואַרט אויף משיח. פלוצלינג האָבען זיך אויף זייערע ווייסע מלבושים בעוויזען צלמים'לעך און קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען זיי זענען געקומען. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף אַ סך פון די גלויביגער, אַז זיי האָבען זיך דערנאָך גע'שמד'ט. אַבנר דערצעהלט, אַז אויך ער האָט געהערט צו די דאָזיגע משומדים. אין דעם דערמאָהנטער תשובה־בריף פון רשב"א ווערט דערצעהלט, אַז די קהלות פון שפּאַנען האָבען זיך געווענדעט צום רשב"א, אַז ער זאָל זיי זאָגען זיין מיינונג וועגען דעם נביא פון אבילה. דאָרט ווערט דערצעהלט די לעגענדע, אַז דער דאָזיגער נביא איז געווען אַ פּראָסטער מענש, נאָר פּלוצלינג האָט זיך בעוויזען צו איהם אַ מלאך, וועלכער האָט איהם געלערנט די סודות פון דער תורה, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ קבלה־ספר „פּלאות החכמה“. דער רשב"א אָבער שרייבט וועגען איהם, אַז דאָס איז אַ פּשוט'ער שווינדלער, און ער גיעט די עצה, אַז מען זאָל דעם נביא נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט. פון דעם דאָזיגען „נביא“ אָן האָט זיך אָנגעהויבען די שמד־בעוועגונג ביי די יודען אין שפּאַניען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר זייער געשיכטע.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ; קויפמאַן אין „רעווי עטיד זשואיף“ באַנד 36; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבִימִי** מיר געפינען אין דער גמרא עטליכע אמוראים מיט דעם נאָמען אבימי. קיינער פון זיי (אַ חוץ איינמאָל אין דער גמרא) טראָגט נישט דעם טיטול „רבי“ אָדער „רב“, אָדער „אבא“. דעריבער איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דער דאָזיגער נאָמען איז צוזאַמענגעשטעלט פון „אבא“ און „אימי“, און אַנשטאָט צו רופען איינעם אבא

אימי, האָט מען עס פֿערקירצט אויף „אבימי". אַ בעווייז דערצו איז פֿאַרהאַן אַז דער אמורא אבימי בר פפי הייסט אין ירושלמי כתובות ד' רבי אימי בר פפי. — טייל פֿון די אמוראים מיט דעם נאָמען אבימי וועלען מיר געבען אין דעם וואָרט „אמוראים". דאָ וועלען מיר געבען די עטליכע וויכטיגסטע פֿון זיי.—

„אבימי בריה דרבי אבהו" (אבימי דער זוהן פֿון רבי אבהו). ער איז געווען אַ אמורא אין ארץ־ישראל אין 4־טען דור פֿון די אמוראים, אַ זוהן פֿון דעם גרויסען אמורא רבי אבהו פֿון קיסרין. וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא קידושין ל"א, אַז ער פֿלעגט מקיים זיין די מצוה פֿון כיבוד אב אונגעוועהנליך. איינמאָל האָט איהם זיין פֿאָטער געהייסען ברענגען וואַסער צו טרינקען, אָבער ווי ער איז צוריקגעקומען מיט'ן וואַסער האָט ער געזעהן, אַז זיין פֿאָטער איז דערווייל ענטשלאָפֿען געוואָרען; ער האָט דעמאָלס געוואַרט מיט'ן וואַסער און געשטאַנען גרייט טאָמער וועט זיך דער פֿאָטער אויפֿכאַפּען. אין דערזעלבער גמרא זאָגט אבימי, אַז עהרליך האַלטען עלטערען מיינט מען נישט נור מיט שטיצען זיי מאַטעריעל, נאָר אויך מיט אַרויסווייזען צו זיי אַ פֿריינדשאַפֿט און האַרציגקייט. — „אבימי דמן הגרוניא" („אבימי פֿון הגרוניא"). ער איז געווען אַ אמורא אין בבל אין 5־טען דור פֿון די אמוראים. פֿון איהם זענען פֿאַרהאַן אין דער גמרא עטליכע הלכות. בעקאַנט איז זיין אויסדריק „זוזא כזוזי דמו" („איין גילדען איז אַזוי גלייך ווי אַ סך גילדען").

ביבליאָגראַפֿיע: „סדר הדורות"; „תולדות תנאים ואמוראים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבימֶלֶך** אין תנ"ך געפֿינען מיר עטליכע מאָל דעם נאָמען אבימלך, וואָס דער טייטש איז „דער פֿאָטער פֿון קעניג" („אבי־מלך"). עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז אין אַלע ערטער, וואו עס ווערט דערמאָהנט דער דאָזיגער נאָמען, האַנדעלט זיך עס וועגען פּערזאָנען, וואָס זענען געווען מלכים. צוויי מאָל ווערט דערמאָהנט אין חומש בראשית — אבימלך, וואָס איז געווען דער מלך פֿון גרר ביי די פּלשתים. אַזוי ווערט דערצעהלט אין חומש בראשית כ' דער ספּור־מעשה, ווי אַזוי אבימלך דער קעניג פֿון גרר האָט געוואָלט צונעהמען שרה דאָס ווייב פֿון אברהם אבינו. דאָס צווייטע מאָל ווערט דאָסזעלבע דערצעהלט מיט אבימלך דעם קעניג פֿון גרר און יצחק אבינו. עס ווערט דאָרט אויך דערצעהלט, אַז צווישען אברהם אבינו און אבימלך איז געשלאָסען געוואָרען אַ כריתות ברית. עס זענען דעריבער פֿאַרהאַן טייל געלעהרטע, וואָס מיינען, אַז דער נאָמען „אבימלך" איז ביי די פּלשתים געווען נישט אַ פּריוואַטנאָמען, נאָר יעדער קעניג זייערער האָט אַזוי געהייסען, פּונקט ווי אין מצרים האָט יעדער קעניג געהייסען פּרעה. די דאָזיגע געלעהרטע ברענגען דערצו אַלס בעווייז דאָס, וואָס אין תהלים ל"ד געפֿינען מיר „לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך" (מזמור תהלים, וואָס דוד האָט געזונגען, ווען ער האָט זיך משוגע געמאַכט פֿאַר אבימלך'ן), אין דער צייט, וואָס אין ספר שמואל א' קאַפּיטעל כ"א ווערט גאָר דערצעהלט, אַז דוד האָט זיך געמאַכט משוגע ווען ער איז געווען ביים קעניג פֿון די פּלשתים אכיש מלך גת. דערפֿון זאָל זיין געדרונגען, אַז מיט'ן נאָמען אבימלך האָט מען אָנגערופֿען יעדען קעניג ביי די פּלשתים.

עס איז צו בעמערקען, אז אויף פערשי־
דענע שריפט־טאוולען, וואס מען האט
לעצטענס געפינען אין אמאליגען לאנד
אשור און אויך אויף די בעריהמטע
טאוולען־שריפטען, וואס מען האט גע־
פינען אין טעל־אמארנא, געפינט מען
אויך דעם נאמען „אבי־מילכי".

ביבליאגראפיע: ראזענבערג „אוצר השמות"; קאמענטארען צו בראשית פון גונקעל (דייטש); יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבימלך** דער זוהן פון גדעון, ערשטער מלך ביי יודען.

אין ספר שופטים קאפיטעל ט' ווערט דערצעהלט דער ספור־המעשה, אז אין די צייטען, ווען די יודען האבען שוין געוואוינט אין ארץ־ישראל, נאר זיי האבען נאכנישט געהאט קיין מלך איבער זיך, און עס האבען געהערשט איבער זיי די „שופטים", איז איינער פון די שופטים געווען אבימלך דער זוהן פון דעם שופט גדעון. דארט ווערט דערצעהלט, אז גדעון האט געהאט 10 זיהן, און אבימלך איז געווען זיין זוהן פון א פלגש (א קעבס־ווייב), און מיט דער הילף פון די איינוואוינער פון שכם איז איהם געלונגען צו ערמארדען אלע זיינע ברידער א חוץ איינעם, יותם, וועלכער איז ענטלאפען. נאכהער איז אבימלך געווארען דער הערשער. פון דעם אויסדרוק אין שופטים ט' פסוק ו' „וילכו וימליכו את אבימלך למלך" („און זיי זענען געגאנגען און האבען ערקלערט אבימלך אלס מלך"), איז צו זעהן, אז דאס איז געווען די ערשטע פראבע ביי יודען איינצופיהרען א קעניג, ווארום ביי די אלע אנדערע שופטים געפינען מיר נישט דאס ווארט „וימליכו" און אויך נישט דעם אויסדרוק מלך. ווייטער אבער ווערט דערצעהלט ווי די איינוואוינער



די שטאדט שכם מיטין הר גריזים. די רעזידענץ פון ערשטען מלך אבימלך.

פון שכם האָבען זיך צעקריגט מיט אבימלך, ווי ער האָט געגען זיי געפיהרט מלחמה און פיל פון זיי געטויט, נאָר איינמאָל, ביים בעלאַגערען די שטאָדט תבץ און דעם טורם, וואָס איז דאָרט געווען, האָט אַ פרוי געוואָרפען אויף איהם פון טורם־דאַך אַ מיהל־שטיין און איהם געטויט. דערמיט האָט זיך געענדיגט די הערשאַפט פון אבימלך, און נאָך איהם זענען שוין ווייטער געווען געוועהנליכע שופטים.

וועגען דעם דאָזיגען סיפור המעשה מיט אבימלך זענען געשריבען געוואָרען פיל אָבהאַנדלונגען דורך געלעהרטע פאָרשער. עס ווערט קודם־כל אָנגעוויזען, אַז שוין אין יענע צייטען האָט די שטאָדט שכם געשפּילט די ראָליע אַלס צענטער פון ארץ־ישראל, און די איינוואוינער פון שכם האָבען געוואָלט האָבען די הויפט־דעה ביים וועהלען אַ יודישען הערשער, דאָס וואָס איז פאָרגעקומען פיל שפּעטער נאָכ׳ן טויט פון שלמה המלך, ווען שכם האָט זיך אָבגעריסען פון ירושלים און געוואָרען דער צענטער פון אַ בעזונדערע יודישע מלוכה („מלכות ישראל“ אָדער „אפרים“) מיט אַ בעזונדערען מלך. עס ווערט אויך אָנגעוויזען, אַז ווי עס איז צו זעהן פון דעם פסוק, איז אַ גרויסער טייל איינוואוינער פון שכם גאָרנישט געווען קיין יודען, נאָר פון די אַלטע כנעניים, און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס צווישען שכם און די איבעריגע טיילען פון ארץ־ישראל איז אויך שפּעטער געקומען צו גרויסע מחלוקות און מלחמות.

ביבליאָגראַפיע: סעלין: „ווי איז שכם געוואָרען צו אַ שטאָדט פון די בני ישראל?“ (דייטש); קיטעל: „געשיכטע“ (דייטש); גוטהע: „געשיכטע“ (דייטש); בערנפעלד: „מבוא לכתבי הקודש“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָבִין** מיט דעם נאָמען „אָבין“ ווערען אָנגערופען אין דער גמרא און מדרש אַ גאַנצע רייה אמוראים. דער זעלבער נאָמען ווערט געבראַכט אויך אין דער פאָרם „אבון“, און „בון“ און אויך „רבין“. עס איז ווערט צו פערצייכענען, אַז די פאָרמען „אבון“ און „בון“ געפינען מיר נאָר אין ירושלמי. וועגען אַ סך אמוראים, וואָס ווערען געבראַכט אין דער גמרא מיט׳ן סתם־נאָמען „רבי אבין“ איז גאַנץ אָפט שווער צו זאָגען, וועלכען אמורא די גמרא מיינט. איין רבי אבין איז געווען אַ תלמיד פון רבי יוחנן. אַ צווייטער רבי אבין איז געווען אַ תלמיד פון רבי אבהו. דער זעלבער רבי אבין אין, ווייזט אויס, געווען פון די „נחותאי“, דאָס זענען געווען אמוראים, וואָס פלעגען וואַנדערען פון ארץ־ישראל קיין בבל און אויך צוריק פון בבל קיין ארץ־ישראל, און זיי פלעגען איבערגעבען אין די ארץ־ישראל־ישיבות, וואָס מען האָט געלערענט און מחדש געווען אין די ישיבות אין בבל און אויך פערקעהרט. דערפון שטאַמט זייער נאָמען „נחותא“, ווייל זיי זענען אַראָבגעגאַנגען („נחות“ איז דער טייטש „אַראָבגעהן“) פון ארץ־ישראל קיין בבל (פסחים ל״ד). וועגען די אַנדערע אמוראים מיט׳ן נאָמען „אָבין“ וועלען מיר געבען אין דעם וואָרט „אמוראים“.

ביבליאָגראַפיע: „סדר הדורות“; „דורות הראשונים“ (דאָס קאַפּיטעל וועגען די „נחותא“); „תולדות התנאים והאמוראים“; אשכול־ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל“; „דור דור ודורשיו“ פון וויס.

**אַבִינָא** דאָס איז געווען אַ אמורא אין אָנהויב פון פירטען דור פון די אמוראים. ער האָט געלעבט אין בבל און ער איז געווען אַ תלמיד פון רב הונא. פון רבי אַבינאָ איז פאַרהאַן אין דער גמרא פסחים נ׳ אויף דעם פסוק „זה שמי לעולם וזה זכרי לדור ודור״, אַז גאָט זאָגט „לא כשאני נכתב אני נקרא״ („נישט ווי מיין נאָמען ווערט געשריבען ווערט ער געליינט״), „נכתב אני ביוד הא ונקרא אני באלף דלית״ („איך ווער געשריבען מיט יוד און הא, דאָס איז דער שם „יהוה״, און געליינט ווער איך מיט „אלף״ און „דלית״, דאָס איז „אדני״). דער דאָזיגער רבי אַבינאָ האָט אויך געפיהרט ויכוחים מיט די „מינים״, דאָס הייסט מיט די קריסטענטום־אָנהענגער אין יענער צייט (סנהדרין ל״ט). אין זיינע לעצטע יאָהרען זאָל ער זיך האָבען בעזעצט אין ארץ־ישראל (ירושלמי פסחים ה׳). — אין דער גמרא גטין ס״ה ווערט דערצעהלט, אַז ווען די רעגירונג האָט אויסגעפיהרט טויט־שטראָף אויף דעם אמורא גניבא, האָט גניבא פאַר זיין טויט געהייסען געבען 400 גילדען צו אַבינאָ „מחמרא דנהר פניא״. וועגען דעם זענען פאַרהאַן צוויי מיינונגען, טייל טייטשען, אַז דאָס מיינט מען רבי אַבינאָ דעם אמורא, און גניבא האָט איהם געהייסען אויסצאָהלען די 400 גילדען „מחמרא דנהר פניא״ פון דעם „וויין פון נהר פניא״, וואָס גניבא האָט געהאַט. אַנדערע אָבער טייטשען, אַז דאָס איז געווען אַ בעזונדערע פּערזאָן, וואָס האָט געהייסען „אַבינאָ מחמרא דנהר פניא״, און דער מחבר פון סדר הדורות האָט ווירקליך פערצייכענט אין זיין רשימה פון די אמוראים אַ בעזונדערען אמורא אבינאָ מחמרא דנהר פניא. — וועגען טייל אַנדערע אמוראים מיט׳ן נאָמען אַבינאָ געבען מיר אין וואָרט „אמוראים״.

ביבליאָגראַפיע: סדר הדורות, „מבוא הירושלמי״, „תולדות התנאים והאמוראים״; יודישע ענציקלאָפּעדיעס, ספּעציעל דער „אוצר ישראל״.

**אֲבִינָדָב** אין תנ״ך ווערען דערמאָהנט עטליכע פּערזאָן מיט דעם נאָמען „אַבינדב״. איינער פון זיי איז געווען דער ברודער פון דוד המלך און אין ספר שמואל א׳ קאַפּיטעל י״ז ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט אַנטייל גענומען אין דער מלחמה פון די יודען געגען די פלשתים. — דער צווייטער אַבינדב איז געווען דער זוהן פון ערשטען יודישען מלך שאול המלך. אויך ער איז געווען אַ קריגס־מאַן און האָט אנטייל־גענומען אין דער מלחמה געגען די פלשתים צוזאַמען מיט זיין פאָטער שאול המלך און זיין ברודער יונתן. אין דער שלאַכט ביים באַרג גלבוע איז ער צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברודער געפאַלען טויט (שמואל א׳ ל״א). — דער דריטער אבינדב איז געווען אַ איינוואוינער פון גבעה, נעבען קרית יערים, און ווען מען האָט צוריקגעבראַכט דעם ארון הברית פון די פלשתים, איז ער געווען דריי יאָהר ביי אבינדב אין הויז, ביז מען האָט איהם געבראַכט קיין ירושלים.

ביבליאָגראַפיע: די ענגליש־יודישע ענציקלאָפּעדיע; העברעאישער „אשכול״.

**אָבִינוּ מֶלֶךְ** דאָס איז אַ יודיש פאָלקס־ליד, וואָס איז געווען זעהר פּאָפּולער אין פוילען אין אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט און שטאַמט פון נאָך פריהערדיגע ציי־

טען. דאָס ליד געהט דערנאָך מיט די ווערטער: „אויפ'ן הויכען באַרג, אויפ'ן גרינעם גראָז, שטעהען די הויכע דייטשען, מיט די לאַנגע בייטשען", און הויבט זיך אָן מיט „אבינו מלך, דאָס האַרץ איז מיר פרעהליך".

## אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ (דער טייטש איז „אונזער פאָטער, אונזער קעניג", דאָס מיינט מען גאָט).

דאָס איז איינע פון די עלטעסטע יודישע תפלות. דאָס זענען קורצע תפלות, געווענדעט צו גאָט דעם פאָטער און קעניג. זיי הויבען זיך אָן מיט דער ערשטער ווידוי־תפלה: „אבינו מלכנו, חטאנו לפניך" (אונזער פאָטער און קעניג, מיר האָבען געזינדיגט פאַר דיר") און דערנאָך געהען בקשות צו גאָט, אַז ער זאָל אראָבנעהמען אַלע גזרות און זאָל רחמנות האָבען און העלפען. אין די תפלות פון אבינו מלכנו ווערען אויך דערמאָהנט די קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, און עס ווערט געבעטען גאָט, אַז ער זאָל העלפען אין זייער זכות. די דאָזיגע „אבינו־מלכנו"־תפלות האָבען מיר איצט פיער און פירציג.

די תפלה „אבינו מלכנו" ווערט שוין דערמאָהנט אין דער גמרא תענית כ"ה, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז איינמאָל איז נישט געגאַנגען קיין רעגען, האָט דער תנא רבי עקיבא מתפלל געווען פאַר'ן עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „אבינו מלכנו". צי רבי עקיבא איז געווען דער מחבר פון דער תפלה אָדער זי האָט שוין עקזיסטירט פון פריהעריגע צייטען, איז שווער צו זאָגען. אין אָנהויב איז די תפלה בעשטאַנען פון העכסטענס 5 אַזעלכע „אבינו־מלכנו'ס", נאָר מיט יעדען דור האָט מען צוגעגעבען נאָך א חרוז (א פערז), ביז שפּעטער, ווי עס ווערט דערצעהלט אין טור אורח חיים סימן תר"ב, האָט רב עמרם גאון שוין געהאַט 22 אבינו מלכנו'ס, וועלכע זענען געווען צונויפגעשטעלט לויט דעם אלף־בית. אין די מחזורים פון נוסח אשכנז (וואָס ווערט געדאַווענט אין פּוילען, ליטא און אַנדערע אשכנזישע קהלות), איז פאַרהאַן 44. אין די ספרדישע מחזורים איז נור פאַרהאַן 23, און אין דעם מחזור סאַלאָניקי איז פאַרהאַן 53. אבינו מלכנו ווערט געזאָגט ראש השנה און יום כיפור און אויך די גאַנצע עשרת ימי תשובה און תעניתים נאָך שמונה עשרה. ביי אבינו מלכנו עפענט מען אויף דעם ארון־קודש, וואָס דאָס ווייזט, אַז מען האַלט עס פאַר אַ זעהר וויכטיגע תפלה.

אין ארץ־ישראל האָט מען אין די לעצטע יאָהרען אָנגעהויבען צו זינגען אין די חלוצים־קרייזען אַ מעלאָדיע מיט די ווערטער פון לעצטען „אבינו מלכנו, חננו ועננו, כי אין בנו מעשים". די מעלאָדיע איז אַ ריהרענדע און פול מיט התלהבות און דביקות.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר התפלות"; עלבויגען: „תולדות התפלה בישראל"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם (אונזער פאָטער אין הימעל).

דאָס איז אַן'אויסדרוק, מיט וועלכען עס ווערט אָנגערופען גאָט אין דער אַלטער תלמודישער ליטעראַטור, אין משנה, גמרא, מדרש, און דערפון איז אַריין דאָס וואָרט אויך אין דאַווענען: „אבינו שבשמים עשה עמנו צדקה וחסד" („אונזער פאָטער אין הימעל, טהו מיט אונז חסד"). אייגענטליך ווערט שוין אין תנ"ך געזאָגט וועגען גאָט, אַז ער

איז אונזער פּאָטער, און אין ישעיה ס״ג ווערט געזאָגט „כי אתה אבינו״ („דו ביזט אונזער פּאָטער״). אין דער משנה יומא פּרק ח׳ זאָגט דער תנא רבי עקיבא: „וואויל איז צו אייך יודען, איהר ווערט געריינינגט דורך „אביכם שבשמים״ („אייער פּאָטער אין הימעל״). אין דער משנה סוטה פּרק ט׳ זאָגט דער תנא רבי פּנחס בן יאיר, אַז זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז דאָס אומגליק געוואָרען גרויס און מיר האָבען זיך אָנצולעהנען נור „על אבינו שבשמים״ (אויף אונזער פּאָטער אין הימעל״).

וועגען דעם דאָזיגען אויסדרוק „פּאָטער אין הימעל״ אַלס נאָמען פון גאָט, איז געשריבען געוואָרען זעהר פיל אָבּהאַנדלונגען דורך געלעהרטע פאָרשער. ווייל אין קריסטליכען עוואַנגעליום (מתי קאַפּיטעל 6 און לוקאַס 11) ווערט געבראַכט, אַז ישו הנוצרי האָט געהייסען זיינע תלמידים בעטען דאָס קורצע געבעט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אונזער פּאָטער אין הימעל, עס זאָל געהייליגט ווערען דיין נאָמען״. פון דעמאָלס אָן איז דאָס געוואָרען דאָס הויפּט־געבעט פון אַלע קריסטען אין דער וועלט, און דאָס איז אויף לאַטייניש „פּאַטער נאָסטער״ („אונזער פּאָטער״). עס שטעלט זיך די פראַגע, צי איז דאָס דאָזיגע געבעט פערפאַסט געוואָרען דורך ישו הנוצרי אַליין, אָדער ער האָט עס גענומען פון אַנ׳אַמאָליג אַלט יודיש געבעט. עס איז אויך די פראַגע, צי ישו הנוצרי האָט איהר בכלל פערפאַסט, און צי איז זי נישט ערשט שפּעטער איבערגענומען געוואָרען. פון דעם דאָזיגען געבעט איז צו זעהן, אַז אין די ערשטע צייטען האָבען די קריסטענטום־אָנהענגער פיל געשעפּט פון דעם רעליגיעזען יודענטום.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: וועגען בעגריף „פּאָטער אין הימעל“ שרייבט באכער אין זיין „אגדות התנאים“ א׳ 69; ג. קליין אין בוך „דער עלטסטער קריסטליכער קאטעכיזמוס“ (דייטש) און פיביג אין זיין בוך „דאָס פּאָטער־אונזער“ רעדען אַרום די בעציהונג פון דעם קריסטליכען געבעט צו דער יודישער רעליגיע. „אשכול“־ענציקלאָפּעדיע.

**אַבִינִיוֹן** דאָס איז דער נאָמען פון אַ שטאָדט אין פראַנקרייך, וואָס הייסט „אַוויניאָן״, און אין די אַלטע יודישע ספרים שרייבט מען דעם נאָמען „אביניון״ אָדער אויך „אַוינין״ און „אַווינין״ און „אוניא״ און „אבייטאן״. יודען האָבען דאָרט געוואוינט, לויט טייל מיינונגען, שוין פון די צייטען נאָכ׳ן חורבן בית שני אָן. אויך אין דער יודישער קהלה פון אַוויניאָן, ווי אין אַלע יודישע קהלות אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער, זענען פּאָרגעקומען פערשידענע גזרות און בלבולים און גירושים אויף יודען דורך קריסטליכע גלחים. פון אַוויניאָן שטאַמען אַ רייה אָנגעזעהענע רבנים אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער. די וויכטיגסטע פון זיי זענען רבי קלונימוס, דער איבערזעצער פון פילאָזאָפישע ווערק אויף העברעאיש, רבי משה פּריצול, מחבר פון ספרים אויף אַסטראָנאָמיע, דער גרויסער יודישער היסטאָריקער רבי יוסף הכהן, דער מחבר פון עמק הבכא (אין דער ערשטער העלפט פון 16־טען יאָהרהונדערט), וועמען מיר האָבען צו פערדאַנקען פיל ידיעות וועגען דער יודישער געשיכטע אין מיטעל־אַלטער. די שטאָדט אַוויניאָן איז אויך בעריהמט דערמיט, וואָס זי איז געווען איינע פון די פיער יודישע קהלות אין פראַנקרייך, וואָס האָבען געהאַט אַ בעזונדערען נוסח

פון מחזור, און מען האָט עס גערופען „מחזור ארבע קהלות", אָדער אויך „מחזור אביניון". אין דעם דאָזיגען מחזור זענען פאַראַן פּיוטים, וואָס געפינען זיך נישט אין אַנדערע מחזורים. היינט לעבען אין אוניון ווייניג יודען, בּיי אַ 30 פאַמיליעס.

ביבליאָגראַפיע: גראָס: „גאַליא יודאַאיקא" (פראנצויזיש); צונץ: „ריטוס"; ענגליש־יודישע ענציקלאָפּעדיע; „אשכול".

**אַבִּיקָא בן גבתרי** דאָס איז דער נאָמען פוּ אַ גרויסען יודישען העלד, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן ירושלים (אין יאָהר 70), ווען דאָס רוימישע מיליטער אונטער דער פיהרונג פון טיטוס האָט בעלאַגערט ירושלים. וועגען איהם ווערען דערצעהלט אין עטליכע אַלטע יודישע קוועלען. אין מדרש „איכה זוטא" ווערט דערצעהלט, אַז דער דאָזיקער אביקא בן גבתרי איז געשטאַנען אויף דער מויער פון ירושלים, און ווען דאָס רוימישע מיליטער (אין מדרש שטעהט „כשדים", דאָס הייסט דאָס מיליטער פון בבל, אָבער מען מיינט רוים) האָט געשאָסען מיט גרויסע שטיינער, האָט ער די שטיינער געכאַפּט מיט די הענד און זיי צוריקגעוואָרפען צום שונא אין דער מחנה און דאָרט געטויט אַ סך מענשען. נאָר איינמאָל האָט איהם אַ שטאַרקער ווינד אַראָבגעוואָרפען פון דער מויער און איהם דער'הרג'עט. דעמאָלט איז דער שונא אַריין אין שטאָדט. — די זעלבע לעגענדע ווערט אויך דערצעהלט מיט געוויסע ענדערונגען אין דער „פּסיקתא רבתי", סדרה נחמו. נאָר דאָרט הייסט דער העלד אביקא בן גביית. עס זענען פאַראַן געלעהרטע, וואָס זאָגען, אַז דאָס איז דער זעלבער העלד, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דעם היסטאָרישען בוך „יודישע מלחמה" פון יוסף פלאַוויאוס; דאָרט ווערט דערצעהלט וועגען אַ העלד „בן נבטאי", וועלכער האָט צוזאַמען מיט נאָך 2 יודישע גבורים גענומען ברענענדיגע העלצער און זענען אַריין אין דער מחנה פון שונא און דאָרט אונטערגעצונדען די שווערע מאַשינען, וואָס האָבען געוואָרפען די שטיינער אויף דער מויער. די דאָזיגע געלעהרטע מיינען, אַז דער נאָמען „אביקא" איז פון די „ברענענדע העלצער" („אבוקה" אויף העבּרעאיש הייסט אַ „פייער־פלאַקער"), און זיין ריכטיגער נאָמען איז געווען „בן נביית", וואָס דערמאָהנט „בן נבטאי" פון פלאַוויאוס, און אין די מדרשים דאַרף שטעהן נישט „גביית", נאָר נביית. עס איז אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער צונאָמען בן „גבתרי" איז ווייל ער איז געווען אַזאַ העלד, אַז ער האָט געהאַט זעהר ברייטע פּלייצעס און ער האָט אויסגעזעהן ווי צוויי מענשען, („גב" איז דער טייטש דער „רוקען", און „תרי" איז „צוויי").

ביבליאָגראַפיע: מדרש „איכה זוטא" אין דער אויסגאַבע פון בובער, און די בעמערקונג פון „בובער; גידעמאַן אין דער ברעסלויער „מאָנאַטסשריפט" יאָהרגאַנג 1880; „אשכול".

**אַבִירָם** אין תנ"ך ווערען דערמאָהנט צוויי פּערזאָן מיט'ן נאָמען „אבירם". איינער האָט געלעבט אין די צייטען פון משה און אין דער סדרה פון קרח ווערט דערצעהלט, אַז אבירם צוזאַמען מיט דתן זענען אַרויסגעטרעטען געגען משה, און די ערד האָט זיי איינגעשלינגען. דער צווייטער האָט געלעבט אין די צייטען פון אליהו הנביא.

און אין ספר מלכים א׳ קאַפּיטעל ט״ז ווערט דערצעהלט, אַז זיין פאָטער האָט געוואָלט אויפבויען די שטאָדט יריחו, וואָס איז פערשאָלטען געוואָרען דורך יהושע בן נון, און אלס שטראָף דערפאַר איז געשטאָרבען אבירם זיין זוהן.

**אֲבִישַׁג** דאָס איז דער נאָמען פון א שעהן יודיש מיידעל אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון דוד המלך, און וויל זי האָט געשטאַמט פון דער שטאָדט שונם, ווערט זי אויך גערו־פען אבישג השונמית. אין ספר מלכים א׳ ווערט דערצעהלט, אַז אבישג איז גע־וועזען די בעדינערין פון דוד המלך, און צוליב איהר האָט שלמה המלך געהייסען טויטען זיין ברודער אדניהו. עס זענען פאַראַן טייל געלעהרטע, וואָס גלויבען, אַז דער אויסדרוק „שולמית״ פאַר א שעהן מיידעל, וואָס געפינט זיך אין שיר־השירים קאַפּיטעל ז׳, האָט א שייכות מיט אבישג השונמית, און די נ׳ מיט דער ל׳ איז דאָ פערטוישט גע־וואָרען.

**אֲבִישַׁי** דאָס איז דער יודישער העלד, איינער פון די „ראשי הגבורים״ („פיהרער פון די העלדען״) ביי דוד המלך. אין ספר שמואל ב׳ קאַ־פּיטעל כ״א ווערט דערצעהלט, אַז אבישי האָט געראַטעוועט דוד המלך פון טויט אין דער מלחמה מיט די פלשתים. אבישי איז געוועזען דער ברודער פון צוויי־טען גבור יואב, און זיי זענען ביידע געוועזען די זיהן פון צרויה, דער שוועס־טער פון דוד המלך. אין ספר שמואל ווערט דערצעהלט וועגען א גאַנצער רייה מלחמות, וועלכע אבישי האָט געווינען, אָנפיהרענדיג מיט דעם מיליטער פון די יודען. אין דער גמרא זענען פאַראַן א סך אגדה־ווערטער וועגען אבישי. זעה „אוצר ישראל״.

**אֶבְיָתָר** ער איז געוועזען דער זוהן פון אחימלך. אביתר איז אין די צייטען פון דוד המלך געוועזען דער כהן. אין ספר מלכים א׳ ווערט דער־צעהלט, אַז נאָכ׳ן טויט פון דוד המלך ווען עס איז פאָרגעקומען דער קאַמף ווער עס זאָל זיין מלך אין ירושלים, שלמה צי אדניהו, האָט אביתר געהאַל־טען מיט אדניהו. דעריבער האָט איהם שלמה המלך פערטריבען פון ירושלים, און איהם געהייסען זיך בעזעצען אין ענתות. אויף זיין אָרט איז געוואָרען כהן צדוק. פון דעמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען די כהנים־דינאַסטיע „בני צדוק״, וואָס האָבען געשפּילט אַזאַ גרוי־סע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע.

**אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן** בן אליהו (גאון). דאָס איז געוועזען דער לעצטער „גאון״ אין דער ישיבה אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון די „גאונים״. ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 11־טען יאָהר־הונדערט. אין זיין צייט איז פאָרגעקו־מען א גרויסער סכסוך צווישען רבי אביתר גאון און א צווייטען גאון דוד, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין מצרים. וועגען דעם דאָזיגען סכסוך האָט מען געפינען אין קאַהירא אין דער „ג־ניזה״ א ספּעציעלע „מגילת אביתר״, וואָס גיט אונז וויכטיגע ידיעות וועגען דער געשיכטע פון די יודען אין ארץ־ישראל אין יענע אַלטע צייטען. אין די צייטען פון רבי אביתר גאון האָט זיך אָנגעהוי־בען צווישען די יודען א משיח־בעוועגונג און רבי אביתר האָט געשריבען א בריף וועגען דעם. דעמאָלס האָבען זיך

אויך אָנגעהויבען די גרויסע מלחמות פון די „קרייץ־פאָהרער" („נוסעי הצלב"), די קריסטליכע מחנות, וואָס זענען געקומען פון אייראָפּע איינצונעהמען ארץ־ישראל פון די מאכמעדאַנער. דאָס האָט חרוב געמאַכט די יודישע ישובים, וואָס האָבען זיך נאָך געפינען אין ארץ־ישראל. פון דער „מגלת אביתר" איז אויך צו זעהן, אַז אין יענע צייטען האָט מען אין ארץ־ישראל שוין געלערענט אַ סאָרט געהיימע „קבלה"־לעהרע. עס ווערט דערצעהלט, אַז אביתר האָט זיך בענוצט מיט דעם שם המפורש.

ביבליאָגראַפיע: באָרנשטיין, אין „ספר היובל" לכבוד סאָקאָלאָוו; מאַן, „די יודען אין עגיפּטען און ארץ־ישראל" (ענגליש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבּכּיר** דאָס איז דער נאָמען פון אַ מדרש. דעם דאָזיגען נאָמען האָט דער מדרש בעקומען, ווייל נאָך יעדען דרש האָבען זיך דאָרט געפינען די ווערטער „אמן בימינו כן יהי רצון", וואָס די ראשי תבות פון זיי איז אבכיר. דער מדרש איז אינגאַנצען פערלוירען געגאַנגען, נאָר עס ווערען געבראַכט פון איהם אויסצוגען אין אַלטע יודישע ספרים. גענויערע אויפקלערונגען וועגען דעם דאָזיגען מדרש וועלען מיר געבען ביים וואָרט „מדרשים", וואו מיר וועלען בעשרייבען אַלע מדרשים בכלל.

ביבליאָגראַפיע: וועגען מדרש אבכיר איז פאַרהאַן אַ גרויסע אָבהאַנדלונג אין העברעאישען זאַמעל־בוך „דביר" (בערלין תרפ"ג).

**אָבֵל** (נאָמען פון אַ סך ערטער אין ארץ־ישראל). דער איינענטליכער טייטש פון וואָרט אָבל אין די אַלטע שפּראַכען העברעאיש און אסיריש איז געווען אַ „טאָל", וואו עס וואַקסען גראָזען אָדער תבואה. אויך אין דער אראַבּישער שפּראַך איז „אַביל" דער טייטש אַ שטיק ערד, וואו עס וואַקסט גראָז. דעריבער געפינען זיך אין תנ"ך און אויך שפּעטער אין דער גמרא אַ סך ערטער פון ארץ־ישראל, וואָס ווערען אָנגערופען „אָבל" צוזאַמען מיט נאָך אַ וואָרט, ווי, למשל, „אָבל־כרמים", וואָס דער טייטש דערפון וועט זיין „דער גראָז־טאָל פון די גערטנער". עס זענען אויך פאַרהאַן ערטער, וואָס טראָגען בלויז דעם נאָמען „אָבל". אין תנ"ך ווערען געבראַכט פאָלגענדע ערטער: 1) „אָבל בית מעכה" (אין שמואל ב' קאַפּיטעל כ'); זי ווערט אָנגערופען „עיר ואם בישראל", דאָס הייסט, אַ זעהר וויכטיגע שטאָדט, 2) „אָבל כרמים" (שופטים י"א) אַ שטאָדט אין יענער זייט ירדן, אין לאַנד פון עמון, 3) „אָבל מחולה" (מלכים א' קאַפּיטעל ד'), וואָס איז געווען אַ סאָרט גרעניץ־שטאָדט ביים ירדן, 4) „אבל מצרים" (בראשית נ'), וואו מען האָט בעקלאָגט יעקב אבינו, 5) „אָבל־השטים" (במדבר ל"ג), וואָס האָט אין די שפּעטערדיגע צייטען פון בית שני געהייסען „אַבעלאַ", 6) „אָבל הגדולה" (שמואל א'), וואו עס איז געווען אַ געוויסע צייט דער ארון. — אין דעם תלמוד ווערען געבראַכט פאָלגענדע ערטער מיט'ן נאָמען אָבל: 1) „אבל", אַ שטאָדט נעבען ציפּורי (עירובין פּרק ח'), 2) „אָבל ערב" (פּסחים ע"ב), וואו עס איז געווען אַ תנא רבי חייא, דער תלמיד פון רבי מאיר. אויך אין די היסטאָרישע ביכער פון פלאַוויאוס ווערען געבראַכט ערטער מיט'ן נאָמען „אבעלאַ", וועגען וועלכע עס איז שווער צו זאָגען, צי ער האָט געמיינט דערמיט איינעם פון די דערמאָהנטע ערטער,

אָדער עס זענען געווען נאָך שטעדט און דערפער אין ארץ־ישראל אין יענע אַלטע צייטען מיט׳ן נאָמען אָבל.

ביבליאָגראַפיע: הורביץ: „ארץ־ישראל ושכנותיה״; „אוצר השמות״; קליין: „עבר הירדן היהודי״; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָבֵל, אֲבֵלוּת** (איינער, וואָס טרויערט נאָך א טויטען, טרויער). דער מנהג צו טרויערן נאָך א נאָהנטען קרוב, וואָס איז געשטאָרבען איז פאַרהאַן ביי יודען זינט אַלטע צייטען. אין חומש (בראשית כ״ג) געפינען מיר, אַז ווען שרה איז געשטאָרבען „ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה״, איז געקומען אברהם, איהר מאַן, צו בעקלאָגען איהר און צו בעוויינען. מיר געפינען אויך אין תנ״ך אין א סך ערטער, אז מען האָט געפלעגט טרויערן, אויב עס איז געשטאָרבען א פאָטער, א מוטער, קינדער, א מאַן, א פרוי. ווי לאַנג פלעגען דויערן די דאָזיגע טרויער־טעג? דאָס איז שווער צו זאָגען. אין חומש בראשית נ׳ געפינען מיר וועגען יוסף, אז ווען יעקב אבינו איז געשטאָרבען, „ויעש לאביו אבל שבעת ימים״, און ער האָט איינגעאָרדענט פאַר זיין פאָטער א טרויער פון זיבען טעג. ווידער ווען משה רבנו איז געשטאָרבען, ווערט דערצעהלט אין חומש דברים ל״ד „ויבכו בני ישראל את משה שלשים יום ויתמו ימי בכי אבל משה״, אז „די יודען האָבען איהם בעוויינט דרייסיג טעג, און דערמיט האָבען זיך געענדיגט די טרויער־טעג נאָך משה׳ן״. דערפון שטאַמט דער מנהג, וואָס די ערשטע 7 טעג, „שבעה״, איז דער טרויער גרעסער, און דערנאָך ביז צום סוף פון די ערשטע 30 טעג, „שלשים״, איז שוין דער טרויער א קלענערער. אָבער דערנאָך דויערט נאָך אַביסעל דער טרויער ביז א גאַנץ יאָהר.

ווי אזוי פלעגט מען זיך נוהג זיין אין די טרויער־טעג? אויך דאָ זענען געווען פערשידענע מנהגים אין די פערשידענע צייטען פון דער יודישער געשיכטע. אין תנ״ך שמואל ב׳ י״ד ווערט דערמאָהנט, אַז דער אָבל פלעגט אָנטון ספּעציעלע טרויער־קליידער, „בגדי אָבל״. אין פּסוק הושע ט׳ ווערט דערמאָהנט דער אויסדריק „לחם אונים״, „טרויער־ברויט״, וואָס דער אָבל פלעגט עסען אין דער צייט פון טרויער. פון דער גמרא שבת קי״ד איז זעהן, אַז א אָבל פלעגט טראָגען שוואַרצע קליידער. אויך דער מנהג צו רייסען קריעה אַלס צייכען פון אבלות געפינען מיר שוין אין חומש ביי יעקב אבינו (בראשית ל״ז), ווען מען איז איהם געקומען זאָגען, אַז זיין זוהן יוסף איז אומגעקומען דורך א חיה רעה, „ויקרע יעקב שמלותיו״ („און יעקב האָט צעריסען זיינע קליידער״). אויך דער מנהג צו זעצען זיך אויף דער ערד איז פאַרהאַן אין תנ״ך ביי דוד המלך (שמואל ב׳ י״ב), ווען זיין קינד איז געשטאָרבען.

היינט איז דער מנהג אבלות, אַז אַ־אָבל זיצט אויף א נידריג בענקעלע, טראָגט נישט די שיך און געהט נישט ארויס פון שטוב די זיבען טעג, וואָס ווערט אָנגערופען „זיצען שבעה״. אין די שלשים איז דער טרויער קלענער, און די איבריגע 11 חדשים פון יאָהר איז עס נאָך קלענער. דער הויפּט־צייכען פון אבלות, וואָס בלייבט א גאַנץ יאָהר, און אויך אין די ווייטערדיגע יאָהרען יעדען יאָהרצייט, איז דאָס זאָגען קדיש. וועגען „קדיש״ און „יאָהרצייט״ און די מנהגים און לעגענדעס, וואָס זענען דערמיט פערבינדען, וועלען מיר שרייבען

בײַ די װערטער „יאָהרצײַט" און „קדיש". אויב עס שטאַרבט אַנ'אָנגעזע־הענער מענש, איז פון שטענדיג אָן גע־װען אַ מנהג, אַז מען האָט געהאַלטען אויך אַ הספד, און עס איז געװען אין די אַלטע צײַטען אין יעדער שטאָדט אַ ספּעציעל אָרט, װאו דער הספד איז גע־האַלטען געװאָרען, און דאָס האָט גע־הייסען „מקום ההספד", אָדער „בית הספד" (כתובות פ"ד).

איינער פון די מנהגים, װאָס איז גע־בליבען פון די אַלטע צײַטען, איז „מנחם אָבל־זײַן", טרייסטען דעם אָבל. אין דער גמרא כתובות ח' װערט געזאָגט, אַז בײַם מנחם אָבל־זײַן פלעגט מען איינ־אָרדנען פאַר די אבלים אַ סעודה, (װאָס האָט געהייסען די „סעודת הבראה") און מען פלעגט טרינקען װײַן. עס איז אָנגענומען, אַז אין די ערשטע 3 טעג זאָל מען נישט געהן מנחם אבל־זײַן, װײַל דעמאָלט איז דער אבל אין צו־שטאַרקען טרויער, און מען קאָן איהם נאָכנישט זאָגען קיין טרייסט־װערטער. אין דער צײַט פון שבעה לערענט דער אָבל נאָר טרויעריגע ספרים, װי איוב, מדרש איכה וכדומה. עס איז װערט צו בעמערקען, אַז אין ספר „שאלות ותשובות הריבש" סימן קנ"ח (דער מחבר האָט געלעבט אין שפּאַניען אין מאַראָקאָ אין דער 2־טער העלפט פון 14־טען יאָהרהונדערט) װערט געבראַכט, אַז נאָך דעמאָלט האָט געהערשט דער אַלטער מנהג פון דער גמרא, מען פלעגט נעהמען ספּעציעלע פרויען קלאָגערינס, װאָס האָבען געקלאַפּט מיט דער פויק און געװעקט דעם עולם צו טרויער. דער דאָזיגער מנהג עקזיסטירט נאָך הײַנט בײַ טייל יודישע קהלות אין צפון־אַפריקאַ.

אין שולחן־ערוך יורה־דעה איז פאַר־האַן די ספּעציעלע הלכות אבלות, װאו עס װערען אָנגעגעבען די אַלע דינים, װאָס אַנ'אָבל איז מחויב צו האַלטען, בנוגע װאַשען, פּוצען זיך, שערען, אַר־בייטען, װעגען טרויער אים שבת און יום־טוב און אַלע אַנדערע הלכות און דינים.

ביבליאָגראַפיע: מסכת מועד קטן פּרק ג'; מסכת „שמחות"; רמבם און שולחן־ערוך יורה־דעה הלכות אבל; לעװינזאָהן אין „זרובבל" חלק ד'; ראַבינאָװיטש: „דער טויטען־קולטוס בײַ יודען" (דויטש); קרויס: „תלמודישע אַרכעאָלאָגיע באַנד 2; עלהאַרסט אין דער זאַמעל־שריפט לכבוד װעל־הויזען (דויטש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אֵבֶל רַבָּתִי

**אֵבֶל רַבָּתִי** דאָס איז דער נאָמען פון אַ קליינער מסכתא אין דער גמרא, און זי הייסט „אבל רבתי", װײַל דאָרט װערען בעהאַנדעלט אַלע ענינים, װאָס האָבען אַ שייכות מיט טרויער (אבל). די דאָזיגע מסכתא טראָגט אויך דעם נאָמען „מסכתא שמחות" („די מסכתא פון פרייד"), דאָס איז װײַל עס איז געװען אַזאַ מנהג נישט אָנצורו־פען אַ זאַך מיט אַ טרויער־נאָמען צוליב „אל תפתח פה לשטן" („זאָלסט נישט געבען דעם שטן קיין שלעכטען אויס־רייד") און מען האָט עקסטרא געשריבען דעם פערקעהרטען נאָמען פון „טרויער", נעמלעך, שמחות, פרייד. אין „אבל רבתי" זענען פאַרהאַן אַ סך זאַכען, װאָס זענען צוגעגעבען געװאָרען אין אַ סך שפּעטערע צײַטען, זאָגאַר פון די צײַטען פון די גאונים. די בעדייטונג פון דער דאָזיגער מסכתא איז זעהר גרויס; זי גיט אונז זעהר װיכטיגע ידיעות װעגען די יודישע מנהגים אין די אַלטע צײַטען. — אַ חוץ דער „אבל רבתי" איז אויך געװען אַ מסכתא, װאָס האָט געהייסען „אבל זוטרתי" („די קליינע מסכתא

אבל''). א לאַנגע צייט איז די דאָזיגע גמרא געווען אין כתב יד, און מען האָט געוואוסט וועגן איהר נאָר דערפון, וואָס די אַלטע מפרשים האָבען געבראַכט פון איהר מאמרים. ערשט אין די לעצטע צייטען (פראַנקפורט יאָהר תרמ''ט) האָט איהר אַרויסגעגעבען לויט דעם כתב יד פון פאַרמאַ און פון וואַטיקאַן דער געלעהרטער חיים מאיר הורוויץ.

ביבליאָגראַפיע: קלאַין: „די תלמודישע מסכתא אבל רבתי" (דייטש); זאַמעל־שריפט „ציון" באנד 2; „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אַבְלַט** אין דער גמרא (שבת קנ''ט און אַנדערע ערטער) ווערט געבראַכט, אַז אין דער צייט פון אמורא שמואל, אין דער צווייטער העלפט פון דריטען יאָהרהונדערט האָט געוואוינט אין בבל אין דער שטאָדט נהרדעא אַ גוי, אַ געלעהרענטער מאַן, אַ שטערן־זעהער, מיט'ן נאָמען אבלט. ער איז געווען אין פריינדשאַפט מיט דעם אמורא שמואל און ער פלעגט פיהרען ויכוחים מיט די יודישע חכמים. אין דער גמרא שבת קנ''ו ווערט דערצעהלט, אַז איינמאָל איז שמואל געזעסען מיט אבלט און עס איז פערבייגעגאַנגען אַ יוד. אינמיטען האָט זיך אבלט אָנגערופען, אַז ער זעהט אין די שטערן, אַז דער יוד וועט נישט צוריקקומען פון זיין וועג, ווייל אַ שלאַנג וועט איהם בייסען. דערויף האָט איהם שמואל אָבגעענטפערט, אַז דער יוד וועט יאָ צוריקקומען, ווייל „אין מזל לישראל" („אויף יודען הערשען נישט די שטערן־פאָרויסזאָגונגען''). אין שבת קנ''ט זאָגט אבלט אַרויס זיין מיינונג, אַז דאָס ליכט פון דער זון איז נישט זעהר געזונד פאַר דעם מענש. דאָס היסטאָרישע ספר „יוחסין'' וויל האָבען, אַז אבלט האָט געלערענט וועלטליכע וויסענשאַפטען ביים אמורא שמואל.

ביבליאָגראַפיע: שי''ר; „ערך מלין"; וויזס: „דור דור ודורשיו"; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַבֵלֵי צִיוֹן** („וואָס טרויערען נאָך ציון''). אין די אַלטע צייטען האָט עקזיסטירט אין ירושלים אַ יודישע סעקטע מיט'ן נאָמען „אבלי ציון'', מענשען, וואָס טרויערען אויפ'ן חורבן פון ציון; זיי זענען געווען שטענדיג אין טרויער און האָבען מתפלל געווען, אַז עס זאָל קומען די גאולה. ווען די דאָזיגע סעקטע איז ענטשטאַנען, איז שווער צו זאָגען. שוין אין דער גמרא בבא בתרא דף ס' ווערט דערצעהלט, אַז באַלד נאָכדעם, ווי דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען זיך געפינען יודען, וואָס האָבען אַלס צייכען פון טרויער אויפגעהערט צו טרינקען וויין, עסען פלייש, אָבער דער תנא רבי יהושע בן חנניה האָט זיי ערקלערט, אַז אַזוי וויט טרויערען דאַרף מען נישט, ווייל דאָס איז אַ זאַך „שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה'', נישט אַלע קאָנען אַזוי טרויערען כסדר. עס איז אָבער זיכער, אַז אויך אין די צייטען פון דער גמרא זענען געווען די דאָזיגע אבלי ציון, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז די דאָזיגע „טרויערענדע אויף ציון'' האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער געהיימער קבלה־לעהרע שוין אין יענע צייטען. אין דער „פסיקתא רבתי'', וועמענס מחבר האָט געלעבט אַפילו אַ סך שפּעטער (אין דער ערשטער העלפט פון 9־טען יאָהרהונדערט) ווערט געזאָגט וועגן די אבלי ציון, אַז טאָג־טעגליך בעטען זיי אויף דער גאולה. עס ווייזט אויס, אַז די אבלי

ציון, וואס זענען געזעסען אין ירושלים, האבען געלעבט אין גרויס נויט, און זיי פלעגען בעקומען נדבות פון די יודען אין אנדערע לענדער. אין ספר „יוחסין" פון רבי אחימעץ ווערט דערצעהלט, אז אין 10־טען יאהרהונדערט האט מען ביי די עליות אין שוהל מנדב געווען נדבות פאר די „אבלי ההיכל", דאס הייסט, די

אין די שפעטערדיגע צייטען געפינען מיר, אז עס זענען געווען אבלי ציון נישט נור אין ירושלים, נאר אויך אין אנדערע לענדער, אזוי דערצעהלט דער בעריהמטער יודישער רייזענדער רבי בנימין פון טולעדא (אין דער 2־טער העלפט פון 12־טען יאהרהונדערט) אין זיין ספר „מסעות" (רייזען), אז אין



דער אַלטער מנהג פון די „טרויערנדע אויף ציון" ביי דער כותל־המערבי.

וואס טרויערען אויפ'ן בית־המקדש. פון יענע צייטען שטאמט עס, וואס אין דער תפלה אין שמונה עשרה, וואס מען זאגט היינט יעדען תשעה באב, אין „נחם", ווערט דערמאהנט די „אבלי ציון" און „אבלי ירושלים". עס איז אויך זיכער, אז אויך דער שפעטערדיגער מנהג צו געהן צו דער כותל־המערבי און טרוי־ערען, שטאמט פון דעם אלטען מנהג פון די „אבלי ציון" צו טרויערען אויף די חרוב־געווארענע הייליגע ערטער אין ירושלים.

דייטשלאנד זענען געווען יודען, וואס האבען געטרויערט אויף חורבן ירושלים, זיי האבען געטראגען שווארצע קליידער אלס צייכען פון טרויער. וועגען די יודען אין תימן שרייבט דער זעלבער רבי בנימין, אז עס זענען פאראן צווישען זיי „פרושי הדור הם אבלי ציון ואבלי ירושלים" („די אבגעשיידטע, וואס טרויערען אויף ציון און ירושלים"), וואס עסען נישט קיין פלייש און טרינ־קען נישט קיין וויין, טראגען שווארצע קליידער, און פאסטען שטענדיג, חוץ

שבת און יום־טוב, און זענען מתפלל, אז גאט זאל אויסלייזען די יודען.

עס איז כדאי צו פערצייכנען, אז די דאזיגע בענקשאפט נאך ארץ־ישראל און דער טרויער נאכ'ן חורבן האט אויך ארומגענומען די יודישע סעקטע קאראאימער („קראים"), וואס האבען אנערקענט נאר די תורה שבכתב, און נישט דעם תלמוד. פון די דאזיגע קאראאימער האבען זיך א סך בעזעצט אין ירושלים אין 9־טען יאהרהונדערט, און האבען זיך א נאמען געגעבען „אבלי ציון", זיי האבען נישט געגעסען קיין פלייש און נישט געטרינקען קיין וויין, נישט געפרעהט זיך מיט קיין שמחה, נאר שטענדיג ארומגעגאנגען אין טרויער. די גרויסע יודישע געלערנטע יאסט און צונץ האבען דעריבער געמיינט, אז די „אבלי ציון" איז געווען א ריין־קאראאימישע סעקטע, אבער די שפעטערדיגע געלעהרטע האבען בעוויזען, אז די דאזיגע מיינונג איז נישט קיין ריכטיגע. עס איז אויך פאראן א מיינונג, אז די „אבלי ציון" שטאמען פון די „בני רכב", וואס ווערען דערמאהנט אין ספר ירמיהו.

ביבליאגראפיע: זאמעל־בוך „ירושלים" פון לונץ באנד 10; פירסט: „די געשיכטע פון די קאראאימער" (דויטש); אין זאמעל־בוך „התקופה" באנד 23, דער ארטיקעל פון מאן; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אֶבֶן** דאס איז אנ'אראביש ווארט, און איז געווען א טייל פון די נעמען פון א סך אלטע יודישע חכמים, רבנים, פילאנטראפען, ווי למשל „אבן עזרא" און אנדערע. דאס ווארט „אבן" איז אין אראביש דער טייטש „זוהן", אבער עס איז בענוצט געווארען אין דער בעדייטונג ווי אין דער דייטשער שפראך „פאן", דאס הייסט פון דער און דער פאמיליע. למשל „אבן עזרא" האט געהייסען, פון דער משפחה עזרא", „אבן תבון" האט געהייסען „פון דער משפחה תבון". אין דער יודישער פאלקס־שפראך, זאגאר צווישען לומדים האט מען דאס דאזיגע ווארט נישט געלעזען אלס „איבן", נאר ווי „עווען", און יודען זאגען נישט „איבן עזרא" נאר „אבן עזרא" („עווען־עזרא"). טייל שפעטערדיגע יודישע געלערנטע האבען פון „אבן" געמאכט פשוט „בן", און אנשטאט למשל „רבי שלמה אבן גבירול", פלעגט מען אויך שרייבען „רבי שלמה בן גבירול". א סך שפעטערדיגע יודישע פאמיליעס האבען פון דעם ווארט „אבן" און זייער פאמיליען־נאמען געמאכט איין ווארט, ווי למשל פון פאמיליען־נאמען „אבן דנה" („איבן־דאנע") איז געווארען „אבענדאנע". דאס ווארט „אבן" פלעגט אויך געשריבען ווערען אין פערקירצונג מיט א לאנגער נון אין דער הויך א שטרייכעלע, אין דער פאלגענדער פארם „ן'."

אזעלכע אלטע יודישע גרויסע פערזענליכקייטען, וואס זייערע פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט'ן „אבן" זענען געווען א סך. מיר וועלען געבען נור די וויכטיגסטע פון זיי אין גאנץ בעזונדערע שטיך־ווערטער. אבער נישט אלע וועלען מיר געבען אונטער דעם ווארט „אבן", ווייל א סך פון זיי זענען גיכער בעקאנט מיט זייער אייגענטליכען פאמיליען־נאמען; ווי למשל דעם דערמאהנטען „רבי שלמה בן גבירול, וועלען מיר געבען ביי „גבירול", אדער ביי זייער פארנאמען, ווי למשל „רבי אברהם אבן דאוד" (דער ראב"ד) וועלען מיר געבען ביי אברהם. דאגעגען די, וואס זענען אין פאלק בעקאנט מיט דעם נאמען „אבן", ווי למשל דער „אבן־עזרא", וועלען מיר

געבען ביים ווארט „אבן עזרא" און
דאס זעלבע אויך ביי אנדערע „אבן"־
פאמיליעס.

ביבליאגראפיע: שטיינשניידער,
אין יודיש־ענגלישען זשורנאל „דזשואיש
קווארטערלי רעוויו" באנד 9 און 10, —
ווי אויך אין זיין בוך „אראבישע ליטעראַ־
טור" (דייטש) אין דער הקדמה; יודישע
ענציקלאפעדיעס.

**אבן אביתור, יוסף** ער איז געווען פון די גרויסע
לומדים און שרייבער פון פיוטים און
האט געלעבט אין שפאניען אין דער
שטאדט קארדאווא אין ענדע פון 10־טען
יאהרהונדערט. רבי יוסף אבן אביתור
האט אויך געהייסען „אבן שטאנש", און
ווי מען האט לעצטענס געפינען א בריף
אין דער „גניזה" ווייזט זיך ארויס, אז
דער דאזיגער נאמען שטאמט דערפון,
וואס אביתור'ס א זיידע איז געווען
איינער פון די פיהרער פון די יודען אין
שפאניען און ער האט פון דער שפאני־
שער רעגירונג געהאט דאס רעכט ארויס־
צוגעבען אויף יודען זאגאר טויט־אור־
טיילען און בעשטראפען מיט קלעפ, און
דערפון איז דאס ווארט „שוט־אנוש"
(„מענשען־רייט") און אזוי ארום איז
געווארען „שטאנש". אויך דער רבי
יוסף אבן אביתור איז געווען זעהר אנגע־
זעהען ביים קאליף אין שפאניען, פאר
וועמען ער האט זאגאר איבערגעזעצט די
גמרא אויף אראביש (אין יענע צייטען
האבען די אראבער געהערשט אין שפא־
ניען). אבער צוליב א מחלוקה מיט דער
קהלה אין קארדאווא, וועלכע האט בע־
שטימט אלס רב נישט אבן־אביתור'ן,
נאר נאך דעם גרויסען למדן רבי חנוך,
א זוהן פון פריהערינען רב ר' משה, —
איז אבן אביתור ברוגז געווארען און איז
אוועק פון דארט, און האט געוואנדערט
איבער דער וועלט. ער איז געווען אין
מצרים, ארץ־ישראל, און ער איז גע־
שטארבען אין דמשק לערך דעם יאהר
1008. פון אביתור'ס ספרים, וואס ער
האט מחבר־געווען איז גארנישט געבלי־
בען, אבער עס זענען געבליבען פון איהם
עטליכע הונדערט פיוטים, געדרוקט אין
פערשידענע ספרדישע מחזורים.

ביבליאגראפיע: ווייס: „דור דור
ודורשיו"; לאנדסהוט: „עמודי העבודה";
יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אבן בלעם, יהודה** ער איז געווען איינער פון די
גרעסטע אלטע יודישע פארשער פון דער
העברעאישער שפראך און מפרש פון
תנ"ך. רבי יהודה אבן בלעם האט גע־
לעבט אין שפאניען, אין סעווילא, אין
דער צווייטער העלפט פון 12־טען יאהר־
הונדערט. זיינע ספרים וועגען דקדוק און
פירושים אויף תנ"ך האט ער געשריבען
אלע אין דער אראבישער שפראך, וואס
איז דעמאלס געווען די אומגאנג־שפראך
פון די יודען נישט נור אין שפאניען נאר
אויך אין אפריקא, ארץ־ישראל און בבל.
אבער א טייל פון זיינע ספרים זענען
איבערגעזעצט געווארען אויף העברעאיש.
אין זיינע פארשונגען בענוצט ער זיך
אויך מיט דער מעטאדע פון פערגלייכען
די אראבישע שפראך מיט דער העברע־
אישער. אין די פערשידענע גרויסע בי־
בליאטעקען געפינען זיך נאך היינט אין
כתב־יד א סך פון רבי יהודהאבן בלעם'ס
ספרים. טייל פון זיי זענען געדרוקט גע־
ווארען אין צייטשריפטען. טייל געלעהר־
טע זאגען, אז רבי יהודה אבן בלעם איז
אויך דער מחבר פון צוויי סליחות־
פזמונים; איינער איז פארהאן אין מחזור
פון נוסח רומי, און הויבט זיך אן מיט
די ווערטער „ביום עשור קראתיך", און

די צווייטע איז פארהאן אין ספרדישען מחזור און הויבט זיך אן מיט די ווערטער „זכרי־על־משכבי״.

ביבליאגראפיע: הארקאווי, אין „חדשים גם ישנים״ (צוגעגעבען צו גרעץ'ס „דברי ימי ישראל״ אויף העברעאיש באנד 4); באכער: „העברעאישע שפראך־וויסענשאפט (דייטש); פאזנאנסקי: „צו דער אראבישער ליטעראטור פון יודען״ (דייטש); „אשכול״־ענציקלאפעדיע.

**אבן־דנה** (אויך „אבענדאנא״). דאס איז דער נאמען פון א בעריהמטער יודישער פאמיליע, וואס האט געשטאמט פון שפאניען און פארטוגאל. דער ערשטער פון דער דאזיגער פאמיליע, וואס איז אונז בעקאנט, האט געהייסען פראנציסקא נונעס, וועלכער איז געווען אין שפאניען פון די אנוסים (געהיימער יוד, וואס האט נור לפנים אנגענומען די קריסטליכע רעליגיע). ער האט געלעבט אין 17־טען יאהרהונדערט. די אינקוויזיציע אין שפאניען האט געווארפען אויף איהם א חשד, אז ער איז אין געהיים א יוד, און האט איהם געוואלט ארעסטירען. ער איז דאן מיט זיין פרוי יוסטא אנטלאפען פון שפאניען און האט זיך בעזעצט אין אמסטערדאם, וואו זיי זענען ביידע געווארען צוריק יודען. פראנציסקא נונעס האט זיך א נאמען געגעבען דוד. די ערשטע קינדער, וואס זענען ביי זיי געבוירען געווארען, זענען געשטארבען קליינערהייד, און די עלטערען האבען עס געטראכט אלס שטראף פון הימעל, דערפאר, וואס זיי האבען געווארט אזוי לאנג מיט זייער צוריקקעהרען צו דער יודישער רעליגיע. זיי האבען דערנאך געהאט צוויי זיהן. פראנציסקא נונעס אבענדאנא איז געווען פון די אנגעזעהענסטע יודען אין אמסטערדאם, ער איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער יודישער שוהל אין אמסטערדאם. ער איז געשטארבען אין יאהר 1627. — פון דער פאמיליע אבענדאנא איז ווערט צו פערצייכנען אויך רבי יעקב אבן־דנה, א זוהן פון אנוסים. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1630 אין געשטארבען אין יאהר 1690. שפעטער איז ער געווען רב אין אמסטערדאם, און ער איז אויך געווען א גרויסער געלערנטער. ער האט איבערזעצט אויף שפאניש משניות און דאס פילאזאפישע ספר פון רבי יהודה הלוי „הכוזרי״. פון איהם איז אויך פארהאן א הספד, וואס ער האט געהאלטען אויף די אנוסים בערנאל, וואס זענען פערברענט געווארען אין שפאניען אויף קידוש השם דורך די אינקוויזיציע. — פון דער אבענדאנא־פאמיליע זענען געווען אויך אנדערע פערזענליכקייטען, געלערנטע פערזאנען, באנקירען, וואס האבען געשפילט א וויכטיגע ראליע אין לעבען פון די ספרדישע קהלות.

ביבליאגראפיע: אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאפעדיע ווערען אויסגערעכענט די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען פון דער אבענדאנא־פאמיליע.

**אבן העזר** איז דער נאמען פון פירטען טייל שולחן־ערוך. אין דעם אבן־העזר ווערען בעהאנדעלט אלע דינים און הלכות, וואס האבען א שייכות מיט דעם יורידישען מאן־ און פרוי־לעבען: ווי קידושין, גט'ן. צו דעם דאזיגען ספר זענען געשריבען געווארען א סך מפרשים און שאלות־ותשובות־ספרים. — א גענויע אבשאצונג פון דאזיגען ספר, וואס איז דער רעליגיעזער קאדעקס פון אלע יודידישע מאן־ און ווייב־פערהעלטניסען, וועלען מיר געבען ביים ווארט „שלחן־

ערוך'', וואו עס וועט געגעבען ווערען אנ'אויספיהרליכער בעשרייבונג פון אלע 4 חלקים פון שלחן־ערוך.

**אבן חיים** די פאמיליע אבן־חיים טרעפען מיר ביי די ספרדישע יודען פון 15־טען יאהרהונדערט אן. די ערשטע וויכטיגע פערזענליכקייט פון דער דאזיגער פאמיליע איז געווען יוסף אבן חיים, וועלכער האט געלעבט אין 15־טען יאהרהונדערט. ווער ער איז געווען און פון וואנען ער האט געשטאמט, איז נישט קלאר. זיין וויכטיגקייט בעשטעהט אין דעם, וואס ער איז איינער פון די עלטעסטע יודישע קינסטלער־מאלער און צייכנער, וועמענס קינסטלערישע ארבייטען זענען דערגאנגען צו אונז. אין דער באדלעיאנא־ביבליאטעק אין אקספארד (ענגלאנד) איז פארהאן א כתב־יד אויף פארמעט, וואס ענטהאלט דעם תנ"ך און דעם דקדוק־ספר מכלול פון רבי דוד קמחי (רד"ק). לויט ווי עס איז דארט אנגעשריבען, איז דער כתב־יד געשריבען אין שפאניען אין יאהר 1476. אויף יעדען בלאט זענען דארט פארהאן שעהנע קינסטלערישע צייכנונגען, די בילדער פון קרח און זיינע אנהענגער, דוד המלך, בלעם און אנדערע, און עס שטעהט דארט אונטערגעשריבען די ווערטער „אני יוסף אבן חיים זה הספר ציירתי והשלמתי'' („איך יוסף אבן חיים האבען דאס דאזיגע ספר געצייכענט און פערענדיגט''). וועגען דעם מאלער אבן חיים שרייבט ווישניצער אין זשורנאל „מילגרוים'' העפט 1 יאהר 1922. — בעריהמט איז אויך דער רב רבי אהרן אבן חיים (דער ערשטער). אין סוף פון 16־טען און אנהויב פון 17־טען יאהרהונדערט. ער האט געשטאמט פון מאראקא, נאכהער איז ער געווען רב אין ווענעציע. א חוץ פערשידענע אנדערע ספרים האט ער מחבר געווען אויך זיין בעריהמטען פירוש „קרבן אהרן'' אויפ'ן ספרא, וואס איז שטארק אנגענומען אין דער לומדישער וועלט. — זיין אייניקעל איז געווען רבי אהרן אבן חיים (אין 17־טען יאהרהונדערט), וועלכער איז געווען רב אין חברון, און נאכהער אין סמירנא. ער איז געשטארבען אין יאהר 1688 אין טאג, ווען אין סמירנא איז געווען א ערד־ציטערניש און פיל מענשען זענען דערמאלס אומגעקומען. עס זענען פון איהם פארהאן פערשידענע תשובות. ער איז בעקאנט מיט זיין פסק־דין, אז קאראאימער האבען דעם דין פון יודען, וואס זייער אנריהרען וויין אסר'ט נישט דעם וויין צו טרינקען.

ביבליאגראפיע: נייבויער, אין קאטאלאג פון די העברעאישע כתב־יד'ן אין אקספארדער ביבליאטעק; „נר המערב''; „שם הגדולים''; „אשכול''־ענציקלאפעדיע.

**אבן יצחק** (1861—1925), יודישער שריפטשטעלער און היסטאריקער פון חסידות. יצחק אבן איז געבוירען געווארען אין יאהר 1861 אין גאליציען און האט זיך ערצויגען אין א חסידישער פאמיליע. נאכהער האט ער זיך גענומען צו השכלה. אין יאהר 1909 איז ער געקומען קיין אמעריקא, וואו ער האט געארבייט אין דער העברעאישער ענציקלאפעדיע „אוצר ישראל'', ווי אויך אין א רייהע יודישע און העברעאישע צייטונגען. אמייסטען האט ער געשריבען חסידישע ערצעהלונגען ווי אויך היסטארישע אבהאנדלונגען וועגען רביים און חסידות. ער האט געדרוקט „פון דער גוט־יודישער וועלט'' (ניו־יארק 1917) און „פונ'ם רבינ'ס הויף'' (ברוקלין

1922). אבן איז געשטאָרבען אין יאָהר 1925 אין ניו־יאָרק.

ביבליאָגראַפיע: רייזען: „לעקסיקאָן" (1926); „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע.

**אבן ישוש יצחק** דאָס איז דער נאָמען פון איינעם פון די אַלטע יודישע פאַרשער פון תנ"ך און פון דער העברעאישער שפּראַך. ער איז געבוירען געוואָרען אין שפּאַניען אין יאָהר 982 און ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1057. אין פערשידענע קוועלען ווערט דערצעהלט, אַז רבי יצחק אבן ישוש איז אויך געווען אַ גרויסער פילאָזאָף און יוריסט. די וויכטיגקייט פון זיין פּערזאָן בעשטעהט אין דעם, וואָס לויט אַ געוויסער מיינונג, איז רבי יצחק אבן ישוש דערזעלבער „יצחקי", וואָס ווערט דערמאָהנט אין פּירוש פון אבן עזרא אויף תורה, און ספּעציעל אין דעם אָרט אויף חומש בראשית ל"ו אויף דעם פּסוק „ואלה המלכים אשר מלכו באדום לפני מלך מלך בישראל" („און דאָס זענען די מלכים, וואָס האָבען געקיניגט אין אדום איידער ביי יודען איז געווען אַ מלך"). דאָרט זאָגט דער „אבן עזרא", אַז „יצחקי" זאָגט אין זיין ספר, אַז די דאָזיגע פּרשה פון חומש איז נישט געשריבען געוואָרען דורך משה רבנו אין דער מדבר, ווייל דעמאָלס איז דאָך נאָכנישט געווען ביי יודען קיין מלך, נאָר זי איז געשריבען געוואָרען אין די שפּעטערדיגע צייטען, אין דער צייט פון מלך יהושפט. דער „אבן עזרא" גיעט דערביי צו, אַז מען טאָר אַזעלכעס נישט זאָגען, וואָרום דאָס איז דאָך געגען דער יודישער טראַדיציע, אַז דאָס גאַנצע חומש איז געשריבען געוואָרען דורך משה רבנו. פון דעם איז צו זעהן, אַז „יצחקי" איז געווען פון די ערשטע אַלטע תנ"ך־קריטיקער, וואָס האָבען געפּרובט אויפוייזען, אַז אין תנ"ך זענען פאַרהאַן פּסוקים און פּרשיות, וואָס זענען געשריבען געוואָרען אין שפּעטערדיגע צייטען. די תנ"ך־קריטיק (ביבעל־קריטיק, ווי זי הייסט היינט) איז ערשט אין די מאָדערנע צייטען ענטוויקעלט געוואָרען, און „יצחקי" איז געווען פון איהרע ערשטע פאַרשער.

ביבליאָגראַפיע: דוקס: „נחל קדומים"; סאָלאָווייטשיק און רובּאַשאָוו אין „תולדות בקרת המקרא" אויף העברעאיש; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אבן סנה שמואל** ער האָט געלעבט אין דרום־פראַנקרייך אין דער צווייטער העלפט פון 14־טען יאָהרהונדערט. מען האָט איהם אויך גערופען רבי שמואל צרצה, אָדער סרסה. ער האָט געשריבען פּירושים צום חומש, און טייל רבנים האָבען געזעהן אין זיינע ספרים אפּיקורסות. זיין הויפּט־ספר איז „מקור־חיים" (געדרוקט אין מאַנטואַ 1559), וואָס איז אייגענטליך אַ פּירוש צום פּירוש פון אבן עזרא. דאָרט זאָגט ער אַרויס זעהר געוואָגטע מיינונגען, וואָס שטימען נישט איין מיט די מיינונגען, וועלכע זענען אָנגענומען דורך די יודישע רעליגיעזע חוקרים. לויט דער מיינונג פון אבן סנה, איז די וועלט נישט בעשאַפען געוואָרען דורך גאָט, נאָר זי איז אַליין אַ „קדמון", דאָס הייסט, די וועלט עקזיסטירט פון אונענדליכע צייטען אָן. רבי שמואל אבן סנה האָט אויך נישט געגלויבט אין כישוף און שדים, און אויך נישט געגלויבט אין גלגול, אַז די נשמה פון אַ פערשטאָרבענעם ווערט ווידער געבוירען אין אַנ׳אַנדערען מענש. די ווערטער פון דער גמרא, וואָס

רעדען יאָ וועגען די אַלע זאַכען, זאָגט ער, אַז מען טאָר נישט אַבלאַכען פון זיי, ווייל מיר פערשטעהען נישט, וואָס די חכמי התלמוד זאָגען, און זיי האָבען דערמיט געמיינט אַנדערע געדאַנקען. דער אבן סנה שרייבט אויך אין זיין ספר, אַז „מי שאינו חוקר ומכיר, איננו מאמין גם כן; מי שמכיר ומשכיל הוא מאמין" („ווער עס פאָרשט נישט און דערקענט נישט, איז נישט קיין גלויביגער"; ווער אָבער עס דערקענט און פערשטעהט, איז אַ גלויביגער"). עס איז פאַרהאַן אַ לעגענדע, אַז דורך אַ מסירה צו דער רעגירונג, אַז רבי שמואל אבן סנה איז אַ אפיקורס און האַלט, אַז די וועלט איז אַ קדמון, האָט מען איהם פעראורטיילט צום טויט און פערברענט. זיכער איז נישט. אויב דאָס זאָל זיין אמת, וואָלט רבי שמואל אבן סנה געווען איינער פון די אַלטע יודישע מערטירער, וואָס זענען אומגעקומען צוליב זייערע פרייע מיינונגען.

ביבליאָגראַפיע: „סדר הדורות"; קלמן שולמאַן: „תולדות חכמי ישראל"; קאַרפעלעס: „געשיכטע פון יודישער ליטעראַטור" (דייטש); יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אבן עזרא** דאָס איז געווען אַ בעריהמטע פאַמיליע אין שפּאַניען, בעקאַנט שוין אין 12־טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייה גרויסע יודישע חכמים, דיכטער, פילאָזאָפען און געלערנטע ווי אויך מלוכה־לייט. אַ גרויסען רב פון דער פאַמיליע אבן־עזרא טרעפען מיר אויך שפּעטער, אין 18־טען יאָהרהונדערט. וועגען טייל וויכטיגסטע פערזענליכקייטען פון דער אבן־עזרא־פאַמיליע שרייבען מיר בעזונדער. דאָ פערצייכענען מיר אויך אַ רייה נעמען פון עטליכע אַנגעזעהענע חכמים פון דער דאָזיגער פאַמיליע. — רבי יהודה בן יוסף אבן־עזרא, ער האָט געלעבט אין שפּאַניען אין 12־טען יאָהרהונדערט און איז געווען אַ תלמיד פון זיין פעטער, דעם גרויסען דיכטער רבי משה אבן עזרא. רבי יהודה איז געווען אָנגעזעהען ביים קעניג אלפאָנסאָ אין קאַסטיליען, און האָט פערמאָגט אַ סך גיטער. עס ווערט דערצעהלט וועגען איהם, אַז ווען די אַראַבער האָבען אָנגעטהון צרות יודען, און אַ סך יודען זענען אַנטלאָפען קיין קאַסטיליען, האָט רבי יהודה אַ סך פון זיי אויפגענומען און געטהון גרויסע טובות. — רבי יצחק בן יעקב אבן־עזרא, געשטאָרבען אין יאָהר 1128; ער איז געווען אַ ברודער פון רבי משה בן עזרא, און אויך ער האָט גע'שמ'ט אַלס דיכטער. וועגען דעם דאָזיגען רבי יצחק ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט געהאַט אַ שעהנע טאָכטער, אין וועלכער רבי משה אבן עזרא איז געווען פערליבט, און ווייל זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען, איז רבי משה אַוועק פון זיין היימאַט־לאַנד. — יצחק בן אברהם אבן־עזרא. דאָס איז געווען אַ זוהן פון דעם גרויסען רבי אברהם אבן־עזרא. וועגען דעם דאָזיגען זוהן ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט זיך גע'שמד'ט. וועגען איהם געבען מיר אויך אין דער בעשרייבונג וועגען רבי אברהם אבן עזרא. — רבי אברהם בן חיים ידידיה אבן־עזרא. ער האָט געלעבט אין 18־טען יאָהרהונדערט און איז געווען רב אין סמירנא. עס איז פאַרהאַן פון איהם אַ ספר „בתי כנסיות" אויף דעם שלחן־ערוך אורח חיים. — רבי יוסף בן יצחק אבן־עזרא, רב אין סאַלאָניקי און סאָפיא אין אָנהויב פון 17־טען יאָהרהונדערט. ער האָט מחבר געווען אַ רייה

ספרים, צווישען זיי דעם „ראש יוסף״ אויף דעם טור חושן משפט.

ביבליאָגראַפיע: יודיש - ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אשכול״.

**אבן עזרא** אברהם בן מאיר (געבוירען געוואָרען לערך 1092 — געשטאָרבען לערך — 1167). דאָס איז דער גרויסער יודישער מפרש פון תנ״ך, פילאָזאָף און דענקער און דיכטער און אסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם סתם נאָמען „אבן עזרא״. רבי אברהם אבן עזרא, וועלכער ווערט פיל מאָל געבראַכט מיט דער ראשי־תבות „ראב״ע״, איז איינער פון די גרעסטע פערזענליכקייטען אין דער גאַנצער יודישער געשיכטע, און וועגען זיין לעבען און זיינע ספרים איז געשריבען געוואָרען זעהר פיל.

עס איז אָנגענומען, אַז דער אבן־עזרא איז געבוירען געוואָרען אין שפּאַניען, אין דער שטאָדט טאָלעדאָ אין יאָהר ד׳ אלפים תתנ״ב (1092). וועגען זיינע יוגענד־יאָהרען ווייסט מען כמעט גאָר־נישט. מען נעהמט אָן די מיינונג, אַז ער האָט שוין יונגערהייט געשריבען ספרים, וועלכע זענען צו אונז נישט אָנגעקומען, אַחער עס איז מעגליך, אַז ער אַליין האָט זיי שפּעטער איבערגעאַרבייט און זיי אריינגענומען אין זיינע שפּעטערדיגע ספרים. אָנגעהויבען זיין אַרבייט פון שרייבען ספרים, מיט וועלכע ער איז געוואָרען בעריהמט, האָט דער אבן־עזרא נאָכדעם, ווי ער האָט פערלאָזט זיין היימלאַט־לאַנד שפּאַניען. דאָס איז פּאַרגעקומען לערך דעם יאָהר תתצ״ח (1138), ווען רבי אברהם אבן־עזרא איז שוין געווען אַ עלטערער מאַן, אַלט ביי 46 יאָהר. פאַרוואָס ער האָט פערלאָזט שפּאַניען, איז אויך נישט קלאָר. ער אַליין שרייבט וועגען זיך פאָלגענדע ווערטער: „ואני אברהם בר מאיר מארץ מרחקים, הוציאתני מארץ ספרד חמת המצוקים״ („איך, אברהם בן מאיר פון ווייטען לאַנד, האָט מיך פערטריבען פון שפּאַניען דער צאָרן פון די בעדריקער״). טייל געלערנטע ווילען האָבען, אַז ער איז אַנטלאָפען פון שפּאַניען, ווייל זיינע שונאים האָבען איהם געוואָלט טויטען. אַנ׳אַנדערע מיינונג איז פאַרהאַן, אַז אין יענע צייטען זענען פאָרגעקומען אויף די יודען אין שפּאַניען, וואו עס האָבען דעמאָלס געהערשט די אַראַבער, גרויסע פּאָגראָמען, אַ סך יודען זענען אומגעקומען, עס זענען הרוב געוואָרען שוהלען, ספרים זענען פערברענט געוואָרען, און פיל יודען זענען אַנטלאָפען, און צווישען די אַנטלויפענדע זאָל אויך האָבען געווען דער אבן־עזרא.

נאָכדעם, ווי דער אבן־עזרא האָט פערלאָזט שפּאַניען, האָט ער בערייזט זעהר פיל לענדער. ער איז געווען אין פראַנקרייך, צפון־אפריקא, אין מצרים, און עס זענען פאַרהאַן מיינונגען, אַז ער איז אויך געווען אין ארץ־ישראל בבל און זאָל האָבען דערגרייכט אַזש קיין אינדיען. די דאָזיגע רייזעס האָבען ביי איהם געדויערט צוויי יאָהר. ער האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ביז ער האָט זיך בעזעצט אין רוים. דאָ האָט ער אָנגעשריבען זיין ערשט ספר, דעם פירוש צו קהלת. לאַנג איז דער אבן־עזרא אויך דאָרט נישט פערבליבען; ער האָט געוואַנדערט אין פערשידענע שטעט אין איטאַליען, דערנאָך אין דרום־פראַנקרייך, נאָכהער אין צפון־פראַנקרייך, און ער האָט אומעטום געליטען נויט, אָבוואָהל אויב ער איז נור געקומען אין אַ שטאָדט, וואו עס זענען געווען גרויסע לומדים און דענקער, וואָס זענען געווען

מבינים אויף זיין גרויס געלעהרזאמקייט, האט מען איהם אבגעגעבען פיל כבוד און געשטיצט. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז ווי דער אבן־עזרא שרייבט אליין, האט מען איהם אין טייל ערטער געהאלטען פאר א מין, א אפיקורס, פאר זיינע ארויסגעזאגטע מיינונגען, וואס זענען פאר טייל אויסגעקומען צו־פריי. דער אבן־עזרא האט אזוי געוואנדערט אלע זיינע עלטערע יאהרען און איז געווען א געוויסע צייט אויך אין לאנדאן. ערשט ווען ער איז שוין אלט געווען 75 יאהר, אין יאהר תתקכ״ז (1167) האט ער בעשלאסען צוריקצופאהרען אין זיין אמאליג היימאט־לאנד, אין שפאניען. אבער אויפ׳ן וועג, אין דער שטאדט קאלאהארא אין שפאניען איז ער געשטארבען, מאנטאג אדר ראשון תתקכ״ז. אויך וועגען דעם יאהר פון זיין טויט און דער שטאדט, וואו ער איז געשטארבען, זענען פאראן פערשידענע מיינונגען. עס ווערט דערצעהלט, אז דער אבן־עזרא, פיהלענדיג, אז עס דערנעהנטערט זיך דער טויט, האט געזאגט אויף זיך אין פאראפראזע דעם פסוק פון חומש וועגען אברהם אבינו: „ואברהם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרון העולם״ („און אברהם איז אלט געווען 75 יאהר, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון צארן פון דער וועלט״). דאס איז געווען א אנדייטונג אויף די פיל ליידען און נויט און אונרוהע, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן אין זיינע יאהרען.

פאר דער יודישער וויסענשאפט האבען די וואנדערונגען פון אבן־עזרא געהאט א גרויסע בעדייטונג, ווייל אין שפאניען פלעגען אלע יודישע חכמים פון יענער צייט שרייבען זייערע ספרים אויף אראביש, און אויך דער אבן־עזרא, ווען ער וואלט געווען געבליבען אין שפאניען, וואלט ער זיינע ספרים געשריבען אין דער אראבישער שפראך, וואס איז דעמאלס געווען די אומגאנגס־שפראך פון די דארטיגע יודען. דאגעגען אין די לענדער, וואו ער האט געוואנדערט, האט מען אראביש נישט פערשטאנען, און דער אבן־עזרא האט אלע זיינע ספרים דעריבער געשריבען אין העברעאיש.

דאס וויכטיגסטע ספר פון אבן־עזרא איז זיין פירוש צו חומש, נביאים הראשונים, ישעיה, תרי עשר, חמש מגילות, תהלים, איוב און דניאל. דעם פירוש צום חומש האט דער אבן־עזרא געשריבען אין צוויי מהדורות, אין א לענגערער פארם „פירוש ארוך״ און א קורצער פארם „פירוש קצר״. אין זיין פירוש צו חומש און די אנדערע כתבי הקודש איז דער אבן־עזרא קודם־כל מפרש, ער טייטשט איין דעם פשוט׳ן זין פון פסוק, און ווייזט דערביי ארויס א אונגעוועהנליכען שארפען זין און איינבליק אין דער כונה פון פסוק. א סך מאל זאגט דער אבן־עזרא ארויס זעהר געוואגטע געדאנקען, ווי למשל אין ספר ישעיה, אז די קאפיטלעך פון ישעיה מ׳ זענען געשריבען געווארען דורך א נביא נאכ׳ן גלות בבל, אויך אין פירוש צום חומש זאגט ער טיילמאל ארויס זעהר געוואגטע מיינונגען, אבער ער טהוט עס אין א פערשטעלטער פארם, און מען מוז גאנץ אפט זיך מאטערען, כדי צו פערשטעהן דעם טייטש פון אבן־עזרא. עס איז א פאקט, אז דער גרויסער שפעטערדיגער פילאזאף ברוך שפינאזא האט ארויסגענומען פון אבן־עזרא מיינונגען, וועלכע ער האט בענוצט צו זיין סיסטעם פון תנ״ך־פארשונג און דאס איז געווארען דער פונדאמענט פאר דער מאדערנער לעהרע פון פארשען תנ״ך. צוליב דעם, וואס דער אבן־עזרא בענוצט זיך

אין זיין פירוש מיט א קורצען שארפען סטיל, און אין עטליכע ווערטער דריקט ער אויס א גאנצען געדאנק, אזוי אז עס איז איהם שווער צו פערשטעהן, האט מען שפעטער מחבר געווען פירושים, וואס קלערען־אויף די שווערע שטעלען פון אבן־עזרא; אמוויכטיגסטען פון די דאזיגע פירושים צום אבן־עזרא איז דער „צפנת פענח" פון רבי יוסף הספרדי. אויך אין היינטיגע צייטען איז עס אין דער לומדישער וועלט פון תנ"ך־קענער א גאנצער ענין צו „טרעפען" א שווער שטיקעל אבן־עזרא.

א חוץ זיין פירוש אויף כתבי הקודש האט דער אבן־עזרא מחבר געווען ספרים וועגען דקדוק, דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער „מאזנים". ער האט אויך מחבר געווען ספרים איבער פילאזאפיע („יסוד מורא" און אנדערע) ווי אויך איבער אסטראנאמיע און מאטעמאטיק (ספר „האחד", „הלוחות", „העבור", „כלי נחושת" און אנדערע). א חוץ דעם האט דער אבן־עזרא אויך געשריבען ביי־כער פון פערשידענעם אינהאלט (זאגאר וועגען שאך־שפיל), ווי אויך א סך לי־דער און חידות. דער „דיוואן" (לידער־בוך) פון אבן־עזרא, ארויסגעגעבען דורך אייגער, ענטהאלט 260 שירים און חידות, אבער עס זענען פארהאן נאך מעהר. די צאהל ספרים, וואס דער אבן־עזרא האט מחבר געווען, זאל זיין בערך 200.

דער אבן־עזרא האט געהאט דעם אונגעוועהנליכסטען איינפלוס אויף די יודישע געלערענטע וועלט אין פערלויף פון א סך הונדערטער יאהרען. אויך אין דער נייערער צייט איז דער יודישער מא־דערנער דענקער נחמן קראכמאל אין זיין ספר „מורה נבוכי הזמן" געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון דער תנ"ך־פארשונג און פילאזאפישער שיטה פון אבן־עזרא. עס איז שווער צו זאגען, אין וואס די דאזיגע שיטה איז בעשטאנען, ווייל דער אבן־עזרא אליין איז זיך אפט־מאל סותר. טיילמאל זאגט ער ארויס די געוואגטעסטע מיינונגען, אהן שום מורא און אבשטעלען זיך פאר קיין זאך, און טיילמאל ווידער גלויבט ער זאגאר אין אסטראלאגיע, אז דער גאנג פון די שטע־רען האט א ווירקונג אויף דעם גורל פון מענשענס לעבען. וועגען זיך אליין האט ער געגלויבט, אז די שטערען האבען איהם פאראויסבעשטימט א ביטערען גורל, און פון איהם שטאמט דער שיר: „ווען איך וואלט געהאנדעלט מיט ליכט, וואלט קיינמאל נישט נאכט געווען, און ווען איך וואלט געהאנדעלט מיט תכריכים, וואלט קיינער נישט געשטאר־בען".

אבער אין אלגעמיין אין זיין שיטה, אז גאט האט בעשאפען די וועלט פון א אור־אלטער מאטעריע, דעם „חומר היולי", וואס עקזיסטירט פון אייביגע צייטען. וועגען דער נשמה האלט דער אבן עזרא פון דער שיטה פון „מאנא־פסיכיזם", וואס זאגט, אז אלע נשמות פון אלע מענ־שען זענען אייגענטליך טיילען פון איין גייסט. עס איז פארהאן א מיינונג, אז דער אבן עזרא האט געהאט פאר זיך דאס פילאזאפישע ספר „מקור חיים" פון רבי שלמה אבן גבירול און האט דערמיט זיך פיל בענוצט.

די גרויסע יודישע חכמים אין די אל־טע צייטען האבען זעהר פיל געהאלטען פון אבן־עזרא. דער גרעסטער פון די בעלי התוספות רבנו יעקב תם האט איהם גאר הויך געשעצט און איהם געשריבען „אני עבד לאברהם" („איך בין א קנעכט צו אברהם"). דער רמב"ם אין זיינע בריף שרייבט וועגען אבן־עזרא'ס פירוש

גאר גרויס און ער האט געהייסען זיין זוהן איהם לערנען.

וועגען פאמיליען-לעבען פון אבן-עזרא איז אונז גארנישט בעקאנט. פון זיינס אנ'אויסדרוק אין פירוש צום חומש שמות ב' ב' ווילען טייל ארויסנעמען, אז ער האט געהאט 5 זיהן. מען ווייסט אבער פון זיי גארנישט. אביסעל ידיעות האט מען נור פון איין זוהן זיינעם, מיט'ן נאמען יצחק, וואס מיט איהם איז פערבונדען א טראגישע איבערלעבונג פאר זיין פאטער. דער דאזיגער זוהן יצחק איז געווען א פעהיגער דיכטער און האט געשריבען שעהנע שירים, אויך ער האט פערלאזט שפאניען אין יאהר 1140 און האט זיך בעזעצט אין אזיען, אין באגדאד. אבער פלוצלינג האט דער דאזיגער יצחק (אונטער דעם איינפלוס פון זיין רבי, א געוויסען נתנאל, אויך א משומד) זיך גע'שמד'ט און אנגענומען די מאכמעדאנישע אמונה. רבי יהודה אלחריזי, וועלכער האט אויך געלעבט אין יענער צייט, שרייבט וועגען איהם „והסיר מעליו מעילו דת היקרים, ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים" (ער האט אראבגעווארפען פון זיך זיינע טייערע רעליגיעזע מלבושים, און האט אנגעטהון אנדערע קליידער"). אנדערע לייקענען אב די דאזיגע ידיעה. סיי ווי, ווען ער איז געשטארבען, האט זיין פאטער, דער אבן-עזרא געשריבען וועגען איהם א קלאג-ליד מיט די ווערטער „בכה אבכה בכל רגע ואשה נהי נהיה, בזכרי זה שלש שנים מותו בארץ נכריה" („איך וויין יעדע רגע און קלאג, ווען איך דערמאהן מיך 3 יאהר איז זינט ער איז געשטארבען אין א פרעמד לאנד)".

ביבליאגראפיע: וועגען אבן עזרא איז פיל געשריבען געווארען. מיר געבען דא נאר די וויכטיגסטע. גרעץ (העברעאיש באנד 4, צום סוף ציון ד'); דוד כהנא: „רבי אברהם אבן עזרא"; בערנפעלד: „דעת אלהים"; אויך זעהר פיל אין אנדערע שפראכען. א גענויע רשימה געפינט זיך אין דער „אשכול"-ענציקלאפעדיע. אין יודיש איז דא גינזבורג: „דענקער און פאעטען"; זעצער: „אבן עזרא".

**אבן עזרא** משה בן יעקב (לערך 1060-1139). דאס איז געווען איינער פון די בעריהמטעסטע העברעאישע דיכטער אין 12-טען יאהרהונדערט. אין אראביש האט מען איהם גערופען „אבו הארון מוסא". ער איז געבוירען געווארען אין שפאניען (אין גראנאדא) לערך דעם יאהר ד' אלפים תתך (1060). ער איז געווען א גרויסער קענער פון העברעאיש און אראביש ווי אויך אין דער לאטיינישער שפראך. אין זיינע ביכער בערענגט ער די גרעסטע גריכישע און אראבישע פילאזאפען. יודישע לימודים האט ער געלערענט ביים גרויסען רב ר' יצחק גיאת. עס ווערט דערצעהלט, אז רבי משה אבן-עזרא האט זיך פערליבט אין דער טאכטער פון זיין ברודער רבי יצחק, אבער זי האט חתונה געהאט פאר אנ'אנדערען, רבי משה האט דעריבער פערלאזט זיין היימאטלאנד און האט געוואנדערט איבער פארטוגאל און קאסטיליען. אויף זיין וואנדער-וועג איז ער געוואר געווארען, אז זיין ברודער'ס טאכטער איז געשטארבען. רבי משה האט דעמאלס געשריבען אויף איהר א טרויער-ליד. רבי משה איז דערמאלס צוריקגעקומען אהיים, און דארט איז ער געבליבען זיין גאנץ לעבען.

רבי משה האט געשריבען א סך ספרים אין אראביש. איין ספר וועגען פילאזאפיע איז איבערגעזעצט געווארען אויף העברעאיש מיט דעם נאמען „ערוגת

הבושם"; דאָס געפינט זיך אין כתב־יד. אַממייסטען בעריהמט איז רבי משה דורך זיינע העבּרעאישע לידער, וועלכע געהערען נאָך היינט צו די שענסטע אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבּען אַ בּוך אויך וועגען פּאָעזיע; דאָס דאָזיגע בּוך איז לעצטענס (יאָהר תרפ"ד) ערשינען אין העבּרעאישער איבּערזעצונג מיט'ן נאָמען „שירת ישראל". זיינע לידער זענען אָבּגעדרוקט אין צוויי ספרים: „ספר התרשיש" און „דיוואַן רבי משה אבן־עזרא". לעצטענס איז ערשינען נאָך אַ זאַמלונג פון זיינע לידער דורך דעם דיכטער ח. נ. בּיאַליק. זיינע לידער זענען נישט נאָר פון רעליגיעזען אינהאַלט, נאָר אויך איבּער אַזעלכע טעמאַס, ווי ליבּע, שעהנהייט, דאָרפישע לעבּען, נישטיגקייט פון לעבּען, דער טויט. ער האָט אויך געשריבּען פיל פּיוטים, און בּעקאַנט זענען זיינע פּיוטים אין מחזור פון יום־כיפּור נאָך דער עבודה, וואָס הויבּען זיך מיט די ווערטער: „אשרי עין ראתה כל אלה". די שפּראַך פון רבי משה אבן־עזרא איז אַ קלאָרע, איינפאַכע. אין זיינע רעליגיעזע שירים ווייזט ער אָן אויף דער נישטיגקייט פון מענש'ס לעבּען, ווי אַלץ פערשווינדט שנעל, און עס בּלייבּט נור דאָס אייבּיגע לעבּען פון דער געטליכקייט.

וועגען פּריוואַטען לעבּען פון רבי משה אבן־עזרא איז אונז ווייניג בּעקאַנט. עס איז נור זיכער, אַז ער האָט געהאַט אַ פרוי און קינדער. ער איז געשטאָרבּען אין יאָהר 1139.

בּיבּליאָגראַפיע: וועגען רבי משה אבן עזרא איז זעהר פיל געשריבּען געוואָרען. אַ גענויע רשימה איז פאַרהאַן אין דער ענגליש־יודישער ענציקלאָפּעדיע און אין דעם „אשכול". — אין דער יודישער שפּראַך זענען טייל פון רבי משה אבן עזרא'ס לידער ערשינען אין ניו־יאָרק (יאָהר 1931) אין דער איבּערזעצונג פון יודישען דיכטער י. י. שוואַרץ אין דעם בּוך „אונזער ליד פון שפּאַניע", וואו עס זענען איבּערזעצט געוואָרען אויך טייל לידער פון אַנדערע אַלטע יודישע דיכטער פון שפּאַניען. אין דעם בּוך איז פאַרהאַן אַ אָבּהאַנדלונג וועגען רבי משה אבן עזרא. — גינזבּורג: „יודישע דענקער און פּאָעטען".

## אֶבֶן שְׁתִיָּה

**אֶבֶן שְׁתִיָּה** (דער שטיין אין בּית המקדש). אין דער משנה יומא פּרק ה' ווערט דערצעהלט, אַז אין בּית־המקדש אין ירושלים, אין קדשי־קדשים, וואוהין עס פלעגט אַריינקומען נור דער כהן־גדול אים יום־כיפּור, און וואו עס איז געשטאַנען אין די צייטען פון ערשטען בּית המקדש דער „ארון",— איז געווען אַ שטיין „מימות נביאים הראשונים", פון די צייטען פון די ערשטע נביאים, „ושתייה היתה נקראת", און דער שטיין האָט געהייסען „שתיה", „גבוה מן הארץ שלש אצבעות", און דער שטיין איז הויך געווען פון דער ערד אַזוי הויך ווי 3 פינגער.

וועגען דעם דאָזיגען שטיין ווערט דערצעהלט אין דערזעלבּער גמרא יומא נ"ד, אַז דעריבּער האָט ער געהייסען „שתיה", ווייל „שממנה הושתת העולם", פון דאָזיגען שטיין איז די וועלט בּעשאַפען געוואָרען. אין מדרש און פּרקי דברי אליעזר ווערט געזאָגט, אַז דאָס איז דער זעלבּער שטיין, אויף וועלכען אברהם אבינו האָט געפיהרט יצחק'ן צו דער עקדה. עס איז אויך פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דאָס איז דערזעלבּער שטיין, אויף וועלכען דוד המלך האָט מקריב געווען קרבּנות, ,שטעלענדיג דאָרט אַ מזבּח.

אויך אין אונזערע היינטיגע צייטען

איז אין מאַכמעדאַנישען געבעט־הויז אָמאַר־מעטשעט, וואָס שטעהט אויפ'ן אָרט פון אַמאָליגען בית המקדש, פאַראַן אַ שטיין, אַ הויכער פעלז, וועגען וועלכען די טראַדיציע זאָגט, אַז דאָס איז דער „אבן שתיה”. אויך ביי די מאַכמעדאַנער איז דער שטיין זעהר הייליג. מען דאַרף בעמערקען, אַז ווי די משנה זאָגט, איז דער אבן שתיה געווען אַ זעהר



דער אָמאַר־מעטשעט, וואו עס געפינט זיך דער „אבן שתיה”.

נידריגער, אינגאַנצען דריי פינגער הויך איבער דער ערד, דאַגעגען דער שטיין, וואָס איז פאַראַן אין אָמאַר־מעטשעט, איז הויך איבער דריי פוס. עס איז מעגליך, אַז דורך דער צייט פון בית המקדש איז אַרום דעם שטיין די ערד נידריגער געוואָרען, און דעריבער איז ער איצט אַזוי הויך. פון איין זייט איז אונטער דעם שטיין פאַראַן אַ הייל, אַ מערה. דאָרט ברענען די מאַכמעדאַנער שטענדיג אַ נר־תמיד. דאָרט שטעהט אַ אייזערנער קאַסטען, וואו, לויט דער אַראַבישער לעגענדע ליגט די באָרד פון דעם נביא מוכאַמעד, און די אַראַבער, אַז זיי שווערען, שווערען זיי ביי דער הייליגער באָרד פון דעם נביא. צי איז דאָס טאַקי דער אבן שתיה פון דער משנה, איז שווער צו זאָגען, ווייל לויט די נייעסטע אויסמעסטונגען, האָט אויף דעם אָרט נישט געקאָנט זיין דער קדשי־קדשים.

אין די יודישע תפילות, וואָס דער אבן שתיה דערמאָהנט אַלס בעצייכנונג פאַר דעם בית המקדש, און אין תפילות פון הושענות ווערט געזאָגט „הושענא אבן שתיה” („העלף אין זכות פון דעם אבן שתיה”).

ביבליאָגדפיע: זוטא: „ירושלים”; פרעס: „ארץ־ישראל”; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אבן תבון** דאָס איז געווען אַ בעַ־ריהמטע יודישע פאַמיליע אין שפּאַניען אין 12־טען און 13־טען יאָהרהונדערט. פון דער דאָזיגער פאַ־מיליע שטאַמען־אָב גרויסע יודישע חכמים, וואָס זייער וויכטיגקייט בעַ־שטעהט הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס זיי האָבען איבערגעזעצט וויכטיגע ספרים פון דער אַראַבּישער שפּראַך אויף העבּ־רעאיש. אַזוי אַרום האָבען זיי געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע ביי יו־דען ביז אין דער נייער צייט. גענויערם וועגען דער דאָזיגער פאַמיליע און די חכמים, וואָס האָבען אָבגעשטאַמט פון איהר וועלען מיר געבען בּיים וואָרט „תבון".

**אָבּנאַרען** (אויף העברעאיש „אונאה"). אין חומש (ויקרא כ"ה) איז פאַרהאַן אַ פאַר־באָט, אַז מען פערקויפט עפּעס אַ זאַך „אל תונו איש את אחיו", זאָל מען נישט אָבּנאַרען איינער דעם צווייטען. אין זעלבען חומש ויקרא י"ז „ולא תונו איש את עמיתו", מען זאָל נישט אָבּ־נאַרען איינער דעם צווייטען. אין דער גמרא בבא מציעא נ"ח ווערט געזאָגט, אַז דעריבער ווערט געזאָגט אין חומש צוויי מאָל דער פערבאָט פון אָבּנאַרען, ווייל איין פערבאָט מיינט „אונאת ממון", מען טאָר נישט אָבּנאַרען אין געלד־זאַכען, און דער צווייטער פערבאָט איז אויף „אונאת דברים", נישט אָבּנאַ־רען אין ווערטער. די גמרא גיעט דערצו אַ ביישפּיל „לא יתלה עיניו על המקח בשעה שאין דמים", מען טאָר נישט דינגען זיך וועגען אַ סחורה, ווייסענדיג, אַז מען וועט עס סיי־ווי נישט קויפען, ווייל מען האָט קיין געלד נישט. אין „אונאת דברים" געהט אויך אַריין, לויט דער גמרא, דאָס בעליידיגען אַ צווייטען, וואָס איז דעריבער פערבאָטען. די גמרא זאָגט דאָרט אויך, אַז אָבּנאַרען מיט ווערטער, איז ערגער ווי אָבּנאַרען מיט געלד, ווייל געלד קאָן מען אָבּגעבען און ווערטער קאָן מען נישט צוריקציהען.

**אַבְנִימוס הגרדי** דאָס איז געווען אַ נישט־יודי־שער פילאָזאָף, וועלכער ווערט געבּראַכט אין דער גמרא חגיגה ט"ו, אַז ער האָט געהאַט אַ ויכוח מיט'ן תנא רבי מאיר, אין צווייטען יאָהרהונדערט. דער יודי־שער היסטאָריקער גרעץ זאָגט אַרויס זיין מיינונג, אַז דאָס איז געווען דער גריכישער פילאָזאָף ענאָמאַאָס פון דער שטאָדט גאַדאַראַ (גדר), און דער נאָמען „הגרדי" איז עטוואָס פערדרעהט און עס איז פּונקט ווי „הגדרי", דאָס הייסט פון דער שטאָדט גדר. אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואָס האָט זיך געפונען נעבען ארץ־ישראל, האָבען אין יענע צייטען געוואוינט אויך גריכען. דער דאָזיגער ענאָמאַאָס האָט געשריבען אַ בוך, אין וועלכען ער האָט אויפגעוויזען די נישׂ־טיגקייט פון דעם דינען צו די אָבּגעטער און די גאַנצע פאַלשקייט פון כישוף. ער איז דעריבער געווען מיט זיינע אַנשוי־אונגען נעהנטער צו דער יודישער רע־ליגיע, וואָס האָט בעטראַכט די געטליכ־קייט אין העכערען זין. ווי וויט די יו־דישע חכמים האָבען געהאַלטען פון איהם, קאָן מען זעהן פון דעם מאמר אין מדרש (בראשית רבה ס"ה), אַז לא עמדו פילוסופין בעולם כבלעם בן בעור ואבנימוס הגרדי" („די וועלט האָט נישט געהאַט אַזעלכע פילאָזאָפען, ווי בלעם בן בעור און אבנימוס הגרדי"). דערזעלבער מדרש זאָגט דאָרט, אַז די גויים האָבען

געפרעגט אבנימוס הגרדי, צי זיי זאָלען אָנהויבען פיהרען אַ קאַמף געגען יודען, האָט ער זיי געענטפערט: „געהט אין זייערע שוהלען, און אויב איהר זעהט „תינוקות מצפצפים בקולם" („יודישע קינדער לערנען תורה"), זאָלט איהר וויסען, אַז איהר קאָנט זיי נישט בעזיגען". דאָס איז געווען די אויפפאַסונג, אַז די יודישע רעליגיע וועט איבערהאַלטען אַלע רדיפות אויף איהר. עס זענען אויך פאַרהאַן טייל געלעהרטע, וואָס האַלטען, אַז אבנימוס הגרדי איז געווען פון די ערשטע קריסטען. זיכער איז עס נישט.

ביבליאָגראַפיע: ליבאָוויץ: „אבנימוס הגרדי"; גרעץ: „געשיכטע"; באַכער: „אגדות התנאים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבנֵר** דאָס איז דער בעריהמטער יודישער מיליטער־פיהרער אין די צייטען פון שאול המלך; ער ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך אין ספר שמואל. דער פאָטער זיינער האָט געהייסען „נר". לויט איין שטעלע אין תנ"ך (שמואל ח' קאַפּיטעל י"ד) איז אבנר געווען אַ קוזין פון שאול המלך, אָבער לויט אַ צווייטער שטעלע אין תנ"ך (דברי הימים ח') איז אַבנר געווען אַ פעטער פון שאול המלך. אבנר איז געווען דער הויפּט־פיהרער פון יודישען מיליטער ביים מלך שאול. ווען דוד המלך האָט מספיד געווען אַבנר'ן, האָט ער איהם אָנגערופען (שמואל ב' קאַפּיטעל ג') „שר גדול". נאָך שאול'ס טויט האָט אַבנר געמאַכט אַלס קעניג שאול'ס זוהן איש־בושת; דאַגעגען דוד איז געוואָרען מלך אין חברון, און יואב איז געווען זיין מיליטער־פיהרער. ווען אַבנר איז געווען איינמאָל צוגאַסט ביי דוד המלך, האָט יואב איהם געלאָזט טויטען. אין דעם מדרש ווערען דערצעהלט לעגענדעס וועגען אַבנר'ס גבורה.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַבנֵר פון בורגאָס** (לערך 1270—1350). דאָס איז געווען אַ משומד, אַ גרויסער למדן, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון יודען אין שפּאַניען. אַבנר איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1270, און האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געלערענט אַ סך יודישע למודים, תנ"ך, גמרא, און האָט אויך זיך פערנומען מיט פילאָזאָפיע. ער איז ווייזט אויס געווען בעריהמט מיט זיין לומדות, וואָרום דער יודישער רב אין יענער צייט רבי יצחק פולגאַר רופט איהם אָן „רבי אבנר" און שרייבט וועגען איהם, אַז ער איז בעקאַנט מיט פילאָזאָפיע. אַ חוץ זיינע קענטניסען אין לערנען, האָט ער אויך שטודירט מעדיצין און ער איז געווען אַ דאָקטאָר. עס איז ביז איצט שווער פעסטצושטעלען פאַרוואָס האָט זיך אַבנר גע'שמד'ט. ער אַליין דערצעהלט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען צוליב דער גרויסער ענטוישונג, וואָס איז פאָרגעקומען דורך דעם פאַלשען משיח אברהם פון אַבילה. אָבער עס איז נישט צו גלויבען, אַז אַזאַ קלוגער מענש, ווי אַבנר, זאָל איבערהויפּט האָבען געהאַלטען פון דעם פאַלשען משיח, און זאָל דערנאָך האָבען געוואָרען דערפון אַזוי ענטוישט, אַז ער זאָל זיך אַזש שמד'ן. אַ חוץ דעם ווייסען מיר, אַז אַבנר האָט זיך גע'שמד'ט שוין אויף דער עלטער, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָהר 50. טייל געלעהרטע זאָגען אַרויס זייער מיינונג, אַז אַבנר איז שוין אַלס יוד געווען אַ פריי־דענקער און נישט געגלויבט אין

קיין רעליגיע, און אַזוי ווי ער האָט גע־
ליטען מאַטעריעל דחקות, האָט ער זיך
גע׳שמד׳ט, כדי צו פערבעסערען זיין מאַ־
טעריעלע לאַגע.

נאָך זיין שמד האָט ער זיך אַ נאָמען
געגעבען אַלפאָנזאָ דע וואַלאַדאָליד, און
איז געוואָרען דער היטער פון די קריסט־
ליכע הייליגע זאַכען אין דער גרוי־
סער קירכע אין דער שטאָדט וואַלאַדאָ־
ליד; דער דאָזיגער פאָסטען האָט איהם
געבראַכט אַ סך געלד. אַלס משומד האָט
אבנר אָנגעטהון זיינע געוועזענע יודישע
ברידער גרויסע צרות. ער האָט אָנגע־
שריבען אויף שפּאַניש אַ בוך „דאָס
שלעכטקייט פון די יודען״, אין וועלכען
ער בעשולדיגט די יודען, אַז אין דאַוו־
נען שמונה עשרה אין דער תפלה
„ולמלשינים״ שעלטען זיי די קריסטען.
דער שפּאַנישער קעניג האָט דעריבער בע־
פוילען די יודישע פיהרער, אַז זיי זאָלען
האָבען וועגען דער בעשולדיגונג אַ ויכוח
מיט אבנר. ווי דער שטייגער עס איז גע־
וועזען ביי אַזעלכע ויכוחים אין יענע צײ־
טען, האָבען די ריכטער, וואָס זענען
געוועזען גלחים, גע׳פּסק׳נט, אַז אבנר איז
גערעכט אין זיין שטעלונג, און עס איז
אַרויס אַ בעפעהל, אַז מען זאָל נישט
מעהר זאָגען די תפלה. אַ חוץ דעם האָט
ער געשריבען אַ בוך „די מלחמה פון
גאָט״, אין וועלכען ער האָט געוואָרפען
אויף יודען פיל בעשולדיגונגען, בלבולים,
און דערפאַר האָט ער שטאַרק געלויבט
די קריסטליכע אמונה. אבנר האָט אויך
געשריבען צוויי ביכער אויף העברעאיש
„אגרת הגזירה״ און „מנחת קנאות״
צו בעווייזען, אַז דער מענש האָט נישט
קיין „בחירה״, ער איז נישט פריי צו
טהון וואָס ער וויל, נאָר יעדע זאַך, וואָס
ער טהוט, מוז ער עס טהון, ווייל אַזוי
איז בעשטימט דורך די מזלות. געגען
זיינע דאָזיגע מיינונגען זענען אַרויסגע־
טרעטען די צוויי יודישע דענקער אין
יענער צייט, רבי יצחק פּולגאַר און רבי
משה נרבוני. אבנר זאָל אויך האָבען
געשריבען אַ פירוש אויף דעם פירוש
פון אבן־עזרא צו די עשרת הדברות.

אבנר׳ס ווערק געגען יודען האָבען גע־
האַט אַן׳איינפלוס נישט נור אויף די
קריסטען אין שפּאַניען, ביי וועלכע די
שנאה צו יודען האָט זיך כסדר פער־
שטאַרקט, נאָר ער האָט אויך געווירקט
אויף פיל יודישע יונגע מענשען, וואָס
זענען געווען שוואַך אין דער יודישער
אמונה, און האָבען אונטער דעם איינ־
פלוס פון אבנר׳ס ווערק פערלאָזט דאָס
יודענטום און זיך גע׳שמד׳ט. מיט אבנר
הויבט זיך אָן די טרויעריגע שמד־עפּאָכע
ביי יודען אין שפּאַניען, וואָס האָט זיך
געצויגען ביז צום גירוש פון יודען פון
דאָזיגען לאַנד. עס איז פאַרהאַן אַ מיי־
נונג, אַז די אפיקורסישע קריטיק געגען
דער גמרא און בכלל געגען דער תורה
שבעל פה מיט דעם נאָמען „קול סכל״,
וואָס איז אָבגעדרוקט אין דעם ספר
„בחינת הקבלה״ פון רבי יהודה אריה
דע מודינא (אַרויסגעגעבען דורך יש״ר
פון רעדזשאָ), שטאַמט אויך פון אבנר,
וועלכער האָט אַזוי אַרום געהאַט אַ איינ־
פלוס אויף דער קריטיק פון די יודישע
רעליגיעזע יסודות אויך אין די שפּעטער־
דיגע צייטען.

עס ווערט דערצעהלט אין דעם האַלב־
היסטאָרישען ספר „שלשלת הקבלה״
די לעגענדע, אַז אבנר איז געווען
אַ תלמיד פון גרויסען רב אין שפּאַניען
רבי משה בן נחמן, דער רמב״ן. אַ לאַנגע
צייט נאָכדעם, ווי אבנר האָט זיך גע׳־
שמד׳ט, האָט איהם זיין רבי איינמאָל
געטראָפען און איהם געפרעגט פאַרוואָס
ער האָט זיך גע׳שמד׳ט. האָט אבנר דע־

רויף געענטפערט, אַז ער האָט איינמאָל געהערט פון רמב״ן, אַז אין דער סדרה „האזינו״ אין חומש איז דערמאָהנט יעדען מענש׳ס נאָמען און זיין גורל, און אַזוי ווי דאָס איז איהם אויסגעקומען נישט ריכטיג, האָט אַבנר פאָרגעלעגט זיין רבי, אַז ער זאָל איהם געפינען אין האזינו זיין, אַבנר׳ס נאָמען. דער רמב״ן האָט אַ קלער געטהון און געזאָגט, אַז זיין נאָמען געפינט זיך אין יעדען דריטען אות פון פסוק: „אמרתי, אפא׳יהם, אשב׳יתה, מאנ׳וש, זכר׳ם״ („איך וועל אויסמעקען פון די מענשען זייער געדענקען״). ווי אַבנר האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך געטהון תשובה, און ער האָט גענומען אַ שיפעל, אָהן זעגלען, און זיך אַוועקגעלאָזט אויפ׳ן ים, און מען האָט נישט געוואוסט מעהר, וואו ער איז אַהינגעקומען. — אָבער ווי עס איז שוין בעוויזען געוואָרען דורך געלעהרטע, איז נישט ריכטיג די גאַנצע לעגענדע, אַז אבנר איז געווען ־עם רמב״נ׳ס אַ תלמיד, ווייל דער רמב״ן איז אַוועק פון שפּאַניען קיין ארץ־ישראל 4 יאָהר איידער אַבנר איז געבוירען גע וואָרען. אבנר איז געשטאָרבען אונגעפעהר אַרום דעם יאָהר 1350.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ: געשיכטע; איזידאָר לעב אין „רעוּוי עטיד זשואיוו״ באַנד 18; ענגליש־יודישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל״.

## אַבעלעס שמערן דער נאָמען פון אַ יודיש יונגעל

אין ענדע פון 17־טען יאָהרהונדערט אין פּראָג, און מיט איהם איז פערבונדען אַ טרויעריג קאַפּיטעל אין דער יודישער געשיכטע. די קריסטליכע קוועלען דערצעהלען, אַז דער דאָזיגער שמעון אַבעלעס האָט זיך געוואָלט שמד׳ען, און אין 2־טען פעברואַר 1694 איז ער געפונען געוואָרען טויט. מען האָט אַרעסטירט זיין פאָטער לאַצאַרוס (אליעזר) אין פּראָג אונטער דער בעשולדיגונג, אַז ער האָט דעם יונגעל ערמאָרדעט. מען האָט דעם פאָטער אָנגעטהון יסורים, אַז ער זאָל זיך מודה־זיין, אָבער ער האָט זיך נישט מודה געווען. אויף צומאָרגענס האָט מען דעם פאָטער געפונען אויפגעהאָנגען אין תפיסה, אויף די רצועות פון די תפילין. עס איז ערקלערט געוואָרען, אַז דער פאָטער אַליין האָט זיך אויפגעהאָנגען. דער קערפּער פון דעם יונגעל איז בעגראָבען געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד אין דער טיין־קירכע אין פּראָג. די גלחים האָבען אויך שפּעטער געהעצט מיט דעם דאָזיגען פאַל געגען יודען אין פּראָג.

ביבליאָגראַפיע: שטיינשניידער: „העברעאישע ביבליאָגראַפיע״ באַנד I; „אלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס״ 1841; „אשכול״־ענציקלאָפּעדיע.

## אַבעלאַרד פּעטרוס (1079—1142).

דאָס איז געווען אַ בעריהמטער פראַנצויזישער פילאָזאָף אין מיטעל־אַלטער, אין 12־טען יאָהרהונדערט. אַבעלאַרד האָט אויך געלערענט טעאָלאָגיע, און האָט געקענט אַביסעל העברעאיש. די בעדייטונג זיינע פאַר דעם יודענטום בעשטעהט אין זיין בוך אויף לאַטיין „געשפּרעך צווישען אַ פילאָזאָף, אַ יוד און אַ קריסט״. אַבעלאַרד האָט אין דאָזיגען בוך, שוין אין יענע פינסטערע צייטען, געוואַגט אַרויסצוזאָגען טאָלעראַנטע מיינונגען וועגען דער יודישער רעליגיע. דער פילאָזאָף זאָגט דאָרט: „איך האָב קענען געלערענט אי יודען אי קריסטען, און איך האָב געפונען נאַרישע יודען און אויך נאַרישע קריסטען״. אַבעלאַרד

קומט דאָרט צום אויספיהר, אַז מען קאָן זיין אַ עהרליכער מענש און אַנהענגער פון דער אמת'ער רעליגיע, סיי ווען מען איז אַ יוד סיי ווען מען איז אַ קריסט, סיי ווען מען איז אַ פילאָזאָף; מען דאַרף נאָר זיין מאָראַליש און פיהרען אַ מאָראַליש לעבען. צוליב זיינע טאָלעראַנטע מיינונגען איז אבעלאַרד ערקלערט געוואָרען אַלס אפיקורס. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1142.

ביבליאָגראַפיע: גידעמאַן: „התורה והחיים" 1־טער און 2־טער טייל; וועגען אבעלארד איז פאראַן פיל ווערק אַלגעמיינע, וויל ער האָט געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער טעאָלאָגיע, און אויך צוליב זיין בעקאַנטער ליבעס־טראַגעדיע מיט העלאָאיזאַ.

**אבעסיניען** דאָס לאַנד אבעסיניען געפינט זיך אין צפון־מזרח אפריקא, און האָט איצט לערך 12 מיליאָן איינוואוינער. מען רופט אויך דאָס לאַנד „עטיאָפּיען", וואָס איז געווען אין די אַלטע צייטען די גריכישע איבערזעצונג פון העבּרעאישען וואָרט אין תנ"ך „כוש", און דעריבער האָבען אַ סך יודישע חכמים פון מיטעל־אַלטער גערופען אויך אבעסיניען „כוש" (למשל דער בעריהמטער רייזענדער רבי בנימין פון טאָלעדאָ אין 12־טען יאָהרהונדערט). די אַראַבער רופען דאָס לאַנד „חבש", און דערפון איז פערדרעהט געוואָרען דער נאָמען אויף „אבאַס", און נאכהער אבעסיניען. די הויפּט־שטאָדט פון אבעסיניען, וואו עס רעזידירט דער קעניג, דער „נעגוס", הייסט „אדיס אבעבא"; דאָס דאָזיגע וואָרט האָט דיזעלבע אָבּשטאַמונג, וואָס די העבּרעאישע ווערטער „חדש־אביב", דאָס הייסט אַ „נייע בלום". די אבעסינישע איינוואוינער דערציהלען, אַז זייער קעניג איז אַן אייניקעל פון שלמה המלך, וועלכער האָט געלעבט מיט דער מלכה שבא, וואָס איז געקומען צו איהם אין בעזוך, ווי עס ווערט דערציהלט אין תנ"ך אין ספר מלכים. פון זיי איז, לויט דער אבעסינישער לעגענדע, דעמאָלס געבוירען געוואָרען אַ זוהן, און פון דעם דאָזיגען זוהן שטאַמט די איצטיגע דינאַסטיע, וואָס הערשט איבער אבעסיניען. די איינוואוינער פון אבעסיניען זענען קריסטען, אָבער זיי האָבען אַ סך מנהגים פון דער יודישער רעליגיע, ווי למשל, זיי זענען מל די קינדער צו 8 טעג, זיי היטען אָב אַ חוץ זונטאָג אויך שבת, און עסען נישט אַ גאַנצע רייה טריפה זאַכען. זיי גלויבען אויך, אַז עס וועט נאָך קומען משיח און אויפבויען צוריק ארץ־ישראל. זייער אַלטע שפּראַך, „געז", געהערט צו די סעמיטישע שפּראַכען און האָט פיל עהנליכקייט מיט העבּרעאיש.

עס זענען פאַראַן זעהר פיל לעגענדעס, אַז אין אבעסיניען איז אין 6־טען יאָהרהונדערט געווען אַ יודישע מלוכה, בעזעצט דורך יודישע שבטים, שטאַרקע קריגס־מענשען, מיט אַ אייגענעם מלך, און נאכהער האָבען זיי געהאַט אַ יודישע קעניגין; נאָר שפּעטער זענען זיי בעזיגט געוואָרען. אויך דער דערמאָהנטער רייזענדער רבי בנימין פון טאָלעדאָ דערציהלט אין זיינע „מסעות", אַז נאָך אין זיינע צייטען (12־טען יאָהרהונדערט) זענען געווען אין דער געגענד פון אבעסיניען אונאָבּהענגיגע יודישע שבטים מיט אייגענע הערשער, וואָס פלעגען אָפט בעפאַלען אבעסיניען.

יודען אין אבעסיניען זענען פאַראַן זעהר ווייניג, מען שאַצט זייער צאָהל אַרום 50 טויזענד. זיי טיילען זיך אין צוויי טיילען: 1) אין געוועהנליכע

יודען, וואס זייער יודישקייט איז זיכער, צווישען זיי זענען פאראן אממייסטען תימנישע יודען; 2) „פאלאשען", ווע־מענס יודישקייט איז א עקזאטישע; זיי האבען אויך א סך מנהגים, וואס זענען ווייט פון דער אלגעמיין־אנגענומענער יודישער רעליגיע. די פאלאשען זענען די יודען, וואס האבען פון די אלטע צייטען דארט געוואוינט. ערשט אין די לעצטע צייטען האט מען גענומען אויספארשען דאס מערקווירדיגע לעבען פון די „פא־לאשען" און זייערע מנהגים און רע־ליגיע. וועגען די „פאלאשען" וועלען מיר שרייבען גאנץ בעזונדער בייםווארט „פאלאשען".

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל"; „אשכול"; פלאד: „קורצע שילדערונג פון די אבעסינישע יודען" (דייטש); וועגען אבע־סיניען זעלבסט זענען פאראן זעהר פיל ביכער, און אויך אויספיהרליכע בעשריי־בונגען אין יעדער אלגעמיינער ענציקלא־פעדיע.

**אבערגלויבען** מיט דעם ווארט אבערגלויבען רופט מען אויף יודיש אזעלכע פאלקס־גלוי־בונגען, „זאבאבאנעס", וואס די יודישע רעליגיע הייסט נישט, אז מען זאל גלוי־בען אין זיי, אבער גרויסע טיילען פון די פאלקס־מאסען גלויבט יא אין זיי. עס איז שווער צו זאגען, וועלכע זאך איז „אבערגלויבען" און וועלכע הייסט „גלויבען", ווייל עס זענען פאראן א סך זאכען, אין וועלכע א סך גרויסע יודישע חכמים האבען יא געגלויבט, און געשריבען וועגען זיי אין זייערע ספרים, דאגעגען אנדערע גרויסע יודישע חכמים האבען אין זיי נישט געגלויבט און בע־טראכט אלס אבערגלויבען; למשל „כשוף", צי „שדים", ווערט זאגאר דערמאהנט אין חומש און גמרא, אבער דער רמב"ם און אנדערע גרויסע יודישע חכמים און רעליגיעזע אויטאריטעטען האבען דאס בעטראכט פאר אבערגלוי־בען.

שוין אין תנ"ך געפינען מיר, אז די תורה און די נביאים זענען ארויסגע־טרעטען געגען פערשידענע „אבערגלוי־בענס", וואס האבען געהערשט ביי יודען אין יענע אלטע צייטען. דער חומש דברים י"ח זאגט „לא ימצא בך קסם קסמים, מענן ומנחש ומכשף וחובר ושאל אב וידעני ודרש אל המתים" („עס זאל זיך נישט געפינען ביי דיר כשוף־מא־כערס און טרעפערס און אבשפרעכערס און פרעגערס ביי טויטע"). אין דעם חומש דארט ווערט דאס אלץ אנגערופען „תועבות הגוים" („די אומווירדיגקיי־טען פון די פעלקער"). אבער פון חומש אליין איז נישט ארויסצודרינגען, צי די דאזיגע סארטען זאכען, דער כישוף וכדומה זאכען האבען יא א ווערט, דאס הייסט זיי האבען יא א קראפט, נאר מען טאר עס נישט טהון, ווייל דאס איז עבודה־זרה, אדער זיי זענען „אבערגלוי־בענס", זיי האבען גאר קיין ווערט נישט. סיי־ווי, פון א סך אנדערע ערטער אין חומש, למשל פון דער מעשה אין סדרה שמות, ווי די חרטומי מצרים האבען אויך געמאכט פון זייערע שטעקענס שלאנגען דורך כשוף, איז צו זעהן, אז עס האט דעמאלס געהערשט דער גלוי־בען, אז דער כשוף האט יא א קראפט, נאר מען טאר עס נישט טהון. עטוואס שפעטער, אין די צייטען פון שאול המלך געפינען מיר אין ספר שמואל א' כ' א, אז ווען שאול איז געגאנגען מלחמה האלטען מיט די פלשתים, איז ער גע־גאנגען פרעגען די „בעלת אב", די כשוף־מאכערין, וועלכע האט איהם

ארויפגעבראכט דעם שוין־פערשטארבענעם שמואל הנביא. דאגעגען געפינען מיר אין ספר זכריה קאפיטעל י׳ אזעלכע ווערטער, ווי „הקוסמים חזו שקר וחלומות שוא ידברו״, אז די כשופמאכער זעהען פאלש און די חלומות־בעדייטונגען רעדען פוסטע זאכען.

אין די צייטען פון 2־טען בית המקדש און אויך שפעטער אין די צייטען פון דער משנה און גמרא זענען שוין אבערגלויבענס פון פערשידענע סארטען געווען זעהר פערשפרייט צווישען יודען. וועגען די סנהדרין אין ירושלים ווערט דערצעהלט, אז זיי האבען געקענט כישוף. וועגען שדים ווערט דערמאהנט אויך אין די היסטארישע ביכער פון יוסף פלאוויוס, און אויך אין דער גמרא אין זעהר פיל ערטער. אין דער משנה איז שוין פאראן א ספעציעלער אויסדרוק פאר „אבערגלויבען״, נעמליך, „דרכי אמורי״ („די וועגען פון אמורי״, דאס הייסט פון נישט־יודען). אזוי זאגט די משנה אין שבת ס״ז, אז מען טאר נישט טראגען פאר רפואה וועגען אלס סגולה א „צאהן פון א פוקס״, א „טשוואק פון א געהאנגענעם״, „משום דרכי אמורי״. אין דערזעלבער גמרא שבת ס״ז ווערען געבראכט א גאנצע רייה סגולות, וואס ווערען אנגערופען מיט׳ן נאמען „דרכי אמורי״, ווי למשל „האומר שחטו תרנגול זה שקרא ערבית״ („מען דארף שעכטען דעם האהן, ווייל ער האט אין אווענד געקרייעט״), אדער „המונה שבעים ואחד אפרוחים בשביל שלא ימותו״ („ער צעהלט אב 71 היהנדעלעך, כדי זיי זאלען נישט שטארבען״) און אנדערע. אין דער גמרא סנהדרין ס״ה ווערען געבראכט אנדערע אבערגלויבענס, ווי למשל טייל זאגען, אז זיי ווילען נישט אנהויבען א געוויסע ארבייט, ווייל ער האט שלעכטע סימנים, „פתו נפלה מפיו, מקלו נפלה מידו, בנו קורא לו מאחריו, עורב קורא לו, צבי הפסיקו בדרך, נחש מימינו, שועל משמאלו, אל תתחיל בי, שחרית הוא, ראש חודש הוא, מוצאי שבת הוא״ (דאס ברויט איז מיר ארויסגעפאלען, דער שטעקען איז מיר ארויסגעפאלען, דער זוהן האט מיך צוריקגערופען, א קראה האט גערופען, א הערש איז דורכגעלאפען, א שלאנג פון רעכטס און א פוקס פון לינקס, אדער ער זאגט צו איינעם, וואס קומט איהם מאהנען א חוב, הויב נישט אן ביי מיר, עס איז איצט דער פריה־מארגען, ראש חודש, מוצאי שבת, און עס וועט זיין א שלעכטער אנהויב). אין דער גמרא געפינען מיר נאך פיל אנדערע אזעלכע גלויבונגען פון פאלק, ווי אויך א סך סגולות און אבשפרעכונגען און עין־הרע, וואס א סך פון זיי האט די גמרא געהאלטען פאר „דרכי אמורי״, אבער א סך פון זיי זענען אנערקענט געווארען.

אין די צייטען נאך דער גמרא האבען זיך די מיינונגען פון די גרויסע יודישע חכמים וועגען די אלע אבערגלויבענס צעטיילט. איין טייל פון זיי מיט דעם רמב״ם אין דער שפיץ האבען געהאלטען, אז די אלע סגולות און סימנים און אבשפרעכונגען האבען קיין שום ווערט נישט. דער רמב״ם זאגט אין זיין „משנה תורה״ הלכות עכו״ם: „ודברים אלו כולן דברי שקר וכזב הן״ („די אלע דאזיגע זאכען זענען ליגען און פוסטע זאכען״), „ואין ראוי לישראל שהן חכמים מחוכמים להמשך בהבלים אלו ולא להעלות על לב שיש תועלת בהן״ („און עס פאסט גארנישט פאר יודען, וואס זענען קלוג, אז זיי זאלען נאכגעהן נאך די נארישקייטען און עס זאל נישט קומען

אויפ'ן געדאַנק, אַז זיי האָבען עפּעס אַ ווערט"). עס איז צו בעמערקען, אַז דער רמב"ם אין „הלכות עכום" פּרק י"א זאָגט, אַז איינער האָט בעקומען אַ בּיס, מעג מען איהם אָבּשפּרעכען, וויל כאָטש דאָס אָבּשפּרעכען האָט קיין שום ווערט נישט, נאָר וויל דער קראַנקער אַליין גלויבט דאָך יאָ אין דעם, וועט עס איהם שטאַרקען („שלא תטרף דעתו עליו"). דאַגעגען איז געווען אַ גרויסער טייל יודישע חכמים, וואָס האָבען יאָ געגלויבּט אין דעם כח פון די אַלע סגולות און אָבּשפּרעכונגען און סימנים און עין־הרע און שדים. אַזעלכע אַלטע ספרים, ווי דער ספר חסידים (אין 12־טען און 13־טען יאָהרהונדערט) און אַ סך אַנדערע יודישע ספרים פון יענע צייטען און פון שפּעטער, ספּעציעל פון די אָנהענגער פון קבלה, זענען פול מיט פערשידענע גלויבּונגען פון סגולות און סימנים און עין־הרע.

וועגען די אַלע פערשידענע גלויבּונגען, ווי שדים און מזיקים, קמיעות, עין־הרע, כשוף, חלומות, דבּוק, גולם, גלגולים, סגולות און אַנדערע וועלען מיר געבּען בעזונדערע און אויספיהרליכע בעשרייבּונגען בּיי זייערע שטיך־ווערטער. אַזעלכע גלויבּונגען זענען היינט פאַרהאַן בּיי די יודישע פאָלקס־מאַסען אין די פערשידענע לענדער זעהר פיל.

בּיבּליאָגראַפיע: וועגען אַבערגלויבּענס בּיי יודען איז געשריבּען געוואָרען אַ סך. אין דער יודישער שפּראַך זענען פאַרהאַן עטליכע אָבּהאַנדלונגען אין דעם זשורנאַל „יודישע פילאָלאָגיע" (וואַרשא 1924, וועגען עין הרע און אַנדערע), ווי אויך אין דער יודישער איבּערזעצונג פון גידעמאַנס „די געשיכטע פון יודישע ערציהונגס־וועזען" (אויף העברעאיש „התורה והחיים"); וויכטיגע ידיעות געפינען מיר אויך אין בערלינער'ס: „דאָס יודישע לעבּען אין דייטשלאַנד אין מיטעל־אלטער" (העברעאישע איבּערזעצונג „חיי היהודים באשכנז בימי הבינים"). אין דער דייטשער שפּראַך זענען געשריבּען געוואָרען אַ סך אָבּהאַנדלונגען וועגען דעם; אַמוויכטיגסטען זענען גרינוואַלד'ס זשורנאַל „מיטטיילונגן פיר יודישע פאָלקס־קינדער", וואו עס איז פאַרהאַן זעהר פיל מאַטעריאַל. אויך אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס („אוצר ישראל", „אמונה טפלה", „כשוף", „דרכי אמורי" און אַנדערע), „די ענציקלאָפּעדיע יודאַאיקאַ" אין דויטש, ווי אויך אין דער יודיש־ענגלישער און רוסישער „יעווריסקאַיאַ" ענציקלאָפּעדיעס.

## אָבער־וועזעל

**אָבער־וועזעל** דאָס איז אַ קליינע שטאָדט אין דייטשלאַנד בּיים טייך ריין. די דאָזיגע שטאָדט דאַרף דערמאָהנט ווערען, וויל אין איהר איז פאָרגעקומען אַ געשעהעניש פון אַ גרויסער בּעדייטונג אין דער געשיכטע פון יודען אין דייטשלאַנד. דאָרט איז געווען אַ קליינער יודישער ישוב. אין יאָהר 1287 האָט אַ קריסטליכע דינסט דערצעהלט, ווי זי האָט געזעהן, אַז יודען פון אָבּער־וועזעל האָבּען דערמאָרדעט אַ קריסטליך יונגעל מיט'ן נאָמען שמעון ווערנער. מען האָט גלייך אַרעסטירט אַ סך יודען, זיי אָנגעטהון שרעקליכע פּייניגונגען; די פּויערען פון דער געגענד זענען געקומען אין שטאָדט און געמאַכט אויף יודען אַ שחיטה. אַ סך האָט מען פערבּרענט, דערטרונקען אין טייך. צום אָנדענקען פון דעם יונגעל האָט מען אויפגעשטעלט דאָרט אַ קירכע מיט'ן נאָמען די „קירכע פון היילינגען ווערנער"; (אויך היינט קומען אַהין פיל קריסטען אין דעם „יאָהרצייט" פון ווערנער). אמת, דער ערץ־בּישאָף

פון מיינץ האָט אפילו דעמאָלס ערקלערט, אַז די גאַנצע בעשולדיגונג איז געווען אַ בלבול. אָבער די יודישע שונאים האָבען דעם בלוט־בלבול פון אָבער־וועזעל כסדר בענוצט אין דייטשלאַנד אין זייערע אָנפאַלען אויף יודען. דעם ווערנער־בלבול פון אָבער־וועזעל דערמאָהנט אויך היינריך היינע אין זיין ערצעהלונג „דער ראַבי פאָן באַכראַך".

ביבליאָגראַפיע: גרעץ: „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אָבער־ראַבינער (אָבער־ראַבינאַט).

דער טיטול אָבער־ראַבינער (רב הכולל), וואָס ווערט געגעבען אַ רב, וועלכער איז בעשטימט אויך איבער אַ רייה אַנדערע רבנים, איז ביי יודען שוין געווען אין די פריהעריגע צייטען פון מיטעל־אַלטער. אין דער נייער צייט האָט זיך דער דאָזיגער טיטול בעוויזען צוערשט אין ענגלאַנד, נאָכהער אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און צולעצט אויך אין ארץ־ישראל און פוילען. אין טערקיי איז געווען ביי די ספרדישע יודען אין יעדען לאַנד דער „חכם־באַשי", וועלכער איז געווען דער אָבער־ראַבינער, און אונטער איהם זענען געווען די געוועהנליכע רבנים, וואָס האָבען געהייסען סתם „חכמים". אין ענגלאַנד איז עס איינגעפיהרט געזעצליך דער טיטול „טשיעף־ראַבײ" („העכסטער רב"), און אין פראַנקרייך איז פאַרהאַן דער „גראַנד ראַבין" („העכסטער רב"). אין דייטשלאַנד זענען פאַרהאַן אָבער־ראַבינערס; אָבער דאָס איז דאָרט נישט מעהר ווי סתם אַ טיטול. דאַגעגען אין פוילען איז איינגעפיהרט דורך דער רעגירונג אַ מיליטערישער „אָבער־ראַבינער" („נאַטשעלני ראַבין"), וואָס איז בעשטימט איבער די מיליטערישע ראַבינערס אין די לאָקאַלע קרייזען („ראַבין וואָיסקאָווי"). ביי סתם רבנים איז אויך אין פוילען נישט פאַרהאַן קיין אָבער־ראַבינער. אין די לעצטע יאָהרען, נאָך דער וועלט־מלחמה האָט די ענגלישע רעגירונג, וועלכע הערשט אין ארץ־ישראל, געשאַפען אין ארץ־ישראל די אינסטיטוציע „רבנות הראשית" („אָבער־ראַבינאַט") אין ירושלים. די צוויי „רבנים ראשיים" („אָבער־ראַבינערס") זענען איצט הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק פאַר די אשכנזישע יודען און הרב יעקב מאיר פאַר די ספרדישע יודען. די „רבנות הראשית" איז די העכסטע אינסטאַנץ אין ארץ־ישראל אין אַלע רעליגיעזע ענינים. פון אַ דין־תורה, וואָס איז גע'פסק'נט געוואָרען דורך אַנדערע רבנים אין אַנדערע ארץ־ישראל־ערטער, קאָן מען אָנגעבען אַ אַפּעלאַציע („ערעור") צו דער רבנות הראשית אין ירושלים. די דאָזיגע אינסטיטוציע פון „רבנות הראשית" איז אַריין אויך אין קהלות־געזעצע (חוקת הקהלות), וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך דער רעגירונג פאַר ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: וועגען רבנים בכלל איז פאַרהאַן אין דער ענגליש־יודישער ענציקלאָפּעדיע און אויך אין „אוצר ישראל".

## אבצן

אין ספר שופטים י"ב ווערט דערצעהלט, אַז אין דער צייט צווישען די צוויי גרויסע שופטים ביי יודען יפתח און שמשון זענען געווען דריי קלענערע שופטים, און איינער פון זיי האָט געהייסען „אבצן", וואָס האָט געשטאַמט פון בית־לחם און האָט געהערשט איבער די יודען 7 יאָהר און האָט געהאַט 30 זיהן און 30 טעכטער. אין דער גמרא (בבא בתרא צ"א) און

אויך אין תרגום ווערט אנגעגעבען, אז „אבצן" איז „בועז" פון דער מגילת רות, דער עלטער־זיידע פון דוד המלך.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל", „אשכול"־ענציקלאפעדיע.

**אבר מן החי** („א שטיק פלייש, וואס איז אפגעשניטען געווארען פון א לעבעדיגער זאך"). אויף דעם פסוק אין חומש דברים י"ב „לא תאכל הנפש עם הבשר" (דו זאלסט נישט עסען דעם נפש מיט'ן פלייש") זאגט די גמרא חולין ק"ב, אז דאס איז דער טייטש, אז מען טאר נישט עסען קיין „אבר מן החי". לויט דער גמרא סנהדרין נ"ט איז נישט נור יודען טארען נישט עסען קיין אבר מן החי, נאר אויך נישט־יודען, ווייל דאס איז פון די „שבע מצוות", די 7 מצוות, וואס אויך די „בני נח", דאס הייסט, נישט־יודען זענען מחויב מקיים צו זיין.

ביבליאגראפיע: די איינצעלנע דינים וועגען אבר מן החי זענען פאראן אין רמב"ם הלכות מלכים און הלכות מאכלות אסורות ווי אויך אין יורה דעה סימן ס"ב.

**אבראבאליא** יוסף און משה. דאס זענען געווען צוויי ברידער, יודען, בעריהמטע מלוכה־מענער אין שפאניען אין 13־טען יאהרהונדערט. יוסף אבראבאליא איז געווען פינאנץ־מיניסטער. זייער נאמען איז פערבונדען מיט דער געשיכטע פון א יודישען מסור אין שפאניען, וואס האט כסדר געטראגען מסירות אויף יודען אין קעניגליכען הויף. דורך דער השתדלות פון יוסף אבראבאליא האט דער קעניג איבערגעגעבען דעם מסור אין יודישע הענד, און א יודיש בית־דין אונטער דער פיהרונג פון רבינו יונה פון גירונדי, האט איהם פער'משפט צום טויט, ווי עס איז געווען דער דין פאר א מסור, און מען האט די טויט־שטראף אויסגעפיהרט. נאכ'ן טויט פון יוסף אבראבאליא (אין יאהר 1283) האבען די קרובים פון מסור זיך געוואלט נוקם זיין און זיי האבען גע'טענה'ט, אז די טויט־שטראף איז געווען נישט לויט דעם יודישען דין, ווייל זינט דאס בית־המקדש איז חרוב געווארען, איז בטל געווארען „דיני־נפשות" (טויט־שטראפען) ביי יודען. וועגען דעם איז ענטשטאנען א גאנצע שאלה־ותשובה פון די אנגעזעהענסטע רבנים אין יענער צייט, ווי דער רשב"א, מהר"ם מרוטענבערג, וועלכע האבען איהם אפגעענטפערט, אז מען האט איהם יא געדארפען טויטען, ווייל מען האט איהם פיל מאל מתרה־געווען, און ער האט נישט געהארכט און ער האט אנגעטהון מיט זיינע מסירות גרויסע צרות. עס איז פאראן א מיינונג, אז וועגען דאזיגען מסור שרייבט אויך דער רא"ש, וועלכער האט געלעבט אין יענער צייט אין שפאניען, אז מען האט גוט געטהון, וואס מען האט געטויט דעם מסור „וכן יאבדו כל אויבי ה'" („תשובות הרא"ש").

**אבראהאמס ישראל** (1858 — 1925). ער איז געווען בעקאנט אלס איינער פון די גרעסטע יודישע געלעהרטע אין ענגלאנד אין דער לעצטער צייט. ישראל אבראהאמס, אדער ווי עס לעזט זיך אין ענגליש, אייבערעהעמס, — שטאמט אב פון א יודיש־פוילישער פאמיליע. זיין זיידע רבי אברהם, א שוחט פון שעדלעץ האט אין יאהר 1837 אויסגעוואנדערט פון פוילען קיין ענגלאנד, וואו ער איז געווארען שוחט. ישראל האט בעקומען אין זיין יוגענד א יודישע

ערציהונג, געלערנט אויף ראַבינער אין „דזשואיש קאָלעדזש" אין לאָנדאָן. דאָס וויכטיגסטע ווערק פון אבראהאמס איז זיין בוך אין ענגליש „דהי דזשואיש לייף אין דהי מידל איידזשעס" („דאָס יודישע לעבען אין מיטעל־אַלטער"), וואו ער האָט אויפ'ן גרונד פון פערשידענע שאלות ותשובות־ספרים אונז געוויזען, ווי אַזוי די יודען האָבען געלעבט אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער, זייערע מנהגים און פאָלקסטימליכע לעבען. דאָס בוך האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון יודישען לעבענס־שטייגער מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. אין העברעאיש איז דאָס בוך ערשינען אין קיצור אין דער איבערזעצונג פון דוד יעלין (געדרוקט אין זשורנאַל „השלח" אונטער דעם נאָמען „חיי היהודים בימי הביניים"). אבראהאַמס האָט מחבר געווען נאָך אַ סך אַנדערע וויכטיגע ביכער וועגען יודישער וויסענשאַפט. בעזונדערס האָט אַ גרויסען ווערט דער זשורנאַל „דזשואיש קווארטערלי רעוויו", וואָס אבראהאַמס האָט רעדאַגירט פון יאָהר 1889 אָן, און וואו עס זענען געווען פערעפענטליכט פון די גרעסטע יודישע געלעהרטע ווערטפולע פאָרשונגען איבער פערשידענע געביטען פון יודישער וויסענשאַפט. אבראהאַמס איז אויך געשטאַנען אין שפיץ פון די רעפאָרמירטע יודען אין ענגלאַנד. ער איז געשטאָרבען יאָהר 1925. צו זיין אָנדענקען איז ערשינען אין ניו־יאָרק (1927) אַ בוך (אין ענגליש) מיט וויכטיגע פאָרשונגען פון יודישע געלעהרטע. אין דעם בוך איז אויך אויסגערעכענט אַלץ, וואָס אבראהאמס האָט מחבר געווען. דאָס בוך פון אבראהאמס וועגען „יודישען לעבען אין מיטעלאַלטער" איז ערשינען אויך אין דער יודישער שפראַך אין אַ פערקירצונג.

ביבליאָגראַפיע: „דזשואיש סטאָדיס אין מעמאָרי אָוו אַבראַהמס" (דאָס דערמאָהנטע בוך); יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַבראַמאָוויטש ש. י.** דאָס איז דער בעריהמטער יודישער און העברעאישער שריפטשטעלער „מענדעלי מוכר ספרים". אַ גענויע בעשרייבונג וועגען איהם וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „מענדעלי מוכר ספרים", וואו עס וועט אויך אָנגעגעבען ווערען אַ איבערזיכט פון די וויכטיגסטע אָבהאַנדלונגען, וואָס זענען וועגען מענדעלי מוכר־ספרים געשריבען געוואָרען.

**אַבראַמאָוויטש ר.** (געבוירען אין יאָהר 1880).
דאָס איז דער פסידאָנים פון רפאל ריין, איינער פון די בעריהמטע פיהרער פון דער יודישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי „בונד". ער איז געבוירען געוואָרען אין דווינסק. שוין אין דער יוגענד האָט ער אנטייל גענומען אין געהיימע סאָציאַליסטישע פעראיינען. פאַר זיין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט איז ער געווען עטליכע מאָל ארעסטירט אין רוסלאַנד דורך דער צאַרישער רעגירונג. איצט איז ער איינער פון די אָנגעזעהענסטע פיהרער פון דעם 2־טען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און אין זיינע אַרטיקלען (ער שרייבט אויך אין „פאָרווערטס" אין אַמעריקא) טרעט ער אַרויס שאַרף געגען דעם באָלשעוויזם.

ביבליאָגראַפיע: רייזען: „לעקסיקאָן"; אשכול־ענציקלאָפעדיע.

**אַבראַס יהושע** (1820 — 1884).
דער בעריהמטער יודישער חזן און קאָמפּאָזיטאָר פון יודיש־רעליגיעזע מוזיק אין אָדעס, וועל־

כער איז אויך גערופֿען געוואָרען מיט'ן נאָמען „פּיטשע", ווייל ער איז געווען קליין־געוויקסונג. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1820 אין בערדיטשעוו און איז געשטאָרבען 1884 אין אַדעס. בעקאַנט איז אין דער חזנישער וועלט זיין מוזיקאַליש ווערק „זמרת יה", מוזיק צו פערשידענע תפלות.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : אינטערעסאַנטע זכרונות וועגען „פּיטשע" האָט פערעפענטליכט פּנחס מינקאָווסקי, אין דעם העברעאישען זאַמעל־בוך „רשומות" („מספר חיי").

**אַבּראַקאַדאַבּראַ** דאָס איז אַ סגולה־וואָרט, וואָס איז שוין אין די אַלטע צייטען (אין דריטען יאָהרהונדערט) בענוצט געוואָרען אין רוים דורך פערשידענע טרעפערס און אָבשפּרעכער אַלס אַ סגולה געגען אַ שלאַפקייט. מען פלעגט דאָס דאָזיגע וואָרט אויפשרייבען אויף אַ קמיע אין דער פאָלגענדער פאָרם: אַבּראַקאַדאַבּראַ, אַבּראַקאַדאַבּר, אַבּראַקאַדאַבּ, אַבּראַקאַדאַ, און אַזוי כסדר מיט איין אות ווייניגער, ביז עס איז געבליבען דאָס אות „א". עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז אין דער גמרא עבודה זרה י"ב איז דאָ די זעלבע סגולה־פאָרם מיט דעם וואָרט: שברירי, ברירי, רירי, און אַזוי כסדר. וועגען דעם וואָרט „אַבּראַקאַדאַבּראַ" איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס שטאַמט פון העברעאישען „עבורה קד עבורה", דער טייטש זאָל זיין: „עס איז אַריבער דער פיבער (קדחת) עס איז אַריבער". אַנ'אַנדער מיינונג איז, אַז עס שטאַמט פון אַראַבּישען.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : ע. בּישאָף: „די עלעמענטען פון דער קבלה" (אין דייטש), אשכול־ענציקלאָפּעדיע.

**אַבּראַקסאַס** דאָס דאָזיגע וואָרט האָט מען בענוצט שוין אין די גאָר אַלטע צייטען מיט 19 הונדערט יאָהר צוריק אין גריכענלאַנד, רוים און עגיפּטען אַלס אַ סגולה געגען שלאָפלאָזיקייטען. דאָס וואָרט „אַבּראַקסאַס" פלעגט מען אויסקריצען אויף אַ רינג, אָדער אָנשרייבען אויף אַ קמיע. דאָס דאָזיגע וואָרט זאָל שטאַמען פון דער מאַגישער קריסטליכער סעקטע די „גנאָסטיקער" („יודעים"). צוזאַמען מיט דעם וואָרט אַבּראַקסאַס פלעגט אויך זיין צוגעגעבען דאָס וואָרט „יה" (גאָט). טייל געלעהרטע זאָגען, אַז דאָס וואָרט אַבּראַקסאַס איז פערגרייזט פון העברעאישען „אב ראש" („פאָטער, קאָפּ"). אַנדערע ווילען האָבען, אַז דאָס זענען די ווערטער „אב ברא איש" („פאָטער, דאָס הייסט גאָט, האָט בעשאַפען פייער"). עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז אין דעם בעקאַנטען ספר „רזיאל המלאך" געפינען מיר איין תפילה, צווישען די פערשידענע הייליגע שמות, אויך דעם שם „אברכם יה".

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : קראָכמאַל: „מורה נבוכי הזמן" שער ט"ו; בעלערמאַן: „אַבּראַקסאַס בילד" (דייטש), אשכול־ענציקלאָפּעדיע, וואו עס איז אויסגערעכנט אַ גרעסערע צאָהל ביכער וועגען „אַבּראַקסאַס".

**אַבְּרַבַנֵאל** די דאָזיגע יודיש־שפּאַנישע פאַמיליע, ווערט אָנגערופען בּיים פאָלק „אַבּאַרבּאַנעל". אָבער אין די פערשידענע דאָקומענטען מיט לאַטיינישע בוכשטאַבען ווערט כסדר די פאַמיליע אָנגערופען אַבּראַוואַנעל. לויט דער טראַדיציע, וואָס האָט געהערשט ביי די מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאַמיליע, האָבען די אַבּרבּנאל'ס געשטאַמט פון דוד המלך און זענען דעריבער גערעכענט געווען אין

שפּאַניען אַלס גרויסע מיוחסים. דער ערשטער אַבּרבּנאַל, וואָס איז אונז בּעקאַנט, איז אַ געוויסער יהודה אבּרבּנאַל אין שפּאַניען אין דער שטאָדט סעווילאַ אין 14־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ גרויסער פינאַנץ־מאַן. פון דעמאָלס אָן טרעפען מיר אַ סך פּערזאָנען מיט דעם פאַמיליען־נאָמען אבּרבּנאַל אַלס גרויסע פינאַנץ־בּעאַמטע און פּאָליטיקער אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. דער אָנגעזעהנסטער פון זיי אַלע איז געווען דער גרויסער פינאַנץ־מיניסטער, מפרש פון תנ"ך, פילאָזאָף און היסטאָריקער דון יצחק אבּרבּנאַל, וועגען וועלכען מיר שרייבּען אין אַ בּעזונדערען שטיק־וואָרט. נאָך דעם גירוש פון די יודען אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָט זיך די פאַמיליע אבּרבּנאַל בּעזעצט אין איטאַליען, און דאָרט האָבּען איהרע מיטגלידער אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען פערנומען אָנ'אָנגעזעהענעם אָרט, אַלס פינאַנסיסטען, פּאָליטיקער, שריפטשטעלער, דיכטער, און רבּנים. אַ טייל פון דער אבּרבּנאַל־פאַמיליע טרעפט מען דערנאָך אויך אין טערקיי, ענגלאַנד און האָלאַנד.

צו די אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען פון דער דאָזיגער פאַמיליע האָבּען געהערט: יהודה אבּרבּנאַל, אַ גרויסער שריפטשטעלער; וועגען איהם שרייבּען מיר בּעזונדער. — יוסף און שמואל אבּרבּנאַל, בּיידע זענען געווען זיהן פון דון יצחק. יוסף איז געווען אַ בּעריהמטער דאָקטאָר; ער איז געשטאָרבּען אין איטאַליען אין יאָהר 1552. שמואל איז געווען זעהר רייך און אָנגעזעהען אין אַ רייהע קעניגליכע הויפען. ער האָט זיך פערנומען פיל מיט פּדיון־שבויים. בּעריהמט איז אויך געווען זיין פרוי בּענווענידא אבּרבּנאַל, אַ זעהר געבּילדעטע פרוי, וועלכע האָט געפיהרט גרויסע בּאַנקגעשעפטען. — יונה אבּרבּנאַל אַ דיכטער און שריפטשטעלער אין אַמסטערדאַם אין 17־טען יאָהרהונדערט. ער האָט איבּערזעצט תהלים אין שפּאַניש. — דוד אבּרבּנאַל, בּאַנקיר אין לאָנדאָן אין 17־טען יאָהרהונדערט.

בּיבּליאָגראַפיע: וועגען דער פאַמיליע אבּרבּנאַל איז פאַרהאַן אַ גענויע אָבּהאַנדלונג אין דער ענגליש־יודישער ענציקלאָפּעדיע; קייזערלינג: „געשיכטע פון יודען אין פּאָרטוגאַל" (דייטש); גרעץ: „געשיכטע"; אשכול. — וועגען די אבּרבּנאַל'ס און אַלע די פערשידענע לעגענדעס, וואָס זענען מיט זיי פערבּונדען קאָן מען אויך געפינען אין די אַלטע היסטאָרישע ספרים, ווי ספר יוחסין און די שפּעטערדיגע.

## אַבּרבּנאַל יהודה (לעאָ העבּרעאוס)

אַ זוהן פון דון יצחק אבּרבּנאַל. יהודה אבּרבּנאַל איז אויך בּעריהמט אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור מיט זיין לאַטיינישען נאָמען „לעאָ העבּרעאוס". ער האָט געלעבּט אין 15־טען און 16־טען יאָהרהונדערט און האָט זיך ערוואָרבּען אַ גרויסען נאָמען אַלס דאָקטאָר און פילאָזאָף. ווען ער איז געבּוירען געוואָרען איז נישט גענוי בּעקאַנט. מען נעהמט אָן, אַז ער איז געבּוירען געוואָרען לערך 1.460. ווען עס איז פאָרגעקומען דער גירוש פון יודען פון שפּאַניען אין יאָהר 1492, האָט יהודה אבּרבּנאַל אוועקגעשיקט קיין פּאָרטוגאַל זיין זוהן יצחק (בּיי די שפּאַנישע יודען פלעגט מען אַ נאָמען געבּען די זיהן אויך נאָך דעם זיידען, וואָס האָט נאָך געלעבּט), וואָס איז דעמאָלס געווען אַ קליין קינד, צוזאַמען מיט זיין אַם. יהודה אַליין איז אוועק קיין איטאַליען.

אָבּער אין פּאָרטוגאַל האָט די רעגירונג דאָס קינד געלאָזט אָבּ'שמד'ען. יהודה האָט נאָכהער געשריבּען אַ טרויעריג ליד „תלונה על הזמן" („פאָרוואָרפען דער צייט"), אין וועלכען ער בּעוויינט זיין זוהן און בּעט איהם, אַז ווען ער וועט אויפוואַקסען זאָל ער צוריק ווערען אַ יוד. יהודה אַבּרבּנאַל האָט זיך בּעזעצט אין איטאַליען, וואו ער האָט געוואוינט אין פערשידענע שטעדט. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז זיין זוהן איז דערנאָך צוריקגעקומען צו איהם. גענוי ווען יהודה איז געשטאָרבּען איז אויך נישט בּעוואוסט. מען נעהמט אָן, אַז זיין טויט איז פאָרגעקומען לערך דעם יאָהר 1525.

אין איטאַליען האָט יהודה אַבּרבּנאַל זיך בּעקענט מיט די גרעסטע איטאַליענישע געלעהרטע אין יענער צייט, און בּעזונדערס מיט פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ. יהודה האָט געשריבּען אין איטאַליעניש צוויי ווערק, איינס מיט דעם נאָמען „די האַרמאָניע פון הימעל" און דאָס צווייטע „געשפּרעכען וועגען ליבּע". בּיידע פול מיט פילאָזאָפישע חקירות. דאָס ערשטע בּוך איז נישטאָ; געבּליבּען איז נור די „געשפּרעכען וועגען ליבּע". אַ חוץ דעם האָט ער געשריבּען אַ רייהע שירים אויף העבּרעאיש אַלס הקדמה צו זיין פאָטערס חבּורים. די קריסטליכע געלערנטע האָבּען אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז יהודה אַבּרבּנאַל האָט זיך גע'שמד'ט. אָבּער דאָס איז נישט ריכטיג. ער איז געבּליבּען אַ געטרייער יוד בּיז'ן טויט. דאָס בּוך וועגען ליבּע האָט אין דער ליטעראַרישער וועלט געמאַכט אַ גרויסען רושם. עס איז איבּערזעצט געוואָרען אין פיל שפּראַכען. אויך אין העבּרעאיש איז עס פאַרהאַן איבּערזעצט און די איבּערזעצונג איז ערשינען ערשט אין יאָהר 1871. עס איז אַ סבּרא, אַז די העבּרעאישע איבּערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען דורך דעם איטאַליענישען רב ר' יהודה אריה מודינה.

בּיבּליאָגראַפיע: גרעץ: „געשיכטע"; בּערנפעלד: „ספר הדמעות"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס, בּעזונדערס „אשכול".

## אַבְּרַבַנֵאַל דון יצחק (1437-1508).

גרויסער יודישער פילאָזאָף, מפרש פון תנ"ך, מלוכה־מאַן, וועמענס סתם־נאָמען „דער אַבּרבּנאַל", איז בּעריהמט בּיי יודען זייט הונדערטער יאָהרען. דון יצחק איז געבּוירען געוואָרען אין פּאָרטוגאַל אין ליסאַבּאָן אין יאָהר קצ"ז (1437). זיין פאָטער האָט געהייסען יהודה. דער אַבּרבּנאַל שרייבּט אין זיין הקדמה צום ספר „מעיני־הישועה", אַז ער שטאַמט אָבּ פון דוד המלך, און אין אַנ'אַנדער ספר שרייבּט ער, אַז זייער פאַמיליע איז געקומען קיין שפּאַניען נאָכ'ן חורבּן פון ערשטען בּית־המקדש. זיין פאָטער יהודה איז געוועזן פון די אָנגעזעהענסטע פינאַנציסטען און פּאָליטיקער בּיים קעניג אין פּאָרטוגאַל. דון יצחק האָט שוין אין זיין יוגענד געלערנט נישט נור יודישע לימודים, נאָר אויך שפּראַכען, פילאָזאָפיע, געשיכטע און נאַטור־וויסענשאַפטען. ווען דון יצחק איז עלטער געוואָרען איז ער געוואָרען איינער פון די אָנגעזעהענסטע מלוכה־מענער בּיים פּאָרטוגאַלישען קעניג, און ער האָט אויך אָנגעהויבּען פיהרען גרויסע געשעפטען און איז געוואָרען אַ רייכער מאַן. אָבּער אין יאָהר 1483 האָט דער קעניג, צוליבּ אַ מסירה, פערראָרדענט צו אַרעסטירען דון יצחק'ן; ער אָבּער איז דערפון געוואָר געוואָרען, און איבּערלאָזענדיג זיין גאַנץ פערמעגען אין פּאָרטוגאַל איז ער אַנטלאָפען קיין שפּאַניען. דאָ איז ער געוואָרען בּאַלד אָנגע־

זעהען ביים שפּאַנישען קעניג פערדינאַנד און דער קעניגין איזאַבעלאַ, און ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס זייער פינאַנץ־מיניסטער. ער האָט אויפגעהויבען די פינאַנסען פון שפּאַניען צו אַ גלענצענדער מדריגה, און ער איז געוואָרען בעריהמט און אָנגעזעהן.

אָבער עס איז געקומען דאָס טרויעריגע יאָהר אין דער יודישער געשיכטע, רנ״ב (1492), ווען דער שפּאַנישער קעניג פערדינאַנד האָט אונטער דעם דרוק פון דער קעניגין איזאַבעלאַ און די גלחים אַרויסגעגעבען דעם דעקרעט פון גירוש־שפּאַניען, אַז אַלע יודען מוזען פערלאָזען שפּאַניען, און די, וואָס וועלען בלייבען, מוזען זיך שמד׳ען. דון יצחק האָט זיך בעמיהט ביים קעניג אָבצוהאַלטען די דאָזיגע גזירה, אָבער עס איז איהם נישט געלונגען. פיל אָנגעזעהענע יודען אין שפּאַניען, און צווישען זיי דער פריינד פון דון יצחק אַברבנאַל, דער פינאַנסיסט און רב דון אברהם סעניאָר, האָבען זיך גע׳שמד׳ט. אָבער דון יצחק אַברבנאַל צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע האָט געטיילט דעם ביטערען גורל פון די הונדערטער טויזענדער שפּאַנישע יודען, וואָס האָבען פערלאָזט זייער היימאַטלאַנד, וואו זייערע עלטערען זענען געזעסען פיל הונדערטער יאָהרען. דון יצחק אַברבנאַל האָט זיך בעזעצט אין איטאַליען אין נעאַפּאָל, וואו ער איז געוואָרען דער פּאָליטישער בעל־יועץ פון דאָרטיגען קעניג. נאַכהער האָט ער זיך בעזעצט אין סיציליען און קאָרפו. גאָר צום סוף האָט ער געוואוינט אין ווענעציע, וואו ער איז געוואָרען באַלד אָנגעזעהען ביי די דאָרטיגע סענאַטאָרען און פירשטען. אין ווענעציע איז ער געשטאָרבען אין יאָהר רס״ח (1508) אין עלטער פון 71 יאָהר. זיינע קינדער האָבען געבראַכט זיין קערפּער קיין פּאַדוואַ, און דאָרט איז זיין קבר.

די בעדייטונג פון אַברבנאַל בעשטעהט קודם־כל אין זיינע פירושים אויף תנ״ך, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען שרייבען נאָך זייענדיג אין שפּאַניען און ער האָט זיי פערענדיגט ערשט שפּעטער אין זיין גלות. אין זיין ספר „שאלות״, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין ווענעציע יאָהר של״ד, שרייבט דער אַברבנאַל פאָלגענדע ווערטער: „די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען ביי די מלכים און זייערע פּאַלאַצען, פערנומען אין זייער דינסט, האָב איך נישט געהאַט קיין צייט מעיין צו זיין אין קיין ספר, און איך האָב פערבראַכט מיינע יאָהרען אין נאַרישקייטען צו מאַכען עושר און כבוד, אָבער דאָס עשירות איז פערלוירען געגאַנגען, און נאָכדעם, ווי איך האָב געוואַנדערט פון איין לאַנד אין אַנדערען, האָב איך גענומען ערשט לערנען״. סיי אין זיינע פירושים אויף תנ״ך, סיי אין די אַנדערע זיינע ספרים איז צו בעמערקען דעם טרויער פון אַברבנאַל אויף דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זיינע ברידער, די שפּאַנישע יודען, און ער שרייבט וועגען זיך: „מר ונאנח על אבדן מולדתו והוא עיף ויגע השקט לא יוכל מבני עם ה׳ מפוזר ומפורד גלות ירושלים אשר בספרד״ („ביטער און פערזיפצט אויף דעם פערלוירענעם פאָטערלאַנד, מיד, קאָן זיך נישט בערוהיגען אויף גאָט׳ס פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט, די פערטריבענע פון שפּאַניען״). אין זיין פירוש צום תנ״ך בעמיהט זיך דער אַברבנאַל אויפצוקלערען היסטאָריש די פערשידענע יודישע מנהגים און מלוכה־פיהרונג, אין די צייטען, ווען די יודען זענען נאָך געווען אין ארץ־ישראל. דער אַברבנאַל גיט אין זיינע פירושים אויף

פיל פילאזאפישע חקירות איבער פראגען, וואס האבען אינטערעסירט די יודישע געלערנטע אין יענע צייטען, וועגען תחית המתים, השארת הנפש, השגחה פרטית. א חוץ זיינע פירושים אויף תנ"ך האט דער אברבנאל מחבר געוועזן נאך א רייה אנדערע ספרים, ווי פירוש אויף ,,פרקי אבות'', א ספר ,,ישועות משיחו'' צו שטארקען די אלע, וואס זענען דעמאלס אריינגעפאלען אין א יאוש און צו באווייזען, אז עס וועט קומען די גאולה, א ספר ,,ימות עולם'', וואס איז א היסטארישע פערצייכנונג פון אלע גירושים אין דער יודישער געשיכטע, און א חוץ דעם נאך א רייה אנדערע פילאזאפישע חקירה־ספרים. א סך פראגמענטען פון זיינע ספרים זענען איבערזעצט געווארען אין אנדערע שפראכען.—

דאס טרויעריגע לעבען פון אברבנאל איז אויך בענוצט געווארען דורך מאדערנע שריפטשטעלער אלס טעמא פאר ערצעהלונגען. עס זענען זאגאר פערפאסט געווארען דראמען פון אברבנאל'ס לעבען.

ביבליאגראפיע: גרעץ: „יודישע געשיכטע"; בערנפעלד: „דעת אלהים"; ראבינאוויטש: „מוצאי גולה"; גרעסערע אבהאנדלונגען וועגען אברבנאל איז פאראן אין אלע יודישע ענציקלאפעדיעס, אין אשכול־ענציקלאפעדיע איז פאראן א רשימה פון אלע ספרים פון אברבנאל.

## אַבְרָהָם אָבִינוּ, דער פאטער פון יודישען

פאלק. אין חומש בראשית ווערען דערצעהלט די באקאנטע סיפורים פון לעבען פון אברהם אבינו, דער זוהן פון תרח, ווי ער האט צוערשט געוואוינט אין אור כשדים און ער איז געקומען אין לאנד כנען מיט זיין ווייב שרה. צוערשט האט אברהם געהייסען ,,אברם'' און זיין ווייב ,,שרי'', נאכהער האט גאט איהם געהייסען ענדערען זיין נאמען אויף אברהם און זיין ווייב'ס נאמען אויף שרה. דערנאך ווערען דערצעהלט די אלע וואנדערונגען פון אברהם אבינו קיין מצרים און דערנאך צוריק אין לאנד כנען, די מעשה מיט זיין ברודער־זוהן לוט. די מלחמה, וואס ער האט געפיהרט געגען די 4 מלכים, די מעשה מיט הגר זיין דינסט, וואס האט איהם געבוירען דעם זוהן ישמעאל, דערנאך האט ער זיך געלאזט מל־זיין לויט דעם בעפעהל פון גאט, און די געבורט פון יצחק אבינו, די פערטרייבונג פון הגר און ישמעאל, און די מעשה מיט דער עקידה, און ווי שרה איז געשטארבען און דערנאך ווי אברהם אבינו איז געשטארבען אין עלטער פון 175 יאהר און איז בעגראבען געווארען אין דער מערת המכפלה אין חברון.

אבער א חוץ די ספורים, וואס ווערען געבראכט אין חומש זענען ארום דער פערזאן פון אברהם אבינו ענטשטאנען דערנאך זעהר פיל פאלקס־מעשה'ס, וואס א סך פון זיי ווערען געבראכט אין דער גמרא און מדרשים, און א סך פון זיי ערשט אין די שפעטערע ספרים, ווי יוסיפון, ,,ספר הישר'' און אנדערע. די ערשטע מעשה איז, אז ווען אברהם איז נאך געווען אין אור־כשדים און נמרוד איז דארט געווען מלך, און אברהם האט נישט געוואלט דינען צו די אבגעטער, האט מען איהם אריינגעווארפען אין ברענענדען קאלך־אויווען (,,כבשן אש''), נאר ער איז ניצול געווארען. די דאזיגע סיפור־המעשה שטאמט פון ווארט ,,אור'' (פייער). נאכהער ווערען דערצעהלט די פערשידענע סיפורים, ווי אזוי אברהם אבינו האט אבגעלאכט פון די אבגעטער. אין דער גמרא נדרים ל"ז

ווערט געזאָגט, אַז בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו'', אַז שוין אין עלטער פון דריי יאָהר האָט אברהם דערקענט גאָט. אין מדרש בראשית רבה ווערט גע־זאָגט, אַז אברהם האָט געזעהן די וועלט, ווי אַ פּאַלאַץ, וואָס איז בעלויכטען („בירה דולקת'') און ער האָט געזאָגט צו זיך, צי איז מעגליך, אַז דער דאָזיגער לויכטענדער פּאַלאַץ זאָל זיין אָהן אַ פיה־רער, און דעמאָלס האָט זיך בעוויזען צו איהם דער „בעל הבירה'', גאָט דער פיהרער פון דער וועלט. אים אַלגעמיין איז דער ציל פון די אַלע מאמרים אונ־טערצושטרייכען, אַז אברהם איז געוועזן דער גרינדער פון דער יודישער רעליגיע, וואָס האָט דערקענט דעם איינציגען גאָט אין דער וועלט. וועגען די גוטע מידות פון אברהם אבינו ווערט אין דער גמרא און מדרש געזאָגט, אַז ער איז געוועזן אַ גרויסער מכניס־אורח (דאָס ווערט גע־נומען דערפון ווי ער האָט אויפגענומען די דריי מלאכים) און האָט אַרויסגעווי־זען אַ גוטהאַרציגקייט. אין פּרקי אבות פּרק ה' ווערען אויסגערעכענט די מעלות פון די „תלמידיו של אברהם אבינו'' („פון אברהם אבינו'ס תלמידים''), אַז זיי זענען „עין טובה, רוח נמוכה ונפש שפילה'' („אַ גוט האַרץ, בעשיידען אין גייסט, און האַלטען זיך קליין''). דאָס מל־זיין אַ יודיש קינד ווערט בעצייכענט מיט דעם וואָרט אַריינגעבראַכט „בבריתו של אברהם אבינו'', ווייל אברהם אבינו איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט זיך מל־געוועזן.

אין די יודישע תפילות פערנעהמט אברהם אבינו זעהר אַ גרויס אָרט. לויט דער גמרא האָט אברהם מתקן געוועזן תפלת שחרית (גמרא ברכות כ"ו). דער זכות פון אברהם אבינו ווערט דער־מאָהנט זעהר אָפט (נישט נור אין די־



דער „אשל אברהם'', דער אַלטער בוים פון אברהם אבינו אין ארץ־ישראל.

געוועהנליכע תפילות, אין שמונה עשרה ,,זוכר חסדי אבות'', נאָר אויך אין די פאַרשידענע פיוטים אין די מחזורים. אין די ראש־השנה־תפילות איז פאַראַן דער ספּעציעלער פיוט פון ,,עוד יזכר לנו אהבת איתן'' (,,גאָט וועט אונז נאָך דערמאָהנען די ליבע פון איתן'', לויט דעם מדרש איז ,,איתן'' אברהם אבינו''). אויך ביי נעילה אים יום כיפור הויבט זיך אָן דער פיוט ,,אב ידעך מנוער'' (,,אונזער פאָטער, אברהם אבינו, וואָס האָט דערקענט גאָט אין דער יוגענד''). עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז איי־נע פון די עלטסטע תפילות, וואָס ווערט געזאָגט אויף דער יודישער שפּראַך יעדן שבת פאַרנאַכט, ווען מען געהט שוין צינדען די הבדלה איז די בעקאַנטע תפלה ,,גאָט פון אברהם''.

א בעזונדערען אָרט פאַרנעהמט אברהם אבינו אין ארץ־ישראל, ספּעציעל ביי די יודישע איינוואוינער אין חברון, וואו עס געפינט זיך די מערת־המכפלה. אין חברון געפינט זיך אַן׳אַלטע שוהל, וואָס מען רופט אברהם אבינו׳ס שוהל. נישט ווייט פון דער שטאָדט שטעהט אַן׳אַלטער בוים, וועלכען מען האַלט, אַז דאָס איז דער בעריהמטער ,,אשל אברהם'', וואָס ווערט דערמאָהנט אין חומש. דער בוים איז ווירקליך אַלט פיל הונדערטער יאָה־רען. וועגען דעם, אַז אין דער געגענד פון חברון איז געווען דער בוים פון אברהם אבינו, ווערט דערצעהלט אויך אין דעם בוך ,,יודישע מלחמה'' פון פלאַוויוס. אין חברון ווערט אויך דער־צעהלט די בעריהמטע לעגענדע, וואָס ווערט געבראַכט אין ספר ,,שבחי ירושלים'', אַז איינמאָל האָט אין חברון מיט 300 יאָהר צוריק אויסגעפעהלט איין יוד צו מנין יום־כיפור, איז אברהם אבינו, פאַרשטעלט פאַר אַן׳אַלטען יוד, געקומען אליין אין שוהל אריין און משלים־געווען צום מנין. מוצאי יום כיפור איז ער פערשווינדען געוואָרען, און ער איז געקומען צו חלום דעם רב, און איהם געזאָגט ווער ער איז געווען.

עס איז צו בעמערקען, אַז אויך די מאַכמעדאַנער און בעזונדערס די אראַ־בער האַלטען זעהר הייליג דעם נאָמען פון אברהם אבינו, וועמען זיי רופען ,,אל־כאליל'', ,,דער פריינד'' פון גאָט. אין די אַלטע מאַכמעדאַנישע לעגענדעס ווערט פיל דערצעהלט וועגען אברהם אבינו.

די מאָדערנע תנ''ך־קריטיק בעשעפ־טיגט זיך אויך מיט דער פּערזאָן פון אברהם אבינו. די בעקאַנטע געלערנטע ביבעל־קריטיקער ווי שטאַדע, נעלדעקע, גאָלדציהער און אַנדערע ווילען האָבען, אַז די ספּורים וועגען אברהם אבינו, וואָס שטעהען אין חומש, שטאַמען פון פער־שידענע קוועלען. לויט דער מיינונג פון דעם תנ''ך־קריטיקער קיטעל זאָל אברהם אבינו האָבען געווען א פיהרער פון סע־מיטישען שבט ,,חאבירו'' (דאָס זאָל זיין דאָס וואָרט ,,עברי''), וועגען וועלכען עס דערצעהלען די דאָקומענטען, וואָס מען האָט געפונען אין אַלטען עגיפּטען, אַז דער דאָזיגער חיבירו־שבט איז אריינגע־דרינגען אין לאַנד כנען. יעדענפאַלס זע־נען די מיינונגען פון די פערשידענע תנ''ך־קריטיקער וועגען אברהם אבינו זיך שטאַרק סותר. קיין זיכערע בעשטימ־טע מיינונג איז נישט פאַראַן. עס ווערט נור אָנגעוויזען, אַז אויף דער אויפ־שריפט פון פרעה שישק מלך מצרים, וועלכער האָט אין די צייטען פון שלמה המלך׳ס זוהן רחבעם איינגענומען ארץ־ישראל, ווערט צווישען די איינגענומענע שטעדט אויך דערמאָהנט אַן׳אָרט ,,חקל אברם'', דאָס הייסט ,,דאָס פעלד פון

אברהם'', וואס מען מיינט מיט דעם דאזיגען נאמען, איז נישט זיכער.

ביבליאגראפיע: וועגען אברהם אבינו איז פארהאן קודם־כל די פירושים צום חומש פון די ביבעל־קריטיקער. אויף העבעראיש איז פארהאן דער „פירוש מדעי" צו בראשית פון אברהם כהנא, וואו עס ווערען געבראכט די וויכטיגסטע מיינונגען פון די תנ"ך־קריטיקער. פון זיי איז אונטערצושטרייכען קיטעל: „געשיכטע" (דייטש), וועלהויזען: „פראלעגאמענא (דייטש); אין דער אשכול־ענציקלאפעדיע איז צונויפגעזאמעלט זעהר וויכטיגע מאטעריאלען צו פערגלייכען די מאכמעדאנישע לעגענדעס וועגען אברהם אבינו מיט די יודישע מדרשים־ספורים. אין דער יודישער שפראך ווערען די ביבעל־קריטישע מיינונגען וועגען אברהם אבינו געבראכט אין קיטעל'ס „תנ"ך־וויסענשאפט", ערשינען אין ווארשא 1923.

## אברהם גֵר (דער נאמען פון גרים).

עס איז א מנהג ביי יודען, אז אויב א נישטיוד איז זיך מגייר און ווערט א יוד, גיט מען איהם אמייסטען דעם נאמען אברהם. דאס זאל שטאמען דערפון, וואס אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער נישט־יוד, וואס איז געווארען א יוד און האט, ווי דער מדרש זאגט, געבראכט א סך גויים צום יודענטום. א חוץ דעם ווערט דאס מגייר זיין בעטראכט ווי אריינגעבראכט דעם גר „בבריתו של אברהם אבינו".

דער ערשטער גר, וואס איז אונז בעקאנט מיט'ן נאמען אברהם איז געווען אין 7־טען יאהר־הונדערט. די אלטע קריסטליכע שרייבער דערצעהלען וועגען איהם, אז ער איז געווען א מאנאך אין א קריסטליכען קלויסטער אין דער מדבר סיני, נאר איינמאל האט ער געזעהן אין חלום, אז די יודישע אמונה איז די ריכטיגע. ער איז דאן אוועק קיין ארץ־ישראל און האט זיך מגייר געווען.

דער צווייטער אברהם גר, וואס איז אונז בעקאנט, האט געלעבט אין ענדע פון 12־טען יאהרהונדערט. ער ווערט דערמאהנט אין תוספות קדושין ע"א אויף דער גמרא „קשים גרים לישראל כספחת" („גרים זענען שווער פאר יודען"), טייטשט דער דאזיגער אברהם גר, אז דאס איז ווייל ווען גאט זעהט, אז נישט־יודען נעהמען אן די יודישע אמונה, דאגעגען די יודען אליין היטען איהר נישט אזוי שטארק, ווערט דעמאלס דערמאהנט די חטאים פון די יודען.

דער דריטער אברהם גר איז דער קדוש פון אויגסבורג. ער האט געלעבט אין 13־טען יאהרהונדערט און ביים מגייר זיין זיך האט ער בעקומען דעם נאמען אברהם. די גלחים האט זיין מגייר זיין זעהר פערדראסען, און זיי האבען דערלאנגט אנ'אנקלאגע, אז דער דאזיגער אברהם גר פון אויגסבורג האט בעליידיגט די קריסטליכע הייליגע בילדער, און זיי האבען אברהם דעם גר פערברענט עפענטליך אויף א שייטער־הויפען. דאס איז פארגעקומען כ"ב כסליו יאהר כ"ה (1264). דער בעריהמטער יודישער פוסק אין יענער צייט, דער מחבר פון „מרדכי" האט אויף איהם געשריבען א קינה, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „מה רב טובך אשר צפנת".— אין יענער צייט האט געלעבט נאך איין גר מיט'ן נאמען אברהם. ער איז געווען פריהער א מאנאך, פיהרער פון א מאנאכען־ארדען. מען האט איהם, נאך זיין מגייר זיין זיך, ארעסטירט אין דייטשלאנד אין דער שטאדט ווייסענבורג און מען האט איהם פערברענט אין יאהר 1270.

שפעטער טרעפן מיר שוין אפטער גרים מיט'ן נאמען אברהם. פון די בע־דייטענדסטע איז געווען די לעגענדארע פיגור פון פוילישן מאגנאט אברהם פא־טאצקי. וועגן איהם וועלען מיר שריי־בען אויספיהרליך ביים שטיך־ווארט „פאטאצקי".

ביבליאגראפיע: גרעץ: געשיכטע; בערנפעלד: ספר הדמעות; אשכול־ענציקלא־פעדיע.

## אברהם אבא

(פון גומבין, מחבר פון „מגן אברהם"). דאס איז דער בעריהמ־טער יודישער פוסק און מפרש פון „שלחן־ערוך". רבי אברהם אבעלע גומבינער איז געבוירען געווארען אין גומבין אין פוילען בערך אין יאהר 1635. זיין פאטער האט געהייסען רבי חיים און ער איז געטויט געווארען אין די שחיטות אויף יודען אין פוילען אין יאהר 1655, וואס זענען פארגעקומען דורך דעם פוילישען העלד טשארנעצקי (און נישט ווי דער „אוצר ישראל" און „אשכול" שרייבען „כמיעלניצקי"). שוין אלס יונגערמאן האט ר' אברהם זיך ערווארבען א רוהם אלס גרויסער למדן און ער איז אויפגענומען געווארען אין קאליש אלס דיין און ראש ישיבה. אין דער למדישער וועלט איז ער בע־ריהמט געווארען דורך זיין חיבור „מגן־אברהם", וואס איז א פירוש אויף דעם „שולחן־ערוך" חלק אורח־חיים. דאס דאזיגע ספר איז געדרוקט געווארען שוין נאכ'ן טויט פון רבי אברהם; געבראכט צום דרוק האט דעם ספר דער זוהן פון מחבר רבי חיים (אין יאהר 1692). פון דעמאלס איז דער „מגן־אברהם" גע־דרוקט געווארען א סך מאל, צוזאמען מיט'ן שלחן־ערוך אורח חיים. — אויף דעם מגן־אברהם האט מען דערנאך גע־שריבען א סך פירושים. דער וויכטיג־סטער פון זיי איז דער „מחצית השקל" פון רבי שמואל קעלין (וויען 1807). — רבי אברהם אבעלע גומבינער האט מחבר געווען אויך די ספרים „זית רענן", „שמן ששון" ווי אויך א פירוש אויף תוספתא. ער האט אויך געשריבען א קינה אויף תשעה באב, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „ארץ־ישראל היו בה עשר קדושות" („ארץ־ישראל האט געהאט 10 הייליגקייטען"). דער „מגן אברהם" ווערט פערערכענט אין דער רעליגיעזער יודישער וועלט אלס פוסק, אומעטום וואו עס איז פאראן א חלוקי־דעות צווישען דעם מגן אברהם און די אנדערע מפרשים פון „שלחן ערוך" (ווי למשל דעם ט"ז), ווערט גע־פסק'נט ווי דער מגן אברהם.

ביבליאגראפיע: לאנדסהוט: „עמודי העבודה"; האנעס: „תולדות הפוסקים"; רב צעיר (אין „השלח" כרך ו') „לתולדות השלחן ערוך והתפתחותו"; יו־דישע ענציקלאפעדיעס.

## אברהם אבא'לע פאסוואלער,

(1764־ 1836).

בעריהמטער יודישער למדן און ראש בית דין אין ווילנא אין אנהויב פון 19־טען יאהרהונדערט. ער איז געווען איי־נער פון די גרעסטע לומדים אין יענער צייט און די רבנים אין ליטא האבען זיך געווענדעט צו איהם מיט שאלות־ותשובות אין למדישע פראגען. בעקאנט איז זיין אריינמישען זיך אין דער מחלוקה וועגען דרוקען די גמרות צווי־שען די דרוקערייען פון סלאוויטא און ווילנא (אין יאהר 1835). רבי אברהם אבא'לע פאסוואלער האט קיין ספרים נישט איבערגעלאזט, אבער זיינע חידושים געפינען זיך אין די ספרים פון

אַנדערע רבנים און מחברים אין יענער צייט, ווי ,,נתיבות עולם'' פון קאַצענעל־בויגען, ,,מנחה בלילה'' פון רבי שמעון סלאַנים און אַנדערע.

די וויכטיגקייט פון רבי אברהם אבאַ'לע פּאָסוואָלער בעשטעהט אויך אין דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרויסע רבנים אין פּוילען און ליטא, וואָס האָט זיך בעצויגען פריינדליך צו השכלה און וועלטליכער בילדונג, און מען געפינט זיינע הסכמות אויף די ערשטע השכלה־ספרים אין פּוילען און ליטא אין יענער צייט. אַזוי האָט ער געגעבען זיין הסכמה אויף דעם ,,תעודה בישראל'' פון רבי יצחק בער לעווינזאָן, ווי אויך אויף דעם מאַטעמאַטישען ספר ,,מוסדי חכמה'' פון סלאָנימסקי. רבי אברהם אבאַ'לע פּאָסוואָלער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דעם יודישען ישוב אין ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: פין: ,,קריה נאמנה''; שטיינשניידער: ,,עיר ווילנא''; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַברהם אביש** (לערך 1700־1768). דאָס איז דער בעריהמטער רב פון פראַנקפורט אַם מאַין. ער איז געבוירען געוואָרען לערך אין יאָהר ת''ס (1700). זיין פאָטער רבי הירש איז געווען רב אין מעזריטש ביי בריסק. רבי אברהם איז געווען רב אין אַ גאַנצער רייהע שטעדט אין פּוילען, ווי לוקאָוו, יאַראָוו, מעזריטש, ריטשעוואָל, ליסאַ, און צום סוף איז ער געוואָרען רב אין דייטשלאַנד אין פראַנקפורט אַם מאַין. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין יענער צייט. זיינע חידושים ,,ברכת אברהם'' האָט אַרויסגעגעבען שוין נאָך שפּעטער (אין יאָהר תרמ''א) זיין אור־אייניקעל רבי יוסף לעווענשטיין, דער בעקאַנטער היסטאָריקער, רב אין סעראַצק. אין יאָהר 1726 (תקכ''ו) האָט רבי אברהם אביש געהאַט אויסצושטעהן אַ גרויסע מחלוקה מצד איניגע רבנים צוליב אַ גט (דאָס איז דער בעקאַנטער ,,גט פון קלעוואַ''), וואָס רבי אברהם אביש האָט געהאַלטען, אַז ער איז פּסול. וועגען דעם גאַנצען ענין זענען דעמאָלס ערשינען צוויי ספרים'לעך ,,אור הישר'' און ,,אור ישראל''.

רבי אברהם אביש איז אויך בעריהמט געווען אַלס צדיק און עניו און בעל־מופת. וועגען זיינע מופתים איז ערשינען אַ ספּעציעל ספר'ל ,,אהל אברהם'' (פּיעטרקאָוו תרע''א) פון אברהם חיים מיכעלזאָהן. רבי אברהם אביש איז געשטאָרבען י''ב תשרי תקכ''ט (1768).

ביבליאָגראַפיע: דאָס דערמאָהנטע ספר ,,אהל אברהם'', וואו עס זענען פאַרהאַן אַ סך ביאָגראַפישע איינצעלהייטען; ,,דעת קדושים''; האָראָוויץ: ,,פראַנקפורטער ראַבינער'' (דייטש).

**אַברהם בן אליהו** פון ווילנא (לערך 1750־1808). ער איז געווען אַ זוהן פון בעריהמטען ווילנער גאון. רבי אברהם האָט אַ חוץ גרויס לומדות פערמאָגט אויך פיל אַלגעמיינע בילדונג; אויך ער האָט געהערט צו די ערשטע לומדים אין יענע השכלה־צייטען, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז מען דאַרף לערנען אויך וועלטליכע וויסענשאַפטען. רבי אברהם איז געווען אויך איינער פון די פיהרער פון דער יודישער קהלה אין ווילנא אין יענער צייט און געבראַכט גרויס נוצען פאַר דער שטאָדט.

רבי אברהם האָט מחבר געווען אַ גאַנצע רייהע וויסענשאַפטליכע ספרים, ווי

„גבולות הארץ" (געדרוקט בערלין 1801) געאָגראַפישע באַשרייבונגען פון פאַרשידענע לענדער, „תרגום אברהם" (ירושלים 1896) באַמערקונגען צום תרגום אונקלוס, און אַנדערע. אַמוויכטיגסטן איז זיין ספר „רב פעלים" (אַרויסגעגעבן דורך חאנעס, וואַרשא 1896) איבער די מדרשים. דאָס איז געווען די ערשטע וויסענשאַפטליכע און היסטאָרישע פאָרשונג איבער אַלע מדרשים, נישט נור איבער די, וואָס מיר באַזיצען, נאָר אויך איבער די מדרשים, וואָס זענען פערלוירען געגאַנגען און זיי ווערען געבראַכט אין די אַלטע ספרים פון די ראשונים. שוין אין יאָהר 1802 איז ערשינען זיין „מדרש אגדת בראשית" מיט אַ ווערטפולע הקדמה; (אַ געוויסער יעקב בן נפתלי האָט זי איבערגעדרוקט אין זשולקיעוו 1804 אויף זיין אייגענעם נאָמען). אָבער דער „רב פעלים" האָט געעפענט דעם וועג פאַר אַלע געלערנטע פאָרשער אין דער מדרשים־ליטעראַטור. עס איז אַ פאַקט, אַז אויך דער גרויסער געלערנטער מדרשים־פאָרשער צונץ האָט זיך באַנוצט מיט רבי אברהם'ס הקדמה צום מדרש אגדת בראשית. פון רבי אברהם זענען נאָך פאַרהאַן אין כתב־יד אַ רייהע ספרים מיט פערשידענע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען איבער דער גמרא, באַזונדערס איבער די נעמען פון פערשידענע שטעדט אין דער גמרא, די וואָגען און מאָסען ביי יודען אין די אַלטע צייטען, הגהות צום ירושלמי.

ביבליאָגראַפיע: חאנעס אין זיין הקדמה צום „רב פעלים"; פין: „קריה נאמנה"; ווערניק: „דער ווילנער גאון".

**אברהם בן אליעזר** הלוי (דער עלטערער). דאָס איז געווען אַ בעריהמטער מקובל אין 16־טען יאָהרהונדערט. ער האָט צו'ערשט געוואוינט אין שפּאַניען, און אין יאָהר 1492, ביים גרויסען גירוש, האָט ער פערלאָזט שפּאַניען און זיך צוערשט באַזעצט אין ירושלים, וואו ער האָט אָנגעפיהרט מיט אַ ישובה, און דערנאָך אין צפת. פון רבי אברהם זענען פאַרהאַן די באַקאַנטע קבלה־ספרים „מאמר משרא קטרין" (געדרוקט קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1510), „נבואות הילד" (געדרוקט צום סוף פון ספר „נגיד ומצוה" קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1726). טייל געלערנטע מיינען, אַז רבי אברהם האָט די „נבואות הילד" נישט מחבר געווען. די וויכטיגקייט פון רבי אברהם באַשטעהט אין דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די ערשטע מקובלים נאָכ'ן גירוש שפּאַניען, וואָס האָט געהאַלטען, אַז דער גירוש און די צרות זענען די „חבלי משיח", און אַז אינגיכען דאַרף קומען די גאולה. דאָס האָט געמאַכט אַ וועג שפּעטער פאַר רבי שלמה מלכו, דעם קדוש, וואָס האָט געוואָלט ברענגען די גאולה און איז אומגעקומען אויף קידוש השם. — טייל געלעהרטע פערטוישען דעם דאָזיגען רבי אברהם מיט דעם מקובל רבי אברהם ברוכים, דעם תלמיד פון רבי יצחק לוריא.

ביבליאָגראַפיע: פרומקין: „בן שמואל"; לונץ: „ירושלים" באַנד 6; שלום: אין ביבליאָגראַפישען זשורנאַל „קרית ספר" ב.

**אברהם בן אליעזר** ברוכים. אַ בעריהמטער מקובל אין ארץ־ישראל אין 16־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי יצחק לוריא. וועגען דעם דאָזיגען רבי אברהם ברוכים ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט ביי דער כותל־המערבי געזעהן די שכינה, און האָט

א סך יודען געוועקט צו תשובה־טהון. עס זענען פארהאן טייל געלערענטע, וואס האלטען, אז ער האט מחבר געווען דעם „תיקוני שבת“ (וועראנא 1600), קיצור פון „מנורת המאור“ (אמסטערדאם 1663) און אנדערע קבלה־ספרים, וואס זענען פארהאן אין כתב־יד.

ביבליאגראפיע: פרומקין: „אבן שמואל“; „קרית ספר“ תרפ“ה; „אוצר ישראל“.

**אברהם פון בעיא** דאס איז דער נאמען פון א גרויסען יודישען שפראך־קענער און רייזענדער און ענטדעקער פון לענדער, וואס האט געלעבט אין פארטוגאל אין דער צווייטער העלפטע פון 15־טען יאהרהונדערט. אין דעם בוך, וואס דער יודישער היסטאריקער קייזערלינג האט געשריבען וועגען דעם אנטייל פון יודען אין די לענדער־ענטדעקונגען אין די צייטען פון קאלומבוס (געשריבען אויף דייטש), ווערט געבראכט וועגען דאזיגען ערשטען יודישען לענדער־ענטדעקער אברהם פון בעיא, אז לויט דעם בעפעהל פון פארטוגאלישען קעניג איז ער צוזאמען מיט דעם רייזענדער צאפא־טירא אוועק קיין אפריקא און אזיען, כדי צו געפינען דאס לעגענדארע לאנד פון „יאהאן דעם פריסטער“. וועגען דעם דאזיגען לאנד זענען ארומגעגאנגען פערשידענע לעגענדעס, וואס ווערען אויך געבראכט אין די יודישע ספרים אין צוזאמענהאנג מיט די לעגענדעס וועגען די עשרת השבטים. אברהם פון בעיא האט אויף זיין דאזיגער רייזע געמאכט וויכטיגע ענטדעקונגען, וואס האבען מעגליך געמאכט די שפעטערדיגע ערשטע ים־רייזע ארום אפריקא פון וואסקא דע גאמא.

ביבליאגראפיע: מאטעריאלען וועגען אברהם פון בעיא זענען פארהאן ביי קייזערלינג אין זיין „קאלומבוס“; דזשייקאבס: „געשיכטע פון געאגראפישע ענטדעקונגען“ (ענגליש).

**אברהם פון בעהמען** ער איז געווען א רייכער יוד אין פוילען אין ענדע 15־טען און אנהויב 16־טען יאהרהונדערט. אין די רעגירונגס־דאקומענטען הייסט ער „יודעאוס באהעמוס“. ער איז געווען נאהנט צום הויף פון פוילישען קעניג זיגמונט, און ער איז בעשטימט געווארען (אין יאהר 1514) אלס יודישער „פרעפעקט“, אבצונעהמען די שטייערען פון די יודען אין פוילען. דאדורך פלעגען פארקומען גרויסע מחלוקות צווישען אברהם און פערשידענע יודישע קהלות, וואס האבען געהאלטען, אז ער לעגט ארויף אויף זיי צו־גרויסע שטייערען. אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיקע מחלוקות האט אברהם געפועלט ביים קעניג זיגמונט (אין יאהר 1518), אז ער, אברהם און זיין פאמיליע, קאן נישט אנגעקלאגט ווערען אין געוועהנליכע געריכטען, נאר דער קעניג אליין זאל בעטראכטען די אנקלאגעס געגען איהם.

**אברהם בן גרטון** דאס איז דער נאמען פון ערשטען יודישען דרוקער, וואס איז אונז בעקאנט. ער האט געלעבט אין 15־טען יאהרהונדערט אין דער שטאדט רעדזשא, אין איטאליען (אין די העברעאישע ספרים שרייבט מען דעם נאמען פון דער שטאדט „ריגיו“) און האט דארט געהאט א העברעאישע דרוק, נישט לאנג נאכדעם, ווי דער דרוק איז ערפינדען געווארען. דאס ערשטע יודישע ספר, וואס ער האט געדרוקט, איז געווען דער פירוש פון רש“י אויף תורה, וואס איז פערענדיגט געווארען י׳ אדר הל“ה

(1475). צום סוף פון ספר האט אברהם אבגעדרוקט א שיר, וואס ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „אני בן גרטון בן יצחק, אברהם ברוטו“, דערנאך גערט די דאטע „ה׳ אלפים ומאתים וה׳ ושלשים בי׳ באדר“. דאס ספר איז אלזא געדרוקט געווארען 35 יאהר נאכ׳ן ערפינדען (אין יאהר 1440) פון דרוק דורך גוטענבערג. דער „אוצר ישראל“ אין שטיך־ווארט „אינקונבולה“ זאגט, אז די אונטערשריפט מאכט אברהם בן „גרשון“ (אנשטאט „גרטון“); אבער דאס איז נישט ריכטיג. אין דרוק איז פארהאן דייטליך א „טית“, סיידען מען זאל אננעהמען, אז עס איז א גרייז.

ביבליאגראפיע: יש״ר פון ריגא: „אגרות“; „אשכול“־ענציקלאפעדיע.

**אברהם גרשון** פון קוטוב. דאס איז געווען א בעריהמטער מקובל און למדן און חזן אין בראד (גאליציען) און נאכהער האט ער געוואוינט אין ארץ־ישראל. ער האט געלעבט אין 18־טען יאהרהונדערט. לויט ווי די חסידישע קוועלען דערצעהלען, איז רבי אברהם גרשון פון קוטוב (דאס איז א שטעדטעל אויף דער גרעניץ פון פאדאליען „קוטי“) געווען א שוואגער פון בעריהמטען גרינדער פון חסידות רבי ישראל בעל־שם־טוב, וועלכער האט חתונה געהאט מיט רבי אברהם גרשונ׳ס א שוועסטער. רבי אברהם גרשון ווערט דערמאהנט אין בעקאנטען שאלות־ותשובות־ספר „נודע ביהודה“ פון גרויסען גאון רבי יחזקאל לאנדא, וועלכער שרייבט איהם דעם טיטול („נודע ביהודה“ מהדורא קמא אבן העזר סימן ע״ג) „אהובי ידיד נפשי, חסידא קדישא, נר ישראל“ („מיין ליבער פריינד, היילינער חסיד, דאס ליכט פון ישראל“). אויך דער גרויסער גאון רבי יונתן אייבעשיץ פעררופט זיך אויף רבי אברהם גרשונ׳ען אין דער גרויסער מחלוקה וועגען זיינע (רבי יונתנ׳ס) קמיעות, וואס מען האט חושד געווען זיי, אז זיי ענטהאלטען אין זיך די אמונה אין שבתי צבי. רבי יונתן אייבעשיץ טיטולירט רבי אברהם גרשונ׳ען („לוחות עדות“) „הרב החסיד המפורסים, מופלג בתורה ומקובל אלהיי“ („בעקאנטער חסיד, למדן און געטליכער מקובל“). לערך אין יאהר 1747 (תק״ז) איז רבי אברהם גרשון אוועקגעפאהרען קיין ארץ־ישראל און ער האט זיך בעזעצט אין חברון און דערנאך אין ירושלים, וואו ער איז געווארען זעהר אנגעזעהן ביי די דארטיגע מקובלים און לומדים. גענוי ווען ער איז געשטארבען איז נישט בעקאנט, אין יאהר תקי״ז האט ער נאך געלעבט.

אין די חסידישע ספרים איז די בעדייטונג פון רבי אברהם גרשון זעהר גרויס אלס שוואגער פון בעל־שם־טוב. אין „שבחי־הבעש״ט“ ווערען דערצעהלט פיל ספורים וועגען דער בעציהונג פון בעל־שם־טוב צו זיין דאזיגען שוואגער. שוין פון די ערשטע צייטען, ווען דאס חסידות האט זיך גענומען פערשפרייטען, איז פארהאן פערשפרייט א בריף, וואס ר׳ ישראל בעל־שם־טוב זאל האבען געשריבען צו רבי אברהם גרשונ׳ען קיין ארץ־ישראל אין יאהר תק״י. דאס איז דער בעריהמטער בריף, אין וועלכען דער בעל־שם־טוב דערצעהלט וועגען זיין עליה אין הימעל און דער התגלות פון חסידות. עס איז שווער פעסטצושטעלען, צי דער דאזיגער בריף איז ווירקליך געשריבען געווארען דורכ׳ן בעל־שם־טוב צו רבי גרשונ׳ען, אדער ער געהער צו די גע־פעלשטע חסידות־בריף, וואס האבען זיך בעוויזען אין דרוק. אין זאמעל־בוך

„זכרון לאברהם אליהו הרכבי״ (תרס״ט) האָט דער בעקאַנטער היסטאָריקער אברהם כהנא פערעפענטליכט אַ בריף פון אַ כתב־יד, וואָס רבי אַברהם גרשון זאָל האָבען געשריבען צום בעל־שם־טוב. די ריכטיגקייט פון דעם בריף איז שווער פעסטצושטעלען.

ביבליאָגראַפיע: פרומקין: „תולדות חכמי ירושלים״; האָראָדעצקי: „החסידות והחסידים״; דובנאָוו: „די געשיכטע פון חסידות״.

**אברהם דוב** פון אָווורוטש. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע חסידישע פערזענליכקייטען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען רב אין זשיטאָמיר און אָווורוטש און אַ תלמיד פון רבי מאָטעלע דעם מגיד פון טשערנאָביל. אין די עלטערע יאָהרען האָט ער זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל אין צפת, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר תר״א (1840). עס איז צו בעמערקען, אַז רבי אַברהם דוב איז געווען איינער פון די חסידישע רבנים אין ארץ־ישראל, וואָס האָט דערמאָלס דערלאַנגט אַ ביטע צו סער משה מאָנטעפיאָרע, אַז ער זאָל העלפען די יודען אין צפת, אַז זיי זאָלען „קאָנען בעאַרבייטען ערד און ווערען פאַסטוכער״. ד״ר אליעזר לוי, דער סעקרעטאַר פון מאָנטעפיאָרע, שרייבט וועגען רבי אַברהם דוב, אַז דאָס איז „איינער פון די פיינסטע מענשען, ער גיעט אַוועק אָרימע לייט אַלץ, וואָס ער האָט״. אין יענע צייטען האָבען די רבנים אין ארץ־ישראל געשיקט משולחים מיט אַ בריף אויפצוזוכען די לעגענדאַרע עשרת השבטים, און אויך רבי אַברהם דוב איז אונטערגעשריבען אויף דעם בריף. פון רבי אַברהם דוב איז פאַראַהאַן געדרוקט אַ ספר „בת עין״ (זשיטאָמיר 1850), חסידישע תורות און צום סוף אויך הלכות. וועגען ארץ־ישראל שרייבט ער מיט דער טיפסטער ליבע. און אין אָרט שרייבט ער, אַז „ארץ־ישראל איז די אינערליכסטע נקודה פון דער גאַנצער וועלט״.

ביבליאָגראַפיע: פרומקין: „תולדות חכמי ירושלים״; „אשכול״־ענציקלאָפעדיע.

**אברהם דוד** פון בוטשאַטש. אַ בעריהמטער חסידישער רב, גרויסער למדן און רבי אין גאַליציען, אַ תלמיד פון רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו. אין יאָהר תקע״ד (1814) איז ער געוואָרען רב אין בוטשאַטש. ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר 1840. עס איז פאַראַהאַן פון איהם אַ הלכה־ספר „דעת קדושים״ אויף אורח חיים און יורה דעה, וואָס איז אָנגענומען דורך אַלע רבנים. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַ רייה ספרים פון חסידישען אינהאַלט („ברכת דוד״, „ברכת אברהם״ און אַנדערע).

ביבליאָגראַפיע: וואַלדין: „שם הגדולים החדש״; באַדאַק: „סדר הדורות החדש״.

**אברהם בן דוד** („ראַבייד״, דער ערשטער). דאָס איז דער בעריהמטער יודישער פילאָזאָף און היסטאָריקער אין שפּאַניען אין 12־טען יאָהרהונדערט, וועלכער איז בעקאַנט מיט דעם ראשי־תבות־נאָמען „ראב״ד הראשון״, כדי איהם אונטערצושיידען פון די אַנדערע צוויי גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, אויך מיט די נעמען ראב״ד. רבי אַברהם בן דוד איז געבוירען געוואָרען אין קאָרדאָוואָ לערך אין יאָהר 1110, און איז געווען בעריהמט אַלס גרויסער דאָקטאָר,

אסטראָנאָם און היסטאָריקער. ווי עס ווערט דערצעהלט אין „שבט יהודה" האָט דער שפּאַנישער קעניג געוואָלט צווינגען דעם ראב"ד, אַז ער זאָל זיך שמד'ן. אָבער דער ראב"ד האָט נישט געוואָלט. דער קעניג האָט איהם דעריבער פֿעראורטיילט צום טויט דורך הענגען. דער ראב"ד איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין טאָלעדאָ יאָהר 1180, אין עלטער פֿון 70 יאָהר. מען רופֿט איהם דעריבער אויך „הראב"ד הקדוש".

דאָס בעריהמטע ספר פֿון ראב"ד איז זיין „סדר הקבלה", (אָדער „דורות עולם"), וועלכען ער האָט געשריבען אין יאָהר 1161. דאָס דאָזיגע ספר בעשעפֿטיגט זיך מיט געשיכטע און נעהמט אַרום די געשיכטע פֿון אדם הראשון אָן און געהט דערנאָך איבער צו דער יודישער געשיכטע פֿון די אור־אַלטע צייטען, און רעכענט אויס אַלע יודישע פֿיהרער פֿון די שופטים און מלכים און דערנאָך די יודישע נשיאים און תנאים ואמוראים און נאָכהער די רבנן סבוראי און די גאונים און די יודישע חכמים ביז צו זיין צייט. אין ספר „סדר הקבלה" געפֿינען זיך אויך ידיעות פֿון דער רוימישער געשיכטע און פֿון דער געשיכטע פֿון שפּאַניען. דאָס דאָזיגע ספר האָט א גרויסען ווערט פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער יודישער געשיכטע. עס זיינען פֿאַרהאַן טייל עפּאָכען אין דער יודישער געשיכטע, וואָס דער סדר הקבלה דינט אונז אַלס די איינציגע קוועלע. דער „סדר הקבלה" איז איבערגעזעצט געוואָרען אויך אויף לאַטיין, און טיילווייז אויך אויף דייטש.

א זעהר גרויסע בעדייטונג האָט אויך געהאַט דאָס פֿילאָזאָפֿישע ספר פֿון ראב"ד „האמונה הרמה" („דער העכערער גלויבען"), וואָס דער ראב"ד האָט מחבר געווען אויף אַראַביש, וואָס איז דעמאָלס געווען די אומגאַנגסשפּראַך פֿון די יודען אין שפּאַניען. דאָס דאָזיגע ספר איז איבערזעצט געוואָרען אויף העפּרעאיש צוויי מאָל: דורך שלמה בן לביא, וועלכער האָט עס א נאָמען געגעבען „האמונה הרמה" (ערשינען אין פֿראַנקפֿורט יאָהר 1853) און דורך שמואל מוטוט, וועלכער האָט עס א נאָמען געגעבען „אמונה נשאה". אין דעם דאָזיגען ספר בעמיהט זיך דער ראב"ד אויפֿצווייזען די ריכטיגקייט פֿון דער פֿילאָזאָפֿישער שיטה פֿון אַלטען גריכישען פֿילאָזאָף אַריסטאָטעלעס (אין די העברעאישע ספרים האָט ער געהייסען „אריסטו"), און אויסצוגלייכען די פֿילאָזאָפֿיע מיט דער יודישער אמונה, אַז עס איז צווישען זיי ביידע נישט פֿאַרהאַן קיין סתירה. ער בעשעפֿטיגט זיך מיט דער פֿראַגע, צי איז די וועלט א „קדמון", און עקזיסטירט פֿון אייביג אָן, אָדער זי איז בעשאַפֿען געוואָרען פֿון גאָרנישט, ווי אויך מיט די פֿראַגען פֿון „ידיעה ובחירה" און „השארת הנפש". דער ראב"ד האַלט, אַז איינער קאָן האַלטען פֿון דער פֿילאָזאָפֿישער וויסענשאַפֿט און זיין רעליגיעז. ער שרייבט, אַז אין די אַמאָליגע צייטען איז נישט געווען קיין שום סתירה צווישען ביידע, נאָר ערשט „אין די איצטיגע צייטען טרעפֿט זיך, אַז איינער לערענט עטוואָס חכמות, און ער האָט נישט קיין כח צו האַלטען אין זיינע הענד ביידע ליכט, פֿון רעליגיע און חכמה, און „כאשר ידלק נר החכמה יכבה נר הדת", ווען עס צינדט זיך אָן דאָס ליכט פֿון חכמה, ווערט פֿערלאָשען דאָס ליכט פֿון רעליגיע. דער ראב"ד ווייזט דעריבער אויף אין זיין ספר, אַז מען קאָן זיין גלייכצייטיג א מאמין און א פֿילאָזאָף. דער ראב"ד גלויבט אויך

אין נבואה, און ער זאָגט, אַז עס קאָנען זיין מענשען מיט אַזעלכע נשמה־כחות, וואָס זייער גייסט בעהעפט זיך מיט דעם העכערען געטליכען גייסט און זיי זעהען דעריבער זאַכען, וואָס זענען פערבאָרגען פון פשוט'ע מענשען. — עס ווערט אויך אָנגעגעבען, אַז דער ראב"ד האָט געשריבען אַ ספר איבער אַסטראָנאָמיע, אָבער דאָס ספר איז, ווייזט אויס, פערלוירען געגאַנגען.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד: „דעת אלהים"; גרעץ: „געשיכטע"; גוטמאַן: „די רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע פון ראב"ד" (דייטש); יודישע ענציקלאָפעדיעס; גינזבורג: „יודישע דענקער און פאָעטען".

**אברהם בן דוד** פון פאָסקיער (ראב"ד דער דריטער). דאָס איז דער בעריהמטער יודישער למדן און פוסק, וואָס איז אין דער לומדישער וועלט בעקאַנט סתם מיט'ן נאָמען דער „ראב"ד"; ער איז בעקאַנט ספּעציעל דורך זיינע שאַרפע קריטישע בעמערקונגען, „השגות", וואָס ער האָט געשריבען צום „יד החזקה" פון רמב"ם און וועלכע זענען געדרוקט צוזאַמען מיט'ן רמב"ם.

רבי אברהם בן דוד איז געבוירען געוואָרען וואַהרשיינליך לערך אין יאָהר 1115, ווייל ער שרייבט אין איין אָרט אויפ'ן רמב"ם „הוא נער ואנחנו ישישים", „ער איז יונג און מיר זענען אַלט", און דער רמב"ם איז געבוירען געוואָרען, ווי עס איז בעוואוסט, אין יאָהר 1135, און דעריבער איז אָנצונעהמען, אַז דער ראב"ד איז געווען עלטער פאַר איהם מיט אַ יאָהר 20. זיין שווער איז געווען רבי אַברהם אב בית דין פון נאַרבאָנע (וואָס איז געווען בעקאַנט מיט'ן נאָמען „ראב"ד דער צווייטער"). דער ראב"ד איז געווען זעהר רייך און ער האָט אויסגעהאַלטען אַ גרויסע ישיבה. דער הערשער פון פאָסקיער עלזעאַר האָט איינמאָל געוואָרפען אַ אויג אויף זיין רייכטום, און ער האָט איהם דעריבער געלאָזט אַרעסטירען, כדי ער זאָל קאָנען צונעהמען זיין עשירות. אַ דאַנק דער הילף פון פירשט ראָדזשער פון קאַרקאַסאָנע איז דער ראב"ד בעפרייט געוואָרען, אָבער ער פערלאָזט פאָסקיער און בעזעצט זיך אין דער שטאָדט ניימס (די שטאָדט האָט מען אויף העברעאיש גערופען „קרית יערים", און דעריבער ווערט דער ראב"ד אָנגערופען אין ספר „המנהיג" אויך אַלס „דער ראב"ד פון קרית יערים"). אין דער דאָזיגער שטאָדט איז דער ראב"ד געשטאָרבען ערב שבת חנוכה ד' אלפים תתקנ"ט (1198). מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַזוי הייליג, אַז, ווי דער „יוחסין" דערצעהלט, האָבען אויך כהנים, וואָס טאָרען נישט צוריהרען זיך צו קיין מת, זיך פערנומען מיט זיין קבורה.

דער ראב"ד האָט מחבר געווען אַ סך ספרים. דאָס בעריהמטעסטע ספר זיינס זענען די „השגות" אויפ'ן רמב"ם, וואָס זענען אייגענטליך אַ טייל פון זיין ספר „כתוב שם" (דאָרט שטעהט געשריבען), וועלכעס ענטהאַלט „השגות" נישט נור אויפ'ן רמב"ם, נאָר אויך אויפ'ן ריף, דעם „בעל המאור" און אַנדערע. פון דאָזיגען ספר האָט מען שפּעטער אַרויסגענומען די השגות צום רמב"ם און זיי געדרוקט צוזאַמען מיט'ן רמב"ם, און די השגות אויף רי"ף און בעל המאור האָט מען אַריינגעגעבען צום ספר „תמים דעים". אין זיינע „השגות" („קריטישע בעמערקונגען") דריקט זיך אויס דער ראב"ד זעהר שאַרף געגען רמב"ם. אין איין אָרט, וואו דער רמב"ם זאָגט, אַז

„העולם הבא אין בו גוף וגויה אלא נפשות הצדיקים בלבד“ („אין יענער וועלט איז נישט פאַרהאַן קיין קערפּער, נאָר בלויז נשמה“), שרייבט דער ראב״ד צו, אַז „דברי האיש הזה בעיני קרובים למי שאומר אין תחית המתים לגופות“ („די ווערטער פון דאָזיגען מענש מאַכען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזאָגט, אַז די קערפּערס וועלען נישט צוריק אויפשטעהן תחית המתים“). דער עיקר השגות זיינע זענען אויף אַ ריי הלכות פון רמב״ם, אויף וועלכע ער פרעגט שאַרפע קשיות פון דער גמרא. טיילמאָל אָבער שרייבט ער אויף די ווערטער פון רמב״ם „סברא יפה היא“ („דאָס איז אַ גוטע סברא“). דער ראב״ד האָט אויך געשריבען אַ פירוש אויף ש״ס (אַ טייל דערפון איז געדרוקט געוואָרען), אויף תורת כהנים, ווי אויך קבלה־ספרים. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז ער זאָל אויך האָבען געשריבען דעם בעקאַנטען פירוש צום „ספר יצירה“.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ: „געשיכטע“; וויס: „דור דור ודורשיו“ און אויך אין מבוא צום „תורת־כהנים“, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען מיט'ן פירוש הראבד.

**אברהם בר חייא** הנשיא איז געווען איינער פון די גרעסטע יודישע מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען און פילאָזאָפען אין מיטעל־אַלטער. ער איז אויך בעקאַנט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון מאַטעמאַטיק מיט דעם נאָמען סאַוואַסאָרדאַ, דאָס שטאַמט פון אַראַבישען וואָרט „סאַחב־אַל־סורטאַ“ („בעאַמטער פון דער פּאָליציי“), ווייל ער האָט פערנומען אַ הויכען פּאָסטען ביי דער רעגירונג אין שפּאַניען.

גענוי ווען רבי אברהם בר חייא איז געבוירען געוואָרען איז נישט בעקאַנט. גרעץ נעהמט אָן, אַז ער איז געבוירען געוואָרען לערך 1065 און איז געשטאָרבען לערך 1136 אין שפּאַניען. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז ער האָט פערנומען ביי דער רעגירונג דעם פּאָסטען אַלס בעאַמטער („ערד־מעסטער“). אין יענע צייטען האָט אין גאַנץ אייראָפּא נאָך געהערשט אַ פולשטענדיגע גייסטיגע פינסטערניש, מען האָט ווייניג געלערענט וויסענשאַפטען, און די גייסטיגע בילדונג איז געשטאַנען אין אייראָפּא אויף אַ זעהר נידריגער שטופע. רבי אברהם בר חייא (ער ווערט אין טייל נישט־יודישע קוועלען אויך דערמאָהנט מיט'ן נאָמען „אַבראַהאַם יודעאוס“) איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען אין יענע פינסטערע צייטען אָנגעהויבען אויפלעבען די אַלגעמיינע וויסענשאַפטען אין אייראָפּא. ער האָט מחבר געווען אַליין ספרים איבער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע און ער האָט אויך איבערזעצט אין לאַטיין אַ סך מאַטעמאַטישע ביכער פון אַראַבישע געלעהרטע. אַזוי אַרום האָט די נישט־יודישע וועלט אין אייראָפּא אָנגעהויבען צוריק זיך צו בעקענען מיט די דאָזיגע וויסענשאַפטען. אין העברעאיש איז בעריהמט זיין ספר „צורת הארץ“ איבער אַסטראָנאָמיע און געאָגראַפיע (געדרוקט אַ טייל אין באַזעל 1646 און נאָכהער אינגאַנצען אין אָפּענבאַך 1720); דאָס דאָזיגע ספר איז איבערזעצט געוואָרען אויך אין לאַטיין. ער האָט אויך מחבר געווען דעם ספר „העבור“ און „לוחות“, ביידע איבער כראָנאָלאָגיע. אין כתב־יד איז פאַרהאַן פון איהם אַ סך מאַטעמאַטישע חיבורים. רבי אברהם בר חייא האָט אויך מחבר געווען דאָס ספר „הגיון הנפש“ („געדאַנקען פון דער נשמה“) מוסר־ווערטער און פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען איבער

דער וועלט און דעם מענש'ס נשמה, וואס זענען אביסעל ענליך צו דער מיסטישער קבלה. דאס ספר איז געדרוקט געווארען דורך פריימאן מיט א הקדמה אין לייפציג 1860. עס איז צו בעמער־קען, אז רבי אברהם בר חייא האט אויך געגלויבט אין אסטראלאגיע, אין דעם איינפלוס פון די שטערנס אויף דעם לעבענס־גורל פון איינציגנעם מענש. רבי אברהם בר חייא האט אויך געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר דער פער־שפרייטונג פון מאטעמאטישע און אסטראנאמישע וויסענשאפטען צווישען יודען, און די שפעטערדיגע יודישע חכמים אין מיטעל־אלטער האבען פיל געשעפט פון איהם.

ביבליאגראפיע: גרעץ: געשיכטע; ראפאפארט אין זיין מבוא צום „הגיון הנפש"; יודישע ענציקלאפעדיעס. וועגען אברהם בר חייא הנשיא און זיין בעדייטונג אין דער געשיכטע פון מאטעמאטיק איז פאר־האן אויך אין דער „געשיכטע פון מאטע־מאטיק" פון קאנטאר (דייטש).

**אברהם מגיד** פון טריסק. (1806—1889). דאס איז דער בעריהמטער חסי־דישער רבי אין וואלין, וועלכער איז בע־קאנט מיט'ן נאמען דער „טריסקער מגיד". זיין פאמיליע־נאמען איז געווען טווערסקי. רבי אברהם'ס פאטער איז געווען דער בעריהמטער רבי ר' מאטעלע (מרדכי) מגיד אין טשערנאביל. דער טריסקער מגיד איז געווען עטליכע וואכען ארעסטירט דורך דער רוסישער רעגירונג, נאר איז נאכהער בעפרייט גע־ווארען. ער איז געשטארבען אין עלטער פון 83 יאהר. עס איז פארהאן פון איהם א ספר וועגען חסידות מיט'ן נאמען „מגן אברהם". ער האט איבערגעלאזט דריי זיהן רביים, רבי נחום, רבי יעקב לייב און רבי מאטעלע.

**אברהם טשעכאנאווער** דער טשעכאנאווער רבי ר' אברהם'עלע איז געבוירען געווארען לערך תק"ן (1790). ער איז געווען בעריהמט אלס גרויסער גאון אין פוילען און אויך אלס רבי. ער האט אין זיין דרך החסידות זיך אונטער־שיידעט פון אנדערע רביים דערמיט, וואס ער האט נישט געלאזט אין דער פריה דאווענען צו־שפעט (עובר זמן תפלה־זיין). ער האט מחבר געווען צוויי ספרים „בית אברהם" און „זכותא דאברהם", וואס בעשטעהען פון פלפול און דברי חסידות. זיינע זיהן רבי וואלף סטריקעווער און רבי בעריש ביאלער זע־נען געווען בעריהמטע רביים אין פוילען. וועגען רבי אברהם'עלע טשעכאנאווער ווערען דערצעהלט זעהר פיל מופתים; טייל פון זיי זענען אבגעדרוקט אין דעם חסידישען ספר „שיח שרפי קודש" פון קים־קודש (ווארשא תרפ"ח). דער „טשעכאנאווער רבי" (אזוי האט מען איהם גערופען) איז געשטארבען אין יאהר תרל"ה.

ביבליאגראפיע: „שיח שרפי־קודש" (ווארשא תרפ"ח(, אשכול־ענציקלא־פעדיע.

**אברהם מאורליינש** דאס איז געווען איינער פון די „בעלי־התוספות" און ער האט געלעבט אין פראנקרייך אין דער שטאדט ארלעאן (אורליינש) אין 12־טען יאהרהונדערט. ער ווערט דערמאהנט אין תוספות ברכות מ"ה. עס איז פארהאן א מיינונג פון געלערנ־טע, אז דאס איז דער זעלבער „אבראהם דער זוהן פון ראבי דזשאסע", וואס ווערט דערמאהנט אין די אלטע

ענגלישע דאָקומענטען פון יענער צייט. אין דערמאָהנטען תוספות ווערט דערציעהלט, אז רבי אברהם האָט געהאַט טעכטער, וואָס האָבען געקענט לערנען.— אין תוספות ווערען דערמאָהנט נאָך אַ גאַנצע רייהע נעמען פון יודישע לומדים מיט'ן נאָמען אברהם.

ביבליאָגראַפיע: „שם הגדולים"; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; אוצר ישראל.

**אברהם יהושע העשיל** (אפּטער רב). דאָס איז דער בעריהמטער חסידישער רבי, דער מחבר פון ספר „אוהב ישראל" אויף תורה, און וואָס צוליב דעם איז ער אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען דער „אוהב ישראל". גענוי ווען ער איז געבוירען געוואָרען איז שווער פעסטצושטעלען. פון פערשיידענע חסידישע קוועלען איז צו זעהן, אז ווען עס איז געשטאָרבען דער בעריהמטער חסידישער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק אין יאָהר תקמ"ז (1787) איז רבי אברהם יהושע העשעל, זיין תלמיד, שוין געווען אַלט אַ יאָהר 40. דערפון איז אָנצונעהמען, אַז ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר תק"ז (1747). רבי אברהם יהושע העשעל איז געווען רב אין אַ רייהע שטעדט, ווי קאָלבושאָוו, אפּט (דערפון איז זיין נאָמען „דער אפּטער רב"), יאַסי, און צום סוף אין מעזשיבוזש, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר תקפ"ה (1825). ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי ר' אלימלך, דעם מחבר פון „נועם אלימלך". רבי אברהם יהושע העשעל האָט זיך גערעכענט צווישען די גרעסטע רביים, און אַלע האָבען פאַר איהם שטאַרק דרך־ארץ געהאַט. אין ספר „דובנא רבתי" איז פאַרהאַן אַ בריעף פון איהם, פון וועלכען עס איז צו זעהן, אַז ער איז געווען דער פאָרזיצענדער פון אַ גרויסער אספּת הרבנים וועגען אַ גזירה אויף יודען, צוליב וועלכעס מען האָט גוזר תענית געווען. אין די חסידישע ספרים זענען פאַרהאַן זעהר פיל מופתים דערצעהלט פון איהם. ער האָט איבערגעלאָזט קינדער אויך רביים.

ביבליאָגראַפיע: האָראָדעצקי: „החסידים והחסידות"; תורת־אבות; אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע האָט געשריבען וועגען איהם הרב גוטמאַן אין „מגבורי החסידות" חלק א' חוברת א' (ווארשא תרפ"ו).

**אַברהם בן יעקב** דאָס איז אַ בעריהמטער יודישער רייזענדער אין דער צווייטער העלפט פון 10־טען יאָהרהונדערט. ער ווערט געבראַכט אין דעם אַלטען אַראַבישען רייזעבוך פון „אַל־באַכרי", וואָס איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1066. אין דעם אַראַבישען בוך הייסט ער „איבראַהים איבן יעקוב האישראַלי" („אברהם בן יעקב דער יוד"). פון וואַנען דער דאָזיגער אברהם האָט געשטאַמט ווייסט מען נישט. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז אַרומגעפאָהרען אַ רייהע לענדער אין אייראָפּא, און ער איז געווען אין בעהמען און אַנדערע סלאַווישע לענדער, און ער האָט זיין רייזע בעשריבען און געגעבען זעהר וויכטיגע ידיעות איבער דעם לעבען אין די סלאַווישע לענדער אין יענער צייט. ער דערציעהלט אויך וועגען יודישע סוחרים־רייזענדע, וואָס האָבען געוואַנדערט אין די סלאַווישע לענדער, און דערמאָהנט אויך די כוזרים. אברהם'ס רייזע־בעשרייבונג רעכענט זיך פאַר אַ זעהר וויכטיגע וויסענשאַפטליכע קוועלע פאַר די געשיכטע פון די סלאַווישע לענדער אין יענער אַלטער צייט. זיין רייזע־בעשרייבונג איז איבערגעזעצט געוואָרען אין רוסיש, דייטש און אויך אַנדערע שפּראַכען.

ביבליאגראפיע: אפענהיים אין „האסיף" באנד 4; קארא: „סאציאלע און ווירטשאפטס־געשיכטע פון יודען" (דייטש); יודיש־רוסישע ענציקלאפעדיע; „אשכול".

## אברהם יעקב פון סאדאגארע.

געווען איינער פון די גרעסטע חסידישע רביים אין גאליציען אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט. זיין פאטער איז געווען דער בעריהמטער רבי רבי ישראל פרידמאן פון ריזשין, דער גרינדער פון דער סאדאגארער רבישער דינאסטיע. צווישען רבי אברהם יעקב און דעם אנדערען גרויסען רבי אין גאליציען אין יענער צייט, רבי חיים פון צאנז האט זיך צעפלאקערט א מחלוקה צוליב רבי בער ליעווער, א ברודער פון רבי אברהם יעקב, וועלכער איז אהיים לתרבות רעה. רבי חיים צאנזער האט געהאלטען, אז דער סאדאגארער הויף פיהרט זיך מיט צו־פיל לוקסוס, מען לעבט צו ברייט און רייך און דאס דערפיהרט אויף שלעכטע וועגען. אין דער דאזיגער מחלוקה האבען זיך בעטייליגט פיעל רבנים פון ביידע צדדים. עס זענען פאר־געקומען צוליב דעם גרויסע קאמפען אין פיעל שטעדט אין גאליציען. מען האט איינער דעם צווייטען געלעגט אין חרם. ערשט שפעטער איז די מחלוקה שטיל געווארען. רבי אברהם יעקב איז גע־שטארבען אין יאהר תרמ"ג אין סאדא־גורע. זיינע קינדער (רבי יצחק פון באיאן און רבי ישראל פון סאדאגורא) זענען געווארען נאך איהם רביים.

אין ספר „עשר־אורות" (פיעטריקאוו 1907) איז געדרוקט א ספעציעלע ביאָ־גראפיע פון רבי אברהם יעקב סאדיגור־רער. דארט ווערט דערצעהלט, אז ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה און אויך א גרויסער עניו, איינמאל האט ער גע־זאגט פאר זיין עולם חסידים: „דוד המלך האט געזאגט: „ואנכי תולעת ולא איש", עס איז א ביזוי פאר'ן עולם, אז איך בין דער מלך איבער זיי". ער האט אויך גע־טייטשט דעם פסוק „ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב", אז דעריבער פעהלט זיי גארנישט, ווייל „כל־טוב", אלע, וואס קומט פון גאט, זענען זיי מקבל באהבה. צדקה פלעגט ער געבען מיט גרויס שמחה, און עס ווערט דארט דערצעהלט, אז ער פלעגט צוטיילען יעהרליך ביז 10 טויזענד רובעל.

ביבליאגראפיע: „עשר אורות" אין דער ביאגראפיע פון רבי אברהם יעקב; הארארעצקי: „החסידים והחסידות".

## אברהם בן יצחק פון נארבאנע

(ראב"ד דער צווייטער). איינער פון די גרעסטע יודישע פוסקים אין 12־טען יאהרהונדערט, מען האט איהם גערופען „ראב"ד", ווייל ער איז געווען אב־בית־דין אין דער שטאדט נארבאנא. ער איז געבוירען געווארען לערך דעם יאהר 1110 און איז געשטארבען אין יאהר 1179. ער האט געפיהרט א ישיבה און זיינע תלמידים זענען געווען אזעלכע גרויסע לומדים ווי זיין איידעם דער „ראב"ד דער דריטער", רבי זרחיה דער „בעל המאור" און אנדערע. רבי אברהם האט מחבר געווען א סך ספרים, און דאס וויכטיגסטע ספר זיינס איז דער „האשכול". דאס איז א זאמלונג פון הלכות, וואס זענען צו־נויפגעשטעלט נישט לויט די מסכתות פון דער גמרא, נאר לויט די ענינים פון יעדער הלכה, א שטייגער ווי עס איז שפעטער צונויפגעשטעלט געווארען דער רמבם. דער אשכול איז א לאנגע צייט געווען אין כתב־יד, און ערשט אין יאהר תרכ"ח (1868) האט איהם ארויסגעגעבען מיט א איינלייטונג הרב אויערבאך, אין א צייט

שפעטער (יאהר 1910) האט שלום אלבעק פון ווארשא אבגעדרוקט אין בערלין א רייהע קריטישע בראשורען מיט'ן נאמען „סופר האשכול'' אויפצווייזען, אז אויערבאך האט געפעלשט דעם „אשכול'', און ער אליין, אלבעק, האט ארויסגעגעבען א העפט פון ריכטיגען „אשכול''.

ביבליאגראפיע: אויערבאך אין זיין דערמאהנטער איינליטונג צום „אשכול"; ווייס: „דור דור ודורשיו"; אלבעק: האשכול־אויסגאבע בערלין 1910.

**אברהם הכהן** פון לאסק. ער איז געוועזען איינער פון די גרעסטע מקובלים אין 18־טען יאהרהונדערט. מען האט איהם אויך גערופען „דער חסיד פון אמסטערדאם''. רבי אברהם האט גע־שטאמט פון דער פוילישער שטאדט לאסק. נאכהער האט ער זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל און האט דארט געהערט צו די אנגעזעהענסטע יודישע פערזענליכ־קייטען. ער פלעגט פאסטען א גאנצע וואך, משבת לשבת, און נישט קוקענדיג דערויף איז ער געוועזען פולשטענדיג געזונד. די יודען פון ארץ־ישראל האבען דעמאלס געהאט בעשלאסען ארויסצושיקען אין די אייראפעאישע לענדער אן אנגעזעהענעם שד''ר („שליחא דרבנן''), א דעלעגאט, וואס זאל וועקען ביי די יודען אין אייראפא די ליבע צו ארץ־ישראל און צו זאמלען געלד פאר דעם יודישען ישוב. אלס פאסענדסטע פערזאן דערצו האבען זיי אויסגעקליבען רבי אברהם, וועלכער איז טאקע גלייך אוועקגעפאהרען קיין אייראפא און בעזוכט א סך לענדער, און וואו ער איז געקומען האט ער געוועקט דעם המון־עם צו תשובה און איינגעפלאנצט אין זיי די חיבה צו ארץ־ישראל. ער האט פערבראכט אין אייראפא 15 יאהר. ער איז אומעטום געוועזען זעהר געאכטעט. זייענדיג אין אייראפא האט ער דארט גע־דרוקט זיינע ספרים „וחשב לו הכהן'' (פיורטה תקמ''ד), „בית יעקב'' (ליווארנא תקנ''ב) און אנדערע. ווען ער איז צוריק־געקומען קיין ירושלים איז ער ארעסטירט געווארען צוזאמען מיט נאך יודען פון ירושלים דורך די טערקישע רעגירונג, וועלכע האט פערלאנגט פון זיי א סך געלד. אין טורמע האט מען רבי אברהם'ן אנגעטהון גרויסע יסורים. דאס האט איהם שטארק אבגעשוואכט און ער איז געשטארבען.

ביבליאגראפיע: „תולדות חכמי ירושלים"; גליקסמאן: „עיר לסק וחכמיה".

**אברהם מלאך** איז געוועזען א בער־ריהמטער צדיק, דער זוהן פון דעם ממלא־מקומו פון בעל־שם־טוב, דעם רבי ר' בער פון מעזריטש („מעזריטשער מגיד''). פון רבי אברהם מלאך שטאמט אב די רביי־אישע דינאסטיע אין גאליציען סאדאגורע. רבי אברהם מלאך איז געבוירען געווארען לערך דעם יאהר תק''ג (1743), און האט שוין אין דער יוגענד זיך אבגעגעבען צו חסידות מיט אזא ברען און איבערגע־געבענהייט, אז מען האט איהם גערופען „דער מלאך''. מען דערצעהלט וועגען איהם, אז ער איז געוועזען אויסגעטהון אינגאנצען פון דער וועלט. ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון רבי משולם פייביש פון קרעמיניץ, דעם מחבר פון „משנת חכמים''. נאכ'ן טויט פון זיין פאטער דעם רבי ר' בער האט ר' אברהם מלאך נישט געוואלט ווערען רבי, נאר ער איז געווארען מגיד אין פאסטאוו. ער איז געשטארבען אין יאהר תק''מ (1780). עס איז פארהאן פון איהם געדרוקט א ספר מיט חסידישער תורה „חסד לאברהם'' (טשערנאוויץ תר''י). אין זיינע חסידישע ווערטער לערענט ער,

אז מען זאָל זיין אַ עניו, און האָבען ריי־נע מחשבות, ווייל די מחשבה פון מענש איז אַ טייל פון דער געטליכקייט.

ביבליאָגראַפיע: וואַלדען: „שם הגדולים החדש"; באַדאַק: „סדר הדורות החדש"; האָראָדעצקי: „החסידים והחסידות".

**אברהם מרדכי אַלטער** דאָס איז דער גרעסטער חסידישער רבי אין היינטיגער צייט, דער גערער רבי. וועגען איהם און אויך וועגען זיין פאָטער רבי אריה לייב אַלטער, מחבר פון „שפת אמת", און אויך וועגען זיין עלטער־זיידען רבי יצחק מאיר אַלטער, מחבר פון „חידושי הרי"ם", וועלכער האָט גע־גרינדעט די גערער דינאַסטיע, וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „אַל־טער".

**אברהם מימוני הנגיד** געבוירען 1185—געשטאָרבען 1255?). דאָס איז געווען דער זוהן פון רמב"ם (רבינו משה בן מימון). ער איז אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען רבי אברהם הנגיד, ווייל ער איז געווען דער רעליגיעזער פיהרער פון די יודען אין מצרים, און אַלס אַזעלכער האָט ער געטראָגען דעם טיטול נגיד. רבי אברהם איז אויך געווען, פונקט ווי זיין פאָטער, אַ גרויסער דאָקטאָר, און איז געווען איינער פון די דאָקטוירים אין קעניגליכען הויף אין עגיפטען. ער איז געווען אויך זעהר פרום און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין עניוות. ווען אַ טייל רבנים אין פראַנקרייך זענען אַרויסגעטרעטען געגען זיין פאָטער, דעם רמב"ם, פאַרוואָס ער האָט מחבר געווען פילאָזאָפישע ספרים („מורה נבוכים" און אַנדערע), וואָס זאָלען זיין געגען דת, איז רבי אברהם אַרויסגעטרעטען גע־גען זיי מיט זיין ספר „מלחמות ה'", אין וועלכען ער קלערט־אויף, אַז די פי־לאָזאָפיע איז נישט געגען דער רעליגיע. עס ווערט דערצעהלט, אַז רבי אברהם האָט געהאַט אַזאַ איינפלוס, אַז אַ דאַנק איהם זענען אַ סך קאַראַאימער אין מצרים געוואָרען יודען. רבי אברהם האָט מחבר געווען נאָך אַ רייהע אַנדערע ספרים, ווי אַ פירוש אויף דער גמרא און אויף זיין פאָטער'ס „יד החזקה", אַ תשובה אויף אָבצוענטפערען קשיות אויפ'ן רמב"ם, און אויך אַ רייהע ווערק אין אַראַביש וועגען מעדיצין, מאַטעמאַטיק און יודישער עטיק, ווי אויך דינים און הלכות. וועגען דעם יאָהר, ווען רבי אברהם איז געשטאָרבען איז פאַרהאַן אַ חלוקי דעות. זיין זוהן רבי דוד שרייבט אין סוף חדושי הרמב"ם צו ראש השנה (געבראַכט אין „מאור־עינים" פון רבי עזריה דמן האדומים"), אַז ער איז גע־שטאָרבען אין יאָהר ה' אלפים ט"ו (א' תקס"ו לשטרות), דאָס הייסט אין יאָהר 1255. אָבער רבי חיים יוסף דוד אזולאי אין זיין „שם הגדולים" ברענגט פון דעמזעלבען ספר, אַז ער איז געשטאָר־בען אין יאָהר תתקצ"ח (אין יאָהר 1238). אויף זיין טויט האָט מען פער־פאַסט אַ קינה מיט די ווערטער: „אהה, נלקח ארון דת" („אַה, עס איז צוגענו־מען געוואָרען דער ארון־קודש").

ביבליאָגראַפיע: „שם הגדולים"; גרעץ; מיכל: „אור החיים".

**אברהם בן משה** שד. ער איז גע־ווען אַ יודישער דיכטער אין פראַג אין סוף פון 16־טען און אָנהויב פון 17־טען יאָהרהונדערט. ער איז אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען אברהם שעדעל. ער איז געווען פון פאַך אַ זעצער און האָט גע־האַט אַ דרוקעריי אין פראַג, בשותפות מיט זיינע ברידער עזריאל און יהודה

ליב. אברהם שעדעל האָט בעאַרבייט דעם ספר יחזקאל אויף יודיש אין אַ פיינער פּאָעטישער פאָרם, אין גראַמען. ער זאָל האָבען דאָס געדרוקט אין קראָקא, אין יאָהר 1586; לויט אַנ'אַנדער מיינונג איז עס געדרוקט געוואָרען אין פּראָג אין יאָהר 1602. די יודישע שפּראַך הייסט ביי איהם „טויטש'' (דייטש). אין זיין הקדמה שרייבט ער, אַז ער האָט דאָס מחבר געוועזן פאַר ווייבער און מיידלעך און אויך פאַר בחורים און בעלי־בתים. — דער צו־נאָמען שד זאָל זיין פון דער שטאָדט קליינשטיבער אין בעמען, וואָס יודען האָבען גערופען שד.

ביבליאָגראַפיע: שולמן: „שפת יהודית אשכנזית וספרותה"; רייזען: „לעקסיקאָן" (יאָהר 1914); יודיש־רוסישע ענציקלאָפעדיע.

**אברהם בן מתתיהו** ער איז געוועזן אַ יודישער דיכטער, האָט געשריבען אין דער יודישער שפּראַך; ער האָט געלעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט. אברהם בן מתתיהו האָט מחבר געוועזן דאָס „קוא־בוך'', וואָס איז אַ זאַמלונג פאַבעלן פון לעבען פון חיות און עופות, צונויפגעקליבען פון די אַלטע העבּרעאישע „משלי שועלים'', „משל הקדמוני'' און אַנדערע. צום סוף פון יעדער פאַבעל איז פאַרהאַן אין גראַמען דער מוסר השכל, די מאָראַלישע לעהרע, וואָס מען דאַרף זיך פון דער פאַבעל אָבלערנען. דאָס „קוא־בוך'' איז געוועזן איינער פון די פּאָפּולערסטע ביכער אין דער אַלט־יודישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס קוא־בוך געדרוקט געוועזן אין בערן (וועראָנאַ?) יאָהר 1555. דאָס צווייטע מאָל איז עס ערשינען מיט'ן נאָמען „ספר משלים'' דורך משה וואליך אין פראַנקפורט אַם מיין יאָהר תמ"ז (1687). עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז וואַליך'ס „ספר משלים'' און אברהם בן מתתיהו'ס „קוא־בוך'' זענען צוויי בעזונדערע ווערק.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־רוסישע ענציקלאָפעדיע; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפעדיע; רייזען: לעקסיקאָן (יאָהר 1914).

**אברהם בן נתן** הירחי. דאָס איז דער בעריהמטער פּוסק, מחבר פון ספר „המנהיג'', וועלכער איז אָנגענומען אין דער גאַנצער יודישער רעליגיעזער וועלט. רבי אברהם בן נתן איז געבוירען געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 12־טען יאָהרהונדערט אין פראַנקרייך אין דער שטאָדט לוניל. דערפון שטאַמט זיין צו־נאָמען „הירחי'', ווייל „לון'' איז אויף פראַנצויזיש די „לבנה'', דאָס זעלבע וואָס אין העבּרעאישען „ירח''. ער איז געוועזן אַ תלמיד פון „ראב"ד דעם דריטען''. נאָכהער איז ער אַוועק קיין שפּאַניען, און ער האָט זיך בעזעצט אין דער שטאָדט טאָלעדאָ. דאָ האָט ער מחבר געוועזן זיין בעריהמט ספר „המנהיג''. ווי ער שרייבט אַליין, האָט ער מחבר געוועזן זיין ספר „בששים וארבע שנים ליצירה'', דאָס הייסט ד אלפים תתקס"ד, אַלזאָ, אין יאָהר 1204.

דער ספר „המנהיג'' (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל יאָהר 1519) איז אַ זאַמלונג פון זעהר פיל הלכות און דינים און מנהגים, אַ סאָרט שלחן־ערוך, און זעהר פיל שפּעטערדיגע פּוסקים האָבען זיך מיט איהם בענוצט. אָבער אַ חוץ זיין בעדייטונג אַלס אַ רעליגיעז הלכה־ספר, האָט דער „המנהיג'' אויך אַ זעהר גרויסע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון אַמאָליגען יודישען לעבענס־שטייגער אין פערשידענע לענדער, ווייל רבי אברהם הירחי האָט דאָ

צונויפגעזאַמעלט אַ סך מנהגים פון יודען אין די לענדער שפּאַניען, פראַנקרייך און דרום־פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענג־לאַנד (ער רופט ענגלאַנד „איי־הים", די אינזלען פון ים) פון דאָרט למשל ווע־רען מיר געוואָר, אַז אין טייל ערטער האָט נאָך דעמאָלס געהערשט דער אַל־טער מנהג פורים ביינאַכט אָנצוצינדען גרויסע פייערן אויפ'ן הויף און אַרי־בערצושפּרינגען איבער זיי. ביי איהם איז אויך פאַרהאַן דער מנהג אָנצוצינ־דען ליכט ערב יום־כיפור (דאָס היינטיגע „נשמה - ליכט"). — פון רבי אברהם הירחי איז אויך פאַרהאַן אַ פּירוש צו מסכתא כלה (געדרוקט טבריה תרס"ו) און פיער תשובות (אין „גנזי ירושלים", ירושלים 1896).

ביבליאָגראַפיע: ברוך טולידאַן כלה; מיכל: „אור החיים"; יודישע ענצי־ אין מבוא צום דערמאָהנטען פירוש צו מסכת קלאָפּעדיע.

## אברהם סאָכאַטשעווער

(1839 — 1910). דער סאָכאַטשעווער רבי און גאון רבי אברהם באָרנשטיין איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1839 ביי זיין פאָטער רבי וואָלף, רב אין גרויס ביאַלאַ. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון בעריהמטען אַלטען קאָצ־קער רבי ר' מענדל, און ווי ער שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר „אגלי טל", האָט איהם זיין שווער אריינגעפיהרט אין אמת'ן וועג פון תורה און חסידות. שוין אין זיינע יונגע יאָהרען איז רבי אברהם געווען בעריהמט אַלס גרויסער עילוי. אַלס יונגערמאַן איז ער געוואָרען רב אין קראָשניעוויץ, נאָכהער אין נאַ־שעלסק און צום סוף אין סאָכאַטשעוו, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1910. רבי אברהם האָט מחבר געווען אַ רייהע הלכה־ספרים, און דאָס בעריהמ־טעסטע פון זיי איז זיין „אגלי טל" אויף די ל"ט מלאכות פון שבת. ער איז גע־ווען בעריהמט אַלס גרויסער גאון, אַ שאַרפער עמקן אין לערנען, און אין זיינע ספרים זאָגט ער אַרויס טיפע סברות. ער האָט אויך געהאַט אַ ישיבה און אויסגעשטעלט אַ סך תלמידים. רבי אברהם סאָכאַטשעווער איז אויך געווען רבי און אַ סך חסידים זענען געפאָהרען צו איהם. פיל פון זיינע חסידישע ווער־טער זענען אָבגעדרוקט אין „שיח שרפי קודש" (וואַרשא תרפ"ח), וואו ער ווערט געבראַכט מיט'ן נאָמען „אדמו"ר ז"ל" און דאָרט ווערען אויך דערצעהלט סיפורי - מעשיות פון איהם. — רבי אברהם האָט איבערגעלאָזט אַ זוהן רבי שמואל, וועלכער איז געוואָרען רבי נאָך איהם. רבי שמואל איז געשטאָרבען אין יאָהר 1925. נאָך רבי שמואל איז גע־וואָרען סאָכאַטשעווער רבי רבי שמואל'ס זוהן, רבי הוד (געוועזענער רב פון זווי־שעגראַד) אויך אַ בעריהמטער למדן.

ביבליאָגראַפיע: הקדמה צום ספר „אגלי טל"; „שיח שרפי קודש" חלק ד' (וואַרשא תרפ"ח).

**אברהם פון סלאָנים** (1802—1884). ער איז געווען דער גרינדער פון דער רבייאישער דינאַסטיע אין סלאָנים. רבי אברהם איז געווען אַ תלמיד פון בע־קאַנטען רבי ר' משה קאָברינער. זיין דרך אין חסידות איז געווען צו דאַווענען מיט גרויס התלהבות, הויך און אויך זיינע חסידים זענען בעקאַנט געווען דערמיט, וואָס בעת'ן דאַווענען זענען זיי אַרויס פון די כלים. רבי אברהם איז געווען אַ גרויסער מקובל. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר תרמ"ד (1884). אַ גענויע

מאָנאָגראַפיע וועגן איהם איז ערשינען אין ספר „אור ישרים".

ביבליאָגראַפיע: „אור ישרים" (תרפ"ח); אשכול.

**אברהם פראָכאָווניק** אין די אַלטע יודישע לעגענדעס אין פוילען ווערט דערצעהלט, אַז אין די אַלטע ציי־טען (אין 9־טען יאָהרהונדערט?) האָט געלעבט אַ יוד מיט'ן נאָמען אברהם פראָכאָווניק. איינמאָל האָבען די פּאָליאַ־קען זיך צונויפגעזאַמעלט אין דער שטאָדט קרושוויץ, כדי צו קלויבען אַ מלך, און זיי האָבען נישט געקאָנט דורכקומען צווישען זיך וועמען צו וועה־לען. זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען, אַז ווער עס וועט צומאָרגענס אין דער פריה דער ערשטער אַריינקומען אין שטאָדט, דער זאָל ווערען קעניג. צומאָרגענס אין דער פריה איז צופעליג געקומען אין שטאָדט דער יוד אַברהם פראָכאָווניק. די פּאָליאַקען האָבען איהם באַלד אויסגע־וועהלט אַלס זייער קעניג. אָבער אַברהם פראָכאָווניק האָט נישט אָנגענומען די קרוין און האָט זיי געראַטען צו וועהלען אַלס קעניג אַ געוויסען פּיאַסט. פון דע־מאָלס אָן איז ענטשטאַנען אין פוילען די קעניגליכע דינאַסטיע „פּיאַסט".

וועגען דער דאָזיגער מערקווירדיגער לעגענדע איז זעהר פיל געשריבען געוואָ־רען. עס איז קודם כל זיכער, אַז דער נאָמען „פראָכאָווניק" איז צוגעגעבען געוואָרען אין שפּעטערע צייטען, ווייל דעמאָלס, אין 9־טען יאָהרהונדערט האָט מען נאָכנישט געוואוסט פון וואָרט „פראָך" („פּולווער" אויף פּויליש). אָבער עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז אין דער לעגענדע איז פאַרהאַן אַ קערן פון היסטאָרישען אמת, און אַז אין די גאָר אַלטע צייטען, ווען די יודישע כוזרים האָבען פערשפּרייט זייער ממשלה ביז אין די פוילישע לענדער איז געווען אַ יודי־שער פירשט מיט'ן נאָמען אַברהם. דער היסטאָריקער מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש (אין זיין פויליש ביכעל „דער אָנהויב פון דער יודישער רעליגיע אין פוילען") האַלט, אַז די כוזרים האָבען געהערשט איבער פוילען. ער מיינט אויך, אַז דאָס וואָס מען האָט געפינען אַ אַלטע מטבע אין פוילען מיט דער אויפשריפט אַברהם, האָט אַ שייכות מיט די כוזרים, און מיט יענעם לעגענדאַרען יודישען פירשט אַברהם. עס איז אויך פאַרהאַן אַ מיי־נונג, אַז די לעגענדע פון אַברהם פראָ־כאָווניק בעציהט זיך צו די וואַהלען אויף אַ קעניג אין פוילען אין יאָהר 1572, ווען מען האָט געזאָלט וועהלען אַ פוילישען שליאַכטשיץ אַבראַהאַם זבאָנסקי, און אַז אין יענער צייט זאָל דאָס אויך האָבען ענטשטאַנען די לעגענדע, אַז מען האָט אויסגעוועהלט אויף איין טאָג אַלס קעניג פון פוילען רבי שאול וואַהל פון בריסק.

ביבליאָגראַפיע: קרויסהאַר: „געשיכטע פון יודען אין פוילען" (אויף פויליש); שטערנבערג: „געשיכטע פון יודען אין פוילען" (אויף דייטש); קראַנטאַל: „יודישע קעניגס־לעגענדעס" אין זשורנאַל „יודישע פאַמיליען־פאָרשונג" (אויף דייטש, בערלין 1926).

**אברהם קירימי** ער איז געווען איי־נער פון די ערשטע יודישע חכמים, וואָס מיר טרעפען אויף דעם האַלב־אינזעל קרים, און ער האָט געלעבט אין 14־טען יאָהרהונדערט. אַברהם קירימי איז געווען אַ מפרש פון תנ"ך, און אין זיין פירוש „שפת אמת" ווייזט ער אַרויס אַ קלאָ־רען, לאָגישען שכל, טייטש אין די פסוקים נור לויט דעם איינפאַכען פשט. ער דערמאָהנט אויך דעם רמב"ם און

זיין „מורה נבוכים" און רופט איהם אַן „החכם האמתי" („דער אמת'ער חכם").
אברהם קירימי בעמיהט זיך צו ערקלע־רען די ניסים, וואָס זענען פאַרהאַן אין חומש, לויט פערשידענע נאַטור־געזעצען. ער שרייבט, למשל, אַז דער ספור המעשה אין חומש וועגען בלעם'ס אייזעל, וואָס האָט גערעדט, איז אַ משל, אַ אַלעגאָריע. דאָס זעלבע שרייבט ער וועגען דעם ספור המעשה פון אברהם אבינו מיט די דריי מלאכים, אַז דאָס האָט אברהם נור גע־זעהן אין חלום. אָבער נישט קוקענדיג אויף זיינע דאָזיגע פרייע מיינונגען, איז ער געווען זעהר געאַכטעט ביי די יודען אין קרים און מען איז איהם דאָרט נאָך היינט מזכיר נשמות און מען רופט איהם „הרב מורינו רבנו".

ביבליאָגראַפיע: דיינאַרד: „משא קרים"; ציננבערג אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַ־רינאַ" באַנד 11; „אשכול".

**אברהם קאַליסקער** ער איז געווען אַ בעריהמטער חסידישער רבי אין 18־טען יאָהרהונדערט, פון די ערשטע חסי־דים אין ליטא, און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון חסידות. רבי אברהם קאַליסקער (פון דער שטאָדט קאַליסק) איז געווען צו־ערשט אַ תלמיד פון ווילנער גאון, דער־נאָך אָבער איז ער צוגעטרעטען צום חסידות און איז געוואָרען איינער פון די שאַרפסטע חסידים ביים רבי ר' בער (דער מגיד פון מעזריטש). ער האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע חסידים, וועלכע מען האָט גערופען די „קאַליסקער". עס ווערט דערצעהלט וועגען זיי, אַז זיי פלע־גען אריינפאַלען אין אַזא התלהבות, אַז זיי פלעגען אין מיטען דער גאַס זיך וואַר־פען אויף דער ערד און קאַלערען זיך. זיי פלעגען אויך אָבלאַכען פון די מתנגדישע לומדים. דאָס האָט נאָכמעהר פערשאַרפט די שנאה פון מתנגדים צו חסידים. אין יאָהר תקל"ז (1777) איז רבי אברהם קאַליסקער צוזאַמען מיט דעם רבי ר' מענדעל פון וויטעבסק אוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל און האָט זיך בעזעצט אין דער שטאָדט טבריה, פון דעמאָלט אָן איז טבריה געוואָרען דער צענטר פון חסידות אין ארץ־ישראל. רבי אברהם קאַליסקער פלעגט אויך שרייבען בריף פון ארץ־ישראל קיין רוסלאַנד און פוי־לען צו די חסידים וועגען שיקען כולל־געלדער פאַר דעם חסידישען ישוב אין ארץ־ישראל און אויך דברי חסידות. צווישען רבי אברהם קאַליסקער און דעם גרויסען רבי אין ווייס־רוסלאַנד רבי שניאור זלמן פון לאַדי, דעם מחבר פון „תניא", ווי אויך מיט אַנדערע רביים איז שפּעטער אויסגעבראָכען אַ מחלוקה. אָבער צום סוף איז שלום גע־וואָרען צווישען זיי.

רבי אברהם קאַליסקער, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער למדן, האָט גע־האַלטען, אַז דער אמת'ער וועג פון חסידות איז דאָס פשטות, נישט צופיל אריינקלערען אין חקירה, נאָר האָבען איינפאַך אמונה, „ואין הקדושה שורה כי אם ע"י האמונה, ובתוכה מתלבשים כל השכליים" („און די קדושה רוהט נור דורך אמונה, און אין דער אמונה זענען פאַרהאַן די אַלע שכל־זאַכען"). פון רבי אברהם קאַליסקער זענען פאַר־האַן געדרוקט חסידישע תורות אין „חסד לאברהם" (לעמבערג 1858), ווי אויך פיל בריף אין סוף פון „פרי־הארץ", „חבת הארץ" ווי אויך אין ביבליאָגראַ־פישען זשורנאַל „קרית ספר" א' און ג'. רבי אברהם קאַליסקער איז געשטאָרבען אין טבריה יאָהר תקס"ה (1805). זיין קבר ווערט צווישען די חסידים געהאַל־

טען פאר הייליג און מען קומט צו איהם מתפלל זיין.

ביבליאגראפיע: טויטעלבוים: „הרב מלאדי"; כהנא: „ספר החסידות"; האָראָדעצקי: „החסידים והחסידות"; פרומקין: „תולדות חכמי ירושלים"; „קרית ספר".

## אברהם בן שלמה פון טאָרוטיעל.

ער איז געווען א יודישער היסטאָריקער און האָט געלעבט אין 16-טען יאָהרהונדערט. אברהם פון טאָרוטיעל איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1482 אין שפאַניען, 10 יאָהר פאר דעם גרויסען גירוש-שפאַניען, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1492. ביים גירוש האָט ער אלס 10-יעהריג יונגעל, צוזאַמען מיט זיין פאָטער פערלאָזט שפאַניען און זיך בעזעצט אין מאראָקאָ. אין יאָהר 1510 האָט ער געשריבען זיין היסטאָריש בוך, וואָס איז א ערגענצונג צום היסטאָרישען „ספר הקבלה" פון ראב"ד. אין זיין בוך געפינען זיך ווערטפולע ידיעות וועגען דער געשיכטע פון יודען פון 12-טען יאָהרהונדערט ביז נאָך דער צייט פון גירוש-שפאַניען, און ער גיט גלייכצייטיג א איבערזיכט איבער דער געשיכטע פון שפאַניען. א גרויסע בעדייטונג האָט דאָס דאָזיגע בוך פאר דער פאָרשונג פון גירוש-שפאַניען; דער מחבר גיט אונז אין דעם בוך וויכטיגע ידיעות וועגען די ארויסגעטריבענע יודען און זייער גורל. אין טרויעריגע פארבען שילדערט אברהם פון טאָרוטיעל די צרות, וואָס די ארויסגעטריבענע יודען האָבען געהאַט אויסצושטעהן, און ער טרעט ארויס געגען די יודישע גבירים אין שפאַניען, וואָס אַנשטאַט זיך צו פעראייניגען מיט זייערע אומגליקליכע ברידער, האָבען זיי זיך אויסגע'שמד'ט. דאָס בוך איז אָבגעדרוקט מיט בעמערקונגען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון גרעץ'ס יודישער געשיכטע „דברי ימי ישראל" חלק ז' צום סוף אין די בעמערקונגען פון ד"ר אברהם הארקאַווי „חדשים גם ישנים".

ביבליאָגראַפיע: אין דערמאָהנטען „דברי ימי ישראל" חלק ז' „חדשים גם ישנים"; „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אַבְרֵךְ** אין חומש בראשית מ"א ווערט דערצעהלט, אז ווען פרעה דער מלך אין מצרים האָט געמאַכט יוסף אלס משנה למלך פון מצרים, האָט איהם דאָס גאַנצע פאָלק גערופען „אברך". וואָס דער טייטש איז פון דאָזיגען וואָרט איז נישט קלאָר. נאָר אין דער שפּעטערדיגער העברעאישער שפּראַך, ספּעציעל אין די בריוו, וואָס מען פלעגט שרייבען איינער צום צווייטען, האָט מען בענוצט דאָס וואָרט „אברך" אלס „יונגערמאַן"; די דאָזיגע ערקלערונג שטאַמט פון מדרש, וואו רבי יהודה זאָגט, אז דאָס מיינט מען „אב בחכמה ורך בשנים" („אלט אין חכמה און יונג אין יאָהרען"). טייל געלעהרטע מיינען, אז דערמיט האָט א שייכות דער גריכישער טיטול „אלאבארכאָס", פינאַנץ-פיהרער פון א לאַנד. אין דעם דערמאָהנטען מדרש צו בראשית זאָגט אויך רבי יוסי, אז דאָס איז דאָס וואָרט „לברכים", און דאָס זאָל מיינען „אלאבארכאָס".

ביבליאָגראַפיע: „שרשי לבנון" פון יצחק בער לעווינזאָן; „אוצר ישראל".

**אַבְשָׁלוֹם** דאָס איז דער נאָמען פון א זוהן פון דוד המלך, און אין תנ"ך (שמואל ב') ווערט דערצעהלט וועגען איהם פיל ספּורים. קודם כל ווערט ערצעהלט, אז ער האָט געלאָזט טויטען

זיין ברודער אמנון דערפאר, וואס ער האט פערפיהרט זיין שוועסטער תמר. דערנאך ווערט דערצעהלט ווי אבשלום האט זיך ערווארבען פיל פריינד אין פאלק און אין מיליטער, און ער האט אנגעהויבען א מלחמה געגען זיין פאטער דוד המלך. דוד איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון ירושלים און אבשלום האט זיך ערקלערט אלס קעניג. אבער אין דער שלאכט איז אבשלום געפאלען טויט, און דערמיט האט זיך דער אויפשטאנד געענדיגט.

אין תנ״ך (שמואל ב׳ י״ח) ווערט דערצעהלט, אז אבשלום האט זיך געלאזט אויפשטעלען א דענקמאל, וואס ער האט א נאמען געגעבען „יד אבשלום״. נאך היינט געפינט זיך אין ירושלים א אלטער דענקמאל, הויך 20 פוס, וואס די טראדיציע רופט עס אן „יד אבשלום״. אבער ווי די ארכעאלאגישע פארשונגען האבען בעוויזען, שטאמט דער דאזיגער דענקמאל פון אזעלכע אלטע צייטען פון פאר דעם ערשטען בית-המקדש; מען גלויבט, אז דער דאזיגער יד אבשלום איז פון די צייטען פון 2-טען בית-המקדש און זאל זיין דער דענקמאל איבער דעם קבר פון יודישען קעניג אלעקר סאנדער ינאי.

דעם נאמען „אבשלום״ טרעפט מען אין די שפעטערדיגע צייטען זעהר זעלטען. ביי יוסף פלאוויוס ווערט דערמאהנט דער נאמען אבשלום (מלחמות א׳; ז, ו׳) אלס א זוהן פון חשמונאים-פירשט יוחנן הורקנוס. אין דער משנה כתובות פרק י״ג ווערט דערמאהנט א תנא פון דער צייט פון סוף פון 2-טען בית-המקדש מיט׳ן נאמען חנן בן אבשלום; תוספות איז דארט גורס „אבישלום״, ווייל נאך א רשע טאר מען נישט קיין נאמען געבען. אין מיטעל-



דער „יד אבשלום״ אין ירושלים.

אַלטער טרעפט מען זעלטען דעם נאָמען אבשלום.

ביבליאָגראַפיע: וועגן „יד אבשלום" איז פיל געשריבען געוואָרען. וויכטיג איז דאָס אַרטיקעל פון פּראָפעסאָר סלושץ אין דער זאַמלונג „קובץ" צו פאַרשען די אויסגראַבונגען אין ארץ־ישראל; פּרעס: „ארץ־ישראל"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַגָג** אין תנ"ך ווערט דערמאָהנט עטליכע מאָל דער נאָמען „אגג" אלס א קעניג פון דעם פאָלק „עמלק", וואָס האָט עקזיסטירט אין יענער צייט. דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר אין דער שירה פון בלעם (במדבר כ"ד) וועגען יודען, אז „וירם מאגג מלכו" („דער יודישער קעניג וועט ווערען דערהויבען איבער אגג"). אין ספר שמואל א' קאַפּיטעל ט"ו ווערט דערצעהלט, ווי שאול המלך האָט מלחמה געהאַלטען מיט עמלק און געפאַנגען דעם קעניג אגג, און ער האָט געוואָלט רחמנות האָבען אויף איהם, און איהם נישט טויטען, אָבער שמואל הנביא האָט איהם געטויט. ווידער אין מגילת אסתר ווערט וועגען דעם יודען־פיינדליכען העלד המן בן המדתא דערצעהלט, אז ער איז געווען „האגגי" פון דער אגג־פאַמיליע. עס איז פאַרהאַן א מיינונג פון געלעהרטע, אז „אגג" איז געווען דער טיטול פון אַלע קעניגען ביים פאָלק עמלק, פונקט ווי „פּרעה" אין מצרים, „אבימלך" ביי די פלשתים. אַנדערע ווידער מיינען, אַז אגג איז געווען דער פאַמיליען־נאָמען פון א קעניגליכער דינאַסטיע ביי עמלק, און דערפון שטאַמט דער אויסדרוק „האגגי", דאָס הייסט „פון דער אגג־פאַמיליע".

ביבליאָגראַפיע: קיטעל: „געשיכטע" (דייטש); נאָוואַק: „די ביבער שמואל" (דייטש); ענגליש־יודישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל".

**אַגָג־שפּיל** דאָס איז דער נאָמען פון א פּורים־שפּיל אין דער יודישער שפּראַך, וואָס איז געווען פערשפּרייט אין פּוילען אין 19־טען יאָהרהונדערט און מען פלעגט עס שפּילען אום פּורים. דאָס פּורים־שפּיל בעשטעהט פון דער דראַמאַטישער געשיכטע פון ספר שמואל, ווי אגג איז געטויט געוואָרען. דער יודישער געלעהרטער ד"ר יצחק שיפּער האַלט, אז דאָס דאָזיגע פּורים־שפּיל איז פערפאַסט געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די ענגליש־איטאַליענישע מייסטער־זינגער אין 16־טען יאָהרהונדערט.

ביבליאָגראַפיע: שיפּער: „געשיכטע פון יודישער טעאַטער־קונסט" (וואַרשא 1925); פּרילוצקי: „זאַמעלביכער פאַר יודישען פאָלקלאָר" (וואַרשא 1919) באַנד 2, וואו עס ווערט אויך געבראַכט דער טעקסט פון אגג־שפּיל.

**אַגָדָה** די גאַנצע משנה און גמרא און אויך מדרשים ווערען איינגעטיילט אין צוויי טיילען, אין „הלכה" און אגדה. הלכה איז דער טייל, וואָס נעהמט ארום אַלע הלכות און דינים און די קשיות און תירוצים און די גאַנצע שקלא־וטריא ארום די דאָזיגע הלכות און דינים. דאַגעגען מיט'ן וואָרט „אגדה" נעהמען מיר ארום די אַלע מאמרים אין דער משנה, גמרא און מדרשים, וואָס האָבען מיט הלכה קיין שייכות נישט, וועגען „הלכה" וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „הלכה". עס איז שווער צו בעצייכנען גענוי, פון וואָס עס בעשטעהען די אגדה־מאמרים אין תלמוד און מדרש. זיי נעהמען ארום זעהר פיל זאַכען. זיי־

בעשטעהען פון עטישע און מאראלישע ווערטער וועגען מוסר און גערעכטיגקייט; זיי דערצעהלען אויך פערשידענע ספורי־מעשיות; זיי ערקלערען אויך טיילמאל וויסענשאפטליכע זאכען פון היסטאריע, געאגראפיע, באטאניק און אנדערע וויסענשאפטען לויט זייער צושטאנד אין יענער צייט. די אגדה פערנעהמט זיך אויך מיט אויסטייטשען פסוקים פון תנ"ך, טיילמאל לויט דעם איינפאכען פשט פון פסוק און טיילמאל לויט א דרש און זאגאר לויט מיסטישע געהיימע לעהרען, וואס דערמאהנען אביסעל די סודות פון קבלה.

וועגען דעם פון וואנען עס שטאמט דאס ווארט „אגדה", וואס זאל בעצייכנען גראד די דערמאהנטע מאמרים, איז שווער צו זאגען עטוואס בעשטימטעס. עס איז פארהאן א אלטע מיינונג, אז דאס שטאמט פון דער אראמעאישער שפראך, פון ווארט „נגד", וואס איז דער טייטש „ציהען". מען וויל ברענגען דערצו א בעווייז פון דער גמרא אין יומא ע"ה און אנדערע ערטער „הגדה שמושכת לבו של אדם" (די אגדה ציהט־צו דאס הארץ פון מענש), ווייל די צוהערער האבען שטענדיג געוואלט גיכער הערען די זאפטיגע דרשות פון אגדה. אנ'אנדערע מיינונג (פון ראפאפארט און אנדערע) איז, אז דאס שטאמט פון ווארט „הגד", ערצעהלען, ווייל אממערסטען איז די אגדה בעשטאנען פון ספורי־מעשיות, משלים, און אפילו די עטישע ווערטער פון דער אגדה האט מען אויך נישט געדארפען „לערנען" מיט די צוהערער, נאר עס איז גענוג געווען זיי צו „דערצעהלען". עס איז אויך פארהאן א מיינונג, אז דאס ווארט שטאמט פון דעם אלטען אויסדרוק, וואס מיר געפינען אין די הלכה־מדרשים „מגיד הכתוב" („דער פסוק לערענט אונז"). פון די אלע מיינונגען איז די אממערסטען וואהרשיינליכע די מיינונג פון ווארט „הגד", „דערצעהלען".

פון א סך ערטער אין דער גמרא איז צו זעהן, אז עס זענען געווען ספעציעלע חכמים, וואס האבען זיך פערנומען מיט אגדה, און זיי האבען געהייסען „רבנן דאגדתא" (ירושלמי יבמות פרק ד'), אדער „בעלי־אגדה". וועגען די בעלי־אגדה האט מען געהאלטען, אז זיי פערשטעהען גוט איינצוטייטשען א פסוק אין תנ"ך און געדענקען תנ"ך. אזוי געפינען מיר אין דער גמרא בבא קמא נ"ד ווי איינער האט געפרעגט דעם אמורא רבי חמא בר אבא, פארוואס אין די ערשטע עשרת הדברות אין חומש שמות שטעהען נישט די ווערטער „כי טוב", און ביי די אנדערע עשרת הדברות אין חומש דברים שטעהען יא די ווערטער כי טוב. האט איהם רבי חמא בר אבא געזאגט, אז ער געדענקט איבערהויפט נישט צי עס שטעהט דארט כי טוב, און ער האט איהם אבגעשיקט צו אנ'אנדער אמורא רבי תנחום „שהיה בקי באגדה", וועלכער איז בקי אין אגדה, און ער וועט איהם שוין זאגען פשט און פסוק. מיר געפינען אויך אין מדרש (ויקרא רבה ל"א) ווי דער אמורא רבי אמי האט געזאגט צו רבי שמואל בר נחמן „בשביל ששמעתי עליך שאתה בעל אגדה", ווייל איך האב געהערט, אז דו ביזט א „בעל אגדה", זאג מיר דעם טייטש פון פסוק אין תהלים ע"א „וצדקתך אלהים עד מרום" („דיין גערעכטיגקייט, גאט, איז ביז אין דער הויך")? האט ער איהם געענטפערט, אז דאס איז דער טייטש, אז פונקט ווי עס דארף זיין גערעכטיגקייט אונטען, אויף דער ערד, אזוי דארף זיין גערעכטיגקייט אין דער הויך, אין הימעל. עס פלעגט זיך טרעפען, אז א תנא אדער א אמורא, וואס פלעגט זיך פערנעהמען נור מיט הלכה,

און ער האט געפרובט זאגן א דרש אין אגדה, האבען איהם זיינע חברים אפגע־רעדט דערפון. אזוי געפינען מיר אין סנהדרין ט״ז, ווי דער תנא רבי אליעזר בן עזריה זאגט צום תנא רבי עקיבא: „עקיבא מה לך אצל אגדה, כלך אצל נגעים ואהלות״ („עקיבא, ווי קומסט דו צו זאגן דרש אין דער אגדה, פערנעהם זיך בעסער מיט די שווערע הלכות פון נגעים און אהלות״).

עס איז צו בעמערקען, אז אבוואהל אין דער צייטען פון דער משנה און גמרא האט מען נישט געשריבען קיין שום הלכה־זאכען אויף קיין ספר, צוליב דעם דין, אז די „תורה שבעל פה״ דארף גער לערענט ווערען נאר פון אויסווייניג, פונדעסטוועגען האט מען מאמרים פון אגדה יא אויפגעשריבען, און זיי זענען געווען בעקאנט מיט דעם נאמען „ספרי דאגדתא״ („אגדה־ספרים״). אין דער גמרא שבועות מ״ו ווערט געזאגט, אז „ספרי דאגדתא״ געהערען צו די „דברים העשויין להשאיל ולהשכיר״ („זאכען, וואס מענשען בארגען אדער פערדינגען איינער צום צווייטען״), דאס הייסט, אזוי ווי נישט יעדער איז געווען אימשטאנד זיך צו קויפען די געשריבענע אגדה־ספרים און מען האט געוואלט זיי לייענען, האט מען זיי געבארגט ביי אזעלכע וואס האבען זיי יא געהאט. אין דער גמרא סנהדרין נ״ז ווערט דערמאהנט א „ספר אגדתא דבי רב״ („א אגדה־ספר פון רב׳ס ישיבה״), אין וועלכען עס איז אויך פערשריבען געווען א הלכה. עס זענען אבער געווען אין די צייטען פון דער גמרא טייל אמוראים, וואס זענען געווען געגען די דאזיגע אגדה־ספרים, און האבען געהאלטען, אז מען טאר זיי נישט אויפשרייבען. דער אמורא רבי יהושע בן לוי זאגט אין ירושלמי שבת פרק ט״ז: „הדא אגדתא הכותבה אין לו חלק״ („די דאזיגע אגדה־ספרים, ווער עס שרייבט זיי וועט נישט האבען קיין חלק לעולם הבא״). ער האט געהאלטען, אז נישט יעדען מאמר פון דער אגדה מעג מען ארויסזאגען, ווייל עס קאנען קומען מענ־שען, וואס וועלען נישט פערשטעהן דעם ריכטיגען זין דערפון, און וועלען ארויס־לערנען שלעכטע מיינונגען, און דעריבער דארף מען עס נור לערנען בעל פה, ווען דער בעל־אגדה קאן עס ריכטיג געבען צו פערשטעהן, אבער ווען עס איז אויפ־געשריבען וועט יעדער קאנען טייטשען וואס ער וועט וועלען.

אום אלגעמיין איז די אגדה געהאלטען געווארען זעהר הויך שוין אין די צייטען פון די תנאים. די הויכע עטיש־מאראלישע לעהרען פון דער אגדה, די פילאזאפישע מיינונגען, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארען אין א אלעגארישען לבוש אין פיל מאמרי־אגדה, האט מען שוין דעמאלס געהאלטען פאר א וויכטיגען טייל פון דער יודישער לעהרע. אין ספרי „עקב״ ווערט געזאגט „רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם למוד אגדה״ („ווילסטו דערקענען דעם, וואס דורך זיין ווארט איז די וועלט בעשאפען גע־ווארען, דאס הייסט גאט, לערען אגדה״). אבער אין יענע צייטען האט מען אויך געהאלטען, אז די הלכה איז פאר די תלמידי־חכמים, וואס זיצען און לערנען און קאנען אריינדרינגען אין די פלפולים פון דער הלכה, דאגעגען די אגדה מיט איהרע לייכטע משלים און פאעטישען אינהאלט איז צוגענגליכער פאר דעם ברייטען המון־עם. אין דער גמרא סוטה מ׳ זאגט דער אמורא ר׳ אבהו, אז ווער עס לערענט הלכה מיט דעם עולם איז גליך צו איינעם, וואס פערקויפט טייערע איידעל־שטיינער („אבנים טובות״), וואס

נישט יעדער איז א מבין אויף זיי, און דער,וואס לערנט אגדה איז עהנליך „למוכר מיני סדקית'' (צו איינעם, וואס פערקויפט נויטיגע אבער ביליגע זאכען), וואס אלע ווילען עס קויפען. אין מדרש שיר השירים פרשה ב' ווערט געזאגט, אז אין די שווערע צייטען, ווען דער עולם איז געדריקט, „מבקשין לשמוע דבר אגדה", וויל מען הערען אגדה־ווערטער, וואס זענען לייכטער און ענטהאלטען טרייסט־ווערטער.

די אגדה האט געהאט איהרע מעטאָדען, מידות, מיט וועלכע זי האט זיך בעמיהט אויסצוטייטשען די פסוקים אין תנ"ך. עס זענען בעקאנט די 32 „מידות'' פון תנא רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי (חולין פ"ט). איינע פון די דאזיגע הויפט־מעטאָדען איז דער „משל'', די אלעגאָריע. דאס איז א שעהנע, קורצע סיפור־המעשה, וואס דאדורך קאן מען בעסער אויפקלערען דעם ענין. דער מדרש אין שיר השירים (פרק א') זאגט וועגען משל, אז דורך דעם משל קאן מען פערשטעהן זאכען פון דער תורה; דער מדרש גיט באלד דערויף אויך א משל, א מלך האט פערלוירען א טייערע פערעל אין שטוב, האט ער איהר געגומען זוכען ביי א ליכטעל, וואס קאסט נישט מעהר ווי א פרוטה. אזוי איז אויך מיט דער מעשה פון משל, אבוואהל די מעשה אליין איז א קלייניגקייט, אבער דורך איהר קאן מען פערשטעהן די טייערע פערעל, די דברי תורה. די משלים, וואס זענען צעוואָרפען אין די אגדה־מאמרים אין דער גמרא און מדרשים, זענען פיינע שאפונגען פון דער אמאָליגער יודישער פאָלקס־ליטעראטור.

טייל געלערענטע פאָרשער האבען געפרובט פונאנדערטיילען די פערשידענע אגדה־מאמרים אין פערשידענע סאָרטען. זיי נעהמען ארום פאָלגענדע זאכען:

1) היסטאָרישע פאקטען און לעגענדעס. דאס געפינט מען אין דער אגדה זעהר פיל. די מעשיות אין דער גמרא גטין נ"ו וועגען חורבן ירושלים אין דער מלחמה פון בר כוכבא, דיזעלבע מעשיות פון יענע צייטען אין מדרש איכה. דער ספור־המעשה אין דער גמרא קידושין ס"ו וועגען ינאי המלך און זיין מלחמה געגען די פרושים, ווי אויך די פערשידענע אנדערע היסטאָרישע נאָטיצען, וואס זענען פערצייכענט אין מגילת תענית און זענען צעוואָרפען איבער דער גאנצער גמרא און מדרשים, — דאס זענען אלץ ווערט־פולע היסטאָרישע ידיעות, וואס האבען א זעהר גרויסען היסטאָרישען ווערטה. צו זיי קאָן מען צו־רעכנען פערשידענע היסטאָרישע לעגענדעס, וואס זענען פאראן אין דער גמרא און מדרש, די אלע אגדות יועגען אדם הראשון, די אבות, משה רבני און אנדערע היסטאָרישע פערזאָנען, ווי אויך די פערשידענע מופתים פון א סך צדיקים, די מעשה פון חוני המעגל, וואס איז געשלאָפען 70 יאָהר (תענית כ"ג) און אנדערע.

2) פאָלקס־מעשה'ס, אין וועלכע עס איז פאראן גאנץ אפט בעהאלטען א טיפער געדאנק. צו זיי געהערען די בערי־המטע מעשה'ס פון רבה בר בר חנא אין דער גמרא בבא בתרא ע"ג, וואו עס ווערען דערצעהלט די גוזמאות פון אונגעוועהנליך גרויסע נאטור־בעשעפעניש, און אנדערע עהנליכע שטעלען אין דער גמרא און מדרש. וועגען די דאזיגע פאָלקס־מעשה'ס אין דער גמרא זענען געשריבען געוואָרען א רייה ביכער דורך די געלערענטע שאצקעס („המפתח''), דובזעוויטש, וואָלמאן

(„מסתרי אגדה"), וואָס בעמיהען זיך צו ערקלערען די געדאַנקען און דעם זין, וואָס איז אין זיי בעהאַלטען.

3) עטיש־מאָראַלישע לעהרען. אַזעלכע זענען פאַרהאַן אין די אגדות זעהר פ״ל. זיי נעהמען אַרום די אַלע דברי־מוסר, וואָס פון זיי בעשטעהט די עטיק פון יודענטום. דאָס זענען די לעהר׳ען געגען כעס און גאוה, און אַז מען דאַרף געבען צדקה, זיך פערהאַלטען גוט צו מענשען, נישט נאָכיאָגען זיך נאָך כבוד און פערמעגענס. די דאָזיגע אגדות ענטפערען אויף דער פראַגע, וואָס איז דורך די תנאים געשטעלט געוואָרען אין צווייטען פרק פון „פרקי אבות": „איזה היא דרך ישרה שיבור לו האדם?" וועלכער איז דער גלייכסטער וועג, וואָס דער מענש זאָל זיך אויסוועהלען? און זיי ענטפערען: „כל שהיא תפארת לו מן עושיה ותפארת לו מן האדם", — אַלץ, וואָס מאַכט דעם מענש שעהן אין די אויגען פון זיין בעשעפער, דאָס הייסט גאָט, און שעהן אין די אויגען פון מענשען. אַ חוץ אין פרקי אבות, זענען די דאָזיגע עטיש־מאָראַלישע לעהרען און דברי־מוסר אויך פונאַנדערגעוואָרפען איבער אַלע מאמרי אגדה.

4) לעבענס־קלוגשאַפט. דאָס זענען ווערטער און לעהרען, וואָס ווייזען ווי אַזוי צו פיהרען זיך אין לעבען, די פילאָזאָפיע פון לעבען. צו דעם סאָרט געהערען אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערען אין דער גמרא טיילמאָל בעצייכנט מיט די ווערטער „היינו דאמרי אינשי", דאָס הייסט „די וועלט זאָגט אַזוי און אַזוי (בבא קמא צ״ב). אַממייסטען זענען זיי געשריבען אין דער אַראַמעאישער שפראַך, וואָס איז דעמאָלט געווען די אומגאַנגס־שפראַך פון יודישען פאָלק. אַזעלכע ווערטער זענען למשל די שפריך־ווערטער „אתתך בוצא גחון ולחוש לה" („אויב דיין פרוי איז נידריג, בייג זיך איין און רוים איהר איין"), דאָס הייסט, אַז אפילו דיין פרוי שטעהט נידריגער פון דיר, דאַרפסטו איהר פערטרויען דיינע זאַכען. אַזאַ סאָרט לעבענס־פילאָזאָפיע צוזאַמען מיט אַ משל געפינען מיר אין מדרש קהלת ה׳ אויפ׳ן פסוק „כאשר יצא אדם מבטן אמו" („ווי דער מענש געהט אַרויס פון זיין מוטערס בויך", דאָס הייסט נאַקעט), זאָגט דער אמורא גניבא, אַז דאָס איז געגליכען צו אַ פוקס, וואָס האָט געפונען אַ וויינגאָרטען אַרומגעצוימט פון אַלע זייטען. אין דעם צוים איז געווען אַ לאָך, אָבער דער פוקס האָט נישט געקאָנט אַדורכקריכען דורך איהם אין גאָרטען אַריין, ווייל דאָס לאָך איז געווען צו שמאָל. דער פוקס האָט דעריבער געפאַסט דריי טעג, כדי ער זאָל ווערען מאָגערער און קאָנען אַריין. נאָך די דריי טעג איז ער ווירקליך אַריין אין גאָרטען און ער האָט זיך דאָרט אָנגעגעסען מיט וויינטרויבען. אָבער ווען ער האָט געוואָלט צוריק אַרויס דורך דעם לאָך, האָט ער געזעהן, אַז דורך דעם עסען די וויינטרויבען איז ער ווידער צוריק דיק געוואָרען, און דאָס לאָך איז ווידער צו־ענג. דער פוקס האָט דעריבער געמוזט פאַסטען ווידער דריי טעג, כדי צוריק מאָגער צו ווערען און צו קאָנען אַרויס פון דאָרט. אַזוי איז אויך, זאָגט דער מדרש, מיט׳ן לעבען, מען קומט אַריין מיט גאָרנישט און מען געהט אַוועק מיט גאָרנישט. צו דעם סאָרט געהערען אויך די פערשידענע סגולות און רפואות.

5) מיסטיק און פילאָזאָפיע. דאָס געפינט זיך אין די אגדות פון דער גמרא און מדרשים וויניגער, אָבער זיי זענען

פאַרהאַן. אין דער משנה חגיגה פּרק שני ווערט זאָגאַר דערמאָהנט וועגען צוויי געהיימע לעהרען: „מעשה בראשית'' און „מעשה מרכבה''. די גמרא ערקלערט דאָרט, אַז „מעשה בראשית'' מיינט מען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, און „מעשה מרכבה'' זענען וועגען הימלישע זאַכען. אין אַנדערע ערטער אין דער גמרא ווערט זאָגאַר גערעדט וועגען הייליגע „שמות'', וואָס ווייזט, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ געהיימע לעהרע.

6) דרשות אויף פּסוקים פון תנ''ך. דאָס זענען איינטייטשונגען אין פערשידענע פּסוקים פון תנ''ך. טיילמאָל זענען די איינטייטשונגען לויט דעם איינפאַכען פּשט, און די גמרא זאָגט דערויף „אין מקרא יוצא מידי פשוטו'' („יעדער פּסוק האָט קודם כל זיין איינפאַכען פּשט''), און טיילמאָל זענען די איינטייטשונגען על פּי דרש, דאָס הייסט, דער בעל־אגדה וויל אָנווייזען, אַז דער פּסוק האָט מכוון געווען אויך צו נאָך אַ געדאַנק.

מען דאַרף בעמערקען, אַז אויך די דאָזיגע פונאַנדערטיילונג פון די מאמרי אגדה איז נישט קיין גאַנץ גענויע. מען קאָן אָנווייזען אויף נאָך אַנדערע סאָרטען אגדות. אָבער דאָס זענען די הױפּט־ענינים פון די אגדות.

די מיינונגען וועגען דער אגדה זענען צווישען די גרויסע יודישע חכמים אין די צייטען נאָכ'ן תלמוד געווען פערשידען, ווייל אַ סך אגדות אין דער גמרא און מדרש זענען פאַרגעקומען וואונדערליך און אונפערשטענדליך. אַזוי, למשל, האָט דער גרויסער יודישער מפרש פון דער גמרא, רבינו משה בן נחמן „דער רמב''ן'' (13־טען יאָהרהונדערט) ערקלערט אין זיין וויכוח „מלחמת הובה'' מיט די קריסטליכע גלחים, אַז מען איז נישט מחויב צו גלויבען אין די אגדות. אויך דער רמב''ם (12־טען יאָהרהונדערט) אין זיין „יד החזקה'' הלכות מלכים פּרק י''ב זאָגט וועגען די אגדות: „ולא ישימם עיקר'', אַז מען דאַרף זיך אויף זיי נישט פערלאָזען. דער „אבן עזרא'' (12־טען יאָהרהונדערט) זאָגט אין דער הקדמה צום פירוש צו מגילת איכה, אַז „והמדרשים כמלבושים, — מהם כמשי דקים ומהם עבים כשקים'' („די מדרשים, די אגדות, זענען ווי מלבושים, טייל זענען דין ווי זיידענס און טייל זענען ווי דיקע זעק''). דערפאַר זענען אַרויסגעטרעטען צו פערטיידיגען די אגדות די שפּעטערע יודישע גרויסע פערזענליכקייטען, און דער בעריהמטער דון יצחק אברבנאל (ענדע 15־טען יאָהרהונדערט) שרייבט אין זיין „ישועות משיחו'', אַז מען דאַרף גלויבען אויך אין די אגדות און אויב מען זעהט אין זיי „זרות או סתירה יעמוד ויחקור וידרוש כונתם'' (פרעמדקייט און מאָדנע זאַכען, זאָל מען נאָכפאָרשען זייער כונה'').

מען דאַרף אויך צוגעבען, אַז די אגדה איז אויך אַ זעהר וויכטיגער קוואַל פון ידיעות פאַר דער פאָרשונג פון יודישען פאָלקס־לעבען אין די אַלטע צייטען, דעם יודישען פאָלקלאָר פון די צייטען פון דער גמרא. די אגדה האָט אויך געהאַט אַ קאָלאָסאַלען איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון פערשידענע גלויבונגען ביי די יודישע פאָלקס־מאַסען אין פערלויף פון עטליכע טויזענד יאָהר. די אגדה איז געווען, — ווי עס זאָגט דער יודיש־דייטשער דיכטער היינריך היינע אין זיין ליד „יהודה בן הלוי'', — דער לוסט־גאָרטען, אין וועלכען די יודישע פאָלקסנשמה, אָנגעווייטיגט אין פיין

און לייִדען, האט שפּאצירט דורות־לאַנג און איינגעזאַפּט אין זיך איהר גייסט און פּאָעזיע. פאַר דעם פאָלקס־יודענטום האט די אגדה געהאט די וויכטיגסטע בעדייטונג.

די אגדות פון דער גמרא בבלי זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אין אַ בעזונדער ספר „עין יעקב”; וועגען דאָזיגען ספר וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „עין־יעקב”. די אגדות פון תלמוד ירושלמי זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אין די ספרים „כפתור ופרח” (אַמסטערדאַם 1709), „אגדות ירושלמי” (ערשינען ווילנא 1863), נאָר איין העפט מיט פירושים) און „בנין ירושלים” (וואַרשא 1864). אַ חוץ די אגדות אין בבלי און ירושלמי זענען פאַרהאַן די אגדות אין די פערשידענע „מדרשים”. וועגען זיי וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „מדרשים”. אויף דער יודישער שפּראַך זענען אויך פילמאָל איבערגעזעצט געוואָרען די אגדות. אַ גרויסע זאַמלונג פון די אגדות אויף יודיש איז פאַרהאַן אין די בעקאַנטע „צאינה וראינה”, וועגען וועלכען מיר וועלען שרייבען ביים שטיך־וואָרט „צאינה וראינה”. אין די לעצטע צייטען איז אַ גרויסער טייל אגדות ערשינען אין יודיש („די יודישע אגדות”) פון ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַווניצקי. די אגדות פון דער גמרא און מדרש זענען איבערזעצט געוואָרען אויך אין אַנדערע שפּראַכען.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער אגדה זענען געשריבען זעהר פיל ביכער אין אַ סך שפּראַכען. אַ וויכטיגע אַבהאַנדלונג איבער דער אגדה קאָן מען געפינען אין „ערך מלין” פון ראַפּאַפּאָרט. פון די עלטערע ביכער מיט אַבהאַנדלונגען וועגען דער אגדה איז צו פערצייכנען: הרב חיות: „מבוא התלמוד”; קראָכמאַל: „מורה נבוכי הזמן”; ווייס: „דור דור ודורשיו” חלק ג. פון די נייערע ווערק איז צו פערצייכנען באַכער: „אגדות התנאים” (אין העברעאיש) ווי אויך די אַנדערע ווערק זיינע וועגען די אגדות פון די אמוראים, די אַבהאַנדלונג פון גוטמאַן אין דער „אשכול” - ענציקלאָפּעדיע וועגען „אגדה”. עס זענען פאַרהאַן נאָך פיל אַנדערע ספרים און ביכער וועגען אגדה, נישט נור אין העברעאיש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכען. אין דער דייטשער שפּראַך איז בעקאַנט די אגאַדהזאַמלונג פון ווינשע (ציריך 1880 און לייפּציג 89־1886); אין ענגלישען איז פאַרהאַן פון הערשאַן: „טרעזשורס אָוו דהי תלמוד (לאָנדאָן 1881), ווי אויך אַנדערע ביכער קלענערע און גרעסערע. גרעסערע רשימות פון ביכער וועגן אגדה געפינען זיך אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע, יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און „אשכול”, אַבוואָהל אויך די דאָזיגע רשימות ענטהאַלטען נישט אַלע ווערק.

## אֲגֻדַּת יִשְׂרָאֵל

דאס איז דער נאָמען פון דער אַלוועלטליכער אָרגאַניזאַציע פון אָרטאָדאָקסישע יודען, וואס איהר ציל איז צו פערשטאַרקען דאס פרום־רעליגיעזע יודישקייט. די „אגודת ישראל” איז געגרינדעט געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין דער שטאָדט קאַטאָוויץ אין סיון יאָהר 1912 (תרע”ב), אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט 200 דעלעגאַטען פון פערשידענע לענדער. די ערשטע פיהרער פון דער אגודת ישראל זענען געווען רבי חיים סאָלאָווייטשיק (רב אין בריסק), רבי יצחק אייזיק הלוי (מחבר פון היסטאָרישען וויסענשאַפטליכען ספר „דורות הראשונים”), הרב ד”ר שלמה ברויער (רב פון דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע אין פראַנקפורט), יעקב ראַ־

זענהיים. נאָך דער וועלטמלחמה זענען פאָרגעקומען אַ רייה לאַנדעס־קאָנפערענציען, און אין יאָהר תרפ"ג חודש אלול איז פאָרגעקומען אין ווין דער קאָנגרעס פון דער אגודת ישראל, מיט'ן נאָמען „כנסיה גדולה". אין קאָנגרעס האָבען זיך בעטייליגט 600 דעלעגאַטען פון פערשידענע לענדער און אויך אַ סך רבנים און חסידישע רביים. נאָך דעם קאָנגרעס זענען געשאַפען געוואָרען לאַנדעס־אָבטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע אין פוילען, צפון־אַמעריקא, ענגלאַנד, ליטא, לאַטוויא, רומעניען, בעלגיען, האָלאַנד, שווייץ, טשעכאָ־סלאָוואַקיי, פראַנקרייך. עס זענען אויך ענטשטאַנען יוגענדליכע אָבטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען „צעירי אגודת ישראל", און אויך אַרבייטער־אָבטיילונגען „פועלי אגודת ישראל", ווי אויך אַ אָבטיילונג פאַר פרויען „בנות אגודת ישראל". דער איצטיגער פרעזעס פון דעם עקזעקוטיוו פון דער „אגודת ישראל" („ועד הפועל") איז דער געוועזענער רב פון אַנסבאַך ד"ר פנחס כהן. די „אגודת ישראל" האַלט אויס אין אַ רייה לענדער (אויך אין ארץ־ישראל) אייגענע תלמוד־תורות, שולען פאַר מיידלעך און לעהרערין־סעמינאַריומס. די „אגודת ישראל" האָט אויך פראָקלאַמירט דעם „דף יומי", דאָס הייסט, אַלע מיטגלידער פון דער „אגודת ישראל" לערנען יעדען טאָג דעמזעלבען דף גמרא, אָנהויבענדיג פון אָנהויב ש"ס.

צווישען דער „אגודת ישראל" און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קומט פאָר אַ קאַמף צוליב דער מיינונגס־פערשידענהייט אין אַ סך פראַגען וועגען אויפבוי פון ארץ־ישראל און אויך וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די יודישע קהלות אין דער גאַנצער וועלט. די „אגודת ישראל" האַלט, אַז די יודישע רעליגיע און אַלע דינים פון שולחן ערוך דאַרפען זיין דער יסוד פון יודישען עפענטליכען לעבען, דאַגעגען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האַלט, אַז די רעליגיעז־פערפליכטענדע דינים זענען אַ פריוואַט־זאַך פון יעדען איינצעלנעם. די „אגודת ישראל" האַלט אויך, אַז אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פראַגען דאַרף מען געהן אויף פשרות מיט די רעגירונגען פון די לענדער, וואו יודען געפינען זיך.

ביבליאָגראַפיע: אין „יודישען לעקסיקאָן" (אויף דייטש) איז פאַרהאַן פון אַגודת־ישראל־פיהרער יעקב ראָזענהיים אַ גרויסע אָבהאַנדלונג איבער דער געשיכטליכער ענטשטעהונג פון דער אָרגאַניזאַציע און איהר אידעאָלאָגיע. דאָרט ווערען אויך געבראַכט אַ רייה ווערק איבער דעם וועזען פון דער „אַגודת ישחאל", ווי פון אַדוואָקאַט יצחק ברויער „משיח'ס שפורען" (געשריבען אין דייטש), פאַרהאַן אויך איבערזעצט אין יודיש, געדרוקט וואַרשא 1920 אין דער צייטונג „דער יוד"), ווי אויך יעקב ראָזענהיים'ס „גרונד־צוגען פון דער ארץ־ישראל־פּאָליטיק פון דער אגודת ישראל". — פיל אַרטיקלען וועגען דער אַגודת־ישראל קאָן מען אויך געפינען אין די טאָג־צייטונגען „יוד" (ערשינען אין וואַרשע פון יאָהר 1920 ביז 1925) ווי אויך „יודישע טאָגבלאַט" (ערשיינט אויך איצט אין וואַרשאַ).

**אֲגוּדַת הַסוֹפְרִים** העברים (פעראיין פון העבּרעאישע שריפטשטעלער). דער דאָזיגער פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען אין ארץ־ישראל אין יאָהר תרפ"א (1921), אָבער פערשטאַרקט איז ער געוואָרען ערשט שפּעטער, אין יאָהר 1923. אַלס איהר פרעזעס איז געוועהלט געוואָרען דער דיכטער ח. כ. ביאַליק, אוז אַלס

סעקרעטאר שמואל טשערנאוויטש (,,ספוג''), וועלכער איז געשטארבען אין יאהר 1929. ביים פעראיין עקזיסטירט אויך א העברעאישער פען־קלוב, וועלכער איז א טייל פון דער אלוועלטליכער ,,פען''־ארגאניזאציע. דער פעראיין האט צוערשט ארויסגעגעבען אלס איהר ארגאן די וואכענשריפט ,,כתובים'' אונטער דער רעדאקציע פון אליעזר שטיינמאן. שפעטער האט דער פעראיין ערקלערט, אז ער אנערקענט נישט מעהר די כתובים אלס זיין ארגאן, און האט אנגעהויבען ארויסגעבען (פון יאהר 1929) די וואכענשריפט ,,מאזנים'' צוערשט אונטער דער רעדאקציע פון פ. לאכאווער און י. ד. בערקאוויטש און איצט פון ,,רבי בנימין''.

**אגודת הרבנים** (,,פעראיין פון רבנים''). פעראיינען פון רבנים געפינען זיך היינט אין א גאנצער רייה לענדער, ספעציעל אין פוילען און אמעריקא. אין פוילען איז דער פרעזעס פון דער ,,אגודת הרבנים'' געווען דער פערשטארבענער רב ר' יחזקאל ליבשיץ פון קאליש (געשטארבען אין אנהויב יאהר 1932). אין אמעריקא זענען די רבנים־פעראיינען געטיילט אין ארטאדאקסישע, רעפארמיסטישע און קאנסערוואטיווע.

**אגור בן יקה** אין ספר משלי קאפיטעל ל' ווערט געבראכט א גאנצע רייה ווערטער, און אין אנהויב פון קאפיטעל ווערט געזאגט, אז דאס זענען ,,דברי אגור בן יקה המשא'' (,,די ווערטער פון אגור דעם זוהן פון יקה, המשא''). דער מדרש תנחומא (וארא ה') וויל זאגען, אז מיט דעם נאמען ,,אגור בן יקה'' מיינט מען אויך שלמה המלך, וועלכער האט געשריבען אויך די אנדערע קאפיטלעך פון משלי. טייל געלעהרטע האלטען, אז דאס איז געווען דער נאמען פון א משלים־שרייבער אין די גאר אלטע צייטען. עס איז פאראן א מיינונג, אז אזוי ווי אין חומש בראשית כ''ה ווערט דערצעהלט, אז ישמעאל, דער אור־פאטער פון די אראבישע שבטים, האט געהאט א זוהן ,,משא'', און פון איהם איז געווען דער שבט משא, איז מעגליך, אז ,,אגור בן יקה המשא,, האט געשטאמט פון יענעם האלב־אראבישען שבט, וואס האט אויך גערעדט א שפראך עהנליך צו העברעאיש. אין זיינע שפריכווערטער זענען אריינגענומען געווארען אין ,,משלי''. דער געלעהרטער טארטשינער האלט, אז דאס דאזיגע קאפיטעל ל' שטאמט פון לאנד אדום, און די ווערטער אין קאפיטעל, וועלכע דערמאהנען אביסעל ווערטער פון ספר איוב, וואס איז פערפאסט געווארען דורך די חכמי אדום, זענען א איבערבלייב פון דער אלטער אדום־ליטעראטור.

אין דעם דאזיגען קאפיטעל ווייזט אן אגור בן יקה אויף די אונבעהאלפענקייט פון מענש אין פערגלייך מיט דער געטליכקייט און נאטור־קרעפטען. ער זאגט: ,,מי עלה שמים וירד? מי אסף רוח בחפניו?'' (,,ווער איז ארויף אין הימעל און איז אראב צוריק, ווער האט אין זיינע הענד געזאמעלט ווינד?'') דא איז אויך פאראן דאס קלוגע ווארט פון לעבענס־ערפאהרונג: ,,ראש ועשר אל תתן לי הטריפני לחם חקי'' (,,גיב מיר נישט ארימקייט און נישט רייכטום, גיב מיר נור מיין ברויט''). אין זעלבען קאפיטעל איז אויך אנגעוויזען אויף די פיינע ארדנונג און פלייסיגקייט ביי די קליינע ווערעמלעך - בעשעפענישען, די

מילבען, היישעריקען. בכלל צייכענט זיך אויס דאס דאזיגע קאפיטעל מיט קלוגע ווערטער, גענומען פון דער נאטור און לעבען.

ביבליאגראפיע: טארטשינער, אין ברעסלויער „מאנאטשריפט פאר געש:כ־טע און וויסענשאפט פון יודענטום" (דייטש) באנד 69; יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אשכול"־ענציקלאפעדיע.

**אגילאר** גרייס. (1816-1847). זי איז געווען א בעריהמטע יודיש־ענגלישע שריפטשטעלערין, און איז געשטארבען זעהר יונג, אין עלטער פון 31 יאהר. גרייס אגילאר איז געבוירען געווארען אין לאנדאן אין יאהר 1816; איהרע עלטערען האבען געשטאמט פון „אנוסים" פון פארטוגאל, וואס האבען פיל געליטען פון דער אינקוויזיציע פאר זייער געהיימער יודישקייט, ביז זיי זענען אנטלאפען פון פארטוגאל קיין ענגלאנד און דא זענען זיי געווארען עפענטליך יודען. אין דער פאמיליע זענען געבליבען די טרויעריגע זכרונות פון יענע פינסטערליכע צייטען אין פארטוגאל, ווען איהרע זיידעס האבען געמוזט זיך פערשטעלען פאר קריסטען און אין געהיים אבהיטען די יודישע אמונה. אויפ'ן גרונד פון די דאזיגע זכרונות האט די יונגע טאלאנטפולע גרייס אגילאר אנגעשריבען אין ענגליש איהר בעריהמטע ערצעהלונג „דהי וועיל אוו סעדארס" („דער טאל פון צעדערבוימער"), וואס איז שפעטער איבערזעצט געווארען אין פיל שפראכען, און אויך אין העברעאיש (פון א. ש. פרידבערג, „עמק הארזים", ווארשא 1875) און אויך אין יודיש (געווען געדרוקט אין פערשיעדענע יודישע צייטונגען). אין דער ערצעהלונג ווערט געשילדערט די מסירות נפש פון די אנוסים, וואס האבען זיך געאפפערט פאר דער יודישער רעליגיע. גרייס אגילאר האט געשריבען אין ענגליש נאך א רייה אנדערע ערצעהלונגען און לידער און אויך א בוך „דהי ווימען אוו איזראעל" („די פרויען פון ישראל"), בילדער און געשטאלטען פון יודישע פרויען פון תנ"ך. זי האט אויך געשריבען א „געשיכטע פון יודען אין ענגלאנד". אלע איהרע ווערק זענען ערשינען אין לאנדאן יאהר 1861 אין א זאמלונג פון 8 בענדער. איהרע ביכער האבען פיל מיטגעהאלפען צו דערוועקען דעם יודישען נאציאנאלען שטאלץ און די ליבע און צוגעבונדענקייט צו דער יודישער טראדיציע אין א סך פאמיליעס. זי איז געשטארבען אין יאהר 1847. עס איז פארהאן א מיינונג, אז דער בעריהמטער ענגלישער שריפטשטעלער און היסטארישער ראמאניסט וואלטער סקאט האט אין זיין היסטארישער ערצעהלונג „אייוואנהאע" גענומען גרייס אגילאר אלס טיפ פון זיין אידעאליזירטער יודישער העלדין רבקה.

ביבליאגראפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל".

**אגילאר דיעגא** דאס איז דער נאמען פון א געהיימניספולען בעריהמטען יודישען גביר אין וויען אין 18־טען יאהרהונדערט, וועלכער איז געווען אויך בעקאנט מיט'ן נאמען משה לאפעז פערעירא. וועגען דיעגא ד'אגילאר זענען ארומגעגאנגען פערשידענע לעגענדעס. איין ערצעהלונג זאגט, אז דיעגא ד'אגילאר איז געווען א קריסט אין שפאניען, פון די אנוסים, און האט דארט אליין פערנומען דעם אמט אלס אינקוויזיטאר; נאר איינמאל האט ער פערפייניגט איינעם פון די אנוסים און

דערנאָך איז ער געוואָר געוואָרען, אַז דאָס איז געווען זיין ברודער. פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט געהאַט קיין רוה, ביז ער איז אַנטלאָפן פון שפּאַניען און האָט זיך מגייר געווען און זיך בעזעצט אַלס יוד אין וויען. אַנדערע זאָגען, אַז אַגילאַר איז געווען דער סעקררעטאַר פון קייזער קאַרל אין שפּאַניען. סיי ווי, קלאָר און זיכער איז נישט די אָבשטאַמונג פון דיעגאָ ד׳אַגילאַר. מען ווייסט נור, אַז ער האָט זיך בעזעצט אין וויען אין יאָהר 1728.

ביי דער עסטרייכישער קייזערין מאַריאַ טערעזאַ איז דיעגאָ ד׳אַגילאַר, נישט קוקענדיג אויף זיין יודישקייט, געווען זעהר אָנגעזעהן. ער האָט דורך זיינע בעמיהונגען אין קייזערליכען הויף אין וויען געהאָלפען אָבשאַפען אַ סך גזרות אויף די יודען אין עסטרייך. אַגילאַר איז געווען זעהר ריך, און האָט געהאַלטען אין אַרענדע דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל פון עסטרייך. אַגילאַר האָט אויך געגרינדעט די ספרדישע קהלה אין וויען, און נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג דערמאָהנט מען זיין נאָמען אין דער ספרדישער שוהל אין וויען אום יום־כפור.

אַזוי ווי עס איז געווען געהיימניספול זיין בעווייזען זיך אין וויען, אַזוי איז איינגעהילט אין געהיימניס אויך זיין פערשווינדען ווערען פון וויען. ער איז פּלוצלינג אַוועק פון וויען און האָט זיך בעזעצט אין לאָנדאָן און ער איז דאָרט געשטאָרבען אין יאָהר 1759. פאַרוואָס ער האָט פערלאָזט וויען איז נישט בעוואוסט. טייל זאָגען, אַז מען האָט געוואָלט אויף איהם אַרויפלעגען גרויסע שטייערן. אַנדערע בעהויפּטען, אַז די שפּאַנישע אינקוויזיציע, וועלכע האָט געהאַט אַ דעה אין קאַטוילישען וויען, האָט איהם רודף געווען. דיעגאָ ד׳אַגילאַר האָט איבערגעלאָזט זיהן אין עסטרייך, וועלכע האָבען זיך גערופען מיט׳ן פאַמיליען־נאָמען „פערעיראַ״, און אויך זיהן אין ענגלאַנד.

ביבליאָגראַפיע: פראַנקעל, אין „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס״ יאָהר 1854; באָטאָ: „די יודען אין אַלט־וויען״ (דייטש); יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אשכול״.

**אגלא** אין די עלטערע קבלה־ספרים („פּרי עץ חיים״ שער העמידה פּרק י״ח, רבי משה בוטריל אין זיין פּירוש צום ספר יצירה פּרק א׳) ווערט אָנגעגעבען אַ הייליגער שם „אגלא״, וואָס קומט אַרויס פון די ראשי־תבות פון פּסוק „אתה גבור לעולם אדני״. עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז ווי עס דערצעהלט דער היסטאָריקער קרויזהאַר אין זיין בוך „פראַנק און פראַנקיסטען״ (פּויליש), האָבען די פראַנקיסטען מיט זייער פּיהרער יעקב פראַנק אין יאָהר 1759, נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך געשמד׳ט, געפּלעגט זאָגען אין זייערע תפלות אַ געוויסע תפלה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער „איגאַלע״. עס איז וואַהרשיינליך דער שם „אגלא״. דער יודיש־דייטשער היסטאָריקער ד״ר משה גידעמאַן דערצעהלט אין זיין „געשיכטע פון קולטור־ערציהונגס־וועזען ביי יודען״ (אין העברעאיש „התורה והחיים״) חלק ב׳ צום סוף נאָטיץ, אַז אין אַמאָליגע צייטען האָבען אויך די קריסטען אין דייטשלאַנד געפּלעגט אויפשרייבען מיט דייטשע בוכשטאַבען אויף הילצערנע שיסלען דעם שם „אגלא״ און דערביי צוגעגעבען אַ צלם, און דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סגולה צו פערלעשען שריפות. זיי האָבען ערקלערט, אַז

די בוכשטאַבען מאַכען „אַלמעכטיגער גאָט, לעש אויס".

ביבליאָגראַפיע: דאָס דערמאָהנטע ווערק פון גידעמאַן; „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע.

**אַגענץ, יודישע** אין דעם מאַנדאַט, וואָס ענגלאַנד האָט בעקומען איבער ארץ־ישראל אין יאָהר 1920 לויט דעם פּאָליטישען אָבמאַך פון סאַן רעמאָ, ווערט געזאָגט, אַז ענגלאַנד פערפּליכטעט זיך צו העלפען שאַפען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר יודען אין ארץ־ישראל, און אַז ענגלאַנד דאַרף אין איהר פערוואַלטען מיט די ארץ־ישראל־ענינים זיך בעראַטען מיט דער „יודישער אַגענץ". אויף ענגליש הייסט עס „דזשואיש איידזשענסי". אין פערלויף פון די לעצטע יאָהרען איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קאַמף אין יודישען פאָלק זעלבסט וועגען דער פראַגע, ווי אַזוי די „יודישע אַגענץ" זאָל געשאַפען ווערען. — וועגען דער „יודישער אַגענץ" און איהר ענטשטעהונג וועלען מיר שרייבען אויספיהרליך ביים שטיך־וואָרט „ציוניזם".

**אַגראָנאָמיע** אַגרי־קולטור. דאָס וואָרט אַגראָנאָמיע איז דער טייטש די „לעהרע וועגען ערד־אַרבייט". דאָס וואָרט שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַך. „אַגרי־קולטור" איז דער טייטש דער „קולטור־צושטאַנד פון דער ערד־אַרבייט". יודען האָבען זייט גאָר אַלטע צייטען זיך פערנומען מיט ערד־אַרבייט; אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען פון אונזער צייט האָבען אַ גרעסערע צאָהל יודען זיך אָנגעהויבען מיט ערד־אַרבייט בעשעפטיגען. וועגען דער גאַנצער ערד־אַרבייט ביי יודען סיי אין די אַלטע היסטאָרישע צייטען סיי אין דער לעצטער צייט, וועלען מיר שרייבען ביי די שטיך־ווערטער „לאַנדווירטשאַפט" און „קאָלאָניעס".

**אַגריפּס המלך** (אויך אַגריפּאַ). דאָס איז דער יודישער קעניג אַגריפּס אין דער צייט פאַר'ן חורבן פון 2־טען בית־המקדש; מען האָט איהם אויך גערופען „אַגריפּס דער ערשטער", כדי איהם אונטערצושיידען פון זיין זוהן „אַגריפּס דער צווייטער". טייל געלערנטע האַלטען, אַז דער דאָזיגער אַגריפּס איז געווען פאַקטיש דער לעצטער יודישער קעניג, ווייל זיין זוהן איז שוין געווען אינגאַנצען אָבהענגיג פון דער דעמאָלטיגער רוימישער אימפּעריע.

אַגריפּס דער ערשטער האָט געהייסען יוליוס אַגריפּס, און איז געווען אַן אייניקעל פון הורדוס דעם גרויסען יודישען קעניג, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ גרים־פאַמיליע פון פאָלק אדום. זיין באָבע איז געווען די טראַגיש־אומגעקומענע פרוי פון הורדוס, מאַריאַמנע אָדער מרים, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער יודישער פירשטליכער חשמונאים־פאַמיליע. אַגריפּס איז געבוירען געוואָרען 10 יאָהר פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג, דאָס הייסט 80 יאָהר פאַר'ן חורבן פון 2־טען בית־המקדש.

אין זיינע יוגענד־יאָהרען האָט מען איהם געשיקט אויף ערציהונג קיין רוים וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטר פון דער פּאָליטישער וועלט, און אין יענע צייטען איז עס געווען אַ מנהג פון פיל קעניגליכע פאַמיליעס אין אַזיען צו שיקען זייערע קינדער קיין רוים צו בעקומען די געהעריגע בילדונג און ערציהונג. אין רוים האָט אַגריפּס זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לוקסוס־לעבען און

האָט אָנגעבאָרגט אַ סך געלד, און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוים און אָנגעהמען נידריגע אַמטען אין ארץ־ישראל, שפּעטער איז ער ווידער געקומען קיין רוים, וואו ער איז געוואָרען בעפריינדעט מיט דעם שפּעטערדיגען דוימישען קייזער קאַליגולאַ. דעמאָלט איז געווען קייזער אין רוים טיבעריוס. אַגריפּס האָט זיין פריינד קאַליגולאַ פאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט יוערען הערשער אין רוים. ווען טיבעריוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער געלאָזט אַרעסטירען אַגריפּס'ן. אָבער אין אַ האַלב יאָהר שפּעטער איז טיבעריוס געשטאָרבען און קאַליגולאַ איז ווירקליך געוואָרען קייזער אין רוים, און ער האָט באַלד בעפרייט אַגריפּס'ן פון תפיסה, און האָט איהם ערקלערט אַלס קעניג איבער אַ גאַנצער רייה געגענדען נעבען לבנון און דעם ירדן, אין שכנות פון ארץ־ישראל, און נאַכהער האָט ער בעקומען אויך די הערשאַפט איבער דעם צפון־טייל פון ארץ־ישראל, דעם גליל. אַ דאַנק זיין בעמיהונג האָט קאַליגולאַ אויך אָבגעשאַפט די גזירה, אַז מען זאָל אַריינשטעלען זיין, קאַליגולאַ'ס, בילד אין בית־המקדש אין ירושלים.

נאָכדעם, ווי קאַליגולאַ איז אין רוים ערמאָרדעט געוואָרען (יאָהר 41), איז מיט דער הילף פון אַגריפּס געוואָרען קייזער אין רוים קלוידיוס, וועלכער האָט באַלד ערקלערט, אַז די פריהייט אויך פון דעם איבריגען טייל פון ארץ־ישראל ווערט צוריקגעשטעלט און האָט בעשטימט אַגריפּס'ן אַלס קעניג איבער גאַנץ ארץ־ישראל מיט דער הויפּטשטאָדט ירושלים. דעמאָלט איז צוריקגעשטעלט געוואָרען דאָס פרייע יידישע קעניגרייך פון גאַנץ ארץ־ישראל, צו וועלכער עס זענען צוגעגעבען געוואָרען אַ סך שכנות'דיגע לענדער פון עבר הירדן און ביים לבנון. אַגריפּס המלך איז אַזוי אַרום געווען איינער פון די גרעסטע קעניגען, וואָס זענען געווען ביים יודישען פאָלק.

פון אַ גאַנצער רייה משנה־ און גמרא־ערטער איז צו זעהן, אַז אויך די יודען האָבען זיך בעצויגען מיט סימפּאַטיע צו אַגריפּס המלך, הגם ער האָט געשטאַמט פון דער פערהאַסטער הורדוס־פאַמיליע. אין דער משנה סוטה פרק ז' ווערט דערצעהלט, אַז אַגריפּס האָט געפּלעגט מקיים זיין דעם אַלטען מנהג, אַז צום סוף פון שמיטה־יאָהר האָט ער געליינט אין ירושלים די פּרשה אין דער תורה, וואו עס ווערט געזאָגט די אַלע מצוות, וואָס אַ מלך דאַרף מקיים זיין. ווען ער איז צוגעקומען צום פסוק „לא תוכל לתת עליך איש זר“ („דו זאָלסט נישט מאַכען פאַר אַ מלך אַ פרעמדען מענש“), האָט ער געוויינט, ווייל ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער שטאַמט אָב פון דער גרים־פאַמיליע פון אדום. אָבער די יודישע חכמים האָבען איהם געטרייסט און געזאָגט: „אחינו אתה“ („דו ביזט אונזער ברודער“), ווייל ער האָט געשטאַמט פון דער חשמונאים־פאַמיליע. אָבער טייל חכמים זענען נישט צופרידען געווען דערפון, — זאָגט דאָרט די גמרא, — ווייל זיי האָבען געזעהן אין דעם אַ חניפה צו אַגריפּס המלך. — אין דער משנה ביכורים ג' ווערט דערצעהלט, אַז אַגריפּס המלך האָט מקיים געווען די מצוה פון ביכורים (ברענגען אין בית־המקדש די ערשטע תבואה און פרוכטען), און הגם ער איז געווען מלך, האָט ער דאָך אַליין געטראָגען אויף זיינע אַקסעל דעם קויש מיט די ביכורים. — אין דער תוספתא פסחים פרק ד' ווערט דערצעהלט, אַז אַגריפּס האָט געלאָזט ערב פסח צעהלען

די יודען, וואָס זענען געקומען אויף יום־טוב קיין ירושלים. — אין דער גמרא כתובות י"ז ווערט אויך געזאָגט, אַז אַגריפּס המלך איז געווען בעשיידען און פלעגט אָבגעבען כבוד איינפאַכע מענשען.

די קעניגליכע הערשאַפט פון אַגריפּס איבער גאַנץ ארץ־ישראל האָט נישט לאַנג געדויערט, איינגאַנצען הריי יאָהר. אָבער אין פערלויף פון דער דאָזיגער קורצער צייט האָט ער געלאָזט אַרומרינגלען ירושלים מיט אַ זעהר שטאַרקער פעסטונג־מויער, די אַזוי־גערופענע „דריטע מויער", וואָס איז אָבער נישט געענדיגט געוואָרען. דער יודישער היסטאָריקער און מיליטער־מאַן פון יענע צייטען יוסף פלאַוויוס שרייבט, אַז ווען די מויער וואָלט געוואָרען פערענדיגט, וואָלט פאַר דעם רוימישען מיליטער געווען שפּעטער אונגעוועהנליך שווער איינצונעהמען ירושילם. (שטיינער פון דער דאָזיגער מויער האָט מען לעצטענס געפונען אין ירושלים). אַגריפּס האָט געשלאָסען אַ בונד־פריינדשאַפט מיט אַ גאַנצער רייה מלכים אין אַזיען און אַנדערע שכנות'דיגע לענדער. דאָס איז געווען צוליב פּאָליטישע צוועקען. וואָרום עס איז אַ פאַקט, אַז אַגריפּס האָט פאָראויסגעזעהן, אַז רוים וועט וועלען איינגאַנצען פערקנעכטען ארץ־ישראל און ער האָט דעריבער זיך צוגעגרייט, — דורך אויפשטעלען די פעסטונג־מויער אַרום ירושלים און דורך די פריינדשאַפט מיט די אַנדערע קלענערע מלכים, — צו אַ ענטשיידענער מלחמה געגען רוים. אָבער פּלוצלינג, אין יאָהר 44, נאָך אַ גרויסער פערוויילונג אין דער שטאָדט קיסרין (צעזאַרע) ביים ים אין ארץ־ישראל, איז אַגריפּס קראַנק געוואָרען און איז אין זעלבען טאָג געשטאָרבען. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז רוימישע מיליטער־לייט האָבען איהם פער'סמ'ט, כדי ער זאָל נישט קאָנען דורכפיהרען זיינע בעפרייאונגס־פּלענער געגען רוים.

אַגריפּס האָט איבערגעלאָזט אַ זוהן, אַגריפּס דעם 2־טען, וועלכער איז געווען דער לעצטער הערשער אין ארץ־ישראל און אין זיין צייט איז פאָרגעקומען דער חורבן ירושלים, ווי אויך דריי טעכטער, וואָס איינע פון זיי בערעניקאַ איז געוואָרען בעקאַנט דורך איהר ליבע מיט דעם שפּעטערדיגען רוימישען קייזער, דעם עראָבערער פון ירושלים, טיטוס. פון אַגריפּס זענען געבליבען אויך מטבעות, אויף וועלכע עס זענען פאַרהאַן אויפשריפטען אין דער גריכישער שפּראַך: „דער גרויסער קעניג אַגריפּס, דער פריינד פון קייזער".

אין די אַלטע קריסטליכע קוועלען, אין עוואַנגעליום אין די „אַקטען פון די אַפּאָסטאָלען" און אַנדערע ווערט דערצעהלט, אַז אַגריפּס, וואָס אין זיין צייט איז דאָך אויפגעקומען דאָס קריסטענטום, איז געווען אַ גרויסער שונא פון די קריסטען, און אַז ער האָט טייל פון די אַפּאָסטאָלען פעראורטיילט צום טויט.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : גרעץ, „געשיכטע"; שירער: „געשיכטע פון יודישען פאָלק"; אַלס קוועלען צו דער געשיכטע פון אַגריפּס המלך דינען די ביכער פון פלאַוויוס: „אַלטערטימער" 18 און 19, און „מלחמות" 2־טער טייל, 9, ווי אויך די ווערק פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריען.

**אַגריפּס** מאַרקוס יוליוס (אַגריפּאַ). דער לעצטער יודישער הערשער אין ארץ־ישראל און איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „אַגריפּס דער 2־טער". אין זיין צייט איז פאָרגעקומען

די גרויסע מלחמה צווישען יודען און דער רוימישער אימפעריע, וואס האט זיך געענדיגט מיט'ן חורבן פון ירושלים און פון 2־טען בית־המקדש אין יאהר 70.

אגריפס איז געווען דער זוהן פון קעניג אגריפס דעם ערשטען, און איז געבוירען געווארען אין יאהר 27. ער האט בעקומען זיין ערציהונג אין רוים, וואו עס פלעגען ערצויגען ווערען דער גרעסטער טייל קעניגליכע קינדער פון די לענדער פון אזיען. ווען זיין פאטער דער קעניג איז געשטארבען אין יאהר 44, איז אגריפס נאך געווען זעהר יונג, אינגאנצען 16 יאהר אלט. אבער דער רוימישער קייזער קלוידיוס האט איהם געוואלט מאכען פאר קעניג, נאר די רוימישע שטאאטסמענער האבען דערצו נישט צוגעלאזט, ווייל ער איז נאך צו יונג. מען האט דעריבער בעשטימט איבער ארץ־ישראל א רוימישען פראקוראר (א גווערנאר). ווען אגריפס איז אויפגעוואקסען, האט ער בעקומען דעם טיטול קעניג, אבער נישט פון ארץ־ישראל, נאר פון א רייה געגענדען אין עבר־הירדן, און נאכהער, אין די צייטען פון רוימישען קייזער נעראן (נירון), האט אגריפס בעקומען אונטער זיין הערשאפט אויך א טייל פון צפון־ארץ־ישראל, ווי די שטאדט טבריה און אנדערע שטעדט ארום. אגריפס האט, פונקט ווי זיין פאטער, זיך בעמיהט עפענטליך אבצוהיטען די יודישע רעליגיע. אבער אים אלגעמיין איז ער געשטאנען ווייט פון יודען און איז געווען נעהנטער צום רוימישען לעבען און איז געשטאנען אויף דער זייט פון רוים אין דעם קאמף געגען יודען.

אין זיינע צייטען איז עס אויסגעבראכען אין ירושלים דער אויפשטאנד פון די אונטערדריקטע יודען געגען דער רוימישער הערשאפט. ווען דער רוימישער מיליטער־פיהרער און שפעטערדיגער קייזער וועספאזיאן (אספסינוס) און נאכהער זיין זוהן טיטוס האבען בעלאגערט ירושלים און עראבערט ארץ־ישראל, האט אגריפס, אלס געטרייער פריינד פון דער רוימישער אימפעריע, זיי געהאלפען מיט מיליטער צו בעדריקען זיינע יודישע ברידער. אין דער צייט פון דער מלחמה פלעגט אגריפס אויך ארויסטרעטען מיט רעדעס צו די יודען, אז זיי זאלען זיך אונטערגעבען דעם רוימישען מיליטער. נאך דער מלחמה און דעם חורבן ירושלים האט אגריפס געלעבט אין פריינדשאפט מיט דעם היסטאריקער יוסף פלאוויוס, וועלכער איז אויך געווארען א פריינד פון די רוימער. אגריפס איז ביז זיין טויט געבליבען דער קעניג פון די עטליכע געגענדען אין עבר הירדן און לבנון, און עס זענען געבליבען פון איהם אויך מטבעות, אויף וועלכע עס זענען פארהאן אויפגעקריצט די בילדער פון די רוימישע קייסרים (נירון, אספסינוס, טיטוס און דאמיציאן). אגריפס איז געשטארבען וואהרשיינליך לערך דעם יאהר 90 פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, דאס הייסט 20 יאהר נאכ'ן חורבן ירושלים. ער איז געווען דער לעצטער יודישער הערשער איבער א טייל פון ארץישראל.

ביבליאגראפיע: גרעץ: „געשיכטע"; שירער: „געשיכטע". אלס קוועלען צו ז ן געשיכטע דינען די ווערק פון יוסף פלאוויוס.

**אגרת** אין דער העברעאישער שפראך הייסט „אגרת" א „בריף". און מיר געפינען דאס דאזיגעווארט ערשט אין די שפעטערדיגע תנ"ך־ספרים, אין מגילת־אסתר („אגרת הפורים", אסתר ט'), נחמיה ב' („אגרת אל אסף")

אוּן דברי הימים ב׳ ל׳, וועלכע זענען געשריבּען געוואָרען אין די צייטען ווען יודען האָבּען זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּערסיען („פּרס״).

אין די שפּעטערדיגע צייטען פון מיטעל־אַלטער זענען ערשינען אין העבּ־רעאיש אַ גאַנצע רייה ספרים מיט׳ן נאָמען „אגרת״, טייל פון זיי זענען געווען „בּריף״, און טייל זענען געווען קלענערע ספרים, און דאָס וואָרט „אגרת״ האָט געהאַט די בּעדייטונג פון אַ „בּראָ־שור״ אָדער קונטרס.

זעהר בּעריהמט און וויכטיג זענען פאָלגענדע ספרים מיט׳ן נאָמען „אגרת״: 1) „אגרת דרב שרירא גאון״, וואָס איז געשריבּען געוואָרען דורך דעם גרויסען גאון אין בּבל רב שרירא; דער דאָזיגער „בּריף״ האָט אַ קאָלאָסאַלע בּעדייטונג פאַר די פאָרשונג פון דער יודישער גע־שיכטע; 2) „אגרת תימן״ פון רמב״ם און בּכלל די אַנדערע „אגרות״ פון רמב״ם, וואָס גיבּען אונז אַ בּליק אין די יודישע געשיכטע פון יענע צייטען; 3) „אגרת בּעלי חיים״ פון רבי קלוני־מוס בן קלונימוס; 4) „אגרת התשובה״ פון רבי יונה גירונדי; 5) „אגרת הרמבן״, ווי אויך אַנדערע שפּעטערדיגע ספרים מיט׳ן נאָמען „אגרת״.

וועגען די אַלע ספרים וועלען מיר שרייבּען בּעזונדער בּיים נאָמען פון מחבר פון יעדען ספר. למשל וועגען „אגרת דרב שרירא גאון״ וועלען מיר שרייבּען בּיים שטיך־וואָרט „שרירא גאון״; וועגען די „אגרות״ פון רמבם וועלען מיר שריי־בּען בּיים שטיך־וואָרט „משה בן מימון״, און אזוי כסדר.

בּיבּליאָגראַפיע: בּן יעקב: „אוצר הספרים“ אין די שטיך־ווערטער, וואָס הויבּען זיך אָן מיט דעם וואָרט „אגרת“ אָדער „אגרות“.

**אֲגרַת בּת מחלת** דאָס איז דער נאָמען פון אַ „קעניגען פון שדים״, און זי ווערט דער־מאָהנט אין דער גמרא פסחים דף קי״ב. טייל געלערענטע זאָגען אַרוים די מיינונג, אַז דאָס וואָרט „מחלת״ איז פון „מהול״, „טאַנצען״, און אַז מען האָט געגלויבּט, אַז זי זעהט אויס ווי אַ פרוי, וואָס טאַנצט. אין די צייטען פון דער גמרא האָט דער יודישער פאָלקס־גלויבּען גע־האַלטען, אַז די „אגרת בת מחלת״ הערשט איבּער „י״ח רבוא״ (18 מאָל צעהן טויזענד) מלאכי חבלה (גמרא פּסחים קי״ב). אין מדרש במדבר י״ב ווערט דערצעהלט וועגען איהר, אַז זי רייט אין אַ רייט־וואָגען. די גמרא פּסחים קי״א דערצעהלט, אַז דער תנא רבי חנינא בן דוסא האָט איהר פערטריבּען פון די ערטער, וואו מענשען וואוינען און האָט איהר ערלויבּט צו בּעוויזען זיך נאָר „בּלילי שבּתות ובלילי רביעיות״ („די נעכט פון שבּת און ווען עס רעגענט״) ווייל דעמאָלס געהען נישט קיין מענשען. דער אמורא אביי, — זאָגט דאָרט די גמרא, — האָט איהר אינגאַנצען פער־טריבּען.

בּיבּליאָגראַפיע: קאָהוט: „יודי־שער אנגעלאָלאָגיע“ (דייטש); בּרעכער: „דאָס טראַנסצעדענטאַלע אין תלמוד“ (דייטש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אֲדָא** דאָס איז דער נאָמען פון אַ סך אמוראים, וועלכע ווערען דער־מאָהנט אין דער גמרא. אין דער גמרא סוטה ל״ה ווערט דערמאָהנט אַ אמורא „אדא“ אָהן דעם טיטול רב; ער האָט גע־לעבּט אין צווייטען דור פון די אמוראים, אין ארץ־ישראל; ער זאָגט דאָרט אין נאָמען פון ר׳ שמלאי, אַז אין אַ בּית־המדרש זענען פאַרהאַן בּלויז כהנים,

געהען אַלע אַרויף דוכנ'ען. אין יענער צייט האָט געלעבט אין בבל אַ אמורא „רב אדא" (יבמות פ"ג). עס זענען פאַרהאַן אמוראים מיט'ן נאָמען „רב אדא". וועגען עטליכע וויכטיגע אמוראים מיט'ן נאָמען „רב אדא" שרייבען מיר בעזונדער.

ביבליאָגראַפיע: „תלדות התנאים והאמוראים"; „אשכול".

**אדא בר אהבה** דאָס איז דער נאָמען פון צוויי וויכטיגע אמוראים, וואָס ווערען דערמאָהנט אין דער גמרא.

דער ערשטער רב אדא בר אהבה, וועלכער ווערט אין ירושלמי אויך אָנגערופען „רבי אדא בר אחווה", האָט געלעבט אין בבל אין צווייטען דור פון די אמוראים (אין דריטען יאָהרהונדערט). וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא קידושין ע"ב, אַז איידער דער מסדר המשנה, רבי יהודה הנשיא (רבי) איז געשטאָרבען, האָט ער פאַר זיין טויט געזאָגט, אַז היינט ווערט געבוירען (אָדער עס קומט פאַר דער ברית) פון רב אדא אין בבל. צוליב דעם, וואָס רבי איז געשטאָרבען אין יאָהר 192, וויסען מיר אַזוי אַרום, אַז אין יענעם יאָהר איז אויך רב אדא בר אהבה געבוירען געוואָרען. רב אדא בר אהבה איז געוועזען אַ תלמיד פון גרויסען אמורא אין בבל רב און ער זאָגט אין זיין נאָמען אַ סך הלכות (ביצה י"ג און אַנדערע ערטער), רב אדא האָט געלעבט לאַנג, און די גמרא תענית כ' זאָגט, אַז ווען מען האָט געפרעגט רב אדא'ן מיט וואָס האָט ער זוכה געוועזען צו אריכת ימים, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט געבייזערט אין זיין שטוב און ער האָט זיך נישט געפרעהט מיט דעם אומגליק פון אַ צווייטען. רב אדא'ן האָט מען אויך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען צדיק, און אין דערזעלבער גמרא תענית כ' ווערט דערצעהלט, אַז ווען מען האָט בעדאַרפען אַרויסנעהמען זאַכען פון אַ שטוב, וואָס האָט געהאַלטען ביים איינפאַלען, האָט מען דאָרט מיטגענומען רב אדא'ן, זייענדיג זיכער, אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָרט דאָ וועט דער שטוב גאָרנישט געשעהן.

דער צווייטער רב אדא בר אהבה האָט אויך געלעבט אין בבל אָבער אַ סך שפּעטער, אין 4־טען דור פון די אמוראים. ער איז געוועזען אַ תלמיד פון אמורא רבא. וועגען דעם דאָזיגען רב אדא בר אהבה איז פאַרהאַן אַ מיינונג (רבינו חננאל אין תוספות בבא בתרא כ"ב), אַז ער האָט געהייסען גאָר רב אדא בר אבא, אָבער אין אַ סך אַלטע גמרא־טעקסטען געפינען מיר די נוסחא רב אדא בר אהבה אַלס תלמיד פון רבא. אין דער גמרא בבא בתרא כ"ב ווערט דערצעהלט, אַז רב אדא בר אהבה איז געשטאָרבען, ווייל די אמוראים אביי און רב יוסף האָבען איהם מעניש געוועזען, מחמת ער האָט זיי בעליידיגט.

ביבליאָגראַפיע: „סדר הדורות"; „תולדות תנאים ואמוראים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**רב אדא'ס תקופה** אין די אַלטע יודישע ספרים, שוין נאָך די צייטען פון דער גמרא ווערען געבראַכט צוויי מעסטונגען פון דער לענג פון זון־יאָהר „שנת החמה", וואָס איז נויטיג כדי פעסטצושטעלען דעם יודישען קאַלענדאַר. איין לענג פון יאָהר איז 365 טעג מיט 6 שעה, און די דאָזיגע לענג פון זון־יאָהר רופט מען „תקופת שמואל", ווייל זי זאָל האָבען פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דעם אמורא שמואל. די צווייטע לענג

איז נור 365 טעג מיט 5 שעה מיט 997 חלקים (אַ שעה ווערט צעטיילט אויף 1080 „חלקים") און 48 רגעים (יעדער חלק ווערט צעטיילט אין 76 „רגעים"). לויט דעם דאָזיגען רעכנונג קומט אויס, אַז אין פערלויף פון 19 יאָהר (דאָס ווערט גערופען „מחזור י"ט שנה"), אין וועלכע עס זענען פאַרהאַן 7 עיבור־יאָהרען, גלייכט זיך אויס דאָס „זון־יאָהר" („שנת החמה") מיט דעם לבנה־יאָהר („שנת הלבנה"). אָט דעם דאָזיגען צווייטען רעכנונג, וועלכער איז טאַקע ריכטיגער פון דער ערשטער לענג, רופט מען אין יענע אַלטע ספרים „תקופת רב אדא בר אהבה", דאָס הייסט, אַז רב אדא האָט דעם רעכנונג געפינען.

דער ערשטער, וואָס דערמאָהנט די דאָזיגע „תקופה רב אדא בר אהבה" איז רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין זיין „ספר העבור"), וועלכער האָט געלעבט אין אָנהויב 12־טען יאָהרהונדערט. דערנאָך ווערט די „תקופת רב אדא" שוין דערמאָהנט אין אַ רייה אַנדערע יודישע ספרים, ווי דער „יסוד עולם", דער סמ"ג און אַנדערע. ווער עס איז געוועזן דער דאָזיגער רב אדא בר אהבא איז שווער צו זאָגען. געוועהנליך מיינט מען, אַז דאָס איז איינער פון די צוויי אמוראים רב אדא בר אהבא פון דער גמרא. אָבער אַ גאַנצע רייה יודישע געלעהרטע ווי סלאָנימסקי אין „תולדות השמים", פינעלעס אין „דרכה של תורה", באָרנשטיין אין זיינע עיבור־פאָרשונגען אין די זאַמעלביכער „התקופה" זאָגען אַרויס זייער מיינונג, אַז די „תקופת רב אדא" איז אויפגעקומען ערשט אין די צייטען נאָך דער גמרא, אונטער דעם איינפלוס פון די אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען פון די אַראַבישע געלעהרטע אין 9־טען און 10־טען יאָהרהונדערט. אויף דער „תקופת רב אדא" שטיצט זיך אונזער גאַנצער היינטיגער יודישער לוח, און אַלע עיבור־יאָהרען ווערען געמאַכט לויט דער דאָזיגער „תקופה".

ביבליאָגראַפיע: סלאָנימסקי: „תולדות השמים"; פינעלעס: „דרכה של תורה"; באָרנשטיין אין זיין „מחלוקת רב סעדיה גאון ובן מאיר" אין זאַמעל־בוך זכרון לאברהם אליהו" (לכבוד ד"ר אברהם אליהו הרכבי); באָרנשטיין אין זיינע מאמרים אין „התקופה".

**אדאם מיכאל** איז געוועזן אַ משומד און האָט געלעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט אין דער שווייץ, אין דער שטאָדט ציריך. מיכאל אדאם האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער שפּראַך, ווייל ער איז געוועזן דער ערשטער איבערזעצער אויף דער יודישער שפּראַך פון חומש מיט הפטורות און די חמש־מגילות, וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אין דער שטאָדט קאָנסטאַנץ אין יאָהר 1544. דאָס איז די ערשטע געדרוקטע תורה־איבערזעצונג אויף יודיש, און זי איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „די קאָנסטאַנצער ביבעל". מיכאל אדאם איז געוועזן בעקאַנט מיט דעם בעוואוסטען קריסטליכען געלעהרטען פעליקאַן אין ציריך. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג פון טייל געלעהרטע (ווי פערלעס און קאַרפעלעס), אַז מיכאל אדאם איז די זעלבע פּערזאָן, וואָס לעאָ יודא פון ציריך, אויך אַ משומד, וואָס האָט אויך זיך בעשעפטיגט מיט איבערזעצען חומש אויף יודיש. אָבער עס איז שוין בעוויזען געוואָרען, אַז די מיינונג איז פאַלש. מיכאל אדאם איז אויך געוועזן אַ תלמיד און פריינד פון גרויסען רעפאָרמאַטאָר פון דער קריסטליכער רעליגיע אין דער שווייץ צווינגלי. מיכאל אדאם האָט אויך איבער־

זעצט אויף יודיש דעם היסטארישען „ספר יוסיפון'' (געדרוקט צום ערשטען מאל ציריך 1546), וואס איז שפעטער ערשינען פיל מאל און איז געווען זעהר פערשפרייט ביי די יודישע פאלקס־מאסען און האט זיי בעקאנט געמאכט מיט דער אלטער יודישער געשיכטע פון די צייטען פון 2־טען בית־המקדש און די מלחמות פון „חורבן ירושלים''.

עס איז צו בעמערקען, אז מיכאל אדאם שרייבט אין זיין הקדמה צו דער איבערזעצונג פון חומש, אז ער מאכט די איבערזעצונג, ווייל „די יודישע קהלות זענען בעונותינו הרבים צעשטערט געווארען דורך פילפאכע גירושים, און די בעלי־בתים זענען געצווינגען צו זיצען אויף די דערפער, און נישט יעדער קאן האלטען א מלמד פאר די קינדער, און עס וואקסען דאדורך גרויסע עמי הארצים, און דאס האט איהם בעוואויגען צו דרוקען דעם חומש אויף דייטש''. אדאם רופט אן יודיש „דייטש'' און אויך „לשון אשכנז''; זיין שפראך איז די אלט־יודישע שפראך, און ער בענוצט זיך דערביי מיט עלעמענטען פון דער אלטער דייטשער שפראך. צום סוף פון דער הקדמה צו דער חומש־איבערזעצונג ברענגט אדאם עטליכע גראמאטישע כללים פון דעם ערשטען העברעאיש־יודישען ווערטער־בוך „מרכבת המשנה'' פון רבי אנשעל, כדי צו ווייזען „ווי די ווערטער זאלען און מעגען פערטייטשט ווערען לויט דעם דקדוק''. — אדאם האט אויך איבערזעצט אויף יודיש די נביאים ראשונים (קאנסטאנץ 1548).

ביבליאגראפיע: אויף יודיש איז פארהאן וועגען מיכאל אדאם און דער קאנסטאנצער תורה־איבערזעצונג ביי רייזין אין לעקסיקאן (געדרוקט אין יאהר 1914) און אין „שטאפלען" פון וויינרייך. אין העברעאיש איז פארהאן אין שולמאנ'ס „שפת יהודית־אשכנזית וספרותה" און אין בן יעקב'ס „אוצר הספרים" 218; אין דויטש איז פארהאן פערלעס „בייטרעגע צור געשיכטע"; שטערק־ליטצמאן: „יודיש־דויטשע ביבעל־איבערזעצונגען".

**אדוואקאטן** צי זענען געווען אין די אלטע יודישע צייטען אין ארץ־ישראל אזא סארט בעשעפטיגונג ווי „אדוואקאטען'' אין די יודישע געריכטען, דאס הייסט מענשען, וואס זאל ארויסטרעטען אלס פערטיידיגער און טענות־ערקלערער? דאס איז א פראגע, אויף וועלכע עס איז שווער צו געבען א זיכערען ענטפער. אין פרקי אבות פרק א' זאגט יהודה בן טבאי (וועלכער האט געלעבט איבער הונדערט יאהר פאר'ן חורבן פון צווייטען בית־המקדש) צו די תלמידים „אל תעשו עצמיכם כעורכי הדיינים'', און עס ווערט דורך טייל געטייטשט, אז דאס מיינט ער: „איהר זאלט נישט זיין ווי די אדוואקאטען'' („עורך־דין, עורכי הדיינים''), וואס קוקען נישט צי איינער איז גערעכט צי אומגערעכט, נאר ווער עס בעצאהלט זיי, מיט דעם האלטען זיי. אבער דער דאזיגער טייטש איז נישט קיין זיכערער. אין דער גמרא כתובות פ''ו ווייזט אויס, אז דאס ווארט „עורכי הדיינים'' מיינט מען יא אדוואקאטען. אין דער גמרא געפינען מיר אויך די גריכישע אויסדריקען „סניגור'' און „פרקליט'' אלס אדוואקאטען. אין די שפעטערדיגע ספרים ווערט דער אדוואקאט ביים יודישען בית־דין אנגערופען דער „בורר'' אדער דער „טוען''.

אין די אייראפעאישע לענדער איז שווער צו זאגען, ווען יודען זענען צום ערשטען מאל אויפגעטרעטען אלס אדוואקאטען אין געריכטען. דער יודישער

געלעהרטער גידעמאַן אין זיין בוך „געשיכטע פון ערציהונגס־וועזען ביי יודען" (אויף העברעאיש איבערגעזעצט „התורה והחיים" און אויף יודיש פון שטיף, „יודישע קולטור־געשיכטע") דריטער טייל קאַפּיטעל 5 ברענגט, אַז שוין אין 15־טען יאָהרהונדערט האָבען קריסטען גענומען יודען אַלס אַדוואָקאַטען אין די געריכטען, ווייל די יודען האָבען דורך דעם גמרא־לערנען און די חריפות פון פּלפּולים זיך ערוואָרבען פעהיגקייטען דערצו. ער ברענגט פון ספר „חוט השני" סימן מ"ה וועגען אַ יוד, וואָס איז אַ „מליץ בערכאת של גויים ואומנתו הוא זאת להליץ בעד יודי וגויים" („אַדוואָקאַט אין די גויישע געריכטען און דאָס איז זיין פאַך צו פערטיידיגען יודען און גויים"). אויך אין די שאלות ותשובות פון מהר"ם מינץ (פון 15־טען יאָהרהונדערט) סימן ע"ד געפינט מען „והוא היה אנרטלר שלה לדון במקומה לפני משפט נורלינגן", און גידעמאַן איז משער, אַז „אנרטלר" מיינט מען „אַדוואָקאַט".

שפּעטער, אין ענדע פון 18־טען און אָנהויב 19־טען יאָהרהונדערטער הויבען מיר שוין אָן זעהן אָפיציעל יודישע אַדוואָקאַטען אין אַ גאַנצער רייהע לענדער אין אייראָפּא, צוערשט אין פראַנקרייך און נאַכהער אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, און דערנאָך אין אַלע לענדער, זאָגאַר אין צאַרישען רוסלאַנד, וואו יודען זענען געווען בעגרעניצט אין זייערע רעכט. אים אַלגעמיין פערנעהמען איצט יודען אַ זעהר אָנגעזעהען אָרט אין דער אַדוואָקאַטור כמעט אין אַלע לענדער, און ספּעציעל אין אַמעריקא, וואו די גרעסטע אַדוואָקאַטען שטאַמען אָב פון יודען.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס; אסף: „בתי הדין וסדריהם", געדרוקט אין ירושלים תרפ"ד.

# אדום

דאָס איז געווען דער נאָמען פון אַ לאַנד אין שכנות פון ארץ־ישראל, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער אַלטער יודישער געשיכטע אין די צייטען פון תנ"ך און זאָגאַר עטוואָס שפּעטער, אין די צייטען פון 2־טען בית־המקדש. אויך דאָס פאָלק, וואָס האָט אין יענע אַלטע צייטען בעוואוינט דאָס אדום־לאַנד, האָט מען גערופען „אדום", אָדער „אדומיים", דאָס הייסט די אדום־איינוואוינער.

דאָס לאַנד אדום האָט זיך געפינען אין דרום פון ארץ־ישראל, און האָט זיך געצויגען פון ים־המלח ביז צום רויטען ים, וואָס האָט געהייסען אין תנ"ך „ים סוף". דאָס ערשטע מאָל ווערט דאָס לאַנד אדום דערמאָהנט אין חומש בראשית ל"ב, אין דער ערשטער פרשה פון דער סדרה וישלח, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז ווען יעקב אבינו האָט געוואָלט איבערבעטען זיין ברודער עשו, האָט ער איהם צוגעשיקט מתנות דורך שליחים „שדה אדום", „צום פעלד פון אדום". אין זעלבען פסוק ווערט דאָס דאָזיגע לאַנד אויך אָנגערופען „ארץ שעיר", דאָס „לאַנד פון שעיר". „שעיר" און „אדום" ווערט אויך אין אַנדערע ערטער אין תנ'ך דערמאָהנט אַלס דער נאָמען פון איין־און־דעמזעלבען לאַנד, פון „אדום'. ווידער אין חומש כ"ה ווערט געזאָגט, אַז עשו איז אדום, אויך אין בראשית ל"ו, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען די קינדער פון עשו ווערט געזאָגט אין פסוק „ואלה תולדות עשיו הוא אדום" („דאָס איז די געשיכטע פון עשו, דאָס איז אדום"), און אַזוי איז אויך כסדר אין אַנדערע ערטער אין

תנ"ך, אז „עשו" און „אדום" איז דאס זעלבע. ווידער אין זעלבען קאפיטעל ל"ו פון חומש בראשית ווערט דערמאהנט די געשיכטע פון „שעיר החורי", וואס האט געוואוינט אין אדום".

מיר זעהען אלזא, אז אין לאנד „אדום" האבען זיך בעזעצט צוויי פערשידענע שבטים „שעיר החורי" מיט זיינע קינדער און „עשו" מיט זיינע קינדער. דער חומש דברים ב' ערקלערט, אז דאס איז פארגעקומען אויף פאלגענדען אופן: „בשעיר ישבו החורים לפנים, ובני עשו ירשום וישמידום מפניהם וישבו תחתם", דאס הייסט, אז צוערשט האבען אין לאנד שעיר (דאס הייסט אדום) געוואוינט דער שבט „חורים", נאר דערנאך זענען געקומען די קינדער פון עשו און האבען מלחמה געהאלטען מיט די „חורים" און בעזיגט און זיי פערטיליגט און זיך בעזעצט אין לאנד. אויך די מאדערנע וויסענשאפטליכע פארשער, ווי בוהל אין זיין „געשיכטע פון די אדומיטער" (אין דייטש) איז מסכים מיט דער דאזיגער מיינונג פון חומש, אז די איינוואוינער פון אדום זענען געווען א געמיש פון א אלטען שבט „חורים", וואס האבען פריהער בעוואוינט דאס לאנד, און א ניי־אנגעקומענער שבט, לויט דעם חומש די „בני עשו", — וואס האבען זיך אויסגעמישט מיט די ערשטע איינוואוינער און צוזאמען געשאפען דאס פאלק אדום. עס איז צו בעמערקען, אז אויך אויף אלע אויפשריפטען, וואס מען האט געפונען אין מצרים און זיי שטאמען פון דער צייט אונגעפעהר 12 הונדערט יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ווערט דערמאהנט א וואנדערענדע שבט „אתומא", און די געלערנטע מיינען, אז דאס איז „אדום".

ווענן דעם נאמען „אדום" איז פאר־האן די אלטע פאלקס־מיינונג, אז דאס האט א שייכות מיט דער דערצעהלונג אין חומש בראשית כ"ה, אז ווען עשו איז געבוירען געווארען איז ער געווען „אדמוני", רויט. אויך ווען עשו איז געקומען צו יעקב, אז ער זאל איהם געבען צו עסען די ארבעס, האט ער איהם געזאגט: אז ער זאל איהם געבען „מן האדם האדום הזה" („פון דעם רויטען מאכל"), גיעט דארט צו דער חומש „על כן קרא שמו אדום" („דעריבער האט ער איהם א נאמען געגעבען אדום"). אין מדרש בראשית רבה ע"ג ווערט געזאגט ווענען לאנד אדום „ארצו אדומה", אז דאס לאנד איז רויט. אויך די וויסענשאפטליכע פארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דאס זאמד אין דער געגענד פון אדום האט אביסעל א רויטען קאליר. דערפון זאל אויך שטאמען דער נאמען פון ים „דער רויטער ים".

אין די אלטע צייטען פון דער יודישער געשיכטע איז דאס פאלק אדום בעטראכט געווארען אלס „ברודער פון יודישען פאלק, צוליב דעם, וואס עשו איז געווען דער ברודער פון יעקב. מיר געפינען אין חומש דברים כ"ח „לא תתעב אדומי כי אחיך הוא", „דו זאלסט נישט פיינד האבען דעם אדומי, ווארום ער איז דיין ברודער". אבער נישט קוקענדיג אויף דער דאזיגער ברודערשאפט זענען שטענדיג געווען מלחמות צווישען אדום און דעם יודישען פאלק, און עס האט געהערשט צווישען זיי א שטענדיגע פיינדשאפט. און איינער פון אדום האט נישט געטארט פאר'ן דריטען דור זיך משדך זיין מיט א יוד (דברים כ"ג). אין חומש במדבר כ' ווערט דערצעהלט, אז ווען די יודען האבען געוואנדערט אין דער מדבר און געוואלט דורכגעהן בשלום דורך דעם לאנד אדום און געשיקט בריף

צום „מלך אדום" („דעם קעניג פון אדום") און איהם דערמאָהנט די ברודערשאַפט, — „ויצא אדום לקראתו", איז אדום ענטגעגענגעגאַנגען די יודען מלחמה צו האַלטען און נישט לאָזען זיי אַדורכגעהן. אויך אין די שפּעטערדיגע צייטען, ווען די יודען זענען שוין געזעסען אין ארץ־ישראל, זענען פאָרגעקומען מלחמות צווישען יודען מיט אדום, און אין ספר שמואל ב׳ קאַפּיטעל ח׳ ווערט דערצעהלט, אַז דוד המלך האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד אדום און דאָרט אוועקגעזעצט אַ יודישען גאַווערנאָר („נציב") און דאָס לאַנד אדום איז געווען אונטערגעוואָרפען די יודען. וועגען שלמה המלך ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט אין דער אדום־פּאָרט־שטאָדט „אילת" (דאָס היינטיגע אקאבא") ביים רויטען ים געמאַכט אַ פלאָט פון שיפען. שפּעטער, אין די צייטען פון יודישען קעניג יהורם בן יהושפט איז געלונגען דאָס לאַנד אדום צו בעפרייען פון דעם יודישען יאָך („ויפשע אדום" — דברי הימים ב׳ כ"א), און פון דעמאָלס אָן האָבען ווידער זיך אָנגעהויבען די כסדר'דיגע מלחמות צווישען דיביידע פעלקער. די פיינדשאַפט צווישען אדום און דעם יודישען פאָלק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען די יודישע מלוכה איז חרוב געוואָרען אין דער צייט פון ערשטען חורבן ירושלים, האָט אדום זיך געפרעהט, און די יודישע נביאים יחזקאל (ל"ה), ירמיהו (מ"ט), עובדיה, האָבען דעריבער נביאות־געזאָגט אויף דער מפּלה פון אדום.

פון דעמאָלס אָן ווערען פערלוירען אין דער געשיכטע די שפּורען פון אדום, און מיר טרעפען זיי ערשט אין די שפּעטערדיגע צייטען פון 2־טען בית־המקדש, וואו עס ווערט דערצעהלט אין דער יודישער געשיכטע (ספר חשמונאים א׳ און ב׳ און יוסף פלאוויוס „אַלטערטימער" חלק י"ג), אַז די יודישע חשמונאים־פירשטען האָבען מלחמה געהאַלטען געגען אדום, און דער חשמונאים־פירשט יוחנן הורקנוס האָט אינגאַנצען איינגענומען דאָס לאַנד און געצוואונגען אַלע איינוואוינער פון אדום זיך מל־צו־זיין און אָננעהמען די יודישע רעליגיע. פון דעמאָלס אָן זענען די אדומיים געוואָרען יודען. פון זיי האָט זאָגאַר דערנאָך געשטאַמט דער יודישער גרויסער קעניג „הורדוס המלך", וועמענס פאָטער אנטיפּאַטער האָט געשטאַמט פון די אדומיים, וואָס האָבען זיך מגייר געווען. שפּעטער, אין דער צייט פון דער מלחמה, וואָס די יודען האָבען געפיהרט געגען די רוימער ביים חורבן בית שני, דערצעהלט דער יודישער היסטאָריקער פון יענער צייט יוסף פלאוויוס, אַז קיין ירושלים זענען געקומען 20 טויזענד אדומיים און געהאָלפען די העלדען פון ירושלים אין זייער קאַמף געגען די רוימער.

פון חורבן בית שני אָן ווערט נישט מעהר דערמאָהנט אין דער געשיכטע דאָס פאָלק אדום, און אין זייער לאַנד טרעפען מיר שוין דעם אראַבישען שבט „נאַבאַטעער" „נביות", וועגען וועלכען מיר שרייבען בעזונדער ביים שטיך־וואָרט „נאַבאַטעער". היינט וואוינען אין דער געגענד פון אַמאָליגען אדום אראַבער, אַמייסטען וואַנדערענדע בעדואינער. דאָס לאַנד איז אים אַלגעמיין פּוסט.

עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג פון טייל געלעהרטע, אַז אין אַלטען אדום זענען געווען דיכטער און דענקער, וואָס האָבען געשריבען פערשידענע וויכטיגע ספרים, און אַז דאָס פילאָזאָפישע ספר „איוב" פון תנ"ך איז געשריבען געוואָרען נישט דורך

יודען, נאָר דורך איינעם פון די אַלטע חכמים פון אדום, און די שפּראַך פון אדום איז געווען אינגאַנצען עהנליך צו דער העברעאישער שפּראַך. דער העב־רעאישער שפּראַך־פאָרשער אליעזר בן יהודה וויל האָבען, אַז אויך די צוויי קאַ־פּיטלעך אין משלי ל׳ און ל״א פון „אגור בן יקה המשא״ און „דברי למואל מלך משא״ זענען אויך פון די אַלטע חכמים אין אדום, און דעריבער איז דאָרט די שפּראַך, כאָטש עהנליך צו העברעאיש, אַביסעל אונפערשטענדליך, ווייל דאָס איז די שפּראַך פון די אַלטע אדומיים. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז אויך דאָס קאַפּיטעל ל״ו פון חומש בראשית, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ואלה המלכים אשר מלכו באדום״, און עס ווערט דאָרט אָנגעגעבען די נעמען פון די מלכים פון אדום, איז אויך אַ איבער־געבליבענער פראַגמענט פון אַ אַלטער געשיכטע־בוך פון אדום. — וועגען דער רעליגיע פון די אַמאָליגע אדומיים ווייסען מיר זעהר ווייניג. אין תנ״ך (דברי הימים ב״כה) ווערען דערמאָהנט „אלהי אדום״ („די געטער פון אדום״). יוסף פלאַוויוס אין זיין בוך „אַלטערטימער״ חלק ט״ו דערמאָהנט אַנ׳אָבגאָט פון אדום מיט׳ן נאָמען „קאָטסי״. אין אַלטע קיילען־שריפטען, וואָס מען האָט געפינען אין די חורבות פון אשור ווערען דערמאָהנט צוויי נעמען „קוזגבר״ און „קוזמלך״. און דער יודישער געלעהרטער פּראָפ. ד״ר יוסף קלויזנער אין זאַמעל־בוך „דביר״ חלק ב׳ וויל דערפון האָבען, אַז קוז איז געווען דער נאָמען פון אַנ׳אָבגאָט אין אדום, און דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס „קאָטסי״ ביי פלאַוויוס.

אין די צייטען פון דער גמרא האָט דער נאָמען „אדום״ געדינט אַלס סימ־באָל צו בעצייכענען דערמיט די פּער־האַסטע הערשאַפט פון רוים, וואָס האָט דעמאָלס געהערשט איבער ארץ־ישראל און געפּייניגט די יודען. די גמרא יומא י׳ זאָגט, אַז „אין בן דוד בא עד שתפשוט מלכות אדום בכל העולם״, אַז משיח וועט פריהער נישט קומען, ביז רוים וועט הערשען איבער די גאַנצע וועלט. די רעזידענץ פון רוימישען פּראָקוראַטאָר אין ארץ־ישראל, די שטאָדט צעזאַרעאַ (קסרין) ביים ים, ווערט אין דער גמרא מגילה ו׳ אָנגערופען „קסרי בת אדום״ אויך די יודישע חכמים נאָך דער גמרא, רבי סעדיה גאון, דער אבן־עזרא, דער רמב״ם רופען אָן רוים „אדום״. דער רד״ק אין זיין פּירוש סוף ספר יואל גלויבט, אַז די „מלכות רומי״ איז בע־שטאַנען פון אדומיים. אין דעם ספר יוסיפון, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין פריהען מיטעלאַלטער, ווערט דער־צעהלט די לעגענדע, אַז צפו דער זוהן פון עשו איז ענטלאָפען פון אדום קיין איטאַליען און ער איז געוואָרען דער ערשטער מלך אין רוים, טייל געלעהרטע מיינען אויך, אַז דעריבער האָט מען בע־צייכענט רוים מיט׳ן נאָמען „אדום״, ווייל די רוימער, וואָס האָבען כסדר גע־פיהרט מלחמות, האָבען אַלס זייער קריגס־אָבגאָט געהאַט „מארס״, דאָס איז אויף העברעאיש דער פּלאַנעט „מאדים״, און דערפון איז געוואָרען „אדום״.

אין די גאָר שפּעטערדיגע צייטען האָט מען מיט׳ן נאָמען „דת אדום״ („די רע־ליגיע פון אדום״) אָנגערופען די קריסט־ליכע רעליגיע. די קריסטליכע משומדים־סעקטע אין פּוילען (אין יאָהר 1759), די „פראַנקיסטען״ און זייער יעקב פראַנק האָבען זייער גאַנצע אידע־אָלאָגיע געשטיצט אויף דעם, אַז יודען מוזען אָננעהמען דעם „דת אדום״ (די קריסטליכע רעליגיע) און האָבען דורכ־

געפיהרט פאַלשע דרשות פון פערשידענע פסוקים אין חומש און אין זהר.

ביבליאָגראַפיע: שוואַרץ: „תבואות הארץ"; עפּשטיין: „קדמוניות היהודים" ז' 350; „שבע חכמות שבתלמוד", שטיך־וואָרט „אדום"; וואַהלמאַן: „האדומים וארצם" אין לונץ'ס זאַמעל־ביכער „ירושלים"; הורוויץ: „ארץ־ישראל ושכנותיה" אין שטיך־וואָרט „אדום"; בן יהודה: „שפת אדום", אין זאַמעל־שריפט „שפתנו"; קלויזנער „דביר" חלק ב'; „מפתח התלמוד" שטיך־וואָרט „אדום"; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר־ישראל"; „אשכול". קרויזהאַר: „פראַנק און פראַנקיסטען" (פּויליש, אין העברעאישער איבערזעצונג „פראַנק ועדתו").

**אדמו״ר** דאָס איז דער טיטול, וואָס מען שרייבט אויף חסידישע רביים, און דאָס איז אַ ראשי־תיבות־וואָרט, וואָס מאַכט „אדנינו מורנו ורבנו" („אונזער האַר, אונזער לעהרער, אונזער רבי"). אויב מען שרייבט וועגען אַ רבי, וואָס לעבט, גיעט מען צו דאָס וואָרט „שליטא" („שיחיה לאורך ימים טובים ארוכים"), און אויב דער רבי איז שוין געשטאָרבען, גיעט מען צו דאָס וואָרט „ז"ל" („זכרונו לברכה"). מען טרעפט דעריבער אין די חסידישע ספרים גאַנץ אָפט די טיטולען „אדומור שליטא" און „אדומור ז"ל". עס ווערט גאַנץ אָפט אויך בענוצט אין דער יודישער שפּראַך וועגען חסידישע רביים אין לשון רבים דאָס וואָרט „אדומורים".

**אדומים** („דע־ראָסי"), אַזוי האָבען זיך געשריבען אויף העברעאיש די מיטגלידער פון אַ אָנגעזעהענער יודישער פאַמיליע אין איטאַליען פון 13־טען ביז'ן 18־טען יאָהרהונדערט. זייער פאַמיליען־נאָמען אויף איטאַליעניש איז געווען „רע ראָסי", וואָס איז דער טייטש „פון רויט", און אויף דער העברעאישער שפּראַך איז עס איבערגעזעצט געווען „מן אדומים". וועגען דער דאָזיגער פאַמיליע ווערט דערצעהלט, אַז זי איז געווען איינע פון די 4 יודישע פאַמיליעס פון ירושלים, וואָס טיטוס האָט געבראַכט קיין רוים אַלס געפאַנגענע נאָך דעם חורבן פון 2־טען בית־המקדש.

דער ערשטער יודישער חכם פון דער דאָזיגער פאַמיליע, וואָס איז אונז בעקאַנט, האָט געלעבט אין 13־טען יאָהרהונדערט אין רוים און האָט געהייסען שלמה מן אדומים. ער איז געשטאָרבען אונגעפעהר אין יאָהר 1284. ער האָט מחבר געווען אַ ויכוח־ספר געגען דער קריסטליכער רעליגיע מיט'ן נאָמען „מלחמות ה'", דאָס ספר איז געבליבען אין כתב־יד. דער יודיש־איטאַליענישער דיכטער עמנואל הרומי דערמאָהנט איהם אין זיין גן־עדן.

זיין אייניקעל משה בן יקותיאל האָט אויך מחבר געווען אַ „ספר התדיר", וואָס איז אויך געבליבען אין כתב־יד. פון 16־ט־ען יאָהרהונדערט זענען בעקאַנט פיל אָנגעזעהענע יודישע פערזענליכקייטן פון דער אדומים־פאַמיליע אין איטאַליע. טייל פון זיי זענען געווען אָנגעזעהענע סוחרים, דרוקער, דיכטער, שרייבער, רייזענדער. איינער פון זיי שלמה מן אדומים איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר פון מוזיק און האָט געלעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען דער הויף־קאָמפּאָזיטאָר ביי די פירשטען גאָנזאַגאַ אין מאַנטוא. ער האָט פערפאַסט מוזיק־ווערק אין איטאַליעניש און אויך אַ מוזיק־ספר „השירים אשר לשלמה" (געדרוקט ווענעציע שפ"ג) וועגען יודישע רעליגיעזע מוזיק. דאָס בוך איז איבערגעדרוקט געוואָרען לעצטענס, אין יאָהר

1925 אין פראַנקפורט מיט אַ איינלייטונג פון ד"ר א. פריימאַן. די שוועסטער פון דאָזיגען שלמה מן אדומים, אייראָפּאַ, איז געווען אַ זינגערין ביי דער דערמאָהנ־טער פירשטען־פאַמיליע גאָנזאַגאַ.

אָבער דער וויכטיגסטער פון דער אדומים־פאַמיליע איז געווען דער גרויסער יודישער היסטאָריקער און קריטיקער פון 16־טען יאָהרהונדערט רבי עזריה דמן אדומים, דער מחבר פון „מאור עינים", וועלכער האָט געמאַכט אַ איבערקעהרעניש אין דער פאָרשונג פון יודישער געשיכטע. וועגען איהם ווע־לען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „עזריה מן אדומים".

ביבליאָגראַפיע: בערלינער: „געשיכטע פון יודען אין רוים" (2־טער טייל, דייטש); „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע „אדומים".

**אַדון עוֹלם** („האר פון דער וועלט"), דערמיט הויבט זיך אָן די ערשטע תפלה פון דאווענען אין סידור שחרית יעדען אין דער פריה, באַלד נאָכדעם, ווי מען זאָגט די פסוקים פון תנ"ך „מה טובו". אייגענטליך איז „אדון עולם" נישט קיין תפלה", נישט מען בעט וועגען עפּיס, נאָר עס איז אַ לויב־געזאַנג פאַר גאָט, פול מיט ערהאַבענע פילאָזאָפישע געדאַנקען. עס ווערט דאָ אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז די געט־ליכקייט עקזיסטירט אייביג, „בלי ראשית ובלי תכלית', אָהן אָנהויב און אָהן סוף, און אַז גאָט איז די איינציגע האָפנונג פון מענשען, און ווען דער מענש געהט שלאָפען ביינאַכט, גיעט ער איבער זיין נשמה דער געטליכקייט, האָפענדיג די זיכערקייט, אַז ער וועט נישט פערשלאָפען צום אייביגען טויט, נאָר ער וועט זיך אויפכאַפּען פון שלאָף. די לעצטע ווער־טער זענען „ה' לי ולא איראַ", גאָט איז מיט מיר, און איך האָב קיין מורא נישט.

פון די לעצטע ווערטער פון „אדון עולם", וואו עס ווערט גערעדט וועגען לעגען זיך שלאָפען, איז צו זעהן, אַז די דאָזיגע תפלה איז בעשטימט געוואָרען צו זאָגען ביינאַכט נאָכ'ן דאַווענען מעריב אָדער פאַר'ן שלאָפען געהן. עס איז טאַקע נאָך היינט אַ מנהג „אדון עולם" צו זאָגען אויך ביינאַכט. אָבער עס איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען איהם צו זאָגען יעדען אין דער פריה ביים אָנהויב פון דאַווענען. אין טייל ספרדישע סידורים זע־נען אויך צוגעגעבען געוואָרען צום „אדון עולם" נאָך עטליכע ווערטער וועגן גלויבן, אַז משיח וועט קומען און אַז דאָס בית־המקדש וועט געבויט ווערען. — אין די סינאַגאָגען ווערט אדון עולם גע־זינגען מיט ספּעציעלע מעלאָדיעס יעדען פרייטאָג צו נאַכטס און יום־טוב ביינאַכט נאָך מעריב־דאַווענען. די יודישע מוזיקער ערליך („ליטורגישע בלעטער") און אי־דעלזאָן ברענגען פערשידענע אָנגנומענע מעלאָדיעס צום „אדון עולם".

ווער עס איז דער מחבר פון „אדון עולם" איז שווער פעסטצושטעלען. עס זענען פאַרהאַן טייל, וואָס האַלטען, אַז דער מחבר איז געווען דער גרויסער יו־דישער דענקער און דיכטער פון 11־טען יאָהרהונדערט רבי שלמה אבן גבירול. טייל גלויבען, אַז ער איז נאָך עלטער. יע־דענפאַלס, אין אַלע סידורים און כתב־יד, וואָס זענען געבליבען פון 4־טען י"ה איז דער „אדון עולם" שוין פאַרהאַן.

ביבליאָגראַפיע: „תולדות התפלה" פון עלבאָגען; צונץ: „סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע"; „אשכול" און אַנדערע יודישע ענציקלאָפּע־דיעס.

**אַדריאַבענע** דאָס איז געווען דער נאָמען פון אַ לאַנד ביים לינקען ברעג פון

טייך פרת אין אַזיען. אין דער יודישער געשיכטע איז דאָס דאָזיגע לאַנד באַקאַנט דערמיט, וואָס איינער פון די קעניגען, און אויך אַ קעניגין, וואָס האָבען געהערשט אין דאָזיגען לאַנד אין די לעצטע צייטען פון 2־טען בית־המקדש האָבען זיך מגייר געווען און זענען געוואָרען יודען. די דאָזיגע קעניגין איז באַקאַנט אין דער גמרא מיט'ן נאָמען „הילני המלכה". (משנה נזיר י"ט, בבא בתרא י"א), און דער קעניג האָט געהייסען מונבז (מאָנאַבאַז). גענוי די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי זיי האָבען זיך מגייר געווען ווערען מיר שרייבען ביי די שטיך־ווערטער „הילני" און „מונבז". דער יודישער היסטאָריקער אין יענער צייט יוסף פלאַוויוס דערצעהלט אין זיין „מלחמות היהודים" 2, 16, אַז מען האָט געוואָרענט די יודען ביי דער מלחמה געגען רוים, אַז זיי זאָלען נישט לעגען קיין האָפנונגען אויף די הילף פון זייערע גלויבענס־ברידער אין אַדיאַבענע. דערפון איז צו זעהן, אַז עס האָבען זיך מגייר געווען נישט נור די קעניגליכע פאַמיליע, נאָר אויך אַ סך אַנדערע איינוואוינער פון אַדיאַבענע. אין דער גמרא קידושין ע"ב הייסט דאָס דאָזיגע לאַנד „הדייב". מיר געפינען אויך אין דער גמרא מועד קטן כ"ח אמוראים מיט'ן נאָמען „זוגא דמן חדייב" („די פאָר פון חדייב"), אין דער גמרא בבא בתרא כ"ו ווערט דערמאָהנט אַ אמורא יעקב הדייבא („יעקב פון הדייב"). עס איז אויך פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז פון יענע גרים פון אַדיאַבענע האָט זיך פערשפרייט די יודישע רעליגיע אין אַרמעניען.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ: „געשיכטע" (די עפּאָכע פאַר'ן חורבן בית שני); „שבע חכמות שבתלמוד", שטיך־וואָרט „חדייב"; שירער: „געשיכטע"; אוצר ישראל: „חדייב".

**אַדיר במלוכה** ווי אויך „אדיר הוא" זענען צוויי פיוטים, וואָס געפינען זיך צום סוף פון דער „הגדה של פסח". זיי זענען צונויפגעשטעלט לויט דעם אַלף־בית. אין זיי ווערט אָנגעוויזען אויף דער גרויסקייט פון גאָט, און עס ווערט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז דאָס בית־המקדש וועט גיך געבויט ווערען („הוא יבנה ביתו בקרוב"). צו די דאָזיגע ביידע פיוטים זענען פאַרהאַן ספּעציעלע מעלאָדיעס, מיט וועלכע מען פלעגט זיי זינגען. טייל זאָגן אַרוים די מיינונג, אַז „אדיר הוא" איז איבערזעצט פון אַ אַלט יודיש־דייטש ליד.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר התפילה"; „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע; בערלינער: „ראַנדבעמערקונגען צום טעגליכען געבעט־בוך" (דייטש).

**אַדלער** דאָס איז דער פאַמיליען־נאָמען פון אַ גאַנצער רייה אָנגעזעהענע יודען, וואָס שטאַמען אַמייסטען פון דייטשלאַנד, און האָבען זיך בעזעצט אין ענגלאַנד און אַמעריקא. די אַדלער־פאַמיליע שטאַמט פון דער שטאָדט פראַנקפורט־אַם־מאַין. די לעגענדע זאָגט, אַז דעם נאָמען „אַדלער" האָט די פאַמיליע בעקומען דערפון, וואָס אין יאָהר 1616, ווען די יודען פון פראַנקפורט זענען געהאַט פערטריבען געוואָרען פון דער שטאָדט דורך דעם יודען־פיינד פעטמילך, האָט איינער פון דער דאָזיגער פאַמיליע בעקומען די ערלויבניש פון דייטשען קייזער פאַר אַלע יודען צוריקצוקעהרען אין שטאָדט; דער דאָזיגער יוד האָט אַריינמאַרשירט קיין פראַנקפורט מיט דער פאָהן פון קייזער, און אויף דער פאָהן איז געווען אויסגענייט דער קעניגליכער אָדלער. פון דעמאָלט אָן האָט מען דער

פאַמיליע אַ נאָמען געגעבען אַדלער. די אַדלער־פאַמיליע האָט אַרויסגעגעבען בעריהמטע באַנקירען (דער אַמעריקאַנער־יודישער באַנקיר יעקב שיף האָט אויך געשטאַמט פון דער זעלבער פאַמיליע), גרויסע רבנים, מקובלים און אויך מאָדערנע דענקער און שריפטשטעלער. עס זענען אויך פאַרהאַן פערזאָנען מיט'ן נאָמען אַדלער, וואָס שטאַמען נישט פון דער פראַנקפורטער פאַמיליע. וועגען די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער אַדלער־פאַמיליע שרייבען מיר אין בעזונדערע שטיך־ווערטער.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער אָבשטאַמונג פון דער אַדלער־פאַמיליע איז פאַרהאַן אין דער ענגלישער שפּראַך אַ ספּעציעלע אָבהאַנדלונג פון מ. נ. אַדלער: „דהי אַדלער פאַמילי“; אויך זענען פאַרהאַן ידיעות בײ דיעץ אין זיין „שטאַמבוך פון די פראַנקפורטער יודען“ (דייטש); יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַדלער אַלחנן** ער איז געבוירען געוואָרען אין לאָנדאָן אין יאָהר 1861. זיין פאָטער איז געוועזען דער בעריהמטער לאָנדאָנער רב הכולל ד״ר נתן אַדלער. אלחנן אַדלער איז בעריהמט דורך זיינע פאָרשונגען איבער די אַלטע העברעאישע כתב־יד'ן, וועלכע ער האָט ענטדעקט אויף זיינע פיל רייזעס אין מאַראָקאָ, אַלזשיר, עגיפּטען, סיריען, פּערסיען, באַלקאַנישע לענדער, און אויך אַנדערע לענדער. ער האָט צונויפגעזאַמעלט איבער 4000 כתבי־יד, וועגען וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1921 אַ ספּעציעלען קאַטאַלאָג. די זאַמלונג געפינט זיך איצט אין דער יודישער ביבליאָטעק פון טעאָלאָגישען שעכטער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. אַדלער האָט מחבר געוועזען אַ רייה וויכטיגע ביכער, צווישען וועלכע די וויכטיגסטע זענען „די נייע שומרונישע דברי הימים“ (אין פראַנצויזיש), „דאָקומענטען איבער די אנוסים“ (פראַנצויזיש), „איבער העברעאישע מאַנוסקריפּטען“ (ענגליש), ווי אויך זיין ווערק אין ענגליש „די יודען אין פערשידענע לענדער“. אַדלער איז געוועזען פון די גרינדער פון דער „חובבי־ציון“־חברה אין ענגלאַנד און ער אינטערעסירט זיך פיל מיט ארץ־ישראל. ער איז אויך מיטגליד פון אַ רייה יודישע חברות אין ענגלאַנד.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אשכול“.

**אַדלער אַלפרעד** (געבוירען אין יאָהר 1870). ער איז איינער פון די גרעסטע יודישע וויסענשאַפטס־מענער אין אונזער צייט, און איז בעריהמט אַלס אָריגינעלער פאָרשער אויפ'ן געביט פון פּסיכאָלאָגיע. ער האָט אָנגעשריבען אַ רייה ווערק אין דער דייטשער שפּראַך, און אַמבעריהמטעסטען זענען זיינע „שטודיע איבער מינדערווערטיגקייט“, „פּראַקטיק און טעאָריע פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע“ און „מענשענקענטנים“. אַדלער אַנאַליזירט די גייסטיגע צושטאַנדען פון מענש און ווייזט אויף, אַז דער מענש האָט פון זיינע יונגע יאָהרען אָן אַ נייגונג זיך אַרויסצווייזען אַלס „מעהר־ווערט“, ווי די געזעלשאַפט שאַצט איהם אָב. דער מענש פיהלט זיך נישט ריכטיג אָבגעשאַצט דורך דער וועלט; ער מיינט, אַז די וועלט האַלט איהם קלענער ווי ער איז באמת און אַז איהם געשעהט דאַדורך אַ גרויסע עולה. דער מענש בעמיהט זיך דעריבער „צו־להכעיס“ דער וועלט צו ווייזען, אַז ער איז גרעסער. דאָס זאָל זיין דער הויפּט־מאָטיוו פון אַ סך פערברעכענס. די אָנהענגער פון דער דאָזיגער „מינדערווער־

טינקייטס־קאָמפּלעקס''שיטה ווילען האָבען, אַז אויך אַ סך ערשיינונגען פון דער יודישער געשיכטע לאָזען זיך ערקלערען דורך דער דאָזיגער טעאָריע, נעמליך, ווייל די פעלקער האָבען די יודען געשאַצט מינדערווערטיג, האָט דאָס די יודען געהעצט און אַזוי אַרום ענטוויקעלט אין זיי דאָס געגען־געפיהל פון וועלען ווייזען די „איבער־ווערט''. די טעאָריע וועגען „אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע'' פון אַדלער האָט זיך ערוואָרבען אַ רוהם אויך אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט, און עס זענען ענטשטאַנען אַ גאַנצע רייהע ערציהונגס־אַנשטאַלטען, וואָס ווערען געפיהרט לויט דער דאָזיגער מעטאָדע.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע; יידישער לעקסיקאָן (דייטש); ריהלע גערסטעל: „פּרויד און אַדלער" (דייטש); שפּערבער: „אַלפרעד אַדלער".

**אַדלער הערמאַן** (נפתלי הירש, 1839—1911). ער געווען רב הכולל (אָבער־רבינער) אין ענגלאַנד און האָט זיך ערוואָרבען גרויס רוהם מיט זיין טעטיגקייט צו פערבעסערען די יודישע לאַגע אויך אין אַנדערע לענדער, בעזונדערס אין רוסלאַנד אין דער צייט פון די רדיפות אויף יודען דורך דער ממשלה פון צאַר.

ד''ר הערמאַן אַדלער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1839 אין דייטשלאַנד אין דער שטאָדט האַנאָווער. זיין פאָטער איז געווען רבי נתן אַדלער. ווען הערמאַן אַדלער איז אַלט געווען 6 יאָהר, איז זיין פאָטער געוואָרען אויסגעוועהלט אַלס רב הכולל אין ענגלאַנד, און האָט זיך בעזעצט אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. הערמאַן איז ערצויגען געוואָרען אין שטרענג־יודישער טראַדיציע, ער האָט געענדיגט די אוניווערזיטעט אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט בעקומען זיין דאָקטאָר־טיטול. זיין היתר־הוראה האָט ער בעקומען פון בעריהמטען יודישען געלעהרטען רבי שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי''ר) רב אין פּראָג. אין יאָהר 1890 איז ד''ר הערמאַן אַדלער געוועהלט געוואָרען אַלס רב הכולל אין ענגלאַנד אויפ'ן אָרט פון זיין פאָטער, וועלכער איז דעמאָלס געשטאָרבען. אַדלער איז געווען איינער פון די הויפּט־פיהרער פון יודישען קאָמיטעט צו העלפען די רוסישע יודען און פלעגט דורך דעם ענגלישען הויף פיל משתדל זיין צו פערבעסערען די לאַגע פון די יודען אין רוסלאַנד. ער האָט אויך אַרויסגעוויזען גרויסע סימפּאַטיעס צו דער „חובבי־ציון''־בעוועגונג און ער האָט אויך בעזוכט ארץ־ישראל. אַדלער האָט אויך געשריבען אַ רייהע אָבהאַנדלונגען איבער די יודישע פילאָזאָפיע אין מיטעלאַלטער און בעזונדערס וועגען רבי שלמה אבן גבירול. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1911.

ביבליאָגראַפיע: ציטראָן: „לעקסיקאָן ציוני"; אוצר ישראל; אשכול; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַדלער יעקב** (1855—1926). ער איז געווען אַ בעריהמטער יודישער אַרטיסט, און האָט געהערט צו די ערשטע אַרטיסטען, וואָס האָבען געשפּילט פּיעסען אין דער יודישער שפּראַך און האָט פיל מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון יודישען טעאַטער. יעקב אַדלער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1855 אין אָדעס. ווען דער גרינדער פון ערשטען יודישען טעאַטער אַברהם גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט זיין יודישע טרופּע, איז אויך יעקב אַדלער צוגעשטאַנען צו איהר. דאָס איז געווען אין יאָהר 1877. ער איז אויפגעטרעטען פון דעמאָלס אָן אויף דער יודישער ביהנע אין רוסלאַנד, רו־

מעניען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, לאָנדאָן. אין יאָהר 1888 איז ער אַוועק קיין אַמעריקאַ, און פון דעמאָלס אָן האָט ער געשפּילט אין פערשידענע אַמעריקאַניש־יודישע טעאַטערן. אַממייסטען האָט יעקב אַדלער געשפּילט דראַמאַטישע ראָלען, בעזונדערס אין די פּיעסען פון יעקב גאָרדין. אַ דאַנק אַדלער'ן זענען גאָרדינס פּיעסען אויפגענומען געוואָרען אין דער אַמעריקאַניש־יודישער טעאַטער־וועלט. אַדלער איז געשטאָרבען אין ניו־יאָרק אין יאָהר 1926. אויך אַדלער'ס קינדער און אייניקלעך זענען בעקאַנט אַלס אַרטיסטען אויף דער יודישער ביהנע.

ביבליאָגראַפיע: גאָרין: „געשיכטע פון יודישען טעאַטער"; זילבערצווייג: „לעקסיקאָן פון יודישען טעאַטער".

**אַדלער יעקב** (געבוירען אין יאָהר 1877). דאָס איז דער נאָמען פון איינעם פון די פּאָפּולערסטע יודישע פעליעטאָנען־שרייבער אין אַמעריקאַ, וועלכער איז בעקאַנט מיט זיין פּסעוודאָנים „ב. קאָוונער". אַדלער איז געבוירען געוואָרען אין גאַליציען, וואו ער האָט בעקומען אַ רעליגיעזע ערציהונג. אין עלטער פון 17 יאָהר איז ער אַוועק קיין אַמעריקאַ, וואו ער האָט צוערשט געאַרבייט אַלס איינפאַכער אַרבייטער אין אַ פאַבריק. אין עלטער פון 20 יאָהר האָט ער אָנגעהויבען שרייבען לידער און פעליעטאָנען אין יודישע צייטונגען און זשורנאַלען אין אַמעריקאַ. זיינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען אין דער יודישער טאָג־צייטונג אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", וועלכע אַדלער פערעפענטליכט אונטער דעם פּסעוודאָנים „ב. קאָוונער", האָבען איהם ערוואָרבען גרויס פּאָפּולאַריטעט. אַדלער האָט אויך רעדאַגירט אַ געוויסע צייט די הומאָריסטישע זשורנאַלען „דער גרויסער קיבוצער", „דער קונדס", און האָט אויך אַרויסגעגעבען אין ביכער־פאָרם 2 בענדער „פרעהליכע מינוטען". אַדלער פּלעגט אויך שרייבען אונטער אַנדערע פּסיידאָנימס, ווי „קהלת", „דער לץ" א. אַנד.

ביבליאָגראַפיע: גאָלדבלאַט אין „אַלגעמיינע אילוסטרירטע ענציקלאָפּעדיע" (יודיש); רייזען: „לעקסיקאָן" (יאָהר 1926).

**אַדלער נתן** (1803—1890). דאָס איז דער בעריהמטער רב הכולל אין ענגלאַנד, מחבר פון אַ גאַנצער רייה ווי־סענשאַפטליכע ספרים. רבי נתן אַדלער איז געבוירען געוואָרען אין דייטשלאַנד אין יאָהר 1803. דעמאָלס איז געווען אין דייטשלאַנד דער גרויסער קאַמף צווישען דער אַסימילאַציע־בעוועגונג, וואָס האָט אינגאַנצען אַוועקגעריסען די יודישע יוגענד פון יודענטום, און דער פרומער אָרטאָדאָקסיע. רבי נתן אַדלער איז געווען פון די ערשטע געצעהלטע יודישע בחורים אין דייטשלאַנד, וואָס האָבען דעמאָלס געלערענט אַלגעמיינע וויסענשאַפטען און זאָגאַר געענדיגט אוניווערסיטעט מיט דאָקטאָר־טיטולען און גלייכצייטיג געלערענט תלמוד און פּוסקים און אויפגעפיהרט זיך פרום.

רבי נתן אַדלער איז צוערשט געווען רב אין אַ רייה דייטשע שטעדט, און אין יאָהר 1845 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס רב הכולל (אָבער־ראַבינער) אין לאָנדאָן. אין ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען די ברייטע טעטיגקייט פון אַדלער צו פעראייניגען די מאָדערנע פרומע יודען און ער האָט געשאַפען פון אַלע שוהלען איין גרויסע געמיינדע מיט'ן נאָמען „יונייטעד סינאַגאָג" („די פעראייניגטע סינאַגאָגע"). אַדלער איז אויך

אַרויסגעטרעטען מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען די רעפאָרם־ראַבינערס אין דייטשלנד, וואָס האָבען איינגעפיהרט רעפאָרמען אין דער יודישער רעליגיע. אַדלער האָט אויך פיל מיטגעווירקט פאַר די גלייכבערעכטיגונג פון די יודען אין רומעניען און אויך פאַר די יודען אין ארץ־ישראל. ער האָט אויך געגרינדעט דעם לעהרער־ און רבנים־סעמינאַר אין ענגלאַנד.

אַדלער האָט געשריבען אַ גאַנצע רייה ווערק אין העברעאיש און ענגליש, צווישען זיי אויך הלכה־ספרים, אָבער אַמבעריהמטעסטען איז געוואָרען זיין פירוש צום „תרגום אונקלוס" מיט'ן נאָמען „נתינה לגר" (דער נאָמען איז, לויט דעם בעקאַנטען פסוק אין חומש, אַן'אָנדייטונג אויף דעם נאָמען פון מחבר „נתינה"— „נתן", און „לגר", ווייל ווי בעוואוסט איז אונקלוס געווען אַ גר!). דאָס ווערק איז געדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט'ן חומש אין ווילנא יאָהר 1875, און אויך 1903. אין דאָזיגען ווערק פיהרט רבי נתן אַדלער אַדורך אַ גרינדליכען שטודיום איבער דער גאַנצער אַראַמעאישער איבערזעצונג פון חומש, וואָס איז בעקאַנט אַלס „תרגום אונקלוס", און ער ווייזט אָן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פשוט'ע איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פאַר די, וועלכע האָבען נישט פערשטאַנען העברעאיש, נאָר אַז דאָס איז געווען אַ פירוש צום חומש. בעזונדערס האָט אַדלער געוואָלט בעווייזען, אַז אָרמעטום, וואו מיר זעהן, אַז דער „תרגום" איז אַנדערש ווי עס שטעהט אין פסוק אין חומש, בעדייט דאָס נישט, אַז דער תרגום האָט געהאַט אַן'אַנדערען נוסח אין חומש, נאָר אַז דער תרגום האָט געוואָלט אזוי איינטייטשען דעם פסוק. — רבי נתן אַדלער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1890. זיין זוהן ד"ר הערמאַן אַדלער איז געוואָרען נאָך איהם רב אין ענגלאַנד.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: הקדמה צום ספר „כתינה לגר"; ציטראָן: „לעקסיקאָן ציוני"; יודישענגלישע ענציקלאָפּעדיע; אשכול.

## אַדלער נָתָן בן שמעון הכהן

(1741—1800). ער איז געווען איינער פון די גרעסטע לומדים און מקובלים און ישיבה־פיהרער אין דייטשלאַנד אין 18־טען יאָהרהונדערט. רבי נתן אַדלער איז געבוירען געוואָרען אין פראַנקפורט אַם מאַין אין יאָהר תק"א (1741) און שוין אַלס יונגעל האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין לערנען. עס ווערט דערצעהלט וועגען איהם, אַז ווען ער איז אַלט געווען 8 יאָהר, האָט ער שוין געלערענט ביים גרויסען גאון אין יענער צייט רבי יעקב יהושע מחבר פון „פני יהושע". זיין הויפּט־רבי איז געווען דער פראַנקפורטער ראש בית־דין רבי דוד טעבעלי שיף, מחבר פון ספר „לשון זהב", וועלכער איז דערנאָך געוואָרען רב הכולל אין לאָנדאָן.

ווען רבי נתן אַדלער איז אַלט געוואָרען 20 יאָהר, איז ער געוואָרען בעריהמט אין פראַנקפורט און אויך אין אַנדערע דייטשע געגענדען אַלס גרויסער למדן און אויך אַלס מקובל. ער האָט דעמאָלס געגרינדעט אין פראַנקפורט אַ ישיבה, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען גרויסע לומדים. צו די תלמידים פון דער ישיבה האָבען געהערט רבי אברהם בינג (ווירצבורגער רב) ווי אויך רבי משה סופר, דער בעריהמטער פּרעשבורגער גאון מחבר פון „חתם סופר". רבי נתן האָט אין פראַנקפורט געפּרובט איינפיהרען דעם וועג פון חסידות, אָבער

דאָס איז געווען גאַנץ אונאַבהענגיג פון דער חסידישער בעוועגונג, וואָס איז דעמאָלס ענטשטאַנען דורך רבי ישראל בעל שם אין אוקראַאינא און פוילען. רבי נתן האָט נור איינעפיהרט צו דאַוונען ביי זיך אין שטוב אַ בעזונדערען מנין, געענדערט דעם „נוסח אשכנז" פון סידור אויף „נוסח ספרד", און דאָס דאַוונען איז געווען לויט די כוונות פון גרויסען מקובל רבי יצחק לוריא (האר"י). ווי עס ווערט דערצעהלט האָט רבי נתן אַדלער און זיינע אַנהענגער געפּרובט איינפיהרען נאָך אַנדערע משונה'דיגע מנהגים, ווי למשל, אַז אויך די פרויען זאָלען טראָגען ציצית, און פערשידענע פרומע חומרות. זיי זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען זיך גענומען אָבשיידען פון די אַנדערע פראַנקפורטער יודען, און האָבען ערקלערט, אַז די איבריגע יודען זענען זיך נישט נוהג לויט דער יודישער רעליגיע, און מען טאָר נישט עסען ביי זיי און זיך נישט מתחתן זיין מיט זיי.

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע מחלוקה אין פראַנקפורט. די אַנגעזעהענע יודישע פיהרער פון דער פראַנקפורטער קהלה צוזאַמען מיט דעם דעמאָלסטיגען רב אין פראַנקפורט, דעם גאון רבי פנחס הורוויץ, מחבר פון „הפלאה", וועלכער האָט זיך אויך נוהג געווען לויט דעם חסידישען וועג, — זענען אַרויסגעטרעטען זעהר שאַרף געגען רבי נתן אַדלער און זיינע חסידים. עס איז שפּעטער (אין יאָהר תקמ"ט) ערשינען אויף העברעאיש אַן אַנאָנימע בראָשור געגען רבי נתן אַדלער און זיינע אַנהענגער; די בראָשור הייסט „מעשה תעתועים". דער מחבר דערפון זאָל האָבען געווען דער למדן לייב וועדלאַר פון פראַנקפורט. ער רופט אָן רבי נתן אַדלער און זיינע חסידים „אנשי מרמה" (שווינדלער). די מחלוקה איז געוואָרען אַזוי שאַרף, אַז אין יאָהר תקל"ט האָט מען רבי נתן'ען געלעגט אין חרם. רבי נתן איז געלעגען אין חרם עטליכע יאָהר, ביז ער איז אין יאָהר תקמ"ג ענטלאָפען פון פראַנקפורט קיין באָסקוויץ, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב. צוזאַמען מיט רבי נתן'ען איז דעמאָלס אַוועק קיין באָסקוויץ זיין תלמיד, דער יונגער משה סופר, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער בעריהמטער גאון, דער חתם סופר. דאָס איז געווען די ערשטע פּראָבע איינצופיהרען דעם וועג פון חסידות און קבלה אין דייטשלאַנד, און זי האָט זיך נישט איינגעגעבען. איהר פיהרער, רבי נתן האָט געמוזט ענטלויפען.

אָבער אויך אין באָסקוויץ האָט ער קיין מנוחה נישט געהאַט. רבי נתן איז געווען אַ שטאַרקער מחמיר אין די הלכות פון טריפות, און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען איהם פערמסר'ט פאַר דער רעגירונג. אין יאָהר תקמ"ז איז ער אַוועק פון באָסקוויץ און האָט זיך צוריק בעזעצט אין פראַנקפורט, וואו ער האָט ווידער געעפענט זיין ישיבה און ווידער אַנגעהויבען צו פיהרען זיין דרך החסידות. די פיהרער פון דער קהלה האָבען נאָכאַמאָל בענייט זייער חרם. אַזוי האָט זיך עס געצויגען אַ לאַנגע צייט. אין יאָהר תק"ס (1800) אין כ"ז אלול איז רבי נתן געשטאָרבען. פאַר זיין טויט האָבען די קהלה־פיהרער פון פראַנקפורט אַראָבגענומען פון איהם דעם חרם. דער פראַנקפורטער רב אַליין רבי פנחס הורוויץ האָט איהם מספיד געווען. עס האָבען געהאַלטען איבער איהם הספדים אויך אַנדערע רבנים פון יענער צייט און בע־

זונדערס זיין תּלמיד רבי משה סופר, וועלכער שרייבט אויף זיין רבי, אַז דאָס איז געווען אַ „איש אלהים“ (געטליכער מאַן) און אַז ער איז דערגאַנגען צום „תּכלות החסידות והפּרישות“ („העכסטען ציעל פון חסידות און פּרישות“). רבי משה סופר דערצעהלט פון איהם אויך מופתים. רבי נתן אַדלער איז אויך געווען אַ גרויסער עניו, און האָט געהאַט אַ זעהר גוטען כאַראַקטער און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, פלעגט ער אוועקגעבען. קיין חידושי תורה האָט ער נישט איבערגעלאָזט, נאָר ערשט פיל שפּעטער האָט רבי צבי בנימין אויערבאַך אַרויסגעגעבען הגהות צו דער משנה פון רבי נתן אַדלער אונטער דעם נאָמען „משנת רבי נתן“ (פראַנקפורט תרכ״ב). האָראָוויץ אין זיין בוך „די פראַנקפורטער ראַבינער“ ווייזט נאָך אָן, אַז אַ סך פון די הגהות זענען נאָר פון רבי נתן'ס רבי, דעם דערמאָהנטען רבי דוד טעבעלי שיף. אין די ספרים פון „חתם סופר“ ווערען געבראַכט חידושים אין הלכה און אגדה פון רבי נתן אַדלער. מיט'ן טויט פון רבי נתן האָט זיך געענדיגט דער פּרוב אָנצוהויבען אַ גרויסע חסידות־בעוועגונג אין דייטשלאַנד אין 18־טען יאָהר־הונדערט.

ביבליאָגראַפיע: אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגען רבי נתן אַדלער איז ערשינען אין יאָהר תרפ״ח „דרך הנשר“; אויערבאַך אין דער הקדמה צו „משנת רבי נתן“; שלמה סופר אין זיין ביאָגראַפיש ספר „חוט המשולש“; האָראָוויץ אין זיין דייטש בוך „פראַנקפורטער ראַבינער“; „אשכול־ענציקלאָפּעדיע“.

**אַדלער סיירוס** (געבוירען אין יאָהר 1863 אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ). ער איז היינט איינער פון די אָנגעזעהענסטע יודישע כלל־טוער און אויך בעקאַנט אַלס געלעהרטער און פאָרשער פון יודישער וויסענשאַפט. סיירוס (כורש) אַדלער האָט אין זיינע יוגענד־יאָהרען דורכגעמאַכט זיין אוניווערסיטעט־שטודיום אין דער שטאָדט באַלטימאָרע (אַמעריקאַ). פון יאָהר 1892 ביז יאָהר 1905 איז ער געווען ביבליאָטעקאַר אין דעם בעריהמטען וויסענשאַפטליכען סמיטסאָן־אינסטיטוט אין וואַשינגטאָן. אַדלער האָט אויך רעדאַגירט די אָבטיילונג פון דער געשיכטע פון יודען אין אַמעריקאַ אין דער גרויסער יודיש־ענגלישער (דזשואיש) ענציקלאָפּעדיע. פון יאָהר 1909 האָט אַדלער אויך רעדאַגירט דעם בעריהמטען זשורנאַל פאַר יודישער וויסענשאַפט אין ענגליש „דזשואיש קוואָרטערלי רעוויו“. ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער יודישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, און האָט אויך רעדאַגירט אַ געוויסע צייט דאָס אַמעריקאַנער יודישע יאָהר־בוך אין ענגליש.

אַדלער האָט זיך פיל אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די יודען אויך אין אַנדערע לענדער. ווען עס איז אין יאָהר 1903 פאָרגעקומען אין רוסלאַנד דער קעשענעווער פּאָגראָם, איז אַדלער אַרויסגעטרעטען אין אַמעריקאַ מיט זיין בוך אין ענגליש „די שטימע פון אַמעריקאַ וועגען קעשענעוו“ (געדרוקט אין יאָהר 1904). אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה איז אַדלער געווען איינער פון די הויפּט־פיהרער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט“, וואָס האָט געהאָלפען פיל די יודען אין די מזרח־לענדער. לעצטענס איז אַדלער איינער פון די הויפּט־מיטגלידער פון דער יודישער אַגענץ פאַר אויפבויען די יודישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. אַדלער איז איצט רעס־

-טאָר פון יודיש-טעאָלאָגישען סעמינאַר אין ניויאָרק.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל"; יודישער לעקסיקאָן (דייטש); „אשכול".

**אַדלער פעליקס** (געבוירען אין יאָהר 1851), ער איז דער גרינדער פון דער בעריהמטער רעליגיעז-עטישער געזעלשאַפט אין אַמעריקא „עטיקאַל קולטשור" („עטישע קולטור"), וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו פעראייניגען די יודען און קריסטען אין איין רעליגיע, און דער יסוד פון דער דאָזיגער רעליגיע זאָלען זיין נור עטישע אָנשויאונגען און מעשים, אָהן שום אַנדערע רעליגיעזע עקרי-אמונה. אַדלער'ס פאָטער איז געוואָרען דער רעפאָרם-ראַבינער סעמועל אַדלער פון „עמנואל"-טעמפעל אין ניו-יאָרק. זיין פאָטער האָט געוואָלט אויך דעם יונגען זוהן זיינעם, פעליקס, ערציהען אַלס רעפאָרם-ראַבינער און ער האָט איהם צו דעם ציל געשיקט לערנען אין א ראַבינער-שולע. אָבער אַדלער האָט נאָכ'ן ענדיגען די ראַבינער-שולע און אוניווערסיטעט ערקלערט, אַז זיינע איבערצייגונגען ערלויבען איהם נישט צו זיין ראַבינער, ווייל ער גלויבט נישט אין די „עקרי-אמונה" פון דער יודישער אמונה; דאַגעגען האָט ער אין יאָהר 1876 געגרינדעט די דערמאָהנטע עטיש-קולטורעלע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך ערוואָרבען א גרויסע צאָהל סימפּאַטיקער. אַדלער האָט געשריבען פיל אָבהאַנדלונגען איבער פּעדאַגאָגיק ווי אויך איבער יודישע געשיכטע און יודישע עטיק.

ביבליאָגראַפיע: יודיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל"; „אשכול"; יודישער לעקסיקאָן (דייטש).

**אָדָם הָרִאשׁוֹן** („דער ערשטער מענש"). אין חומש בראשית ווערט דערצעהלט דער בעקאַנטער ספור המעשה, ווי אַזוי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט און אַלע בעשעפענישען און אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט ער בעשאַפען דעם ערשטען מענש אין דער וועלט און האָט איהם א נאָמען געגעבען „אדם". דערנאָך איז בעשאַפען געוואָרען די ערשטע פרוי אויף דער וועלט „חוה". ביידע זענען געווען אין גן-עדן, נאָר זיי האָבען זיך געלאָזט אָנרעדען פון דער שלאַנג, אַז זיי זאָלען עובר זיין אויף גאָט'ס געבאָט, וועלכער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען נישט עסען פון „עץ-הדעת". זיי האָבען יאָ געגעסען און דעריבער האָט זיי גאָט פערטריבען פון גן-עדן און זיי פערשאָלטען, אַז זיי וועלען מוזען שטאַרבען און אַז כדי צו האָבען ברויט צו עסען, וועלען זיי מוזען אַרבייטען. אדם און חוה האָבען געהאַט דריי זיהן: קין, הבל און שת. אדם האָט געלעבט 930 יאָהר און איז געשטאָרבען.

דאָס איז דער קיצור פון דעם סיפור המעשה, וואָס ווערט דערצעהלט אין חומש וועגען „אדם". אָבער די מאָדערנע פאָרשער פון תנ"ך, ווי קעניג, גונקעל, מיינהאָלד און די פיל אַנדערע מאָדערנע קאָמענטאַטאָרען (מפרשים) פון חומש, האָבען געפּרובט אַרויסזאָגען פערשידענע מיינונגען וועגען דעם סיפור פון אדם. צוערשט ווערען אַרויסגעזאָגט השערות וועגען דעם, פון וואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט „אדם". אין חומש בראשית (ב' ז') ווערט געזאָגט, אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענש פון „אדמה", דער ערד, „ויהי האדם לנפש חיה" („און דער מענש איז געווען א לעבעדיג בעשעפעניש"), דערפון לערנט דער-

מדרש רבה אין בראשית, אז דער נאָמען „אדם" שטאַמט פון העברעאישען וואָרט „אדמה" (ערד), ווייל דער ערשטער מענש איז בעשאַפען געוואָרען פון דער ערד. דער געלעהרטער דעליטש ווייל האָבען, אז דאָס שטאַמט פון דער אַלטער אַסירישער שפּראַך, וואו „אדם" איז דער טייטש „דער געבוירענער". א חוץ דעם זאָגען טייל מאָדערנע תנ"ך־קריטיקער אַרויס זייער מיינונג, אז אין חומש זעלבסט זענען פאַרהאַן צוויי נוסחאות וועגען דער שאַפונג פון אדם הראשון: דער ערשטער נוסח איז אין בראשית קאַפּיטעל א', וואו עס ווערט דערצעהלט, אז גאָט האָט באַלד בעשפען אדם און חוה'ן (זכר ונקבה ברא אותם"), און דער צווייטער נוסח איז דאָס קאַפּיטעל ב', וואו עס הייבט זיך אָן אויפסניי דער סיפור מיט דער בעשאַפונג פון אדם און דעם גן־עדן און דער שאַפונג פון חוה'ן פון אדם'ס א ריפּ. אַנדערע געלעהרטע, ווי יערעמיאַס, לאַנגדאָן און אַנדערע ווילען גאָר האָבען, אז די אַמאָליגע יודען האָבען זייער סיפור וועגען דער בעשאַפונג פון אדם צוזאַמען מיט'ן סיפור וועגען דער פערטרייבונג פון גן־עדן, גענומען פון די אַלטע לעגענדעס אין בבל און אויך ביי אַנדערע פעלקער.

דער אמת איז, אז די אַלע מיינונגען זענען נישט מעהר ווי השערות און קיין זיכערע בעווייזען איז פאַר זיי נישט פאַרהאַן. איבערהויפּט איז שוין אויך ביי די אַלטע פילאָזאָפען אין גריכענלאַנד געווען די מיינונגס־פערשידענהייט וועגען דער נאַטור און כאַראַקטער פון ערשטען מענש, נעמליך, צי די מענשהייט איז אין די גאָר אַלטע צייטען געשטאַנען זעהר הויך און זי איז נאָכהער געוואָרען אָראָבגעפאַלען, „דעפּראַווירט", אָדער די מענשהייט איז אין איהרע ערשטע צייטען געווען זעהר נידריג און זי פּראָגרעסירט כסדר, זי ווערט ענטוויקעלטער, העכער. דער סיפור פון אדם אין גן־עדן איז אין גייסט פון דער מיינונג, אז דער מענש איז אין זיינע אור־צייטען געשטאַנען העכער, און דערנאָך איז פּאַרגעקומען מיט איהם א ירידה, און אז דער מענש אַליין איז שולדיג אין זיין אַראָבפאַלען.

אין דער גמרא און מדרש זענען פאַרהאַן זעהר פיל ווערטער און דרשות, וואָס זענען פערבינדען מיט אדם הראשון. די גמרא סנהדרין ל"ז זאָגט, אז דעריבער האָט גאָט געשאַפען נור איין מענש, און נישט באַלד מיטאַמאָל א סך מענשען, כדי צו לערנען, אז „כל המאבד נפש אחת", אז איינער ברענגט־אום אפילו נאָר איין מענש, איז „כאילו איבד עולם מלא", ווי ער וואָלט אומגעבראַכט א גאַנצע וועלט. די תוספתא אין סנהדרין פּרק ח' זאָגט, אז דעריבער האָט גאָט געשאַפען נאָר איין מענש, און פון איהם זאָל אַרויסקומען די גאַנצע וועלט, — כדי „שלא יהיו משפחות מתגרות זו בזו", עס זאָלען נישט זיין קיין יחסנים, און איין פאַמיליע זאָל נישט זאָגען, אז זי קומט אַרויס פון א בעסערען מענש. אין דער גמרא פּסחים נ"ד ווערט געזאָגט, אז אדם הראשון איז געווען דער, וואָס האָט ערפונדען די קונסט אַרויסצובעקומען פייער דורך רייבען צוויי שטיינער. אין מדרש בראשית רבא כ"ד ווערט געזאָגט, אז אדם הראשון האָט געקאָנט אַלע מלאכות און ער האָט עס אויסגעלערענט זיינע קינדער. דער גאַנצער געדאַנק, אז אדם הראשון איז בעשאַפען געוואָרען פון דער ערד, און ווען דער מענש שטאַרבט געהט ער צוריק צו דער ערד, דער „כי עפר אתה ואל עפר תשוב".

וואָס איז פאַרהאַן אין חומש בראשית ג׳, האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס נישט נור אויף די פערשידענע דרשות אין דער גמרא, נאָר אויך אויף די יודישע תפילות פון אַ גאַנץ יאָהר און בעזונדערס אין די סליחות און פיוטים פון ראש השנה און יום־כיפור. אין אייננער פון די הויפט־תפילות ראש השנה און יום־כיפור, אין „ונתנה תוקף", ווערט ספּעציעל אָנגעוויזען אויף דעם „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", דער אָנהויב פון מענש איז געווען די ערד, און ער געהט צוריק צו דער ערד, און עס ווערט אויסגעדריקט דער גאַנצער פילאָזאָפישער חשבון־הנפש פון דער נישטיגקייט פון מענש׳ס לעבען. וועגען די אַנדערע ווערטער און דרשות פון דער גמרא און מדרש וועלען מיר נאָך שרייבען ביי די שטיך־ווערטער „גן־עדן", חוה, „נחש הקדמוני", עץ הדעת".

אין די שפּראַכען גריכיש און לאַטיין זענען פאַרהאַן זייט אַלטע צייטען צוויי נוסחאות פון אַ אַפּאָקריף (אַ הייליג בוך פון דער נאָך־תנ"ך־צייט), וואָס בעשרייבט דאָס לעבען פון אדם און חוה. אויף לאַטיין הייסט עס „וויטא אדע" („דאָס לעבען פון אדם"). מען האָט אויך געפונען אַנ׳אַנדערען נוסח פון אַזאַ „אדם־בוך" אין דער אַלט־סלאַווישער שפּראַך; דאָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך טיכאָנראַוואָוו אין די „פּאַמיאַטניקי אָטרעטשאָננאַי רוסקאַי ליטעראַטורי" 1863. די דאָזיגע „אדם־ביכער" זענען אַ זאַמלונג פון אַלטע לעגענדען וועגען אדם און חוה און זייער תשובהטהון, עס ווערט אָנגעוויזען, אַז אַ סך פון די דאָזיגע לעגענדען געפינען זיך אין די יודישע אגדות. עס זענען אָבער פאַרהאַן בעווייזען, אַז אַ סך פון די לעגענדעס זענען צוגעגעבען געוואָרען דורך קריסטען. אין העברעאיש איז עס נישט פאַרהאַן.

עס איז אויך צו בעמערקען, אַז אויף דעם פסוק „זה ספר תולדות אדם" זאָגט די גמרא אין סנהדרין ל"ח, אַז גאָט האָט געוויזען צו אדם הראשון „דור דור ודורשיו", די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט, וואָס וועט אַלץ פאָרקומען. אין דער גמרא בבא מציעא פ"ה ווערט געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ ספר „ספרא דאדם הראשון", וואו עס איז געווען בעשריבען די גאַנצע געשיכטע, וואָס ווערט אַלץ פאָרקומען מיט יעדען מענש. טייל מקובלים זאָגען, אַז דעם בעקאַנטען קבלה־ספר רזיאל המלאך האָט געשריבען אדם הראשון.

פון אדם הראשון׳ס נאָמען איז אין העברעאיש געוואָרען דאָס וואָרט „אדם" אַלס בעצייכנונג פאַר יעדען „מענש". אין לשון רבים ווערט אויך בענוצט אויף מענשען „בני אדם" („מענשענס־זיהן"). אין די נביאים געפינען מיר אויך אין לשון יחיד דעם אויסדרוק „בן אדם" (אָממייסטענס אין יחזקאל). אין דער גמרא בבא מציעא קי"ד ווערט געזאָגט, אַז מיט דעם וואָרט „אדם" מיינט מען נור יודען. אָבער אין אַנדערע ערטער פון דער גמרא געפינען מיר, אַז אויך נישט־יודען האָבען געהייסען אדם (עבודה זרה ג׳ אין תוספות).

דער ספור פון אדם הראשון האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אויך אין אַנדערע רעליגיעס, נעמליך אין דער קריסטליכער רעליגיע און ביי די מאַכמעדאַנער. אין דער קריסטליכער רעליגיע איז דער חטא, וואָס אדם הראשון איז בעגאַנגען דורך עסען פון עץ־הדעת, דער הויפּט־גרונד פון דער גאַנצער טעאָלאָגיע. די קריסטליכע רעליגיע לערענט נעמליך, אַז

דער חטא פון אדם, וועלכער איז געווען א „טויט־זינד", און עס קומט פאר איהם אייביגער טויט, — ליגט אויף יעדען מענש, און אז דער גרינדער פון קריסטענטום איז געקומען אויסלייזען די מענשען פון דאָזיגען „חטא הקדמוני" („אור־זינד"). — אויך אין דעם הייליגען ספר פון דער מאכמעדאנישער רעליגיע, אין „קאָראַן" ווערען דערצעהלט פיל לעגענדעס וועגען אדם־הראשון, וועלכער ווערט פערדרעכענט אלס איינער פון די מאכמעדאנישע הייליגע. דער יודישער געלעהרטער אברהם גייגער ווייזט אויף, אז א סך מאכמעדאנישע לעגענדעס וועגען אדם הראשון זענען ענטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אלטע יודישע אגדות.

לויט דער יודישער טראדיציע איז דער קבר פון אדם־הראשון און חוה אין דער „מערת־המכפלה" אין חברון, וואו עס ליגען אויך די אבות, אברהם, יצחק ויעקב און די אמהות שרה, רבקה, לאה. דער מדרש בראשית רבא נ"ח זאָגט, אז אדם־הראשון איז געווען צו־גרויס, און כדי איהם צו קאָנען קובר זיין אין דער מערת־המכפלה, האָט גאָט איינגעבויגען זיין קערפער. אין פרקי דרבי אליעזר" פרק ל"ו ווערט דערצעהלט, אז ווען אברהם אבינו האָט געוואָלט נעהמען דעם אָקס צו שעכטען פאר דער סעודה פון די מלאכים, איז דער אָקס פון איהם ענטלאָפען, און אברהם אבינו האָט איהם נאָכגעיאָגט, ביז ער איז אריין אין דער מערת־המכפלה, און דאָרט האָט ער געזעהן, ווי „אדם וחוה שוכבים על המטות וישנים ונרות דולקים עליהם וריח נחוח", אדם און חוה שלאָפען אויף די בעטען און ליכט ברענען און א געשמאַקער ריח, — דעריבער האָט אברהם אויסגעוועהלט פאר זיך די מערת־המכפלה אלס קבר.

אין די לעצטע צייטען זענען געווען טייל רעליגיעזע דענקער, וואָס האָבען זיך בעמיהט אויסצוגלייכען דעם סיפור פון חומש וועגען דער שאַפונג פון ערשטען מענש, און דער מיינונג פון דער ביאָלאָגישער וויסענשאַפט, ספעציעל פון גרויסען געלעהרטען דארווין, אז דער מענש איז ענטשטאַנען און ענטוויקעלט געוואָרען פון אַנדערע בעשעפענישען, און אַז אין די אור־אַלטע צייטען איז דער מענש געווען עהנליך צו אַ מאַלפּע. די דאָזיגע רעליגיעזע געלעהרטע ווילען האָבען, אַז דאָס זאָל זיין דער זין פון מדרש אין בראשית רבה פרק י"ד אויפ'ן פסוק „ויהי הדם לנפש חיה, מלמד שעשה לו עוקץ כחיה, וחזר ולקח ממנו" („אַז גאָט האָט צוערשט בעשאַפען דעם מענש מיט אַ וויידעל, ווי ביי אַ חיה, נאָר דערנאָך האָט ער ביי איהם דאָס צוגענומען"). דער בעקאַנטער רב און מפרש פון משניות רבי ישראל ליפשיץ מחבר פון „תפארת ישראל" וויל אין זיין דרוש „אור החיים", וואָס איז געדרוקט צום סוף פון זיין פירוש צום סדר נזיקין, — בכלל אויסגלייכען דעם סיפור פון חומש וועגען דער וועלט־שאַפונג מיט די נייע וויסענשאַפטליכע מיינונגען פון ביאָלאָגיע און געאָלאָגיע.

ביבליאָגראַפיע: „פרוש מדעי" צום ספר בראשית פון אברהם כהנא; די פירושים אויף דייטש צום חומש פון דילמאַן, קעניג, גונקעל; לאַנגדאָן: „די סומערישע עפּיק וועגען גן־עדן" (אין ענגליש); גרינבוים: „נייע בייטרעגע צו די סעמיטישע לעגענדעס" (דייטש); גייגער: „וואָס האָט מאַכאָמעד גענומען פון יודענטום?" (דייטש); דרשות אין דער גמרא וועגען אדם הראשון איז פאַראַן אַמייסטען אין דער גמרא סנהדרין ל"ח און אין מדרש בראשית רבה.

# אדם בעל שם.

דאס איז א לעגענדאַ־רישער בעל־שם, וואס איז בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט דורך א ערצעהלונג, וואס ווערט געבראַכט אין דעם חסידישען ספר „שבחי בעל־שם־טוב". דאָרט ווערט ערצעהלט, אז עס איז געווען ביי יודען א גרויסער צדיק מיט'ן נאָמען „רבי אדם בעל שם", וואָס האָט געקאָנט דורך קבלה בעוויזען מופתים. ער האָט בעוויזען אַ מופת, אז אַ פּאַלאַץ מיט אַלע זאכען אין דעם פּאַלאַץ, וואָס אַ קעניג האָט געבויט אין אַ ווייט לאַנד, האָט רבי אדם איבערגעטראָגען דורך א שם המפורש אין אַנ'אַנדער אָרט. ווען רבי אדם האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען האָט ער צוגערופען זיין זוהן און איהם איבערגעגעבען געהיימע כתבים פון קבלה און איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל פאָהרען קיין פּאָדאָליען אין שטעדטעל אָקופּ און דאָרט זאָל ער זיי איבערגעגעבען צו אַ געוויסען בחור „ישראל בן אליעזר", דאָס האָט ער געמיינט דעם גרינדער פון חסידות רבי ישראל בעל־שם־טוב, וועלכער איז דעמאָלס נאָך געווען יונג און קיינער האָט פון איהם נישט געוואוסט. דער זוהן האָט אזוי געטהון.

ווער דער רבי אדם בעל שם איז געווען, אין וועלכען לאַנד האָט ער געוואוינט, און צי האָט איבערהויפּט עקזיסטירט אַזאַ רבי אדםבעל שם, — איז נישט בעוואוסט. פון דער לעגענדע „שבחי הבעשט" איז צו זעהן, אַז ער איז געשטאָרבען ווען רבי ישראל בעל־שם־טוב איז געווען א בחור, אַלזאָ אונגעפעהר ארום דעם יאָהר תע"ה (1715). עס איז זעהר מעגליך אז דער גאַנצער ענין פון „רבי אדם בעל שם טוב" האָט אַ שייכות מיט דעם סגולות־ספר'ל „תולדות אדם", וואָס איז ערשינען אין יאָהר ת"פ אין זשולקיעוו, און האָט געדיענט אַלס אַ סגולות־ספר פאַר די פערשידענע בעל־שם'ס וואָס זענען געווען אין יענער צייט. דער היסטאָריקער פון חסידות דובנאָוו, אין זיין „תולדות החסידות" (תל־אביב תרץ) זייט 45 שרייבט בטעות, אז רבי אדם בעל־שם אַליין איז געקומען קיין אָקופּ מיט די „כתבים" צום רבי ישראל בעל־שם־טוב; באמת איז די לעגענדע וועגען זוהן פון רבי אדם.

וועגען די דאָזיגע כתבים פון רבי אדם זענען דערנאָך אַרומגעגאַנגען אין דער חסידישער וועלט פיעל לעגענדעס. אין „שבחי הבעשט" ווערט דערצעהלט, אַז דער בעל־שם־טוב האָט זיי פערשלאָסען אין אַ שטיין. אין די צייטען פון השכלה אין גאַליציען האָט דער בעקאַנטער שריפטשטעלער און משכיל יוסף פּערל געשריבען זיין סאַטירע אויף חסידות „מגלה טמירין" ווערט דאָרט אויך דערמאָהנט די כתבים פון רבי אדם. — רייזען אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור" (יאָהר 1914) צום סוף אין דער רשימה פון אַנאָנימע ווערק, וואָס זענען ערשינען אין דער יודישער שפּראַך, דערמאָהנט אויך א ביכעל „מעשה — ר' אדם עם הקיסר ור' יוסי בר' חנינא" געדרוקט אין פּראָג. עס ווערט נישט אָנגעגעבען וועלכעם יאָהר. אין אַלגעמיין זעהט אויס, אז די לעגענדע פון רבי אדם איז פיעל עלטער פון די צייטען פון רבי ישראל בעל־שם־טוב.

ביבליאָגראַפיע: „שבחי הבעש"ט"; דובנאָוו, „תולדות החסידות"; רייזין, „לעקסיקאָן" (יאָהר 1914) זייט 758.

**אָדָם קַדְמוֹן.** (אור־מענש). דער דאָזיגער נאָמען „אדם קדמון" האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער יודישער מיסטיק און קבלה. שוין די גאָר אַלטע יודישע פילאָזאָפען, וואָס האָבען געלעבט אין אַלעקסאַנדריען (אין עגיפּטען אין ערשטען יאָהר־הונדערט, אין דער צייט פון בית־המקדש, און ספּעציעל דער פילאָזאָף פילאָן, האָבען געפּרובט פערענטפערען די אַלטע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פראַגע —, ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די בעשאַפונג פון דער וועלט. די פראַגע איז בעשטאַנען צוליב דעם, ווייל עס איז נישט צו פערשטעהען, ווי אַזוי איז מעגלעך אַז פון גאָט, וואָס איז דאָך אַ גייסטיגע זאַך, אַ אונענדליכקייט, זאָל ענטשטעהען די מאַטעריעלע וועלט, וואָס בעשטעהט דאָך פון ענדליכע זאַכען. דער דערמאָהנטער יודישער פילאָזאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריען האָט עס געפּרובט ערקלערען מיט דעם בעגריף „עמאַנאַציע", וואָס איז געוואָרען נאָכהער דער יסוד פון דער גאַנצער יודישער קבלה. „עמאַנאַציע" הייסט: „אויסשטראַהלונג", און פילאָן האָט געהאַלטען, אַז די מאַטעריעלע וועלט איז נישט ענטשטאַנען גלייך און דירעקט פון דער געטליכקייט, נאָר די געטליכקייט האָט צוערשט פון זיך עמאַנירט, אויסגעשטראַהלט אַן אַנדער גייסטיגע וועזען, און פונדעם דאָזיגען וועזען איז ערשט ענטשטאַנען די מאַטעריעלע וועלט.

דאָס דאָזיגע גייסטיגע וועזען האָט שוין פילאָן אָנגערופען „העכערער מענש", און ער האָט געהאַלטען, אַז דער דאָזיגער „העכערער מענש" איז בעשאַפען געוואָרען אין געשטאַלט פון דער געטליכקייט. אין די שפּעטערדיגע צייטען פון דער יודישער קבלה איז דאָס דאָזיגע גייסטיגע וועזען אָנגערופען געוואָרען „אדם קדמון", וואָס איז די העכסטע מדרגה אין דער „עולם האצילות" („וועלט פון אויסשטראַהלונג"). דער „אדם קדמון" ווערט דערמאָהנט אין זהר אחרי מות: „הא נשמתא דאדם קדמאה" (דאָס איז די נשמה פון אדם קדמון). אין זהר נשא ווערט ער אויך אָנגערופען „אדם דלעילא" (איבערמענש). דער מקובל רבי חיים וויטאַל (אין 16־טען יאָהר־הונדערט) אין זיין ספר „עץ חיים" שרייבט אַ ספּעציעלען פרק וועגען „אדם קדמון".

עס איז צו בעמערקען, אַז אויך די אַלטע יודיש־קריסטליכע סעקטע „גנאָסטיקער" (אין 2־טען יאָהר־הונדערט), די „יודעים" האָבען אויך געהאַט דעם בעגריף פון „אדם קדמון".

ביבליאָגראַפיע: ניימארק: „תולדות הפילוסופיה בישראל" חלק א'; האָראָדעצקי, אין העברעאישען זאַמעל־בוך „דביר" חלק ב'; ספרין, „אור עינים"; פראַנק: „קבלה" (אין העברעאישער איבערזעצונג), „אוצר ישראל", „אשכול".

**אַדֹנָי** (דער נאָמען פון גאָט). אין תנ"ך געפינען מיר אַ סך נעמען וואָס בעצייכענען גאָט. איינער פון זיי איז „אדוני". דאָס וואָרט שטאַמט פון העברעאישען וואָרט „אדון", וואָס איז דער טייטש דער האַר, דער הערשער, און דער זין פון „אדוני" וועט זיין „דער הערשער פון דער וועלט". מיר געפינען אויך אין תנ"ך דעם אויסדרוק „האדון" אַלס די בעצייכענונג פון גאָט (שמות כ"ג „האדן ה'", און ישעיה א' כ"ד האדון ה').

אין דער גמרא קידושין ע"א ווערט געזאָגט, אַז אומעטום וואו עס שטעהט דער נאָמען פון גאָט „יהוה", ווערט

עס נישט אויסגערעדט, נאר מען לייענט עס „אדני״; אין דער גמרא הייסט עס אז גאט זאגט: „לא כשאני נכתב אני נקרא, נכתב אני ביוד הא ונקרא באלף דלת (נישט ווי איך ווער געשריבען ווער איך געלייענט, איך ווער געשריבען מיט׳ן שם יוד הא, דאס הייסט „יהוה״, און ווער געלייענט מיטן שם אלף דלת, דאס הייסט אדני).

אבער אויך דעם נאמען „אדני״ רעדט מען ארויס נור ווען מען לייענט אין ספר־תורה, ווען מען איז מעביר די סדרה, ביים דאווענען, ביים מאכען א ברכה, זאגען זמירות, דאס הייסט, דעמאלס, ווען מ׳איז מקים א מצוה ביים ארויסזאגען דעם נאמען פון גאט. אבער ווען מען זאגט סתם ארויס דעם נאמען „אדני״ זאגט מען נישט אדני נור „השם״, דאס הייסט „דער נאמען״; אין דער יודישער פאלקס־שפראך איז זאגאר געווארען פון ווארט „אדני״ „אדו שם״, דאס איז פערגרייזט פון „השם״. דאס איז אויך א גאר אלטער מנהג, און מיר געפינען עס שוין אין דער משנה יומא „אנא השם״, אנשטאט „איך בעט גאט״.

ס׳איז אויך צו דערמאהנען, אז אויך ביי די אייניקלעך פון די אמאליגע אנוסים אין שפאניען און פארטוגאל אין היינטיגע צייטען, ווען זיי האבען שוין כמעט אינגאנצען פערגעסען די יודישע רעליגיע און זענען כמעט פולשטענדיגע קריסטען, און עס זענען פערבליבען ביי זיי נאר שפורען פון דער יודישער רעליגיע, איז ביי זיי אויך פערבליבען דער נאמען „אדני״ פאר גאט.

ביבליאגראפיע: ר׳ עזריה דמן האדומים אין זיין „מאור עינים״ חלק „אמרי בינה״ פרק ו׳; „אוצר ישראל״; סלושץ אין זאמל בוך „רשומות״, כרך ו׳ „האנוסים בפורטוגל״. אויך אין די יודישע ענציקלאפעדיעס און ספעציעל אין „אוצר ישראל״.

**אֲדֹנֵי הַשָּׂדֶה** (לעגענדארע חיה, עהנליך צו א מענש).
אין דער משנה כלאים פ״ח ווערט געזאגט „אדני השדה חיה״, אז דאס בעשעפעניש „אדני השדה״ האט דעם דין ווי א חיה. דערויף זאגט אויף דער משנה די גמרא ירושלמי, אז דאס איז „בר נש דטור״ (א מענש פון די בערג), און עס ווערט דארט ערקלערט אין די מפרשים, אז דאס איז אזא מענש וואס איז צונגעוואקסען צו דער ערד מיט׳ן נאפעל, און אזוי ווי מען האקט נור איבער דעם נאפעל שטארבט ער. די יודישע מפרשים פון מיטעל־אלטער, ווי רבי שמשון פון שאנץ (אין 12־טען יאהר־הונדערט) שרייבט אין זיין פירוש אויף דער משנה אז דאס איז א חיה וואס איז צוזאמענגעוואקסען צו דער ערד און זי הייסט „ידוע״, און דערפון איז דאס ווארט אין תנ״ך „ידעוני״ פאר דעם סארט כשוף־מאכער, וואס טוען כשוף מיט די ביינער פון דער דאזיגער חיה. דער רמב״ם אין זיין פירוש אויף דער משנה גלויבט, אז דאס מיינט מען די מאלפעס. טייל געלעהרטע מיינען, אז „אדני השדה״ איז דאס זעלבע וואס „אבני השדה״ אין איוב ה׳ כ״ג. יעדענפאלס, האבען מיר דא פאר זיך איינע פון די מערקווירדיגע לעגענדעס פון אלטען יודישען פאלקלאר וועגען וואונדערליכע בעשעפענישען.

ביבליאגראפיע: „אוצר השמות״ פון ראזענבערג; לעוויסאהן „די זאאלאגיע פון תלמוד״ (דייטש); גוטמאן „מפתח התלמוד״; קאהוט, „ערוך השלם״; „אוצר ישראל״; „אשכול״.

**אֲדֹנִיָּהוּ בֶּן חַגִּית** (זוהן פון דוד המלך). אין ספר מלכים קאפיטעל א׳ ווערט דערצעהלט, אז ווען דוד המלך איז געווארען אלט האבען זיך אין הויף און מיליטער געשאפען צוויי פארטייען וועגען דעם,

ווער עס זאָל ווערען קעניג נאָד'ן טויט פון דוד המלך. דער מיליטער־פיהרער יואב און אביתר הכהן האָבען געוואָלט מאַכען אַלס קעניג אדניהו'ן. אָבער נתן הנביא און דער צווייטער מיליטער־פיהרער בניהו און צדוק הכהן האָבען געוואָלט מאַכען אַלס קעניג שלמה'ן. דער צווייטער פּאַרטיי איז געלונגען אריבערצוציהען אויף זייער זייט דוד המלך, וועלכער האָט געלאָזט זאַלבען און אויסרופען אַלס קעניג שלמה המלך. נאָך דוד המלך'ס טויט האָט שלמה געלאָזט טויטען אדניהו צוליב דעם, וואָס ער, אדניהו, האָט געוואָלט נעהמען אַלס פרוי אבישב השונמית די בעדינטע פון דוד המלך. טייל געלעהרטע ווילען אין דער דאָזיגער מחלוקה צווישען שלמה און אדניהו זעהען נישט נור אַ ענגע הויף־מחלוקה, נור אויך אַ גאַנצע פּאָליטישע און רעליגיעזע בעוועגונג וועגען איינ־נעהמען די רעזידענץ פון ירושלים און שאַפען אַ נייע כהונה־דינאַסטיע. אָבער דאָס איז נור השערות.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; פייגין אין „השלח" כרך מ"ה „שלמה ואדניהו"; „אוצר ישראל".

## אָדעל

(טאָכטער פון רבי ישראל בעל־שם־טוב). דאָס איז איינע פון די געצעהלטע פרויען וואָס זענען זעהר אָנגעזעהען אין דער חסידישער בעוועגונג. דער „שבחי בעל־שם־טוב" דערצעהלט, אז דער בעל־שם־טוב האָט געהאַט אַ טאָכטער אָדעל, און ער האָט אויף איהר געזאָגט, אז איהר נאָמען איז דער פסוק אין חומש „אש דת למו" (פייער פון רעליגיע צו זיי). אָדעל איז געווען די מוטער פון די צוויי שפּעטערדיגע רביים רבי משה אפרים פון סודילקאָוו (מחבר פון „דגל מחנה אפרים") און פון רבי ברוך פון מעזשביזש; זי איז אויך געווען די באָבע פון בעריהמטען רבי ר' נחמן פון בראָסלאוו. אין דעם ספר „גנזי נסתרות" וואָס איז ערשינען אין ארץ־ישראל אין יאָהר תרפ"ה, זענען צווישען בריעף פון בעל־שם־טוב און אנדערע אַלטע רביים פאַרהאַן אויך בריעף פון אָדעל (געשריבען אין דער יודישער שפּראַד), וועלכע דערצעהלט אין די בריעף די התנהגות פון איהר פאָטער דעם בעל־שם־טוב. אָבער עס איז שוין בעוויזען געוואָרען, אַז די אַלע בריעף זענען פאַלשע.

ביבליאָגראַפיע: האָראָדעצקי, אין „אשכול"; „גנזי נסתרות".

## אָדעל די קדושה

דער נאָמען פון אַ יודישער פרוי וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין לעמבערג אין אָנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט. זי איז געווען די טאָכטער פון משה קיקענס, דעם פרנס הקהלה אין לעמבערג. די לעגענדע דערצעהלט, אַז אין לעמבערג האָט דעמאָלס אַ קריסטליכע דינסט געמאַכט אַ בלבול אויף יודען, אַז זיי האָבען געהרגעט אַ קריסטליך קינד צו בענוצען דאָס בלוט אויף מצות. מען האָט אַ סך יודען ארעסטירט און געפּייניגט. דעמאָלס איז אָדעל אַוועק צו דער מאַכט און האָט ערקלערט, אַז די יודען זענען נישט שולדיג, נאָר זי איז אַליין אין אַלעם שולדיג. מען האָט איהר געפּסקנט טויט־שטראָף. דערווייל האָט די קריסטליכע דינסט זיך מודה געווען, אַז זי האָט נור אויסגעקלערט אַ בלבול, און אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען. אָבער דאָס געריכט האָט נישט געוואָלט צוריקציהען דעם טויט־אורטייל אויף אָדעל, סיידען זי וועט זיך שמדען. אָדעל האָט אָבער ערקלערט, אַז זי וויל זיך נישט שמדען, און מען האָט איהר געטויט אין יאָהר תע"ח (1718).

זי איז געבראַכט געוואָרען צו קבורה אויפ'ן אַלטען בית־עלמין אין לעמבערג. וועגען אַדעל זענען ענטשטאַנען אין גאַליציען פיעל לעגענדעס.

ביבליאָגראַפיע: באַדער, „30 דורות פוילישע אידען"; בובער, „אנשי שם".

**אַדעל** (אויף פויליש „שליאַכטאַ", אויף רוסיש „דוואָריאַנסטוואָ", אין ענגליש „נאָביליטי", אין פראַנצויזיש „נאָבלעס) מיט דעם וואָרט „אַדעל" רופט מען אַן אַזאַ קלאַס מענשען אין אַ פאָלק, וואָס זענען יחסנים, און האָבען זיך ערוואָרבען ספּעציעלע רעכט, וועלכע די געוועהנליכע מענשען פון זעלבען פאָלק האָבען נישט. דער דאָזיגער „אַדעל"יחוס און די דאָזיגע ספּעציעלע רעכט געהען איבער בירושה פון עלטערען צו קינדער. עס טרעפט אויך, אַז אַ געוועהנליכער מענש פון פאָלק בעקומט דורך אַ ספּעציעלען אַקט פון קעניג אָדער הערשער די „אַדעל"־רעכט און ער און זיין פאַמיליע ווערען אויפגענומען אין דעם אַדעל־קלאַס.

אַזאַ סאָרט אַדעל־קלאַס איז געוועזען אין דייטשלאַנד, דאָס „ריטערטום", און יעדער אַדעל־מאַן האָט געהאַט ביי זיין פאַמיליען־נאָמען דעם טיטול „פאָן", דאָס זעלבע איז געוועזען אין פראַנקרייך, פּוילען, רוסלאַנד און אַ גאַנצע רייה אַנדערע לענדער. אין אַלטען רוים איז עס געוועזען די „פּאַטריציער"־פאַמיליעס, וועלכע זענען געוועזען דער אַדעל־קלאַס. נאָר די אַדעל־פאַמיליעס האָבען אין די ערשטע צייטען געהאַט דאָס רעכט צו זאָגען אַ דעה אין דער רעגירונג, צו פערנעהמען הויכע אַמטען, און אַנדערע אַזעלכע פּריווילעגיעס. גאַנץ אָפט פלעגט דעריבער טרעפען, אַז די געוועהנליכע מענשען פון פאָלק, וואָס פלעגען ווערען געדריקט דורך די אַדעל־לייט, האָבען געמאַכט רעוואָלוציעס געגען דעם „אַדעל". די דאָזיגע רעוואָלוציעס שפּילען די גרעסטע ראָליע אין דער געשיכטע פון יעדען פאָלק.

עס איז דעריבער איינע פון די שווערסטע פראַגען, צי אין די אַלטע צייטען פון דער יודישער געשיכטע, ווען די יודען האָבען געהאַט אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה אין ארץ־ישראל, איז אויך געוועזען ביי יודען אַ „אַדעל־קלאַס", און צי זענען אויך ביי יודען דעמאָלס פאָרגעקומען קאָנפליקטען צווישען דעם געוועהנליכען פאָלק און דעם אַדעל־קלאַס?

וועגען דעם זענען פאַרהאַן פערשיעדענע מיינונגען. טייל זאָגען, אַז עס איז אַמאָל יאָ געוועזען אַ סאָרט אַדעל, דאָס זענען געוועזען די „זקני ישראל", וואָס ווערען דערמאָנהט אָפט אין תנ"ך, און אין ספר שמואל א' קאַפּיטעל ח' ווערט דערצעהלט, ווי די „זקני ישראל" זענען געקומען צו שמואל הנביא, אַז ער זאָל זיי געבען אַ מלך. אין זעלבען ספר שמואל קאַפּיטעל י"ז ווערט געזאָגט, אַז ווען שאול המלך האָט מלחמה געהאַלטען מיט די פלשתים, און דער גבור גלית הפלשתי איז אַרויסגעטרעטען געגען די יודען, האָט שאול געלאָזט אויסרופען, אַז וועער פון די יודען עס וועט בעזיגען גלית'ן וועט ער בעקומען אַ סך זאַכען און „ואת בית אביו יעשה חפשי בישראל" (און זיין פאָטערס הויז וועט ערקלערט ווערען אַלס „חפשי", פריי ביי יודען). עס איז דעריבער מעגליך, אַז אָט דאָס זיין „חפשי", פריי פון שטייערען, אָדער בעקומען דעם טיטול „פריי", דאָס זעלבע ווי אין דייטשען איז געוועזען „פרייהער", — איז געוועזען ביי יודען אַ טיטול פון די אַדעל־לייט. שפּעטער אין די צייטען פון דוד המלך געפינען

מיר אין ספר שמואל ב׳ כסדר טיטולען „כרתי ופלתי והגבורים“, וואס זענען געווען א סארט ריטער. אין פערלויף פון דער גאנצער צייט פון ערשטען בית־המקדש געפינען מיר פערשידענע טיטולען פון אדעל־לייט ווי „שרים“; און שפעטער, ווען די יודען זענען צוריקגעקומען פון גלות־בבל ווערט דערצעהלט אין ספר נחמיה ה׳ ווי דאס פאלק (העם) האט זיך בעקלאגט אויף די „חורים“ און „סגנים“ (הערען), אז זיי האבען צוגענומען די פעלדער פון זייערע ברידער פאר חובות. — אבער דאס אלץ ווייזט נאך נישט אויף זיכער, אז עס איז דעמאלט געווען א געזעצליכער אדעל־קלאס מיט בעזונדערע רעכט. טייל ווילען אויך האבען, אז דאס וואס עס שטעהט אין ספר מלכים ב׳ קאפיטעל כ״ד, אז ווען נבוכדנאצר מלך בבל האט איינגענומען ירושלים, זענען פערטריבען געווארען קיין בבל „כל השרים וכל גבורי החיל“ און געבליבען זענען נור די „עם־הארץ“, אז דא האט מען דעם אונטערשיד צווישען דעם „אדעל“, און דעם געוועהנליכען פאלק, וואס האט געטראגען דעם טיטול „עם־הארץ“.

אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש געפינען מיר אין די היסטארישע ביכער פון יוסף פלאוויוס און אויך אין אנדערע קוועלען פון יענע צייטען, אז עס איז געווען ביי יודען א אריסטאקראטיע, וואס איז בעשטאנען אממערסטען פון די העכסטע כהנים־פאמיליעס, די כהנים־גדולים, וואס האבען א געוויסע צייט איבערהויפט געהערשט איבער׳ן לאנד. די אלע יחוסדיגע פאמיליעס האבען געפיהרט זייערע גענעאלאגישע ביכער, וואס האבען געוויזען זייערע אדעליגע אבשטאמונג, אזא אנהויב פון א יחוס־ספר געפינען מיר שוין אין אנהויב פון צווייטען בית־המקדש אין ספר עזרא ח׳ „ואלה ראשי אבותיהם והתיחשם“ (און דאס זענען איהר שטאם־פאטערס און זייער יחוס). אין ספר נחמיה ד׳ וואס שטאמט אויך פון אנהויב פון 2־טען בית־המקדש ווערט שוין בפירוש דערמאהנט א „ספרהיחוס“. דער דאזיגער „ספר־יוחסין“ האט געשפיעלט, ווייזט אויס, מעהר א ראליע ביים טהון שידוכים. די שפעטערדיגע אלטע קריסטליכע שרייבער (איוזעביוס אין זיין „געשיכטע פון דער קירכע“) דערצעהלען, אז הורדוס המלך, אין ערשטען יאהרהונדערט פאר אונזער צייט־רעכנונג, האט פערברענט דעם „ספר יוחסין“, וויל ער אליין דאט געשטאמט פון א נישט־אדעליגער פאמיליע. אין דער גמרא פסחים ס״ב ווערט דערצעהלט, אז „גנזו ספר יוחסין“ (מען האט בעהאלטען דעם ספר יוחסין). אין דער גמרא יבמות מ״ט ווערט אויך דערמאהנט א „מגילת יוחסין“, וואס ווייזט אז נאך דעמאלס זענען געווען ביי יודען בעזונדערע אדעליגע פאמיליעס.

אין די שפעטערדיגע צייטען, ווען יודען זענען צעשפרייט געווארען אין די פערשידענע לענדער האבען יודען געהאט אין בבל א אדעליגע פאמיליע, וואס איז אנערקענט געווארען אויך דורך די רעגירונג; פון דער דאזיגער פאמיליע האט געשטאמט דער „ריש גלותא“, דער העכסטער פיהרער פון די יודען אין בבל. אבער אין די אנדערע לענדער איז אין די פריהערדיגע צייטען פון מיטעל־אלטער נישט צו בעמערקען אפט קיין יודישע אדעליגע פאמיליעס. עס זענען פארהאן מיינונגען, אז אין שפאניען האבען יודען יא געהאט עטליכע פאמיליעס, וואס האבען געהערט

צום אלגעמיינעם שפאנישען ריטערטום; אבער זיכער איז עס נישט. פון די ערשטע יודען, וועגען וועלכע מען ווייסט, אז זיי זענען אנגענומען געווארען אין דעם אדעל־קלאס איז געווען אין פוילען אין יאהר 1525 מיכאל יוזעפאוויטש, וועלכער איז אנערקענט געווארען, אז ער געהערט צו דער „שליאכטע”. אין יאהר 1622 האט דער יודישער פינאנסיסט אין ווין יעקב באסעווי (א פערזענליכער פריינד פון גרויסען יודישען גאון רבי **יום־טוב ליפמאן**, מחבר פון „תוספות יום־טוב”) בעקומען פון דייטשען קייזער פערדינאנד דעם 2־טען דעם אדעל־טיטול מיט דעם פאמיליען־נאמען „פאן טרויענבערג”. אין ענדע פון 18־טען יארהונדערט טרעפען מיר אין עסטרייך און דייטשלאנד שוין א גאנצע רייה יודישע פאמיליעס, וואס זענען אויפגענומען געווארען אין אדעל־שטאנד און טייל פון זיי האבען זאגאר בעקומען דעם טיטול „באראן”. אין 19־טען יאהרהונדערט טרעפען מיר שוין יודישע באראנען און אנדערע אדעל־טיטולען אין א גרעסערער צאהל אין ענגלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליען, און זאגאר אין רוסלאנד. א סך פון די דאזיגע פאמיליעס האבען זיך געשמדט.

היינט זענען בעריהמט די יודישע אדעל־פאמיליעס באראן ראטשילד'ס, מארקיז רידינג, סער סאסאן, סער סעמועל, מאנטעפיארע, מאנטעגיו, דע־מנשה. דער העכסטער אדעל־טיטול, וואס א יוד האט בעקומען איז געווען „הערצאג” יצחק דע ליסארד און „גראף” הענרי ד'אביגדור.

ביבליאגראפיע: וועגען דעם אדעל ביי אידען אין די גאר אלטע צייטען זענען פארפאסט געווארען א רייה ווערק פון די דייטשע געלעהרטע וועלהויזען (אין לאטיין „דע גענטיבוס”), מייער אין זיין „די ענטשטעהונג דעס יודענטומס”, פריינד, „איבער גענעאלאגיע, אוצר ישראל (ערך „יחוס”, „תוארי כבוד”), אידיש־דייטשע ענציקלאפעדיע „אדעל; וועגען די אידישע אדעל־פאמיליעס אין די לעצטע צייטען זענען פארהאן פיעל ביכער, וויכטיג איז די סעמי־גאטהא, „וויימארער היסטאריש גענעאלאגישעס טאשען־בוך דעס געזאמטען אדעלס יודעאישען אורשפרונגס” פון יאהר 1912 (דייטש). א גענויע ביבליאגראפיע פון די פערשידענע ביכער געפינט מען אין דער אידיש־דייטשער ענציקלאפעדיע שטיך־ווארט „אדעל”, וואו עס ווערט אויך געגעבען א רשימה פון די וויכטיגסטע אידישע אדעל־פאמיליעס און זייערע צייכענס.

**אדעלקינד** יודישע דרוקער־פאמיליע אין איטאליען

די פאמיליע „אדעלקינד” (זי שרייבט זיך „אדילקינד און אויך אדילקינט”) האט געלעבט אין 16־טען יאהרהונדערט אין איטאליען. דער ערשטער פון דער פאמיליע איז געווען אליעזר בן דוד אדעלקינד וואס האט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 15־טען יארהונדערט אין פיאצענצא און האט איבערגעשריבען כתבי־יד. דערנאך איז געווען א אויפזעהער איבער דעם דרוק פון העברעאישע ספרים אין פאדווא א געוויסער ברוך אדעלקינד, און נאכהער זענען בעקאנט געווארען דורך דרוקען העברעאישע ספרים די קינדער און אויך אנ'אייניקעל (דניאל) פון דעם דאזיגען ברוך. וועגען דעם וויכטיגסטען מיטגליד פון דער דאזיגער פאמיליע ישראל קארנעליא שרייבען מיר בעזונדער.

ביבליאגראפיע: אידיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע, „אשכול”; אידיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**אַדעלקינד ישראל** (א יודישער דרוקער אין איטאַליען אין 16־טען יאָהרהונדערט). דער דאָזיגער ישראל קאָרנעליא אַדעלקינד איז געוועזן אַ זוהן פון ברוך אדעלקינד, אויך אַ ממונה איבער יודישע ספרים־דרוקען וועגען וועלכען מיר שרייבען ביי דער פאַמיליע „אדעלקינד“. ישראל קאָרנעליא איז געוועזן דער אויפזעהער אין דער דרוקעריי פון בעריהמטען דאַניעל באמבערג אין וועגעציע פון יאָהר 1520 ביז 1531, און דערנאָך אויך אין די יאָהרען פון 1546 ביז 1549. נאָכהער איז ער געוועזן אויפזעהער אין אַנדערע דרוקערייען אין וועגעציע (ביי יוסטיניאן און אנדערע) און אויך אין סאַביאנעטאָ. די בעדייטונג פון ישראל קארנעליא בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אויסגעארבייט דעם גענויעם פלאַן ווי צו דרוקען די גאַנצע גמרא, וואָס איז טאַקע אונטער זיין אויפזיכט געדרוקט געוואָרען ביי באַמבערג אין וועגעציע אין די יאָהרען 1520 — 1523 (ר״פ — רפ״ג). ישראל קארנעליא האָט דאָס אויסגעשטעלט אין דרוק אַרום דעם טעקסט די פירושים רשי און תוספות, און אזוי ווי ער האָט זיי אויסגעשטעלט, זענען זיי געבליבען, מיט קליינע ענדערונגען, ביז אויף היינטיגען טאָג. אַלע גמרות זענען געדרוקט לויט ישראל קאַרנעליא'ס אָרדענונג. ער האָט אויך אַכטונג געגעבען אויף דאָס 2־טע און דריטע מאָל דרוקען די גמרא ביי באַמבערג און אויך אויף די דרוק פון גמרא אין דער דרוקעריי פון יוסטיניאן (1546 — 1551).

דער גרויסער יודישער געלעהרטער ביבליאָגראַף פּראָפעסאָר שטיינשניידער זאָגט אַרויס זיין מיינונג, אַז ישראל קארנעליא אַדעלקינד, וועלכער איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט די איטאַליענישע געלעהרטע אין יענער צייט, האָט זיך נאַכהער געשמדט. די דאָזיגע מיינונג ווייזט זיך ארויס צו זיין ריכטיג. ישראל קאָרנעליא איז געשטאַנען אין פערבינדונג אויך מיט דעם גרויסען יודישען געלעהרטען אין יענער צייט רבי אליהו בחור.

עס איז ווערט צו דערמאָהנען, אַז ישראל קארנעליא אדעלקינד איז געוועזן דער ארויסגעבער פון דער ערשטער געדריקטער תהלים־איבערזעצונג, וואָס איז ערשינען אין דער אַלט־יודישער שפּראַך. די דאָזיגע יודישע איבערזעצונג ספר תהלים איז געמאַכט געוואָרען פון דערמאָהנטען רבי אליהו בחור און איז ערשינען אין וועגעציע אין יאָהר 1545. צום סוף פון ספר־תהלים איז פאַרהאַן אַ פּאָר ווערטער פון אַדעלקינד, וועלכער שרייבט, (אויף יודיש) אז ער האָט אין זיין יוגענד געלאָזט העלפען דרוקען פיעל טייערע און גרויסע ספרים, אָבער איצטער אויף דער עלטער האָט ער געזעהען די פרומע בחורות (מיידלעך) און בעלי־בתים וואָס האָבען אין דער יוגענד נישט געלערענט ווילען אָבער שבת און יום־טוב פערטרייבען די צייט מיט געטליכע שמועות, דעריבער האָט ער זיך געווענדעט צו ר' אליהו בחור, אז ער זאָל עטליכע ספרים טייטשען (איבערזעצען) און צום ערשטען מאָל דעם תהלים. ישראל קארנעליא אַדעלקינד האָט געהאַט אַ זוהן דניאל, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען א סך העבּרעאישע ספרים, ווי דעם „מלות ההגיון“ פון רמב״ם, הלכות בדיקה פון מהרי וויל, און א יודיש־דייטש ספר'ל „מצות נשים“ (יאָהר 1552).

ביבליאָגראַפיע: ראַבינאָוויטש, „מאמר“

על הדפסת התלמוד״; ביבליאגראפיש יאהר-בוך „קרית ספר״ (ד, ה׳ ו׳); רייזען, לעקסיקאן (יאחר 1914) אין שטיך־ווארט „אליהו בן אשר אשכנזי״.

**אדען** (פארט־שטאט ביים ים אין דרום־אראביען). די דאזיגע שטאט געפינט זיך איצט אונטער דער ענגלישער הערשאפט. זי איז בעוואוינט אממערסטען דורך אראבער און אייך א געוויסע צאהל אייראפייער. יודען זענען דא פארהאן ביי 4 טויזענד; זיי זענען אממערסטען תימנישע יודען, אבער עס זענען אויך פארהאן דארט א קלענערע צאהל יודען פון אייראפא און אינדיען. אין די 80-ער יאהרען פון 19-טען יאהרהונדערט איז געווען אין אדען א יודישע דרוקעריי. אין אדען זענען פארהאן עטליכע שוהלען ווי אויך א יודיש שפיטאל. עס איז אינטערעסאנט, אז אין די כתובות און גטין ווערט אנגערופען אדען „עציון גבר״. אויף דעם אלטען בית־עלמין אין אדען זענען פארהאן מצבות פון 14-טען יאהרהונדערט.

ביבליאגראפיע: יעקב אבן־ספיר אין „אבן ספיר״; אידיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**אדעס** פארט־שטאדט אין רוסלאנד אויפ׳ן ברעג פון שווארצען ים. אדעס האט די גרעסטע יודישע קהלה אין רוסלאנד, און אין יאהר 1930 האט זי געצעהלט איבער 160 טויזענד יודישע איינוואוינער. די אלגעמיינע צאהל איינוואוינער איז ביי 500 טויזענד. אדעס איז נישט קיין אלטע שטאדט. אין יאהר 1789 איז אויף דעם ארט געווען א קליין טאטאריש דערפעל וואס האט געהייסען „כאדזשי בעי׳. אין דעם דאזיגען יאהר האט רוסלאנד איינגענומען דאס דערפעל און די גאנצע געגענד איז פעראייניגט געווארען מיט רוסלאנד. אין יאהר 1793 האט די רוסישע רעגירונג דארט פערלעגט א פארט־שטאדט און איהר א נאמען געגעבען אדעס. פון דעמאלט אן האט די שטאדט גענומען וואקסען מיט אנ׳אונגעוועהנליכער שנעלקייט און איז אין זעהר א קורצער צייט געווארען די גרעסטע פארט־שטאדט ביים שווארצען ים און א האנדעלס־צענטער פאר גאנץ דרום-רוסלאנד און אוקראינע.

דער יודישער ישוב אין אדעס האט זיך ענטוויקעלט צוזאמען מיט׳ן אלגעמיינעם וואקסען פון דער שטאדט. עס איז פארהאן א מיינונג, אז איידער רוסלאנד האט איינגענומען דאס ארט האבען זיך דארט געפינען 5 יודישע פאמיליעס; אויף איין מצבה אין בית־הקברות פון אדעס איז פארהאן אנאויפשריפט, אז דארט ליגט א געוויסער רבי מאיר בן יצחק הלוי און אז ער איז געקומען צו קבורה „י״ג אדר תקנ״ג״, דאס הייסט אין יאהר 1793. אין 2 יאהר שפעטער זענען געווען אין אדעס שוין 240 יודען, און זייער צאהל איז געוואקסען פון יאהר צו יאהר. אממערסטען זענען די דארטיגע יודען געווען אנגעקומען פון גאליציען, פאדאליען, וואהלין און ליטא. דאס זענען געווען סוחרים, וואס האבען שטארק ענטוויקעלט דעם האנדעל פון דער שטאדט. שוין אין יענע צייטען, אין אנהויב פון 19־טען יאהרהונדערט האט אין אדעס זיך ענטוויקעלט די „השכלה״־בעוועגונג צווישען די דארטיגע יודען, וואס טייל פון זיי האבען געשטאמט פון דער שטאדט בראד איז גאליציען, וואו יודען האבען שוין דעמאלס געגעבען זייערע קינדער אין דער דייטשער שפראך וועלטליכע בילדונג און נישט בלויז זיי געלערנט אין

חדר. די דאָזיגע גרופּע יודען אין אָדעס האָט מען גערופען „די בראָדער“, און זיי האָבען געגרינדעט (אין יאָהר 1824) די ערשטע יודישע וועלטליכע שולע אין רוסלאַנד, און איהר דירעקטאָר איז געווען דער יודישער געלעהרטער בצלאל שטערן. די פרומע יודען אין יענער צייט האָבען אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען דער דאָזיגער שולע, ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אַז זי וועט אַראָבפיהרען די תּלמידים פון רעליגיעזען וועג. אָבער די שולע איז געבליבען. אין אָנהויב האָט מען אין איהר געלערנט אַלע לימודים אויף דייטש, און נאָכהער אויף רוסיש. „די בראָדער“ האָבען אויך געשאַפען אין אָדעס די ערשטע כאָר־סינאַגאָגע און אַלס חזנים זענען דאָרט געווען די בעריהמטע יודישע קאַנטאָרען ניסן בלומענטאַל, פנחס מינקאָווסקי און נאָוואַקאָווסקי. אַלס ראַבינער איז צוערשט געווען ד״ר שוואַבאַכער. פרומע יודען האָבען דעריבער געהאַלטען אָדעס פאַר אַ אַפּיקורסישע שטאָדט און דערפון שטאַמט דאָס שפּריך־וואָרט אין יודיש, אַז „10 מייל פון אָדעס ברענט דאָס גיהנום“.

איבערהויפּט איז אָדעס געווען דער ערשטער צענטער פאַר השׂכּלה צווישען יודען אין רוסלאַנד. דאָ איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע יודישע וואָכענשריפט אין דער רוסישער שפּראַך, דער בעריהמטער „ראַזסוועט“, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין יאָהר 1860 דורך יוסף ראַבינאָוויטש. אין אָדעס האָט אויך אָנגעהויבען ערשיינען די אַמאָל בעקאַנטע העברעאישע צייטונג אין רוסלאַנד „המליץ“ (געגרינדעט אין יאָהר 1860); דאָ האָט אויך אָנגעהויבען צו ערשיינען די וואָכענשריפט אין דער יודישער שפּראַך „קול מבשׂר“ (יאָהר 1863). אין אָדעס האָבען אין מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט געוואוינט די בעריהמטע יודישע געלעהרטע און שריפטשטעלער שמחה פינסקער (היסטאָריקער און פאָרשער פון די „קראים“) פאָטער פון ד״ר לעאָ פינסקער, מחבר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע“), אייכענבוים, ווערבעל, אורי קאָוונער. דאָ האָט אויך געשריבען זיינע ביכער אין דער יודישער שבראַך איינער פון די ערשטע שאַפער פון דער מאָדערנער יודישער ליטעראַטור ישראל אַקסענפעלד (מחבר פון „דער ערשטער יודישער רעקרוט“, „דאָס שטערנטיכעל“ און אַנדערע ערצעהלונגען אין יודיש). אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען דאָ זיך בעזעצט „מענדעלי מוכר ספרים“ (אַלס לייטער פון דער תּלמוד תּורה“), יצחק יואל לינעצקי (מחבר פון „דאָס פּוילישע יונגעל“), דער היסטאָריקער דוד כּהנא, משה לייב לילענבלום (וועלכער האָט אויך רעדאַגירט אַ זשורנאַל אין יודיש „דער יודישער וועקער“), און נאָכהער „אחד העם“, וועלכער האָט דאָרט געגרינדעט די עטישע געזעלשאַפט „בני משה“. אָדעס איז פון די 80־ער יאָהרען אָן געוואָרען דער צענטער פאַר דער חובבי־ציון־בעוועגונג, און דערנאָך פאַר די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור, ספּעציעל ווען דאָרט האָבען זיך אויך בעזעצט ביאַליק, דובנאָוו און פילע אַנדערע שריפטשטעלער, און מען האָט דאָרט אַריבערגעטראָגען די העברעאישע מאָנאַטס־שריפט „השלח“ (יאָהר 1907). אין אָדעס זענען אויך ערשינען טעגליכע צייטונגען אין דער יודישער שפּראַך, ווי „גוט־מאָרגען“ (יאָהר 1910), „שלום-עליכם“ (יאָהר 1911), „דער איד“, „אונזער לעבען“. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה זענען די אָנגע־

זעהענסטע העברעאישע שריפטשטעלער געזעסען אין אָדעס. ערשט נאָך דער מלחמה, אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זענען די אָנגעזעהענסטע העברעאישע שריפטשטעלער (ביאַליק, זלמן עפשטיין, ראַווניצקי, קלויזנער) אַוועק פון אָדעס, אַממערסטען קיין ארץ־ישראל. אונטער דער הערשאַפט פון דער סאָוויעט־רעגירונג איז אָדעס געוואָרען איינער פון די צענטערען פון דער מאָדערנער יודישער קולטור אין דער יודישע שפּראַך. עס זענען דאָרט פאַרהאַן פיעל יודישע שולען מיט יודיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך. אין יאָהר 1923 איז אויף דער אוניווערסיטעט אין אָדעס איינגעפירט געוואָרען אַ ספּעציעלער יודישער פאַקולטעט. עס איז דאָרט אויך פאַרהאַן א ספּעציעלער רעגירונגס־געריכט מיט יודיש אַלס שפּראַך פון געריכט.

אין דער געשיכטע פון די יודען אין אָדעס זענען צו פערצייכענען אַ רייה פּאָגראָמען, וואָס זענען פּאָרגעקומען אין פערלויף פון איבער 100 יאָהר. דער ערשטער פּאָגראָם איז פּאָרגעקומען אין יאָהר 1821 צוליב אַ בלבול אַז יודען האָבען ערמאָרדעט דעם גריכישען פּאַטריאַרך. אין פּאָגראָם זענען אומגעקומען פיעל יודען און אַ סך יודישע הייזער זענען צערויבט געוואָרען. פון דעמאָלס אָן זענען פּאָרגעקומען אין אָדעס אַ גאַנצע רייה פּאָגראָמען (אין די יאָהרען 1849, 1858, 1871, 1881). אַם שרעקליכסטען איז געווען אין אָדעס דער פּאָגראָם אין חודש אָקטאָבער יאָהר 1905, ווען עס איז פּאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די צאַרישע רעגירונג האָט ספּעציעל אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף יודען אין רוסלאַנד כדי אַזוי אָרום צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. יודען האָבען דעמאָלס געגרינדעט דעם „זעלבסט־שוץ“. אַ סך יודען זענען דעמאָלס אומגעקומען (מען שאַצט די צאָהל אויף איבער 400) אָבער אויך פון די אָנפאַלער זענען אומגעקומען אַ גרעסערע צאָהל מענשען. אויך אין דער צייט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען אין אָדעס קאָבען זיך כסדר געביטען די פערשידענע רוסישע רעגירונגען, האָבען די יודען אין אָדעס פיעל געליטען. נאָך דער מלחמה האָבען אַ טייל יודען פון אָדעס זיך בעזעצט אין די יודישע ערד־קאָלאָניעס אין קרים און זענען געוואָרען לאַנד־אַרבעטער.

ווי ווייט אָדעס איז געווען פּאָפּולער ביי יודען קאָן מען זעהן דערפון, וואָס אין דעם אַרטיקעל דער „שורה־גריס“ („שריפטען פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט“ ערשטער באַנד, ווילנע 1926) ווערט אָנגעגעבען, אַז ביים לערנען שרייבען יודיש פלעגען די לעהרער אין די קלענערע שטעדט געבען אַלס מוסטער די שורה: „איך בין געפאָהרען קיין אָדעס קויפען סחורה“. עס ווערט דאָרט אָנגעוויזען, אַז שוין אין יאָהר 1886 ברענגט דער יודישער שריפטשטעלער מ. ספּעקטאָר אַלס מוסטער פון לערנען יודיש שרייבען די זעלבע שורה. אין דעם אַרטיקעל ווערט אויך דערמאָהנט דאָס ווערטעל „7 וויאָרסט פון אָדעס ברענט דער גיהנום“.

ביבליאָגראַפיע: דוד כהנא אין העברעאישען יאָהר־בוך „כנסת ישראל“ חלק א׳ זייט 786; פּרץ סמאָלענסקין בעשרייבט אין זיינע ערצעהלונגען אָדעס און דאָס יודישע לעבען דאָרט אין רופּט אָן די שטאָדט „אשדות“; „מגילת תענית“ וועגען דעם פּאָגראָם פון יאָהר 1905; „ציונים מצונים“ וועגען די מצבות פון אָדעס; „אשכול“ אין שטיך־וואָרט „אודיסה“. אויך אין יודיש־דייטשען לעקסיקאָן און יודיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע.

**אָדָר, וְאָדָר** דער נאָמען פון 6־טען חודש אין היינטיגען יודישען לוח איז אדר. אין די אַלטע צייטען, ווען דער אנהויב פון יודישען יאָהר איז געווען נישט ווי היינט דער חודש תשרי, נאָר דער חודש ניסן, איז אדר געווען דער 12־טער חודש אין יאָהר. אין „מגילת אסתר" ג' געפינען מיר אז המן האָט בעשטימט דעם טערמין אומצוברענגען די יודען אויף דעם „חודש שנים עשר הוא חודש אדר" (דעם 12־טען חודש דאָס איז אדר). דעם נאָמען „אדר" האָבען די יודען איבערגענומען אין גלות בבל, נאָכ'ן ערשטען בית־המקדש, פון דעם אַלטען בבל־פאָלק. די גמרא אין ירושלמי ראש השנה פרק א' האָט וועגען דעם שוין געזאָגט, אז „שמות החדשים העלו עמהם מבבל" (די נעמען פון די חדשים האָבען די יודען מיט זיך מיטגעבראַכט פון בבל). אין די אַלטע אויפשריפטען פון אשור און בבל געפינען מיר דעם נאָמען פון דאָזיגען חודש „אדארו".

דער חודש אדר האָט דעם מזל „דגים", און אין אַלטע בילדער ווערט דער חודש פאַרגעשטעלט מיט בילדער פון פישלעך. אדר האָט 29 טעג; דאַגעגען אויב עס איז א עיבור־יאָהר און עס איז פאַרהאַן א צווייטער חודש אדר („אדר שני". אָדער „ואדר"), האָט דער ערשטער חודש אדר 30 טעג. אין חודש אדר פאַלט אויס דער פּאָפּולערער יודישער יום־טוב פורים (14 און 15 טאָג אין אדר) צום אָנדענקען פון דער רעטטונג פון יודישען פאָלק אין די צייטען פון המן און אחשורוש. דער גאַנצער חודש ווערט דעריבער בעטראַכט פאַר א צייט פון פרייד. אין דער גמרא תענית כ"ט ווערט געזאָגט „משנכנס אדר מרבין בשמחה" (ווען עס הויבט זיך אָן דער חודש אדר, פאַרגרעסערט מען די פרייד).

אין חודש אדר זענען פאַרהאַן א גאַנצע רייהע טעג צום אָנדענקען פון וויכטיגע געשעהענישען אין דער יודישער געשיכטע. — אין 7־טען טאָג איז אדר איז די יאָהרצייט פון משה רבנו (וועגען דעם שרייבען מיר אין א בעזונדערער שטיך־וואָרט „זיין אדר"). — אין 9־טען טאָג אין אדר האָט מען גוזר תענית געווען, ווייל דעמאָלס האָבען אין די גאָר אַלטע צייטען זיך אנגעהויבען די מחלוקות פון די ערשטע תנאים, די „בית שמאי" און די „בית הלל" (טור אורח חיים תק"פ). — דעם 12־טען אדר איז געווען א יום־טוב און די אַלטע יודישע היסטאָרישע כראָניק „מגילת תענית" זאָגט, אז דער יום־טוב איז געווען, ווייל עס איז אומגעקומען אין דער רוימישער צייט דער יודען־פיינדליכער גענעראַל טוריינוס, וואָס האָט געפייניגט יודען. — דעם 13־טען אדר איז געווען ביי יודען א „יום ניקנור", ווען די חשמונאים־ברידער האָבען אָבגעהאַלטען א נצחון איבער דעם סירישען גענעראַל ניקנור. אין זעלבען טאָג איז אויך „תענית־אסתר". — דעם 14־טען טאָג און 15־טען אדר איז „פורים" און „שושן־פורים". — דעם 16־טען אדר דערצעהלט די מגילת־תענית, האָט מען ערלויבט צו ארומבויען די אַלטע מויער פון ירושלים און צו בעפעסטיגען זיך געגען די שונאים; דאָס איז פאַרגעקומען אין די צייטען פון 2־טען בית־המקדש. — דעם 17 אדר איז געשעהען א נס מיט די יודען אין דעם לאַנד „לודיקיא" („לודיציא") אין קליין־אזיען; דאָס זאָל אויך האָבען פאַרגעקומען אין די צייטען פון בית־שני. — דעם 20־טען אדר איז אין א הונגער־יאָהר אראָב אין ארץ־

ישראל א רעגן און געראטעוועט דאס לאנד פון הונגער. — דעם 28־טען אדר האט מען אין ארץ־ישראל אין די אלטע צייטען אבגעשאפט די גזירה, אז יודען טארען נישט לערנען תורה. — דעם 29־טען אדר איז פארגעקומען דער וויכטיגער היסטארישער פאקט, וואס עזרא איז געקומען פון גלות בבל קיין ארץ־ישראל און געהאלפען צוריק אויפלעבען דעם יודישען ישוב. — כמעט די אלע דאטעס ווערען געבראכט אין דער אלטער יודישער כראניק פון דער צייט באלד נאכ'ן חורבן פון 2־טען בית־המקדש, וועלכע איז בעקאנט מיט'ן נאמען „מגילת תענית".

וועגען די וויכטיגסטע פון די דאטעס, ווי „זיין אדר", „תענית־אסתר", „פורים און שושן־פורים", שרייבען מיר בעזונדערע שטיק־ווערטער.

אין א עיבור־יאהר ווערט צוגעגעבען נאך א חודש אדר, וואס מען רופט „אדר שני" אדער „ואדר". וועגען דעם וועלען מיר שרייבען גאנץ בעזונדער ביים שמיד־ווארט „עיבור־יאהר".

ביבליאגראפיע: בארנשטיין „פליטה מני קדם"; אידיש־ענגלישע ענציקלאפעדיען; „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אדרא** דאס איז דער נאמען פון גאר אלטע קבלה־ספרים, וואס טייל פון זיי זענען געבליבען אין „זוהר". דער זוהר אליין דערמאהנט עטליכע מאל דעם נאמען פון די ספרים „אדרא", „אדרא קדישא" (הייליגע אדרא), „אדרא דרבי שמעון". דעם טייטש פון דאזיגען נאמען ווייסט מען נישט גאנץ גענוי. טייל זאגען, אז דאס איז דאס גריכישע ווארט „עדרא", וואס איז דער טייטש „אספה" אדער „ישיבה". גאר אמאל האט מען געטייטשט דעם בעגריף „עאל לאידרא" פונקט דאס זעלבע וואס אין דער גמרא האט געהייסען „נכנס לפרדס", וואס האט בעדייט דאס אריינדרינגען אין די סודות פון דער מיסטיק.

אין זוהר געפינען מיר צוויי אדרא'ס: „אדרא רבא" (גרויסע אדרא) אין פרשת נשא, און „אדרא זוטא" (די קליינע אדרא) אין פרשת האזינו. די אדרא דערצעהלט, אז רבי שמעון בן יוחאי, ד'ער תנא, וואס די טראדיציע דערצעהלט וועגען איהם, אז ער האט מחבר געווען דעם זוהר, איז מיט זיינע 9 הייליגע חברים זיך צונויפגעקומען אין „אידרא" און זיך פערטיפט אין הייליגע סודות, און די התלהבות איז געווען אזוי גרויס, אז ביי דריי פון די חברים איז אויסגעגאנגען די נשמה. אין דער „אידרא זוטא" ווערען דערצעהלט די סודות וואס רבי שמעון בן יוחאי האט איבערגעגעבען זיינע תלמידים פאר זיין פטירה, און ווען ער איז געקומען צום סוף ווארט פון פסוק „כי שם צוה ה' את הברכה חיים" איז זיין נשמה אויסגעגאנגען, און די תלמידים האבען געזעהען, ווי א הייליג פייער איז ארויף אין הימעל.

וועגען דער בעדייטונג פון די אדרא'ס פאר דער געשיכטע פון דער ענטשטעהאונג פון דער קבלה איז פיעל געשריבען געווארען. א גאנצע רייה געלעהרטע פארשער זענען זיכער, אז די אדרא'ס שטאמען פון זעהר אלטע צייטען, און עס זענען אין זיי פערבליבען עלעמענטען פון דער אלטער יודישער פילאזאפיע און מיסטיק פון דער צייט פון סוף צווייטען בית־המקדש, פון די אלטע יודישע איסיים און גנאסטיקער. די אדרות זענען בעטראכט געווארען אלס ספעציעלע הייליגע דורך די מקובלים און בעזונדערס ביי רבי יצחק לוריא (אר"י) און זיינע תלמידים. מען פלעגט זיי לערנען אלס א תיקון פאר די נשמה. צו די אדרות זענען געשריבען געווארען פיעל

פירושים. זיי זענען אויך איבערזעצט געווארען אויף לאטיין, ענגליש, פראנצויזיש, אראביש.

ביבליאגראפיע: א גענויע ביבליאגראפישע פערצייכענונג וועגען דער אדרא און די פירושים גיט ד״ר שלום פון ירשלים אין זיין „ביבליאגראפיא קאבאליסטיקא״; „אוצר ישראל״; „אשכול״:

**אדריאנאפאל** שטאדט אין טערקיי.

זי איז בעקאנט אין דער יודישער געשיכטע מיט איהר יודישען ישוב. היינט וואוינען אין אדריאנאפאל, 8 טויזענד יודען. עס איז פארהאן א מיינונג, אז די ערשטע יודען האבען זיך בעזעצט אין אדריאנאפאל שוין אין 2-טען יאהרהונדערט, נאכדעם ווי דער רוימישער קייזער אדריאנוס האט אונטערגעדריקט די רעוואלוציע פון בר כוכבא. דורך פיעל הונדערטער יאהרען האבען די יודען אין אדריאנאפאל געהאט אויסצושטעהען פיעל גזירות, צוערשט דורך די גריכיש־קריסטליכע הערשער פון ביזאנציום (קאנסטאנטינאפאל), און דערנאך פון די טערקען. אין אדריאנאפאל זענען געווען אין פערשידענע צייטען א רייה אנגעזעהענע גרויסע רבנים און לומדים, ווי דער מחבר פון „שלחן ערוך״ רבי יוסף קארו (וועלכער האט זיך שפעטער בעזעצט אין ארץ־ישראל). רבי שלמה אבן וירגה (מחבר פון היסטארישען ספר „שבט יהודה״) און פיעל אנדערע יודען, וואס זענען פערטריבען געווארען פון שפאניען אין גרויסען גירוש אין יאהר רנ״ב (1492). אין אדריאנאפאל איז שפעטער, אין יאהר 1666, פארגעקומען יענער אקט אין דער יודישער געשיכטע, ווען שבתי צבי, וואס האט אויפגעשטורעמט א וועלט מיט דער בשורה אויסצולייזען די יודען פון גלות, האט זיך געשמדט און געווארען א מאכמעדאנער. אין אדריאנאפאל איז אויך געווען א יודישע דרוקעריי. די יודען אין אדריאנאפאל געהערען כמעט אלע צו דער ספרדישער קהלה.

ביבליאגראפיע: רוזאנעס, „דברי ימי ישראל בתוגרמה״, וואו ס׳ווערען נעבראכט אין פיעל ערטער פערשידענע היסטארישע פאקטען פון דער געשיכטע פון די אידען אין אדריאנאפאל; ראזאנעס האט אויך אנגעשריבען דעם ערך „אדרינופולי״ אין דער „אשכול״-ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל״;

**אדרינוס** (האדריאנוס). דאס איז אין גמרא דער נאמען פון בעריהמטען רוימישען קייזער האדריאנוס, וועלכער האט געהערשט איבער דער רוימישער אימפעריע אין דער ערשטער העלפט פון 2-טען יאהרהונדערט. דער נאמען פון אדריאנוס קייזער איז פערבינדען מיט איינער פון די טרויעריגסטע קאפיטלען אין דער יודישער געשיכטע, מיט דעם אויפשטאנד פון בר־כוכבא, דער מלחמה פון ביתר און מיט שרעקליכע גזירות אויף יודען.

אדריאנוס איז געווארען קייזער איבער דער רוימישער אימפעריע אין יאהר 117, דאס הייסט, 47 יאהר נאכ׳ן חורבן פון צווייטען בית־המקדש. ארץ־ישראל האט זיך דעמאלס געפינען פולשטענדיג אונטער דער רוימישער הערשאפט, אבער די לאגע אין ארץ־ישראל איז געווען שוין א סך בעסער. פיעל שטעדט און דערפער וואס זענען געהאט חרוב געווארען אין די מלחמות פון חורבן ירושלים, זענען צוריק אויפגעבויט געווארען, דער לימוד התורה איז געווען קאנצענטרירט אין דער הויפט־ישיבה אין יבנה, וואו עס איז אויך געווען דער נשיא פון די יודען. אדריאנוס האט אין אנהויב פון זיין הערשאפט אויך זיך בעצויגען צו יודען זעהר גוט. ער אליין האט געמאכט

א רייזע איבער די לענדער פון פאדער-אזיע און האט דאן בעזוכט אויך ארץ-ישראל. דא זאל ער זיך האבען בעקענט מיט דעם יודישען תנא רבי יהושע בן חנניה און געהאט מיט איהם פיעל גע-שפרעכען. אזוי דערצעהלט דער מדרש בראשית רבה י', אז אדריאנוס האט גע-פרעגט רבי יהושע בן חנניה פאר וואס בעווייזט זיך נישט גאט צו מענשען עט-ליכע מאל אין יאהר. רבי יהושע האט איהם געענטפערט, אז מה-דאך די זון, וואס איז דאך א בעשעפעניש פון גאט, קאן דער מענש אין איהר נישט קוקען, וועט ער גאט אודאי נישט קאנען זעהן. אזעלכע געשפרעכען פון אדריאנוס קיי-זער מיט רבי יהושע בן חנניה זענען פארהאן אין דער גמרא און מדרשים עט-ליכע מאל.

די בעציהונג פון אדריאנוס צו יודען, — און נישט דוקא צו יודען נאר אויך צו אלע אנדערע פעלקער אונטער דער רוימישער הערשאפט, — איז געווען אזוי גוט, אז ער האט זאגאר ערלויבט די יודען צוריק אויפצובויען דאס בית-המקדש. וועגען דעם געפינען מיר ידיעות נישט נאר ביי די רוימישע און קריסט-ליך-לאטיינישע היסטאריקער פון יענער צייט, ווי דיא קאסיוס, עפיפאנוס, קרי-סאסטאס און אנדערע, נאר אויך אין מדרש בראשית רבה ס"ד, וואו עס ווערט דערצעהלט, אז צוויי יודען, פפוס און לוליאנוס, האבען אויסגעשטעלט טישען מיט געלד פאר די אלע וואס האבען גע-אוילט קיין ירושלים העלפען אויפצובוי-ען די שטאדט און דאס בית-המקדש. די גוטע בעציהונג פון אדריאנוס צו יודען איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט געלאזט אויסקלאפען מטבעות אויף וועלכע עס שטעהט אויפגעקריצט דאס בילד, ווי אדרינוס שטעהט צוזאמען מיט א פרוי, וואס איז דער סימבאל פון יו-דישען לאנד, און זענען צוזאמען מקריב קרבנות. אויף דער צווייטער זייט פון די מטבעות זעהט מען ווי אדרינוס שארט אראב דעם שטויב פון דעם קניהענדעם לאנד יהודה.

אבער פלוצים איז פארגעקומען א גרויסע איבערקערעניש אין דער בעציה-אונג פון אדרינוס צו די יודען. ווען מען איז שוין צוגעטרעטען בויען דאס בית-המקדש איז אנגעקומען א בעפעהל פון קייזער, אז מען זאל אויפהערען בויען, דאגעגען האט אדרינוס ארויסגעגעבען א צווייטען בעפעהל אז מ'זאל אויפ'ן ארט פון בית-המקדש בויען א געצענדינער-שען טעמפעל לכבוד דעם רוימישען אב-גאט צעאוס, און די שטאדט ירושלים זאל מען א נאמען געבען „עליא קאפי-טאלינא", ווייל ער, אדרינוס, האט גע-הייסען מיט זיין נאמען „עליוס". פאר-וואס אדרינוס האט אזוי געענדערט זיין בעציהונג צו יודען, איז זעהר שווער צו זאגען. עס זענען וועגען דעם געשריבען געוואָרען פון פערשידענע גרויסע גע-לעהרטע געשיכטע-פארשער פיעל אב-האנדלונגען. אזעלכע געלעהרטע ווי ראפא-פארט, (אין זיין ספר „ערך מלין"), גרעץ אין זיין „געשיכטע", שלאטער און פיעל אנדערע פרובען עס ערקלערען מיט פערשידענע השערות. אבער קלאר איז עס נישט. דער דערמאהנטער מדרש אין בראשית רבה זאגט, אז דאס איז פאר-געקומען דורך א מסירה פון די שומרו-נים (כותים), וואס האבען אויפגעקלערט אדרינוס'ן, אז די יודען ווילען נעמען איהם מאכען אנ'אויפשטאנד. ווען דער בעפעהל איז אנגעקומען קיין ארץ-ישראל האט דאס ארויסגערופען צווישען די יו-דען די גרעסטע אויפרעגונג און זיי הא-בען שוין געוואלט אנהויבען א אויפ-שטאנד געגען רוים. דער דערמאהנטער מדרש רבה דערצעהלט, אז דער תנא רבי

יהושע בן חנניה האט זיך געווענדעט צו די אויפגערעגטע יודען און זיי דערציילט דעם באקאנטען משל, ווי א לייב האט געגעסען פלייש און א ביין איז איהם געבליבען שטעקען אין האלדז, און א באטשאן האט מיט זיין לאנגען שנאבעל ארויסגעצויגען דעם ביין; ווען דער באטשאן האט פערלאנגט דערפאר בעלוינונג, האט איהם דער לייב געזאגט, אז זיין גרעסטע בעלוינונג איז דאס, וואס ער האט אריינגעשטעקט זיין שנאבעל אין מויל פון לייב און איז ארוים גאנץ. אזוי דארפען די יודען אויך זיין צופרידען וואס מען לאזט זיי צו רוה.

צי האבען די יודען ווירקליך שוין באלד דעמאלס אנגעהויבען דעם אויפשטאנד, אדער ערשט שפעטער? אויך וועגען דעם זענען די מיינונגען פון די געלעהרטע היסטאריקער צעטיילט. דער סוף איז יעדענפאלס געווען, אז עס איז ארויסגעבראכען דער אויפשטאנד פון יודישען העלד בר־כוכבא. די שלאכטען זענען געווען בלוטיגע, דאס איז די בעקאנטע מלחמה אין דער יודישער געשיכטע, וואס איז בעקאנט מיט דעם נאמען „חורבן ביתר". בר־כוכבא איז אומגעקומען און צוזאמען מיט איהם זענען געפאלען איבער א האלבען מיליאן יודישע קריגס־לייט. אויך פון רוימישען מיליטער זענען געפאלען א גרויסע צאהל, אזוי ווייט, אז אדריינוס האט צו דער ענדע פון דער מלחמה נישט געשריבען צום רוימישען סענאט, — ווי דער מנהג איז געווען נאך א פערענדיגטער מלחמה— אז ער און זיינע חיילות קומען צוריק בשלום. גאנץ ארץ־ישראל איז דעמאלס חרוב געווארען. אין דער גמרא גטין נ"ו ווערען דערצעהלט שוידערליכע איינצעלהייטען פון דער מלחמת־ביתר. אין מדרש איכה אויפ'ן פסוק „על אלה אני בוכיה" ווערען דערצעהלט גאנצע סיפורים וועגען דער אכזריות, מיט וועלכער אדריינוס האט געלאזט ערמארדען יודען. אדריינוס האט דעמאלט אויך ארויסגעגעבען די גזירות (טייל געלעהרטע זאגען, אז דאס איז געווען פריהער), אז יודען טארען נישט לערנען קיין תורה, נישט מל־זיין די קינדער און נישט אבהיטען שבת (מעילה י"ג), דעמאלס זענען אויך אומגעקומען די גרעסטע יודישע תנאים רבי עקיבא און רבי חנינא בן תרדיון און טייל אנדערע תנאים פון די „עשרה הרוגי מלכות". די שרעקליכע גזירות זענען בטל געווארען און אין ארץ־ישראל איז לייכטער געווארען ווען אדריינוס איז געשטארבען (אין שרעקליכע יסורים) אין יאהר 138, און אויף זיין ארט איז געווארען קייזער אין רוים אנטאנינוס פיוס, וועלכער האט געהאט א גוטע בעציהונג צו יודען.

אין דער גמרא און מדרש ווערט אדריינוס גאנץ אפט דערמאהנט אויך מיט דער קללה „שחיק טמיא" (זיינע ביינער זאלען צעריבען ווערען) און אויך „אדריינוס הרשע", ווייל אין יודישען זכרון פון יענע צייטען זענען פערבליבען די גרויזאמקייטען און צרות וואס אדריינוס האט אנגעטהון דעם יודישען פאלק. גאנץ אפט ווערען אויך אין מדרש געבראכט אנדערע זאכען פון אדריינוס. אין מדרש שמות רבה ל' און תנחומא בראשית ה' ווערט געבראכט, אז דער איבערזעצער פון תורה עקילס דער גר איז געווען א שוועסטערען־זוהן פון אדריינוס און האט געפיהרט מיט איהם ויכוחים אין אמונה־זאכען — וועגען דער מלחמה פון ביתר וועלען מיר שרייבען ביי די שטיך־ווערטער „ביתר", „בר־כוכבא", „עשרה הרוגי מלכות".

ביבליאגראפיע: ראפאפארט, „ערך מלין" (ערך „אדריינוס); הלוי, „דורות הראשונים;"

גוטמאַן ,,מפתח התלמוד" (ערך ,,אדרינוס); דערענבורג, ,,משא א״ץ ישראל" חלק ב'; גרעץ, ,,געשיכטע ; שירער, ,,געשיכטע"; שלאַטער, ,,די קירכע יערוזאַלעמס" (דייטש); אידיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; ,,אוצר-ישראל"; ,,אשכול".

**אַדְרֶעִי** דאָס איז דער נאָמען פון אַ שטאָדט אין חומש, די שטאָדט איז געלעגען אין יענער זייט פון ירדן, און דער חומש דברים ד' דערצעהלט וועגען דעם קעניג ,,עוג מלך הבשן", געגען וועלכען די יודען האָבען געקעמפט אין דער מדבר, אַז ער איז געווען יושב באדרעי, ,,ער איז געזעסען אין אדרעי". די שטאָדט אדרעי ווערט אויך דערמאָהנט אין אַלטע אויפשריפטען וואָס מען האָט געפינען אין מצרים; דאָרט הייסט די שטאָדט אַטאַרע. דער קריסטליכער שריפטשטעלער פון די צייטען פון דער גמרא אייזעביוס אין זיין געאָגראַפישען בוך וועגען די נעמען פון ערטער אין תנ"ך רופט אָן די שטאָדט ,,אדרעא" און זאָגט, אַז עס איז אַ גרויסע שטאָדט אין דער ,,אַראַבישער מדינה". היינט איז עס אַ קליינע אַראַבישע שטאָט, אַ באַהן-סטאַציע אין עבר-ירדן, און הייסט ,,דירעאַט". מען האָט דאָרט געפינען שטיינער מיט אַלטע העבּרעאישע אויפשריפטען. אין מיטעל-אַלטער האָבען דאָרט געוואוינט יודען. אין דער גמרא ירושלמי (ברכות ה') ווערט דערמאָהנט אַ אמורא ,,רבי תנחום אדרעיה". עס איז נישט זיכער, צי ער איז געווען פון דעם דאָזיגען ,,אדרעי", אָדער פון אַ צווייטער אדרעי, אַ אַלטע שטאָדט אין שבט נפתלי און ווערט דערמאָהנט אין ספר יהושע י"ט פסוק ל"ו.

ביבליאָגראַפיע: הורביץ, ,,ארץ-ישראל ושכנותה"; קליין, ,,עבר הירדן היהודי"; מילער, ,,אזיען אונד אייראָפּאַ" (דייטש); ,,אוצר ישראל; ,,אשכול".

**אַדְרֶעִי** נאָמען פון אַ פאַמיליע. עס איז בעקאַנט פון איהר רבי שלום אדרעי רב אין מאַראָקאָ אין די יאָהרען תס"ז — תצ"ו (1707 — 1736). ער האָט מחבר געווען דרשות און תשובות, וואָס טייל פון זיי זענען געדרוקט אין ספר ,,זכות אבות" פון רבי אברהם קוריאַנט. — מעהר בעקאַנט איז רבי משה בן יצחק אדרעי, אַ בעריהמטער מקובל, וועלכער האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. ער האָט געוואוינט אין אַמסטערדאַם און ענגלאַנד. ער האָט מחבר געווען דרוש-ספרים. אָבער בעקאַנט איז ער מיט זיין ספר ,,מעשה נסים" (אַמסטערדאַם יאָהר 1818), אין וועלכען ער וויל בעווייזען, אַז די עשרת השבטים און דער טייך סמבטיון עקזיסט[illegible]ען [illegible] ער ברענגט די פערשידענע לעגענדעס וועגען זיי. דאָס זעלבע ספר וועגען די עשרת השבטים איז אויך ערשינען אין לעמבערג יאָהר 1850. דאָס ספר איז אויך איבערזעצט געוואָרען אויף דייטש און ענגליש.

ביבליאָגראַפיע: אין דער אידיש-ענגלישער ענציקלאָפּעדיע איז פאַרהאַן אַ ביאָגראַפישע בעשרייבונג פון רבי משה יצחק אדרעי צוזאַמען מיט זיין בילד. וועגען זיינע ספרים איז פאַרהאַן ביי בן יעקב אין ,,אוצר הספרים".

**אַדֶּרֶת** אין דער פאָלקס-שפּראַך זאָגט מען אויך ,,אדערעט". דאָס איז דער נאָמען פון אַ בעריהמטער יודישער פאַמיליע אין שפּאַניען אין 13-טען יאָהרהונדערט און זאָגאר שפּעטער. דער בעריהמטסטער פון די מיטגלידער פון דער ,,אדרת-פאַמיליע איז געווען ,,רבי שלמה בן אברהם אדרת", וועלכע איז בעקאַנט אין דער לומדישער וועלט מיט'ן נאָמען דער ,,רשבא" (געשטאָרבען אין יאָהר 1310).

ווענגען רשב"א, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע פוסקים און זיילען אין דער לומדישער וועלט, וועלען מיר שרייבען א ספּעציעלען שטיך־וואָרט ביים נאָמען „שלמה בן אברהם". — פון דער אדרת־פאמיליע זענען בעקאנט אין דער געשיכטע עטליכע משומדים, און אויך עטליכע וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די אינקוויזיציע אין שפּאניען. צו זיי געהערט שלמה און זיין פרוי איזאבעלא אדרת וואָס זענען אומגעקומען דורך די אינקוויזיציע אין וואַלענסיא אין יאָהר 1490. — אין 18־טען יאָהרהונדערט האָט אויך געלעבט אין דער טערקישער שטאָדט סמירנא (איזמיר) דער מקובל און למדן רבי משה אבן אדרת, דער מחבר פון הלכה־ספר „דרך משה" אויף מסכתות (געדרוקט סאַלאָניקי תקס"ג).

ביבליאָגראפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אשכול"; קייזערלינג, „קאָלומבוס" (דייטש).

**אהאַיאָ** דאָס איז דער נאָמען פון א שטאַט אין די פאראייניגטע שטאַטען אין צפון־אַמעריקא. אין דעם שטאַט אהאיא געפינען זיך א גרעסערע צאָהל שטעדט מיט א בעדייטענדער יודישער בעפעלקערונג. די גרעסטע יודישע קהלות געפינען זיך אין קליוולאַנד (85 טויזענד יודען) און סינסינעטי (23 טויזענד יודען). אין סינסינעטי איז פאַרהאַן דער גרויסער רעפאָרם־סעמינאַר אויף צו ערציהען רעפאָרם־ראַבינערם. אין אַלגעמיין געפינען זיך אין שטאַאט אהאיא ביי 180 טויזענד יודען. די יודישע קהילות פון דעם שטאַאט אהאיא שפּילען א גרויסע ראָליע אין יודישען לעבען אין אַמעריקא. די גרעסטע יודישע קהלה אין דאָזיגען שטאַט האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1829, אבוואָהל עס ווערט אנגעגעבען אז שוין פריהער האָבען זיך יודען בעזעצט אין אהאיא־שטאַט.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אַמעריקאַן דזשויאיש יערבוך".

**אַהֲבָה** אויף העברעאיש איז אהבה דער טייטש „ליעבע". אָבער דאָס וואָרט „אהבה" ווערט אויך בענוצט אין דער יודישער שפּראַך, ווען מען וויל דערמיט בעצייכענען „פריינדשאַפט". איבערהויפּט בענוצט מען זיך דערמיט אין חסידישע קרייזען, ווען מען רעדט ווענגען פריינדשאַפט פון איינעם צום צווייטען.

א בעזונדער בעדייטונג האָט אין דער יודישער רעליגיע דאָס וואָרט „אהבה", ווען מען רעדט ווענגען ליעבע צו גאָט, „אהבת השם". עס איז איינע פון די העכסטע אידעאַלען אין דער יודישער רעליגיע, אז מען זאָל דינען גאָט נישט אַזוי פיל פון „יראה", פון מורא האָבען פאַר דער שטראָף, נאָר פון „אהבה", פון ליבשאַפט צו גאָט. אין חומש געפינט מען עס אין זעהר פיל ערטער. דער פסוק אין חומש דברים ו' „ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך" (און דו זאָלסט ליעב האָבען דיין גאָט מיט דיין גאַנץ האַרץ און דער גאַנצער נשמה) איז אַנערקענט געוואָרען אַלסאַזוי וויכטיג, אז דאָס איז אַנגענומען געוואָרען אַלס הויפּט־טייל פון קריאת־שמע, וואָס מען איז לויט דער יודישער רעליגיע מחויב צו זאָגען דריי מאָל יעדען טאָג. אין דברים י"ג זאָגט דער חומש אז ווען גאָט וויל פּרובען די יודען, וויל ער זעהן „הישכם אהבים את ה' אלהיכם" (צי האָט איהר ליעב אייער גאָט). אין דער גמרא נדרים ס"ב ווערט געבראַכט דער ספרי אויפ'ן פסוק „לאהבה את ה' אלהיכם", אז דער מענש זאָל נישט זאָגען, אז ער וועט לערנען תורה, כדי מען

זאָל איהם רופען „חכם", „רבי" נאָר „למוד מאהבה", מען דאַרף לערנען בלויז פון ליעבשאַפט. אין ספרי דברים ל"ז ווערט געזאָגט, אַז עס איז נישט גלייך ווען איינער טהוט אַ מצוה פון „יראה" (מורא, ער זאָל נישט בעשטראָפט ווערען), צו איינ׳עם וואָס טהוט די מצוה פון „אהבה".

אויך די יודישע רעליגיעזע פילאָזאָפען פון מיטעל־אַלטער, און ספּעציעל רבי בחיי אבן פקודה אין זיין בעריהמטען ספר „חובת הלבבות" האָבען נאָר שטאַרק אונטערגעשטראָכען און פערטיפט דעם אידעאַל פון דינען גאָט פון „אהבה". אויך די מקובלים האָבען געשאַפען אַ גאַנצע שיטה וועגען אהבה און אין זוהר (בראשית מ"ד) ווערט גערעדט וועגען „היכלא דרחימתא", דאָס הייסט דער היכל פון אהבה, וואָס איז פאַראַן אין הימעל.

אין די אַלטע יודישע רעליגיעזע ספרים ווערט גערעדט נישט נאָר וועגען דער אהבה פון יודען צו גאָט, נאָר אויך וועגען דער אהבה פון גאָט צו יודען. דער אַלטער יודישער פילאָזאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריען (געלעבט אין לעצטען יאהרהונדערט פון צווייטען בית־המקדש) זאָגט אַרוים אין זיינע ווערק דעם געדאַנק, אַז די ליעבע פון גאָט צו יודען איז אַן „אַבסאָלוטע", דאָס הייסט זי איז נישט אָבהענגיק פון דעם צי יודען היטען יאָ אָב די תורה צי נישט. ער שטיצט זיך אויף דעם פסוק אין חומש דברים ז׳ „לא מרבכם חשק ה׳ בכם, כי מאהבת ה׳ אתכם", אַז גאָט האָט אויסגעקליבען די יודען, נאָר וויל ער האָט זיי ליעב. דער דאָזיגער געדאַנק ווערט נאָך טיפער און דייטליכער אויסגעדרוקט ביים נביא הושע ג׳ „כאהבת ה׳ את בני ישראל והם פנים אל אלהים אחרים" (ווי גאָט האָט ליעב די יודען אפילו דערמאָלס ווען זיי ווענדען זיך צו פרעמדע אָבגעטער).

אויך אין דאַווענען אין סידור זענען אריינגענומען געוואָרען די ספּעציעלע „אהבה"־תפילות פאַר קריאת־שמע, וואָס זייער הויפּט־מאָטיוו איז די ברכה „הבוחר בעמו ישראל באהבה" (אַז גאָט האָט ערוועהלט זיין פאָלק ישראל מיט ליעבע). דערצו זענען פאַרהאַן אויך די צוויי תפלות „אהבה רבה" און „אהבת עולם", צו די תפלות זענען אויך פערפאַסט געוואָרען פיוטים צו טייל שבתים און ימים־טובים, וואָס הייסען „אהבה"־פיוטים.

ביבליאָגראַפיע: „חובת הלבבות" שער אהבה; „ראשית חכמה" שער האהבה; „אוצר ישראל"; עלבויגען, „תולדות התפלה"; „אוצר התפלות". אויך אין דעם העברעאישען „אוצר ישראל".

**אהו** אין די יודישע ספרים פון 18־טען יאהרהונדערט געפינט מען זעהר אָפט אַ יודישע קהלה מיט׳ן נאָמען „אהו". דאָס איז אַ ראשי־תבות פון ד דריי שטעדט „אַלטאָנא, האַמבורג, וואַנדסבעק", וואָס ליגען איינע נעבען דער צווייטער. די דאָזיגע דריי שטעדט האָבען זיך פעראייניגט אין איין יודישע קהלה און געהאַט אַ רב. אין דער יודישער געשיכטע פון די לעצטע 2 הונדערט יאהר שפּילט די קהלה פון אה"ו אַ זעהר גרויסע ראָליע. דאָרט איז געווען די גרויסע מחלוקה געגען דעם בעריהמטען גאון רבי יונתן אייבעשיץ, וועלכער איז געווען דאָרט רב. דאָרט האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער רעפאָרם־טעמפּעל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער געשיכטע פון רעפאָרם ביי יודען. — מיר וועלען וועגען די דאָזיגע שטעדט בעזונדער בעשרייבען אין

די שטיד־ווערטער „אלטאנא״, „האמ־בורג״.

ביבליאָגראַפיע: וועגען די קהלות „אה״ו״ איז פאַרהאַן אַ ספּעציעל ספר פון יחזקאל דיקעס, „אה למושב״ (קראקא תר״סג).

**אהוד** אַ שופט אין גאַר אַלטע צייטען ביי יודען אין ארץ־ישראל. אין יענע צייטען איידער עס איז געווען אַ מלך ביי יודען, האָבען אין ארץ־ישראל געהערשט „שופטים״; דאָס זענען געווען אַממערסטענ גרויסע העל־דען וואָס האָבען אין אַ מלחמה געראַטע־וועט די יודען פון אַרומיגע פעלקער. איינער פון זיי איז געווען „אהוד בן גרא״. וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין ספר שופטים ג׳ איינע פון די עלטסטע יודישע העלדען־עפּאָפּעיען. לויט דער דאָזיגער ערצעהלונג האָט דעמאָלס עגלון דער קעניג פון מואב בעזיגט די יודען און זיי שטאַרק געדריקט. די יודען האָ־בען געמוזט צאָהלען צום קעניג פון מואב מתנות. אהוד האָט בעשלאָסען צו בעפרייען דאָס לאַנד. ער האָט בעהאַלטען אַ שאַרפע שווערד אונטער זיין מאַנטעל און איז געקומען מיט אַ מתנה פון די יודען, און נאָכדעם ווי ער האָט דעם קע־ניג געגעבען די מתנה האָט ער איהם גע־זאָגט, אַז ער האָט מיט איהם צו רעדען אַ געהיימע זאַך. דער קעניג פון מואב איז אַריינגעגאַנגען מיט אהוד אין אַ בע־זונדער צימער. דעמאָלס האָט אהוד, וועלכער איז געווען אַ געלינקטער, אַרויס־געכאַפּט מיט זיין לינקער האַנט די שווערד און דערשטאָכען דעם קעניג פון מואב און איז אַרויס פון צימער און פערמאַכט די טיהר. אהוד איז שנעל אַריין קיין ארץ־ישראל און צונויפגעזאַ־מעלט די יודען און אָנגעפאַלען אויף מואב, וועלכע איז נישט געווען צוגע־גרייט צו אַ מלחמה צוליב דעם פּלוצ־לינגען טויט פון זייער קעניג. אהוד האָט בעזיגט מואב און בעפרייט די יודען. פון דעמאָלס אָן, שרייבט דער ספר שופ־טים, איז דאָס לאַנד שטיל געוואָרען אויף 80 יאָהר.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר השמות״ פון ראָזענבערג; קיטעל, „געשיכטע״ (דייטש); „אשכול״.

**אהוי** אזוי ווערען אָנגערופען אין דער העברעאישער גראַמאַטיק, דקדוק, די 4 בוכשטאַבען א, ה, ו, י׳, וואָס זענען דורך די אַלטע בעלי־דקדוק אָנגערופען געוואָרען „אותיות הנשימה״ (אָטעם־בוכשטאַבען). זיי האָבען ספּעצ־יעלע דינים אין דער העברעאישער גראַ־מאַטיק. נאָך די דאָזיגע 4 בוכשטאַבען קומט אין טייל פאַלען נישט קיין דגש. די 4 בוכשטאַבען טוישען זיך טיילמאָל, איינער אַנשטאָט דעם צווייטען. דער „אבן־עזרא״ האָט וועגען די 4 בוכשטאַ־בען „אהוי״ אַ ספּעציעלע „חידה״, וואָס ענטהאַלט די דקדוק־כללים פון די דאָזיגע אותיות.

**אָהֳלָה** אין תנ״ך אין ספר יחזקאל כ״ג ווערט גע־בראַכט אַ אַלעגאָריע, אַ משל, אויף די צוויי אַמאָליגע יודישע מלוכות, שומרון און ירושלים. דער משל בעשטעהט פון צוויי שוועסטער, איינע הייסט „אהלה״ און די צווייטע „אהליבה״, וואָס האָבען זיך בעפריינדעט מיט פרעמדע פעלקער.— אין דער יודישער פּאָעזיע פון מיטעל־אַלטער, אין די קינות פון תשעה באב איז פאַרהאַן איינע פון די שענסטע העב־רעאישע קלאָג־לידער „שומרון קול תתן״, וואו עס ווערט דער גורל פון יו־דישען פאָלק בעקלאָגט אין אַ געשפּרעך צווישען „אהלה (שומרון) און „אהליבה״ (ירושלים).

**אהלות** — נאמען פון א מסכת משניות און ברייתות אין דער משנה און תוספתא פון סדר טהרות. אין דער תוספתא הייסט זי אויך „אהילות". אין דער גמרא עירובין ווערט געזאגט „מאן תנא אהילות רבי יוסי", אז דער תנא רבי יוסי איז געווען דער צוזאמענשטעלער פון די משניות „אהלות". די דאזיגע משניות בעהאנדלען די פראגען וועגען א אהל, דאס הייסט א דאך, וואס בעדעקט א מת (טויטען קערפער) וואס רעכענט זיך פאר רעליגיעז טמא און אנדערע רעליגיעז־טהור־זאכען, און וואס דאדורך ווערט אויך די טהור־זאך טמא. אין די אלטע צייטען האבען שוין די הלכות פון אהלות זיך גערעכענט פאר זעהר שווערע (חגיגה י"ד „נגעים ואהלות"). קיין גמרא איז צו דער דאזיגער מסכתא, ווי בכלל צו גאנץ סדר טהרות, נישט פארהאן.

ביבליאגראפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אהרן** — דער כהן גדול, דער ברודער פון משה רבנו. אהרן הכהן פערנעהמט אין חומש, אין דער געשיכטע פון יציאת מצרים און דערנאך פון דער וואנדערונג אין דער מדבר דעם גרעסטען ארט נאך משה רבנו. אין חומש שמות ז' פסוק ז' ווערט דערצעהלט, אז אהרן איז עלטער געווען פון משה רבנו מיט דריי יאהר. אהרן איז געווען דער זוהן פון עמרם און זיין ווייב יוכבד. אהרן איז געגאנגען צוזאמען מיט משה צו פרעה מלך מצרים כדי איהם אויפצופאדערען אין נאמען פון גאט אז ער זאל ארויסלאזען די יודען פון מצרים. צוליב דעם, וואס משה איז געווען א כבד פה איז אהרן געווען דער „פה", דער רעדנער פאר פרעה (חומש שמות ד'). אין חומש ווערט אויך דערצעהלט דער גרויסער חטא, וואס אהרן איז בעגאנגען, נעמליך, דעם חטא פון „עגל הזהב". ווען משה רבנו האט זיך געזוימט אויפ'ן בארג סיני צו נעהמען די לוחות, דערצעהלט דער חומש אין שמות ל"ב, אז דעמאלס איז דאס פאלק געקומען צו אהרן אז ער זאל זיי בעשאפען דעם „עגל הזהב", וואס זאל זיי זיין פאר אן־אבגאט, און אהרן האט זיי דעם עגל הזהב געמאכט. אהרן איז געווארען כהן גדול, און זיינע קינדער און אלע וואס שטאמען פון זיי זענען בעשטימט געווארען אלס כהנים (שמות כ"ח). ווען קרח און זיינע אנהענגער זענען ארויסגעטרעטען געגען אהרן, פארוואס ער זאל זיין כהן גדול, האט די ערד איינגעשלינגען קרח'ן און זיינע אנהענגער (במדבר ט"ז), און אלס צייכען, אז אהרן איז דער ריכטיגער כהן ווערט דערצעהלט אין חומש במדבר י"ז, אז דער „מטה אהרן", דער שטעקען פון אהרן, האט אויפגעבליהט. אהרן איז געשטארבען דעם ערשטען טאג אין חודש אב (פינפטען חודש) אין עלטער פון 123 יאהר אין „הר ההר" (במדבר ל"ג). אין אנ'אנדערע שטעלע אין חומש (דברים י') ווערט דערצעהלט, אז אהרן איז געשטארבען אין מוסרה.

אין די שפעטערדיגע צייטען פון דער משנה און דער גמרא איז אהרן הכהן כאראקטעריזירט געווארען אלס דער סימבאל פון רודף שלום צווישען מענשען. הלל הנשיא זאגט אין „פרק אבות" פרק א' „הוה מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" (זיי פון די תלמידים פון אהרן, האב ליעב דעם שלום, און יאג־נאך דעם שלום, האב ליעב מענשען און זיי מקרב זיי צו דער תורה). און „אבות רבי נתן" פרק י"ו ווערט דערצעהלט, אז אהרן הכהן פלעגט זיך מתחבר זיין זאגאר צו רשעים, כדי זיי ארויסצופיהרען

אויף דעם בעסערן וועג. אין דער גמרא סנהדרין ז׳ ווערט געבראַכט זאָגאַר א פערענטפערונג פאַרוואָס אַהרן האָט נאָכגעגעבן די פאָדערונג צו מאַכן דעם עגל הזהב, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דערצערנען דאָס פאָלק און זיי ברענגען צו מאָרדען, אַזוי ווי זיי האָבן דאָס שוין געטאָן מיט חור. אַזוי ווי אויך אין דעם איז צו זעהן זיין גוט־האַרציגקייט. וועגן דעם טויט פון אַהרן הכהן איז פאַרהאַן א ספעציעלער „מדרש אהרן״ מיט פערשידענע אגדות (אַרויסגעגעבן אין „מדרשים קטנים״ דורך „מוריה״ אָדעס, תרע״ט).

די מאָדערנע ביבעל־קריטיקער ווי וועלהויזען און קיטעל ווייזען אָן, אַז אין דער צייט וואָס אין ספר ויקרא (למשל כ״א) און אין אַנדערע שטעלען פון חומש ווען מען רעדט וועגן כהנים ווערט כסדר געזאָגט „הכהנים בני אהרן״ (די כהנים פון די זוהן אהרן), איז אין ספר דברים (י״ח און אַנדערע ערטער) אַממערסטען פאַרהאַן „הכהנים הלוים״ (די כהנים די לוים). די דאָזיגע תנ״ך־קריטיקער ווילען דעריבער זאָגען, אַז אין די אַלטע צייטען איז דער גאַנצער שבט לוי געווען כהנים, און ערשט אין פיעל שפעטערע צייטען זאָל אַ געוויסע משפחה פון די „כהנים־הלוים״, ווי למשל די משפחה פון „הכהנים בני צדוק״, וואָס ווערען דערמאָהנט אין יחזקאל מ״ד, פערכאַפט פאַר זיך די כהונה און זיי האָבען זיך מתייחס געווען אויף אַהרן דעם ברידער פון משה. לויט דער טעאָריע פון די דאָזיגע תנ״ך־קריטיקער איז דער ספר ויקרא געשריבען געוואָרען אַ סך שפעטער פון ספר דברים. אָבער אַ גאַנצע רייה גלעהרטע פאָרשער זענען געגען דער דאָזיגער מיינונג. אוז דער יודישער געלעהרטער פראָפעסאָר דוד האָפמאַן האָט אין זיינע פירושים אויף ויקרא און דברים אַרויסגעשעלט אַרגומענטען געגען דער גאַנצער שיטה פון די דערמאָהנטע ביבעל־קריטיקער.

אין ספר „גלילות ארץ־ישראל״ ווערט דערצעהלט, אַז מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק איז אויף א הויכען באַרג אין יענער זייט פון ים המלח געווען אַ הייל מיט אויפשריפטען און די אַראַבער האָבען געהאַלטען די הייל הייליג אַלס דעם קבר פון אהרן, און אין הייל איז פאַרהאַן אַ מצבה מיט דער העברעאישער אויפשריפט „אהרן בן עמרם״; יעבען דעם קבר איז פאַרהאַן לויט דעם זעלבען ספר׳ל, אַ גרויסער מדבר, וואו עס ליגען די „מתי מדבר״. קברים, וואָס אין טייל פון זיי ליגען לאַנגע קערפערס פון מענשען.

אין די אַלטע יודישע הגדות אין כתב־יד און אויך געדריקטע חומשים געפינט מען פערשידענע בילדער, וואָס שטעלען פאָר מיט זיך אַהרן הכהן (נעבען משה רבנו); אין טייל פון זיי קומט פאָר אַהרן אָנגעטהון דעם חושן־ואפוד, און אין טייל ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַהרן צינדט אָן די מנורה.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, אוצר השמות״; „אוצר ישראל״; „אשכול״; בער, „אהרן דער כהן „גדול״ אין ווערטהיימערס יאָהרבוך פאַר תרט״ז (דייטש); וועלהויזען, „פראָלעגאמענא״ (דייטש); קיטעל, „געשיכטע״ (דייטש).

**אַהֲרֹן** דער מלך פון די כוזרים. אין די עלטערע דאָקומענטען, וואָס מען האָט געפינען אין דער „גניזה״ אין מצרים, ווערט דערמאָהנט אז אין דער דער ערשטער העלפט פון 10־טען יאָהרהונדערט איז ביים כוזרים־פאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט מגייר געווען און אָנגענומען די יודישע רעליגיע, געווען א מלך מיט׳ן נאָמען אַהרן; ער איז געווען דער פאָר־לעצטער מלך ביי די כוזרים. עס

ווערט געבראַכט, אַז ער האָט געפיהרט מלחמות מיט פערשידענע פעלקער און האָט זיי מנצח געווען. אהרן דער מלך איז געשטאָרבען אין יאָהר 932, און עס איז דעמאָלס געוואָרען מלך זיין זוהן יוסף, דער לעצטער פון די כוזרישע מלכים.

ביבליאָגראַפיע: דובנאָוו, „געשיכטע׳ שעכטער, א „אונבעקאַנטער היסטאָרישער דאָקו־מענט" (ענגליש); „אשכול".

## אַהרן בֶּן אֵלִיָּהוּ

**אַהרן בֶּן אֵלִיָּהוּ** איינער פון די אנגעזעהענסטע חכמים ביי די קאַראַאימער, בעריהמטער פילאָזאָף. מען האָט איהם אויך גערופען „אהרן האחרון" (דער לעצטער). כדי איהם אונטערצושיידען פון אַ אַנדערען בעריהמטען קאַראַאימישען חכם, „אהרן בן יוסף" דער מחבר פון „המבחר", וועלכען מען האָט גערופען „אהרן הראשון" (דער ערשטער).

אהרן בן אליהו איז געבוירען געוואָרען אין מצרים אין קאַהיר לערך דעם יאָהר 1300. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע פעהיגקייטען. אַבוואָהל ער איז געווען אַ קאַראַאימער האָט ער אויך געלערענט פיעל יודישע ספרים, און בעזונדערס די פילאָזאָפישע ווערק פון רבי סעדיה גאון, דעם רמב״ם און אַנדערע. אהרן האָט געפרובט אין זיין ספר „עץ־חיים" נאָכמאַכען דעם רמבמ'ס „מורה נבוכים" און אויפוויזען, אַז צווישען דער רעליגיע און דער פילאָזאָפיע איז נישט פאַרהאַן קיין שום סתירה און אַז דער מענשליכער שכל קאָן פערענטפערען די אַלע קשיות פון דער פילאָזאָפיע אויף דער רעליגיע. דאָרט ווי מען קאָן נישט געפינען קיין תירוץ, האַלט אהרן, אַז מען דאַרף אַוועקוואַרפען די פילאָזאָפישע מיינונג און אננעהמען די רעליגיעזע אַנשויאונג. אַ חוץ זיין ספר „עץ חיים" האָט אהרן אויך מחבר געווען דאָס ספר „גן־עדן" אויף די מצוות פון דער תורה. דאָס דאָזיגע ספר איז ביי די קאַראַאימער אָנגענומען אַלס אויטאָריטעט, פונקט ווי דער „שלחן ערוך" ביי יודען; זיי פסקענען אַלע זייערע שאלות לויט די הלכות פון „גן עדן". פון דעם ספר האָט מען אַ לענגערע צייט געדרוקט נאָר ליקוטים, אָבער אין יאָהר 1864 איז ער געדרוקט געוואָרען פולשטענדיג אין גאָזלאָוו. אהרן האָט אויך מחבר געווען אַ פירוש אויף תורה מיט'ן נאָמען „כתר תורה" (געדרוקט אין גאָזלאָוו יאָהר 1867). אהרן בן אליהו איז געשטאָרבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָהר 1369.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע", בערנפעלד „דעת אלהים" (איבער די פילאָזאָפישע אנשויאונגען פון אהרן בן אליהו); פירסט, „די געשיכטע פון קאַרעערטום" (דייטש).

## אַהרן פון בָּבֶל

**אַהרן פון בָּבֶל** דאָס איז געווען איינע פון די לעגענדאַרע פערזאָנען אין דער געשיכטע פון דער קבלה און יודישער מיסטיק. עס ווערט געבראַכט אין ספר „מצרף לחכמה" פון יודישען געלעהרטען יש"ר פון קאַנדיע אין נאָמען פון גרויסען יודישען מקובל פון 12־טען יאָהרהונדערט רבי אלעזר פון גרמיזא (וואָרמס) מחבר פון ספר „הרוקח", אַז אין די גאָר אַלטע צייטען, אין ענדע פון 9־טען יאָהרהונדערט איז געקומען קיין איירָאָפּאַ פון בבל אַ געוויסער „אהרן פון באַגדאַד", דער זוהן פון נשיא פון בבל „שמואל", און ער האָט איבערגעגעבען די רבנים אין איירָאָפּאַ קבלה־סודות. אויך אין אַ אַלטען מחזור פון 14־טען יאָהרהונדערט האָט מען געפינען דערמאָהנט דעם דאָזיגען נאָמען „רבי אהרן אבי הסודות" (רבי אהרן דער פאָטער פון די סודות). עס ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט גע־

בראכט אויך די „סודות‟, וואס מען דארף מכוון זיין ביים דאווענען.

טייל יודישע געלערנטע, ווי צונץ האבען געהאלטען, אז דער גאנצער סיפור וועגען רבי אהרן איז נאר אנ'אויסגעטראכטע לעגענדע, וואס די שפעטערדיגע מקובלים האבען ספעציעל ערפינדען, כדי אזוי ארום צו בעוויזען, אז די קבלה איז זעהר אלט און שטאמט פון בבל, וואו עס זענען געווען טראדיציעס פון די צייטען פון דער גמרא. אבער שפעטער ווען מען האט געפינען די „מגילת־אחימעץ‟ (אבגעדרוקט פון א כתב־יד אין יאהר 1895), וואס שטאמט פון יאהר 1054, האט מען געזען, אז דער אחימעץ דערצעהלט אויך די געשיכטע פון דיזם גרויסען חכם „אהרן פון באגדאד‟ (ער רופט איהם „אבו אהרן‟), וועלכער איז געקומען פון בבל און האט זיך בעזעצט אין איטאליען, און אומעטום וואו ער איז געקומען האט ער בעוויזען מופתים. אין דער „מגילת אחימעץ‟ ווערט דערצעהלט וועגען אהרן פון באגדאד א לעגענדע ווי ער איז געווען א מילנער'ס א זוהן און ער האט געפאנגען א לייב לעבעדיגערהייט. יעדענפאלס, די געלעהרטע היסטאריקער האלטען, אז רבי אהרן האט יא עקזיסטירט. טייל דערצעהלען וועגען איהם, אז ער האט פערפאסט צוויי קבלה־ספרים „ספר הנקוד‟ און „ספר הפרדס‟. די בעדייטונג פון דער פעסטשטעלונג, אז אהרן פון באגדאד האט ווירקליך געבראכט מיט זיך די קבלה־לעהרע פון בבל קיין אייראפא, איז פאר דער געשיכטע פון דער קבלה זעהר גרויס. עס בעווייזט, אז די קבלה איז ווירקליך א לעהרע, וואס האט עקזיסטירט געהיים ביי יודען שוין אין בעדייטענד פריהערדיגע צייטען. וועגען „אהרן פון באגדאד‟ ווערט דערצעהלט, אז ער איז איינמאל מיט א שיף אוועק צוריק פון אייראפא קיין בבל און זיך מעהר נישט בעוויזען.

ביבליאגראפיע: ישר פון קאנדיע, „מצרף לחכמה‟; הלוי „דורות הראשונים‟ נייבויער, „סדר החכמים וקורות הימים‟ (דארט איז געדריקט די מגילת אהימעץ‟); „מאנאטס־שריפט‟ פון ברעסלוי (יאהר 1896); אידיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אשכול‟.

**אהרן הלוי** פון בארצעלאנא, בעבעריהמטער מחבר פון ספר „החינוך‟. ער האט געלעבט אין שפאניען אין דער שטאדט בארצעלאנא צום סוף פון 13־טען און אין אנהויב פון 14־טען יאהרהונדערט.

וועגען דעם דאזיגען בעריהמטען יודישען פוסק איז אונז זעהר ווייניג בעקאנט. מען ווייסט אפילו נישט גאנץ גענוי ווי ער האט געהייסען. מען נעהמט אן, אז ער האט געהייסען „אהרן‟, ווייל עס איז פאראן דערצו ארמז אין ספר החינוך אין אנהויב פרשת תרומה. אין אלטע יודישע ספרים ווערט גאר אנגעגעבען, אז ער האט געהייסען „ברוך‟. דער ספר „החינוך‟ איז ערשינען אינגאנצען אהן דעם נאמען פון מחבר, און נאר אין דער הקדמה זאגט וועגען זיך דער מחבר, אז ער איז „הדל באלפי, איש יהודי מבית לוי ברצלוני‟ (פון די נידריגע, א יוד, א לוי פון בארצעלאנא). צוליב דעם, וואס לויט דעם דערמאהנטען רמז אין פרשת תרומה איז אנגענומען געווארען, אז דער מחבר האט געהייסען „אהרן‟, און ער אליין שרייבט דאך, אז ער איז „לוי פון בארצעלאנא‟, האבען א גאנצע רייה געלעהרטע געמיינט, אז דאס איז געווען דער בעריהמטער פוסק אויך מיט'ן נאמען „רבי אהרן הלוי פון בארצעלאנא‟, וועלכער איז בעריהמט מיט זיין ראשי־תבות־נאמען דער „רא"ה‟, דער מחבר פון „בדק הבית‟ (וועגען איהם שרייבען מיר ביים שטיך־ווארט „אהרן בן יוסף

הלוי"). אָבער שוין אין די פריהערדיגע צייטען איז בעוויזען געוואָרען, אַז דער „ראַ"ה" האָט נישט געקאָנט זיין דער מחבר פון ספר „החינוך", ווייל ערשטענס זענען אין „החינוך" פאַרהאַן הלכות וואָס זענען געגען די מיינונגען פון ראַ"ה, און צווייטענס איז דער סטיל פון שרייבען אין ספר החינוך נישט פון ראַ"ה, וועלכער פלעגט שרייבען מיט זיכערקייט און פעסטקייט וועגען זיינע מיינונגען.

דער ספר „החינוך" ענטהאַלט די תרי"ג מצוות פון דער תורה צונויפגעשטעלט לויט די סדרות פון חומש. ביי יעדער מצוה גיט דער „חינוך" די אַלע פערשידענע הויפטדינים וואָס האָבען מיט דער מצוה אַ שייכות, אַממערסטען שטיצט זיך דער „חינוך" אויף די ספרים פון רמב"ם, אָבער ער בריַנגט אויך דעם רי"ף, רמב"ן; ער ברענגט אויך זאַכען פון רש"י, טייל פון די בעלי־התוספות, רשב"א, ראַ"ה, כאָטש ער דערמאָהנט נישט זייערע נעמען. ער שרייבט, אַז ער האָט מחבר געווען דאָס ספר, מ'זאָל אין דעם אריינקוקען אין די שבתים און ימים־טובים, „וישובו מהשתגע ברחוב הערים" (און מען זאָל נישט ארומלויפען אין די גאַסען). דער חינוך בעמיהט זיך צו געפינען אין פיעל מצוות זייער מאָראַליש־עטישע זייט. אזוי למשל ביי דער מצוה „לא תחסום שור בדישו" (דו זאָלסט נישט פערמאַכען דאָס מויל פון אָקס ווען ער דרעשט תבואה), זאָגט דער „חינוך", אַז דער טעם איז „ללמד עצמנו להיות נפשני נפש יפה רודפת אחר החסד והחמלה" (צו לערנען אונז אַז אונזער נשמה זאָל זיין שעהן, דורכגעדרינגען מיט רחמנות), אין אַז דאדורך וואָס מיר געוועהנען זיך צו טהון חסד מיט בהמות, וועלען מיר געוואוינט ווערען צו בעציהען זיך גוט צו מענשען, „וזה הדרך ראויה ילכו בה עם הקדש הנבחר" (און דאָס איז דער וועג, וואָס איז געפאַסט פאַר דעם הייליגען פאָלק).

דער „חינוך" איז אָנגענומען געוואָרען אין דער לומדישער וועלט אַלס פוסק, און עס זענען צו איהם צוגעשריבען געוואָרען הגהות פון גרויסע רבנים (פון מחבר פון „משנה למלך" רבי יהודה ראָזאָנעס, און פון רבי ישעיה פיק). אין דער לומדישער וועלט איז אויך בעקאַנט דאָס פלפול־ספר „מנחת חינוך" פון רבי יוסף באַראַד פון טאַרנאָפּאָל געדרוקט 1868 לעמבערג, וואָס איז געשריבען געוואָרען צום „חינוך". דער ספר „החינוך" איז געדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין ווענעציע 1523 און דערנאָך פיעל מאָל. דער ספר „החינוך" איז אויך איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטיין (געדרוקט דורך האטינגער אין ציריך 1656) ווי אויך אין פראַנצויזיש.

ביבליאָגראַפיע: כאָנעס, „תולדות הפיסקים"; מיכאל, „אורח חיים"; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפעדיע; „אוצר ישראל"; „אשכול"

**אהרן זשיטאָמירער** ער איז געווען איינער פון די ערשטע חסידישע רביים, און שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון חסידות. גענוי ווען ער איז געבוירען געוואָרען איז נישט בעקאַנט, מען נעהמט אָן, אַז ער איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר תקע"ה (1815), ווייל זיין ספר „תולדות אהרן" וואָס איז געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טויט, איז געדרוקט געוואָרען אין יאָהר תקע"ז (1817).

רבי אהרן זשיטאָמירער איז געווען אַ תלמיד פון בעריהמטען בערדיטשעווער רב, רבי יצחק לוי, מחבר פון „קדושת לוי", און אין „תולדות אהרן", ווען ער

דערמאָהנט זיין דאָזיגען רבּי, שרייבּט ער אויף איהם „רבּי ומורי הגאון". איינמאָל שרייבּט רבּי אהרן זשיטאָמירער וועגען א פּירוש פון „קדושת לוי", אַז ער איז „עמוק עמוק" (זעהר טיעף). דער חסידישער היסטאָריקער באָדאָק אין זיין „סדר הדורות החדש" שרייבּט, אַז רבּי אהרן זשיטאָמירער איז אויך געווען אַ תּלמיד פון רבּי ר' בער (דעם „מגיד פון מעזריטש"). אָבּער דער בּעקאַנטער היסטאָריקער פון חסידות ד"ר האָראָדעצקי האָט נאָכגעוויזען, אַז די דאָזיגע מיינונג איז נישט ריכטיג, ווייל אין „תולדות אהרן" ווערט עטליכע מאָל דערמאָהנט דער רבּי ר' בער און ער שרייבּט נישט אויף איהם דעם טיטול „מורי" (מיין רבּי).

דאָס ספר „תּולדות אַהרן", וואָס איז ערשינען נאָכ'ן טויט פון מחבּר, און איז געבּראַכט געוואָרען צום דרוק דורך זיין איידעם רבּי מרדכי, ענטהאַלט הסכּמות פון גרויסע רבּיים, ווי דער אָפּטער רב, דעם טשערנאָבּילער מגיד, און זיי שרייבּען וועגען איהם, אַז „דבריו הקדושים מעוררים לבבות ישראל לאביהם בּשמים" (זיינע הייליגע ווערטרע ערוועקען די יודישע הערצער צום הימעל). אין דעם ספר ווערט געזאָגט, אַז יעדער יוד דאַרף זיך בּעהעפטען צו גאָט, און דאַרף זיין הייליג אפילו אין זיינע גשמיות'דיגע זאַכען.

בּיבּליאָגראַפיע: בּאדאק, „סדר הדורות החדש"; וואלדען, „שם הגדולים"; האָראָדעצקי אין „אשכּול".

## אהרן טולטשינער

ער איז געווען ראש ישיבה

אין דער שטאָדט טולטשין אין אוקראינע אין די צייטען פון די גרויסע קאָזאַקען־שחיטות אויף יודען, וואָס זענען בּעקאַנט מיט'ן נאָמען גזירות ת"ח ות"ט (אין יאָהר 1648). דער דאָזיגער רבּי אַהרן פון טולטשין ווערט דערמאָהנט אין צוזאַמענהאַנג מיט איינער פון די דראַמאַטישסטע מאָמענטען פון יענע שחיטות. עס דערצעהלט וועגען דעם דער היסטאָריקער פון גזירות ת"ח ות"ט רבּי נתן נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה". לויט זיין ערצעהלונג האָבּען די יודען און פּאָליאַקען זיך פערפעסטיקט אין טולטשין און נישט אריינגעלאָזט די קאָזאַקישע חיילות. אָבּער די פּאָליאַקען האָבּען פערראַטען די יודען און האָבּען געשלאָסען מיט די קאָזאַקען אָנ'אָבּמאַך, אַז זיי לאָזען אַריין די קאָזאַקען אין שטאָדט, און זיי זאָלען די יודען אויסשעכטען אָבּער דערפאַר זאָלען די קאָזאַקען שוינען דאָס לעבּען פון די פּאָליאַקען. די יודען זענען דערפון געוואָר געוואָרען, און אַזוי ווי טייל פון די יודען האָבּען געהאַט געוועהר, האָבּען זיי זיך געוואָלט נוקם זיין אין די פּאָליאַקען פאַר דעם פערראַט און אָנפאַלען אויף זיי. דעמאָלס איז רבּי אהרן דער ראש־ישיבה פון טולטשין אַרויסגעטרעטען צו די יודען מיט א רעדע, און צו זיי געזאָגט, אַז דאָס קאָן בּרענגען אַ אומגליק אויף די יודען וואָס וואוינען אין פּוילען, און די פּאָליאַקען וועלען זיך אויף די יודען נוקם זיין; דעריבּער, האָט ער אין זיין רעדע זיי געזאָגט, איז בּעסער, אַז מען זאָל אומקומען אויף קידוש־השם, און נישט בּרענגען קיין אומגליק אויף די יודען אין אנדערע שטעדט. דאָס האָט געווירקט. עס זענען דעמאָלס אומגעקומען אין טולטשין 1500 יודען, רבּי אהרן איז געפאַנגען געוואָרען מיט נאָך רבּנים, וואָס מיט איהם איז געוואָרען, איז נישט בּעקאַנט. די דראַמאַטישע געשיכטע פון טולטשין מיט רבּי אהרן'ס

שטעלונג איז נאָכהער אויסגענוצט געוואָרען אין פיעל ערצעהלונגען.

ביבליאָגראַפיע: האַנאווער, „יון מצולה"; בערנפעלד, „ספר הדמעות"; „אשכול".

**אהרן טשערנאָבילער** בעריהמטער חסידישער רבי אין וואָהלין, ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקמ"ז, זיין פאָטער איז געווען דער חסידישער רבי ר' מרדכי מגיד אין טשערנאָביל. אין אוקראַינע איז רבי אהרן טשערנאָבילער געווען בעריהמט אַלס בעל־מופת. ער איז אויך געווען „גבאי כולל" פון די כוללות־געלדער, וואָס מען האָט געשיקט פון אוקראַינע קיין ארץ־ישראל אויסצוהאַלטען דאָרט די „חלוקה"־יודען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר תרל"ד און זיינע קינדער זענען געוואָרען רביים נאָך איהם. אויפ'ן קבר פון רבי אהרן אין טשערנאָביל איז פאַרהאַן א אהל און אין זיין יאָהרצייט (ח' כסלו) פלעגען קומען טויזענדער חסידים מתפלל זיין.

ביבליאָגראַפיע: האָראָדעצקי, „החסידים והחסידות" באַנד 3; „אשכול".

**אהרן בן יוסף** פון בודאַ. א יודישער דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונדערט אין אונגאַרען, אין דער הויפּט־שטאָדט בודאַ, אָדער ווי די שטאָדט האָט אמאָל געהייסען „אָפען" (אובין), דאָס איז דאָס היינטיגע בודאַפּעסט. ער האָט געשריבען א פּאָעמע „אין שיין ליד פון אופן" (געדרוקט אין פראַג יאָהר 1688). אין דעם ליעד ווערט בעשריבען דער גורל פון די יודען אין אָפען, און עס ווערט געלויבט די מעשים פון בעריהמטען יודישען שתדלן סענדער בן יוסף טויסק, וועלכער האָט געראַטעוועט א סך יודישע לעבענס אין דער גרויסער שחיטה אויף יודען אין אָפען אין יאָהר 1686. דאָס ליעד הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אַלמעכטיג ביזט דו גאָט אַלע צייט". די דאָזיגע פּאָעמע האָט א גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון די אונגאַרישע יודען. וועגען דער גזירה פון די יודען אין אָפען אין יאָהר 1686 און דער רעטונגס־אַרבייט פון סענדער טויסק און אַנדערע דאָקומענטען געשריבען אין יודיש איז ערשינען פון יקותיאל יהודה גרינוואַלד א ספּעציעלע אָבהאַנדלונג אין זיין „תולדות חכמי ישראל" (קלוזש 1924).

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע, רייזען, לעקסיקאָן (1914); גרינוואַלד, „תולדות חכמי ישראל" (זייט 72).

**אהרן בן יוסף** בעריהמטער קאַראַאימישער געלעהרטער און פילאָזאָף אין 13־טען יאָהרהונדערט. מען רופט איהם אויך „אהרן הראשון" (אהרן דער ערשטער) כדי איהם אונטערצושיידען פון „אהרן בן אליהו" אויך א בעריהמטער קאַראַאימישער פילאָזאָף. אהרן בן יוסף איז געווען דאָקטאָר און חכם ביי די קאַראַאימער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מען איז משער, אז ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1250. ער איז בעריהמט מיט זיין ספר „המבחר", וואָס בעשטעהט פון פירושים אויף תורה, נביאים הראשונים, ישעיה, תהלים און איוב. דער „מבחר" אויף תורה איז געדרוקט געוואָרען אין גאָזלאָוו אין יאָהר 1835 צוזאַמען מיט א פירוש צו איהם. עס זענען אויך ערשינען אין ליקוטים זיינע פירושים צו די אַנדערע תנ"ך־ספרים. ער האָט אויך

מחבר געווען „כליל־יופי" אויף דקדוק, ווי אויך פיוטים און תפלות פאר דעם דאווענען פון די קאראימער. ער איז געשטארבען לערך דעם יאהר 1320.

ביבליאגראפיע: פינסקער, „ליקוטי קדמניות"; גאטלאבער „בקורת לתולדות הקראים יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל"; „אשכול".

## אהרן בן יוסף הלוי (רא"ה)

דאס איז דער נאמען פון בעריהמטען יודישען רב, מחבר, למדן, דענקער און פוסק, וואס האט געלעבט אין 13־טען יאהרהונדערט אין שפאניען און זיינע הלכות זענען אנגענומען דורך די לומדים און רבנים און ווערען אפט געבראכט אין די ספרים פון די שפעטערדיגע פוסקים. דער רא"ה רעכענט זיך פון די „ראשונים", זיין אויטאריטעט אלס פוסק איז זעהר גרויס.

רבי אהרן הלוי, דער רא"ה, איז געבוירען געווארען לערך דעם יאהר 1260 אין שפאניען. זיין פאטער רבי יוסף איז געווען א למדן, און דער רא"ה ברענגט אין זיין נאמען געוויסע הלכות. די פאמיליע פון רא"ה האט געהערט צו די יחוסדיגע, און זיין עלטער־עלטער־זיידע איז געווען רבי זרחיה, דער מחבר פון ספר „המאור". דער רא"ה איז געווען א תלמיד פון רבנו משה בן נחמן (דער רמב"ן). אין יאהר 1285 זאל דער רא"ה האבען געווען רב אין דער שטאדט סאראגאסא (זיכער איז עס נישט). שפעטער (אין יאהר 1291) געפינען מיר דעם רא"ה אין טאלעדא.

דער רא"ה האט מחבר געווען פירושים אויף דער גמרא; טייל פון זיי זענען געדרוקט געווארען אונטער דעם נאמען „פקודת הלויים" (מיינץ תרל"ד) ווי אויך אונטער אנדערע נעמען. אין זיינע דאזיגע פירושים זאגט ארויס דער רא"ה געוויסע מיינונגען אין רעליגיעז־פילאזאפישע פראגען, און עס איז צו זעהן, אז ער האט געהאלטען פון דער רעליגיע אהן שום חסירות. אין זיין פירוש אויף דער גמרא ברכות ביי ברכת הלבנה גיט ער זיין אויפפאסונג וועגען תחית־המתים, אז גאט וועט פאר יעדען מענש בעשאפען א קערפער פון זעלבען שטאנד און כאראקטער, וואס דער זעלבער מענש האט געהאט ביים לעבען. אזוי יעדער וועט עסען, נעהמען א פרוי, האבען קינדער, נאר גייסטיק וועט דער מענש דעמאלס דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה.

אממערסטען אבער איז בעריהמט דער רא'ה דורך זיין ספר „בדק הבית", וואס ער האט אנגעשריבען אלס קריטיק און השגות צום הלכה־ספר „תורת הבית" פון רבי שלמה בן אדרת, בעריהמט מיט'ן נאמען „רשב"א". דער רשב"א איז געווען א חבר פון רא"ה. דער רשב"א האט איהם אבגעענטפערט אין זיין ספר „משמרת הבית". דאס זענען אלץ פראגען וואס זענען נוגע דינים און הלכות, און פערנעהמען ביי די מפרשים פון „שלחן ערוך" א גרויס ארט. דער „בדק הבית" איז געדרוקט געווארען צוזאמען מיט'ן „תורת הבית" און „משמרת הבית" פון רשב"א דאס ערשטע מאל אין ווענעציע יאהר 1608 און אויך שפעטער פיעל מאל. — טייל האבען געוואלט האבען אז דער רא'ה האט אויך מחבר געווען דעם ספר „החינוך", אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווי מיר שרייבען וועגען דעם אין שטיך־ווארט „אהרן הלוי פון בארצעלאנא". דער רא"ה איז געשטארבען לערך דעם יאהר 1303.

ביבליאגראפיע: כאנעס, „תולדות

הפוסקים''; ווייס, דור דור ודורשיו''; מיכאל, „אור החיים''; גרעץ, „געשיכטע''; „אוצר ישראל''; „אשכול''.

## אהרן בן יעקב הכהן

בעריהמטער פוסק, וואס האט געלעבט אין ענדע פון 13־טען און אנהויב פון 14־טען יאהרהונדערט, ער איז בעריהמט מיט זיין ספר „ארחות חיים''. רבי אהרן הכהן האט געלעבט אין דרום-פראנקרייך אין נארבאנא (נרבונא), און ער איז פערטריבען געווארען פון פראנקרייך צוזאמען מיט אלע יודען אין דער צייט פון גירוש אין יאהר 1306. נאכהער האט ער געוואוינט אין שפאניען אויף דער אינזעל מאיארקא. דארט האט ער מחבר געווען זיין ספר „ארחת חיים'', וואס איז א זאמלונג פון הלכות און דינים און אויך פערשידענע יודישע מנהגים אין פערשידענע לענדער. דאס ספר האט א גרויסען ווערט פאר דער פארשונג פון די יודישע מנהגים אין די עלטערע צייטען. עס איז זיכער אז דאס ספר האט ער מחבר געווען נאכ'ן יאהר 1327, ווייל ווען ער דערמאהנט דעם גרויסען יודישען פוסק פון יענער צייט דעם רבנו אשר (רא''ש) גיט ער צו דאס ווארט ז''ל (זכרונו לברכה) און דער ראש איז געשטארבען אין יאהר 1327. דעם „ארחות חיים'' ברענגען זעהר פיל אמאליגע רבנים אין זייערע ספרים און שטיצען זיך אויף איהם אין זייערע הלכות. דער „ארחות חיים'' איז געדרוקט געווארען זעהר שפעט, נעמליך, דער ערשטער חלק אין יאהר 1750, און דער צווייטער טייל דורך די חברה „מקיצי נרדמים'' בערלין יאהר תרס''ב מיט בעמערקונגען פון שלעזינגער.

זעהר בעריהמט איז געווארען דער קיצור, וואס איז געמאכט געווארען פון „ארחות חיים'', און וואס איז ערשינען מיט'ן נאמען „כל בו'' (אלץ אין איהם). דער בעקאנטער ביבליאגראף בן יעקב אין זיין „אוצר הספרים'' מיינט, אז אויך דעם „כל בו'' האט מחבר געווען רבי אהרן הכהן; אבער עס איז בעוויזען געווארען, אז דער דאזיגער קיצור איז געמאכט געווארען דורך אן אנדערען למדן אין די אלטע צייטען (לויט טייל געלעהרטע איז עס געמאכט געווארען דורך א דייטשען יוד רבי שמריה בן שמחה, און לויט אנדערע געלעהרטע איז ער געמאכט געווארען דורך א פראנצויזישען יוד רבי יוסף בן טוביה).

ביבליאגראפיע: שלעזינגער אין זיין איינלייטונג צום „ארחות חיים''; מיכאל, „אור החיים'', כאנעס, „תולדות הפוסקים''.

## אהרן בן משה בן אשר

דער בעריהמטער בעל־מסורה, פעסטשטעלער פון תנ''ך־טעקסט; ער האט געלעבט אין ארץ־ישראל, אין טבריה, אין 10־טען יאהרהונדערט, ער איז אויך בעקאנט מיט'ן נאמען „בן אשר'', כדי איהם אונטערצושיידען פון צווייטען בעל־מסורה, „בן נפתלי'', וואס האט אויך געלעבט אין יענער צייט. דער רמב''ם אין זיין ספר „יד החזקה'' הלכות ספר תורה ברענגט אז אין זיין פעסטשטעלען די פרשיות פון דער תורה האט ער זיך געשטיצט אויף דער „בעקאנטער ספר תורה אין מצרים'' (הספר הידוע במצרים) וואס עס האט מגיה געווען בן אשר. עס איז פאראן א מיינונג, אז דער חומש כתב־יד וואס געפינט זיך אין אלעפא אין סיריען, שטאמט אויך פון דאזיגען בן אשר, און דאס זאל זיין דער „ספר הידוע'', וואס דער רמב''ם ברענגט.

עס זענען געווען אַ רייה געלערענטע, און בעזונדערס דער פאָרשער שמחה פּינסקער אין זיין ליקוטי קדמוניות, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז בן אשר איז געווען אַ קאַראַאימער. די מיינונג איז געשטיצט געוואָרען פון היסטאָריקער גרעץ. אָבער אַ רייה אנדערע געלערנטע און בעזונדערס העשעל שאָר און גאָטלאָבער האָבען בעוויזען, אַז די מיינונג איז נישט קיין ריכטיגע.

ביבליאָגראַפיע פּינסקער, „לקוטי קדמוניות״; שאָר, „החלוץ״ באַנד 6; גאָטלאָבער „בקורת לתולדות הקראים״; גרעץ, געשיכטע אין העברעאיש דריטער באַנד.

**אהרן סטראַשעלער** בעריהמטער חסידישער רבי אין ווייס־רוסלאַנד, געלעבט אין ענדע פון 18־טען און אָנהויב 19־טען יאָהרהונדערט, איינער פון די זיילען פון חסידות פון חב״ד.

רבי אהרן איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר תקכ״ו (1766), ער איז געווען אַ תלמיד פון גרינדער פון ליבאַוויטשער חבד־חסידות, רבי שניאור זלמן פון לאַדי, דעם מחבר פון „תניא״. נאָכדעם ווי רבי שניאור זלמן איז געשטאָרבען אין יאָהר 1812, האָבען אַ טייל פון זיינע חסידים אָנגעהויבען פאָהרען צו רבי אהרן, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין סטאַראַ־סעלאָ״, וועלכעם מען האָט גערופען „סטראַשעלאָ״. רבי אהרן איז געשטאָרבען שמיני עצרת יאָהר תקפ״ט (1828). זיינע הויפּט־ספרים זענען דער „שער היחוד והאמונה״ (געדרוקט אין שקלאָוו, יאָהר 1820) און „שערי עבודה״ (געדרוקט אין שקלאָוו 1821). אין די ביידע ספרים בעמיהט זיך רבי אהרן צו מסביר זיין די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון זיין רבי און פון חבד־חסידות, וואָס שטיצט זיך אויף דער אַלטער קבלה־שיטה, אַז די גאַנצע וועלט, אפילו דאָס גשמיות, איז אויך בלויז געטליכקייט, דער „לית אתר פנוי מיניה״ (עס איז נישטאָ קיין אָרט, וואו די געטליכקייט זאָל נישט זיין) און אז דאָס גשמיות איז נור דער לבוש פון דעם גייסטיגען. די שפּראַך פון זיינע ספרים און דער אופן פון מסביר זיין איז זעהר פּאָפּולער, און די ספרים האָבען דעריבער אין די חסידישע קרייזען געהאַט גרויס ערפאָלג.

ביבליאָגראַפיע: טייטעלבוים „הרב מלאדי״; וואַלדען, „שם הגדולים״; האָראָדעצקי, החסידים והחסידות״.

**אהרן קאַרלינער** חסידישער רבי, פון די ערשטע חסידישע רביים באַלד נאָך רבי ישראל בעל־שם־טוב. עס ווערט דערצעהלט, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תצ״ו (1736) און ער איז געשטאָרבען יונג, אין יאָהר תקל״ב (1772), אין עלטער פון 36 יאָהר. אָבער זיין בעדייטונג אין דער געשיכטע פון חסידות איז זעהר גרויס. רבי אהרן איז נעמליך געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך בעמיהט איינצופיהרען דאָס חסידות אין ליטא, אין דער געגענד פון פינסק (קארלין איז אַ פאָרשטאָדט פון פינסק), און אויף זיין נאָמען האָט מען דעריבער גערופען די חסידים אין ליטא די „קאַרלינער״. עס איז נישט בעוואוסט, צי רבי אהרן איז אויך געפאָהרען אַלס תלמיד צום בעל־שם־טוב, אָדער ער איז געוואָרען אַ חסיד ערשט ביים תלמיד פון בעל־שם־טוב, דעם „מגיד״ פון מעזריטש, דעם רבי ר׳ בער, וועלכער איז געוואָרען רבי נאָכ׳ן טויט פון בעל־שם־טוב אין

יאהר תק"כ (1760). אבער זיכער איז, אז ביים רבי ר' בער איז רבי אהרן קארלינער געווען פאררעכנט פאר דעם אנגעזעהענסטען תלמיד, און ער איז אויך ארומגעפאהרען אין ליטא און מיט זיין פייערדיגער התלהבות האט ער דארט פערשפרייט דעם דרך־החסידות. עס איז א פאקט, אז אין דעם ספר „זמיר עריצים" וואס איז ער־שינען אין אלעקסניץ יאהר תקל"ב געגען דעם חסידות, ווערט דאס ערשטע חסידישע שטיבעל וואס איז געגרינ־דעט געווארען אין סאמע צענטרום פון די מתנגדים, אנגערופען מיט'ן נאמען „המנין של קארלינער" (דער מנין פון די קארלינער).

וועגען דעם ווי אזוי רבי אהרן קא־לינער איז געקומען צו חסידות, ווערט דערצעהלט, אז ער איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין מעזריטש צום רבי ר' בער, און ווען ער איז אהיימגעקו־מען, האט מען איהם געפרעגט, וואס ער האט געלערנט ביים רבי ר' בער, האט ער געענטפערט: „גארנישט" און ער האט באלד פערטייטשט, אז ער איז דארט געוואר געווארען, אז ער איז „גארנישט". די חסידים דערצעהלען, אז רבי אהרן קארלינער האט גע־פלעגט זאגען פרייטאג שיר־השירים מיט אזא זיסקייט, אז מלאכים פון הי־מעל זענען געקומען איהם הערען. פון רבי אהרן איז געבליבען א „סדר־היום", וואס איז געדרוקט געווארען אין ספר „בית אהרן" (געדרוקט אין בראד תרל"ה), אין וועלכען ער לע־רענט ווי אזוי א חסיד דארף זיך אויפ־פיהרען. איינער פון די ווערטער איז אז „יזהר מאד מגאוה ומכעס אפילו לדבר מצוה" (מען זאל זיין אבגעהי־טען פון גאוה און כעס אפילו פאר א מצוה־וועגען). פון רבי אהרן קארלי־נער איז אויך פארהאן געדרוקט איינע פון די עלטעסטע חסידישע ווערטער אין דער יודישער שפראך, און עס הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „עצבות איז דאך נישט קיין עבירה, אבער דער טמטום הלב וואס עצבות פערשטעלט, קאן נישט פארשטעלען די גרעסטע עבירה". ער זאגט דארט אויך אויף יודיש: „א יוד וואס געהט נישט ארום מיט שמחה מיט דעם וואס ער איז א יוד, איז ער א כפוי טובה דעם הימעל"

רבי אהרן קארלינער האט אויך מחבר געווען א זמר צו שבת, וואס ווערט געזונגען מיט א ספעציעלען ניגון; דער זמר הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „יה אכסוף נועם שבת" (גאט, איך בענק צו דער זיסקייט פון שבת). אין זיין צוואה האט ער געבע־טען, אז מען זאל נישט שרייבען אויף זיין קבר קיינע טיטולען.

פון רבי אהרן שטאמען־אב די רביים וואס געהערען צו דער קארלי־נער דינאסטיע. זיין זוהן איז געווען דער בעקאנטער רבי ר' אשר סטאלי־נער, וועלכער איז געשטארבען אין יאהר תקפ"ב (1822). זיין אייניקעל איז געווען דער בעריהמטער רבי און בעל־מופת רבי אהרן קארלינער דער „צווייטער" (כדי איהם אונטערצושיי־דען פון זיין זיידען), וועלכער איז גע־שטארבען אין יאהר תרל"ב. פון איהם איז פארהאן דאס דערמאהנטע ספר „בית אהרן" געדרוקט נאך זיין טויט. רבי אהרן דער צווייטער האט געהאט א גרויסע ליבשאפט צו ארץ־ישראל און פלעגט אהינשיקען א סך געלד צו שטיצען די דארטיגע יודען.

ביבליאגראפיע: א ספעציעלע מאנאגראפיע וועגען רבי אהרן קארלינער און זיינע תורות האט געשריבען הרב גוטמאן אין זיין מגבורי החסידות (געדרוקט תרפ"ו); הארארדעצקי,

„החסידים והחסידות‟ (צווייטער באַנד); באַדאַק, „סדר הדורות החדש‟; וואַלדען, „שם הגדולים‟; „אוצר ישראל‟; „אשכול‟.

**אהרן בן שמואל** (לערך 1620 — 1701), בעריהמ־טער גאון און מחבר פון ספרים אויך אין דער יודישער שפּראַך. רבי אהרן בן שמואל האָט געלעבט אין דייטשלאַנד. ער איז בעריהמט דורך זיין ספר „בית־אהרן‟ (געדרוקט אין פראַנקפורט דאָ־דער יאָהר 1690). דאָס דאָזיגע ספר איז צונויפגעשטעלט לויט די ספרים פון תנ״ך, און אויז יעדען פּסוק ווערט אָנגעוויזען, וואו דער פּסוק ווערט געבראַכט אין ש״ס בבלי, ירו־שלמי מדרשים, זוהר, חקירה־ספרים פון מיטעל־אַלטער און זאָגאַר שפּע־טערדיגע קבלה־ספרים. אויף דעם דאָ־זיגען ריעזען־ווערק האָט רבי אהרן גע־אַרבייט 10 יאָהר. רבי אהרן שרייבט אין זיין הקדמה אז צום דאָזיגען ווערק האָבען איהם מיטגעהאָלפען אין דער אַרבייט א רייה תלמידי־חכמים. דער „בית אהרן‟ איז ערשינען מיט ערגענ־צונגען און בעמערקונגען אין ווילנא יאָהר תר״ם מיט דעם נאָמען „בית־אהרן והוספות‟.

רבי אהרן האָט מחבר געווען נאָך אנדערע קלענערע ספרים אויף העברע־איש. פאַר דער יודישער שפּראַך האָט א בעזונדערע וויכטיגקייט זיין ספר „פּטירת משה שם עולם‟, דאָס איז אַ איבערזעצונג אין יודיש פון מדרש וועגען משה רבנו׳ס טויט און די אַלע סיפּורים וועגען דעם. דאָס דאָזיגע ספר איז געדרוקט געוואָרען אין פראַנקפורט דאָדער 1693 (ביי רייזען אין „לעקסי־קאָן‟ (1914) איז בטעות אָנגעגעבען דאָס יאָהר 1697). נאָכהער איז עס ערשינען פיל מאָל אונטערן נאָמען „נשיקת משה‟ און איז אויך געדרוקט געוואָרען אין די מחזורים פון סוכות.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן‟ (1914); בן־יעקב, „אוצר הספרים‟; „אוצר ישראל‟; „אשכול‟.

**אהרן בן שמואל** פון הערגערסהויזען, ער איז געווען איינער פון די ערשטע ליבהאָבער און פערטיידיגער פון דער יודישער שפּראַך. ער האָט געלעבט אין דייטש־לאַנד צום סוף פון 17־טען און אָנהויב פון 18טען יאָהרהונדערט. זיין ליבע צו דער יודישער שפּראַך איז געווען אַזוי גרויס, אז ער האָט פערפאַסט אַ זאַמלונג פון תפלות אויף יודיש און ער האָט אויך איבערזעצט אויף יודיש תפלות פון העבּרעאיש, און ער האָט דאָס אָבגעדרוקט אין פראַנקפורט דמיין יאָהר 1709 (ביי רייזען אין „לעקסי־קאָן‟ (1914) ווערט דער נאָמען פון דער שטאָדט נישט דערמאָהנט) און עס געגעבען דעם מאָדנעם נאָמען „ליבליכה תפלה אוצר גרעפטיגה ארצ־נייא פאר גוף אונ׳ נשמה‟ (ליעבליכע תפילה אָדער קרעפטיגער רעצעפּט פאַר דעם גוף און נשמה). די תפילות זענען דורכגעדרינגען מיט אַ טיעפען רעליג־יעזען געפיהל. אין דער הקדמה צום ספר (איבערגעדרוקט אין בוש׳ס „יאָהר־בוך פיר איזראעליטען‟ (דייטש) יאָהר 1846) זאָגט דער מחבר אז עס איז בעסער פאַר דעם מענש צו דאַווענען אין אזא שפּראַד וואָס ער פערשטעהט, ווי אין לשון קודש, וואָס ער פער־שטעהט נישט. ער זאָגט דאָרט אויך, אז מיט דעם קינד דאַרף מען לערנען אין זיין „מוטער לשון‟. עס ווערט דערצעהלט, אַז די רבנים האָבען זיינע תפלות געלעגט אין חרם, אַזוי אַז מען האָט דאָס ספר גאָרנישט געקאָנט בע־

קומען, ערשט אין יאָהר 1830 (ביי רייזען אין בטעות פאַרהאַן 1880) האָט מען געפינען אין דייטשלאַנד אויף אַ בוידעם־שוהל אַ ביסעל עקזעמפּליאַרען און מען האָט זיי מקבר געווען.

ביבליאָגראַפיע: רייזען לעקסיקאָן; (1914); אסף, „מקורות לתולדות החינוך בישראל" „אשכול";

## אהרן שמואל קוידאַנאָווער

ער איז געווען אַ בעריהמטער רב און גאון אין 17־טען יאָהרהונדערט און איז בעקאַנט אין דער לומדישער וועלט דורך זיין ספר „ברכת הזבח", אַ פּי־רוש אויף די שווערע מסכתות פון דער גמרא אין סדר קדשים.

רבי אהרן שמואל, וואָס איז אויך בעקאַנט אין די ספרים מיט'ן נאָמען „מהרש"ק" (מורנו הרב רבי שמואל קיידאַנאָווער) איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1614 אין קוידאַנאָוו נישט ווייט פון מינסק. זיין פאָטער רבי ישראל איז געווען אַ רייכער ייִד. רבי אהרן שמואל האָט שוין אין דער יוגענד געשמ'ד אַלס גרויסער למדן און איז אַלס יונגערמאַן אויפגענומען גע־וואָרען אַלס רב אין ביאַלאַ (נעבען בריסק). אָבער אין יאָהר 1648 זענען אויסגעבראָכען אין אוקראַינע און דרום־פּוילען די גרויסע קאָזאַקען־שחי־טות אויף יודען, וואָס זענען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „גזרת ת"ח ות"ט". די קאָזאַקען־מחנות האָבען חרוב געמאַכט פיל יודישע קהלות און אויסגעשאָכטען דעם גרעסטען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג. ווען די קאָזאַקען־מחנות האָבען זיך דערנעהנ־טערט קיין ביאַלאַ איז רבי אהרן שמואל פון דאָרט אַנטלאָפען קיין ווילנא. זיין רוהם אַלס למדן איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אין ווילנא אויפגע־

נומען געוואָרען אַלס דיין אין ראַבי־נאַט, וואו עס זענען געזעסען אַזעלכע גאונים ווי רבי משה לימא (מחבר פון „חקת מחוקק"). רבי אפרים כ"ץ (מחבר פון „שער אפרים"). רבי שבתי כהן (דער ש"ך) און אַנדערע. אין יאָהר תט"ו (1655) ווען דאָס רוסישע מיליטער און די קאָזאַקען זענען אַריין קיין ווילנא, האָבען זיי דאָרט געמאַכט אַ שחיטה אויף יודען; פיעל פון די ווילנער יודען זענען אַנטלאָפען פון דער שטאָדט, און צווישען די אַנטלוי־פענדע איז אויך געווען רבי אהרן שמואל קיידאַנאָווער. רבי אהרן שמואל איז צוערשט אַנטלאָפען אין אַ קליין שטעטעל קוראָוו ביי לובלין אָבער אויך דאָרט זענען אָנגעקומען די קאָ־זאַקען, און צוויי קינדער פון רבי אהרן שמואל זענען אומגעקומען אין דער שחיטה. פון דאָרט איז רבי שמואל ווייטער אַנטלאָפען קיין עסטרייך און דייטשלאַנד; אויפ'ן וועג האָט ער זיך צעבראָכען אַ פוס און ער איז געוואָ־רען לאָם. נאָך פיל וואַנדערונגען איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין דייטשלאַנד אין פירטה, דערנאָך איז ער געווען רב ווידער אין פּוילען אין דער שטאָדט רישא (זשעזשאָוו), נאָכ־הער אין גלאָגאָוו, בריסק, פראַנקפורט דמיין, צום סוף אין קראָקא, און ער איז געשטאָרבען אין דער שטאָדט כמיעלניק אין יאָהר תל"ו (1676), ווען ער איז דאָרט אהינגעקומען צו אַ אסיפה פון „ועד ארבע ארצות".

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט איז רבי אהרן שמואל בעריהמט דורך זיין ספר „ברכת הזבח" אויף די שווערע גמרות פון סדר קדשים. רבי אהרן שמואל ווייזט דאָ אַרויס נישט נאָר אַ קלאָרען שכל, נאָר אויך אַ געוויסע

קריטישע אויפפאסונג צו די פערשידענע נוסחאות אין דער גמרא. אין דער הקדמה צום דאזיגען ספר „ברכת הזבח", וואס איז געדרוקט געווארען אין אמסטערדאם 1669 דורך זיין איידעם רבי מנחם פ"ץ (א ברידער פון ש"ד), גיט איבער רבי אהרן שמואל ווערטפולע איינצעלהייטען איבער די שחיטות אין יענע צייטען. זעהר וויכטיג איז אויך זיין ספר שאלות ותשובות „אמונת שמואל" (געדרוקט פראנקפורט דמיין 1683). וואו עס ווערען בעהאנדעלט פיעל שאלות פון עגונות, וואס זייערע מענער זענען פערשוואונדען געווארען אין דער צייט פון די שחיטות. אויך דא געפינען מיר פיעל וויכטיגע היסטארישע איינצעלהייטען וועגען יענער צייט. רבי אהרן שמואל קוידאנאווער האט מחבר געווען נאך אנדערע ספרים ווי „ברכת שמואל" דרשות אויף תורה געדרוקט פראנקפורט דמיין 1682 (אין דער הקדמה פון זיין זוהן ווערט דערצעהלט די טרויעריגע ביאגראפיע פון מחבר), ווי אויך „תפארת שמואל" און אנדערע. — רבי אהרן שמואל'ס זוהן איז געווען רבי הירש קוידאנאווער, מחבר פון פאפולערען מוסר־ספר „קב הישר" אויף העברעאיש און יודיש; וועגען איהם שרייבען מיר בעזונדער ביים שטיד־ווארט „הירש קוידאנאווער".

ביבליאגראפיע: צונץ, „עיר הצדק" (א געניע ביאגראפיע); פין, „קריה נאמנה"; דוקעס „אוה למושב"; „אוצר ישראל"; „אשכול".

## אהרני ישראל

**אהרני ישראל** (געבוירען יאהר 1880). בעריהמטער יודישער זאאלאג, וועמענס פארשונגען איבער דער זאאלאגיע פון ארץ־ישראל האבען א גרויסען ווערט פאר דער וויסענשאפט. אהרני איז געבוירען געווארען אין יאהר 1880 אין שטעדטעל ווידז (אין דער ליטא), און האט שטודירט אין אוניווערסיטעט אין פראג. זינט דעם יאהר 1902 וואוינט ער אין ארץ־ישראל, וואו ער האט געפארשט די זאאלאגיע פון לאנד. ער איז יאהרענלאנג געגאנגען צו פוס איבער די מדבריות פון ארץ־ישראל און שטודירט די פערשידענע זאאלאגישע מינים. פון יאהר 1925 איז ער לעקטאר אין ירושלימער העברעאישען אוניווערסיטעט איבער זאאלאגיע. ער האט אויך א גרויסע זאמלונג פון דער ארץ־ישראלדיגער זאאלאגישער וועלט. אהרני האט פערעפענטליכט א גאנצע רייה אבהאנדלונגען איבער די נעמען פון די בעלי־חיים אין תנ"ך און גמרא; ער האלט, אז די זאאלאגישע בעשרייבונגען אין דער גמרא האבען א גרויסען וויסענשאפטליכען ווערט.

ביבליאגראפיע: טרייד אין יודישען זשורנאל „אלטניילאנד" ווארשא 1925 נומער 4, טיפען פון נייעם ארץ־ישראל; „אשכול";
,

## אהראנסאן

**אהראנסאן** דאס איז דער נאמען פון א בעקאנטער יודישער פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען וויכטיגע פערזענליכקייטען, רבנים, קינסטלער, געלעהרטע; בעזונדערס איז בעקאנט די אהראנסאן־פאמיליע אין ארץ־ישראל וואס האט געשפילט א גרויסע ראליע ביים מיטהעלפען דעם ענגלישען מיליטער איינצונעהמען אין יאהר 1917 ארץ־ישראל פון די טערקען אין דער וועלט־מלחמה. וועגען די אלע וויכטיגע פערזענליכקייטען פון דער דאזיגער פאמיליע וועלען מיר געבען ביים שטיד־ווארט „אראנסאן", וואס וועט ענטהאלטען א רייה בעשרייבונגען פון דער דאזיגער פאמיליע און איהרע מיטגלידער.

**אַהראָנסבורג** דאָס איז דער נאָמען פון אַ קליין שטעדטעל אין די פעראייניגטע שטאַטען פון צפון־אַמעריקע, אין דעם שטאַאַט פענסילווייני׳ע, די בעדייטונג פון דאָזיגען שטיידטעל בעשטעהט אין דעם, וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרען דורך א יוד, און טראָגט דעם נאָמען פון יודישען גרינדער. דאָס שטעדטעל איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1786 דורך דעם יוד אַהרן לוי און ער האָט דאָס שטעדטעל אַ נאָמען געגעבען נאָך זיך „אהאראָנסבורג". די הויפּט־גאַס פון שטעדטעל האָט ער א נאָמען געגעבען „רחל׳ם וועי" (דער וועג פון רחל) נאָך זיין פרוי רחל.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל".

**אוב, ידעוני** (נעמען פון כשוף־מאַכערס אין די תנ״ך־צייטען). אין תנ״ך געפינען מיר אין פיל ערטער, אַז אויך ביי יודען זענען געווען כשוף־מאַכערס, וואָס מען האָט זיי גערופען „אוב" און „ידעוני". אין חומש ויקרא כ׳ ווערט שטרענג פערבאָטען דער דאָזיגער סאָרט כשוף און עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז פאַר טהון דעם כשוף פון „אוב און ידעוני" קומט טויט־שטראָף דורך פערשטיינען.

וואָס פאר אַ סאָרט כשוף איז געווען דער „אוב"? אין חומש דברים י״ח ווערט צוזאַמען דערמאָהנט „אוב וידעוני ודורש אל המתים" (אוב און ידעוני און ווער עס פאָרשט ביי טויטע). דערפון איז צו זעהן, אז דער סאָרט כשוף פון „אוב" האָט געהאַט אַ שייכות מיט געוואָר ווערען צוקונפטס־זאַכען דורך אַרויסרופען גייסטער פון טויטע און פרעגען זיך ביי זיי. דאָס דאָזיגע איז נאָך קלאָרער און זיכערער פון דעם בעקאַנטען ספור המעשה, וואָס ווערט דערצעהלט אין ספר שמואל א׳ קאַפּיטעל כ״ח, אַז ווען שאול המלך האָט געהאַלטען פאַר אַ מלחמה מיט זיינע פיינד די פלשתים, און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, איז ער געגאַנגען פרעגען ביי א „בעלת אוב", אַ „אוב"־כשוף־מאַכערין אין „עין דור", און זי האָט איהם „אַרויפגעבּרענגט" „שמואל הנביא", וועלכער איז שוין געווען געשטאָרבען, און שמואל האָט איהם אָנגעזאָגט די טרויעריגע נביאות, אַז שאול וועט פאַלען אין דער מלחמה. די גאַנצע דראַמאַטישע סצענע פון דער „בעלת אוב" מיט שאול המלך דערמאָהנט די בעקאַנטע מאָדערנע ספּיריטואַליסטישע סעאַנסען פון אונזער צייט, וואו מען „ברענגט אַרויף" דורך די הילף פון „מעדיומס" די גייסטער פון פערשטאָרבענע און זיי זאָגען נביאות. צי איז די אַמאָליגע „אוב" און „בעלת־אוב" געווען א סאָרט „מעדיומס" איז נישט זיכער.

פון דער דערמאָהנטער ערצעהלונג איז אויך צו זעהן, אז אין די אַלטע צייטען איז ביי יודען געווען דער גלויבען, אַז די „אוב"־כשוף־מאַכערס האָבען אַ ווערט און אז זיי רופען ווירקליך אַרויס די גייסטער פון פערשטאָרבענע, נאָר די יודישע רעליגיע האָט עס פערבאָטען. דער זעלבער גלויבען איז אויך געווען אין די צייטען פון דער גמרא וואו עס איז צו זעהן פון דער גמרא שבת קנ״ב, וואו רבי אבהו זאָגט, אַז אין די ערשטע 12 חדשים נאָכ׳ן טויט געפינט זיך נאָך די נשמה פון פערשטאָרבענעם נעבען זיין קערפּער און די „אובא טמיא" (דער „אוב מכשף") קאָן איהר אַרויפברענגען. אָבער טייל שפּעטערדיגע יודישע מפרשי התנ״ך און פילאָזאָפען פון מיטעל־

אַלטער ווי רבי שמואל בן חפני (ווערט געבראַכט אין פירוש פון אבן עזרא), דער רמב"ם און רבי לוי בן גרשון (רלב"ג) האַלטען, אַז די גאַנצע מעשה פון דער בעלת אוב מיט שאול המלך איז נישט מעהר געווען ווי די ווירקונג פון דער פאַנטאַזיע, און שאול איז גע־ווען אַזוי איבערגענומען מיט דער מורא פאַר דער מלחמה אַז איהם האָט זיך געדאַכטען אַז שמואל'ס גייסט רעדט צו איהם.

עס איז אויך צו בעמערקען, אַז דער יודישער געלעהרטער ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) אין זיין תּלמודישען ווערטער־בוך „ערך מלין" וויל אויפווייזען, אַז דאָס וואָרט אוב שטאַמט פון אַלטען מצרים, און עס האָט שוין אין דער אַלט־עגיפּטישער שפּראַך געהאַט די בעדייטונג פון דעם כומר וואָס האָט זיך בעשעפטיגט מיט טויטע. דער געלעהרטער געזעניוס אין זיין העברעאישען ווערטער־בוך ווייזט אָן, אַז „אוב" האָט אויך בעצייכענט דעם טויטען זעלבסט.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אובין ישן** (אַלט־אָפען), דאָס איז דער נאָמען פון דער אַלטער הויפּט־שטאָדט אין אונ־גאַרן, וואָס איז היינט אַ טייל פון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָדט בודאַפּעסט. אין די עלטערע רבנישע ספרים ווערט די קהלה פון „אובין ישן" דערמאָהנט פיל מאָל. וועגען דער געשיכטע פון די יו־דען אין „אובין ישן" וועלען מיר שריי־בען ביים שטיך־וואָרט „בודאַפּעסט".

**אוגאָלינאַ בּיאַדזשאָ** דאָס איז דער נאָ־מען פון אַ איטאַליענישען געלעהרטען אין 18־טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט געשריבען אַ בעריהמט ווערק אין דער לאַטיינישער שפּראַך וועגען יודענטום. אוגאָלינאַ איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1700 אין ווענעציע. פון זיין לעבען ווייסט מען גאָרנישט; די געלערענטע נעהמען אָן, אַז אוגאָלינאַ איז געבוירען געוואָרען אַ יוד, נאָר שפּע־טער האָט ער זיך געשמדט. זיכער איז עס נישט.

אוגאָלינאַ האָט געקענט זעהר גוט גמרא און האָט איבערהויפּט געהאַט אַ גרויסע בקיאות אין אַלעם וואָס איז גע־שריבען געוואָרען וועגען יודענטום. זיין ריזיג ווערק אין דער לאַטיינישער שפּראַך הייסט „טעסוירוס אַנטיקוויטאַ־טום סאַקראָרום" (דער אוצר פון הייליגען אַלטערטום), און עס נעהמט ארום אַלע וויסענשאַפטליכע ידיעות פאַר די צייטען פון תנ"ך און גמרא. דאָס דרו־קען דאָס בוך האָט געדויערט פון יאָהר 1744 ביז דעם יאָהר 1769, און עס איז ערשינען אין 36 בענדער. דער „אוצר" נעהמט ארום נישט נור אוגאָלינאַ'ס פאָרשונגען, נאָר אויך די פאָרשונגען פון אַנדערע געלעהרטע אין פערשידענע צייטען. דאָ ווערען בעהאַנדעלט די יו־דישע מנהגים און די אָרדענונגען פון בית־המקדש, איבערזעצונגען פון אַ סך גמרות פון בבלי און ירושלמי ווי אויך פון פיעל תּוספתות, מדרשים, פראַג־מענטען פון רמבּם. ער רעדט דאָרט ארום אויך פערשידענע ידיעות פון דער ארץ־ישראל־געאָגראַפיע, די אַלטע כתות ביי יודען (צדוקים, פרושים און אי־סיים), די אַלטע געצענדינערייַ, קליידונג ביי יודען אין אַלטערטום, ערד־אַרבּייט אין די אַלטע צייטען אין ארץ־ישראל. דער „אוצר" האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג פאַר דער פערשפּרייטונג פון ידיעות וועגען יודענטום אין דער קריסט־ליכער געלעהרטען־וועלט.

ביבליאָגראַפיע: יודיש-ענגלישע ענ-ציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל“; „אשכול“.

**אוגאַנדאַ** לאַנד אין מזרח-אפריקא, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. אין לאַנד וואוינען ביי 4 מיליאָן נעגערס און ביי 10 טויזענד אייראָפּעער. דער שטח פון אוגאנדא איז ביי 400 טויזענד קוואַד-ראַט-קילאָמעטער.

אין יאָהר 1903 האָט די ענגלישע רע-גירונג פאָרגעלייגט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַז יודען זאָלען זיך בע-זעצען אין אוגאנדא און דאָרט גרינדען אַ יודיש לאַנד. דאָס האָט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעמאָלס ארויס-גערופען אַ גרויסען שטורעם און חלוקי-דעות. דער דעמאָלדיגער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד״ר טעאָדאָר הערצעל ווי אויך טייל אַנדערע פיהרער האָבען געהאַלטען, אַז מען דאַרף אָננעהמען דעם אוגאַנדא-פּאָר-שלאַג, ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אַז ארץ-ישראל איז נישט לייכט צו בעקו-מען. אָבער אַ רייהע אַנדערע ציוניסטי-שע פיהרער מיט מנחם מענדעל אוסיש-קין אין דער שפּיץ, וואָס האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען „ציוני ציון“, זענען שאַרף ארויסגעטרעטען געגען דעם או-גאַנדא-פּאָרשלאָג, האַלטענדיג, אַז דאָס איז געגען דעם ציוניסטישען אידעאַל. די אוגאַנדאַ-פראַגע איז געבראַכט גע-וואָרען אויף דעם 6-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל אין יאָהר 1903. מען האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע אויס-צופאָרשען דאָס לאַנד. די דאָזיגע פראַ-גע האָט צעטיילט דעם ציוניסטישען לאַ-גער אין צוויי טיילען, אין די „יאַ-זאָ-גער“ און „ניין-זאָגער“. אין מיט׳ן דעם שטורעם איז ד״ר הערצעל גע-שטאָרבען (יאָהר 1904), און אויפ׳ן 7-טען קאָנגרעס אין יאָהר 1905 האָט דער אוגאַדאַ-אַנהענגער, הערצעל׳ס פריינד, דער יודיש-ענגלישער שריפט-שטעלער ישראל זאַנגוויל, נאָכאַמאָל בעניית דעם אוגאַנדא-פּאָרשלאָג. דער קאָנגרעס האָט איהם אָבגעוואָרפען. דע-מאָלס זענען אַ רייהע פיהרער אַרויסגע-טרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַ-ניזאַציע און געגרינדעט די טעריטאָר-יאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. — וועגען דעם וועלען מיר נאָך שרייבען ביים שטיך-וואָרט „ציוניזם“ און טעריטאָר-יאַליזם.

ביבליאָגראַפיע; וועגען דער אוגאנדא פראַגע זענען געדריקט געוואָרען הונדערטער אַר-טיקלען אין די יודישע צייטונגען און זשורנאַ-לען אין יענער צייט. אויספיהרליכע איינצעל-הייטען געפינט מען אין העברעאישען מאָנאַט-זשורנאַל „השלח“ פון די יאָהרען 1903, 1904, 1905, ווי אויך אין די העברעאישע טאָג-צייטונגען „הצופה“ און „הצפירה“ יאָהר 1903; יודיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדיע שטיך-וואָרט „אוגאנדאָ“; אוצר ישראל שטיך-וואָרט ציונות:׳ ווי אויך „אפריקא, מזרח“.

**אוגער ישעיה** (געבוירען אין יאָהר 1873), אַ בעקאַנטער יודישער זשורנאַליסט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין האָראָשקי, וואָלין, און האָט בעקו-מען אַלגעמיינע בילדונג אין דער הויכ-שולע אין קעניגסבערג. ער האָט אָנגע-הויבען שרייבען יודישע אַרטיקלען אין פריינד יאָהר 1903, נאָכהער האָט ער מיטגעאַרבייט אין אַ רייהע אַנדערע יודי-שע צייטונגען. אין יאָהר 1907 האָט ער געגרינדעט אין לאָדזש די יודישע טעג-ליכע צייטונג „לאָדזער נאַכריכטען“, און דערנאָך איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער לאָדזער טאָג-צייטונג „לאָדזער טאָגבלאַט“. אוגער געהערט אויך צו די אָרגאַניזאַטאָרען פון די ערשטע יודישע

ספארטפעראייגען אין פוילען. ער איז אויך געוועזן א געוויסע צייט אין אמעריקא. איצט איז ער צוריק אין פוילען און ארבייט אויך אין דער אמעריקאנער טאג־צייטונג „מארגען־זשורנאל”.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (יאָהר 1926).

## אווע־לאַלעמאַן

**אווע־לאַלעמאַן** פרידריך (1809—1892). דאס איז דער נאמען פון בעריהמטען דייטשען געלעהרטען (א קריסט), וואס האט אבגעגעבען זיך אויך מיט דער פארשונג פון דער יודישער שפראך און זיינע פארשונגען האט די יודישע שפראך־וויסענשאפט פיל צו פערדאנקען. אווע לאלעמאן איז געבוירן געווארן אין דייטשלאנד, אין דער שטאדט ליבעק, יאהר 1809, א געוויסע צייט איז ער געוועזן פאליציי־בעאמטער און נאכהער אויך פראפעסאר פון פאליציי־רעכט. ער האט זיך אין אנהויב בעשעפטיגט מיט אויספארשען די גנבים־שפראך אין דייטשלאנד, און וויל ער האט זיך דא אנגעשטויסען אויף א סך יודישע ווערטער, האט ער אנגעהויבען פארשען אויך די יודישע שפראך.

אין זיין גרויס ווערק אויף דייטש „דאס דייטשע גוינערטום” (לייפציג 1858 — 1862) גיט ער אב כמעט דעם גאנצען דריטען באנד און דעם גרעסטען טייל פון פיערטען באנד דער פארשונג פון יודיש. ער בעהאנדעלט די געשיכטע און ביבליאגראפיע פון די ווערק וועגען יודיש, די ענטשטעהונג פון דער אלט־יודישער שפראך, די אמאליגע יודישער ארטאגראפיע, יודישע ווערטערווארצלען, די נעמען פון „זשארגאן”, א ווערטער־בוך פון עטליכע טויזענד העברעאישע ווערטער וואס ווערען אין יודיש בענוצט, ווי אויך אויסצוגען פון אמאליגע ביכער, וואס זענען געשריבען געווארען אין דער אלט־יודישער שפראך, ווי „מעשה - בוך”, „איילן - שפיגל”, „בראנט־שפיגל”, „מכירת יוסף” און אנדערע. דער פערשטארבענער יודישער פארשער באראכאוו אין זיין „ביבליאטעק” פאר יודיש־פארשער וואס איז געדרוקט אין ווילנער „פנקס” (יאהר 1913) האלט אווע־לאלעמאנען אלס דעם גרעסטען פארשער פון דער אלט־יודישער שפראך. אווע לאלעמאן איז געשטארבען אין יאהר 1892.

ביבליאָגראַפיע: באָראָכאָוו אין זיין דערמאָהנטער „ביבליאָטעק” אין פנקס; ווייגרייך, „שטאפלען”; רייזען, לעקסיקאָן” 1926. זעה אויך גידעמאן, „געשיכטע ערציהונגס וועזען ביי יודען” (יודישע איבערזעצונג פון שטיף, „יודישע קולטור=געשיכטע באנד 3 זייט 12 וועגען אווע=לאלעמאנס חקירות צו אלט־יודיש.

## אוהל

**אוהל** דאס איז דער נאמען פון א העברעאישער טעאטער־סטודיע, וואס איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1925 אין ארץ-ישראל אין תל־אביב ביי דער יודישער ארבייטער־ארגאניזאציע („הסתדרות העובדים”). דער גרינדער איז געוועזן איינער פון די ארטיסטען פון דער העברעאישער טעאטער־טרופע „הבימה”, משה הלוי. דער „אוהל” האט אויסגעפיהרט א רייה פיעסען, צווישען זיי „יעקב און רחל”, „ירמיהו” (פון צווייג) און האט גרויס ערפאלג. דער „אוהל” ארדענט איין זיינע פארשטעלונגען אויך אין די קאלאניעס פאר די יודישע ארבייטער.

## אוהל

**אוהל** (דער ארומגעבויטער קבר פון א חסידישען רבי). ביי חסידים איז א מנהג, אז ווען א רבי שטארבט בויט מען ארום זיין קבר א סארט שטוב, און דאס הייסט דער „אוהל”. דארט

אהין קומט מען מתפלל זיין און מען לעגט אנידער „קוויטלעך" מיט בקשות, אז דער רבי זאל אין הימעל זיך בעמיהען. אין „אוהל" ווערט געברענט א נר תמיד, בוימעל מיט א קנויטעל, אדער ליכט. אממערסטען ווערט דער „אוהל" בעזוכט אין יאהרצייט פון רבי, ווי אויך אין די טעג צווישען ראש השנה און יום כיפור. אבער אויך א גאנץ יאהר, אויב עס טרעפט זיך ביי איינעם א שלאפקייט צי א אנדער אומגליק, געהט מען צום אוהל מתפלל זיין. דער „אוהל" ווערט גערופען אויפ'ן נאמען פון רבי, ווי למשל „דער „אוהל" פון בעל־שם", דער „אוהל" פון רבי נחמן „בראסלאווער", „דער אוהל פון רבי פון לובלין" וכדומה.

ביבליאגראפיע: „החסידים והחסידות" פון הארדעצקי.

**אוויצענא** (אין די אלטע העברעאישע ספרים ווערט ער דערמאהנט מיט זיין אראבישען נאמען „אבו סינאי"). דאס איז געווען א בעריהמטער אראבישער דאקטאר און פילאזאף, א מאכמעדאנער, געבוירען אין יאהר 980 אין בוכארא און איז געשטארבען אין יאהר 1037 אין האמאדאן (פערסיען). ער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף א סך יודישע פילאזאפען אין מיטעלאלטער ווי למשל אויף רבי יהודה הלוי, מחבר פון „כוזרי", „ראב"ד דעם ערשטען" און אין א געוויסער מאס אויך אויפ'ן רמב"ם. דער יודישער היסטאריקער פון פילאזאפיע פראפעסאר דוד ניימארק וויל האבען, אז געוויסע מיסטישע ביכער פון אוויצעננא האבען געהאט אנ'איינפלוס אויף די מקובלים. דאס בעריהמטעסטע בוך פון אוויצעננא איז זיין מעדיצינישער „קאנאן", וואס טיילען פון איהם זענען ערשינען אויך אין העברעאיש.

ביבליאגראפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; ניימארק, „תולדות הפילוסופיא"; „אשכול" ענציקלאפעדיע.

**אווערראעס** (דער דאזיגער בעריהמטער פילאזאף ווערט דערמאהנט אין די אלטע העברעאישע ספרים מיט זיין אראבישען נאמען „אבו רשד"). ער איז געווען איינער פון די גרעסטע אראבישע פילאזאפען, און איז געבוירען געווארען אין יאהר 1126 אין שפאניען און איז געשטארבען אין יאהר 1198. זיין הויפט־ארבייט בעשטעהט אין זיינע פירושים צו די ווערק פון אלטען גריכישען פילאזאף אריסטאטעלס. אווערראעס האט געהאט דעם קאלאסאלען איינפלוס אויף די יודישע פילאזאפען פון מיטעלאלטער, וועלכע האבען איהם גערופען „החכם הגדול" (דער גרויסער געלעהרענטער). כמעט אלע זיינע ביכער זענען איבערגעזעצט געווארען אין העברעאיש. דער רמב"ם שרייבט אין א בריעף וועגען אווערראעס און זיין פילאזאפישער שיטה „וראיתי שהוא כיון אל האמת בדיוק גדול" (און איך האב געזעהן אז ער האט צוגעטראפען צום אמת מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט).

ביבליאגראפיע: בערנפעלד „דעת אלהים"; ניימארק „תולדות הפילוסופיה"; קלצקין „אנתולוגיה של הפילוסופיה העברית"; „אשכול".

**אוזידה שמואל** ער איז געווען א גרויסער יודישער מקובל און מאראליסט אין דער 2טער העלפט פון 16־טען יאהרהונדערט, וואו ער איז געבוירען געווארען איז נישט בעוואוסט. אין דער הקדמה צו זיין ספר שרייבט ער, אז זיין פאטער האט געהייסען רבי יצחק. ער זאגט

דאָרט אויך, אַז ער איז ערצויגען געוואָרען צווישען די חכמים פון דער שטאָדט צפת אין ארץ־ישראל. מען ווייסט נאָר, אַז ער האָט געלערענט אַ געוויסע צייט קבלה ביי רבי יצחק לוריא (אר"י) און דערנאָך ביי זיין תּלמיד רבי חיים וויטאַל.

רבי שמואל אוזידה (ער שרייבט זיין פאַמיליען־נאָמען „די־אוזידה") האָט געשריבען עטליכע ספרים, אָבער זיין וויכטיגסטער ספר איז דער פירוש אויף פרקי אבות מיט'ן נאָמען „מדרש שמואל". ער האָט דאָ צונויפגענומען זעהר פיעל אַלטע פירושים אויף פרקי אבות פון רמב"ם, רבנו יונה, דעם מאי־רי, רבי יוסף אבן שושן, רבי יוסף יעבץ, אברבנאל און אַנדערע, וואָס פיל פון זיי זיינען פערלוירען געגאַנגען, און זיי זיינען געבליבען נאָר אין ספר „מדרש שמואל". דער מחבר אַליין האָט צו די אַלע פירושים צוגעגעבען אויך זיינע אייגענע בעמערקונגען וואָס זיינען זעהר ווערטפול. דאָס ספר „מדרש שמואל" איז איינע פון די בעסטע ספרים פון דער יודישער רעליגיעזער עטיק און מאָראַל־לעהרע אין מיטעלאַלטער. דער „מדרש שמואל" איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע יאָהר 1579, און דערנאָך איז ער געדרוקט געוואָרען פיעל מאָל. רבי שמואל אוזידה האָט אויך מחבר געווען „אגרת שמואל" פירוש אויף מגילת רות (געדרוקט אין קורי־גישמי ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל יאָהר 1597), און „לחם דמעה", פירוש אויף איכה (ווענעציע, 1606).

ביבליאָגראַפיע: אזולאי, „שם הגדולים"; ראזאנעס „דברי ימי ישראל בתוגרמה" באַנד 3; „אשכול".

**אָטטאָלענגי** דאָס איז געוועזען אַ בעריהמטע יודישע פאַמיליע אין איטאַליען, אָנהויבענדיג פון 16־טען יאָהרהונדערט. זי האָט ארויסגעגעבען פיעל רבנים און אַנדערע וויכטיגע פערזענליכקייטען. וועגען דער דאָזיגער פאַמיליע און איהרע וויכטיגסטע פערזענליכקייטען וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „אַטאָלענגאַ".

**אויבערשטער** אין דער יודישער שפּראַך ווערט אַנשטאָט דאָס וואָרט „גאָט" בענוצט אַמערסטען דאָס וואָרט „אויבערשטער". דאָס איז כּדי מען זאָל נישט ארויסברענגען דעם „שם שמים לבטלה" (דעם נאָמען פון גאָט אומזיסט) און דאָס וואָרט „גאָט" האָט מען בעטראַכט פאַר זעהר הייליג, און דעריבער האָט מען אַממערסטען אָנגעהויבען צו בענוצען דאָס וואָרט „אויבערשטער". דער טייטש פון דאָזיגען וואָרט איז: „דער וואָס זיצט אויבען", דאָס הייסט אין הימעל. אויך דאָס וואָרט „אויבען" אַלס דער הימעל ווערט אָפט בענוצט אין דער יודישער שפּראַך, און ספּעציעל אין פאָלקסליעדער און אין חסידישע אויסדרוקען ווי אויך אין שפּריך־ווערטער. אין דעם שפּריך־וואָרט: „גאָט זיצט אויבען און פּאָרט אונטען", מיינט מען, אַז גאָט זיצט אין הימעל און פיהרט אוים שידוכים אויף דער ערד. דאָס וואָרט „אויבען" אַלס הימעל איז די איבערזעצונג פון דעם העברעאישען וואָרט „מרום" אַלס הי־מעל, דאָס וואָרט „אויבערשטער" אַלס „גאָט" איז די איבערזעצונג פון וואָרט „עליון" אַלס „גאָט". מיר געפינען אין חומש בראשית י"ד „והוא כּהן לאל עליון" (און ער איז אַ כּהן צום אויבערשטען גאָט). אין איכה ג' געפינען מיר אויך סתם: „מי זה אמר — מפּי

עליון לא תצא הרעות והטוב"? (ווער האָט עס געזאָגט, — אַז פון מויל פון אויבערשטען, דאָס הייסט גאָט, געהען נישט אַרויס די שלעכטע גזירות און דער גוטער גורל), דאָס הייסט די השגחה פון אויבערשטען.

**אויג** אין דער יודישער רעליגיעזער עטיק ווערט דאָס אויג פון מענש בעטראַכט אַלס איינער פון די הויפּטגלידער, וואָס ווירקען אויף די מעשים פון מענש. שוין אין חומש במדבר ט"ו, ווען גאָט וואָרענט די יודען, אַז זיי זאָלען געהן אין גוטען וועג, זאָגט ער זיי אָן: „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" (איהר זאָלט זיך נישט לאָזען פערפיהרען פון אייער הארץ און אייער אויג). אין פרקי אבות פרק ב' געפינען מיר, אַז ווען דער תנא רבן יוחנן בן זכאי האָט געפרעגט זיינע תלמידים: „איזו היא דרך טובה", וואָס איז דער גוטער וועג פאַר דעם מענש. האָט איהם זיין תלמיד רבי אליעזר געענטפערט: „עין טובה", אַ גוט אויג. אין זעלבען פרקי אבות פרק ה' ווערט געזאָגט, אַז ווער איז פון די תלמידים פון אברהם אבינו? דער וואָס האָט „עין טובה", אַ גוט אויג, דאָס הייסט די מידה צו זיין פריינדליך צום צווייטען מענש, נישט מקנא זיין קיינעם, רחמנות האָבען אויף דעם צווייטען מענש. אין דער גמרא און מדרש און אויך אין די שפּעטערדיגע יודישע מוסר-ספרים געפינען מיר פיעל בעמערקונגען וועגען אויג. די גמרא אין סנהדרין מ"ה זאָגט „אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות" (דער יצר הרע בעהערשט דעם מענש נור דעמאָלט ווען דאָס אויג זיינעם דערזעהט די שלעכטע זאַך).

אין די אַלטע יודישע פאָלקס-גלויבנס, וואָס ווערען אויך פיעל מאָל געבראַכט שוין אין דער גמרא איז געווען דער גלויבען, אַז אַ „שלעכט אויג", „עין הרע", דער שלעכטער בליק פון אַ מענש בּרענגט שאָדען. אין דער יודישער שפּראַך ווערט דאָס אָנגערופען „עין הרע", „בייז אויג", „בייז עין", אָדער גאָר „גוט אויג". דער אויסדרוק „גוט אויג" שטאַמט פון דעם גלויבען „אל תפתח פה לשטן", מען טאָר נישט פאַר דעם שטן אויסרעדען אַ קללה, דעריבער האָט מען עס איבערגעדרעהט אויף „גוט אויג". וועגען דעם וועלען מיר שרייבען אין דעם שטיך-וואָרט „עין הרע", ווייל אונטער דעם דאָזיגען נאָמען איז דער גלויבען פון „בייז אויג" אַממערסטען פערשפּרייט ביי יודען.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" שטיך-וואָרט „עין"; ראָזענצווייג, „דאָס אויג אין תנך און תלמוד" (דייטש) געדריקט אין בערלין 1892.

**אויג פאַר אויג** („עין תחת עין"). דאָס איז איינער פון די פסוקים אין חומש וועגען וועלכען עס איז פיעל געשריבען געוואָרען אין אַ סך שפּראַכען. אין חומש שמות כ"א ווערט געזאָגט, אַז אויב איין מענש שלאָגט דעם צווייטען מענש און פערוואונדעט איהם, זאָל די שטראָף זיין „עין תחת עין, שן תחת שן", אַ אויג פאַר אַ אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן. דער איינפאַכער טייטש דערפון איז, אַז אויב איינער האָט דעם צווייטען בלינד געמאַכט אויף אַ אויג, איז די שטראָף, אַז מען זאָל איהם, דעם שלעגער, בלינד מאַכען אַ אויג. אין דער אַלגעמיינער רעכטס-וויסענשאַפט איז די דאָזיגע שטרענגע שטראָף בעקאַנט מיט דעם לאַטיינישען נאָמען „יוס טאַליאָניס", דאָס הייסט, דאָס געזעץ אָבצוצאָהלען איינעם פּונקט מיט דעם זעלבען וואָס ער האָט אָבגעטהון.

אָבער אין דער גמרא געפינען מיר, אַז אַבוואָהל אין חומש שטעהט בפירוש אַזאַ שטרענגע שטראָף, פונדעסטוועגען לערענט אונז די „תורה שבעל פה", אַז דער טייטש פון פסוק איז אַנדערש, און אז „עין תחת עין" מיינט מען נישט, אַז מען זאָל דעם שלעגער אויך בלינד מאַכען אַ אויג, נאָר מען מיינט „ממון", געלד, דאָס הייסט, אַז דער שלעגער דאַרף בעצאָהלען דעם ווערט פון אויג, דעם שאָדען וואָס ער האָט דעם פערוואונדעטען פערשאפט דורך בלינד מאַכען איהם. דאָס איז די גמרא אין בבא קמא פ"ג „עין תחת עין — ממון".

ווי אַזוי האָט מען באמת גע'משפט אין די אַלטע יודישע געריכטען אין ארץ-ישראל אין די אַלטע צייטען, ווען יודען האָבען דאָרט געהאַט די ממשלה און אייגענע געריכטען? דערויף געפינען מיר אין דער אַלטער היסטאָרישער כראָניק „מגילת תענית" פ"ד, וואָס שטאַמט פון די צייטען פון דער משנה, אַז אין דעם איז געווען אַ חלוקי דעות צווישען די יודישע „פרושים", דאָס הייסט די סעקטע וואָס האָבען געהאַלטען פון דער תורה שבעל פה, און די „ביתוסים" (אַ גרופע פון די „צדוקים") וואָס האָבען זיך געהאַלטען נאָר ביים איינפאכען טייטש פון פסוק און האָבען נישט געגלויבט אין די צוגעגעבענע טייטשען פון דער תורה שבעל פה. די „מגילת תענית" זאָגט, אַז די „ביתוסים" האָבען געהאַלטען „סימא את עינו של חבירו יסמא את עינו" (אויב ער האָט דעם צווייטען בלינד געמאַכט א אויג, זאָל מען אויך זיין אויג בלינד מאַכען); דאַגעגען די „פרושים" האָבען געהאַלטען מיט דעם טייטש, אַז דאָס מיינט מען צו בעצאָהלען דעם ווערט פון אויג. מיר ווייסען, אַז אין די צייטען פון 2-טען בית המקדש האָבען טיילמאָל די „ביתוסים" (צדוקים) פערכאַפּט די מאַכט און זיי האָבען געהאַט בעזעצט די געריכטען מיט זייערע מענשען (אין דער גמרא ווערט געזאָגט „בית דין של צדוקים היה"), דעריבער איז מעגליך, אַז זיי האָבען דעמאָלס געמשפט לויט זייער מיינונג פון „אויג פאר אויג". דער יודישער היסטאָריקער פון יענער צייט יוסף פלאַוויוס שרייבט אין בוך „אַלטערטימער" 64, 8, אַז די געריכטען פלעגען זיך נוהג זיין אָדער „אויג פאַר אויג" אָדער געלד. דער יודישער פילאָזאָף פון אַלעקסאַנדריען צום סוף פון דער צייט פון 2-טען בית-המקדש פילאָן טייטשט אויך אַז „עין תחת עין" מיינט מען איינפאך „אויג פאַר אויג". דאָס זעלבע טייטשען אויך די שומרונים און אויך די קאראַאימער. ווי מיר זעהן האָבען נאָר די חכמי התלמוד געהאַט דעם מילדערען טייטש, אז דאָס מיינט מען נישט די שטרענגע בעשטראָפונג פון „אויג פאַר אויג".

אין דער מאָדערנער אנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וואו עס ווערט בעמיהט אויפצווייזען, אַז די יודישע רעליגיע (דער אלטער טעסטאַמענט) איז פול מיט נקמה, און דאַגעגען די קריסטליכע רעליגיע (דאָס נייע טעסטאַמענט) איז מיט רחמנות אויך צו פערברעכער, ווערט דער „עין תחת עין" געבראַכט אַלס בעוויז. זיי ווייזען דערביי אָז אויף דער בעקאַנטער שטעלע אין די „בערג פרעדיגט" אין עוואַנגעליום (מאַטעי 5), וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אויב איינער גיט דיר אַ פּאַטש אין באַק, זאָלסטו איהם אונטערשטעלען די צווייטע באַק. אָבער דער אמת איז, ווי מיר האָבען געזעהן, אַז די גמרא האָט גאַנץ אַנדערש אויסגעטייטשט דעם „עין תחת עין"; ווידער די לעהרע פון נישט בעשטראָפען אינגאַנצען דעם שלעגער, נאָר איהם געבען די מעגליכ־

קייט נאָכאַמאָל צו שלאָגען, האָט דאָס יודענטום אויפגעפאַסט אַלס נישט פּראַקטיש און שעדליך.

ביבליאָגראַפיע: ווייסמאַן, „טאַליאָ און עפּענטליכע שטראָף אין תורת משה" (דייטש אין פעסטשריפט פאַר וואָך לייפּציג 1913; נאָרדען, „אויג פאַר אויג" (דייטש) בערלין 1926, הלוי, „דורות הראשונים" חלק א' זייט 423; ריטער, „פילאָן און די הלכה (דייטש); ווייל „די יודישע שטראָף-געזעצען ביי פלאַוויוס" (דייטש); ווייס „דור ודורשיו" חלק א' „יוצר ישראל" (שטיך וואָרט „עין תחת עין").

**אויגוסטוס** דאָס איז דער נאָמען פון בעריהמטען רוימישען קייזער אָקטאַוויאַן אויגוסטוס, וועלכער האָט געהערשט איבער דער אַלטער רוימישער אימפּעריע און שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער אַלטער יודישער געשיכטע. אויגוסטוס איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 63 פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג, און איז געשטאָרבען אין יאָהר 14 נאָך דעם אָנהויב פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. ווען אויגוסטוס איז געוואָרען קייזער אין רוים האָט ער גלייך פערשטאַנען, אז ארץ־ישראל האָט פאַר איהם אַ גרויסע בעדייטונג אין דעם קאַמף צווישען דער רוימישער אימפּעריע און דעם פּאַרטישען קעניגרייך (וואָס האָט ארומגענומען די לענדער פון אמאָליגען בבל און פּערסיען). די פּאַרטער זענען געווען דאָס איינציגע גוט אָרגאַניזירטע לאַנד וואָס איז נישט אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון רוים, וואָס האָט דעמאָלס שוין געהאַט בעהערשט אַלע לענדער אַרום דעם מיטעלענדישען ים. ארץ־ישראל האָט געקאָנט דינען אַלס מיליטערישע סטאַציע פאַר די רוימישע אַרמייען, וואָס האָבען געשיצט די רוימישע אימפּעריע געגען די אָנפאַלען פון די פּאַרטער.

קייזער אויגוסטוס האָט דאָס זעהר גוט פערשטאַנען, און דערמיט ערקלערט זיך זיין גאַנצע פּאָליטיק אין בעצוג צו ארץ־ישראל און צו יודען. קודם־כל האָט ער אָנערקענט אַלס קעניג פון די יודען אין ארץ־ישראל הורדוס המלך, אַבוואָהל הורדוס האָט נישט געהערט צו דער יודישער הערשענדער פירשטען־פאַמיליע פון די חשמונאים. אויגוסטוס האָט דאָס געטהון צוליב צוויי טעמים. ערשטענס איז הורדוס געווען אַ גוטער מיליטער־מאַן, און רוים האָט געדאַרפען אז אויף דעם טראָהן פון ארץ־ישראל זאָל זיצען אַ גוטער מיליטער־מאַן, וואָס וועט קאָנען העלפען רוים אין איהרע מלחמות געגען די פּאַרטער. צווייטענס, האָט קייזער אויגוסטוס געוואוסט, אז טאַקע דערפאַר, וואָס הורדוס געהערט נישט צו דער יודישער פירשטען־פאַמיליע און ער האָט א סך שונאים צווישען דער יודישער אריסטאָקראַטיע, איז רוים מיט איהם זיכער, אז ער וועט נישט בונטעווען זיך געגען דער רוימישער אימפּעריע און וועט זיך נישט פעראייניגען מיט די פּאַרטער (ווי דאָס האָבען טאַקע געטהון די איבערגעבליבענע חשמונאים־פירשטען), נאָר ער וועט געטריי דינען רוים, וואָס האָט איהם אזוי דערהויבען. אויגוסטוס האָט דעריבער אויך פערגרעסערט די ממשלה פון הורדוס המלך נישט בלויז איבער ארץ־ישראל נאָר אויך איבער א גאַנצע רייה שכנותדיגע לענדער אין עבר־הירדן.

דערמיט ערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס אויגוסטוס האָט אַרויסגעוויזען א גוטע בעציהונג צו די יודען אין די פערשידענע לענדער, וואו זיי האָבען געוואוינט. דער יודישער היסטאָריקער פון סוף 2־טען בית המקדש יוסף פלאַוויוס, ווי אויך דער יודישער פילאָזאָף פון אַלעקסאַנדריען פילאָן וואָס האָבען געלעבט נאָהנט צו יענער צייט, דערצעה־

לען, אז אויגוסטוס קייזער האט בעפוילען אין די אלע גריכישע שטעדט, אז מען זאל אבהיטען די רעכט פון די יודישע איינוואוינער, זיי נישט שטערען און אבהיטען זייער רעליגיע און געבען די יודישע קהלות ברייטע רעכט. אויך דא האט אויגוסטוס געוואלט אויסנוצען די יודען, אז זיי זאלען שטעהען אויף זיין זייט, ווען ער וועט דארפען קעמפען געגען די גריכישע שטעדט. דערמיט האט אויגוסטוס ווירקליך זיך ערווארבען די סימפאטיע פון די יודען, און עס זענען פארהאן אויפשריפטען, אז די יודען אין רוים האבען גערופען זייערע שוהלען אויפ'ן נאמען פון קייזער „אויגוסטוס־סינאגאגען".

הורדוס המלך האט אלס צייכען פון דאנקבארקייט צום קייזער אויגוסטוס איבערגעבויט די שטאדט שומרון און איהר א נאמען געגעבען „סעבאסטי" (דאס איז א גריכיש ווארט און האט די זעלבע בעדייטונג וואס אויף לאטייניש „אויגוסטוס"); דער דאזיגער נאמען פון דער שטאדט ווערט אויך געבראכט אין דער משנה ערכין פרק ג' („אהר המקדיש בפרדסות סבסטי", וואו עס איז צו זעהן, אז די שטאדט סעבאסטע איז געווען ארומגערינגעלט מיט טייערע גערטענער). אויסער דעם האט ער לכבוד דעם קייזער אויפגעבויט א פארט־שטאדט און איהר א נאמען געגעבען לכבוד דעם קייזער „צעזארעא", און אין דער גמרא הייסט זי „קיסרין".

אין דער גמרא ווערט ריכטיג בעמערקט, אז די אלע שטעדט לכבוד דעם רוימישען קייזער אין ארץ־ישראל האבען נאר בעפעסטיגט אין לאנד די הערשאפט פון רוים און האבען די יודען נאר פערשקלאפט צו דער רוימישער אימפעריע. די גמרא אין מגילה ו' זאגט, אז „קיסרין" איז געבויט געווארען פון „חורבן ירושלים", דאס הייסט, אז וואס שטארקער עס איז געווארען דער איינפלוס פון רוים אלץ שוואכער איז געווארען די יודישע הערשאפט אין ארץ־ישראל. באלד נאך הורדוס'ס טויט, האט אויגוסטוס קייזער נאך געפרובט בעשטימען יודישע פירשטען פון הורדוס'ס קינדער איבער דעם לאנד, אבער זעהענדיג, אז קיין שטארקע הילף וועט ער פון זיי נישט האבען, האט אויגוסטוס אינגאנצען אבגעשאפט די יודישע זעלבסטשטענדיגקייט פון ארץ־ישראל און האט בעשטימט אלס הערשער איבער דעם לאנד א רוימישען פראקוראטאר, וואס האט געהאט אלס זיין רעזידענץ די דערמאהנטע שטאדט קיסרין. אין דער צייט פון אויגוסטוס קייזער האבען די יודען אין ארץ־ישראל געפרובט מאכען קלענערע רעוואלוציעס, כדי אראבצוווארפען פון זיך די רוימישע הערשאפט. אבער דאס רוימישע מיליטער וואס אויגוסטוס האט געשיקט אונטער דער פיהרונג פון סאביניוס און ווארוס האבען די אלע אויפשטאנדען דערדריקט און געטויט פיעל טויזענדער יודען.

עס איז צו בעמערקען, אז די אלע ידיעות וועגען קייזער אויגוסטוס און זיין בעציהונג צו ארץ־ישראל געפינען מיר נאר אין די ביכער פון דערמאהנטען יודישען היסטאריקער יוסף פלאוויוס (אין זיינע ביכער „אלטערטימער" און „מלחמה") ווי אויך ביי פילאן. דאגעגען אין דער משנה און גמרא געפינען מיר נישט קיין שום שפור וועגען די דאזיגע היסטארישע געשעהענישען. אבער דעם נאמען „אויגוסטוס" אלס רוימישער קייזער געפינען מיר יא אין עטליכע ערטער אין גמרא און מדרש. אין מדרש בראשית רבה א' ווערט געזאגט, אז „מלך בשר ודם אין נקרא בשמו קיסר אוגוסטא" (א מלך איז דער מנהג אז

מען רופט נישט קיין געוועהנליכען כּיענג מיט דעם נאָמען פון מלך, קייזער, אויגוסטוס). אויך אין ירושלמי ברכות ט' ווערט געזאָגט, „פּאינש דאמר בסי־לאים, קיסר אגושטוס", אַ שטייגער ווי מענשען זאָגען: בּאַזילעאוס (אויף גרי־כיש „קעניג"), קייזער, אויגוסטוס". אין מדרש מגילת אסתר א' ווערט גע־זאָגט ווענען די מיליטערישע לעגיאָנען, אז „אין המלך נקרא אויגוסטוס, עד שקורין אותו הם תחילה" (דער מלך בּעקומט נישט דעם טיטול אויגוסטוס, כּל זמן די לעגיאָנען רופען איהם נישט אוים אַלס קייזער).

עס דאַרף אויך בּעמערקט ווערען, אז אין די צייטען פון קייזער אויגוסטוס איז פאָרגעקומען דאָס געשעהעניש וואָס האָט געמאַכט אַ איבּערקערעניש אין די וועלט-רעליגיעס, נעמליך, דעמאָלס איז אין ארץ־ישראל געבּוירען געוואָרען ישו הנוצרי, דער גרינדער פון קריס־טענטום, און עס האָט זיך אָנגעהויבּען אין דער וועלט די קריסטליכע בּעוועגונג.

בּיבּליאָגראַפיע: פלאַוויוס: „אַלטער־טימער" און „מלחמה"; גרעץ, „געשיכטע"; שי־רער, „געשיכטע" (אויך אין יודישער איבּערזע־צונג); קאהוט, „ערוך השלם"; „אוצר ישראל" שטיך-וואָרט „אגוסטוס"); „אשכּול" שטיך-וואָרט „אבגוסטוס"; הלוי, „דורות הראשונים.

**אויגסבּורג** אַ זעהר אַלטע שטאָט אין דרום־דייטש־לאַנד, אין בּייערן. די שטאָדט איז גע־גרינדעט געוואָרען נאָך דורך די אַלטע רוימער, און עס איז פאַרהאַן אַ מייוונג, אז שוין מיט 1800 יאָהר צוריק, אין די רוימישע צייטען, האָבּען יודען זיך בּע־זעצט אין אויגסבּורג. אין מיטעלאַלטער איז אויגסבּורג געווען איינע פון די גרעסטע האַנדעלס-שטעדט אין דייטש־לאַנד, און די יודישע קהלה אין אויגס־בּורג האָט זיך גערעכענט צו די גרעסטע אין איירָאָפּאַ. אָבּער זעהר אָפט זענען פאָרגעקומען אין אויגסבּורג אָנפאַלען פון די קריסטען אויף די יודען. די שרעקליכסטע שחיטה אויף יודען אין דער דאָזיגער שטאָדט איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1348, אין דער צייט פון דער „שוואַרצער מגיפה", ווען די קריסטען האָבּען בּעשולדיקט די יודען אין בּרענ־גען די מגיפה. עטליכע מאָל זענען אויך די יודען פערטריבּען געוואָרען פון אויגסבּורג, און נאָכהער האָט מען זיי צוריק אריינגעלאָזט אין שטאָדט. אין אויגסבּורג זענען געווען בּעריהמטע יו־דישע רבנים; דער בּעקאַנטסטער צווישען זיי איז געווען דער גרויסער גאון און פּוסק רבי יעקב ווייל (אין 15־טען יאָהר־הונדערט).

אין ספר של"ה („שני לוחות הברית" פון רבי ישעיה הורוויץ, וועלכער האָט געלעבּט אין ענדע פון 16-טען און אָנ־הויבּ פון 17־טען יאָהרהונדערט) ווערען דערמאָהנט פערשידענע סאָרטען פּלפּולים. וואָס מען פלעגט זאָגען אין די דייטשע ישיבות; איינער פון די סאָרטען הייסט „אויגסבּורג".

אין דעם ספר שאלות ותשובות פון דערמאָהנטען רבי יעקב ווייל (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע 1549) קאָן מען געפינען גאַנצע זאַצען אין דער יודישער שפּראַך, און זיי קאָנען דינען אַלס מוסטער פון דער יודישער שפּראַך. וואָס מען האָט גערעדט אין אויגסבּורג און אומגעגענד אין 15-טען יאָהרהונ־דערט.

אין אויגסבּורג איז געווען אַ יודישע דרוקעריי פון יאָהר 1514 אַן. די ערשטע דרוקער זענען געווען חיים שוואַרץ, זיין זוהן יצחק און זיין איידעם יוסף בן יקר. עס זענען דאָרט געדרוקט געוואָרען דער פּירוש רשי אויף חומש און די פינף

מגילות, די טורים, דער אבקת רוכל פון רבי יוסף קאַרו, סידורים, מחזורים, סליחות.

א גרויסע בעדייטונג האָבען פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור די ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אין אָנהויב פון 16-טען יאָהרהונדערט אין אויגסבורג אין דער יודישער שפּראַך. ווי מיר האָבען שוין געשריבען פריהער געפינען מיר שוין אין 15־טען יאָהרהונדערט ביים אויגסבורגער רב ר' יעקב ווייל אין זיין ספר גאַנצע זאַצען אויף יודיש. עס ווייזט אויס, אַז אין דער געגענד פון אויגסבורג האָט מען שוין דעמאָלס געשפּירט דעם געברויך צו האָבען פערשידענע ספרים אויף יודיש. קודם כל איז ערשינען דעמאָלס די בעריהמטע „אויגסבורגער חומש-איבערזעצונג" אויף יודיש. דער איבערזעצער איז געוועזן א יודישער משומד עמיליוס פּוילוס (גענויערס וועגען איהם און וועגען זיין יודישער חומש־איבערזעצונג וועלען מיר געבען ביים שטיך-וואָרט „פּוילוס עמיליוס"). צווייטענס זענען ערשינען אין אויגסבורג אין דער דרוקעריי פון דער־מאָהנטען חיים בן דוד שוואַרץ דאָס ספר מלכים אין יודיש (יאָהר 1553) און אויך די בעריהמטע ליטעראַרישע יזפּאָפּעע אין יודיש „שמואל-בוך (יאָהר 1554), וואָס איז דאָס עלטסטע ווערק אין דער יודישער שפּראַך פון גרעסטען ליטעראַרישען ווערט. וועגען „שמואל־בוך" און זיין ווערט און אויך וועגען דער פראַגע ווער זיין מחבר איז געוועזן וועלען מיר שרייבען ביים שטיך-וואָרט „שמואל־בוך".

אין אָנהויב פון איצטיגען יאָהרהונדערט איז אין אויגסבורג געוועזן ראַבינער ד"ר היינריך גראָס, דער מחבר פון בעריהמטען ווערק „גאַליאיודאאיקא". די איצטיגע יודישע קהלה אין אויגסבורג איז נישט קיין גרויסע און צעהלט נישט מעהר ווי 1000 נפשות.

ביבליאָגראַפיע: גרינפעלד, איין גאַנג דורך דער געשיכטע פון יודען אין אויגסבורג (דייטש); לינסקי, „יודיש ביי ר' יעקב ווייל" (אין ערשטען באַנד פון שריפטען פון ווילנער יודיש וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט); רייזען, לעקסיקאָן (1914) שטיך־וואָרט „עמיליוס פּוילוס און „מיכלבאַך"; „אוצר ישראל"; „אשכול.

**אויטאָגראַף** דאָס איז א וואָרט וואָס שטאַמט פון גריכיש, און דער טייטש איז „אייגענע שריפט" („אויטאָ" איז דער טייטש אליין און „גראַף" „שריפט"). מיטן וואָרט „אויטאָגראַף" רופט מען אָן די אייגענע האַנדשריפט פון אַ מענש, דאָס הייסט, אַ ספר אָדער א בריעף אָדער אזוי אַ שטיקעל כתב וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט דער האַנדשריפט פון מחבר. אין א גאַנצער רייה גרויסע מוזעאומס און ביבליאָטעקען זענען פאַרהאַן זאַמלונגען פון אזעלכע אויטאָגראַפען, אייגענע האַנדשריפטען פון בעריהמטע וועלט־פערזענליכקייטען, קעניגען, שריפטשטעלער, וויסענשאַפטסמענער, פּאָליטיקער וכדומה.

ביז א צייט צוריק איז נישט געוועזן קיין ספּעציעלע זאַמלונג, וואָס זאָל אַרומנעהמען אויטאָגראַפען פון יידישע אָנגעזעהענע פערזענליכקייטען. ערשט אין די לעצטע יאָהרען האָט דער יודישער געלעהרטער ד"ר אַברהם שוואַדראָן פון זלאָטשעוו (גאַליציען געזאַמעלט מיט גרויסער מיה און קאָסטען (דאָס האָט געדויערט 35 יאָהר) ביי 4 טויזענד אויטאָגראַפען, אייגענע האַנדשריפטען, פון נאָהנטע דריטהאַלבען טויזנד וויכטיגע יודישע פערזענליכקייטען, אַלטע רבנים, פילאָזאָפען, קהלות־פיהרער, מחברים, שריפטשטעלער, געלעהרטע פון פערשי־

דענע וויסענשאַפטען, זשורנאַליסטען, און זאָגאַר אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען משומדים, וואָס האָבען דאָס יודענטום פערלאָזט אָבער זיי שפּילען א ראָליע אין דער נישט־יודישער וועלט. שוואַדראָן האָט די דאָזיגע גרויסע זאַמלונג (ביי וועלכער עס איז אויך פאַרהאַן אַ זאַמלונג פון בילדער און פאָטאָגראַפיעס, וועגען וועלכער מיר וועלען שרייבען ביים שטיך־וואָרט „פּאָרטרעטען") אַוועקגעשענקט אין יאָהר 1927 דער אוניווערזיטעט אין ירושלים. איצט זיצט שוואַדראָן אין ירושלים און פיהרט אָן מיט דער דאָזיקער רייכער אויטאָגראַפען־אָבטיילונג.

אין דער דאָזיגער יודישער אויטאָגראַפען־זאַמלונג זענען פאַרהאַן זעהר פיעל שריפטען. עס איזדאָרט פאַרהאַן דער אייגענהענדיגער בריעף פון היינריך הוינע, אין וועלכען ער רעדט וועגען זיין שמד. עס זענען פאַרהאַן אייגענהענדיגע בריעף פון משה מענדעלסאָן, דער טעקסט פון דער שריפט איבער דער רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע, וואָס איז געשריבען געוואָרען דורך פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, די אונטערשריפט פון רבי מנשה בן ישראל, בריעף און אונטערשריפטען פון גרויסע חסידישע רביים.

עס איז אויך צו בעמערקען, אז אין דער חסידישער וועלט האָבען זיך בעוויזען אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה בריעף, וואָס ווערען אָנגעגעבען אַז זיי זענען אייגענהענדיג געשריבען דורך די בעריהמטע גרינדער פון חסידות רבי ישראל בעל־שם־טוב, דער רבי ר' בער (גרויסער „מגיד" פון מעזריטש) און אנדערע. טייל פון זיי געפינען זיך אויך אין דער שוואדראָן־זאַמלונג אין ירושלים. די בריעף זענען אָבגעדרוקט געוואָרען אין ספר „גנזי נסתרות" ירושלים. אָבער עס איז שוין בעוויזען געוואָרען אז די בריעף זענען פאַלשע.

ביבליאָגראַפיע: שוואַדראָן אין זיין העברעאישע בראָשור וועגען „אוטוגרפים" ירשלים תרפ"ז ווי אויך אין זשורנאַל „כתובים" תרפ"ז; שוואַדראָנ'ס אַרטיקלען אין די „סאנצינא־שריפטען באנד 1 יאָהר 1925־26, ווי אויך אין „אשכול שטיך־וואָרט „אבטוגרפים"); פּיעטרושקאַ, „זיופים בתולדות החסידות (אין „רשומות באַנד 6); בראווער (אין רשומות באַנד 6).

## אויטאַדאַפע

דאָס איז אַ פּאָרטוגעזיש וואָרט און בעשטעהט פון דריי ווערטער „אויטאָ־דא־פע", וואָס זייער טייטש איז „דער אַקט פון דער אמונה". מיט דעם וואָרט „אויטאַדאַפע" האָט מען אין מיטעלאַלטער אָנגערופען יענעם פּלאַץ, וואו די אינקוויזיציע פלעגט אויספיהרען אירע שטראָפען אויף די פּערזאָנען וואָס זי האָט פעראורטיילט אַלס נישט געטרייע קריסטען, אַפּיקורסים, געהיימע יודען, אנוסים. אין דער יודישער פאָלקסשפּראַך האָט „אויטאָדאַפע" געהייסען ספּעציעל דער פּלאַץ אויף וועלכען די אינקוויזיציע האָט פערברענט די אנוסים, דער שייטער־הויפען. אָבער באמת האָט אויטאָ־דא־פע געהאַט די בעדייטונג נישט נאָר דאָס אָרט, וואו מען האָט אויסגעפיהרט טויט־שטראָף נאָר אויך יעדע שטראָף פון דער אינקוויזיציע.

געוועהנליך פלעגט די אינקוויזיציע איינאָרדנען דעם „אויטאָ־דא־פע" זונטאָג אָדער אין אַנ'אַנדערען קריסטליכען יום־טוב, ווען דער המון קריסטען איז פריי פון דער ארבייט און וועט קאָנען קומען אין די מאַסען צום אויטאַדאַפע צו זעהן ווי מען בעשטראָפט די אַלע אַפּיקורסים, וואָס נייגען אָב פון דער קריסטליכער רעליגיע, און דאָס וועט אין זייערע הערצער בעפעסטיגען דעם קריסטליכען רעליגיעזען גלויבען. די אויטאָ־

דא־פע׳ס האָט מען איינגעאָרדענט נישט נאָר אויף די „געהיימע יודען" אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, די אַנוסים, וואָס זענען געווען פאַר דער וועלט קריסטען און אין געהיים האָבען זיי אָבגעהיט די יודישע רעליגיע, נאָר אויך פאַר קריסטליכע אפּיקורסים, פאַר אזעלכע קריסטען, וואָס האָבען ארויסגעזאָגט אַזעלכע רעליגיעזע מיינונגען, וואָס די אינקוויזיציע האָט בעטראַכט פאַר אפּיקוססות. אין שפּאַניען, וואו אויך די מאַכמעדאַנישע רעליגיע איז געווען פערבאָטען, פלעגט מען מאַכען אויטאָדאפעס פאַר פערזאָנען וואָס האָבען אין געהיים אָבגעהיט די מאַכמעדאַנישע רעליגיע. אָבער אממערסטען אויטאָ־דא־פעס אין שפּאַניען פלעגט מען איינאָרדענען פאַר יודישע אנוסים. די אינקוויזיציע האָט געהאַט א בוך וועגען די אויטאָדאפעס. „האַנדבוך פאַר אינקוויזיטאָרען", אין וועלכען זי שרייבט, אז „די אויטאָדאפעס האָבען א גרויסען נוצען, ווייל ווען מענשען זעהען, ווי מען בעשטראָפט די נישט געטרייע זינדיגע קריסטען, דערמאָהנען זיי זיך אין גרעסטען יום־הדין אין הימעל און עס ערוועקט איז זיי גרויס יראה און פרומקייט".

די אויטאָדאפעס זענען געווען פיער סאָרטען: 1) „אַלגעמיינע", וואָס זענען איינגעאָרדענט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד, ביי דער בעטייליגונג פון מאַסען מענשען, צוקוקער; 2) „פּריוואַטע". אין וועלכע עס האָבען נאָר אַנטיילגענומען די אינקוויזיטאָרען צוזאַמען מיט איינצעלנע געסט; 3) „קליינע", וואו נאָר די אינקוויזיטאָרען זענען געווען; 4) „איינצעלנע", אין וועלכע מען האָט בעשטראָפט נישט אַ סך זינדיגע מיט אַמאָל נאָר איינצעלנע זינדיגע. צום סוף אויטאָדאפע האָט מען געפיהרט די זינדיגע אַנגעטהון אין ספּעציעלע מלבושים. אויף׳ן קאָפּ האָט מען זיי אַנגעטהון א הויך היטעל מיט בילדער פון שדים און מלאכי חבלה. דער זינדיגער איז געגאַנגען באָרוועס, און אין האַנד האָט ער געמוזט טראָגען א אַנגעצינדען ליכט פון וואַקס. פאָרויס, פאַר דער פּראָצעסיע זענען געגאַנגען די גלחים פון דער אינקוויזיציע מיט גרויסע אויפשריפטען „יוסטיציא עט מיסעריקאַרדיא", דאָס איז דער טייטש „גערעכטיגקייט און רחמנות". די שטראָף וואָס מען פלעגט אויספיהרען אויף די זינדיגע זענען געווען פיער: 1) קלעפּ; 2) קאָנפיסקירען די פערמעגענס, 3) האַלטען ארעסטירט אויף אייביג אין די קעלערען פון דער אינקוויזיציע; 4) טויט־שטראָף, אמערסטען דורך פערברענען אויף׳ן שייטער־הויפען.

די אויטאָדאפעס אין שפּאַניען האָבען זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1480 און אין פּאָרטוגאַל אין יאָהר 1531. דער לעצטער אויטאָדאפע איז געווען אין יאָהר 1739 און אין שפּאַניען אין יאָהר 1834. עס זענען געווען אויטאָדאפעס אויף וועלכע מען האָט פערברענט צו צעהנדליגער מענשען.

איינצעלהייטען וועגען די פאָרשונגס־מעטאָדען פון דער אינקוויזיציע, ווי אזוי זי פלעגט ארעסטירען די יודישע אנוסים, וואָסערע יסורים מען פלעגט זיי אָנטהון, די סימנים, לויט וועלכע די אינקוויזיציע־גלחים האָבען זיך בעמיהט צו דערקענען ווער עס איז אַ געהיימער יוד, און בכלל אלע איינצעלהייטען וועגען דעם טרויעריגען קאַפּיטעל אין דער יודישער געשיכטע, וואָס הייסט אינקוויזיציע, וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „אינקוויזיציע".

ביבליאָגראַפיע: אדלער אין ענגליש ידישען וויסענשאַפטליכען זשורנאַל „דזשואיש קוואַרטערלי רעוויו" באַנד 13; גרעץ „געשיכ

טע" יודיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל" (שטיך-וואָרט „אוטו דא פי").

**אויטאָנאָמיע** דאָס וואָרט „אויטאָנאָמיע" איז גריכיש, און דער טייטש איז „זעלבסטהערשאַפט", „זעלבסט-פערוואַלטונג". אָבער דאָס דאָזיגע וואָרט „אויטאָנאָמיע" ווערט בענוצט דעמאָלס, ווען מענשען געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון אנדערע אָבער אין געוויסע זאַכען האָבען זיי דאָס רעכט צו פערוואַלטען, צו הערשען מיט זייערע ענינים.

שוין פון די אַלטע צייטען אין דער יודישער געשיכטע, ווען יודען זענען דאָס ערשטע מאָל נאָכ'ן חורבן פון ערשטען בית המקדש פערטריבען געוואָרען אין גלות, און האָבען זיך געפינען אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע מלוכות, איז צו בעמערקען אין יודישען לעבען אין פערשידענע לענדער די פראגע פון „יודישער אויטאָנאָמיע", דאָס הייסט: אַבוואָהל די יודען זענען אין אַלע אַלגעמיינע ענינים געווען אונטערגעוואָרפען אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע, אָבער אין ספּעציעלע „יודישע ענינים", אין זאַכען וואָס האָבען געהאַט א שייכות צו יודישער רעליגיע און נאַציאָנאַלער טעטיגקייט, האָבען די יודען געוואָלט האָבען א אייגענע פערוואַלטונג, אייגענע מענשען, וואָס זאָלען מיט די אַלע זאַכען פערוואַלטען. אין אַלגעמיין האָבען די יודען זייער אויטאָנאָמיע יאָ געהאַט. נאָר טיילמאָל פלעגט די דאָזיגע „יודישע אויטאָנאָמיע" זיין זעהר א ברייטע, און האָט אַרומגענומען זעהר פיעל ענינים, יודען האָבען געפיהרט מיט אַלע זייערע אינסטיטוציעס, געהאַט אייגענע געריכטען, און טיילמאָל איז די אויטאָנאָמיע ווידער בעגרענעצט נאָר צו די עטליכע רעליגיעזע ענינים, און נישט מעהר. אין דער יודישער געשיכטע אונטערשיידט מען דעריבער צוויי סאָרטען „יודישע אויטאָנאָמיע". 1) „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע", וואָס נעהמט אַרום אַלע זאַכען, וואָס האָבען א שייכות מיט דער נאַציאָנאַלער טעטיגקייט פון א פאָלק; 2) „רעליגיעזע אויטאָנאָמיע', וואָס נעהמט אַרום נאָר די רעליגיעזע ענינים.

טייל געלעהרטע היסטאָריקער זאָגען אַרויס זייער מיינונג, אז שוין אין די גאָר אַלטע צייטען פון גלות בבל האָבען יודען געהאַט א ברייטע אויטאָנאָמיע אין א רייה לענדער,—אויסערהאַלב ארץ-ישראל, — וואו זיי האָבען דעמאָלס געוואוינט, און ספּעציעל אין בבל און מצרים. אין תנ"ך ספר יחזקאל י"ד און כ' געפינען מיר דערמאָהנט, אז אין שפּיץ פון די יודען אין בבל זענען געשטאַנען די „זקני ישראל", און די געלערנטע היסטאָריקער מיינען, אז דאָס זענען געווען די פיהרער פון יודישען פאָלק אין בבל. אויך אין מצרים האָבען דעמאָלס אין צייט נאָכ'ן חורבן פון ערשטען בית המקדש, עקזיסטירט יודישע קהלות, וואָס האָבען געהאַט זייער בית-המקדש מיט א כהן גדול אין דער שטאָדט יעב (דאָס היינטיגע עלעפאַנטינא), ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון די יודישע פּאַפּירוס-שריפטען וואָס מען האָט דאָרט לעצטענס געפינען. מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער געפינען מיר אין בבל און מצרים ווי אויך אין א סך גרעסערע שטעדט פון גריכענלאַנד גרויסע יודישע קהלות, שטאַרק ענטוויקעלט, מיט א ברייטער אויטאָנאָמיע. אין שפּיץ פון די יודישע קהלות שטעהען קהלות-ראַטען (אויף גריכיש האָבען זיי געהייסען „גערוזיא"; דאָס זאָל זיין דער „חבר עיר" וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער משנה ברכות ד'). אין דער שטאָדט

אַלעקסאַנדריען אין מצרים איז אין שפּיץ פון די יודען געשטאַנען אַ אייגענער יודישער הערשער מיט׳ן טיטול „עטנארד״, וועגען וועלכען דער יודישער שער היסטאָריקער פון יענער צייט יוסף פלאַוויוס (אַלטערטימער 14) שרייבט לויט גריכישע קוועלען, אז דער יודישער „עטנארד״ האָט געהערשט איבער די יודען פון אַלעקסאַנדריען, אכטונג געגעבען אויף זייערע געזעצען און האָט אָנגעפיהרט מיט זיי ווי אַ הערשער פון אַ פרייער פּאָליטישער מדינה. אזוי איז אויך געווען אין פיעל אַנדערע גריכישע שטעדט. אין בבל ווידער איז אין שפּיץ פון דער גאַנצער בעפעלקערונג געשטאַנען דער יודישער „ראש הגולה״, אַדער ווי ער הייסט אויך אין דער גמרא „ריש גלותא״ (דער קאָפּ פון גלות), וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט פון בעשטימען ריכטער, נעהמען שטייערען און איז געווען דער אויטאָנאָמישער הערשער פון יודען. אויך אין ארץ-ישראל, נאָכדעם ווי דאָס צווייטע בית המקדש איז חרוב געוואָרען און ארץ־ישראל איז אינגאַנצען ארונטערגעפאַלען אונטער דער רוימישער הערשאַפט, האָבען די יודען געהאַט אַ אייגענע אויטאָנאָמיע אונטער דער פיהרונג פון „נשיא״ וואָס האָט געדויערט עטליכע הונדערט יאָהר. אויך אין דער גמרא ווערען בעטראכט דער „ריש גלותא״ אין בבל און דער „נשיא״ אין ארץ-ישראל אַלס די הערשער פון יודישען פאָלק, אַבוואָהל די יודען האָבען פערלוירען זייער אייגענע מלוכה. די גמרא אין סנהדרין ה׳ זאָגט אויף דעם פּסוק פון חומש „לא יסור שבט מיהודה״ (עס וועט נישט אַבגעטהון ווערען די הערשאַפט פון יהודה), אַז דאָס מיינט מען די „ראשי גליות שבבבל״ (די ריש־גלותא׳ס) און די „בני בניו של הלל״ (די אייניקלעך פון הלל הנשיא, וואָס זענען געווען די „נשיאים״ אין ארץ-ישראל).

שפּעטער אין די צייטען פון מיטעלאַלטער און דערנאָך אין דעם נייער צייט פון דער וועלט-געשיכטע, ווען יודען זענען צעשפּרייט געוואָרען איבער אַלע לענדער אין אייראָפּא, האָבען אויך די יודישע קהלות אין שפּאַניען, איטאַליען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּעטער אין פּוילען געהאַט טיילמאָל ברייטערע אויטאָנאָמיעס. אין שפּאַניען האָבען די יודישע קהלות אַ געוויסע צייט זאָגאַר געהאַט דאָס רעכט צו משפּט׳ן טויט־שטראָף. עס פלעגען פון צייט צו צייט צונויפקומען צוזאַמענפאָהרען פון די יודישע קהלות-פאָרשטעהער וואָס פלעגען בעשטימען געוויסע אַלגעמיינע געזעצען, תקנות, פאַר די יודישע קהלות און די אינערליכע איינאָרדענונגען. בעקאַנט אין דער יודישער געשיכטע זענען די תקנות פון דייטשלאַנד פון יאָהר 1223, וואָס זענען בעוואוסט מיט׳ן נאָמען „תקנות שום״ (די תקנות פון די דריי קהלות „שפּייער, וואָרמס, מאַינץ״). בעזונדערס שטאַרק איז געווען די יודישע אויטאָנאָמיע פון די קהלות אין פּוילען פון 16-טען יאָהרהונדערט אָן, וואו אַלע פּוילישע יודען זענען אָנגעפיהרט געוואָרען מיט אַ אייגענער פערוואַלטונג מיט׳ן נאָמען „ועד ארבע ארצות״ (די פערוואַלטונג פון די פיער לענדער, פּוילען איז דעמאָלס בעשטאַנען פון פיער לענדער). ערשט פון דער סאַמע נייזסטער צייט אָן, פון ענדע 18־טען יאָהרהונדערט און אין פערלויף פון 19־טען יאָהרהונדערט איז די אויטאָנאָמיע פון די יודישע קהלות געוואָרען שוואַכער, און איז גאָר צום סוף בעגרענעצט געוואָרען נאָר צו רעליגיעזע ענינים און נעהמען נאָר ארום אויך געוויסע צדקה-אַנשטאַלטען און רעליגיעזע שולען.

אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונ־דערט האָבען זיך אין רוסלאַנד און עסט־רייך געשאַפען יודישע בעוועגונגען, אז יודען זאָלען בעקומען „וועלטליכע אויטאָנאָמיע“. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אז די דאָזיגע „אויטאָנאָמיסטען“ האָבען געהאַלטען, אז יודען אין יעדען לאַנד דאַרפען האָבען דאָס רעכט צו וועהלען זייער אייגענעם סיים („סיימיס־טען“ האָבען געהייסען די דאָזיגע אָנ־הענגער), וואָס זאָל אָנפיהרען מיט אַלע יודישע נאַציאָנאַלע ענינים פון דאָזיגען לאַנד. די הויפּט־פיהרער פון דער דאָזי־גער בעוועגונג זענען געווען דער יודי־שער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. דער פּראָגראַם פון א יודישער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער איז אָנגענומען געוואָרען אויך דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד אין יאָהר 1906 אויף דער „העלזינגפאָרסער קאָנפערענץ“, וואו עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דער אויטאָנאָמיע־פּלאַן מיט׳ן נאָמען „געגענ־וואַרטס־אַרבייט“. אָבער ערשט נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד (יאָהר 1917) אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט מען אין טייל לענדער, וואָס האָבען געהערט צו רוסלאַנד געפאָדערט איינצופיהרען יודישע אויטאָנאָמיע. צו־ערשט האָט מען עס איינגעפיהרט אין אוקראַינע, וואו עס האָט א קורצע צייט ביז יאָהר 1919 עקזיסטירט זאָגאַר א יודיש מיניסטעריום. נאָכהער האָט מען עס איינגעפיהרט אין ליטא. אָבער גע־בליבען איז די יודישע אויטאָנאָמיע איז די צוויי קליינע באַלטישע לענדער אין לאַטוויע און עסטאָניע, וואו די יודען פיהרען אָן מיט זייערע אייגענע רעגי־רונגס־שולען און אויך אינסטיטוציעס לויטן געזעץ. אין די אנדערע לענדער, ווי פּוילען, רומעניען, עסטרייך, טייל קהלות אין דייטשלאַנד האָבען יודען נאָר רעליגיעזע אויטאָנאָמיע פון די רעליגיע־זע קהלות.

א ברייטע רעליגיעזע און אין א גע־וויסער מאָס אויך נאַציאָנאַלע אויטאָ־נאָמיע (ספּעציעל וועגען שולען און אַנ־דערע ערציהונגס־אַנשטאַלטען) האָבען די יודען אין ארץ־ישראל, וואו דער גאַנצער יודישער ישוב שאַפט צוזאַמען אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל איז ערשינען „כנסת ישראל“, וואָס וועהלט אויס איהר אייגענעם פּאַרלאַמענט מיט׳ן נאָמען „אספת הנבחרים“ און פערוואַלטונגס־ראַט מיט׳ן נאָמען „ועד לאומי“. דאָס געזעץ וועגען דער דאָזיגער יודישער אוי־טאָנאָמיע אין ארץ־ישראל איז ערשינען אין יאָהר 1928. עס האָבען דאָס רעכט נישט צו געהערען צו דער „כנסת יש־ראל“ די יודען אין ארץ־ישראל וואָס דערלאַנגען א מעלדונג דער רעגירונג, אז זיי טרעטען אַרויס פון דער „כנסת ישראל“. די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַ־ציע „אגודת ישראל“ לויט דער אָנוויי־זונג פון א גאַנצער רייהע רבנים איז פון דער „כנסת ישראל“ אַרויס־געטרעטען.

וועגען א גאַנצע רייהע פאַקטען פון דער יודישער געשיכטע, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, וועלען מיר שריי־בען נאָך גאַנץ בעזונדער אין די שטיך־ווערטער: „בבל“ „ריש גלותא“, „מצרים“, „נשיא“, „קהלות“, „ישוב“, „תקנות“, „ועד ארבע ארצות“, „מיניס־טעריום יודיש, „שולען יודישע“, „ער־ציהונג, יודישע“, ווי אויך אין די נע־מען פון די בעטרעפענדע לענדער, ווי „שפּאַניען“, „פּוילען“, און אנדערע.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער אויטאָ־נאָמיע ביי יודען אין אַלטען מצרים, בבל און גריכישע שטעדט איז פאַרהאַן געשריבען ביי גרעץ, „געשיכטע“; שירער, „געשיכטע“; און

זשורנאַל „מילגרוים" 1923, מ. לוריא וועגן „די אויסגראַבונגען אין עלעפאַנטין"; קרויס „קדמוניות התלמוד", קאַפּיטעל הכרך"; וועגן די שפּעטעדיגע אויטאָנאָמע קהלות איז פאַראַן דובנאָוו'ס „פנקס ועד הקהלות" פון ליטא; דובנאָוו'ס, „געשיכטע"; גידעמאַן, געשיכטע פון ערציהונגסוועזן ביי יודען"; וועגן די אויטאָנאָמיע בעוועגונגען ביי יודען אין דער נייער צייט: די יודישע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינא" (זאַמלונג קיעוו 1919): גארפינקיעל, „די יודישע אויטאָנאָמיע אין ליטע"; גרינבוים, „המועצות הלאומיות", לוח אחיאסף תרפ"ג; אטא בויער, „נאַציאָנאַליטעטען-פראַגע" (דייטש) אין קאַפּיטעל „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון די יודען; רענער'ס שריפטען אין דייטש, „שטאַאט און נאַציאָן" און „גרונדלאַגען"; „אשכול" אין שטיך-וואָרט „אבטונומיה"; יודיש-דייטשער לעקסיקאָן „אויטאָנאָמיע".

## אויטאָריטעט

**אויטאָריטעט** מיט דעם וואָרט „אויטאָריטעט" פאַרשטעהט מען די קראַפט צו ענטשיידען א פראַגע און די ענטשיידונג זאָל אָנערקענט ווערען אַלס גילטיג בלויז אויפ'ן גרונט דערפון, וואָס די ענטשיידונג איז ארויסגעגעבען געוואָרען. אין דער קאַטוילישער רעליגיע בעזיצט דער פּויפּסט, דער קאָפּ פון דער קאַטוילישער וועלט די רעליגיעזע אויטאָריטעט; אויב דער פּויפּסט זאָגט ארויס זיין ענטשיידונג ווערט עס אָנערקענט אַלס גילטיג.

עס ענטשטעהט די פראַגע, צי איז אויך געווען אין דער יודישער רעליגיעזער וועלט אזא פּערזאָן־אויטאָריטעט, וואָס זיין ענטשיידונג איז גילטיג? ס'איז א פראַגע, אויף וועלכער עס איז שווער צו געבען אַ זיכערע תשובה. אין חומש דברים י"ז איז פאַראַן, אז אויב מען וועט נישט וויסען אַ רעליגיעזע פראַגע זאָל מען קומען צום „שופט", צום רעליגיעזען פיהרער, און וואָס ער וועט פּסקענען, אזוי זאָל מען טהון „ולא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל" (און דו זאָלסט נישט אָבטרעטען פון דעם וואָס זיי וועלען דיר זאָגען לינקס און רעכטס). געוועהנליך קאָן מען פערשטעהען דעם פּסוק, אַז דאָס מיינט, אַז די רעליגיעזע פיהרער וועלען פּסקענען לויט דער תורה, און דעמאָלס דאַרף מען זיי פאָלגען. אָבער אין „ספרי" אויף דברים ווערט דערויף געזאָגט „אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין", אז דער רעליגיעזער פיהרער זאָגט אפילו אויף רעכטס לינקס און אויף לינקס רעכטס מוז מען פאָלגען. דאָ זעהט מען שוין דעם בעגריף פון רעליגיעזער אויטאָריטעט. אין דער גמרא געפינען מיר אין פיל ערטער ענליכע אויסדריקן פון „יש כח ביד חכמים לעקור דבר מן התורה", אז עס זענען פאַראַן טייל פאַלען, ווען די רבנים האָבען דאָס רעכט מתיר צו מאַכען געוויסע זאַכען. אָבער דאָס זענען נאָר אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען. אין אַלגעמיין אָבער מוז דער רב פּסקענען נאָר לויט דעם דין, און ער טאָר אַליין גאָרנישט ענדערען.

אין דער חסידישער וועלט ווערט דער „רבי" פעררעכענט אַלס די גרעסטע רעליגיעזע אויטאָריטעט, וואָס מען טאָר טאַקע נישט נאָכקלערען דעם טעם פאַר וואָס ער גיט ארויס אזא אָדער אַנ'אַנדערע ענטשיידונג. מען דאַרף איהר זיין געהאָרכזאַם. אין די חסידישע ספרים פון רבי נחמן בראָצלאַווער און אנדערע רביים ווערט געזאָגט, אז די העכסטע מדריגה פון חסידות איז, אז דער חסיד זאָל גלויבען אין רבי פּשוט „בלי שום התחכמות" (אָן שום קליגלען זיך).

די פראַגע פון אויטאָריטעט אין דער יודישער רעליגיע איז געווען דער הויפּטפונקט פון דער מחלוקה צווישען די רעפאָרם־ראַבינער פון דייטשלאַנד און די פרומע רבנים אין 19־טען יאָהרהונדערט. די רעפאָרם־ראַבינער, ווי האָלדהיים, גייגער און אַנדערע האָבען געהאַל־

טען, אַז עס איז יאָ פאַרהאַן אַ רעליגיעזע אויטאָריטעט און דעריבער קאָנען רבנים צי ראַבינער אָבשאַפען געוויסע מצוות און דינים, וואָס זיי געפינען פאַר נויטיג. דאַגעגען די פרומע רבנים (אָרטאָדאָקסען) האָבען געהאַלטען, אַז אַזאַ קראַפט בעזיצט נישט קיין שום רב און ראַבינער און אַז אויך דער רב מוז אַלץ פּסקענען נאָר לויט דעם פעסטגעשטעלטען דין.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, געשיכטע (לעצטען באַנד וועגען דער רעפאָרם־בעוועגונג); ראַבינאָוויטש, „רבי זכריה פראנקעל" (העברעאיש) בערנפעלד, „תולדות הריפורמציון הדתית".

**אֱוִיל מְרֹדַךְ** דאָס איז דער נאָמען פון קעניג פון בבל, ער איז געווען אַ זוהן פון נבוכדנצר דעם מלך בבל, וועלכער האָט חרוב געמאַכט דאָס ערשטע בית המקדש, צעשטערט די יודישע מלוכה און פערטריבען אין גלות קיין בבל די לעצטע יודישע מלכים יהויכין און צדקיהו. אין תנ"ך אין ספר מלכים (צום סוף) אין ירמיהו (צום סוף) ווערט דערצעהלט, אַז נאָכדעם ווי נבוכדנצר איז געשטאָרבען און אויל מרודך איז אויף זיין אָרט געוואָרען קעניג פון בבל, האָט ער בעפרייט פון תפיסה יהויכין דעם יודישען קעניג. „וידבר אתו טבות". און ער האָט זיך בעצויגען צו איהם פריינדליך און איהם געהאַלטען ביי זיך אין כבוד צוזאַמען מיט אַנדערע גרויסע שרים.

דער קעניג אויל מרודך איז אויך בעקאַנט פון אַנדערע היסטאָרישע קוועלען. אין דער אַלטער באַבילאָנישער שפּראַך האָט ער געהייסען „אויל מאַרדיך"; „אויל" איז דער טייטש אויף באַבילאָניש „אַ מענש", און „מאַרדיך" איז געווען דער נאָמען פון דעם אָבגאָט אין בבל, און „אויל מאַרדיך" איז געווען דער טייטש „דער מענש פון אָבגאָט מאַרדיך". אין די דאָזיגע אַלטע היסטאָרישע קוועלען ווערט דערצעהלט, אַז נבוכדנצר איז געשטאָרבען אין יאָהר 562 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג; אויף זיין אָרט איז געוואָרען קעניג „אויל מרודך", וועלכער האָט געקיניגט נישט מעהר ווי 2 יאָהר, און ער איז געהרגעט געוואָרען און אויף זיין אָרט איז געוואָרען קעניג שראצר (עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז ער ווערט דאָס געבראַכט אין ספר ירמיהו ל"ט פסוק י"ג). דער אַלטער היסטאָריקער פון בבל בעראָסאָס, וועלכער איז געווען אַ שונא פון יודען, שרייבט אויף אויל מרודך, אַז ער איז געווען אַ פערברעכער, און האָט נישט געטהון דעם רצון פון די אָבגעטער. עס איז זעהר מעגליך, אַז דאָס האָט מען געשריבען אויף איהם אַזעלכע שלעכטע מיינונגען, ווייל ער האָט ארויסגעוויזען אַ פריינדשאַפט צו יודען.

אין מדרש ויקרא רבה י"ח ווערט דערצעהלט אַ אַלטע אגדה, אַז ווען נבוכדנצר איז געשטאָרבען האָט אויל מרודך געהייסען ארויסשלעפען די ביינער פון זיין פאָטער. די זעלבע ערצעהלונג געפינען מיר אויך אין אַנדערע אגדות. דערפון איז צו זעהן, אַז אין דער יודישער טראַדיציע איז אויל מרודך בעטראַכט געוואָרען נישט נאָר אַלס פריינד פון יודען, נאָר אויך אַלס דער, וואָס האָט געמאַכט צו שאַנד נבוכדנצר, וועלכער האָט חרוב געמאַכט דאָס בית־המקדש.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; ווינקלער, געשיכטע פון באַבילאָניען (דייטש); „אוצר ישראל"; „אשכול".

**אויסערדוויילט פאָלק** מיט דעם דאָזיגען נאָמען ווערט אָנגערופען דאָס אַלטע יודישע פאָלק ישראל, נישט נאָר אין די יודישע

ספרים, נאָר אויך אין דער קריסטליכער וועלט. דער הויפּט־געדאַנק דערפון איז, אַז גאָט האָט אויסדערוועהלט דאָס יודישע פאָלק צו דער שליחות, אַז עס זאָל פערשפּרייטען צווישען אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט די ריינע רעליגיע פון דעם, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין גאָט אויף דער וועלט, מאָנאָטעאיזם, און אַז מיט זיין ריינער לעבענס־אויפפיהרונג זאָל דאָס פאָלק ישראל זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. שוין אין חומש שמות י"ט ווערט דער געדאַנק אַז די יודען זענען דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק, אַרויסגעזאָגט איז די ווערטער „והייתם לי סגולה מכל העמים" (און איהר וועט מיר זיין די אויסדערוועהלטע פון אַלע פעלקער), און דערנאָך „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (און איהר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים, אַ הייליג פאָלק). וועגען דעם יודישען פאָלק אַלס „עם הנבחר" ווערט דערנאָך פיעל מאָל דערמאָהנט אין חומש, בעזונדערס אין ספר דברים, און אויך שפּעטער ביי די נביאים, און בעזונדערס אין ישעיה קאַפּיטעל מ"ב און די אַנדערע קאַפּיטלען. וואו דאָס יודישע פאָלק ווערט אָנגערופען דער „בחירי רצתה נפשי" (מיין אויסדערוועהלטער, וועלכען מיין נשמה וויל).

וועגען דער אויסדערוועהלטקייט פון יודישען פאָלק ווערען געבראַכט פיעל אגדות אין דער גמרא און מדרש. אין דער גמרא תענית ג' אויף דעם פסוק „כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם" (איך האָב אייך פונאַנדערגעשפּרייט ווי די פיער ווינטען פון הימעל) זאָגט דער אמורא רבי יהושע בן לוי „כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות, כך אי אפשר לעולם בלא ישראל" (פונקט ווי די וועלט קאָן נישט עקזיסטירען אָהן ווינטען, אזוי קאָן זי נישט עקזיסטירען אָן יודען. אויך אין די תפלות איז דער געדאַנק פון „עם הנבחר" איינער פון די הויפּט־מיילען פון דאַווענען, און עס ווערען געזאָגט די בעזונדערע ברכות: „הבוחר בעמו ישראל באהבה" (גאָט האָט אויסדערוועהלט די יודען מיט ליבשאַפט) און אויך די תפלה פון „אתה בחרתנו" און אַנדערע עהנליכע תפלות.

אין דער יודישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע ווערט די אידעע פון יודישען פאָלק אַלס אַ „עם הנבחר" בעהאַנדעלט טיעף און ברייט בעזונדערס דורך דעם גרויסען יודישען דיכטער און דענקער רבי יהודה הלוי (אַנהויב 12־טען יאָהרהונדערט) אין זיין בעריהמטען פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי". רבי יהודה הלוי פיהרט דאָס אדורך דעם געדאַנק, אַז אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער זענען זוכה קענען צו לערנען די געטליכליכקייט נאָר דורך חקירות, פאָרשונגען, זענען אָבער די יודען אַלס אויסדערוועהלט פאָלק בעשטימט געוואָרען תּופס צו זיין די געטליכקייט אינטואיטיוו, דורך אמונה און געפיהל, און אַז די תורה איז בעשטימט געוואָרען נישט אזוי פיעל פאַר דער דערהאַלטונג און ערציהונג פון איינצעלנעם מענש, נאָר זי איז די נאַציאָנאַלע רעליגיע, פאַר דער גרויסער שליחות פון יודישען פאָלק. — אין די צייטען פון דער רעפאָרם־בעוועגונג אין דייטשלאַנד און ענדע 18־טען און אין גאַנצען 19טען יאָהרהונדערט איז דורך די רעפאָרם־ראַבינער אויך אויפגעהויבען געוואָרען די היסטאָרישע אויפגאַבע און „מיסיע" פון יודען אַלס אויסדערוועהלט פאָלק, כדי צו לערנען די וועלט מאָנאָטעאיזם און הויכע מאָראַל. דאַגעגען איז אין טייל יודישע בעוועגונגען, וואָס זענען ענטשטאַנען אין ענדע פון 19־טען יאָהרהונדערט, און וועלכע ווילען „פערוועלטליכען" דאָס יודענטום, ערקלערען.

אז די יודישע רעליגיע איז נישט דער יסוד פון יודישען נאַציאָנאַליזם, ענטשטאַנען די לאָזונג פון „נהיה ככל הגויים", זיין גלייך צו אלע פעלקער. דאָס איז דער הויפּט־שטרייטפּונקט אויך היינט צווישען פיעל יודישע פּאַרטייען.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; ש. הורוויץ אין זיינע זאמל־שריפטען „העתיד", וואו ער חאָט איבערגעדריקט די ערוועקטע פראַגע „לשאלת קיום היהדות" און די אַרטיקלען וועגען רבי יהודה הלוי און אַנדערע אַרטיקלען; אחד העם אין זיין „על פרשת דרכים" אין דעם אַרטיקעל „על שתי הסעיפים" און אויך אַנדערע אַרטיקלען; אויך אין אַנדערע שפּראַכען איז פיעל געשריבען געוואָרען איבער דער אידעע פון יודען אַלס אויסדערוועהלט פאָלק; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן שטיך־וואָרט „אויסגעוועהלטעס פאָלק".

**אויסגראַבונגען** מיט דעם וואָרט „אויסגראַבונגען" מיינט מען די פערשידענע וויכטיגע שפּורען פון דער אַלטער געשיכטע, שטיינער, שטיקער מויערען, אויפשריפטען, מצבות, סתם זאַכען, וואָס מען האָט געפינען גראָבענדיג אין דער ערד אויף אַלטע היסטאָרישע ערטער. פאַר דער יודישער געשיכטע האָבען אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג קודם־כל די אויסגראָבונגען, וואָס מען רופט אָן אין דער וויסענשאַפט „אַלט־אָריענטאַלישע", דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין די לענדער פון אַלטען מזרח (אָריענט), אַלזאָ אין מצרים, ארץ־ישראל און די שכנותדיגע לענדער, ווי אויך אין די לענדער פון אשור און בבל. פון די דאָזיגע אויסגראָבונגען אין די אַלטע מזרח־לענדער זענען אונז אויפגעקלערט געוואָרען זעהר וויכטיגע געשעהענישען וואָס ווערען דערמאָהנט אין תנ"ך און זיי וואַרפען ליכט אויף די אַלטע צייטען פון דער יודישער געשיכטע.

די ערשטע אויסגראַבונגען זענען געמאַכט געוואָרען אין עגיפּטען, אין דעם אַלטען לאַנד מצרים. שוין מיט הונדערטער יאָהרען צוריק האָבען אייראָפּעאישע רייזענדע, אויף זייערע בעזוכען אין עגיפּטען בעוואונדערט די אַלטע ריזיגע געביידעס, דעם ספינקס און די פּיראַמידען. ערשט אין יאָהר 1798, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין מיליטער איינגענומען עגיפּטען, זענען מיט איהם מיטגעקומען אין עגיפּטען געלעהרטע, און זיי האָבען דאָרט געפינען (אין יאָהר 1799) דעם בעריהמטען „שטיין פון ראָזעט", אויף וועלכען עס זענען געווען אויפשריפטען אין דריי אלף־בית'ן און דריי שפּראַכען: די אלטע היעראָגליפען־שריפט, די דעמאָטישע שריפט (ביידע זענען אַלט־מצרים־שריטען) און די גריכישע שריפט. נאָך פיעל בעמיהונגען איז געלונגען דעם גרויסען פראַנצויזישען געלעהרטען שאמפּאָליאָן אין יאָהר 1822 אויפצוקלערען ווי אַזוי מען לייענט דעם אלף־בית פון די היעראָגליפען און אויך פון דער דעמאָטישער שריפט און צו פערטייטשען אַלט־מצרים־ווערטער. פון דעמאָלט אָן האָט מען אין די אויסגראָבונגען אין מצרים געפונען כסדר פיעל אויפשריפטען, וועלכע מען האָט שוין געקאָנט איבערלייענען, און עס זענען ענטדעקט געוואָרען די געשעהענישען פון עגיפּטען און ארץ־ישראל מיט פאַר 4 טויזענד יאָהר צוריק; די רעליגיעס און וויסענשאפטען פון אַלט־מצרים, די אַלט־מצרישע קעניגען, די פּרעה'ס און זייערע מלחמות, ווי אַזוי זיי האָבען איינגענומען און געהערשט איבער ארץ־ישראל און דעם אָנהויב פון דעם העבּרעאישען פאָלק אין די צייטען פון יציאת מצרים. דאָס האָט זעהר בעלויכטען דעם אָנהויב פון דער אַלטער יודישער געשיכטע. די אויסגראָבונגען ווערען נאָך געפיהרט.

עטוואָס שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען די אויסגראַבונגען אין לאַנד מעזאָפּאָטאַמיען, אין אזיען, צווישען די טייכען פּרת און חדקל (עפראַט און טיגרים) וואָס איז געווען דאָס אָרט פון די אַלטע לענדער פון תנ"ך, אשור און בבל. די ערשטע וויכטיגע ענטדעקונג איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1837 דורך דעם ענגלישען פאָרשער ראַווילינסאָן, וועלכער האָט דורך דעם דריי־שפּראַכיגען „דריוש־שטיין" פון בעהיסטון ענטדעקט ווי אזוי מען דאַרף לעזען דעם אַלט־באַבילאָנישען אלף־בית, די „קיילען־שריפט". פון דעמאָלס אָן האָט מען אונטער די חורבות פון אַמאָליגען אשור און בבל געפינען זעהר פיעל טאַוולען מיט קיילען־שריפט, גאַנצע ביבליאָטעקען, וואָס קלערען אונז אויף די אַלטע געשיכטע פון אשור און בבל וואָס האָבען געהאַט אזא איינפלוס אויף די געשיכטע פון יודישען פאָלק. מען איז פון זיי אויך דערגאַנגען די אַמאָליגע געזעצען וואָס האָבען געהערשט אין די לענדער פון אשור און בבל (צווישען אנדערע די „האַמוראַבי־געזעצען"), זייערע פאָלקס־גלויבענס, רעליגיעס, לעגענדעס מיטאָלאָגיע, וויסענשאַפט, עקאָנאָמישע פערהעלטנישען, — און דאָס גיט אונז בעסער צו פערשטעהען א סך געשעהנישען פון חומש און תנך בכלל און זאָגאַר שפּעטערדיגע קאַפּיטלען פון דער יודישער געשיכטע. עס איז ענטשטאַנען א גאַנצע וויסענשאַפט, די „אַסיראָלאָגיע" וואָס בעשעפטיגט זיך מיט אויפקלערען אויסגראַבונגען פון אשור און בבל און די דאָזיגע וויסענשאַפט איז היינט זעהר נויטיג ביים פאָרשען די אַלטע יודישע געשיכטע.

עס זענען אויך געמאַכט געוואָרען וויכטיגע אויסגראַבונגען אין די אנדערע אַלט־אָריענטאַלישע לענדער, אין שכנות צו ארץ־ישראל, ווי אין סיריען, וואו מען האָט געפינען א סך שטיינער מיט אויפשריפטען, וואָס זענען בעקאַנט אין דער וויסענשאַפט מיט דעם נאָמען די „וואַרד־סעמיטישע עפּיגראַפיק". אָבער אַמוויכטיגסטען פאַר דער פאָרשונג פון דער אַלטער יודישער געשיכטע האָבען געהאַט די אויסגראַבונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין ארץ־ישראל זעלבסט. אָנגעהויבען צו מאַכען סיסטעמאַטיש, — דאָס הייסט לויט א געוויסען סיסטעם, אין בעשטימטע היסטאָרישע ערטער, — אויסגראַבונגען אין ארץ־ישראל האָט די ענגלישע געזעלשאַפט „פּאַלעסטיין עקספּלאָריישאָן פאָנד", וועלכע האָט אָנגעהויבען איהרע אַרבייטען אין יאָהר 1865. נאָכהער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען ארום ארויסגראַבונגען אין ארץ־ישראל דער „דייטשער פעראיין צו ערפאָרשונג פון פּאַלעסטינא", און גאָר שפּעטער האָט זיך גענומען צו אויסגראַבונגען אין ארץ־ישראל די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט „אַמעריקאַן סקול אָוו אָריענטאַל ריסורטש". די אַלע געזעלשאַפטען האָבען געמאַכט וויכטיגע אויסגראַבונגען אין אַלטען ירושלים, אין גזר, אין בית־שמש, שומרון, בית־שאָן, מצפה, תענך, מגידו, וואו מען האָט געמאַכט גרויסע ענטדעקונגען וועגען אַלטען לעבען אין ארץ־ישראל. אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה (1920) האָט אָנגעהויבען אַרבייטען ארום אויסגראַבונגען אין ארץ־ישראל די „יודישע געזעלשאַפט אויסצופאָרשען ארץ־ישראל" (חברה לחקירת ארץ־ישראל ועתיקותיה) מיט ד"ר נחום סלושץ און ד"ר אליעזר סוקעניק אין דער שפּיץ. זיי האָבען אויך געמאַכט פיעל אויסגראַבונגען פון אַלט יודישע שולען, שטיינער מיט אויפשריפטען, מנורות, די דריטע מויער פון ירושלים און אנדערע זאַכען. בעריהמט איז אויך דער שטיין

פון „מישע מלך מואב", וואָס מען האָט אין יאָהר 1868 ענטדעקט נעבען ארץ־ישראל, און וואָס וואַרפט ליכט אויף די קאַפּיטלען אין תנ"ך וועגען די מלחמות צווישען לאַנד מואב און ארץ־ישראל אין די צייטען פון ערשטען בית־המקדש. די אַלע ענטדעקונגען אין ארץ־ישראל האָבען פאַר דער פאָרשונג פון דער יודישער געשיכטע דעם גרעסטען ווערט.

מיר האָבען דאָ, אין דעם איצטיגען אַרטיקעל פון שטיך־וואָרט „אויסגראָבונגען" געגעבען נאָר קורצע ווערטער וועגען די אויסגראָבונגען אין אַלגעמיין. אָבער ביי די בעזונדערע שטיך־ווערטער „מצרים", „אשור", „בבל", ירושלים, שומרון, „גזר", „מגידו", „מישע מלך מואב", „טעל על אמארנא", „עלעפאַנטין" א. אנד. וועלען מיר געבען בעזונדערע און אויספיהרליכע בעשרייבונגען פון די אויסגראָבונגען וואָס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרען.

ביבליאָגראַפיע: אין דער יודישער שפּראַך איז פאַרהאַן וועניג וועגען די אויסגראָבונגען. עטליכע אַרטיקלען איבערגעזעצט פון פּראָפעסאָר טאַמסען איז פאַרהאַן אין יודישען זשורנאַל „אַלטניילאַנד" ווארשא 1925,; וועגען אויסגעגראָבענע אַלטע שיהלען אין ארץ־ישראל אויף יודיש איז פאַרהאַן אין יודישען זשורנאַל „מיל־גרוים" יאָהר 1923 פון ד"ר סוקעניק „חורבות פון היינטיגע שוהלען אין ארץ־ישראל; „תנך־פאָרשונג" פון קיטעל, איבערזעצונג אין יודיש (1923); צוויי אַרטיקלען וועגען די אויסגראָבונגען זענען פאַרהאַן אין די ערשטע נומערען פון זשורנאַל „וועלט־שפּיגעל" (ווארשא 1927) פון ש. פּיעטרושקא; אין העברעאיש זענען ערשיענען עטליכע זאַמעל־בענדער „קיבצים" פון דער דערמאָהנטער „חברה עברית ל קירת ארץ־ישראל" מיט פיעל ווערטפולע אַרטיקלען; אין אַנדערע שפּראַכען, און בעזונדערס אין דייטש און ענגליש איז פאַרהאַן זעהר פיעל ביכער איבער די „אַלט־אָריענטאַלישע" אויסגראָבונגען. וויכטיג איז יערעמיאַס, „דאָס אַלטע טעסטאַמענט אים ליכט פון אַלטען אָריענט" (דייטש), סאָלאָווייטשיק, די „וועלט דער ביבעל"; אירקו, „אַלט אָריענטאַלישער קאָמענטאַר צום אַלטען טעסטאַמענט" (דייטש) וואו עס איז פאַרהאַן אַ גענויע ביבליאָגראַפיע וועגען די ביכער איבער די אויסגראָבונגען; יודיש־דייטשע „ענציקלאָפּעדיע" און „לעקסיקאָן" שטיך־וואָרט „אויסגראָבונגען".

**אויסוואַנדערונג** די אויסוואַנדערונג ביי יודען פון איין לאַנד אין צווייטע איז פון שטענדיג אָן געווען איינע פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלען אין דער יודישער געשיכטע. אין 19־טען און 20־טען יאָהרהונדערט איז די אויסוואַנדערונג געוואָרען דער הויפּט־פּראָבלעם פון יודישען לעבען אין פיעל לענדער און איירָאָפּאַ. דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון עמיגראַציע. וועגען דעם וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „עמיגראַציע".

**אויסטראַליען** דאָס איז דער נאָמען פון ערד־טייל, וואָס ליגט אין דעם דרום־האַלב־קוגעל פון דער ערד. אויסטראַליען איז אַ טייל פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע: זי איז אַ „דאָמיניאָן", דאָס הייסט זי האָט אַ אייגענע רעגירונג מיט אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט און אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער רעגירט מיט דעם לאַנד. אָבער זי איז געבונדען מיט ענגלאַנד און אַנדערע מיטגלידער פון דער „בריטישער אימפּעריע" אין איין פערבאַנד. אין יאָהר 1931 איז אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אויסטראַליען בעשטימט געוואָרען אַ יוד, אייזעק אייזעקס; דאָס איז דער העכסטער רעגירונגס־אַמט אין לאַנד, און אַ יוד פערנעהמט איהם. אויסטראַליען האָט אַ בעפעלקערונג פון נאָהנטע 6 מיליאָן פּערזאָן, צווישען זיי זענען פאַרהאַן יודען לערך 25 טויזענד.

די געשיכטע פון די יודען אין אויסטראַליען איז זעהר אַ יונגע. די ערשטע יודען זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַ־

יען לערד דעם יאָהר 1817 און האָבען זיך בעזעצט אין דער שטאָדט סידנעי וואו זיי האָבען אין יאָהר 1820 געהאַט אַ אייגענעם בית־הקברות. אין פערלויף פון 19־טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען כסדר א קליינע יודישע איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליען, און די יודען האָבען זיך גענומען בעזעצען אין די שטעדט מעלבורן,וויקטאָריא, נאַכהער אין פערטה און אנדערע שטעדט; אין פערטה האָבען זיך בעזעצט אַממערסטען יודען, וואָס זענען געקומען פון ארץ־ישראל צום סוף פון 19־טען יאָהרהונדערט. יודען האָבען שוין פון אָנהויב אָן געהאַט פולשטענדיגע גלייכבארעכטיגונג צוגלייך מיט אַלע איינוואוינער אין אויסטראַליען. עס איז דאָרט אויך נישט צו בעמערקען קיין שום אַנטיסעמיטיזם. אויסער דעם דערמאָהנטען גענעראל - גובערנאַטאָר האָבען יודען אויך כסדר פערנומען זעהר הויכע אַמטען סיי אין דער צענטראל־רעגירונג פון אויסטראַליען, סיי אין דער מיליטער־פיהרונג, סיי אין די שטאָדטישע פערוואלטונגען. יודישע פרעמיער־מיניסטאָרען אין פערשידענע טיילען פון אויסטראַליען זענען געוועזן יוליאן סאַלאָמאָנס, פאָגעל, מאָס און אנדערע. גענעראל דזשאהן מאנאס, א יוד, איז געוועזן אָבער־קאָמאַנדיר פון אויסטראַלישען מיליטער אין דער וועלט־מלחמה. די יודען אין אויסטראַליען האָבען אייגענע פערשידענע צדקה־חברות, און זיי נעהמען אויך אָנטייל אין דער הילף פאר יודען אין אנדערע לענדער. די הויפט־יודישע אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליען איז די אָבטיילונג פון דער „אנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיישאָן” אין סידנעי.

די יודען אין אויסטראַליען וואוינען אממערסטען אין די שטעדט און בעשעפטיגען זיך מיט האַנדעל און פראָדוקציע. עס זענען אויך פאַראַן יודישע אַרבייטער און זעלבסטשטענדיגע בעלי־מלאכית, אָבער עס זענען אויך פאראַן יודישע קאָלאָניסטען אין אויסטראַליען, וואָס זיצען אויף קאָלאָניעס און בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט און פיה־צוכט. יודען זענען אויך בעשעפטיגט אין אויסטראַליען אין דער קונסט, ליטעראַטור, ווי אויך אין צייטונגס־וועזען. עס ערשיינען אויך אין ענגליש צוויי יודישע זשורנאלען (צוויי מאָל אין מאָנאַט): „דזשואיש העראָלד” אין מילבורן און „היברו סטאַנדארד” אין סידנעי.

אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה האט זיך עטוואָס פערשטאַרקט די יודישע איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליען אָבער די אויסטראַלישע רעגירונג האָט אָנגענומען א רייה געזעצען געגען דער פרייער אימיגראַציע, און איצט קאָנען איינוואַנדערען קיין אויסטראַליען נאָר עמיגראַנטען, וואָס האָבען ארויספאָדערונגען פון פערזאָנען וואָס וואוינען שוין אין אויסטראַליען. איצט קומט פאָר א קליינע יודישע איינוואַנדערונג אין לאַנד. די איינוואַנדערער זענען אממערסטען פון פוילען.

ביבליאָגראַפיע: אין דער יודישער שפּראַך איז ערשינען וועגען אויסטראַליען אַנ׳אויספיהרליך בוך „אויסטראַליען׳ ארויסגעגעבען דורך דעם „עמיגדירעקט” בערלין 1929; אויך אין זשורנאַל „עמיגראַנט” ווארשא 1922 — 1923 זענען ערשינען אַרטיקלען מיט בעשרייבונגען און קאָרעספּאָנדענציעס וועגען אויסטראַליען; יודיש־דייטשער „לעקסיקאָן” „אשכול” ענציקלאָפּעדיע אויסטראל־אסיה”) ווי אויך אין דער יודיש־דייטשער „ענציקלאָפּעדיע”.

## אויסלאַנד

**אויסלאַנד** (חוץ־לארץ). אין דער יודישער רעליגיע און אויך אין דער יודישער געשיכטע ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „אויסלאַנד”, אויף העברעאיש „חוץ־לארץ”, אַלע לענדער מיט׳ן אויסנאַהם פון ארץ־ישראל.

אין תּנ״ך און אין דער משנה ווערט ארץ־ישׂראל גאַנץ אָפט אָנגערופען סתּם „ארץ״ (דאָס לאַנד). דעריבּער האָבּען אַלע אַנדערע לענדער געהייסען „חוץ־לארץ״ (אויסלאַנד).

דעם נאָמען „חוץ־לארץ״ טרעפען מיר ערשט אין די שפּעטערדיגע צייטען פון דער משנה. אין תּנ״ך ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „חוץ־לארץ״ צו בּעצייכענען „אויסלאַנד״. עס ווייזט אויס, אַז אין די אַלטע צייטען פון תּנ״ך איז נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר דער בּעגריף פון „אויסלאַנד״. מיר געפינען אָבּער אַנדערע נעמען פאַר די לענדער, וואָס זענען נישט ארץ־ישׂראל. ווען דער חומש אין דער „ערשטער תוכחה״ ויקרא כ״ו וויל שטראָפען די יודען און זאָגען אַז זיי וועלען פערטריבּען ווערען קיין אויסלאַנד, זאָגט דער חומש „והבאתי אתם אל ארץ אויביהם״ (און איך וועל זיי בּרענגען אין לאַנד פון די פיינד). אין דער „צווייטער תוכחה״ דברים כ״ט ווערט שוין געבּרענגט אַנ׳אַנדער אויסדרוק „וישליכם אל ארץ־אחרת״ (און ער וועט זיי פערטרייבּען אין אַ אַנדער לאַנד). דאָ איז שוין דאָ דער אוסדרוק „ארץ־אחרת״ פאַר אויסלאַנד. מיר געפינען אָבּער אויך אין שמות ב׳, ווען משה רבּנו האָט אַ נאָמען געגעבּען זיין זוהן „גרשם״ האָט ער געזאָגט „גר הייתי בּארץ נכריה״ (איך בּין אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד).

ערשט אין די משנה געפינען מיר שוין צוויי נעמען פאַר אויסלאַנד. דער ערשטער און גאָר אַלטער נאָמען איז געווען „מדינת הים״, און מיר געפינען אין דער משנה גטין פּרק א׳ „המביא גט ממדינת הים״. וואָס איז דער טייטש, אַז איינער בּרענגט אַ גט פון אויסלאַנד, און נישט דוקא פון לענדער וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט ים, ווייל שוין אין דער זעלבּער משנה ווערט דערמאָהנט אַזעלכע שטעדט וואָס געפינען זיך נעבּען ארץ־ישׂראל (ווי עכו און אַנדערע) כאָטש נישט אין יענער זייט ים און זיי הייסען אויך מדינת הים. דער צווייטער נאָמען איז געווען „חוץ־לארץ״ (למשל, אין דער משנה חלה פּרק ב׳ „פּירות חוצה לארץ שנכנסו לארץ״, די פרוכטען פון אויסלאַנד וואָס זענען אָנגעקומען אין לאַנד, און אויך אין פיל אַנדערע ערטער אין דער משנה).

אין די צייטען פון סוף פון צווייטען בּית־המקדש, ווען אַ סך יודען האָבּען פערלאָזט ארץ־ישׂראל און אַוועק קיין אויסלאַנד, האָבּען די יודישע חכמים געוואָלט פערשטאַרקען די צוגעבּונדענקייט פון די יודען צו ארץ־ישׂראל, און זיי האָבּען דעריבּער אויף חוץ־לארץ ערקלערט פערשידענע גזרות. די גמרא אין שבּת ט״ו דערצעהלט אַז 80 יאָהר איידער דאָס בּית־המקדש איז חרוב געוואָרען „גזרו טומאה על ארץ־העמים״ (האָט מען ערקלערט אויסלאַנד, ארץ־העמים „דאָס לאַנד פון פעלקער״, פאַר טמא). שפּעטער איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער און אין דער גמרא כתובות ק״י ווערט געזאָגט „כל הדר בּחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה״ (ווער עס וואוינט אין אויסלאַנד איז אַ שטייגער ווי ער האָט קיין גאָט נישט). דאָס איז אַלץ געווען, כּדי איינצופלאַנצען ליעבּע צו ארץ־ישׂראל.

ביבליאָגראַפיע: כפתור ופרח „תבו. אות הארץ״; ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין״ (שטיך־וואָרט „ארץ־ישׂראל״ „גוי״, „עמים״); ספר „הארץ״ רעדאַגירט פון י. פּיכמאַן.

**אויסלענדער נחום** (געבּוירען אין יאָהר 1893), אַ בּאַקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און קריטיקער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ער איז געבּוירען געוואָרען אין רוסלאַנד איז

שטעדטעל כאדארקאוו (קיעווער גובער־ניע); ער האט געלערנט אין גימנאזיום אין אדעס, נאכהער שטודירט מעדיצין אין בערלין. ער האט געשריבען פיל לי־דער און רעדאגירט א רייה זשורנאלען אויף יודיש, צווישען אנדערע אויך דעם זשורנאל „שטראם" אין מאסקווע יאהר 1922. אין זיין ווערק „גרונדשטריכען פון יודישען רעאליזם" (ערשינען אין קיעוו 1919) בעמיהט זיך אויסלענדער צו געבען א פילאזאפיש־קינסטלערישע אנאליזע פון דער מאדערנער יודישער ליטעראטור ספעציעל פון מענדעלע מוכר־ספרים, פרץ און שלום־עליכם.

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1926

**אויער** אין דער יודישער רעליגיע און עטישער לעהרע שפילט דאס אויער, אלס דאס געהער־ארגאן פון מענש, א גרויסע ראליע. שוין אין חומש שמות כ"ט געפינען מיר, אז ווען מען האט אין די צייטען פון די יודען אין דער מדבר געהייליגט אהרן הכהן און זיינע קינדער אלס כהנים האט מען בעשמירט זייערע אויערן מיט דעם הייליגען בלוט פון קרבן. אין חומש שמות כ"א ווערט געזאגט, אז אויב א יודישער קנעכט, וועלכער ווערט בעפרייט נאך 7 יאהר דינען, זאגט, אז ער וויל נישט זיין פריי, נאר ער וויל ווייטער דינען זיין בעל־הבית, „ורצע אדניו את אזנו במרצע", זאל מען איהם מאכען א לאך אין זיין אויער־לעפעל. די גמרא אין קידושין כ"ב זאגט דערויף אין נאמען פון תנא רבי יוחנן בן זכאי, אז דעריבער זאל מען איהם אויסבויערען א לאך אין אויער, ווייל דאס אויער האט דאך געהערט די ווערטער פון גאט „כי לי בני ישראל עבדים", אז די יודען דאר־פען זיין נאר קנעכט פון גאט און נישט פון מענשען, און דער דאזיגער קנעכט וויל דינען א מענש, דארף מען איהם בעשטראפען זיין אויער. די גמרא כתובות ה' זאגט, אז דעריבער זענען די פינגער פון מענש שפיציג, „שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון יניח אצבעות באזניו" (אויב א מענש וועט הערען נישט פיי־נע זאכען, זאל ער זיך פערשטאפען די אויערען מיט די פינגער). אין מדרש ויקרא רבה ל"ב ווערט געזאגט דאס ווארט „אזנים לכותל", „אויך ווענט האבען אויערען", דאס הייסט, אז מען זאל זיין געהיטען נישט אויסצוזאגען א סוד און מיינען, אז קיינער וועט נישט הערען, ווארום מען דערהערט שוין.

אויך אין דער יודישער שפראך זענען פארהאן פיעל שפריך־ווערטער וועגען אויער, און זיי זענען פערצייכענט ביי בערנשטיין אין זיין בוך „יודישע שפריך־ווערטער און רעדענסארטען" (ווארשא קראקא 1908), ווי „איין אויג האט מעהר גלויבען ווי צוויי אויערען", „די אויערען מוזען הערען וואס דאס מויל רעדט" און אנדערע. דער געלעהרטער וואכשטיין אין דעם ערשטען באנד פון די שריפטען פון יודיש־וויסענשאפטלי־כען אינסטיטוט" (ווילנא 1926), וויל א טייל פון די דאזיגע שפריך־ווערטער גע־פינען אין גמרא און מדרש. — אין ספעציעלע יודישע אידיאמען האט „אוי־ער" אויך די בעדייטונג פון א שלעכטען מענש, און מען זאגט: „אוי, איז דאס אנ'אויער" (זעה, אלפאבעט, „מאטעריא־לען צו א אידיאטעקאן" אין זשורנאל „יודישע פילאלאגיע" העפט 1, 1924).

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל' (שטיך ווארט) „אזן"; ראזענבערג, „אוצר השמות" (שטיך ווארט „אזן"), בערנשטיין, „יודישע שפריכווער־טער"; אייך אין די דערמאהנטע זאמל־שריפטען.

**אויער לעאפאלד** (1847 — 1931), א בעריהמטער פידעל־שפילער און פראפעסאר פון מו־

זיך. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1847 אין אונגארן. ווען ער איז געווארען בעריהמט אלס פידעל־מייסטער איז ער איינגעלאדען געווארען אין יאהר 1868 קיין רוסלאנד אין צארישען הויף, וואו ער איז געווארען קייזערליכער וויאלינסט און אויך פראפעסאר פון קאנסערוואטאריום אין פעטערבורג. ער האט געלערנט מוזיק עטליכע בעריהמטע יודישע וואונדער־קינדער צווישען אנדערע אויך מישא עלמאן און יאשא חפץ. אין יאהר 1911 איז ער אוועק פון רוסלאנד, און געוואוינט צוערשט אין דייטשלאנד, נאכהער אין אמעריקא. ער איז געשטארבען אין יאהר 1931.

ביבליאגראפיע: יודיש דייטשע „ענציקלאפעדיע" און לעקסיקאן"; ריעמאן „מוזיקער־לעקסיקאן" (דייטש).

**אויערבאך** דאס איז דער נאמען פון א בעריהמטער יודישער פאמיליע; דער דאזיגער נאמען האט אויך פערשידענע ענדערונגען און מען טרעפט איהם אויך אין דער פארם פון „אויערבוד", „אווערבוד", „אור־באד", „ארבאד". דער נאמען שטאמט פון א דארף אין דייטשלאנד „אויערבאד אן דער גערגשטראסע" אין העסען־דארמשטאט. דער פאמיליען־נאמען אויערבאך געפינען מיר אין 15טען יאהרהונדערט, נעמליך א געוויסען משה אויערבאך אלס הויף־מעקלער פון בישאף אין רעגענסבורג. בעריהמט איז געווען די אויערבאך־פאמיליע אין וויען, וואו די מיטגלידער האבען געהייסען א דאפעל־נאמען „אויערבאך־פישהאף". אין 17־טען יאהרהונדערט איז דער ראש הקהל אין וויען געווען רבי משולם זלמן אויערבאך־פישהאף. פערזאנען פון דער דאזיגער פאמיליע האבען פערנומען די שטעלונג אלס הויף־יודען אין קייזערליכען הויף אין עסטרייך. די פאמיליע „אויערבוד" אין רוסלאנד ציהט איהר יחוס פון רבי ישראל בעלשם־טוב, דעם גרינדער פון חסידות (אין דער ערשטער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט), און לויט זייער טראדיציע זאל די פאמיליע שטאמען פון רשי. וועגען די אנגעזעהענסטע יודען מיט'ן נאמען „אויערבאך" גיבען מיר אין בעזונדערע שטיך־ווערטער.

**אויערבאך בערטאלד** (1812—188?), בעריהמטער יודיש־דייטשער שריפטשטעלער אין 19־טען יאהרהונדערט און אויך קעמפער פאר יודישע רעכט און געגען אנטיסעמיטיזם. אויערבאך (זיין יודישער נאמען איז משה ברוך) איז געבוירען געווארען אין יאהר 1812 אין נארדשטעטען אין דייטשלאנד. ער האט בעקומען א פרומע יודישע ערציהונג און זיין פאטער האט איהם געוואלט ערציהען אויף צו ווערען א רב. אבער אויערבאך האט גענומען לערנען וויסענשאפטען אין אוניווערסיטעט. דער יונגער אויערבאך האט דעמאלס עפענטליך ארויסגעזאגט זיינע פרייע דעמאקראטישע מיינונגען. מ'האט איהם אין יאהר 1837 ארעסטירט און מען האט איהם בעפרייט מיט'ן תנאי, אז ער זאל נישט ענדיגען זיין שטודיום אין אוניווערסיטעט.

אויערבאך האט דעמאלס זיך גענומען צו ליטעראטור און אנגעשריבען צוערשט (אין דער דייטשער שפראך) צוויי גרעסערע ערצעהלונגען פון לעבען פון צוויי גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, „באז־ברעכער", וואס זענען ארויס אין קאמף געגען די אנגענומענע יודישע אנשויאונגען און זענען ארויס אין דער ברייטער וועלט פון פילאזאפיע און פאעזיע. איין ערצעהלונג איז געווען „ברוך שפינאזא" (געשריבען אין יאהר 1837) און די

צווייטע איז געווען „דיכטער אונד קויפמאן” (געשריבען אין יאהר 1840) וועגען דעם לעבען פון יודישען דיכטער און משכיל משה אפרים קוה. אין די ביידע ערצעהלונגען האט אויערבאך ארויסגעוויזען גרויס טאלאנט, און ער האט פערשטאנען איבערצוגעבען די אינערליכע נשמה־קאמפען פון דעם יודישען גייסט, ווען ער טרעפט זיך מיט דער ברייטער השכלה־וועלט. אין דער ערצעהלונג „ברוך שפינאזא” האט אויערבאך זיך אויך בעמיהט פארצושטעלען דאס אינטימע לעבען פון גרויסען יודישען פילאזאף, און ער האט אויך אריינגעפלאכטען א ליבעס־ראמאן אין דער בעשרייבונג פון שפינאזא.

דעם גרויסען רוהם זיינעם אין דער ליטעראטור אין דייטשלאנד האט אויערבאך זיך ערווארבען מיט זיינע בעריהמטע ערצעהלונגען „שווארצוועלדער דארפגעשיכטען”, וואס ער האט פערעפענטליכט אין פערלויף פון די יאהרען 1843 ביז 1854. דאס זענען די וואונדערבארסטע פאלקסטימליכע ערצעהלונגען פון דארפישען לעבען אין שווארצוואלד. דא וויזט זיך אויערבאך ארויס אלס גע־ניאלער דיכטער, וואס האט פערשטאנען אריינצודרינגען און אויפצונעהמען די שעהנהייט און תמימות פון דעם דייטשען פויער אין זיין שטילען דארפסלעבען. שפעטער האט אויערבאך געשריבען א צווייטער סעריע פון די דאזיגע „דארפס־געשיכטען”, נאכהער האט ער ארויסגעגעבען א רייהע ראמאנען ווי אויך פאליטישע ארטיקלען אין פערשיעדענע צייטשריפטען. אויערבאך איז ארויסגעטרעטען פיל מאל געגען די אנטיסעמיטען אין דייטשלאנד, און אויך געגען דעם „עלילת הדם” וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד. ער האט אויך געשריבען דאס בוך אויף דייטש „דאס יודענטום און די נייע ליטעראטור” (1836), און צוזאמען מיט נ. פראנקפורטער האט ער ארויסגעגעבען די ביאגראפישע זאמלונג פון גרויסע יודען מיט'ן נאמען „גאלעריע דער אויסגעצייכענטען איזראעליטען.” אויערבאך'ס „שפינאזא” איז פארהאן איבערזעצט אין העבעראיש דורך ט״ף שאפירא, ווארשא 1898, און בקיצור אין יודיש פון גארין (ניו־יארק 1917); זיין „אפרים קוה” איז איבערזעצט אין העבראיש דורך י. ח. טאוויאהו, ווארשא 1894. אויערבאך איז געשטארבען אין יאהר 1892.

ביבליאגראפיע: פון דוד פרישמאן איז פארהאן אין יאהרבוך „האסיף. תרמ״ט א בעשרייבונג פון איערבאך און אויך א כאראקטעריסטיק פון זיינע ליטעראַרישע ווערק; יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל”; „אשכול”; יודישן דייטשער „לעקסיקאן”. אין דער דייטשער שפראך זענען פארהאן פיל ווערק איבער אויערבאך. אמוויכטיגסטען איז דאס בוך פון לודוויג שטיין „בערטאלד אויערבאך און דאס יודענטום” (בערלין 1882). בעריהמט איז די כאראקטעריסטיק פון אויערבאך געשריבען דורך דעם בעריהמטען ליטעראטור־קריטיקער געארג בראנדעס אין זיינע „געזאמעלטע שריפטען” אין דער אבטיילונג „דייטשע פערזענליכקייטען”.

## אויערבאך הערש בנימין

(1808 — 1872). ער איז געווען א בעריהמטער געבילדעטער רב און למדן אין דייטשלאנד. רבי הערש בנימין אויערבאך איז געבוירען געווארען אין יאהר 1808, און ער האט בעקומען א פרומע יודישע ערציהונג אבער ער האט גלייכצייטיק אויך שטודירט אין אוניווערסיטעט און בעקומט דעם טיטול דאקטאר פון פילאזאפיע. ער איז געווען איינער פון די ערשטע פרומע רבנים אין דייטשלאנד אין אנהויב פון 18־טען יאהרהונדערט, וואס האבען גלייכצייטיג געלערענט אלגעמיינע וויסענשאפטען. א געוויסע צייט איז ער געווען רב אין דער

שטאָדט דאַרמשטאַט. אָבער די דאָרטיגע יודען זענען אַלע געווען געניגט צו מאַכען רעפאָרמען אין דער יודישער רעליגיע; דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער גרויסער רעפאָרם־בעוועגונג אין דייטשלאַנד. אויערבאַך, אַלס פרומער רב האָט דערצו נישט געוואָלט מסכים זיין, און ער האָט אין יאָהר 1857 פערלאָזט זיין רבנות אין דאַרמשטאַדט און זיך בעזעצט אַלס פריוואַט־מאַן אין פראַנקפורט אם מאין, וואו ער האָט אָנגעשריבען עטליכע זיינע ספרים. נאָכהער, אין יאָהר 1863, איז ער געוואָרען רב אין האַלבערשטאַדט, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1872.

אויערבאַך האָט געשריבען א רייה ביכער אין דער דייטשער שפּראַך. דאָס וויכטיגסטע בוך זיינס איז „געשיכטע פון דער יודישער געמיינדע אין האַלבערשטאַדט" (געדרוקט יאָהר 1866), וואָס ענטהאַלט א אוצר מיט ידיעות און היסטאָרישע אנווייזונגען איבער דער געשיכטע פון יודען אין דייטשלאַנד בכלל. אויערבאַך האָט אויך פערפאַסט אין העברעאיש אַ ספר „ברית אברהם" וועגען מילה, אָבער אין דער איינלייטונג איז פאַרהאַן א סך פאָרשונגען איבער פערשידענע תפלות און פיוטים. ער איז אויך אַרויסגעטרעטען מיט אַ ספר „הצופה" (פראַנקפורט 1861) געגען די קריטישע מיינונגען פון געלעהרטען ד"ר זכריה פראַנקעל אין זיין „דרכי המשנה" וועגען דער עטשטעהונג פון דער תורה שבעל פה. דאָ ווייזט זיך אויערבאַך אַלס איינער פון די ערשטע יודישע אָרטאָדאָקסישע געלעהרטע וואָס האָבען מיט לאָגיק און היסטאָרישער פאָרשונג געפּרובט אָבווענדען די פרייערע קריטישע אנשויאונג איבער דער ענטוויקלונג פון דער יודישער רעליגיע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען דאָס ספר „משנת דרבי נתן" פון רבי נתן אַדלער. בעריהמט איז אויערבאַך דורך זיין אַרויסגעבען פון א כתב יד דאָס ספר „האשכול" פון רבי אברהם אב בית דין (ראב"ד דער צווייטער) מיט א איינלייטונג און אַ פירוש. געגען זיין דאָזיגער אויסגאַבע איז נאָכהער אַרויסגעטרעטען מיט א שאַרפער קריטיק דער למדן פון ווארשא שלום אַלבעק אין יאָהר 1909 מיט זיין „מכתב גלוי", אין וועלכען ער בעשולדיגט אויערבאַכ'ן, אז ער האָט געפעלשט דעם כתב יד. עס זענען נאָכהער אַרויסגעטרעטען איניגע געלעהרטע צו פערטיידיגען אויערבאַכ'ן („צדקת הצדיק", בערלין, 1910).

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל"; „אשכול"; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; יודיש־דייטשער „לעקסיקאָן".

**אויערבאַך יצחק** (בעקאַנט אויך מיטן נאָמען „רייסי"). ער איז געווען א בעקאַנטער מחבר פון ספרים וועגען העברעאישער גראַמאַטיק און האָט געלעבט אין אָנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבוירען געוואָרען, וואַרהשיינליך, אין דער שטאָדט פירטה אין דייטשלאַנד אין ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט. אויערבאַך דערצעהלט אַליין, אז אין אָנהויב האָט ער, פונקט ווי אַלע לומדים אין יענער צייט, געלערענט נאָר גמרא. ווען ער פלעגט לערנען דעם פירוש רש"י אויף חומש און איז צוגעקומען צו די ערטער, וואו רשי טייטשט אויס די העברעאישע ווערטער לויט די כללים פון דקדוק, האָט ער זיי נישט פערשטאַנען, וויל דקדוק, העברעאישע גראַמאַטיק, האָט מען דעמאָלס נישט געלערענט. די לומדים אין בית המדרש, וועלכע ער האָט געבעטען, אז זיי זאָלען איהם פערטיי־

טשען די דקדוק-ערטער פון רשי, האבען איהם אויך גארנישט געקענט זאגען. ער איז דעמאלס אוועק קיין אמסטערדאם און געלערנט העברעאישע גראמאטיק ביים מדקדק שמואל פוזען. אין יאהר 1718 האט ער ארויסגעגעבען אין ווילמערסדארף זיין ספר „גרסא דינוקא", וואס איז א עלעמענטאר לערן-בוך פון העברעאישער גראמאטיק צוזאמען מיט דעם לוח־הפעל פון ווארט „פקד". דאס דאזיגע לערן-בוך האט ער ארויסגעגעבען אויף העברעאיש צוזאמען מיט אנ׳איבערזעצונג אויף יודיש. נאכהער האט אויערבאך ארויסגעגעבען א צווייטע העברעאישע גראמאטיק אויף יודיש מיט נאמען „שותא דינוקא", וואס ער האט געדרוקט אין פירטה יאהר 1728 צוזאמען מיט דער צווייטער אויסגאבע פון דערמאהנטען ספר „גרסא דינוקא". די ביידע דקדוק־ספרים האבען געהאט גרויסע ערפאלג און האבען פיל מיטגעהאלפען צו פערשפרייטען פון דער קענטניש פון דקדוק צווישען יודען. א קצור פון די ביידע דקדוק-ספרים האט א צייט שפעטער ארויסגעגעבען ברוך בענדיט פון מעזריטש מיט'ן נאמען „גרסא דינקותא" (אלטאנא 1805). אויערבאך האט אויך מחבר געווען דאס בעקאנטע ספר „באר רחובות" א פירוש צו די דקדוק־שטעלען פון רשי (געדרוקט זולצבאך 1730 און נאכהער פיעל מאל).

א גרויסען ווערט האבען אויערבאך'ס ספרים אין דער יודישער שפראך. ער האט שוין אין זיינע צייטען אנערקענט די וויכטיגקייט פון שרייבען נוצליכע ספרים אין יודיש. א חוץ די דערמאהנטע דקדוק־ספרים, האט אויערבאך אויך איבערזעצט אויף יודיש דאס בעריהמטע פילאזאפישע עטישע ספר „בחינת עולם" פון רבי ידעיה הפניני בדרשי (13־טען יאהר־הונדערט), וואס שטעלט פאר די וועלט ווי א שטורמישען ים און דאס לעבען ווי די בריק איבער דעם ים. די דאזיגע יודישע איבערזעצונג האט אויערבאך ארויסגעגעבען אין זולצבאך 1743 מיט'ן נאמען „צפנת פענח"; אבער שפעטער איז די יודישע איבערזעצונג ערשינען פיל מאל און האט געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזען מוסר ביי די יודישע פאלקס-מאסען. צו דער דאזיגער איבערזעצונג איז אויך פארהאן צוגעגעבען די יודישע איבערזעצונג פון דער „בקשת הממיז" פון זעלבען רבי ידעיה הפניני. אויערבאך איז געשטארבען אין יאהר 1748 אין פירטה.

ביבליאגראפיע: רייזען, „לעקסיקאן" (1914); „אשכול"; אוצר הספרים, 65, 68, 100. יודיש ענגלישע ענציקלאפעדיע,

**אויערבאך מאיר** (18,5 — 1878). בעריהמטער רב און גאון פון קאליש אין פוילען און דערנאך אין ירושלים. רבי מאיר אויערבאך איז געבוירען געווארען אין יאהר 1815. זיין פאטער רבי יצחק און זיין איידעם רבי חיים זענען געווען בעקאנטע לומדים וואס האבען מחבר געווען ספרים („דברי חיים" און „דבר משפט" אויף שולחן ערוך). רבי מאיר אויערבאך איז געווען רב פון דער אשכנזישער קהלה. ער האט אין ירושלים געגרינדעט די ישיבה „אהל יעקב". זיין ישיבה האט ארויסגעגעבען פיל תלמידים, וואס זענען דערנאך צעשפרייט געווארען אלס רבנים אין פערשידענע שטעדט אין איראפא און אמעריקא. רבי מאיר אויערבאך האט פיל מיטגעוויקרט צו דער ענטוויקלונג פון דעם ישוב פון די אשכנזישע יודען אין ירושלים דערמיט, וואס ער האט אויסגעקעמפט, אז די אשכנזים זאלען האבען א אייגענעם „ועד הכללי", וואס האט צונויפגעזאמעלט די „חלוקה"־געלדער אין

דער וועלט, און זענען געוואָרען אונאָב־
העניגיג פון דער ספרדישער קהלה. מיט
רבי מאיר אויערבאַך׳ס ווייב איז אין
ירושלים פאָרגעקומען דער פאַרפאַל, וואָס
איינמאָל, ווען זי איז געגאַנגען מתפלל
זיין אויף די קברים צום הר הזיתים איז
זי נישט מעהר צוריקגעקומען. איהר
פערשוואונדען ווערען האָט ארויסגערופען
אין יענע צייטען גרויס אָנזעהן. רבי מאיר
אויערבאַך איז אויך געווען אַנ׳אָנהענ־
גער, אַז יודען זאָלען קויפען אין ארץ־
ישראל ערד און איהר בעאַרבייטען, און
ס׳זענען פאַרהאַן ווענען דעם דאָקומענ־
טען, בריף צווישען איהם און משה מאָנ־
טעפיאָרע. אין דער לומדישער וועלט איז
רבי מאיר אויערבאַך בעריהמט דורך זיין
ספר „אמרי בינה“ אויף דעם שולחו־
ערוך (געדרוקט אין ירושלים 1871 —
1876), און אין ירושלים איז ער בע־
קאַנט מיט׳ן נאָמען „דער קאַלישער רב“
אָדער „דער אמרי בינה“. ער איז גע־
שטאָרבען אין יאָהר 1878.

ביבליאָגראַפיע: גראַיעווסקי, „זכרון להובבים הראשונים", וואו עס ווערט אין פיל ערטער דערצעהלט וועגען רבי מאיר אורבאַך׳ס טעטיגקייט; תבואות הארץ“ אין דער אויסגאַבע פון לונץ; „אוצר ישראל“; „אשכול“.

## אויערבאַך משה (געבוירען 1881)

בעקאַנטער פיה־
רער פון די אָרטאָדאָקסישע יודען אין
דייטשלאַנד. ער איז געבוירען געוואָרען
אין דייטשלאַנד אין דער שטאָדט האַלב־
בערשטאַד און האָט דורכגעמאַכט א או־
ניווערסיטעט־סטודיום אַלס ד״ר פילאָ־
זאָף. גלייכצייטיג האָט ער בעקומען א
זעהר פרומע יודישע ערציהונג. א לענ־
גערע צייט פון יאָהר 1909 ביז יאָהר
1917 (אין דער וועלט־מלחמה) האָט ער
געוואוינט אין ארץ־ישראל און איז גע־
ווען דער לייטער פון די פרומע שולען
אין ארץ־ישראל ווי אויך פון די דייטשע
כולל־געלדער. נאכהער האָט ער זיך צו־
ריק בעזעצט אין דייטשלאַנד. ער האָט
אַרויסגעגעבען אין דער דייטשער שפּראַך
אריה וויסענשאַפטליכע ביכער (איבער
דער „מכלתא דרבי ישמעאל“ און אנ־
דערע). ער איז איינער פון די פיהרער
פון דער „אגודת ישראל“ און ער געהערט
צו די מילדערע פיהרער פון דער דאָזיגער
אָרטאָדאָקסישער פאַרטיי. ער שטעהט
אויפן שטאַנדפונקט אז די „אגודת יש־
ראל“ דאַרף זיך אָבגעבען מיט פּראַקטי־
שע ארבייט אין ארץ־ישראל און מיט
העלפען אונטער געוויסע בעדינגונגען
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביי דער
פּראַקטישער ארבייט פון בויען קאָלאָנ־
יעס. אויערבאַך איז אויך אַ׳אָנהענגער
פון איינפיהרען העברעאיש אַלס לערן־
שפּראַך אין אַלע פרומע שולען פון דער
אגודה אין ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: „אשכול“; יודיש דייטשע „ענציקלאָפּעדיע“ און „לעקסיקאָן“.

## אויערבאַך שמואל

א מח־
בר פון
ספרים אויף העברעאיש און יודיש. ער
האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונדערט.
אין אָנהויב האָט ער געוואוינט אין פוילן,
און אין דעם יאָהר 1648 האָט ער דאָרט
איבערגעלעבט די קאָזאַקען־שחיטות פון
גזרת ת״ח ות״ט. איהם איז געלונגען זיך
צו ראַטעווען, און צוזאַמען מיט א סך
פוילישע יודען איז ער ענטלאָפען קיין
אויסלאַנד. רבי שמואל אויערבאַך האָט
זיך בעזעצט אין אמסטערדאַם. דאָ האָט
ער ארויסגעגעבען זיין ספר אויף קבלה
„חסד שמואל“ (געדרוקט אין אַמסטער־
דאַם 1699), אין וועלכען ער דערצעהלט
אויך וועגען די שחיטות אויף יודען אין
פוילען אין דער צייט פון „גזרת ת״ח“
און אויך פון יאָהר ת״ז. אויערבאַך איז

בעקאַנט מיט זײַן ספר אויף יודיש „זכרונות לנפטרים" (געדרוקט אַמסטערדאַם 1692), אין וועלכען ער רעכענט אויס די יודישע קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין די שחיטות, ווי אויך אַ שיר פון קדוש רבי שלמה זלמן בן שמואל פון קזשעשאָוו, וועלכער איז אומגעקומען אין יאָהר 1691.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, „לעקסיקאָן" (1914), גורלאַנד „לקורות הגזרות", „אשכול.

## אויפהויזען שלמה הירש

ער איז געווען א בעריהמטער מחבר פון א ספר אין דער יודישער שפּראַך און האָט געלעבט אין אָנהויב פון 17-טען יאָהרהונדערט אין דייטשלאַנד; זײַן נאָמען שטאַמט פון אַ שטעדטעל אויפהויזען אין דייטשלאַנד. אויפהויזען האָט מחבר געווען דאָס בעקאַנטע ספר אויף יודיש „דער יודישער טירייאַק" (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין האַנוי יאָהר 1615). דאָס איז אַ בוך וואָס פּאָלעמיזירט געגען די טענות פון קריסטען אויף יודען כדי צו בעווייזען, אַז די יודישע רעליגיע איז די ריכטיגע. אויפהויזען אַליין שרייבט וועגען זײַן ספר, אַז „דאָס איז אַ רפואה און היילזאַם ספר, מיט וועלכען די יודען און יודישע פרויען קאָנען זיך פּערטיידיגען געגען די קריסטען, מיט בעווייזען פון תנ"ך, גמרא, פּוסקים און אויך פון קריסטליכע ביכער". „דער יודישער טירייאַק" איז אָנגעשריבען געוואָרען דער עיקר אַלס ענטפער אויף דעם יודען-פיינדליכען דייטשען בוך „יודישער אָבגערשטרייפטער שלאַנגען-באַלג" פון אַ משומד — שמואל פרידריך ברענץ (געדרוקט נירענבורג 1614), וועלכער פּאַלט אָן אויף יודען און אויף די יודישע רעליגיע. דער „יודישער טירייאַק" איז איינער פון די ערשטע ספרים, וואָס זענען ערשינען אויף יודיש אַלס פּאָלעמיק געגען די יודען-פיינדליכע קריסטליכע טענות, און עס ווייזט אויס, אַז דאָס בוך איז געווען זעהר נוצליך, וואָרום שוין אין יאָהר 1680 איז ערשינען אין אַלטדאָרף אַ 12-טע אויפלאַגע פון בוך. דאָס בוך איז אין יאָהר 1680 אויך ערשינען אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג פון קריסטליכען העברעאיסט ווילפער. עס איז אויך פאַראַן אַ העברעאישע איבערזעצונג פון „טירייאַק", מיט'ן נאָמען „צרי היהודים" פון אַ געוויסען רבי אלכסנדר בן שמואל.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, „לעקסיקאָן" (1914) שטיך-וואָרט „שלמה זלמן צבי הירש פון אויפהויזען"; ספר „הויכוחים" פון אייזענשטיין; גרינבוים, יודיש דייטשע כרעסטאָמאַטיע (דייטש); זעה אויך די בעמערקונג פון שפּיפּער אין דעם זשורנאַל „יודיש פילאָלאָגיע" העפט 4—6 (וואַרשא 1924), וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם דרוקער פון דער צווייטער אויסגאַבע פון „יודישען טירייאַק" פון „זלמן צבי מאופן-הויזן" אַמסטערדאַם 1737 אלעזר רודולסום.

## אויפקלערונג

מיט דעם וואָרט „אויפקלערונג" האָט מען גערופען אין דער וועלט-געשיכטע די בעוועגונג אין 18-טען יאָהרהונדערט אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, ווען מען האָט אָנגעהויבען זיך לערנען און בילדען אין וויסענשאַפטען אין אַ גרעסערער צאָהל ווי ביז דעמאָלס און מען האָט זיך בעפרייט פון פאַראורטיילען. ביי יודען האָט מען געוועהנליך אַנשטאָט דאָס וואָרט „אויפקלערונג" בענוצט דאָס העברעאישע וואָרט „השכלה", און די דאָזיגע אויפקלערונגס-עפּאָכע ביי יודען האָט זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד אין די צייטען פון משה מענדעלסאָן (2-טע העלפט פון 18-טען יאָהרהונדערט) און אין עסטרייך עטוואָס שפּעטער און אין רוסלאַנד און פּוילען נאָך שפּעטער.

מען דאַרף בעמערקען, אַז נעבען דעם וואָרט „השכלה" האָט מען אין דער יו־דישער שפּראַך אויך בענוצט דאָס וואָרט „אויפקלערונג", און ביי בערנשטיין אין „יודישע שפּריך־ווערטער" איז פאַרהאַן דער אויסדרוק אַז „אַנ'אויפגעקלערטער עסט קאַשע מיט חלב"; דאָס האָט זיך־זאָלט הייסען, אַז אַנ'„אויפגעקלערטער" איז אַנ'אַפּיקורס אויף צו להכעיס און טהוט נעגען דער רעליגיע אַזעלכע עבירות, פון וועלכע ער האָט נאָר קיין הנאה נישט, נאָר פּרינציפּיעל. וועגען דער גאַנצער „אויפקלערונגס־בעוועגונג ביי יודען", ווי זי האָט זיך אַנגעהויבען ביי יודען אין פערשידענע לענדער, און דער קאַמף, וואָס האָט זיך געפיהרט אַרום דער בע־וועגונג פון אַריינברענגען אויפקלערונג און בילדונג אין די יודישע פאָלקס־מאַ־סען, און אויך די פערשידענע פאָרמען וואָס זי האָט אָנגענומען, — וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „השכלה", ווייל אַממערסטען איז דאָס דאָזיגע וואָרט בענוצט געוואָרען צו בעצייכענען די דאָזיגע בעוועגונג.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע „ענצי־קלאָפּעדיע" און „לעקסיקאָן".

**אויפרופען** מיט דעם וואָרט „אויפ־רופען" ווערט אין דער יודישער שפּראַך געמיינט אין אַלגעמיין דאָס אויפרופען צו אַ עליה צו דער ספר־תורה אין שוהל און בית המדרש צי אין סתם אַ מנין. אין דער העברעאישער שפּראַך איז פאַרהאַן דערפאַר דער טער־מין „עליה לתורה" (אויפרופען צו דער תורה), ווייל געוועהנליך האָט מען גע־לייענט די ספר־תורה אויף אַ הויכער בימה אין מיטען בית־המדרש, און מען האָט געדאַרפט אַרויפגעהן צו איהר. דערפון זאָל אויך שטאַמען דאָס וואָרט אויפרופען, וואָס זאָל האָבען די בעדייטונג וואָס „אַרויפרופען". ביי בערנשטיין אין זיין בוך „יודישע שפּריך־ווערטער" איז פאַרהאַן דאָס שפּריך־וואָרט „מען האָט איהם אויפגערופען מיט כל־הנערים".

אָבער מיט דעם וואָרט „אויפרופען", אָדער „אויפרופענס" ווערט אין דער יו־דישער שפּראַך אויך געמיינט דער שבת פון פאַר דער חתונה, ווען מען רופט אויף דעם חתן אין שוהל צו דער עליה, געוועהנליך צו מפטיר, און דער־ביי ווערט געפּראַוועט אַ גרויסע פייער־ליכטיגקייט; דער חזן זינגט אַ ספּעציעלען מי שבירך, די פרויען קומען אַראָב אין דער מאַנסבילען־שוהל און בעשיטען דעם חתן מיט ניס און צוקערלעך, און דער־נאָך געהט דער עולם מיט דעם חתן אַ היים און מען פּראַוועט דאָרט אַ סעודה.

די פערשידענע פּרטים און מנהגים וועגען אויפרופען צו אַ עליה וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „עליה". וועגען די מנהגים פון „אויפרופענס" פון אַ חתן וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „חתונה".

ביבליאָגראַפיע: יודיש־רוסישע ענצי־קלאָפּעדיע שטיך־וואָרט „סוואַבאַ" (דאָרט איז פאַרהאַן דאָס וואָרט „אויפרופענס"); „יודישע פאָלקלאָגיע" (העפט 4—6 וואַרשאַ 1924) פון לערער, „אַן אַ מאָליגע יודישע חתנה" ביי וועמען עס הייסט „אויפרופן" די גאַנצע פייערלעכקייט און דער כיבוד ביים חתן אין דער וואָכנונג אים שבת.

**אוליווירה שלמה** ער איז געווען אַ בעריהמטער ספרדישער רב און גרוי־סער מאָדערנער העברעאישער דיכטער און האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונ־דערט. זיין פאַמיליען־נאָמען איז „אולי־ווירה" (אַליוועראַ). ער איז געבוירען גע־וואָרען אין דער ערשטער העלפט פון 17־טען יאָהרהונדערט אין ליסאַבאָן, דער הויפּט־שטאָדט פון פּאָרטוגאַל אין אַ פּאַ־

מיליע פון אנוסים, וואָס זענען געצוואונגען געווען צו זיין פאר דער וועלט קריסטען אָבער אין געהיים האָבען זיי אָפּגעהיטען די יודישע אמונה. שפּעטער איז שלמה אוליווירה מיט זיין פאָטער דוד ישראל ענטלאָפען קיין אמסטערדאַם און דאָ זענען זיי געוואָרען עפענטליך יודען. צוליב זיין לומדות איז שלמה אוליווירה געוואָרען דרשן אין א רייה ספרדישע שוהלען אין אמסטערדאַם, און אין יאהר 1698 איז ער געוואָרען רב פון דער דאָרטיגער ספרדישער קהלה.

רבי שלמה אוליווירה איז בעקאַנט אַלס פילאָזאָף און ער האָט איבערגעזעצט אין דער פּאָרטוגאַלישער שפּראַך דאָס פילאָזאָפישע ווערק „קאַנאָן‟ פון אראַבישען דענקער אבן סינא. אָבער דעם גרעסטען רוהם האָט זיך אוליווירה פערשאַפט דורך זיינע דיכטערישע און גראַמאַטיקאַלישע ווערק אין העברעאיש. ער איז געווען איינער פון די ערשטע העברעאישע דיכטער אין דער נייער צייט. ער האָט מחבר געווען די ספרים: 1) „אילת אהבים‟ א דראַמע פון דער מעשה אברהם אבינו און עקידת יצחק (אַמסטערדאַם 1665 און וויען 1718); 2) „שרשת גבולות אויף דקדוק און אויך לידער (אַמסטערדאַם 1665); 3) „עץ חיים‟, איבער אראַמעאישע ווערטער (אַמסטערדאַם 1682); 4) „זית רענן‟ א ווערטער־בוך, פון גמרא און פילאָזאָפיע ווי אויך א פּאָרטוגעזיש־העברעאיש ווערטער־בוך (אַמסטערדאַם 1683); 5) „יד לשון‟ אויף דקדוק (אַמסטערדאַם 1689); 6) „דרכי נועם‟, כללים ווי אזוי צו לערנען גמרא (אַמסטערדאַם 1689); 7) „טעמי הטעמים‟ וועגען דעם טראָפּ אין תנ״ך (דאָרט 1666), ווי אויך א רייה ספרים אין העברעאיש און פּאָרטוגעזיש וועגען קידוש החודש און קאַלענדאַר־לוחות. אוליווירה האָט אויך איבערזעצט אויף די פּאָרטוגעזישע שפּראַך טיילען פון בערימטען העברעאישען מוסר־ספר „שני לוחות הברית‟ (של״ה). אוליווירה איז געשטאָרבען אין יאָהר 1708.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל‟, „אשכול‟; דעליטש, „צור געשיכטע דער יודישער פּאָעזיע‟ (דייטש); יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אולם** איינע פון די עלטעסטע שטעדט אין דייטשלאַנד, אין ווירטעמבערג. עס איז פאַרהאַן א מיינונג אז דער יודישער ישוב אין אולם איז זעהר אַן־אַלטער, און דאָרט זאָלען האָבען געוואוינט יודען נאָך מיט 2000 יאָר צוריק. פאַר׳ן חורבן ירושלים. אָבער זיכער איז עס נישט. די עלטעסטע מצבות פון דאָרטיגען יודישען בית הקברות שטאַמען פון דער ערשטער העלפט פון 13־טען יאָהרהונדערט. אין 14־טען יאָהרהונדערט איז שוין אין אולם געווען א גאַנצער יודישער ישוב, און עס ווערט אין אַלטע דאָקומענטען דערצעהלט, אז די יודען האָבען דעמאָלס געהאַט אין אולם א מקוה, שפּיטאָל, און זאָגאַר א ספּעציעלען חתונה־זאַל. ווי אין די אַנדערע דרום־דייטשע שטעדט, האָבען אויך די יודען אין אולם געליטען שרעקליכע גזירות אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער. וועגען גייסטיגען לעבען פון די יודען אין אולם אין מיטעל־אַלטער איז נישט קיין סך בעקאַנט. אין אַן׳אַלטער רשימה ווערט דערמאָהנט צווישען די קהלות אויך „אולם ולומדיה ויושביה‟ (אולם און איהרע לומדים און איינוואוינער). עס ווערען אויך טיילמאָל דערמאָהנט רבנים פון אולם (רבי זימלין, רבי זעליגמאַן, רבי זלמן קיצינגען און אַנדערע) אין מיטעל־אַלטער. איצט איז אין אולם פאַרהאַן א קליינע יודישע קהלה פון 600 יודישע נפשות.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל"; „אשכול"; סאַלפעלד, „מאַרטיראָלאָגיום דעס נירענבערגער מעמאָרבוך" (דייטש).

## אולמאַ זעליגמאַן

(די פאַמיליע אולמא האָט אויך געטראָגען דעם פאַמיליע־נאָמען גינצבורגער), אַ בעריהמטער שרייבער פון אַ אַלט יודישען ספר; ער האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונדערט. אולמא איז דער מחבר פון בעקאַנטען מוסר־ספר אויף יודיש „צוכט־שפּיגל" (ערשינען דאָס ערטע מאָל אין פּראַג יאָהר 1610). דאָס ספר בעשטעהט פון מאָראַלישע און עטישע לעהרען, נישט נאָר רעליגיעזע, נאָר אויך איינפאַך מענשליכע, בדברים שבין אדם לחברו, ווי אַזוי אַ מענש דאַרף זיך פערהאַלטען צו מענשען, בעזיצען מידות טובות, נישט זיין קיין בעל־גאוה, נישט יאָגען זיך נאָך געלד. די אַלע ווערטער זענען צונויפגעשטעלט לויט'ן אלף־בית און אין גראַמען. אַממערסטען זענען זיי אַרויסגענומען פון דער גמרא, מדרש און אַנדערע עלטערע מוסר־ספרים. אין „לעקסיקאָן" (1914) פון רייזען ווערט געבראַכט פאָלגענדע שטעלע פון „צוכט־שפּיגל", וואָס גיט אונז נישט נאָר אַ בילד פון מאָראַלישען כאַראַקטער פון דאָזיגען ספר, נאָר אויך פון יודישען לעבען אין יענער צייט. אין דער שטעלע ווערט געזאָגט אַזוי:

„די וואָהרהייט איז געשטאָרבען, די פרומקייט איז פערדאָרבען, לאַסטער (זינד) און שאַנדע, האָט גענומען איבערהאַנד; די פריינדשאַפט איז פיינדשאַפט, און די געזעלשאַפט איז מיט נייד (קנאה) בעהעפט; די ברידערליכע ליב (ליעבע) איז גאַנץ טריב; נאָר געלט הער (אהער) — שרייט די גאַנצע וועלט. געלד און געלד; — דער (ווער) עס האָט איז איין העלד, דען (וועמען) מען אויבען אַן שטעלט. דאָס איז דער לויף אויף ערדען (ערד): הא, גאָט, וואָס פאַר גוטעס וויל דאַרויס ווערדען!"

דער „צוכט־שפּיגל" איז ערשינען אויך אין העברעאיש מיט'ן נאָמען „מראה מוסר" (אין פראַנקפורט אַם מאַין 1680 און אָפּענבאַך 1716).

דער יודישער געלעהרטער פאָרשער פון דער אַלט־יודישיסטיק נ. שטיף אין זשורנאַל „יודישע פילאָלאָגיע" העפט 2—3 (וואַרשע 1924) ווייזט אָן אויף דעם נייעם לעבענס־גייסט וואָס לאָזט זיך מערקען אין אולמאַ'ס „צוכט־שפּיגל", וואו עס איז נעבען פרומע ווערטער אויך פאַרהאַן „וועלטליכע" שפּריכווערטער און פאָלקסטימליכע ווענדונגען, ווי אויך פיקאַנטע אויסדריקען. ער ציטירט פון „צוכט־שפּיגל" אַזעלכע שפּריכווערטער: „ווען איינעם יונגען בחור שטאַרבט זיין ווייב אַלט, זוי טוט זיין הערץ אין איטל (בלויז) שמחה גין (געהן)", אָדער: „אַן דיינעם באַרט לערין ניט שערין". ער ברענגט דאָרט אויך שטעלען פון דער הקדמה צום „צוכט־שפּיגל". אויך אין גידעמאַנס „יודישע קולטור־געשיכטע" (איבערזעצט אויף יודיש פון שטיף (נאָטע 12 ווערט געבראַכט פון „צוכט־שפּיגל" וועגען פּוילישע רבנים וואָס האָבען געוואַנדערט קיין דייטשלאַנד.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1914). גרינבוים, „די יודיש דייטשע ליטעראַטור" (דייטש);

## אולמאַן

דאָס איז דער נאָמען פון אַ יודישער פאַמיליע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבען רבנים און דענקער און געלעהרטע. בעקאַנט זענען רבי אברהם אולמאַן (געבוירען 1791 — געשטאָרבען 1849) רב אין לאַקענבאַך, און איז געשטאַנען אין „שאלות־ותשובות־פערבינדונג מיט'ן „חתם סופר" „אמרי אש" און אַנדערע גאונים פון

יענער צייט. — אולמאן נפתלי הערץ (געלעבט אין 18־טען יאהרהונדערט אין געווען א גרויסער פילאזאף, א חבר פון משה מענדעלסאן. — בעקאנט איז אויך רבי שלום אולמאן (פאטער פון דערמאהנטען רבי אברהם) און זיין זוהן רבי שלמה אויך רב אין לאקענבאך, געשטארבען אין יאהר 1863; ער האט מחבר געווען עטליכע ספרים מיטן נאמען „ידיעות שלמה". פון דער אולמאן־פאמיליע זענען עטליכע דערהויבען געווארען אין אונגארן צו דעם אדעל־שטאנד.

ביבליאגראפיע: שווארץ, שם הגדולים מארץ הגר"; הערצאג, „קורות בתינו"; „אשכול".

**אולמו** (אלמא) יעקב דניאל (געבוירען לערך 1690 — 1757). ער איז געווען איינער פון די בעריהמטע רבנים און מאראליסטען און דיכטער אין איטאליען אין 18־טען יאהרהונדערט. אולמו איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט פעררארא, זיין רבי איז געווען דער בעריהמטער גאון און מחבר פון דער ערשטער גמרא־ענציקלאפעדיע („פחד יצחק") רבי יצחק לאמפראנטע. אין עלטער פון אנגעפעהר 30 יאהר איז רבי יעקב אולמו געווארען איינער פון די רבנים און ראש־ישיבה אין פעררארא. רבי יעקב אולמו האט פערפאסט עטליכע קלענערע „פסקים"; ער איז אויך ארויסגעטרעטען אין ספר „מלחמה לה'" פון רבי משה חאגיז נעגען דעם בעריהמטען שבתי־צביניק נחמיה חיון. אולמו האט אויך מחבר געווען פיעל פיוטים, וואס טייל פון זיי זענען געדרוקט געווארען אין איטאליענישען מחזור, למשל דער פיוט „מלכא רמא".

אבער דעם גרעסטען רוהם האט רבי יעקב דניאל אולמו זיך ערווארבען דורך זיין פאעטיש ספר „עדן ערוך". ווי בעוואוסט האט דער גרויסער איטאליענישער דיכטער דאנטע פערפאסט זיין בעריהמט פאעטיש ווערק „געטליכע קאמעדיע", וועלכע בעשרייבט דעם גיהנום און דעם גן־עדן. אין דער צווייטער העלפט פון 17־טען יאהרהונדערט האט דער גרויסער יודישער מקובל און דיכטער רבי משה זכות מחבר געווען אויף העברעאיש דאס ספר „תפתה ערוך" (דער צוגעגרייטער גיהנום), א דיכטערישע נאכמאכונג פון דאנטע. רבי משה זכות בעשרייבט דא, אין שעהנע פאעטישע פערזען, דעם גיהנום לויט דער יודישער אנשויאונג, געשטיצט אויף די אגדות פון גמרא און מדרש. רבי יעקב דניאל אולמו האט דערצו מחבר געווען זיין „עדן ערוך", וואס איז אויך א נאכמאכונג פון דאנטע, אבער דא ווערט בעשריבען דער גן־עדן לויט דער יודישער אויפפאסונג, אויך געשטיצט אויף די אגדות פון גמרא און מדרש און אויך קבלה־ספרים. דער „עדן ערוך" ענטהאלט 277 סטראפען, וויפעל עס בעטרעפט דער נאמען פון מחבר „יעקב דניאל".

אין דאזיגען דיכטערישען ספר „עדן ערוך" שטעלט פאר דער מחבר ווי א צדיק פאר זיין שטארבען שילדערט פאר די ארומיגע מענשען די נארישקייט און נישטיגקייט פון עולם הזה, און ווי דער מענש איז אונבעהאלפען פאר'ן טויט; אבער פלוצלינג עפענען זיך פאר איהם די הימלען און די מלאכים פיהרען זיין נשמה אין גן־עדן, און די נשמה דערצעהלט, וואס זי זעהט אלץ אין גן עדן און די דארטיגע פערגעניגענס, און ער שרייבט אין איינעם פון זיינע פערזען: „יום חד בבית אל להתרועע, מדור ימית אלף באהל רע" (בעסער איין טאג צו וואוינען אין געטליכען הויז (גן עדן), איידער צו לעבען א דור פון טויזענד

יאָהר אין אַ שלעכט געצעלט (עולם הזה). דער „עדן ערוך" איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט'ן „תפתה ערוך" פון רבי משה זכות אין ווענעציע יאָהר 1743; נאָכהער איז ער געדרוקט געוואָרען אין מעץ יאָהר 1777 מיט אַ דייטשער איבערזעצונג פון רבי משה בן מתתיהו סגל; אין יאָהר תרס"ה איז געדרוקט געוואָרען אַ איטאַליענישע איבערזעצונג פון „עדן ערוך". רבי יעקב דניאל אולמו איז געשטאָרבען פּלוצלינג אין ערשטען טאָג שבועות, ביי קריאת התורה, אין יאָהר 1753.

ביבליאָגראַפיע: גירונדו, תולדות גדולי ישראל (טריעסט 1853); אין „המגיד יאָהרגאַנג 17 איז געווען געדריקט פון יצחק ברוך הלוי אַ אָבהאַנדלונג איבער רבי יעקב דניאל אולמו; „אוצר ישראל"; „אשכול"; יודיש ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

## אולשטיין לעאָפּאָלד

**אולשטיין לעאָפּאָלד** (1826 — 1889), בעריהמטער צייטונגס־פערלעגער, גרינדער פון גרויסען דייטשען צייטונגס־פערלאַג „אולשטיין", וואָס גיט ארויס אין בערלין די גרויסע צייטונגען און זשורנאַלען „פאָסישע צייטונג", „בערלינער אילוסטרירטע", „בע־צע־אַם־מיטאַג" און אויך ביכער. לעאָפּאָלד אולשטיין, וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1889 איז געבליבען געטריי דעם יודענטום. אָבער פון זיינע קינדער זענען שוין פאַרהאַן עטליכע, וואָס האָבען זיך געשמדט.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער „לעקסיקאָן".

## אומאַן

**אומאַן** דאָס איז דער נאָמען פון אַ שטאָדט אין אוקראַינע. עס געפינען זיך היינט דאָרט ביי 23 טויזענד יודען אויף אַ צאָהל פון 40 טויזענד איינוואוינער.

די שטאָדט אומאַן איז בעקאַנט אין דער געשיכטע פון יודען אין אוקראַינע מיט איינעם פון די טרויעריגסטע קאַפּיטלען; דאָרט איז אין יאָהר 1919 פאָרגעקומען די שחיטה אויף יודען. מעהר בעוואוסט איז וואָס אין י. 1768 איז דאָרט פאָרגעקומען די שרעקליכע שחיטה פון די קאָזאַקען אויף יודען, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען „די אומאַנער גזירה", אָדער אויך „גזירת גאָנטאַ", ווייל דער קאָזאַקען־פיהרער האָט געהייסען גאָנטאַ. אומאַן האָט זיך דעמאָלס געפינען אונטער דער פּוילישער הערשאַפט און דער פיהרער פון דער שטאָדט איז געווען דער פּאָליאַק מלאַדאַנאָוויטש. ווען גאָנטאַ מיט זיינע מחנות קאָזאַקען זענען צוגעקומען נאָהנט צו דער שטאָדט אומאַן און איהר געוואָלט איינגעהמען און מאַכען דאָרט אַ שחיטה אויף די פּאָליאַקען און יודען, האָבען די יודען אָרגאַניזירט אייגענע מיליטער־אַבטיילונגען און צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען האָבען זיי פערטיידיגט די שטאָדט. אָבער מלאַדאַנאָוויטש האָט געשלאָסען אַן־אָבמאַך מיט גאָנטאַ, אז ער וועט איהם עפענען די טויערען פון דער שטאָדט און איהם אריינלאָזען בתנאי, אז גאָנטאַ זאָל נאָר שעכטען די יודען, און די פּאָליאַקען זאָל ער שוינען דאָס לעבען. מלאַדאַנאָוויטש האָט אַזוי געטהון, און די קאָזאַקען זענען אריין אין אומאַן. די יודען זענען אוועק אין שוהל, און דריי טויזענד מענשען האָבען זיך דאָרט פערפעסטיגט. עס ווערט דערצעהלט ווענען גבורות וואָס טייל יודען האָבען בעוויזען, איינער לייב שאַראַגראַדער, אַ גבור, האָט געטויט אליין 20 קאָזאַקען. אַ צווייטער יודישער גבור, משה מנקר, האָט איינער אליין געטויט נאָכמעהר קאָזאַקען. אָבער די קאָזאַקען האָבען געהאַט האַרמאַטען, זיי האָבען בעשאָסען די שוהל, וועלכע איז

איינגעפאַלען, און אַלע יודען זענען אומגעקומען. גאַנטאַ האָט אויך דעם פּטרעטער מלאָדאַנאָוויטש געהרגעט. די דאָזיגע שחיטה אויף יודען איז פאָרגעקומען אין 5־טען טאָג אין תמוז. אויף דעם מאַרק־פּלאַץ אין אומאַן ווייזט מען נאָך היינט אַ אָרט, וואו עס ליגען טויזענדער יודישע הרוגים. יעדעס יאָהר דעם 5־טען טאָג אין תמוז האָט מען אין אומאַן געפאַסט צום טרויעריגען אָנדענקען פון יענער שחיטה, און מען פלעגט זאָגען קינות. אין דער געגענד פון אומאַן איז געוואָרען דער נאָמען פון גאַנטאַ אַ שרעק־נאָמען, און ווען מען וויל זאָגען אויף איינעם אַז דאָס איז אַ רשע, זאָגט מען, דאָס איז אַ „גאַנטאַ". דער סוף פון גאַנטאַ איז געווען, אַז די רעגירונג האָט איהם געכאַפּט און איהם אָנגעטהון גרויסע יסורים און איהם געטויט.

אין אומאַן איז געווען אין אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט איינער פון די ערשטע צענטרען פון יודישער השכלה אין רוסלאַנד. דאָרט האָט דעמאָלס געוואוינט אַ בעריהמטער יודישער סוחר און משכיל חייקיל הורוויץ, און אונטער זיין איינפלוס איז שפּעטער אין יאָהר 1822 געעפענט געוואָרען אָפיציעל אין אומאַן די ערשטע יודישע שולע, וועלכע האָט עקזיסטירט פּאַקטיש שוין פון פריהער. ערשט שפּעטער האָט מען די שולע געשלאָסען.

אין אומאַן איז געוואָרען אויך דער צענטער פון דער בעריהמטער חסידים־ריכטונג, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „בראָסלאַווער חסידים", וואָס האַלטען פון גרויסען חסידישען רבי ר' נחמן בראָסלאַווער, וועלכער האָט זיין לעצט יאָהר געוואוינט אין אומאַן און איז דאָרט געשטאָרבען אין יאָהר 1810 (תקע"א, חול־המועד סוכות). אין אומאַן איז זיין קבר און אהל, און נאָך עד היום זענען די בראָסלאַווער חסידים זיך נוהג אויף ראש השנה און יום כיפור צו פאָהרען צום דאָזיגען קבר און דאָרט דאַווענען און זאָגען פערשידענע תפילות. דער קבר פון רבי נחמן בראָסלאַווער אין אומאַן איז זעהר פערהייליגט. — וועגען די בראָסלאַווער חסידים און זייער שיטה און זייער רבי וועלען מיר שרייבען גאַנץ בעזונדער ביים שטיך־וואָרט „נחמן בראָסלאַווער".

וועגען דער אומאַנער שחיטה שרייבט דער יודישער היסטאָריקער ליטינסקי אין זיין „קורות היהודים בפודוליה", אַז אַ חוץ אויף יודיש די „מעשה גדולה" אָדער „גזירת אומאַן" איז אויך פאַרהאַן אויף יודיש אַ קינה וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אבינו שבשמים, ווי אזוי קענסטו דאָס צי זייען", די קינה איז געשריבען לויט אלף בית. עס ווייזט זיך ארויס פון די קינה, אַז אַ חוץ אומאַן איז דעמאָלס פאָרגעקומען די שחיטה אויך אויף יודען אין אַאַ רייה אַנדערע שטעדט אין אוקראַינע. ליטינסקי ברענגט אויך דעם „בריעף" פון דעם ספר „הפרדס" (איבערגעדרוקט אויך אין „לקורות הגזרות על ישראל" פון גורלאַנד."

ביבליאָגראַפיע: וועגען דער אומאנער שחיטה איז פאַרהאַן אויף יודיש אַ ביכעל „גזרת גאנטא גורלאנד, לקורות הגזרות"; ליטינסקי. „קורות פודוליה"; „אשכול" שטיך־וואָרט „אומן"; אויך אין די „היסטאָרישע שריפטען" פון „יוואָ".

**אומגליק** אין דער יודישער רעליגיע איז שוין פון די עלטעסטע צייטען אָן געווען די אָנשויאונג, אַז דאָס וואָס אויף אַ מענש קומט אַן אומגליק איז נישט, וויל דאָס איז אַזאַ גורל, אַזאַ „פאַטום", וואָס מען קאָן עס נישט ענדערען, נאָר דאָס איז אַ

שטראָף פאַר חטאים, וואָס מען איז בעגאַנגען. ווען אויף איוב זענען געקומען זיינע אומגליקן, און ער האָט גענומען האָבן טענות, פאַרוואָס קומט עס איהם, האָבן זיינע חברים אין ספר איוב ד׳ געזאָגט צו איהם „זכר נא, מי נקי אבד?‟ (געדענק נאָר, צי אַ אונשולדיגער מענש ווערט פערלוירען?). דאָס איז אויך די גאַנצע אידעע פון ספר איוב צו בעווייזען אַז אין דעם אומגליק וואָס עס קומט אויף דעם מענש איז פאַרהאַן אַ מאָראַלישע סבה. דעריבער איז ביי אַ סך אַלטע יודישע דענקער ערוועקט געוואָרען די האַרבע שאלה פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו‟, פאַרוואָס זענען צדיקים גאַנץ אָפט אומגליקליך, דאַגעגען זעהען מיר רשעים, וואָס זענען יאָ גליקליך? די דאָזיגע פראַגע איז ערוועקט געוואָרען שוין אין טייל ספרים פון תנך, אין ירמיהו, חבקוק, און בעזונדערס אין קהלת קאַפיטעל ח׳, וועלכער בעקלאָגט זיך וואָס „יש צדיקים אשר מגיע אלהם כמעשה הרשעים, ויש רשעים שמגיע אלהם כמעשה הצדיקים‟ (פערהאַן רשעים, וואָס זענען גליקליך אַ שטייגער ווי זיי וואָלטען געווען צדיקים, און עס זענען פאַרהאַן צדיקים וואָס זענען אומגליקליך, ווי זיי וואָלטען אָבגעטהון די מעשים פון רשעים). אויך אין דער גמרא (ברכות ז׳) ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע פון „צדיק ורע לו‟. אין פיעל ערטער פון דער גמרא ווערט דורכגעפיהרט די הויכע אַנשויאונג פון די אַלטע פילאָזאָפען־סטאָאיקער, אַז אַ מענש דאַרף אויפנעהמען אַנ׳אומגליק מיט רוהיגקייט; אין דער גמרא ברכות ס״ב ווערט געזאָגט „קבלה דייסורי שתיקותא‟ (עס איז אַ טראַדיציע, אַז אַ אומגליק זאָל מען אויפנעהמען מיט שטילשווייגען). אין שבת פ״ח ווערט געזאָגט וועגען די „שמחין ביסורין‟ (די וואָס נעהמען אויף אַ אומגליק נישט מיט צער, נאָר מיט שמחה), אַז אויף זיי איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק „ואוהביו כצאת השמש‟. זיינע אוהבים זענען ווי די אויפשיינענדיגע זון.״

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים‟ (וואו עס ווערט אָנגעגעבען היסטאָריש די ענטוויקלונג פון דער יודישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע וועגען „צדיק ורע לו‟); לאַצאַרוס, „עטיק‟ (דייטש).

## אומות העולם

אין דער גמרא און מדרש ווערען אַלע פעלקער אַ חוץ יודען, אַנגערופען מיט׳ן נאָמען „אומות העולם‟ (די פעלקער פון דער וועלט). אין דער גמרא סוכה נ״ה און אויך אין אַנדערע ערטער ווערט אָנגעגעבען אַז אויף דער וועלט זענען פאַרהאַן „שבעים אומות‟, זיבעציג פעלקער, און אין סוטה ל״ג און אַנדערע ערטער ווערט געבראַכט אַז עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט „שבעים לשון‟, זיבעציג שפּראַכען. די דאָזיגע מיינונג וועגען „זיבעציג פעלקער‟ איז פאַרהאַן אין אַנדערע קוועלען פון די אַלטע צייטען, און אויך אין דעם קריסטליכען עוואַנגעליום לוקאַס 10, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז ישו הנוצרי האָט בעשטימט זיבעציג שליחים, אַז זיי זאָלען געהן צו די דאָזיגע פעלקער.

אין דער גמרא ווערט אויך געבראַכט, אַז עס זענען פאַרהאַן „חסידי אומות העולם‟, פרומע און גוטע מענשען צווישען די נישט־יודען. דאָס איז געווען אין אַלטע צייטען, ווען די יודען זענען שטאַרק געדריקט געוואָרען, אָבער אין דער גמרא איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז נישט אַלע נישט־יודען זענען אַזוי שלעכט, און אַז עס זענען פאַרהאַן צווישען זיי אויך חסידים און צדיקים. דאָס וואָרט צדיקים ביי די אומות העולם ווערט געבראַכט

אין חולין צ״ב און תוספתא סנהדרין י״ג. די גמרא סנהדרין ק״ג זאגט, אז די „חסידי אומות העולם״ האבען א „חלק לעולם הבא״.

וועגען דער בעציהונג פון יודענטום צו נישט־יודען בכלל וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־ווארט „גוי״.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל״; גוט־מאן, „מפתח התלמוד״; „אשכול״.

**און** אין חומש בראשית מ״א ווערט דערצעהלט אז יוסף האט אין מצרים גענומען אלס פרוי „אסנת בת פוטיפרע כהן און״ (אסנת, די טאכטער פון פוטיפרע, דער כהן פון און). עס איז פעסטגעשטעלט געווארען אז אין די אלטע צייטען האט ווירקליך עקזיסטירט אין מצרים א גרויסע שטאדט מיט׳ן נאמען „און״, אדער „אנו״ און דארט האט עקזיסטירט א גרויסער טעמפעל וואו מען האט געדינט צו דער זון. דעריבער האט די שטאדט געהייסען אויף דער גריכישער שפראך אויך „העליאפאלים״ („העליא״ איז דער טייטש אויף גריכיש „זון״, און „פאלים״ „שטאדט״). אויך די גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך, דער „תרגום השבעים (סעפטואגינטא) וואס שטאמט פון די ערשטע צייטען פון בית שני, זעצט איבער דעם נאמען „און״ מיט „העליאפאלים״. עס איז צו בעמערקען, אז אין ירמיהו מ״ג ווערט די דאזיגע שטאדט אנגערופען „בית שמש״ (הויז פון זון), און אין ישעיה י״ט ווערט דערמאהנט א שטאדט אין מצרים „עיר ההרס״ אדער „החרס״, וואס איז אויך דער טייטש „די שטאדט פון דער זון״ („חרסא״ איז דער טייטש אויף ארעמעאיש „זון״). אויך היינט ווייזט מען אין עגיפטען אויפ׳ן ארט פון דער אמאליגער שטאדט „און״ (צו צפון־מזרח פון קאהיר) דעם בעריהמטען הויכען אבעליסק, אזא מצבה־שטיין הויך 20 מעטער. עס איז צו בעמערקען, אז אין דערמאהנטען פסוק פון ירמיהו מ״ג ווערט דערצעהלט וועגען די „מצבות בית שמש״. עס ווייזט אויס, אז אויפ׳ן נביא האבען שוין דעמאלס די אבעליסקען פון „און״ געמאכט א איינדרוק.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל״; „אשכול״; יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע שטיך־ווארט „העליאפאלים״;

**אונגארן** דאס איז דער נאמען פון לאנד וואס ציהט זיך ביי די קארפאטען־בערג. אונגארן איז ביז דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה (יאהר 1918) געווען פאראייניגט מיט עסטרייך אונטער איין קייזער, און ביז דעמאלס האט אונגארן ארומגענומען א גרויסע צאהל שטעדט און פראווינצען (סלאוואקיי, מארמאראש און זיבענבירגען), אין וועלכע עס האבען געוואוינט פיעל יודען. צום סוף פון דער וועלט־מלחמה, האבען טשעכא־סלאוואקיי, רומעניען און יוגא־סלאוויען צוגענומען ביי אונגארן א רייה פראווינצען, און אונגארן איז געווארען א קליין לאנד. אבער אויך איצט געפינען זיך אין אונגארן א בעדייטענדע צאהל יודען. מען רעכענט אז די צאהל יודען אין גאנץ אונגארן בעטרעפט איצט 530,000 אויף אנ׳אלגעמיינע צאהל פון דער בעפעלקערונג פון 9 מיליאן. אין דער הויפט־שטאט פון אונגארן, בודאפעשט איז פארהאן 210,000 יודען אויף די אלגעמיינע צאהל בעפעלקערונג פון קרוב 1 מיליאן.

עס איז זעהר שווער צו זאגען אין וועלכער צייט יודען האבען זיך בעזעצט אין אונגארן. אין די עלטערע יודישע ספרים, ווי למשל אין „אור־זרוע״ פון רבי יצחק רב אין וויען, וועלכער האט געלעבט אין 13־טען יאהרהונדערט, גע־

פינען מיר שוין װעגן א בעדייטענדען יודישען ישוב אין אונגארן; דאס לאנד אונגארן װערט אין די דאזיגע ספרים אנגערופען „ארץ הגר“, װייל אין תרגום אויף תהלים פ״ג װערט דאס װארט „הגרים“ איבערזעצט „הונגראי“. אבער עס איז זיכער, אז יודען האבען געװאוינט אין אונגארן א סך פריהער. און עס איז פארהאן א מיינונג, אז א טייל יודען האבען זיך בעזעצט אין דאזיגען לאנד באלד נאך דער צייט פון חורבן בית שני, װען די רוימער האבען געהערשט איבער אונגארן, און יודישע סוחרים פון איטאליען זענען געקומען אין דאזיגען לאנד האנדלען. יעדענפאלס דער גרעסטער טייל יודען זענען געקומען קיין אונגארן פון די ארומיגע שכינות־דיגע סלאװישע לענדער, פון טשעכיען און פוילען. א בעװייז דערצו האבען מיר אין דעם פאקט, װאס יודען הייסען אין דער אונגארישער שפראך „זשידא“, װאס איז גענומען פון די סלאװישע שפראכען.

דאס ערשטע מאל װערען דערמאהנט די יודען אין אונגארן אין בעריהמטען בריעף פון שפאנישען יודישען מיניסטער רבי חסדאי אבן שפרוט צום יודישען מלך פון די כוזרים (אין יאהר 960); דארט װערט געזאגט, אז ער בעזארגט דעם בריעף אזוי אז די יודען פון אונגארן װעלען איהם איבערשיקען צום כוזרישען מלך. מיט איבער הונדערט יאהר שפעטער, אין יאהר 1092, װערט שוין דערמאהנט װעגען די יודען אין אונגארן אין אַן אלטען דאקומענט, װאו עס װערט דערצעהלט, אז אין יענעם יאהר האבען די גלחים אין דער שטאדט סאבאלטש אין אונגארן פערבאטען דאס חתונה האבען פון יודען מיט קריסטען. פון דעמאלס אן האבען מיר שוין מעהר ידיעות װעגען דער געשיכטע פון יודען אין אונגארן. אין אלגעמיין האבען אין די עלטערע צייטען די יודען אין אונ־גארן נישט געהאט אויסצושטעהן קיין גרויסע גזירות; זיי האבען דא געפיהרט א פערהעלטניסמעסיג רוהיג לעבען. עס איז אמת, אז אין די אלטע דאקומענטען פון 11־טען און 12־טען און 13־טען יאהרהונדערט געפינען מיר געװיסע גזרות אויף יודען אין אונגארן, װי למשל, אז יודען טארען נישט פערנעה־מען קיין העכערע רעגירונגס־אמטען, און זאגאר דאס איינפיהרען (אין יאהר 1279) אז יודען מוזען טראגען אויף זייער מלבוש דעם ספעציעלען שאנד־צייכען, אז מען זאל דערקענען אז ער איז א יוד. אבער װען מען נעהמט אין אכט די שרעקליכע גירושים און שחיטות װאס יודען האבען דעמאלס געהאט אויסצושטעהן אין די מערב־איראפע־אישע לענדער (דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד), קומט אויס, אז אין אונגארן האבען יודען דעמאלס געפיהרט א רוהיג לעבען. די יודען אין אונגארן האבען דעמאלס געװאוינט אין די דערפער און אויך אין שטעדט, אממערסטען האט זיך קאנצענטרירט דאס יודישע לעבען אין דער הויפט־שטאדט אפען, װאס הייסט אין די אלטע יודישע ספרים „אובין“, „אובין־ישן“ און אויך „בודון“. אין 14־טען יאהרהונדערט האבען זיך אויך אין אונגארן אנגעהויבען רדיפות און גזירות און עס איז זאגאר פארהאן א מיינונג, אז אין יאהר 1360 האט מען געצװאונגען א סך יודען צום שמד. שפעטער אין 15־טען יאהרהונדערט איז אין דער שטאדט טירנא פארגעקומען א עלילת הדם אויף יודען, און א סך פון זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

ווי איז געוועזן דאָס גייסטיגע לעבען פון די יודען אין אונגארן אין יענע עלטערע צייטען? צי איז דאָרט געוועזן אַ גרויסער לימוד התורה, אָנגעזעהענע רבנים. וואָס זענען אין יענע צייטען געוועזן די הויפּט־פיהרער פון גייסטיגען יודישען לעבען? אויך דערויף איז שווער צו זאָגען עטוואָס זיכערס. מען בעמערקט נישט, אז אין יענע צייטען זאָלען האָבען געוועזן אין אונגארן גרויסע רבנים, לומדי התורה, ווי עס זענען געוועזן אין יענע צייטען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און טייל אַנדערע לענדער. דער געלעהרטער יקותיאל יהודה גרינוואלד אין זיין ספר „קורות התורה והאמונה בהונגריה" (בודאפּעשט תרפ"א) מיינט, אַז דעריבער האָבען די אונגאַרישע יודען דעמאָלס נישט ארויסגעגעבען קיין לומדים, ווייל זיי האָבען געלעבט רוהיג, גוט, און דעריבער האָבען זיי זיך שנעל אסימילירט, און האָבען זאָגאַר פערגעסען דאָס יודישקייט און יודישע מנהגים. די דאָזיגע ערקלערונג איז נישט קיין זיכערע. יעדענפאלס ווייסען מיר נור פון עטליכע רבנים אין אונגארן אין יענע יאָהרהונדערטער, און אויך די דאָזיגע רבנים זענען נישט בעקאַנט מיט קיין חיבורים. דער ערשטער רב אין אונגארן ווערט דערמאָהנט אין דעם אַלטען ספר „שבולי הלקט", און ער האָט געהייסען רבי קלונימוס ברבי שבתי החזן (ער האָט געלעבט לערך יאָהר 1160). שפּעטער ווערען דערמאָהנט נאָך עטליכע רבנים. זעהר וויכטיגע רבנישע פערזענליכקייטען הייבען זיך אָן בעווייזען אין אונגארן אין 14־טען יאָהרהונדערט, און דער אָנגעזעהענסטער פון זיי איז געוועזן רבי אייזיק טירנא, דער מחבר פון ספר „מנהגים" (מען דאַרף עס נישט פערטוישען מיט דעם ספר „מנהגים" פון מהרי"ל, וואָס האָט אויך געלעבט אין יענער צייט). אין דער הקדמה צו זיין ספר שרייבט רבי אייזיק טירנא: „עס איז פערקלענערט געוואָרען די צאָהל לומדים און תלמידי חכמים בעונותינו הרבים, אזוי ווייט, אז איך האָב געזעהן ישובים און קהלות, וואו עס איז נישט פאַרהאַן זאָגאַר קיין צוויי מענשען וואָס זאָלען קענען די מנהגים פון שטאָדט... דעריבער האָב איך הצעיר אייזיק געשריבען דעם מנהג פון אונזער „מדינת הגר". דאָס גיעט אונז א בילד פון דעם גייסטיגען מצב פון די יודען אין יענער צייט. אַנ־אויסנאַהם איז געוועזן די הויפּט־שטאָדט אָפען (דאָס איז היינט א טייל פון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָדט בודאפּעשט), וואָס איז, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אָנגערופען געוואָרען אין די אַלטע ספרים מיט'ן נאָמען „בודון" אָדער „אובין". דאָרט זענען געוועזן גרויסע לומדים און תלמידי חכמים, ספּעציעל אין 15־טען און 16־טען יאָהרהונדערט (ר' אברהם כ״ץ, מהר"ם כ״ץ און אַנדערע).

א פולשטענדיגע פערבעסערונג איז פאָרגעקומען אין דער לאַגע פון די אונגאַרישע יודען אין אָנהויב פון 16־טען יאָהרהונדערט, ווען טערקיי האָט אין יאָהר 1526 איינגענומען כמעט גאַנץ אונגארן מיט דער הויפּט־שטאָדט אָפען. די טערקישע רעגירונג האָט נישט פערפאָלגט די יודען, ווי דאָס האָבען געטהון די קריסטליכע אונגארישע הערשער. א חוץ דעם איז טערקיי דעמאָלס געוועזן די גרויסע רייכע אימפעריע, וואָס האָט זיך געצויגען פון מיטען אייראָפּא און האָט ארומגענומען פיעל לענדער אויף די ברעגעס פון מיטלענדישען ים און אויך טיעף אין אפריקא און אזיען. די יודען פון אונגארן האָבען גענומען פיהרען

מסחר אין טערקיי און זענען געקומען אין בעריהרונג מיט די רייכע יודישע קהלות אין טערקיי. עס איז אַ פאַקט אז אין יענעם יאָהר 1526 (רפ"ו) זענען אַ סך יודען פון אָפען און אויך פיעל רבנים און לומדים צווישען זיי אוועק קיין טערקיי. עס איז ווענען דעם אַ פראגע צווישען די געלעהרטע היסטאָריקער, צי די טערקישע רעגירונג האָט זיי געצוואונגען דערצו, אָדער זיי זענען פון דאָרט אוועק מיט'ן גוטען ווילען. אונטער דער טערקישער הערשאַפט האָבען די יודען אין אונגאַרן אויפגעלעבט, אָבער דערפאַר איז ערוועקט געוואָרען צו זיי אַ שנאה פון די קריסטליכע איינוואוינער, וועלכע האָבען בעשולדיגט די יודען, אז זיי האַלטען מיט די טערקען. דעריבער ווען אין יאָהר 1686 איז פאַרגעקומען די גרויסע שלאַכט צווישען דעם עסטרייכיש־אונגאַרישען מיליטער און די טערקען, און דאָס עסטרייכיש־אונגאַרישע מיליטער האָט איינגענומען צוריק אונגאַרן זענען פאַרגעקומען גרויסע שחיטות אויף יודען; די גאַנצע יודישע קהלה אין אָפען איז חרוב געוואָרען. טויזענדער יודען האָט מען אויסגעשאָכטען. וועגען די דאָזיגע שחיטות איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלע „מגילה" פון איינעם רבי יצחק שולהאָף. וואָס איז דעמאָלס ניצול געוואָרען פון דער שחיטה; די מגילה איז איבערגעדרוקט אין גרינוואַלד'ס „תולדות חכמי ישראל" (1924), און ער שרייבט דאָרט, וואו אונטער דער טערקישער הערשאַפט זענען די יודען געזעסען „שאנן ובטח והשקט ממש איש תחת גפנו", רוהיג, זיכער, יעדען אונטער זיין ווייגבוים, און ווי דערנאָך איז פאַרגעקומען די שחיטה, ווען דאָס קריסטליכע מיליטער איז אריין. אַ סך יודען זענען דעמאָלס אוועק פון אונגאַרן, צווישען זיי אויך פיעל לומדים, ווי רבי צבי אשכנזי, דער מחבר פון „חכם צבי" און אנדערע. עס איז אַ פאַקט, אז אין 30 יאָהר ארום (לערך דעם יאָהר 1720 האָט מען געצעהלט די יודען אין אונגאַרן און זיי זענען געווען אינגאַנצען נישט מעהר ווי 11,621 נפשות.

אין יענע צייטען איז אונגאַרן שוין אינגאַנצען געווען אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך; צוליב דעם וואָס אין אַ סך לענדער וואָס האָבען דעמאָלס געהערט צו עסטרייך, ווי אין טשעכיען, איז יודען געווען נאָך ערגער, און אויך אין פוילען איז יודען דעמאָלס געגאַנגען נישט גוט, האָבען פיעל יודען פון טשעכיען און פוילען זיך אָנגעהויבען בעזעצען אין אונגאַרן, וואו דאָס לאַנד איז געווען רייכער. פון די יאָהרען 1716 — 1724 וויסען מיר, אז אַלס אָבער־רב פון די יודען אין גאַנץ אונגאַרן האָט דער עסטרייכישער קייזער דעמאָלס בעשטימט דעם גרויסען וויענער יודישען נדבן און גביר און למדן רבי שמשון ווערטהיים, וועלכער איז געווען אַ חשוב אין וויענער קייזערליכען הויף. ער האָט אויסגעפּועלט אַ סך פערלייכטערונגען פאַר די יודען אין אונגאַרן. פון דעמאָלס אָן הויבט זיך אָן צוריק פערגרעסערען די צאָהל יודען אין פיעל פערשידענע אונגאַרישע שטעדט. אין יאָהר 1783, אונטער דער הערשאַפט פון ליבעראַלען עסטרייכישען קייזער יאָזעף דער צווייטער בעקומען די אונגאַרישע יודען אַ גאַנצע רייהע רעכט, די יודען הויבען אָן דינען אין מיליטער, וואָס האָט בעדייט, אז מען בעטראַכט זיי צוגלייך מיט די אנדערע בירגער. פון דעמאָלס אָן און איבערהויפּט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַ גרויסע בילדונגס־בעוועגונג

צווישען די אונגארישע יודען. עס האט
זיך אנגעהויבען די צייט פון „השכלה".
און גלייכצייטיג דערמיט האבען די גע־
בילדעטע יודען אין אונגארן אויך אנ־
געהויבען פיהרען א קאמף, אז מען זאל
זיי געבען גלייכבערעכטיגונג צוזאמען
מיט אלע בירגער. אין אינערליכען יודי־
שען לעבען האט זיך ווידער אנגעהויבען
דער קאמף פון די פרומע, ארטאדאקסי־
שע יודען געגען דער רעפארם־בעוועגונג,
וואס האט זיך דעמאלס אנגעהויבען דורך
א רייה געבילדעטע יודען צו רעפארמי־
רען די יודישע רעליגיע. אין שפיץ פון
די רעפארמירער אין אונגארן איז געשטא־
נען דער רב רבי אהרן חארינער פון אראד
(ער איז געבוירען געווארען אין יאהר
1766 און איז געשטארבען אין יאהר
1844); ווידער אין שפיץ פון די פרומע
ארטאדאקסישע יודען איז דעמאלס גע־
שטאנען אין אונגארן דער גרעסטער יודי־
שער גאון רבי משה סופר, מחבר פון
„חתם סופר" (ער איז געבוירען געווארען
אין יאהר 1762 און איז געשטארבען
אין יאהר 1839) אין פרעשבורג. די יו־
דישע קהלות האבען זיך צעטיילט. עס
האט זיך אנגעהויבען דער גרויסער אי־
נערליכער קאמף צווישען די אונגארישע
יודען זעלבסט וועגען דעם, וועלכע פון
די קהלות די רעגירונג זאל אנערקענען
אלס די ריכטיגע.

די פולשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג
האבען יודען בעקומען אין אונגארן אין
דעם יאהר 1849, אין דער צייט פון דער
גרויסער רעוואלוציע, וואס די אונגארישע
פרייהייטס־קעמפער האבען געפיהרט גע־
גען עסטרייך; אין דער רעוואלוציע האבען
אנטייל גענומען אויך יודען. די רעוואלו־
ציאנערען האבען ארויסגעגעבען א דע־
קרעט, אז יודען האבען גלייכע רעכט.
די עסטרייכישע רעגירונג, וועלכע האט די
רעוואלוציע דערשטיקט האט געפרובט
אפשאפען יענעם דעקרעט; ענדליך אין
יאהר 1867, ווען אונגארן איז ערקלערט
געווארען אלס בעזונדערע מלוכה וואס
איז נור פעראייניגט מיט עסטרייך אין
דער פערזאן פון א בשותפות'דיגען קיי־
זער, איז פייערליך דורכגעפיהרט געווארען
דאס געזעץ פון פולשטענדיגער גלייכבע־
רעכטיגונג פון די אונגארישע יודען. פון
דעמאלס אן האבען יודען געוועהלט דע־
פוטאטען אין אונגארישען פארלאמענט
און האבען אויך פערנומען הויכע פאס־
טענס אין אונגארן, אבוואהל די אנטי־
סעמיטישע בעוועגונג איז אין אונגארן
געווען זעהר שטארק, און די אנטיסעמי־
טען האבען אין יאהר 1882 זאגאר גע־
מאכט אין דער אונגארישער שטאדט טי־
סאעסלאר א עלילת הדם אויף יודען.
אבער אין אלגעמיין האבען די יודען אין
אונגארן געהאט אלע רעכט, און ביז'ן
סוף פון דער וועלט־מלחמה אין ענדע פון
יאהר 1918 האבען די יודען אין אונגארן
געלעבט אין וואוילשטאנד, און זייער
צאהל איז געווען לערך איין מיליאן אין
דער צייט וואס די אלגעמיינע צאהל פון
דער בעפעלקערונג איז געווען 20 מיליאן.

אין אינערליכען יודישען לעבען איז
אונגארן איז אין פערלויף פון 19־טען
יאהרהונדערט כסדר געפיהרט געווארען
אין אונגארן דער קאמף צווישען די פרו־
מע ארטאדאקסישע יודען און די רעפאר־
מירטע יודען. אין יאהר 1868 האט די
רעגירונג צונויפגערופען א יודישען קאנ־
גרעס, וועלכער האט געדארפען אויס־
גלייכען די סכסוכים. אבער וויל מען
האט נישט געקאנט קומען צו א אויס־
גלייך אויפ'ן קאנגרעס, איז אין יאהר
1870 ערשינען דער דעקרעט פון דער
רעגירונג, לויט וועלכען עס זענען ענט־
שטאנען אין אונגארן, טיילמאל אין דער

זעלבער שטאָדט, דריי פערשידענע קהלות: די „אָרטאָדאָקסישע", די „רעפאָרמירטע" (וועלכע מען האָט גערופן „נעאָלאָגען"), און די „סטאַטוס־קוואָ־קהלות", דאָס הייסט אזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען דער מיט צווישען די אָרטאָדאָקסישע און די רעפאָרמיסטישע. די הויפּט־פיהרער פון די רעפאָרמער זענען געווען אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט די רעפאָרם־ראַבינער איינהאָרן, לעוו און אנדערע. אין שפּיץ פון די פרומע אָרטאָדאָקסישע זענען געשטאַנען די רבנים רבי אברהם בנימין סופר (כתב סופר), רבי הלל ליכטענשטיין, רבי מנחם אש און אנדערע. עס זענען ענטשטאַנען זעהר וויכטיגע אינסטיטוציעס פון ביידע יודישע ריכטונגען. בעריהמט זענען געווען די פרומע ישיבות אין פרעשבורג, אונגוואר און אנדערע שטעדט, און בעריהמט איז אויך געווען דער ראַבינער־סעמינאַר אין בודאַפּעשט. עס זענען אויך ערשינען פערשידענע זשורנאַלען אויף העברעאיש און אונגאַריש און דייטש.

פון סוף פון דער וועלט־מלחמה אין מאָנאַט נאָוועמבער יאָהר 1918 האָט זיך געענדערט פיל די לאַגע פון די יודען אין אונגאַרן. ביז דעמאָלס זענען די יודען אין אונגאַרן געווען א גרויסער קיבוץ, ווייל דאָס לאַנד האָט ארומגענומען אזעלכע פּראָווינצען ווי די סלאָוואַקיי, מאַרמאַרעש, זיבענבורגען, וואו עס זענען געווען שטעדט מיט גרויסע יודישע ישובים (פּרעשבורג און אנדערע). די יודען אין אונגאַרן זענען געווען איבער א מיליאָן נפשות, און האָבען צוזאַמען געבילדעט א גרויסען כוח, סיי אין עקאָנאָמישער הינזיכט, סיי אין קולטורעלער און פּאָליטישער הינזיכט. א חוץ דעם איז אונגאַרן אליין געווען גרויס און רייך און שטאַרק פּאָליטיש. די פּאַטריאָטען אין אונגאַרן האָבען זיך געפיהלט צופרידען, און דעריבער האָבען זיך די יודען זיך געפיהלט דאָרט גוט; עס איז ריכטיג, אז אויך פאַר דער וועלט־מלחמה איז געווען אין אונגאַרן צו בעמערקען א געוויסען אנטיסעמיטיזם, אָבער די שנאה צו יודען האָט נישט געקאָנט זיין צו־שטאַרק, ווייל אזא גרויס אונגאַרן האָט געמוזט האָבען די פּאָליטישע קרעפטען און די יודען האָבען זיך ארויסגעוויזען זעהר נוצליך אין לאַנד. די גרעסטע פרייהייט וואָס יודען האָבען געהאַט אין אונגאַרן האָט זאָגאַר געפיהרט צו א גרויסע אסימילאַציע־בעוועגונג; יודען האָבען זיך „מאַדזשאַריזירט", גענומען רעדען אונגאַריש, און עס איז אויך געווען צו בעמערקען א שמד־בעוועגונג. אָבער דער עיקר יודען זענען געבליבען טריי זייער רעליגיע און נאַציע. די מאַטעריעלע לאַגע פון יודען אין אונגאַרן איז פאַר דער מלחמה געווען א גוטע.

אָבער די וועלט־מלחמה פון יאָהר 1914 האָט געבראַכט אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער לאַגע. אונגאַרן האָט געהערט צו די מלוכות, וואָס האָבען פערשפּילט די מלחמה. די עסטרייכיש־אונגאַרישע אימפּעריע איז געוואָרען צעטיילט. אונגאַרן איז געוואָרען א קליינע בעזונדערע מלוכה, וואָס האָט פערלוירען די פערבינדונג מיט אַלע אַמאָליגע עסטרייכישע לענדער. א חוץ דעם האָבען די וועלט־מלוכות ביים שליסען דעם שלום אין יאָהר 1919 אין ווערסאַל אָבגעשניטען פון אונגאַרן איהרע דערמאָהנטע חשובסטע פּראָווינצען: סלאָוואַקיי מיט פּרעשבורג איז אוועקגעגעבען געוואָרען צו טשעכיען; זיבענבירגען איז אוועקגעגעבען געוואָרען צו רומעניען. וויכטיגע יודישע קהלות זענען אָבגעריסען געוואָרען איינע פון דער צווייטער. אויך די

באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון בעלא קוהן איז יאָהר 1919, און נאָכהער דאָס אונטערדריקען די דאָזיגע רעוואָלוציע, האָט ארויסגערופען אין אונגארן א שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע שנאה צו יודען. די אונגארישע אנטיסעמיטען האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו פערשפּרייטען אין אונגארן די מיינונג, אז די יודען זענען שולדיג אין דעם נאַציאָנאַלען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען אונגארן וועלכע איז געוואָרען פּאָליטיש אזוי דערדריקט. עס האָט זיך געגרינדעט א פעראיין מיט'ן נאָמען „ערוואַכענדע מאַדזשארען", וואָס האָבען געפרעדיגט א קאַמף געגען יודען, און דער קאַמף ציהט זיך כסדר. עס זענען פּאָרגעקומען פיעל אָנפאַלען אויף יודען, און זאָגאר אין לעצטען יאָהר (1931) האָבען אונגארישע אַנטיסעמיטען געשאָסען אויף יודען אים ראש השנה אין דער גרויסער שוהל אין בודאפעשט און געטויט עטליכע יודען. אויך די רעגירונג וואָס איז ענטשטאַנען אין אונגארן האָט זיך צו יודען בעצויגען זעהר שלעכט.

אין צוזאמענהאַנג דערמיט איז אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה געווען צו בעמערקען ביי די יודען אין אונגארן א דאָפּעלטע ערשיינונג. פון איין זייט האָבען א סך אַסימילירטע יודען בעשלאָסען ביי זיך אינגאַנצען צו פערלאָזען דאָס יודענטום, מיינענדיג, אז אזוי ארום וועלען זיי בעפרייט ווערען פון די צ־ות וואָס מען האָט יודען אָנגעטהון; עס איז דעריבער פּאָרגעקומען א גרויסע שמד־בעוועגונג, און מען האָט געשאַצט די צאָהל פון די געשמדטע יודען אויף איבער 40 טויזענד. פון דער צווייטער זייט איז פּאָרגעקומען פערקעהרט: ביי א סך אַסימילירטע יודען, אין וועלכע עס האָט נאָך געלעבט עטוואָס יודישער בעוואוסטזיין, האָט דער ביטערער גורל ערוועקט מעהר צוגעבונדענקייט צום יודישען פאָלק און זיינע טראַדיציעס; זיי זענען געוואָרען רעליגיעזער פרומער, און האָבען אָנגעהויבען אַנטייל נעהמען אין דער נאַציאָנאַל־יודישער בעוועגונג. די ציוניסטישע בעוועגונג האָט דאָרט געפונען א שטאַרקערען אָבקלאַנג. פיעל אונגארישע יודען האָבען זאָגאר פערלאָזט זייערע היימען און זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל. אונגארן האָט אויך ארויסגעגעבען א גרויסע צאָהל חלוצים, וואָס זענען אוועק קיין ארץ־ישראל בויען דאָס לאַנד, און אין זייער שפּיץ איז געווען דער יונגער העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער אביגדור המאירי (פייערשטיין). איצט איז, ווי געזאָגט, פאַרהאַן אין אונגארן נישט מעהר ווי איבער אַ האַלבען מיליאָן יודען אויף א אלגעמיינע בעפעלקערונגס־צאָהל פון קרוב 9 מיליאָן.

אונגארן האָט אין די לעצטע יאָהרהונדערטער ארויסגעגעבען גרויסע יודישע פערזענליכקייטען אויפ'ן געביט פון לערנען און וויסענשאַפט. צו די בעריהמטעסטע אונגארישע גאונים האָבען געהערט (נישט כראָנאָלאָגיש נאָר לויט זייער בעריהמטקייט) רבי משה סופר, דעם מחבר פון „חתם סופר", רבי מאיר אש (מחבר פון „פנים מאירות"), רבי משה קוניץ (מחבר פון „בן יוחאי"), רבי מאיר ברבי (מחבר פון „מהרם ברבי"), רבי משה מינץ, רבי משה טייטעלבוים (בעריהמטער רבי פון אוהעל מחבר פון „ישמח משה"), און פיעל אנדערע. אויך אויפ'ן געביעט פון וויסענשאַפט, סיי יודישער און סיי וועלטליכער, האָט אונגארן ארויסגעגעבען גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, ווי דעם

בעריהמטען פילאָלאָג און מזרח־פאָרשער וואַמבערי, ד״ר קאהוט (מחבר פון „ערוך השלם״), פּראָפעסאָר לעוו, ביכלער, באַכער און פיעל אַנדערע.

אין אונגארן געהן ארויס צייטונגען פון יודישען אינהאַלט, אָבער זיי זענען כּמעט אַלע געדרוקט אין אונגאריש. אַנ׳אויסנאַהם איז נור דער וויסענשאַפט־ליכער זשורנאַל „הצופה לארץ הגר״, וועלכער ערשיינט אויף העברעאיש. די יודישע בעפעלקערונג אין אונגארן איז שפּראַכליך שטאַרק אסימילירט. דער עלטערער דור רעדט אַממערסטען דייטש, און דער יונגער דור אונגאריש. אויף יודיש געהט נישט ארויס אין אונגארן קיין שום צייטונג און כּמעט אויך נישט קיין בוך. די ביכער אָדער צייטונגען, וואָס פלעגען יאָ ארויסגעהן אין יודיש, זענען געווען דייטש נאָר מיט דעם יודישען אלף־בית. יודיש ווערט נור אַביסעל גערעדט און נישט מעהר.

וועגען דעם דיאַלעקט פון דער יודישער שפּראַד אין אונגארן האָט אָנגעשריבען אַ וויכטיגען אַרטיקעל צבי שפּירן אין ערשטען באַנד „שריפטען״ פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט (יוואָ) ווילנא 1926 מיט׳ן נאָמען „די יודישע שפּראַד אין אונגארן״. אין דעם אַרטיקעל ווערט דערצעהלט, אַז אפילו די פרומע יודישע פרויען אין אונגארן בענוצען זיך אין זייערע „תחינות״ נישט מיט דער יודישער שפּראַד, נאָר מיט דייטש אָדער אונגאריש, אפילו קדיש איז געדרוקט דאָרט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבען לויט דער אונגארישער אָרטאָגראַפיע. אין דעם יודישען דיאַלעקט אין אונגארן ווערט דער אַקצענט געלעגט אויף דער ערשטער זילבע פון וואָרט, און דער קלאַנג „איי״ אָדער „אוי״ ווערט ארויסגערעדט „אַא״, למשל אַנשטאַט „איינס״ זאָגט מען דאָרט „אַאַנס״, אַנשטאַט „גלויבען״ זאָגט מען „גלאַאַבען״. אין דעם אונגארישען יודיש ווערען בענוצט וויניג אונגארישע ווערטער, אָבער עטליכע ווערטער טרעפען זיך יאָ, ווי „טעשעק״ (אנשטאַט „ביטע״), אָדער „אוטצא״ (גאַס). טייל אונגארישע ווערטער זענען פון אונגארישען יודיש איבערגענומען געוואָרען אויך אין די יודישע דיאַלעקטען אין אנדערע לענדער, ווי „שמאָנצעס״ („שטותים״, „הלצות״). אין זעלבען אַרטיקעל גיט שפּירן אויך צוויי יודישע פאָלקס־ליעדער פון אונגארן.

ביבליאָגראַפיע: ביכער און אַרטיקלען וועגען יודען אין אונגאַרן זענען געשריבען געוואָרען זעהר פיעל, אָבער נישט אויף יודיש, נאָר אַממערסטען אין דייטש און אונגאַריש. אין העברעאיש ערשיינט דער זשורנאַל „הצפה לארץ הגר״, וועלכער גיעט אָבהאַנדלונגען איבער דער געשיכטע פון יודען אין אונגאַרן. וויכטיגע ספרים אויף העברעאיש וועגען דער געשיכטע פון יודען אין אונגאַרן זענען ערשינען פון געלעהרטען רב יקותיאל יודא גריגוואַלד, און נעמליך: „היהודים באונגריא״ (וויצען תר״עג), וואו עס ווערט געגעבען לויט דעם אלף־בית די אָנגעזעענסטע יודישע רבנים און מחברים אין אונגאַרן פון די עלטעסטע צייטען אָן; „קורות התורה והאמונה בהונגריא״ (פעסט תרפ״א), די אינערליכע געשיכטע פון יודען אין אונגאַרן און צום סוף וועגען קאמף צווישען די רעפארמער און די אָרטאָדאָקסישע קהלות; „לקורות החסידות באונגריא״ (פעסט תרפ״ב) איבער דער חסידישער בעוועגונג און ערשטע רביים אין אונגארן; „לקורות השבתיים באונגריא״ (וויצען תרע״ב), איבער דער בעוועגונג פון די שבתי־צבי אָנהענגער אין אונגאַרן; „תולדות חכמי ישראל״ (1924), וואו ער גיעט אין זער הקדמה וועגען די רדיפות אויף יודען נאָך דער וועלט־מלחמה: אין „אוצר ישראל״ איז פאַרהאַן אַ אַרטיקעל „אונגריה״ אין ערשטען באַנד; אין יודיש־דייטשען לעקסיקאָן „אונגאַרן״, וואו עס ווערט אויך עטוואס געגעבען וועגען די יודען אין אונגארן נאָך דער וועלט־מלחמה. דאָרט זענען אויך אויסגערעכענט ביכער און אַרטיקלען וועגען די אונגאַרישע יודען.

**אונטערמייער סעמועל** (געבוירען אין יאהר 1858), א בעריהמטער יודישער כלל־טוער און אדוואקאט אין אמעריקא. אונטערמייער איז איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין אמעריקא און איז פיעל מאל ערוועהלט געווארען פון דער דאזיגער פארטיי אלס דעפוטאט צום אמעריקאנער קאנגרעס. אונטערמייער האט אין די לעצטע יאהרען זיך אויך פעראינטערעסירט מיט'ן אויפבוי פון יודישען היימלאנד אין ארץ־ישראל און איז געווען פרעזידענט פון „קרן היסוד" אין אמעריקא; ער איז אויך געווען פרעזידענט פון יודישען קאנגרעס אין אמעריקא. אונטערמייער האט אויך מיטגעהאלפען צום אויפבוי פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

**אוניווערסיטעט** דער געדאנק, אז מען זאל שאפען א בעזונדערע יודישע אוניווערסיטעט, וואו יודישע סטודענטען זאלען לערנען העכערע וויסענשאפטען און בעקומען וויסענשאפטליכע דיפלאמען, איז ערוועקט געווארען נאך מיט 450 יאהר צוריק. דער יודישער געלעהרטער ד"ר משה גידעמאן שרייבט אין זיין בוך „געשיכטע" פון ערציהונגסוועזען ביי יודען" (איבערזעצט אין העברעאיש מיט'ן נאמען „התורה והחיים" דורך א. ש. פריעדבערג) בערענגט אין סוף פון 2־טען טייל, אז אין יאהר 1466 האט קעניג יאהאן דער 2־טער, הערשער פון אינזעל סיציליען, לויט דער ביטע פון די יודישע קהלות אין סיציליען, געגעבען ערלויבעניש אין איינער פון די קהלות אויפצושטעלען א העברעאישע אוניווערסיטעט, וואס זאל זיין איינגעארדענט מיט אלע איינצעלהייטען, פראפעסארען, מאגיסטערס, און מען זאל דארט לערנען יורי און אויך אנדערע וויסענשאפטען, וואס מען האט דעמאלס געלערענט. די סטודענטען, וואס וועלען די העברעאישע אוניוועסיטעט ענדיגען בעקומען די געהעריגע דיפלאמען. אין דאזיגען קעניגליכען דעקרעט ווערט געזאגט אז די העברעאישע אוניווערסיטעט און איהרע פראפעסארען און סטודענטען וועלען זיין אונטער דעם שוץ פון קעניג און ווער עם וועט וואגען איהרע רעכט אנצוריהרען וועט בעשטראפט ווערען. גידעמאן בעמערקט דערביי, אז די דאזיגע אוניווערסיטעט איז מסתמא נישט געגרינדעט געווארען, ווארום מיר געפינען נישט פון איהר קיין שום שפור אין יענער צייט.

פון דעמאלס אן הערט מען נישט א לאנגע צייט וועגען פלענער צו גרינדען א בעזונדערע אוניווערסיטעט פאר יודען, ביז אין אונזערע צייטען, אין אנהויב פון 20־טען יאהרהונדערט. די סיבה דערפון איז געווען, וואס דעמאלס ווען יודען האבען זיך גענומען לערנען וועלטליכע וויסענשאפטען אין 18־טען יאהרהונדערט, האט געהערשט ביי די געבילדעטע יודען די טענדענץ אריינצודרינגען אין דער נישט־יודישער געזעלשאפט, נישט אבזונדערען זיך, די שפעטערדיגע משכילישע לאזונגען פון „היה יהודי באהלך ואדם בצאתך" (זייט א יוד ביי זיך אין דער היים און א מענש אין דרויסען). ערשט מיט'ן סוף פון 19־טען יאהרהונדערט, ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אנגעהויבען בעהערשען אויך די אוניווערסיטעטען, מען האט אנגעהויבען קוקען קרום אויף יודישע סטודענטען און זיי פערפאלגען, און עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע יודישע נאציאנאלע בעוועגונג פון ארויסווייזען די איי־

נענע נאציאנאלע געשטאלט און אויפ־בויען די אייגענע יודישע נאציאנאלע היים אין ציון, איז אויך ערוועקט געווא־רען דער געדאנק אויפצובויען א אייגענע יודישע אוניווערסיטעט.

דאס ערשטע מאל איז ארויסגעטרעטען מיט'ן פראיעקט צו גרינדען א העברעאי־שע אוניווערסיטעט דער מאטעמאטיקער פראפעסאר הערמאן שאפירא אין דער צייטונג „המליץ" אין יאהר תרס"ב. דער פארשלאג וועגען דעם איז געשטעלט געווארען אין זעלבען יאהר (1902) אויפן 5־טען ציוניסטישען קאנגרעס און ער איז אנגענומען געווארען. אין יאהר 1904 איז ערשינען וועגען דעם פלאן א ביכעל אויף דייטש „איינע יודישע האכ־שולע" אונטערגעשריבען דורך חיים ווייצמאן, בערטאלד פייוועל און מארטין בובער. דער פלאן איז געווארען כסדר פאפולערער. פיעל פראפעסארען האבען זיך ארויסגעזאגט, אז מען דארף א הב פערווירקליכען. אין יאהר 1913 האט דער ציוניסטישער קאנגרעס געגרינדעט א קא־מיסיע וואס זאל זיך פערנעהמען מיט דעם פראיעקט, אין יאהר 1914 איז גע־קויפט געווארען ביי ירושלים, אויפ'ן הר הצופים, א גרויסער פלאץ פאר דעם קינפ־טיגען העברעאישען אוניווערסיטעט. דער־ווייל איז אויסגעבראכען אין יענעם יאהר די וועלט־מלחמה.

ווען די ענגלישע ארמעע האט אין יאהר 1918 איינגענומען ירושלים איז דורך פראפעסאר חיים ווייצמאן אין דער אנוועזענהייט פון א רייה פארשטעהער פון אלע דריי רעליגיעס און רעגירונגס־מענער, געלעגט געווארען אויף דעם פלאץ דער גרונטשטיין פאר דער אוני־ווערסיטעטס־געביידע. עס זענען צוגע־טרעטען צום פלאן די וועלט־בעריהמטע געלעהרטע איינשטיין, פרויד, גאלדציהער, ווי אויך א רייה מעצענאטען און אין זייער שפיץ דער בארען עדמונד ראטשילד (דער „נדיב הידוע") פון פאריז. אין אנהויב יאהר 1925 איז געעפענט גע־ווארען ביי דער אוניווערסיטעט דער „אינסטיטוט פאר יודישע וויסענשאפ־טען" (פון למוד היהדות), און דעם ערשטען מאי 1925 איז פארגעקומען אין ירושלים אויף דעם הר הצופים די אימ־פאזאנטע פייערליכע עפענונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט. געעפענט האט איהר דער „פאטער" פון דער „באלפור־דעקלאראציע", לארד באלפור, און עס האבען אין דער פייערליכקייט אנטיילגענומען די קאנסולען און פאר־שטעהער פון אלע מלוכות, דער דעמאלס־דיגער נציב העליון פון ארץ־ישראל סער הערבערט סעמועל, טויזענדער געסט פון פיעל לענדער.

איצט עקזיסטירט ביי דער העברעאי־שער אוניווערסיטעט אין ירושלים די דריי אינסטיטוטען פאר יודישע וויסענ־שאפט, פאר כעמיע און פאר אריענטא־לישע וויסענשאפטען. א חוץ דעם זענען געעפענט געווארען קורסען פאר פילאזא־פיע, געשיכטע און ליטעראטור (וואס זענען פעראייניגט מיט'ן אינסטיטוט פאר יודישע וויסענשאפט אין איין פאקולטעט גייסטיגע וויסענשאפט). עס עקזיסטירט אויך א אבטיילונג פאר פאראזיטאלאגיע, און אינסטיטוטען פאר מיקראביאלאגיע, פאר פארשען די ארץ־ישראל־נאטור, פאר היגיענע און באקטעריאלאגיע און פאר מאטעמאטיק. אין שפיץ פון דער אוני־ווערסיטעט שטעהט אלס קאנצלער ד"ר יהודה לייב מאגנוס און די אנגעזעהענס־טע פראפעסארען זענען יחיאל מיכל גוט־מאן (תלמוד), שמואל קליין (ארץ־ישראל־קענטניש), יוסף קלויזנער (נייע העב־רעאישע ליטעראטור), י. הארואוויץ (ארא־

בישע שפּראַך און ליטעראַטור און דער איסלאַם בכלל), פאַדאָר (כעמיע) ווי אויך אַ גאַנצע רייה לעקטאָרען און דאָצענטען. מיט דער אוניווערסיטעט פיהרט אָן אַ אַקאַדעמישער ראַט פון אָנגעזעהענע געלעהרטע פון ירושלים און אנדערע לענדער. די צאָהל סטודענטען אין דער אוניווערסיטעט איז איבער 250. ביי דער אוניווערסיטעט איז פאַרהאַן די בעריהמטע העכסטע יודישע ביבליאָטעק, די „נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק" וועלכע ווערט געפיהרט דורך הוגאַ בערגמאַן און פערמאָגט איבער 200 טויזענד בענדער פון פערשידענע שפּראַכען און וויסענשאַפטליכע געביטען. וועגען דער דאָזיגער ביבליאָטעק וועלען מיר שרייבען גאַנץ בעזונדער ביים שטיך-וואָרט „ביבליאָטעקען יודישע". דער יעהרליכער בודזשעט פון דער אוניווערסיטעט בעטרעפט לערך 250 טויזענד דאָלאַר, וואָס ווערט געדעקט אממערסטען דורך דעם ספּעציעלען קאָמיטעט אין אמעריקא.

ביבליאָגראַפיע: פּרטים וועגען דער טעטיגקייט פון דער אוניווורסיטעט קאָן מען געפינען אין דעם „יעהרליכען בעריכט" („ספר השנה") וואָס די אוניווערסיטעט גיט אַרויס יעדעס יאָהר; די אוניווערסיטעט גיט אויך אַרויס וויסענשאַפטליכע זאַמלביכער „קובצים" אויף העברעאיש; די ביבליאָטעק גיט אַרויס די פיערטעל-יאָהר-ביכער „קרית ספר"; איינצעלהייטען אויך אין דער „אשכול"-ענציקלאָפּעדיע (אוניברסיטה עברית") און אין יודיש-דייטשען לעקסיקאָן.

## אוניווערסיטעטען

וועגען יודען אין אוניווערסיטעטען, וועגען יודען אַלס סטודענטען און אַלס פּראָפעסאָרען, און די פערפאָלגונגען וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהען און וואָס זיי שטעהען נאָך היינט אויס, די פערשידענע גזרות געגען יודישע סטודענטען, די „נומערוס קלויזוס" און „נומערוס נולוס". — וועלען מיר שרייבען ביי די שטיך-ווערטער „סטודענטען" און „פּראָפעסאָרען".

## אונן

דער נאָמען פון איינעם פון די זוהן פון יהודה, יעקב אבינו'ס זוהן. אין חומש בראשית ל"ח ווערט דערצעהלט, אז נאָכדעם ווי אונן'ס ברודער, ער, איז געשטאָרבען אָהן קינדער און אונן האָט חתונה געהאַט מיט זיין פערשטאָרבענעם ברודערס ווייב, ווי עס איז געוועזן שוין דעמאָלס דער מנהג פון „יבום", האָט אונן זיינע בעציהונגען מיט זיין ברודערס ווייב געפיהרט אַזוי, אז ער זאָל נישט האָבען מיט איהר קיין קינדער. דערפאַר האָט איהם גאָט געשטראָפט און אויך ער איז געשטאָרבען. פון דאָזיגען ספּור המעשה אין חומש שטאַמט עם דערנאָמען „אָנאַניזם" פאַר געשלעכטליכער זעלבסטבעפרידיגונג. די מאָדערנע תנ"ך-קריטיק וויל זעהען אין דעם ספּור פון ער און אונן דאָס פערשווינדען פון א סך משפחות פון שבט יהודה אין די אלטע צייטען.

## אונן

מיט דעם וואָרט „אונן" ווערט אָנגערופען אַן'אבל, וועמענס נאָהנטער קרוב איז געשטאָרבן—אין טאָג פון קרוב'ס טויט, אָדער פאַר זיין קבורה. אַ „אונן" געפינט זיך לויט דעם דין אין אַ גרעסערען טרויער ווי אַ „אבל". ער טאָר נישט עסען קיין פלייש, נישט טרינקען קיין וויין, און ער דאַרף זיין פערנומען מיט דער קבורה. עס זענען פאַרהאַן צוויי קאַטעגאָריעס „אונן": „מדאורייתא" און „מדרבנן". גענויע דינים פון אונן געפינט מען אין שלחן-ערוך יורה דעה הלכות אבלות.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (שטיך-וואָרט „אונן"); אשכול (שטיך-וואָרט „אבלות").

**אונס** דאָס טהוען אַ זאַך נישט מיט׳ן גוטען ווילען, נאָר זייענדיג דערצו געצוואונגען. דער בעגריף „אונס" האָט אין דער יודישער רעליגיע און אין דער יודישער געשיכטע אַ זעהר גרויסע בעדייטונג. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פראַגע: אויב מען צווינגט אַ יוד, אַז ער זאָל עובר זיין אויף אַ געבאָט פון דער יודישער רעליגיע, צי מעג ער נאָכגעבען דעם צוואַנג, און עובר זיין אויף דעם געבאָט, ווייל ער טהוט דאָך עס „באונס", אָדער ער טאָר נישט? דאָס איז אין דער יודישער רעליגיע געווען נישט נאָר אַ טעאָרעטישע פראַגע, נאָר אויך אַ וויכטיג פּראָבלעם אין דער פּראַקטיק. מיר ווייסען, אַז אין דער יודישער געשיכטע זענען געווען אַ סך צייטען, פון די עלטעסטע עפּאָכען אַז ביז אין די נייעסטע צייטען, ווען מען האָט געדראָהט יודען צו טויטען אויב זיי וועלען זיך נישט שמדען אָדער איבערהויפּט עובר זיין אויף פערשידענע געבאָטען פון דער יודישער אמונה. אַזוי איז געווען אין די אַלטע צייטען פון די חשמונאים, שפּעטער אין דער עפּאָכע פון גזירת שמד דורך די רוימער, און דערנאָך האָט זיך עס געצויגען דורך די גאַנצע צייט פון מיטעל־אַלטער, די שפּאַנישע צייט פון אינקוויזיציע, די קאָזאַקען־שחיטות אין פּוילען און אַזוי כסדר.

דער ערשטער פאַל וואָס מיר בעמערקען אין דער יודישער געשיכטע וועגען צווינגען מיט טויט־דראָהונג יודען עובר צו זיין אויף די יודישע רעליגיע, געפינען מיר אין ספר דניאל ג׳; די דאָזיגע בעקאַנטע ספּור המעשה פון חנניה מישאל ועזריה, וועלכע נבוכדנאצר מלך בבל האָט געוואָלט צווינגען צו דינען צו אַנ׳אָבגאָט, און זיי האָבען עס נישט געוואָלט טהון און דערפאַר האָט מען זיי אריינגעוואָרפען אין קאַלך־אויוון פערברענט צו ווערען. לויט טייל תנ"ך־קריטיקער זאָל דאָס זיין אַנ׳אַנדייטונג צו די גזרות אויף יודען אין די צייטען פון דעם סירישען קעניג אַנטיוכוס, וועלכער האָט געוואָלט צווינגען די יודען, אַז זיי זאָלען אויפהערען צו היטען די יודישע רעליגיע. דעמאָלס איז אָנגענומען געוואָרען דער דין פון „יהרג ואל יעבור", דאָס הייסט, מען זאָל זיך בעסער לאָזען טויטען און נישט עובר זיין אויף די יודישע רעליגיע.

אָבער שפּעטער אין די צייטען פון דער גזירת־שמד פון דעם רוימישען קייזער אדריינוס אין ארץ־ישראל, האָבען די יודישע חכמים געהאַט אַ בעראַטונג אין דער שטאָדט לוד און די גמרא סנהדרין ע"ד זאָגט, אַז זיי האָבען אָנגענומען, אַז אויף אַלע עבירות פון דער תורה איז „יעבור ואל יהרג" אויב מען דראָהט אַ יוד מיט טויט, מעג ער יאָ עובר זיין אויף זיי), אַ חוץ פון די דריי עבירות, „עבודה זרה גילוי עריות ושפיכות דמים" (דינען צו אָבגעטער, זנות און הרגענען אַ מענש) וואָס ביי זיי איז „יהרג ואל יעבור" (מען מוז זיך לאָזען טויטען און נישט עובר זיין אויף זיי). אַנ׳אַנדער תנא, רבי ישמעאל דאָרט אין סנהדרין ע"ד זאָגט, אַז אפילו עבודה זרה מעג מען אויך דינען אויב עס דראָהט טויט־שטראָף, אָבער דאָס מעג מען טהון נאָר בעהאַלטענערהייט און נישט בפרהסיה, ווען אַלע זעהען. נאָך אַ מיינונג איז פאַרהאַן אין דער זעלבער גמרא, אַז „בשעת גזירה" (אין דער צייט פון שמד־גזירה) אז אפילו „ערקתא דמסאני", דאָס הייסט, ווען מען צווינגט צו ענדערען נור אַ מנהג, דעם „פּאַרעם פון שיך", וואָס יודען טראָגען אַנדערש ווי נישט־יודען מוז מען אויך זיך לאָזען טויטען און נישט עובר זיין, ווייל דאָס הייסט קידוש השם. אין דער

יודישער געשיכטע ווייסען מיר האָבען הונדערטער טויזענדער יודען זיך געלאָזט טויטען אין די צייטען פון שמד־גזרות. אָבער עס זענען געווען אויך אזעלכע יודען, וואָס האָבען נישט געקאָנט בײַשטעהן דעם נסיון און זיך געשמד כדי צו ראטעווען זיך דאָס לעבען. אזעלכע יודען האָט מען גערופען „אנוסים". — וועגען זיי וועלען מיר שרייבען גאַנץ בעזונדער ביים שטיך־וואָרט „אנוסים".

דער בעגריף „אונס" איז אויך פאַרהאַן אין פערשידענע הלכה־פאַלען, ווי למשל אויב מען צווינגט איינעם, אַז ער זאָל פערקויפען זיינס אַ זאַך, צי איז דאָס פערקויפען גילטיג, וכדומה אזעלכע פאַלען. עס איז אויך פאַרהאַן די יורידישע פראגע אויב איינער האָט פערגעוואַלדיגט א מיידעל צי אַ פרוי (מעשה אונס), ווי איז דער דין דערפון. וועגען דעם אלעם זענען פאַרהאַן פיעל הלכות אין דער גמרא, רמב"ם און שלחן ערוך.

ביבליאָגראַפיע: „כסף נבחר", כלל הערשענזאָהן, „מסדרונה" חלק א׳; גולאַק „יסוד המשפט העברי"; „אוצר ישראל"; „אשכול".

## אונענדליכקייט אין די ספרים פון

תנ"ך איז נישט פאַרהאַן א וואָרט, וואָס זאָל בעצייכענען דעם בעגריף פון אונענדליכקייט, ווי ער איז פערשטאַנען געוואָרען פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען אַז ביז אין אונזער נייעסטער צייט. דאָס זעלבע איז אויך נישט צו בעמערקען דעם דאָזיגען בעגריף פון אונענדליכקייט אין דער גמרא און מדרש. ערשט אין די יודישע פילאָזאָפישע ספרים פון מיטעל־אַלטער, ווי ביי רבי סעדיה גאון, דעם רמבם געפינען מיר דעם דאָזיגען בעגריף קלאָר. דער רמב"ם אין „יד החזקה" ספר „המדע" זאָגט, וועגען גאָט „ואין לו קץ ותכלית", דאָס הייסט, ער איז אונענדליך. אין דער „קבלה" איז ענטשטאַנען אַ ספעציעל וואָרט פאַר דעם בעגריף פון אונענדליכקייט; דאָס איז דאָס וואָרט „אין סוף". דער זהר פרשת בא זאָגט, אַז גאָט איז אונענדליך „ובגין דין קרא לגרמיה אין סוף" (און דעריבער האָט ער זיך גערופען אין־סוף). — אויך אין דער נייער העבּרעאישער שפּראַך איז אָנגענומען געוואָרען דער טערמין „אין סוף" צו בעצייכענען דעם בעגריף אונענדליכקייט, און עס איז דערפון זאָגאַר געמאַכט געוואָרען א „שם התאר" „האין סופי" (דער אונענדליכער).

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „אין=סוף"), יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע („אין סוף").

## אונקלוס

**אונקלוס** דער טראַדיציאָנעלער מחבר פון „תרגום אונקלוס". פון די אַלטע צייטען אָן איז פאַרהאַן די איבערזעצונג פון חומש אין דער אראַמעאישער שפּראַך, וועלכע מען רופט „תרגום אונקלוס". ווער איז געווען דער דאָזיגער אונקלוס? און צי האָט ער טאַקע מחבר געווען די דאָזיגע איבערזעצונג וואָס מיר בעזיצען? דאָס זענען פראגען, וועגען וועלכע עס זענען געשריבען געוואָרען פיעל ביכער און אָבהאַנדלונגען.

מיר וועלען צוערשט בעהאַנדלען די פראגע, ווער איז געווען דער „אונקלוס". אין דער גמרא מגילה דף ג׳ זאָגט דער אמורא רבי ירמיה (און לויט אַן׳אַנדער מיינונג רבי חייא בר אבא) „תרגום של תורה אונקלוס הגר אמרו מפי רבי אליעזר ורבי יהושע" (דעם תרגום פון חומש האָט אונקלוס דער גר מחבר געווען לויט ווי ער האָט געהערט פון די תנאים רבי אליעזר און רבי יהושע). דערפון זעהן

מיר צוויי זאכען: ערשטענס, אז אונקלוס איז געווען א גר, און צווייטענס, אז ער האט געלעבט אין די צייטען פון די תנאים רבי אליעזר און רבי יהושע, וועלכע האבען געלעבט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון חורבן פון צווייטען בית־המקדש און עטוואס שפעטער, דאס הייסט אין סוף פון 1-טען יאהרהונדערט. וועגען דעם, אז אונקלוס איז געווען א גר און האט געלעבט אין יענע צייטען פון חורבן בית שני געפינען מיר אויך אין א סך אנדערע ערטער אין ברייתות און גמרא. אין דער גמרא עבודה זרה י"א, ווערט דערצעהלט אז ווען דער נשיא רבן גמליאל הזקן איז געשטארבען האט אונקלוס הגר פערברענט אלס צייכען פון טרויער טייערע אוצרות; מיר וויסען אז רבן גמליאל הזקן איז געשטארבען פאר'ן חורבן פון בית שני. אין דער זעלבער גמרא עבודה זרה י"א ווערט אויך דערצעהלט דער ספור המעשה ווי אזוי אונקלוס האט זיך מגיר געווען. לויט דעם דאזיגען סיפור האט ער גע־הייסען „אונקלוס בר קלונימוס" (דער זוהן פון קלונימוס), און ווען ער האט זיך מגייר געווען, האט דער קייזער פון רוים געשיקט צו איהם שליחים, אז זיי זאלען איהם ברענגען, אבער אונקלוס האט אזוי איינגעטענהט מיט די שליחים, אז אויך זיי האבען זיך מגייר געווען. ער האט זיי געוויזען, אז ביי די אבגעטער פון אנדערע רעליגיעס מוזען מענשען היטען די אבגעטער, אבער ביי יודען היט אב גאט די יודען. פון דער דאזיגער גמרא איז צו זעהן, אז אונקלוס איז געווען א חשוב ביים קייזער אין רוים, אז מיט זיין מגייר זיין האט מען זיך ביים קייזער אזוי פעראינטערעסירט. דעם דאזיגען יחוס פון אונקלוס איז אויך צו זעהן פון אנ'אנדערען סיפור אין דער גמרא גיטין דף נ"ו. דארט ווערט דערצעהלט, אז „אונקלוס בר קלוניקוס" („קלוניקוס" און „קלונימוס" פון דער דערמאהנטער גמרא און עבודה זרה איז דאס זעלבע) דער שוועסטערז־זוהן פון טיטוס דעם רוימישען קייזער, האט זיך געוואלט מגייר זיין, און ער האט אראבגעבראכט פון יענער וועלט זיין פערשטארבענעם פעטער טיטוס און האט איהם געפרעגט א עצה; נאכהער האט ער אראבגעבראכט ישו הנוצרי (אין די צענזורירטע גמרות שטעהט „בלעם") און האט זיך איהם געפרעגט א עצה. אויך דערפון איז צו זעהן, אז די ערצעהלונג וועגען דעם מגייר זיין זיך פון אונקלוס האט מען ביי די יודען אין יענער צייט צונויפגעבונדען מיט'ן קייזערליכען הויף אין רוים. אין עטליכע ערטער אין דער גמרא געפינען מיר, אז אונקלוס הגר איז געווען זעהר פרום, און ווען זיין פאטער איז געשטארבען און איהם איבערגעלאזט די ירושה טייערע צלמים האט ער נישט געוואלט פון זיי הנאה האבען (תוספתא דמאי פרק ו').

אבער א טייל געלעהרטע ווייזען אן, אז אין א סך אנדערע ערטער אין דער גמרא, בעזונדערס אין ירושלמי און מדרש, ווערט גאר דערמאהנט א גר מיט'ן נאמען „עקילס", וועלכער האט אויך געשריבען א תרגום אויף תורה און האט אויך געלערענט ביי רבי אליעזר און רבי יהושע. אין ירושלמי מגילה פרק א' ווערט געזאגט, אז עקילס הגר האט מתרגם געווען די תורה פאר רבי אליעזר און רבי יהושע, און זיי האבען זיין תרגום זעהר געריהמט. אין ירושלמי קידושין פרק א' ווערט דערצעהלט, אז עקילס האט געשריבען זיין תרגום פאר רבי עקיבא. אין ספרא אויף די סדרא בהר ווערט געזאגט, אז עקילס האט געהאט

קנעכט אין פאנטוס. אין ירושלמי חגיגה ב׳ ווערט דערצעהלט, אז עקילס איז געווען דער שוועסטערן־זוהן פון רוימישען קייזער אדרינוס (אין מיטען פון 2-טען יאהרהונדערט), און אויך ער האט זיך געפרעגט ביי זיין פעטער דעם קייזער די עצה צי ער זאל זיך מגייר זיין, און ער ערקלערט אדרינוס׳ן ווי אזוי די וועלט שטעהט.

די מיינונג פון די יודישע געלעהרטע היסטאריקער וועגען די דאזיגע צוויי פערזאנען, אונקלוס און עקילס, איז צעטיילט. די פארשער רבי הירש חיות, ד״ר זכריה פראנקעל און אנדערע זענען זיכער, אז דאס איז געווען איין פערזאן, וועלכען מען האט אין ארץ־ישראל (אין דער גמרא ירושלמי און די מדרשים וואס שטאמען פון ארץ-ישראל) גערופען עקילס, און אין בבל (אין דער גמרא בבלי און איז די מדרשים וואס שטאמען פון בבל) האט מען איהם גערופען אונקלוס. דער היסטאריקער גרעץ מיינט אויך, אז אונקלוס איז דער בעקאנטער רוימישער אריסטאקראט קלעמענס פלאוויוס (דערפון שטאמט אויך דער נאמען „אונקלוס בר קלונומוס״), וועלכער האט געלעבט אין די צייטען פון רוימישען קייזער דאמיציאן. אנדערע געלעהרטע היסטאריקער ווי רבי עזריה דמן האדומים (אין זיין „מאור עינים״), צונץ און אנדערע מיינען, אז דאס זענען געווען צוויי בעזונדערע פערזאנען. עס איז ווערט צו בעמערקען, אז אויך אין די ביכער פון די ערשטע קריסטען ווערט דערצעהלט וועגען א רוימישען אריסטאקראט אקילאס, וואס איז געווארען א קריסט; אין טייל עלטערע קריסטליכע שריפטען ווערט אויך דערמאהנט וועגען אנ׳אנדערען רוימישען אריסטאקראט קלעמענס וואס איז געווארען א קריסט און ער איז געווען בעפריינדעט מיט׳ן רוימישען קייזער טיבעריוס. יעדענפאלס קיין זיכערע מיינונג וועגען דער פערזאן פון אונקלוס הגר איז נישט פארהאן.

די זעלבע מחלוקה הערשט אויך ביי די געלעהרטע וועגען דעם „תרגום אונקלוס״, וואס מיר האבען, פון וואנען ער שטאמט, צי דאס איז דער „תרגום אונקלוס״ פון דער גמרא. וועגען דער דאזיגער פראגע וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־ווארט „תרגום אונקלוס״.

ביבליאגראפיע: „מאור עינים״; חיות, „אגרת בקורת״; אדלער, אין דער הקדמה צום „נתינה לגר״; „אוצר ישראל״; „אשכול =ענציקלאפעדיע; קאהוט, „ערוך השלם״; צונץ, „גאטעסדינסטליכע כאַרטרעגע״ (דייטש); פראנקעל, „איבער דעם איינפלוס פון דער פאלעסטינישער עקזעגעזע״ (דייטש).

**אונרעכט** אין דער יודישער רעליגיע און דער רעליגיעזער עטיק ווערט פיעל אכט געלייגט אויף די בעגריפען „רעכט״ און „אונרעכט״. דאס זענען זאכען פון יודישען מוסר. וועגען דעם אלעם וועלען מיר שרייבען ביי די שטיך-ווערטער „גערעכטיגקייט״ און „רעכט״.

## אונשטערבליכקייט פון נשמה

(השארת הנפש). מיט דעם דאזיגען ווארט „אונשטערבליכקייט פון דער נשמה״ און ווי עס האבען עס גערופען אויף העברעאיש די יודישע פילאזאפען אין מיטעלאלטער „השארת הנפש׳, פערשטעהט מען איינעם פון די עקרים פון דער יודישער אמונה, אז ווען דער מענש שטארבט, איז טויט נאר זיין קערפער, אבער די נשמה שטארבט נישט, נאר זי קומט אריין אין א העכערער וועלט, עולם הבא, וואו זי פיהרט ווייטער א נשמה-לעבען.

אין די לעצטע צייטען זענען פארהאן

טייל געלעהרטע פאַרשער, וואָס האָבען אוועקגעשטעלט די פראַגע, צי איז דער גלויבען אין השארת הנפש פון שטענדיג אָן, שוין אין די אַלטע צייטען, געווען א טייל פון דער יודישער רעליגיע, צי נישט. די דאָזיגע געלעהרטע קריטיקער זאָגען ארויס זייער מיינונג, אז אין די ספרים פון תנך געפינט מען נישט קיין רמז, אז שוין דעמאָלס האָבען די יודען געגלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה און אין עולם הבא, און זיי רעכנענען דעריבער, אז דער דאָזיגער גלויבען איז ענטשטאַנען ביי די יודען ערשט אין די שפּעטערדיגע צייטען, נאָך גלות בבל, אונטער דעם איינפלוס פון דער רעליגיע פון די אַלטע בבלים.

אָבער א גאַנצע רייה אנדערע געלעהרטע וויזען אויף, אז די דאָזיגע מיינונג איז נישט ריכטיג. זיי זאָגען אז א סך פסוקים פון תנך וויזען דערויף, אז דער גלויבען אין השארת הנפש איז דעמאָלס געווען א זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. שוין דער סיפור המעשה אין ספר שמואל א' קאַפּיטעל כ"ח ווי אזוי שאול המלך (אַלזאָ אין די גאַר אַלטע צייטען, נאָך פאַר דעם ערשטען בית-המקדש) האָט געבראַכט פון יענער וועלט דעם פערשטאָרבענעם שמואל הנביא, כדי ער זאָל איהם געבען א עצה וועגען דער מלחמה וויזט דאָך קלאָר, אז דער אַלגעמיינער גלויבען איז געווען, אז דעם פערשטאָרבענעמס נשמה עקזיסטירט נאָכ'ן טויט און זי איז נישט געשטאָרבען צוזאַמען מיט'ן קערפּער. עס ווערט אויך אָנגעוויזען אויף אזעלכע פסוקים אין תהלים ט"ז „כי לא תעזוב נפשי לשאול", אָדער אין תהלים קט"ז „אתהלך לפני ה' בארצות החיים", וואָס וויזען, אז דער בעגריף וועגען אייביגען לעבען פון דער נשמה איז דעמאָלס געווען א אַלגעמיינער גלויבען. אין די שפּעטערדיגע תנך־ספרים, ווי דניאל י"ב ווערט שוין דייטליך געזאָגט „ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם" (און א סך פון די שלאָפענדע אין דער ערד וועלען זיך אויפכאַפּען, טייל צום אייביגען לעבען): דאָ איז שוין קלאָר גערעדט זאָגאַר וועגנען „תחיית המתים", אזוי אַז השארת הנפש איז שוין דעמאָלס אודאי געווען א טייל פון גלויבען. אויך אין קהלת י"ב ווערט געזאָגט „וישב העפר על הארץ והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה" דער שטויב וועט זיך צוריקקעהרען צו דער ערד, און דער גייסט וועט צוריקקעהרען צו גאָט, וועלכער האָט איהם גענעבען. גאַנץ פערשידען ווערט אויסטייטשט דורך די מפרשים דער פסוק אין קהלת ג' „מי יודע רוח האדם העולה היא למעלה". אָבער אויך פון דאַנען איז קלאָר, אז דער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה איז געווען גוט בעקאַנט.

אין די כתובים האחרונים, דאָס זענען די ספרים וואָס זענען געשריבען געוואָרען נאָכ'ן בית שני, ווי „חכמת שלמה", „ספר החשמונאים" און אנדערע ווערט שוין דייטליך גערעדט וועגען „השארת הנפש". אין חכמת שלמה" ווערט שוין אויסגעדרוקט דער געדאַנק, אז דער קערפּער איז א משא פאַר דער נשמה, וועלכע בעמיהט זיך דעריבער צו בעפרייען פון קערפּער און צוריקצוגעהן צו יענער וועלט. דער יודישער היסטאָריקער פון יענער צייט יוסף פלאַוויוס אין זיין „מלחמות היהודים" (צווייט בוך, 8, 14) ברענגט, אז די פרושים האָבען יאָ געגלויבט אין השארת הנפש, דאַגעגען די צדוקים האָבען אין השארת הנפש נישט געגלויבט. דאָס זעלבע ווערט אויך געבראַכט אין דער משנה ברכות פרק ט'

„משקלקלו הצדוקים ואמרו אין עולם אלא אחד התקינו שיהו אומרים מן העולם ועד העולם" (זינט די צדוקים האבען ערקלערט אז עס איז נאר פארהאן איין וועלט, האט מען מתקן געווען, אז מען זאל זאגען מן העולם ועד העולם).

אין דער גמרא און אין מדרש ווערט שוין דער גלויבען פון השארת הנפש בעטראכט אלס יסוד פון דער יודישער אמונה. אין דער משנה סנהדרין איז פארהאן דער פרק י' וואס בעהאנדעלט דעם גאנצען ענין פון „עולם הבא". אין דער גמרא סנהדרין דף צ"א ווערט געזאגט, ווי די נשמה, זינט זי שיידט זיך אב פון קערפער ביים טויט „פורחת באויר כצפור" (שוועבט זי ארום אין דער לופט ווי אפויגעל). עס איז דערביי צו בעמערקען, אז פלאוויוס אין זיין „מלחמות היהודים" (צווייט בוך, 8, 11) זאגט, אז אויך די אנהענגער פון דער יודישער סעקטע איסיים האבען געגלויבט, אז די נשמה פרעהט זיך ווען זי בעפרייט זיך פון קערפער ביים טויט, און זי שוועבט נאכהער ווי א פויגעל אין דער לופט.

אין א פילאזאפישער פארם האבען אויפגעפאסט דעם ענין פון אונשטערבליכקייט פון דער נשמה די יודישע פילאזאפען אין מיטעלאלטער, ווי רבי סעדיה גאון, דער רמב"ם, רבי יוסף אלבו דער מחבר פון „עקרים" און פיעל אנדערע. דער רמבם אין זיין פירוש אויף דער משנה סנהדרין פרק י' פון „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", זאגט, אז דער בעגריעף פון „השארת הנפש" איז, אז די נשמה איז נאכ'ן טויט בלויז גייסט און האט נישט קיינע קערפערליכע אייגענשאפטען, און דאס וואס מען געפינט אין דער גמרא וועגען „לויתן" און „שור הבר" און „יין המשומר" איז נאר בדרך משל, און אז די נשמה־פערגעניגענס אויף „יענער וועלט" איז נאר דאס אויפפאסען גייסטיגע זאכען. ארום דער דאזיגער מיינונג פון רמב"ם זענען פארגעקומען גרויסע מחלוקת. פיעל יודישע חכמים פון מיטעל־אלטער, ווי דער ראב"ד, רמב"ן זענען ארויסגעטרעטען געגען רמב"ם. אין דער קבלה איז אויך געווען א מיינונג, אז אין מענשען זענען פארהאן צוויי נשמות: די „נפש הבהמית", דאס הייסט די „לעבענס־קראפט", וואסאויך יעדע בהמה און חיה בעזיצט און וואס האלט אויף דאס לעבען פון מענשען, און די דאזיגע „נפש הבהמית" איז שטערבליך, און צוזאמען מיט'ן טויט פון קערפער שטארבט זי אויך אב, — און די „נפש המשכלת", די „דענקענדע נשמה", וואס נאר דער מענש בעזיצט, און די דאזיגע נשמה איז אונשטערבליך. ביי דער דאזיגער מיינונג האבען זיך אויך געהאלטען א רייה יודישע רעליגיעזע פילאזאפען אין מיטעל־אלטער.

ביבלאגראפיע: „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „נפש"); רובין, „השארת הנפש" (פאדגורזשע 1908), מענדעלסאן „פעדאן" יודיש־דייטשער לעקסיקאן (שטיך־ווארט „אונשטערבליכקייט").

**אוסטראה** דאס איז איינע פון די עלטסטע און אין די אמאליגע צייטען גרויסע יודישע קהלות אין אוקראינא. היינט געהערט זי צו פוילען. די דאזיגע שטאדט האט געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער יודישער געשיכטע אין פוילען און אוקראינא. מיר וועלען וועגען איהר שרייבען ביים שטיך־ווארט „אסטראג", ווייל מיט'ן דאזיגען נאמען ווערט די שטאדט אנגערופען היינט דורך די יודען אין פוילען און אוקראינא.

**אוסישקין מענדעל** (געבוירען אין יאהר 1863), בעריהמטער ציוניסטישער פיהרער, דירעקטאר פון דער קרן־קימת־צענטראלע אין ירושלים. אוסישקין איז געבוירען געווארען אין דובראוונא (רוסלאנד) אין יאהר 1863, און האט דורכגעמאכט זיין שטודיום אלס אינזשיניער־טעכנאלאג. שוין אין די ערשטע יאהרען פון דער „חבת־ציון”־בעוועגונג אין רוסלאנד, אין יאהר 1883, איז אוסישקין צו איהר צוגעטרעטען און איז געווארען א מיטגליד צו ערשט פון דער „בילו” („בית יעקב לכו ונלכה”, דאס זענען געווען די ערשטע יונגעלייט, וואס זענען פון רוסלאנד אוועק זיך צו בעזעצען אין ארץ־ישראל), נאכהער האט ער מיט נאך חברים, טשעלנאוו, מאזא, לעוואנטין, געגרינדעט די חברה „בני ציון”. שפעטער איז ער געווען איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער „חובבי־ציון”־געזעלשאפט אין רוסלאנד און האט אנגעהויבען שרייבען בעגייסטערטע מאמרים אין „המליץ” און אנדערע צייטונגען פאר דער חבת־ציון־בעוועגונג. ער איז אויך געווען מיטגליעד פון „בני משה”. אין יאהר 1891 איז אוסישקין דאס ערשטע מאל געפאהרען קיין ארץ־ישראל, וואו ער האט פערבראכט 6 חדשים. ווען ד"ר הערצעל האט געגרינדעט די ציוניסטישע ארגאניזאציע און צונויפגערופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס איז אוסישקין געווארען זיין הייסער אנהענגער. ער איז אבער ארויסגעטרעטען שארף געגען הערצלען, ווען הערצעל האט אויפ'ן 6־טען ציוניסטישען קאנגרעס דורכגעפארסירט דעם „אוגאנדא”־בעשלוס. אוסישקין האט געגרינדעט דעמאלס די „ציוני־ציון” און בעזיגט אויפ'ן 7־טען ציונ. קאנגרעס די „אוגאנדא”־אנהענגער. פון דעמאלס אן איז אוסישקין געווארען איינער פון הויפט־פיהרער אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה אין יאהר 1919 האט אוסישקין אנטיילגענומען אין דער יודישער דעלעגאציע אין פאריז פאר דער שלום־קאנפערענץ. נאכהער האט ער זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל, אלס פרעזעס פון דער „הנהלת הציונית” (ציוניסטישע עקזעקוטיווע) איז ירושלים. אונטער זיין איינפלוס איז געקויפט געווארען דער „עמק יזרעאל” און מען האט דארט געגרינדעט יודישע קאלאניעס. אין יאהר 1923 איז אוסישקין ארויס פון דער „הנהלה הציונית” און איז געווארען פרעזידענט פון „קרן קימת”, און אונטער זיין איינפלוס איז געקויפט געווארען א רייה שטחים ערד אין ארץ־ישראל, צווישען אנדערע אויך דער „מפרץ־חיפה”, דער „וואדי חאווריט” און אנדערע. אוסישקין האט אויך עטליכע מאל בעזוכט אמעריקא און קאנאדא און פיעל מיטגעווירקט אז די יודען פון אמעריקא זאלען זיך בעטייליגען אין אבקויפען פארן קרן־קימת די ערד אין ארץ־ישראל. אוסישקין איז אויך א מיטגליד פון ראט פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל”; צייטראן, „לכסיקון ציוני”; „אשכול”־ענציקלאפעדיע.

**אופיר** איז תנ"ד אין ספר מלכים א' קאפיטעל ט' ווערט דערצעהלט, אז דער קעניג פון פעניציען חירם האט געשיקט זיינע שיפס־לייט צוזאמען מיט די מענשען פון שלמה המלך אין דער שיף פון עציון־גבר ביים ים־סוף, „ויבאו אופירה ויקחו משם זהב — ויביאו אל המלך שלמה”, (און זיי זענען געגאנגען אין לאנד אופיר און האבען גענומען דארט גאלד און עס געבראכט צום קע־

ניג שלמה). ווייטער ווערט געזאָגט אין ספר מלכים א׳ קאַפּיטעל י׳ אַז די זעלבע שיפֿען פֿון חירם וואָס האָבען געבראַכט גאָלד פֿון אופֿיר, האָבען פֿון זעלבען לאַנד אויך געבראַכט דאָס האָלץ „אַלמוגים" און טייערע שטיינער פֿאַר דעם בית המקדש אין ירושלים. אין זעלבען קאַפּיטעל ווערט דערצעהלט, אַז די שיף פֿון שלמה המלך וואָס האָט געהייסען „אני תרשיש" (די פֿלאָט פֿון תרשיש) האָט געבראַכט גאָלד, זילבער, „שנהבים, קפים, תכיים" (עלפֿאַנט־ביין, מאַלפּעס און פּאַפּוגייען), און די שיף פֿלעגט קומען איינמאָל אין דריי יאָהר. אין ספר ישעיה י״ג ווערט געזאָגט: „אדם מכתם אופֿיר" (אַ מענש דאַרף טייערער זיין ווי דאָס גאָלד פֿון אופֿיר). אויך אין אַנדערע ערטער אין תנך (איוב כ״ב און כ״ז, ווי אויך תהלים מה) ווערט דאָס לאַנד אופֿיר דערמאָהנט אַלס לאַנד פֿון גאָלד.

וואו האָט זיך געפֿינען דאָס דאָזיגע לאַנד „אופֿיר", וואָס איז געוואָרען אַ לעגענדע־נאָמען פֿאַר רייכע לענדער און גאָלד? וועגען דער פֿראַגע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען דורך פֿערשידענע געלעהרטע פֿאָרשער פֿיעל מיינונגען. אין די אַלטע צייטען האָט מען געהאַלטען, אַז אופֿיר ליגט אין אינדיען, וואָס מען האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אַלס אַ לאַנד וואָס איז רייך אין גאָלד. לויט דער דאָזיגער מיינונג קומט אויס, אַז שוין שלמה המלך האָט געפֿיהרט אַ שיפֿס־פֿערקעהר צווישען דעם פּאָרט עציוןגבר ביים ים־סוף און אינדיען. אויך היינט זענען פֿאַראַן געלעהרטע וואָס שטיצען די דאָזיגע מיינונג, און אַלס בעוויז גיבען זיי אָן אויך דאָס, וואָס די דערמאָהנטע נעמען פֿון האָלץ „אַלמוגים" הייסט אויך אַזוי אין דער אַלטער אינדישער סאַנסקריט־שפּראַך, און דער נאָמען „תפי" פֿאַר פּאַפּוגיי איז אין דער סאַנסקריט־שפּראַך „ציקי", און דער נאָמען פֿאַר אַ מאַלפּע „קוף" איז אין דער סאַנקריט־שפּראַך „קאַפּי". דער אַמעריקאַנער געלעהרטער ווילדמאַן, וועלכער האָט אַלס קאָנסול פֿערבראַכט אַ לענגערע צייט אין אינדיען, ווייזט אויף אין זיין ענגליש בוך „טעילס אָוו דהי מאַלאַיען קאָאסט" (ערצעהלונגען פֿון די מאַלאַי־ברעגעס) אַז אויך היינט איז פֿאַרהאַן אין יענער געגענד אַ אָרט וואָס איז רייך אין גאָלד און הייסט „אופֿיר". אַנדערע געלעהרטע מיינען, אַז אופֿיר האָט זיך געפֿונען אין אַראַביען און אַלס בעוויז ברענגען זיי דאָס, וואָס אין בראשית י׳ ווערט דערמאָהנט „אופֿיר" צווישען די בני יקטן, וואָס זענען אַראַבישע שבטים. ביי דער מיינונג האַלטען זיך די געלעהרטע געזעניוס, ראָזענמילער און אַנדערע. טייל געלעהרטע ווידער האַלטען, אַז אופֿיר האָט זיך געפֿונען אין אַפֿריקאַ. גאָר מערקווירדיג איז די מיינונג, וואָס איז געוועזען פֿערשפּרייט אין 16־טען יאָהרהונדערט באַלד נאָך דער ענטדעקונג פֿון אַמעריקאַ, אַז אופֿיר איז דאָס לאַנד פּערו אין דרום־אַמעריקאַ. די דאָזיגע מיינונג ברענגט רבי דוד גאַנז (אין 16־טען יאָהרהונדערט) אין זיין ספר „נחמד ונעים", און לויט זיין מיינונג, קומט אויס, אַז אַמעריקאַ איז שוין געוועזען בעקאַנט אין די צייטען פֿון שלמה המלך.

ביבליאָגראַפֿיע: „אוצר ישראל"; „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע; פּעטערס, „דאָס גאָלדענע אופֿיר" (דייטש); אפּערט, „תרשיש און אופֿיר" (דייטש); קיען, „דהי גאָלד אָוו אופֿיר" (ענגליש).

**אוצר** אין דער העברעאישער שפּראַך האָט מען געמיינט מיט'ן וואָרט „אוצר" יעדע זאַמלונג פֿון זאַכען. אין דער גמרא סנהדרין כ׳ ווערט געזאָגט, „אוצרות מלכים למלך" (די אוצרות פֿון

די מלכים געהערען צום מלך), און מען מיינט דארט די זאמלונג פון גאלד, טייערע זאכען. אין דער גמרא בבא בתרא דף ד' ווערט דערמאהנט „אוצרות פירות", דאס מיינט מען דעם לאגער פון פרוכטען. אין חגיגה י"ב ווערט אויך גערעדט וועגען „אוצרות שלג", דאס הייסט די „שניי־אוצרות", וואס געפונען זיך אין הימעל. אין דער יודישער שפראך ווערט מיט'ן ווארט „אוצר" בעצייכענט אויך א טייערע זאך. וועגען פיעל יודישע גבירים אין מיטעלאלטער און דער נייערער צייט פלעגען ארומגעהן לעגענדעס, אז זיי האבען „געפונען אן'אוצר". דער יודישער פאלקס־גלויבען זאגט אויך, אז אויב מען זעהט ביינאכט ווי עס ברענט א פייעריל אין פעלד, איז א סימן אז דארט ליגט א אוצר, און די עצה דערצו איז ארויפצווארפען אויף דעם ארט עפעס א זאך, דעמאלס ענטלויפט נישט דער אוצר. די דאזיגע לעגענדע האבען אויך אויסגענוצט י. ל. פרץ און אנדערע יודישע שריפטשטעלער אין זייערע ערצעהלונגען.

ביבליאגראפיע: „אוצר־ישראל" (שטיך־ווארט „אוצר"); „ערוך השלם".

**אוצר ישראל** דאס איז דער נאמען פון דער העברעאישער ענציקלאפעדיע וואס איז ערשינען אין ניו־יארק אין די יאהרען 1906 — 1913 אונטער דער רעדאקציע פון יהודה דוד אייזענשטיין ביי דער מיטארבייטונג פון א רייה יודישע געלעהרטע. די דאזיגע ענציקלאפעדיע איז ערשינען אין 10 בענדער און בעהאנדעלט אלע ענינים פון דער יודישער רעליגיע פון ארטאדאקסיש־נאציאנאלען שטאנדפונקט. א צווייטע אויפלאגע פון דעם „אוצר ישראל" איז ערשינען אין וויען, בערלין, לאנדאן יאהר 1924. דאס איז ביז איצט די איינציגע גאנצע יודישע ענציקלאפעדיע אין דער העברעאישער שפראך.

**אוקינוס** דאס איז א גריכיש ווארט „אקעאנאס", וואס איז איבערגעגאנגען אין דער גמרא און מדרש און ווערט אויך אין דער עלטערער יודישער שפראך בענוצט, און מען טרעפט אפט אין די עלטערע יודישע ספרים דאס ווארט „ים אוקינוס". אין דער אלטער גריכישער שפראך האט מען מיט'ן ווארט „אוקינוס" געמיינט דעם מיטעללענדישען ים, וואס טיילט אב אייראפא פון איין זייט און אזיען און אפריקא פון דער צווייטער זייט. אין דער תורה הייסט דער דאזיגער מיטעלענדישער ים „ים הגדול" (דער גרויסער ים) און דער חומש אין במדבר ל"ד און אויך אין אנדערע ערטער זאגט, אז די מערב־גרעניץ פון ארץ־ישראל איז דער „ים הגדול", דאס מיינט מען דעם מיטעלענדישען ים. אויך אין דער גמרא (גטין ח, און אנדערע ערטער) ווערט מיט'ן ווארט אוקינוס געמיינט דער מיטעללענדישער ים; אבער אין אנדערע ערטער אין דער גמרא און מדרש פערשטעהט מען מיט'ן ווארט אוקינוס אלע ים'ען אין דער וועלט. אזוי זאגט די גמרא אין עירובין כ"ב „דכולי עלמא נמי מקיף אוקינוס" (די גאנצע וועלט איז ארומגערינגעלט דורכ'ן אוקינוס). דא האט מען שוין די בעדייטונג פון „אקעאן", ווי דאס ווארט ווערט בענוצט היינט אין די אייראפעאישע שפראכען. וועגען אוקינוס איז פאראן פיעל אין מדרש. דער מדרש אין בראשית רבה כ"ג זאגט אז „אוקינוס גבוה מכל העולם" (דער אוקינוס איז העכער פון דער גאנצער וועלט). אין מדרש שמות

רבה ט"ו ווערט דער אוקינוס פאָרגעשטעלט אַלס לעבעדיג בעשעפעניש, עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז ווען גאָט האָט געזאָגט ביים בעשאַפען די וועלט „תראה היבשה" (עס זאָל זיך בעווייזען די טרוקענע ערד), האָבען די וואַסערען געפרעגט, וואוהין זיי זאָלען געהן, „בעט הקדוש ברוך הוא באוקינוס והרגו, לכך נקרא אוקינוס ים המות" האָט גאָט אַ קאָפּ געטהון דעם אוקינוס און איהם געטויט, און דעריבער הייסט דער אוקינוס דער טויטער ים.

עס איז צו בעמערקען, אַז לויט דער מיינונג פון געלעהרטע איז דאָס גריכיש וואָרט „אוקינוס" פון דער העברעאישער שפּראַך „עוג", קיילעכיג, (ארומרינגלען), און אַז די אַלטע פעניציער, וואָס זענען געווען פון די עלטעסטע ים-רייזענדער און זענען געקומען מיט זייערע שיפען קיין גריכענלאַנד, האָבּן געבראַכט דאָס דאָזיגע וואָרט אַלס בעצייכענונג פאַר'ן ים, וואָס „רינגעלט ארום" די גאַנצע וועלט.

ביבליאָגראַפיע: „ערוך השלם"; „אוצר ישראל"; „אשכול"; בן יהודה, „מלון" גוטמאַן, „מפתח התלמוד".

**אוקראַינע** דאָס איז דער נאָמען פון לאַנד וואָס ליגט אין דרום-טייל פון רוסלאַנד, און איז היינט אַ רעפּובליק, וואָס געהערט צום רעפּובליקען-פערבאַנד פון באָלשעוויסטישען ראַטען-רוסלאַנד. די הויפּט-שטעדט זענען: קיעוו, כאַרקאָוו און אנדערע. אין אוקראַינע געפינען זיך היינט לערך 27 מיליאָן איינוואוינער, און צווישען זיי זענען פאַרהאַן לערך 1 מיליאָן מיט 600 טויזענד יודען. די צענטראַל-שטאָדט פון אוקראַינע איז היינט כאַרקאָוו.

דאָס לאַנד אוקראַינע האָט אין די פריהערדיגע צייטען נישט געהאַט קיין בעשטימטע גרענעצען. עס זענען געווען צייטען, ווען אויך די געגענד פון מזרח-גאַליציען און וואָלין, וועלכע געהערען היינט צו פּוילען, האָבען זיך גערעכענט צו אוקראַינע. דאָס זעלבע איז אויך פערשידען געווען די הערשאַפט איבער דעם לאַנד אוקראַינע. עס זענען געווען צייטען, ווען אין אוקראַינע האָבען געהערשט איינענע קליין-רוסישע פירשטען. אַ געוויסע צייט האָבען אין אוקראַינע געהערשט טאַטאַרען, נאָכהער ליטווישע פירשטען, דערנאָך האָט עס געהערט צו פּוילען, און נאָכהער זענען דאָרט געווען גרויסע אויפשטאַנדען; אַ געוויסער טייל אוקראַינא האָט אַ צייט געהערט גאָר צו טערקיי. די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר פאַר דער וועלט-מלחמה האָט אוקראַינא געהערט צו רוסלאַנד. צום סוף פון דער וועלטמלחמה האָט מען געפּרובט שאַפען אין אוקראַינע אַ בעזונדערע, אומאָבהענגיקע רעפּובליק. די לעצטע יאָהרען איז אוקראַינע פעראייניגט מיט ראַטען-רוסלאַנד אַלס אַ אויטאָנאָמישע רעפּובליק.

די געשיכטע פון די יודען אין אוקראַינע פערנעהמט איינע פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלעך אין דער יודישער געשיכטע אין די לעצטע 500 יאָהר. עס איז שווער צו זאָגען גענוי, ווען יודען זענען געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין אוקראַינע. אַ רייה יודישע געלעהרטע, ווי כּרמולי, רבי יצחק בער לעווינזאָהן, האַרקאַווי און אנדערע האַלטען, אַז די די יודען זענען געקומען קיין אוקראַינא פון דער האַלב-אינזעל קרים, וואו זיי האָבען געוואוינט שוין פון גאָר אַלטע צייטען, און אַז אין די צייטען, ווען די יודישע קעניגען-הערשער פון די כוזרים (אין 9-טען יאָהרהונדערט) האָבען גע־

הערשט אויך איבער אוקראינע האבען זיך דארט ספעציעל געגרינדעט יודישע ישובים. דער יודישער געלעהרטער ליטינסקי אין זיין „קורות פודוליה וקדמוניות היהודים שם" (1895) ברענגט די לעגענדעס, אז יודען האבען זיך בעזעצט אין דעם מערב־טייל פון אוקריאנע (פאדאליען) שוין אין די צייטען פון רוימישען קייזער אדרינוס, דאס הייסט באלד נאכ'ן חורבן פון 2־טען בית המקדש. אבער דאס זענען אלץ לעגענדעס אדער נישט זיכערע השערות. זיכער איז, אז אין 12־טען יאהרהונדערט זענען שוין געווען אין אוקראינע פיעל יודישע ישובים, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אביסעל תלמידי חכמים, אבוואהל די צאהל תלמידי חכמים איז דארט געווען נישט קיין סך. אזוי ווערט אין „ספר הישר" פון בעריהמטען בעל־תוספות רבנו תם (וועלכער איז געשטארבען אין דער 2־טער העלפט פון 12־טען יאהרהונדערט) דערמאהנט איינער פון רבנו תם'ס תלמידים „רבי משה פון קיעוו (קיוב)". א צווייטער תלמיד פון רבנו תם, רבנו אליעזר פון בעהמען (מביהם), וועלכער האט אויך געלעבט אין יענער צייט שרייבט אין זיין בעקאנטער תשובה (געדרוקט אין „אור זרוע הגדול" און אין „שאלת ותשובות מהרח בר ברוך") אז „ברוב המקומות במדינות פולין ורוסיה ואונגריא שאין שם לומדי תורה מחמת דחקם, והם שוכרים להם לשליח ציבור ולמורה צדק וגם למלמד לבניהם" (אין א סך ערטער אין פוילען, רוסלאנד און אונגארן, וואו ס'איז נישט פארהאן קיין לומדים, און זיי דינגען זיך איינעם, וואס זאל זיין ביי זיי א חזן, און א מורה הוראה, און א מלמד פאר די קינדער); דערביי דארף מען בעמערקען (ווי עס ווייזט אויף בן ציון כץ אין דער איינלייטונג צו זיין „לקורות היהודים ברוסיה, פולין וליטא", בערלין 1898), אז מיט דעם ווארט „רוסיה" האט מען אין אלע שאלות ותשובות־ספרים פון יענער צייט און אויך פון די שפעטערדיגע צייטען געמיינט מזרח־גאליציען און אוקראינע, דאגעגען דאס אייגענטליכע רוסלאנד האט געהייסען מייסטענס „ארץ מאסקווי". פון דער דאזיגער תשובה פון רבנו אליעזר פון בעהמען איז אלזא קלאר, אז שוין אין יענער צייט זענען געווען א סך יודישע ישובים אין אוקראינע, ווייל ער שרייבט דאך בפירוש וועגען „רוב המקומות" (אין מייסטען ערטער). עס איז פארהאן אויך א מיינונג, אז אין יענער צייט האבען די יודישע סוחרים פון מערב־אייראפא, פון פראנקרייך און דייטשלאנד, געפיהרט גרויסע מסחרים מיט די אזיאטישע לענדער פון פערסיען און זאגאר אינדיען, דורך די יבשה, און זייער וועג איז געגאנגען דורך די יודישע ישובים פון אוקראינע, און די יודען אין אוקראינע זענען געווארען פערמיטלער אין דאזיגען וועלט־מסחר. שפעטער איז זאגאר קיעוו די הויפט־שטאדט פון אוקראינא געווארען בעריהמט מיט איהרע לומדים.

גאר שטארק האבען זיך ענטוויקעלט די יודישע ישובים אין אוקראינע פון יאהר 1569, ווען פוילען האט זיך פולשטענדיג פעראייניגט מיט ליטא, און אוקראינא וואס האט דעמאלט געהערט צו ליטווישע פירשטען איז פערבינדען געווארען מיט דער פוילישער מלוכה. גרויסע פוילישע מאגנאטען, פירשטען, פריצים האבען זיך בעזעצט אין אוקראינע און פערנומען גאנצע געגענדען און האבען ערקלערט די אוקראינישע פויערען אלס דאס אייגענטום פון די פריצים, „פאנשטשיזנע". יודען האבען זיך דע־

מאָלס בעזעצט נישט נאָר אין די שטעדט, נאָר אויך אין די דערפער, וואו זיי זענען געוואָרען אַממיינסטען ארענ־דאַטאָרען ביי די פּוילישע פּריצים. די יודען האָבען זיך אויך פערנומען מיט האַנדעל, מלאכה, און האָבען געבראַכט גרויס נוצען פאַר דער אויפלעבונג פון לאַנד. אָבער גלייכצייטיג איז ענטשטאַ־נען געגען יודען א שנאה ביי די אוקראַי־נישע פּויערען וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז די יודען העלפען די פּוילישע פּריצים צו אונטערדריקען די אוקראַינישע פּוי־ערען. דעריבער ווען עס פלעגט אויס־בּרעכען א אויפשטאַנד פון די אוקראַי־נישע פּויערען און קאַזאַקען (פרייע פּוי־ערען) געגען די פּוילישע פּריצים, האָבען אויך די יודען געליטען. די גרעסטע שחיטה אויף יודען אין אוקראַינאַ איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1648, דאָס איז די בעריהמטע „גזירת תּח ות"ט", אין דער צייט פון אויפשטאַנד פון די או־קראַינישע קאַזאַקען אונטער דער פיה־רונג פון באָגדאַן כמיעלניצקי.

אין יענער צייט פון יאָהר „תּח ות"ט" זענען חרוב געוואָרען זעהר פיעל יודישע קהלות אין אוקראַינע, פיעל צעהנדליגער טויזענדער יודען האָט מען אויסגעשאָכטען, א סך איבערגעבליבענע זענען ענטלאָפען און האָבען זיך בעזעצט אין אנדערע לענדער. דער יודישער ישוב אין אוקראַינע איז געוואָרען זעהר פערקלענערט, און ספּעציעל שפּעטער, ווען א טייל פון אוקראַינע (פון דער לינקער זייט פון דניעפּר) איז אין יאָהר 1667 ארונטערגענומען געוואָרען אונטער דער הערשאַפט פון רוסישען צאַר אין מאָסקווא, און מען האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען פערשידענע געזעצען, וואָס האָבען בעגרענעצט דאָס רעכט פון יו־דען צו וואוינען אין אוקראַינע. זעהר שלעכט איז אויך געוואָרען די לאַגע פון די יודען אין יענעם טייל אוקראַינע (אין דער רעכטער זייט פון טייך דניעפּר) וואָס איז פערבליבען אונטער דער הערשאַפט פון פּוילען. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע שחיטות אויף יודען. — גענויער אוז און די שרעקליכסטע פון זיי איז געווען די „אומאַנער שחיטה" אין יאָהר 1768. אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט איז גאַנץ אוקראַינע געוואָרען א טייל פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, און דער גורל פון די יודען אין אוקראַינע איז געוואָרען פערבינדען מיט'ן גורל פון די יודען אין רוסלאַנד. וועגען דער געשיכ־טע פון די יודען אין אוקראַינע אין 19־טען יאָהרהונדערט, די עקאָנאָמישע ענט־וויקלונג, די פערשידענע גזירות, די אַנ־טיסעמיטישע העצע, די פערשידענע עלילת־הדם־פּראָצעסען, די פּאָגראָמען, און אויך דאָס גייסטיגע לעבען, די ווי־סענשאַפט און ליטעראַטור פון די או־קראַינישע יודען אין 19־טען און אָנ־הויב 20־טען יאָהרהונדערט ווילען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „רוסלאַנד", ווייל דעמאָלס איז אוקראַינע געווען פאַר־טיש א טייל פון רוסלאַנד.

ערשט אין יאָהר 1917, אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, ווען עס איז אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט אוקראַינע געפּרובט זיך ווידער אָבטיילען פּאָליטיש פון רוס־לאַנד און ווערען א בעזונדער פּויליש לאַנד. די פּרובען דערצו זענען געווען פערשידען, און זיי האָבען געדויערט די יאָהרען פון 1917 ביז ענדע 1920. דאָס זענען געווען די שרעקליכסטע צייטען פאַר די יודען אין אוקראַינע. אין אָנהויב האָבען די פערשידענע אוקראַינישע רע־גירונגען זאָגאַר געגעבען די יודען די ברייטסטע פרייהייטען און נאַציאָנאַלע

אויטאָנאָמיע און האָבן זאָגאר געשאפן
א באַזונדער יודיש מיניסטעריום, צו־
ערשט אונטער דער פיהרונג פון ד״ר מ.
זילבערפארב, און נאָכהער פון וו.לאצקי
בערטאָלדי. אָבער אין ענדע פון יאָהר
1918 האָבן זיך אָנגעהויבען די שרעק־
ליכע שחיטות אויף די אוקראינישע
יודען. די פערשידענע אוקראינישע אטא־
מאַנעס מיט זייערע חיילות האָבען זיך
געוואָרפען אויף די יודישע שטעדט און
דערפער און געשאָכטען יודען. די דאָזי־
גע שחיטות האָבען געדויערט
ביז יאָהר 1921. מען נעהמט אָן, אז
עס זענען געווען איבער 2000 פאָגראָמען
אויף די אוקראינישע יודען אין יענער
צייט. עס איז נישט גענוי בעקאַנט די
צאָהל יודען הרוגים, וואָס זענען געפא־
לען אין די שחיטות; מען שאצט אָב אז
די צאָהל האָט דערגרייכט ביז 75 טוי־
זענד. עס זענען געווען שטעדט און
דערפער וואו כמעט אַלע יודען זענען
אויסגעשאָכטען געוואָרען. די יודען פון
אוקראינע האָבען דעמאָלס גענומען זיך
פונאַנדערלויפען איבער דער וועלט, דורך
פוילען, רומעניען, און האָבען געליטען
אויפ׳ן וועג די שרעקליכסטע עינויים
ביים דורכגעהן די גרעניץ. א סך זענען
אומגעקומען פון מגפות, פון הונגער.
פיעל אוקראינישע שטעדט וואו עס האָ־
בען פריהער געוואוינט טויזענדער
יודען, זענען געוואָרען אינגאנצען ליי־
דיג פון יודען, ווייל דער רוב פון די
איבערגעבליבענע יודען איז אנטלאָפען
אין די גרויסע שטעדט, וואו דאָס לעבען
איז געווען זיכערער. אויפגעהערט האָבען
די פאָגראָמען אין יאָהר 1921, ווען די
ראטען־רעגירונג פון רוסלאַנד האָט צו־
ריק פערנומען אוקראינע און פערטרי־
בען די מחנות פון די אוקראינישע אטא־
מאַנעס, און האָט אויך אָנגענומען זעהר
שטרענגע מיטלען געגען די פאָגראָמען.
אין א צייט שפּעטער, אין יאָהר 1927
האָט אין פאריז שווארצבארד דערשאָסען
דעם אטאַמאַן פעטלורא, וועלכער איז
געווען אין די יאָהרען 1918 — 1921
דער הויפּט־פיהרער פון דעם אוקראיני־
שען מיליטער אין דער צייט פון די
שחיטות אויף יודען. — גענויער און
אויספיהרליכע איינצעלהייטען וועגען די
דאָזיגע שחיטות אויף די אוקראינישע
יודען וועלען מיר געבען ביים שטיך־
וואָרט „פאָגראָמען״, ווי אויך ביי די
שטיך־ווערטער „פעטלורא״, און ביי די
נעמען פון די גרעסטע שטעדט פון או־
קראינע, וואָס האָבען פון די שחיטות
אַמערסטען געליטען ווי „פראָסקוראָוו״
און אנדערע.

די עקאָנאָמישע לאַגע איצט פון די
יודען אין אוקראינע, וואו עס הערשט די
באָלשעוויסטישע אָרדענונג, איז נישט
קיין בעשטימטע און ענדערט זיך כסדר.
גאָר אין די ערשטע יאָהרען פון דער
באָלשעוויסטישער הערשאַפט איז די לאַ־
גע פון די אוקראינישע יודען געווען גאָר
שרעקליך. עס איז געווען דער אַלגעמיי־
נער הונגער, דער מסחר איז געוואָרען
אונטערגעגראָבען, דאָס גאַנצע עקאָנאָ־
מישע לעבען האָט איבערגעלעבט אַן
אויפטרייסלונג, און די יודען זענען גע־
בליבען אָהן פרנסה. די איינציגע רע־
טונג פאר זיי זענען נאָר געווען די הילפס־
געלדער, וואָס זיי האָבען בעקומען פון
קרובים און הילפס־אינסטיטוציונס אין
אַמעריקא און אַנדערע לענדער. ביס־
לעכווייז זענען די אוקראינישע יודען
אריבער צו פאבריקס־ארבייט, א סך פון
זיי זענען אויך קאָלאָניזירט געוואָרען
אויף באָדען, עס זענען אויך אַ סך או־
קראינישע יודען אָנגענומען געוואָרען
אויף רעגירונגס־פאָסטענס, אַזוי אז אין

אלגעמיין האט זיך די לעצטע יאהרען זייער לאנגע פערבעסערט. אבער דאך רעכענט מען אז א גרויסע צאהל אוקראינישע יודען געפונען זיך נאך היינט אין א זעהר טראגישער לאגע אין עקאנאמישען זין.

אויך דאס גייסטיגע לעבען פון די יודען אין אוקראינע ווי איבערהויפט אין ראטען־רוסלאנד האט דורכגעמאכט אונטער דער באלשעוויסטישער הערשאפט אן איבערקעהרעניש. די ראטען־רעגירונג האט געשאפען איבער אלע שטעדט א נעץ פון שולען מיט יודיש אלס אונטערריכטס־שפראך און האט דער יודישער שפראך געגעבען די ברייטסטע אויטאנאמיע סיי אין די שולען סיי אין די געריכטען (20 יודישע געריכטען). זי האט אויך געגרינדעט זעקס הויכשולען מיט יודיש אלס אונטערריכטס־שפראך, נעמליך, 4 טעכניקומס (אין כארקאוו, קיעוו, זשיטאמיר, וויניצע), איין הויכע אגראנאמישע שולע (אין נאוואפאלטאווקע) און א יודישען פאקולטעט אויף דער אוניווערסיטעט אין אדעס. ביי דער אוקראינישער אקאדעמיע אין קיעוו איז אויך געשאפען געווארען ספעציעלע קאטעדרעס פאר פארשען די יודישע שפראך יודישען פאלקלאר און יודישע געשיכטע, און זיי גיבען ארויס יודישע ביכער. אבער גלייכצייטיג אונטער דעם איינפלוס פון דער יודישער אבטיילונג פון דער באלשעוויסטישער פארטיי אין אוקראינע, די „יעווסעקציע“ (יודישע אבטיילונג), האט די ראטען־רעגירונג געפיהרט א קאמף געגען דער פריערדיגער אנגענומענער רעליגיעז־יודישער טראדיציע; פיעל שוהלען זענען פערוואנדעלט געווארען אין קלובען, מען האט פערבאטען צו לערנען אין חדרים רעליגיע און העברעאיש. דער ציוניזם איז ערקלערט געווארען אלס פערבאטען, און א סך יודען, וואס האבען אין געהיים עובר געווען אויף די דאזיגע פערבאטען האט מען פערשיקט קיין סיביר.

וועגען א גאנצע רייה זאכען, וואס מיר האבען דא, אין דעם שטיך־ווארט „אוקראינע“, אנגעריהרט נאר פערבייגעהענדיג, וועלען מיר געבען אויספיהרליכע בעשרייבונגען אין אנדערע שטיך־ווערטער. אזוי וועלען מיר געבען וועגען די גזרות תח ות"ט אן אויספיהרליכע בעשרייבונג ביים שטיך־ווארט „כמיעלניצקי“, וועגען די גזירת גאנטא ביים שטיך־ווארט „אומאן“ און „גאנטא“, וועגען אוקראינע אין 19־טען און אנהויב 20־טען יאהרהונדערט ביים שטיך־ווארט „רוסלאנד“, וועגען דער איצטיגער לאגע פון די יודען אין אוקראינע אויך ביי די ווערטער „רוסלאנד“, „יעווסעקציע“, וועגען די שחיטות אין אוקראינע אין די יאהרען 1919 — 1921 אין די דערמאהנטע שטיך־ווערטער „פעטלורא“ און אנדערע. א חוץ דעם וועלען אויך קומען בעשרייבונגען ביי די איינצעלנע נעמען פון פערשידענע אוקראינישע שטעדט ווי קיעוו, פראסקוראוו, כארקאוו און אנדערע.

ביבליאגראפיע. וועגען דער עלטערער געשיכטע פון די יודען אין אוקראינע איז צו געפינען אין ליטינסקי „קורות פודוליה“; מרגליות; „דובנא־רבתי“; בובער, „מזכרת לגדולי אוסטראה“; הארקאווי, „היהודים ושפת הסלבים“; וועגען יודישען לעבען אין אוקראינא אין 16־טען און 17־טען יאהרהינדערט האט געזאמעלט אביסעל מאטעריאלען פון די שאלות־ותשובות־ספרים בן־ציון כץ און זיין „לקורות היהודים ברוסיה פולין וליטא“; צו דער גזירות ת"ח ות"ט און אויך די אומאנער גזירה האט צונויפגעזאמעלט מאטעריאלען גורלאנד אין זיין „לקורות הגזרות על ישראל“, און אין יודיש איז פארהאן אביסעל מאטעריאל און וויינרייך „שטורמווינטן“ און „היסטארישע שריפטען“ פון יודישען וויסענשאפטלי־

כען אינסטיטוט אין ווילנא ווי אויך אין די אויסגאַבען פון היסטאָרישען פאַקולטעט ביי דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע אין קיעוו; וועגען די שחיטות אין די יאָהרען 1919-1921 איז פאַרהאַן אויפיהרליך אין דריטען באַנד פון העברעאישען זאַמעלבוך „רשומות", און אין יודיש אין טשע־ריקאָווער, „אַנטיסעמיטיזם און פאָגראָמען אין אוקראַינע", פייגענבערג, „דער פנקס פון דובאווא", גאָלדעלמאַן, „אין גלות ביי די אוקראַינער"; וועגען דער איצטיגער לאַגע פון יודען אין אוקראַינע איז פאַרהאַן אין: גערגעל, „די לאַגע פון יודען אין רוסלאַנד" (1929), „בלעטער פאַר יודישער דעמאָגראַפיע" (בערלין 1923-1925), „אַר־בייטער-קאַלענדאַר" (ערשיינט אין ראַטען-רוסלאַנד), לעשטשינסקי, „דער אמת וועגען די יודען אין רוסלאַנד (בערלין 1925); אַ גענויע ביבליאָגראַפיע געפינט זיך אין „אשכול"-ענציקלאָפּעדיע ביים שטיך-וואָרט „אוקריינה".

## אור

אויף העברעאיש איז „אור" דער טײַטש „ליכט". אָבער דאָס דאָזיגע וואָרט האָט אויך אַ סימבאָלישע בעדייטונג אין די אַלטע יודישע אגדות און אין קבלה און חסידות, און מען פערשטעהט אונטער דעם וואָרט „אור" די „גייסטיגע ליכטיגקייט". שוין איז ישעיה כ' ווערט געזאָגט ווענען גאָט „והיה לך ה' לאור עולם" (און גאָט וועט זיין פאַר דיר דאָס אייביגע ליכט), דאָס הייסט, אַז גאָט איז דער אור פון דער וועלט. דאָס זעלבע ווערט געזאָגט אין תהלים כ"ג „ה' אורי וישעי". אויף דעם פסוק אין משלי ו' „ותורה אור" זאָגט די גמרא אין סוטה כ"א „מה אור מאיר לעולם אף התורה מאירה לעולם" (פונקט ווי ליכט בעלייכט די וועלט, אַזוי בעלייכט אויך די תורה די וועלט). אין דער גמרא חגיגה י"ב ווערט דערצעהלט וועגען דער ערשטער גרויסער ליכטיגקייט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען אין אָנהויב פון דער וועלט און האָט עס בעהאַלטען פאַר די צדיקים, און דאָס ווערט שפּע־טער אָנגערופען דער „אור שבעת הימים" פון ישעיה ל'.

אין דער קבלה ווערט די געטליכקייט אָנגערופען דער „אור העליון" (דאָס העכסטע ליכט), און מיט'ן וואָרט „אור" ווערט אויך בעצייכענט די נשמה הפני־מית, די אינערליכע נשמה פון דער וועלט. דער „אור" ווערט איינגעטיילט אין פערשידענע אייגענשאַפטען ווי „אור דאצילות", „אור ישר", „אור מקיף" און אנדערע. — אין דער חסידישער שפּראַך ווערט דער צדיק אויך אָנגערו־פען „אור". אין די חסידישע ספורי־מעשיות קאָן מען געפינען דערצעהלט, ווי אַ גרויסער רבי איז אַ מאָל פערביי־געגאַנגען פאַר אַ אָרימע שטוב, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָ שיינט איהם אַ „אור", און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין דער אָרימער שטוב האָט גע־וואוינט אַ בעהאַלטענער צדיק.

וועגען „ליכט" און „ליכט בענשען" וועלען מיר שרייבען ביי די דאָזיגע שטיך־ווערטער.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „אור"); „אשכול"-ענציקלאָפּעדיע; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע (שטיך־וואָרט „לייט").

## אור כשדים

דאָס איז, לויט דעם ספור אין חומש, די שטאָדט אין בבל, וואו אברהם אבינו איז געבוירען געוואָרען. אין חומש בראשית י"א ווערט דערצעהלט, אַז תרח, דער פאָטער פון אברהם אבינו, האָט גע־וואוינט מיט זיינע צוויי זוהן הרן און אברהם אבינו „בארץ מולדתו בעיר כשדים" (אין זיין געבורטס-לאַנד אין אור כשדים) און ער איז מיט אברהם פון דאָרט אוועק קיין חרן. טייל געלעהר־טע פאָרשער מיינען אַז דאָס איז די אַלטע שטאָדט אין דרום־בבל ביים טייך

פרת, און די שטאָדט ווערט אויך אָנגערופען אין די אַלטע שריפטען פון בבל מיט'ן נאָמען „אורו", און שפּעטער האָט זי אויך געהייסען „כשדים". עס געפונען זיך איצט אַלטע חורבות פון דער דאָזיגער שטאָדט, און זיי הייסען ביי די היינטיגע איינוואוינער איז יענער געגענד „אַל־מוקאיאר". מען האָט לעצטענס געגראָבען אויף דעם אָרט פון די חורבות פון אור־כשדים און דאָרט געפונען שפּור'ען פון אַלטע בנינים. דאָרט זאָל האָבען אויך געווען א הייליגער טעמפּעל פון דער אַלטער באַבילאָנישער רעליגיע. דער געלעהרטער קיטעל אין זיין בוך „תנך־וויסענשאַפט" (א יודישע איבערזעצונג איז ערשינען וואַרשא 1923) ברענגט די מיינונג פון א רייה געלעהרטע, אז ווייל אין „אור" איז געווען א טעמפּעל פאַר דעם „לבנה־גאָט", דעריבער זאָל זיין ריכטיג די השערה פון טייל ביבעל־קריטיקער, אז אויך דער גאַנצער ספּור ביי אברהם אבינו איז פערבונדען מיט דעם דאָזיגען טעמפּעל. אָבער אויך קיטעל זעלבסט טרעט ארויס געגען דער דאָזיגער מיינונג און ער בעמערקט, אז עס איז בכלל נאָך נישט בעוואוסט אויף זיכער צי „אורו" פון די אַלט־באַבילאָנישע שריפטען האָט א שייכות מיט דעם אור כשדים פון חומש. עס איז אויך פאַרהאַן א מיינונג אז „אור" איז די שטאָדט „אורפא" (דאָס אַלט־גריכישע „עדעסא"), און ביי די איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט איז פאַרהאַן א טראַדיציע, אז דאָרט איז געבוירען געוואָרען אברהם אבינו.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל"; „אשכול"; דעליטש, „וואו איז געלעגען דער פּאַראַדיס" (דייטש); קיטעל, „תנך וויסענשאַפט" (יודישע איבערזעצונג).

**אורבינא** איז דער נאָמען פון א שטאָדט אין איטאַליען, און דאָרט איז געווען א יודישער ישוב שוין אין 13־טען יאָרהונדערט. דאָרט איז פאַרהאַן אַן'אַלטער בית הקברות אויף א באַרג, און מען רופט איהם „דער יודישער באַרג". — פון נאָמען פון דער דאָזיגער שטאָט איז ענטשטאַנען דער נאָמען פון א בעריהמטער יודישער פאַמיליע „אורבינו", וואָס האָט ארויסגעגעבען גרויסע רבנים און געלעהרטע מענער. בעקאַנט איז רבי שלמה בן אברהם אורבינו אין ענדע פון 15־טען יאָהרהונדערט, א תלמיד פון רבי עובדיה ברטנורא; ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „אהל מועד" אויף שמות נרדפים אין העברעאיש. בעוואוסט איז אויך רבי יוסף ברוך אורבינו; ער האָט איבערזעצט פון איטאַליעניש אויף העברעאיש א ריי ספרים, ווי „ספר הכדור", „הגיון ופילוסופיא טבעית", ער זאָל אויך האָבען איבערזעצט פון איטאַליעניש אין העברעאיש יהודה אברבנאל'ס „ליעבע־דיאַלאָגע", וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין ליק תרל"א.

ביבליאָגראַפיע: גיראַנדי, „תולדות גדולי ישראל"; יודיש ענגלישע ענציקלאָפּעדיע „אשכול".

**אורוגוויי** א רעפּובליק אין דרום־אַמעריקא וואוהין עס האָבען איינגעוואַנדערט אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה א געוויסע צאָהל יודען פון מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אורוגוויי ליגט אין שכנות פון בראַזיליען און פערנעהמט א שטח פון 178 טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער, אויף וועלכען עס וואוינט א בעפעלקערונג פון 1 מיליאָן מיט 800 טויזענד נפשות. די הויפּט־שטאָדט פון אורוגוויי הייסט

„מאנטעווידעא". די יודישע אימיגראַציע קיין אורוגוויי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה. אממערסטען זענען געקומען אהין ספרדישע יודען פון טערקיי און סיריען. די צאָהל יודישע אימיגראַנטען איז דעמאָלס געווען א קליינע. אָבער נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען אַלע לענדער, און איבערהויפט די פאראייניגטע שטאַאַטען פון צפון־אַמעריקא, האָבען בעגרענעצט די אימיגראַציע, האָבען א גרעסערע צאָהל יודען פון פוילען און ליטא און אויך ענטלאָפענע פון אוקראַינע און רוסלאַנד גענומען וואַנדערען אין די קלענערע לענדער פון דרום־אַמעריקא, און צווישען זיי אויך קיין אורוגוויי. איצט איז אין אורוגוויי פאַרהאַן ביי 20 טויזענד יודען וועלכע וואוינען אממערסטען אין דער הויפט־שטאָדט מאַנטעווידעאָ; א קליינע צאָהל יודען וואוינען אויך אין די פּראָווינץ־שטעדט, ווי מערסעדעס, בענטאָס און אַנדערע. א געוויסע צאָהל יודען האָבען זיך אויך בעזעצט אויף קאָלאָניעס און בעשעפטיגען זיך מיט ערד, וואָס זיי האָבען בעקומען פון דער רעגירונג.

אין אורוגוויי האָבען יודען פולשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג; עס זענען פאַרהאַן אין אורוגוויי יודען וואָס פערנעהמען העכערע פּאָסטענס ביי דער רעגירונג. אין אורוגוויי איז שוין אויך פאַרהאַן א יודישע דרוקעריי און עס ערשיינט דאָרט אויף יודיש א וואָכענצייטונג, און עס איז געווען א פּרוב זאָגאַר ארויסצוגעבען אַ טאָג־צייטונג אויף יודיש. עס זענען דאָרט פאַרהאַן אויך עטליכע יודישע פאַראיינען פון ציוניסטען, בונד, פועל־ציון. עס עקזיסטירען שולען מיט העברעאיש און יודיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך. אורוגוויי רעכענט זיך צו די לענדער, וואָס האָבען א גרויסע בעדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער יודישער עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. לעצטענס עמיגרירען קיין אורוגוויי אממערסטען יודישע בעל־מלאכות פון פוילען. דאָס לאַנד איז אין פאַבריקאַציע נאָך זעהר אָרעם. ערד איז דאָרט זעהר ביליג. די לאַנדעס־שפּראַך איז שפּאַניש.

ביבליאָגראַפיע: ידיעות וועגען אורוגוויי אַלס אימיגראַציע־לאַנד קאָן מען געפינען אויף יודיש אין דער בראָשור „יודישע עמיגראַציע" אַרויסגעגעבען אין בערלין 1926 פון עמיגדירעקט; אויך אין דעם יודישען וואָכענזשורנאַל „עמיגראַנט", וואָס איז ערשיענען אין ווארשא (אין די יאָהרען 2921-1925).

**אורח** מיט דער וואָרט „אורח" פערשטעהט מען אין דער יודישער שפּראַך א בכבוד'ן פרעמדען אָרימאַן, וואָס עס איז א מצוה אריינצונעהמען אין שטוב און איהם געבען צו עסען און נעכטיגען און אזוי אַרום מקיים זיין די מצוה פון „הכנסת אורחים". מיט'ן וואָרט „אורח" מיינט מען אין דער יודישער פאָלקס־שפּראַך נישט סתם אַן אָרימאַן, נאָר אַ עטוואָס „בכבוד'ן"; א „אָרימאַן" סתם בעקומט א נדבה. אָבער א „אורח" איז שוין ווי א גאַסט. וועגען דעם גאַנצען ענין פון „אורח", די פערשידענע גמרא־ווערטער וועגען דעם און אויך וועגען די שפּעטערדיגע יודישע פאָלקס־מנהגים און פאָלקס־מעשה'ס פון הכנסת אורחים וועלען מיר שרייבען ביים שטיך־וואָרט „הכנסת אורחים".

**אורי לעסער** (1862 — 1931). בעריהמטער יודישער קונסטמאָלער. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1862 און האָט שטודירט אין בערלין, מינכען, בריסעל, נאָכ־

הער אין פאריז. אין יאהר 1885 האט ער זיך בעזעצט אין בערלין, ער האט געהערט צו די אימפרעסיאניסטישע מאלער. א חוץ בילדער פון אלגעמיינעם אינהאלט האט לעסער אורי זיך אויך בעריהמט געמאכט מיט זיינע בילדער פון תנ"ך-אינהאלט, ווי ירמיהו, משה צעברעכט די לוחות, אדם און חוה, ווי אויך דאס בילד ירושלים. לעסער אורי איז געשטארבען אין בערלין אין יאהר 1931.

ביבליאגראפיע: טאג-צייטונג „היינט" אין ווארשא נאוועמבער 1931; „אשכול"; יודיש-דייטשער לעקסיקאן; „מילגרויב"; שווארץ, „לעסער אורי" (דייטש).

## אורי פייבוש בן אהרן

(1623 — 1715). בעריהמטער יודישער דרוקער אין אמסטערדאם און נאכהער אין פוילען (זשולקעוו), ארויסגעבער פון דער ערשטער צייטונג אין דער יודישער שפראך, ארויסגעבער פון דער ערשטער פולער יודישער איבערזעצונג פון תנך.

אורי פייבוש, אדער ווי ער האט זיך גערופען „אורי ויבוש" און אויך „אורי פעבוס לעוויטא" (ער איז געווען א לוי ווי אויך אורי וויטצענהויזען און וויטמאנד, שפילט א גרויסע ראליע אין דער געשיכטע פון יודישע דרוקערייען. ער איז געבוירען געווארען אין אמסטערדאם אין יאהר 1623. זיין פאטער איז געווען חזן אין דער ספרדישער שוהל. אורי פייבוש האט שוין אין זיין יוגענד זיך געלערענט זעצעריי, און אין יאהר 1658 האט ער געגרינדעט פאר זיך א דרוקעריי אין אמסטערדאם. צווישען די וויכטיגסטע ספרים וואס ער האט געדרוקט איז געווען אויך דער ש"ך אויף חושן משפט צוזאמען מיט'ן חושן משפט. פאר דער געשיכטע פון דער יודישער שפראך האבען א אונגעוועהנליך גרויסע בעדייטונג צוויי אויסגאבען אויף יודיש, וואס אורי פייבוש האט אבגעדרוקט, דאס זענען: די ערשטע יודישע פולשטענדיגע „תנך-איבערזעצונג" און די ערשטע יודישע צייטונג „קוראנט".

שוין פריער זענען איבערזעצט געווארן אויף יודיש פערשידענע ספרים פון תנך, ווי חומשים, תהלים און אנדערע. אבער א פולשטענדיגע איבערזעצונג אין דער יודישער שפראך פון גאנצען תנך איז נישט געווען. ערשט אורי פייבוש האט אין די יאהרען 1676 — 1679 ארויסגעגעבען אין זיין דרוקעריי דעם גאנצען תנ"ך אויף יודיש (אויף דעם שער שטעהט „תורה, נביאים וכתובים בלשון אשכנז"). די איבערזעצונג איז געמאכט געווארען דורך דעם קארעקטאר פון אורי פייבוש'ס דרוקעריי יקותיאל בליץ (וועגען איהם און זיין תנ"ך-איבערזעצונג וועלען מיר שרייבען בעזונדער ביים שטיך-ווארט „בליץ, יקותיאל"). כדי אנדערע דרוקער זאלען נישט קאנקורירען מיט איהם און אויך ארויסגעבען אנ'אנדערע יודישע תנ"ך-איבערזעצונג, האט אורי פייבוש גענומען הסכמות פון „ועד ארבע ארצות" אין פוילען און פון בעריהמטע רבנים און ער האט אויך צוגענומען צוויי שותפים. קריסטען, ווילהעלם בלוי און לארענץ באק, וועלכע האבען ארויסגעקריגען א פריווילעגיע פון דעמאלסדיגען פוילישען קעניג יאן סאביעסקי, אז מען טאר נישט אריינפיהרען קיין פוילען קיין אנדערע יודישע תנ"ך-איבערזעצונגען. אבער באלד האט דער צווייטער יודישער דרוקער יוסף עטיאש ארויסגעגעבען אנ'אנדערע יודישע תנ"ך-איבערזעצונג פון יוסף וויצענהויזען, דאס האט אורי פייבוש'ן פיעל שאדען געבראכט. ער

שרייבט אין זיין הקדמה: „ווי מיר דיזש ווערק איז אן קומן (אנגעקומען) און' וואש איך האב דר מיט (דערמיט) אויש גשטאנדין (אויסגעשטאנען) ווייש השי"ת וואול דאש איך עם אויף צוואנציג בוגין (בויגען) ניט קענט דר ציליין (דערציילען)".

די צווייטע וויכטיגע יודישע אויסגאבע פון אורי פייבוש איז געווען די ערשטע ציימונג אויף יודיש „קוראנט (פרייטאגישע און דינסטאגישע)" וואס איז ערשינען אין אמסטערדאם אין די יאהרען 1686 — 1687 צוויי מאל איז דער וואך, דינסטאג און פרייטאג.

צוליב א געוויסער סבה, וועלכע איז נאך ביז איצט נישט אויסגעפארשט האט אורי איבערגעטראגען זיין דרוקעריי קיין פוילען אין דער שטאדט זשולקיעוו (זאלקוויא) אין גאליציען. ער האט דערמיט פערשפרייט דאס יודישע דרוקעריי־וועזען אין פוילען. אין זשולקעוו איז די דרוקעריי געבליבען א לענגערע צייט אויך נאך אורי פייבוש'ס טויט (ער איז געשטארבען אנ'אלטער מאן אין יאהר 1715 אין אמסטערדאם), זיינע אייניקלעך האבען איהר ווייטער געפיהרט. פון זיי זענען ענטשטאנען אין פוילען פאמיליעס דרוקערס אין זשולקעוו און לעמבערג. דאס זענען די בעקאנטע פאמיליעס „מדפיס" און „לעטערים". עס איז פאראן א מיינונג אז אורי פייבוש האט מחבר געווען דאס יודיש־דייטשע ספר „נייער אבענד־זעגען" (געדרוקט אמסטערדאם 1677).

ביבליאגראפיע: גרעץ, „געשיכטע"; בובער, „קריה נשגבה"; רייזען, לעקסיקאן; (יאהר 1914) שטיך־ווארט „בליק" און ביים צייטונג־שטיך־ווארט „קוראנט"; באלאבאן, „פון יודישער געשיכטע אין פוילען" (פויליש); „אשכול".

**אורי סטרעליסקער** בעריהמטער חסידישער רבי אין אנהויב פון 19־טען יאהרהונדערט, בעקאנט מיט דעם נאמען „דער שרף פון סטרעליסק".

רבי אורי סטרעליסקער איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאדט יאנאוו, נישט ווייט פון לעמבערג אין גאליציען. זיין פאטער האט געהייסען פנחס און איז געווען א שניידער, נישט קיין למדן. ווענגען דעם פאר וואס אזא פשוטער יוד האט זוכה געווען צו האבען אלס א זוהן אזא גרויסען צדיק ווערען דערצעהלט פערשידענע לעגענדעס. עס ווערט דערצעהלט, אז זיין מוטער איז געווען א גרויסע צדיקת, און אז דער בעריהמטער חסידישער רבי ר' בער, דער „מגיד פון מעזריטש" האט איהר געבענשט צו האבען א גרויסען זוהן. ווענגען דער יוגענד פון רבי אורי איז גארנישט בעקאנט. מען ווייסט נאר, אז ער איז געווען א תלמיד פון חסידישען רבי ר' שלמה קארלינער, וועלכער איז ערמארדעט געוואָרען אין דער שטאדט לאדמיר אין יאהר תקנ"ב. נאך דעם טויט פון רבי שלמה איז ווייזט אויס, רבי אורי געוואָרען רבי און ער האט זיך בעזעצט אין סטרעליסק. א סך חסידים פון גאליציען זענען צו איהם געפאהרען. זיינע חסידים, ווערט דערצעהלט, זענען געווען כמעט אלע גרויסע ארימע לייט, ווייל דער רבי זייערער האט געהאלטען, אז רייכטום און גאלד שאדען דעם מענש. זיין רוהם איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט איהם גערופען דער „שרף" (דער ברענענדער מלאך). עס איז פאראן פון איהם געדרוקט פערשידענע תורות אין די חסידישע ספרים. עס ווערט פון איהם נאכגעזאגט, אז דעם פסוק „ומבשרי אחזה אלהי" האט ער געטייטשט: „ומבשרי, אז איך

טהו מיך אויס פון מיין קערפערליכקייט, אחוזה אלהי, דעמאָלס זעה איך גאָט״. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר תקפ״ו.

ביבליאָגראַפיע: „עש־צחצהות״ (פּיעטר קאָוו תרע״ט), „אכרי קדוש השלם״ (דאָרט איז אויך פאַרהאַן אַ גרעסערע לעבענס בעשרייבונג פון רבי אורי סטרעליסקער); באַדאַק, „סדר הדורות החדש״; אשכול ענציקלאָפּעדיע.

**אורי בן שמעון** פון בילא. ער האָט געלעבט אין ארץ-ישראל, אין צפת, אין דער 2-טער העלפט פון 16-טען יאָהר־הונדערט' אין יאָהר שכ״ד (1564) האָט ער געפונען אין צפת אַ רשימה פון די פערשידענע ערטער פון די קברים פון די נביאים און אלטע תנאים און אמוראים אין ארץ-ישראל, וואו זיי געפינען זיך. אורי האָט צו דער דאָזיגער רשימה צוגעגעבען זיין אייגענע רייזע־בעשרייבונג ווי אויך אַ לוח אויף 40 יאָהר, און ער האָט דאָס אָבגעדרוקט אונטער דעם נאָמען „יחוס האבות״. דאָס דאָזיגע ספר'ל איז געדרוקט געוואָרען צוערשט אין ווענעציע יאָהר 1575, דערנאָך נאָך עטליכע מאָל. עס איז אויך ערשינען מיט אַ לאַטיינישער איבערזעצונג אין היידעלסבערג (1659). דער „יחוס האבות״ איז אויך ערשינען אין אַ יודישער איבערזעצונג אין ווילנא 1853. דער „יחוס האבות״ האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יודען אין ארץ-ישראל אין מיטעל-אלטער.

ביבליאָגראַפיע: „איצר ישראל״; „אוצר המסעות״; „אשכול״.

**אוריאל** איינער פון די פּאָפּולערסטע מלאכים ביים יודישען פאָלק פון די אלטע צייטען אָן. שוין אין די צייטען פון 2-טען בית המקדש (אין אפּאָקריפישען ספר „חנוך״) ווערט דערמאָהנט אוריאל אלס דער מלאך וואָס איז ממונה איבער די זון, די לבנה און די שטערענס ווי אויך איבער די דונערען און בליצען. אין אבות דרבי נתן פּרק י״ב) ווערט געזאָגט אויפ'ן פּסוק „עושה שלום במרומיו״, אַז גאָט האָט געמאַכט שלום אויך אין הימעל, למשל, ער האָט נישט אַ נאָמען געגעבען צעהן מלאכים מיכאל, צעהן גבריאל, צעהן אוריאל און צעהן רפאל, נאָך יעדען מלאך האָט ער געגעבען זיין בעזונדערען נאָמען. דאָ זעהט מען, אַז אוריאל איז דעמאָלס געשטאַנען אין דער יודישער אגדה אויף דער מדריגה וואָס די אנדערע פּאָפּולערע דריי מלאכים מיכאל, גבריאל, רפאל. אין תרגום יונתן דברים ל״ד ווערט דערמאָהנט דער מלאך אוריאל, אויך אין דאַווענען, נאָך קריאת שמע זאָגען ביינאַכט ווערט געזאָגט: „מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, ומלפני אוריאל ומאחורי רפאל״, דאָס הייסט, אַז די אלע פיער מלאכים שיצען דעם מענש ביינאַכט ווען ער שלאָפט. לויט דער מיינונג פון ירושלמי ראש השנה, האָבען די יודען מיטגעבראַכט די מלאכים־נעמען פון בבל.

ביבליאָגראַפיע: „אשכול״; קאָהוט, איבער די יודישע אנגעלאָלאָגיע (דייטש).

**אוריאל אקאסטא** דאָס איז דער בעריהמטער יודישער פילאָזאָף און פריידענקער פון אמסטערדאם פון 17-טען יאָהרהונדערט. וועגען איהם וועלען מיר שרייבען אין שטיך-וואָרט „אקאָסטא אוריאל״ און מיר וועלען געבען זיין לעבענס-בעשרייבונג ווי אויך וועגען זיין פריידענקערישער שיטה.

**אוריה** דער נאָמען פון עטליכע פערזאָן אין תנ"ך. אין די צייטען פון דוד המלך איז געווען „אוריה החתי"; וועגען איהם שרייבען מיר אין א בעזונדערען שטיק־וואָרט. — אין דער צייט פון אחז דעם מלך אין יהודה ווי אויך פון ישעיה הנביא איז געווען א כהן אין ירושלים מיט'ן נאָמען אוריה. וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים ב' קאַפּיטעל ט"ז, און אין ספר ישעיה ח'. — דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען א נביא „אוריהו בן שמעיהו" פון „קרית יערים", וועלכער ווערט דער־מאָהנט אין ספר ירמיה קאַפּיטעל כ"ו. דאָרט ווערט דערצעהלט, אז אין דער צייט פון מלך יהויקים אין יהודה איז געווען אין ירושלים א נביא „אוריהו בן שמעיהו מקרית היערים" און ער האָט נביאות געזאָגט אויף ירושלים און אויף דעם לאַנד יהודה די זעלבע שלעכטע נביאות וואָס שפּעטער האָט געזאָגט ירמיה הנביא. דער מלך יהויקים האָט איהם דערפאַר געוואָלט טויטען. דעמאָלט איז אוריה אנטלאָפען קיין מצרים. אָבער דער מלך יהויקים האָט געשיקט מענ־שען קיין מצרים און מען האָט איהם פון דאָרט געבראַכט, און מען האָט איהם געטויט מיט א שווערד.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; גאָרדאָן, פירוש צו „ירמיה".

**אוריה החתי** אין ספר שמואל ב' קאַפּיטעל כ"ג ווערט צווישען די 37 „גבורים" פון דוד המלך אויך דער־מאָהנט אַלס דער לעצטער גבור אוריה החתי. אין זעלבען ספר שמואל ב' קאַ־פּיטעל י"א ווידער ווערט דערצעהלט, אז ווען דוד המלך האָט געשיקט זיין מיליטער־פיהרער יואב מיט זיין מילי־טער מלחמה האַלטען געגען עמון, האָט דוד געזעהן פון דאַך ווי עס וואַשט זיך א שעהנע פרוי, און דאָס איז געווען בת־שבע די פרוי פון אוריה החתי. דערנאָך קומט דאָרט די גאַנצע ערצעהלונג, ווי דוד המלך האָט געשיקט אוריה החתי צו דער מלחמה און האָט גלייכצייטיג געשיקט א בריעף צו יואב, אז ער זאָל אוריה'ן שטעלען אויף דעם שווערסטען שלאַכט־פעלד, כדי ער זאָל געטויט ווע־רען פון שונא. יואב האָט אזוי געטהון: אוריה איז געטויט געוואָרען, און דוד האָט גענומען בת שבע אַלס פרוי. נאָכ־הער ווערט דערצעהלט ווי נתן הנביא האָט דערפאַר געשטראָפט דוד המלך, און ווי שפּעטער האָט בת שבע געבוירען א זוהן, דאָס איז געווען שלמה המלך. דער גאַנצער חטא פון טויטען אוריה החתי איז כסדר דערמאָהנט געוואָרען דוד המלך. אפילו דער מחבר פון ספר מלכים א' (קאַפּיטעל ט"ו) ווען ער דערמאָהנט דוד המלך, אז ער איז געווען פרום און געטהון אַלץ וואָס גאָט האָט געהייסען, בעמערקט ער צו: „רק בדבר אוריה החתי" (א חוץ וועגען אוריה החתי).

וועגען דעם צונאָמען „החתי" איז פאַרהאַן פערשידענע מיינונגען. די איינ־פאַכע ערקלערונג איז אז אוריה האָט גע־שטאַמט פון דעם פאָלק „חתים", אָדער „בני חת", וואָס ווערען אָפט דערמאָהנט אין חומש און אנדערע ספרים פון תנ"ך אז זיי האָבען געהערט צו די „זיבען פעלקער" (שבעה עמים) וואָס האָבען בעוואוינט ארץ־ישראל און די יודען האָ־בען פון זיי ארץ־ישראל איבערגענומען. וועגען די דאָזיגע חתים האָט מען אין די לעצטע יאָהרען געפונען א סך היס־טאָרישע אויפשריפטען, וואָס ווייזען אז דאָס איז אמאָל געווען א מעכטיג פאָלק, וואָס האָט בעהערשט פאָדער־אזיען; מיר

וועלען וועגען די חתים שרייבען גאנץ בעזונדער ביים שטיך־ווארט „חתים" עס ווייזט אוים, אז אפילו דערנאך ווען די יודען זענען געווארען די הערשער אין ארץ־ישראל האבען אויך דארט געוואוינט איבערגעבליבענע פון דעם „חתים"־פאלק. אין מלכים א' קאפיטעל ט' ווערט דערצעהלט, אז די קינדער פון די חתים וואס זענען געבליבען אין ארץ־ישראל און מען האט זיי נישט פערטיליגט, האט שלמה המלך ארויפגעלעגט אויף זיי „מס עבד" (צינס־שטייער) אבער שוין אין די שפעטערדיגע צייטען, אין דער גמרא קידושין ע"ו, האט מען זיך אבגעשטעלט דערויף, וואס לויט דעם דין האט דאך איינער פון „זיבען פעלקער" נישט געטארט חתונה האבען מיט א יודישער פרוי; דער דאזיגער ווידערווילען געגען חתונות צווישען יודען און חתיים איז שוין געווען אין די צייטען פון יצחק אבינו, ווי עס ווערט דערצעהלט אין בראשית כ"ו, אז ווען עשו האט גענומען פרויען פון די חתיים „ותהיינה מרת רוח ליצחק ולרבקה" (זענען מיט זיי געווען נישט צופרידען יצחק און רבקה). דעריבער ערקלערט דארט די גמרא אין קידושין, אז אוריה איז געווען א יוד און ער האט געהייסען „החתי" ווייל „דיתיב בחת" (ווייל ער האט געוואוינט אין חתים־לאנד).

ביבליאגראפיע: ראזענבערג, „אוצר השמות"; יעבץ, „תולדות ישראל"; „אוצר ישראל".

## אורים ותמים אין חומש שמות כ"ח

ווערט געזאגט אז אהרן הכהן האט געטראגען אויף זיך דעם גאלדענעם שילד, וואס האט געהייסען „חושן המשפט" ווי אויך א גאלד־געניטען פארטוך וואס האט געהייסען „אפוד", און אין דעם „חושן" האט מען געגעבען דעם „אורים ותמים". וואס איז אזעלכעס געווען דער „אורים ותמים", ווערט אין חומש נישט געזאגט. אין א צווייט ארט פון חומש, במדבר כ"ז, ווערט געזאגט וועגען אלעזר הכהן „ושאל לו במשפט האורים לפני ה'" (און ער וועט איהם פרעגען אין דעם אורטייל פון די אורים פאר גאט). דערפון איז צו זעהן, אז דורך דעם „אורים" האט מען געפרעגט ביי גאט בעשייד וועגען וויכטיגע פראגען, וואס מען האט צו טהון, און גאט האט דורך די „אורים" געענטפערט. אין די שפעטערדיגע צייטען, אין צווייטען בית המקדש אין עזרא ב' י"ג אין נחמיה ז' ווערט שוין בפירוש געזאגט „עד עמוד כהן לאורים ותמים", כדי ער זאל קאנען דורך די אורים ותמים געוואר ווערען צווייפעלהאפטע פראגען. אין דער משנה יומא ע"א און דארט אין דער גמרא ע"ג ווערט שוין קלאר פערשטאנען, אז דורך דעם אורים ותמים האט מען געפרעגט ביי גאט, וואס צו טהון אין וויכטיגע פאלען. די גמרא אין יומא ע"ג זאגט אויך, אז די ווערטער „אורים ותמים" זענען דער טייטש „שמאירין את דבריהם ומשלימים את דבריהם" (זיי בעלויכטען זייערע רייד און דערגענצען זייערע רייד). אויך די גריכישע איבערזעצונג פון תנך, דער „תרגום השבעים" („סעפטואגינטא") זעצט איבער די ווערטער „אורים ותמים", „ענטפלעקונג און אמת".

טייל מיינען, אז דער „אורים ותומים" איז דאס זעלבע וואס דער „חשן ואפוד" רש"י זאגט, אז דער „אורים ותמים" איז דער „שם המפורש", וואס מען האט אריינגעלעגט אין „חושן ואפוד". טייל ביבעל־קריטיקער ווילען געפונען א פערגלייכונג מיט דעם „אראקעל" אין די

אלטע טעמפלען אין גריכנלאנד ווי אויך אין עגיפטען און בבל, וואו די פריסטער פלעגן ענטפערן אויף פערשידענע פראגען. דער יודישער געלעהרטער יצחק בער לעווינזאן אין זיין „זרובבל" (חלק ב') טרעט ארויס געגען דער דאזיגער מיינונג. יוסף פלאוויוס אין זיין בוך אלטערטימער (בוך 3, 8) זאגט, אז דער „אורים ותמים" האט אויפגעהערט אין דערמיט פון צווייטען בית המקדש. דאגעגען די משנה סוטה מ"ח זאגט „משמתו נביאים הראשונים בטלו אורים ותומים", און די גמרא דארט ערקלערט אז דאס מיינט מען, אז צוזאמען מיט'ן חורבן פון ערשטען בית המקדש האבען די אורים ותומים אויפגעהערט.

ביבליאגראפיע: לעווינזאן, „זרבבל" (חלק בי); רובין, „מעשה מרכבה" (וויען 1883); ראזענבערג, „אוצר השמות"; „אוצר ישראל".

**אורליינש (ארלעאן)** א שטאדט אין פראנקרייך, און אין די אלטע צייטען איז דארט געווען א גרויסע יודישע קהלה. אין 12־טען יאהרהונדערט איז די שטאדט ארלעאן געווען בעריהמט דורך די גרויסע לומדים, די בעלי תוספות, וואס האבען דארט געוואוינט, און די בעריהמטעסטע פון זיי זענען געווען דער רבנו יעקב תם און רבנו שמואל בן מאיר (רשב"ם). אין תוספות ווערען געבראכט נאך אנדערע בעריהמטע רבנים פון „אורליינש". היינט וואוינען אין ארלעאן א קליינע צאהל יודען.

אין די צייטען פון די „נוסעי הצלב" איז געווען א בלבול־לעגענדע אז יודען פון ארלעאן האבען געמאלדען די מאכמעדאנער אין ארץ־ישראל אז די קריסטען ווילען איינגעהמען דאס לאנד.

ביבליאגראפיע: גראס, „גאליא יודאאיקא"; גרעץ, „געשיכטע"; „אוצר ישראל".

**אושא** א שטאדט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער משנה, און זי איז בעקאנט דערמיט, וואס נאך דער מלחמה פון בר כוכבא, ווען דאס רוימישע מיליטער האט חרוב געמאכט דעם דרום־טייל פון ארץ־ישראל, איז קיין אושא אריבערגעטראגען געווארען דאס סנהדרין מיט'ן נשיא (ראש השנה ל"א). טייל געלעהרטע פארשער פון דער אלטער ארץ־ישראל־געאגראפיע, ווי אשתורי הפרחי אין זיין „כפתור ופרח", ספיר אין זיין „הארץ" זאגען, אז די אלטע שטאדט אושא איז געשטאנען אויף דעם ארט, וואו עס געפינט זיך היינט דער אראבישער „כירבאט הושא", דאס איז נישט ווייט פון שאסעע, וואס געהט איצט פון חיפה קיין טבריה. א בעוויז דערצו איז פארהאן, וואס אין דער גמרא סנהדרין ל"א ווערט דערצעהלט, אז דער תנא רבי יהודה בן בבא איז געזעסען צווישען צוויי „תחומי שבת" (א תחום שבת איז לערך איבער א קילאמעטער). און עס איז געווען „בין אושא לשפרעם" (צווישען אושא און שפרעם), און נעבען דעם איצטיגען „כירבאט הושא" איי ווירקליך פארהאן דאס אראבישע דארף „שפאעמר", וואס איז דאס אלטע „שפרעם". דער יודישער געלעהרטער פאלעסטינא־פארשער פראפעסאר קליין ברענגט אין זיין „ארץ־ישראל", אז מען האט אין „כירבאט הושא" געפונען א שטיין מיט אלטע העברעאישע אויפשריפטען „לאל זכר בן יהוחיל" און „לשרי בן אלזכר". דאס ווייזט, אז דא איז געווען א יודישער ישוב שוין אין די גאר אלטע צייטען. אין דער גמרא בבא בתרא כ"ו ווערען דערמאהנט תנאים מיט'ן נאמען „הולכי אושא" (די וואס זענען געגאנגען קיין אושא). אין מדרש שיר השירים רבה ב' ווערט דערצעהלט

וועגן די תנאים רבי יהודה, רבי נחמיה, רבי יוסי, רבי שמעון בן יוחאי און אנדערע, וואס זענען זיך צונויפגעקומען אין אושא לערנען תורה און האבן געהאלטן דרשות מיט שבחים פאר די איינוואוינער פון אושא, וואס האבן זיי פיין אויפגענומען. פון דעם זעלבן מדרש און אויך פון אנדערע ערטער איז צו זעהן אז דער תנא רבי יהודה איז געווען א שטענדיגער איינוואוינער פון אושא. אין דער גמרא כתובות מ"ט און אנדערע ערטער ווערן דערמאהנט תקנות וואס די חכמים האבן אנגענומען אין אושא (באושא התקינו). איינע פון די דאזיגע תקנות איז „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (אז איינער וויל געבן א סך צדקה, טאר ער אבער נישט געבן מעהר ווי א פינפטעל פון זיין פערמעגען), ווייל, — גיעט צו די גמרא — „שמא יצטרך לבריות" (טאמער וועט איהם אויסקומען אליין אנצוקומען צו מענשען).

ביבליאגראפיע: שיר, „ערך מלין"; פראנקעל, „דרכי המשנה"; שווארץ, „תבואות הארץ"; ספיר, „הארץ; הורב ץ, „ארץ ישראל ושכנותיה".

## אושעיא רבה

דאס איז דער נאמען

נאמען „רב אושעיא". טייל פון זיי זענען אנגערופען מיט זייער פאטער'ס נאמען, ווי „רב אושעיא בר אבא", און טייל הייסען סתם „רב אושעיא". די זעלבע אמוראים, ווען זיי ווערען גענבראכט אין דער גמרא בבלי הייסען זיי אממערסטענס „אושעיא" מיט א אלף צום אנהויב, און ווען זיי ווערען געבראכט אין דער גמרא ירושלמי אדער אין א מדרש וואס שטאמט פון ארץ־ישראל, הייסען זיי אממייסטענס „הושעיא" מיט א הא צום אנהויב. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען „רבי אושעיא רבה" אדער ווי ער הייסט אויך אין דער גמרא „רבי אושעיא ברבי" און אין ירושלמי הייסט ער כסדר „רבי הושעיא". וועגן איהם גיבען מיר אין א בעזונדערען שטיך־ווארט „אושעיא רבה".

אין אלגעמיין, וואו עס ווערט געבראכט אין דער גמרא סתם רב אושעיא מיינט מען דעם אמורא רב אושעיא, א תלמיד פון רבי יוחנן. דער דאזיגער רב אושעיא האט געלעבט אין 3-טען דור פון די ארץ־ישראל־אמוראים. אין דער גמרא פסחים קי"ג ווערט דערצעהלט, אז רב אושעיא און רב חנינא (זיין ברודער) זענען געווען „אושכפי בארעא דישראל", שוסטערס אין ארץ־ישראל. אין דער גמרא סנהדרין י"ד ווערט געבראכט, אז רבי יוחנן האט רב אושעיא'ן נישט געקאנט געבען קיין סמיכה, ווייל ער איז ארויסגעקומען פון דער כהנים־פאמיליע עלי. אין סנהדרין ס"ז ווערט דערצעהלט וועגען רב אושעיא און רבי חנינא, אז „כל מעלי שבתא הוו עסקי בהלכות יצירה ומיברי להו עיגלא תלתא ואכלי ליה" (יעדען ערב שבת פלעגען זיי עוסק זיין אין די מופת־זאכען פון יצירה און האבען זיך בעשאפען מיט א מופת א קאלב און איהם אויפגעגעסען). וועגען דער דאזיגער מערקווירדיגער ערצעהלונג פון דער גמרא איז פיעל געשריבען געווארען דורך די שפעטערדיגע מפרשים. צי מען דארף עס פערשטעהען בוכשטעבליך, אדער עס איז נאר א משל. יעדענפאלס האבען מיר די ערשטע שפורען פון די וואונדער־מעשה'ס ביי יודען וועגען שאפען א „גולם", דאס הייסט א לעבעדיגע זאך. רב אושעיא פלעגט אויך קומען אפט קיין בבל, און מיר געפונען

אין שבת קמ"ה און אויך אין אנדערע ערטער „כי אתא רב הושעיא מנהרדעא איתי מתניתא בידיה" (ווען רב הושעיא איז געקומען פון נהרדעא, אין בבל האט ער מיטגעבראכט די ברייתא).

ביבליאגראפיע: „סדר הדורות" „תולדות תנאים ואמוראים"; „אוצר ישראל".

**אושעיא** רב. אין דער גמרא טרעפען מיר עטליכע אמוראים מיט'ן

פון איינעם פון די ערשטע ארץ־ישראל־אמורים רבי אושעיא, וועלכער ווערט אנגערופען אין ירושלמי און מדרשים אויך רבי הושעיא, און טיילמאל ווערט איהם צוגעגעבען דער טיטול „ברבי" אדער „רבה", אדער „רובה", ער האט געלעבט אין ערשטען דור פון די אמורים (לערך אין יאהר 220), און איז געווען א תלמיד פון מסדר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא. דער גרעסטער תלמיד פון רבי אושעיא איז געווען דער שפעטערדיגער פיהרער פון ארץ־ישראל־ישיבה רבי יוחנן. אין ירושלמי (בבא קמא פרק ד' און אנדערע ערטער) ווערט ער אויך אנגערופען „אבי המשנה" (דער פאטער פון דער משנה). אין ירושלמי תרומות פרק י' ווערט געזאגט וועגען איהם, אז ער האט געוואוינט אין א פארט־שטאדט אין ארץ־ישראל קסרין (צעזארעא). עס ווייזט אויס, אז דארט האט זיך רבי אושעיא געטראפען מיט די אלטע פיהרער פון קריסטענטום, און ער האט געגען זיי געהאלטען דרשות, ווי למשל די דרשה אין מדרש בראשית רבה ח', ווי די מלאכים האבען א טעות געהאט אין אדם הראשון און געמיינט, אז ער איז א גאט, און ווי גאט האט איהם עקסטרא געמאכט שלאפען און אלע האבען געוואוסט אז ער איז נאר א מענש. וועגען רב אושעיא ווערט געזאגט אין דער גמרא חולין קמ"א אז ער האט מסדר געווען „ברייתות", דאס הייסט, די הלכות וואס זענען נישט אריינגענומען געווארען אין דער משנה.

אין די פריהערדיגע צייטען איז געווען א מיינונג, אז רבי אושעיא האט מחבר געווען אויך דעם מדרש בראשית רבה, ווייל מיר געפינען אין אנהויב דעם מדרש בראשית רבה איז פאראן „רבי הושעיא רבה פתח" (רבי הושעיא האט אנגעהויבען), און דערנאך געהט א דרוש פון איהם. דעריבער האט מען אויך דעם דאזיגען מדרש גערופען „בראשית דרביהושעיא". אבער דער יודישער מדרש־פארשער טעאדאר האט בעוויזען, אז דאס איז נישט ריכטיג. די דערמאהנטע דרשה פון רבי הושעיא איז מדרש זאגט אויפ'ן פסוק „ואהיה אצלו אמון", אז דאס זאגט די תורה „אני הייתי כלי אומנתו של הקדוש ברוך הוא" (איך בין געווען דאס געווערקצייג פון גאט), דאס הייסט מיט דער תורה האט גאט בעשאפען די וועלט. דער יודישער געלעהרטער באכער (אין זיין „אגדות אמוראי ארץ־ישראל) ווייזט אן אז דאס איז בעאיינפלוסט פון דער יודיש־אלעקסאנדרינישער פילאזאפיע פון פילאן און אנדערע, וואס האבען געהאלטען אז די געטליכקייט האט פריהער אויסגעשטראהלט פון זיך א קראפט, דעם „לאגאס", און דערפון בעשאפען די וועלט. אין מדרש בראשית רבה י"א ווערט געבראכט אז רבי אושעיא פלעגט זיך מתווכח זיין מיט פילאזאפען (פילוסופים). אין דער גמרא ווערט דערצעהלט, אז רבי אושעיא איז אויך געווען גרויס מיט גוטע מעשים, און אין ירושלמי סוף פאה ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפיהרט גוט מיט א בלינדען, און דער

בלינדער האט איהם דערפאר געבענשט. וועגען דער גרויסקייט פון רבי אושעיא זאגט זיין תלמיד רבי יוחנן (אין עירובין נ"ג) אז „לא יכלו חבריו לעמוד על סוף דעתו" (זיינע חברים האבען איהם נישט געקאנט נאכגעהן).

ביבליאגראפיע: „סדר הדורות"; „תולדות תנאים ואמוראים"; פראנקעל, „מבוא הירושלמי"; הלוי, „דורות הראשונים" (חלק שני, מחברת ראשונה), באכער „אגדת אמוראי ארץ-ישראל"; „אוצר ישראל" (שטיך-ווארט „הושעיא רבה").

**אושפיזין** דאס איז א אראמעאיש ווארט און איז דער טייטש „אורחים", „געסט". ביי די מקובלים און חסידים איז דאס ווארט „אושפיזין" געווארען בענוצט אים יום-טוב סוכות צו דער אנגענומענער טראדיציע, אז צו יעדען יוד אין סוכה קומען יעדען טאג די הייליגע „אושפיזין", דאס זיינען אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד המלך, אלס „געסט" (אושפיזין) אין דער סוכה. יעדען טאג איז איינער פון די אושפיזין דער הויפט-גאסט: למשל, דעם ערשטען טאג איז אברהם אבינו'ס אושפיזין, דעם צווייטען טאג איז עס יצחק אבינו'ס און אזוי פסדר, ביז דעם לעצטען, 7-טען טאג סוכות איז עס דוד המלך'ס אושפיזין. די דאזיגע טראדיציע ווערט דערמאהנט אין „זהר" (אמור ק"ג), און דארט ווערט געזאגט, אז רב המנונא סבא פלעגט ביים אריינגעהן אין סוכה איינלאדען די „אושפיזין". דער זהר זאגט דארט, אז עס איז א מנהג איינצולאדען אין סוכה ארימע אורחים, ווייל אויב נישט געהן די הייליגע אושפיזין אוועק פון סוכה. אין די אלטע צייטען איז אושפיזין און די תפלות וואס מען זאגט דערצו, געווען נאר ביי מקובלים און חסידים. היינט אבער איז דער מנהג פערשפרייט געווארען ביי אלע פרומע יודען. מיט דעם ענין „אושפיזין" פון די הייליגע אבות איז אויך פערבונדען דאס זאגען ביי די „הקפות" אים שמחת תורה די מזמורים לכבוד יעדען פון די אושפיזין.

ביבליאגראפיע: „חמדת ימים" (חג הסכות פרק ד'); „אוצר-ישראל"

**אושקי (אוסקע)** דער נאמען פון א בעריהמטער יודישער פאמיליע פון שפאניען און פארטוגאל, וואס האט ארויסגעגעבען וויכטיגע יודישע פערזענליכקייטען. — בעקאנט איז אין דער געשיכטע פון יודישען דרוקעריי-וועזען אברהם אושקי. ער איז געבוירען געווארען אין דער הויפט-שטאדט פון פארטוגאל, אין ליסאבאן, אין דער ערשטער העלפט פון 16-טען יאהרהונדערט. זיין פאטער איז געווען איינער פון די אנוסים, וואס האט פאר די וועלט געהאלטען די קריסטליכע רעליגיע און אין געהיים איז ער געווען א יוד. אויך אברהם אושקי איז אין זיינע יונגע יאהרען געווען א קריסט, ערשט לערך יאהר 1545 איז ער אנטלאפען פון ליסאבאן און האט זיך בעזעצט אין איטאליען, אין דער שטאדט פערארא, און דארט איז ער געווארען עפענטליך א יוד. אין פערארא האט ער געגרינדעט א גרויסע דרוקעריי און האט ארויסגעגעבען פערשידענע קבלה-ספרים, ווי אויך ספרים פון הלכה און דינים. בעזונדערס האט ער ארויסגעגעבען יודישע ספרים און תפלות אויף שפאניש און פארטוגעזיש; ער האט אויך אבגעדרוקט אויף שפאניש דעם תנך (אין יאהר 1553). די דאזיגע שפאנישע איבערזעצונג וואס איז בעקאנט מיט'ן נאמען „דער פערארא-תנך" איז זעהר בעריהמט געווארען, און דער

גרויסער דייטשער דיכטער לעסינג זאָגט, אַז זי גיעט איבער דעם אמת'ן גייסט פון די הייליגע ספרים. — פון דער אושקי־פאַמיליע איז אויך בעקאַנט דער דיכטער שלמה אושקי, וועלכער איז אויך געווען פון די אנוסים אין פּאָרטוגאַל; ער איז פון דאָרט אַנטלאָפען און האָט זיך בעזעצט אין ווענעציע און אַנקאָנאַ. שלמה אושקי האָט געשריבען לידער אין שפּאַניש און איטאַליעניש. — דער בעריהמטעסטער מיטגליד פון דער דאָזיגער פאַמיליע איז געווען שמואל אושקי. וועגען איהם געבען מיר בעזונדער אין שטיד־וואָרט „אושקי שמואל".

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; „האסיף" (תרמ"ח); „אוצר ישראל"; גירונדי, „תולדות גדולי ישראל".

**אושקי שמואל** ער איז געווען א בעריהמטער יודישער דיכטער און היסטאָריקער, און ער האָט געלעבט אין דערמיט פון 16־טען יאָהרהונדערט אין פעראַרא (איטאַליען). שמואל אושקי איז געבוירען געוואָרען אַלס קריסט אין פּאָרטוגאַל ביי עלטערען אנוסים; אַלס יונגערמאַן איז ער אַנטלאָפען פון פּאָרטוגאַל און איז געוואָרען עפענטליך א יוד אין פעראַרא. זיינע פעהיגקייטען זענען געווען זעהר גרויסע; ער האָט בעהערשט גוט שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, לאַטיין, גריכיש און אויך איטאַליעניש. אויסערדעם האָט ער אויך פערמאָגט דיכטערישען טאַלאַנט. שמואל אושקי האָט אַרויסגעוויזען א ספּעציעלע פעראינטערעסירונג פאַר שטודירען די יודישע געשיכטע. אַמבעריהמטסטען פון זיינע ווערק איז זיין בוך אויף שפּאַניש מיט'ן נאָמען „די טרייסט פאַר די לײדען פון ישראל". דאָס איז אין א דיכטערישער פאָרם געשריבען א געשפּרעך צווישען דריי חברים יעקב, נחום און זכריה וועגען די לײדען וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט געהאָט אויסצושטעהן פון די עלטסטע צייטען אַן ביז צום גירוש פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל און דער שרעקליכער אינקוויזיציע. ווען שמואל אושקי האָט געשריבען דאָס דאָזיגע בוך איז געווען א צייט, ווען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל האָט געהערשט מיט דער שרעקליכסטער שאַרפקייט. מען האָט געהאַלטען אין איין כאַפּען געהיימע יודען (אנוסים) און די אינקוויזיציע האָט זיי אָנגעטהון די גרויזאַמסטע לײדען און פיל פון זיי פערברענט אויף די שייטערהויפענס. אין א סך הערצער פון די אנוסים האָט שוין אָנגעהויבען ענטשטעהען א צווייפעל, צי איז טאַקע די יודישע רעליגיע די ריכטיגע און צי איז כדאי צו לײדען אַזוי פיעל צרות, נישט זעהענדיג קיין האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערען. שמואל אושקי האָט מיט זיין דערמאַהנטען בוך „טרייסט" בעמיהט צו שטאַרקען די הערצער פון די פערצווייפעלטע און טרייסטלאָזע. דאָס „געשפּרעך" קומט פאָר, ווי איינער פון די דערמאַהנטע דריי חברים, יעקב ווייזט אַז ווי די גאַנצע יודישע געשיכטע איז נאָר א קייט פון לײדען און אומגליקען, און זיינע איבעריגע צוויי חברים, נחום און זכריה (דאָס איז א אַנדייטונג: „נחום" הייסט „טרייסט", און „זכריה" איז די ווערטער „זכר־יה" דאָס הייסט „געדענק גאָט!") טרייסטען איהם און זיי ערקלערען, אַז די אַלע לײדען פון יודישען פאָלק זענען נאָר פאַר די יודען אויסצולייטערען, אַז זיי זאָלען ראווי זיין צו דער איביגער גאולה.

אין דעם דאָזיגען בוך גיעט שמואל אושקי אויך פיעל וויכטיגע היסטאָרישע

מאַטעריאַלען וועגען דער אינקוויזיציע און די גירושים. דאָס בוך האָט געדינט אַלס וויכטיגע היסטאָרישע קוועלע פאַר א סך יודישע געשיכטע שרייבער. אַמ־מערסטען האָט זיך מיט איהם בענוצט רבי יוסף הכהן אין זיין „עמק הבכא“. דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרען אין פעראַרא ביים מחבר'ס קרוב, דעם דער־מאָהנטען דרוקער אברהם אושקי אין יאָהר 1553.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע“; ראַבינאָוויטש, „מצאי גולה“; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל“.

**אות** דאָס וואָרט אות האָט אין העבּרעאישען עטליכע בעדייטונגען, וואָס טייל פון זיי זענען אריבער אויך אין דער יודישער שפּראַך. איינ בעדייטונג איז „אות“ א „בוכשטאַב“. אין תנך געפינען מיר נישט די דאָזיגע בעדייטונג פון וואָרט „אות“, נאָר ערשט אין דער משנה און גמרא. מיר געפינען למשל אין דער משנה שבת פרק י״ב „הכותב שתי אותיות“ (איינער שרייבט צוויי בוכשטאַבען). וועגען „אותיות“ אַלס „בוכשטאַב“ וועלען מיר געבען ביים שטיד־וואָרט „אלף־בית“.

די צווייטע בעדייטונג פון „אות“ איז א „צייכען“. דאָס געפינען מיר שוין פיעל מאָל אין תנך. אזוי זאָגט דער חומש בראשית ד' אז ווען קין האָט נאָכ'ן ערמאָרדען זיין ברודער הבל מורא געהאַט, אז מען זאָל אויך איהם נישט ערמאָרדען, „וישם ה' לקין אות“ (האָט גאָט געמאַכט אויף קין א צייכען). — דערפון שטאַמט אויך די בעדייטונג פון „אות“ אַלס „גייסטיגער“ צייכען. למשל וועגען שבת ווערט געזאָגט אין חומש שמות ל״ו „אות היא ביני וביניכם“ (אז שבת איז א צייכען פון בונד צווישען גאָט און די יודען). — פון דער דאָזיגער בעדייטונג שטאַמט אויך דער בעגריף „אות“ אַלס א „וואונדערבאַרע“ טהאַט, אַלס א „בעוויזענער מופת“, וואָס דאַרף דינען אַלס צייכען, אז דער וואָס בעווייזט דעם מופת איז גערעכט. מיר געפינען אין חומש שמות ד' אז ווען גאָט האָט געשיקט משה רבנו צו די יודען קיין מצרים זיי אויסצולייזען, האָט ער איהם געהייסען זיי ווייזען „מופתים“, ווי מאַכען פון שטעקען א שלאַנג און אנדערע וואונדער, און גאָט זאָגט צו משה: „והיה אם לא יאמינו לך ולא ישמעו לקול האות הראשון והאמינו לקול האות האחרון“ (אויב זיי וועלען דיר נישט גלויבען ביים ערשטען מופת וועלען זיי דיר גלויבען ביים לעצטען מופת); דאַ האָבען מיר דאָס וואָרט „אות“ אַלס „מופת“. אויך אין דער יודישער שפּראַך ווערט דער העבּרעאישער אויסדרוק „אותות ומופתים“ בענוצט אַלס בעצייכענונג פון וואונדער.

**אותו האיש** (דער דאָזיגער מענש). דאָס איז אַנ'אויסדרוק, וואָס איז זינט גאַנץ אַלטע צייטען בענוצט געוואָרען ביי יודען אַלס נאָמען פון ישו הנוצרי, דעם גרינדער פון קריסטענטום. דאָס זאָל האָבען א שייכות מיט דעם בעקאַנטען אויסדרוק פון עוואַנגעליום „עקסע האָמע“ (דאָס איז ער דער מענש). וועגען דעם אַלעם וועלען מיר געבען ברייט און אויספיהרליך ביים שטיד־וואָרט „קריסטוס“. עס איז צו בעמערקען, אז אין די חסידישע קרייזען ווען מען איז ארויסגעטרעטען געגען א פערזאָן, האָלטענדיג איהם פאַר א אפּיקורס און פערפיהרער, פלעגט מען איהם רופען „אותו האיש“; דער דאָזיגער נאָמען האָט געדינט אַלס א נגאַ־

טיוועבעצייכענונג פאר איינעם, וואס ביים נאמען זיינעם האט מען איהם נישט געוואלט אנרופען.

**אותו ואת בנו** (איהם און זיין זוהן). דאס איז דער פערבאט אין חומש ויקרא כ״ב, „ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד" (א אקס אדער א שעפס, איהם און זיין זוהן זאלסטו נישט שעכטען אין איין טאג). דערפון איז דער בעקאנטער דין אין דער יודישער רעליגיע, אז א קיה און דאס קאלב פון דער זעלבער קיה טאר מען נישט שעכטען אין איין טאג. אין דער גמרא חולין ע״ח איז פארהאן א מחלוקה, צי אויך א אקס און דאס קאלב וואס שטאמט פון אקס טאר מען אין איין טאג נישט שעכטען. דער אנגענומענער דין איז, אז דער איסור פון „אותו ואת בנו" איז נוהג נאר „בנקבות", דאס הייסט, אז א אקס מעג מען יא, און „שור" איז אויסגעטייטשט, אז דאס מיינט מען „רינד". די שפעטערדיגע מפרשים, ווי דער מחבר פון ספר „החינוך" און אנדערע האבען געפרובט ערקלערען דעם טעם פון דאזיגען פערבאט, אז דאס איז געווען, כדי איינצופלאנצען ביי יודען די מדה פון רחמנות, ווייל אבוואהל דאס שעכטען א לעבעדיגע בעשעפעניש אליין איז שוין אכזריות, איז די דאזיגע גרויזאמקייט נאך גרעסער, ווען מען שעכט א מוטער מיט איהר ולד אין איין טאג.

ווענען די אלע דינים פון אותו ואת בנו געפינט מען אין גמרא חולין ווי אויך אין שלחן־ערוך.

ביבליאגראפיע: רמב״ם הלכות שחיטה פרק י״ב שלחן־ערוך יורה דעה ט״ז; „אוצר ישראל".

**אותיות דרבי עקיבא** דאס איז דער נאמען פון איינעם פון די קליינע מדרשים, און ענטהאלט דרשות וועגען אלף־בית.— וועגען דער אבשטאמונג פון דאזיגען מדרש און פערשידענע נוסחאות וואס זענען פערהאן פון איהם וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט „מדרש".

**אז ישיר** דאס איז דער אנהויב פון דער בעקאנטער שירה אין חומש שמות ט״ו, וואס ווי עס ווערט דארט דערצעהלט האבען איהר געזינגען משה רבנו און די יודען נאכדעם ווי זיי זענען אריבער דעם ים סוף און פרעה מיט זיין חיל די מצריים זענען אין ים דערטרינקען געווארען. די דאזיגע שירה רעכענט זיך אלס דאס עלטעסטע יודישע העלדען־ליעד, און ווי עס ווייזט אויס אין א סך ערטער אין תנך איז געווען אויך ביי יודען אין יענע צייטען פונקט ווי עס איז געווען ביי אלע אנדערע פעלקער דער מנהג, אין פאל פון א גרויסען נצחון איבער דעם שונא, צו פייערען דעם נצחון מיט א „העלדען־ליעד. אזא שטייגער ליעד געפינען מיר שפעטער אין ספר שופטים ה׳, די בעקאנטע שירה פון דבורה הנביאה נאך דער גרויסער מפלה פון שונא סיסרא.

עס זענען פערהאן טייל תנך־קריטיקער (קיטעל און אנדערע) וואס זאגען ארויס די מיינונג, אז דער אלטער טעקסט פון דער שירה זענען געווען די ווערטער סוס ורובו רמה בים", ווייל באלד ווי עס ענדיגט זיך די שירה, ווערט געזאגט אין חומש, אז מרים הנביאה האט געזינגען די דערמאהנטע ווערטער. די דאזיגע תנך־קריטיקער מיינען, אז די איבעריגע שטעלען פון „אז ישיר" זענען צוגעגעבען און בעארבייט געווארען אין שפעטערדיגע צייטען. קיין זיכערער

בעוויזען דערצו זענען נישט פאראן.

די שירה „אז ישיר" איז געהאלטען געווארען אלס זעהר וויכטיג ביי יודען. מען האט איהר אריינגענומען אין טאָגטעגליכען דאווענען. א חוץ דעם איז שבת פון דער סדרה בשלח, ווען עס ווערט געלייענט די דאזיגע שירה, — געהאלטען געווארען מיט א בעזונדערער פייערליכקייט און ער האט בעקומען דעם נאמען „שבת שירה" (וועגען דעם וועלען מיר געבען גאנץ בעזונדער ביים שטיד־ווארט „שבת שירה"[1]).

ביבליאָגראפיע: קיטעל, תנך־וויכענשאפט, אין יודיש ווארשא 1923; אברהם כהנא, ביאור מדעי צו „שמות"; יודיש־דייטשער לעקס קאָן „מאזעס־ליעדי".

## אזהרות

(א געוויסע אַרט פיוטים). דאָס וואָרט „אזהרה" ווערט אין דער גמרא בענוצט אַלס „פערבאָט". אין די צייטען נאָך דער גמרא האָט מען מיט'ן וואָרט „אזהרות" בעצייכענט אזעלכע פיוטים וואָס בעארבייטען די „תרי"ג מצוות", און וואָס ווערען געוועהנליך געזאָגט אים יום־טוב שבעות, ווען עס איז קבלת התורה. די ערשטע שפורען פון דאָזיגען סאָרט פיוטים געפינט מען אין דעם אלטען ספר פון דער „גאונים"־צייט „הלכות גדולות", וואו עס איז פאראן די פראזע פון אלע אזהרות „אז שש מאות ושלש עשרה מצוות מפורשות". די בעקאַנטסטע אזהרה שטאַמט פון רבי אליהו הזקן (אין אָנהויב פון 11־טען יאָהרהונדערט), און זיין פיוט הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אמת יהגה חכי". אויך אנדערע פערשידענע יודישע חכמים האָבען פערפאסט אזהרות, ווי למשל די אזהרה „אש אוכלה אש" פון רב סעדיה גאון, „אלהיך אש אוכלה" פון רבי שלמה אבן גבירול, „אתה הנחלת" פון רבי שמעון הגדול און אנדערע. מען רופט אָן „אזהרות" אויך אזעלכע פיוטים וואָס נעהמען ארום נאָר איין מצוה פון די תרי"ג מצוות און בעשרייבען אלע איינצעלהייטען פון דער מצוה אין א דיכטערישער פאָרם.

ביבליאָגראפיע: עלבויגען, „תולדות התפילה"; „אוצר ישראל"; יודיש־דייטשע ענציקלאָפעדיע; „קובץ הגאונים" (בערלין 1856).

## אזולאי

דאָס איז דער נאָמען פון א בעקאַנטער ספרדישער פאַמיליע אין מאראקא און דערנאָך אין ארץ־ישראל. ס'איז פאראן א טראדיציע, אז דער נאָמען שטאַמט פון די ראשי תבות פון פסוק וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין דער סדרה „אמור" ביי די כהנים „אשה זונה וחללה לא יקחו" (זיי זאָלען נישט הייראטען מיט א פרוי, א אויסגעלאַסענע און א פערשוועכטע) די ראשי תבות דערפון איז „אזולי". און ווייל די פאמיליע זענען געוועזען כהנים האָבען זיי זיך געגעבען דעם דאָזיגען נאָמען. אָבער די דאָזיגע מיינונג איז נאָר א לעגענדע. די ריכטיגע אָבשטאַמונג פון פאַמיליען־נאַמען אזולאי איז ווייל אזוי האָט געהייסען א שטאָדט אין מאַראקא, וואו די פאַמיליע האָט געוואוינט. צו די עלטעסטע און אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאמיליע האָט געהערט דער בעריהמטער מקובל רבי אברהם אזולאי, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין מאראקא לערך דעם יאהר 1570 און איז געשטאָרבען אין ארץ־ישראל אין חברון אין יאָהר 1643. ער איז געוועזען בעריהמט אַלס גרויסער מענער פון קבלה און אויך אַלס בעל־מופת. ער האָט מחבר געוועזען דאָס בעריהמטע

קבלה־ספר „חסד לאברהם” (געדרוקט אין אמסטערדאם יאהר 1685). ער האט אויך מחבר געווען נאך אנדערע קבלה־ספרים, וואס געפינען זיך אממערסטען אין כתב־יד, — וועגען דעם וויכטיגסטען מיטגליעד פון דער דאזיגער פאמיליע, דעם גרויסען היסטאריקער און ביבליאגראף רבי חיים יוסף דוד אזולאי. געבען מיר אין א בעזונדערען שטיווארט.

ביבליאגראפיע: „תול־ות חכמי ירושלים”; „אוצר־ישראל” יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

## אזולאי חיים יוסף דוד (1727 — 1806).

דאס איז דער בעריהמטער יודישער היסטאריקער און ביבליאגראף, גרויסער גאון און מקובל, איינער פון די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען אין 18־טען יאהרהונדערט. רבי חיים יוסף דוד אזולאי, וועלכער איז אויך בעקאנט מיט זיין ראשי תבות־נאמען „חיד”א” (חיים, יוסף, דוד, אזולאי), איז געבוירען געווארען אין ירושלים אין יאהר 1727 (תפ”ז). זיין פאטער האט געהייסען רבי יצחק זכריה, און האט געהערט צו די אנגעזעהענע לומדים און מקובלים אין ירושלים, און איז געווען א אייניקעל פון גרויסען מקובל רבי אברהם אזולאי, מחבר פון „חסד לאברהם”. איינער פון חידא'ס זיידעס איז געהאט געקומען קיין ארץ־ישראל פון דייטשלאנד צוזאמען מיט דער גרופע „חסידים” אונטער דער פיהרונג פון רבי יהודה החסיד אין יאהר 1700, און וועלכע האט געהאלטען, אז דער הויפט־יסוד פון יודישקייט בעשטעהט אין לערנען קבלה און אז דורך קבלה קאן מען ברענגען די גאולה. א גרויסער טייל פון דער דאזיגער גרופע פון רבי יהודה החסיד'ס תלמידים האט זאגאר געהערט צו די געהיימע אנהענגער פון שבתי צבי, האלטענדיג, אז שבתי צבי איז געווען דער ריכטיגער משיח און ער וועט נאך קומען אויסלייזען די יודען. רבי חיים יוסף דוד אזולאי איז דעריבער שוין פון זיינע יונגע יאהרען אן ערצויגען געווארען אין דער סביבה פון מקובלים.

שוין אין די יוגענד־יאהרען האט אזולאי ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און ער האט געלערנט ביי בעריהמטע רביים, צוערשט ביי רבי יונה נבון און דערנאך אין יאהר תק”ב, ווען ער איז אלט געווען 15 יאהר, האט ער געלערנט אין דער ישיבה פון גרויסען מקובל רבי חיים אבן עטר, מחבר פון „אור החיים” אויף חומש, וועלכער איז דעמאלס געקומען פון מאראקא קיין ירושלים און האט דארט פערלעגט א ישיבה. אזולאי אליין שרייבט וועגען דעם אין זיין ביאגראפיש ספר „שם הגדולים” ערך „חיים אבן עטר”, אז זיין דאזיגער רבי איז געקומען קיין ירושלים אין יאהר תק”ב „ואני הצעיר זכיתי והייתי בישיבתו הרמה” (און איך, דער יונגער, האב זוכה געווען אויך בין געווען אין זיין ישיבה).

אויך שפעטער, נאכ'ן יאהר תק”ג, ווען דער אור החיים איז געשטארבען האט דער אזולאי ווייטער געלערנט קבלה און זיך מתחבר געווען מיט די בעריהמטע מקובלים אין ירושלים, אבוואהל ער האט פיעל געלערנט אויך גמרא און פוסקים. אין יענער צייט האט זיך געגרינדעט אין ירושלים א חברה פון מקובלים מיט דעם תימנישען מקובל רבי שלום שרעבי אלס פיהרער, וועלכע האבען צווישען זיך געשלאסען א סארט „קאמונע־אבמאך”, אז זיי פיהרען צו־

זאמען א בשותפות'דיגען לעבען. אלץ זאל זיין בשותפות, אפילו דאס גייסטיגע לעבען, דער עולם הבא, זאל אויך זיין בשותפות. אויסגעקליבען דערצו האט מען נאר די פאטענדסטע פערזאנען, מקובלים, נישט מעהר ווי 12 מאן, לויט דער צאהל פון די י״ב שבטים. צווישען די דאזיגע 12 מאן האט זיך אויך געפינען דער יונגער אזולאי (דער טעקסט פון דער דאזיגער ״כריתות ברית״ געפינט זיך געדרוקט צום סוף פון „שיח שרפי קודש״, פיטריקאוו תרפ״ג, מיט דער אונטערשריפט פון אזולאי).

עס ווייזט אויס, אז שוין דעמאלט האט אזולאי זיך אויך פערנומען מיט זאמלען מאטעריאלען פאר דער פארשונג פון דעם לעבען פון די אמאליגע רבנים און מחברים ווי אויך פאר פארשען זייערע ספרים. אזולאי אליין דערצעהלט, אז אין זיינע יוגענד-יאהרען האט ער אנגעשריבען א ספר „העלם דבר״ (דאס ספר איז קיינמאל נישט געדרוקט געווארען), אין וועלכען ער ווייזט אן אויף די נישט קלארקייט וואס האט געהערשט ביז איהם אין דער פעסטשטעלונג פון דער צייט, ווען עס האט געלעבט דער אדער יענער מחבר צי גרויסער רב און פוסק. ער האט שוין דעמאלס ארויסגעוויזען א פעראינטערעסירונג אין זאמלען ביבליאגראפישע ידיעות וועגען פערשידענע ספרים.

צוליב זיין גרויס לומדות און חשיבות האבען איהם די רבנים אין ירושלים געשיקט אין יאהר 1755 (תקט״ו) קיין אייראפא אלס שד״ר (שליחא דרבנן ארץ-ישראל-משולח) צו זאמלען געלד אויף אויסצוהאלטען די יודען אין ירושלים. אזולאי האט דעמאלס געמאכט זיין ערשטע רייזע איבער פערשידענע אייראפאישע לענדער, און ער האט בעזוכט איטאליען, פראנקרייך, דייטשלאנד, האלאנד. דערנאך איז ער צוריקגעקומען. אבער אין יאהר 1770 האט ער ווידער אנגעהויבען זיין רייזע אלס שדר אין א רייה שטעדט פון טערקיי, נאכהער האט ער בעזוכט גריכענלאנד, קליין-אזיען, צפון־אפריקא און פון דארט איז ער ווייטער געפאהרען איבער איטאליען, קיין פראנקרייך, דייטשלאנד, האלאנד, ענגלאנד. אין יאהר 1781 האט ער געמאכט זיין דריטע רייזע. אבער דאס מאל איז ער שוין מעהר נישט צוריקגעקומען קיין ארץ-ישראל. ער האט זיך בעזעצט אין איטאליען, אין ליווארנא, וואו ער איז אויפגענומען געווארען אלס רב, און ער האט פון דארט בעזארגט די ארץ-ישראל-געלדער קיין ירושלים. אין ליווארנא האט אזולאי געדרוקט די פיעל ספרים וואס ער האט מחבר געווען. אזולאי איז געשטארבען אין טיפען עלטער אין ליווארנא אין יאהר 1806 (תקס״ו).

אויף זיינע רייזעס האט אזולאי נאך מעהר פערשטארקט זיין פעראינטערעסירונג זיך צו בעקענען מיט די פערשידענע העברעאישע ספרים פון די אלטע צייטען אז ביז אין זיין צייט, נישט נאר מיט די געדרוקטע נאר אויך מיט די כתב-יד'ן וואס זענען געווען אין די פערשידענע ביבליאטעקען אין פאריז און איטאליען, אויך די פיעל רייכע פריוואט-ביבליאטעקען, אומעטום האט ער זיך געמאכט נאטיצען און פערצייכענט די ספעציעלע מערקווירדיקייטען. אין רעזולטאט פון די דאזיגע פיעל פערצייכענונגען און אויך א דאנק זיין קריטישען בליק, איז ענטשטאנען דאס וויכטיגסטע ספר פון רבי חיים יוסף דוד אזולאי, דער „שם הגדולים״, וואס ענטהאלט א רשימה פון די אנגעזעהענסטע רבנים און מחברים ווי אויך פון זייערע ספרים פון

די צייטען נאך דער גמרא ביז אין זיין צייט. דער „שם הגדולים" איז געווען דער יסוד פאר דער מאדערנער ביאגראפישער פארשונג פון די פוסקים און רבנים און מקובלים און בעזונדערס פאר דער פארשונג פון דער העברעאישער ביבליאגראפיע. אזולאי האט ארויסגעגעבן זיין „שם הגדולים" אין ליווארנא יאהר 1774 דעם ערשטען טייל. און דערנאך האט ער ארויסגעגעבן דעם צווייטען טייל מיט'ן נאמען „ועד לחכמים" אויך אין ליווארנא אין יאהר 1786. שפעטער האט דער יודישער ביבליאגראף אין ווילנא יצחק אייזיק בן יעקב (מחבר פון „אוצר הספרים") סיסטעמאטיזירט דעם „שם הגדולים", איהם איינגעטיילט בעזונדער אין דער אבטיילונג פון מחברים „מערכת הגדולים" און דער אבטיילונג פאר ספרים „מערכת הספרים" און איהם ארויסגעגעבן אין ווילנא אין יאהר 1852. דארט האט בן יעקב אויך צוגעגעבן א ביאגראפיע פון אזולאי.

א חוץ זיין „שם הגדולים" האט אזולאי מחבר געווען איבער 50 אנדערע אנדערע ספרים ווי „ברכי יוסף" (אויף **שלחן ערוך), שאלות ותשובות „חיים** שאל", און פיעל אנדערע, וועגען זיינע רייזעס האט אזולאי מחבר געווען א בעשרייבונג אויף העברעאיש מיט'ן נאמען „מעגל טוב", אין וועלכען ער דערצעהלט פערשידענע איינצעלהייטען פון זיינע בעזוכען אין איטאליען, פראנקרייך, דייטשלאנד, ווי ער האט זיך געטראפען נישט נאר מיט די אנגעזעהענסטע יודישע רבנים אין יענער צייט (ווי דער „פני יהושע" און אנדערע) נאר אויך מיט גרויסע פערזענליכקייטען פון דער קריסטליכער וועלט, און אין פאריז האט מען איהם בעטראכט אלס בעל־מופת און פערזאנען פון קעניגליכען הויף זענען צו איהם געקומען. א קיצור פון זיין דאזיגען רייזע־בוך איז געדרוקט געווארען אין ליווארנא יאהר 1879 מיט'ן נאמען „מעגל טוב". נאך דער וועלט־מלחמה האט דער יודישער געלעהרטער פריימאן פון פראנקפורט אנגעהויבען ארויסגעבען דעם פולען טעקסט פון אזולאי'ס רייזע־בוך „מעגל טוב השלם": עס איז ערשינען דער ערשטער העלפט אין בערלין יאהר 1921. פון אזולאי זענען אויך פערבליבען בריעף, און טייל פון זיי זענען פערעפענטליכט געווארען.

ביבליאגראפיע: בן יעקב אין דער הקדמה צום „שם הגדולים" (ווילנא 1852); מיכאל, „אור החיים" (868); „אגרות חידא" ליווארנא 1867 (דארט איז פארהאן דער נוסח פון זיין מצבה); נאטיצען אין ביבליאגראפישען יאהר־בוך „קרית ספר"; „אוצר ישראל"; יודיש־דייטשער ענציקלאפעדיע.

**אזיען** דאס איז דער נאמען פון גרעסטען טייל פון דער ערד; זי נעהמט ארום איבער 44 מיליאן קוואדראט־קילאמעטער, און איהר בעפעלקערונג צעהלט היינט לערך 1 מיליארד מענשען.

אין דער יודישער געשיכטע האט אזיען געהאט א זעהר גרויסע בעדייטונג. לויט דער אנגענומענער טראדיציע זענען די ערשטע פאטערס פון יודישען פאלק, אברהם אבינו, ארויסגעקומען פון אזיען, פון מעסאפאטאמיען. אין דער לעצטער צייט האט דער גרויסער דייטשער געלעהרטער סעמיטאלאג נעלדעקע אין זיין בוך „די סעמיטישע שפראכען" געפרובט אויפשטעלען א טעאריע, אז אלע סעמיטישע פעלקער (די „בני שם") און צווישען זיי אויך די אלטע יודען שטאמען אב פון אפריקא. אבער אלע אנדערע גרויסע געלעהרטע ווי רענאן,

סיים, שראדער און אנדערע זענען געגען דער דאָזיגער מיינונג, און זיי זאָגען ארויס זייער טעאָריע, אז דאָס וויגעלע פון דער אַלט-סעמיטישער ציוויליזאַציע, און ממילא אויך פון דעם פאָלק ישראל, איז געווען אזיען, יעדענפאַלס, די וויכטיגסטע אַלטע עפּאָכען אין דער יודישער געשיכטע, וואָס זענען אונז בעקאַנט זענען פאָרגעקומען אין אזיען, און א חוץ דעם פאקט, וואָס די יודען זענען געווען אין מצרים א געוויסע צייט, איז די אַלטע יודישע געשיכטע פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל און די ארומיגע לענדער. אויך שפּעטער איז אויף א געוויסע צייט דער צענטער פון דער יודישער געשיכטע געווען אין אזיען, אין בבל און פּערסיען. ערשט אין מיטעל-אַלטער האָט זיך איבערגעטראָגען דער הויפּט־צענטער פון דעם יודישען פאָלק קיין אייראָפּאַ (איטאַליען, שפּאַניען, דייטשלאַנד) אזוי, אז אויך היינט געפינט זיך אין אזיען א קלענערע צאָהל יודען. מען נעהמט אָן, אז די צאָהל יודען פון אזיען (ארץ־ישראל, סיריען, אראַביען, פּערסיען, קאַווקאַז, אינדיען, כינא, יאַפּאַן, און אנדערע קלענערע לענדער) בעטרעפט איצט לערך 650 טויזענד. וועגען די יודען אין די דאָזיגע איינצעלנע לענדער פון אזיען וועלען מיר שרייבען גאַנץ בעזונדער ביי די שטיך־ווערטער פון די דאָזיגע לענדער, ווי „ארץ־ישראל", „אראַביען" און אזוי ווייטער.

מען דאַרף בעמערקען, אז די אַלע ערטער אין דער גמרא און מדרש וואו עס ווערט געבראַכט דאָס וואָרט „אסיא" אָדער „עסיא" האָט מען נישט געמיינט דעם גאַנצען וועלט־טייל „אזיען", ווי מיר פערשטעהען עס היינט, נאָר מען האָט געמיינט דערמיט פאָדער־אזיען, אָדער קליין-אזיען, די לענדער וואָס ליי־ גען צו צפון פון ארץ־ישראל; טיילמאָל האָט מען געמיינט נאָר א געוויסע שטאָדט אין קליין־אזיען. עס איז אויך פאַרהאַן א סברא, אז דער נאָמען „אזיען" שטאַמט פון דער אַלט־אסירישער שפּראַך, וואו „אסו" איז דער טייטש „אויפגאַנג" דאָס הייסט: דאָס לאַנד, וואָס ליגט צו מזרח, צו „אויפגאַנג פון דער זון", און „אייראָפּאַ" שטאַמט פון וואָרט „ערב", „אונטערגאַנג" פון דער זון, דאָס הייסט: דאָס לאַנד וואָס ליגט צו מערב פון דער זון.

ביבליאָגראַפיע: שיר, „ערך מלין"; אוצר ישראל („אסיא"); יודיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַזכּרי אלעזר** בעריהמטער רב און מחבר פון מוסר-ספר „חרדים". רבי אלעזר אזכּרי האָט געלעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט אין דער מקובלים־שטאָדט אין ארץ־ישראל צפת, און ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט די דאָרטיגע מקובלים. ער האָט מיטגעהאָלפען צו גרינדען די חברה „סוכת שלום", וואָס האָט געהאַט דעם ציעל צו פּלאַנצען מוסר און מידות טובות און יראת שמים צווישען די חברים. פאַר דער דאָזיגער חברה האָט רבי אלעזר געשריבען אין יאָהר שמ"ז זיין ספר „חרדים" (פרומע), וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין ווענעציע יאָהר 1601; נאָכהער איז דאָס ספר אָבגעדרוקט געוואָרען זעהר פיעל מאָל און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אַלס מוסר-ספר ביי יודען. אויף יודיש זענען איבערגעדרוקט געוואָרען אויסגאַבען פון ספר חרדים דורך יעקב בן ירמיהו הלוי, א איבערזעצער וואָס האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונדערט, און האָט מחבר געווען דעם „תם וישר" (געדרוקט פראַנ־

קפורט 1684); דארט צום סוף זענען פארהאן די אויסצוגען פון „חרדים". — דער ספר „חרדים" ענטהאלט א ליקוט פון פערשידענע מוסר־ווערטער. אין דעם „שער התשובה" טרעט ארויס דער מחבר געגען די וואס האלטען אז ביי תשובה טהון דארף מען זיך פייניגען און פאסטען. — פון רבי אלעזר אזכרי איז געדרוקט געווארען (אין זשיטאמיר 1866) א פירוש אויף ירושלמי ברכות.

ביבליאגראפיע: מיכאל, „אור החיים"; רייזען, לעקסיקאן (1914) שטיך־ווארט יעקב בן ירמיהו"; יודיש־רוסישע ענציקלאפעדיע.

## אזעף יעוונא (1874 — 1918).

דאס איז דער בעריהמטער רעוואלוציאנער און פראוואקאטאר וואס האט געשפילט א קאלאסאלע ראליע אין די קרייזען פון די רוסישע סאציאל־רעוואלוציאנערען אין די ערשטע יאהרען פון 20־טען איהרהונדערט. יעוונא (אדער יונה) אזעף איז געבוירען געווארען ביי זיינע עלטערען פישעל און שרה אזעף אין דער שטאדט ראסטאוו ביים דאן אין רוסלאנד אין יאהר 1874. זיינע עלטערען זענען געוועזן קליינע סוחרים. אזעף האט שטודירט אין דייטשלאנד, אין קארלסרוהע, וואו ער האט געענדיגט דעם פאליטעכניקום אלס אינזשיניער עלעקטרא־טעכניקער. שוין אלס סטודענט איז ער אריינגעטרעטען אין דינסט פון דער רוסישער געהיים־פאליציי און זיי אויסגעגעבען די געהיימניסען פון די רעוואלוציאנערע קרייזלעך אין אויסלאנד. נאכהער האט אזעף זיך בעזעצט אין מאסקווא, און ער האט געווינען דעם צוטרוי פון די סאציאל־רעוואלוציאנערען. אזעף, אלס ענערגישער מענש, איז שנעל געווארען איינער פון די הויפט־פיהרער פון די דאזיגע רעוואלוציאנערען, און גלייכצייטיג האט ער געדינט אין דער רוסישער געהיים־פאליציי, וועמען ער האט די רעוואלוציאנערען פערראטען. אזעף איז אין די יאהרען 1903 — 1905 און אויך שפעטער געשטאנען אין דער שפיץ פון דער קאמף־אבטיילונג פון די סאציאל־רעוואלוציאנערען, און ער האט ארגאניזירט די מארד־אנפאלען אויף דעם רוסישען מיניסטער פלעווע און גרויס־פירשט סערגיי אלעקסאנדראוויטש; ער האט אויך געפרובט ארגאניזירען אטענטאטען אויף דעם רוסישען צאר ניקאליי דעם 2־טען. גלייכצייטיג האט אזעף ארויסגעגעבען דער רוסישער פאליציי די הויפט־פיהרער פון דער רעוואלוציאנערער קאמפס־ארגאניזאציע, וועלכע מען האט נאכהער געהאנגען. אין יאהר 1908 — 1909 האט דער רוסישער היסטאריקער בורצעוו אין פאריז בעשולדיגט אזעף'ן, אז ער איז א פראוואקאטאר, עס איז פארגעקומען געגען אזעף'ן א פראצעס פון זיינע חברים, וועלכע האבען אויף איהם ארויסגעטראגען א טויט־אורטייל. אבער אזעף איז ענטלאפען. ער האט געוואוינט אין בערלין. ביים מלחמה־אויסברוך אין יאהר 1914 האט די דייטשע רעגירונג איהם ארעסטירט. אין יאהר 1917 האט מען איהם בעפרייט. אזעף איז געשטארבען אין יאהר 1918 אין בערלין.

אזעף, וועמענס נאמען עס איז געווארען דער סימבאל פון פראוואקאציע, איז א רעטעניש פאר אלע היסטאריקער פון דער רוסישער רעוואלוציע. פון איין זייט איז קיין ספק נישט, אז אזעף איז געוועזן א פראוואקאטאר, האט געדינט דער רוסישער פאליציי און זיי ארויסגעגעבען זיינע נאהנטסטע חברים־רעוואלוציאנערען. אבער פון דער צווייטער זייט איז א פאקט, אז ער האט ארגאני־

זירט און אויסגעפיהרט מארד־אטענטאטען אויף די גרעסטע רוסישע מיניסטארען און גרויספירשטען פון דער צארישער הערשאפט. דער רוסישער שעף פון דער געהיים־פאליציי ראטאיעוו זאגט ארויס זיין השערה, אז דאס וואס אזעף האט אויסגעפיהרט דעם מארד־אטענטאט אויף ד'עם רוסישען מיניסטער פלעווע האט געהאט א שייכות מיט דער אויפרעגונג וואס האט ארויסגערופען אין אזעף'ן די ידיעה פון פאגראם אויף יודען אין קישענעוו (יאהר 1903), און מען האט דעמאלס געהאט בעשולדיגט פלעווען, אז ער האט ארגאניזירט דעם פאגראם, אבער דאס איז א שוואכע השערה. וועגען אזעף'ן זענען געשריבען געווארען פיעל ווערק און אויך דראמען.

ב י ב ל י א ג ר א פ י ע: וועגען אזעף איז ערשינען אויף יודיש ין ראפאפארט די איבערז.צונג פון שטשעגאליעוו'ס ווערק ,,אזעף'', א זאמלונג פין דאק־מענטען עריאינערונגען כון אנגוראוו, בורצעו, ראטאיעוו, ווי אויך אזעף'ס בריף.

**אחא** דאס איז דער נאמען פון איינינגע תנאים און פיעל אמוראים אין דער גמרא. טיילמאל ווערען זיי געבראכט מיט'ן סתם נאמען ,,רבי אחא'' אדער ,,רב אחא''. אבער גאנץ אפט ווערען זיי געבראכט אויך מיט זייערע פאטער'ס נעמען (ווי למשל ,,רב אחא בר אדא'' וכדומה). מיר געבען טייל פון זיי אין בעזונדערע שטיק־ווערטער. גענויערע אויפקלערונגען וועגען די פערשידענע תנאים און אמוראים מיט'ן נאמען ,,אחא'' און ווען זיי האבען געלעבט און וועמענס תלמידים זיי זענען געווען, געפינט מען אין די ספעציעלע ספרים דערצו, ווי ,,סדר הדורות'' פון רבי יחיאל היילפרין, ,,יוחסין'', און פון די נייערע דעם ,,תולדות התנאים ו אמוראים'' פון היימאן, ,,דורות הראשונים'' פון הלוי, און אויך אין א געוויסער מאס אין פראנקעל'ס ,,מבוא הירושלמי'' און באכער'ס ,,אגדת אמוראי ארץ־ישראל''.

**אחא רבי** א אמורא פון ארץ־ישראל וואס האט געלעבט אין 4-טען דור פון די אמוראים (אין 4-טען יאהרהונדערט). ער ווערט אממערסטענס געבראכט אין דער גמרא ירושלמי און אויך אין מדרשים וואס שטאמען פון ארץ־ישראל. אין ירושלמי שבת ד' און ירושלמי עבודה זרה ג' ווערט זעהר געריהמט די פרומקייט און לומדות און צדקות פון רבי אחא'ן. לויט דער מיינונג פון יודישען געלעהרטען באכער (אין זיין ,,אגדת אמוראי ארץ־ישראל) זאל רבי אחא האבען מספים געווען צו דעם פלאן פון רוימישען קייזער יוליאן אפאסטאטא אויפצובויען צוריק דאס בית המקדש, און ער געפינט דערצו א רמז אין די ווערטער פון רבי אחא אין ירושלמי מעשר שני ד' וועגען דעם, אז דאס בית המקדש וועט געבויט ווערען איידער עס וועט צוריקגעשטעלט ווערען דאס יודישע מלכות. פון איהם איז אויך פארהאן אין מדרש שמות רבה ב', אז די שכינה ריהט ביי דער כותל המערבי. פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז רבי אחא איז געווען פון די פיהרער פון יודישען פאלק אין יענע צייטען, וואס האבען געפלאנצט ווידער די האפענוני שנעל צוריק צו געווינען ארץ־ישראל.

ב י ב ל י א ג ר א פ י ע: פ־אנקע, ,,מבוא הירושלמי''; באכ ר, ,,אגדת אמוראי ארץ־ישראל''; היימאן. ,,תולדות''

**אחא בר אדא** א אמורא אין בבל אין 2-טען דור פון די אמוראים. ער איז געווען וואהרשיינליך א תלמיד פון גרויסען אמורא רב, און ער ברענגט אין נאמען פון רב א רייה הלכות (ברכות כ"ט, חולין ט"ו). פון רב אחא בר אדא איז פארהאן (אין נאמען פון רב) די בעקאנטע מימרא אז „שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכים לימוד" (אפילו די איינפאכע רייד פון תלמידי חכמים ברויכען געלערענט צו ווערען, דאס הייסט זיי ענטהאלטען אין זיך א העכערען זין). רב אחא בר אדא ברענגט אויך (אין דער גמרא שבת י"ז) א גאנצע רייה היסטארישע תקנות, פון דער צייט פון חורבן בית המקדש. וועגען דעם אז יודען זאלען זיין אבגעשיידט פון נישט-יודען. רבי אחא בר אדא האט דערלעבט א טיפע עלטער און ער האט געלעבט נאך אין די צייטען פון אמורא רבא (בבא בתרא קס"ז) און לויט טייל מיינונגען זאל ער האבען זאגאר געלעבט אין די צייטען פון רב אשי אבער די דאזיגע מיינונג איז נישט ריכטיג.

ביבליאגראפיע: היימאן „תולדות התנאים והאמוראים"; „אוצר ישראל";

**אחא בר יאשיה** א תנא, וואס האט געלעבט אין די צייטען פון מסדר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא (ענדע פון 2-טען יאהרהונדערט). דער דאזיגער תנא האט געלעבט אין בבל אין דער שטאדט הוצל (גיטין ס"ב; אין דער משנה ווערט ער נישט דערמאהנט, נאר אין ברייתות. א חוץ א גאנצע רייה הלכות ווערען געבראכט פון איהם א סך אגדה-ווערטער. אין ספרי בהעלותך ברענגט ער דאס בעקאנטע ווארט „במדה שאדם מודד מודדין לו" (לויט דעם ווי א מענש פיהרט זיך אויף צו א צווייטען מענש, בעגעהט מען זיך מיט איהם אויך אין הימעל). רבי אחא בר יאשיה זאגט אויך אין נדרים כ' די בעקאנטע צניעות-לעהרע „כל הצופה בנשים סופו בא לידי עבירה" (ווער עס קוקט אין פרויען קומט ענדליך צו בעגעהן עבירות). אין אבות דרבי נתן ל"א זאגט דער דאזיגער תנא, אז „בזמן שאדם אוכל משלו דעתו מיושבת עליו" (ווען א מענש עסט פון זיין אייגענער ארבייט, האט ער א קלארען געדאנק). אין דער גמרא שבת קנ"ב ווערט וועגען רבי אחא בר יאשיה דערצעהלט, אז ער האט געלעבט אויך נאכ'ן טויט, און אז א צייט שפעטער האט מען איהם געפינען גאנץ אין קבר.

ביבליאגראפיע: „דורות הראשונים" פון חלוי; גרעץ, „געשיכטע" היימאן, „תולדות התנאים והאמיראים".

**אחא בר יעקב** א אמורא אין בבל אין דריטען דור פון די אמוראים און ער איז געווען א תלמיד פון רב הונא. פון רב אחא בר יעקב זענען פארהאן אין דער גמרא זעהר פיעל הלכות. עס איז פארהאן א מיינונג אז ער האט א געוויסע צייט געלעבט אויך אין ארץ־ישראל. אין דער גמרא קידושין כ"ט ווערט דערצעהלט פון איהם, אז ער איז געווען א בעל-מופת און ער האט פערטריבען מיט זיינע תפילות שדים פון א הויז. אין דער גמרא יבמות ס"ד און שבת ס"ו ווערען געבראכט פון איהם רפואות.

ביבליאגראפיע: „סדר הדורות"; „דורות הראשונים"; „תולדות התנאים והאמוראים".

**אחאב** דער מלך פון ישראל אין די צייטען פון ערשטען בית המקדש, (ער האט געקיניגט לערד אין די יאהרען 854 — 875 פאר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג). אין ספר מלכים א׳ קאפיטעל ט״ז ווערט דערצעהלט, אז אחאב׳ס פאטער האט געהייסען עמרי, וועלכער האט געגרינדעט די שטאדט שומרון אלס די קעניגליכע רעזידענץ פון דער מלוכה „ישראל״. אין יענע צייטען זענען אין ארץ־ישראל געווען צוויי יודישע מלוכות. איינע די „מלכות יהודה״, וואס האט ארומגענומען דעם דרום־טייל פון ארץ־ישראל און איהר קעניגליכע רעזידענץ־שטאדט איז געווען ירושלים, און די צווייטע איז געווען „מלכות ישראל״ (אדער אויך „אפרים״) וואס האט ארומגענומען דעם גאנצען מיטעל־טייל און דעם צפון פון ארץ־ישראל, און איהר קעניגליכע רעזידענץ איז געווארען די שטאדט שומרון. אחאב איז געווען איינער פון די שטארקסטע הערשער פון מלכות ישראל. ער האט געפיהרט מלחמות מיט די שכנות׳דיגע מלוכות ארם און דמשק און האט זיי בעזיגט. נאכהער האט זיך ווידער אנגעהויבען א מלחמה צווישען אחאר און ארם און אין דער מלחמה איז אחאב געפאלען טויט פון א פייל וואס אויף איהם האט געשאסען א סאלדאט פון ארם׳ס מיליטער. וועגען אחאב ווערט אויך דערמאהנט אין די קיילען־שריפטען. וואס מען האט אין די לעצטע צייטען געפינען אין אשור און בבל. דארט ווערט דערצעהלט, אז ווען שלמנאסר דער דריטער איז געגאנגען איינצונעהמען די פעלקער ביים מיטעללענדישען ים, זענען איהם אקעגענגעגאנגען אין מלחמה א רייה מלכים מיט זייערע ארמעען און עס איז פארגעקומען די שלאכט ביי קארקאר. און שלמנאסר האט זיך געמוזט צוריקציהען. צווישען די מלכים ווערט אויך דערמאהנט „א—חא—אב—בו״ דער מלך פון „סיריעל״ וואס האט געהאט צוויי טויזענד רייטוועגען און 10 טויזענד סאלדאטען. די געלעהרטע פארשער (ווי גרעסמאן אין זיין „טעקסטע און בילדער״) זענען זיכער, אז דאס מיינט מען „אחאב מלך ישראל״. פון לערד אחאב׳ס צייטען שטאמט אויך דער בעריהמטער דענקמאל, דער „שטיין פון מישע מלך מואב״ (וועגען דעם געבען מיר בעזונדער ביים שטיך־ווארט „מישע״), וואו עס ווערט דערצעהלט, אז דער קעניג מישע פון לאנד מואב האט מורד געווען אין מלכות ישראל און זיך אבגעריסען.

אבער אחאב מלך ישראל איז בעקאנט אין דער יודישער געשיכטע נישט אזוי פיל מיט זיין אויסערליכער פאליטיק און מלחמות, ווי מיט דעם אינערליכען רעליגיעזען קאמף, וואס איז אין זיינער צייט געפיהרט געווארען אין קעניגרייך ישראל. וועגען דעם דאזיגען קאמף ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים א׳ קאפיטעל ט״ז, י״ז און ווייטער ביז צום סוף פון מלכים א׳, פון ספר מלכים איז צו זעהן, אז פריהער האט אויך אין קעניגרייך ישראל געהערשט די יודישע רעליגיע, און אבוואהל דער ספר מלכים טרעט ארויס אויך געגען די פריהערדיגע הערשער פון ישראל, פארוואס זיי האבען געזינדיגט, אבער אין אלגעמיין האט מען געדינט צו יהוה, צום אלגעמיינעם גאט פון דער יודישער רעליגיע. ערשט אחאב מלך ישראל האט געמאכט א רעליגיעזע איבערקעהרעניש. ער האט, ווי דער ספר מלכים דערצעהלט, חתונה געהאט מיט איזבל, דער טאכטער פון פעניצישען מלך, און אזוי ווי אין פעניציען האט געהערשט די רעליגיע פון אב־

גאָט „בעל'', האָט אויך אחאב אָנגענומען די דאָזיגע בעל־רעליגיע, און האָט איהר גענומען איינפיהרען אין די שטעדט פון מלכות ישראל. ער האָט אין דער הויפּט־שטאָדט שומרון אויפגעשטעלט א מזבח פאַר „בעל'', און האָט איינגעפיהרט ספּעציעלע „כהנים'' און „נביאים'' פאַר דעם בעל (די „כהני הבעל'' און די „נביאי הבעל''), און אונטער דעם איינפלוס פון איזבל האָט ער גע־לאָזט טויטען די נביאים פון דער יודישער רעליגיע (נביאי ה'). געגען דעם האָט אָנגעהויבען אַ קאַמף דער פיהרער פון די יודישע נביאים, „אליהו הנביא„. וועגען דעם קאַמף ווערען דערצעהלט אין ספר מלכים אין די דערמאָהנטע קאַפּיטלעך פיל ספּורים, ווי אזוי אַלרי שטראָף פאַר די זינד האָט אין מלכות ישראל נישט גערעגענט און עס איז געוואָרען א הונגער, און ווי אזוי אליהו הנביא האָט אין דער אָנוועזענהייט פון אחאב מלך ישראל דורך פייער פון הימעל בעוויזען, אז „ה' הוא האלהים'' (דער יודישער גאָט איז גאָט), און ווי אזוי אליהו האָט געהייסען טויטען די נביאי הבעל, און נאָכהער ווי ער האָט געמוזט אַנטלויפען ווייל איזבל האָט איהם געוואָלט טויטען. אין ספר מלכים ווערט אויך דערצעהלט וועגען אנדערע שלעכטע מעשים, וואָס אחאב האָט אָבּגעטהון אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב איזבל, ווי דאָס טויטען דעם יודישען גיטס־בעזיצער נבות, כדי ביי איהם צוצונעהמען זיין גאָרטען. ענדליך ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים ווי אחאב איז געטויט געוואָרען אַלס שטראָף פאַר זיינע זינד, און ווי נאָך זיין טויט האָבען די יודישע נביאים אָרגאַניזירט א רעוואָלוציע געגען אחאב'ס קינדער, און ערקלערט דעם מיליטער־פיהרער יהוא

בן נמשי אַלס מלך, און ער האָט געטויט איזבל און אחאב'ס קינדער ווי אויך די אלע נביאי הבעל.

וועגען דעם דאָזיגען רעליגיעזען קאַמף וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער יודישער געשיכטע פון די צייטען פון ערשטען בית המקדש, איז געשריבען געוואָרען פיעל מיינונגען. עס איז פאַרהאַן א מיינונג, אז דער קאַמף האָט אויך געהאַט א פּאָליטישען כאַראַקטער, און אז דאָס וואָס אחאב האָט איינגעפיהרט דעם קולט פון דינסט צום אָבּגאָט בעל איז געווען דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט פעראייניגען אין איין מלוכה די אלע העברעאיש־רעדענדע צפון־לענדער, ווי ישראל, פעניציען (צור וצידון) און אנדערע, און ווייל אין די דאָזיגע אנדערע לענדער האָט געהערשט די בעל־רעליגיע האָט אחאב געוואָלט דורך איינפיהרען איין רעליגיע דערגרייכען די דאָזיגע פעראייניגונג. עס איז אויך צו בעמערקען, אז אפילו דער מחבר פון ספר מלכים בעמיהט זיך צו מילדערען די שולד פון אחאב, און ער שרייבט וועגען איהם אָפט, אז דעריבער האָט ער געטהון שלעכטס ווייל „הסתה אותו איזבל אשתו'' (זיין ווייב איזבל האָט איהם אָנגערעדט דערצו), און ער דערצעהלט וועגען אחאב, אז נאָכדעם, ווי אליהו פלעגט איהם שטראָפען, האָט ער תשובה געטהון. אויך די שפּעטערדיגע אגדות פון דער גמרא און מדרש ווערט וועגען אחאב געזאָגט אויך א פאַר גוטע ווערטער. אין סנהדרין ק''ב ווערט דערצעהלט, אז אחאב האָט מכבד געווען די תורה.

וועגען אחאב ווערט דערצעהלט אין מלכים א' כ''ב אז אחאב האָט געבויט פיעל שטעדט און אויך א „בית השן'' (א העלפאַנט־ביין־פּאַלאַץ). אין די

לעצטע יאהרען (1908 — 1910) האט מען געגראבען אין ארץ־ישראל אויף דעם ארט וואו עס איז אמאל געשטאנען שומרון און מען האט געפינען שפורען פון דעם דאזיגען פאלאץ פון אחאב און אויך פיעל זאכען, כלים, וואס שטאמען פון יענע צייטען. מען האט דארט אויך געפינען א סך זאכען וואס שטאמען פון מצרים, און דערפון איז צו זעהן, אז אין אחאב׳ס צייטען זענען געווען ענטוויקעלט די בעציהונגען צווישען מצרים און דעם מלכות ישראל. אויף קריגען וואס מען האט געפינען פון זיינע צייטען זענען פארהאן זעהר וויכטיגע אויפשריפטען.

ביבליאגראפיע: בערנפעלד, ,,מבוא לכתבי הקודש״; גרעץ, ,,געשיכטע״; פאלאווייטשיק, ,,שכיות המקרא״; קיטעל, ,,געשיכטע״ (דייטש); ראזענבערג, ,,אוצר השמות״; יודיש-דייטשע ענציקלאפעדיע.

**אחאי מבי חתים** דאס איז דער נאמען פון איינעם פון די לעצטע אמוראים און פון די ערשטע ,,רבנן סבוראי״, דאס הייסט פון יענע יודישע חכמים, וואס האבען געלעבט אין בבל באלד נאכדעם, ווי מען האט געענדיגט די גמרא (אין 6־טען יאהרהונדערט). אין דער גמרא ברענגט מען זיינע ווערטער מיט דעם אויסדרוק פון ,,פריך רב אחאי״ (רב אחאי האט געפרעגט) אדער ,,פשוט רב אחאי״ (רב אחאי האט ערקלערט). אין דער גמרא חולין נ״ט ווערט געזאגט, אז אין ארץ־ישראל האט מען אזוי געשעצט אחאין, אז די חכמים פון ארץ־ישראל האבען געשריבען קיין בבל ,,הזהרו ברבינו אחאי שמאיר עיני גולה הוא״ (זייט פארזיכטיג מיט רבינו אחאי ווארום ער בעלויכט דאס יודענטום אין גלות). עס איז אמאל געווען א מיינונג (תוספות זבחים ק״ב) אז ער האט מחבר געווען דעם ספר ,,שאילתות״. אבער דאס איז נישט ריכטיג.

ביבליאגראפיע: ,,סדר הדורות״; ,,דורות הראשונים״; ,,תולדות התנאים והאמוראים״.

**אחאי גאון** דאס איז דער בעריהמטער יודישער גאון — רב אחאי משבחא, וועלכער האט געלעבט אין בבל אין דער עפאכע פון די ,,גאונים״, אין דער מיט פון 8־טען יאהרהונדערט. רב אחאי איז בעריהמט דורך זיין ספר ,,שאילתות״, וואס איז פון די ערשטע ספרים וואס זענען געשריבען געווארען נאך ,,חתימת התלמוד״ (נאכ׳ן ענדיגען די גמרא) און וואס זענען צו אונז דערגאנגען. צוליב א מחלוקה מיט דעם ריש גלותא אין בבל רבי שלמה האט רב אחאי פערלאזט בבל און האט זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל. דאס איז פארגעקומען לערך דעם יאהר 753. רב אחאי איז געשטארבען אין ארץ־ישראל לערך דעם יאהר 762. ווי געזאגט איז רב אחאי בעריהמט אין דער לומדישער וועלט דורך זיין ספר ,,שאילתות״, וואס איז פיעל געשעצט געווארען שוין דורך די אלטע יודישע פוסקים און רבנים ווי רב יהודאי גאון (מחבר פון ,,הלכות גדולות״), דעם רמבם, רשי, ערוך, און פיעל אנדערע. דער ,,שאילתות״ איז א צוזאמענשטעלונג פון די וויכטיגסטע דינים, איינגעארדענט לויט דעם סדר פון די סדרות פון חומש, לויט די מצוות אין דער תורה. גלייכצייטיג זענען דארט פארהאן אגדה־ווערטער. דער נאמען ,,שאילתות״ שטאמט דערפון. וואס יעדען פרק הויבט ער אן מיט׳ן ווארט ,,שאילתא״ (געפרעגט א שאלה)

וועגען א געוויסען דין, און דערנאָך געהט די תשובה דערויף. עס איז זיכער, אז אין „שאילתות" זענען פאַרהאַן אויך פיעל צו־גאַבען, וועלכע זענען צוגעשריבען געוואָרען פון שפעטערע גדולים און זיי שטאַמען נישט פון רב אחאי. דאָס ערשטע מאָל איז דער „שאילתות" געדרוקט געוואָרען אין ווענעציע יאָהר 1546 — 1545 און נאָכהער איז ער געדרוקט געוואָרען אין דיהרענפורט אין יאָהר 1768 מיט אַ קורצען פירוש און הגהות מיט'ן נאָמען „שאילת שלום" פון רבי ישעיה פיק. דאָס לעצטע מאָל איז געדרוקט געוואָרען דער שאילתות אין ווילנא 1867 מיט אַ גרויסען פירוש „העמק שאלה" פון בעריהמטען וואָלאָשינער ראש ישיבה רבי נפתלי צבי יהודה בערלין (נצי"ב).

ביבליאָגראַפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו"; „דורות הראשונים"; גרעץ, „געשיכטע"; „אוצר ישראל"; יודיש־דייטשע ענציקלאָפעדיע.

**אַחד העם** (1856 — 1927). דאָס איז דער פסיידאָנים פון בעריהמטען העבראַישען שריפטשטעלער און דענקער אשר גינזבורג. ער איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט סקוויר, אין אוקראַינא אין יאָהר 1856. זיין פאָטער האָט געהייסען ישעיה, און איז געווען א חסיד און א רייכער מאַן. אין זיין יוגענד האָט אחד העם בעקומען א פרום־רעליגיעזע ערציהונג, געלערענט פיעל גמרא און שפעטער אויך חקירה ספרים. זיין פאָטער האָט איהם חתונה געמאַכט (צו 17 יאָהר) מיט א מיידעל, וואָס איז געווען אַן אייניקעל פון חסידישען רבי ר' יעקב ישראל פון טשערקאַס (אַ זוהן פון רבי מאָטעלע טשערנאָבילער). באַלד נאָך דער חתונה האָט אחד העם זיך אָנגעהויבען פאַראינטערעסירען מיט וועלטליכער בילדונג און השכלה. אין די יאָהרען 1882 — 1884 איז אחד העם אוועק קיין וויען, נאָכהער בערלין און ברעסלאַ, וואו ער האָט געהערט לעקציעס. שפעטער האָט ער זיך בעזעצט אין אָדעס, און דאָ איז ער צוגעשטאַנען צו דער ענטשטאַנענער חברה „חובבי ציון", וואָס האָט געשטרעבט צו בעזעצען יודען אויף קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. אין שפיץ פון דער דאָזיגער חברה זענען דעמאָלס געשטאַנען אין אָדעס ד"ר לעאָ פינסקער (מחבר פון דער בראָשור „אויטאָ-עמאַנסיפאַציע") און דער העבראַישער שריפטשטעלער משה לייב ליליענבלום.

דעמאָלס איז אחד העם אַרויסגעטרעטען (אין יאָהר 1889) אין דער ציימונג „המליץ" מיט זיין ערשטען בעריהמטען ארטיקעל „לא זה הדרך" (נישט דאָס איז דער וועג), אין וועלכען ער איז שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען די פאָרמען פון דעם פראַקטישען חיבת ציון, ווי זיי זענען געווען אין יענער צייט. אונטער דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָט ער דאָס ערשטע מאָל אונטערגעשריבען זיין פסעוודאָנים „אחד העם". שוין איז דעם „לא זה הדרך" זענען אָנגעוויזען די הויפט־יסודות פון אחד העם'ס שפעטערדיגע שיטה, וואָס האָט זאָגאַר געווינען דעם ספעציעלען נאָמען „אחד העמיזם". אחד העם זאָגט דאָ אַרויס דעם געדאַנק, אז די אויפלעבונג פון לאַנד („תחיית הארץ") קאָן נישט פאָרקומען פריהער ווי מען וועט נישט אויפלעבען דאָס יודישע פאָלק (תחיית האומה), די גייסטיגע פערפאָלקאָמונג פון די הערצער פון די יודען, וועלכע זענען נאַציאָנאַל געוואָרען פערשטיינערט. דאָס אַרטיקעל „לא זה הדרך" האָט אַרויס־

גערופען אין אלע אינטעליגענטע נאַציאָנאַל־יודישע קרייזען אין רוסלאַנד דעם גרעסטען אויפזעהן, „אחד העם'' האָט דעמאָלס געגרינדעט די געהיימע לאָזשען־געזעלשאַפט „בני משה'' (וועגען דער דאָזיגער געזעלשאַפט וועלען מיר געבען בעזונדער אויספיהרליך ביים שטיך־וואָרט „בני משה''), וואָס איהרע מיטגלידער האָבען געזאָלט זיין די פּלעגער און פערשפּרייטער פון די אויפגעוועקטע נאַציאָנאַל־יודישע אידעאַלען אין גייסט פון אחד העם. פון דעמאָלס אָן האָט אחד העם אָנגעהויבען שרייבען אין די העברעאישע זשורנאַלען „פורת'' און „פּרדס'' זיינע קלענערע און גרעסערע אַרטיקלען („פּירורים'', „תורה שבלב'' „הכהנים והעם'', „האדם באהל'', „חשבון הנפש'' און אַנדערע) וועלכע האָבען איהם אונאויפהערליך ערוואָרבען גרויסען רוהם אלס גלענצענדען שריפטשטעלער און טיפען דענקער פון דער נאַציאָנאַל־יודישער בעוועגונג.

אין די יאָהרען 1891 און 1893 האָט אחד העם געמאַכט זיינע ערשטע צוויי רייזעס קיין ארץ־ישראל אלס שליח פון די חובבי ציון און ער האָט בעזוכט די דעמאָלס שוין עקזיסטירענדע יודישע קאָלאָניעס, און צוריקקומענדיג האָט ער פערעפענטליכט זיינע אַרטיקלען „אמת מארץ־ישראל'' און אַנדערע, אין וועלכע ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטען מיט פּראַקטישע טענות געגען דעם אופן פון שטיצען די קאָלאָניעס. אויך אין די דאָזיגע אַרטיקלען איז אחד העם כסדר צוריקגעקומען צו זיינע הויפּט־געדאַנקען וועגען „תחיית הרוח'' (אויפלעבונג פון נאַציאָנאַלען גייסט פון פאָלק), און איין אַרטיקעל ענדיגט אחד העם מיט דער שילדערונג ווי ער האָט בעזוכט די כותל המערבי און ער האָט ביי זיך געטראַכט: „א לאַנד, ווען עס ווערט חרוב, קומען אזעלכע ערלעזער ווי עזרא און נחמיה און בויען דאָס לאַנד צוריק אויף, אָבער א פאָלק ווען עס ווערט חרוב, ווער קאָן עס אויפבויען?'' אין יאָהר 1905 איז ערשינען צום ערשטען מאָל די זאַמלונג פון אחד העם'ס אַרטיקלען מיט דעם נאָמען „על פרשת דרכים'' (ערשטער באַנד). נאַכהער זענען ערשינען די וויטערע בענדער פון „על פרשת דרכים''. אין יאָהר 1897 האָט אחד העם געגרינדעט דעם העברעאישען מאָנאַטס־זשורנאַל „השלח'', וועלכען ער האָט רעדאַגירט ביז יאָהר 1903, און וועלכער האָט געהאַט א קאָלאָסאַלען איינפלוס. ווען ד''ר הערצעל איז אַרויסגעטרעטען מיט דער ציוניסטישער בעוועגונג און האָט געעפענט דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס איז אחד העם אַרויסגעטרעטען אין השלח מיט שאַרפע קריטישע אַרטיקלען געגען דעם פּאָליטישען ציוניזם, און האָט איהם ענטקעגענגעשטעלט זיין, אחד העם'ס, אַזוי־גערופענעם „גייסטיגען ציוניזם'', וואָס האַלט אַז ארץ־ישראל וועט קיינמאָל נישט לעזען די „פראַגע פון די יודען'', (שאלת היהודים), וואָס וועלען אין זייער גרויסער מערהייט מוזען פערבלייבען אין גלות, נאָר ארץ־ישראל קאָן לעזען די „פראַגע פון יודענטום'' (שאלת היהדות), דורך שאַפען אין ארץ־ישראל דעם „מרכז רוחני'' (גייסטיגען צענטער), וואָס וועט מיט דעם שטאַרקען נאַציאָנאַלען גייסט און טיעף־ענטוויקעלטער העברעאישער קולטור האָבען אַן'איינפלוס אויף די יודען אין דער גאַנצער וועלט. אין יאָהר 1908 האָט אחד העם זיך בעזעצט אין לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרען איינער פון די פערוואַלטער פון דער טעע־

פירמע וויסאָצקי. פון דעמאָלס אָן האָט אחד העם געשריבן זעהר ווייניג; ער איז נאָר אויפגעטרעטען (אין יאָהר 1910) אין „השלח" מיט זיין בעריהמטען ארטיקעל „על שתי הסעיפים" וואָס פיהרט אַדורך א אָבשייד־ליניע צווישען קריסטענטום און יודענטום געגען דער בעוועגונג פון טייל יודישע רעפאָרם־כלל־טוהוער אין ענגלאַנד (קלאָד מאָנטעפיארע און אנדערע) וואָס האָבען געוואָלט פעראייניגען דאָס יודענטום און קריסטענטום. אין יאָהר 1912 האָט ער נאָכאַמאָל בעזוכט ארץ־ישראל און פערעפענטליכט זיין אַרטיקעל „סך־הכל". די צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט אחד העם פערבראַכט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אויך מיטגעהאָלפען צום ערייכען און אויסאַרבייטען די בעריהמטע באַלפור־דעקלאַראַציע. אין יאהר 1922 האָט אחד העם זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל אין תל־אביב וואו ער האָט געוואוינט אויף דער גאַס, וואָס איז אָנגערופען געוואָרען מיט זיין נאָמען „רחוב אחד העם". אין ארץ־ישראל האָט אחד העם צוגעגרייט און ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע בריעף צו פערשידענע פערזאָנען. ער האָט אויך געשריבען זכרונות (ערשינען נאָך זיין טויט אין די זאמעל־ביכער „רשומות" בענדער 5 און 6). אחד העם איז געשטאָרבען אין תל־אביב דעם 2-טען יאנואר יאָהר 1927.

וועגען אחד העם און זיין „שיטה" איז געשריבען געוואָרען זעהר פיעל, נישט נאָר אין העברעאיש נאָר אויך אין פיעל אנדערע שפּראַכען (דייטש, ענגליש, רוסיש און אויך אין יודיש). אָבער עס איז שווער צו זאָגען עפּעס קלאָרעס וועגען דעם. אין אַלגעמיין איז אחד העם'ס שיטה בעשטאַנען פון „פּראַקטישען אידעאליזם", וואָס בעטראַכט יעדע ערשיינונג פּראַקטיש אָבער אויך לויט איהר אידעאַלען און עטישען ווערט. יעדע נאַציע בעטראַכט אחד העם אלס א אינדיווידואום, וואָס האָט איהרען ספּעציעלען גייסט (דעם „רוח האומה") און איהרע ספּעציעלע אייגענשאַפטען און נייגונגען, וואָס זיי בעשטימען דעם גורל פון דער נאַציע. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט אחד העם גענומען ביי דעם גרעסטען יודישען דענקער נחמן קראָכמאַל אין זיין „מורה נבוכי הזמן", אָבער אחד העם האָט איהם ענטוויקעלט שאַרפער און דייטליכער און האָט אָנגעוויזען, אז דער נאַציאָנאַלער גייסט פון יודישען פאָלק איז די אבסאָלוטע גערעכטיקייט (צדק מוחלט). בעזונדערס דייטליך טרעט דער דאָזיגער געדאַנק וועגען דער נאַציאָנאַלער גייסטיגער אייגענשאַפט פון יודענטום אין אחד העם'ס בעריהמטען ארטיקעל „על שתי הסעיפים" וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין השלח יאהר 1910 אַלס ענטפער אויף די בעמיהונגען פון דעם יודישען רעפאָרם־פיהרער אין ענגלאַנד קלאָד מאָנטעפיאָרע צו „אויסגלייכען" דאָס יודענטום מיט'ן קריסטענטום. אחד העם זאָגט, אז אין דער צייט וואָס דאָס קריסטענטום זעהט דעם ציעל פון לעבען אין געפינען די גאולה פון יעדען איינציגלנעם מענש איז „תורת היהדות רואה מטרתה לא בגאולתו של האיש הפרטי, כי אם בהשתלמותו של העם תחלה, ובאחרית הימים — של המין האנושי כולו, כל־ומר מושג קבוצי שאין לו תמונה מוחשית ומוגבלת" (דאָס יודענטום זעהט איהר ציעל נישט אין דער גאולה פון איינצעלנעם מענש, נאָר צוערשט אין דער פערפאָלקאָמונג פון גאַנצען פאָלק און נאָכהער פון דער גאַנצער מענשהייט

דאָס הייסט אַ קבוץ־בעגריף, וואָס האָט נישט קיין פיהלבאַרע, בעגרענעצטע געשטאַלט). וואָס אַנבעלאַנגט דער אידעע פון ציוניזם האָט, אחד העם, ווי געזאָגט, געהאַלטען, אַז ארץ־ישראל קאָן נישט לעזען די יודען־פראַגע פון די פיעל מיליאָנען יודען, וואָס מוזען פערבלייבען אין די גלות־לענדער, נאָר זי קאָן לעזען די „פראַגע פון יודענטום", עס קאָן דאָרט געשאַפען ווערען דער גייסטיגער צענטער, דער „מרכז רוחני", וואו עס זאָלען געפלעגט ווערען די קולטור און די אידעאַלען פון יודישען פאָלק אין דער העברעאישער שפּראַך.

אַ גרויסע בעדייטונג האָט אחד העם געהאַט פאַר דער אויסבעסערונג פון דעם מאָדערנעם העברעאישען סטיל. ער האָט געשאַפען די קלאָרקייט פון דעם העברעאישען שפּראַך־סטיל און געוויזען, ווי מען קאָן אויף העברעאיש קלאָר און אָהן מליצות אויסדריקען די פערשידענע געדאַנקען. אחד העם האָט אין דער יודישער שפּראַך געשריבען נאָר איין איינציגען אַרטיקעל, אין זשורנאַל „יוד" (יאָהר 1899, אין נומער 7). דער אַרטיקעל איז „אַ בריעף צום רעדאַקטאָר" און אונטערגעשריבען איז „א—ד—ם" („אחד העם"). ער זאָגט דאָרט אַרויס זיין מיינונג, אַז „זשאַרגאָן" (אַזוי רופט ער דאָרט די יודישע שפּראַך) איז פאַר די יודען אַליין נישט טייער, נישט זייער איינענעם, אָבער מען דאַרף שרייבען נוצליכע ביכער אין „זשאַרגאָן" כדי צו ערציהען דעם המון עם, וואָס פערשטעהט נישט קיין אַנדערע שפּראַך. זיין נעגאַטיווע בעציהונג צו דער יודישער שפּראַך האָט אחד העם אויך אַרויסגעוויזען אין זיין בעקאַנטען אַרטיקעל „ריב הלשונות" („השלח" 1910).

אחד העם'ס געזאַמעלטע אַרטיקלען אין העברעאיש זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט'ן נאָמען „על פרשת דרכים" עטליכע מאָל. דאָס לעצטע מאָל זענען זיי ערשינען אין בערלין 1921. אַ חוץ דעם זענען ערשינען אין בערלין 1923 אחד העם'ס בריעף „אגרות אחד העם". אחד העם'ס ווערק זענען ערשינען אויך אין איבערזעצונג אויף ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און טיילווייז אויך אין אַנדערע שפּראַכען. אין דער יודישער שפּראַך איז ערשינען אין איבערזעצונג אַ זאַמלונג „אויסגעוועהלטע שריפטען" (וואַרשאַ 1910), וואָס ענטהאַלטען אַ רייה מאמרים, ווי „חשבון הנפש", „עבדות בתוך חרות", „קודש וחול" און אַנדערע.

ביבליאָגראַפיע: וועגען אחד העם איז געשריבען געוואָרען זעהר פיעל מיר וועלען דאָ געבען נור די וויכטיגסטע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; גליקסאָן, „אחד העם חייו ופעלו" (תל־אביב 1927), ברדיטשעווסקי, „אחד העם ודעותיו" („העתיד" ערשטער באַנד); הורוויץ, „מאין ולאן" (שאַרפע פּאָלעמיק געגען אחד העמ'ס „על שתי הסעיפים"); ציטראָן, „לקסיקון ציוני"; אין יודיש איז אויך פאַרהאַן פון ד"ר מאהלער „אחד העמ'ס פילאָזאָפיע" (אין 2־טען באַנד פון זשורנאַל יונגער היסטאָריקער, וואַרשאַ 1929) ווי אויך אַנדערע; רייזען לעקסיקאָן (1926).

## אַחד הרבּנים המרגישים (איינער

פון די פיהלבאַרע רבנים). דאָס איז דער פּסיידאָנים פון בעריהמטען רב און שריפטשטעלער רבי שמואל אהרן תמרת. וועגען איהם וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „תמרת".

## אחד מי יודע (איינס. ווער

ווייסט?). דאָס איז דער אָנהויב פון אַ ליד אין העברעאיש צום סוף פון דער הגדה של פסח. דאָס ליעד בעשטעהט פון פראַגען און אנט־

וואָרטען, וואָס געהן לויט די צאָהלען פון איינס ביז דרייצען. די ערשטע פראַגע איז: אחד מי יודע, איינס, ווער ווייסט? און די אנטוואָרט דערויף איז „איינס איז גאָט אין הימעל און אויף דער ערד". דערנאָך געהט די פראַגע „שנים מי יודע, צוויי ווער ווייסט?" און די אנטוואָרט איז: „צוויי זענען די צוויי לוחות". אזוי געהען די פראַגען ביז דער צאָהל דרייצען. וועגען דער ענטשטעהונג פון דאָזיגען ליעד און אויך וועגען דעם, וואָס מען האָט ענהליכע ליעדער צום „אחד מי יודע" געפינען אויך ביי אנדערע פעלקער, נישט־יודען, — זענען געשריבען געוואָרען א רייהע אָבהאַנדלונגען. עס ווערט אנגעוויזען, אז שוין אין 16־טען יאָהרהונדערט איז אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך ביי די קריסטען געווען א לאַטייניש ליעד, וואָס מען האָט געלערענט מיט די קריסטליכע קינדער אין די שולען, און דאָס ליעד האָט זיך אויך אָנגעהויבען מיט „דיק מיהו, קוויד עסט אונוס?" (זאָג מיר, ווער איז איינס?), און דער ענטפער געהט „איינס איז גאָט". אין דעם לאַטיינישען ליעד זענען ביי די ווייטערדיגע צאָהלען פאַרהאַן עלעמענטען פון דער קריסטליכער רעליגיע. עס איז אויך בעוויזען געוואָרען, אז די דאָזיגע סאָרט ליעדער פון „אחד מי יודע" זענען געווען אויך אין דער דייטשער שפּראַך, ווי אויך אין פראַנצויזיש און ענגליש אין 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט, און עס זענען דעמאָלס זאָגאַר שוין געווען פּאַראָדיעס, נאָכמאַכונגען פון דעם ליעד. דער פּוילישער פאָלקלאָר־פאָרשער אָדזשעלאַ אין זיינע פאָרשונגען איבער דער פאָלקלאָר פון די סלאַווישע פעלקער האָט נאָכגעוויזען, אז אויך אין דער פּוילישער שפּראַך איז געווען אזא קריסטליך שולע־ליעד „פּאָוויעדז, צאַ טאָ יעסט יעדען?" (זאָג, וואָס איז איינס? וואָס מען האָט געלערענט אין די אַלטע פּוילישע שולען. עס איז דאָ שווער צו זאָגען ווער פון וועמען עס האָט גענומען די פאָרם צום דאָזיגען ליעד. — דער אחד מי יודע ווערט ביי יודען געזונגען פסח ביי נאַכט אויך מיט ספּעציעלע מעלאָדיעס.

ביבליאָגראַפיע: איצר התפלה"; פרילוצקי, יודישע; פאָלקס־לידער". אין זשורנאַל „יודישע פילאָלאָגיע" ווארשא 1924 העפט 2—3 אין דער רעצענזיע צו ביכטראָן'ס ביכעל;

**אחדות העבודה** (ארבייט פעראייניגונג) דאָס איז דער נאָמען פון דער אָנגעזעהענער יודישער ציוניסטישער ארבייטער־פּאַרטיי, וואָס האָט עקזיסטירט אין ארץ־ישראל. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1919 און האָט אין זיך אריינגענומען די „רעכטע פּועלי־ציון" ווי אויך א רייהע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע ארבייטער. די „אחדות העבודה" האָט געהאַט אין איהר פּראָגראַם דעם ציוניזם (געהערט צו דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און גענומען אַנטייל אין די וואַהלען צום קאָנגרעס) ווי אויך דעם סאָציאַליסטישען קלאַסען־קאַמף. איצט איז די „אחדות העבודה" פאַראייניגט מיט דער ארבייטער־פּאַרטיי „הפועל הצעיר" אין איין פּאַרטיי „מפּלגת פּועלי ארץ־ישראל". די אחדות העבודה האָט געהאַט איהר אייגענעם זשורנאַל אין העברעאיש „קונטרס". די הויפּט־פיהרער פון דער פּאַרטיי זענען בן־צבי און בן־גוריון.

ביבליאָגראַפיע: דער זשורנאַל „קונטרס"; „מסילה"; זאַמעל־בוך „אחדות העבודה"; יידיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אַחדות השם** (אייניקייט פון גאָט). מיט דעם אויסדרוק „אחדות השם" איז אין די יודישע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ספרים בעצייכענט געוואָרען די לעהרע פון „מאָנאָטעאיזם", דאָס הייסט אז אויף דער וועלט איז פאַרהאַן נאָר איין גאָט. דאָס איז אין געגענזאַץ צו דער לעהרע פון „פּאָליטעאיזם" (פיעל געטעריי). דער מאָנאָטעאיזם איז דער הויפּט־יסוד פון דער יודישער רעליגיע. אויספיהרליך וועגען דעם וועלען מיר געבען ביים שטיכוואָרט „מאָנאָטעאיזם".

**אַחוזה** (אייגענטום, בעזיץ). מיט דעם נאָמען אחוזה זענען — איז דער צייט זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די ציוניסטישע בעוועגונג צום סוף פון 19־טען יאָהרהונדערט — ענטשטאַנען א רייה יודישע גרופּען און חברות, וואָס האָבען געקויפט ערד אין ארץ־ישראל און דאָרט פערלייגט יודישע קאָלאָניעס. דורך איין „אחוזה"־חברה איז געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניע „רחובות"; דורך די חברה „אחוזה" (אין ניו־יאָרק) איז געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניע „רעננה". פיעל פון די דאָזיגע אחוזה־חברות זענען אויך ליקווידירט געוואָרען צוליב פערשידענע סבות.

**אָחָז** דאָס איז דער נאָמען פון יודישען מלך פון לאַנד יהודה אין דער צייט פון ערשטען בית המקדש. זיין פאָטער איז געווען דער מלך יותם; זיין זוהן איז געווען דער מלך חזקיהו. אחז האָט געקיניגט אונגעפעהר אין די יאָהרען 735—720 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. וועגען די מעשים פון אחז ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים ב' קאַפּיטעל ט"ז (ווי אויך אין דברי הימים און ישעיה). דאָרט ווערט אָנגעגעבען, אז אחז האָט איינגעפיהרט אין לאַנד יהודה און ירושלים די געצענדינעריי און האָט געטהון „דאָס שלעכטע אין די אויגען פון גאָט". אין זיין צייט האָבען די מלכים פון לאַנד ישראל (אפרים) און פון לאַנד ארם אָנגעהויבען א מלחמה געגען לאַנד יהודה און זענען צו מיט'ן מיליטער ביז ירושלים. אחז האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו תגלת פלאסר דעם מלך פון אשור און ער האָט איהם געהאָלפען. פון דעמאָלס אָן איז יהודה געוואָרען אָבהענגיג פון אשור. דער נאָמען פון אחז ווערט אויך דערמאָהנט אין די קיילען־שריפט פון אשור וואָס מען האָט לעצטענס געפינען. ער הייסט דאָרט „יא—חא—זו", דאָס הייסט „יהואחז", און עס איז פאַרהאַן א מיינונג, אז דעריבער האָט מען איז תנך איהם גערופען נאָר אחז כדי נישט צו דערמאָהנען אויף דעם געצענדינער דעם נאָמען פון גאָט (יהו). — אין זיין צייט פאַלט אויס דאָס נביאות־זאָגען פון ישעיה הנביא, טייל ווילען האָבען, אז די טרויעריגע שילדערונג, וואָס ישעיהו הנביא גיעט (ישעיה א' און ווייטער) פון דער מאָראַלישער נידריגקייט פון לאַנד יהודה, ווי „גוי חטא" (זינדיג פאָלק), „שריך סוררים וחברי גנבים" (דיינע שרים זענען א באַנדע גנבים) וכדומה זאָל זיך בעציהען אויף די צייטען פון אחז. אין דער גמרא און מדרש (סנהדרין ק"ג, בראשית רבה מ"ב) ווערט אחז בעטראַכט אַלס גרעסטער רשע וואָס האָט נישט קיין חלק לעולם הבא.

ביבליאָגראַפיע: וואהלמאַן, „תקופת ישעיהו"; „אוצר השמות" פון ראָזענבערג; „אוצר ישראל".

**אחזיה** אין תנ"ך ווערען דערמאהנט צוויי יודישע מלכים פון די צייטען פון ערשטען בית המקדש וואס האבען געטראגען דעם נאמען אחזיה. איינער איז געווען דער זוהן פון אחאב; דער דאזיגער אחזיה איז געווען מלך אין לאנד ישראל (אפרים) אונגעפעהר אין די יאהרען 853 — 854 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. אין זיין צייט — ווי עס דערצעהלט דער ספר מלכים ב' קאפיטעל א' — האט מישע מלך מואב מורד געווען אין דער הערשאפט פון לאנד ישראל, און פון יענער צייט שטאמט עס דער בערימטער „שטיין פון מישע מלך מואב". דער דאזיגער קעניג האט געהערשט נאר איין יאהר און איז געשטארבען. דער צווייטער אחזיה איז געווען מלך אין לאנד יהודה און איז געווען דער זוהן פון יהורם און א איידעם פון אחאב מלך ישראל. אויך ער האט געקיניגט נאר איין יאהר, און איז געטויט געווארען ווען ער איז געווען אין בעזוך ביי זיין שוואגער יהורם מלך ישראל, און דעמאלס איז פארגעקומען די פאלאץ־רעוואלוציע פון יהוא בן נמשי וועלכער האט געטויט אלע קינדער פון אחאב. די ספורים וועגען ביידע דאזיגע מלכים ווערען געבראכט אין ספר מלכים ב'.

ביבליאגראפיע: „אוצר השמות" פון ראזענבערג; גרעץ, געשיכטע; „אוצר ישראל".

**אחיאסף** דער נאמען פון א געזעלשאפט ארויסצוגעבען העברעאישע און אויך יודישע צייטשריפטען און ביכער. די געזעלשאפט איז געגרינדעט געווארען אין ווארשא 1893 דורך אלעזר קאפלאן, זאב גלוסקין, און נאכהער איז צו איהר צוגעטראטען אויך בן אביגדור. די אחיאסף האט ארויסגעגעבען צווישען אנדערע זאכען אויך דעם בעריהמטען העברעאישען מאנאט־זשורנאל „השלח", ווי אויך די וואכענשריפט „הדור" (רעדאקציע פון דוד פרישמאן), און אויך דעם יודישען וואכענזשורנאל „דער יוד" און דעם מאנאט־זשורנאל „די יודישע פאמיליע". די געזעלשאפט האט אויך ארויסגעגעבען דעם יעהרליכען ליטעראריש־וויסענשאפטליכען „לוח אחיאסף".

**אחיה השילוני** אין תנ"ך געפינט מען עטליכע פערזאנען מיט דעם נאמען אחיה, ווי דעם כהן אין די צייטען פון שאול המלך אחיה בן אחיטוב (ספר שמואל א' קאפיטעל י"ד) און אנדערע. אבער דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער נביא אחיה השילוני, וואס ווערט דערמאהנט אין ספר מלכים א' קאפיטעל י"א. אחיה השילוני האט געשפילט א גרויסע ראליע אין א בעדייטענד פאליטישען געשעעניש אין דער אלטער יודישער געשיכטע. דער דאזיגער נביא האט געלעבט אין די צייטען פון שלמה המלך, און ער האט געשטאמט פון דער שטאדט שילה (אזוי ווערט געזאגט אין ספר מלכים א' קאפיטעל י"ד; דעריבער האט ער געהייסען „השילוני"). אין יענע צייטען האט איינער פון די יודישע העלדען ירבעם בן נבט געוואלט מורד זיין אין שלמה המלך, און ווי דער ספר מלכים א, קאפיטעל י"א דערצעהלט, האט דער נביא אחיה השילוני געטראפען ירבעם אי־וועג, און ער האט איהם ערקלערט, אז ער זאל אברייסען די 10 שבטים אין צפון און מיטעל־טייל פון ארץ־ישראל און גרינדען א בעזונדערע מלוכה. ירבעם האט איהם געפאלגט, און נאך שלמה המלך'ס טויט, האט ער ווירקליך

אַבגעריסען די 10 שבטים און געגרינדעט די „מלכות ישראל'' (אָדער אפרים) מיט דער הויפּט־שטאָדט אין שכם. אין ספר דברי הימים ב' קאַפּיטעל ט' ווערט געזאָגט, אַז אחיה השילוני האָט געשריבּען אַ ספר וועגען דער הערשאַפט פון שלמה המלך און ירבעם בן נבט.

אין די שפּעטערדיגע צייטען געפינען מיר אין די אגדה־ווערטער אין דער גמרא און מדרש גאָר הויכע מיינונגען וועגען אחיה השילוני. אין דער גמרא בּבא בּתרא קכ''א ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט געלעבּט לאַנג און זיין תּלמיד איז געווען אליהו הנביא. אין דער חסידישער וועלט ווערט געזאָגט, אַז אחיה השילוני איז געווען אויף יענער וועלט דער רבּי פון רבּי ישראל בּעל שם טוב, דעם גרינדער פון חסידות. אזוי דערצעהלט וועגען איהם דעם בּעל שם טוב'ס תּלמיד רבּי יעקב יוסף (פּולנאה'ער רב) אין זיין ספר „תּולדות יעקב יוסף''. טייל געלעהרטע מיינען, אַז דאָס בּעדייט, אַז פּונקט ווי אחיה האָט צוליבּ געטליכע זאַכען זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר צעטיילען דאָס יודישע פאָלק אין צוויי טיילען, אזוי האָט אויך דער בּעל שם טוב, כּדי צו פערשטאַרקען דאָס חסידות נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס האָט ארויסגערופען מחלוקת אין די יודישע קהלות צעטיילט די יודען אין מתנגדים און חסידים.

ביבליאָגראַפיע: וואהלמאַן, „תקופת ישעיהו''; „ראָזענבּערג, „אוצר השמות''; „אוצר ישראל''.

**אַחימלך** דער נאָמען פון אַ כּהן איז דער שטאָדט נוב אין די צייטען פון שאול המלך. צוליבּ דעם וואָס אחימלך האָט געהאַלטען מיט דוד, ווען ער איז ענטלאָפען פאַר שאול'ן, האָט שאול אחימלך'ן געלאָזט טויטען (שמואל א' כ''א). צוזאַמען מיט אַחימלך זענען דעמאָלס געטויט געוואָרען אויך די אַנדערע כּהנים אין דער שטאָדט נוב. די אַלע ספּורים אין תּנך וועגען דער אריינמישונג פון די כּהנים אין די פּאָליטישע ענינים פון ארץ־ישראל, ווייזען, אַז אין יענע צייטען האָבּען די כּהנים געשפּילט אויך אַ גרויסע פּאָליטישע ראָליע בּיי יודען און זיי פלעגען זיך שטעלען אויף דער זייט פון דעם אָדער יענעם הערשער.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבּערג, „אוצר השמות''; „אוצר ישראל''.

**אַחימעץ בּן פּלטיאל** דאָס איז דער נאָמען פון אַ יודישען פּיוטים־שרייבּער און כראָניק־שרייבּער, וואָס האָט געלעבּט אין איטאַליען אין 11־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבּוירען געוואָרען אין יאָהר 1017, איז ער האָט געוואוינט אין דער איטאַליענישער שטאָדט אָריאַ. אין יאָהר 1054 האָט ער פערפאַסט אַ בּוך „ספר היוחסין'', וואָס איז געלעגען אַ לאַנגע צייט אין כּתב־יד, און ערשט דער יודישער געלעהרטער בּיבּליאָגראַף נייבּויער האָט עס ארויסגעגעבּען אין יאָהר 1895 אין צווייטען בּאַנד פון זיין „מעדיעוואַל דזשואיש קראָניקלס'' (יודישע כראָניקס פון מיטעלאַלטער). אין דאָזיגען „ספר היוחסין'' בּעשרייבּט אחימעץ די געשיכטע פון זיין פאַמיליע, פון זיינס אַ עלטער־עלטער־זיידען אמתּי, וואָס האָט געלעבּט אין איטאַליען אין דערמיט פון 9־טען יאָהרהונדערט, און דערנאָך פון זיינע קינדער און אייניקלעך בּיז צו זיין, אחימעץ'ס דור. דערבּיי גיעט אחימעץ אויך איבּער פערשידענע אינטערעסאַנטע לעגענדעס און מנהגים, וואָס געבּען אונ־

א בילד וועגן לעבען פון יודען אין איטאליען אין יענע עלטערע צייטען. אין „ספר היוחסין" ווערט אויך דערצעהלט וועגען יודען, וואס פלעגען פאהרען בעזוכען ארץ־ישראל און מיטפיהרען געלד אויף אויסצוהאלטען די יודען אין ירושלים. פון „ספר היוחסין" ווערען מיר אויך געוואר ווי אזוי די געהיימע מיסטישע לעהרע קבלה איז געבראכט געווארען פון בבל (באגדאד) דורך א געוויסען רבי אהרן וואס האט זיך באזעצט אין איטאליען. וועגען דאזיגען רבי אהרן זענען געווען ידיעות אויך אין שפעטערדיגע צייטען (רבי אלעזר רוקח), אבער מען האט געמיינט אז דאס איז נאר א לעגענדע. אט דורך דעם „ספר היוחסין" בעשטעטיגט זיך די דאזיגע ידיעה. דער „ספר היוחסין" איז אויך ערשינען אין „ספרות ההיסטוריה הישראליה" (ווארשא 1922) פון אברהם כהנא. אחימעץ האט אויך געשריבען פיוטים, און איין „סליחה" זיינע הויבט זיך אן מיט די ווערטער „איש ימינו".

ביבליאגראפיע: כהנא, „ספרות ההיסטוריה"; קויפמאן, שריפטען באנד 3 (דייטש); יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**אחיקר** אין די גאר אלטע צייטען מיט איבער 2 טויזענד יאהר צוריק איז ביי פערשידענע פעלקער אין פאדער־אזיען (אראמער און אנדערע) ווי אויך ביי די אלטע גריכען און רוימער ארומגעגאנגען א לעגענדע וועגען א געוויסען קלוגען מענש אין לאנד אשור מיט'ן נאמען אחיקר, וואס איז געווען א בעל־יועץ ביים קעניג סנחריב. דער דאזיגער אחיקר האט געהאט א זוהן צו א שטיפזוהן מיט'ן נאמען נאדאן (אין טייל ערטער הייסט ער „אמאן", און דאס דערמאהנט אביסעל דעם נאמען „המן" פון דער „מגילת אסתר"), וועמען ער האט אריינגעפיהרט אין קעניגליכען הויף און האט איהם אנפערטרויט אלע זיינע חכמות. נאדאן איז אבער געווען א שלעכטער מענש, און ער האט פערמסרט פאר דעם קעניג, אז זיין פאטער, אחיקר, וויל דעם קעניג טויטען. דער קעניג האט דערויף געהייסען טויטען אחיקר'ן. דורך עפעס א תחבולה איז אחיקר ניצול געווארען. דערנאך איז דער קעניג געוואר געווארען, אז די מסירה איז געווען א פאלשע. ער האט דעריבער אחיקר'ן געמאכט צוריק פאר זיין בעל־יועץ. דעמאלס איז געווען א סכסוך צווישען דעם קעניג פון מצרים און דעם קעניג פון בבל. אחיקר איז געפאהרען קיין מצרים, און האט מיט זיין חכמה אבגעענטפערט אויף אלע פראגען און רעטענישען פון עגיפטישען קעניג (ווי אזוי מען קאן בויען א שלאס אין דער לופט וכדומה) און ער האט געמאכט שלום צווישען די צוויי לענדער. דערביי ווערט אין דער לעגענדע אנגעגעבען פיעל ווערטער און דברי חכמה, וואס אחיקר האט געזאגט, און די שפריך־ווערטער זענען זעהר עהנליך צום ספר משלי פון תנך און אויך צו די ווערטער פון ספר בן סירא.

דער דאזיגער אחיקר ווערט דערמאהנט אלס גרויסער חכם שוין ביי די אלטע גריכען (אביקאריאס). ער ווערט אויך געבראכט אין רי יודישע „כתבים אחרונים" (אפאקריפען) אין דעם ספר טוביה, וואס דערצעהלט וועגען איהם, אז ער איז געווען א יוד פון שבט נפתלי. די שפריכווערטער פון דאזיגען אחיקר זענען ביז מיט א קורצער צייט צוריק געווען בעקאנט נאר אויפ'ן גרונד פון שפעטערדיגע ערצעהלונגען אין פיעל שפראכען, ווי סיריש, אראביש, טערקיש, ארמעניש, רומעניש, רוסיש, וואס זענען

אלע איבערזעצט געוואָרען וואהרשיינליך, פון אַן׳אַלטען גריכישען טעקסט, וועלכער איז פאַר אונז פערלוירען געגאַנגען. ערשט מיט א קורצער צייט צוריק האָט מען אין די בעריהמטע אויסגראַבונגען אין „עלעפאַנטינע״ (אין מצרים), וואו מען האָט געפונען בריעף פון יודען וואָס האָבען דאָרט געוואוינט לערך דעם 5-טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג, אויך געפינען אויף אַראַמיש שטיקער פון א בוך מיט דעם טיטעל „מתלי אחיקר שמה. ספר חכמים ומהיר, זי חכם לברה נדז״ (די משלים פון אחיקר זיין נאָמען, א קלוגער און געלויפיגער שרייבער, וואָס האָט זיי געלערענט זיין זוהן נדן). פון דעם אלעם ווילען טייל געלעהרטע האָבען, אז אחיקר איז א אַלט־יודיש ספר וואָס איז פערפאַסט געוואָרען דורך א יוד אין דער צייט צום סוף פון ערשטען בית המקדש. אַנדערע אָבער גלויבען, אז דאָס איז נישט געשריבען געוואָרען דורך א יוד, נאָר דורך איינעם פון יענע אַראַמעאישע חכמים וואָס ווערען אַזוי פיעל דערמאָהנט אין תנך („חכמי קדם״, „הימן כלכל ודרדע״ וכדומה). טייל ווילען אויך געפינען א פערגלייך צווישען אחיקר און דעם ספר איוב. די בעדייטונג פון ספר אחיקר איז זעהר גרויס פאַר דער פאָרשונג פון די לעצטע תנך־ספרים.

דער ספר „אחיקר״ איז אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך יעלין אין יאָהר תרפ״ג.

ביבליאָגראַפיע: א. יעלין, „ספר אחיקר החכם״ (בערלין—ירושלים 1923); חשלח״, חלק ד׳; „ספר אחיקר״ און איינלייטונג פון מאיר איש שלום; „אוצר ישראל״; יודיש־דייטשע ענציקלאָפעדיע.

**אחיתפל** אין ספר שמואל ב׳ (קאַפּיטעל ט״ו און אנדערע) ווערט דערצעהלט, אז דוד המלך האָט געהאַט א בעל יועץ מיט׳ן נאָמען אחיתפל פון דער שטאָדט גלה (היינט איז עס א אַראַביש דאָרף אין ארץ־ישראל, „בעט דזשאַלא״, נישט ווייט פון בית לחם). זיין אייניקעל איז געווען בת שבע, דוד׳ס ווייב. ווען אבשלום האָט מורד געווען אין זיין פאָטער דוד המלך, איז אחיתפל געוואָרען דער אַנהענגער פון אבשלום און האָט איהם געגעבען עצות ווי אזוי צו פיהרען די מלחמה געגען דוד׳ן. אָבער אבשלום האָט איהם נישט געפאָלגט. דאָס האָט אחיתפל׳ן אַזוי שטאַרק פערדראָסען, אז ער איז אוועק צו זיך אהיים „ויחנק וימת״ (ער האָט זיך אַליין דערשטיקט און איז געשטאָרבען). דאָס איז איינער פון די זעלטענע פאַלען אין תנך וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען איינעם וואָס איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין די צייטען פון דער גמרא האָט מען וועגען אחיתפל געהאַט א זעהר שלעכטע מיינונג. די משנה און סנהדרין פרק י״א רעכענט אחיתפל צווישען די וואָס האָבען נישט קיין חלק לעולם הבא. אין דער גמרא סוכה נ״ג ווערט דערצעהלט ספורים פאַרוואָס אחיתפל איז אזוי בעשטראָפט געוואָרען, כאָטש אחיתפל איז געווען אַזא גרויסער חכם. אין סנהדרין ס״ט ווערט דערצעהלט, אז אחיתפל איז אַלט געווען ביי זיין טויט נאָר 33 יאָהר און אנדערע פרטים וועגען אחיתפל.

טייל יודישע געלעהרטע ווי גייגער און אויך שור (אין העברעאישען זשורנאַל „החלוץ״) און אַנדערע ווילען האָבען, אז אין פיעל נעגאַטיווע דרשות פון דער גמרא געגען אחיתפל ווערט געמיינט נישט אחיתפל פון תנך, נאָר ישו הנוצ־

די. זיי מיינען, אַז דאָס איז וואָרט־שפּיל „תפל" פון דער גריכישער שפּראַך „טע־אָפּיל" וואָס איז דער טייטש „דער זוהן פון גאָט", און אַזוי ווי די קריסטען גלויבען אויף ישו הנוצרי, אַז ער איז גאָט'ס זוהן האָט מען איהם גערופען אחיתפל. אָלס שטיצע פאַר די דאָזיגע מיינונג ווייזען זיי אָן, אַז ווי בעקאַנט איז ישו הנוצרי ביי זיין טויט אַלט גע־ווען עפּעס ווינציגער פון 33 יאָהר (אין 33־טען יאָהר פון זיין געבורט). זיכער איז נישט די דאָזיגע מיינונג.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; „בקרת התלמוד"; „אוצר ישראל".

**אַחֵר** דאָס איז דער פּסיידאָנים וואָס איז פאַרהאַן אין דער גמרא פאַר דעם גרויסען תנא אלישע בן אבויה, וואָס איז ארויסגעגאַנגען לתרבות רעה, און האָט בעקעמפט נאָכהער די יודישע רעליגיע. וועגען דער דאָזיגער מערק־ווירדיגער פּערזענליכקייט, וואָס איז אַן־איינציגער אויסנאָהם אין די צייטען פון דער משנה און גמרא, וועלען מיר גע־בען ביים שטיך־וואָרט, „אלישע בן אבויה".

**אַחֲרונים** אין דער לומדישער וועלט ווערען די פּוסקים און די מפרשים איינגעטיילט אין „ראשונים" און „אחרונים". מיט'ן נאָמען „ראשו־נים" הייסען די יעניגע רבנים און פּוס־קים און מפרשים וואָס האָבען געלעבט אין די פריהערדיגע צייטען; דאַגעגען מיט'ן וואָרט „אחרונים" (די לעצטע) רופט מען אַן די רבנים און פּוסקים און מפרשים וואָס האָבען געלעבט שפּעטער. עס איז שווער צו זאָגען גענוי, אין וועל־כער צייט עס ענדיגט זיך די עפּאָכע פון די „ראשונים" און עס הויבען זיך אַן די „אחרונים". געוועהנליך ווערט אָנ־גענומען, אַז די ראשונים ענדיגען זיך מיט די לעצטע בעלי תוספות אין 13־טען יאָהרהונדערט; אָבער טייל זאָגען, אַז אויך דער בעריהמטער פערפאַסער פון שלחן ערוך רבי יוסף קארא (אין 16-טען יאָהרהונדערט) האָט געהערט צו די ראשונים. אים אלגעמיין איז אָנגע־נומען, אַז די הלכה בלייבט ווי עס זאָגען די אחרונים, ווייל זיי האָבען דאָך אויך געזעהן וואָס די ראשונים זאָגען, און מסתמא האָבען זיי געהאַט גענוג טע־מים צו פּסקענען אַנדערש.

ביבליאָגראַפיע: „פחד יצחק"; „קורא הדורות"; „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „ראשונים"); יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ** קעניג אין פּרס (פּערס־יען) וואָס ווערט געבראַכט אין דעם סיפור אין תנך „מגילת אס־תר". אין דער דאָזיגער מגילה ווערט דערצעהלט, אַז אחשורוש האָט געקיניגט אין פּרס ומדי, איבער 127 מדינות, לערך די צייטען פון גלות בבל (לערך אין דערמיט פון 6טען יאָהרהונ־דערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכע־נונג). אחשורוש האָט, לויט דער דער־צעהלונג פון דער מגילת אסתר, געגע־בען לויט דער עצה פון זיין מיניסטער המן דעם „צורר היהודים" דעם בע־פעהל צו פערטיליגען אַלע יודען דעם 14־טען אדר. נאָר לויט בעמיהונגען פון מרדכי און אסתר המלכה האָט אחשו־רוש צוריקגערופען דעם בעפעהל, און פערקעהרט, די יודען האָבען בעקומען די ערלויבעניש זיך נוקם צו זיין אין זייערע שונאים. צום אָנדענקען פון דאָזיגען נס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער יום־טוב פורים. דערביי ווערען נאָך אין דער מגילת אסתר אָנגעגעבען אַנדערע פּרטים

פון אחשורוש'ס לעבן, וואָס בינדען זיך מיט דעם נס פון פורים, למשל די ערצעהלונג, ווי אַחשורוש האָט געלאָזט טויטען זיין ערשטער מלכּה ושתי און ווי ער האָט נאַכהער גענומען אַלס קעניגין אסתּר המלכּה.

די וויסענשאַפטליכע פאָרשער זענען מחולק אין זייערע מיינונגען וועגען דעם, וועלכען אַלט־פּערסישען קעניג די מגילת אסתּר מיינט מיט דעם וואָרט אחשורוש. אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען די מיינונג, אז דאָ מיינט מען דעם בעקאַנטען אלט־פּערסישען קעניג (וועלכער איז בעוואוסט מיט זיין מלחמה געגען די גריכען) קסערקסעס (די אַנדערע מיינונג, אז עס איז דער קעניג אַרטאקסערקסעס). לויט די לעצטע ענטדעקונגען פון די אלט־פּערסישע שריפטען האָט דער קעניג קסערקסעס געהייסען אויף אלט־פּערסיש „כשאיארשא", דאָס איז אחשורוש (אין מגילת אסתּר י' הייסט ער אויך „אחשרש" אָהן א ו').

וועגען דעם גאַנצען סיפּור פון אחשורש מיט המן און מרדכי און אסתּר און דער ענטשטעהונג פון פּורים זענען געשריבען־געוואָרען פיעל וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונגען. עס זענען דאָ פאַרהאַן זעהר פיעל היסטאָרישע שוועריקייטען. וועגען אלעם וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער „אסתּר" און „פּורים".

אין דער גמרא און מדרש זענען פאַרהאַן וועגען אחשורוש פיעל ערצעהלונגען, וועלכע זענען צונויפגעזאַמעלט אין דער גמרא מגילה און דעם מדרש צו מגילת אסתּר און אויך אין תרגום שני. אין אַלגעמיין ווערט אחשורוש כאַראַקטעריזירט אַלס „מלך טיפּש", א קאַפּריזנער נאַרישער קעניג, וואָס יעדער האָט אויף איהם אַנ'איינפלוס.

אַלס אַזעלכער ווערט אַחשורוש אויך פאָרגעשטעלט אין די בעקאַנטע יודישע פּורים־שפּילען, וואָס טראָגען דעם נאָמען „אחשורוש־שפּיל" און וואָס מען האָט געפלעגט אויפפיהרען ביי יודען אין פּורים אין פערלויף פון 18־טען און 19־טען יאָהרהונדערט און עס איז דערפון ענטשטאַנען אויך א טעאַטער־שפּיל. דער יודישער טעאַטער־פאָרשער ד"ר יצחק שיפּער אין זיין בוך „געשיכטע פון יודישען טעאַטער־קונסט און דראַמע" (וואַרשא 1925) ווייזט אָן, אז די ערשטע יודישע אַחשורוש שפּיל אין כּתב יד איז פאַרהאַן (אין לייפּציגער שטאָדט־ביבליאָטעק) פון יאָהר 1697, און דאָס ערשטע געדרוקטע ביכעל אַחשורוש־שפּיל איז פון יאָהר 1714. אין לויט דער מיינונג פון שיפּער איז דאָס ענטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון א ענגלישער דראַמע „עסטהער ענד אהאַסווערוס" וואָס איז איבערזעצט געוואָרען אין דייטש אין יאָהר 1620.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל"; יידיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע; שיפּער, „געשיכטע פון יודישן טעאַטער־קונסט".

## אחשורש, דער אייביגער יוד

אין דער קריסטליכער וועלט איז פאַרהאַן א לעגענדע, אז ווען מען האָט ישו הנוצרי געפיהרט צום טויט, האָט א יוד אין ירושלים מיט'ן נאָמען אחשורוש איהם בעליידיגט. ישו הנוצרי זאָל דעמאָלס איהם האָבען געזאָגט, אז אַלס שטראָף וועט דער דאָזיגער אַחשורוש לעבען אייביג ביז „אין די לעצטע צייטען". פון דעמאָלס אָן וואַנדערט „דער אייביגער יוד" אַחשורוש איבער דער וועלט. ער האָט זיך שוין געוואָלט טויטען אָבער קיין טויט נעהמט איהם נישט. אין די עלטערע קריסטליכע כראָ־

ניקעס ווערען דערצעהלט גאנצע לעגענדעס, ווי דער אדער יענער גלח האט איהם אליין געזעהן, דעם אייביגען יוד, און ווי ער האט געוואנדערט ווייטער.

וועגען דעם דאזיגען „אייביגען יוד" זענען געשריבען געווארען פיל ביכער. מען ווייזט אן, אז דאס ערשטע מאל געפינט מען די לעגענדע פון „אייביגען יוד" אין א לאטיינישען דאקומענט פון יאהר 1235 „פלארעס היסטאריארום" (בלומען פון דער געשיכטע), וועלכער ווערט דערמאהנט אין א צווייטען דאקומענט „היסטאריא מאיאר" פון יאהר 1250 געשריבען דורך א פראנצויזישען גלח מאטעאוס. דער נאמען אחשורוש קומט נאך דא נישט פאר. פון דעמאלס אן ווערט שוין די לעגענדע פון „אייביגען יוד" דערמאהנט אין פיל קריסטליכע ביכער. ערשט אין יאהר 1602 איז אין דער דייטשער שפראך ערשינען א פאלקס-ביכעל וועגען דעם „אייביגען יוד" און דארט ווערט שוין אנגעגעבען זיין נאמען „אהאסוער" (אחשורוש). די לעגענדע איז געווארען פערשפרייט כמעט צווישען אלע קריסטליכע פעלקער. ביי די דייטשען הייסט ער „דער אייביגער יוד", ביי די פאליאקען און טשעכען און בכלל סלאווען הייסט ער „וויעטשני זשיד" (אייביגער יוד); ביי די פראנצויזען הייסט ער „דזשואיף ערראנט" (בלאנדזשענדער יוד). אין בעלגיען הייסט ער „איזאק לאקעדעם" און טייל מיינען אז דאס שטאמט פון ווארט „קדם", „אייביגקייט". מען טרעפט איהם אונטער אנדערע פערשידענע נעמען. טייל געלעהרטע ווילען האבען, אז די גאנצע לעגענדע איז נאכגעמאכט נאך א אינדישער לעגענדע פון א געוויסען פינדאלא, וואס דער אינדישער נביא בודהא האט איהם פערשאלטען אז ער זאל לעבען ביז אין די לעצטע צייטען. אויך די מאלערישע קונסט האט זיך בעשעפטיגט מיט דעם „אייביגען יוד" און עס זענען פאראן וועגען איהם קונסט-בילדער פון קוילבאך און אנדערע. מען האט וועגען איהם אויך געשריבען לידער און ערצעהלונגען.

ביבליאגראפיע: העברעאישער זשורנאל „הדור" (תר"סג); נייבויער, די זאגע פון אייביגען איד", 1884 און 1893 (דייטש); אידיש. דייטשער ענציקלאפעדיע („אהאכוועד"); קאפשטיין, „אהאסוער אין דער וועלט-ליטעראטור", 1906 (דייטש).

**אטאווא** דאס איז דער נאמען פון דער הויפט-שטאדט אין קאנאדע. דארט געפינט זיך די צענטראל-רעגירונג און דער פארלאמענט פון קאנאדא. דער יודישער ישוב אין אטאווא איז נישט אלט. די יודישע קהלה איז דא געגרינדעט געווארען ערשט אין יאהר 1895. אטאווא צעהלט איצט לערך 130 טויזענד איינוואוינער. יודען זענען פאראן צווישען זיי ביי 3500. דא זענען פאראן עטליכע יודישע שולען, ציוניסטישע ארגאניזאציעס ווי אויך א גאנצע רייה יודישע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס.

ביבליאגראפיע: „אמעריקאן דזשואיש יערבוק"; „אשכול" ענציקלאפעדיע.

**אטאלענגא** (דער דאזיגער פאמיליען-נאמען שרייבט זיך אויך „אוטולינגוי"). דאס איז דער נאמען פון א בעריהמטער פאמיליע אין איטאליען, וועלכע מיר טרעפען שוין אין 16-טען יאהרהונדערט. די אנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער דאזיגער פאמיליע זענען געווען פאלגענדע פערזאנען: אטאלענגא יוסף, רב און ראש-

ישיבה אין איטאליען אין 16־טען יאהרהונדערט, געשטארבען לערך דעם יאהר ש״ל (1670). ער האט ארויסגעגעבען אין דער בעריהמטער דרוקעריי אין דער שטאדט ריווא די טרענטא לערך 20 ספרים, פרעמדע און אייגענע. — אטאלענגא שמואל דוד, געלעבט אין אנהויב פון 18־טען יאהרהונדערט און געשטארבען אין ווענעציע יאהר תע״ח (1718). ער האט מחבר געווען א רייה ספרים („מעיל שמואל א קיצור פון של״ה, תשובות, און אנדערע ספרים). — אטאלענגא דאנאטא, בעריהמטער באנקיר און פילאנטראפ אין פיעמאנט, געשטארבען אין יאהר 1883. ער האט אויך פערפאסט ביכער אין איטאליעניש. — אטאלענגא גוזעפע, בעריהמטער איטאליענישער גענעראל און מיליטער, געשטארבען אין יאהר 1904.

ביבליאגראפיע: ווינער, „מזכרת רבני איטאליה״; גירונדי, „תולדות גדולי ישראל״; „ישראל״; „אשכול״ (שטיך־ווארט „אטולינגו״).

**אטלאנטא** דער נאמען פון דער הויפטשטאדט פון שטאט דזשארדזשא אין די פעראייניגטע שטאטען פון צפון־אמעריקא. דער יודישער ישוב איז דא געגרינדעט געווארען אין דערמיט פון 19־טען יאהרהונדערט. איצט צעהלט די שטאדט איבער 150 טויזענד איינוואוינער. יודען זענען דא פארהאן ביי 8 טויזענד. אין אטלאנטא זענען פארהאן פיל יודישע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, שוהלען, רעפארם־סינאגאגע ווי אויך ארטאדאקסישע אינסטיטוציעס.

ביבליאגראפיע: „אמעריקאן דזשואיש יער־בוך״; יודיש־דייטשער ענציקלאפעדיע.

**אטלאס אלעזר** (1852 — 1904). ער איז געווען א גרויסער העברעאישער שרייבער און געלעהרטער. אטלאס איז געבוירען געווארען אין יאהר 1852 אין דער שטאדט בייסגאלא אין ליטא, וואס האט דעמאלס געהערט צו רוסלאנד. שוין אין דער יוגענד האט אטלאס געהאט א רוהם אלס גרויסער עילוי און האט שוין צו 14 יאהר געקאנט ש״ס. ער האט אויך שוין אין דער יוגענד זיך גענומען צום לערנען וועלטליכע וויסענשאפטען און ער האט שנעל ערלערנט א רייה שפראכען (דייטש, רוסיש, לאטיין) און אויך נאטור־וויסענשאפטען. אין יאהר 1884 האט ער זיך בעזעצט אין ווארשא, נאכהער אין ביאליסטאק, שפעטער אין מאסקווע און דערנאך ווידער אין ביאליסטאק. אטלאס האט אין זיין לעבען געליטען גרויס דחקות. ער איז געווען צוערשט א סוחר, דערנאך בוכהאלטער, און ער האט ביי דעם אלעם געליטען גרויס נויט. ער איז געשטארבען אין ביאליסטאק אין יאהר 1904.

אטלאס האט אין זיין שריפטשטעלערישער ארבייט ארויסגעוויזען גרויס לומדות און קריטישער חריפות. ער האט מיטגעארבייט אין בעקאנטע העברעאישע זאמעל־ביכער „האסיף״, „השנה״ און ער האט אויך ארויסגעגעבען א אייגענעם זאמעל־בוך „הכרם״ (אין יאהר 1886). אין די אלע זאמעל־ביכער האט ער געשריבען היסטאריש־וויסענשאפטליכע אבהאנדלונגען איבער פערשידענע עפאכען פון דער יודישער געשיכטע, און זיינע מאמרים ווערען אין דער יודישער וויסענשאפט בעטראכט אלס זעה ווערטפול. א רייה מאמרים אין „הכרם״ (די אבהאנדלונג וועגען „ריבש״ און אנדערע) זענען געשריבען

געוואָרען דורך אַטלאַס.

ווען עס איז ענטשטאַנען די ציוניסטישע בעוועגונג איז אַטלאַס, וועלכער איז געווען א שטרענג-אָרטאָדאָקסישער יוד ביי זיינע אַלע וויסענשאַפטליכע קענטעניסען, אַרויסגעטרעטען שאַרף געגען ציוניזם; ער האָט אויך פיל מאָל אָנגעגריפען די טעטיגקייט פון די חובבי־ציון. אַטלאַס האָט אין זיינע אַרויסטרעטונגען געגען ציוניזם (אין אָרטאָדאָקסישען זשורנאַל „הפלס”, זאמעלבוך „אור לישרים” און אַנדערע) זיך בעמיהט אויפצווייזען אז דער ציוניזם קאָן נישט לעזען די יודען-פראגע ער האָט דערמיט אַרויסגערופען צו זיך שאַרפע געגנערשאַפט.

ביבליאָגראַפיע: „לוח אחיאסף” יאָהר תרס״ה; יודיש־רוסישע ענציקלאָפעדיע; פאקאלאוו׳ס אַרטיקעל וועגען אטלאַס אין הצפירה יאָהר 1904; יודיש־דייטשע ענציקלאָפעדיע.

**אַטעאיזם** דאָס דאָזיגע וואָרט שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַד, און די בעדייטונג דערפון איז „גאָטלאָזיגקייט”, דאָס האַלטען, אז עס איז נישט פאראַן קיין גאָט אויף דער וועלט. די יודישע רעליגיע, פונקט ווי כמעט יעדע אַנדערע רעליגיע, איז געגען דעם אַטעאיזם. דער ערשטער פון די עיקרי אמונה פון דער יודישער רעליגיע איז די „מציאות השם”, דער גלויבען אז עס איז יאָ פאַרהאַן א גאָט אויף דער וועלט. עס איז צו בעמערקען, אז שוין אין די אַלטע צייטען פון תנך זענען, ווייזט אוים, געווען צווישען יודען פריידענקער, אַנהענגער פון אַטעאיזם. מיר געפינען שפורען דערפון אין תנך, ווי למשל אין תהלים קאַפּיטעל י׳ „רשע כגבה אפו בל ידרש, אין אלהים כל מזימותיו” (דער רשע מיט זיין זעלבסט־גרויסקייט טראַכט אין אַלע זיינע געדאַנקען, אז עס איז נישטאָ קיין גאָט) און אויך אין אַנדערע ערטער. שפּעטער אין די צייטען פון דער גמרא איז פאַר אַטעאיזם ענטשטאַנען דער ספּעציעלער טערמין „כופר בעיקר” (לייקענען אין יסוד), וואָס מען טרעפט פיל מאָל אין דער גמרא. וועגען אַטעאיזם איז פאַראַן די בעקאַנטע שטעלע אין מדרש בראשית רב י״ט, אז אברהם אבינו האָט בעטראַכט די גאַנצע וועלט ווי א „בירה דולקת” (בעלויכטענעם פאַלאַץ) און ער האָט געזאָגט „תאמר בירה זו בלא מנהיג?” (צי איז מעגליך, אז דער דאָזיגער פאַלאַץ האָט נישט קיין פיהרער?), „מיד הציץ עליו בעל הבירה” (האָט ער דערזעהן דעם אייגענטימער פון פאַלאַץ). דאָס ווייזט, אז שוין אין די צייטען פון מדרש איז אויסגעקומען אין יודענטום צו בעקעמפען אַטעאיסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבען געהאַלטען, אז די וועלט ווערט רעגירט פון זיך אַליין, אָהן א מנהיג. אין די צייטען פון דער יודישער פילאָזאָפיע פון מיטעל־אַלטער (רב סעדיה גאון, רבי שלמה אבן גבירול, רמבם, חובות הלבבות און אנדערע) איז דער עיקר פון „מציאות השם” (עקזיסטענץ פון גאָט) פיל ארום־גערעדט געוואָרען און די אַלע יודישע פילאָזאָפען האָבען זיך בעמיהט צו ברענגען בעווייזען געגען אַטעאיזם. אין דער נייערער צייט איז דער אטעאיזם ביי יודען געווען עטוואָס מעהר פערשפּרייט. און ספּעציעל איז געווען די נייגונג פון טייל שריפטשטעלער צו פערבינדען דעם אטעאיזם מיט׳ן סאָציאליזם, אָבוואָהל טייל אַנדערע שריפטשטעלער האָבען אָנגענומען, אז דער אטעאיזם מיט׳ן סאָציאליזם דאַרפען צווישען זיך קיינעם איינפלוס נישט האָבען.

ביבליאָגראַפיע זשיטלאָווסקי „פילאָ־

זאָפיע", „געזאַמעלטע שריפטען; יודיש-דייטשער לעקסיקאָן; יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע; אוצר ישראל (שטיך-ווערטער „עיקרים", „אלה".

**אַטען** דאָס איז דער נאָמען פון דער בעריהמטער אַלטער גריכישער הויפּט-שטאָדט, וואָס האָט געשפּילט די גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט און דער קולטור און ציוויליזאַציע. אין דער גמרא און מדרש ווערט די שטאָדט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „אתונא" ווי אויך „אתונס" און די גרויסע אַלטע גריכישע פילאָזאָפען און געלעהרטע ווערען אָנגערופען אין דער גמרא בכורות ח', „סבי דבי אתונא" (די אַלטע פון אַטען). אַטען איז מיט דריטהאַלבען טויזענד יאָהר צוריק און אויך שפּעטער געווען דער צענטער פון דער אַלט-גריכישער קולטור און וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע. ווען די גריכישע קולטור האָט אָנגעהויבען אַריינדרינגען (אין דער צייט פון 2-טען בית המקדש) צווישען די יודען אין ארץ־ישראל איז וואהרשיינליך געווען גרויס ביי יודען דער איינפלוס פון אַטען. דער יודישער היסטאָריקער פון יענע צייטען פלאַוויוס דערצעהלט אין זיין „אַלטערטימער", אַז ווען די יודען האָבען אין די צייטען פון די חשמונאים אַראָבגעוואָרפען די הערשאַפט פון די סירישע מלכים און ערקלערט ארץ־ישראל אַלס זעלבסשטענדיגע יודישע מלוכה האָט אַטען אָנערקענט די יודישע מלוכה. מיר געפינען ביים זעלבען פלאַוויוס, אַז סוחרים פון אַטען פלעגען קומען האַנדלען אין ארץ־ישראל. פילאָן פון אַלעקסאַנדריען, וועלכער האָט געלעבט אין 1-טען יאָהרהונדערט, דערצעהלט אין זיין בוך „שליחות צו קאיום", אַז יודען האָבען געוואוינט אין אַטען אַלס סוחרים. אויך פון קריסטליכען עוואַנגעליום (טעטיגקייט פון די אַפּאָסטעלען 17) ווערען מיר געוואָר, אַז אין 1־טען יאָהרהונדערט האָט געוואוינט אין אַטען אַ גרויסע צאָהל יודען און זיי האָבען געהאַט אַ אייגענע שוהל, און דער קריסטליכער אַפּאָסטעל פּאַול איז געקומען זיך מתווכח זיין מיט זיי. עס איז אַ פאַקט, אַז ביי די אויסגראָבונגען וואָס מען האָט לעצטענס געמאַכט אין אַטען האָט מען געפונען יודישע מצבות פון די גאָר אַלטע צייטען. אויף די מצבות איז פאַראַן דאָס בילד פון אַ מנורה ווי אויך די אויפשריפטען אין דער גריכישער שפּראַך: „דאָ רוהען טעאָדאָלאָ און משה", ווי אויך „דאָ רוהען יעקב און לעאָנטעס איינִיקלעך פון יעקב פון צעזאַרעאַ".

אין דער איצטיגער שטאָדט אַטען, וועלכער איז די רעזידענץ־שטאָדט פון דער היינטיגער גריכענלאַנד, וואוינען אַממערסטען ספרדישע יודען אין דער צאָהל פון איבער 1000 נפשות, ווי אויך ביי 1000 אשכנזישע יודען. זיי בעשעפטיגען זיך אַממערסטען מיט מסחר און אויך מיט פערשידענע פאַכען. עס זענען דאָרט אויך פאַראַן אַ רעליגיעזע יודישע שולע און אַ ציוניסטישער פעראיין.

ווי געזאָגט ווערט אַטען דערמאָהנט אויך אין דער גמרא און מדרש. אין בכורות ח' ווערען דערצעהלט די בעקאַנטע מעשה'ס ווי דער תנא רבי יהושע בן חנניה (וועלכער האָט געלעבט באַלד נאָכ'ן חורבן פון 2־טען בית המקדש) האָט געפיהרט וויכוחים מיט די „סבי דבי אתונא" (די אַלטע, אָדער קלוגע פון אַטען) און ער האָט זיי בסדר מנצח געווען. די וויכוחים זענען אַ סאָרט פאָלקס-רעטענישען, ווי למשל ווי אַזוי מען קאָן בויען אַ פּאַלאַץ אין דער לופט וכדומה. טייל געלעהרטע פאַרשער ווי־

לען האבען, אז אין די רעטענישען אין בעהאלטען א טיפערער זין, און עס זענען דעריבער אויף די מעשה'ס פון די סבי דבי אתונא געשריבען געווארען פיל פירושים. אין מדרש איכה רבה אויף דעם פסוק „רבתי בגויים" ווערען דערצעהלט פאלקס־מעשיות וועגען דער קלוגשאפט פון קינדער פון ירושלים, וואס האבען בעוויזען אין אזא געלעהרטען־שטאדט ווי אטען (אתונס).

ביבליאגראפיע: שיר, „ערך מלין" (שטיך ווארט „אתונא"); וואהל, „אמרי יהודה" (ווילנא 1893) וועגען די אגדות פון די „סבי צבי אתונא"; „אוצר ישראל"; יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע; יודיש־דייטשער לעקסיקאן.

**איבערזעצונגען** אין דער געשיכטע פון דער יודישער קולטור האבען איבערזעצונגען, — סיי פון יודישע ספרים, וואס זענען איבערזעצט געווארען אין אנדערע שפראכען, סיי פון ביכער אין אנדערע שפראכען וואס זענען איבערזעצט געווארען אויף העברעאיש און יודיש, — געשפילט א זעהר גרויסע ראליע. אין די גאר אלטע צייטען פון תנך איז שווער צו זאגען צי יודען האבען געהאט איבערזעצונגען. עס איז אפילו פארהאן א מיינונג (וואס ווערט ארויסגעזאגט זאגאר דורך אזא מפרש פון תנך ווי רבי אברהם אבן עזרא), אז דער ספר „איוב" איז געשריבען געווארען נישט אין העברעאיש נאר אין אן'אנדער שפראך און איז איבערזעצט געווארען. און דערפון שטאמט עס. וואס דער סטיל פון איוב איז אזוי אריגינעל. אבער דאס איז נישט מעהר ווי השערה און נישט קיין זיכערע מיינונג. אין די צייטען פון 2־טען בית המקדש האט א זעהר גרויסע ראליע פאר דער געשיכטע פון יודענטום און פון דער מענשהייט געהאט די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך וואס איז בעקאנט מיט'ן נאמען „סעפטואגינטא", „תרגום השבעים" (איבערזעצונג פון 70 פערזאן), ווייל לויט דער לעגענדע (וואס ווערט דערמאהנט אויך אין דער גמרא) איז די איבערזעצונג געמאכט געווארען דורך 70 חכמים.

פון דעמאלס אן ווערען די איבערזעצונגען ביי יודען אפטער און דערגרייכען זייער העכסטען פונקט אין מיטעלאלטער, ספעציעל אין דער „גאלדענער עפאכע" פון די גרויסע יודישע פילאזאפען אין שפאניען אין 11טען, 12־טען און 13־טען יאהרהונדערט און אויך שפעטער. מען האט נישט נאר איבערזעצט וויכטיגע פילאזאפישע און וויסענשאפטליכע ספרים פון אנדערע שפראכען אויף העברעאיש (בעריהמט זענען אלס איבערזעצער געווען די געלעהרטע פון דער פאמיליע „אבן תבון" און אנדערע), נאר גרויסע יודישע געלעהרטע האבען אויך איבערזעצט פון אראביש א סך וויסענשאפטליכע ווערק אויף די לאטיינישע שפראך און האבען אזוי ארום פיל מיטגעווירקט צו פערשפרייטען די וויסענשאפטען אין אייראפא אין די פינסטערע צייטען פון מיטעל־אלטער. א זעהר וויכטיג ווערק וועגען יענע יודישע איבערזעצונגען האט ארויסגעגעבען אויף דייטש דער יודישער געלעהרנטער ביבליאגראף פראפעסאר משה שטיינשניידער מיט'ן נאמען „די העברעאישע איבערזעצונגען פון מיטעלאלטער און די יודען אלס איבערזעצער" (בערלין 1893).

אין דער נייערער צייט, אין דער עפאכע פון דער השכלה אין דער צווייטער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט, האבען איבערזעצונגען ביי יודען ווידער

געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור. די איבערזעצונג פון תנך אויף דייטש דורך משה מענדעלסאָן, די איבערזעצונגען פון פערשידענע וויסנשאַפטליכע ביכער פון אַנדערע שפּראַכען אין העברעאיש זענען געוואָרען די פאַרבינדונגס־וועגען, וואָס האָבען געפיהרט די יודישע אינטעליגענץ צו דער וועלטליכער קולטור. אַ בעזונדערס וויכטיגע באַדייטונג האָבען געהאַט די איבערזעצונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אויף דער יודישער שפּראַך. די עלטעסטע ביכער אין דער יודישער שפּראַך זענען איבערזעצונגען (אין 15־טען און 16־טען יאָהרהונדערט) צוערשט פון רעליגיעזע ספרים, ווי תנך, סדור, מחזורים (דורך רבי אליהו בחור. מיכאל אדאם, איצמוניש, יוסף בר יקר, און אַנדערע) און דערנאָך אויך פון וועלטליכע ביכער. דער יודישער פאָרשער פון דער אַלט־יודישער ליטעראַטור שטיף אין זיין אַבהאַנדלונג „דיטריך פון בערן" (אין זשורנאַל „יודישע פילאָלאָגיע" העפט 1 און 2, וואַרשא 1924) ווייזט אויף אַז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 15-טען יאָהרהונדערט זענען געווען פאַרשפּרייט איבערזעצונגען אין דער יודישער שפּראַך פון וועלטליכע ביכער, ראָמאַנען. שפּעטער (אין 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט) זענען איבערזעצונגען אין יודיש געווען זעהר פאַרשפּרייט. אָבער די גרעסטע טייל איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכען אויף יודיש זענען געמאַכט געוואָרען ערשט לעצטענס אין 20־טען יאָהרהונדערט. די צאָהל איבערזעצטע ביכער אין יודיש שטייגט איבער אַ סך די צאָהל אָריגינעל־יודישע ווערק. דאַגעגען זענען ביכער פון דער יודישער שפּראַך ווייניג איבערזעצט געוואָרען אין אַנדערע שפּראַכען. נאָר אַ טייל ווערק פון די שריפטשטעלער מענדעלי מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם, אש און אַנדערע זענען פאַרהאַן אין איבערזעצונגען. אין אַלגעמיין שפּילען ביי יודען די איבערזעצונגען אַ באַדייטענד גרעסערע ראָליע ווי ביי אַנדערע פעלקער, ווייל יודען געפינען זיך צווישען אַנדערע פעלקער און די איבערזעצונגען זענען מייסטענס דער איינציגער וועג פון געגענזייטיגען בעקענען זיך.

וועגען די איבערזעצונגען פון תנך וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער „תנך", „תרגום", „סעפּטואַגינטאַ" „מענדעלסאָן" און אַנדערע. וועגען די איבערזעצונגען אויף העברעאיש און יודיש וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער פון די בעטרעפענדע איבערזעצער.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „העתקה"); שטיינשניידער די העברעאישע איבערזעצונגען" (דייטש); שטיף, „דיטריך פון בערן" (זשורנאַל יודישע פילאָלאָגיע, וואַרשא 1924); צינבערג, געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור"; פינעס, „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור".

**איגנאַטאָוו דוד** בעקאַנטער יודישער דיכטער אין אַמעריקא. איגנאַטאָוו איז געבוירען געוואָרען אין אוקראַינע (שטאָדט ברוסילאָוו) אין יאָהר 1885 ביי חסידישע עלטערען. אין יאָהר 1906 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא, וואו ער האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען (ערצעהלונגען „ערוואַכונג", „צוויי קרעפטען" און אַנדערע). איגנאַטאָוו איז אַריינגעטרעטען אין קרייז פון די „יונגע" דיכטער, און ער האָט צוזאַמען מיט י. י. שוואַרץ רעדאַגירט דעם זשורנאַל „לי־

טעראַטור". איגנאַטאָוו האָט נאָכהער זיך בעטייליגט אין אַ גאַנצער רייה אַנדערע יודישע זאַמעל־ביכער און זשורנאַלען. אין יאָהר 1919 זענען ערשינען 4 בענדער פון איגנאַטאָוו'ס געזאַמעלטע שריפטען. איגנאַטאָוו געהערט צו די שריפטשטעלער וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו דער יודישער פאָלקסטימלעכער לעגענדע, און זיינע ביכער „וואונדער־מעשיות פון אַלטען פראָג", „דאָס פערבאָרגענע ליכט" און אַנדערע זיינע דיכטערישע בעאַרבייטונגען פון דער יודישער פאָלקס־מעשה און פון דער חסידישער סימבאָלישער מעשה.

ביבליאָגראַפיע: וועגען איגנאַטאָוו האָט געשריבען אַ רייה אַרטיקלען דער קריטיקער ניגער אין דעם זשורנאַל „יודישע וועלט" (יאָהר 1913), ווי אויך אין דער טאָג־צייטונג „טאָג־וואָהרהייט" (יאָהר 1920); רייזען, לעקסיקאָן (1926).

## איגראַ משולם בעריהמטער רב און גאון אין פרעשבורג

אין דער 2-טער העלפט פון 18־טען יאָהרהונדערט, און איז בעקאַנט מיט זיין נאָמען „רבינו משולם איגראַ". ער איז געבוירען געוואָרען אין דערמיט פון 18־טען יאָהרהונדערט אין גאַליציען אין דער שטאָדט בוטשאַטש. זיין פאָטער האָט געהייסען רבי שמשון. שוין אַלס קינד האָט רבי משולם גע'שמ'ט אַלס עילוי, און ווען ער איז אַלט געווען 9 יאָהר זאָל ער האָבען געקענט ש"ס אויף אויסווייניג. אַלס יונגערמאַן איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין דער שטאָדט טיסמעניץ, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון בעריהמטען גאון רבי יצחק הורוויץ (האַמבורגער רב). דאָ האָט ער געפיהרט אַ גרויסע ישיבה. פון דאָרט איז ער אין יאָהר 1794 אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין פרעשבורג, וואָס איז דעמאָלט געווען די גרעסטע קהלה אין אונגאַרן און אַ בעריהמטער מקום תורה. אויך אין פרעשבורג האָט ער געפיהרט אַ גרויסע ישיבה און צווישען זיינע תלמידים זענען געווען שפּעטערדיגע רבנים. אין פרעשבורג איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1801. ער האָט איבערגעלאָזט אַ איינציגען זוהן רבי יצחק אליהו. ערשט אַ צייט שפּעטער נאָך דעם טויט פון רבנו משולם איגרא האָט מען אַרויסגעגעבען זיינע ספרים „שאלות ותשובות" און „איגרא רמה", שאַרפע פלפולים.

וועגען רבי משולם איגרא זענען פאַרהאַן דערצעהלט פערשידענע מעשיות. אין ספר „אבני בית האצר" וואו עס ווערט געבראַכט זיין ביאָגראַפיע ווערט איבערגעגעבען אַז ער האָט געפאַסט פון שבת צו שבת, האָט פיינד געהאַט געלד און איז געווען בכלל זעהר פרום. זיינע תלמידים זענען געווען די גרעסטע גאונים רבי יעקב רב אין ליסאַ (מחבר פון „נתיבות") און רבי מרדכי באַנעט.

ביבליאָגראַפיע: „אבני בית היוצר" „שירי משכיל"; „שם הגדולים החדש"; „אהל נפתלי" (זייט 94 און ווייטער; וואו עס זענען פאַרהאַן אַ רייה מעשיות וועגען רבי משולם איגרא).

## איגר

וועגען דער פאַמיליע „איגר" און די גרויסע גאונים און פערזענליכקייטען פון דער דאָזיגער בעריהמטער פאַמיליע וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „איגר".

## איד

דאָס וואָרט „איד" צו בעצייכענען אַ יוד און דערפון אויך די ווערטער „יודיש", „יודענטום" און אַזוי ווייטער ווערט געשריבען אין דער

יודישער שפּראַך אין דריי פאָרמען: „איד", „יוד", און „ייד". די פאָרם „איד" שטאַמט אַממערסטען פון ליטווישע יודען און זי ווערט בענוצט דורך אַ רייה גרויסע יודישע צייטונגען אין פוילען און אמעריקא („היינט" אין וואַרשא, „פאָרווערטס", „טאָג" מאָרגענזשורנאַל און אנדערע אין אַמעריקאַ). די פאָרם „יוד" איז בענוצט געוואָרען אין די מערסטען יודישע ביכער און צייטונגען אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונדערט און ווערט נאָך איצט בענוצט דורך טייל גרעסערע צייטונגען („מאָמענט" אין וואַרשא און אַנדערע). די פאָרם „ייד" געהערט צו דער נייעסטער יודישער אָרטאָגראַפיע און ווערט בענוצט אין ראַטן־פערבאַנד פון רוסלאַנד ווי אויך אין אַ רייה צייטונגען און ביכער אין אַנדערע לענדער. זי איז אויך אָנגענומען געוואָרען דורך דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט („ייוואָ") אין ווילנא. מיר בענוצען די צווייטע פאָרם „יוד", און אַלעס וואָס האָט אַ שייכות דערצו (יודען, יודיש, יודענטום וכדומה) וועלען מיר געבען ביים ביכשטאַב „י", ביי דעם שטיך־וואָרט „יוד" און ווייטער.

## אֵידעלס שמואל (1555 — 1631).

דאָס איז דער נאָמען פון בעריהמטען גאון און מפרש פון דער גמרא וואָס איז בעקאַנט אין דער לומדישער וועלט מיט'ן נאָמען „מהר"שא", וואָס איז דער ראשי תבות פון די ווערטער „מורנו הרב שמואל אידלש". זיין פולער נאָמען איז שמואל אליעזר און זיין פאָטער האָט געהייסען יהודה. וועגען צו־נאָמען „אידלש" זענען פאַרהאַן צוויי מיינונגען. איין מיינונג איז אַז דאָס איז נאָך „איידעל", און אַנ'אַנדער מיינונג איז, אַז דאָס איז נאָך זיין פאָטער „אידעל" (יהודה).

דער מהר"שא איז געבוירען געוואָרען אין פויזען אין יאָהר 1555. שוין אַלס יונגערמאַן האָט ער געפיהרט אין זיין געבורטס־שטאָדט פויזען אַ גרויסע ישיבה אין פערלויף פון 20 יאָהר (פון 1585 ביז 1605). די ישיבה האָט אויסגעהאַלטען זיין שוויגער איידעל, וועלכע איז געווען זעהר אַ רייכע פרוי. אין יאָהר 1605 איז דער מהרשא אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין דער שטאָדט כעלם. אין יאָהר 1614 איז ער געוואָרען רב און ראש ישיבה אין לובלין. פון דאָרט איז ער אוועק אין דער שטאָדט טיקטין, און גאָר צום סוף איז ער געוואָרען רב אין וואָהלין אין דער דעמאָלס בעריהמטער יודישער שטאָדט אוסטראה (אָסטראָג) און אויך דאָ האָט ער פערלעגט אַ גרויסע ישיבה. דאָ איז ער געשטאָרבען ה' כסלו יאָהר שצ"ב (1631).

זיין גרויסען רוהם אין דער יודישער וועלט האָט דער מהרשא זיך ערוואָרבען דורך זיין ספר אויף גמרא מיט'ן נאָמען „חידושי המהרשא", וואָס בעשטעהט פון „חידושי הלכות", דאָס זענען פּירושים און בעמערקונגען צו דער הלכה־טייל פון דער גמרא, און „חידושי אגדות", וואָס זענען בעמערקונגען צו די „אגדות" אין דער גמרא. די דאָזיגע צוויי ספרים זענען געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל נאָך ביים מהרשא'ס לעבען (יאָהר ש"ס), און דערנאָך זענען זיי געדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט די גמרות זעהר פיל מאָל. דער מהרשא אין זיינע חידושים מיידט אויס דעם וועג פון פלפול, און ער שרייבט אַליין אין זיין ספר אויף דער גמרא

בבא מציעא פ’’ה אז די פשעטלער זענען ,,פלפול של הבל המטריד את האדם מן האמת’’ (פוסטע פשעטלעך וואס פיהרען אוועק דעם מענש פון אמת). ער האט דעריבער אין זיינע חידושים געלערנט פשט אויפ’ן ארט. וואס אנבעלאנגט די אגדות פון דער גמרא טייטשט ער זיי אוים טיילמאל אלס אלעגאריעס, משלים, וואס זייער אינערליכער זין איז א גאנץ אנדערער ווי מען מיינט געוועהנליך. דער ספר פון מהרשא איז געלערנט געווארען דורך די לומדים אין פיל דורות, און ער איז פעררעכענט געווארען אלס א זעהר שארפזיניגער, אזוי אז דער נאמען ,,מהרשא־קעפעל’’ איז אין דער יודישער שפראך בענוצט געווארען אויף איינעם וואס האט א גוטען קאפ. אין ספר מהרשא זענען אויך פארהאן בעקאנטע שווערע ערטער, וועלכע ווערען אין דער לומדישער וועלט אנגערופען מיט’ן נאמען ,,די שווערע מהרשא’ען’’, און עס איז געווען אנגענומען, אז מען האט געוואלט פרובען א גוט יונגעל אין לערנען האט מען איהם געגעבען צו ערקלערען איינעם פון די ,,שווערע מהרשא’ען’’. דער יודישער ביבליאגראף אזולאי שרייבט אין זיין ,,שם הגדולים’’ אז דער מהרשא האט איבערגעלאזט אין כתב יד אויך א ספר מיט שאלות ותשובות.

וועגען מהרשא ווערען אויך דערצעהלט פיעל לעגענדעס און גוטע מדות. עס ווערט דערצעהלט, אז דער מהרשא איז געווען א גרויסער מכנוס אורח, און אויף דער טהיר פון זיין הויז איז געווען אויפגעשריבען דער פסוק ,,בחוץ לא ילין גר, דלתותי לאורחים אפתח’’ (אין דרויסען וועט נישט נעכטיגען קיין פרעמדער, מיינע טהירען עפענע איך פאר פרעמדע געסט). דאס הויז פון מהרשא אין אוסטראה איז אבגעברענט געווארען אין יאהר 1889. אבער די שטיינער מיט די אויפשריפטען זענען פערבליבען. וועגען מהר’’שא זענען אויך פארהאן א גאנצע רייה מופתים־ערצעהלונגען (אין חסידישען ספר’ל ,,עדת צדיקים’’ און אנדערע).

ביבליאגראפיע: הוראדעצקי, ,,שב טשמואל’’ (דראהאביטש 1895); דעמביצער, ,,כלילת יופי’’ (איןביידע חלקים); ,,אוצר ישראל’’ (שטיך־ווארט ,,שמואל אליעזר’’); אין יודיש זעגען ערשינען אין די טאג־צייטונגען אנהויב יאהר תר’’צב צו דער 300־סטער יאהרצייט פון מהרשא, א רייה ארטיקלען וועגען מהרשא.

**אידעאליזם** אין דער פילאזאפיע ווערט מיט’ן נאמען ,,אידעאליזם’’ אנגערופען די שיטה, אז די אלע זאכען וואס מיר זעהען אין דער וועלט זענען נישט רעאל, נאר זענען א פראדוקט פון אונזער פארשטעלונג. מיט’ן נאמען אידעאליזם ווערט אויך בעצייכענט די פילאזאפישע שיטה פון אלט־גריכישען פילאזאף פלאטאן, אז די אור־עקזיסטענץ פון יעדער זאך איז די אידעע פון דער זאך, איהר אלגעמיינע אייגענשאפט. אויך אין דער יודישער פילאזאפיע, ספעציעל אין די אלטע צייטען אין דער עפאכע פון יודיש־העלעניסטישע דענקער אין אלעקסאנדריען (צום סוף פון 2־טען בית המקדש) ווי אויך אין מיטעלאלטער (שפאנישע עפאכע) און די צייטען פון רבי שלמה אבן גבירול, און אנדערע האט דער פילאזאפישער אידעאליזם פערנומען א גרוים ארט. וועגען אידעאליזם אין דער יודישער פילאזאפיע געבען מיר ביי די שטיך־ווערטער פון די בעטרעפענדע גרויסע יודישע פילאזאפען (,,גבירול’’, ,,פילאן’’ און אנדערע), ווי אויך ביים שטיך־ווארט ,,פילאזאפיע’’.

ביבליאָגראַפיע: ניימאַרק, „תולדות הפילוסופיה״, בערנפעלד, „דעת אלהים״; גינזבורג, „יודישע דענקער און פּאָעטען״ (יודיש); יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

## אידעלסאָן אַברהם (1865 — 1922),

א אָנגעזעהענער פיהרער פון ציוניזם און חובבי ציון אין רוסלאַנד, לאַנג־יעהריגער רעדאַקטאָר פון די בעקאַנטע רוסיש־יודישע זשורנאַלען „ראַזסוויעט״, „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ און אַנדערע ווי אויך פון „העולם״. אידעלסאָן איז געבוירען געוואָרען אין וועקשני (רוסלאַנד, איצט געהערט עס צו ליטא, קאָוונער געגענד) אין יאָהר 1865. ער האָט שטודירט יורי אין מאָסקווא. אין יאָהר 1884 איז ער צוגעטרעטען צו די חובבי ציון, נאָכהער איז ער צוגעטרעטען צום ציוניזם. אידעלסאָן איז געוועזן טעטיג אַלס זשורנאַליסט אין די צייטונגען „המליץ״, „הזמן״ און האָט אויך רעדאַגירט דעם „ראַזסוויעט״ און שפּעטער דעם „העולם״ אין לאָנדאָן. ער איז געשטאָרבען אין בערלין אין יאָהר 1922.

ביבליאָגראַפיע: ציטראָן, „לעקסיקון ציוני״; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

## אידעלסאָן אַברהם צבי

יודישער מוזיק־היסטאָריקער. אידעלסאָן איז געבוירען געוואָרען אין שטעדטעל פילצבורג (היינט איז עס אין קורלאַנד, דעמאָלס איז עס געוועזן רוסלאַנד) אין יאָהר 1882. א לענגערע צייט איז ער געוועזן חזן אין דייטשלאַנד (אין רעגענסבורג). אין יאָהר 1906 האָט ער זיך בעזעצט אין ירושלים, וואו ער האָט בעהאַט די מעגליכקייט צו שטודירען די מוזיק פון די אָריענטאַלישע יודען (ספרדים, תימנים, מאַראָקאַנישע יודען). אין ירושלים האָט ער געגרינדעט א אינסטיטוט פאַר מוזיק און אויך א מוזיק־שולע. נאָך דער וועלט־מלחמה איז אידעלסאָן אַוועק קיין אַמעריקא, וואו ער איז געוואָרען פּראָפעסאָר פון יודישער מוזיקגעשיכטע אין דעם רעפאָרמירטען ראַבינער־סעמינאַר אין סינסינעטי. אידעלסאָן האָט פערעפענטליכט אין העברעאיש די ווערק „אוצר נגינות ישראל״ ווי אויך „תולדות הנגינה העברית״ וועגען דער געשיכטע פון דער יודישער מוזיק. ער האָט אויך פערעפענטליכט א אַבהאַנדלונג וועגען דער מוזיק פון די תימנישע יודען אין העברעאישען זאַמעל־בוך „רשומות״.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאָן; יודיש דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

**איוב** דאָס איז דער נאָמען פון דעם ספר און אויך פון דעם העלד פון דעם ספר אין תנך, דעם „ספר איוב״, וואָס ווערט אויך דורך די גרעסטע ליטעראַטור־קריטיקער פערערכענט אַלס איינע פון די וויכטיגסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער אינהאַלט פון ספר איוב איז פאָלגענדער:

עס האָט געלעבט אין לאַנד „עוץ״ אַ גרויסער מענש מיט׳ן נאָמען איוב, אַ גאָט־הערציגער, פיינער מאַן, וועלכער איז געוועזן דערצו רייך און האָט אויך געהאַט א סך קינדער. דער שטן אין הימעל האָט אָבער געטענה׳ט פאַר גאָט, אַז דאָס וואָס איוב איז אַזאַ פיינער מאַן, איז עס דערפאַר וואָס עס געהט איהם גוט, ער האָט נישט קיין לײדען, אָבער קוים זאָל מען ביי איהם אַוועקנעהמען דאָס פערמעגען און איהם פערשאַפען נאָך אַנדערע פערזענליכע לײדען, וועט ער נישט זיין מעהר קיין פרומער מאַן. גאָט האָט געוואָלט איבערצייגען דעם

שטן, אז זיין מיינונג איז נישט קיין ריכטיגע, און ער האט איהם דעריבער געגעבען די ערלויבעניש אנצוטהון איוב אלערליי ליידען. דער שטן האט צושטערט פערניכטעט איוב'ס פערמעגען און גע־טויט זיינע קינדער. ווען עס זענען אנ־געקומען די שליחים, איינער נאך דעם צווייטען, צו איוב מיט די שלעכטע בשורות, אז זיין פערמעגען איז פער־ניכטעט און די קינדער זענען אומגע־קומען, איז איוב פונדעסטוועגען גע־בליבען פעסט ביי זיין גלויבען אין גאט און האט ערקלערט „ערם יצאתי מבטן אמי וערם אשוב שמה, ה' נתן וה' לקח, יהי שם ה' מבורך" (נאקעט בין איך ארויסגעגאנגען פון מיין מוטערס לייב און נאקעט וועל איך אהינקומען, גאט האט געגעבען און גאט האט צוריק צו־גענומען, זאל זיין דער נאמען פון גאט געבענשט אויף אייביג). דערנאך אבער האט דער שטן געשלאגען איוב'ן זעלבסט מיט צרעת און דאס האט איהם פער־שאפט גרויסע קערפערליכע ליידען. דע־מאלס זענען געקומען צו איהם זיינע דריי חברים, אליפז פון תימן, בלדד פון שוח און צופר פון נעמה, כדי איהם צו טרייסטען.

בין אהער איז דער פראלאג, די הק־דמה פון ספר איוב, וואס פערנעהמט די ערשטע צוויי קאפיטלעך. מיט'ן דריטען קאפיטעל הויבט זיך אן דער אייגענט־ליכער אינהאלט פון ספר איוב, די גע־שפרעכען צווישען איוב און זיינע דער־מאהנטע דריי חברים, וועלכע טענה'ן זיך אויס מיט איהם וועגען דער פילא־זאפישער פראגע, פון וואנען קומט עס, וואס א גערעכטער מענש, וועלכער האט, דאכט זיך, גארנישט געזינדיגט, זאל האבען ליידען. אין דריטען קאפיטעל הויבט אן איוב צו שעלטען דעם טאג פון זיין געבוירען ווערען „יאבד יום אולד בו" (עס האט געדארפען פער־לוירען געהן דער טאג ווען איך האב געדארפט געבוירען ווערען). און ער ערקלערט אז דער טויט איז בעסער פאר דעם ליידענדעם ווי דאס לעבען, ווארום דארט, אין דער וועלט פון טויט, „ינוחו יגיעי כח" (רוהען די מיעדע פון קראפט). דערנאך געהן א רייה רעדעס פון איוב'ס דערמאהנטע חברים; יעדער פון זיי האלט א רעדע און איוב ענטפערט איהם אב. אזוי קומט עס פאר דריי מאל. יע־דער פון די חברים האלט א רעדע און איוב ענטפערט. די דאזיגע רעדעס און ענטפערס פערנעהמען די קאפיטלעך פון ד' ביז ל"א. די חברים פון איוב בע־מיהען זיך איהם אויפצווייזען, אז זיין טענה איז נישט קיין ריכטיגע, אז באמת אויב א מענש ליידט איז עס א סימן, אז ער האט געזינדיגט, ווארום ליידען זע־נען נאר א שטראף פאר די זינד. דאס, וואס איינעם דאכט זיך, אז ער ליידט בחנם, איז לויט דער מיינונג פון איוב'ס חברים פאלש, ווייל „האנוש מאלה יצדק, אם מעושהו יטהר גבר", צי קאן דען דער מענש זיין גערעכטער פון גאט, פון בעשעפער וואס האט איהם בעשאפען. מסתמא האט דער מענש געזינדיגט. זיי טרייסטען איהם דערביי, אז גאט וועט איהם נאך צוריק בעלוינען. איוב אבער, אין זיינע ענטפערס, ערקלערט זייערע מיינונג פאר נישט ריכטיג און נישט עהרליך, פאר א סארט חניפה צו גאט. איוב ווייזט אז (ספעציעל אין קאפיטעל ו') אז דער מענש איז אזא ארעם, הילף־לאזן קורצדויערענדעס בעשעפעניש, „כלה ענן וילך, כן יורד שאול ולא יע־לה" (ווי דער וואלקען וואס פערשווינ־דעט, אזוי פערשווינדעט דער מענש איז אבגרונט פון טויט און קומט נישט צו־ריק) און פארוואס זאל גאט דעם דאזי־

גען בעשעפעניש פערשאפען אזוי פיל לײדען. ער גלויבט אויך נישט אז די לײדען זענען א שטראף פאר זינד, און ער ערקלערט „תם ורשע הוא מכלה" (ער פערניכטעט צוגלייך דעם צדיק און דעם רשע). אין דעם דאזיגען ויכוח צווישען איוב מיט זיינע חברים זענען אויך פארהאן וואונדערבארע שילדערונגען וועגען דער אלמעכטיגקייט פון גאט און דער נישטיגקייט פון מענש.

אין קאפיטעל ל"ב בעוויזט זיך א פערטער חבר פון איוב, וועלכער איז פריהער נישט דערמאהנט געווארען, דאס איז „אליהוא בן ברכאל הבוזי" פון דער „משפחה רם", ער טרייט ארויס סיי געגען איוב'ס חברים, סיי געגען איוב, און אין 6 קאפיטלעך (ביז ל"ז). לויט זיין מיינונג האבען די לײדען א העכערען זין, און מיר פערשטעהען זיי נישט פונקט ווי מיר פערשטעהען די אנדערע טהאטען פון דער געטליכקייט. אין די קאפיטלעך ל"ח, ל"ט, מ', מ"א, טרעט אויף גאט אליין „מן הסערה" (פון שטורעם-ווינט) און ער ענטפערט איוב'ן אויף זיינע טענות. דער אינהאלט פון די דאזיגע 4 קאפיטלעך איז צו ווייזען די געוואלדיגע ערשיינונגען פון דער געטליכער נאטור, און אז דער מענש קאן געגען דער געטליכקייט קיין טענות נישט האבען ווייל ער פערשטעהט נישט די וועגען פון גאט. אין די קאפיטלעך פרעגט גאט איוב'ן, צי ווייסט ער ווי אזוי די וועלט איז בעשאפען, אויף וואס די וועלט שטעהט, אויף וואס האלטען זיך די גרעניצען פון ים, די ענטשטעהונג פון טאג און נאכט, די געזעצען פון הימעל („חקות השמים") די לעבענסארט פון די פערשידענע ריזיגע לעבעדיגע בעשעפענישען (בהמות, לויתן). פונקט אזוי ווייסט דער מענש אויך נישט אלע אנדערע ערשיינונגען און דעם זין פון מענש'ס לײדען.

אין קאפיטעל מ"ב איז איוב זיך מודה אז ער איז מיט זיינע טענות נישט גערעכט, און דער עפילאג, דער סוף, פון ספר איז, אז גאט האט צוריק געבענשט איוב און ער האט צוריק געוואונען זיין עשירות און דערנאך געבוירען קינדער און געלעבט א לאנג און גוט לעבען.

אויף דעם ספר איוב זענען געזאגט געווארען נישט נאר זעהר פיעל אגדה-ווערטער אין דער גמרא און מדרש, נאר עס איז אויך געשריבען געווארען פיעל פירושים כמעט דורך אלע מפרשי התנ"ך, און א חוץ דעם אויך זעהר פיעל קריטישע ביכער און אבהאנדלונגען וועגען דער ענטשטעהונג פון דאזיגען ספר. ערשטענס, ווערט בעהאנדעלט די פראגע, ווען האט געלעבט אזא פערזאן, ווי איוב צי איז ער איבערהויפט געווען, און צי איז דאס ספר נישט מעהר ווי א דראמאטישע האנדלונג. עס ווערט אנגעוויזען, אז אין ספר יחזקאל י"ד ווערט דערמאהנט איוב צוזאמען מיט נח און דניאל אלס דריי בעקאנטע צדיקים. אבער שוין אין דער גמרא זענען פאראן פערשידענע מיינונגען וועגען דער צייט פון איוב. טייל אין דער גמרא (ירושלמי סוטה) האלטען, אז ער האט עקזיסטירט אין די צייטען פון אברהם אבינו. אין דער גמרא בבא בתרא י"ד ווערען ארויסגעזאגט מיינונגען, אז ער האט געלעבט אין דער צייט פון משה רבנו, דוד המלך און פיעל שפעטער, און איינער זאגט דארט אין דער גמרא (דף ט"ו) אז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה", דאס איז די מיינונג, אז דאס איז אזא דראמאטיש ווערק, אין וועלכען דער מחבר האט אויסגעדריקט געוויסע מיינונגען אין דער פערזאן פון

א פאנטאסטישען העלד מיט׳ן נאמען איוב. אין דער זעלבער שטעלע אין דער גמרא ווערט זאגאר געבראכט א מיינונג, אז איוב איז גארנישט געווען קיין יוד (מעכום הוה).

אויך די מאדערנע תנך־קריטיקער זענען מחולק צווישען זיך וועגען דער צייט, ווען דאס ספר איוב איז פערפאסט געווען. די דייטשע געלעהרטע אייכהארן און בערטאלדט האלטען, אז דאס איז געשריבען געווארען נאר פריה, פאר׳ן ערשטען בית המקדש; גרעץ און אנדערע האלטען, אז דאס איז פערפאסט געווארען ערשט נאכ׳ן חורבן פון ערשטען בית המקדש אין דער צייט פון גלות בבל, און געשריבען האט עס א יוד וואס האט געוואוינט אין בבל. איבערהויפט שטעלען זיך אב די תנך־קריטיקער אויף דעם מערקווירדיגען פאקט, וואס די שפראך פון ספר איוב, אבוואהל זי איז העברעאיש, איז זי אבער אנדערש ווי די העברעאישע שפראך אין די אנדערע ספרים פון תנך. שוין דער אבן עזרא האט דעריבער ארויסגעזאגט די דרייסטע מיינונג אז דער ספר איוב איז געשריבען געווארען אויף ארמעאיש, און מיר האבען נאר די העברעאישע איבערזעצונג. טייל אנדערע תנך־פארשער געהן נאך ווייטער און ווילען האבען, אז דער ספר איוב איז געשריבען געווארען אין איינעם פון די לענדער וואס איז נאהענט צו ארץ־ישראל, און דער מחבר איז געווען נישט קיין יוד, נאר פון יענע „חכמי קדם", וואס ווערען אזוי דערמאהנט אין תנך. שפינאזא אין זיין „טעאלאגיש־פאליטישען טראקטאט" (ערשינען אויך אין דער יודישער שפראך) האלט זיך אויך ביי דער מיינונג אז דער מחבר פון איוב איז נישט געווען קיין יוד. די דאזיגע מיינונג זאל זיך אויך שטיצען דע־רויף וואס איוב׳ס לאנד עוץ ווערט דערמאהנט אין איכה ד׳ אלס א טייל פון לאנד אדום. אויך די נעמען פון די דריי חברים איוב׳ס אליפז און די אנדערע ווערען אין חומש (בראשית ל״ו) אויך דערמאהנט אלס אבשטאמענדע פון אדום. דער תנך־פארשער היציג ווייזט אויך אן אז פיעל בילדער אין ספר איוב זענען גענומען פון מצרים, ווי למשל די בעשרייבונג פון „היפאפאטאם" (בהמות אין קאפיטעל מ׳), די עגיפטישע גאלד־גרובענס אין קאפיטעל כ״ח און אנדערע שטעלען. טייל תנך־פארשער ווילען אויך האבען, אז דער ספר איוב איז געשריבען געווארען אין פערשידענע צייטען, און אז למשל די רעדעס פון אליהוא בן ברכאל און ווייטער זענען צוגעגעבען געווארען שפעטער. דער רעזולטאט פון די אלע פארשונגען איז, אז קיין קלארע און זיכערע מיינונג וועגען ספר איוב איז באמת נישט פארהאן. עס איז נאר ריכטיג, אז אין איוב זענען פארהאן א סך אויסדריקען און סטיל־ווענדונגען פון דער אראמעאישער שפראך, און ווי עס האט לעצטענס בעוויזען דער יודישער פארשער פון ירושלים דוד יעלין זענען אין דעם ספר איוב אויך פארהאן פיעל אראבישע אויסדריקען.

דאס ספר איוב האט געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף א גאנצער רייהע אנגעזעהענע שריפטשטעלער און דיכטער אין פערשידענע צייטען, צווישען זיי אויף שעקספיר, קאלדעראן, געטע. פיעל שטעלען פון שעקספיר׳ס דראמע „האמלעט" זענען געשריבען געווארען אונטער דעם איינפלוס פון איוב, און זאגאר דער בעריהמטער מאנאלאג אין „האמלעט": „זיין אדער נישט זיין" ענטהאלט פיעל אויסדריקען וואס זענען געמיינ־

זאָם מיט דעם קאַפּיטעל ג׳ פון איוב וואו איוב שילדערט די רוה פון טויט. וואָס אַנבּעלאַנגט געטע׳ס גרעסטע שאַפונג „פויסט״, איז דער גאַנצער בּוי פון דאָזיגען דראַמאַטישען ווערק, דער פּראָלאָג אין הימעל, מעפיסטאָפעל אַלס „שטן״ און פיעל געדאַנקען אין ווערטער זעלבּסט איינפאַך גענומען פון ספר איוב.

דאָס ספר איוב איז איבּערזעצט געוואָרען אין זעהר פיעל שפּראַכען, נישט נאָר צוזאַמען מיט די אַנדערע ספרים פון תּנך, נאָר אויך בּעזונדער. אויך אין דער יודישער שפּראַך זענען געווען פיעל איבּערזעצונגען פון ספר איוב. רייזען אין זיין „לעקסיקאָן״ (יאָהר 1914) בּרענגט זייט 765 אַ רייה אַנאָנימע יודיש-איבּערזעצונגען פון איוב. פון 17-טען יאָהרהונדערט איז פאַרהאַן אַ יודישע גראַם־איבּערזעצונג פון איוב, וואָס איז ערשינען אין פּראַג, און הויבּט זיך אָן מיט די ווערטער: „אין לאַנד עוץ וואַר פאַר האַנדין איין מאַן, אין אלי גיבּאָט פון גוט ית׳ טוט ער גאן, אין דער גאַנצן וועלט, וואר זיין גלייכן ניט אין זילבּר אונ׳ געלט... ער האָט גיהאָט דרייא טעכטיר אונ׳ זיבּן זין, נאָר שלעכט וואַר לײדר זיין געווין״. איוב האָט אויך געדינט אַלס טעמא פאַר פערשידענע גרויסע מאָהלער און סקולפּטאָרען, וואָס האָבּען געפּרובּט אין דער בּילדענדער קונסט אויסדריקען די געשטאַלט פון איוב. בּעריהמט איז מאַקס ליבּערמאַנ׳ס בּילד „איוב און זיינע חברים״.

בּיבּליאָגראַפיע: די ליטעראַטור פון איוב איז זעהר גרויס. אין העבּרעאיש איז צו פערצייכענען, אברהם כהנא, „איוב״ (אַ וויסענשאַפטליכער פירוש מיט אַ גרינדליכער איינלייטונג); יעלין, „איוב״; בּערנפעלד אין זיין „דעת אלהים״ איבּער די פילאָזאָפישע פּראָבּלעמען פון איוב; גרעץ אין זיין „געשיכטע״ (העבּרעאישע איבּערזעצונג); אין דייטש איז פאַרהאַן אָבּהאַנדלונגען וועגען איוב בּיי אַלע גרויסע תנך־קאָמענטאַטאָרען און פאָרשער ווי היציג, וועלהויזען, עוואלד און אַנדערע; אויספיהרליכע בּיבּליאָגראַפיע איז פאַרהאַן אין דער יודיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע (שטיך־וואָרט „יאָוו״), יודיש־דייטשער ענציקלאָפּעדיע („היאָב״) און אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע („יאָבּ״); „אוצר ישראל״; „אוצר השמות״ פון ראָזענבּערג.

**איזאַבּעלאַ** דער נאָמען פון דער שפּאַנישער קעניגין, וואָס האָט צוזאַמען מיט איהר מאַן דעם קעניג פערדינאַנד ארויסגעגעבּען אין יאָהר 1492 דעם טרויעריג־בּעריהמטען דעקרעט, אַז אַלע יודען מוזען פערלאָזען שפּאַניען (גירוש שפּאַניען). וועגען דער דאָזיגער קעניגין און איהר ראָליע אין דעם גירוש־דעקרעט וועלען מיר געבּען אויספיהרליך בּיים שטיך־וואָרט „שפּאַניען״.

**איזֶבֶל** דאָס איז דער נאָמען פון דעם ווייבּ פון אחאב מלך ישראל אין די צייטען פון 1-טען בית המקדש. אין תּנך מלכים בּ׳ קאַפּיטעל י״ז ווערט דערצעהלט, אַז איזבל איז געוועזען די טאָכטער פון איתבּעל דעם מלך פון דער פעניצישער האַנדעלסשטאָדט צידון. איזבל, וועלכע איז ערצויגען געוואָרען אין דער רעליגיע פון אָבּגאָט בּעל, האָט געפּרובּט די דאָזיגע רעליגיע איינפלאַנצען אויך אין לאַנד ישראל (וואָס האָט אויך געהייסען „אפרים״, „שומרון״). און אין ספר מלכים בּ׳ קאַפּיטעל י״ח ווערט דערצעהלט אַז זי האָט געלאָזט טויטען אַלע נביאים פון גאָט און האָט איינגעפיהרט די „בּעל״-נביאים און אויפגעשטעלט אַ מזבּח מקריב צו זיין קרבּנות פאַרן בּעל. זי האָט אויך געוואָלט טויטען אליהו הנביא.

אין ספר מלכים ווערט איבערהויפט דערצעהלט, אז דאס וואס אחאב מלך ישראל איז בעגאנגען פיעל זינד, איז עס געווען ווייל איזבל האט איהם צוגערעדט דערצו. איזבל איז געטויט געווארען ביי דעם אויפשטאנד פון יהוא בן נמשי געגען דער אחאב־דינאסטיע. זעה אויך אין שטיך-ווארט „אחאב“.

ביבליאגראפיע: ראזענבערג, „אוצר השמות“; „אוצר ישראל“; יודישדייטשע ענציקלאפעדיע.

**איזדאַגער** נאמען פון א רייה מלכים אין אלטען פערסיען אין די צייטען פון דער גמרא; אין דער גמרא ווערט דער נאמען געשריבען „איזדגר“ און אויך אזגור. אויך איז אין דעם בעריהמטען היסטארישען בריעף „אגרת דרב שרירא גאון“ דערמאהנט א שפעטערדיגער פערסישער קעניג איזדאגערד (געלעבט אין דערמיט פון 5־טען יאהרהונדערט, צום סוף פון די צייטען פון דער גמרא) וואס האט גוזר געווען אויף די יודען אין בבל אז זיי זאלען עובר זיין אויף די יודישע אמונה, נישט אבהיטען שבת, און די לעגענדע דערצעהלט, אז די יודען האבען מתפלל געווען, און „עס איז געקומען א שלאנג און האט דעם קעניג איינגעשלונגען און די גזירה איז בטל געווארען“. וועגען דער בעדייטונג פון דער דאזיגער לעגענדע האט געשריבען א גרעסערע אבהאנדלונג דער געלעהרטער שיר אין זיין "ערך מלים" (שטיך-ווארט „איזדגר“). עס איז געווען נאך א דריטער פערסישער קעניג איזדאגערד, וועמענס טאכטער איז געווארען דאס ווייב פון יודישען ריש גלותא בוסתנאי (וועגען איהם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „בוסתנאי“).

ביבליאגראפיע: שיר, „ערך מלים“; „אוצר ישראל“; יודישע ענציקלאפעדיע.

**איזמיר** בעריהמטע אלטע שטאדט אין טערקיי (קליין־אזיען), וואס האט געשפילט א גרויסע ראליע אין דער יודישער געשיכטע, ספעציעל אין דער שבתי־צבי-בעוועגונג; שבתי צבי איז דארט געבוירען געווארען און האט דארט אנגעהויבען זיין ערשטע טעטיגקייט. די שטאדט איזמיר הייסט „סמירנא“, און מיר וועלען וועגען איהר געבען אויספיהרליך ביים שטיך־ווארט „סמירנא“.

**איזראַעל** דאס איז דער נאמען אין א גאנצער רייה שפראכען פאר דעם נאמען „ישראל“. מיט דעם נאמען „איזראעל“ זענען פארהאן א גאנצע רייה יודישע געזעלשאפטען, פילאנטראפישע און ערציהערישע, אין די פערשידענע לענדער. פון „איזראעל“ איז אויך ענטשטאנען דאס ווארט „איזראעליט“ אדער „איזראעליטא“ (אין דער פוילישער שפראך). מיט דעם נאמען „איזראעליט“ ערשיינט אין דייטשלאנד (פראנקפורט אם מיין) א ארטאדאקסישער וואכען־זשורנאל אויף דייטש. „איזראעליטא“ איז געווען דער נאמען פון א אסימיליאטארישער וואכענשריפט אויף פויליש וואס איז ערשינען אין ווארשא ביז צום מלחמה־אויסברוך אין יאהר 1914. איבערהויפט איז געווען ביי די אסימליאטארישע יודען אין דייטשלאנד, בוילען און אנדערע לענדער די טענדענץ נישט צו רופען זיך „יודען“ נאר „איזראעליטען“, וועלענדיג דערמיט אונטערשטרייכען אז זיי געהערען נישט צו דער יודישער נאציע, נאר צו דער איזראעליטישער רעליגיע. עס זענען

אויך פאַרהאַן אין דייטשלאַנד פיעל „איזראַעליטישע" פעראיינען. וועגען זיי איז פאַרהאַן אין „יודיש־דייטשען לעקסיקאָן" און „יודיש־דייטשער ענציקלאָפּעדיע".

## איזראַעל אַדאָלף (1848 — 1926).

בעריהמטער יודישער מעדיצין־געלעהרטער און כירורג. איזראַעל האָט געוואוינט אין בערלין און האָט זיך גערעכענט אַלס איינער פון די בעדייטענדסטע וועלט־כירורגען. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען אין דייטש א רייה וויכטיגע ווערק איבער מעדיצין. איזראַעל איז געווען פּרעזעס און וויצע־פּרעזעס פון א רייה אינטערנאַציאָנאַלע מעדיצינישע געזעלשאַפטען, און האָט אויך פאַרנומען דעם אַמט אַלס פּרעזעס פון שפּיטאַל פון דער יודישער געמיינדע אין בערלין. מען דערצעהלט, אַז די פּרייסישע רעגירונג האָט, פאַר דער מלחמה, געהאַט פאָרגעלעגט איזראַעל'ן צו בעשטימען איהם אַלס אָרדענטליכען פּראָפעסאָר אין בערלינער אוניווערסיטעט נאָר בתנאי אַז ער זאָל זיך שמד'ען. אָבער איזראַעל האָט זיך ענטזאַגט דערפון.

## איזראַעלס יוסף (1824 — 1911).

דאָס איז דער בעריהמטער יודיש־האָלענדישער מאָלער און ראַדירער, איינער פון די בעדייטענדסטע קינסטלער אין 19־טען יאָהרהונדערט. איזראַעלס איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1824 און איז געשטאָרבען אין האַג יאָהר 1911. ער איז געווען דער אָנגעזעהענסטער מאָלער אין האָלאַנד. זיינע בילדער זענען אַממערסטענס גענומען פון האָלענדישען לעבען, זיינע מאָלערייען זענען די שטיל־רוהיגע בילדער פונ'ם לעבען פון די האָלענדישע פישער־קינדער. אין מערסטען פון זיינע בילדער וועהט די פרישע לופט און די אומענדליכע ווייטקייט פון האָלענדישען ים. איינע פון די שענסטע ראַדירונגען פון איזראַעלס איז זיין בילד „קינדער ביים ים־ברעג". פון יודישען לעבען זענען בעריהמט זיינע בילדער „דער סופר", „דוד פאַר'ן מלך שאול" „אַליין אין דער וועלט" און „א זוהן פון אַלטען פאָלק". אין דעם בילד „א זוהן פון אלטען פאָלק" זעהען מיר זיצען א יוד איינזאַם, פרעמד, און דער דאָזיגער מאָטיוו האָט געדיענט אַלס מוסטער פאַר א רייה בילדער פון אַנדערע יודישע מאָלער.

איזראַעלס איז געבוירען געוואָרען אין האָלאַנד אין יאָהר 1824 ביי פרומ'י יודישע עלטערען. ווי עס דערצעהלט דער שריפטשטעלער ראובן ברייגין אין דער טאָג־צייטונג „טאָג" פון ניו־יאָרק (28־טען פעברואַר 1932), האָט איהם איזראַעלס איבערגעגעבען, אַז זיינע עלטערען האָבען איהם געוואָלט ערציהען אַלס רב, אָבער שוין אין זיינע יונגע יאָהרען האָט איהם געצויגען צו מאָלעריי. פונדעסטוועגען האָט איזראַעלס, לויט דער ערצעהלונג פון ברייגין, נאָך אַלס אַלטער מאַן געדענקט גאַנץ תנך און אויך פיעל פון משניות און גמרא. איזראַעלס האָט דעמאָלס אויך ערקלערט, אַז דאָס וואָס עס געלינגט איהם טיילמאָל אויסצודריקען א כאַראַקטער־בילד מיט א פּאָר שטריכען, האָט ער עס צו פערדאַנקען זיין „בעקאַנטשאַפט מיט דעם קלאָרען און שפּאַרזאַמען לשון פון דער משנה". איזראַעלס האָט געזאָגט, אַז מען קאָן דינען גאָט אויך מיט דער קונסט. ווי ברייגין גיט איבער האָט איזראַעלס אין זיין בילד „דער סופר" געהאַט פאַר

פאר זיך די געשטאלט פון זיין אמאליגן מלמד אין די קינדער־יאהרן, וועלכער האט געשטאמט פון פוילן. נאכדעם ווי איזראעלס האט געענדיגט די קונסט־אקאדעמיע, האט ער פערבראכט אין פאריז און געלערנט ביי דעם מאלער פיקא. נאכהער האט ער זיך צוריק בעזעצט אין האלאנד, אין האאג. אנגעהויבן האט ער אלס מאלער פון היסטארישע בילדער; אבער זיי האבן איהם נישט בעפרידיגט. נאכהער האט ער אנגעהויבן מאלן בילדער פון ארעמע ליידענדע מענשן, און דערנאך פון שטילן האלענדישן פישער־לעבן. ער איז געווען פון די געניאלסטע מאלער אין 19־טען יאהרהונדערט און ער האט מיט זיין קינסטלערישער געניאליטעט בעאיינפלוסט די יונגערע קינסטלער. „אין זיינע בילדער איז פעראייניגט אלץ וואס די מאלעריי־קונסט פערמאגט, נאטור, וואהרהייט, פאנטאזיע, העכסטע מייסטערשאפט און די גענויע אויספיהרונג, און איבער אלעם שוועבט א צויבער פון ליכט און שאטען, א צויבער וואס מען טרעפט זעלטען אפילו ביי די גרעסטע מייסטער” (בריינין).

איזראעלס האט אויך אנגעשריבען א בוך „שפאניען”, וואו ער בעשרייבט דאס לאנד שפאניען, זיינע בעזוכען אין די דארטיגע קונסט־מוזעאומס. ער איז געשטארבען דעם 12־טען אויגוסט 1911.

ביבליאָגראפיע: בריינין, (צייטונג „טאג” ניו־יארק 28־טער פעברואר 1932); יודישער זשורנאל „מילגרוים” (בערלין 1922); יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע און לעקסיקאָן ווי אויך אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפעדיע.

**איטאַליען** איז א לאנד אין דרום־אייראפא, וואס נעהמט היינט ארום דעם גאנצען אפענינישען האלב־אינזעל, די אינזלען סיציליען און סארדיניען און אויך די געגענדען פון דרום־אייראפאישען קאנטינענט ביז דער שווייץ און פראנקרייך. די הויפט־שטאדט איז רוים. נאך דער וועלט־מלחמה אין יאהר 1918 האט איטאליען אויך צובעקומען א טייל פון טיראל ווי אויך די פארט־שטאדט טריעסט ביים אדריאטישען ים. איטאליען האט איצט א בעפעלקערונג פון 42 מיליאן נפשות און צווישען זיי געפינען זיך ביי 80 טויזענד יודען. די יודען געניסען דארט פון אלע רעכט און פערנעהמען אנגעזעהענע שטעלונגען סיי אין דער געזעלשאפט, סיי אין דער רעגירונג.

וועגען דער געשיכטע פון יודען אין איטאליען איז געשריבען געווארען זעהר פיעל ביכער. יודען וואוינען אין איטאליען שוין פון גאר אלטע צייטען. עס איז פארהאן זאגאר א מיינונג, אז איטאליען איז דאס ערשטע לאנד אין אייראפא, וואו יודען אין די אלטע צייטען האבען זיך בעזעצט. עס איז זיכער, אז אין רוים האבען געוואוינט יודען שוין אין די צייטען פון די חשמונאים, אלזא 140 יאהר פאר דער צייט־רעכענונג. אין די היסטארישע ביכער פון פלאוויוס („אלטערטימער” און „מלחמה”), וועלכער האט געלעבט אין ערשטען יאהרהונדערט ווערט דערצעהלט זעהר אפט פון יודען וואס האבען געוואוינט אין רוים אין די צייטען פון יוליוס צעזאר, די שפעטערדיגע אלט־רוימישע שריפטשטעלער און היסטאריקער (טאצידוס און אנדערע) דערצעהלען אויך וועגען יודען וואס האבען געוואוינט אין רוים.

זיכער איז, אז נאכ'ן חורבן פון 2־טען בית המקדש (אין יאהר 70 נאך דער קריסטליכער צייט־רעכענונג), ווען דאס רוימישע מיליטער האט איינגענומען ארץ־ישראל און א סך יודען מיט־

גענומען אלס געפאנגענע קיין איטאליען, האט זיך דער יודישער ישוב אין איטאליען שטארק פערגרעסערט. אין די צייטען פון דער משנה זענען זאגאר געווען אין רוים תנאים ווי תודוס איש רומי (פסחים נ"ג) און רבי מתיא בן חרש (יומא נ"ג). מען האט אויך לעצטענס געפינען א סך אלטע יודישע קברים אין רוים און אין נעאפאל, וואס שטאמען פון 3-טען און 4-טען יאהרהונדערט. די אויפשריפט אויף די מצבות זענען אממערסטען אויף לאטיין אדער גריכיש. און נאר זעהר זעלטען ווארפט זיך אדורך א העברעאיש ווארט. דאס ווייזט, אז די יודען אין יענער צייט האבען גערעדט לאטייניש אדער גריכיש.

ווען די קריסטליכע רעליגיע איז אין די צייטען פון קייזער קאנסטאנטין (יאהרען 337 — 306) געווארען די הערשענדע רעליגיע אין דער רוימישער אימפעריע, האט מען אין איטאליען אנגעהויבען רודפ'ן יודען. אין פערשידענע צייטען האט מען געגען יודען ארויסגעגעבע גזירות, אבער אין אלגעמיין האבען אויך דעמאלס זיך ענטוויקעלט די יודישע ישובים אין איטאליען, אזוי אז אין 5-טען און 6-טען יאהרהונדערט געפינט מען גרעסערע יודישע קהלות אין אבער-איטאליען, ווי אויך אין סיציליען און סארדיניען. אויך נאכדעם ווי די רוימישע אימפעריע איז זיך צעפאלען (יאהר 476) און עס האט זיך אנגעהויבען אין איראפא די פינסטערע צייט מיט די גרויסע פערפאלגונגען אויף יודען, האבען די יודען אין איטאליען פערהעלטניסמעסיג געלעבט א רוהיגער לעבען און וויניגער געליטען פון פערפאלגונגען ווי אין די אנדערע איראפעאישע לענדער. די סבה דערפון ערקלערט דער יודישער געלעהרטער ד"ר גידעמאן אין זיין „געשיכטע פון ערציהונג-וועזען ביי יודען" (העברעאיש „התורה והחיים" הקדמה צום צווייטען טייל) דערמיט, וואס איטאליען איז אין די צייטען פון מיטעלאלטער געווען צעטיילט אויף פערשידענע קלייגע רעפובליקען (ווענעציע, גענוא, און אנדערע), וואס האבען קאנקורירט מיט זיך, און אזוי ווי יודען האבען מיט זייערע פעהיגקייטען צום האנדעל ענטוויקעלט עקאנאמיש די שטעדט, האט יעדע רעפובליק זיי געוואלט האבען ביי זיך. עס איז פאראן נאך א סיבה דערפון, נעמליך, וואס איטאליען איז אין היסטאריע פון קולטור געשטאנען פיעל העכער ווי אנדערע איראפאאישע לענדער, און זיי האבען זיך בעצויגען מיט מעהר טאלעראנץ צו דער יודישער רעליגיע און צו יודען. עס איז צו בעמערקען, אז גאנץ אפט האבען אויך די פויבסטען, וואס האבען געהערשט אין איטאליען, גענומען אונטער זייער שוץ די יודען, און פיעל יודישע געלעהרטע זענען געווען ביי די פויבסטען אנגעזעהענע, זענען געווען ביי זיי דאקטוירים און געשעפטס-פיהרער. די יודען אין איטאליען זענען אויך גייסטיג געשטאנען העכער פון די יודען אין די אנדערע לענדער אין די ערשטע יאהרהונדערטער פון מיטעלאלטער. אין די אלטע קוועלען ווערט דערצעהלט אז דער לימוד פון גמרא האט זיך פערשפרייט אין איראפא דורך יודישע לומדים פון איטאליען. איין לעגענדע דערצעהלט אז דער קייזער קארל דער גרויסער (אין 8-טען יאהרהונדערט האט געבראכט פון דער שטאדט לוקא אין איטאליען א יודישען חכם מיט'ן נאמען רבי קלונימוס און האט איהם בעזעצט אין שטאדט מיינץ אין די דייטש-

לאנד; דארט האט רבי קלונימוס גע־
גרינדעט די ערשטע ישיבה אין דייטש־
לאנד און אזוי ארום האט זיך אנגע־
הויבען פערשפרייטען דער לימוד פון
גמרא אין דייטשלאנד און פראנקרייך.
די צווייטע לעגענדע דערצעהלט די
בעקאנטע מעשה פון „ארבעה שבויים",
די 4 געפאנגענע חכמים, וואס זענען
לערך אין יאהר 960 געפאהרען אויף
א שיף פון דער איטאליענישער שטאדט
בארי און זענען געפאנגען געווארען
דורך ים־רויבער, וועלכער האט זיי
פערקויפט אין שפאניען און אפריקא
און די חכמים האבען דארט געגרינדעט
ישיבות און פערשפרייט דאס לערנען
גמרא. אין ענדע פון 10־טען יאהרהונ־
דערט געפינען מיר אין איטאליען (אין
דער שטאדט אריא) דעם ערשטען יודי־
שען מחבר אין איראפא רבי שבתי דונולו
וועלכער האט פערפאסט דאס פילאזא־
פיש ־ וויסענשאפטליכען ספר תחכמוני
(פירוש צום ספר „יצירה"), ווי אויך
א אונבעקאנטען מחבר היסטאריקער,
וואס האט פערפאסט אויף העברעאיש
דעם היסטארישען ספר „יוסיפון", וואס
איז צוזאמענגעשטעלט פון פלאוויוס'ס
ווערק און אויך אנדערע אלטע היסטא־
רישע קוועלען. עס איז פארהאן א מיי־
נונג אז אויך דאס מדרש ספר „תנא
דבי אליהו" איז פערפאסט געווארען
פון א יוד אין איטאליען ואונגעפעהר
אין 9־טען אדער אין 10־טען יאהרהונ־
דערט. שפעטער טרעפען מיר שוין גאר
בעדייטענדע און אנגעזעהענע יודישע
חכמים און מחברים, ווי רבי נתן, דעם
מחבר פון תלמודישען לעקסיקאן
„ערוך" (אין 11-טען יאהרהונדערט),
רבי הלל פון ווערונא, רבי צדקיהו,
מחבר פון „שבולי הלקט", רבי ישעיה
דטראני, און פיעל פיעל אנדערע.

אין יענער צייט און עטוואס שפעטער
הויבט זיך אן אין איטאליען איינע פון
די שענסטע עפאכען אין דער יודישער
קולטור־אויפלעבונג, וואס כאטש מען
קאן איהר נישט פערגלייכען מיט דער
„גאלדענער עפאכע" פון די יודישע דיכ־
טער און פילאזאפען אין שפאניען,
אבער זי האט געהאט א געוויסע עהנ־
ליכקייט מיט איהר. דער יודישער גע־
לעהרטער ד"ר משה גידעמאן אין זיין
„געשיכטע פון ערציהונגס־וועזען" (הע־
ברעאישע איבערזעצונג „התורה וה־
חיים") אין דער הקדמה צום 2־טען
טייל שרייבט וועגען דער דאזיגער עפא־
כע פון די איטאליענישע יודען, אז
אבוואהל זיי האבען נישט געעפענט
קיין נייע פענסטער צו דער געביידע פון
וויסענשאפט און זיי האבען נישט ארויס־
געגעבען כמעט קיין איינעם וואס זאל זיין
א גרויסער פיהרער אין דער יודישער
ליטעראטור אין מיטעלאלטער, אבער
דאך האבען די דאזיגע איטאליענישע
יודען זיך ערווארבען א אנגעזעהען ארט
נישט נאר אין יודענטום נאר אויך אין
דער אלגעמיינער וויסענשאפט און קול־
טור. די יודען אין איטאליען האבען
דעמאלס אלס איבערזעצער פערשאפט
דער אייראפעאישער וועלט א רייה וויכ־
טיגע ווערק פון אינדיען און אראביען,
און צווישען זיי אויך דאס בעריהמטע
מעדיצינישע בוך פון „אל־ראזי" ווי
אויך דאס משלים־בוך „כלילה ודימנה".
עס איז א פאקט אז אפילו דער גרויסער
מפרש און פילאזאף רבי אברהם אבן
עזרא האט אויך געשריבען זיינע מייס־
טע ספרים אין איטאליען (כאטש ער
אליין האט געשטאמט פון שפאניען).
אויף דעם הויף פון דייטשען קייזער
פרידריך דער 2־טער (אין 13־טען יאהר־
הונדערט), וועלכער האט געוואוינט
אין איטאליען האבען זיך געפונען יו־

דישע געלעהרטע פילאזאפען (רבי יעקב אבא מרי, רבי יהודה פון טאליעדא) מיט וועלכע ער האט געפיהרט פילאזאפישע ויכוחים. בעזונדערס בעריהמט איז דער העבראישער דיכטער פון יענער צייט עמנואל הרומי (אין ענדע 13-טען און אנהויב 14-טען יאהרהונדערט), וועלכער ווערט פערעכענט אלס דער יודישער „דאנטע" און יענער איטאליעניש־יודישער עפאכע. בעקאנט איז אויך רבי קלונימוס בן קלונימוס, דער מחבר פון „אבן בוחן". ער האט אויך איבערזעצט א רייהע וויכטיגע פילאזאפישע ווערק פון דער אראבישער שפראך. זעהר בעקאנט זענען אויך געווען די גרויסע יודישע דאקטוירים אין איטאליען אין יענער צייט. דער בעריהמטעסטער צווישען זיי איז פאראדיזש בן שלמה פון גירגענטע וועלכער איז בעקאנט אין דער מעדיצינישער געשיכטע אלס דאקטאר פאראגוט. אויך זענען געווען בעקאנט דער דאקטאר יואב פון סאלערנא, רבי משה פון פאלערמא און אנדערע. דער דערמאהנטער עמנואל הרומי דערצעהלט אויך וועגען א בעריהמטען יודישען געלעהרטען מאטעמאטיקער רבי בנימין. דאס זעלבע האבען זיי אויך פיעל אויפגעטהון אויפ'ן געביעט פון פילאזאפיע (רבי זרחיה חן, רבי הלל פון וועראנא און אנדערע). דער געלעהרטער גידעמאן שרייבט אין זיין דערמאהנטען בוך, אז מען וואלט געקאנט צונויפנעהמען א גאנצע ביבליאטעק פון די וויסענשאפטליכע ביכער, וואס זענען געשריבען געווארען דורך די איטאליענישע יודען אין 13-טען און 14-טען יאהרהונדערט. גידעמאן ווייזט דארט אן, אז אויך אין האנדעל און מלוכה האבען די איטאליענישע יודען אין יענער צייט געשפילט א גרויסע ראליע, ווייל זיי האבען געפיהרט דעם האנדעל סיי מיט די מזרח־לענדער, סיי מיט די לענדער פון דייטשלאנד און פראנקרייך. אויך די בעציהונג פון קריסטען צו די יודען אין איטאליען איז אין אלגעמיין געווען נישט שלעכט. די יודען זענען געווען איינגעהער ביי די איטאליענישע פירשטען און האבען געהאט אויך פריינדליכע בעציהונגען מיט די גלחים. מיר האבען שוין אנגעוויזען דערויף, אז אפילו די פויבסטען אין איטאליען האבען זיך אין אלגעמיין גוט בעצויגען צו יודען. א סך יודען זענען געווען ביי די פויבסטען דאקטוירים, און טיילמאל האבען זיי געפיהרט מיט די גלחים ויכוחים, און נישט קוקענדיג דערויף זענען זיי געווען אין פריינדליכע בעציהונגען. אין איטאליען, וואו עס האט אין יענער צייט אויפגעבליהט די אלגעמיינע קולטור און וויסענשאפט און קונסט, האט געהערשט אין רעליגיעזע ענינים א וויטגעהענדע טאלעראנץ. פיעל מיטגעווירקט האט אויך דער פאקט, וואס דעמאלס איז אין מישער הינזיכט, סיי אין קולטור אין איטאליען געשטאנען אין נאהענטער, ענגער בעציהונג, — סיי אין עקאנאמישער בילדונג, מיט דער מאכמעדאנישער וועלט, און אזוי ארום איז איטאליען צוגעוואוינט געווארען צו שעצען יענעם'ס רעליגיעזע איבערצייגונגען און לעבענס־אויפפיהרונג. א חוץ דעם האט אפילו ביי די גלחים אין איטאליען שוין אנגעהויבען הערשען פרייע מיינונגען אין פראגען פון רעליגיע און פילאזאפיע, און די דאזיגע פריי־גייסטיגקייט איז געווען דער שטוים צו טאלעראנץ אויך צו יודען און צו אנדערש־רעליגיעזע מענשען.

אין די שפּעטערע יאָהרהונדערטער פון מיטעלאַלטער, און אין אָנהויב פון דער נייער צייט ווען די הערשאַפט פון די גלחים האָט זיך זעהר פערשטאַרקט, און בעזונדערס איז שטאַרק געוואָרען די אינקוויזיציע און דער רעליגיעזער האַס אין איטאַליען זענען צו בעמער־קען גרויסע פערפאָלגונגען אויף יודען. פון טייל ערטער, ווי נעאַפּאָל, גענואַ, פעראַראַ, קאַלאַבריא און אַנדערע ער־טער האָט מען זאָגאַר גוזר געווען א גירוש אויף יודען. אין 16-טען יאָהר־הונדערט האָט מען זאָגאַר איינגעפיהרט אויף יודען אין איטאַליען די גזירה, אַז יודען מוזען וואוינען אין א בעזונ־דערען געטאָ, און אַז זיי מוזען טראָ־גען ספּעציעלע צייכענס אויף די מלבו־שים און אויך האָט מען בעגרענעצט זייערע רעכט אין האַנדעל. אָבער די גירושים פלעגען נישט לאַנג דויערען. נאָך א געוויסער צייט פלעגט מען די יודען ווידער ערלויבען צו בעזעצען זיך אין די ערטער פון וואַנען מען האָט זיי געהאַט פערטריבען. עס איז אויך צו בעמערקען, אַז אין יענע צייטען (אין דער צווייטער העלפט פון 15-טען יאָהר־הונדערט), ווען עס האָבען זיך בעווי־זען די ערשטע דרוקערייען צו דרוקען ביכער, איז איטאַליען געווען דאָס לאַנד וואו עס האָט זיך בעוויזען די ערשטע יודישע דרוקעריי. דאָס ערשטע ספר אויף העברעאיש וואָס איז געדרוקט געוואָרען איז געווען דער פירוש פון רשי אויף חומש געדרוקט אין דער אי־טאַליענישער שטאָדט רעדזשאָ (ריגיו) אין יאָהר רל"ה יאָהר (1475) דורך דעם דרוקער אברהם בן גרטון, נאָכהער זענען ענטשטאַנען א רייה יודישע דרו־קערייען אין פּיאווע דע סאַקאַ, מאַנ־טואַ, סאָנצינאָ (שונצינו), נעאַפּאָל, רוים, פעראַראַ און אַנדערע איטאַליע־נישע שטעדט, און גאָר שפּעטער (אין 16-טען יאָהרהונדערט) איז דער הויפּט־צענטער פון יודישער ספרים־דרוקעריי געווען אויך די איטאַליענישע שטאָדט ווענעציע. דאָס בעווייזט די גייסטיגע הויכקייט פון די יודען אין איטאַליען אין יענע צייטען. אין איטאַליען איז אין יענע יאָהרהונדערטער אויך געווען א רייה גרויסע יודישע לומדים און גאונים (ווי א שטייגער רבי יוסף קולון, רבי יהודה מינץ, מהר"ם פדואה און אַנדערע) ווי אויך פילאָזאָפען מפרשי־התנ"ך און קריטיקער (די פערטריבענע פון שפּאַניען דון יצחק אברבנאל, זיין זוהן שמואל אַברבנאל, רבי אליהו בחור' ר' עזריה דמן אדומים, שפּעטער רבי יהודה אריה די מודינא און פיעל אַנ־דערע). א סך יודישע בחורים פון אַנ־דערע לענדער פלעגען קומען קיין אי־טאַליען שטודירען אויף די אוניווער־סיטעטען, ספּעציעל אין דער שטאָדט פּאַדואַ, מעדיצין און אַנדערע וויסענ־שאַפטען. די דאָזיגע גייסטיגע אויפ־לעבונג פון די איטאַליענישע יודען האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט די רענעסאַנס, די גייסטיגע אויפלעבונג פון איטאַליען אין אַלגע־מיין. אָבער מיט'ן אנקומען פון דער רערט איז אויך אין איטאַליען אָנגע־קומען די צייט פון רעאַקציע און פינס־טערניש, און אויך ביי די איטאַליעני־שע יודען איז צו בעמערקען א גייס־טיגע ירידה. צוזאַמען דערמיט האָבען זיך אויך פערשטאַרקט די גזירות אויף די איטאַליענישע יודען. גאַנץ אָפט זענען פאָרגעקומען אויף זיי בלבולים, עלילת־הדם. מען האָט בעגרענעצט יו־דען אין זייערע רעכט. אין אינערליכען יודישען לעבען האָט מען אָנגעהויבען קוקען קרום אויף דעם לערנען וועלט־

ליבע לימודים. אבער אויך אין יענע צייטען האט איטאליען ארויסגעגעבען בעדייטענדע יודישע פערזענליכקייטען ווי רבי משה זכות, רבי משה חיים לוצאטא, רבי ישעיה באסאן און אנדערע, וואס זיינען געווען גרויס סיי אין לערנען, סיי אין פילאזאפיע און קבלה, סיי אין פאעזיע. מען קאן זאגאר זאגען, אז די נייע העברעאישע פאעזיע האט זיך אנגעהויבען אין איטאליען מיט די צוויי דערמאהנטע גרויסע יודישע פערזענליכקייטען רבי משה זכות און רבי חיים משה לוצאטא (מיר שרייבען דא נישט פיעל וועגען די אלע פערזענליכקייטען ווי אויך נישט וועגען די אויבען־דערמאהנטע אנדערע גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, ווייל יעדען פון זיי געבען מיר אויספיהרליך בעזונדער ביי די בעטרעפענדע שטיך־ווערטער).

די יודען אין איטאליען האבען בעקומען א געוויסע גלייכבערעכטיגונג ערשט נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע צום סוף פון 18־טען יאהרהונדערט, ווען דאס רעוואלוציאנערע פראנצויזישע מיליטער האט איינגענומען איטאליען; אבוואהל באלד דערנאך (אין יאהר 1914) ווען די פראנצויזישע מאכט אין איטאליען איז געבראכען געווארען האט מען זיך בעמיהט אין איטאליען ווידער צונעהמען די רעשט ביי די יודען, פונדעסטוועגען איז זעהר לאגע פון דעמאלס אָן געוואָרען בעדייטענד בעסער, און פון דעם רעוואלוציע ־ יאהר 1848 האבען זיי בעקומען ווייטערע רעכט און אין יאהר 1861, ווען די איטאליענישע פראווינצען זיינען געווארען פעראייניגט אין איין מלוכה האבען יודען בעקומען פולשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג. אין פערלויף פון 19־טען יאהרהונדערט האבען די יודען אין איטאליען ארויסגעגעבען א רייהע גרויסע געלערענטע פערזענליכקייטען נישט נאר אין יודישע וויסענשאפטען (יצחק שמואל פון רעדזשא, שמואל דוד לוצאטא און אנדערע) נאר אויך בעדייטענדע מלוכה־מענער, וואס האבען פערנומען א אנגעזעהען ארט אין אלגעמיינעם לעבען אין איטאליען. עטליכע יודען האבען פערנומען אנגעזעהענע פאסטענס אלס מיניסטארען אין איטאליען אין פערלויף פון 19־טען יאהרהונדערט, ווי דזשאזעף אטאלענגא אלס קריגס־מיניסטער, לואידזשי לוצאטא אלס פינאנץ־מיניסטער, נאטאן אלס שטאדט־פרעזידענט פון רוים, און אויך פיעל אנדערע הויכע שטעלונגען האבען יודען פערנומען. די יודישע גלייכבערעכטיגונג אין איטאליען איז אין ענדע פון 19־טען יאהרהונדערט געווארען א פולשטענדיגע, און אויך קיין געזעלשאפטליכער און ווירטשאפטליכער אנטיסעמיטיזם איז אין איטאליען דעמאלס מעהר נישט געווען אין א שטארקער פארם.

דאס אלעס האט אויך געהאט די ווירקונג, אז די יודען אין איטאליען האבען זיך זעהר אסימילירט. די נאציאנאלע יודישע בעוועגונג ווי אויך דער ציוניזם וואס האט אין אנהויב פון 20־טען יאהרהונדערט זיך פערשטארקט זאגאר אין אסימילירטע יודישע קרייזען פון אנדערע לענדער, האט אין איטאליען נישט געהאט קיין שום ווירקונג. א געוויסע ענדערונג איז פארגעקומען ערשט נאך דער וועלט־מלחמה, ווען איטאליען האט צו־בעקומען פון עסטרייך א רייהע שטעדט מיט א יודישע בעפעלקערונג, ווי די פארט־שטאדט טריעסט, טריענטע, פיומע, מעראן און אנדערע, אזוי אז די צאהל יודען אין איטאליען,

וואָס האָט פאַר דער וועלט־מלחמה דערגרייכט נישט מעהר ווי 40 טויזענד, איז געשטיגען ביז 80 טויזנד. די נייע יודישע ישובים זענען אויך געווען נעהנטער צו דער נאַציאָנאַל־יודישער בעוועגונג, שטעהענדיג פריהער אין פערבינדונג מיט די עסטרייכישע יודען פון גאַליציען און וויען. עס איז ריכטיג, אַז אפילו נאָכדעם ווי איטאַליען איז בעהערשט געוואָרען דורך די פאַשיסטישע רעגירונג פון מוסאָליני אין יאָהר 1922, האָבען יודען אין איטאַליען נישט געליטען בעזונדערס פון אנטיסעמיטיזם, און אין דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָבען יודען פערנומען און פערנעהמען כסדר אָנגעזעהענע שטעלונגען. אָבער אין א געוויסער מאָס האָט דער פאַשיזם, וואָס איז א רייז נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג, געווירקט אויף פיעל איטאַליענישע יודען צו דערנעהנטערען זיי צוריק צום יודישען פאָלק. דער ציוניזם האָט אָנגעהויבען שטאַרקער זיך פערשפּרייטען אין איטאַליען. א גרויסע בעדייטונג האָט דאָ געהאַט דאָס ערשיינען פון יודישען זשורנאַל אין דער איטאַליענישער שפּראַד „ישראל", וואָס האָט אָפען פּראָפּאַגירט דעם ציוניזם. אויך פאַר'ן ערשיינען פון דאָזיגען זשורנאַל זענען ערשינען אין איטאַליען 3 יודישע זשורנאַלען אויף איטאַליעניש: „קאַריערע איסראַעליטיקאַ", „סעטימאַנאַלע איסראַעליטיקאַ", און „וועסילאַ איסראַעליטיקאַ", אָבער זיי זענען געווען מעהר נישט ווי בעריכט־זשורנאַלען פון טייל רעליגיעזע קהלות. ערשט די דאָזיגע 3 זשורנאַלען האָבען זיך פעראייניגט אין דערמאָהנטען זשורנאַל „ישראל" אונטער דער רעדאַקציע פון לאַטעס און פאַציפיצי, און די פערשפּרייטונג פון נאַציאָנאַל־יודישען געדאַנק אין איטאַליען איז געוואָרען זעהר שטאַרק. דער זשורנאַל „ישראל" האָט אָנגעהויבען אויך ארויסגעבען אין איטאַליעניש וויכטיגע יודישע ביכער, ווי די ווערק פון „אחד העם", פּרץ, שלום עלכם, אַש, הערצעל, נאָרדוי, מאַרטין בובער, ווי אויך אָריגינעלע ווערק וועגען דער געשיכטע פון יודען אין איטאַליען (פון ד"ר צאָלער). די אָנגעזעהענסטע יודישע קהלות אין איטאַליען געפינען זיך אין רוים (12 טויזענד יודען), מיילאַנד (4 טויזענד), טורין, פלאָרענץ, טריעסט, ווענעציע, און אנדערע שטעדט.

ביבליאָגראַפיע: איבער דער געשיכטע פון יודען אין איטאַליען זענען געשריבען געוואָרען זעהר פיעל אַרטיקלען ווי אויך איינצעלנע מאָנאָגראַפיעס איבער פערשידענע איטאַליענישע שטעדט. ספּעציעל וועגען די יודען אין איטאַליען אין די גאַר אַלטע צייטען פון 2.טען בית המקדש און אויך שפּעטער אין די צייטען פון דער גמרא קאָן מען געפינען ביי גרויסע אין זיין גרויסער „יודישער געשיכטע" (אמבעסטען אין דער העבּרעאישער א־בערזעצונג פון שפ"ר) ווי אויך אין די דייטשע ווערק פון בערלינער „געשיכטע פון יודען אין רוים" (איבערזעצט אין העברעאיש „היהודים ברומא"), ווי אויך פאָגעלשטיין און ריגער „געשיכטע פון יודען אין רוים" (דייטש); א חוץ דעם זענען וועגען יענע אַלטע צייטען פון יודען אין איטאַליען פאַרהאַן פיעל איינצעלנע ארטיקלען צעוואָרפען איבער די דערמאָהנטע יודיש־איטאַליענישע זשורנאַלען; וועגען דער געשיכטע פון יודען אין איטאַליע אין מיטעל־אַלטער זענען פאַרהאַן זעהר גרינדליכע ידיעות אין דעם 3־טען טייל פון ד"ר גידעמאַנס דייטשען בוך „געשיכטע פון ערציהונגס וועזען פון מערב־יודען" (דער דאָזיגער טייל איז פאַרהאַן איבערזעצט אין העברעאיש אין „התורה והחיים" פון פרידבערג; אויף יודיש איז ער נישט איבערזעצט, אָבוואָהל דער 3־טער טייל „וועגען די יודען אין דייטשלאַנד" איז יאָ איבערזעצט אין יודיש); אין דעם זעלבען „התורה והחיים" אין 3־טען טייל איז צום סוף פאַרהאַן אַ ספּעציעל קאַפּיטעל וועגען דער געשיכטע פון יודען אין

„אָבער־איטאַליען" (דאָס איז יאָ ערשינען או ף יודיש) אין 14־טען און 15־טען יאָהרהונדערט; וועגע דער געשיכטע פון יודען אין איטאַליען אין די שפּעטערדיגע צייטען איז פאַרהאַן (א חוץ אין גרעצ׳ס געשיכטע) אויך אין די דערמאָהנטע ווערק פון בערלינער און פאגעלשטיין, ווי אויך אין אשכנזי׳ס „תולדות ישראל בנפות איטאליה" (קראקא תרס"א), אין גירונדי׳ס „תולדות גדולי ישראל" (טריעסט 1853) און אויך אין די דערמאהנטע זשורנאַלען; גרעסערע אָבהאַנדלונגען וועגען די יודען אין איטאַליען זענען פאַרהאַן אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס, ספּעציעל אין דער יודיש־דייטשער ענציקלאָפּעדיע.

**אַיי** אין דער יודישער רעליגיע און אויך אין די יודישע פאָלקס־גלויבענס שפּילט דאָס איי א געוויסע ראָליע. שוין אין דער גמרא געפינען מיר, אז אַ גאַנצע רייה רעליגיעזע זאַכען איז זייער „שיעור", (די גרויס) געשאַצט געוואָרען לויט א איי („ביצה" אויף העברעאיש; אינטערעסאַנט איז, אז אין דעם אויסרעדען איז מען זיך נוהג צו זאָגען דאָס וואָרט לויט דעם אַרעמעאישען „ביעא"). אזוי געפינען מיר אין דער גמרא יומה פ „שיעור אוכלין בכביצה" (דער שיעור פון עסענוואַרג איז ווי א איי). אין פסח ביינאַכט צום סדר ווערט געזאָגט שוין אין דער גמרא פסחים קי"ד אז דער מנהג איז צו נעהמען א איי און צו עסען עס. אין שלחן ערוך יורהדעה סימן שע"ח ווערט געבראַכט דער מנהג אז אַ אבל זאָל עסען אייער ווייל דאָס איז א סימן פון טרויער. גאָר אַנ׳אַלטער מנהג איז געווען, אז ווען א טויטער איז געשטאָרבען האָט מען בעשמירט זיין קאָפּ מיט אַ איי.

אין יודישען פאָלקס־גלויבען זענען פאַרהאַן גאַנץ פערשידענע מנהגים בנוגע אייער. שוין אין דער תוספתא שבת ווערט געבראַכט א גאַנצע רייה כשוף־מנהגים מיט אייער (אַריינמאַכען אייער אין א וואַנד וכדומה). אין דעם פאָלקס־גלויבען איז פאַרהאַן אויסצווואַשען מיט א איי די אויגען פון א קינד כדי עס זאָל אין דעם נישט שולט זיין קיין עין הרע. ביי א סך פרויען אויב זיי באַקען חלות און טרעפען אָז צוערשט אויף אַ שלעכט איי, בעטראַכטען זיי עס פאַר א שלעכטען סימן. איינער פון די יודישע קולינאַרע מנהגים איז שבת און ספּעציעל אין פסח צו עסען אייער מיט ציבעלעס. פסח ביינאַכט עסט מען אייער מיט זאַלץ־וואַסער. עס איז אויך צו בעמערקען, אז אין דער יודישער שפּראַך ווערט בענוצט דאָס שפּריכוואָרט „אַ איי אויף איבערמאָרגען", ווי אויף אַ זאַך, וואָס מען ווייסט נישט צי עס וועט דערפון עפּעס זיין.

**אייבעשיץ דוד שלמה** בעריהמטער חסידישער רב און מחבר אין ענדע 18־טען און אנהויב 19־טען יאָהרהונדערט. רבי דוד שלמה אייבעשיץ איז געווען רב אין א רייה שטעדט אין רומעניען (סאָראָקא און יאסי), אויף די עלטערע יאָהרען איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל און געוואוינט אין צפת, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1810. ער האָט מחבר געווען דעם פירוש אויף שלחן ערוך „לבושי שרד" (געדרוקט אין מאָהילעוו 1818), תשובות „נאות דשא" (לעמבערג 1861) און זיין בעריהמט דרשות־ספר „ערבי נחל" אויף חומש (געדרוקט סדילקאָוו תקצ"ה) וואָס אי זעהר פּאָפּוללער געווען צווישען אַלע חסידישע קרייזען. אין די חסידישע ספרים ווערט דערצעהלט וועגען רבי דוד שלמה פיעל מופתים.

ביבליאָגראַפיע: באדאק, „סדר הדורות החדש"; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

**אייבעשיץ יונתן** (1690 — 1764). בעריהמטער רב און גאון, פוסק און בעל מקובל. רבי יונתן אייבעשיץ איז געבוירען געוואָרען אין קראָקא לערך דעם יאָהר 1690 (ת"ן), זיין פאָטער, רבי נתן נטע, וועלכער איז שפּעטער געוועזן רב אין דער שטאָדט אייבעשיץ איז מעהרען (דערפון שטאַמט דער פאַמיליען־נאָמען אייבעשיץ) איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1702, און זיין יונגער זוהן יונתן, וועלכער איז געוואָרען א יתום איז געפאָהרען לערנען אין דער ישיבה פון רבי מאיר אייזענשטאָדט, מחבר פון פנים מאירות, וועלכער איז געוועזן רב אין דער שטאָדט פּראָסניץ (פּרוסטיץ) אין מעהרען. נאָכהער האָט ער געלערענט אין א רייה אנדערע ישיבות ביז ער האָט חתונה געהאָט אין פּראָג מיט דער טאָכטער (עלקעלע) פון גביר און גאון רבי יצחק שאַפּיראָ. אין פּראָג איז רבי יונתן, וועלכער איז שוין אין זיינע יונגע יאָהרען געוואָרען בעריהמט אלס גרויסער למדן, געוואָרען דרשן און האָט אויך אָנגעפיהרט מיט אַ ישיבה פון תלמידים. אין יאָהר 1741 איז ער געוואָרען רב אין מעץ. נאָכהער, אין יאָהר תק"י (1750) איז רבי יונתן אויפגענומען געוואָרען אלס רב אין די דריי פעראייניגטע קהלות אה"ו, דאָס הייסט אלטאנא, האַמבורג, וואַנדסבעק, וואו ער איז געוועזן רב און אָנגעפיהרט מיט אַ גרויסער ישיבה מיט תלמידים ביז דעם יאָהר 1724 (כ"א אלול תקכ"ד) ווען ער איז געשטאָרבען.

רבי יונתן אייבעשיץ איז געוועזן אין דער רבנישער וועלט איינער פון גרעסטע גאונים אין 18-טען יאָהרהונדערט. ער האָט מחבר געוועזן א רייה ספרים, פון וועלכע די וויכטיגסטע זענען: „אורים ותומים" אויפ'ן חושן משפּט, געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאַרלסרוהע תקל"ה; „כרתי ופלתי" אויפ'ן יורה דעה, געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין אַלטאנא תקכ"ג; „בני אהובה" אויפ'ן „אבן העזר" (געדרוקט פּראָג תקע"ח), ווי אויך א סך דרוש־ספרים צווישען זיי דאָס וויכטיגסטע דער „יערות דבש" אַ זאַמלונג פון זיינע דרשות (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאַרלסרוהע תקל"ח). אין ספר „אוה למושב" פון דוקעס איז פאַרהאַן אויסגערעכענט 25 ספרים פון רבי יונתן אייבעשיץ; אָבער אויך די דאָזיגע רשימה איז נישט קיין פולשטענדיגע, ווייל אין די לעצטע יאָהרען זענען געדרוקט געוואָרען פון כתב־יד נאָך ספרים. רבי יונתן אייבעשיץ ווערט פעררעכענט אין דער לומדישער וועלט אויך אַלס פוסק, און מען פסקנט זעהר אָפט לויט זיינע ספרים אויף יורה דעה און חושן משפּט. אַ חוץ זיין גרויס לומדות האָט רבי יונתן אייבעשיץ אויך בעזעסען א רייה אַנדערע וויסענשאַפטען און אין „יערות דבש" ווייזט ער ארויס געוויסע קענטעניסען פון אַסטראָנאָמיע לויט דעם אלטען געאָצענטרישען סיסטעם נעגען דעם סיסטעם פון קאָפּערניקוס, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון. רבי יונתן אייבעשיץ האָט אויך אויסגעשטעלט אין זיין ישיבה טויזענדער תלמידים, וואָס פיעל פון זיי זענען דערנאָך געוועזן בעקאַנטע רבנים אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן.

מיט דעם נאָמען פון רבי יונתן אייבעשיץ איז פערבונדען א גרויסע מחלוקה, וואָס האָט געדויערט פיעל יאָהרען און האָט ארומגענומען א סך יודישע קהלות און רבנים פון יענער צייט. דאָס איז די מחלוקה, וואָס עס האָט

אנגעהויבען געגען רבי יונתן אייבעשיץ דער למדן און גאון רבי יעקב עמדין, וועלכער האט געוואוינט אין אלטאנא אין דער צייט, ווען רבי יונתן איז דארט געווען רב. רבי יונתן איז געווען בעקאנט נישט נאר אלס גאון נאר אויך אלס א סארט „בעל שם", און ער האט געפלעגט געבען קמיעות פאר קראנקע מענשען. אין טייל פון די דאזיגע קמיעות האט רבי יעקב עמדין געפינען רמזים, אז רבי יונתן גלויבט אין פאלשען משיח שבתי צבי. עס איז דעמאלס געווען אין דער צייט, ווען די רבנישע וועלט האט געפיהרט א שארפען פערניכטונגס-קאמף געגען אלע, וואס האבען געגלויבט אין שבתי צבי, וועלכער איז שוין לאנג טויט געווען (שבתי צבי איז געשטארבען אין יאהר תל"ז) אבער א סך האבען נאך געגלויבט אין איהם אז ער איז משיח. אין די קמיעות פון רבי יונתן האט רבי יעקב עמדין געפינען די ווערטער: אין נאמען פון משיח „בבתי", וואס דאס האט געזאלט לויט „א"ת ב"ש" (די „שין" ווערט פערוואנדעלט אין א „בית") מאכען „שבתי". רבי יעקב עמדין, וועלכער איז געווען זעהר אנגעזעהען דורך זיין יחוס (ער איז געווען א זוהן פון רבי צבי אשכנזי, דעם „חכם צבי") און אויך מיט זיין אייגענער לומדות, איז ארויסגעטרעטען אפען מיט דער בעשולדיגונג געגען רבי יונתן אייבעשיץ, דעם גאון און האמבורגער רב און ראש ישיבה, אז ער איז א שבתי־צביניק. עס איז אויסגעבראכען א גרויסער שטורעם פון מחלוקה. מען האט זיך געגענזייטיג געלעגט אין חרם. אויפ'ן צד פון רבי יעקב עמדין האבען זיך געשטעלט בעריהמטע רבנים, ווי דער „פני יהושע, רבי אריה לייב דער אמסטערדאמער רב, דער רב פון מעץ רבי שמואל העלמאן און אנדערע. ווידער אויף דעם צד פון רבי יונתן האבען זיך געשטעלט אנדערע גרויסע רבנים (רבי יחזקאל לאנדא, מחבר פון „נודע ביהודה") און אנדערע. עס זענען ערשינען פיעל פאלעמישע ספרים און פאשקווילען און פאמפלעטען. רבי יעקב עמדין האט ארויסגעגעבען זיין „שפת אמת" און „לשון זהורית" מיט דעם נוסח פון די קמיעות. רבי יונתן ווידער האט ארויסגעגעבען אלס פערטיידיגונג זיין „לוחות עדות" (אלטאנא 1755) מיט בריעף פון רבנים, וואס לייגען אין חרם די אלע, וועלכע טרעטען ארויס געגען רבי יונתן. די מחלוקה איז דערגאנגען ביז צום קעניג פון דענעמארק (האמבורג, אלטאנא און וואנדסבעק האבען דעמאלס געהערט צו דענעמארק), וועלכער האט בעשטימט א קאמיסיע פון 5 קריסטליכע געלעהרטע צווישען זיי איז געווען דער משומד. פראפעסאר קארל אנטאן, א געוועזענער תלמיד פון רבי יונתן), וועלכער האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, אז די אלע בעשולדיגונגען געגען רבי יונתן זענען נישט ריכטיג. אבער אויך שפעטער האט זיך די מחלוקה נישט איינגעשטילט, און רבי יעקב עמדין האט כסדר פערעפענטליכט ספרים צו בעווייזען די גערעכטיגקייט פון זיין בעשולדיגונג.

וועגען דער דאזיגער מחלוקה איז די מיינונג פון די געלעהרטע היסטאריקער צעטיילט. פראפעסאר גרעץ איז זיין „געשיכטע" (העבראיש חלק ח') שטיצט די בעשולדיגונג פון רבי יעקב עמדין און האלט, אז רבי יונתן איז געווען נוטה צום גלויבען פון שבתי צבי. דער העבראישער איבערזעצער פון גרעץ, שאול פינחס ראבינאוויץ, פיהרט אין

זיינע צוגאב־נאטיצען א פאלעמיק נעגען גרעץ, אבער אויך ער האלט, אז די פערטיידיגונג פון רבי יונתן וועגן זיינע קמיעות איז א זעהר שוואכע, און אז רבי יונתן איז אין זיינע יוגענד־יאהרען ווירקליך געווען אונטער דעם איינפלוס פון די בעקאנטע שבתי־צבי־ניקעם, נחמיה חיון און לייבעל פון פראסניץ, און ערשט שפעטער האט ער מעגליך, זיך אבגעזאגט פון זיי. א רייה אנדערע געלעהרטע ווי רבי חיים נתן דעמביצער (אין זיין „כלילת יופי״), ד״ר קאהן פון קאטאוויץ אין זיין „עהרערטונג פון רבי יונתן״ (אויף דייטש) זענען ארויסגעטרעטען געגען גרעצ׳ס מיינונג און בעמיהען זיך צו פערטיידיגען רבי יונתן אייבעשיץ. די מאדערנע שבתי־צבי־בעוועגונג־פארשער (דוד כהנא אין זיין „תולדות המקובלים והשבתאים״) זענען געניוגט צו דער מיינונג פון גרעץ.

עס איז צו בעמערקען, אז דער דיכטער און משכיל נפתלי הירץ וויזעל איז געווען א תלמיד פון רבי יונתן. אויך משה מענדעלסאן האט בעזוכט רבי יונתן און איהם געבעטען צו געבען איהם דעם טיטול „חבר״.

רבי יונתן האט געהאט 6 זוהן און 2 טעכטער. די זוהן זיינע זענען געווען לומדים; אנ׳אויסנאהם איז געווען זיין זוהן בנימין וואלף אייבעשיץ, וועלכער האט געפיהרט גרויסע געשעפטען און זיך בעזעצט אין דרעזדען און דארט בעקומען פון זאקסישען קעניג דעם טיטול באראן פאן אדלערסטאל און איז ארויס „לתרבות רעה״. די פארשער פון דער פראנקיסטישער בעוועגונג, וואס איז אייגענטליך אויך געווען אנ׳אבצוויג פון שבתי־צבי׳איזם האבען געפינען דאקומענטען, אז וואלף באראן פאן אדלערסטאל איז געווען אין פערבינדונג מיט יעקב פראנק (קרויסהאר אין זיין „פראנק און פראנקיסטען״, געשריבען אויף פויליש, איבערזעצט אין העברעאיש דורך סאקאלאוו „פרנס ועדתו״), אבער לויט ווי מען גיט איבער האט ער דערנאך תשובה געטהון. ער איז געשטארבען אין יאהר תקס״ו; געגען איהם האט געשריבען רבי יעקב עמדין א פאמפלעט מיט׳ן נאמען „יקב זאב״.

ביי יודען איז רבי יונתן אייבעשיץ פאפולער ביז אויף היינטיגען טאג נישט נאר אלס גרויסער למדן נאר אויך אלס רבי און מקובל; ביים פאלק איז ער בעקאנט מיט׳ן נאמען „דער רבי רבי יונתן״ און אויך „רבי יונת׳ל פרעגער (ווייל ער איז געווען א לאנגע צייט אין פראג). עס ווערט דערצעהלט פיעל אנעקדאטען און פאלקס־לעגענדען פון רבי יונתן אייבעשיץ, הויפטזעכליך וועגען ויכוחים אין אמונה־זאכען וועלכע ער זאל האבען געפיהרט מיט גלחים. עס איז אויך צו פערצייכענען, אז פון רבי יונתן אייבעשיץ איז ערשינען אין וויען אין יאהר 1890 א קבלה־ספר „שם עולם״. וואס זאל זיין אין א געוויסער מאס דאס ספר קבלה „ואבוא היום אל העיון״ וועגן וועלכען זיין געגנער רבי יעקב עמדין האט געשריבען אין זיינע פאלעמישע ספרים, אז דארט זאגט ארוים רבי יונתן דיזעלבע קבלה־שיטה וואס די תלמידים פון שבתי צבי און בעזונדערס וואס דער בעקאנטער שבתי־צבי־אנהענגער אברהם מיכאל קרדוזו. זיכער איז עס נישט.

ביבליאגראפיע: וועגען לעבען פון ר׳ יונתן אייבעשיץ און בעזונדערס וועגען דער גרויסער מחלוקה צווישען איהם און רבי יעקב עמדין זענען געשריבען געווארען פיעל ספרים. דער וויכטיגסטער פון זיי איז גרעץ

אין זיין „געשיכטע“ אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ספר (חלק ח'), וואו עס איז פאראן א גענויע רשימה פון אלע פאלעמישע ספרים, וואס זענען ערשינען פון ביידע צדדים; אין די נאטיצן צום סוף פון גרעץ'ס געשיכטע אין העברעאיש חלק ח' זענען פאראן ווערטפולע בעמערקינגען וועגן דער מחלוקה; קלעמפערער, „חיי יהונתן“; דוקעס. „אוה למושב“; דעמביצער, „כלילת יופי“; דוד כהנא, „תולדות המקובלים והשבתאים“; קאהן, „עהרענרעטונג פון רבי יונתן“; אין דעם „אוה למושב“ פון דוקעס (געדריקט קראקא תרס"ג) איז פאראן דאס בילד פון רבי יונתן און אויך דאס בילד פון זיין מצבה מיט דער דאטע „אך אלול“; יודיש-ענגלישע ענציקלאפעדיע; יודיש-דייטשע ענציקלאפעדיע; „אוצר ישראל“.

**אייגער** דאס איז א בעקאנטער יודישע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבן גרויסע רבנים, חסידישע רביים, ווי אויך באנקירען, כלל-טוער. טייל פון דער דאזיגער פאמיליע האבען געשפילט א גרויסע ראליע אין יודישען לעבען אין פוילען. דער נאמען פון דער פאמיליע שטאמט פון נאמען פון א שטעדטעל אין טשעכיען מיט'ן נאמען „עגער“. וועגען די אלע אייגער־פערזענליכקייטען שרייבען מיר ביים שטיך־ווארט „אייגער עקיבא“, ווייל זיי אלע האבען אבגעשטאמט פון איהם.

**אייגער עקיבא** (1761—1837). בעריהמטער רב און גאון און מחבר פון ספרים. רבי עקיבא אייגער (ער שרייבט זיך אויך אויף העברעאיש איגר), וועלכער האט זיך אויך אונטערגעשריבען מיט'ן פאמיליען־נאמען גינז, איז געבוירען געווארען אין אייזענשטאדט (אונגארן) אין חשון תקכ"ב (1761). זיין פאטער האט געהייסען רבי יעקב משה גינז. רבי עקיבא האט זיך ערצויגען ביי זיין פעטער רבי וואלף אייגער אין ברעסלוי, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן. דערנאך האט רבי עקיבא חתונה געהאט אין דער שטאדט ליסא מיט דער טאכטער פון א רייכען מאן. שוין דעמאלס ווען ער האט גענעסען קעסט ביי זיין שווער האט ער אנגעפיהרט מיט א גרויסער ישיבה מיט תלמידים. נאכהער איז רבי עקיבא געווארען רב אין מארקיש־פרידלאנד אין מערב־פרייסען (יאהר 1791), וואו ער איז געזעסען אויף דער כסא רבנות און געפיהרט מיט א ישיבה 24 יאהר. אין יאהר 1815 איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב אין פויזען, וואו ער איז געווען רב ביז דעם יאהר 1837, ווען ער איז געשטארבען (י"ג תשרי תקצ"ח).

רבי עקיבא אייגער איז געווען בעריהמט אלס גרויסער גאון, און ער צייכענט זיך אויס מיט א געוואלדיגער טיפקייט און שארפקייט אין לערנען. צו דער גמרא זענען פאראן געדרוקט קשיות פון רבי עקיבא אייגער מיט'ן נאמען „גליון הש"ס“, ווערען זיי פערעכענט אלס זעהר שווערע, נישט צום פערענטפערען. א חוץ דעם זענען געדרוקט פון איהם ספרים: „שאלות ותשובות“ (געדרוקט אין ווארשא אין יאהר 1833 דורך זיינע קינדער), „חידושים“ אויף א רייהע מסכתות (געדרוקט בערלין 1857); הגהות צו משניות און צום שלחן ערוך, ווי אויך די דערמאהנטע בעמערקונגען צו דער גמרא מיט'ן נאמען „גליון הש"ס“, און אויך אנדערע ספרים.

א חוץ מיט זיין גרויסער לומדות איז רבי עקיבא אייגער געווען אויך בעריהמט אלס זעהר גרויסער צדיק און עניו. ער איז ארויסגעטרעטען זעהר שארף געגען יעדער רעפארם פון דער יודישער רעליגיע, וואס עס האבען אין

יענער צייט געוואלט דורכפיהרען א
רייה רעפארם-ראבינערס אין דייטש־
לאנד. אין דעם בעקאנטען „אלה דברי
הברית" נעגען דער רעפארם איז פאר־
האן א בריעף פון רבי עקיבא, וועלכער
שרייבט די ווערטער: „אם נרשה לבטל
אף אות אחת מדברי חז"ל, אז מרחפת
**הסכנה** על כל התורה כולה" (אויב
מיר וועלען זיך ערלויבען אבצושאפען
אפילו איין אות פון דער גמרא, דראהט
די געפאהר פאר דער גאנצער תורה).
וועגען זיין עניוות ווערט דערצעהלט,
אז ער האט זיך געוואלט ענטזאגען פון
זיין שטעלע אלס רב און לעבען ווי א
פשוטער יוד. ער איז אויך געווען א
גרויסער בעל צדקה און אוועקגעגעבען
אלץ וואס ער האט געהאט. ווען עס איז
אויסגעבראכען אין פויזען די מגפה אין
יאהר 1833 האט ער פערזענליך בע־
זוכט די קראנקע און איינגעארדענט
פאר זיי הילף, און ער האט דערפאר
בעקומען א דאנק פון פרייסישען קעניג.

רבי עקיבא האט געהאט 8 זוהן און
8 טעכטער. פון די טעכטער האט איינע
חתונה געהאט פאר דעם גרויסען גאון
רבי משה סופר, בעקאנט אלס „חתם
סופר". איינער פון זיינע זוהן איז גע־
ווען רבי שלמה אייגער (געבוירען אין
יאהר 1785 און געשטארבען 1852),
וועלכער איז געווען צוערשט אין ווארשא
פון די אנגעזעהענע בעלי בתים, דער־
נאך איז ער געווארען רב אין קאליש,
נאכהער אין פויזען און דארט איז ער
געשטארבען. אויך ער האט מחבר גע־
ווען א רייה „הגהות" אויף דער גמרא
געדרוקט אין ווילנא 1880, ווי אויך
אויפ'ן שלחן ערוך און רי"ף. פון איהם
איז פארהאן א ביאגראפיע פון זיין פא־
טער מיט'ן נאמען „תולדות רבנו עקיבא
איגר" געדרוקט בערלין 1862.

איינער פון די זוהן פון רבי שלמה
אייגער, מיט'ן נאמען רבי לייבעלע איי־
גער, וועלכער האט חתונה געהאט אין
דער שטאדט לובלין איז מיטגעריסען
געווארען מיט דעם שטראם פון חסידות
וואס האט אין דער ערשטער העלפט
פון 19-טען יאהרהונדערט שטארק בע־
איינפלוסט די יודען אין פוילען. רבי
לייבעלע איז געווארען א חסיד צוערשט
פון אלטען קאצקער רבי ר' מענדעל,
וועלכער איז געווארען רבי אין יאהר
1827. דערנאך איז רבי לייבעל אוועק
פון קאצק און אנגעהויבען פאהרען צום
רבי ר' מרדכי יוסף אין איזשביצא,
וועלכער איז אויך געווען פריהער א
תלמיד פון קאצקער רבי, נאר ער האט
אין יאהר 1840 פערלאזט דעם קאצקער
רבי און איז אליין געווארען רבי. ווען
רבי מרדכי יוסף איז געשטארבען אין
יאהר 1814 (תרי"ד), האבען א טייל
פון זיינע חסידים ערקלערט רבי ליי־
בעלע אייגער אלס רבי און אנגעהוי־
בען צו איהם צו פאהרען. רבי לייבעלע
אייגער האט זיך בעזעצט אין לובלין
און דארט געפיהרט ביז זיין טויט אין
יאהר 1888 (כ"ב שבט תרמ"ח); איי־
נער פון זיינע תלמידים איז געווען דער
גאון און רבי, רבי צדוק הכהן פון
לובלין. פון רבי לייבעלע אייגער שטאמט
די רבייאישע אייגער-דינאסטיע פון לוב־
לין, וואס עקזיסטירט ביז אויף היינטי־
גען טאג.

פון די אייניקלעך פון רבי שלמה
אייגער האבען א טייל זיך ערווארבען
הויכע שטעלונגען אין ווירטשאפטלי־
כען לעבען אין פוילען אלס פינאנסיס־
טען און אינדוסטריעלער. איינער פון
זיי איז געווען דער בעקאנטער איידוס־
טריעלער און שוועדישער קאנסול אין
ווארשא באלעסלאוו אייגער.

ביבליאָגראַפיע: וועגן רבי עקיבא אייגער איז פֿאַראַן די דערמאָהנטע „תולדות" פון זיין זיהן, ווי אייך דאָס ספר „חוט המשולש" פון סופר (1885) און אויך די „אגרות סופרים" געדריקט 1929, וואו עס זענען פֿאַראַן בריעף פון רבי עקיבאן; וועגן דער רבייאישער אייגער-דינאַסטיע איז פֿאַראַן אין ספר „דור ישרים" פון ליינער געדריקט אין בילגורייי תרפ"ה, אין „שיח שרפי קודש" פון קים קדיש געדריקט אין ווארשא תרפ"ח ווי אויך אין „דור ודור ודורשיו" פון הרב לעווינשטיין; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## איידליץ משה זרח (1725 — 1786)

איידליץ משה זרח (1725 — 1786), בעקאַנטער למדן און אויך מאַטעמאַטיקער. ער איז געבוירען געוואָרען אין עסטרייך אין יאָהר 1725 און האָט געוואוינט אין פּראָג. נישט קוקענדיג אויף זיין גרויס לומדות, וואָס האָט דערגרייכט אזוי ווייט, אז מען האָט איהם געוואָלט אויפנעהמען אַלס רב אין פּראָג, האָט ער זיך ענטזאגט פון אָנצונעהמען די רבנות-שטעלע. רבי זרח איידליץ איז געווען א רייכער מאַן און האָט אָנגעפיהרט פּריוואַט מיט אַ ישיבה און די ישיבה־בחורים האָט ער אויסגעהאַלטען פון זיין אייגען געלד, אין אלגעמיין איז רבי זרח איידליץ געווען בעקאַנט אַלס גרויסער נדבן. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז ער געוואָרען פעראָרימט און די פּראגער קהלה האָט איהם אריינגעשיקט א גרויסע סומע געלד אלס שטיצע און געצוואונגען איהם דאָס געלד צו נעהמען. אָבער נאָכ'ן טויט פון רבי זרח (אין יאָהר 1786) האָט מען דאָס געלד געפינען אוועקגעלעגט נישט גע־ריהרט און דערביי איז געלעגען א צעטעלע, אז מען דארף דאָס געלד צוריקגעבען דער קהלה. רבי זרח איידליץ איז געווען איינער פון די געגנער פון פּראגער רב רבי יחזקאל לאַנדא, מחבר פון „נודע ביהודה", ווייל ער האָט געהאַלטען, אז אין פּראָג דארף אויפגענומען ווערען אלס רב רבי יונתן אייבעשיץ. רבי זרח איז געווען א חוץ א גרויסער למדן אויך א מאַטעמאַטיקער און ער האָט אַרויסגעגעבען א ספר'ל אויף אריטמעטיק און אלגעברא געשריבען אויף העברעאיש און אויף יודיש מיט'ן נאָמען „מלאכת מחשבת" (פּראָג 1775). פון דאָזיגען ספר'ל האָבען א סך בית המדרש־בחורים זיך געלערנט רעכנען און ס'האָט געהאַט א ווירקונג צו דער פערשפּרייטונג פון ידיעות אין דער עלעמענטארער מאַטעמאַטיק אין די יודישע לומדישע קרייזען אין 19־טען יאָהרהונדערט.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1914); ליבין, „גלעד"; „אוצר ישראל"; יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

## איידזיק

איידזיק דאָס איז דער איינגענאָמען פון א רייה אָנגעזעהענע רבנים און מחברים. אָבער געוועהנליך איז צוגעגעבען צום דאָזיגען נאָמען אויך דער העברעאישער נאָמען „יהושע" אָדער „יצחק", און מיר וועלען זיי דעריבער געבען ביי די שטיך-ווערטער „יהושע" און „יצחק". ביי טייל געבען מיר ביי די שטיכווערטער פון זייערע צונעמען, ווי למשל רבי אייזיק טירנא ביים שטיך־וואָרט „טירנא" וכדומה.

## אייזלאַנד ראובן

אייזלאַנד ראובן בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און זשורנאַליסט. ער איז געבוירען געוואָרען אין גאַליציען אין יאָהר 1884 און האָט בעקומען א פּרומע ערציהונג. אין יאָהר 1903 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא. דאָ האָט אייזלאַנד אָנגעהויבען פערעפענטליכען אין יאָהר 1905 זיינע ערשטע ליטעראַרישע ווערק, לידער, ליטעראַ־

ריש — קריטישע ארטיקלען, רעדאגירט א רייה זשורנאלען. אין יאהר 1922 האט ער ארויסגעגעבען א זאמלונג לידער „פון מיין זומער"; ער האט מיטגעהאלפען צו דער יודישער אויסגאבע פון היינע'ס ווערק (ניו־יארק 1918) איבערזעצענדיג א רייה לידער און שריפטען פון היינע. איצט איז אייזלאנד מיטארבייטער פון דער יודישער טאג־צייטונג „דער טאג" אין ניו־יארק.

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1926).

**אייזנער קורט** (1867 — 1919). בעריהמטער סאציאליסטישער פיהרער אין דייטשלאנד. קורט אייזנער איז געבוירען געווארען אין בערלין אין יאהר 1867; זיין פאטער איז געווען א יודישער פאבריקאנט. אין די ערשטע צייטען איז קורט אייזנער געווען א ליבעראלער פאליטיקער און האט א געוויסע צייט מיטגעארבייט אין דער „פראנקפורטער צייטונג". אבער נאכהער איז ער צוגעטרעטען צו דער סאציאליסטישער בעוועגונג, און אין יאהר 1899 איז ער געווארען רעדאקטאר פון דער בערלינער סאציאליסטישער טאג־צייטונג „פארווערטס". אין יאהר 1905 איז אייזנער געווארען אנ'אנהענגער פון דער רעוויזיאניסטישער ריכטונג אין סאציאליזם, וואס האט געהאלטען, אז די סאציאליסטען דארפען צוזאמענארבייטען מיט די ליבעראלע בירגערליכע פארטייען. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אייזנער ארויסגעטרעטען פון „פארווערטס"; ער האט זיך בעזעצט אין דער הויפטשטאדט פון בייערען, אין מינכען, וואו ער האט ווייטער פערטיידיגט אין צייטונגען זיין רעוויזיאניסטישער ריכטונג. ווען די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראכען אין יאהר 1914 האט אייזנער געהערט צו דער ריכטונג פון די סאציאליסטען, וואס האט געשטימט פאר געבען דער רעגירונג קרעדיטען אויף צו פיהרען די מלחמה. אבער אין יאהר 1917 איז ער געווארען א לינקער סאציאליסט, פון די „אונאבהענגיגע"; און אין נאוועמבער 1918 ביים אויסברוך פון דער רעוואלוציע אין דייטשלאנד, האט אייזנער אנגעפיהרט מיט דער רעוואלוציע אין בייערען, און ער איז געווארען בייערישער מיניסטער־פרעזידענט. אין יאנואר 1919, נאך די וואהלען צום בייערישען פארלאמענט, זעהענדיג, אז זיין פארטיי האט דארט נישט קיין מערהייט, איז אייזנער געפאהרען צו דער פארלאמענטס־געביידע כדי דארט זיך אנצוזאגען אין דעמיסיע. אויפ'ן וועג אבער איז ער דערשאסען געווארען צום טויט דורך דעם גראף ארקא־באלעי. זיין מארד האט ארויסגערופען גרויס שטורעם אין לאנד. אייזנער האט אויך פערפאסט (אין דייטש) א רייה וויכטיגע ביכער; די וויכטיגסטע פון זיי זענען: „טאג־געסט" (1910); „פעסט דער פעסטלאזען" (1906); „די נייע צייט" (1919); „די געטער־פריפונג" (1920). די אנטיסעמיטען האבען אויסגענוצט די רעוואלוציאנערע שטעלונג פון קורט אייזנער, כדי צו פיהרען א אנטיסעמיטישע אגיטאציע געגען יודען.

ביבליאגראפיע: בראקהויזער־ענציקלאפעדיע; פעכנער, דער רעוואלוציאנער קורט אייזנער" (1929); יודיש־דייטשער לעקסיקאן און ענציקלאפעדיע.

**אייזעביוס** בעריהמטער קריסטליכער בישאף, וואס האט געלעבט אין ארץ־ישראל, אין דער שטאדט קיסרין (צעזארעא), אין די צײ־

טען פֿון דער גמרא. ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 260 און איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 340. אײזעביוס ווערט פֿערדעכענט צו די אָנגעזעהענסטע קריסטליכע „קירכען־פֿאַטערס" און זײנע שריפֿטען זענען בײ די קריסטען זעהר פֿערהײליגט. פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער יודישער געשיכטע אין די אַלטע צײטען האָבען די ביכער פֿון אײזעביוס (געשריבען אין גריכיש) אַ זעהר גרויסען ווערט. זעהר וויכטיג איז זײן „אָנאָמאַסטיקאָן", דאָס איז אַ רשימה פֿון פֿיעל אַלטע עֶרטער אין ארץ־ישראל און זײערע נעמען; דאָס דאָזיגע בוך האָט אַ גרויסע בעדײטונג פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער אַלטער ארץ־ישראל־געאָגראַפֿיע. אַ בעזונדערס גרויסען היסטאָרישען ווערט פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער יודישער געשיכטע האָט זײן „געשיכטע פֿון דער קירכע" וואָס גיעט אונז אַ סך פֿאַקטען פֿון דער יודישער געשיכטע אין דער צײט נאָכ'ן חורבן בית שני אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די רוימישע אימפּעראַטאָרען טראַיאַנוס און אַדריאַנוס. זעהר וויכטיג איז אויך זײן „„פּרעפּאַראַציאָ עוואַנגעליקאַ", וואָס איז אײגענטליך אַ ויכוח־בוך אויפֿצווײזען די הויכקײטען פֿון דער קריסטליכער רעליגיע, אָבער אין דעם דאָזיגען בוך ברענגט אײזעביוס שטיקער פֿון ווערק פֿון אַלטע יודיש־גריכישע שרײבער פֿון אַלעקסאַנדריען, וואָס זײערע ווערק זענען פֿאַר אונז פֿערלוירען געגאַנגען. און די דאָזיגע שטיקער, וואָס זענען דערהאַלטען געוואָרען בײ אײזעביוס געבען אונז אַ בילד וועגען יענע ביכער. אײזעביוס האָט אויך קאָרעגירט און פֿעסטגעשטעלט דעם טעקסט פֿון דער אַלטער גריכישער תנך־איבערזעצונג, תּרגום השבעים (סעפּטואַגינטאַ). עס זענען פֿאַרהאַן מײנונגען, אַז אײזעביוס האָט געפֿיהרט רעליגיעזע ויכוחים מיט דעם אמורא פֿון דער גמרא, רבי אבהו, וואָס האָט אויך געלעבט דעמאָלס אין קיסרין. זיכער איז עס נישט, אָבוואָהל פֿון אַ סך שטעלען אין דער גמרא איז צו זעהען, אַז רבי אבהו האָט געפֿיהרט ויכּוחים מיט די קריסטענטום־אַנהענגער.

ביבליאָגראַפֿיע: אין די אַלגעמײנע ענציקלאָפּעדיעס איז פֿאַרהאַן זעהר פֿיעל וועגען „אײזעביוס"; אשכול־ענצקלאָפּעדיע שטיך־וואָרט „אבסביוס"; אוצר ישראל „איזיביוס"; בראָקהויז־ענציקלאָפּעדיע „אײזעביוס".

## אײזענבוים אַנטאָן

(1790 — 1852). בעקאַנטער אסימילאַטאָר, דירעקטאָר פֿון אַ פּוילישען ראַבינער־סעמינאַר און אַרויסגעבער פֿון אַ יודיש־פּוילישער צײטונג אין וואַרשאַ. אײזענבוים איז געבוירען געוואָרען אין וואַרשאַ אין יאָהר 1790 אין אַן אָרימער יודישער פֿאַמיליע. אַלס קינד האָט ער געלערענט אין חדר. אָבער דעמאָלס איז וואַרשאַ געווען אַ געוויסע צײט אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פּרייסען און ס'האָט אָנגעהויבען אַרײנדרינגען קיין וואַרשאַ די בערלינער השכלה־און אסימילאַציע־בעוועגונג. אײזענבוים האָט זיך אָנגעהויבען לערנען וועלטליכע לימודים, און ער האָט אַ געוויסע צײט שטודירט אין וואַרשאַווער ליצעאום. ער האָט אדאַנק זײנע פֿעהיגקײטען און שפּראַך־קענטניסען זיך שנעל ערוואָרבען סימפּאַטיע אין די קרײזען פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ. אין די יאָהרען נאָך 1814, ווען קאָנגרעס פּוילען מיט וואַרשאַ איז צוריק אַרונטערגעפֿאַלען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון רוסלאַנד, אָבער פּוילען האָט געהאַט אַ געוויסע אײגענע פּוילישע רעגירונג, האָט

אנטאני אייזענבוים ביי דער מיטהילף פון דער רוסישער רעגירונג און אויך פון דער פוילישער אויטאנאמיע פער־וואלטונג זיך בעמיהט צו פערשפרייטען בילדונג, אבער אויך אסימילאציע צווי־שען יודען. ער האט אין יאהר 1823 געגרינדעט די ערשטע יודישע צייטונג אויף יודיש און פויליש מיט'ן נאמען „בעאבאכטער אן דער ווייכסעל" און „דאסטזשעגאטש נאדווישלאנסקי". די צייטונג איז געדרוקט געווארען אין ביידע שפראכען; דער יודיש איז אבער געווען דייטש מיט יודישע אותיות. עק־זיסטירט האט זי נאר 1 יאהר, און זי האט זיך פערמאכט. א פיעל גרעסערע בעדייטונג האט געהאט דאס, וואס א דאנק אייזענבוים איז געגרינדעט גע־ווארען אין ווארשא אין יאהר 1826 די פוילישע ראבינער־שולע „שקאלא ראַ־בינוב", פון וועלכער אייזענבוים איז געווען צוערשט אינספעקטאר און נאכ־הער דירעקטאר. די שולע האט ארויס־געגעבען בעקאנטע געבילדעטע אסימי־ליאטארען ווי אויך אזעלכע וואס האבען זיך שפעטער געשמדט. די שולע אין אלגעמיין איז געפיהרט געווארען אין עקסט־אסימיליאטארישען גייסט, וואס האט געשטרעבט צו דער פולשטענ־דיגער אסימיליאציע מיט פאליאקען. פיעל תלמידים פון דער שולע האבען אנטיילגענומען אין דער פוילישער פאור־סטאניע. צוליב דעם אסימיליאטארישען און א געוויסער מאס אנטי־רעליגיעזען גייסט פון דער שולע איז ארום איהר פארגעקומען א גרויסער קאמף פון די פרומע יודען אין ווארשא, און דער קאמף איז געווען געווענדעט געגען איי־זענבוים אלס איהר גרינדער און פיה־רער. אייזענבוים איז געשטארבען אין יאהר 1852.

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1926); נוסבוים, היסטארישע סקיצען פון ווארשא־ (פויליש); יאהרבוך „כנסת ישראל" (חלק א'); יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אייזענמענגער יאהאן (1654 — 1704).

בעריהמטער אנטיסעמיטישער שריפט־שטעלער. אייזענמענגער איז געבוירען געווארען אין מאנהיים (דייטשלאנד) אין יאהר 1654. ער האט שטודירט די העברעאישע שפראך אין איידעלבערגער אוניווערסיטעט און נאכהער האט ער, ווי ער דערצעהלט, שטודירט אויך גמרא און מדרש מיט דער הילף פון יודישע לומדים. אין יאהר 1700 האט ער ארויס־געגעבען אין פראנקפורט זיין בעקאנט בוך „ענטדעקטעס יודענטום", וואו ער האט צוזאמענגענומען פיעל מאמרים פון דער גמרא און אנדערע ספרים, וואס זאלען ענטהאלטען זאכען געגען דער קריסטליכער רעליגיע און געגען קריסטען. אייזענמענגער איז געווארען פראפעסאר פאר מזרח־שפראכען אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט. זיין בוך האט ארויסגערופען גרויס שנאה ביי די קריסטליכע לעזער צו יודען און יודענ־טום. דער בעקאנטער גביר שמואל אפענ־היימער האט זיך בעמיהט ביי דער רעגירונג, אז מען זאל דאס בוך פער־ווערען צו פערקויפען, און ווירקליך האט די רעגירונג דעם בוך־פערקויף פערבאטען. דערווייל האט אייזענמענגער אליין פארגעלייגט דער יודישער קהלה אז מען זאל איהם געבען א גרעסערע געלד־סומע וועט ער פערניכטען דאס בוך. פלוצלינג איז אייזענמענגער גע־שטארבען, און זיינע יורשים האבען זיך בעמיהט, אז מען זאל ווידער ערלויבען דעם פערקויף פון בוך. זיי האבען ווירק־ליך דערנאך נאכאמאל אבגעדרוקט דאס

בוך. אייזענמענגער'ס בוך האָט געדיענט אַלס קוועלע פאַר די שפּעטערדיגע אַנטי־סעמיטען אין זייערע אָנפאַלען אויף דעם יודענטום, און מען האָט עס איבערגעדרוקט פיעל מאָל. דער אמת איז, אַז אייזענמענגער האָט אין אַלגעמיין יאָ געקענט העברעאיש און אַראַמיש און יאָ פערשטאַנען די גמרא (כאָטש אין אַ סך ערטער בעגעהט ער אויך גרויסע פעהלערען), נאָר צוליב זיינע אַנטיסעמיטישע פּאַראורטיילען האָט ער איינגעטייטשט אין פיעל ערטער פאַלשע טייטשען אין דער גמרא און האָט אויך פערדרעהט דעם ריכטיגען זין.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס גרעץ, „געשיכטע"; האַרטמאַן, אייזענמענגער" (דייטש) געדריקט אין יאָהר 1834.

**אייזענשטאַדט** דאָס איז אַ שטאָדט אין עסטרייך וואָס האָט געהערט צו די עלטעסטע יודישע קהלות אין מיטעל־אייראָפּאַ. אין אייזענשטאַדט האָבען געוואוינט גרויסע רבנים, מקובלים און אויך אַ גרויסע ישיבה איז דאָרט געווען. די שטאָדט האָט אַמאָל געהייסען אין די העברעאישע ספרים אויך „עיר ברזל" און אין ראשי תבות „א"ש"; היינט איז דאָ פאַרהאַן ביי 700 יודישע נפשות.

פון נאָמען פון דער דאָזיגער שטאָדט האָט שפּעטער אָבגעשטאַמט דער יודישער פאַמיליען־נאָמען „אייזענשטאַדט" און וואהרשיינליך אויך „א"ש".

**אייזענשטאַט אברהם** (1812 — 1865). בעריהמטער רב און פּוסק. רבי אברהם צבי בן יעקב אייזענשטאַט איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1812 אין רוסלאַנד אין דער שטאָדט אוטיאַן. שוין אַלס יונגערמאַן האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס לומדות און ער האָט מחבר געווען זיין פירוש „פתחי תשובה" אויפ'ן שלחן ערוך (געדרוקט זשיטאָמיר 1840 און שפּעטער). אין זיין ספר האָט ער מלקט געווען די דינים און חידושים וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפען איבער די פערשידענע תשובות ספרים פון די אחרונים. ער האָט אויך מחבר געווען אַ ספר וועגען גטין און חליצה (געדרוקט ווילנא 1863). ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1865.

ביבליאָגראַפיע: פון, „כנסת ישראל"; „אוצר ישראל".

**אייזענשטאַט בנציון** בעקאַנטער מחבר און אַרויסגעבער פון די העברעאישע לעקסיקאָן־ביכער „דור רבניו וסופריו" (4 טיילען אין ווילנא, 1895 — 1902 5־טער טייל אין ניו־יאָרק 1903), און „חכמי ישראל באמריקה" (ניו־יאָרק), וואָס ענטהאַלטען ביאָגראַפישע דאַטען איבער רבנים ווי אויך איבער יודיש־אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער. בנציון אייזענשטאַט איז געבוירען געוואָרען אין קלעצק (פּוילען) אין יאָהר 1873, און וואוינט איצט אין אַמעריקאַ.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**אייזענשטאַט יהושע** (1855 — 1918). בעקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער און חובב ציון, וועמענס העברעאישער נאָמען אין די העברעאישע זשורנאַלען איז אויך געווען „יהושע ברזילי". אייזענשטאַט איז געבוירען געוואָרען אין קלעצק (פּוילען) אין יאָהר 1855 און ער האָט שוין אין זיינע יוגענד־יאָהרען

זיך געלערנט נישט נאר יודישע לימודים נאר אויך וועלטליכע וויסענשאפט. ער איז געווען פון די ערשטע חובבי ציון אין רוסלאנד און אויך א מיטגליד פון אחד העם'ס עטיש-נאציאנאלער געזעלשאפט „בני משה". שפעטער האט אייזענשטאט זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל, פון וואנען ער האט פערעפענטליכט קארעספאנדענציעס אין „השלח". ער איז געשטארבען אין גענף (שווייץ) אין יאהר 1919.

ביבליאגראפיע: ציטראן, דריי ליטעראַרישע דורות"; יודיש-דייטשע ענציקלאפעדיע.

## אייזענשטאט ישראל טוביה

בעקאנטער ביאגראף און ביבליאגראף אין 19טען יאהרהונדערט. ער איז געבוירען געווארען אין ראזשענאי (פוילען), און ער האט מחבר געווען דאס ספר „דעת קדושים", וועגען די קדושים וואס זענען אומגעקומען אין ראזשינאי צוליב א עלילת הדם אין יאהר 1659; ביים דאזיגען ספר דעת קדושים זענען צוגעגעבען די גענעאלאגיעס פון א רייה פאמיליעס, ווי אייזענשטאט, ראפאפארט, באכראד, גינזבורג, האלפערין, הורוויץ, מינץ, פרידלאנד, קאצענעלענבויגען, רוקח און אנדערע, ווי אויך א רייה צוואות און מצבות-אויפשריפטען. אייזענשטאט איז געשטארבען אין יאהר 1839.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל"; יודיש-דייטשע ענציקלאפעדיע.

## אייזענשטאט מאיר (1670 — 1744). רב

און ראש ישיבה אין עסטרייך־אונגארן אין 18-טען יאהרהונדערט. רבי מאיר אייזענשטאט (אויך בעקאנט מיט'ן נאמען רבי מאיר א"ש) איז געבוירען געווארען וואהרשיינליך לערך דעם יאהר 1670; זיכער איז די דאזיגע דאטע נישט (זעה גרינוואלד, אין „היהודים באונגריא"); זיין פאטער האט געהייסען רבי יצחק און איז געווען דאס אייניקעל פון דער שוועסטער פון רבי שבתי כהן, מחבר פון ש"ך. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער געוואוינט אין סאכאטשעוו (אין פוילען), וואו ער איז געווען דיין; שפעטער איז ער געווען רב אין שידלאווצי (פוילען) דערנאך איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב אין דער שטאדט אייזענשטאט אין עסטרייך-אונגארן. דאס איז געווען אין יאהר תע"ח (אין דער העברעאישער ענציקלאפעדיע „אוצר ישראל" זענען בטעות אנגעגעבען אנדערע פאקטען, אז ער איז פריהער געווען רב אין דייטשלאנד). אין יאהר תפ"ג האבען גנבים בעגנבעט די קאטוילישע קירכע אין א דארף נעבען אייזענשטאט און האבען אונטערגעווארפען די גניבה צום רב אין שטוב. רבי מאיר האט געמוזט פון דארט אנטלויפען. דער פראצעס געגען איהם האט געדויערט פיעל יאהרען. רבי מאיר האט דערוויל געוואוינט אין פראסטיץ. ענדליך האט די רעגירונג זיך איבערציינגט אין דער אונשולד פון רב און מען האט איהם ערלויבט צוריקצוקומען, און ער איז געשטארבען אין אייזענשטאט אין יאהר 1744. רבי מאיר אייזענשטאט איז געווען פון די וואס האבען פיעל מיטגעווירקט צו דער פערשפרייטונג פון לימוד התורה אין אונגארן. ער האט געפיהרט א גרויסע ישיבה און איינער פון זיינע תלמידים איז געווען דער גאון רבי יונתן אייבעשיץ, וועלכער האט איהם מספיד געווען. בעריהמט אין דער לומדישער וועלט איז זיין ספר „פנים מאירות", שאלות ותשובות און חידושים אויף דער גמרא (אמסטערדאם

(1716), ווי אויך זיין ספר „כתנות אור" אויף חומש (פירט 1766). צו רבי מאיר אייזענשטאַט פלעגט מען זיך ווענדען מיט שאלות פון די ווייטעסטע לענדער.

ביבליאָגראַפיע: גרינוואלד, „היהודים באינגריא" (תרנ"ג) „דעת קדושים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אייזענשטאַט משה אלט־יודישער שרייבער אין

אָנהויב פון 18-טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען א זוהן פון חיים קאַצענעל־בויגען. צוערשט האָט ער געוואוינט אין פּראָג, דערנאָך אין דער שטאָדט אייזענשטאַט, פון וואַנען ער איז פערטריבען געוואָרען צוזאַמען מיט אלע יודען אין יאָהר ת"ל (1670). עס ווערט אָנגעגעבען אז ער האָט איבערזעצט אויף יודיש דעם בעוואוסטען העברעאישען מוסר־ספר „אבן בוחן" פון רבי קלונימוס (זולצבאך תס"ה). צי ער איז געווען ווירקליך דער דאָזיגער איבערזעצער, איז שווער צו זאָגען, אָבוואָהל די ביבליאָגראַפען שטיינשניידער און פירסט האַלטען אזוי; באמת איז אויף דער דאָזיגער איבערזעצונג פאַרהאַן משה בן יצחק און דאַנעגען זיין פאָטער האָט געהייסען, ווי געזאָגט, „חיים". אין יאָהר תע"ב האָט ער ארויסגעגעבען אויף יודיש „חכמת המספר" צו לערנען אריטמעטיק (געדרוקט אין דיהרענפורט); ער זאָל אויך האָבען איבערזעצט די „מחברות" פון עמנואל הרומי אויף יודיש. פון איהם איז אויך פאַרהאַן א קינה אויף יודיש וועגען דער מגפה אין פּראָג יאָהר תע"ד.

ביבליאָגראַפיע: גרינוואַלד, היהודים באונגר'א" (סימן י"א), וואו עס ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען דעם מחבר פון יודישען „אבן בוחן"; רייזען, „לעקסיקאָן" (1914), וועלכער בעהויפּטעט, אַז דאָס זענען געווען צוויי פערזאָנען; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

## אייזענשטאַט משה אליעזר

העברעאישער שריפטשטעלער און כלל־טוער, געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1870 אין דער שטאָדט נעסוויעזש (פּוילען). ער האָט שטודירט אין בערלין יודישע וויסענשאַפטען און בעקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם. נאַכהער איז ער געווען ראַבינער אין פּעטערבורג, געשריבען אין העברעאישע, יודישע און רוסישע צייטשריפטען; אויף העברעאיש האָט ער געשריבען „מחיי בני ליטאַ" (1893) ווי אויך איבערזעצט כוואלסאָנס „ראשית מעשה הדפוס" (1897); זינט דעם יאָהר 1926 איז ער ראַבינער אין דער שיהל פון רוסישע יודען אין פּאַריז „אהל משה".

ביבליאָגראַפיע: יודיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע.

## אייזענשטאַט שמואל העברעאיש־יודישער

שריפטשטעלער, געבוירען אין יאָהר 1886 אין באָריסאָוו (רוסלאַנד), געענדיגט דעם יורידישען פאַקולטעט אין בערן, וואו ער האָט בעקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם. ער האָט געשריבען פיעל אַרטיקלען אין העברעאישע און יודישע צייטשריפטען און זאָגאָר זיך בעטייליגט אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. לעצטענס וואוינט ער אין ירושלים, וואו ער איז דאָצענט אין דער אַדוואָקאַטען־שולע פון דער רעגירונג; דאָרט רעדאַגירט ער זשורנאַל פאר יורי „המשפט" און האָט אויך ארויסגעגעבען אויף העברעאיש ווערק פון יורידישען אינהאַלט.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס רייזען, לעקסיקאָן (1926).

# אײזענשטײן יהודה דוד

בעקאַנטער רעדאַקטאָר און אַרויס־געבער פֿון דער בעקאַנטער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל". אייזענשטיין איז געבוירען געוואָרען אין מעזריטש (פּוילען) אין יאָהר 1855. ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ אין יאָהר 1872, און זיך בעזעצט אין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער אַרויסגעגעבען עטליכע קלענערע זאַכען אויף יודיש. אין די יאָהרען 1906 — 1913 האָט ער אַרויסגעגעבען אויף העברעאיש די יודאַאיקאַ־ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל" ביי דער מיטאַרבייט פֿון אַ רייהע געלערטע, אָבער אַ גרויסער טייל שטיכווערטער זענען דאָרט בעאַרבייט געוואָרען פֿון אייזענשטיינען, וועלכער האָט אויך רעדאַגירט די דאָזיגע ענציקלאָפּעדיע אין טראַדיציאָנעלען גייסט. נאָכהער האָט אייזענשטיין אַרויסגעגעבען אין העברעאיש נאָך אַ רייהע אַנדערע זאַמלונגען און נעמליך: „אוצר מדרשים" (1917); „אוצר פּירושים וציורים להגדה של פּסח" (1920); „אוצר מאמרי תנך" (1925); „אוצר מסעות" (1926); „אוצר ויכוחים" (1928). אין די אַלע זאַמלונגען האָט אייזענשטיין איבערגעדרוקט אַלטע, ווערטפֿולע העברעאישע ספרים, וואָס האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פֿאַר דער חכמת ישראל.

ביבליאָגראַפיע: חכמי ישראל באמריקא; יודישע ענציקלאָפּעדיעס; רייזען, „לעקסיקאָן" (1926).

# אײזעקס

אַ בעקאַנטע יודישע פֿאַמיליע אין ענגלאַנד, אַמעריקאַ און אויסטראַליען. זי האָט אַרויסגעגעבען וויכטיגע יודישע פּערזענליכקייטען, ווי רופֿוס אייזעקס (מיר שרייבען וועגען איהם ביים שטיך־וואָרט „רידינג"); הענרי אייזעקס, וועלכער איז געווען לאָרד מעיאָר אין לאָנדאָן אין יאָהר 1898; מאיר שמואל אייזעקס (1841—1904) בעריהמטער ריכטער און אַדוואָקאַט און יודישער כּלל־טוער אין ניו־יאָרק; נתנאל אייזעקס (1808 — 1840) בעקאַנטער ענגלישער רייזענדער אין אַפריקאַ; שמואל מאיר אייזעקס (1804 — 1878) בעריהמטער ראַבינער און שריפטשטעלער און כּלל־טוער אין אַמעריקאַ.

# אײזעקס אַברהם שמואל

(1851 — 1920). בעקאַנטער יודיש־ענגלישער שריפטשטעלער און געלעהרטער אין אַמעריקאַ. ער האָט רעדאַגירט די צייטשריפט „דהי דזשואיש מעסענדזשער", וואָס איז נאָכהער פֿעראייניגט געוואָרען מיט'ן „אַמעריקאַן היברו"; ער האָט אַרויסגעגעבען אויף ענגליש אַ בוך וועגען „רבי משה חיים לוצאטו", ער האָט אויך רעדאַגירט די סעמיטישע אַבטיילונג פֿון דער „ענציקלאָפּעדיאַ אַמעריקאַנאַ".

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע און יודיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע.

# אײזעקס אײזעק

איצטיגער גענעראַל־גאָווערנאָר פֿון אויסטראַליען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, אַז אַ יוד זאָל פֿאַרנעהמען דעם דאָזיגען העכסטען אַמט אין אויסטראַלישען דאָמיניום. סער אייזעק אייזעקס איז געבוירען געוואָרען ביי יודישע עלטערען אין יאָהר 1855 אין מעלבורן (אויסטראַליען); ער האָט שטודירט יורי און האָט פֿאַרנומען נאָכהער הויכע אַמטען, אַלס ריכטער און מיניסטער. אין יאָהר 1930 איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס גענעראַל־גאָווערנאָר פֿון אויסטראַליען.

ביבליאגראפיע: יודיש-דייטשע ענציקלאפעדיע.

## אייכעל יצחק (1758 — 1804).

ער איז געווען פון די ערשטע יודישע משכילים אין דייטשלאנד אין 18־טען יאהרהונדערט און ער האט פיעל מיטגעהאלפען צו פערשפרייטען השכלה צווישען יודען. אייכעל איז געבוירען געווארען, — לויט טייל מיינונגען אין קאפענהאגען און לויט אנדערע מיינונגען אין קעניגסבערג, — אין יאהר 1758. שוין אין זיינע יוגענדיאהרען האט ער זיך בעקענט מיט משה מענדעלסאן פון וועמען ער האט ערלערענט גרינדליך די העברעאישע שפראך. אויך האט אייכעל שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווערסיטעט פילאזאפיע ביי קאנט'ן. קאנט האט געהאט א גוטע מיינונג וועגען אייכעל'ס קענטניסען און ער האט פארגעלעגט, אז מען זאל אייכעל'ן בעשטימען אלס פראפעסאר פון העברעאיש אין דעם קעניגסבערגער אוניווערסיטעט, אבער די רעגירונג האט דעם פארשלאג אבגעווארפען מיט'ן מאטיוו, אז „עס איז אונמעגליך פאר א יודישען לעהרער נישט אריינצומישען אין זיינע פירושים צום העברעאיש די אויסטייטשונגען פון רבנים". אייכעל איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דעם העברעאישען השכלה-זשורנאל „המאסף" אין בערלין ווי אויך פון דער „חברה דורשי לשון עבר". אין דער בעקאנטער תנך־איבערזעצונג (תרגום אשכנזי) אויף דייטש פון מענדעלסאנען, האט אייכעל איבערזעצט דעם ספר „משלי" און ער האט אויך געשריבען צו איהם דעם העברעאישען „ביאור". בעקאנט איז אויך די ביאגראפיע וואס אייכעל האט געשריבען פון זיין רבי משה מענדעלסאן מיט דעם נאמען „תולדות הרמבמן" (בערלין 1789). ער האט אויך פערפאסט אויף דייטש די בראשור „איז לויט יודישע געזעצען ערלויבט צו בעגראבען די מתים צו מארגענס פון זייער טויט?" (בערלין 1797), ווייל די דאזיגע פראגע האט דעמאלס ארויסגערופען א שטורעם פון מחלוקה צווישען די משכילים און פרומע יודען. אייכעל האט אויך געשריבען א קאמעדיע אויף יודיש מיט'ן נאמען „רב העניך אודר וואש טוט מע דר מיט", וואס איז ארומגעגאנגען אין פערשידענע נוסחאות אין כתב יד און איז געדרוקט געווארען אין דייטשע בוכשטאבען אין בערלין 1864. אייכעל איז געשטארבען אין יאהר 1804.

ביבליאגראפיע: גרעץ, „געשיכטע" פין „כנסת ישראל"; לחובר „תולדות הספרות העברית החדשה" (תל-אביב 1928); רייזען, „פון מענדעלזאן צו מענדעלע"; רייזען, „לעקסיקאן" (1926); יודישע ענציקלאפעדיעס.

## אייכענבוים יעקב (1796—1861).

בעקאנטער יודישער מאטעמאטיקער און משכיל אין רוסלאנד. אייכענבוים איז געבוירען געווארען אין יאהר 1796 אין גאליציען, אין שטעדטעל קראסנאפאליע. ער האט חתונה געהאט אין זאמאשטש, וואס איז געווען א שטאדט פון משכילים; דארט האט ער אלס אויטאדידאקט (זעלבסטלערנער) ערלערענט מאטעמאטיק, העברעאיש און אויך זיך בעשעפטיגט מיט פילאזאפיע. נאכהער איז ער געווען פריוואט-לעהרער אין פערשידענע שטעדט: אין יאהר 1844 איז ער געווארען לייטער פון דער יודישער רעגירונגס־שולע אין קעשענעוו, און אין יאהר 1850 איז ער געווארען אויפזעהער איבער דעם ראבינער-סעמינאר אין זשיטאמיר, וואו ער איז געשטארבען אין יאהר 1861.

פון זײַנע װערק זענען געדרוקט: לידער „קול זמרה" (לײפּציג 1836); שאַך־שפּיל „הקרב" (לאָנדאָן 1839); „חכמת השיעורים" װעגן מאַטעמאַטיק (װאַרשאַ 1857).

ביבליאָגראַפיע: פון „כנסת ישראל"; „יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אײנהאָרן אהרן

בעקאַנטער יודישער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. ער איז געבוירען געװאָרען אין קײדאַן (ליטאַ) אין יאָהר 1884. ביז 17 יאָהר האָט ער געלערענט גמרא. נאָכהער איז ער אװעק קײן פּאַריז װאו ער האָט שטודירט ליטעראַטור. מיט זשורנאַליסטיק האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען אין יאָהר 1905. זינט 1912 װוינט ער אין װאַרשאַ, װאו ער איז אײנער פון די רעדאַקטאָרען פון דער טאָג־צײטונג „הײנט", שרײבט דאָרט לײט־אַרטיקלען, פעליטאָנען, טעאַטער־רעצענזיעס. אײנהאָרן איז אויך אַ מיטאַרבײטער פון דער ניו־יאָרקער צײטונג „מאָרגען־זשורנאַל" (מיט'ן פּסעװדאָנים „א. זעלצער"). אײנהאָרן האָט אויך געשריבען העברעאישע אַרטיקלען אין „הצפירה" (1932). ער האָט אויך איבערזעצט אויף יודיש אַנאַטאָל פראַנס'עס „געטער זענען דורשטיג" (װאַרשאַ 1918) און מאַליער'ס „קאַרגער" (װאַרשאַ 1921).

ביבליאָגראַפיע: רײזען, לעקסיקאָן (1926).

## אײנהאָרן איסר יוסף

(1871 — 1925). בעקאַנטער װיסענשאַפטס־מאַן. אײנהאָרן איז געבוירען געװאָרען אין יאָהר 1871 אין קײדאַן (קאָװנער ליטאַ). נאָכדעם װי ער האָט אין דער יוגענד געלערענט אין פאַרשידענע ישיבות, איז ער אין יאָהר 1891 אװעק קײן פּאַריז װאו ער האָט געלערענט װעלטליכע לימודים און שפּעטער האָט ער אויך געענדיגט אַלס אַגראָנאָם די שולע אין מאָנפּעליע. נאָכהער איז ער בעשטימט געװאָרען אַלס לעהרער פון נאַטור־װיסענשאַפטען אין דער אַגראָנאָמישער שולע „מקוה ישראל" אין ארץ־ישראל. זײענדיג אַ נאַציאָנאַלער יוד האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען מיט דער דעמאָלס־אַסימילאַטאָרישער לײטונג פון דער שולע; ער האָט איהר פערלאָזט און איז צוריקגעקומען קײן פראַנקרײך. און נאָכהער זיך בעזעצט אין װאַרשאַ, װאו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1925. אײנהאָרן האָט געשריבען אַ רײה װיכטיגע ביכער. זײן בוך „תורת עבודת האדמה" (אין יאָהר 1912) איז געװען אַ װיכטיג לעהר־בוך פון אַגראָנאָמיע אויף העברעאיש, ער האָט אויך איבערזעצט קאַרלײל'ס „גבורים ועבודת גבורים" און טען'ס „פילוסופיה של אמנות"; בײדע זענען ערשינען אין „שטיבעל"־פערלאַג. אין דער יודישער שפּראַך האָט ער אין „פאָלקס־אוניװערסיטעט" װאַרשאַ (1913) אַרויסגעגעבען אַ רײה ביכער איבער באָטאַניק, פיזיק, זאָאָלאָגיע, כעמיע אונטער דעם פּסעװדאָנים א. י. ראָגאַדין. א חוץ זײנע גרויסע קענטעניסען אין װעלטליכער װיסענשאַפט איז אײנהאָרן געװען אויך אַ גרויסער למדן.

ביבליאָגראַפיע: רײזען, לעקסיקאָן (1926); התקופה" (יאָהר 1927).

## אײנהאָרן דוד

(1809 — 1879). בעריהמטער רעפאָרם ראַבינער אין דײטשלאַנד, אונגאַרן און אַמעריקאַ אין 19־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבוירען געװאָרען אין יאָהר 1809 אין בײערן, און האָט געלערענט

תּלמוד ווי אויך וועלטליכע לימודים. ער האָט זיך דורכגעדרינגען מיט די אידעען צו רעפאָרמירען די יודישע רעליגיע. צוערשט איז ער געווען רעפאָרם־ראַבּינער אין א רייהע קלענערע דייטשע שטעט, נאָכהער אין בודאַפּעסט; אין יאָהר 1853 איז ער אוועק קיין אמעריקא, וואו ער איז געווען פון די ערשטע רעפאָרם־ראַבּינערס, צולעצט אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געשטאָרבּען אין יאָהר 1879.

איינהאָרן האָט גענומען א גרויסען אנטייל אין די בּעריהמטע רעפאָרם־קאָנפערענצען אין פראַנקפורט (1845) און בּרעסלוי (1846); ער האָט געהאַלטען, אז מען דאַרף אָבּשאַפען א רייהע מצוות פון דער יודישער רעליגיע, און דאַווענען זאָל מען נאָר אויף דער לאַנדעס־שפּראַך און נישט אין לשון־קודש. ער האָט געשריבּען א רייהע ווערק אין דייטש („פּרינציפּען דעס מאָזאַאיזמוס" לייפּציג 1854), ווי אויך ארויסגעגעבּען דעם דייטשען מאָנאַט־זשורנאַל „סיני". זיינע אייניקלעך זענען געווען די בּעריהמטע רעפאָרם־ראַבּינערס און געלעהרטע אין אמעריקא ד״ר עמיל הירש און ד״ר קויפמאַן־קאָהלער.

**בּיבּליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל".**

## אײנהאָרן דוד (געבּוירען אין יאָהר 1886), בּעקאַנטער

יודישער דיכטער. ער איז געבּוירען געוואָרען אין קאָרעליץ (ווייס־רוסלאַנד). זיין פאָטער איז געווען א מיליטער־דאָקטאָר, און נאָכהער ראַבּינער אין וואָלקאָווישק; זיין פאָטער האָט געגעבּען די קינדער א טראַדיציאָנעלע יודישע ערציהונג, און אויך איינהאָרן האָט געלערנט אין חדר. שוין אין זיינע יוגענד־יאָהרען איז איינהאָרן אריינגעצויגען געוואָרען אין דער יודישער ארבּייטער־בּעוועגונג, און האָט אָנגעהויבּען שרייבּען לידער אין „יודישען ארבּייטער" (ערשינען 1904), נאָכהער אין „וועג", דערנאָך אין א רייהע אנדערע יודישע זשורנאַלען און צייטונגען. אין יאָהר 1909, וואוינענדיג אין ווילנא, האָט ער אָנגעשריבּען א זאַמלונג לידער „שטילע געזאַנגען" (וואַרשא 1910). א צווייטע זאַמלונג פון זיינע לידער איז ערשינען 1912 („מיינע לידער"). אין יאָהר 1912 האָט איינהאָרן, נאָכ'ן אָבּזיצען אין תּפיסה א האַלבּ יאָהר צוליבּ זיינע סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, געמוזט פערלאָזען רוסלאַנד און זיך בּעזעצט אין דער שווייץ, פון וואַנען ער האָט ווייטער פערעפענטליכט א רייהע ליטעראַרישע שאַפונגען אין פערשידענע יודישע זשורנאַלען אין פּוילען און אמעריקא. אין יאָהר 1915, ווען פּוילען איז פערנומען געוואָרען דורך דעם דייטשען מיליטער, איז איינהאָרן צוריקגעקומען קיין וואַרשא, וואו ער האָט געאַרבּייט אין דער בּונדישער צייטונג „לעבּענס־פראַגען" (פעליעטאָנען און לידער). אין יאָהר 1920 האָט ער זיך בּעזעצט אין בּערלין און אין יאָהר 1928 אין פּאַריז, פון וואַנען ער שרייבּט קאָרעספּאָנדענציעס און לידער אין אמעריקאַנער „פאָרווערטס". אין די נאָך־מלחמה־יאָהרען האָט איינהאָרן אויך געשריבּען א ראָמאַן און געמאַכט פּרובּען פון איבּערדיכטען טייל ספרים פון תּנך און ספּעציעל תּהלים. איינהאָרן געהערט צו די בּעגאַבּטעסטע יודישע דיכטער.

**בּיבּליאָגראַפיע: אָבּהאַנדלונגען וועגען איינהאָרן איז פאַראַן בּיי בּעל מחשבות אין זיינע „שריפטען", ניגער, „צוזאַמענפאַסט" (יאָהר 1921), ווי אויך בּיי רייזען „לעקסיקאָן" (1926) וואו עס איז פאַראַן אָנגעגעבּען מעהרערע בּיבּליאָגראַפישע אָנווייזונגען.**

**איינשטיין אַלבערט** (געבוירען אין יאָהר 1879).

דאָס איז דער בעריהמטער וועלט-געלעהרטער פיזיקער, וועלכער האָט מיט זיינע נייע טעאָריעס אין דער פיזיק און אַסטראָ-פיזיק ארויסגערופען א איבערקעהרעניש אין דער וויסענשאַפט. איינשטיין איז געבוירען געוואָרען דעם 14-טען מערץ יאָהר 1879 אין דייטשלאַנד, אין דער שטאָדט אולם. זיינע עלטערען זענען געווען מיטעל-פערמעגליכע יודען. איינשטיין האָט בעקומען א נאָרמאַלע ערציהונג צוערשט אין דער פאָלקס-שולע און נאָכהער, ווען זיינע עלטערען האָבען זיך בעזעצט אין מינכען, האָט ער אָנגעהויבען געהן אין דער לואיטאָפאָלד-גימנאַזיע. אין רעליגיעזער הינזיכט האָט איינשטיין בעקומען דעם דאָפּעלטען אונטערריכט; אין דער היים האָט מען מיט איהם געלערענט די יודישע רעליגיע און אין דער שולע איז געווען איינגעפיהרט צו הערען אויך די לעקציעס פון דער קאַטוילישער רעליגיע. ווי עס דערצעהלט מאָשקאָווסקי, איינשטיינס פריינד, וועלכער האָט מיט איינשטיינען געפיהרט געשפּרעכען וועגען זיינע יוגענד-יאָהרען (מאָשקאָווסקי׳ס בוך „איינשטיין" איז ערשינען אין דייטש, בערלין 1922), האָט איינשטיין סיי אין דער פאָלקס-שולע אין אולם, סיי אין דער פאָלקס-גימנאַזיע געהאַט צו ליידען פון זיינע קריסטליכע שולע-חברים צוליב זיין יודישקייט; מען פלעגט איהם נאָכשרייען „העפּ-העפּ!" און אויך געשלאָגען. איינשטיין האָט שוין אַלס יונגעל אָנגעהויבען ארויסווייזען גרויסע פעהיגקייטען אין די עקזאקטע וויסענשאַפטען פון מאַטעמאַטיק און פיזיק, און ווי ער דערצעהלט אליין האָט ער שוין אַלס 15-יעהריגער יונגעל אין גימנאַזיע אליין שטודירט פאר זיך די העכערע מאַטעמאַטיק און דערמיט ארויסגערופען די בעוואונדערונג פון זיינע לעהרער. נאָכדעם ווי זיינע עלטערען האָבען זיך געהאַט אוועקגעצויגען קיין איטאַליען איז איינשטיין אוועק אין דער שווייץ, וואו ער האָט געענדיגט אין יאָהר 1898 דעם פּאָליטעכניקום אין ציריך, און אָבוואָהל ער איז שוין געווען בעריהמט אין ענגערען קרייז אַלס גוטער פיזיקער און מאַטעמאַטיקער האָט ער (מאָשקאָווסקי שרייבט, אז מעגליך צוליב יודישקייט) נישט געקאָנט בעקומען קיין פּאָסטען אַלס דאָצענט אין פּאָליטעכניקום צי אוניווערסיטעט. אין א קורצער צייט שפּעטער האָט ער בעקומען דעם פּאָסטען אַלס עקספּערט אין פּאַטענטען-אַמט פון בערן, צו פּרובירען די נייע ערפינדונגען, אויף וועלכע פערשידענע ערפינדער האָבען געוואָלט ארויסנעהמען פּאַטענטען. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער סטודענטען פון סערביען, מיט וועלכער ער האָט זיך שפּעטער גע׳גט, און נאָכהער חתונה געהאַט מיט זיין קוזינקע עלזע איינשטיין.

ווי מאָשקאָווסקי שרייבט (וואהרשיינליך האָט איהם דאָס איינשטיין דערצעהלט), האָט איינשטיין שוין אַלס יונגער שילער פון גימנאַזיע זיך פּעראינטערעסירט מיט די ערשיינונגען פון אָפּטיק אויף בעוועגטע קערפּער, דאָס הייסט ווי אזוי עס האַלט די ליכט-שנעלקייט, ווען דער ליכט-שטראַהל ווערט ארויסגעשיקט אויף א קערפּער, וועלכער בעוועגט זיך, למשל אויף א צוג, וואָס לויפט מיט אַ געוויסער שנעלקייט, צי אויף דער ערד, וואָס, ווי בעוואוסט, בעוועגט זי זיך מיט אַ שנעליגקייט סיי ארום איהר אייגענער אקס אין פערלויף פון 24 שעה, סיי ארום

דער זון אין פערלויף פון א יאָהר. דאָס זענען די ערשיינונגען, וואָס האָבען שפעטער געדינט אלס יסוד צו איינשטיינס וועלט-בעריהמטער „רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע", וועלכע ער האָט פערעפענטליכט אין יאָהר 1905 („ספעציעלע רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע") און וועלכע ער האָט פערפאָלקאָמט אין יאָהר 1915 („אלגעמיינע רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע"). איינשטיין האָט אין זיין טעאָריע געגעבען א ענטפער אויף דעם פראָבלעם וואָס איז ערוועקט געוואָרען דורך דעם עקספערימענט פון יודיש-אמעריקאַנישען פיזיקער מיכעלסאָן, וועלכער האָט געמאָסטען די ליכט-שנעלקייט פון אַ ליכט-שטראַהל צווישען 2 פונקטען אויף א שטרעקע אויף דער ערד אין דער ריכטונג פון דער ערד-בעוועגונג, דאָס הייסט פון מערב קיין מזרח, און אויף דער זעלבער שטרעקע צווישען די זעלבע צוויי פונקטען, אָבער אין דער געגען-ריכטונג, דאָס הייסט פון מזרח קיין מערב. לויט דעם שכל הישר האָט אין דער ערשטער מעסטונג פון מערב קיין מזרח געדאַרפען דער ליכט-שטראַהל אָנקומען עטוואָס שפעטער ווי דער ליכט-שטראַהל פון מערב קיין מזרח, ווייל פון דער צייט ווען דער שטראַהל איז ארויסגעגאַנגען פון מערב-פונקט און איז אָנגעקומען צום מזרח-פונקט האָט זיך דאָך דער מזרח-פונקט א ריק-געטהון ווייטער און דער שטראַהל האָט דאָך געמוזט דורכלויפען נאָך א שטיקעל שטרעקע. אָבער דער עקספערימענט פון מיכעלסאָן האָט בעוויזען, אז דער ליכט-שטראַהל איז געגאַנגען פונקט די זעלבע צייט סיי פון מערב קיין מזרח סיי פון מזרח קיין מערב. איינשטיין איז דעריבער ארויסגעטרעטען מיט זיין טעאָריע, אז די „צייט" און „רוים" איז רעלאַטיוו, אָבהענגיג פון דער בעוועגונג פון מענש דעם בעאָבאַכטער; אויב דער מענש געפינט זיך אין אַ גרויסער בעוועגונג איז זיין צייט קלענער; דערביי איז די העכסטע שנעלקייט, וואָס איז פאַרהאַן אין דער נאַטור נישט מעהר ווי די שנעלקייט פון ליכט-שטראַהל, דאָס איז לערך 300 טויזענד קילאָמעטער אין אַ סעקונדע. פון זיין דאָזיגער טעאָריע זענען ארויסגעקומען א רייה אַנדערע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען, ווי למשל, אז די ליכט-שטראַהלען בייגען זיך אָב, ווען זיי געהן פערביי א גרעסערען הימעלס-קערפער (די זון וכדומה), ווי אויך אַנדערע אויסרעכנונגען אין לויף פון פלאַנעטען און שטערען און ספעציעל פון פלאַנעט מערקור.

ווי איינשטיינס טעאָריע איז ערשינען אין יאָהר 1905 האָט זי געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע וועלט-פיזיקער (פלאַנק, פואַנקאַרע און אַנדערע). איינשטיין האָט באַלד בעקומען איינלאַדונגען אַלס אוניווערסיטעטס-פראָפעסאָר פאר טעאָרעטישער פיזיק צוערשט אין ציריך, נאַכהער אין פראָג, און אין יאָהר 1914 אין בערלין. ווען מען האָט אין יאָהר 1919, ביי א ליקוי חמה, פעסטגעשטעלט, דורך ספעציעלע עקספעדיציעס פון געלעהרטע פאָרשער, אז איינשטיינס טעאָריע איז ריכטיג (זי האָט זיך בעשטעטיגט דורך פעסטשטעלען די ריכטיגקייט פון דער אָבנייגונג פון די ליכט-שטראַהלען געגען דער זון) איז איינשטיינס רוהם געוואָרען אונגעוועהנליך גרויס. ער איז אָנערקענט געוואָרען אלס דער גרעסטער וועלט-געלעהרטער, אין דער ראַנגע פון די גרעסטע ענטדעקער און דענקער אין דער מענשהייטס-געשיכטע, צוגלייך מיט קאָפערניק, ניוטאָן. איינשטיין איז איינ-

געלאַדענע געוואָרען אַלס מיטגליד פון כמעט אַלע וויסענשאַפטליכע וועלט-אַקאַדעמיעס אין ענגלאַנד, אַמעריקאַ, איטאַליען און אַנדערע לענדער. זיינע רייזעס אין די דאָזיגע לענדער זענען געוועזן טריאומף-צוגען פאַר איהם. אין יאָהר 1922 האָט איינשטיין בעקומען די „נאָבעל"-פּרעמיע פאַר פיזיק. פון דעמאָלס אָן האָט איינשטיין געשאַפען נאָך אַ רייה אַנדערע וויכטיגע טעאָריעס אין דער פיזיק און ספּעציעל אין דעם „אַטאָמען-בוי" און „קראַפט-פעלדער" (יאָהר 1928).

איינשטיין האָט זיך אַרויסגעוויזען נישט נאָר אַלס גרויסער לעהרער נאָר אויך אַלס גרויסער ליבהאָבער פון מענשען, אויפריכטיגער פריינד פון דער מענשהייט און אויך אַלס גוטער יוד. אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז איינשטיין אַרויסגעטרעטען געגען דער מלחמה, ערקלערענדיג איהר אַלס מאָרד. צוליב דעם האָט ער אַרויסגערופען געגען זיך די שנאה פון די דייטשע שאָוויניסטען. איינשטיין איז אויך פיעל מאָל אַרויסגעטרעטען פאַר סאָציאַלע ענדערונגען פון דער ווירטשאַפטליכער אָרדנונג, און ער געהערט אויך צו דער אָרגאַניזאַציע „רויטע הילף" צו העלפען פּאָליטישע אַרעסטירטע. אַלס יוד האָט איינשטיין אַרויסגעוויזען זיינע דייטליכע סימפּאַטיעס פאַר דעם ציוניזם און פאַר דעם אויפבוי פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל. ער איז אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און „יודישער אַגענץ" און איז אויך אויפגעטרעטען מיט רעדעס און אַרטיקלען פאַר דעם „קרן היסוד" און אַנדערע ציוניסטישע פינאַנץ-אינסטיטוציעס. איינשטיין איז אַ געוויסע צייט (ביז'ן יאָהר 1827) געווען פּרעזידענט פון אַקאַדעמישען ראַט פון העברעאישען אוניווערסיטעט אין ירושלים. איינשטיין איז אויך עהרען-פּאָרזיצער פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט (יוואָ").

נישט געקוקט אויף זיין גרויסען רוהם האָט איינשטיין אין די יאָהרען נאָך דער וועלט-מלחמה געליטען אין דייטשלאַנד אָנגריפען פון אַנטיסעמיטען צוליב זיין יודישקייט. עס זענען געווען פאַלען, ווען דייטשע אַנטיסעמיטען האָבען געדראָהט זיין לעבען. עס איז וואַהרשיינליך, אַז צוליב די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען געגען איהם פּערזענליך ווי אויך צוליב דער אַלגעמיינער יודענפיינדליכער העצע אין דייטשלאַנד דורך די פּאַרטיי פון היטלער, האָט איינשטיין אין יאָהר 1932 ענדגילטיג זיך ענטזאָגט פון זיין פּראָפעסאָר-אַמט אין בערלין און **בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין אַמעריקאַ.** וואו מען האָט פאַר איהם איינגעשטעלט אַ ספּעציעלען אוניווערסיטעט פאַר זיינע וויטערדיגע פאָרשונגען.

ביבליאָגראַפיע: וועגען איינשטיין און זיינע טעאָריעס זענען געשריבען געוואָרען פיל ביכער אין אַלע שפּראַכען; מאָשקאָווסקי אין זיין בוך „איינשטיין" (בערלין 1922) גייט וויכטיגע געשפּרעכען מיט איינשטיינען יועגען זיין לעבען; בראָקהויז „ענציקלאָפּעדיע".

**אייר** דער נאָמען פון צווייטען חודש אין יאָהר אין יודישען לוח, וואו דער ערשטער חודש איז ניסן. ווען מען רעכענט דעם חודש תשרי אַלס אָנהויב פון יאָהר איז „אייר" דער 8־טער חודש. דער חודש אייר האָט שטענדיג נאָר 29 טעג און פאַלט אויס לערך די 2-טע העלפט פון אַפּריל און די ערשטע העלפט פון מאַי. דער מזל פון חודש אייר איז „שור" אַ אָקס, און אין די אַלטע יודישע קאַלענדאַר-בילדער ווערט ער פאָר־

געשטעלט ווי אַ אָקס וואָס אַקערט. דעם נאָמען אייר האָבן יודען איבערגענומען (ווי איבערהויפּט אַלע מאָנאַטען־נעמען) אין גלות בבל. אין די צייטען פון ערשטען בית המקדש האָט דער חודש אייר געהייסען „זו״, און מיר געפינען אין מלכים א׳ „בחודש זו הוא החדש השני״; אין אנדערע ספרים פון תנך הייסט ער אין אלגעמיין „החדש השני״ (דער צווייטער חודש). אין דער אַלטער יודישער כראָניק „מגילת תענית״ (וואָס שטאַמט פון די צייטען פון דער משנה) זענען אָנגעוויזען אויף אַ רייה היסטאָרישע דאַטומס פון אייר. אין 7-טען אייר האָט מען פערפעסטיגט די מויערען פון ירושלים; דעם 23-טען אייר האָבען יודען אין ירושלים אין די ימי החשמונאים אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון; דאָס זעלבע איז אויך געווען דעם 27־טען אייר; די דאָזיגע טעג זענען דעמאָלס פערערכענט געוואָרען אַלס האַלבע ימים טובים, און מען האָט נישט געטאָרט פאַסטען אין זיי.

אַ געוויסע בעדייטונג האָט געהאַט אויך דער 14-טער טאָג אין אייר, פּסח שני, און אין די צייטען פון בית המקדש האָבען דעמאָלס מקריב געווען דעם קרבן פּסח די אַלע יודען וואָס האָבען אין ריכטיגען ערב פּסח (14־טען ניסן) נישט געקאָנט צוליב געוויסע סיבות מקריב זיין דעם קרבן פּסח. פּרטים וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „פּסח־שני״. — אַ גרויסע בעדייטונג האָט אויך דער 18־טער טאָג אייר, ווען עס איז „לג בעומר״, און מיר געבען וועגען דעם ביים שטיך־וואָרט „ל״ג־בעומר״. — אין אייר פאַלען אויס די ספירה־טעג און עס איז אַ געוויסער טרויער־חודש; מען מאַכט נישט קיין חתונות. און מען טאָר זיך נישט אָבשערען.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס

**אייראָפּאַ** דער וועלט־טייל, אין וועלכען עס וואוינט איצט די גרעסטע צאָהל יודען פון דער וועלט. אייראָפּא האַלט לערך 10 מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער און צעהלט אַ בעפעלקערונג פון לערך פינף הונדערט מיליאָן. צווישען זיי געפינט זיך איבער 10 מיליאָן יודען, די גרעסטע צאָהל יודען אין די אייראָפּעאישע לענדער געפינט זיך אין פּוילען, לערך 3 און האַלבען מיליאָן.

וועגען דעם, ווען יודען זענען געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין אייראָפּא, זענען פאַרהאַן פערשידענע מיינונגען. עס איז פאַרהאַן זאָגאַר אַ סברא, אַז דער נאָמען „אייראָפּא״ שטאַמט פון העברעאישען „ערב״, דאָס הייסט „זון־אונטערגאַנג״. „מערב״, ווייל אייראָפּא ליגט צו מערב פון די סעמיטישע לענדער (צווישען זיי אויך ארץ־ישראל) און אַז דעם נאָמען האָט אייראָפּא בעקומען פון די פעניציער, וואָס האָבען מיט זייערע שיפען פאַר פיעל טויזענדער יאָהרען צוריק דערגרייכט קיין אייראָפּא. עס איז מעגליך, אַז שוין דעמאָלס זענען מיט די פעניצישע שיפען געקומען קיין אייראָפּא אויך יודען פון ארץ־ישראל. עס זענען אויך געווען מיינונגען, אַז דער פּסוק אין עובדיה „וגלות ירושלים אשר בספרד״ מיינט מען, אַז שוין אין די צייטען פון ערשטען בית המקדש האָבען זיך געפינען יודען אין שפּאַניען (דאָס זאָל זיין: ספרד). אָבער דאָס זענען נישט וואָהר־שיינליכע השערות. עס איז נאָר זיכער, אַז שוין אין דערמיט פון דער צייט פון 2-טען בית המקדש (לערך 200 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) האָבען זיך שוין געפינען אַ גרויסע צאָהל יודען אין אַ גאַנצער רייה אייראָ־

פּעאישע לענדער, ווי גריכענלאַנד, רוים, שפּאַניען און זאַגאר פראַנקרייך. די צאָהל יודען אין אייראָפּא האָט זיך פון דעמאָלס אָן כסדר פערגרעסערט, און ספּעציעל נאָכ'ן חורבן פון 2־טען בית המקדש (אין יאָהר 70) און נאָכ'ן חורבן פון ביתר, ווען א סך יודען זענען געננומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט דורכ'ן רוימישען מיליטער און זענען פערקויפט געוואָרען קיין אייראָפּא. אין שפּעטערן מיטעלאַלטער (פון 12־טען יאָהרהונדערט אָן) איז אייראָפּא איבערהויפּט געוואָרען דער גייסטיגער צענטער פון יודישען פאָלק (אין שפּאַניען, דייטשלאַנד, איטאַליען) און פון דעמאָלס אָן פערנעהמט אייראָפּא דעם גרעסטען אָרט אין דער געשיכטע פון יודישען פאָלק. אין דער נייערער צייט האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס אייראָפּעאישע יודענטום אממערסטען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פּוילען, אונגארן, רוסלאַנד, רומעניען און אנדערע. ערשט אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען און אָנהויב 20־טען יאָהרהונדערט איז דורך די עמיגראציע פון די אייראָפּעאישע יודען ענטשטאַנען דער צווייט־גרויסער יודישער צענטער אין אַמעריקא, וועלכער צעהלט איצט (יאָהר 1932) איבער 4 מיליאָן נפשות.

ווענען די יודען אין אייראָפּא וועלען מיר געבען ביי די שטיכווערטער פון די נעמען פון די פערשידענע אייראָפּעאישע לענדער ווי „רוסלאַנד", „פּוילען", „דייטשלאַנד", „פראַנקרייך", „איטאַליען", „אונגארן" און אזוי ווייטער.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע; „לעקסיקאָן"

**אֵיכָה** דער נאָמען פון ספר אין תנ"ך, וואָס ענטהאַלט די קלאַג־לידער אויפ'ן חורבן פון ירושלים און לאַנד יהודה אין דער צייט פון ערשטען חורבן. דער נאָמען „איכה" שטאַמט דערפון וואָס דאָס ערשטע קלאַג־ליעד אין דאָזיגען ספר הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „איכה" (ווי אזוי). דאָס ספר בעשטעהט פון 5 קאַפּיטלעך. דאָס ערשטע הויבט זיך אָן מיט „איכה ישבה", דאָס צווייטע מיט „איכה יעיב", דאָס דריטע מיט „אני הגבר" דאָס פערטע מיט „איכה יועם", און דאָס פינפטע מיט „זכור ה'". אין די ערשטע פיער קאַפּיטלעך זענען די פּסוקים איינגעאָרדענט לויט דעם סדר פון „אלף בית"; אין דריטען קאַפּיטעל איז דער „אלף־בית" דריי פאַכיג, דאָס הייסט צוערשט געהען דריי מאָל „אלף" דערנאָך דריי מאָל „בית" און אזוי כסדר. דאַגעגען דאָס לעצטע קאַפּיטעל איז נישט לויט דעם אלף בית, און איבערהויפּט איז דער סטיל פון לעצטען קאַפּיטעל אינגאַנצען אַנ'אַנדערער ווי אין די ערשטע קאַפּיטלעך. פון ספר „איכה" איז צו זעהן, אז דער מחבר האָט געשריבען זיינע קלאַג־לידער ווען ציון אָדער ירושלים איז געווען נישט אינגאַנצען חרוב, נאָר טיילווייז צעשטערט, וואָרום באַלד אין די ערשטע ווערטער קלאָגט ער דערויף וואָס די דאָזיגע שטאָדט, די „רבתי עם", וועלכע האָט געהאַט א סך בעפעלקערונג, איז „היתה למס", מוז איצט זיין אונטערטעניג צו אנדערע. דאַגעגען אין לעצטען קאַפּיטעל פון די ווערטער „על הר ציון ששמם" (אויף דעם ציון־בארג וואָס איז וויסט געוואָרען), איז צו זעהן, אז דאָס איז געשריבען געוואָרען שוין נאָכ'ן גאַנצען חורבן ירושלים.

ווער האט געשריבען דאס דאזיגע ספר? קיין זיכערען ענטפער קאן מען פון דער קוועלען־קריטישער זייט נישט געבען. די גמרא אין בבא בתרא ט״ו זאגט, אז ירמיה הנביא, וועלכער האט איבערגעלעבט דעם חורבן ירושלים, איז געווען דער פערפאסער פון „איכה״; דארט אין דער גמרא ווערט דאס ספר „איכה״ אנגערופען „קינות״ (קלאג־ליעדער). עס ווייזט אויס, אז די גמרא האט זיך געשטיצט אויף דער שטעלע אין „דברי הימים״ ב׳ קאפיטעל ל״ה אז ירמיהו האט געקלאגט אויף דעם טויט פון יאשיהו המלך (וועלכער איז געטויט געווארען א צייט פאר׳ן חורבן ירושלים) און די דאזיגע קלאגרייען „הנם כתובים על הקינות״ (זענען אויפגעשריבען אין די קינות). אין אונזער „איכה״ זענען די קלאג־ליעדער אויף יאשיהו המלך נישט פארהאן, סיידען מען וועט געפינען דערצו א רמז אין איכה ב׳ „וינאץ בזעם אפו מלך וכהן״. עס איז צו בעמערקען, אז אויך דער יודישער היסטאריקער פלאוויוס פון דער צייט פון צווייטען חורבן שרייבט אין זיין בוך אלטערטימער 18, אז „דאס פאלק האט געקלאגט אויף יאשיהו המלך, און ירמיה האט געשריבען אויף איהם א קינה, וואס געפינט זיך ביי אונז ביז היינטיגען טאג״. די מאדערנע ביבעל־קריטיק האלט אז „איכה״ בעשטעהט פון עטליכע טיילען וואס זענען געשריבען געווארען אין פערשידענע צייטען. גרעץ גלויבט, אז טייל קאפיטלעך זענען געשריבען געווארען דורך דעם תלמיד פון ירמיהו הנביא ברוך בן נריה. עס איז פארהאן א השערה (לעהר), אז יחזקאל הנביא האט פערפאסט דעם איכה. עס איז אויך דא א מיינונג, אז טייל קאפיטלעך זענען פערפאסט געווארען אין דער צייט פון 2־טען בית המקדש בעת די גזירות פון שמד פאר די חשמונאים.

דאס ספר „איכה״ אי איינע פון די שענסטע לירישסטע קלאג־ליעדער אין דער וועלט־ליטעראטור; דער דיכטער האט דא אויסגעגאסען זיין נשמה־וועה אויף דעם נאציאנאלען אומגליק פון פאלק און דריקט אוים זיין וועה אין די צארטעסטע טענער.

דאס ספר „איכה״ ווערט געזאגט ביי יודען אין דער נאכט פון תשעה באב, דאס איז א גאראלטער מנהג און ווערט שוין דערמאהנט אין דער גמרא (ירושלמי שבת פרק ט״ו, „היו יושבין ופושטין במגילת קינות״); אויך אין מסכת סופרים פרק י״ד ווערט זאגאר געזאגט, אז מען דארף זאגען ביים „איכה״ „על קריאת מגילה״.

צום ספר „איכה״ זענען פארהאן מדרשים און דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער „איכה רבתי״, וועגען וועלכען מיר וועלען שרייבען ביים שטיכווארט „מדרש״.

ביבליאגראפיע: גרעץ, „געשיכטע״; יודיש ענגלישע ענציקלאפעדיע.

**אילאָווי** בעקאנטע יודישע פאמיליע צוערשט אין בעהמען און דערנאך אין אמעריקא, און פון איהר זענען ארויסגעקומען גרויסע פערזענליכקייטען. די בעדייטענדסטע צווישען זיי זענען דער בעריהמטער רב אין אמעריקא בערנארד אילאָווי (געבוירען איז עסטרייך און געשטארבען 1871 אין אמעריקא). ער האט געפיהרט א העפטיגען קאמף געגען די רעפארם־ראביים און ער האט געהאלטען, אז מען דארף פסקענען נאר לויט׳ן שלחן ערוך. זיין זוהן העגרי אילאָווי, וועלכער איז גע-

ווען א בעריהמטער דאָקטאָר אין ניו־יאָרק אין ענדע פון 19־טן און אַנהויב 20טען יאָהרהונדערט.

**אַיָלוֹן** א שטאָדט אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון תנך, און ווערט דערמאָהנט אויך אין ספר יהושע י"אַ, אז זי האָט געהערט צום שבט דן. ווענען דעם „עמק אילון" (טאָל פון אילון) ווערט דערצעהלט דער בעריהמטער סיפּור, אז ווען יהושע האָט מלחמה געהאַלטען מיט די מלכים פון אמורי האָט ער געהייסען די זון זיך אָפּשטעלען און גבעון און די לבנה אין „עמק אילון". די דאָזיגע שטאָדט ווערט דערמאָהנט אין תנך אין א סך ערטער, און אין דברי הימים ב' י"א ווערט דערצעהלט, אז דאָרט איז געווען א יודישע פעסטונג. די דאָזיגע שטאָדט ווערט אויך דערמאָהנט אין די בעקאַנטע בריעף פון „טעל־על־אמאַרנא". לויט ראָבינסאָן ספּיר און אַנדערע איז עס דאָס היינטיגע דאָרף יאַלאָ נישט ווייט פון שאָסע פון תל־אַביב יין ירושלים. עס זענען פאַרהאַן אין תנך נאָך שטעדט אין ארץ־ישראל מיט'ן נאָמען „אילון".

ביבליאָגראַפיע: „הארץ" פון ספיר; „ארץ־ישראל ושכנותיה" פון הורוויץ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אילינאָאיס** שטאַט אין די פעראייניגטע שטאַטען פון צפון אמעריקאַ. אילינאָאיס האָט א בעפעלקערונג פון 6 מיליאָן און יודן געפינט זיך א האַלבער מיליאָן; דאָס ערשטע מאָל זענען יודען געקומען קיין אילינאָאיס אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט. די גרעסטע שטאָדט אין אילינאָאיס איז שיקאַגאָ, וואָס צעהלט היינט (אין יאָהר 1932) ביי אַ 300,000 יודען אויף א בעפעלקערונג פון 3 מיליאָן נפשות; אין יאָהר 1932 איז ערוועהלט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל א יוד אַלס גאָווערנאָר פון שטאַט אילינאָאיס ריכטער האָרנער; ווענען שיקאַגא שרייבען מיר בעזונדער ביים שטיכוואָרט „שיקאגא".

ביבליאָגראַפיע: דאָס „יער־בוך" פון די יודען אין אַמעריקאַ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אֵילַת** א פּאָרט־שטאָדט ביים רויטן ים; הייסט היינט „אקאבאַ". אילת איז אין די צייטען פון שלמה המלך (מלכים אַ' ט') געווען א יודישע פּאָרט־שטאָדט. עס וואוינען דאָרט היינט אראַבער, און זי איז היינט די גרענעץ צווישען די מאַנדאַט־טעריטאָריעס פון ארץ־ישראל און עבר הירדן. פאקטיש הערשט דאָרט ענגלאַנד, וועלכע בעטראכט עס פאר אַ וויכטיגען פונקט אין איהר הערשאפט און איינפלוס אין די אראַבישע לענדער. עס איז פאַרהאַן א פּראָיעקט צו פעראייניגען אילת מיט'ן ים המלח דורך א באַהן־ליניע כדי צו פיהרען דאָרט ארום די מינעראַל־פּראָדוקטען פון ים המלח.

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אימאָ שלום** דער נאָמען פון א פרוי וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא. זי איז געווען די פרוי פון תנא רבי אליעזר בן הורקנוס וועלכער האָט געלעבט אין ענדע פון 1־טען און אָנהויב פון 2־טען יאָהרהונדערט אין ארץ־ישראל. זי איז אויך געווען די שוועסטער פון נשיא רבן גמליאל דער 2־טער. אין דער גמרא שבת קט"ז ווערט דערצעהלט ווי אימא שלום צוזאַמען מיט איהר ברודער רבן גמליאל האָבען נאָכגעוויזען דעם שווינדעל פון אַ קריסט־

ליבען ריכטער; אין דער דאזיגער שטעלע ווערען דערמאהנט ווערטער פון עוואנגעליום. איהר מאן איז געשטארבען פריהער פון אימא שלום.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל“.

## אימבער נפתלי הירץ (1856 — 1909)

, בעריהמטער העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער, פערפאסער פון נאציאנאלען יודישען הימן „התקוה“. אימבער איז געבוירען געווארען אין זלאטשעוו (גאליציען) אין יאהר 1856. ער האט בעקומען אין זיין יוגענד א געוויסע וועלטליכע ערציהונג. שוין אלס יונגערמאן האט ער געהאט א נייגונג צו וואנדערען און ער האט געוואנדערט א געוויסע צייט איבער אונגארן און רומעניען; אין דעם אנהויב 80-ער יאהרען פון 19-טען יאהרהונדערט איז ער אוועק קיין ארץ ישראל, וואו ער האט געוואוינט 12 יאהר. דארט האט ער זיך בעפריינדעט מיט דעם גרויסען ענגלישען פאליטיקער און יודען-פריינד אליפאנט (וועגען איהם שרייבען מיר בעזונדער ביים שטיך־ווארט „אליפאנט“) וועלכער האט זיך ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק צו בעזעצען יודען אין ארץ-ישראל און דארט שאפען א יודישע מלוכה. אימבער איז געווארען זיין פריוואט-סעקרעטאר. אין ארץ־ישראל האט אימבער (אין יאהר 1884) פערפאסט זיין בעריהמט ליעד „התקוה“ ווי אויך די מעלאדיע דערצו, וואס איז געווארען דער נאציאנאלער הימן פון יודישען פאלק. ער האט דארט ארויסגעגעבען א ביכעל „ברקאי“ (יאהר 1886) מיט א רייהע העברעאישע לידער. צוליב געוויסע סיבות, וועלכע זענען נישט בעקאנט, האט אימבער פערלאזט ארץ־ישראל און געוואוינט א געוויסע צייט אין לאנדאן, דערנאך האט ער זיך בעזעצט אין ניו־יארק, וואו ער האט זיך בעשעפטיגט מיט האלטען עפענטליכע פארלעזונגען און אויך ארויסגעגעבען ביכער אויף ענגליש פון מיסטישען אינהאלט. אימבער איז אונטער דעם איינפלוס פון אליפאנט (וועלכער איז אויך געווען א מיסטיקער) געווארען גענייגט צום מיסטיציזם און ער האט געפרובט אין זיינע ענגלישע ביכער („דהי קי־נאאוט“ און אנדערע) פעראייניגען קבלה מיט מאדערנער פילאזאפיע. אימבער איז געשטארבען אין ניו־יארק אין יאהר 1909.

ביבליאגראפיע: צ־ראי, „לכ־יקון צ ונ״; יודיש-ענגלישע ענצקלאפעדיע; כתובים (העברעאישער וואכענזשורנאל) יאהר 1928.

## אימבער שמואל יעקב (געבוירען 1889)

, יודישער דיכטער און קריטיקער. ער איז א ברודערן זוהן פון אימבער דעם מחבר פון „התקוה“; ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1889 אין גאליציען, וואו ער האט געענדיגט דעם פילאזאפישען פאקולטעט אין לעמבערג. זיינע ערשטע לידער האט אימבער פערעפענטליכט אין יאהר 1905. אין יאהר 1909 האט ער ארויסגעגעבען זיין זאמלונג פון לידער „וואס איך זינג און זאג“. נאכהער האט ער ארויסגעגעבען „אסתרקע“, „היים לידער“, ווי אויך רעדאגירט זשורנאלען. אין דער לעצטער צייט שרייבט ער אויך אין דער טאגצייטונג „היינט“ אין ווארשא איבער דער געשיכטע פון דער השכלה אין גאליציען. אימבער האט בעקומען זיין דאקטאר־דיפלאם אין קראקא אין יאהר 1932.

ביבליאגראפיע: לעקסיקאן, רייזען (1926).

**אימיגראַציע** איבער יודישע אימי־גראַציע (איינוואנדערונג) אין פערשידענע לענדער וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „עמי־גראציע“.

**אין סוף** (אהן ענדע). דאָס איז אין קבלה די בעצייכענונג פאַר דעם העכסטען בעגריף פון דער געט־ליכקייט, וואָס פון איהם ערשט, פון „אין סוף“, האָבען אויסגעשטראַהלט די „עשר ספירות“ און דערפון ערשט די גשמיות וועלט. דער זהר אין פּרשת בא זאגט, אז דער „עילת העילות“ (די סיבה פון אלע סיבות) האָט געשאַפען די „עשר ספירות“, און ער (דער עילת העילות( איז די קוועלע פון אלעם און האָט נישט קיין ענדע און „בגין דין קרא לגרמיה אין סוף“ (דעריבער האָט ער זיך גערופען אין סוף). מיט דעם וואָרט אין סוף בעצייכענט מען אין העב־רעאישען אויך די אונענדליכקייט. ווע־גען דעם געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אונענדליכקייט“.

ביבליאָגראַפיע: „שומר אמונים“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אינדיען** לאַנד אין אזיען, וואָס ציהט זיך פון פּערסיען ביז כינא, און געפינט זיך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט, אבוואָהל עס האָט א אייגע־נע פערוואַלטונג. די צאָהל בעפעלקערונג אין אינדיען ווערט געשאַצט ביי 350 מיליאָן, צווישען זיי זענען פאַראַן ביי 25 טויזענד יודען.

צי ווערט דאָס לאַנד אינדיען דער־מאָהנט אין תנך? דערויף איז שווער צו געבען א קלאָרע תשובה. דער געלעהר־טער אפערט מיינט, אז דאָס לאַנד „אוֹ־פיר“ פון ספר מלכים מיינט מען אינ־דיען און דאָרט אהין זאָל שוין האָבען שלמה המלך געשיקט צו ברענגען גאָלד. דער פסוק אין מגלת אסתר, וואו עס ווערט געזאָגט, אז אחשורש האָט געקי־ניגט פון „הודו ביז כוש“ ווערט גע־וועהנליך אויסגעטייטשט, אז „הודו“ מיינט מען אינדיען; אין דער אלטער סאנסקריט־שפראך האָט אינדיען געהיי־סען „הענדו“. אין דער גמרא ווערט שוין דאָס לאַנד דערמאָהנט מיט דעם וואָרט „הנדוי“, און אין דער גמרא בבא בתרא ע"ד ווערט דערמאָהנט א אמורא „ר' יהודה הינדואה“, וועלכער דער־צעהלט א מעשה ווי ער איז געפאָהרען אויפ'ן ים אין א שיף און געזעהען וואונדערליכע זאכען. עס איז נישט זי־כער, צי דער דאָזיגער אמורא האָט גע־שטאַמט פון אינדיען, און דאָס וואָלט געווען א בעוויז, אז שוין דעמאָלס איז געווען אין אינדיען א יודישער ישוב, צי ער האָט געהייסען „הינדואה“ ווייל ער האָט געפלעגט פאָהרען קיין אינ־דיען. יעדענפאַלס איז זיכער, אז אין פריהען מיטעלאַלטער זענען שוין זיכער געווען יודען אין אינדיען. עס איז פאַר־האַן א לעגענדע, אז רבי אברהם אבן עזרא (אין 12־טען יאָהרהונדערט) האָט אויף זיינע וואַנדערונגען אויך בעזוכט אינדיען. רבי בנימין פון טאָלעדאָ אין זיין רייזע־בעשרייבונג דערמאָהנט די יו־דען אין אינדיען. אויך דער רמב"ם אין זיינע תשובות צו די חכמי לוניל שרייבט וועגען די יודען אין אינדיען אז „אינם יודעים התורה שבכתב ואין להם מן הדת אלא מה שהם שובתים ונימולים לשמונה“ (זיי וויסען נישט פון תנך, און עס איז זיי געבליבען פון דער רע־ליגיע נאָר דאָס וואָס זיי היטען שבת און זענען מל'ע זייערע קינדער צו 8 טעג).

אין דער נייערער צייט פון דער גע־

שיכטע האבען זיך אנגעהויבען בעזעצען אין אינדיען יודען פון אייראפא און פון די אראבישע לענדער ערשט אין ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט. אין יאהר 1860 האט בעזוכט די יודען אין אינדיען דער רייזענדער רבי יעקב ספיר און ער האט זיי בעשריבען אין זיין ספר „אבן ספיר".

די יודען אין אינדיען בעשטעהען פון צוויי טיילען: פון די דארטיגע יודען, וואס מען רופט „בני ישראל" (בענע איזראעל), שווארץ־הויטיגע, וואס וואוינען דארט זיכער ביי 1500 יאהר, און פון אייראפעאישע און אראבישע יודען, וואס זענען ערשט לעצטענס געקומען קיין אינדיען. וועגען די „בני ישראל", זייערע מנהגים, לעבענס־ארט וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט „בני ישראל". די אייראפעאישע און אראבישע יודען געפינען זיך אממערסטען אין די הויפט־שטעדט קאלקוטא, באמביי און ראנגאאן. צו די אנגעזעהענסטע יודען אין אינדיען געהערט די פאמיליע ששון (סאסאן) וואס שטאמט פון באגדאד. עס איז אויך צו בעמערקען, אז אין די יאהרען 1921 — 1926 האט איבער אינדיען געהערשט א יוד אלס ענגלישער וויצע־קעניג; דאס איז געוועזן מארקיז רידינג, וועגען וועלכען מיר שרייבען ביים שטיך־ווארט „רידינג".

ביבליאגראפיע: ספיר אין זיין „אבן ספיר"; גאלדשטיין אין זיין ארטיקעל איבער די „בני ישראל" אין זאמעל־בוך „רשומות" באנד 6; „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „הודו") יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**אינקוויזיציע** מיט דעם נאמען „אינקוויזיציאן" וואס איז דער טייטש אויף לאטיין „אויספארשונג" פערשטעהט מען יענע אינסטיטוציע פון דער קריסטליך־קאטוילישער רעליגיע, וואס האט אויסגעפארשט און געפיהרט פראצעסען געגען קריסטען, וועלכע האבען נישט אבגעהיטען ווי געהעריג די קאטוילישע רעליגיע אדער האבען ארויסגעזאגט געדאנקען, וואס זענען נישט געווען איינשטימיג מיט די מיינונגען פון דער קריסטליך־קאטוילישער רעליגיע. אין דער יודישער געשיכטע האט די אינקוויזיציע געשפילט א זעהר גרויסע און טרויעריגע ראליע דערמיט, וואס זי איז געפיהרט געווארען געגען די „אנוסים", דאס הייסט געגען יודען, וואס זענען געווען געצוואונגען אנצונעהמען נאר לפנים, פאר דער וועלט, די קריסטליכע רעליגיע, אבער אין ביי־היים האבען זיי זיך בעמיהט וויטער צו האלטען זייער יודישקייט. אויך איז די קריסטליכע אינקוויזיציע אויפגעטרעטען געגען יודישע ספרים, ספעציעל געגען דעם תלמוד, און זיי פערברענט מיט דעם מאטיוו, אז מען האט זיי אויסגעפארשט און דארט געפינען זאכען געגען דער קריסטליכער רעליגיע.

געגנוי אין וועלכען יאהר די אינקוויזיציע איז דאס ערשטע מאל געגרינדעט געווארען, איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען דורך די געלעהרטע היסטאריקער. עס איז פארהאן א מיינונג, אז שוין אין 5־טען יאהרהונדערט, ווען אין דער קריסטליכער רעליגיע זענען פארגעקומען פערשידענע חלוקי־דעות, איז געווארען איינגעפיהרט די אינקוויזיציע, כדי צו בעשטראפען די אנדערש־דענקענדיגע קריסטליכע גלחים, וואס האבען געוואגט נישט מסכים צו זיין מיט די אפיציעלע מיינונגען אין קריסטענטום. גאר שטארק איז געווארען די אינקוויזיציע אין 13־טען יאהרהונדערט אין דרום־טייל פון פראנקרייך, אין פראוואנס, וואו עס האט זיך בעוויזען די

אפיקורסישע סעקטע די „אלביגענזער“, וועלכע די אינקוויזיציע האט פערפאלגט און צעהנדליגער טויזענדער פון זיי גע־טויט. געגען יודישע אנוסים האט זיך אנגעהויבען די אינקוויזיציע אין 14־טען יאהרהונדערט און איז פערשטארקט גע־ווארען אין ענדע פון 15־טען יאהרהונ־דערט, ווען עס איז אין יאהר 1480, אפיציעל איינגעפיהרט געווארען די אינ־קוויזיציע אין שפאניען. דעמאלס הא־בען די יודען נאך געוואוינט אין שפאנ־יען, אבער עס האבען זיך שוין געפינען דעמאלס אין לאנד א סך אנוסים, וועל־כע מען האט געהאט געצוואונגען צו שמד בעת די פערשידענע שחיטות אויף יודען אנהויבענדיג פון דער גרויסער שחיטה אויף די שפאנישע יודען אין יאהר 1391. געגען די דאזיגע יודישע אנוסים, וואס א סך פון זיי האבען אב־געהיט די יודישע אמונה, מקיים געווען מצוות, איז די אינקוויזיציע ארויסגע־טרעטען מיט דער שרעקליכסטער גרוי־זאמקייט. פון זינט דעם יאהר 1492, ווען מען האט ארויסגעטריבען די יודען פון שפאניען, און עטוואס שפעטער אויך פון פארטוגאל, און א גרויסער טייל יו־דען האבען זיך געשמדט און געבליבען אין די דאזיגע לענדער אלס עפענטליכע קריסטען און געהיימע יודען, איז די אינקוויזיציע געווארען נאך שרעקליכער און גרויזאמער. עס זענען געווען פער־שידענע בעמיהונגען, סיי אין שפאניען און פארטוגאל זעלבסט, סיי אויך אין רוים ביים פויבסט, אבצושוואכען די אינקוויזיציע; די שתדלנים פון די אנוסים האבען אין זייערע בעמיהונגען אנגע־וויזען, אז די אנוסים זענען געצוואונ־גען געווארען צו ווערען קריסטען; טייל מאל האבען די פויבסטען מסכים געווען צו דער דאזיגער מיינונג און האבען בעפעהלען אבצושטעלען די אינקווי־זיציע־פראצעסען. אבער די מלכים פון שפאניען און פארטוגאל האבען די דא־זיגע בעפעהלען נישט געוואלט הערכען, ווייל לויט׳ן געזעץ איז דאס פערמעגען פון די פעראורטיילטע און דער אינקווי־זיציע קאנפיסקירט געווארען פאר דעם אוצר פון די מלכים, און דאס האט גע־האט פאר זיי א גרויסע פינאנציעלע בע־דייטונג.

צו די בעריהמטעסטע און גרויזאמס־טע אינקוויזיטארען האט געהערט טא־מאס טארקוועמאדא, וועלכע איז בע־שטימט געווארען אלס גרויס־אינקוויזי־טאר אין שפאניען אין יאהר 1483. דאס איז געווען א אונגעוועהנליך גרויזאמער מענש, וועלכער האט געמיינט, אז מיט טויטען וואס מעהר אנדערש-דענקענדע מענשען טהוט ער דערמיט א גוטע רע־ליגיעזע טהאט. טארקוועמאדא, וועמענס נאמען עס איז געבליבען אלס א שרעק־ווארט אין דער יודישער געשיכטע, האט ארויסגעגעבען א בוך א זאמלונג פון „אנווייזונגען“, דאס איז אזא האנדבוך פאר אינקוויזיטארען ווי אזוי מען דארף זיך אויפפיהרען מיט די אלע, וואס פא־לען אריין אין זייערע הענד אונטער דעם פערדאכט פון עובר זיין אויף די קריסטליכע רעליגיע. די דאזיגע „אנוויי־זונגען“ זענען אלע מאל פערמעהרט גע־ווארען. די ארעסטירטע אנוסים האט מען אריינגעווארפען אין פינסטערע קעה־לערען, וואו מען האט זיי אנגעטהון די גרויזאמסטע יסורים כדי זיי זאלען זיך מודה זיין אז זיי היטען אב אין געהיים יודישע מצוות, ספעציעל שבת און אנ־דערע דינים. די קערפערליכע יסורים, וואס מען האט זיי אנגעטהון זענען גע־ווען אויסגעקלערט מיט דער גאנצער טייוולאנישקייט און סאדיזם. מען האט

גענאָסען כסדר וואַסער אין מויל, געשטאָכען מיט אָנגעגליהטע שטיקער אייזען אונטער די נעגעל, געהאַנגען מיט'ן קאָפּ אַראָב. פיעל אנוסים האָבען איבערגעטראָגען די יסורים און נישט מודה געווען זיך. אַנדערע זענען געשטאָרבען ביי די פּייניגונגען; טייל אָבער האָבען זיך מודה געווען. דער עיקר האָבען די אינקוויזיטאָרען געוואָלט מיט דער פּייניגונג ארויסבעקומען די נעמען פון אַנדערע אנוסים. די אינקוויזיטאָרען האָבען געהאַט זייערע געהיימע אַגענטען, שפּיאָנען, אומעטום. זיי האָבען געצוואונגען קינדער ארויסצוטרעטען געגען זייערע עלטערען אַלס עדות און בעשולדיגער. געוועהנליך פלעגען די אינקוויזיטאָרען זיך בעמיהען דער עיקר, אז עס זאָלען צו זיי אריינפאַלען רייכע לייט אלס בעשולדיגטע ווייל דעמאָלס האָט מען אויך געקאָנט צונעהמען זייער פערמעגען. אין די ענד פון דער אינקוויזיציע פלעגען ווירקליך אריינפאַלען די אָנגעזעהענסטע אנוסים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, פאַרנעהמע פאַמיליעס, זאָגאר בישאָפען, וואָס האָבען געשטאַמט פון יודען, דיפּלאָמאַטען, גענעראַלען, פירשטען. טייל מאָל פלעגען די אנוסים זיך אין געהיים אָרגאַניזירען און איינאָרדענען אַנפאַלען אויף די אינקוויזיטאָרען. אָבער דאָס האָט נאָך מעהר פּערשטאַרקט די אכזריות געגען די אנוסים. דער גרויסער יודישער דיכטער פון 16־טען יאָהרהונדערט שמואל אושקי, וועלכער איז אליין ניצול געוואָרען פון דער אינקוויזיציע, שרייבט וועגען דער אינקוויזיציע, אז דאָס איז א ווילדע חיה מיט אייזערנע נעגעל, איהר אָטעם איז ווי דער גיפט פון א שלאַנג, און וואוהין זי קומט ווערט אלץ חרוב. נאָך ביז היינטיגען טאָג זענען ביי די אור־אור־אייניקלעך פון די אנוסים אין פּאָרטוגאַל אויפגעהאַלטען געוואָרען אויף פּאָרטוגעזיש תּפילות: ,,גאָט, העלף מיר איך זאָל נישט אריינפאַלען צו דער אינקוויזיציע!'' כאָטש די אינקוויזיציע איז שוין לאַנג פערשוואונדען.—די אינקוויזיציע פלעגט פעראורטיילען איהרע פערשולדיגטע אנוסים צו פערשידענע שטראָפען. אָבער אממערסטען האָט זי פעראורטיילט צום טויט דורך פערברענען אויף דעם אויטאָ־דאַ־פע. וועגען דעם ווי אזוי עס זענען איינגעאָרדענט געוואָרען די דאָזיגע טויט־עקזעקוציעס דורך פערברענען (מען פלעגט פערברענען צוזאַמען 100־ער מענשען לעבעדיגערהייט) געבען מיר ביים שטיך־וואָרט ,,אויטאָדאַפע''. בלויז איז די צייטען פון טאָרקוועמאַדא זענען פערברענט געוואָרען 8000 מענשען. מען דאַרף צוגעבען, אז די אינקוויזיציע איז געווען אויך געגען ריכטיגע קריסטען, וואָס זענען געוואָרען פּראָטעסטאַנטען. אָבער די הויפּט קרבנות פון דער אינקוויזיציע זענען געווען די געהיימע יודען, די אנוסים. ווי מיר האָבען שוין בעמערקט האָט די אינקוויזיציע אויך פערברענט א סך יודישע ספרים און ספּעציעל דעם תּלמוד. אויך אין אַנדערע לענדער האָט געהערשט די אינקוויזיציע (למשל אין איטאַליען); אָבער אין ערגיץ איז זי נישט געווען אזוי גרויזאַם ווי אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. עס זענען געווען טייל מאָדערנע אייראָפּעאישע קריסטליכע היסטאָריקער וואָס האָבען זיך בעמיהט אָביסעל ריין צו וואַשען די אינקוויזיציע פון די גרויזאַמקייטס־בעשולדיגונגען געגען איהר. אָבער עס איז בעוויזען געוואָרען, אז די אלע בעשולדיגונגען זענען ריכטיגע.

אויך וועגען דעם, ווען די אינקוויזיציע איז אָבגעשאַפט געוואָרען, איז

שווער צו זאָגען עטוואָס זיכערעס. עס איז נאָר זיכער, אז אין ענדע פון 17־טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין די לענדער זעלבסט אָנגעהויבען א גרויסע געגנערשאַפט געגען דער אינקוויזיציע. אין פּאָרטוגאַל איז זי אָבגעשוואכט געוואָרען אין יאָהר 1751, און אָפיציעל איז זי דאָרט אָבגעשאפט געוואָרען אין יאָהר 1820. אין שפאַניען איז זי אָבגעשאפט געוואָרען אין יאָהר 1780, אָבוואָהל עס איז פאַרהאַן בעווייזען, אז נאָך אין אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערטאיז אין שפּאַניען פּאָרגעקומען א אויטאָדאפע דורך די אינקוויזיציע. מען נעהמט אָן, אז דורך די צייט פון איהר עקזיסטענץ זענען דורך די אינקוויזיציע פערברענט אָדער פערפייניגט געוואָרען צום טויט אָדער אזוי געפייניגט געוואָרען, איבער אַ פערטעל מיליאָן מענשען, צווישען זיי דער גרעסטער טייל יודען־אַנוסים. וועגען די סימנים מיט וועלכע די אינקוויזיציע האָט זיך בעמיהט צו דערגעהן די יודישקייט פון די בעשולדיגטע, וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „אנוסים".

**ביבליאָגראַפיע:** וועגען דער אינקוויזיציע איז פיעל געשריבען געוואָרען; אַמווכטיגסטען" איז דאָס בוך פון לי „די אינקוויזיציע" (אין דייטשער איבערזעצונג); גרעץ אין זיין „געשיכטע" (העברעאישע איבערזעצונג פון שפר); יודישע ענציקלאָפּעדיעס; וועגען דער אינקוויזיציע זענען אויך געשריבען געוואָרען ערצעהלונגען, און בעקאַנט איז דער „עמק הארזים" פון אגילאַר (אין העברעאישער איבערזעצונג).

**אינקונאַבולען** מיט דעם דאָזיגען נאָמען בעצייכענט מען ביכער און ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרען פאַר דעם יאָהר 1500; לויט דער יודישער צייטרעכענונג איז עס פאַר דעם יאָהר ר"ס. עס איז פאַרהאַן א געוויסע צאָהל העברעאישע ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרען פאַר יענעם יאָהר, און זיי זענען בעקאַנט אַלס די „העברעאישע אינקונאַבולען". אין יענער צייט זענען געווען יודישע דרוקעריען אין איטאַליען אין פּיאווע די סאַקאַ (אויף העברעאיש האָט מען עס געשריבען „פּיביא דישקו"), רעדזשא, מאַנטוא, פעראַרא, רוים סאַנצינא (שונצינו) קאזעל־מאַיאָרע, באָלאָן, נעאפּאָל ברעשא, באַרקאַ; אין שפּאַניען זענען געווען דרוקען אין גוואדאלכארא, אישאַר און זאמאר; אין פּאָרטוגאַל: פּארו, ליסאַבאָן און לעאירִיאַ; מען גלויבט, אז די צאָהל העברעאישע אינקונאַבעלען וואָס געפינט זיך איצט ענטדעקט אויף דער וועלט, דערגרייכט ביז 180, כאָטש עס זענען זיכער פאַרהאַן נאָך נישט געפינענע אינקונאַבולען אויף העברעאיש.

דאָס ערשטע געדרוקטע העברעאישע ספר וואָס מיר בעזיצען איז דער פּירוש רשי אויף תורה געדרוקט דורך אברהם בן גרטון אין רעדזשא אין יאָהר רל"ה (1475); דאָס איז דורך טייל געלעהרטע נישט אָנערקענט געוואָרען, ווייל זיי האַלטען, אז איינער פון די ספרים די „ארבעה טורים" איז געדרוקט געוואָרען פריהער, אָבער עס איז בעוויזען געוואָרען, אז דער פּירוש רשי איז פריהער געדרוקט געוואָרען. אממערסטען זענען געדרוקט געוואָרען אינקונאַבעלען דורך דעם בעריהמטען יודישען דרוקער גרשון שונצינו (אין סאַנצינו אין איטאַליען), וועלכער האָט געדרוקט אויך די ערשטע גמרא ברכות מיט רשי און תוספות אין יאָהר רמ"ד (1484). פון די העברעאישע אינקונאַבעלען זענען פאַרהאַן געדרוקט פערשידענע רשימות. די לעצטע איז אין דער יודיש־דייטשער ענציקלאָפּעדיע. דער ערשטער וואָס האָט געשרי־

בען וועגען די העברעאישע אינקונאבעלען איז געווען דע ראסי אין זיין „העברעא טיפאגראפיקא" פון יאהר 1798; אין העברעאישען איז פאראהאן איבערזעצט כוואלסאנ'ס, „ראשית מעשה הדפוס בישראל" אויך וועגען אינקונאבולען.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל" שטיך ווארט „אינקוגבולא"; דאס דערמאהנטע בוך פון כוואלסאן; יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**איסור** אויף העברעאיש איז דאס ווארט „איסור" דער טייטש בינדען, און אין חומש במדבר ל' איז פאראהאן דער אויסדרוק אז איינער נעהמט אויף זיך עפעס צו טהון „לאסר אסר" (צו בינדען א בונד). אבער שפעטער אין די צייטען פון דער משנה און גמרא און נאכהער אין די אלע פוסקים ספרים איז מיט'ן ווארט „איסור" געמיינט א זאך וואס מען טאר נישט טהון, די עבירה זעלבסט, דער פערבאט פון דער זאך. אזוי זענען פאראהאן אין דער גמרא פערשידענע כללים, ווי „אין איסור חל על איסור" (איין פערבאט קאן נישט גילטיג זיין וואו עס איז פאראהאן א צווייטער פערבאט), און אנדערע. מיט'ן ווארט „איסור והיתר" האט מען אין די פוסקים ספרים פערשטאנען אלע דינים וואס האבען א שייכות צום פערבאט פון עסענווארג, וואס מען מעג עסען און וואס מען טאר נישט.

ביבליאגראפיע; וועגען „איסור" און „איסור והיתר" זענען פאראהאן די דינים אין יורה־דעה; אוצר ישראל", שטיך־ווארט „אסור".

**איסור גיורא** א גר, וואס האט געלעבט אין בבל אין די צייטען פון אמורא רבא (אין מיט פון 4־טען יאהרהונדערט), זיין זוהן איז געווען דער אמורא רב מרי בר רחל (בבא בתרא קמ"ט). דאס איז איינער פון די געצעהלטע יודישע גרים וואס זייערע נעמען ווערען דערמאהנט אין דער גמרא. אין עבודה זרה ע' ווערט געזאגט פון איהם א מיינונג ווי אזוי גויים טראכטען ביי זיך וועגען יודען. פון איהם האבען געשאמט די אמוראים מר זוטרא און רב אדא סבא (קידושין ס"ה).

ביבליאגראפיע: וועגען איסור גיורא איז פאראהאן אין די בעקאנטע תלמודישע לעקסיקאנען „יוחסין" און „סדר הדורות", ווי אויך אין די יודישע ענציקלאפעדיעס.

**איסיים** דאס איז דער נאמען, וואס איז אנגענומען געווארען היינט אין העברעאיש און אויך אין דער יודישער שפראך צו בעצייכענען די אלטע בעריהמטע סעקטע פון זעהר פרומע יודען אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש. דער ריכטיגער נאמען פון דער דאזיגער סעקטע איז נישט גענוי בעקאנט. די סעקטע ווערט דערמאהנט אין די ביכער פון יודישען פילאזאף פילאן און פלאוויוס, וואס האבען ביידע געלעבט צום סוף פון 2־טען בית המקדש. אין זייערע ביכער ווערען די איסיים אנגערופען אויף גריכיש „עסעאאי" און אויך „עסנאאי"; אויף לאטיין ביי פליניום הייסען זיי „עסעני". וועגען דער בעדייטונג און אבשטאמונג פון דאזיגען נאמען איז פיעל געשריבען געווארען. טייל גלויבען, אז דאס שטאמט פון אראמעאישען ווארט „אסיא" (דאקטאר), ווייל די איסיים פלעגען זיך אויך פערנעהמען מיט היילען קראנקע. אנדערע מיינען, אז דאס שטאמט פון ווארט „חסא", וואס איז אין דער אלט־סירישער שפראך דער טייטש פון חסיד. טייל ווילען געפינען אין דעם ווארט דאס העברעאישע „צנוע", און דערפון

זאל האבען געווארען אין גריכיש דאס ווארט „עסנאאי״; ווירקליך געפינען מיר אין דער גמרא דאס ווארט „צנועים״ צו בעצייכענען זעהר פרומע מענשען.

וואס איז געוועזן די לעהרע פון די איסיים? אויך דאס איז נישט גענוי בעקאנט, אבוואהל פילאן און דער עיקר פלאוויוס שרייבען יא און זאגאר אויספיהרליך וועגען דעם; אבער דאס וואס וואס זיי שרייבען איז נישט זיכער, ווייל די איסיים האבען געהאלטען זייערע לעהרען אין געהיים. פלאוויוס דערצעהלט אפילו (אין זיין אויטאביאגראפיע „וויטע״), אז ער איז געוועזן ביי זיי א קורצע צייט, אבער דאס איז געוועזן ווייניג, כדי זיך צו בעקענען גענוי מיט זייער לעהרע. אין אלגעמיין ווייסט מען, אז די איסיים האבען געפיהרט א זעהר פרום און הייליג לעבען. זיי האבען נישט געוואוינט אין די שטעדט און נישט פערנומען זיך מיט האנדעל, ווייל זיי האבען געהאלטען, אז דאס פיהרט צו שווינדעל און צו א נישט עהרליך לעבען; זיי האבען דעריבער געוואוינט נאר אין די דערפער, און ווי ווייט מעגליך האבען זיי איבערהויפט געוואוינט אבגעזונדערט פון די ארומיגע מענשען. אממערסטען אין די ווילדערע געגענדען פון טייך ירדן. זיי האבען בעארבייט די ערד און זיך פערנומען מיט מלאכה. געפיהרט האבען אלע איסיים איין בשותפותדיגע קאסע, א סארט קאמונעלעבען; יעדענס פערמעגען האט געהערט צו אלע מיטגלידער. וויפיל איינער האט פערדינט האט ער אריינגעטראגען אין דער אלגעמיינער קאסע פון דער סעקטע, און מיט דער קאסע האט אנגעפיהרט א ספעציעל ערוועהלטער פערוואלטער. אלע האבען געגעסען צוזאמען, געוואוינט צוזאמען, און צווישען זיי האט געהערשט א אויפריכטיגע פריינדשאפט איינער צום צווייטען. קיין קרבנות אין בית המקדש האבען זיי נישט געבראכט, ווייל זיי זענען געוועזן געגען טויטען לעבעדיגע בעשעפענישען; דאגעגען פלעגען זיי שיקען אין בית המקדש קטורת (שמעקעדיגע גראזען). זיי האבען אויך נישט געגעסען קיין פלייש און נישט געטרינקען קיין וויין. דער הויפטשטריך זייערער איז געוועזן, וואס זיי האבען נישט חתונה געהאט און נישט געפיהרט קיין פאמיליען־לעבען מיט קיין פרוי; אין זייער געזעלשאפט פלעגען זיי צונעהמען פרעמדע יונגע מענשען און זיי מחנך זיין אין זייער לעבען. שבת האבען זיי אבגעהיטען מיט דער אונגעוועהנליכסטער גענויאיגקייט, און א גאנצען טאג פלעגט זייער עלטסטער לערנען פאר זיי פון זייערע ספרים. זיי האבען זיך טובל געוועזן איז דערפריה און מתפלל געוועזן מיט דער זון־אויפגאנג.

וועגען זייערע לעהרען גיעט איבער פלאוויוס, אז די איסיים האבען געגלויבט, אז אלץ איז פון גאט, אז דער מענש האט נישט קיין פרייען ווילען און אלץ וואס ער טהוט און וואס געשעהט מיט איהם איז אזוי נגזר געווארען פון גאט. זיי האבען געגלויבט, אז נאכ׳ן טויט ווערט די נשמה בעפרייט פון קערער, ווי א פויגעל וואס פליהט ארויס פון שטייג. די איסיים האבען געלערענט ליעב צו האבען גאט, צו בעזיגען דעם יצר הרע און ליעב צו האבען מענשען, נישט צו זיין פאלש, נישט צו שווערען, נאר זאגען יא־יא, ניין־ניין, נישט אונטערצודריקען קיינעם; זיי האבען אויך נישט אנערקענט קיין קנעכטשאפט, ווייל זיי האבען געהאלטען, אז אלע מענשען זענען בעשאפען געווארען גלייך. א חוץ דעם האבען זיי געהאט זייערע געהיימע

ספרים, וואָס האָבען ענטהאַלטען לעהרען וועגען דער געטליכקייט (,,מעשה מרכ־בה" פון דער משנה) און אויך וועגען דער וועלט־שאפונג (מעשה בראשית). דאָס דאָזיגע איז געווען עפּיס אַ געהיי־מע פילאָזאָפיע, אָבער אין וואָס זי איז בעשטאַנען ווייסט מען נישט. פלאַוויוס וויל געפינען אַ עהנליכקייט צווישען זיי און דער אַלט־גריכישער שולע פון די פיטאַגאַרעער, אָבער דאָס איז נישט ריכ־טיג. די איסיים האָבען אויך געקענט רפואות דורך פערשידענע קרייטעכצער ווי אויך דורך אָבשפּרעכען מיט הייליגע שמות פון מלאכים. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג אַז דער ספר רפואות, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא פּסחים נ"ו זאָל זיך האָבען געפינען ביי זיי. טייל איסיים האָבען אויך געזאָגט נביאות ווע־גען געשעהענישען פון דער צוקונפט, און פלאַוויוס דערצעהלט, אַז די נביאות זענען מקוים געוואָרען. אין שפּיץ פון זייער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער פיהרער, און אַלע האָבען געמוזט איהם געהאָרכזאַם זיין. ווען איינער האָט גע־וואָלט אָנקומען אין זייער חברה האָט ער געמוזט צוערשט דורכגעהען אַ פּראָ־בע. דער נייַ אָנגעקומענער האָט בעקו־מען דריי זאַכען: אַ לאָפּאַטע צום גראָ־בען ערד, אַ פאַרטוך און אַ ווייסען קאַ־לאַט. די ערשטע פּראָבע האָט געדויערט אַ יאָהר. אויב ער האָט אויסגעהאַלטען האָט מען איהם געפּרובט נאָך צוויי יאָהר און דערנאָך טובל געווען און גע־נומען פון איהם אַ שבועה, אַז ער וועט נישט אויסזאָגען קיינעם די סודות פון דער געזעלשאַפט און ער איז געוואָרען אַ מיטגליד. די מיטגלידער האָבען לויט פלאַוויוס'ן זיך געטיילט אין 4 שטופען: 1) קינדער, 2) די דערוואַקסענע אין דער ערשטער פּראָבע־צייט, 3) דערוואַקסענע אין דער צווייטער פּראָבע־צייט, 4) די פולשטענדיגע מיטגלידער. אין זעהר גרוי־סער אַכטונג האָבען זיי געהאַלטען משה רבנו, און עס ווייזט אויס, אַז משה רבנו האָט געדינט פאַר זיי אַלס סימבאָל פון זייער לעבען. זייער צאָהל זאָל האָ־בען בעטראָפען אין דער צייט פון פי־לאָן (אין אָנהויב פון 1־טען יאָהרהונ־דערט) לערך 4000 מענשען; זיי האָבען געוואוינט אממערסטען אין ארץ־ישראל.

ווען די איסיים־סעקטע איז ענטשטאַנען איז נישט בעוואוסט. אויך וועגען דעם זע־נען פאַרהאַן פערשידענע השערות, טייל מיינען, אַז דאָס איז גאָר אַן'אַלטע סעק־טע, וואָס שטאַמט נאָך פון די צייטען פון 1־טען ביתהמקדש, מעגליך פון די בעריהמטע ,,בני רכב" וואָס ווערען דערמאָהנט אין ספר מלכים און ביי ירמיהו ל"ה אַז זיי האָבען געפיהרט אַ בעשיידען לעבען ווי אויך פון די ,,אביו־נים", וואָס האָבען געהאַלטען, אַז אַלע מענשען זענען גלייך (וועגען די ,,אב־יונים" שרייבען מיר אין בעזונדערען שטיך־וואָרט ,,אביונים"). לויט דער מיי־נונג פון געלעהרטען אייזיק הירש ווייס אין ,,דור דור ודורשיו" זענען די אי־סיים ענטשטאַנען באַלד אין אָנהויב פון צווייטען בית המקדש, פון זעהר פרומע יודען חסידים, און זייער אָבגעשיידענ־קייט פון דער וועלט און פרומקייט האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט אין די צייטען פון די חשמונאים (אין דער מיט פון 2טען בית המקדש) ווען עס איז געפיהרט געוואָרען דער קאַמף גע־גען די גזירת שמד אויף יודען. סיי־ווי, דאָס ערשטע מאָל ווערען דערמאָהנט די איסיים אין דער צייט פון חשמונאים־פירשט יונתן, און דערנאָך ווערען זיי שוין דערמאָהנט ביי פלאַוויוס'ן בסדר, דורך די גאַנצע צייט פון דער 2־טער

העלפט פון 2־טען בית המקדש, סיי אין זיין בוך „מלחמה“ סיי אין זיין „אַל־טערטימער“. פלאַוויוס דערצעהלט וועגען א איסי מיט׳ן נאָמען יהודה אין דער צייט פון אריסטובלוס (100 יאָהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג), וואָס האָט געזאָגט נביאות. פלאוויוס דער־מאָהנט אויך וועגען א איסי מיט׳ן נאַ־מען מנחם, וואָס האָט נביאות געזאָגט הורדוס׳ן, אז ער וועט ווערען א מלך (אלטערטימער בוך 15). ער ווערט דער־מאָהנט אין דער גמרא חגיגה ט״ז, אז ער איז געווען אין סנהדרין צוזאמען מיט הלל הזקן און ער איז דערנאָך אוועק. נאָכ׳ן חורבן פון 2־טען בית המקדש ווערען די איסיים ווייניגער דער־מאָהנט, און וואהרשיינליך באלד דער־נאָך זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען.

עס זענען פאַרהאַן צוויי זעהר שווערע הויפּט־פראַגען, וואָס זענען מיט די אי־סיים פערבינדען. די ערשטע פראגע איז, ווי אזוי איז געווען די בעציהונג פון די אָפיציעלע רעליגיעזע יודישע פיהרער, די חכמים פון דער משנה און גמרא צו די איסיים? די צווייטע פראגע איז, וואַ־סער שייכות האָט די ענטשטעהונג פון קריסטענטום מיט דער איסיים־סעקטע?

וועגען דער בעציהונג פון די חכמים אין דער משנה און גמרא צו די איסיים איז די מיינונג ביי די געלעהרטע היסטאָ־ריקער צעטיילט. טייל ווילען האָבען, אז די איסיים ווערען דערמאָהנט אין דער גמרא צום גוטען, און דאָס זאָלען זיין די „חסידים הראשונים“ אין דער משנה ברכות פרק ה׳, די „ותיקין“ (ברכות ט׳), די „טובלי שחרית“ (תוספתא ידים), ווי אויך די צנועים. אַנדערע און צווישען זיי ווייס האַלטען, אז די חכמי המשנה זענען געווען געגען די איסיים, אונ אז געגען זיי האָט מען דאָס מתקן געווען די תקנות פון טרינקען וויין ביים בענשען (ברכות נ״א), מען מעג מטלטל זיין כלים אין שבת (שבת קכ״ב), און די ווערטער אין דער גמרא יבמות ס״ב אז יעדער מענש מוז חתונה האָבען, ווי אויך די משנה אין סנהדרין פרק י׳ „הלוחש על המכה אין לו חלק לעולם הבא“ (אז דער וואָס שפּרעכט אָב א קראנקהייט וועט נישט האָבען קיין חלק לעולם הבא). עס איז נישט בעוואוסט, צי די שטעלע אין ירושלמי סוף ברכות, אז אין „ספר חסידים“ איז פאַרהאַן וועגן דער תורה „אם תעזבנה יום יומים תעזבך“ (אויב די וועסט איהר פערלאָ־זען איין טאָג וועט זי דיך פערלאָזען צוויי טעג), צי מיט דעם דאָזיגען „ספר חסידים האָט מען געמיינט איינעם פון די געהיימע ספרים פון די איסיים. ראַ־פּאָפּאָרט אין „ערך מילין“ (ערך „טובלי שחרית“) האַלט אויך, אז די חכמי התלמוד זענען געווען געגען די אלע צו־פרומע סעקטען,

וואָס אָנבעלאַנגט דעם קריסטענטום איז כמעט ווי זיכער, אז די ערשטע קריסטליכע לעהרען שטאַמען פון די איסיים. די אלע איבערמאָראליזירענדע שפּריכווערטער פון עוואַנגעליום וועגען דעם, אז איינער וועט דיר דערלאַנגען א פּאַטש אין איין באק, זאָלסטו אונ־טערשטעלען די צווייטע, וועגען די אָרי־מע און דערנידעריגטע, וואָס זיי געהערט דאָס קעניגרייך פון הימעל, שטאַמען זיכער פון די איסיים. דער יודישער היס־טאָריקער גרעץ געהט זאָגאר אזוי נוייט און ער זאָגט, אז ישו הנוצרי און זיין לעהרער, יוחנן המטבל זענען געווען איינ־פאַך איסיים (דערפון האָט געשטאַמט דאָס וואָס יוחנן האָט טובל געווען זיינע מענשען אין ירדן). גרעץ פיהרט אדורך א גרינדליכע אַנאַליזע פון די ערשטע

לעהרען פון עוואַנגעליום און די עהנ־ליכע לעהרען פון די „איסיים" און וויזט אָן אויף דער אָבהענגיגקייט צווישען זיי.

ביבליאָגראַפיע: בלאַיויס, „יודישע מלחמה"; גרעץ אין זיין „געשיכטע", בעזונדערס וויכטיג איז זיין **קאַפּיטעל** וועגען דער ענטשטעהונג פון **קריסטענטום**, געדריקט אין העברעאישען גרעץ **ערשט** צום סוף פון באַנד 9; ווייס, „דור דור ודורשיו" ערשטער טייל; ראַפּאַפּאָרט „ערך מלין" („טובלי שחרית") ווי אויך אין „תולדות" (קליר, בעמערקונג 20); שירער „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**איסלאַם** מיט'ן וואָרט „איסלאַם" ווערט באַצייכענט די מאַכ־מעדאַנישע רעליגיע, און בכלל דעם קבוץ מענשען, וואָס געהערען צו דער דאָזי־גער רעליגיע. וועגען איסלאַם און זיין בעציהונג צו יודען, ווי אויך וועגען דעם וואָס דער איסלאַם האָט גענומען פון יודענטום וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „מאַכמעד" און „מאַכמע־דאַנישע רעליגיע".

**איסערלין ישראל** (לערך 1390 — 1460). בע־ריהמטער רב און פוסק אין דייטשלאַנד און עסטרייך אין 15־טען יאָהרהונדערט. רבי ישראל בן פתחיה איסערלין (דעם נאָמען „איסערלין" האָט מען איהם גע־רופען לויט דער דייטשער אויסשפּראַך, און דאָס איז פערדרעהט פון „ישראל") איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1390 וואַהרשיינליך אין רעגענסבורג אין דייטשלאַנד; זיכער איז עס נישט. ער האָט אין זיין יוגענד געלערענט ביי זיינם א פעטער רבי אהרן אין ניישטאַט ביי וויען. אין יאָהר 1421 איז רבי ישראל'ס מוטער ווי אויך זיין פעטער רבי אהרן געטויט געוואָרען אויף קידוש השם, און רבי ישראל איז אַוועק קיין איטאַליען, נאָכהער האָט ער געוואוינט אין האַמבורג (אין שטייערמאַרק), דער־נאָך (אין יאָהר 1445) האָט ער זיך בע־זעצט אין ניישטאַט וואו ער האָט אָנגע־פיהרט מיט אַ גרויסער ישיבה. דאָרט איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1460.

דער הויפּט־ספר פון רבי ישראל אי־סערלין איז זיין בעריהמט שאלות ותשו־בות ספר „תרומת הדשן" (דאָס ענט־האַלט 354 תשובות וויפיל עס בעטרעפט דאָס וואָרט „דשן") און צום סוף זע־נען צוגעגעבען „פּסקים וכתבים". דער ספר איז געדרוקט געוואָרען צוערשט אין ווענעציע יאָהר 1519; א חוץ דעם האָט ער מחבר געווען די „ל"ב שערים" אויף איסור והיתר, און זיי געפינען זיך אין ספר „שערי דורא" (ווענעציע 1518) פון רבי יצחק דורא; ער האָט אויך מחבר געווען א פּירוש צו רשי אויף תורה (ווענעציע 1567).

דער איינפלוס פון רבי איסערלין אין דער רבנישער וועלט איז געווען זעהר גרויס. ער ווערט גערעכענט צו די אָנ־געזעהענסטע פוסקים. דער מהרש"ל שרייבט וועגען איהם אין זיין ים של שלמה גטין פ"ד אז „ומדבריו אל תסור כי היה גדול ומופלג" (פון זיינע ווער־טער זאָלסטו נישט אָבטרעטען ווייל ער איז געווען גרויס און געלערענט). דער מהר"ם מינץ שרייבט וועגען איהם „נשיא הנשיאים". ער אליין אָבער איז געווען ביי זיך אַ גרויסער עניו און ער האָט נישט געלאָזט זיך אויפרופען צו דער תורה מיט קיין שום טיטול. זיין ספר תרומת הדשן ענטהאַלט אונגע־וועהנליך פיעל ווערטפולע ידיעות וועגען יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין יענער צייט. דער היסטאָריקער גידעמאַן אין זיין „געשיכטע פון ערציהונגס־וועזען" (אויף העברעאיש „התורה והחיים"), אויך אין יודישער איבערזעצונג

פון שטיף) האט זיין לעצטען טייל גועגען יודישען לעבען אין דייטשלאנד געשטיצט זעהר פיעל אויף די ידיעות פון רבי ישראל איסערלינס ספרים. אין „תרומת הדשן״ זענען פארהאן פיעל ערטער אין דער יודישער שפראך. א סך יודישע אויסדרוקען. זיי זענען צונויפגעזאמעלט אין זשורנאל „יודישע פילאלאגיע״ (ווארשא 1924) דורך לונסקי. איסערלינס א תלמיד האט צונויפגעשטעלט א ספר „לקט יושר״, וואו ער ברענגט א סך מנהגים פון זיין רבי, דארט איז אויך פארהאן א בריעף, וואס איסערלינס פרוי שיינדעל האט געשריבען אויף יודיש (ער ווערט געבראכט ביי גידעמאנען אין דערמאהנטען „התורה והחיים״, אויך אין דער יודישער איבערזעצונג). איסערלין האט געהאט 4 זוהן; דער עלטסטער פון זיי, רבי פתחיה, איז געווארען רב אויף זיין פאטערס ארט. רבי ישראל איסערלין האט בעקומען א שוץ-בריעף פון דייטשען קייזער אלבערט (פראג יאהר 1438), אז ער פאלט נישט ארונטער אונטער דער בעשולדיגונג פון די וויענער יודישע איינוואוינער.

ביבליאגראפיע; זעהר פיעל ידיעות וועגען רבי ישראל איסערלין אז פארהאן אין „התורה והחיים״ פון גידעמאן אין לעצטען טייל; „דור דור ודורשיו״ פון וויים; גרעץ אין זיין „געשיכטע״; יודישע ענציקלאפעדיעס.

## איסערלש משה

(לערך 1520 — 1572), גרויסער פוסק און רב און מחבר אין פוילען אין 16־טען יאהרהונדערט, בעקאנט אין דער לומדישער וועלט מיט זיין פערקירצטען נאמען רמ״א (רבי משה איסערלס). דער רמ״א איז געבוירען געווארען אין קראקא לערך דעם יאהר 1520; זיין פאטער האט געהייסען רבי ישראל (דערפון שטאמט זיין צונאמען „איסערלס״, דאס הייסט ישראל׳ס), און איז געווען א רייכער מאן און א מנהיג פון דער קהלה (זיין זוהן שרייבט אויף איהם „הפרנס הנדיב״). געלערנט האט דער רמ״א אין לובלין אין דער ישיבה פון גאון רבי שלום שכנא, נאכהער האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון זיין דאזיגען רבי, און נאך דעם ווי זיין ערשט ווייב איז געשטארבען האט דער רמא חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון רבי יוסף כ״ץ (פאטער פון „שארית יוסף״). אין יאהר 1550 האט ער זיך בעזעצט אין קראקא און פערלעגט א ישיבה וועלכע האט געצויגען פיעל תלמידים. אין יאהר 1553 איז דער רמא געווארען רב אין קראקא ביז׳ן יאהר 1572, ווען ער איז געשטארבען (ל״ג בעומר יאהר של״ב). ער ליגט אין קראקא און אויף זיין מצבה, וואס ווערט געבראכט אין ספר „לוחות זכרון״ פון פרידבערג (פראנקפורט תרמ״ד), שטעהען אויפגעשריבען די ווערטער „ממשה ועד משה לא קם כמשה״ (דאס הייסט אז פון רמבם, רבי משה בן מיימון, ביז׳ן רמא, רבי משה איסערלס, איז נישט געווען ווי דער רמ״א).

דער רמא איז בעריהמט אין דער לומדישער וועלט קודם כל אלס פוסק דורך זיינע הגהות וואס ער האט צוגעגעבען צום שלחן ערוך פון רבי יוסף קארו, און די הגהות זענען געדרוקט צוזאמען מיט׳ן שלחן ערוך, וועלכע הייסען אויך „מפה״, א „טישטוך״ צום טיש (שלחן). דעם רמא׳ס אנזעהן אלס גאון איז אזוי גרויס, אז דארט וואו ער איז מחולק אין דין מיט׳ן שלחן ערוך בלייבט די הלכה ווי דער רמ״א; אזוי פסקענען אלע רבנים פון די אשכנזישע

יודען. א חוץ דעם האָט דער רמא אויך מחבר געווען זיין פירוש „דרכי משה" אויף די „ארבעה טורים", וועלכע ווערען געדרוקט מיט די „טורים" (דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע 1593 א קיצור, און נאַכהער אין זילצבאַך 1692 א פולשטענדיגער). פון רמא זענען אויך געבליבען „שאלות ותשובות" (געדרוקט קראקא 1642), וועלכע ענטהאלטען אויך פיעל ידיעות וועגען יודישען לעבען אין פוילען אין יענער צייט. בעזונדערס וויכטיג איז זיין ספר „תורת העולה" (פראָג 1570) מיט פילאָזאָפישען אינהאַלט. איבערהויפט איז צו פערצייכענען אז דער רמא איז געווען א אָנהענגער פון לערנען פילאָזאָפיע, אָבוואהל דער גרויסער רב אין יענער צייט, דער מהרש"ל, האָט איהם געמאַכט פאָרוואורפען דערפאר; דער רמ"א ברענגט זאָגאר דעם מאמר „אהב את אריסטו, אהב את אפלטון ואת האמת יותר מכולן" (האָב ליעב אריסטו און פלאטאָן, אָבער דעם אמת מעהר ווי אלע). פון רמ"א איז אויך פארהאן א ספר „איסור והיתר" אָדער „תורת חטאת" אויף הלכות. — אַלס פוסק האָט דער רמ"א שטאַרק געהאַלטען פון די אָנגענומענע „מנהגים" כאָטש דער דין איז געווען מיקל צו זיין, אָבער אויב דער מנהג איז געווען מחמיר צו זיין, האָט דער רמ"אַ מחמיר געווען. דעריבער געפינט מען אין רמ"א אין זיינע הגהות צום שלחן ערוך אָפט דעם „ונוהגין להחמיר". אָבער אין טייל רעליגיעזע פראגען האָט דער רמא אויך מוקל געווען. וועגען רמא זענען פארהאן פיעל לעגענדעס וועגען זיין צדקות און מופתים.

ביבליאָגראַפיע: דעמביצער, „כלילת יופי" חלק א' אין דער הקדמה, אַ גרינדליכע כאַראַקטעריסטיק פון רמ"א אַלס פוסק; „לוחות זכרון" פון פרידבערג; גרעץ, „געשיכטע"; צונץ, „עיר הצדק"; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**איקריטי שמריה** גרויסער יודישער פילאָזאָף און מפרש פון תנך אין 13טען יאָהרהונדערט אין איטאַליען און גריכענלאַנד, ער האָט געהייסען „איקריטי", ווייל ער האָט געוואוינט א געוויסע צייט אויפ'ן אינזעל קרעטא. ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1275; זיין פאָטער האָט געהייסען אליהו און איז געווען פרנס אין קרעטאַ. רבי שמריה איז געווען א גרויסער פילאָזאָף און דאָקטאָר ביים קעניג אין נעאַפאָל. ער האָט געשריבען פירושים אויף דעם חומש בראשית, איוב און שיר השירים. זיין אידעע איז געווען צו פעראייניגען צוריק די קאראימער מיט יודען. צו דעם ציעל איז ער געווען אין קאָנסטאַנטינאָפאָל, נאַכהער אין שפאַניען, וואו מען האָט איהם געהאַלטען פאר משיח. די רעגירונג האָט איהם דאָרט ארעסטירט און ער איז דאָרט געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1354.

ביבליאָגראַפיע: גידעמאַן, „התורה והחיים" צווייטע טייל; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אירגאַס יוסף** (1685 — 1730). בעריהמטער מקובל אין איטאַליען אין 18־טען יאָהרהונדערט. רבי יוסף אירגאַס איז געבוירען געוואָרען אין ליוואָרנא (איטאַליען) אין יאָהר 1685, אין זיין צייט איז פאָרגעקומען דער גרויסער קאַמף פון די רבנים געגען די געהיימע אָנהענגער פון שבתי צבי אַלס משיח. אירגאַס האָט גענומען א שטאַרקען אָנטייל אין דאָזיגען קאַמף. ער האָט מחבר געווען זיין „תוכחת מגילה" (יאָהר 1715) געגען דעם שבתי צביניק נחמיה חיון. זעהר וויכטיג איז

דאָס ספר פון אירגאַס „שומר אמונים", א ויכוח צווישען א פילאָזאָף און א מקובל. ער האָט אויך מחבר געווען אַנדערע קבלה־ספרים.

ביבליאָגראַפיע: „ביבליאָגראַפיא קאַבאַליסטיקא" פון שלום; גיראַנדי, „תולדות גדולי ישראל" גרעץ „געשיכטע" אין קאַפּיטעל וועגען קאַמף געגען חיון.

**אירייראָ אַברהם** גרויסער מקובל אין 17־טען יאָהרהונדערט. אירייראַ איז געווען פון די אנוסים אין שפּאַניען, און ער האָט פערנומען אין שפּאַניען דעם הויכען מיליטערישען אַמט אַלס גענעראַל פון דער פעסטונג קאַדיקס. ווען די פעסטונג איז איינגענומען געוואָרען דורך ענגלאַנד איז אירייראַ אוועק קיין אַמסטערדאַם און האָט זיך מגייר געווען און איז געוואָרען א יוד. אירייראַ האָט געלערענט קבלה ביי רבי ישראל סרוק, און ער, אירייראַ, האָט פעראייניגט די קבלה מיט דער נייפּלאַטאָנישער פילאָזאָפיע און אָנגעשריבען וועגען איהר צוויי ספרים אויף שפּאַניש „דער טויער פון הימעל" און „דאָס הויז פון גאָט"; דיביידע ספרים האָט ר' יצחק אבוהב דע פאָנסעקא איבערזעצט אויף העברעאיש „שער השמים" און „בית אלהים". עס איז פאַראַן א מיינונג אַז דורך די דאָזיגע ספרים האָט שפּינאָזא געשעפּט די מיינונג פון קבלה וועגען עמאַנאַציע־פּאַנטעאיזם. אירייראַ איז געשטאָרבען אין אַמסטערדאַם אין יאָהר 1631.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אירלאַנד** א פרייע רעפּובליק וואָס וואָס איז אַ טייל פון דער גרויסבריטישער אימפּעריע, פעראייניגט מיט ענגלאַנד דורך די פערזאָן פון קעניג, ווערט רעגירט דורך א אייגענע רעגירונג מיט א פּאַרלאַמענט. יודען האָבען געוואוינט אין אירלאַנד שוין אין 11־טען יאָהרהונדערט; עס זענען פאַראַן וועגען דעם דאָקומענטען. ווען מען האָט אין יאָהר 1290 פערטריבען די יודען פון ענגלאַנד, האָט מען זיי פערטריבען אויך פון אירלאַנד. ערשט אין אָנהויב פון 17-טען יאָהרהונדערט האָבען יודען זיך אָנגעהויבען ווידער בעזעצען אין אירלאַנד. די ערשטע יודישע קהלה איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1728 אין דער אירלענדישער הויפּטשטאָדט דובלין. איצט געפינט זיך אין אירלאַנד לערך 10 טויזענד יודען; דער גרעסטער טייל פון זיי אין דובלין. זיי פערנעהמען זיך מיט האַנדעל און מלאכה. זיי האָבען אויך פיעל צדקה־געזעלשאַפטען און אינטערעסירען זיך מיט ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע און יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיעס.

**איש בשת** אין תנך ווערט דערצעהלט, אַז דער ערשטער יודישער מלך שאול האָט געהאַט א זוהן מיט'ן נאָמען איש בעל (דברי הימים א'ח'); צוליב דעם וואָס מען האָט נישט געוואָלט רופען איהם מיט'ן נאָמען פון אָבגאָט „בעל" ווערט ער אין ספר שמואל אָנגערופען „איש בשת". נאָכדעם ווי שאול איז אומגעקומען אין דער מלחמה געגען די פלשתים, האָט זיין מיליטער־פיהרער אבנר ערקלערט אַלס קעניג איש בשת'ן, אין דער צייט, ווען איבער חברון און יהודה איז געוואָרען קעניג דוד המלך. עס זענען פאָרגעקומען מלחמות צווישען זיי ביידע; ענדליך האָבען צוויי דינער פון איש בשת איהם ערמאָרדעט, אָבגעשניטען זיין קאָפּ און געבראַכט צו דוד המלך. אָבער דוד האָט זיי דערפאַר בעשטראָפט און זיי געלאָזט

טויטען (שמואל ב׳ ד׳). אין שמואל הייסט ער אויך „מפיבשת״. טייל היס־טאָריקער ווילען אין דעם זעהן דעם קאַמף וואָס האָט זיך געצויגען וועגן דער הערשאפט אין ארץ-ישראל צווישען די נאָרד־שבטים (בנימין, אפרים) און די זיד־שבטים (יהודה)

ביבליאָגראַפיע: „אוצר השמות״ פון ראָזענבערג; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אישתּוֹרי הַפַּרחי** בעריהמטער יודי־שער רייזענדער און ארץ־ישראל־פאָרשער אין דער ערשטער העלפט פון 14־טען יאָהרהונדערט. רבי אישתורי (דאָס איז געווען זיין נאָמען) הפרחי איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1285 אין שפּאַניען אין דער שטאָדט פלאָרענצא, וואָס איז דער טייטש „בלום״ און דערפון שטאַמט זיין צונאָמען „הפרחי״ („פרח״, אויף העברעאיש „בלום״). זיין פאָטער האָט געהייסען רבי משה. רבי אישתורי האָט געלערנט ביי פערשידענע רבנים אין פראַנקרייך, אין יאָהר 1312 האָט ער אָנגעהויבען זיין בעריהמטע רייזע קיין ארץ־ישראל דורך מצרים. באַלד ווי ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל האָט ער זיך פערנומען מיט׳ן פאָרשען דאָס לאַנד; ער האָט זיך בעזעצט אין דעם קליינעם ישוב „בית שאָן״ כדי צו זיין וויים פון ירושלים, וואו עס זענען דעמאָלס פאָרגעקומען גרויסע מחלוקת צוליב די ספרים פון רמב״ם. אין דעם קליינעם אָרט האָט ער געהאַט די מעגליכקייט רוהיג צו פער־נעהמען זיך מיט זיינע פאָרשונגען; ער האָט עטליכע יאָהר ארומגערייזט איבער ארץ־ישראל, בעזוכט די פערשידענע ערטער. דעמאָלס האָט ער פערפאַסט זיין ווערטפול ספר „כפתור ופרח״ וואָס ענטהאַלט וויכטיגע פאָרשונגען איבער ארץ־ישראל. איהם האָט מען צו פער־דאַנקען פיעל ידיעות וועגען צושטאַנד אין ארץ־ישראל אין מיטעלאַלטער. דער „כפתור ופרח״ איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע 1545—1548; דערנאָך איז עס איבערגעדרוקט געוואָרען דורך עדעלמאַן אין בערלין יאָהר 1852; דאָס דריטע מאָל האָט עס איבערגעדרוקט לונץ אין ירושלים 1898. ר׳ אישתורי הפרוחי האָט פער־פאַסט נאָך אַנדערע ספרים איבער מעדי־צין און בעמערקונגען צו גמרות. מען נעהמט אָן אז ער איז געשטאָרבען אין ארץ־ישראל לערך דעם יאָהר 1357.

ביבליאָגראַפיע: בערנשטיין, „בחזין הדורות״; עדעלמאַן אין דער הקדמה צום „כפחור ופרח״; לונץ אין לוח ארץ־ישראל פון יאָהר 1897.

**אַכַּד** אין חומש בראשית י׳ ווערט דערצעהלט וועגען נמרוד דעם מלך פון בבל, אז ער האָט געקיניגט אויך אויף „אכד״ אין לאַנד שנער. דער דאָ־זיגער נאָמען אכד, וואָס אין תנך גע־פינט מען איהם נאָר דאָס איינע מאָל, ווערט דערמאָהנט אָפט אין די קייל־שריפטען, וואָס מען האָט געפינען אין אשור און בבל. מען גלויבט אז אכד זאָל זיין די שטאָדט אגאַדע, וואָס איז געווען די רעזידענץ־שטאָדט פון מלך סרגון דעם ערשטען (לערך 2700 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג). איבערהויפּט ווייזט זיך ארויס, אז די אלטע אשור־קולטור איז בעשטאַנען פון 2 געמישטע פעלקער־קולטורען, פון סומערער און אַקאַדער (אכד); די סו־מערער זענען נישט געווען קיין סעמי־טען, דאגעגען דאָס אכד־פאָלק זענען יאָ געווען סעמיטען.

ביבליאָגראַפיע: דעליטש, „וואו איז געליגען דער גן־עדן״ (דייטש); יודישע ענצי־קלאָפּעדיעס.

**אַכזיב** אין תּנך ווערען דערמאָהנט צוויי שטעדט מיט'ן נאָמען אַכזיב. איינע ווערט דערמאָהנט אין יהושע י"ט. דאָס זאָל זיין די שטאָדט כּזיב וואָס ווערט דערמאָהנט אין גטין ז', וואָס האָט זיך געפינען ביי עכו, און איז געווען די גרעניץ פון ארץ־ישראל. היינט איז עס א קליין דאָרף מיט'ן נאָמען „אַז־זיב". עס איז פאַרהאַן א מיינונג אז פון דאָרט האָט געשטאַמט דער יודישער העלד בר כּוכבא און דעריבער האָט ער אויך געהייסען „בר כּוזיבא".— אַ צווייטער אַכזיב איז געווען אין דרום ארץ־ישראל און ווערט דערמאָהנט אין יהושע ט"ו; דאָס זאָל זיין דאָס אַראַבישע דאָרף „עין קעזבעה".

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל ושכנותיה"; ספיר, „הארץ"; גאָלדאָר, „אדמת קודש"

**אָכלה ואָכלה** דאָס איז דער נאָמען פון אַנ'אַלט מסורה־ספר וואָס האָט פערצייכענט פערשידענע אויסטערלישע ווערטער אין תּנך. דאָס ספר מוז שטאַמען פון די ערשטע צייטען פון די גאונים (אין 7־טען יאָהרהונדערט); דער מדקדק פון 10־טען יאָהרהונדערט רבּי יונה אבן דזשאנאַך (גנאח) בּרענגט איהם שוין. דער „אכלה ואכלה" ווערט אויך דערמאָהנט דורך רשי און רבּנו תּם. אין שפּעטען מיטעלאַלטער איז דאָס ספר וואַרשיינליך פערלוירען געגאַנגען. בּער גאָלדבּערג האָט עס געפונען ערשט אין 19־טען יאָהרהונדערט אין א בּיבּליאָטעק אין פּאַריז. ארויסגעגעבּען האָט עס זלמן פּרענסדאָרף (האַנאָווער 1864). מען האָט געפונען נאָך א כּתב יד דערפון אין האַלע, וואָס ענטהאַלט מעהר שטעלען. דער נאָמען שטאַמט דערפון וואָס די ערשטע מסורה הויבּט זיך אָן מיט „אכלה ואכלה".

ביבליאָגראַפיע: פרענסדאָרף'ס איינלייטונג צום „אכלה ואכלה"; „אוצר ישראל".

**אֵל** „גאָט" אויף העברעאיש; אין אראַבּישען איז עס „אַללאה". אין תּנך געפינען מיר „אל" אָבער אַמערסטען „אלהים". וועגען דעם בּעגריף פון „אלהים" אַלס גאָט, און אויך וועגען דער מאָדערנער בּיבּעלקריטישער אָנשויאונג איבּער די „אלהים"־קוועלען פון תּנך געבּען מיר ביים שטיך־וואָרט „אלהים".

**אַל** אין א סך יודישע פאַמיליען־נעמען פון מיטעלאַלטער טרעפען מיר ביים אָנהויב דאָס וואָרט „אַל", ווי „אלפסי", „אלבלג" און אַנ־ערע דאָס איז אַ אַראַביש וואָרט און האָט די זעלבּע בּעדייטונג וואָס אין דער העבּריעאישער שפּראַך די „הא הידיעה", און איז יודישען „דער" אָדער „די". אַזוי האָט דאָס וואָרט „אלפסי" די בּעדייטונג „דער אָבּשטאַמענדער פון דער שטאָדט פאס (פעץ)"; „אלשיך" האָט די בּעדייטונג וואָס „דער שייך". א סך פערזענליכקייטען וואָס זייערע פאַמיליען־נעמען הויבּען זיך אָן מיט „אל" געבּען מיר נישט ביי די שטיך־ווערטער פון די פאַמיליען־נעמען, נאָר ביי זייערע נעמען; למשל „יצחק אלפסי" (דער רי"ף) געבּען מיר ביים וואָרט „יצחק", נישט ביי „אלפסי"; טייל אָבּער געבּען מיר יאָ ביי די שטיך־ווערטער פון די פאַמיליען־נעמען.

**אַלאַטרנאָ** בּעקאַנטע יודישע פאַמיליע אין איטאַליען אין 16־טען יאָהרהונדערט און שפּעטער. אין דער שטאָדט ספּאָליטא האָבּען דעמאָלס גע־

וואוינט די 3 ברודער אַלאַטינא יחיאל, וויטאַל און משה וואָס זענען געווען בע־ריהמט אַלס גרויסע דאָקטוירים און פי־לאָזאָפען. בעריהמט איז אויך געווען עזריאל פתחיה אלאַטינו, א גרויסער דאָקטאָר און דענקער; ער האָט געפיהרט א ויכוח מיט דעם יעזואיט קאָראַציאָלאָ אין פעררארא כדי צו בעווייזען די אייביגע גילטיגקייט פון תורת משה; ער האָט אויך געשריבען הלכה־תשובות.

ביבליאָגראַפיע: גירונדי, „תולדות גדולי ישראל“; „אוצר ישראל“.

**אַלאַטריני** יודישע פאמיליע אין אי־טאַליען אין די צייטען פון 13־טען ביז'ן 17־טען יאָהרהונדערט. די בעקאַנטסטע פון זיי זענען אליהו בן יוסף אלאַטריני (געלעבט אין 12־טען יאָהרהונדערט), מחבר פון ספרים גע־בליבען אין כתב יד; יוחנן (אַנדזשעלא) אַלאַטריני, אין דער 2־טער העלפט פון 16־טען יאָהרהונדערט; ער האָט גע־שריבען דיכטערישע ווערק אין איטאַליע־ניש, און צווישען אנדערע האָט ער אי־בערגעזעצט רבנו בחיי'ס „ברכי נפשי“ אויף איטאַליעניש.

ביבליאָגראַפיע: גירונדי, „תולדות גדולי ישראל“.

**אַלאַשקאַר** יודישע פאמיליע פון שפאניען, זי שרייבט זיך אויך „אלאַשקר“, און „אַלשקר“, בעקאַנט זענען געווען רבי יהודה אלאש־קר, א גרויסער דאָקטאָר אין דער שפא־נישער שטאָדט סעווילאַ, און ער דער־צעהלט אז אין יאָהר קנ"א (1391) איי־דער עס איז פאָרגעקומען די גרויסע שחיטה אויף די שפאנישע יודען, איז זיין פערשטאָרבענער פאָטער געקומען צו איהם צו חלום און האָט איהם געהיי־סען אנטלויפען בעצייטענס פון שפאַניען; ער איז ווירקליך ענטלאָפען און איז אזוי אָרום ניצול געוואָרען. — רבי יוסף אלשקר, אויך פון 14־טען יאָהרהונדערט האָט זיך בעזעצט אין מאראָקא און האָט מחבר געווען א רייה ספרים, „עדות ביוסף“ אויפ'ן רמב"ם, „רפואות הנפש“ אויף עטיק. — אַמבעריהמטס־טען איז רבי משה אלשקר, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1466 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1542. ער איז געווען פון די ארויסגעטריבענע פון שפאניען (אין יאָהר 1492), און ער האָט געוואוינט צוערשט אין טוניס, נאַכהער אין גריכענלאַנד, און אויף דער עלטער אין ירושלים, וואו ער איז גע־שטאָרבען. ער האָט מחבר געווען שאלות ותשובות געדרוקט אין סאַביאָנעטא יאָהר 1553. ער האָט אויך מחבר געווען פיוטים, וואָס זייער אינהאַלט איז מעהר פון פילאָזאָפישען כאראקטער. ביי די ספרדים איז בעקאַנט זיין פיוט „אדון הכל“, וואָס איז אין א געוויסער מאָס ענליך צום „אדון עולם“ און מען זאָגט איהם אין טייל ספרדישע קהלות יעדען אין דער פריה. פון רבי משה אלשקר ווערען אויך דערצעהלט פערשי־דענע וואונדערליכע מעשיות

ביבליאָגראַפיע: לאַנדסהוט, „עמודי העבודה“: מיכאַעל, „אור החיים“; שם הגדולים פון אזו"א.

**אָלבאַני** די הויפטשטאָדט פון שטאַט ניו־יאָרק. שוין אין יאָהר 1661 האָט א יוד אשר לעווי דאָרט גע־קויפט ערד. די ערשטע יודישע קהלה איז געגרינדעט געוואָרען אין אלבאַני אין יאָהר 1838 דורך ביי'ערישע יידען מיט'ן נאָמען „בית־אל“ און זייער ערש־טער גייסטיגער פיהרער איז געווען דער רעפאָרם־ראַבינער יצחק מ. וויז. איז

אַלבאַני געפינט זיך אויף אַ אַלגעמיינער בעפעלקערונג פון 150 טויזענד איינוואוינער לערך 10 טויזענד יודען. דאָרט זענען פאַראַן פיעל יודישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. אין אַלבאַני איז איצט (אין יאָהר 1932) געוועהלט געוואָרען אַלס גאָווערנאָר פון שטאַאַט ניו־יאָרק דער יוד לעהמאַן.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

**אַלבאַניען** זעלבסטשטענדיג לאַנד, אַ קעניגרייך אויף דעם באַלקאַנישען האַלב־אינזעל ביים אַדריאַטישען ים. די איינוואוינער זענען אַממערסטען מאַכמעדאַנער, לערך 1 מיליאָן; די הויפּטשטאָדט איז דוראַצאַ. יודען זענען דאָרט פאַראַן ביי 300, אַממערסטען ספרדים. לעצטענס אין די יאָהרען 1929 און ווייטער איז דאָרט געווען אַמבאַסאַדאָר פון אַמעריקא דער יוד הערמאַן בערענשטיין פון ניו־יאָרק.

**אַלבו יוסף** (לערך 1380 — 1445), גרויסער יודישער פילאָזאָף, בעריהמט אַלס מחבר פון ספר „עקרים". וועגען לעבען פון רבי יוסף אַלבו איז זעהר ווייניג בעקאַנט. לויט פערשידענע כראָנאָלאָגישע פאַקטען ווערט אָנגענומען, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין שפּאַניען לערך דעם יאָהר 1380 (ק"מ), און ער איז, וואהרשיינליך, פון פאַך געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין. דער היסטאָריקער גרעץ זאָגט אַרויס אַ השערה אַז רבי יוסף אַלבו איז געווען שפּעטער אַ דרשן אין דער שטאָדט סאָריאַ; זיכער איז עס נישט. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז געווען אַ תּלמיד פון גרויסען פילאָזאָף רבי חסדאי קרשקש. עס איז אויך זיכער, אַז ווען עס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1413 אין טאָרטאָסאַ דער ויכוח צווישען יידישע רבנים און סתם פאַרשטעהער פון איין זייט און משומדים און גלחים פון דער צווייטער זייט וועגען דער יודישער און קריסטליכער רעליגיע, האָט רבי יוסף אַלבו זיך בעטייליגט אין דעם ויכוח אַלס יודישער דעלעגאַט. מעהר איז פון זיין לעבען גאַרנישט בעקאַנט. בעריהמט איז רבי יוסף אַלבו דורך זיין פילאָזאָפיש ספר „עקרים", וועלכעס ער האָט פערפאַסט (ווי דער „יוחסין" דערצעהלט) אין יאָהר קפ"ה (1425). דאָס ספר איז געוואָרען באַלד בעריהמט, און עס איז געוואָרען איינער פון די ערשטע ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרען אויף העברעאיש (אין שונצינו יאָהר רמ"ז), און אויך שפּעטער איז עס ערשינען פיעל מאָל.

רבי יוסף אַלבו טרעט אַרויס אין „עקרים" געגען רמבם, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט 13 עקרים אין דער יודישער אמונה, און רבי יוסף אַלבו, האַלט, אַז עס זענען פאַראַן נאָר דריי עקרים, דאָס זענען: 1) „מציאות השם", דאָס הייסט, אַז מען מוז גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט; 2) „תורה מן השמים", אַז גאָט האָט געגעבען די תורה פון הימעל; 3) „שכר ועונש", אַז פאַר גוטע מעשים וועט דער מענש ווערען בעלויהנט און פאַר שלעכטע מעשים בעשטראָפט. ווי גרעץ ווייזט נאָך האָט אַלבו דער ערשטער דורכגעפיהרט אין זיין ספר דעם געדאַנק אַז אויך לויט דער יודישער רעליגיע איז דער ציעל פון מענש די ערלייזונג פון זיין נשמה, און רבי יוסף אַלבו אונטערשיידט זיך פון די פריהערדיגע יודישע פילאָזאָפען (רמבם און אַנדערע) אויך דערמיט, וואָס וועהרענד זיי זענען געווען שטאַרקע אינטעלעקטואַליסטען און האָבען געהאַלטען,

אז דער עיקר ציעל פון מענש איז ווי־סען און ערקענטניס, שטרייבט אינטער אלבו מעהר די זיטליכע אויפפיהרונג פון מענש, זיינע מעשים טובים. דער „עקרים" בעשטעהט פון 4 מאמרים. אין ערשטען מאמר רעדט ער ארום די דרער־מאָהנטע דריי עקרים בכלל. אין דעם צווייטען מאמר ערקלערט ער פילאָזאָפיש דעם בעגריעף פון „מציאות השם" (עק־זיסטענץ פון גאָט), ברענגט די בעווייזען דערצו. אין 3־טען מאמר ערקלערט ער דעם עקר פון „תורה מן השמים" (אז גאָט האָט געגעבען די תורה פון הימעל). אין 4־טען מאמר בעהאַנדעלט ער דעם „עיקר" פון „שכר ועונש" (וועגען בעלויהנונג און שטראָף פאַר די מעשים פון מענש), און פיהרט דורך א פילאָזאָפישע אַבהאַנדלונג איבער דעם סתירה־פּראָבלעם פון „ידיעה ובחירה" (ווי אזוי איז מעגלך אז גאָט וויסט פאַראויס וואָס דער מענש וועט טהון, און גלייכצייטיג בעזיצט דער מענש די בחירה, די פרייהייט צו טהון וואָס ער וויל). דער עקרים איז געשריבען נישט מיט דער שווערער שפּראַך און סטיל פון די פעריהערדיגע פילאָזאָפען, נאָר אין אַ געוויסער מאָס פּאָפּולער און פער־שטענדליך פאַר געוועהנליכע לעזער. צו דעם „עיקרים" זענען געשריבען געוואָרען פירושים (אהל יעקב, עץ שתול); דער עקרים איז אויך איבערזעצט געוואָרען אויף דייטש דורך שלעזינגער (פראַנק־פורט 1844). ווען רבי יוסף אלבו איז געשטאָרבען איז נישט בעקאַנטף מען נעהמט נאָר אָן אז ער איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1445.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; שלעזינגער'ס איינלייטונג אין דייטש צו דער דערמאָהנטער דייטשער איבערזעצונג פון „עקרים"; גרעץ אין זיין „געשיכטע" (די בעמערקונגען וועגען אלבו'ס בעטייליגונג אין ויכוח); ווייס, „דור דור ודורשיו" באַנד 5; יודישע ענציקלאָפּעד'עס.

**אַלבַּלָג יצחק** פילאָזאָף און מפרש פון תנך. ער האָט גע־לעבט אין דער 2־טער העלפט פון 13־טען יאָהרהונדערט אין צפון שפּאַניען אָדער דרום פראַנקרייך. זיין הויפּט ספר האָט ער אַ נאָמען געגעבען „תקון הדעות", וואָס איז אייגענטליך א אי־בערזעצונג פון דעם אַראַבישען ווערק פון אלגאַזלי (פון דעם ספר זענען גע־דרוקט געוואָרען פראַגמענטען אין הע־בּרעאישען זשורנאַל „החלוץ" פון שור). אלבלג האָט ארויסגעזאָגט פרייע און דרייסטע מיינונגען, און קודם כל האָט ער געהאַלטען, — געגען דער מיינונג פון אלע רליגיעזע יודישע פילאָזאָפען ווי רב סעדיה, רמבם, — אז עס איז ריכטיג די שיטה פון אריסטאָטעלעס וועגען „קדמות העולם", דאָס הייסט, אז נישט גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, נאָר אז די וועלט עקזיסטירט פון איי־ביג אָן. ער האָט דעריבער ארויסגערו־פען געגען זיך די שנאה פון אלע יודישע רעליגיעזע דענקער אין יענע צייטען און טוואָס שפּעטער. דער אברבנאל רופט איהם אָן „רשע" און „אפיקורס". אלבלג האָט אויך געקענט די טעאָרעטי־שע קבלה און זיך בענוצט מיט איהרע פילאָזאָפישע מיינונגען.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, געשיכטע; ווייס, „דור דור ודורשיו"; יודישע ענציקלאָ־פּעדיעס.

**אַלבַּליאַ** בעקאַנטע יודישע פאַמיליע אין שפּאַניען אין 11־טען יאָהרהונדערט און שפּעטער. די פאַמיליע האָט געהאַלטען, אז זי שטאַמט פון די יודען וואָס זענען פערטריבען געוואָרען אין דער צייט פון חורבן 1־טען בית

המקדש, און אז איהר עלטער-עלטער־זיידע איז געווען ברוך בן נריה, דער תלמיד פון ירמיהו הנביא. — בעוואוסט איז געווען רבי ברוך אלבליא אין סעווילא אין דער ערשטער העלפט פון 12־טען יאהרהונדרט; ער איז געווען א תלמיד פון רבי יצחק אלפסי (רי״ף) און נאכהער האט ער אליין געפיהרט א ישיבה, — זיין פאטער רבי יצחק אלבליא (געשטארבען אין גרענאדא אין יאהר 1094), מחבר פון ספר „קופת הרוכלים" אויף גמרא. ער איז געווען נשיא איבער אלע יודען פון סעווילא־פירשטענטום.

ביבליאגראפיע: גרעץ, „געשיכטע"; יודיש־רוסישע ענצקלאפעדיע.

**אלבעק שלום** גרויסער יודישער פארשער. געבוירען אין פוילען און געשטארבען אין בערלין אין יאהר 1921; ער האט מחבר געווען דאס ספר „משפחות סופרים", ביאגראפיעס פון די תנאים און אמוראים אין משנה און גמרא; עס איז ערשינען דערפון א טייל פון אות אלף. ער האט אויך ארויסגעגעבען טיילען פון ספר „האשכול" פון ראבד דעם 2־טען און אנגעוויזען אויף די נישט ריכטיגקייטען אין דער פריהערדיגער אויסגאבע; אלבעק האט אויך ארויסגעגעבען א פראבעהעפט פון דער גמרא ברכות מיט א „פירוש מדעי". — זיין זוהן איז ד״ר העניך אלבעק (געבוירען 1890); ער האט ארויסגעגעבען אויף דייטש „אונטערזוכונגען איבער דער רעדאקציע פון דער משנה", ווי אויך מדרש „בראשית רבה" מיט בעמערקונגען, און אויך אנדערע ווערק.

ביבליאגראפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאן איבער ד״ר אלבעק.

**אלגזי** ספרדישע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען רבנים בעקאנטע אין דער לומדישער וועלט. דער בעריהמטעסטער פון זיי איז געווען רבי יום טוב אלגאזי פון ירושלים אין דער 2־טער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט. ער האט מחבר געווען א סך ספרים, שאלות ותשובות, אבער אם בעקאנטעסטען אין דער לומדישער וועלט איז זיין „הלכות יום טוב" אויף דעם רמבן צו דער גמרא בכורות. אין די ישיבות איז זיין דאזיגער ספר געווען זעהר פאפולער, און לערנען „בכורות מיט'ן רי״ט אלגאזי" האט זיך גערעכענט אלס צייכען פון גוטע פעהיגקייטען ביי א ישיבה־בחור. — משה יוסף אלגאזי (געבוירען 1764 און געשטארבען 1842 אין מצרים) איז געווען רב אין קאהיר און ער האט געהאלפען גרינדען יודישע שולען אין מצרים. — רבי שלמה אלגאזי (אין 17־טען יאהרהונדערט) איז געווען רב אין סמירנא און דערנאך אין ירושלים; ער האט פערפאסט הלכה־ און דרוש־ספרים. — שמואל אלגאזי פון קרעטא, א היסטאריקער אין 16־טען יאהרהונדערט.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל".

**אלגין מ. י.** (געבוירען 1878), פסעוודאנים פון סאציאליסטישען שריפטשטעלער און זשורנאליסט משה יוסף נאוואמיסקי. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1878 אין א דארף ביי קיעוו אין רוסלאנד. קינדווייז האט אלגין בעקומען א רעליגיעזע ערציהונג מיט א געוויסער מאס השכלה. שפעטער איז ער אריינגעטרעטען אין קיעווער אוניווערזיטעט אויף יורי. אין יאהר 1901 האט ער מיט נאך אנדערע סטודענטען אנגעהויבען זיין רעוואלוציאנערע טעטיגקייט, און איז שפעטער גע־

וואָרען מיטגליד פון דער יודישער סאָציאַליסטישער אַרבּייטער־אָרגאַניזאַציע „בּונד", וועלכע איז געווען נישט לעגאַל אין רוסלאַנד. ער האָט רעדאַגירט די נישט לעגאַלע בּונדישע צייטונג „אַרבּייטער־שטימע", ווי אויך מיטגעאַרבּייט אין דעם „וועקער"; ער איז עטליכע מאָל אַרעסטירט געוואָרען דורך די רוסישע רעגירונג, און אַרויסגעלאָזט געוואָרען פריי. אין יאָהר 1912 האָט ער אָבּגעדרוקט א זאַמלונג ערצעהלונגען „ווען דאָס לעבּען רופט". אין ערשטען יאָהר פון דער וועלט־מלחמה, 1914, איז ער אוועק קיין אַמעריקא פון ווין, וואו ער האָט זיך דעמאָלס געפינען, און ער איז אין אַמעריקא געוואָרען מיטאַרבּייטער פון דער טעגליכער סאָציאַליסטישער צייטונג „פאָרווערטס" און אויך אַרויסגעגעבּען א בּוך „וועגען פּאָעזיע און פּאָעטען". אין יאָהר 1920 האָט ער בּעזוכט רוסלאַנד, נאָכדעם ווי דאָרט איז שוין געווען די בּאָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. אין 1921 איז אַלגין צוריקגעקומען קיין אַמעריקא און ער מיט נאָך אַ גרופּע סאָציאַליסטישע טוער האָבּען פערלאָזט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקא און אָנגעהויבּען אַרויסגעבּען די טאָג־צייטונג „פרייהייט" (אַרויסטרעטענדיג פון „פאָרווערטס"). אַלגין איז איצט איינער פון די פיהרער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקאַ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבּען א רייה ווערק וועגען דער רוסישער ליטעראַטור, רוסישער רעוואָלוציע און אַנדערע.

בּיבּליאָגראַפיע: גענויע פערצייכענונג פון אַלגינס ווערק געפינט זיך אין רייזען'ס לעקסיקאָן (יאָהר 1926).

**אַלדבּי מאיר** יודישער רעליגיעזער פילאָזאָף אין דער 2-טער העלפט פון 14-טן יאָהרהונדערט אין שפּאַניען. זיין בּעריהמט ווערק איז דער „שבילי אמונה", וואָס ער האָט פערפאַסט אין יאָהר 1360. אין דעם ספר, וואָס איז איינגעטליך א צוזאַמענשטעל פון די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון רמבּם און רלב"ג, רעדט אַרום רבּי מאיר אלדבּי די פילאָזאָפישע פּראָבּלעמען פון דער עקזיסטענץ פון גאָט, ידיעה און בּחירה, די פראַגע פון קדמות העולם (צי די וועלט איז בּעשאַפען געוואָרען אָדער זי עקזיסטירט פון אייבּיגאָן), ווי אויך א רייה עטישע פּראָבּלעמען. דאָס ספר איז געווען זעהר פּאָפּולער אין מיטעלאַלטער און איז געדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין ריווא דטרינטו יאָהר 1559.

בּיבּליאָגראַפיע: וייס, „דור דורשיו"; גרעץ, „געשיכטע".

**אֶלְדָד הַדָּנִי** נאָמען פון אַ לעגענדאַרישען יודישען רייזענדער וואָס האָט געלעבּט אין 9-טען יאָהרהונדערט. ווי עס ווערט דערצעהלט אין די סיפּורים וועגען אלדד הדני האָט ער זיך בּעוויזען אין בּבל און דערנאָך אין עגיפּטען אין יאָהר 880, און ער האָט דערצעהלט פאַר די יודען, אַז ער איז א יוד פון שבט דן (דעריבּער הייסט ער „הדני"), און אַז זיין לאַנד געפינט זיך אין מזרח־אפריקאַ נישט ווייט פון רויטען ים, נעבּען אַבּעסיניען, און אַז דאָרט וואוינט נישט נאָר דער שבט דן נאָר אויך אַנדערע צוויי פון די „עשרת השבטים" נפתלי און גד און זיי האָבּען אַלע זייער יודישען מלך. דערבּיי האָט ער אויך דערצעהלט לעגענדעס ווי אַזוי ער האָט זיך אַריבּערגעקריגען קיין בּבל, פערשידענע פּאַסירונגען מיט שיפען און רויבּערס, וואָס דערמאָהנען עהנליכע לעגענדעס בּיי אַנדערע פעלקער אין מיטעלאַלטער. אלדד הדני האָט אויך אָנגע-

שריבען הלכות פון שחיטה און טריפות, און די הלכות הויבען זיך אן מיט די ווערטער „אמר רבנו יהושע מפי משה מפי הגבורה" (דאָס הייסט, „אונזער רבי יהושע בן נון האָט געזאָגט פון משה רבנו פון אויבערשטען"). נאָך א געוויסער צייט איז אלדד הדני פערשוואונדען געוואָרען.

די סיפורים וועגן אלדד הדני זענען געווען פערשפרייט זעהר פריה. דער ערשטער סיפור איז געווען געדרוקט אין מאַנטוא (פאַר דעם יאָהר 1480). אלדד הדני ווערט דערמאָהנט פון רבי חסדאי אבן שפרוט (אין 10־טען יאָהרהונ־דערט), און בעזונדערס אין דער בע־קאַנטער תשובה פון די אנשי קירואן צו רבי צמח גאון. דער סיפור וועגען אלדד הדני איז געווען פערשפרייט אין מיטעלאַלטער אויך ביי די קריסטען. וועגען אלדד הדני זענען פאַרהאַן פער־שידענע מיינונגען ביי די געלעהרטע היסטאָריקער. דער היסטאָריקער אברהם עפשטיין (אין זיין „מבוא" צום ספור פון אלדד הדני) האלט אז עפּיס איז פאַרהאַן אמת אין אלדד'ס מעשיות, און אז דאָס האָט א שייכות מיט די פאַלאַשען, די יודען וואָס האָבען אמאָל געהאַט א בעזונדערע מלוכה ביי אַבי־סיניען, נאָר די אַלע לעגענדאַרע העלדען־מעשיות זענען אויסגעקלערט. גרעץ און אַנדערע האַלטען, אז אלדד איז געווען אַ קאַראַאימישער מיסיאָנער און א שווינד־לער. דאָגעגען יעקב רייפמאַן האַלט, אז אזא אלדד הדני האָט גאָרנישט עקזיס־טירט, נאָר מען האָט שפּעטער געפעלשט אַזא סיפור; אויך די תשובה צו רב צמח גאון איז געפעלשט.

ביבליאָגראַפיע: עפשטיין אין זיין איינלייטונג צום ספר אלדד הדני; גרעץ, גע־שיכטע; פינסקער, „ליקוטי קדמוניות"; רייפמאַן אין „הבקר אור"; „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „אלדד הדני").

**אֶלְדָד וּמֵידָד** נעמען פון צוויי נבי־אים אין דער צייט פון משה רבנו; אין חומש במדבר י"א ווערט דערצעהלט וועגען זיי, אז זיי האָ־בען פסדר נביאות גזאָגט, און דעריבער האָט יהושע בן נון, דער תלמיד פון משה, זיי געוואָלט טויטען, אָבער משה רבנו האָט איהם אָבגעהאַלטען דערפון. אין דעם מדרש און תרגום ירושלמי ווערען געזאָגט וועגען זיי פערשידענע דרשות. די מאָדערנע ביבעל־קריטיק וויל זעהן אין דעם סיפור פון חומש א רמז צו א געוויסען אויפשטאַנד וואָס איז ענטשטאַנען ביי די יודען געגען משה רבנו און ספּעציעל געגען זיין נאָכפאָלגער יהושע, עהנליך צו דער מעשה פון קורח.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; די קאָמענטאַרען צום חומש במדבר.

**אֵלָה** דער פיערטער מלך פון די מל־כים וואָס האָבען געהערשט אין דער צייט פון 1־טען בית המקדש (751 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכ־נונג) איבער דעם מלכות ישראל (אפ־רים). אין מלכים א' ט"ז ווערט דער־צעהלט, אז ער האָט געקיניגט נאָך זיין פאָטער בעשא אין דער שטאָדט תרצה. אָבער זיין מיליטער־פיהרער זמרי האָט אויף איהם געמאַכט אַנ'אָנפאַל, און איהם געטויט און געוואָרען אַנשטאָט איהם מלך איבער ישראל. דער שריי־בער פון ספר מלכים בעמערקט דערצו, אז אויך אלה האָט געטהון שלעכטס אין די אויגען פון גאָט און האָט גע־מאַכט זינדיג די יודען.

**אלהים** דער נאָמען פון גאָט אין תנך. מיר געפינען אויך דעם דאָזיגן נאָמען אין דער פאָרם פון לשון יחיד ,,אל'' און ,,אלוה''. אין איוב י''א איז פאַרהאַן דער פסוק ,,החקר אלוה תמצא'' (צי ווילסטו דערגעהן די געטליכקייט?). אין תנך זענען פאַרהאַן נאָך אנדערע פערשידענע נעמען צו בעצייכענען גאָט; די מייסטען פערשפּרייטעטע פון זיי זענען ,,יהוה'' און ,,אלהים''. טיילמאָל טרעפט מען אין חומש צוזאַמען ,,יהוה אלהים''. אין דער יודישער רעליגיעזער אויפפאַסונג, ספּעציל אין דער קבלה איז שפּעטער פערשטאַנען געוואָרען אז ,,יהוה'' איז די מידה פון רחמים (רחמנות, ליטזעליגקייט) ביי דער געטליכקייט, דאַגעגען ,,אלהים'' איז דער מידת הדין (פון שטרענגער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט). אָבער די מאָדערנע ביבעל־קריטיק וויל האָבען, אז איי חומש זענען פאַרהאַן טעקסטען פון פערשידענע מחברים, וואָס איינער פון זיי האָט אָנגערופען גאָט ,,יהוה'', דער צווייטער ,,אלהים'' און ביים דריטען איז עס געווען געמישט ,,יהוה־אלהים''. די ביבעל־קריטיקער רופען אָן די דאָזיגע מחברים פון די תנך־קוועלען ,,יעהאָוויסט'' און ,,אלוהיסט''. געגנוירערס וועגען די דאָזיגע ביבעל־קריטישע מיינונגען וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט ,,תנך־קריטיק''. עס איז צו בעמערקען אז דער ,,בעל הטורים'' און אויך שפּעטערדיגע יודישע מחברים האָבען געפונען אז ,,אלהים'' בעטרעפט ,,הטבע''.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, ,,דעת אלהים; כהנא, ביאור מדעי צו בראשית; קאָמענטאַרען צו חומש.

**אלול** דער נאָמען פון 6־טען חודש אין יודישען קאַלענדאַר, רעכענענדיג ניסן אלס דעם 1־טען חודש; ווען מען רעכענט תשרי אלס דעם 1־טען חודש איז אלול דער 12־טער חודש. ער פאַלט אויס אָנגעפעהר אין די מאָנאַטען אויגוסט־סעפּטעמבער. אלול ווערט דערמאָהנט אין תנך, נחמיה ו': דעם דאָזיגן נאָמען האָבען די יודען איבערגענומען, — ווי אלע חדשים־נעמען, — פון בבל אין דער צייט פון גלות בבל. אלול האָט שטענדיג נאָר 29 טעג; זיין מזל איז ,,בתולה'', און אין די אלטע בילדער אין די יודישע אילוסטרירטע מחזורים ווערט ער פאָרגעשטעלט אין געשטאַלט פון א מיידל. — אלול ווערט פּעררעכענט אין קבלה און חסידות אַלס דער פאָרבּרייטונגסחודש פון תשובה טהון צו די ,,ימים נוראים'', און די קבלה־ספרים זאָגן אז ,,אלול'' מאַכט ,,אני לדודי ודודי לי'' (איך צו מיין פריינד, גאָט, און מיין פריינד צו מיר). אלול בלאָזט מען אַ גאַנצען חודש שופר און מען געהט אויף קבר אבות. ביי די ספרדים זאָגט מען אַ גאַנצען חודש אלול סליחות.

ביבליאָגראַפיע: פּיעטרושקא, ,,טאָג'' (אלאל 1932); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַלזשיר** דער נאָמען פון א לאַנד אין צפון־אפריקא, פערנעהמט א שטח פון 575טויזענד קוואדראט־קילאָמעטער און האָט לערך 6 מיליאָן איינוואוינער; צווישען זיי געפינען זיך לערך 75 טויזענד יודען. אלזשיר איז א פראנצויזישע קאָלאָניע און איז איינגאַנצען אונטער דער הערשאַפט פון פראַנקרייך. די אָרטיגע אלגעמיינע בעפעלקערונג בעשטעהט כמעט אינגאַנצען פון אראַבער און נאָר א קליינע צאָהל אייראָפּעער. עס איז פאַרהאַן א מיינונג, אז די יודען וואוינען אין אלזשיר שוין זייט לערך 2000 יאָהר, פון דער צייט פון פאַר'ן חורבן בית שני. אָבער אמ־

מערסטען האָבען זיך יודען דאָרט אָנגעהויבען בעזעצען נאָכ'ן יאָהר 1391, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע שחיטות אויף יודען אין שפאניען, און בעזונדערס נאָכ'ן גירוש שפאניען אין יאָהר 1492. די יודען אין אלזשיר רעדען אַממערסטען אראביש אָבער געמישט מיט שפאניאָלישע און העבּרעאישע ווערטער. די יודען אין אלזשיר זענען געווען זעהר געדרוקט, און ערשט ווען די פראנצויזען האָבען איינגענומען דאָס לאַנד אין יאהר 1830 האָבען זיי בעקומען שוץ און רעכט, און דעריבער ווערט ביי די אלזשירער יודען געפייערט דער טאָג פון עראָבערן אַלזשיר דורך די פראנצויזען (6-ער אב) אַלס יום טוב. אין יאָהר 1870 זענען די אלזשירער יודען געוואָרען פראנצויזישע בירגער. דער גרעסטער טייל יודען אין אלזשיר פערנעהמען זיך מיט האַנדעל און מלאכה. אַ קליינער טייל זענען ארבייטער. עס זענען אויך פאַרהאַן צווישען זיי פרויען, וואָס בעארבייטען ערד און זאָגאַר א קליינע צאָהל וואָס האָבען גרעסערע לאַנד-שטחים. די פראנצויזישע יודישע געזעלשאַפט „אליאנס" האָט אין אַלזשיר פערלעגט יודישע שולען און די יודען ערווערבען זיך די פראנצויזישע שפּראַך און קולטור. אין דער הויפּט-שטאָדט אלזשיר געפינט זיך ביי 20 טויזענד יודען.

ביבליאָגראַפיע: גענויע לעצטע ידיעות וועגען די יודען אלזשיר איז צו געפינען אין דער יודיש-דייטשער ענציקלאָפּעדיע.

**אלחנן הזקן** איינער פון די בעלי תוספות; ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין יאָהר 1184; ער האָט געהייסען אלחנן בן יצחק פון דאַמפּיער. ער ווערט דערמאָהנט אין תוספות ברכות ס' אז ער האָט צונויפגעשטעלט א סדר „תקון תפלות". רבי אלחנן האָט אויך געשריבען פיוטים און תשובות.

ביבליאָגראַפיע: לאַנדסהוט, „עמודי העבודה"; מיכאל, „אור החיים"; פין, „כנסת ישראל".

**אלחנן הכהן** דער זוהן פון ישכר, א מחבר פון ספרים אין דער אַלט-יודישער שפּראַך, געלעבט אין סוף פון 17-טען און אָנהויב 18-טען יאָהרהונדערט אין פראסניץ (מעהרען) וואו ער איז געווען חזן און סופר. ער האָט פערפאַסט דאָס מוסר-ספר אויף יודיש „ציר-שפּיגעל" (אויף העבּרעאיש איז עס ערשינען דיהרענפורט 1693 מיט'ן נאָמען „מראה להתקשט בה"). ער האָט אויך ארויסגעגעבען אין גראַם אויף אַלט-יודיש די „מגילת יהודית" אונטער'ן נאָמען „זאת חנוכה-ביבעל" (פראנקפורט ד'אָדער 1702). ער האָט אויך איבערזעצט אויף יודיש סליחות (פראנקפורט ד'אָדער 1703).

ביבליאָגראַפיע: שולמאַן, „ש-ת יהודית אשכנזית וספרותה"; רייזען, לעקסיקאָן (1194)

**אלחנן דער פויבסט** אין מיטעל-אלטער איז ארומגעגאַנגען א לעגענדע, אז אין דעם 10-טען יאָהרהונדערט איז געווען אין רוים א פויבסט מיט'ן נאָמען „אלחנן", וועלכער איז געווען א זוהן פון רבי שמעון הגדול פון מיינץ, און אַלס קינד האָט מען איהם ארויסגעגנבעט און ערצויגען אַלס קריסט, ביז ער איז געוואָרען פויבסט. די לעגענדע דערצעהלט, אז נאַכהער ווען עס זענען געווען גזירות אויף יודען אין דייטשלאַנד איז זיין פאָטער, רבי שמעון, געקומען צום

פויבסט און ער האט איהם דערקענט; דער פויבסט האט די גזירה מבטל געמאכט און נאכהער איז ער אנטלאפען, תשובה געטהון און געשטארבען א יוד. רבי שמעון, וועלכער איז געווען א פייטן האט געשריבען פאר זיין זוהן א פיוט „אל חנן נחלתו בנועם”, וואס מען זאגט אין 2־טען טאג ראש השנה.

דער יודישער געלעהרטער גידעמאן האט אין זיין „געשיכטע פון ערציהינגסוועזען” (העברעאיש „התורה והחיים”, באנד 2) געשריבען א גרינדליכע אבהאנדלונג וועגען דער ענטשטעהונג פון דער אלחנן פויבסט־לעגענדע, אנווייזענדיג אז דאס האט א שייכות מיט דער ערוועהלונג אלס פויבסט אנאלעקטוס דעם 2־טען אין 12־טען יאהרהונדערט, וועלכער האט געשטאמט פון יודען. גידעמאן ברענגט פערשידענע נוסחאות פון דער דאזיגער לעגענדע, און לויט איין נוסח זאל דער יודישער פויבסט האבען געווען א זוהן פון רבי שלמה בן אדרת דער רשבא (אין 14־טען יאהרהונדערט). לויט איין נוסח האט דער יודישער פויבסט, נאכ'ן תשובה טהון, זיך ארונטערגעווארפען פון א הויכער געביידע און זיך געטויט. לויט אן'אנדערען נוסח האט ער זיך פערברענט.

ביבליאגראפיע: גידעמאן, „התורה והחיים” באנד 2; „בית המדרש” פון יעלינעק חלק ה' און ו'.

**אלתריזי** וועגען רבי יהודה אלחריזי שרייבען מיר ביים שטיכווארט „חריזי”.

**אלטאנא** א שטאדט אין דייטשלאנד ביי האמבורג. אין 18־טען יאהרהונדערט איז דארט געווען א גרויסע יודישע קהלה, וועלכע איז געווען פעראייניגט מיט די שטעדט האמבורג און וואנדסבעק אין איין קהלה מיט דער ראשי תבות „אה”ו”. דארט זענען געווען בעריהמטע רבנים ווי דער „חכם צבי”, ר' יונתן אייבעשיץ און אנדערע. דער בעריהמטער ר' יעקב עמדין האט געוואוינט אין אלטאנא און געהאט דארט א דרוקעריי. היינט געפינען זיך אין אלטאנא 2500 יודען אויף דער אלגעמיינער צאהל פון 200 טויזענד איינוואוינער.

ביבליאגראפיע: וועגען דער געשיכטע פון יודען אין אלטאנא, וואנדסבעק און האמבורג איז פארהאן א ספעציעלע מאנאגראפיע פון דוקעס, „אוה למושב”.

**אלטאראס** בעקאנטע יודישע פאמיליע, וואס האט געלעבט אין איטאליען און פראנקרייך. — רבי משה יצחק אלטאראס איז געווען רב אין איטאליען אין 16־טען יאהרהונדערט און ער האט איבערזעצט אויף שפאניאליש דעם שלחן ערוך (געדרוקט סאלאניקי 1568); לויט שטיינשניידער האט נישט אלטאראס געמאכט די איבערזעצונג, נאר א געוויסער יוד מיט'ן נאמען מאיר. — יעקב יצחק אלטאראס (געבוירען 1786 און געשטארבען 1873) איז געווען שיף־אינזשיניער אין פראנקרייך. ער איז געפאהרען קיין רוסלאנד אין יאהר 1846 כדי צו ווירקען ביי דער רוסישער רעגירונג פון צאר ניקאליי דעם 1־טען א ערלויבעניש צו בעזעצען רוסישע יודען אויף קאלאניעס אין אלזשיר. די רוסישע רעגירונג האט מסכים געווען בתנאי אז ער זאל בעצאהלען 60 רובעל פאר יעדען יוד. אלטאראס האט דערנאך איינגעזעהען די שוועריגקייטען דערפון און ער איז צוריק צו זיך אין לאנד. ער איז געווען פרעזידענט פון דער יודישער קהלה אין מארסייל.

ביבליאָגראַפיע: גינזבורג, „דביר" חלק ב'; „לקט אמרים" צום המליץ 1889.

**אַלטנײלאַנד** דער נאָמען פון בעריהמטען ראָמאַן פון טעאָדאָר הערצעל (געשריבען 1904), וועלכער שטעלט פאָר אין דעם בוך ווי אזוי ער זעהט די צוקונפט פון אויפבויען א יודיש היים-לאַנד אין ארץ-ישראל. אין דעם ראָמאַן זענען פאַרהאַן די בעקאַנטע ווערטער פון הערצעל „אויב איהר ווילט איז עס נישט קיין לעגענדע". דאָס בוך איז איבערזעצט געוואָרען אויף יודיש דורך בעל מחשבות, און אויף העברעאיש דורך נחום סאָקאָלאָוו מיט'ן נאָמען „תל־אביב" דערפון שטאַמט דער נאָמען „תל אביב" פאַר דער ערשטער יודישער שטאָדט אין ארץ-ישראל. „אחד העם" האָט שטאַרק אָנגעגריפען דעם ראָמאַן „אַלטנײלאַנד" און נאָרדוי האָט איהם פערטיידיגט.

ביבליאָגראַפיע: „על פרשת דרכים' פון אחד העם; „השלח" פון יאָהר 1904.

**אַלטנײשוהל** בעריהמטע אלטע יודישע שוהל אין פראַג. וועגען וועלכער די לעגענדע דערצעהלט אז די שטיינער צו דער שוהל האָבען די יודען מיטגעבראַכט פון ירושלים פון פערברענטען בית המקדש און דעריבער האָט עס געהייסען „אַלט-ניי". א אַנדערער אויסטייטש פון דער לעגענדע איז אז דאָס איז א העברעאיש וואָרט „על תנאי", דאָס הייסט, אז די שוהל איז געבויט געוואָרען מיט דעם תנאי אז ווען משיח וועט קומען וועט מען צוריקפיהרען די שטיינער קיין ארץ-ישראל.

ביבליאָגראַפיע אין די יודישע ענציקלאָפעדיעס ביים שטיך־וואָרט פראַג.

**אַלטער** פאַמיליען-נאָמען פון די רביים פון „גערער הויף". דער ערשטער רבי מיט'ן דאָזיגען פאַמיליען-נאָמען איז געווען רבי יצחק מאיר אַלטער (מחבר פון חידושי הרים). ווען ער איז געבוירען געוואָרען איז נישט קלאָר. מען נעהמט אָן, אז לערך דעם יאָהר 1798 (תקנ"ח); זיין פאָטער איז געווען רבי ישראל ראָטענבערג רב אין מאַגנישעוו. רבי יצחק מאיר, וועלכער איז אלס יונגעל געווען בעריהמט אלס עילוי האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשא. ער איז צוערשט געפאָהרען אלס חסיד צום קאָזשעניצער מגיד, רבי ישראל, און זיין זוהן רבי משה, נאָכהער איז ער אוועק קיין פשיסכע צום רבי ר' בונם, און נאָך דעם טויט פון רבי ר' בונם איז ער געוואָרען א חסיד פון אַלטען קאָצקער רבי ר' מנדעל. נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבי אין יאָר תר"יט האָבען דער גרעסטער טייל קאָצקער חסידים ערקלערט אלס רבי ר' יצחק מאיר'ן, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין דער שטאָט גער, „גורא קאַלוואַריא" נעבען וואַרשא, וואו ער איז געוואָרען רב אויף זיין פאָטערס אָרט, וועלכער איז געווען צולעצט רב אין גער. אין גער איז ער געשטאָרבען אין יאָהר תרכ"ו און אויף זיין קבר אין גער שטעהט א אוהל. רבי יצחק מאיר איז געווען בעריהמט אויך אלס גרויסער גאון, און זיינע ספרים „חידושי הרים" (שאלות ותשובות ווי אויך פלפולים אויף מסכתות) זענען זעהר פאָפולער אין דער לומדישער וועלט. וועגען דעם פאַרוואָס רבי יצחק מאיר האָט געענדערט זיין פאַמיליען-נאָמען פון ראָטענבערג אויף אַלטער זענען פאַרהאַן פערשידענע השערות; וואָהרשיינליך איז עס פאַרגעקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט געשטיצט

די פּוילישע רעוואָלוציע געגען רוסלאַנד אין יאָהר 1831 און שפּעטער האָט ער זיך געמוזט בעהאַלטען אונטער אַן אַנדערען נאָמען. וועגען רבי יצחק מאיר'ן איז פאַרהאַן א מאָנאָגראַפיע „מאיר עיני הגולה" ארויסגעגעבען אין ווארשא תרפ"ט דורך זיינע אייניקלעך.

רבי אריה לייב אַלטער האָט געהייסען דער „צווייטער גערער רבי", אַן אייניקעל פון „חידושי הרים" (פון זיין זוהן רבי אברהם מרדכי, וועלכער איז געשטאָרבען ווען דער „חידושי הרים" האָט נאָך געלעבט). רבי אריה לייב איז אויך בעקאַנט אַלס דער „שפת אמת" נאָך דעם ספר וואָס ער האָט מחבר געווען. ער איז געוואָרען רבי אין יאָהר 1870 (תר"ל) נאָך דעם רבי ר' העניך פון אַלעקסאַנדער. דער „שפת אמת" איז געשטאָרבען אין יאָהר תרס"ה, ער איז געווען זעהר אָנגעזעהען ביי זיינע חסידים און אויך אין אַנדערע חסידישע קרייזען. עס איז פון איהם פאַרהאַן א הלכה תשובה אין ספר „נפש חיה" פון רבי חיים אלעזר וואקס (קאַלישער רב).

רבי אברהם מרדכי אַלטער (געבוירען אין יאָהר תרכ"ו) איז דער איצטיגער גערער רבי (אין יאָהר 1932). ער איז געוואָרען רבי אויפ'ן אָרט פון זיין פאָטער דעם „שפת אמת" אין יאָהר תרס"ה. ער ווערט פעררעכענט אַלס א גרויסער למדן. ער איז אויך איינער פון די הויפּט-פיהרער פון דער „אגודת ישראל" און האָט איינגעפיהרט אין פּוילען געוויסע אויסבעסערונגען אין דער אָרטאָדאָקסישער קינדער-ערציהונג און מיט זיין הסכמה איז זאָגאַר געגרינדעט געוואָרען די טעכטער מיטעל-שולע „חבצלת" אין ווארשא, „בית יעקב-שולען" (פאַר מיידלעך), ווי אויך א טאָג-צייטונג („יוד" און „יודישע טאָגבלאַט"). רבי אברהם מרדכי אַלטער האָט אויך בעזוכט (נאָך דער וועלט-מלחמה) דריי מאָל ארץ ישראל און ער איז אַן אָנהענגער אז פרומע יודען זאָלען אָנטיילנעהמען אין אויפבויען אר.-ישראל, גרינדען קאָלאָניעס, פאַבריקען, געשעפטען. רבי אברהם מרדכי אַלטער האָט איינגעפיהרט, אז זיינע חסידים מוזען דאַווענען פריה „תפלה בזמנה". מען שאצט די צאָהל זיינע חסידים אין פּוילען אויף 50 טויזענד.

ביבליאָגראַפיע: „מאיר עיני הגולה" 2 טיילען (ווארשא תרפ"ט און תרצ"א). **פּיעטרושקא** „חידושי הריב" (אין היינט 1927); יודישער דייטשער לעקסיקאָן; יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

**אַלטשילער** (אויך אַלטשול), א פערצווייגטע יודישע פאַמיליע אין פערשידענע לענדער. די פאַמיליע שטאַמט פון פּראַג, און דער נאָמען איז לויט דער דאָרטיגער „אַלטער שוהל". די פאַמיליע אַלטשול האָט ארויסגעגעבען פיעל געלעהרטע פערזענליכקייטען רבנים, מחברים, דרוקער, געלעהרטע. אויך די פאַמיליע פון ווילנער גאון האָט געשטאַמט פון די אַלטשולערס. — אַלטשול אהרן (אויך פּערלעס), מחבר, געשטאָרבען אין יאָהר 1738; ער האָט געשריבען א ספר „טהרת אהרן" און צום סוף איז פאַרהאַן אויף יודיש די דינים פון ניקור (געדרוקט אָפענבאַך 1722). — אַלטשול אהרן משה, מחבר געווען דעם מוסר-ספר „ויקהל משה" (פּראַג 1613) ווי אויך „בחורי חמד" אויף דקדוק.— אַלטשול משה בן חנוך איש ירושלמי. ער איז געווען איינער פון די בעדייטענדסטע מחברים, וואָס האָבען געשריבען ספרים אין דער אַלט - יודישער שפּראַך. ער האָט געלעבט אין 16־טען יאָהרהונדערט און האָט מחבר געווען

דאס בעריהמטע יודישע מוסר־ספר „בראנטשפיגעל" (אויף העברעאיש הייסט עס „מראה השורפת"), וואס ענטהאלט 68 פרקים (אין טייל אויסגאבען 72). אין ספר רעדט ארום דער מחבר די פערשידענע דברי מוסר, ווי זיך אויפצופיהרען אין לערנען, און ברענגט דערביי מעשיות און משלים פון מדרש. „בראנטשפיגעל" איז געדרוקט געווארען צום ערשטען מאל אין פראג 1577 און דערנאך אין באזעל 1602, און איז איבערגעדרוקט געווארען פיעל מאל. — אלטשול נפתלי בן אשר, מחבר פון ספרים אין פוילען סוף 16־טען יאהרהונדערט. ער האט געוואוינט אין לובלין און זשיטאמיר. בעקאנט איז זיין ספר „אמרי שפר" דרושים פאר דרשנים (לובלין 1662); ער האט צו זיין פירוש אויף נביאים „אילה שלוחה" (קראקא 1595) צוגעגעבען א יודיש ווערטערבוך. — אלטשולער יחיאל רב אין יאוואראוו (גאליציען) אין מיט פון 18־טען יאהרהונדערט. ער איז זעהר פאפולער דורך זיינע פירושים צו נביאים וכתובים „מצודת דוד" און „מצודת ציון" (געדרוקט דאס ערשטע מאל זשולקעוו 1774) געדרוקט פיעל מאל צוזאמען מיט די נביאים וכתובים. — אלטשול שמעון (געבוירען 1877 אין רוםלאנד), יודישער שריפטשטעלער אין קאפענהאגען (דענעמארק), רעדאגירט „דעם אמת", ארויסגעגעבען אין יאהר 1921 „די געשיכטע פון יודען אין דענעמארק" (1 העפט), איבערזעצט אויף יודיש טיילען פון פילאזאפישען ספר „בחינת עולם" פון רבי ידעיה הפניני. — אלטשולער יצחק (געבוירען אין רוסלאנד 1889) יודישער שריפטשטעלער אין בוענאס איירעס (ארגענטינא), פערעפענטליכט אין די יודישע צייטונגען ליעדער און ארטיקלען, רעדאגירט די מאנאטשריפט „הבימה העברית", און ארויסגעגעבען א רייה ביכלעך אויף יודיש. אין דער נייער צייט זענען געווען געלעהרטע אויפ'ן געביט פון כעמיע, מעדיצין, אדוואקאטור מיטגלידער פון דער פאמיליע אלטשול אין רוסלאנד, דייטשלאנד און אמעריקא.

ביבליאגראפיע: וועגען אלטשול דעם מחבר פון „בראנטשפיגעל" אין לעקסיקאן (1914) פון רייזען, ווי אויך אין עריק'ס „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור"; וועגען דער פאמיליע „אלטשול" אין די יודישע ענציקלאפעדיע.

## אליאנס איזראעליט

בעקאנטע יודישע געזעלשאפט אין פראנקרייך, וואס איז אויך בעוואוסט מיט'ן נאמען „חברת כל ישראל חברים". די דאזיגע געזעלשאפט איז אויך בעוואוסט מיט איהר סתם־נאמען „אליאנס". די אליאנס איז געגרינדעט געווארען אין פאריז אין יאהר 1860 מיט'ן צוועק צו שיצען די אינטערעסען פון יודען אין פערשידענע לענדער. די גרינדער זענען געווען אדאלף קרעמיע דער געהילף פון העכסטען פאריזער ראש הרבנים אסטרוק, פראפעסאר איזידאר קאהן, אינזשיניער קארוואליא, אדוואקאט נארסים לעווין, פראפעסאר מאנועל, שארל נעטער. די „אליאנס" האט זיך אויך ערווארבען מיטגלידער אין אנדערע לענדער, און זאגאר קריסטען האבען געהערט צו דער געזעלשאפט (צווישען זיי דער שריפטשטעלער אלעקסאנדער דיומא). די „אליאנס" האט פיעל מיטגעווירקט אויף דעם אינטערנאציאנאלען פאליטישען געביעט כדי צו בעקומען רעכט פאר די יודען אין שווייץ (יאהר 1867), אין רומעניען (יאהר 1878, אין בעקאנטען פרידענס־אבמאך פון בערלינער קאנגרעס); אויך האט די

אליאַנס אינטערווענירט צו פערבעסערען
די לאַגע פון די יודען אין מאראָקאָ,
אלזשיר, פערסיען, ווי אויך אין א רייה
עלילת הדם-פּראָצעסען. די אליאַנס האָט
אויך געשיקט עקספּעדיציעס אויסצו־
פאָרשען דאָס לעבען פון יודען אין ווייַ־
טע לענדער אַבּעסיניען, כינא און אַנ־
דערע. זי האָט אויך געשיקט געלד־
שטיצעס פאר די יודען אין רוסלאַנד,
פּוילען גאַליציען און אין די יאָהרען
1881 — 1882, בעת די פּאָגראָמען
אויף יודען אין רוסלאַנד האָט זי גע־
האָלפען פיעל רוסישע יודען צו עמי־
גרירען קיין אמעריקא, און איהר הויפּט־
טוער קרעמיע האָט זאַגאר זיך געווענ־
דעט מיט השתדלות-מעמאָריאלען צו
דער רוסישער רעגירונג וועגען פערבע־
סערען די לאַגע פון יודען אין רוסלאַנד.
הויפּטזעכליך האָט די „אליאַנס” זיך
פערנומען (און פערנעהמט זיך אויך
איצט) מיט אויפהאַלטען פיעל יודישע
שולען אין א רייה לענדער. די צאָהל
שולען וואָס זי האַלט אויס (אין ארץ־
ישראל, אלזשיר, בולגאַריען, טוניס,
טערקיי, טריפּאָליס, מאראָקאָ, פערסיען,
מצרים און תימן) דערגרייכט לערך 160,
און אין זיי לערנען לערך 40 טויזענד
יודישע שילער און שילערינס. די אל־
יאַנס האלט אויך אויס אין פאריז א
לעהר־סעמינאַר צוצוגרייטען לעהרער
פאר איהרע שולען. בעזונדערס וויכטיג
זענען די צוויי לאַנדווירטשאַפטליכע שו־
לען פון דער „אליאנס”: „מקוה יש־
ראל” אין ארץ ישראל און „דזשעדע־
יא” נעבען טוניס. זי גיט אויך שטיצע
קרוב 50 פּראָפעסיאָנעלע שולען, די
אונטערריכטס־שפּראַך אין אלע „אל־
יאנס”־שולען איז פראנצויזיש. ערשט
נאָך דער וועלט-מלחמה האָט אין ארץ־
ישראל אויך די אליאנס געמוזט איינ־
פיהרען העבּרעאיש אין איהרע שולען
אַלס אונטעררירכטס־שפּראַך כאָטש טייל
לימודים ווערען אויך דאָרט געלערנט
אויף פראנצויזיש. די איינקונפטען פון
דער אליאנס בעשטעהען אממערסטען
פון מיטגלידס-אָבּצאָהל. די „אליאנס”
ווערט אָנגעפיהרט דורך א צענטראל־
קאָמיטעט פון 60 פּערזאָן, א העלפט פון
זיי אין פּאַריז און א העלפט אין אַנדע־
רע לענדער. די מיטגלידער פון קאָמיטעט
ווערען געוועהלט אויף 9 יאָהר, און יע־
דעם יאָהר ווערען געוועהלט א דריטעל
נייע מיטגלידער. דער לעצטער פּרעזי־
דענט פון דער „אליאנס” איז פּראָפע־
סאָר סילוואַן לעווי.

ביבליאָגראַפיע: „50 יאָהר געשיכ־
טע פון דער אליאנס” (פראַנצויזיש), פון ל. לע־
ווין, געדרוקט פּאַריז 1־טער באַנד 1911, צווייּ־
טער באַנד 1920; די „אליאנס” גיעט אַרויס אויף
פראַנצויזיש אַ מאָנאַט־שריפט „פּעי ע דרוא” (שלום
און רעכט) מיט פיעל ידיעות וועגען דער אליאנס
טעטיגקייט; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אָליגער פּאַולי

(געבוירען יאָהר 1662 און געשטאָר־
בען 1720). ער איז געווען א קריסט
אין דענעמאַרק און האָט פערנומען א
הויכע געזעלשאפטליכע שטעלונג. אָלי־
גער האָט ערלערנט די העבּרעאישע
שפּראַך און האָט זיך פעראינטערעסירט
מיט דעם יודישען פאָלק. אין זיינע רע־
ליגיעזע זוכונגען איז ער געקומען צו
דער מיינונג, אז מען דארף העלפען די
יודען זיך צו בעזעצען אין ארץ ישראל
און גרינדן פון זיי אַ נייַ פאָלק מיט׳ן
נאָמען די „יעהאָוואַנער” (פון גאָט׳ס
נאָמן „יהוה”). ער האָט זיך געווענדעט
וועגען דעם צום פראנצויזישען קעניג
לודוויג דעם 14-טען. אָליגער האָט אויך
מחבּר געווען ביכער וועגען אברהם
אבינו און משה רבּנו.

ביבליאָגראַפיע: „געשיכטע פון ציוניזם“ פון סאָקאָלאָוו (ענגליש); יודיש־רוסישע ענציקלאָפעדיעס.

**אליהו הנביא** דער פערהייליגסטער יודישער נביא (א חוץ משה רבנו). לויט ווי ס'ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים א' י"ז איז אליהו געווען „התשבי מיושבי גלעד“ (דער תשבי פון די איינוואוינער פון גלעד) און האָט געלעבט אין מלכות ישראל אין דער צייט פון מלך אחאב. גלעד איז אַ לאַנד וואָס ליגט אויף יענער זייט טייך ירדן, און ווי עס איז צו זעהן האָט ער דאָרט געוואוינט, וואָס עס בעדייט דאָס וואָרט „תשבי“ ווייסט מען נישט. אין ספר. מלכים אין עטליכע קאַפּיטלעך ווערט דערצעהלט ווי אליהו האָט געפיהרט אַ האַרטנעקיגען קאַמף געגען מלך אחאב און זיין קעניגין איזבל דערפאר וואָס זיי האָבען, אנשטאַט דער יודישער רעליגיע פון גאָט, איינגעפיהרט די געצענדינעריי פון אָבגאָט בעל, און זיי האָבען געטויט די די געטליכע נביאים (נביאי ה') און איינגעפיהרט די נביאי הבעל. אליהו האָט מיט אַ מופת פון הימעל, דורך אראָבברענגען פייער פון הימעל אויפ'ן מזבח אויפ'ן בארג כרמל, איבערצייגט אחאב'ן און דאָס יודישע פאָלק, אז „ה' הוא האלהים“, אז יהוה איז גאָט און אז דער בעל איז א אָבגאָט, און ער האָט דעמאָלס געטויט די נביאי הבעל. דאָס האָט ארויסגערופען געגען איהם דעם צאָרן פון איזבל, וועלכע האָט איהם געוואָלט טויטען. אליהו איז אנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין א הייל און גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען און געהייסען מאַכען אלישע'ן פאר א נביא און יהוא בן נמשי אלס מלך איבער די יודען. אליהו האָט דערנאָך אויך געשטראָפט אחאב'ן פאר זיין צורויבען דעם וויין־גאָרטען פון נבות היזרעאלי און טויטען נבות'ן. אין ספר מלכים ווערט דערצעהלט פערשידענע מופתים פון אליהו הנביא, ווי אויך אז צום סוף איז ער אריבער דעם ירדן און עס איז אראָבגעקומען פון הימעל „רכב אש וסוסי אש“ (א פייערדיגער וואָגען און פייערדיגע פערד) און אליהו איז ארויף „בסערה השמים“ )אין שטורעם־ווינד אין הימעל), און ווען זיינע תלמידים די בני הנביאים האָבען איהם געזוכט און מעהר נישט געפינען, איז אויף זיין אָרט געוואָרען נביא זיין תלמיד אלישע (מלכים ב' ב).

עס ווייזט אויס, אז שוין אין דער צייט פון גלות בבל איז געווען ביי די יודען דער פאָלקס־גלויבען, אז איידער עס וועט קומען די גאולה וועט צוערשט זיך בעוויי־
קומען די גאולה וועט צוערשט זיך בעוויזן אליהו הנביא, וואָס וועט ברענגען שלום צווישען יודען, און אין ספר מלאכי (נביא נאָך גלות בבל) ג' ווערט געבראַכט דער פסוק „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא“. אין דער גמרא און מדרש ווערט וועגען אליהו פיעל געשריבען מיט'ן נאָמען „אליהו זכור לטוב“ און אין בבא מציעא קי"ד און אנדערע ערטער ווערט דערצעהלט ווי פערשידענע תנאים האָבען געטראָפען אליהו הנביא. דעם דאָזיגען זכות צו זעהען אליהו הנביא ווערט דערצעהלט אויך וועגען שפּעטערדיגע גרויסע פרומע יודען, ספּעציעל ביי מקובלים און חסידישע רביים, און דאָס איז אָנגערופען געוואָרען „גילוי אליהו“ (די אנטפּלעקונג פון אליהו). אין דער גמרא סוכה נ"ב און שקלים סוף פ"ג ווערט אנגעוויזן כסדר אויף דעם גלויבען, אז אליהו וועט קומען אין משיח'ס צייטען. עס איז אויך דער מנהג אויף יעדן ברית צו שטעלן א שטוהל פאר אליהו הנביא (כסא של

אליהו, און דער מנהג ווערט געבראכט אין זוהר בראשית י"ג, — פסח ביי־נאכט צום סדר איז דער מנהג אנצו־גיסען א ספעציעלען כוס מאר אליהו הנביא צו „שפוך חמתך", און ווען מען עפענט די טהיר זאגט מען: „ברוך הבא, אליהו הנביא איז דא!" שבת צונאכטס ווערט געזינגען די זמירות אויך פון אליהו הנביא, אז ער זאל קומען און ברענגען די גאולה. עס ווערט דארט אויך געזינגען א ליעד, „איש חסיד היה" ווי אליהו הנביא האט געראטעוועט א פרומען יוד פון נויט (די מעשה שטאמט פון די סיפור־מעשיות פון רבנו נסים). איבער־הויפט זענען פאראן זעהר פיעל פערשי־דענע פאלקס־מעשיות ביי יודען, ווי אליהו הנביא האט זיך בעוויזען צו ארומיגע יודען האט זיי געהאלפען. אין די חסידישע מעשיות ווערט דערצעהלט. ווי אליהו פערשטעלט זיך אויף די ירי־דים אלס א פויער און נאר ווער עס איז זוכה, דער דערקענט איהם.

אין ארץ־ישראל אויפ'ן בארג כרמל איז פאראן א הייל, וואס מען רופט די „מערת אליהו", און די לעגענדע איז, אז דארט האט זיך אליהו בעהאלטען. די הייל איז הייליג ביי יודען, קריס־טען און מאכמעדאנער. די אראבער איז ארץ־ישראל רופען אליהו'ן „אל־כאדרא", „דער גרינער", דאס הייסט, וועלכער לעבט אייביג און איז שטענדיג גרין פריש; די אראבער דערצעהלען פערשי־דענע לעגענדעס וועגען אליהו. די ארא־בישע קריסטען רופען דעם כרמל־בארג „מר אליאס", דאס הייסט פון „הערר אליהו".

די מאדערנע ביבעל קריטיק וויל גע־פינען געוויסע עהנליכקייטען צווישען די מעשיות וועגען אליהו אין ספר מלכים און די סיפורים וועגען משה רבנו (דער זעלבער הר חורב, וואו גאט האט זיך צו ביידע בעוויזען, די זעלבע 40 טאג). אין דעם קאמף פון אליהו געגען אחאב ווילען טייל ביבעל־קריטיקער זעהען אויך א געוויסען פאליטישען קאמף, ווי אויך דעם קאמף פון דעם אלטען לעבענס־שטייגער פון „ישראל אין דער מדבר" געגען דעם נייען שטאדטישען און דארפישען לעבען. וואס האט געפיהרט צום קולט פון אבגאט בעל.

וועגען „תנא דבי אליהו" געבען מיר ביים שטיך־ווארט „תנא דבי אליהו".

ביבליאגראפיע: סאלאוויטשיק, אי׳ „המדבר" („דביר" באנד 2 תרפ"ג); קיטעל „תנך־וויסענשאפט"; וואהלמאן, „תקיפת ישעיהו"; אוצר ישראל „אליהו"; אנדערע יידישע ענצי־קלאפעדיעס.

**אליהו בחור** דאס איז דער גרויסער מדקדק און יודישער שריפטשטעלער פון 16־טען יאהרהונדערט רבי אליהו בחור. מיר וועלען וועגען איהם געבען ביים שטיך־ווארט „בחור".

**אליהו הכהן** זוהן פון שלמה אברהם; בעריהמ־טער מחבר פון מוסר ספר „שבט מוסר". ווען ער איז געבוירען געווארען ווייסט מען נישט. מען ווייסט נאר אז ער איז געשטארבען אין יאהר 1729 אין דער שטאדט איזמיר (סמירנא) איז טערקיי. ער האט מחבר געווען 31 ספ־רים. אבער אמפאפולערסטען איז זיין „שבט מוסר", וואס בעשטעהט פון פערשידענע דברי־מוסר, געשריבען אין א איינפאכער קלארער שפראך, ברענ־גענדיג משלים פון מדרשים און שפע־טערדיגע ספרים. רבי אליהו איז געווען

אין זיין שטאָדט א גבאי פון צדקה און האָט פיעל געהאָלפען די אָרימע לייט. ער האָט אויך געשריבען א ספר „מעיל צדקה" וועגען דער גרויסקייט פון צדקה. בעקאַנט איז אויך זיין ספר מדרש תלפיות. עס איז פאַרהאַן א מיינונג, אז ער האָט אויך געשריבען דעם „מריבת קודש" געגען די שבתי צביניקעס (גע־דרוקט אין „עניני שבתי צבי" 1912). זיין ספר „שבט מוסר" איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל יאָהר 1712, און עס איז ערשינען צוזאמען מיט א יודישער אי־בערזעצונג אין אמסטערדאַם 1732 און פון דעמאָלס אָן אין פיעל אַנדערע אויסגאַבען. אין בלויז יודיש אָהן דעם העברעאישען טעקסט איז עס געדרוקט געוואָרען צוערשט אין ווילמערסדאָרף 1726. די פּאָפּולאַריטעט פון „שבט מוסר" איז געוועזען אזוי גרויס, אז איז א סך שטעדט זענען געוועזען חברות „שבט מוסר" פון פּשוטע יודען, וואָס האָבען צוזאַמען יעדען ביינאַכט געלע־רענט דאָס דאָזיגע ספר. דער „מעיל צדקה" איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין איזמיר 1731; דער „מדרש תלפיות" אין אמסטערדאם 1698.

ביבליאָגראַפיע: אַ גרעסערע אָב־האַנדלונג וועגען מחבר פון „שבט מוסר" פּיעט־רושקא, „טאָג" אין יאָהר 1929 צו דער 200־טער יאָהרצייט פון רבי אליהו הכהן; רייזען, „לעק־סיקאָן" (יאָהר 1914); „אוצר ישראל".

## אליהו, ווילנער גאון

וועגען רבנו אליהו פון ווילנא וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „ווילנער גאון".

**אליהו הלוי** זוהן פון בנימין. בעקאַנ־טער רב אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל אין 16־טען יאָהרהונדערט. ער איז געוועזען א תלמיד פון רבי אליהו מזרחי און רבי משה קאַפּסאלי, ער האָט אויך געהאַלטען פון קבלה אָבער גלייכ־צייטיג האָט ער ערקלערט, אז מען מעג לערנען אויך פילאָזאָפיע. זיינע חבורים זענען: תשובות „תנא דבי אליהו" (קאָנסטאַנטינאָפּל 1734); „סדר תפלות השנה" (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1510); „לוית חן" וועגען מוסר ענינים; אויך אַנדערע ספרים.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל".

**אליהו פון כעלם** זיר גיבען וועגען איהם ביים שטיך־וואָרט „בעל שם פון כעלם".

**אליהו פון יאָרק** איינער פון די בעלי תוספות; ער איז וואהרשיינליך אומגעקומען אויף קידוש השם אין יאָרק (ענגלאַנד) איז דער שחיטה אויף יודען אין יאָהר 1190. ער ווערט דערמאָהנט אין תוס־פות יומא כ"ז אלס „רבי אליהו מאיבריוק".

**אליהו הזקן** פּיוטים־שרייבער. וועלכער האָט געלעבט אין 11־טען יאָהרהונדערט. ער איז געוועזען א תלמיד פון רבנו גרשום מאור הגולה. ער האָט פערפאַסט אזהרות אויף שבועות מיט די ווערטער „אמת יהגה חכי"; ער ווערט דערמאָהנט אין תוס־פות יומא ח' און אנדערע ערטער.

ביבליאָגראַפיע: לאַנדסהוט, „עמודי עבודה"; אזולאי, שם הגדולים".

**אליהו מזרחי** (לערך 1455 — 1526), בעריהמטער רב און תנך־מפרש און מאַטעמאַטיקער אין ענדע 15־טען און אנהויב 16־טען

יאָרהונדערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. רבי אליהו מזרחי (באַקאַנט מיט זיין ראשי תבות־נאָמען רא"ם), איז געבוירען געוואָרען ביי זיין פאָטער רבי אברהם לערך דעם יאָהר 1455. ער האָט געלערענט ביי רבי יהודה מינץ אין פּאַדוואַ. אין יאָהר 1492 איז ער געוואָרען רב הכולל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט געהאַט גרויס אָנזעהען ביי דער טערקישער רעגירונג. רבי אליהו מזרחי האָט, געגען דער מיינונג פון אנדערע רבנים, ערקלערט, אז מען דאַרף די קאַראַאימער מקרב זיין און זיי לערנען תורה. ער איז ארויסגעטרעטען געגען דער קבלה. רבי אליהו מזרחי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1526, און זיין אָנזעהען איז געוועזן אזוי גרויס, אז די חכמים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען אָבגעמאַכט אז זינט דעם מזרחי'ס טויט טאָר קיין רב נישט פּסקענען אליין קיין שווערע שאלות. זיין בעריהמט ספר איז דער „המזרחי" א פירוש צו רש"י אויף תורה (געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1520). ער האָט אויך געשריבען שאלות ותשובות (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1546): ער האָט אויך געשריבען א „ספר המספר" אויף אריטמעטיק און א „פירוש" צום אַסטראָנאָמישען בוך אַלמאַגעסטי פון פּטאָלאַמעאוס. אויף דעם מזרחי'ס ספרים זענען שפּעטער געשריבען געוואָרען פירושים.

ביבליאָגראַפיע: פין, כנסת ישראל"; גרעץ, „געשיכטע"; יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; „אוצר ישראל".

**אלימלך** אין ספר „רות" ווערט דערצעהלט וועגען אלימלך אז ער איז געוועזן א איינוואוינער פון בית לחם יהודה אין ארץ ישראל אין דער צייט פון די שופטים און ער האָט פערלאָזט ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיין ווייב נעמי און זיינע 2 קינדער מחלון און כליון צוליב דעם הונגער אין לאַנד און ער איז אוועק וואוינען קיין מואב, וואו ער איז געשטאָרבען. אין דער גמרא און מדרש ווערט געשריבען וועגען אלימלך, אז גאָט האָט איהם געשטראָפט דערפאַר וואָס אין א הונגער־צייט האָט ער פערלאָזט זיינע הונגעריגע לאַנדסלייט.

**אליעזר** אין חומש בראשית ט"ו ווערט דערצעהלט אז אברהם אבינו האָט געהאַט א קנעכט אליעזר, וועמען ער האָט געשיקט קיין ארם כדי צו געפינען א ווייב פאַר יצחק'ן. — אין דער גמרא און מדרש ווערען וועגען אליעזר עבד אברהם געבראַכט פיעל דרשות (יומא כ"ח) אוי אויך שעהנע פאָלקס־מעשיות, אין וועלכע אליעזר פיגורירט אַלס קלוגער מאַן, וואָס האָט בעוויזען אָנצולערנען די שלעכטע סדום לייט (סנהדרין ק"ט). פון די ווערטער אין חומש „דמשק אליעזר" מיינען טייל אז ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָדט דמשק.

**אליעזר בן הורקנוס** גרויסער תנא פון דער משנה, ווערט אויך דערמאָהנט אַלס סתם רבי אליעזר, און אויך רבי אליעזר הגדול. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית שני (צום סוף פון ערשטען יאָהרהונדערט) און אויך א געוויסע צייט דערנאָך. ער איז געווען א איידעם פון נשיא רבי שמעון בן גמליאל הנהרג. רבי אליעזר'ס פאָטער הורקנוס איז געוועזן א רייכער מאַן, אָבער ער האָט זיין זוהן נישט געלערענט קיין תורה נאָר איהם בעשעפטיגט אויף זיינע פעלדער. אָבער רבי

אליעזר איז פון איהם ענטלאָפן קיין ירושלים און געוואָרען רבי יוחנן בן זכאי'ס א תלמיד און זיין פּאַטער האָט זיך מיט איהם איבערגעבעטען. אין דער משנה אין „פּרקי אבות" (פּרק א') ווערט לויט איין מיינונג געזאָגט, אז רבי יוחנן בן זכאי האָט געהאַלטען רבי אליעזר'ן פאַר זיין גרעסטען תּלמיד, און האָט איהם געגליכען צו א „בור סיד" א גרוב וואָס פערלירט נישט קיין טראָפּען פון זיין וואסער דאָס הייסט אז ער פערגעסט נישט זיין לערנען. נאָך רבי יוחנן בן זכאי'ס טויט האָט רבי אליעזר זיך בעזעצט אין דער שטאָדט לוד און דאָרט געהאַט זיין ישיבה. ער איז געווען אזוי אַנגעזעהען, אז דער תּנא רבי יהושע האָט געקושט דעם שטיין, אויף וועלכען רבי אליעזר איז געזעסען, און געזאָגט, אז דער שטיין איז ווי דער „ארון". אָבער רבי אליעזר האָט זיך ענטגעגענגעשטעלט אין הלכה זאכען געגען דער ישיבה פון נשיא רבן גמליאל (רבי אליעזר'ס שוואָגער) אין יבנה, און דעריבער האָבען איהם די חכמים געלעגט אין חרם (בבא מציעא נ"ט). דעריבער האָט ער געהייסען אויך „שמותי", דאָס הייסט, ער ליגט אין חרם („שמתא"); אַנ־אַנדערע מיינונג איז, אז דער נאָמען „שמותי" איז ווייל ער האָט, — אַנ־אויסנאָהם פון אלע זיינע חברים וואָס האָבען געהאַלטען מיט די בית הלל, — געהאַלטען מיט די בית שמאי. די גמרא דערצעהלט פון איהם א סך מדות טובות, אז ער האָט פיינט געהאַט געלד; זיינע ווערטער אין „פּרקי אבות" זענען, אז דער בעסטער וועג וואָס א מענש דאַרף זיך אויסקלייבען איז „עין טובה" (האָבען א גוט אויג), און „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך" (דער כבוד פון א צווייטען מענש זאָל זיין דיר אזוי ליעב ווי דיין אייגענער כבוד) און אויך „אל תהי נוח לכעוס" (זאָלסט נישט שנעל ווערען אין כעס), אין עבודה זרה ט"ז ווערט אויך געבראַכט, אז ער האָט געפיהרט א געשפּרעך מיט איינעם פון די ערשטע קריסטען „יעקב איש כפר סכניא" און אז ער איז דורך די רוימער ארעסטירט געוואָרען אָבער מען האָט איהם בעפרייט. רבי אליעזר איז געשטאָרבען אין דער שטאָדט קסרין ערב שבת, און די תּנאים האָבען איהם פאַר'ן טויט אַראָבגענומען דעם חרם און איהם מספּיד געווען. — וועגען „פּרקי דרבי אליעזר" שרייבען מיר ביים שטיכוואָרט „פּרקי דרבי אליעזר".

ביבליאָגראַפיע: „היימאַן", תולדות תנאים ואמוראים; באכער, „אגדות התנאים" ווייס, „דור דור ודורשיו"

**אליעזר פון טוך** איינער פון די בעלי התוספות; ער האָט געלעבט אין פראַנקרייך אין דער שטאָדט טוך אין דער צווייטער העלפט פון 13־טען יאָהרהונדערט. עס זענען פאַראַן פון אים צו דער גמרא ספּעציעלע „תוספות טוך", עס איז פאַראַן א מיינונג, אז די תוספות, וואָס געפינט זיך ביי אונז צו טייל גמרות (חולין) זענען די „תוספות טוך". וועגען רבנו אליעזר ווערט דערצעהלט, אז ער האָט אויך מחבר געווען א פּירוש אויף תורה.

**אליעזר פון באָן** (ראבי"ה), בעריהמטער פוסק, אין אָנהויב 13־טען יאָהרהונדערט. ער איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען ראבי"ה (רבי אליעזר בן יואל הלוי) און ער איז געווען אַנ'אייניקעל פון ראב"ן. ווען עס

איז געווען די גרויסע שחיטות אויף יודען אין דרום־דייטשלאַנד אין יאָהר תתקנ״ז (1197) איז דער ראבי״ה אנט־לאָפען מיט זיין פאַמיליע פון באָן אים ראש השנה. אין יאָהר 1200 איז ער געוואָרען ראש ישיבה אין קעלן. ער איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1235. איינער פון זיינע תּלמידים איז רבּי יצחק פון וויען, דער מחבר פון „אור זרוע״. דער ראביה האָט מחבר געווען דעם „אבי העזרי״ אויף הלכות. דער ספר ראביה איז געדרוקט (נאָר א טייל) אין קראקא 1882.

ביבליאָגראַפיע: כאַנעס, תולדות הפוס־קים״; מיכאל „אור החיים״.

## אליעזר בן יוסי הגלילי

תּנא, א תּלמיד פון רבי עקיבא, געלעבט אין 2־טען יאָהרהונדערט. וועגען איהם ווערט איבערגעגעבען אז ער האָט פער־פאַסט די 32 מידות (ל״ב מידות) לויט וועלכע די אגדה־דרשות אין תּלמוד ווערען ארויסגעפיהרט פון די פסוקים. (וועגען זיי שרייבען מיר ביים שטיד־וואָרט „מידות״). אין דער גמרא חו־לין פ״ט זאָגט דער אמורא ר׳ יוחנן, אז אומעטום וואו רבי אליעזר זאָגט עפּעס אין אגדה־זאכען דארף מען זיך צו זיי צוהערען. וועגען גערעכטיגקייט האַלט רבי אליעזר, אז מען דארף נישט מאכען קיין פּשרות ביי א דין־תּורה נאָר פּסקענען לויט דעם דין (סנהדרין ו׳).

ביבליאָגראַפיע: „דרכי המשנה״ פון פראַנקעל, „תּולדות תנאים ואמוראים״ פון היי־מאַן.

**אליעזר בן יעקב** אין תּלמוד זע־נען פאַרהאַן 2 תּנאים וואָס האָבען געהייסען רבי אלי־עזר בן יעקב. איינער פון זיי האָט גע־לעבט נאָך אין דער צייט פון בית המק־דש און אויך שפּעטער. פון איהם זע־נען פאַרהאַן פיעל הלכות וואָס האָבען א שייכות צו די קרבנות פון בית המקדש ווי אויך וועגן בוי פון בית־המקדש; די מסכתא „מידות״ האָט ער צונויפגעשטעלט. וועגען איהם ווערט געזאָגט אין דער גמרא עירובין ס״ב אז „משנת רבי אליעזר בן יעקב קב ונקי״, דאס הייסט, אז זיינע הלכות זענען קלאָרע און ריכטיגע. — דער צווייטער רבי אליעזר בן יעקב האָט געלעבט עטוואָס שפּעטער און ער איז געווען א תּלמיד פון רבי עקיבא, לויט דער מיינונג פון וויים אין זיין „דור דור ודורשיו״ איז אומעטום, וואו עס איז פאַרהאַן „תּנא רבי אליעזר בן יעקב״ מיינט מען דעם צווייטען.

ביבליאָגראַפיע: „היימאַן״ „תולדות״; הלוי, „דורות הראשונים״.

**אליעזר בן כתן** (ראב יו) פון דער שטאָדט טול. דאָס איז דער בעריהמטער פּוסק, בעקאַנט מיט׳ן נאָמען ראב״ן. ער האָט געלעבט אין 12־טען יאָהרהונדערט און איז גע־ווען א חבר פון די בעלי תּוספות רבנו תם און רשב״ם. זיין הויפּט־חיבור איז דאָס ספר „אבן העזר״ (נישט פערטוי־שען מיט דעם „אבן העזר״ פון שלחן ערוך), אויך „צפנת פענה״, ענטהאַלט הלכות. ער האָט אויך מחבר געווען א פּירוש אויפ׳ן מחזור (רבי אפרים זלמן מרגליות האָט איהם גע־האַט) און ער ווייזט ארויס אין דעם פּירוש א קריטישען בליק איבער פערשי־דענע שווערע פּיוטים און זייער ענט־שטעהונג. עס איז פאַרהאַן א מיינונג, אז דערזעלבער ראבן האָט מחבר געווען אליין פּיוטים ווי אויך א פילאָזאָפישע

אַבהאַנדלונג „מאמר השכל״.

ווענן ראב״ן ווערט דערצעהלט, אז ער איז געווען א גרויסער בעל מקובל און ער האָט בעוויזן מופתים. אין דעם בעקאַנטען ספר מעשיות פון רבי יוזפא ווערט דערצעהלט, אז דער ראבן האָט געדאַרפען פאָהרען פון מיינץ קיין באָן האָט ער זיך אריינגעזעצט אין אַ פאס אויפ׳ן טייך און מיט אַ שם המפורש איז ער אהינגעקומען (געדרוקט אין די יאָהר-ביכער פון בריל באַנד 9).

ביבליאָגראַפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו״; קאַמעלהאר אין זיין ספר ווענן „רוקח״; כאַנעס „תולדות הפוסקים״; „אוצר ישראל״.

## אליעזר בן נתן הלוי

היסטאָרישער כראָניק-שרייבער, מחבר פון „קונטרס״ ווענן די גזירות תתנו, וועלכע ער האָט אליין איבערגעלעבט. דאָס איז געווען אין די צייטען פון די ערשטע „נוסעי הצלב״ (קרייץ פאָהרער) קריסטען, וואָס זענען געגאַנגען פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך קיין ארץ-ישראל איינצונעהמען דאָס לאַנד פון די מאַכמעדאַנער: דאָס איז געווען אין יאָהר תתנו״ (1096). אָבער אויפ׳ן וועג האָבען זיי אויסגעשאָכטען א סך יודען אין די קהלות אין דייטשלאַנד. ווענן די דאָזיגע שרעקליכע שחיטות האָט רבי אליעזר בן נתן הלוי, וועלכער האָט דעמאָלס געלעבט וואהרשיינליך אין קעלן געשריבען דעם „קונטרס גזירות תתנ״ו, וואָס פון איהם האָבען געשעפּט אַלע היסטאָריקער זייערע ידיעות, דער „קונטרס״ איז ערשינען דורך יעלינעק אין יאָהר 1854.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע״ אין אין די נאָטען ווענן די קוועלען צו „גזירות תתנו״; לאַנדסהוט, „עמודי העבודה״.

## אליעזר פון מעץ

(1175 — 1238), בעריהמטער פוסק און מקובל אין 13־טען יאָהרהונדערט. ער איז בעקאַנט אויך מיט זיין ראשי תבות-נאָמען „הרא״ם״ (הרב רבנו אליעזר מיץ) אשכנזי״. זיין פאָטער האָט געהייסען רבי שמואל, רבי אליעזר איז געבוירען געוואָרען אין מעץ אין יאָהר 1175 און איז געווען א תלמיד פון רבנו תם. ער האָט געפיהרט א ישיבה אין מיינץ. אין תוספות געפינען מיר גאַנץ אָפט (שבת ל״ו, פסחים כ״ד און אנדערע ערטער) דערמאָהנט חידושים פון רבנו אליעזר. בעריהמט איז זיין ספר „יראים״ הלכות און דברי מוסר און מנהגים איינגעאָרדענט לויט דעם סדר פון תרי״ג מצוות. דער „יראים״ וואָס איז געדרוקט איז נאָר א קיצור פון גרויסען „יראים״, וועלכען אזולאי האָט געזעהען אין כתב יד אין פּאַריז. רבנו אליעזר איז געשטאָרבען אין יאָהר 1238.

ביבליאָגראַפיע: אזולאי, „שם הגדולים״; כאַנעס „תולדות הפוסקים״.

## אָליפאַנט לאָורענס

(1829 — 1888), בעריהמטער ענגלישער מלוכה־מאַן, וועלכער האָט זיך פיעל אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון יודען און האָט ערוועקט דעם געדאַנק ווענן גרינדען א יודישע מלוכה אין ארץ-ישראל. אליפאַנט איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1829 אין זיד-אפריקא. ער האָט א דאַנק זיין הויכער בילדונג און כאַראַקטער פערנומען הויכע פּאָליטישע שטעלונגען ביי דער ענגלישער רעגירונג, געווען דעפּוטאַט אין פּארלאמענט. אין יאָהר 1879 האָט ער זיך געווענדעט צו א רייה ענגלישע שטאַאַטס-מענער אז זיי זאָלען שטיצען זיין פּלאַן ווענען

קאָלאָניזירען יודען אין דער געגענד פון ירדן און גרינדען דאָרט א אויטאָנאָם יודיש לאַנד. אָליפאַנט האָט זיך וועגען דעם אויך בעמיהט ביים טערקישען סולטאַן, צו וועמען ארץ־ישראל האָט דעמאָלס געהערט. וועגען בעזעצען יודען אין עבר הירדן אין לאנד פון גלעד האָט אָליפאַנט אָבגעדרוקט אין יאָהר 1880 א ספעציעל בוך אין ענגליש „דהי לאַנד אָוו גילעד", וואו ער בעשרייבט דאָס לאַנד. אין יאָהר 1882 ווען עס זענען אויסגעבראָכען די פאָגראָמען אויף יודען אין רוסלאַנד און אַ סך זענען פון דאָרט אנטלאָפען קיין גאַליציען, איז אָליפאַנט אין נאָמען פון אַ ענגלישען הילפס־קאָמיטעט געקומען קיין גאַליציען און געהאָלפען די געליטענע מיט געלד און עצות, וואוהין זיי זאָלען ווייטער פאָהרען. פון גאַליציע איז אָליפאַנט געפאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפאָל, כדי נאָכאַמאָל צו ערוועקען ביים סולטאַן דעם פלאַן צו בעזעצען יודען אין ארץ־ישראל. פון דאָרט איז ער געפאָהרען מיט זיין פרוי אַלים קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיך בעזעצט אין חיפה ביים כרמל באַרג. דאָרט איז געוואָרען זיין סערעטאַר דער מחבר פון „התקוה", דער דיכטער נפתלי הערץ אימבער. אָליפאַנט האָט מיט זיין אייגען געלד געשטיצט די ערשטע יודישע קאָלאָניסטען אין ארץ־ישראל אין „זכרון יעקב". אין ארץ־ישראל האָט אָליפאַנט זיך דורכגענומען מיט דער נייגונג צו מיסטיציזם און בעקענענדיג זיך מיט דער יודישער קבלה האָט ער שטאַרק געגלויבט אין איהר. אין זיין בוך „סימפניימאַטאַ" דרוקט ער אויס זיין גלויבען, אז די יודען וועלען זיכער צוריקקומען אין זייער אייגען לאַנד. אָליפאַנט איז געשטאָרבען אויף זיינס א רייזע קיין ענגלאַנד אין יאָהר 1888.

ביבליאָגראַפיע: סאָקאָלאָוו, „געשיכטע פון ציוניזם"; יודיש ענגלישע ענציקלאָפעדיע; ציטראָן, „לקסיקון ציוני".

**אלי ציון** דער אָנהויב פון א קינה אין תשעה באב, וואָס ווערט געזונגען מיט אַ ספעציעלער מעלאָדיע. מיט דער זעלבער מעלאָדיע איז מען זיך נוהג אין די שוהלען און בתי מדרשים צו זינגען פרייטאָג צונאַכטס אין די „דריי וואָכען" דעם „לכה דודי". די קינה אלי ציון טרויערט אויף דעם חורבן פון לאַנד ארץ־ישראל וואָס ווערט דאָ בעצייכענט מיט „ציון". ווער עס איז דער מחבר פון ליעד און פון ווען עס שטאַמט די מעלאָדיע איז נישט בעקאַנט. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אז די מעלאָדיע איז זעהר אַנ'אלטע און שטאַמט פון שפּאַניען.

**אליקים כהן גדול** בעקאַנט איז ער אויך מיט זיין גריכישען נאָמען „אלקימוס". ער האָט געלעבט אין דער צייט פון 2־טען בית המקדש אין ירושלים ביים חשמונאים־אויפשטאַנד, ער איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 200 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג און איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 160. אין ספר חשמונאים ב' ווערט דערצעהלט, אז ער איז געווען כהן גדול און געהערט צו די יודען, וואָס האָבען געהאַלטען מיט'ן העלעניש־סירישען קעניג אַנטיוכוס וואָס האָט געוואָלט די יודען אסימילירען און מאַכען זיי פאַר גריכען. ער איז געווען דער הויפטפיהרער פון די דאָזיגע יודישע „מתיונים" (גריכישע אסימילאַטאָרען) אין ירושלים און ער האָט געקעמפט געגען יהודה המכבי און זיינע ברודער די חשמו־

נאַים־העלדען. ער האָט געטויט אַ סך פרומע יודען. ער האָט אויך געהייסען אומוואַרפען די מויער פון ירושלים, כדי די יודען זאָלען זיך נישט קאָנען פערטידיגען. ווי דער ספר חשמונאים דערצעהלט האָט אליקים בעקומען פלוצלינג אַ שלאַג, ער איז שטום געוואָרען און אין גרויסע יסורים איז ער געשטאָרבען.

עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דער אַלקימוס־אַליקים איז דער זעלבער וואָס ווערט געבראַכט אין מדרש בראשית רבה ס"ה און מדרש תהלים י"א מיט'ן נאָמען „יקום איש צרורות" און אויך מעגליך „יקום איש צרדה", און ער איז געווען אַ שוועסטערען־זוהן פון סנהדרין פיהרער יוסי בן יועזר איש צרדה וואָס ווערט דערמאָהנט אין ערשטען פרק פון „פרקי אבות". אין מדרש ווערט דערצעהלט, אַז דער „יקיר" האָט עובר געווען אויף דער יודישער רעליגיע און איז געפאָהרען אויף אַ פערד אים שבת, און ער האָט געזעהן ווי מען פיהרט זיין פעטער יוסי בן יועזר צו דער תליה צו טויטען איהם. זיין פעטער האָט זיך אָנגערופען צו איהם, אַז גאָט וועט איהם בעשטראָפען פאַר זיינע שלעכטע מעשים, דאָס האָט געווירקט אויף יקים און ער האָט זיך זעלבסט געטויט, און ער איז אריין אין גן עדן. צי דאָס איז ווירקליך דער זעלבער אַלקימוס איז שווער צו זאָגען.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; ווייס, „דור דור ודורשיו"; דערענבורג, „משא ארץ־ישראל"; „אוצר ישראל" („אליקים").

**אליקים שק** אַ מחבר און איבערזעצער פון ספרים אויף דער אַלט־יודישער שפּראַך. זיין פאָטער האָט געהייסען יעקב. אליקים שק איז געבוירען געוואָרען אין דער 2־טער העלפט פון 17־טען יאָהרהונדערט אין קאַמאַרנאַ (גאַליציען) און איז געשטאָרבען פאַר דעם יאָהר 1709 אין אַמסטערדאַם, וואו ער איז געווען חזן און מגיד. ער האָט איבערזעצט אויף יודיש דאָס היסטאָרישע ספר „שבט יהודה" (געדרוקט יאָהר 1700), דעם סדור („תפלות מכל השנה" געדרוקט יאָהר 1703), תחינות, תהלים, סליחות, דעם שיר היחוד, ווי אויך די חמש מגילות. לויט זיין איבערזעצונג פון די „חמש מגילות" האָט מען געלערענט מיט יונגלעך אין די חדרים. למשל דעם אָנהויב פון „שיר השירים" „איין געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, אַנ'אַנדער געזאַנג איז קודש, דאָס געזאַנג איז קודש קדשים". ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ יודיש ווערטער־בוך צו חומש און חמש מגילות מיט'ן נאָמען „מלמד שיח" (יאָהר 1710). ער האָט אויך איבערזעצט רבי מנשה בן ישראל'ס „מקוה ישראל", אויך געשריבען ספרים אויף העברעאיש („לשון לימודים" און „רפואות הנפש").

ביבליאָגראַפיע: שולמאַן, „שפת יהודית אשכנזית"; רייזען, לעקסיקאָן (1914).

**אלישבע** אין חומש שמות ו' ווערט דערצעהלט, אַז זי איז געווען דאָס ווייב פון אהרן הכהן און די שוועסטער פון נחשון דעם נשיא פון שבט יהודה. אין דער גמרא סוטה י"א ווערט דערצעהלט וועגען איהר פערשיעדענע דרשות.

**אלישבע** (געבוירען אין יאָהר 1895) פּסעוודאָנים פון אַ קריסטליכער רוסישער שריפטשטעלערין, וועלכע האָט אָנגענומען דאָס יודענטום. זי הייסט יעליזאַוועטאַ זשירקאָווא און איהר פאָטער איז געווען אַ זוהן פון אַ פויער, זי האָט בעקומען איהר ערציה־

אונג אין מאָסקווע. א דאַנק איהר'ס א יודישער שול־חברטע האָט זי זיך געלערענט יודיש און העברעאיש, חתונה געהאַט מיט אַ יוד (ביכאָווסקי) און האָט אונטער דעם פסעוודאָנים אלישבע געדרוקט ליעדער אויף העברעאיש. א זאַמלונג ליעדער איז ערשינען אין תל־אביב מיט'ן נאָמען „כוס קטנה". איצט וואוינט אלישבע אין תל-אביב.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**אלישע** נביא אין מלכות ישראל איז דער צייט פון ערשטען בית המקדש. אין ספר מלכים א' י"ט ווערט דערצעהלט אז גאָט האָט געזאָגט צו אליהו הנביא (וועלכער איז באַלד דערנאָך ארויף אין הימעל) אז ער זאָל מאַכען פאַר א נביא אלישע בן שפט פון אבל מחולה. אליהו האָט געטראָפען אלישע'ן ווי ער האָט געאַקערט אין פעלד, און ער האָט איהם גענומען מיט זיך און געמאַכט אַלס נביא. ווען אליהו איז ארויף איןהימעל איז אלישע געוואָרען נביא אויף זיין אָרט און אָנגעפיהרט מיט די בני הנביאים. אלישע האָט געמאַכט אַלס קעניג יהוא בן נמשי און ער האָט זיך בעזעצט אין שמרון, נאָכדעם ווי ער האָט פריהער געוואוינט ביים ירדן. ער האָט דורכגעפיהרט די נקמה געגען די געצענדינערישע „בעל"־נביאים. אין ספר מלכים ב' ווערט דערצעהלט וועגען אלישע'ן אז ער האָט זיך געמישט אין די פּאָליטישע ענינים צווישען דעם מלכות ישראל און ארם, ווי אויך אז ער האָט בעוויזען א סך נסים און צוריקגעבראַכט צום לעבען דעם טויטען קינד פון א פרוי אין שונם ווי אויך אנדערע ניסים. זיין דינער האָט געהייסען גחזי. אין דער גמרא און מדרש ווערען געבראַכט פיעל דרשות וועגען דער גרויסקייט פון אלישע הנביא.

די מאָדערנע ביבעל - קריטיק וויל האָבען, אז אלישע איז געווען ספּעציעל פּאָליטיקער, וואָס האָט געהאָלפען דורכפיהרען דעם שטאַאַטס-אַטענטאַט געגען דער אחאב־דינאַסטיע וואס האט געוואָלט פיהרען צום בונד מיט די מלכים פון צור וצידון ביים ים-ברעג.

ביבליאָגראַפיע: קיטעל, „תנך-וויסענשאַפט"; גרעץ, „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אלישע בן אבויה** (אחר), תנא אין ארץ־ישראל אין דער צייט באַלד נאָך דעם חורבן, וועלכער איז אוועק פון יודישקייט און דעריבער ווערט ער אין דער גמרא אויך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „אחר" (אַן־אַנדערער). דער ירושלמי אין חגיגה פ"ב דערצעהלט, אז דער פאָטער פון אלישע, אבויה, איז געווען פון די אָנגעזעהענסטע אין ירושלים, און אויף זיין זון'ס ברית האָט ער איינגעלאַדעט די תנאים רבי אליעזר, רבי יהושע, וועלכע האָבען ביי דער סעודה געשמועסט דברי תורה, און אַ פייער פון הימעל איז אראָב און האָט זיי ארומגערינגעלט, דעמאָלס האָט אבויה זיך אָנגערופען, אז אויב דער כח פון תורה איז אזוי גרויס וועט ער אוועקגעבען זיין זוהן אלישע צום לערנען, און דער ירושלמי בעמערקט דערצו אז וויל דאָס לערנען פון אלישע האָט געהאַט א גרונד נישט „לשמה" (פאַר דער תורה וועגען זעלבסט) נאָר פאַר דער אויסערליכער גרויסקייט, דעריבער איז ער ארויס לתרבות רעה. אין דער גמרא געפינען מיר, אז ווען אלישע איז נאָך געווען א צדיק איז ער געווען א גרויסער למדן און האָט געהערט צו די

תנאים. אין דער גמרא מועד קטן כ׳ געפינט מען וועגן א שאלה, וואס מען האט געפרעגט אלישע׳ן. אין פרקי אבות פרק ד׳ געפינט מען א ווארט אין נאמען פון אלישע בן אבויה (דעם טיטול „רבי‟ האט ער נישט) אז „הלומד ילד למה הוא דומה, לדיו כתובה על נייר חדש‟ (אז איינער לערנט פון קינדווייז אויף איז עס ווי איינער שרייבט אויף ניי פאפיר) דאס הייסט, עס האלט זיך בעסער און דאס לערנען איז קלארער. דער יודישער געלעהרנטער וויים אין זיין „דור דור ודורשיו‟ (באנד 2) מיינט, אז דאס האט אלישע געזאגט געגען תנא רבי עקיבא, וועלכער האט דעמאלס געלעבט און וועלכער האט, ווי בעוואוסט, גענומען זיך לערנען שפעט. מיר געפינען אויך אז אלישע׳ס תלמיד איז געווען דער תנא רבי מאיר, וועלכער האט געלערנט ביי איהם תורה אויך נאכדעם ווי ער איז אוועק פון יודישקייט.

וועגן דעם איבערברוך אין אלישע׳ס לעבען איז פאראן אין דער גמרא נישט קלארע ווערטער. אין חגיגה ט״ו איז פאראן די בעקאנטע מעשה אז „ארבעה נכנסו לפרדס‟. פיער תנאים האבען זיך גענומען בעשעפטיגען מיט דער פילאזאפיע וואס הייסט „פרדס‟. בן עזאי, בן זומא, אלישע בן אבויה און רבי עקיבא. רבי עקיבא׳ן האט עס נישט געשאט, בן עזאי איז געשטארבען, בן זומא איז צעדודערט געווארען. און אלישע בן אבויה „קיצץ בנטיעות‟, האט געהאקט אין די צווייגען, דאס הייסט, אז ער איז אוועק פון יודישקייט. דארט אין דער גמרא חגיגה ט״ו ווערט דערצעהלט וועגען איהם אז ער האט געטהון א סך עבירות, געפאהרען אום שבת, געגעסען טריפות, געלעבט מיט זונות, און דערפון האט מען געזאגט „אחר הוא‟, ער איז געווארען אן׳אנדערער. מען האט איהם געהאלטען פאר אזוי שלעכט, אז מען האט געזאגט, אז אלע רשעים קאנען תשובה טהון א חוץ „אחר‟. אין וואס איז בעשטאנען דאס „אריינגעהן אין פרדס‟ און וואס זענען געווארען די אפיקורסישע אנשויאונגען פון אלישע, — וועגען דעם זענען פאראן פערשידענע השערות פון די מאדערנע היסטאריקער. טייל מיינען, אז ער איז געווארען א קריסט (אין גמרא שטעהט אז „ספרי טועין היו נושרין מתוך חיקו‟ ער האט געלעזען אין די „ספרי טועין‟, דאס זאל מען מיינען דעם עוואנגעליום). וויים אין „דור דור ודורשיו‟ מיינט, אז אלישע איז געווארען איינער פון די „גנאסטיקער‟ (יודעים), וואס האבען געהאלטען, אז גאט האט בעשאפען די וועלט דורך א נידעריגערען גאט פון זיך, און דער דאזיגער נידריגערער גאט הערשט איבער דער וועלט. זיכער איז עס נישט.

זיין תלמיד רבי מאיר האט ווייטער געלערנט ביי איהם תורה, און אז מען האט איהם געפרעגט פארוואס ער טהוט עס האט ער געענטפערט „רימון מצא, תוכו אכל וקליפתו זרק‟ (ער האט געפינען א מילגרוים, דעם אינהאלט האט ער אויפגעגעסען און די ביטערע שאל האט ער אוועקגעווארפען). אין ירושלמי חגיגה ווערט געבראכט אז רבי מאיר האט מבקר חולה געווען אלישע׳ן פאר זיין טויט און ער האט איהם געזעהען וויינען און ער האט ערקלערט, אז אלישע איז געשטארבען טהוענדיג תשובה. אלישע האט געהאט אן׳איניקעל פון א טאכטער, רבי יעקב, פון וועלכען עס ווערען געברענגט ווערטער אין דער גמרא.

ביבליאָגראַפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו" (באַנד 2); כמאָלענסקין, אין „השחר" אין זיין מאמר „עם עולם" וואו ער שטעלט זיך אָב בריטער אויף אלישע בן אבויה; האָפּמאַן, „תולדות בן אבויה" (וויען 1880); גרעץ' „געשיכטע"; בערנפעלד, „דעת אלהים"; יעלינעק, „אלישע בן אבויה" (דייטש). יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אלישר יעקב שאול** (געבוירען 1817 געשטאָרבען 1906). בעריהמטער חכם באשי אין ירושלים. ער האָט געשטאַמט פון אַ יודיש־אַשכנזישער פאמיליע פון רבי יעקב ווילנער, וואָס איז צוזאַמען מיט רבי יהודה חסיד געקומען קיין ירושלים אין יאָהר 1700. אָבער די פאמיליע האָט זיך אויסגעמישט מיט די ספרדישע יודען און זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „אלישר". רבי יעקב שאול איז געווען א גרויסער למדן און בעל מקובל, און ער האָט אין יאָהר 1893 אָנגענומען דעם הויכען אַמט אַלס ירושלימער חכם־באשי (העכסטער רב) וועלכער האָט געהאַט ביי די טערקישע צייטען אויך געוויסע רעגירונגס־רעכט. רבי יעקב שאול האָט מחבר געווען א רייה ספרים, וואָס אין אלע טיטולען זייערע איז פאַרהאַן דאָס וואָרט „איש" (יעקב שאול אלישר), ווי „קרב איש", „איש אמונים", „דברי איש" און אנדערע, אויף הלכות און דרושים.

ביבליאָגראַפיע: פרומקין, „תולדות חכמי ירושלים"; גראַיעווסקי, „זכרון לחובבים הראשונים".

**אלכימיע** מיט דעם וואָרט ווערט בעצייכענט די קונסט, — וואָס מען האָט געגלויבט אין מיטעלאַלטער— צו מאַכען געלד פון אנדערע איינפאַכע מעטאַלען און מאַטעריאַלען. די אלטע אַלכעמיקער האָבען געגלויבט, אז עס איז פאַרהאַן אזא געהיימניספולער שטיין (שטיין פון קלוגע, „אבן החכמים", אויך „פילאָזאָפישער שטיין"), וואָס מיט זיין הילף קאָן מען מאַכען גאָלד און אויך היילען פערשידענע קראַנקהייטען, און זיי האָבען דעם שטיין געזוכט. אויך צווישען די יודען אין מיטעלאַלטער זענען געווען א סך אַלכעמיסטען, וועלכע האָבען געגלויבט, אז שוין תובל קין (בראשית ד') האָט געהאַט דעם „שטיין", און אז אויך שלמה המלך האָט איהם געהאַט און דעריבער איז ער געווען אזוי רייך אין גאָלד. דער מקובל רבי חיים וויטאַל (ווי עס ווערט דערצעהלט אין „שבחי רבי חיים וויטאַל") האָט זיך בעשעפטיגט מיט אַלכעמיע. אויך אַנדערע יודישע חכמים האָבען זיך דערמיט פערנומען. אין מיטעלאַלטער האָט מען ביי קריסטען דערצעהלט וועגען די יודען ,יעקב דער פילאָזאָף", „יאָאַן אשכנזי" און „רבי אברהם אליעזר" וואָס האָבען געהאַט דעם שטיין. פון דעם דאָזיגען „רבי אברהם אליעזר" איז ערשינען (יאָהר 1735 אין ערפורט) א דייטש ווערק וועגען אלכעמיע. די נעמען זענען אלע אויסגעטראַכטע.

ביבליאָגראַפיע: רובין, „אבן החכמים"; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אלכסנדר** (נאָמען פון אָנגעזעהענע יודישע פירשטען און פערזאָנען אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש), דער נאָמען אלכסנדר שטאַמט פון גריכישען און ער איז איינגעפיהרט געוואָרען ביי יודען (לויט אַנ'אלטער לעגענדע אין „יוסיפון") אין 4־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ווען אלכסנדר מוקדון איז אַריין מיט זיין אַרמעע קיין ארץ־ישראל. דעם ערשטען נאָמען „אַלכסנדר"

בײ יודען טרעפען מיר ערשט פיעל שפּעטער אין די צייטען פון די חשמו־נאים־פירשטען. דער נאָמען אלכסנדר איז פערשפּרייט בײ יודען דורך דעם גאַנצען מיטלאַלטער און אויך אין דער נייער צייט און ער געהט צוזאַמען מיט׳ן נאָמען „זיסקינד", „זישא" און אויך ליפּמאַן. מיר ברענגען דאָ וועגען די סאַמע אָנ־געזעהענסטע פּערזענליכקייטען אין דער יודישער געשיכטע.

1) אלכסנדר ינאי. ער איז דער בע־ריהמטער חשמונאים־קעניג און כהן גדול, וואָס האָט געהערשט איבער די יודען פון יאָהר 103 ביז 76 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. אין דער גמרא ווערט ער אָנגערופען „ינאי המ־לך" (קידושין ס"ו). ער האָט, ווי פּלאַ־וויוס אין זיין „מלחמה" און „קדמו־ניות" דערצעהלט, געפיהרט גרויסע מלחמות מיט די שכנישע לענדער און ער האָט פעראייניגט צו ארץ־ישראל א סך געגענדען. צוליב זיינע מלחמות איז ער געוואָרען שטאַרקער בעפריינדעט מיט די יודישע מיליטער - גענעראַלען וואָס האָבען געהערט צו דער „צדוקים"־פּאַרטיי. ער האָט דעריבער אָנגעהויבען שטאַרק קעמפּפען געגען דער פּרושים־פּאַרטיי, צו וועלכען עס האָבען געהערט די יודישע חכמים. עס זענען געגען איהם אויסגעבראָכען אינערליכע אויפ־שטאַנדען פון די יודען. אלכסנדר ינאי האָט פיעל יודען געטויט. א סך חכמים זענען דעמאָלס ענטלאָפען קיין אַלעק־סאַנדריען (אין מצרים). ווי די גמרא (ברכות מ"ח) דערצעהלט איז אלכסנדר ינאי געווען א שוואָגער פון סנהדרין פיהרער שמעון בן שטח, וועלכער האָט זיך אויך געמוזט פאַר איהם בעהאַלטען. ער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 51 יאָהר. די גמרא סוטה כ"ב דערצעהלט, אז פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, דער פרומער קעניגין שלומית. פאַר די פּרושים נאָר פאַר די „צבועים", וואָס אין געהיים טהוען זיי אלע שלעכ־טע זאַכען און מאַכען זיך פרום. פון אלכסנדר ינאי זענען פאַרהאַן מטבעות אויף וועלכע עס שטעהט אויפגעשרי־בען דער נאָמען „יונתן", וואָס איז גע־ווען זיין העברעאישער נאָמען (דערפון איז פערקירצט „ינאי").

2) אלכסנדר, זוהן פון אריסטובלוס. ער איז געווען דער זוהן פון חשמו־נאים-מלך אריסטובלוס דער 2־טער. ווען דער רוימישער מיליטער־פיהרער פּאָמ־פּעאוס האָט אין יאָהר 63 (פאַר דער קריסטליכער צייט-רעכענונג), איינגע־נומען ארץ־ישראל, האָט ער אוועקגע־פיהרט אלכסנדר׳ן אלס קריגסגעפאַנגע־נעם קיין רוים. אלכסנדר איז אויפ׳ן וועג ענטלאָפען און האָט געפיהרט אין ארץ־ישראל גרויסע אויפשטאַנדען גע־גען דעם רוימישען מיליטער. אין יאָהר 49 איז ער גענומען געוואָרען געפאַנגען און לויט דעם בעפעהל פון פּאָמפּעאוס האָט מען איהם געטויט.

3) אלכסנדר דער זוהן פון הורדוס. פלאוויוס דערצעהלט די טראַגישע גע־שיכטע פון דאָזיגען זוהן פון הורדוס המלך און זיין ווייב, דער חשמונאים־טאָכטער מאַריאַמע. צוליב אינטריגעס אויף׳ן הויף פון קעניג הורדוס, איז אלכסנדר ארעסטירט געוואָרען דורך זיין אייגענעם פאָטער, וועלכער האָט גע־לאָזט טויטען זיין דאָזיגען זוהן (צו־זאַמען מיט׳ן 2־טען זוהן אריסטובלוס) אין יאָהר 9 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

4) אלכסנדר הקנאי. איינער פון די אָנפיהרער פון דער קנאים (זעלאָטען)־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, לערך 50 יאָהר

נאָך דער קריסטליכער ציטרעכענונג. ער איז געווען אַ גרויסער יודישער פאַטריאָט און האָט געפיהרט מלחמות געגען די יודישע שונאים. דער רוימישער פּראָקוראטאָר אין ארץ-ישראל האָט איהם געוואָלט טויטען, אָבער ער איז ניצול געוואָרען.

5) אלכסנדר טיבעריוס. א געשמד'טער יוד פון דער שטאָדט אלעקסאַנדריען אין מצרים, אין דער צייט פון חורבן בית שני, ער איז געווען רוימישער מיליטער-קאָמאַנדיר. ער האָט געשטאַמט פון גרויסען יחוס (זיין פעטער איז געווען דער בעריהמטער פילאָזאָף פילאָן). ביי אַנ'אויפשטאַנד פון יודען אין אַלעקסאַנדריען האָט ער אויסגעטויט אַ סך יודען. אלכסנדר טיבעריוס האָט בעגלייט דעם רוימישען מיליטער-פיהרער טיטוס ביים אייננעהמען ירושלים.

6) וועגען „אלכסנדרה המלכה" (ינאי המלך'ס ווייב) געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „שלמציון המלכה".

7) וועגען אלכסנדר מקדון געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אלעקסאַנדער מוקדון".

8) וועגען דער שטאָדט „אלכסנדריה של מצרים" געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אלעקסאַנדריען".

ביבליאָגראַפיע: די אַלע סיפורים וועגען די חשמונאים-פירשטען און די אַנדערע יודישע פערזענליכקייטען פון בית שני געפינט מען אַממערסטען אין די ווערק פון פלאַוויוס „יודישע מלחמה" און „קדמוניות"; גרעץ, „געשיכטע"; ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין" ביים ערך „אלכסנדרוס"; שירער „געשיכטע"; הלוי, „דורות הראשונים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַלכסנדרי כהן

אויך „זוסלין פון פראנקפורט"; בעקאַנטער פוסק און מחבר אין אָנהויב 14־טען יאָהרהונדערט. ער האָט געוואוינט אין פראנקפורט און איז געשטאָרבען פאַר'ן יאָהר 1349. בעריהמט איז געווען זיין ספר „אגודה", א ליקוט פון פערשידענע הלכות און מנהגים (געדרוקט קראקא 1571). דאָס ספר ווערט געבראַכט דורך די שפּעטערדיגע פוסקים און מען איז זיך סומך אויף איהם אין הלכה-זאַכען. זיין ספר „אגודה" דינט אויך אַלס קוועלע צו קענען לערנען דאָס יודישע לעבען אין דייטשלאַנד אין מיטעלאַלטער.

ביבליאָגראַפיע: גידעמאַן אין זיין „התורה והחיים"; מיכאל, „אור החיים"; „אוצר ישראל".

## אַלמאָהאַדען

מאַכמעדאַנישע הערשער-דינאַסטיע אין צפון-אפריקא און שפּאַניען אין דער 2־טער העלפט פון 11-טען יאָהרהונדערט. ווען דער הערשער פון דער דאָזיגער דינאַסטיע אבדאל-מומין האָט איינגענומען אין יאָהר 1146 מאַראָקאָ האָט ער געצוואונגען אַלע דאָרטיגע יודען אָנצונעהמען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע. וועגען דעם איז פאַרהאַן די בעקאַנטע תשובה פון רמב"ם צי ביים צווינגען אָנצונעהמען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע איז אויך דער דין פון „יהרג ואל יעבור" (מען דאַרף זיך לאָזען טויטען און נישט שמדען זיך).

## אַלמאָראַווידען

מאַכמעדאַנישע הערשער-דינאַסטיע אין צפון-אַפריקאַ אין 11-טען יאָהרהונדערט. די דאָזיגע הערשער האָבען זיך גוט בעצויגען צו יודען. ביי איינעם פון די הערשער האָט פערנומען אַ הויכען אַמט רבי אברהם בר חייא הנשיא, דער מחבר פון „צורת הארץ".

## אַלמולי

יודיש-ספרדישע פאַמיליע, די וויכטיגסטע פערזענליכ־

קיטען פון איהר זענען געווען: נתנאל בן יוסף, א דאָקטאָר מעדיצין אין סאָראגאָסאַ צום סוף פון 13-טען יאָהרהונדערט. ער האָט איבערזעצט דעם פירוש למשניות פון רמבם אויף קדשים פון אראביש אויף העברעאיש, — שלמה בן יעקב, דאָקטאָר אין 16-טען יאָהרהונדערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט מחבר געווען „הליכות שבא" (יאָהר 1519) אויף דקדוק, און „פתרון חלומות" וועגען חלומות לויט דער גמרא און זוהר (געדרוקט סאַלאָניקי 1516 און שפּעטער נאָך פיעל מאָל). דער „פתרון חלומות" איז אויך איבערזעצט געוואָרען אויף יודיש. ער האָט אויך געשריבען „שער השם החדש", א פילאָזאָפיש ווערק וועגען השארת הנפש (יאָהר 1533).

ביבליאָגראַפיע: יודיש ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַלמוקמץ דוד** בעריהמטער יודישער פילאָזאָף, וואָס האָט דער ערשטער, נאָך חתימת התלמוד מחבר געווען פילאָזאָפישע ספרים. עס איז נישט גענוי קלאָר ווען ער האָט געלעבט. מען נעהמט אָן, אז ער האָט געלעבט אין 9-טען יאָהרהונדערט אין בבל. עס איז פאראַן א מיינונג, אז ער איז געווען א קאַראַאימער. ער ווערט געבראכט דורך די שפּעטערדיגע פילאָזאָפען. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט בעקאַנט געמאַכט די יודישע חכמים מיט די פילאָזאָפישע מיינונגען פון די אלטע גריכען (אריסטאָ) ווי אויך מיט דער אראבישער פילאָזאָפיע.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע" גיט א אויספיהרליכע אָבהאַנדלונג פון אלמוקמץ; אין יאָהר 1908 האָט הארקאווי געפינען אַ פילאָזאָפיש כתב יד פון אלמוקמץ; אויך אין דער קאהירער „גניזה" האָט מען געפינען זיינס אַ כתב יד; יודיש-רוסישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַלמושנינו משה** רב אין דער ספּרדישער קהלה אין סאַלאָניקי אין 16-טען יאָהרהונדערט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1510, געשטאָרבען 1580. אַלס רב פון סאַלאָניקי האָט ער געבעטען ביים טערקישען סולטאַן שוץ פאר די יודען. ער האָט מחבר געווען א ריהע בעקאַנטע ספרים: „יסוד מורא" אויף די חמש מגילות ווי אויך אויף פרקי אבות (סאַלאָניקי 1563), „מאמץ כח" (ווענעציע 1588) און אנדערע. ער האָט אויך פערפאַסט ספרים אויף שפּאַניאָליש ווי אויך אויף שפּאניש איבער געשיכטע.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; יודיש ענגלישע ענציקלאַפעדיע.

**אַלמי א.** (געבוירען 1892), בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער אין אמעריקא. אלמי, וועמענס נאָמען איז אליהו חיים שעפס איז געבוירען געוואָרען אין ווארשא, וואו ער האָט געארבייט אין דער טאָג-צייטונג „מאָמענט" (דאָרט פערעפענטליכט „מעשהלעך פון דער פּאָוסטאניע"), געדרוקט לידער. אין יאָהר 1912 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האָט געארבייט אין די דאָרטיגע יודישע צייטונגען און זשורנאַלען. אלמי האָט זיך בעשעפטיגט מיט די פּראָבלעמען פון מיסטיציזם און פערעפענטליכט אין יודיש וועגען דעם א ריהע ארטיקלען און ביכער.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**אל מלא רחמים** בעקאַנטע תפילה, אין וועלכער מען בעט גאָט פאר די נשמות פון פערשטאָרבע-

נע. עס איז שווער בעסטצושטעלען ווען די תפלה איז פערפאסט געוואָרען; מען נעהמט אָן אַז אין 11־טען יאָהרהונ־ דערט נאָך די שחיטות אויף יודען פון די „קרייץ־פאַהרער" אין דייטשלאַנד. דעם אל מלא רחמים מאַכט מען גע־ וועהנליך אין שבת פון דער וואָך, ווען עס פאַלט אויס די יאָהרצייט פון פער־ שטאָרבענעם. מען מאַכט א אל מלא רחמים אויפ'ן בית עולם אויף דעם קבר פון פערשטאָרבענעם.

ביבליאָגראַפיע: עלבויגען, תולדות התפלה"; יודיש ענגלישע ענציקלאָפעדיע.

**אַלנאַקוה** בעריהמטע יודישע פאַמיל־ יע אין שפּאניען. די וויכ־ טיגסטע פערזענליכקייטען פון איהר זע־ נען געווען: 1) אפרים בן ישראל, דאָק־ טאָר רב און מחבר, גרינדער פון דער יודישער קהלה אין טלעמסען אין צפון־ אפריקא, ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1442, און זיין קבר ווערט נאָך היינט בעזוכט דורך א סך יודען, די ערד פון זיין קבר ווערט בעטראַכט אלס א סגו־ לה. — 2) ישראל בן יוסף אלנאַקווה, וועלכער איז פערברענט געוואָרען אויף קידוש השם אין יאָהר קנ"א (1391) אין שפאניען אין טאָלעדאָ; ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „מנורת המאור", פון וואנען רבי יצחק אבוהב האָט גע־ נומען שטיקער פאַר זיין אייגענעם „מנורת המאור". דער „מנורת המאור" פון רבי ישראל אלנאַקוה איז ארויס־ געגעבען געוואָרען דורך ענעלאָוו אין ניו־יאָרק 1928 און ווייטער. — 3) יהודה און שמואל אלנאַקוה וועגען וועל־ כע דער „שבט יהודה" דערצעהלט, אז מען האָט זיי אויפגעהאַנגען אין טאָ־ לעדאָ אין יאָהר 1200 צוליב א חשד, אַז זיי האָבען געגנבעט גאָלדענע זאַ־ כען פון מלך'ס הויף, און נאָך זייער טויט איז מען דערגאַנגען אז זיי זענען געווען אומשולדיג. — 4) רבי יום טוב אלנאַקוה מחבר פון שאלות ותשובות (געדרוקט סאַלאָניקי 1788).

ביבליאָגראַפיע: ענעלאָוו צו זיין אויסגאַבע פון „מנורת המאור" אין ניו־יאָרק; גרעץ, „געשיכטע"; גירונדי, תולדות גדולי ישראל; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַלער** תנא, פאַטער פון תנא רבי יהודה. ער האָט געלעבט אין 2־טען יאָהרהונדערט, און איז געווען א תלמיד פון רבי אליעזר און רבי ישמעאל. מען רופט איהם אויך רבי אלעי הזקן, כדי איהם אונטערצושיי־ דען פון דעם אמורא רבי אלעי. פון דאָזיגען תנא ווערט א חוץ פערשידענע הלכה־זאַכען געבראַכט אין דער גמרא עטליכע לעבנס־קלוגע ווערטער, ווי „בשל־ שה דברים אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכע־ סו" (אין דריי זאַכען קאָן מען דערקע־ נען א מענש, אין געלד, אין טרינקען און אין כעס זיין); דאָס איז אין עירו־ בין ס"ה.

ביבליאָגראַפיע: „תולדות תנאים ואמו־ ראים" פון היימאַן; „מבוא המשנה"; ענציקלאָ־ פעדיעס.

**אַלעגאָריע** דאָס איז א גריכיש וואָרט און דער טייטש דערפון איז צו ערקלערען א געוויסע זאַך, צי ערצעהלונג צי א בילד, נישט אלס די זאַך און ערצעהלונג און בילד זעלבסט, נאָר אלס א משל, א פאַרשטעלונג פון עפּעס אנדערש. צום ביישפּיעל, דאָס ספר שיר השירים אין תנך וואו עס ווערט בעזונגען די ליבע פון מיידעל שולמית צום קעניג שלמה און פון שלמה צו שולמית, ווערט אין די רע־ ליגיעזע יודישע ספרים, שוין אין דער צייט פון דער גמרא, אויסגעטייטשט אלס אלעגאָריע, א משל צו דער ליבע

פון יודישען פאלק (כנסת ישראל) צו גאָט. אין תנך געפינען מיר די ערשטע שפּורען פון אלעגאָריעס אין דעם משל פון יותם אין ספר שופטים ט'; אויך אין ישעיה, יחזקאל זענען פאראן א סך אלעגאָרישע בילדער. אין דעם אגודה־טייל פון גמרא און מדרש איז איינע פון די מעטאָדען אויסצוטייטשען פּסוקים פון תנך דער משל, די אלעגאָריע. — אין דער יודישער פילאָזאָפיע איז געווען די בעריהמטע שולע אין אלעקסאנדריען (1־טען יאָהרהונדערט) פון פילאָן, וועלכע האָט בכלל אויסגעטייטשט אלע סיפּורים פון תנך אלעגאָריש, די מעשה פון קין און הבל, די דריי אבות, אז דאָס זענען אייגענשאַפטען פון מענש'ס נשמה, כחות אין דער נאַטור וכדומה. אויך אין מיטעלאַלטער אין 13־טען און 14־טען יאָהרהונדערט, איז אין הרום־פראנקרייך געווען א פילאָזאָפישע שולע, וואָס האָט אויסגעטייטשט אלע געשעה־ענישען פון חומש אלעגאָריש, אז דאָס זענען נאָר משלים פאר געוויסע פילאָ־זאָפישע אידעען. געגען די דאָזיגע אלעגאָ־ריסטען איז העפטיג ארויסגעטרעטען דער רשב"א (רבי שלמה בן אדרת) אין זיין בעריהמטער תשובה וועגען לער־נען פילאָזאָפיע. עס איז צו בעמערקען, אז אויך אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע זענען געווען ריכטונגען, וואָס האָבען אויסגעטייטשט אלעגאָריעס פערשידענע סיפּורים פון עוואַנגעליום.

ביבליאָגראַפיע: איבער דער אלעגאָריע־ריכטונג ביי פילאָן און מיטעל־אַלטער, גרעץ, „געשיכטע; בערנפעלד, „דעת אלהים; גידעמאַן „התורה והחיים.

**אלעזר, איתמר** צוויי זוהן פון אהרן הכהן (חומש שמות כ"ג. נאָכ'ן טויט פון אהרן איז אלעזר געוואָרען כהן גדול (במדבר כ'), און ער צוזאַמען מיט יהושע בן נון (נאָכ'ן טויט פון משה רבנו) האָבען אריינגע־פיהרט די יודען פון מדבר קיין ארץ־ישראל (יהושע י"ד). אין דער צייט איידער עס איז געבויט געוואָרען דער בית המקדש דורך שלמה המלך איז געווען א קאַמף ארום דער כהונה גדולה צווישען די אייניקלעך פון אלעזר און די אייניקלעך פון איתמר; צוערשט עלי הכהן און דערנאָך ביי דוד המלך איז א אייניקעל פון איתמר (אביתר) געווען כהן, ערשט שלמה המלך האָט געמאַכט צוריק פאר כהן גדול צדוק פון אלעזר'ס אייניקלעך.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אלעזר החוזה** יודישער אסטראָ־לאָג וואָס זאָל האָבען געלעבט אין דייטשלאַנד אין 15־טען יאָהרהונדערט; ער האָט מחבר גע־ווען א ספר „גיא חזיון", א זאַמלונג פון אסטראָלאָגישע לעהרען לויט פערשי־דענע ספרים און ביכער; ער ברענגט דעם „אבן עזרא", „לעאָפּאָלד פון עסט־רייך", קאָפּערניק און אויך ארבישע אַסטראָלאָגען. מען גלויבט, אז ער האָט מחבר געווען אויך דעם „ספר הגורלות".

ביבליאָגראַפיע יודיש'ענגלישע ענצי־קלאָפּעדיע; „אוצר ישראל".

**אלעזר בן חנניה** איז סוף פון דער אלטער יודישער היסטאָריע־כראָניק „מגילת תענית", וואָס פערצייכענט די וויכטיגע געשעהע־נישען ביי יודען אין דער צייט פון בית שני, איז פאראן אז דער מחבר פון דער כראָניק איז געווען רבי אלעזר בן חנניה בן גרון. אין דער גמרא שבת י"ג ווערט געזאָגט, אז דער מחבר פון מגילת תענית איז „חנניה בן חזקיה

בן גרון". רבי אלעזר האָט געלעבט וואהרשיינליך אין דער צייט פון חורבן בית שני (70 יאָהר לויט דער קריסטליכער צייטרעכענונג. דער היסטאָריקער גרעץ אין זיין „געשיכטע" (צום סוף אין דער „נאָטע") וויל האָבען, אז דאָס איז דער זעלבער אלעזר בן ענן כוהן גדול, וועגען וועלכען פלאַוויוס דערצעהלט אין זיין „יודישע מלחמה", אז ער האָט אָנגעהויבען דעם אויפשטאַנד געגען דער רוימישער הערשאפט. די נעמען „ענן" און „חנניה" פלעגען ווירקליך פערטוישט ווערען. פון רבי אלעזר בן חנניה זענען פאַרהאַן עטליכע ווערטער: אין מכילתא יתרו, אז וואָס איינער האָט א גוטע זאך דאַרף ער עס בעהאַלטען אויף שבת; אין מסכת שמחות פ"ו ווערט דערצעהלט, אז ער איז געווען א גרויסער בעל בטחון.

ביבליאָגראַפיע: היימאַן, „תולדות תנאים ואמוראים" (וועגען דער פראַגע פון מחבר פון „מגילת־תענית"; גרעץ, „געשיכטע יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אלעזר חסמא** תנא פון דער משנה, געלעבט אין 2־טען יאָהרהונדערט, געווען א תלמיד פון תנא רבי יהושע (חגיגה ג'). אין הוריות י' ווערט דערצעהלט וועגען איהם, אז ער איז געווען אויך אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און ער האָט געוואוסט איבערצוצעהלען וויפיל טראָפּענס וואַסער עס איז דאָ אין ים. רבי אלעזר חסמא (טייל מאָל הייסט ער אויך בן חסמא) איז געווען אָרעם, און ווען דער נשיא רבן גמליאל האָט איהם געוואָלט געבען א הויכען אַמט האָט ער נישט געוואָלט נעהמען, דעמאָלס האָט דער נשיא צו איהם געזאָגט, אז ער גיט איהם נישט קיין „שררה" (הערשאפט), נאָר „עבדות" (דינערשאפט) וויל א בעאַמטער איז א דינער פון פאָלק. אין פרקי אבות ג' ווערט פון איהם געבראכט א לויב־וואָרט פאר „תקופות וגמטריאות" (אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק).

ביבליאָגראַפיע: הימאַן, „תולדות"; „מבוא המשנה".

**אלעזר בן חרסום** אין דער גמרא יומא ט' ווערט דערצעהלט, אז אין דער צייט פון 2־טען בית המקדש (עס ווערט נישט אָנגעגעבען ווען) איז געווען 11 יאָהר א כהן גדול מיט'ן נאָמען אלעזר בן חרסום, וועלכער איז געווען זעהר רייך, און נישט קוקענדיג אויף זיין עשירות (ער האָט געהאַט 1000 שטעדט אויף דער יבשה און 1000 שיפען אויפ'ן ים) האָט ער פערלאָזט אלע זיינע געשעפטען און געגאַנגען פערשטעלטערהייט לערנען תורה. די גמרא יומא ל"ב זאָגט דערויף „אלעזר בן חרסום מחייב עשירים", דאָס הייסט, אז אויף יענער וועלט, מען וועט פרעגען אַ גביר פאַרוואָס ער האָט נישט געלערנט און ער וועט וועלען ענטפערען אז די געשעפטען האָבען איהם נישט געלאָזט, וועט מען איהם אָנווייזען אויף אלעזר בן חרסום. דער רמבם איז זיין הקדמה צום פירוש המשניות צו זרעים זאָגט, אז אלעזר בן חרסום איז געווען כהן גדול אין די צייטען פון אַנטיגנוס איש סוכו (ענדע פון דריטען יאָהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכענדנג). פון וואַנען דער רמבם האָט עס גענומען, ווייסט מען נישט. עס איז פאַרהאַן א עטימאָלאָגישע השערה אז דער נאָמען דאַרף זיין „בן חרסוס" (מיט א סמך צום סוף), און אז דאָס וואָרט שטאַמט פון „קרעזוס", וועלכער איז געווען דער רייכסטער קעניג אין אַלטערטום און זיין נאָמען האָט געדינט אַלס סימבאָל פון עשירות, און

„בן חרסום", מיינט מען א זעהר רייַ־כער מאַן.

ביבליאָגראַפיע: זיימאַן, „תולדות; רעץ, „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָ-עדיעס.

**אלעזר בן יאיר** גרויסער יודישער העלד אין דער צייט פון דער מלחמה פון די יודען גע־גען די רוימער אין ירושלים ביים חורבן פון 2־טען בית המקדש. פלאַוויוס דער־צעהלט וועגען איהם, אז נאָך דעם ווי די רוימער האָבען איינגענומען ירושלים איז אלעזר בן יאיר מיט א גרופע אנ־דערע יודישע העלדען אוועק אין דער פעסטונג „מסדה", וואָס געפינט זיך אויף א בארג און זיך פערטיידיגט גע־גען רוימישען מיליטער 2 יאָהר. ערשט ווען ער האָט געזעהען אז די רוימער וועלען די פעסטונג איינגעהמען האָט ער צונויפגערופען זיינע חברים און גע־האַלטען די גרויסע ריהרענדע רעדע אז עס איז בעסער דער טויט איידער אריינ־צופאַלען צו די רוימער און ווערען שקלאַפען; אין דער רעדע האָט ער אויך אַנגעוויזען אויף השארת הנפש. נאָכ־דער האָט ער און זיינע חברים מיט די אייגענע שווערדען געטויט זייערע ווייַ־בער און קינדער און דערנאָך זיך זעלבסט געטויט.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע" ויעגען אליעזר בן יאיר האָט דער ארץ-ישראל דיכטער למדן אנגעשריבען א דראמע „מסדה".

**אלעזר בן יהודה** פון דאָרף „בר־תותא" אין ארץ־ישראל, א תנא אין 2־טען יאָהרהונדערט. א תלמיד פון תנא רבי יהושע. די גמרא אין תענית ג"ד דערצעהלט וועגען איהם אז ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה, און אז ער האָט איינמאָל אוועקגעגעבען זיין טאָכטערס נדן אויף צדקה. אין פרקי אבות ג' ווערט געבראַכט זיינס א וואָרט „תן לו משלו שאתה ושלך שלו" (גיב צדקה פון דעם וואָס געהערט צו גאָט, ווייל דו און אלץ וואָס דו האָסט געהערט צו גאָט). הלכות ווערען פון איהם גע־בראַכט ווייניג אין משנה.

ביבליאָגראַפיע: הײמאַן, „תולדות"; „מבוא המשנה".

**אלעזר חשמונאי** איינער פון די חשמונאים - ברודער, וואָס האָבען אין 2-טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג בע־פרייט דאָס לאַנד יהודה פון דער הער־שאַפט פון סירישען קעניג אנטיוכוס. אין ספר „חשמונאים" ווערט דערצעהלט, אז איינמאָל אין א שלאַכט געגען סירי־שען מיליטער האָט אלעזר געקעמפט גע־גען א העלפאַנט און איהם דערשטאָכען; אָבער דער העלפאַנט איז אויף איהם ארויפגעפאַלען און איהם דערדריקט צום טויט.

## אלעזר בן יהודה מגרמיזא

(לערך 1165 לערך 1243), בעריהמ־טער פוסק און מקובל אין דער דייטשער שטאָדט וואָרמס (וואָס איז געשריבען געוואָרען אויף העבעראיש „גרמיזא") אין סוף פון 12־טען יאָהרהונדערט. ער איז בעריהמט געוואָרען דורך זיין ספר „רקח", און מען רופט איהם אויך דער „רקח". רבי אלעזר איז געבוירען געוואָ־רען אין מיינץ לערך דעם יאָהר 1165; די דאַטע וואָס איז פאַרהאַן אין „אוצר ישראל" און טייל אנדערע יודישע ענ־ציקלאָפעדיעס 1176 איז נישט ריכטיג, ווייל ווי רבי אלעזר אליין דערצעהלט האָבען רוצחים אין יאָהר 1196 ערמאָר־דעט זיין 13-יעהריגע טאָכטער, און ווען ער האָט געבוירען זיין טאָכטער האָט דאָך געמוזט אלט זיין א 18 — 19

יאָהר, יעדענפאלס נישט 8 יאָהר. ער האָט שוין אַלס יונגערמאַן ערוואָרבען זיך א רוהם אַלס גרויסער למדן, און אויך קבלה האָט ער געלערענט ביי דעם בעריהמטען רבנו יהודה החסיד אין רעגענסבורג. לויט דער מיינונג פון צונץ איז רבי אלעזר געוועזן חזן אין ערפורט. דערנאָך איז ער געוואָרען רב אין ווארמס (גירמיזא). ווי רבי אלעזר אליין דער־צעהלט איז אין כסלו תתקנ"ז (1196) געשעהן מיט איהם אַ פאמיליען־אומגליק, צוויי רוצחים זענען בעפאלען זיין הויז, ערמאָרדעט זיין ווייב ווי אויך זיין עלטערע 13-יעהריגע טאָכטער און אויך זיין יונגערע טאָכטער און זוהן; ער אליין איז ניצול געוואָרען ווי דורך א נס, אָבער ער איז אויך שווער פער־וואונדעט געוואָרען. רבי אלעזר דער־צעהלט אין זיינע זכרונות וועגען די שחיטות אויף יודען אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון די „דריטע קרייץ-פאָהרער" יאָהר תתקמ"ט (1189) זעהר ווערטפולע ידיעות. אין יאָהר 1223 האָט ער אָנטיילגענומען אין דער גרויסער רבנים־אסיפה אין מיינץ, ווען מען האָט מתקן געוועזן די תקנות שו"ם (ראשי תבות פון די דריי קהלות שפייער, מיינץ ווארמס). רבי אלעזר איז געשטאָרבען ווי „צמח דוד" און „סדר הדורות" שרייבען אין יאָהר 1238 (תתקצ"ז), אָבער איי זיינע זכרונות (כתב יד אין פעטערבור־גער ביבליאָטעק) שרייבט ער אליין וועגען א ליקוי חמה אין יאָהר ב' פון אלף הששי, דאָס הייסט, פון יאָהר 1242; די טויט־דאַטע אלזאָ פון 1138 וואָס איז אָנגעגעבען אין „אוצר ישראל" און טייל אַנדערע יודישע ענציקלאָפעדיעס איז נישט קיין ריכטיגע.

זיין הויפט־ספר איז דער „רקח" (דאָס בעטרעפט 308, ווי זיין נאָמען „אלעזר") וואָס ענטהאַלט א סך הלכות אין איסור והיתר, דיני ממונות, ימים טובים, און אויך פיעל מוסר-ווערטער, דאָרט זאָגט ער אז „אין אהבה כאהבת השם" (עס איז נישט פאַרהאַן קיין ליעבע ווי צו גאָט), און „אין לשנוא כגאוה" (די גרעסטע שנאה דאַרף זיין צו גאוה) און אַנדערע אזעלכע פרומע און עטישע ווערטער אויסגעדרוקט קורץ און שאַרף. דער „רקח" איז געדרוקט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין פאנו יאָהר 1505, און דערנאָך פיעל מאָל; עס איז פאַר־האַן אַ מיינונג, אז דער געדריקטער איז נאָר א קיצור פון אַ גרעסערען „רקח". רבי אלעזר האָט מחבר געוועזן נאָך אַנ־דערע ספרים אויף הלכה און ספעציעל אויף קבלה, ווי „סודי רזיא" (פון וואַ־נען עס איז גענומען דער ספר „רזיאל" המלאך). „ספר הכבוד" און אנדערע. עס איז זאָגאר פאַרהאַן א מיינונג אז דעם בעריהמטען „ספר חסידים" זאָל אויך האָבען מחבר געוועזן רבי אלעזר פון ווארמס. רבי אלעזר האָט אויך געשרי־בען פיוטים. זיין גרויסער תלמיד איז געוועזן רבי יצחק פון וויען מחבר פון „אור זרוע". וועגען רבי אלעזר ווערען דערצעהלט אין ספר המעשיות פון רבי יוזפא (בריל'ס יאָהר־ביכער באַנד 9) פיעל מופתים און נסים וואָס ער האָט בעוויזען מיט'ן שם המפורש.

ביבליאָגראַפיע: אַ גרינדליכע אָב־האַנדלונג וועגען רבי אלעזר און אַ רשימה פון זיינע ספרים איז פאַרהאַן אין העברעאיש „רבני אלעזר מגרמיזא" פון ישראל קאמעלהאר (רישא תר"ץ); לאנדסהוט, „עמודי העבורה"; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

## אלעזר בן יוסי

**אלעזר בן יוסי** תנא אין ענדע פון 2-טען יאָהרהונדערט אין ארץ־ישראל. זיין פאָטער איז געוועזן דער תנא רבי יוסי בן חלפתא. אין דער

גמרא ווערן געבראכט פון איהם פיעל הלכות און אויך אגדה־ווערטער. אין דער גמרא מעילה י״ז ווערט דערצעהלט, אז איינמאל, ווען די רוימישע רעגירונג האט גוזר געווען גזירות אויף יודען אין ארץ־ישראל איז דער תנא רבי שמעון בן יוחאי צוזאמען מיט רבי אלעזר בן יוסי געפאהרען קיין רוים, כדי זיך משתדל צו זיין אבצושאפען די גזירות. דארט איז געשעהען א נס, אז אין דעם קייזערס׳ס טאכטער איז אריין א שד „בן תמליון״, און רבי אלעזר האט איהר אויסגעהיילט, און דערפאר האט מען די גזירות אב־געשאפט. אין דער גמרא יומא נ״ז דערצעהלט רבי אלעזר אז אין רוים האט ער געזעהן די הייליגע כלים און פרוכת פון בית המקדש.

ביבליאגראפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו״; היימאן, „תולדות תנאים ואמוראים״.

## אלעזר המודעי

**אלעזר המודעי** תנא אין 2-טען יאהרהונדערט, ער איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער בר כוכבא - מלחמה. אין דער גמרא בבא בתרא י׳ געפינען מיר, אז ער איז געווארען א תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי. אין פרקי אבות ג׳ זאגט ער צוויי־שען אנדערע ווערטער, אז המלבין פני חברו ברבים על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים אין לו חלק לעולם הבא״ (אז איינער פערשעמט א צווייטען אין דער עפענטליכקייט, כאטש ער האט גע־לערענט תורה און געטהון מצוות, וועט ער נישט האבען קיין חלק לעולם הבא). דער נאמען מודעי שטאמט וואהרשיינ־ליך דערפון, וואס ער האט געוואוינט אין דארף מודיעין אדער מודעית, פון וואנען עס זענען געווען די חשמונאים-ברודער. אין ירושלמי תענית פ״ד ווערט דערצעהלט, אז רבי אלעזר איז געווען א פעטער פון העלד בר כוכבא. און ווען די רוימער האבען בעלאגערט די פעסטונג ביתר האט רבי אלעזר כסדר מתפלל געווען און זיי האבען נישט געקאנט איינגעהמען די פעסטונג. אבער איינער, א שומרוני, א פערדעטער, איז עקסטרא צוגעגאנגען צו רבי אלעזר און איהם עפּיס איינגערוימט אין אויער. מען האט דאס דערצעהלט בר כוכבא׳ן, און ער האט געפרעגט דעם שומרוני וועגען וואס ער האט גערעדט מיט׳ן תנא, דער שומרוני האט איהם געזאגט, אז רבי אלעזר וויל די שטאדט איבער־געבען אין די הענד פון שונא. בר כוכבא איז געווארען אין כעס און א קלאפ געגעבען רבי אלעזר׳ן מיט׳ן פיס און איהם געטויט אויפ׳ן ארט. דעמאלס איז ביתר איינגענומען געווארען. פון דער גאנצער לעגענדע איז צו זעהן, אז אויך אין דער מלחמה פון בר כוכבא׳ן זענען געווען תנאים וואס האבען נישט געוואלט די מלחמה וויסענדיג, אז מען וועט פערלירען, און רבי אלעזר איז געווען איינער פון זיי און בר כוכבא האט איהם דערפאר געטויט.

ביבליאגראפיע: היימאן, „תולדות״; גרעץ, „געשיכטע״.

## אלעזר בן עזריה

**אלעזר בן עזריה** תנא און נשיא אין 2-טען יאהרהונדערט אין דער שטאדט יבנה. רבי אלעזר בן עזריה איז געווען זעהר רייך און האט זיך גערעכענט פאר א יחסן א דור עשירי צו עזרא הסופר. וועגען זיין רייכקייט ווערט געזאגט אין ברכות נ״ז „הרואה רבי אלעזר בן עזריה בחלום יצפה לע־שירות״ (ווער עס זעהט רבי אלעזר בן עזריה אין חלום זאל ערווארטען עשי־רות). ער איז צוזאמען מיט די תנאים רבן גמליאל, רבי יהושע און רבי עקיבא געפאהרען אין א וויכטיגער שליחות קיין רוים (מכות כ״ג). צוליב דעם וואס

די חכמים אין יבנה האבען זיך צע־קריגט מיט דעם נשיא רבן גמליאל הא־בען זיי אויסגעוועהלט אויף זיין ארט אלס נשיא רבי אלעזר בן עזריה'ן (בר־כות כ"ז), נאר אזוי ווי מען האט זיך צוריק איבערגעבעטען מיט רבן גמליאל איז געבליבען אז דריי וואכען זאל הער־שען רבן גמליאל און איין וואך רבי אלעזר. איין אגודה דערצעהלט אז רבי אלעזר איז אלט געווען 18 יאהר ווען מען האט איהם ערוועהלט אלס נשיא, און עס איז געשעהען א נס אז עס איז איהם אנגעוואקסען איבער נאכט א ווייסע בארד און דעריבער האט ער גע־זאגט „הרי אני כבן שבעים שנה" (איך בין א שטייגער ווי איך וואלט געווען 70 יאהר). פון איהם זענען פאראהאן א חוץ הלכות אויך אגדה־ווערטער. ער זאגט, אז עבירות וואס א מענש בעגעהט געגען א צווייטען מענש איז אויך יום כיפור נישט מכפר (משנה סוף יומא). אין גמרא שבת קל"ב רעדט ער געגען דעם גרויסען פערברעך פון לשון הרע. ווען רבי אלעזר איז געווארען נשיא האט ער אבגעשאפט די פריהערדיגע פעראָרדנונג נישט ארייצולאזען אין דער ישיבה נאר געצעהלטע תלמידים וואס זענען „תוכם כברם" (אינערליכע געדאנק גלייך צו זייער אויסערליכער פיהרונג); ער האט געהאלטען אז יעדער דארף לערנען. אין פרקי אבות ג' זאגט ער „אם אין תורה אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ אין תורה", דאס הייסט אז מען דארף זארגען צו לערנען תורה און גלייכצייטיג צו האבען א בעשעפטי־גונג פאר פרנסה; אויך אז עס איז נישט גענוג בלויז לערנען נאר מען דארף אויך טהון גוטע מעשים.

ביבליאגראפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו"; גרעץ, „געשיכטע"; היימאן, „תולדות"; „אוצר ישראל".

## אלעזר בן ערך

תנא אין I יאהר־דערט, תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי. אין פרקי אבות ב' ווערט געזאגט א מיינונג, אז ער איז געווען דער גרעסטער צווישען רבן יוחנן'ס תלמידים. דארט אין פרקי אבות זאגט רבי אלעזר אז די בעסטע מידה פון א מענש איז „לב טוב" (גוט הארץ). אין דער גמרא חגיגה י"ד ווערט דערצעהלט, אז ער האט געלערענט פאר זיין רבי ר' יוחנן א פרק אין „מעשה מרכבה", דאס הייסט פילאזאפיע וועגען דער געטליכ־קייט, אדער אפשר איז עס געווען א מיסטישע לעהרע, א סארט קבלה. אין אבות דרבי נתן י"ד ווערט דערצעהלט, אז ווען רבן יוחנן'ס זוהן איז געשטאר־בען האט ר' אלעזר געטרייסט זיין רבי. אין מדרש קהלת ז' ווערט געזאגט אז נאך רבן יוחנן'ס טויט האט רבי אלעזר אויפגעהערט צו לערנען, בעזעצענדיג זיך נישט אין דער ישיבה מיט זיינע חברים נאר אין א ארט פון פערגעני־גענס און ער האט דעמאלס פערגעסען דאס גאנצע לערנען; די גמרא אין שבת קמ"ז גיעט צו, אז דערנאך האט ער צוריק געלערענט. עס איז געווען א מיי־נונג, אז ער איז רבי אלעזר הקליר מחבר פון די פיוטים, אבער דאס איז נישט ריכטיג.

ביבליאגראפיע: ווייס, „דור דור ודורשיו"; היימאן, „תולדות"; „מבוא המשנה".

## אלעזר בן פדת

אמורא, וואס האט געוואוינט אין ארץ־ישראל אין דריטען דור פון אמוראים אין דער גמרא כתובות קי"ב ווערט גע־זאגט, אז ער האט צוערשט געוואוינט אין בבל און שפעטער איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען אזוי חשוב אז מען האט איהם גערופען „מרא דארעא דישראל" (נדה כ'). אין תענית

כ״ד ווערט דערציילט, אז ער האט געלעבט אין אָרימקייט. אין סנהדרין ק״ח טייטשט ער דעם פסוק אין חומש נח וועגען דער טויב וואס האט געבּרענגט צו נח׳ן אין דער תיבה א בּלאט פון איילבּירט, אז די טויב האט געזאָגט, זאָל זיין מיין שפּייז בּיטער ווי דער בּלאט, אָבּי נישט אָנצוקומען צו מענשען. פון איהם ווערן געבּראכט אין דער גמרא פיל הלכות און אגדה־ווערטער. אין מדרש משלי זאָגט ער, אז די איינוואוינער פון ארץ־ישראל האָבּען נישט קיין עבירות.

ביבליאָגראַפיע: היימאן, „תולדות"; הלוי, „דורות הראשונים".

**אלעזר בן צדוק** תנא אין דער צייט פון חורבן בית שני, זיין פאָטער איז געווען רבי צדוק. וואס האט געפאסט 40 יאהר, אז דאָס בית המקדש זאָל נישט חרוב ווערען. אין סוכה מ״א און אנדערע גמרא־ערטער דערציילט ער ווי אזוי די איינוואוינער פון ירושלים פלעגען זיך נוהג זיין, פון איהם זיינען פאַרהאַן הלכות אין דער גמרא און אויך אגודה־ווערטער. אין נדרים ס״ב זאָגט ער, אז מען דאַרף לערנען תורה און טהוען מצוות נישט כדי צו בּעקומען שכר, נאָר פאַר דער תורה וועגען אליין.

**אלעזר הקליר** וועגען דאַזיגען גרויסען מחבר פון פּיוטים געבּען מיר בּיים שטיך־וואָרט „קליר".

**אלעזר הקדוש** וועגען איהם ווערט דערציילט אין ספר חשמונאים (דעם צווייטען), אז אין דער צייט פון די חשמונאים, אין די גזרות פון אַנטיוכוס, אז יודען זאָלען עובר זיין אויף דער תורה, האט אלעזר נישט געוואָלט עובר זיין און מען האט איהם דערפאַר געטויט.

**אלעזר הקפר** תנא, וועגען וועלכען מען ווייסט נישט גאַנץ גענוי ווען ער האט געלעבּט. עס איז פאַרהאַן א מיינונג אז עס זיינען געווען צוויי תנאים מיט׳ן דאַזיגען נאָמען. אין דער משנה פּרקי אבות ד׳ ווערט געבּרענגט פון איהם דאָס וואָרט „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם" (קנאה, תאוה און כּבוד בּרענגען אום דעם מענש פון דער וועלט). ער זאָגט דאָרט אויך „על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת" (געגען דיין ווילען לעבּסטו און געגען דיין ווילען שטאַרבּסטו). עס זיינען פאַרהאַן פון איהם אויך הלכות.

ביבליאָגראַפיע: היימאן, „תולדות"; „מבוא המשנה".

**אלעזר בן שמואל** ער האט אויך געהייסען לאַנדא. בּעריהמטער רב אין אַנהויב פון 18־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבּוירען געוואָרען אין קראָקא לערך דעם יאָהר 1665; ער איז געווען רב אין בּראָד, אַמסטערדאַם, און אין יאָהר 1740 איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל און זיך בּעזעצט אין צפת. דאָרט האט ער געהאַט א גרויסע מחלוקה ווייל ער איז אַרויסגעטרעטען געגען טייל מקובּלים אין צפת, וואָס האָבּען געלערענט אין ספר „חמדת הימים", וועלכען רבּי אלעזר האט געהאַלטען אלס א שבתי־צבי׳איש ספר. ער איז געשטאָרבּען אין יאָהר 1741 (שבת בּראשית תק״ב). ער האט מחבר געווען „מעשה רקח אויף משניות (אמסטערדאַם 1740), „מעשה רקח" אויף תורה (לעמבּערג 1789), און „ארבעה טורי אבן" אויף גמרא.

ביבליאָגראַפיע: פרידבערג, „לוחות זכרון"; „דעת קדושים"; „אוצר ישראל".

**אלעזר בן שמוע** תנא, תלמיד פון רבי עקיבא. אין דער צייט פון די גזירות פון אַדריאַנוס קייזער האָט ער, געגען פערבאָט פון דער רוימישער רעגירונג, גענומען סמיכה פון רבי יהודה בן בבא (עבודה זרה ח') און ער האָט געמוזט דעריבער ענטלויפען. אין פרקי אבות ד' זאָגט ער „יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך, וכבוד חברך כמורא רבך ומורא רבך כמורא שמים" (דיין תלמיד'ס כבוד זאָל דיר זיין ליב ווי דיין אייגענער, און דיין פריינד'ס כבוד ווי די מורא פאַר דיין רבי, און די מורא פאַר דיין רבי ווי די מורא פאַר גאָט). הלכות ווערען געבראַכט פון איהם זעהר א סך. ער האָט געלעבט זעהר לאַנג (מגילה כ"ז). אין מדרש קהלת י"א ווערט דערצעהלט ווי ער האָט אמאָל געראַטעוועט פון נויט א פרעמדען אומבעקאַנטען גוי, און נאַכהער איז דער גוי געוואָרען קייזער און ער האָט ארויסגעגעבען גזירות אויף יודען און צוליב רבי אלעזר'ן זענען די גזירות בטל געוואָרען.

ביבליאָגראַפיע: היימאַן, „תולדות"; „סדר הדורות".

**אלעזר בן שמעון** תנא, זוהן פון רבי שמעון בן יוחאי, געלעבט אין ענדע פון 2־טען יאָהרהונדערט, חבר פון רבי יהודה הנשיא, דעם מסדר פון משניות. אין דער גמרא שבת ל"א ווערט דערצעהלט, אז רבי אלעזר האָט געמוזט צוזאַמען מיט זיין פאָטער רבי שמעון זיך בעהאַלטען אין אַ הייל 12 יאָהר, ווייל די רוימישע רעגירונג האָט זיי געוואָלט טויטען. דאָרט האָבען זיי געלערנט תורה און געלעבט פון א באָקסען־בוים און וואַסער. ערשט ווען די גזירה איז בטל געוואָרען זענען זיי פון דער הייהל ארויס. אין סוכה מ"ה זאָגט רבי שמעון, אז אויב אויף דער וועלט זענען פאַרהאַן נאָר 2 גרויסע מענשען („בני עליה") זענען עס ער און זיין זוהן רבי אלעזר. אין בבא מציעא פ"ג ווערט דערצעהלט אז די רעגירונג האָט געצוואונגען רבי אלעזר'ן צו ווערען א אויפזעהער צו כאַפּען גנבים. נאָך זיין טויט איז ער געלעגען נישט בעגראָבען 20 יאָהר; ערשט נאַכהער האָט מען איהם בעגראָבען נעבען זיין פאָטער רבי שמעון אין מירון. אין ירושלמי סוטה פ"ג ווערט געבראַכט אַז רבי אלעזר האָט געפיהרט ויכוחים מיט די שומרונים. עס איז געווען א מיינונג, אז ער איז רבי אלעזר הקליר דער מחבר פון פיוטים, ווייל אין דער פסיקתא איז פאַרהאַן, אז ער איז געווען אַ „פייטן". — לויט דער טראַדיציע פון דער קבלה האָט רבי אלעזר צוזאמען מיט זיין פאָטער רבי שמעון מחבר געווען דעם זהר (וועגען דעם מחבר פון זהר שרייבען מיר ביים שטיךווארט „זהר"). אין ארץ־ישראל ווייזט מען אין מירון נעבען קבר פון רבי שמעון בן יוחאי אויך דעם קבר פון זיין זוהן רבי אלעזר און אין ל"ג בעומר ווערט געהאַלטען א גרויסע פייערליכקייט אויך לכבוד רבי אלעזר.

ביבליאָגראַפיע: וויס, „דור דור ודורשיו"; היימאַן, „תולדות"; גרעץ, „געשיכטע"; „מבוא המשנה".

**אַלעמי שלמה** מגיד און דרשן אין שפאַניען אין ענדע 14־טען און אַנהויב פון 15־טען יאָהרהונדערט. די בעדייטונג פון איהם בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט געלעבט אין דער צייט פון די גרויסע שחיטות

אויף יודען אין שפאניען אין יאהר 1391 (קנ״א) און ער האט שפעטער, אין יאהר 1415, געשריבען זיין „אגרת מוסר״, אין וועלכען ער שילדערט דאס יודישע לעבען אין שפאניען פאר די שחיטות און נאך די שחיטות. אלעמי, אלס רע־ליגיעזער מגיד, האלט אז די שחיטות זיינען געווען דערפאר וואס די שפאנישע יודען האבען געזינדיגט, די רייכע הא־בען מחלל שבת געווען, געגעסען טריפות, געלעבט אין זינדיגען לוקסוס; אויך די לומדים שטראפט ער פארוואס זיי הא־בען זיך פערנומען מיט פילאזאפיע. דער „אגרת מוסר״ איז זעהר וויכטיג פאר קענען לערנען דאס יודישע לעבען אין שפאניען אין יענער צייט. דאס ספר איז געדרוקט געווארען דאס ערשטע מאל אין קאנסטאנטינאפאל יאהר 1609; נאכ־הער אין לייפציג 1854.

ביבליאגראפיע: גרעץ „געשיכטע״; „השחר״ יאהר־גאנג 4; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אלענבי** ענגלישער לארד און פעלד־מארשאל, געבוירען איז יאהר 1861; ער האט אלס פיהרער פון דער ענגלישער ארמעע איינגענומען ארץ־ישראל און ירושלים אין דער וועלט־מלחמה אין יאהר 1917. אלענבי איז אין אנהויב געווען געגען ציוניזם, אבער נאכהער האט ער ארויסגעוויזן א געוויסע סימפאטיע פאר׳ן ציוניזם און אין יאהר 1925 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל און אנטיילגענומען אין ירושלים אין דער עפענונג פון דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט. אין די שטעדט תל־אביב און חיפה געפינען זיך גאסן אויף׳ן נא־מען פון לארד אלענבי.

ביבליאגראפיע: יודיש־דייטשע ענ־ציקלאפעדיע און לעקסיקאן.

**אלענדארף הענדרי** יודיש־פראנצויזישער שפראכען־קענער; ער האט אין דער וועלט זיך ערווארבען א נאמען דורך זיין מעטאדע צו ערלערנען שפראכען, וואס איז בעקאנט אלס אלענדארפס־מעטאדע. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1802 אין פויזנער געגענד און געשטאר־בען 1865 אין פאריז.

**אלעפא** גרויסע שטאדט אין סיריען; עס וואוינען דארט איבער 10 טויזענד יודען, כמעט אלע ספרדים. אין אראבישער שפראך הייסט די שטאדט חאלאוו (חלב) און אויך אכלאוו (אחלב). אין מיטעל־אלטער האבען די יודען גע־רופען די שטאדט ארם צובא, און ווי עס דערצעהלט דער רייזענדער פון 12־טען יאהרהונדערט רבי פתחיה (אין זיין סיבוב ר׳ פתחיה) איז געווען די לעגענ־דע אז דארט איז געווען אברהם אבינו. די יודען דערצעהלען אויך אז די פעס־טונג אין אלעפא שטאמט פון דוד המלך. דארט איז פארהאן א אלטע שוהל און דארט איז געווען א תנך פון גאר אלטע צייטען.

ביבליאגראפיע: שווארץ „תבואות הארץ״; פרעס, „ספר המסעות״; יודישע ענציקלא־פעדיעס.

**אלעקסאנדער** וועגען איינגע־נאמען אלעקסאנ־דער ביי יודען שרייבען מיר ביים שטיך־ווארט „אלכסנדר״. וועגען פערשידענע קריסטליכע פערזענליכקייטען מיט׳ן נאמען אלעקסאנדער און זייער בעציהונג צו יודען, ווי למשל די פויבסטען מיט׳ן נאמען „אלעקסאנדער״ געבען מיר ביים שטיך־ווארט „פויבסטען״, די רוסישע צארען אלעקסאנדער געבען מיר ביים שטיך־ווארט „רוסלאנד״. — „אלעק־סאנדער רביים״ וועלען מיר געבען ביים

גרינדער פון דעם דאָזיגען רביאישן הויף „יחיאל״.

**אַלעקסאַנדער מוקדון** בעריהמ־טער גרי־כיש-מאַקעדאָנישער קעניג אין אלטער־טום, געבוירען אין יאָהר 356 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. זיין בעדייטונג אין דער אלטער יודישער געשיכטע איז זעהר גרויס, ווייל ער האָט אין יאָהר 332, ביים ערֹאָבערען די פערסישע אימפעריע אויך איינגענומען ארץ-ישראל, און אזוי ארום איז ארץ־ישראל אריינגעצויגען געוואָרען אין די פאָליטישע געשעהענישען פון אלטען גריכענלאַנד און שפעטער רוים, און אויך פון זייער קולטור. אין דער יודישער וועלט זענען ארומגעגאַנגען וועגען אלעקסאַנדער מוקדון פיעל לעגענדעס, ווי למשל, אז ער האָט אין זיינע נצחונות איבער דעם פערסישען מיליטער געזעהען די געשטאַלט פון יודישען כהן גדול וואָס האָט איהם געהאָלפען צום זיעג, און דערפאַר איז אלעקסאנדער געווען גוט צו יודען, און אויך יודען האָבען איהם דערפאַר אָבגעדאַנקט דערמיט, וואָס זיי האָבען די געבוירענע קינדער אין יענעם יאָהר א נאָמען געגעבען „אַלעקסאנדער״. עס איז זיכער אז אין בעקאַנטען קאַפיטעל אין ספר דניאל ז׳ ח׳, ווערט אונטער דעם „צפיר העזים, מלך יון״, ווענענם מלוכה וועט צעבראָכען ווערען אויף 4 טיילען, געמיינט אלעקסאנדער מוקדון און זיין אימפעריע, וואָס איז נאָך זיין טויט צעטיילט געוואָרען אויף 4 טיילען. אין דער גמרא תמיד ל״א און אויך אין אַנדערע ערטער אין ירושלמי און מדרש ווערען געבראַכט פיעל לעגענדעס וועגען אַלעקסאַנדער. אין מיטעל־אלטער איז אין ספר „יוסיפון״ בעאַרבייט געוואָרען אין העברעאיש פיעל אַנדערע אלעקסאַנדער מוקדון־לעגענדעס, וואָס זענען וואַהרשיינליך געווען צונויפגעזאַמעלט אין אַ בעזונדערען העברעאישען ספר. די בעדייטונג פון אלעקסאַנדער מוקדון פאר יודען בעשטעהט אויך אין דעם, וואָס ער פערפלאַנצענדיג די גריכיש־העלעניסטישע הערשאַפט אין מצרים, און ספעציעל אין דער שטאָדט אלעקסאנד־ריען, האָט ער דערמיט געבראַכט צו אַ דערנעהנטערונג די צוויי קולטורען, די יודישע און העלענישע, און אזוי ארום איז ענטשטאַנען יענע בעריהמטע יודיש־העלעניסטישע קולטור אין אלטערטום. דאָס האָט אין א געוויסער מאָס אויך געהאָלפען צו דער פערשפרייטונג פון קריסטענטום אַין דער וועלט. — וועגען דער אזוי גערופענער אלעקסאַנדער־צייטרעכענונג „מנין שטרות״ געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „צייטרעכענונג״.

ביבליאָגראַפיע: שיר, ערך מלין״, ווייס, „דור דור ודורשיו״; גרעץ, געשיכטע״; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַלעקסאַנדער שמואל** (געבוירען יאָהר 1859), בעריהמטער יודיש־ענגלישער פילאָזאָף אין אויסטראַליען. ער איז אויך געווען פראָפעסאָר איבער פילאָזאָפיע אין מאַנטשעסטער. אין זיין פילאָזאָפישען סיסטעם פעראייניגט ער די עוואָלוציע־טעאָריע מיט דער זיטען-לעהרע פון העגעל. פון זיינע פיעלע ווערק אין ענגליש איז בעריהמט זיין שטודיום איבער „צייט, רוים און געטליכקייט״ פערעפענטליכט אין יאָהר 1920. פראָפעסאָר אלעקסאַנדער האָט אויך ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס פאר דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

ביבליאָגראַפיע: יודיש-דייטשער לעקסיקאָן און ענציקלאָפעדיע.

**אַלעקסאַנדראָוו חיים** בעקאַנטער, יודישער זשורנאַליסט, געבוירען אין יאָהר 1869 אין פעטערבורג, געשטאָרבען 1909 אין ניו־יאָרק. „אלעקסאַנדראָוו" איז געווען זיין פסעוודאָנים; זיין ריכטיגער נאָמען איז געווען וו. מילער. אין אמעריקא איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּארטיי. ער האָט רעדאגירט אין אמעריקא א רייה זשורנאַלען און אויך געשריבען קאָרעספּאָנדענציעס אין דער יודישער ציימונג „פריינד" אין רוסלאַנד. ער איז געווען פון די גריינדער פון „יודישען ליטעראטען פעראיין" אין ניו־יאָרק. אלעקסאַנדראָוו האָט אויך פערפאַסט דאָס פּאָפּולערע ארבייטער־ליעד „ברודער, מיר האָבען געשלאָסען".

ביבליאָגראַפיע: באסין, „אנטאָלאָגיע"; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**אַלעקסאַנדריען** בעריהמטע אַלטע שטאָדט אין עגיפּטען, ליגט ביים אויסגאַנג פון טייך נילוס אין מיטעל־לענדישען ים. אין דער גמרא ווערט די דאָזיגע שטאָדט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע, זעהר פיעל דערמאָהנט אַלס „אַלכסנדריא". היינט האָט די שטאָדט לערד א האַלבען מיליאָן איינוואוינער, אממערסטען אראַבער אָבער אויך א גרויסע צאָהל איראָפּעער; צווישען די איינוואוינער זענען פאַרהאַן לערד 30 טויזענד יודען.

די שטאָדט אַלעקסאנדריען איז זעהר א אלטע און איז געגרינדעט דורך אלעקסאַנדער מוקדון אין 4־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. עס איז זיכער, אז באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער שטאָדט האָבען זיך דאָרט אָנגעהויבען בעזעצען יודען, וואָס זענען בעשטאַנען צום טייל פון די יודישע קאָלאָניעס אין עגיפּטען וועלכע האָבען זיך דאָרט געפינען שוין פון פריהער, און צום טייל פון אָנגעקומענע יודען פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז אין יענער צייט נישט לאַנג נאָך דעם טויט פון אלעקסאַנדער מוקדון ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון די גריכיש־העלענישע קעניגען פון עגיפּטען, דער בעריהמטער פּטאָלאָמעאוס - דינאסטיע (אין דער גמרא הייסט פּטאָלאָמעאוס „תלמי"). פּלאַוויוס אין זיינע ביכער „אַלטערטימער" און „געגען אפּיאן" דערצעהלט, אז אלעקסאַנדער אַליין האָט האָרט בעזעצט יודען. בעזונדערס האָבען יודען זיך בעזעצט א סך יודען אין אלעקסאַנדריען אין דער צייט פון די גזירות אין ארץ־ישראל פון סירישען קעניג אַנטיוכוס פאר די חשמונאים־קאמפען. אין דער גמרא סוכה נ"א ווערט דערצעהלט אז די צאָהל יודען אין אלעקדריען איז געווען גרוים „כפלים כיוצא מצרים", דאָס הייסט מעהר ווי א מיליאָן; די דאָזיגע צאָהל איז וואהרשיינליך א גוזמא, אָבער עס זענען דאָרט געווען זיכער ביי א האַלבען מיליאָן יודען. די יודען האָבען געהאַט זייער אייגענעם פּוהרער מיט'ן טיטול „אלאַבארך". די גמרא אין סוכה נ"א דערצעהלט אז די יודען אין אלעקסאַנדריען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פערשידענע מלאכות, אין וועלכע זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט אַלס גרויסע קינסטלער. אין תוספתא פאה פרק ד' ווערט דערצעהלט וועגען א סנהדרין דאָס איז געזעסען אין אלעקסאַנדריען. אויך בעריהמטע חכמים פון ארץ־ישראל זענען געהאַט אין דער צייט פון פערשידענע רדיפות ענטלאָפען קיין אלעקסאַנדריען. ווי יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח,

רבי יהושע בן חנניה. וועגן דעם תנא רבי יוחנן הסנדלר דערציילט דער ירושלמי חגיגה פרק ג' אז ער איז געווען פון אלעקסאנדריען. אויך אמוראים האבן געשטאמט פון אלעקסאנדריען (ירושלמי קידושין פרק ג'). די יודען וואס האבן געשטאמט פון אלעקסאנדריען האבן געהאט אין ירושלים א אייגענע שוהל (מגילה כ"ו).

בעזונדערס וויכטיג איז געווען די פילאזאפישע שולע פון די אלעקסאנדרישע יודען אין דער צייט פון 2-טען בית המקדש; זי איז בעקאנט אלס די „אלעקסאנדרישע שולע". דאס איז געווען די פעראייניגונג פון דער העלענישער (גריכישער) קולטור מיט דער יודישער. די יודען אין אלעקסאנדריען האבן גערעדט גריכיש און האבן איבערגעזעצט דעם תנך אויף גריכיש; דאס איז די בעריהמטע איבערזעצונג מיט'ן נאמען „סעפטואגינטא" (תרגום השבעים). וועגן דער דאזיגער איבערזעצונג געבען מיר ביים שטיך־ווארט „סעפטואגינטא". די גרויסע יודישע געלעהרטע אין אלעקסאנדריען אין יענער צייט האבן געשריבען אויף גריכיש ווערק וועגן יודענטום, פילאזאפיע, געשיכטע, ווי אייפאלעמאס, אריסטאבולוס און בעזונדערס פילאן. אויך א רייה אפאקריפען (כתובים אחרונים) זענען פארפאסט געווארען אין אלעקסאנדריען אויף גריכיש. וועגן דער אלעקסאנדרישער יודיש - פילאזאפישער שולע, וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער „פלאטאן" (נעא־פלאטאניזם) און „פילאן". צווישען די יודען אין אלעקסאנדריען און די דארטיגע גריכען פלעגען פארקומען קאמפען; די יודען פלעגען זיך ענערגיש פערטיידיגען. זעהר שרעקליך איז געווען די שחיטה אויף יודען אין יאהר 66 פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג (4 יאהר פאר דעם חורבן בית שני), ווען עס זענען אומגעקומען 50 טויזענד יודען אין אלעקסאנדריען. אין דער צייט פון רוימישען קייזער טריאנוס (אין 2־טען יאהרהונדערט) איז דער גרעסטער טייל יודען אין אלעקסאנדריען אויסגעשאכטען געווארען דורך דעם רוימישען מיליטער אין דער צייט פון א אויפשטאנד. פון דעמאלס אן הויבט זיך דער אונטערגאנג פון די יודען אין אלעקסאנדריען, וועלכע זענען געווארען אינגאנצען אונטערדריקט, ווען דאס קריסטענטום האט בעהערשט אויך עגיפטען און אלעקסאנדריען.

שפעטער אין מיטעלאלטער אין דער צייט פון דער אראבישער הערשאפט איז אין אלעקסאנדריען געווען א יודישע קהלה, אבער מיט א גאנץ קליינע צאהל יודען, ווייל דער עיקר יודען פון עגיפטען האבן זיך אריבערגעטראגען אין דער עגיפטישער הויפטשטאדט קאהיר. רבי בנימין פון טאלעדא (אין 12־טען יאהרהונדערט) האט דארט געפינען נישט מעהר ווי דריי טויזענד יודען. אין דער נייערער צייט האט זיך די צאהל יודען אין אלעקסאנדריען עטוואס פערגרעסערט, בעזונדערס זינט עגיפטען איז אין ענדע פון 19-טען יאהרהונדערט אונטער אונטער דער ענגלישער הערשאפט. איצט זענען דארט פאראן ביי 30 טויזענד יודען אממערסטען ספרדים, אבער אויך א גאנץ גרויסע צאהל אשכנזים. די יודען בעשעפטיגען זיך מיט האנדעל און אויך האנדווערקעריי. זיי האבן העבראאישע שולען און אויך די „אליאנס" האט דארט יודישע שולען מיט פראנצויזיש אלס אונטערריכטס־שפראך.

ביבליאָגראַפיע: איבער יודען אין אַלעקסאַנדריען אין די אַלטע צייטען געפינען מיר אין ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין"; „שבע חכמות"; שירער געשיכטע.; גרעץ, „געשיכטע", ידישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַלף** וועגען בוכשטאַב „אַלף" און די פערשידענע בעדייטונג פון דעם בוכשטאַב „א" געבען מיר ביים בוכשטאַב „א".

**אַלף בית** דאָס איז דער נאָמען פון סדר פון אלף־בית סיי אין דער העברעאישער שריפט, סיי אין דער יודישער שריפט. די צאָהל בוכשטאַבען אין אלף-בית זענען 22, אלף, בית, גימל, דלת, הא, ו, זין, חית, טית, יוד, כף, למד, מים, נון, סמך, עין, פא, צדיק, קוף, ריש, שין, תיו, און אויך פינף בוכשטאַבען וואָס קומען נור אין סוף פון א וואָרט: ך, ם, ן, ף, ץ, און אויך בוכשטאַבען וואָס קו־מען „רפא", דאָס הייסט „שוואך", אָהן א פינטעלע אין בוכשטאַב, ווי ב, ג, ד, כ, ת; א חוץ דעם איז אויך פארהאן א שין, און א „שין", וואָס לעזט זיך ווי אַ סמך. — דער אלגעמיינער נאָמען „אלפאבעט" אין די איראָפּעאישע שריפטען (אלט-גריכישע, נאַכהער לאַ־טיינישע און רוסישע) שטאַמט אויך פון אלף־בית. — וועגען יעדען בוכשטאַב בעזונדער, זיין געשטאַלט, ווי אויך די פערשידענאַרטיגע בעדייטונגען פון יע־דען בוכשטאַב, וועלען מיר געבען ביי די שטיכווערטער פון יעדען בוכשטאַב בעזונדער, ווי למשל, וועגען „אלף" געבען מיר ביי „א", וועגען „בית" ביי „ב', און אזוי כסדר. אויך געבען מיר ביי יעדען בוכשטאַב די צאָהל-בעדיי־טונג פון איהם.

וועגען דער ענטשטעהונג פון העב־רעאישען און איבערהויפּט סעמיטישען אלף־בית איז פארהאן א גרויסע מיי־נונגס-פערשידענהייט ביי די פיעל גע־לעהרטע פאָרשער. עס איז געווען גאָר אמאָל די מיינונג, אז דאָס אלטע העב־רעאיש - רעדענדע פאָלק האָט אליין גע־שאפען דעם אלף־בית, וועלכער איז נישט געווען אזוי זי מיר האָבען איהם היינט, אָבער ער איז עהנליך צום היינטיגען, וועלכער האָט זיך ענטווי־קעלט פון דעם אלטען אלף-בית. אָבער שוין אין די אלטע צייטען (דער רוימי־שער היסטאָריקער טאַציטוס) איז גע־ווען א מיינונג, אז דער סעמיטישער אלף-בית שטאַמט פון אַ אלט־עגיפּטי־שער שריפט. אַנ'אַנדער מיינונג (פּלי־ניוס) איז געווען, אז דאָס שטאַמט פון אַ אַלט־בבלישער שריפט. אויך די מאָ־דערנע פאָרשער (דעליטש, לידזבארסקי) האָבען פערשידענע מיינונגען וועגען דעם. עס איז זאָגאר פארהאן אַ מיינונג, אז די שריפט שטאַמט פון דער אלטער קולטור אויפ'ן אינזעל קרעטאַ. צוליב דעם וואָס מען האָט לעצטענס געפינען אַנ'אלטע שריפט אויף דעם סיני־האַלב־אינזעל, וואָס איז א סאָרט מיטעל־שריפט צווישען דעם סעמיטישען אלף בית און דער אלט-עגיפּטישער שריפט, זיגט מעהר די מיינונג, אז די אָבשטאַ־מונג איז פון עגיפּטען. פון די סעמי־טישע אלף-בית'ן איז אונז בעקאַנט— די עלטעסטע לערך 1000 יאָהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג (א אויפשריפט פון „חירם מלך צור"). נאַכהער האָבען מיר פון דער צייט פון אחאב מלך ישראל די אויפשריפט פון „מישע מלך מואב". פון העברעאישען אלף־בית האָבען מיר אויף די עלטעס־טע מטבעות פון דער צייט פון 2־טען בית המקדש שוין די שריפט וואָס ווערט אין דער גמרא (סנהדרין) אָנ-

גערופען „כתב אשורית”, הייסט אויך „כתב מרובע”, וואס איז שוין עהנליך צו אונזער היינטיגען אלף־בית. ווי די גמרא זאגט דארט האבען די יודען אין דער צייט פון 1-טען בית המקדש געהאט אנ׳אנדערע שריפט וואס הייסט דארט „כתב עברית” און אויך „כתב ליבונאה”, פון דער אלטען כתב אשורית האט זיך ענטוויקעלט אונזער היינטיגער אלף בית. שפעטער אין דער צייט פון מיטעלאלטער האט מען אנגעהויבען צו נוצען א עטוואס קיילעכיגען אלף־בית, וואס מיר רופען „רשי־כתב”, ווייל דער פירוש רשי צום חומש איז געוועהנליך געשריבען געווארען אין די כתב־יד׳ן מיט דער דאזיגער שריפט. כדי עס בעסער אונטערצושיידען פון חומש־טעקסט׳ נאכהער איז אויך אויפגעקומען אונזער היינטיגער שרייב־אלף־בית. ביי די שטיכווערטער פון די בעזונדערע בוכשטאבען פון אלף בית געבען מיר איינצעלהייטען וועגען יעדען בוכשטאב. ביים שטיכווארט „יודישע שפראך” געבען מיר וועגען דעם פערשידענעם יודישען אויסלייג און די בעדייטונג פון די וואקאלען (א, ע, אי און אזוי ווייטער) אין דעם יודישען אלף־בית.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר השמות”; אלס־הויזען „אורשפרונג פון אלפאבעט” (דייטש), קיעל 1841; „ערך מלין” שטיך־וואָרט „ארם”; יודיש־דייטשע ענציקלאָפעדיע; „אוצר ישראל”.

**אלפכר** בעריהמטע פאמיליע אין שפאניען אין 12־טען און 13-טען יאהרהונדערט, וועלכע האט ארויסגעגעבען גרויסע געלעהרטע, דאקטוירים, דיפלאמאטען. — אברהם אלפכאר, וועלכער איז געשטארבען אין טאלעדא 1231, איז געוועזען זעהר אנגעזעהען ביים קעניג אלפאנסא דעם 7־טען. ער איז געוועזען א בעריהמטער דיכטער אין דער אראבישער שפראך און רבי יהודה אלחריזי ריהמט איהם זעהר — יהודה אלפכאר איז געוועזען דאקטאר ביים קעניג פערדינאנד און איז געשטארבען 1235. ער איז בעקאנט דערמיט, וואס ער איז געוועזען פון די וואס זענען ארויסגעטרעטען געגען דער פילאזאפיע פון רמבם, ווייל די פילאזאפיע פיהרט אראב די יודען פון וועג פון דער אמונה. רבי דוד קמחי (רד״ק) וועלכער איז געוועזען דעם רמבם׳ס א אנהענגער, האט צו רבי יהודה אלפכאר געשריבען זיין בעריהמטען בריעף מיט די ווערטער „יהודה אחיך מרחוק יודוך”.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע”; בערנפעלד, „דעת אלהים”; גייגער אין „אוצר נחמד” חלק ב׳; „אוצר ישראל”.

**אלפנדארי** בעקאנטע יודישע רבנים־משפחה צווישען די ספרדים. — אהרן אלפנדארי, געבוירען אין איזמיר 1700, און געשטארבען חברון 1774, האט מחבר געוועזען די ספרים „יד אהרן” אויף טור ארח חיים און אבן העזר (געדרוקט איזמיר 1735 — 1758) ווי אויך „מרכבת המשנה” אויפ׳ן רמבם. — חיים אלפאנדארי דער עלטערע, געבוירען 1588 און געשטארבען 1640, האט געפיהרט א ישיבה אין קאנסטאנטינאפאל, מחבר געוועזען דאס תשובות־ספר „מגיד מראשית” (קאנסטאנטינאפאל 1710). — אליהו אלפאנדארי, רב אין קאנסטאנטינאפאל אין 18-טען יאהרהונדערט, מחבר געוועזען א הלכה־ספר „סדר אליהו רבה וזוטא” (קאנסטאנטינאפאל 1719). — חיים אלפאנדארי דער יונגערער, געשטארבען אין ארץ־ישראל אין 17־טען

יאהרהונדערט, מחבר פון ספר „דרך הקודש״.

ביבליאָגראַפיע: מיכאל, „אור החיים״; יודישע ענציקלאָפּעדיעט.

**אלפס בנציון** בעקאַנטער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער. ער איז געבוירען געוואָרען אין ענדע פון יאָהר 1850 אין ווילנע. ער האָט בעקומען אַ פרומע ערציהונג, און נאָכהער איז ער געווען קאָרעקטאָר פון ספרים אין אַ רייה דרוקעריען, דערנאָך געפיהרט געשעפטען און צום סוף אָנגעהויבען שרייבען פרומע יודישע ביכער. אויף דער עלטער איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער וואוינט איצט אין ירושלים. זיינע ערשטע ספרים זענען געווען איבערזעצונגען אויף יודיש פון „שערי תשובה״ פון רבנו יונה, אַ ספר׳ל וועגען ווילנער גאון און אַנדערע. אין יאָהר 1900 האָט ער אָנגעהויבען ארויסגעבען זיין סעריע „מעשה אלפס״ (10 טייל) וואָס איז געלעזען געוואָרען אין אַלע אָרטאָדאָקסישע קרייזען; דאָס איז אַ מוסר־בוך געשריבען מיט משלים און מעשיות. ער האָט דערנאָך אויך מחבר געווען עהנליכע „מעשה אלפס״ צו סידורים, מחזורים, ווי אויך ערצעהלונגען. אין העברעאיש האָט בן ציון אלפס ארויסגעגעבען זיין „הלכות רב אלפס״ און „מיטיב הגיון״.

ביבליאָגראַפיע: אַ גענויע רשימה פון אלפס׳ס ביכער אין בראָשורען געפינט מען אין לעקסיקאָן פון רייזען (יאָהר 1926).

**אלפסי יצחק** וועגען דאָזיגען גרויסען יודישען גאון, וואָס איז בעקאַנט אין דער לומדישער וועלט מיט׳ן נאָמען „רי״ף״, וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „יצחק אלפסי״.

**אלפערסאָן מרדכי** (געבוירען אין יאָהר 1867). בעקאַנטער אימיגראַציע־שרייבער אין אַרגענטינא. ער איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד, און אין יאָהר 1891 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינא, וואו ער איז געווען פון די ערשטע קאָלאָניסטען פון באַראָן הירש׳ס קאָלאָניע „מאָוריציאָ״, און ער פערנעהמט זיך ביז היינט מיט ערד־אַרבייט. זיין בוך „30 יאָהר אין אַרגענטינא״ (בערלין 1923) איז זעהר ווערטפול און ענטהאַלט וויכטיגע ידיעות וועגען דער געשיכטע פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינא. אלפערסאָן האָט אויך געשריבען אַנדערע ביכער אין יודיש און מיטגעאַרבייט אין מאָוריציער וואָכענבלאַט „דער פערטיידיגער״.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן״ (1296).

**אלקביץ שלמה** וועגען דאָזיגען דיכטער און מקובל מחבר פון „לכה דודי״, וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „שלמה אַלקביץ״.

**אַלקלאַי** (אַלקאַלאַי), בעריהמטע יודיש־ספרדישע פאַמיליע אין טערקיי. — יהודה בן שלמה אַלקלאַי, רב אין זעמלין (אין אַמאָליגען אונגאַרן און היינט יוגאָסלאַוויען), וועלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1878, פערנעהמט אַ אָנגעזעהענע אָרט אין דער געשיכטע פון ציוניזם. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבען ערוועקט דעם פּלאַן צו בעזעצען יודען אין ארץ־ישראל און דורכפיהרען דעם פּראַקטישען און פּאָליטישען ציוניזם. אין זיין ספר „גורל לה׳״ (וויען 1857

לעגט ער פאר צו גרינדען א יודישע אקציען-געזעלשאפט, וואס זאל אב־קויפען ביים טערקישען סולטאן ארץ־ישראל פאר יודען, דערביי זאל דער סולטאן האבען די אבער-הערשאפט אין לאנד. אין זיין ספר זענען שוין פארהאן אלע שפעטערדיגע פראיעקטען פון „קרן קימת", „לעגיאן", וכדומה. אויך אין זיינע אנדערע ספרים „שמע ישראל" דרשות אויף תורה (איזמיר 1859) און „דרכי נועם" (אפען 1840) רעדט ער אויך ארום די דאזיגע קאלאניזאציע - פלענער. — משה אל־קלעי, א יודיש - שפאניאלישע שרייבער פון 19־טען יאהרונדערט; ער האט איבערזעצט אויף שפאניאליש דעם „שבט יהודה" (בעלגראד 1859), און אויך פערפאסט די ספרים „תקון סעודה", א העברעאישען דקדוק, „בואו חשבון" אויף מאטעמאטיק. — פון דער אלקלעי־פאמיליע זענען אויך איצט פאר־האן אין יוגאסלאוויען אנגעזעהענע יו־דישע פיהרער, ציוניסטען, כלל-טוער.

ביבליאגראפיע: ציטראן, „לכסיקו ציוני"; ציטראן, „תולדות חבת ציון"; סאקא־לאוו, געשיכטע פון ציוניזם"; יודישע ענציקלא־פעדיעס.

**אלרואי דוד** וועגען דעם דאזיגען פאלשען משיח און יודישען קעמפער וועלען מיר געבען ביים שטיך-ווארט „דוד אלרואי".

**אלשוואנגער** יודישע פאמיליע אין ליטא, וואס האט ארויסגעגעבען בעקאנטע יודישע כלל-טוער. — אליהו אלשוואנגער, גע־בוירען 1878, א זוהן פון טויראגער רב ר' יצחק זאב אלשוואנגער, האט שטו־דירט פאליטישע עקאנאמיע אין בערלין. געשריבען פיעל ארטיקלען אין רוסיש און יודיש, רעדאגירט אין ווילנא די צייטונג „לעצטע נייס" (אין צייט פון דער וועלט-מלחמה), געוואוינט נאכ־הער אין בערלין, געשריבען א רייה ווערק אויף יודיש. — שמואל אל־שוואנגער, ברודער פון אליהו, געבוירען 1888, שטודירט פילאלאגיע אין דער שווייץ, ארויסגעגעבען אין בערן 1920 א ביכעל „ראזינקעס מיט מאנדלען" איבער יודישען פאלקלאר (געדרוקט מיט לאטיינישע בוכשטאבען); פער־נעהמט א אנגעזעהענע ארט אלס ציוו־ניסטישער כלל-טוער.

ביבליאגראפיע: לעקסיקאן פון רייזען (יאהר 1926).

**אלשיך משה** וועגען דאזיגען מפרש פון חומש און דרשן וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט „משה אלשיך".

**אמאוס** אין דער גמרא זענען פאר־האן שטעלען, וואו עס ווע־רען דערמאהנט ערטער אין ארץ-ישראל מיט'ן נאמען „אמאוס" (זיי זענען טיילמאל געשריבען אויך „עימאוס"). אויך אין די ביכער פון פלאוויוס ווע־רען דערמאהנט אפט די דאזיגע ערטער. אזוי דערצעהלט פלאוויוס („מלחמה" ספר ד') אז ווען אספסינוס איז געקו־מען איינצונעהמען ארץ־ישראל האט ער פערלאזט די שטאדט אמאוס און איז געקומען מיט זיין ארמעע נאהנט צו דער שטאדט טבריה, דערביי גיעט צו פלאוויוס די בעמערקונג אז דאס ארט הייסט „אמאוס" צוליב די ווארימע וואסער - קוואלען, וואס געפינען זיך דארט און וואס זענען גוט צום היילען קראנקע. אין מדרש קהלת ביי דער מעשה פון רבי אלעזר בן ערך ווערט דערצעהלט, אז ער איז אוועק קיין „אמאוס מקום מים יפים" (א ארט פון גוטע וואסערען). וואו דאס „אמאוס"

האָט זיך געפינען, איז שווער צו זאָגן. שי״ר אין „ערך מילין” וויל האָבן אַז דאָס איז דאָס וואָרט „חמת” אָדער „חמתא” (וואַרעם) און וואַרשיינליך האָט מען געמיינט דערמיט די „חמי טבריה” (די וואַרעמע וואַסער־קוואַלן ביי טבריה). אָבער דער „עמאוס”, וואו עס איז פאָרגעקומען די שלאַכט פון די חשמונאים געגען סירישען מיליטער איז זיכער געווען אין לאַנד יהודה אַלזאָ אין דרום פון ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: שי״ר, „ערך מלין” הירוויץ, „הארץ ישראל ושכנ׳תיה”.

**אמהות** (מיטערס), אין דער גמרא ברכות ט״ז שטעהט, אַז עס זענען פאַרהאַן נאָר 4 „אמהות” (מוטערס פון יודישען פאָלק) שרה, רבקה, רחל און לאה. מען געפינט אויך אין דער גמרא (ירושלמי סנהדרין פרק ב׳) „אמנו שרה” (אונזער מוטער שרה). אין דער יודישער פאָלקס־טראַדיציע זענען די „הייליגע אבות” און די „הייליגע אמהות” גליך. פון די „אמהות” ליגען דריי (שרה, רבקה און לאה) אין דער מערת המכפלה, דאַגעגען די „מוטער רחל” ליגט אין בעזונדערען קבר רחל אויפ׳ן וועג ביי חברון. — וועגען יעדער פון די אמהות געבען מיר ביי די שטיך־ווערטער „שרה”, „רבקה”, „רחל” און „לאה”.

**אָמון** מלך אין לאַנד יהודה (לערך 640 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) אין דער צייט פון ערשטען בית המקדש, ער איז געווען אַ זוהן פון מנשה בן חזקיה. אין ספר מלכים ב׳ כ״א ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט פיעל געזינדיגט אין די אויגען פון גאָט; אויף אהם אַז געמאַכט געוואָרען אַ אַנפאַל; די אַנפאַלער האָבען איהם גע־טויט, אָבער דאָס פאָלק האָט געטויט די אַנפאַלער און ערקלערט אַלס קעניג זיין זוהן יאשיה. אין דער גמרא סנהדרין ק״ג ווערען איבערגעגעבען גרויסע חטאים וואָס אמון האָט געטהון. צווישען אַנדערע, אַז ער האָט פערברענט די תורה.

**אמונה** דאָס איז דער העברעאישער טייטש אין די ספרים פון מיטעלאַלטער פאַר דעם וואָס מיר רופען אָן „רעליגיע”, „גלויבען”. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער יודישער רעליגיעזער ליטעראַטור פון מיטעלאַלטער ביז אין דער נייעסטער צייט איז פאַרהאַן דער קאַמף, צי דאַרף דער רעליגיעזער יוד זיך בעגנוגענען בלויז מיט „אמונה”, גלויבען אין דעם וואָס די תורה זאָגט איהם, אָדער ער דאַרף אויך אַליין נאָכפאָרשען און פעסטשטעלען די ריכטיגקייט פון די יסודות פון דער אמונה. איינער פון די ערשטע יודישע רעליגיעזע פילאָזאָפען, וואָס האָט גרינדליך בעהאַנדעלט די דאָזיגע פראַגע איז געווען רב סעדיה גאון (אין 10־טען יאָהרהונדערט), וועלכער האָט זיין ספר, — געשריבען אין אַראַביש און שפּעטער איז עס איבערגעזעצט געוואָרען אין העברעאיש, — אַ נאָמען געגעבען „האמונות והדעות” (גלויבען און פאָרשען). ער האַלט, אַז דאָס פאָרשען איז יאָ מותר. נאַכהער זענען געקומען די וויטערדיגע יודישע רעליגיעזע פילאָזאָפען, ווי רבנו בחיי אין זיין „חובת הלבבות”, רבי יהודה הלוי אין כוזרי, דער רמב״ם אין „מורה נבוכים” און אַנדערע, וואָס האָבען די פראַגע בעהאַנדעלט. טייל פון זיי האָבען יאָ געהאַלטען פון „חקירה” (פאָרשונג) און טייל (ווי רבי יהודה הלוי) האָבען געהאַלטען, אַז דער עיקר איז נישט נאָכ־

צוגריבלען, נאר מען דארף זיך סומך זיין אויף דער אמונה. דער דאזיגער קאמף האט זיך שפעטער נאכמעהר צעפלאקערט. — וועגען דעם קאמף געבען מיר ביי די שטיכווערטער פון די בעטרעפענדע יודישע פערזענליכקייטען („סעדיה’’, „משה בן מיימון’’ און אזוי ווייטער) ווי אויך ביי די שטיך־ווערטער „חקירה’’, „פילאזאפיע’’, „עקרים’’, „רעליגיע’’. — וועגען די הויפט־שטריכען וואס אונטערשיידען די יודישע אמונה פון אנדערע אמונות געבען מיר ביים שטיך־ווארט „רעליגיע’’, ווייל דאס ווארט רעליגיע בעצייכענט מעהר דעם גאנצען קאנפעסיאנעלען אינהאלט, וואס אונטערשיידט איין רעליגיע פון דער צווייטער.

**אמורא** דער דאזיגער נאמען, וואס שטאמט וואהרשיינליך פון ווארט „אמר’’ (זאגען) האט אין דער גמרא פערשידענע בעדייטונגען. מען האט דערמיט בעצייכענט דעם „דאלמעטשער’’, וואס האט אין דער ישיבה אדער בית המדרש, ווען דער דרשן און חכם האט געזאגט א דין אדער א דברי תורה, האט ער דער „אמורא’’ (דאלמעטשער), עס פערטייטשט פאר’ן עולם אין דער שפראך וואס דער עולם האט פערשטאנען. אזוי געפינען מיר אין דער גמרא יומא כ’ „לא הוי אמורא למויקם עליה’’ (עס איז נישט געווען קיין דאלמעטשער וואס זאל זיך אויפשטעלען און עס פערטייטשען).

אבער אמפאפולערסטען ווערט אנגעווענדעט דער דאזיגער נאמען צו בעצייכענען א גאנצע רייה דורות פון יודישע חכמים, וואס האבען געלעבט אין ארץ־ישראל אין לערך פון יאהר 219 (ווען עס איז געשטארבען דער מסדר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא) ביז לערך דעם יאהר 500 ווען עס איז געשלאסען געווארען דער תלמוד בבלי. דאס זענען די אלע יודישע חכמים וואס פון זייערע ווערטער, דינים, שקלא־וטריא’ס, אגדה־דרשות וכדומה זענען צונויפגעשטעלט די „גמרות’’ ירושלמי און בבלי ווי אויך די מדרשים פון יענער צייט. זיי אונטערשיידען זיך פון די חכמים וואס האבען געלעבט אין דער פריהערדיגער צייט, אין דער צייט פון דער „משנה’’, דערמיט וואס די חכמים פון דער משנה הייסען „תנאים’’ און די חכמים פון די גמרות הייסען „אמוראים’’. די אמוראים האבען אממערסטען זיך געהאלטען ביי די דינים פון דער משנה און כמעט קיינמאל זענען זיי נישט מחולק געווען אויף דעם דין פון א משנה, נאר זיי האבען זיך בעמיהט די משנה אויסצוטייטשען. געפרעגט קשיות, בעמיהט זיך צו פערענטפערען די קשיות, אויסצוגעפינען נייע דינים. די אמוראים טיילען זיך אין צוויי טיילען, 1) „ארץ־ישראל’’־אמוראים אדער די „אמוראי ירושלמי’’, דאס הייסט די וועלכע האבען געוואוינט אין ארץ־ישראל; ביי זיי איז מייסטענס נישט געווען אזוי פיעל די שקלא־וטריא, נאר האבען קורץ ערקלערט די זאך; 2) „בבל’’־אמוראים, וואס האבען געוואוינט אין בבל, און ביי זיי זענען שוין די שקלא וטריא’ס זעהר לאנגע. אממערסטען ווערטער פון פון די ארץ־ישראל־אמוראים ווערען געבראכט אין דער גמרא ירושלמי, און פון די אמוראי בבל אין גמרא בבלי; מיר געפינען אפט אין ירושלמי דערמאהנט בבל־אמוראים. דאסזעלבע אין בבלי ארץ־ישראל־אמורים. דער טיטול פון א ארץ־ישראל אמורא איז אממערסטען רבי, ווי למשל רבי יוחנן, און פון א בבל־אמורא רב (למשל רב הונא) אדער

מר (מר זוטרא) ווי אויך מיט'ן בלויזן נאָמען („שמואל").

וועגען איינטיילען די גאַנצע אמוראים-עפּאָכע (לערך 300 יאָהר) אין פערשידענע דורות, גענעראַציעס, איז פאַראַן א גרויסע מיינונגספערשידענהייט צווישען די היסטאָריקער. די אַלטע תלמודישע לעקסיקאָנען ווי ספר „יוחסין" און „סדר הדורות" טיילען איין די אמוראי ירושלמי אין דריי דורות און די אמוראי בבל אין 6 דורות, די שפּעטערדיגע געלעהרטע טיילען איין אויך די אמוראי ירושלמי אין 6—7 דורות. א חוץ דעם זענען פאַראַן חלוקי דעות צווישען די געלעהרטע וועגען געוויסע אמוראים, צו וועלכען דור זיי געהערען. אזוי למשל וועגען גרויסען אמורא רבי יוחנן האַלט מען געוועהנליך, אז ער געהערט צום ערשטען דור, און דער געלעהרטער יצחק אייזיק הלוי אין זיין „דורות הראשונים" ווייזט אויף, אז ער געהערט צום צווייטען דור. וועגען אמורא רב זאָגט די גמרא אליין „רב תנא, הוא ופליג" (עירובין נ') דאָס הייסט, אז ער איז א תנא-באַטש מען פּעררעכענט איהם צו די אַמוראים. ס'ווערט אָנגענומען, אז דער ערשטער דור פון אמוראים האָט געדויערט אין די יאָהרען 219 —260; דער צווייטער דור 260 — 320; דער דריטער דור פון 320—370; דער פיערטער דור 370 —420; דער פינפטער דור 420 — 460; דער זעקסטער דור 460 — 500. די ערשטע אמוראים אין ארץ-ישראל זענען געווען רבי יהושעיא רבה, רבי חנינא, רבי יוחנן, און אין בבל רב און שמואל. פון די לעצטע אמוראים זענען געווען אין ארץ-ישראל רבי יוסי און רבי מני (לערך דעם יאָהר 375), און אין בבל רבינא בר הונא, מר בר רב אשי און רב יוסי.

וועגען די אמוראים זענען געשריבען געוואָרען פיעל ספרים, און אין דעם ספר פון היימאַן „תולדות תנאים ואמוראים" זענען אויסגערעכענט כמעט אַלע אמוראים, וואָס זייער צאָהל דערגרייכט קרוב 2000. אין דער ביבליאָגראַפיע געבען מיר אָן די וויכטיגסטע ספרים און ביכער וועגען די אמוראים. וועגען די לעהרען פון אמוראים געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „גמרא".

ביבליאָגראַפיע: ספר „יוחסין" „סדר הדורות"; „ערך מלין" (שטיכוואָרט „אמורא"); גרעץ, געשיכטע; ווייס, „דור דור ודורשיו"; הלוי „דורות הראשונים" (א זעהר וויכטיג ספר וועלכער ענדערט דעם גאַנצען ביז דעמאָלס הערשענדעם בעגריף וועגען די דורות פון די אמוראים); אלבעק, „משפחות סופרים" (בלו'ז א טייל פון אות „אלף" ביז אבדימי דמן חיפא, אָבער ענטהאַלט זעהר וויכטיגע פאָרשונגען); באַכער „אגדת אמוראי ארץ-ישראל"; פראנקעל „מבוא הירושלמי".

**אמורי** אין חומש ווערט געזאָגט, אז איידער די יודען זענען אריינגעקומען קיין ארץ-ישראל איז דאָס לאַנד בעוואוינט געווען דורך א רייה אנדערע פעלקער, צווישען וועלכע איין פאָלק האָט געהייסען „אמורי". אין בראשית י' ווערט „אמורי" פעררעכענט אלס איינער פון די קינדער פון „כנען". אָבער אין במדבר כ"א ווערט געזאָגט, אז דאָס פאָלק אמורי האָט געוואוינט נישט אין דעם ריכטיגען ארץ-ישראל נאָר אין יענער זייט ירדן, אין „עבר הירדן" און דאָרט איז געווען „סיחון מלך האמורי" וועלכען די יודען האָבען בעזיגט און איינגענומען זיין הויפּט-שטאָדט „חשבון". ווידער אין ספר יהושע י' ווערט געזאָגט וועגען 5 מלכים פון אמורי וואָס האָבען געקיניגט אין ריכטיגען ארץ-ישראל, אין

ירושלים, חברון, ירמות, לכיש און עגלון. עס ווייזט אויס, אז לויט דער אויפפאסונג פון פערשידענע תנך־קוועלן האט אמורי פערנומען געגענדן אין ביידע זייטן פון ירדן.

א חוץ אין תנך געפינט מען וועגן פאלק אמורי (דארט הייסט ער „אמורי") אין פערשידענע קיילן־שריפטן פון אלטן אשור, ווי אויך אין עגיפטישע אלטע אויפשריפטן. דער יודישער געלעהרטער ד"ר בנימין מייזלער האט פארעפענטליכט אויף דייטש זיין בוך „אונטערזוכונגען" (גיסען 1930) איבער דעם גאנצן אמורי־פראבלעם, וואס איז אין דער וויסענשאפט נישט גענוי געלעזט. — אין דער גמרא ווערן פערשידענע אבערגלויבענס אנגערופן „דרכי אמורי" (תוספתא שבת פרק ז').

ביבליאגראפיע: מייזלער, „אונטערזוכונג" (גיטען 1930); קיטעל, „געשיכטע"; וועלהויזען, „סקיצען" (דייטש).

**אמי** א נאמען פון א סך אמוראים סיי אין בבלי און אין ירושלמי. נישט שטענדיג קאן מען וויסען, וועלכען מען מיינט. — דער בעריהמטער אמורא מיט'ן נאמען רבי אמי איז געווען א ארץ־ישראל־אמורא אין 3־טען יאהרהונדערט; ער איז געווען א כהן, א תלמיד פון רבי יוחנן און האט איהם נאכהער פערטרעטען אין דער ישיבה אין טבריה (חולין קי"א). אין דער גמרא ווערט רבי אמי אפט געבראכט צוזאמען מיט זיין חבר רבי אסי. אין ירושלמי חגיגה א' ווערט דערצעהלט, אז רבי אמי צוזאמען מיט נאך צוויי אמוראים זענען געווען בעשטימט אכטונג צו געבען אויף די יודישע חדרים אין ארץ־ישראל. עס זענען פאראן פון איהם א סך דברי אגדה. ער זאגט אין שבת נ"ה „אין יסורין בלא עון") אז יעדער אומגליק אויפ'ן מענש איז נאר צוליב אייגענע זינד). דערזעלבער רבי אמי רעדט אין תענית ח' וועגן דער וויכטיגקייט פון טריישאפט און ער ברענגט דערביי די מעשה פון „חולדה ובור", דאס איז די בעריהמטע פאלקס־ערצעהלונג פון איינעם אין ארץ־ישראל, וואס האט געשוואוירען א מיידעל אז ער וועט מיט איהר חתונה האבען און גענומען אלס עדות א מויז און א גרוב, דערנאך האט ער זיין שבועה געבראכען און חתונה געהאט מיט א צווייטער, און ווען ער האט געהאט קינדער, איז איין קינד געטויט געווארען דורך די חולדה און דאס צווייטע איז אריינגעפאלען אין א גרוב און געווארען געטויט. דאס איז איינע פון די שענסטע פאלקס־ערצעהלונגען פון דער תלמודישער צייט און זי איז אויפגעהיטען געווארען דורך רבי אמי. פון דער ערצעהלונג איז געמאכט געווארען די בעקאנטע „שולמית"־פיעסע פון גאלדפאדען.

ביבליאגראפיע: היימאן, „תולדות"; ווייס, „דור דור ודורשיו"; הלוי, „דורות הראשונים".

**אמימר** א אמורא אין בבל אין 5־טען יאהרהונדערט, אין דער צייט פון מסדר הגמרא רב אשי. צוערשט איז אמימר געווען ראש־ישיבה אין נהרדעה, נאר נאך רב אשי'ס טויט איז ער געווארען ראש־ישיבה אין סורא (ביצה כ"ב). פון איהם ווערט דערצעהלט אין סנהדרין ל"ט, אז אמימר האט געפיהרט ויכוחים מיט די גייסטליכע פון דער פערסישער רעליגיע, וועלכע האבען געהאלטען פון „שתי רשויות", אז די וועלט ווערט רעגירט דורך צוויי געטער, דורך א „שלעכטען" און א „גוטען", און אמימר האט זיי גע־

פרובט אויפווייזען אז עס איז נישט ריכטיג. דער „סדר הדורות" דערצעהלט, אז אמימר איז געטויט געווארען דורך דעם פערסישען קעניג איזדאגער, אבער דאס איז געווען אנ׳אנדער אמימר „בר ינוקא".

ביבליאגראפיע: גרעץ, געשיכטע היימאן, „תולדות"; הלוי „דורות הראשונים".

**אָמֵן** דאס איז א אויסרוף, וואס ווערט געבראכט א סך מאל אין תנך, און איז שפעטער בענוצט געווארען צו ענטפערען אויף יעדע ברכה. די בעדייטונג פון דאזיגעןווארט איז נישט קלאר. מען נעהמט אן, אז דער טייטש איז „געוויס! אמת!" „זיכער!" דאס הייסט, א בעשטעטיגונג, אז דאס ארויסגעזאגטע דורך דעם צווייטען איז ריכטיג. מיר געפינען אין חומש דברים כ"ז, אז משה רבנו האט געהייסען די לוים ארויפגעהען אויפ׳ן בארג עבל און שעלטען די אלע וואס טהוען געוויסע שלעכטע זאכען, און דאס פאלק זאל דערויף ענטפערען „אמן!" אין ישעיה ס"ה געפינען מיר „הנשבע בארץ ישבע באלהי אמן" (ווער עס שווערט, וועט שווערען אין נאמען פון גאט אמן). ביז אויף היינטיגען טאג איז עס אנגענומען אויף די ברכות, סיי פון חזן אין שוהל סיי אויך ווען איינער מאכט א ברכה, צו ענטפערען „אמן". א רמז דערצו געפינט מען אין תהלים מ"א „ברוך ה׳ אלהי ישראל, — אמן ואמן". די תוספתא תענית א׳ זאגט אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט קיין „אמן" אויף די ברכות, נאר מען האט געזאגט „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". די גמרא אין שבת קי"ט זאגט, אז דאס ענטפערען אמן איז אזוי גרויס אז „כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן" (אמן עפענט פאר איהם די טויערען פון גן עדן). דער ענטפער „אמן" ווערט אויך בענוצט אין דער קריסטליכער קירכע און אין די מאכמעדאנישע געבעט - הייזער ביי געוויסע געבעטען. — אין די שפעטערדיגע ספרים איז אנגעוויזען געווארען, אז די ראשי־תבות פון אמן איז „אל מלך נאמן".

ביבליאגראפיע: עלבויגען, „תולדות התפלה"; בעסלויעו מאנאטסשריפט יאהר 1872 (דייטש); „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „אמן").

**אֲמָנָה** טייך אין סיריען, וואס פליסט ארויס פון בארג חרמון און געהט פערביי דמשק; די אראבער רופען איהם „באראדא" (דער קאלטער). דער טייך אמנה ווערט דערמאהנט אין תנך (מלכים ב׳ ה׳) מיט׳ן נאמען „אבנה", און דער בארג. פון וואנען דער טייך פליסט, ווערט דערמאהנט אין שיר השירים ד׳ (תשורי מראש אמונה). אין דער משנה שביעות ו׳ ווערט דער טייך אמנה אין א געוויסען זין געבראכט אלס די גרענעץ פון ארץ־ישראל

ביבליאגראפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל"; שווארץ, „תבואות הארץ"; „שבע חכמות בתלמוד;

**אַמְנוֹן** דער עלטעסטער זוהן פון דוד המלך, געבוירען פון זיין ווייב אחינעם. אין ספר שמואל ב׳ י"ג ווערט דערצעהלט דער טראגישער סיפור, ווי אמנון האט זיך פערליבט אין זיין שוועסטער תמר. און ער האט זיך געמאכט קראנק און ווען זיין שוועסטער איז געקומען צו איהם בעדינען האט ער איהר געשענדעט און נאכהער אוועקגעווארפען; דאס האט אויפגעבראכט געגען איהם זיין ברודער אבשלום, וועלכער האט נאכהער אמנון׳ען פערנארט צו זיך און איהם גע-

טויט. אין פרקי אבות ה׳ ווערט א ליבע וואָס איז אָבהענגיג פון א זייטיגער אורזאַך (אהבה התלויה בדבר) אָנגערופען „אהבת אמנון ותמר’’ (די ליבע פון אמנון און תמן) וואָס איז נישט דויערהאַפט. — אין דער ליטעראַטור זענען געשאַפען געוואָרען דראַמען פון דער מעשה אמנון ותמר דורך קאַלדעראָן און אנדערע. אין דער יודישער ליטעראַטור איז בעקאַנט די פיעסע „אַמנון ותמר’’ פון שלום אש.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות’’; „אוצר ישראל’’.

**אמנון פון מיינץ** בעריהמטער יורשער קדוש, וואָס זאָל האָבען פערפאַסט די בעקאַנטע תפילה פון ראש השנה און יום כיפור „ונתנה תוקף’’. מען רופט איהם דעריבער אויך „רבי אמנון בעל ונתנה תוקף’’. ווען ער האָט געלעבט און צו האָט ער ווירקליך עקזיסטירט, קאָן מען אויף זיכער נישט זאָגען. דער „שלשלת הקבלה’’ ברענגט פון רבי יצחק ווינא (מחבר פון „אור זרוע’’) אז ער האָט געלעזען אין א כתב יד די בעקאַנטע לעגענדע פון רבי אמנון, אז ער איז געווען א רייכער, שעהנער מאַן און אָנגעזעהען ביים ערץ־בישאָף אין מיינץ, דער בישאָף האָט איהם צוגערעדט, אז ער זאָל זיך שמד׳ען. ווען ער האָט איהם שטאַרק צוגערעדט, האָט רבי אמנון געזאָגט, אז ער וועט איהם זאָגען ענטפער אין 3 טעג. דערנאָך האָט ער שטאַרק חרטה בעקומען אויף דעם, וואָס ער האָט געקאָנט גאָר דערלאָזען א ספק, אז ער וועט זיך שמד׳ען. ווען דער ערץ־בישאָף האָט נאָך איהם געשיקט איז ער נישט געקומען. ווען מען האָט איהם געבראַכט מיט געוואַלד האָט ער אליין ארויסגעגעבען אויף זיך די שטראָף, אז מען זאָל פון איהם שניידען די איברים שטיקערווייז, און אזוי האָט מען איהם געטהון. ראש השנה האָט ר׳ אמנון געבעטען, אז מען זאָל איהם פיהרען מיט׳ן בעט אין שוהל; ביי מוסף האָט ער געבעטען, מען זאָל שווייגען און ער האָט מקדש השם געווען דורך די תפילה „ונתנה תוקף’’, נאָכהער איז ער פערשוואונדען געוואָרען ארויף אין הימעל. אין דריטען טאָג איז ער געקומען צו חלום צו רבנו קלונימוס ברבי משולם און געבעטען אז מען זאָל זאָגען דעם פיוט ונתנה תוקף יעדען ראש השנה און יום כיפור.

פון דער לעגענדע איז צו זעהן, אז רבי אמנון האָט געלעבט לערך דעם יאָהר 1000 ווייל דעמאָלס האָט ווי בעוואוסט געלעבט דער רבנו קלונימוס פון מיינץ. די מעשה ווערט אויך געבראַכט אין „הגהות האשרי’’ (אָנהויב ראש השנה) פון רבי ישראל קרעמזיר, וועלכער האָט געלעבט אין 14־טען יאָהרהונדערט. אָבער טייל היסטאָריקער ווייזען אָן, אז א עהנליכע לעגענדע ווערט דערצעהלט פון א געוויסען קריסטליכען מערטירער עמעראַם פון רעגענסבורג, וואָס זאָל האָבען געלעבט לערך דעם יאָהר 700. טייל מחזור־פאָרשער גלויבען, אז דעם „ונתנה תוקף’’ אין איצטיגען צוזאַמענשטעל זאָל האָבען מחבר געווען רבי קלונימוס אַליין. — אויף דער טעמא פון רבי אמנון האָט פרוג געשריבען א פּאָעמע אויף רוסיש, און שאַרקאַנסקי א דראַמע אין יודיש.

ביבליאָגראַפיע: יודיש ענגלישע ענציקלאָפעדיע; היידענהיים, אין זיין מחזור־אויסגאַבע; „אוצר ישראל’’.

**אַמסטערדאַם** די גרעסטע שטאָדט אין האָלאַנד; אין די גאָר עלטערע יודישע ספרים האָט מען דעם נאָמען פון דער שטאָדט גע־

שריבּען „אַמשטלרדם". די שטאָדט ליגט
בּיים אריינפאל פון טייך אמסטעל אין
ים. זי האָט היינט 800 טויזענד איינ-
וואוינער, און צווישען זיי לערך 70
טויזענד יודען. די ערשטע יודישע איינ־
וואוינער אין אמסטערדאַם זענען געווען
ענטלאָפענע אַנוסים פון שפּאַניען און
פּאָרטוגאל אין ענדע פון 16־טען יאָהר־
הונדערט. זיי האָבּען געגרינדעט די
שוהל „בּית יעקב" און זייער ערשטער
רב איז געווען א אשכּנזישער יוד רבּי
משה אורי הלוי. נאָכהער איז די יודישע
קהלה אין אמסטערדאַם כּסדר געוואקסען
דאדורך וואָס עס זענען כּסדר צוגעקו-
מען ענטלאָפענע אנוסים פון שפּאַניען
און פּאָרטוגאל. אין 17־טען יאָהרהונ־
דערט איז אמסטערדאַם שוין געווען איי־
נע פון די אָנגעזעהענסטע יודישע קה-
לות אין אייראָפּא, איהרע רבּנים זענען
געווען רבּי שאול מורטירא, רבּי יצחק
אבוהב דע פאנסעקא און אנדערע. אין
אַמסטערדאַם זענען דעמאָלס געלעגט
געוואָרען אין חרם צוערשט אוריאל
אַקאָסטא און נאָכהער בּרוך שפּינאָזא.
אין דער צווייטער העלפט פון 17־טען
יאָהרהונדערט האָט אין אמסטערדאַם
געפונען א גרויסען אָבּקלאַנג, די שבּתי־
צבי־בּעוועגונג. אין אמסטערדאַם זענען
פערלעגט געוואָרען די גרעסטע יודישע
דרוקערייען און אין „דפוסי אמשטרדם",
זענען גערדוקט געוואָרען הונדערטער
ספרים פון פערשידענעם אינהאַלט, גמ-
רות, תּנך, פּוסקים, מוסר ספרים, שאלות
ותשובות. מען האָט גערופען אַמסטער־
דאַם „דאָס נייע גרויסע ירושלים". עס
איז שווער צו פעסטשטעלען ווען עס
האָבּען אָנגעהויבּען אָנקומען קיין אַמס־
טערדאַם אשכּנזישע יודען. די ערשטע
אשכּנזישע קהלה האָט זיך דאָרט גע-
גרינדעט אין דער ערשטער העלפט פון
17־טען יאָהרהונדערט. די קהלה האָט
זיך פערגרעסערט נאָך די גזרות ת"ח
ות"ט (1648) ווען א סך יודען זענען
ענטלאָפען פון פּוילען. אין 18-טען
יאָהרהונדערט איז די אשכּנזישע קהלה
אין אמסטערדאַם געווען גאָר א גרויסע
און איינער פון איהרע בּעריהמטעסטע
רבּנים איז געווען רבּי צבי אשכּנזי,
מחבּר פון חכם צבי. בּעת'ן סוף פון
18־טען יאָהרהונדערט האָבּען די יודען
אין אמסטערדאם געהאַט נאָר רעליגיעזע
פריהייט; נאָך דער פראנצויזישער רע-
וואָלוציע אין יאָהר 1795, האָבּען טייל
אמסטערדאַמער יודען געגרינדעט דעם
קלוב „פעליקס ליבּערטאַטע" זיך אוים־
צוקעמפען אויך בּירגערליכע רעכט, ווע־
גען דעם זענען געווען גרויסע אינערלי-
כע מחלוקת. אָבּער ענדליך האָבּען זיי
בּעקומען גלייכע רעכט אין יאָהר 1796
צוזאמען מיט אלע יודען אין האָלאַנד.
די יודען אין אמסטערדאַם האָבּען זיך
דעמאָלס צעטיילט אין צוויי פּאַרטייען,
רעפאָרם־יודען און פרומע. אין פערלויף
פון 19־טען און אָנהויב 20-טען יאָהר
הונדערט האָבּען די יודען פון אַמסטער-
דאַם ארויסגעגעבּען א רייה וויכטיגע יו־
דישע פּערזענליכקייטען. די הויפּט-בּע־
שעפטיגונג פון די יודען אין אמסטער־
דאַם איז געווען דער בּרילאַנטען־מסחר
און שלייפערייען. נאָר אין דער צווייטער
העלפט פון 19-טען יאָהרהונדערט האָט
אַנטווערפּען געפיהרט א גרויסע קאָנקו־
רענץ אין דער הינזיכט געגען אמסטער־
דאַם. ערשט אין דער צייט פון דער
וועלט-מלחמה (1914 — 1918), ווען
אנטווערפּען איז אריינגעצויגען געוואָרען
אין מלחמה־געבּיעט זענען א סך יודען
אוועק קיין אמסטערדאַם, וועלכע איז
ווידער געוואַקסען.

אין אַמסטערדאַם געפינט זיך היינט
בּיי 70 טויזענד יודען (לערך 65 טוי־

זענד אשכנזים), פערמאגט א אייגענעם רבנים־סעמינאר, לערד 40 שוהלען און בתי מדרשים, תלמוד־תורה'ס און וועלטליכע יודישע שולען כמעט אלע מיט האלענדיש אלס אונטערריכטס־שפראך. אין אמסטערדאם געפינען זיך נאך היינט עטליכע יודישע דרוקערייען, אבער מיט א שוואכער טעטיגקייט. אין אמסטערדאם זענען אויך פאראן עטליכע גרויסע יודישע ביבליאטעקען, די בעריהמטע „ראזענטאליאנא", די ביבליאטעקען פון דעם ספרדישען רבנים־סעמינאר און פון דער אשכנזישער שולע „עץ חיים". די יודען פון אמסטערדאם שפילען איצט א גרויסע ראליע אין עפענטליכען לעבען, האנדעל, וויסענשאפט.

וועגען א גאנצער רייה ענינים, וואס זענען פערבונדען מיט די יודען אין אמסטערדאם געבען מיר ביי א רייה אנדערע שטיכווערטער, ווי „האלאנד", „שפינאזא", „דרוקערייען", „צייטונג" (וועגען דער ערשטער יודישער צייטונג „קוראנט", וואס איז ערשינען אין אמסטערדאם 1686), „אורי פייבוש" און אנדערע.

ביבליאגראפיע: אין אמסטערדאם זענען 1758 — 1804 ערשינען א רייה תקנות פון פערשידענע יודישע חברות; „קול בת גלים" (אמסטערדאם 1867); אין די יודישע ענציקלאפעדיעס, ספעציעל אין דער יודישער דייטשער זענען פאראן אויספיהרליכע ארטיקלען וועגען אמסטערדאם, ווי אויך ביבליאגראפיע פון ביכער וועלכע זענען אממערסטן געשריבען אויף האלענדיש.

## אמעלאנדער מנחם

ער האט זיך אויך געשריבען „מנחם מן בן שלמה הלוי". בעריהמטער העברעאישער און יודישער שרייבער פון 18־טען יאהרהונדערט. ער האט געלעבט אין אמסטערדאם, וואו ער איז געשטארבען א קורצע צייט פאר 1767. ער איז געווען בעקאנט אלס מדקדק און האט אין יאהר 1725 ארויסגעגעבען אין אמסטערדאם צוזאמען מיט זיין שוואגער אליעזר רידעלסהיים דעם „מגישי מנחה", א יודיש־דייטשע איבערזעצונג און פירוש צום תנך. ער האט אויך ארויסגעגעבען דעם מדרש תנחומא (1733) און א חומש מיט פירושים און הערות. אבער אמבעריהמטסטען איז זיין ספר געשריבען אין יודיש „שארית ישראל" (ערשטע אויסגאבע אמסטערדאם 1744) וואס האט שפעטער אויך געהאט דעם טיטול „כתר מלכות". דער „שארית ישראל" איז א פארטזעצונג פון „יוסיפון", און דערצעהלט אין קאפיטלעך די יודישע געשיכטע פון חורבן בית שני אן ביז דעם יאהר תק"ג. דער „שארית ישראל" ענטהאלט ווערטפולע ידיעות וועגען דער געשיכטע פון יודען אין האלאנד, פוילען, דייטשלאנד. דער „שארית ישראל" איז ערשינען שפעטער אין א שלעכטער העברעאישער איבערזעצונג שטארק פערקירצט. אין יאהר 1855 איז דער „שארית ישראל" ערשינען אויך אין א האלענדישער איבערזעצונג מיט א רייה בעמערקונגען.

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1914); יודיש־רוסישע ענציקלאפעדיע; גרינבוים, יודיש־דייטשע כרעסטאמאטיע (דייטש).

## אמעריקא

**אמעריקא** דער נאמען פון דעם גרויסען מערבדיגען וועלט־טייל פון ערד־קוגעל, וואס ציהט זיך פון אייז־ים ביי צפון ביז צום דרום־ים. דער אמעריקאנער קאנטינענט פערנעהמט א שטח פון לערד 38 מיליאן קוואדראט קילאמעטער און צעהלט לערד 180 מיליאן איינוואוינער, צווישען זיי לערד 4 און א האלבען מיליאן יודען (איבער 4 מיליאן בלויז אין די פעראייניגטע שטאאטען פון צפון־אמע־

ריקאַ). אמעריקאַ טיילט זיך אויף „צפון־אַמעריקאַ", וואָס נעהמט אַרום די פּערייניגטע שטאַאַטען, קאַנאַדאַ, מעקסיקאַ, און אַ רייהע קלענערע רעפּובּליקען, און „דרום־אַמעריקאַ", וואָס נעהמט אַרום אַרגענטינאַ, בּראַזיליען, טשילי, אורוגוויי, פּאַראַגוויי און אַ רייהע קלענערע רעפּובּליקען. די ערשטע יודען, וואָס האָבּען זיך בּעוויזען אין אַמעריקאַ זענען געווען די געהיימע יודען, אַנוסים, פון שפּאַניען וואָס זענען געפאָהרען צוזאַמען מיט דער ערשטער ענטדעקונגס עקספּעדיציע פון קאָלומבּוס אין יאָהר 1492, ווען מען האָט די יודען אַרויסגעטריבּען פון שפּאַניען. עס איז אַ פאַקט, אַז קאָלומבּוס (וועגען וועלכען עס זענען אויך פאַרהאַן מיינונגען, אַז ער איז געווען אַ יוד) האָט בּעקומען צו זיין עקספּעדיציע הילף פון יודען, סיי אין וויסענשאַפטליכער פאָרם (די אַסטראָנאָמישע רייזע־טאַבּעלען פון רבי אבּרהם זכותא) סיי אויך אין געלד (פון יודישען אַנוס לואי דע סאַנטאַנגעל) און אויך מענשען, יודען־אַנוסים וואָס זענען מיטגעפאָהרען מיט איהם. צווישען די 40 מאַן פון קאָלומבּוסעס עקספּעדיציע זענען געווען 5 יודען, און דער ערשטער וואָס איז אַראָבּ אויף דער אַמעריקאַנישער ערד איז געווען דער יודישער אַנוס לואי דע טאָרעס. אַ געוויסע צייט איז אַרומגעגאַנגען אויך בּיי די קריסטען די לעגענדע, אַז די אינדיאַנער אין אַמעריקאַ זענען די עשרת־השבטים. דאָס בּעזעצען זיך פון יודען אין אַמעריקאַ האָט זיך אָנגעהויבּען צוערשט אין דרום־אַמעריקאַ אין בּראַזיליען, פּערו, וואו עס האָבּען זיך בּעזעצט אַמּמערסטען ענטלאָפענע אַנוסים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען האָבּען זיך די ערשטע יודען בּעזעצט אין יאָהר 1654 נעהמליך אין ניו־יאָרק, וואָס האָט דעמאָלס געהייסען ניי־אַמסטערדאַם. פון דעמאָלס אָן האָט דער צופלוס פון יודען קיין אַמעריקאַ זיך כּסדר פּערגרעסערט, און האָט אָנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט און אויך אין אָנהויבּ 20־טען יאָהרהונדערט ווי אויך נאָך דער וועלט־מלחמה. איצט געפינען זיך אויפ'ן אַמעריקאַנישען קאָנטינענט בּיי 4 און אַ האַלבּען מיליאָן יודען פון וועלכע לערך 4 מיליאָן געפינען זיך אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען פון צפון־אַמעריקאַ, און די איבּעריגע אין קאַנאַדאַ, אַרגענטינאַ, בּראַזיליען און אויך אין די קלענערע רעפּובּליקען.

וועגען די יודען אין אַמעריקאַ געבּען מיר בּיי דער בּעשרייבּונג פון יעדען לאַנד בּעזונדער; אַזוי געבּען מיר בּיים שטיכוואָרט „פּעראייניגטע שטאַאַטען" וועגען דעם גרויסען קבּוץ יודען אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען פון צפון־אַמעריקאַ; וועגען יודען אין די אַנדערע לענדער געבּען מיר בּיי „קאַנאַדאַ", „אַרגענטינאַ", „בּראַזיליען", און אַנדערע שטיך־ווערטער.

בּיבּליאָגראַפיע: קוועלען וועגען יודען אין אַמצריקאַ געבּען מיר בּיי די בּעזונדערע שטיך־ווערטער; אים אַלגעמיין קאָן מען געפינען וועגען דער געשיכטע פון יודען אין אַמעריקאַ אין די ווערק פון קייזערלינג „קאָלומבּוס" (דייטש), רייזין, „תולדות היהודים באמריקה"; אין דער יודישער שפּראַך: קאַהאַן, „די געשיכטע פון אַמעריקאַ"; וויערניק, די געשיכטע פון יודען אין אַמעריקאַ.

## אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס

וועגען די פּערשידענע יודישע אינסטיטוציעס אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען, וואָס הייסען „אַמעריקאַנער", ווי „אַמעריקאַניש־יודישער קאָמיטעט", „אַמערי־

קאניש-יודישער קאנגרעס'' און אזוי ווייטער ווערען מיר געבען ביי דעם שטיך־ווארט „פּראייניגטע שטאטען''.

**אַמַצְיָה** מלך פון לאנד יהודה לערך אין אנהויב פון 8-טען יאהר־הונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג. אין ספר מלכים ב' י''ד ווערט דערצעהלט, אז אמציה (אויך אמציהו) איז געווען דער זוהן פון מלך יואש, און ער האט געקיניגט 29 יאהר. אמציה האט מלחמה געהאלטען מיט'ן לאנד אדום און האט עם בעזיגט. נאכהער האט ער געפיהרט מלחמה מיט יואש מלך ישראל, און ער האט געליטען א גרויסע מפלה; ירושלים זיין הויפּט-שטאדט איז איינגענומען געווארען דורך דעם מלך ישראל, און דעמאלס האט אמציה פערלוירען זיין טראן; ער איז אנטלאפען קיין לכיש, וואו מען האט איהם געטויט, און אויף זיין ארט איז געווארען קעניג זיין זוהן עוזיהו. די גמרא מגילה י' זאגט, אז אמציה און אמוץ, דער פאטער פון ישעיה הנביא זענען געווען ברודער.

ביבליאגראפיע: ראזענבערג „אוצר השמות''; קיטעל, „געשיכטע''.

**אַמְרָפֶל** אין חומש בראשית י''ד ווערט דערצעהלט אז אברהם אבינו האט מלחמה געהאלטען מיט 4 מלכים, און צווישען זיי איז אויך געווען „אמרפל'' דער קעניג פון בבל. אין דער גמרא עירובין נ''ג ווערען געבראכט פערשידענע דרשות ווענען אמרפל (אז דאס איז נמרוד וכדומה). טייל געלעהרטע היסטאריקער פון דער אלטער באבילאנישער ציוויליזאציע, און צווישען זיי שראדער, זאגען ארויס די השערה, אז אמרפל זאל זיין דער בעריהמטער קעניג פון בבל האמוראבי וועמענס געזעצען ען האט געפינען אין די באבילאנישע קיילען־שריפטען. ווענען דעם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „האמוראבי''.

**אֱמֶת** (וואהרהייט). אין דער יודישער רעליגיע און עטיק שפּילט די מידה פון אמת א זעהר גרויסע ראליע. שוין אין תנך געפינען מיר ווענען גאט: „ה' אלהים אמת'' (ירמיהו י'); אין תהלים קט''ו ווערט ווענען גאט געזאגט „השומר אמת לעולם'' (ער היט דעם אמת אייביג). ווענען די אבגעטער ווערט געזאגט אין דברי הימים ב' „ללא אלהי אמת'', אז זיי זענען נישט די געטער פון אמת. אין דער גמרא יומא ס''ט ווערט געבראכט אז „חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת'' (דער חותם פון גאט איז אמת). אין פרקי אבות א' זאגט דער תנא רבן גמליאל, אז איינע פון די דריי זאכען אויף וועלכע די וועלט שטעהט איז „אמת''. אין זעלבען פרקי אבות ה' ווערט גערעכענט צווישען די מעלות פון א חכם, אז ער איז א „מודה על האמת'' (ער אנערקענט די וואהרהייט). אלס געגענזאץ צום „אמת'' איז דער „שקר'', און דער חומש שמות כ''ג זאגט אז „מדבר שקר תרחק'' (פון פאלשע רייד זאלסטו זיך דערווייטערען). און עס איז אויך פארהאן א פערבאט אין ויקרא י''ט „ולא תשקרו איש בעמיתו'' -איהר זאלט נישט פאלש זיין איינער צום צווייטען). אין דער גמרא שבת ק''ד ווי אויך אין א סך גמרא־ערטער ווערען געבראכט געוויסע דרשות ווענען אמת און שקר. פון דעסטוועגען זאגט די גמרא אין יבמות ס''ה אז „מפני דרכי שלום'' מעג מען בעהאלטען דעם אמת, כדי נישט ארויסצורופען קיין מחלוקה, ווייל שלום איז וויכטיגער אפילו פון אמת.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל'' (שטיך־ווארט „שקר'').

**אַנאַגראַם** דאָס איז אַ גריכיש וואָרט און איז דער טייטש ,,די איבערשטעלונג פון בוכשטאַבען אין אַ וואָרט". מען געפינט אַז אויך אין תּנך זענען פאַראַן אַנאַגראַמען. למשל איז בראשית ו' איז פאַראַן ,,ונח מצא חן" (נח האָט געפינען חן) אַלזאָ, דאָ זענען איבערגעשטעלט די ח' און נ' אין די ווערטער פון ,,נח" און ,,חן". אַזוי איז פאַראַן אין ישעיה ס"א ,,פאר תחת אפר" (,,פאר" און ,,אפר" האָבען די זעלבע בוכשטאַבען נאָר אומגעשטעלט. דאָס זעלבע איז פאַראַן אין דברי הימים א' ואמו קראה שמו יעבץ לאמר כי ילדתו בעצב" (אַלזאָ, אויך דאָ איז אומגעשטעלט ,,יעבץ" אין ,,עצב"). איבערהויפּט שפּילט דער אַנאַגראַם אַ גרויסע ראָליע אין דער קבלה און אין קמיעות. אין דער קבלה הייסט עס ,,תמורה" (אויסטויש), און דעם מנהג צו לערנען משניות נאָך אַ טויטען ווערט אין דער קבלה ערקלערט דערמיט וואָס ,,משנה" האָט די זעלבע אותיות וואָס נשמה.

**אַנאָנימען** ביכער, וואָס האָבען נישט קיין נאָמען פון מחבר, זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אָהן דעם מחבר'ס נאָמען. אין דער העברעאישער ליטעראַטור (פון די גאָר עלטעסטע צייטען אָן ביז דער נייעסטער צייט) און אין דער יודישער ליטעראַטור זענען פאַראַן אַ סך אַנאָנימע ספרים און ביכער. שוין אין חומש במדבר כ"א ווערט געבראַכט אַ ספר ,,מלחמת אדוני" און אין יהושע י' אַ ,,ספר הישר" וואָס זענען אַנאָנים. אין אַ געוויסער מאָס זענען אויך אַ סך תּנך־ספרים אַנאָנים, ווי רות, איכה, איוב און אויך די נביאים הראשונים. פון דער צייט פון בית שני זענען פאַראַן אַ סך אַנאָנימע יודישע ביכער אין דער גריכישער שפּראַך, דער גרעסטער טייל ,,אַפּאָקריפען" (כתובים אחרונים). אויך אַ גרויסער טייל פון די תּלמודישע ספרים, די מדרשים, און נאָך חתימת התּלמוד די אַלע עלטערע מיסטיק־ספרים ווי ,,ספר יצירה", ,,שיעור קומה", און דאָס היסטאָרישע ,,ספר הישר" און אַנדערע זענען אַנאָנים. וואָס ווייטער צו דער נייער צייט אַלץ גרעסער ווערט די צאָהל פון אַנאָנימע ספרים און ביכער אין העברעאיש, און בעזונדערס גרויס איז זייער צאָהל אין דער יודישער שפּראַך. געוויסע זאַמלונגען פון די העברעאישע אַנאָנימען האָבען פערצייכענט די גרויסע ביבליאָגראַפען אין זייערע קאַטאַלאָגען, ווי שטיינשניידער, בן יעקב (,,אוצר הספרים"), צעדנער און אַנדערע. אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע איז פאַראַן אַ גאַנצע רשימה פון העברעאישע אַנאָנימען ביז צום יאָהר 1875. וועגען אַנאָנימען אין דער יודישער שפּראַך האָט אָבגעדרוקט אַ רשימה רייזען אין זיין לעקסיקאָן פון יאָהר 1914 צום סוף. פאַקטיש איז די צאָהל פון יודישע אַנאָנימען בעדייטענד גרעסער נעהמענדיג אין אַכט די פיעל מעשה־ביכלעך וואָס זענען ערשינען אויף יודיש אָהן דעם נאָמען פון די מחברים.

**אַנאַקלעטוס** נאָמען פון אַ פּויבסט וואָס איז געשטאָרבען אין יאָהר 1138. זיין בעדייטונג בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז דער איינציגער פּויבסט, וועגען וועלכען מען ווייסט אויף זיכער, אַז ער האָט געשטאַמט פון יודען. זיין זיידע איז געווען אַ רוימישער יוד וואָס האָט אָנגעזאַמעלט אַ גרויס פערמעגען און האָט זיך געשמדט. צוליב דעם דאָזיגען אַנאַלעקטוס זענען ענטשטאַנען שפּעטער

לעגענדעס וועגן א יודישן פויבסט
,,אנדרעאס'', און ביי יודען וועגן דעם
יודישען פויבסט ,,אלחנן'. וועגן דער
יודישער לעגענדע געבען מיר ביים
שטיך־וואָרט ,,אלחנן דער פויבסט''.

**אנאַרכיזם** פּאָליטישע שיטה,
וועלכע לערענט,
אזקיין מענש דאַרף נישט הערשען אי־
בער דעם צווייטען, אז יעדער יחיד
דאַרף זיין אומבעגרענעצט פריי, זעלבסט־
שטענדיג. די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג
וועלכע איז אין דער נייערער צייט אָנ־
געהויבען געוואָרען דורך פּרודהאָן האָט
געפינען איהרע אַנהענגער סיי צווישען
טייל יודישע דענקער (ווי משה העס,
גוסטאַוו לאַנדויער און אַנדערע) סיי
צווישען טייל קרייזען אין דער יודישער
אַרבייטערשאַפט. די ערשטע יודיש־
אנאַרכיסטישע גרופּען זענען ענטשטאַנען
אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק אין די 80־
ער יאָהרען, און אין יאָהר 1887 האָבען
די יודישע אנאַרכיסטען אין ניו־יאָרק
ארויסגעגעבען בראָשורען און א צייטונג
,,וואהרהייט'', ד גרופּע האָט געהייסען
,,פּיאָנערען דער פרייהייט'. אויך אין
לאָנדאָן האָבען די יודישע אנארכיסטען
אין יענער צייט געגרינדעט דעם פעראיין
,,ריטער דער פרייהייט'' און אַרויסגע־
געבען דעם וואָכענזשורנאל ,,אַרבייטער
פריינד''. אין אַלגעמיין אָבער האָבען די
פערשידענע פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער־
פעראיינען אויך די סאָציאַליסטישע אָר־
גאַניזאַציעס אָבגעהאַלטען א זיג איבער
דעם אנאַרכיזם אין די יודישע אַרביי־
טער־קרייזען, ספּעציעל נאָך דער רוסי־
שער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין
יאָהר 1918, ווען די אַרבייטער זענען
געשטעלט געוואָרען פאר פּראַקטישע
פּאָליטישע לעבענס־פּראָבלעמען און האָ־
בען געמוזט אָנהויבען צו־פּאַסען זייי־
ערע פּאָליטישע אָנשויאונגען צו די לע־
בענס־פאָדערונגען. אין ניו־יאָרק ער־
שיינט דער אָרגאַן פון די אידעאַלע
אַנאַרכיסטען ,,פרייע אַרבייטער־שטימע''

ביבליאָגראַפיע: בורגין, „געשיכטע פון
דער יודישער אַרבייטער־בעוועגונג אין אַמערי־
קא'' (ניו־יאָרק 1922); מיכאַלעוויטש, עראינערונ־
גען פון אַ יודישען כאָציאַליכט־ (וואַרשא 1923)
יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אַנגאָלאַ** א קאָלאָניען - לאַנד אין
אפריקא, וואָס געהערט
צו פּאָרטוגאַליען. אנגאָלא פערנעהמט
אין דער געשיכטע פון יודישען טערי־
טאָריאַליזם (זוכען לענדער וואו צו בע־
זעצען יודען און צו גרינדען א יודיש
היימלאַנד) א געוויסען אָרט. אין יאָהר
1911 האָט לויט דער השתדלנות פון
יודישען סוחר אין ליסאַבאָן ווילהעלם
טאָרלא (געבוירען אין ראָוונא, פּוילען)
די פּאָרטוגאַלישע רעגירונג פּאָרגעלייגט
דער יודישער טעריטאָריאַליסטשער אָר־
גאַניזאַציע צו בעזעצען יודען אין אנגאָ־
לאַ. אין יאָהר 1912 איז געפאָהרען קיין
אנגאָלא א טעריטאָריאַליסטישע דעלע־
גאַציע צו בעטראַכטען דאָס לאַנד און
האָט געפינען דאָרט געוויסע חסרונות,
ווי למשל דער קלימאַט איז צו הייס
וכדומה. פון דעמאָלס אָן האָט מען
מעהר נישט געהערט וועגען אנגאָלאַ
ביז אין יאָהר 1931, ווען עס איז אין
די פּויליש - יודישע צייטונגען ווידער
אויפגעשוואומען דער פּראָיעקט צו בע־
זעצען פּוילישע יודען אין אנגאָלא, ווייל
אין אנגאָלאַ האָט זיך אָנגעהויבען א
קאָלאָניזאַציע פון פּוילישע לאַנדווירטען.
אָבער אויך דאָס מאָל איז דער פּראָ־
יעקט דורכגעפאַלען. די מייסטענס איינ־
וואוינער פון אנגאָלא זענען נעגערס.
א געוויסע צאָהל אייראָפּעער און צווי־
שען זיי עטליכע צעהנדליג יודען געפי־

נען זיך אין דער הויפּט-שטאָדט לאַ־אַנדאַ.

בּיבּליאָגראַפיע: יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן; אויף דייטש איז ערשינען (וויען 1914) דער בּערכט פון דער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע וועגען אַנגאָלאַ; אין יאָהר 1913 איז דער בּעריכט ערשינען אין די יודישע צייטונגען „היינט" און „מאָמענט" ווארשא.

## אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישאַן

(„ענגליש יודישע געזעלשאַפט"). בּעריהמטע יודישע געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין לאָנדאָן יאָהר 1871, און איז געשטאַנען אין אַ געוויסער פערבּינדונג מיט דער פראַנצויזיש-יודישער „אַליאַנס". די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל צו פערבּעסערען די סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע לאַגע פון יודען אין פערשידענע לענדער. די געזעלשאַפט אַרבּייט אין פּאָליטישע ענינים צוזאַמען מיט דער יודישער „בּאָארד אָוו דעפּיוטיס" איז לאָנדאָן. די געזעלשאַפט האַלט אויס שולען אין אַ רייהע שטעדט און מזרח-לענדער צווישען אַנדערע אין בּאַגדאַד, ירושלים, דמשק, טעהעראַן און אַנדערע. אין יאָהר 1924 האָט די געזעלשאַפט בּעקומען אַ ירושה 100 טויזענד פונט פון פּרודרי פון שאנכיי. די געזעלשאַפט האָט אויך אַ גרויסע דעה אין דער פערוואַלטונג פון „יק"אַ". אין די ערשטע צייטען פון ציוניזם איז די „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישען" געווען געגען דעם ציוניזם; אָבּער אין יאָהר 1925 האָט זי אָנגענומען אַ בּעשלוס צו שטיצען דעם יודישען אויפבּוי פון אַ היימלאַנד אין ארץ-ישראל, און אריינצוטרעטען אין דער „יודישער אַגענץ". די פּרעזידענטען פון דער געזעלשאַפט אין צייט פון איהר עקזיסטענץ זענען געווען די פּראָמינענטסטע ענגלישע יודען, צווישען זיי אַזעלכע ווי פּראָפעסאָר ווילי, קלויד מאָנטעפיאָרע, אַסמאַנד ד' אַביגדור גאָלדסמיד און איצט לעאָנארד גאָלדסמיד מאָנטעפיאָרע.

בּיבּליאָגראַפיע: די „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישאַן" גיעט אַרויס יעהרליכע בּעריכטען אין ענגליש.

## אַנגלאָ פּאַלעסטיין קאָמפּאַני

(זי ווערט אין פערקירצונג געשריבּען „אַפּייקיי"). דאָס איז דער בּאַנק-אינסטיטוט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל, אַלס אַן אָבּטיילונג פון דער „יודישער קאָלאָניאַל בּאַנק". די צענטראַלע פון דער „אַפּק" געפינט זיך אין תּל-אביב און זי האָט פיליעס אין ירושלים, חיפה, צפת, טבריה, חברון, און בּיירוט, ווי אויך אין אַ רייהע ארץ-ישראל-קאָלאָניעס (פּתח תקוה און אַנדערע). די אַפּ"ק איז אַ אַקציען-געזעלשאַפט פון 300 טויזענד אַקציעס צו 1 ענגלישען פונט אַ אַקציע. זי פיהרט אַלע בּאַנק-געשעפטען און האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען אויפצובויען ארץ-ישראל געבּענדיג קרעדיט אויף ערד' פּרדסים; אין תּל-אביב איז זאָגאַר פאַראַן אַ ספּעציעלער שטאָדט-קוואַרטאַל מיט'ן נאָמען „שכונת אפּ"ק". דירעקטאָר פון דער בּאַנק איז ס. האָפּיען.

## אַנדאַלוזיען אַ פּראָווינץ אין דרום - שפּאַניען

בּיי די טייכען גוואַדאַלקוויוויר, איהרע הויפּטשטעדט זענען סעווילאַ, קאָרדאָוואַ און גראַנאַדאַ, און זיי האָבּען געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע אין דער שפּאַנישער עפּאָכע. פון דאָרט האָבּען געשטאַמט גרויסע יודישע גאונים, שריפטשטעלער, דיפּלאָמאַטען. וועגען דער געשיכטע פון יודען

אין אנדאַלוזיע געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „שפּאַניען".

**אנדרעאַס** א לעגענדארישער פּויבסט אין מיטעלאַלטער, וואָס זאָל האָבען געווען א יוד. די הויפּט־פאָרם פון דער דאָזיגער לעגענדע געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אלחנן דער פּויבסט", ווי אויך ביים שטיך־וואָרט „אנאַלעקטוס".

**אנוסים** אויך „מאַראַנען", דאָס זענען די יודען, וואָס זענען געצוואונגען געוואָרען צו שמד'ען זיך און אין געהיים זענען זיי טיילמאָל געבליבען יודען, אָבגעהיט געוויסע יודישע מצוות. פון וואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט מאַראַנען (מאַראַנאָס) איז נישט בעקאַנט. עס איז פאַרהאַן א השערה אז דאָס איז פון אַראַמעאישען „מרן אתא" (דער הערר איז געקומען) דאָס הייסט, אז דער משיח איז שוין געקומען און דאָס איז ישו הנוצרי, — און דאָס האָט מען זיי געזאָלט צווינגען צו זאָגען. אָבער די דאָזיגע השערה איז נישט וואַהרשיינליך. וועגען יודישע אנוסים וואָס מען האָט געצוואונגען צום שמד ווייסט מען שוין פון די פריהערדיגע צייטען (גזרות תתנו און אנדערע), אָבער ספּעציעל און אין א גרויסער צאָהל טרעפט מען זיי אין דער יודישער געשיכטע זינט דעם יאָהר 1391 (קנ"א) אין שפּאַניען, ווען עס איז דאָרט פאָרגעקומען גרויסע שחיטות אויף יודען און א סך יודען האָבען זיך געשמדט כדי אויסצומיידען די פערפאָלגונגען. פיעל פון זיי האָבען אָבער אין געהיים ווייטער אָבגעהיטען דאָס יודישקייט. די יודישע רבנים אין יענער צייט (רבי יצחק בן ששת, ריב"ש אין זיין שאלות ותשובות סימן י"א און אנדערע) טיילען איין יענע יודישע אנוסים אין שפּאַניען אין 3 קאַטעגאָריעס: 1) אזעלכע, וואָס זענען באמת אוועק פון יודישקייט, ווייל זיי האָבען פערלוירען יעדע אמונה און געוואָלט האָבען עולם הזה; די דאָזיגע אנוסים, וועלענדיג ווייזען פאַר זייערע קריסטליכע חברים אז זיי זענען אמת'ע קריסטען, האָבען נאָך אליין מיטגעהאָלפען צו פערפאָלגען יודען, האָבען געשריבען יודען־פיינדליכע ביכער און צוגערעדט די רעגירונג, אז מען זאָל צווינגען יודען צום שמד; 2) אזעלכע אנוסים, וואָס אביסעל זענען זיי נאָך געווען געטריי צום יודישקייט, אָבער זייערע געשעפטען און זייער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט האָט זיי געצוואונגען צו פערבלייבען אין לאַנד אלס קריסטען און ביסלעכווייז זענען זיי אסימילירט געוואָרען מיט די ריכטיגע קריסטען; אזעלכע פלעגען אין געהיים נאָך מקיים זיין געוויסע יודישע מצוות, אָבער נישט פיעל; 3) דאָס זענען געוועזען אנוסים, וואָס זענען מיט'ן גאַנצען הארצען געבליבען ביים יודישקייט, אין געהיים מקיים געווען אלע מצוות, ערצויגען זייערע קינדער אין דער יודישער רעליגיע און זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען צו ענטלויפען פון שפּאַניען. אזעלכע האָבען די רבנים בעטראַכט אלס אמת'ע יודען און בעמיהט זיך זיי מקרב צו זיין. מען גלויבט אז די אלגעמיינע צאָהל אנוסים אין שפּאַניען אין יענער צייט (דאָס הייסט פון יאָהר 1391, קנ"א, ווען עס האָבען זיך אנגעהויבען די שחיטות אויף יודען, ביז צום גירוש שפּאַניען אין יאָהר 1492, רנ"ב) איז געווען איבער 100 טויזענד. די אנוסים האָבען, אדאַנק זייער בילדונג געשעפטס־פעהיגקייטען, פערנומען שנעל די העכסטע שטעלונגען אין שפּאַניען, סיי אלס געלעהרטע, דיכטער, שריפטשטעלער, אלס גרויסע סוחרים און פינאַנ־

סיסטעז, אַלס גרויסע דאָקטוירים־מעדיקער, פּראָפעסאָרען, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָמען, אַלס הויכע מיליטער־לייט, גענעראַלען, שיפס־אַדמיראַלען, דיפּלאָמאַטען, הויכע רעגירונגס־בעאַמטע און אויך זאָגאר אַלס הויכע גייסטליכע, בישאָפען, קאַרדינאַלען און אַזוי גלחים.

עס איז מעגליך, אַז גראָד דאָס וואָס די אַנוסים האָבען פאַרנומען אַזעלכע שטעלונגען, האָט אַרויסגערופען צו זיי קנאה און שנאה פון די איבעריגע איינוואוינער אין שפּאַניען, די ריכטיגע קריסטען, אַ ערשיינונג, וואָס איז שפּעטער צו בעמערקען אויך אין אַנדערע לענדער צו משומדים, וואָס האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט. עס האָבען דעריבער אין פערלויף פון יענעם יאָהרהונדערט (פון 1391 ביז 1492) אָנגעהויבען פאָרקומען גרויסע פּאָגראָמען אין שפּאַניען דוקא געווענדעט געגען די אַנוסים. מען האָט זיי גערודפט נאָכמער ווי די אמת׳ע יודען. גאָר שרעקליך זענען געווען די פּאָגראָמען אויף זיי אין די יאָהרען 1449, 1467, 1473, און אַ חוץ דעם אויך קלענערע פּאָגראָמען. די פאָרמעלע מאָטיווען צו די דאָזיגע פּאָגראָמען זענען געווען, אַז די אַנוסים היטען נישט אָב די קריסטליכע רעליגיע, אַז זיי מאַכען חוזק פון קריסטענטום וכדומה; אָבער די סאַמע אינערליכסטע בעוועגגרינדען זענען געווען וואָהרשיינליך עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטליכע; עס איז געווען די גרויסע קאָנקורענץ, וואָס די איינגעבוירענע קריסטען האָבען דערזעהן אין די פעהיגע אַנוסים־פאַמיליעס. עס איז אַ פאַקט, אַז די אַנוסים, זעהענדיג דאָס די רעגירונג פערטיידיגט זיי נישט, האָבען געפּרובט אַליין אָרגאַניזירען די זעלבסטפערטיידיגונג. ביי דעם פּאָגראָם אין יאָהר 1473 אין קאָרדאָוואַ איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אַנוסים־זעלבסטשוץ דער בעריהמטער שפּאַנישער גענעראַל און העלד פערנאַנדעס דע קאָרדאָוואַ און פערנאַנדעס דע אַגילאַר. אָבער דאָס האָט נאָכמעהר אויפגערייצט די שנאה צו די אַנוסים און עס האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט די פערפאָלגונג. ספּעציעל איז פערשטאַרקט געוואָרען די רדיפות זינט עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די אינקוויזיציע אין שפּאַניען אין יאָהר 1480, וועלכע האָט אָנגעהויבען מיט די שרעקליכסטע פּייניגונגס־מעטאָדען אויסצופאָרשען ווער פון די אַנוסים עס האַלט אין געהיים יודישקייט. וועגען דער אינקוויזיציע געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אינקוויזיציע" און „אויטאָדאַפע". די אינקוויזיטאָרען האָבען צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון סימנים דורך וועלכע מען קאָן דערקענען, צי אַ אַנוסים־פאַמיליע האַלט אין געהיים פון דער יודישער רעליגיע. צו די סימנים געהערען אויך דאָס עסען מצה אים פּסח, פאַסטען אים יום כּפּור, נעהמען חלה, אויסדרעהען דאָס געזיכט פון אַ גוסס צו דער וואַנד פאַר׳ן שטאַרבען און אַנדערע אַזעלכע סימנים. אין היסטאָרישען „שבט יהודה" ווערט געבראַכט ווי אַ אינקוויזיטאָר האָט איבערגעגעבען אַז די אַנוסים געהען ראש השנה אין פעלד צו בלאָזען שופר, צינדען נישט אָן שבת קיין פייער וכדומה.

די צאָהל פון די אַנוסים האָט זיך בעדייטענד פערגרעסערט אין שפּאַניען נאָכ׳ן גרוש אין יאָהר 1492, ווען אַ סך יודען האָבען פערלאָזט דאָס לאַנד, אָבער אַ סך זענען פערבליבען און אָנגענומען די קריסטליכע רעליגיע. די דאָזיגע אַנוסים זענען אין גרעסטען טייל ווירקליך אַסימילירט געוואָרען און

פערשוואונדען געווארען אין דער קריסטליכער געזעלשאפט. שוין דאס אליין, וואס האבענדיג די מעגליכקייט צו פערלאזען דאס לאנד, זענען זיי פערבליבען האט אין זיי אבגעטויט דאס בונד־געפיהל צו יודישקייט; א חוץ דעם זענען די פערבליבענע (ווי עס שרייבט איינער פון די גולי־שפאניען רבי יוסף יעבץ אין זיין ספר „אור החיים”) געווען געבילדעטע, רייכע האלב־פרייזיניגע יודען, וואס זענען סיי ווי געווען שוואך אין רעליגיע און דערנאך האבען זיי זיך ביסלעכוויז ענטזאגט אינגאנצען פון יודישקייט. עס איז ריכטיג, אז אויך אין שפאניען זענען געווען איינצעלנע אנוסים, וואס האבען אין געהיים אבגעהיט די יודישע רעליגיע און די אינקוויזיציע האט אויך אין שפאניען פערברענט רעליגיעזע אנוסים. אבער דאס איז געווען א נישט בעדייטענדע צאהל, און ביסלעכוויז זענען זיי פערשוואונדען געווארען, אזוי ווייט אז איצט ווייסט מען אין שפאניען כמעט גארנישט פון אנוסים. עס איז נישט געבליבען קיין שפור פון זיי. דאגעגען איז דעמאלס געשאפען געווארען אן אנדער בעדייטענד וויכטיגערער אנוסים־צענטער, וואס איז פערבליבען ביז אויף היינטיגען טאג, אין פערלויף פון העכער 400 יאהר. דאס איז געווען דאס לאנד פארטוגאל.

אין פארטוגאל איז די לאגע געווען א גאנץ אנדערע ווי אין שפאניען. קיין פארטוגאל זענען אין יאהר 1492 געקומען א סך יודען וואס זענען ארויסגעטריבען געווארען פון שפאניען. אבער אין יאהר 1497 איז ארויס די גזירה, אז אויך פון פארטוגאל ווערען אלע יודען ארויסגעטריבען, און דערביי איז צוגעגעבען געווארען א פונקט, אז אלע יודישע קינדער אין עלטער פון 4 ביז 20 יאהר ווערען מיט געוואלד אוועקגענומען פון זייערע עלטערען און אבגעשמדט. א חוץ דעם איז בכלל דער גאנצער גירוש פון פארטוגאל נישט געווען קיין גירוש. מען האט באמת קיין יודען פון דארט נישט ארויסגעלאזט (נאר מיט גאר גרויסע שוועריגקייטען) און מען האט נאר גענומען אלע יודען און מיט צוואנג זיי אבגעשמדט. דארט זענען אזוי ארום געבליבען אלע יודען, די פשוטע, פרומע יודען, נישט ווי אין שפאניען, וואו עס זענען פערבליבען בלויז די רייכע פילאזאפירענדע אינטעליגענץ. דא איז דער קאמף געגען די אנוסים געווען א פיל שטארקערער און האט אנגעטראפען אויף א העפטיגערען ווידערשטאנד. די אנוסים האבען איינפאך אפען ווייטער געלעבט לויט דער יודישער רעליגיע, מ'ל געווען די קינדער, געגעסען פלייש נאר פון יודישער שחיטה, אבגעהיט די ימים־טובים און שבתים. די אינקוויזיציע, וועלכע עס איז שווער געווען איינצופיהרען אין פארטוגאל ווייל אין רוים ביים פויבסט האט מען זיך משתדל געווען געגען דעם, איז ענדליך איינגעפיהרט געווארען אין יאהר 1531, און פון דעמאלס אן האט דאס יודישע לעבען פון די אנוסים געמוזט אנהויבען ווערען שטארק פערבארגען. א סך האט מען ענטדעקט און פערברענט; א סך זענען ענטלאפען. אבער א גרויסער טייל האט אין געהיים ווייטער זיך בעמיהט צו דערהאלטען געוויסע יודישע מנהגים. די העבראישע שפראך האבען זיי פערגעסען; זיי האבען דעריבער טייל יודישע תפלות דערהאלטען אויף פארטוגעזיש. דער עיקר האבען זיך פערנומען מיט אויפהאלטען די שפורען פון דער יודישער רעליגיע די עלטערע פרויען, די „חזנ'טעס”, וואס

האבען אין געהיים געלערענט מיט די יונגערע אנוסים דאס וואס איז ביי זיי פערבליבען אין זכרון פון די יודישע מנהגים. די ליידען פון די אנוסים דורך די אינקוויזיציע זענען געווען זעהר גרויס; אבער עפיס איז געבליבען פון זייער יודישקייט ביז אויף היינטיגען טאג. עס איז צו בעמערקען, אז אפילו שפעטער, פון אנהויב 19-טען יאהרהונדערט, ווען עס איז אין פארטוגאל געווארען פרייער אין רעליגיע-זאכען, און עס איז שוין נישט געווען מעהר קיין מורא פאר דער אינקוויזיציע, פונדעסטוועגען זענען די אנוסים אין פארטוגאל ווייטער געבליבען מיט זייערע יודישע מנהגים אין געהיים. ערשטענס האבען זיי ווירקליך פערגעסען די הויפט-יסודות פון דער יודישער רעליגיע; צווייטענס, איז ביי זיי מיט דער צייט פון הונדערטער יאהרען ענטשטאנען די אויפפאסונג, אז דער ענין יודישקייט דארף געהאלטען ווערען געהיים, אז די געהיימניספולקייט איז א עיקר פון יודישקייט. און ווען זיי זענען דאס ערשטע מאל געוואר געווארען, אז עס זענען פארהאן יודען, וואס לעבען אפען אלס יודען און זענען אפען מקיים די געבאטען פון דער יודישער רעליגיע, האט עס זיי געוואונדערט, ווייל דאס האט געהייסען ביי זיי עובר געווען אויף דעם געהיימניס-עיקר פון דער יודישער רעליגיע.

וועגען דעם, אז נאך איצט לעבען אין פארטוגאל א סך פאמיליעס און זאגאר גאנצע שטעדטלעך און דערפער מיט אייניקלעך פון אמאליגע אנוסים, וואס זענען נאך היינט מקיים אין געהיים געוויסע יודישע מנהגים, — האט מען געוואוסט נאך אין מיטען פון 19-טען יאהרהונדערט. אבער ערשט אין יאהר 1912 האט זיך פעראינטערעסירט מיט זיי פראפעסאר נחום סלושץ, וועלכער האט זיי עטוואס אויסגעפארשט. נאך דער וועלט-מלחמה האט זיי אנגעהויבען אויספארשען אינזשיניער שמואל שווארץ (א יוד פון לאדז, פוילען), וועלכען עס איז געלונגען זיך צו בעקענען מיט א רייהע אנוסים-פאמיליעס און האט זיך בעקענט מיט זייער לעבען. ער האט אנגעשריבען וועגען זיי א בוך אויף פארטוגעזיש „וועגען די נייע קריסטען אין פארטוגאל אין 20-טען יאהרהונדערט" געדרוקט אין ליסאבאן 1925. די אנוסים הייסען ביי די ארטיגע קריסטען נאך היינט אדער „יודען" אדער „נייע קריסטען" (קריסטאאס נאוואס). שווארץ האט אין זיין בוך צונויפגעזאמעלט אלע יודישע תפלות וואס עס איז פערבליבען ביי די אנוסים (אויף פארטוגעזיש, און נאר זעלטען איז פארהאן א העברעאיש ווארט ווי „אדני"), ווי אויך אלע זייערע מנהגים (אבהיטען שבת, פסח, יום כיפור, חלה נעהמען וכדומה). די ווירקונג פון דעם פעראינטערעסירען זיך מיט די דאזיגע אנוסים, וועמענס צאהל עס ווערט געשאצט אויף איבער 50 טויזענד (אממערסטען וואוינען זיי אין די שטעדט און שטעדטלעך און דערפער אין צפון-פארטוגאל און זייער צענטער איז די שטאדט פארטא) איז געווען אזוי גרויס, אז טייל אנוסים האבען זיך עפענטליך מגייר געווען (קאפיטאן דע באראס) און אנגענומען דאס יודענטום. אויך א רייהע יודיש-ענגלישע כלל-טוער מיט דעם פערשטארבענעם לוסיען וואלף האבען אין יאהר 1926 געגרינדעט א קאמיטעט צו העלפען די אנוסים אין פארטוגאל צוריקצוקעהרען צו יודישקייט. אין יאהר 1932 איז אויך איינער פון די פיהרער פון דער ארטאדאקסישער „אגודת ישראל" אין פוילען בנימין מינץ געפאהרען קיין

פּאָרטוגאַל און בעזוכט די אנוסים און זיי אויסגעפאָרשט און פערעפענטליכט בעריכטען פון זיינע רעזולטאטען. — וועגען דעם אמאָליגען פּיינפולען געהיימען לעבען פון די אנוסים און די צרות וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון דער אינקוויזיציע זענען געשריבען געוואָרען פיעל ערצעהלונגען („בעמק הארזים" פון אגילאַר, „שפּאַנישע אינקוויזיציע" פון לעהמאַן און אנדערע), און עס זענען אויך געשאַפען געוואָרען קונסט-בילדער (מיימאָן, „דער סדר ביי די אנוסים)".

ביבליאָגראַפיע: וועגע די אמאָליגע אנוסים איז געשריבען געוואָרען פיעל; גרעץ, „געשיכטע", קייזערלינג, „די יודען אין שפּאַניען" די יודען אין פּאָרטוגאַל" (דייטש); ראַבינאָוויץ „מוצאי גולה"; די אַלע ביכער וואָס מיר ברענגען ביים שטיך-וואָרט „אינקוויזיציע"; וועגען די היינטיגע אנוסים אין פּאָרטוגאַל איז אַמוויכטיגסטען דאָס ווערק פון שמואל שוואַרץ אויף פּאָרטוגעזיש, וואָס מיר ברענגען אייבען; פּראָפּעסאָר נחום סלושץ האָט פּערעפענטליכט אויף העברעאיש אין די זאַמעל-ביכער „רשמות" (בענדער ה' און ו") וואָס זענען ערשינען אין די יאָהרען תרפ"ח און תר"ץ אין תל-אביב אַ גרויסע אָבהאַנדלונג „האנוסים בפורטוגל", אין וועלכע ער גיעט וועגען די מגהגים און תפלות פון די אנוסים; אין דער יודישער שפּראַך זענען ערשינען אין דער צייטונג „יודישעס טאגבלאַט" (וואַרשא) אין דער צווייטער העלפט פון יאָהר 1932 אין די פרייטאָג-נומערען אַ סעריע גרינדליכע אַרטיקלען פון בנימין מינץ וועלכער האָט אין יענעם יאָהר בעזוכט די אנוסים אין פּאָרטוגאַל.

## אנטאָקאָלסקי מרדכי

(1843 — 1902), בעריהמטער יודישער סקולפּטאָר אין רוסלאַנד. אנטאָקאָלסקי מרדכי (מארק) איז געבוירען געוואָרען אין ווילנא (יאָהר 1843) ביי אָרימע עלטערען. ער האָט געלערענט אין חדר; שפּעטער געלערענט שניצעריי ביי א יודישען האָלץ-שניצער. מיט זיין אַרבייט האָט ער געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון רוסישען גענעראַל-גובערנאַטאָר אין ווילנא. מען האָט איהם געשיקט קיין פּעטערבורג שטודירען אין דער קונסט-אַקאַדעמיע, און ער איז שנעל בעריהמט געוואָרען אַלס גרויסער סקולפּטאָר. זיינע ערשטע אַרבייטען זענען געווען בילדער פון יודישען לעבען, ווי „א יודישער שניידער", „דער חריף און דער בקי", „דער אָנפאַל פון אינקוויזיציע אויף אנוסים", „נתן דער חכם"; נאָכהער האָט ער געגעבען זיינע בעריהמטע טיפּען „משה", „שמשון", „דבורה", „שיילאָק", „שפּינאָזא"; שפּעטער האָט ער זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין רוסישען בילד „איוואַן דער גרויזאַמער" פּאָרשטעלענדיג דעם אכזריותדיגען צאַר איוואַן ווי ער טהוט תשובה מיט א תהלים אין דער האַנד; ער האָט אויך געמאַכט בילדער „קריסטוס", „דער טויט פון סאָקראַטעס" און אנדערע. א געוויסע צייט האָט אנטאָקאָלסקי געלעבט אין אויסלאַנד רוים און פּאַריז. די רוסישע רעגירונג האָט איהם בעשאָנקען מיט א רייה אָרדענס און טיטולען, אנטאָקאָלסקי האָט אויך געשריבען אַרטיקלען איבער קונסט אין רוסישע זשורנאַלען. ער זאָל אויך האָבען פּערפאַסט א ראָמאַן פון יודישען לעבען „בן יצחק". אנטאָקאָלסקי איז געווען א רעליגיעזער נאַציאָנאַלער יוד; זיינס א בריעף געשריבען אויף יודיש געפינט זיך אין דער אויטאָגראַפען-אַבטיילונג אין ירושלימער אוניווערסיטעט; ער האָט נישט געאַרבייט שבת און ימים טובים, און פלעגט גערן דאַווענען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1902.

ביבליאָגראַפיע: מגיד, „אנטוקולסקי" (העברעאיש) וואַרשא 1897; פּוח אחיאסף 1903; „אוצר ישראל".

**אַנטווערפּען** גרויסע שטאָדט אין בעלגיען, וויכטיגסטער בעלגישער ים־פּאָרט פאַר האַנדעל, ליגט אויף דעם טייך שעלדע. די אַלגעמיינע צאָהל איינוואוינער איז ביי 400 טויזענד, וואָס בעשטעהען פון פלאַמען, וואָס רעדען פלעמיש (אַ גערמאַנישער דיאַלעקט) און פון פראַנצויזיש־רעדענ־דיגע בעלגיער. יודען זענען פאַרהאַן לערך 40 טויזענד, וואָס שטאַמען אַמ־מערסטען פון עמיגראַנטען פון פּוילען און אונגאַרן. די ערשטע יודען וואָס זענען אַנגעקומען קיין אַנטווערפּען זע־נען געווען אנוסים פון שפּאַניען אין 15־טען יאָהרהונדערט. אָבער אין פער־לויף פון דער צייט ביז'ן 19־טען יאָהר־הונדערט זענען געווען וועניג יודען. ערשט די יודישע עמיגראַציע פון פּוילען אין ענדע 19־טען און אָנהויב 20־טען יאָהרהונדערט האָט די צאָהל יודען אין אַנטווערפּען פערגרעסערט. איצט דער־גרייכט זי לערך 40 טויזענד. די הויפּט־בעשעפטיגונג פון די אַנטווערפּענער יו־דען איז די בריליאַנטען־שלייפעריי, וואָס האָט אין די יאָהרען פון 1928 ביז 1932 געליטען אַ שטאַרקען קריזיס און אַ סך יודען זענען פעראָרימט געוואָרען. די לעצטע יודישע עמיגראַנטען, וואָס זענען אַנגעקומען קיין אַנטווערפּען האָבען דאָרט ענטוויקעלט אויך אַנדערע פאַכען און ספּעציעל גאַלאַנטעריע. די יודען אין אַנטווערפּען טיילען זיך אין 2 קהי־לות: אַ ליבעראַל־אָרטאָדאָקסישע גע־מיינדע מיט אַ סינאַגאָגע וואָס הייסט „שומרי הדת" און אַלס איהר ראַבינער איז דער מזרחי רב ר' משה אביגדור עמיאל אַ גרויסער למדן און מחבר פון ספרים און די צווייטע איז שטרענג אָר־טאָדאָקסיש און הייסט „מחזיקי הדת", וועמענס רב איז ר' מרדכי ראָטענבערג. די ליבעראַלע געמיינדע האָט אַ העברע־אישע שולע „תחכמוני" מיט העברעאיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך. אַנטווערפּען האָט אויך אַ גרויסע צאָהל יודישע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, וועלכע זע־נען פעראייניגט אין אַ „צענטראַלע", אין וועמענס שפּיץ עס שטעהט ד"ר גינז־בורג. דער בודזשעט פון דער „צענט־ראַלע" בעטרעפט ביי אַנדערהאַלבען מיליאָן פראַנק יעהרליך. דאָרט איז אויך פאַרהאַן די געזעלשאַפט „עזרה", וואָס גיט הילף די יודישע עמיגראַנטען קיין אַמעריקאַ; לעצטענס צוליב דער אַבשטעלונג פון דער עמיגראַציע קיין אַמעריקאַ איז די „עזרה"־טעטיגקייט שוואַכער. אין אַנטווערפּען ערשיינען 5 צייטשריפטען פון יודישען אינהאַלט, צוויי אויף פראַנצויזיש, איינע אויף האָלענ־דיש, איינע אויף העברעאיש אָדער איינע אויף יודיש („לעצטע נייעס", אַ טאָג־צייטונג).

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענציקלאָ־פּעדיע און לעקסיקאָן.

**אַנטוניה** נאָמען וואָס הורדוס המ־לך האָט געגעבען אַ פעסטונג צו צפון פון ירושלים (לכבוד זיין בעשיצער דעם רוימישען גענעראַל אַנטאָניוס); עס איז פאַרהאַן אַ מיי־נונג אַז דאָס זאָל זיין די „בירה", וואָס ווערט דערמאָהנט אין נחמיה ב'. עס איז אויך פאַרהאַן אַ מיינונג אַז דאָס איז געווען די פעסטונג „אקרא", וואָס האָט געדינט אַלס שטיץ־פּונקט פון דעם סירישען מיליטער געגען די יודען אין ירושלים אין דער צייט פון די חשמו־נאים.

**אַנטוניוס** נאָמען פון אַ רוימישען קייזער אין 2־טען יאָהר הונדערט, וואָס ווערט געבראַכט אָפט אין דער גמרא עבודה זרה י"א ווי אויך אין מדרש אסתר רבה א', מכילתא

בשלח און פיל אנדערע ערטער ווערט געבראכט וועגן דער גרויסער פריינדשאַפט פון קייזער אנטונינוס מיט דעם מסדר המשנה רבי יהודה הנשיא, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען רבי. עס ווערן דאָרט געבראכט אויך געשפּרעכען וואָס אנטונינוס האָט געהאַט מיט רבי, ווי אויך פּאָליטישע עצות וואָס רבי האָט דעם רוימישען קייזער געגעבען. אין מדרש אסתר רבה א' ווערט אויך געבראכט אז רבי, אַנטונינוס און ארטבן דער קעניג פון פּערסיען זענען געשטאָרבען אין איין מאָנאַט און דאָס זאָל בעדייטען דער פסוק אין זכריה י"א „ואכחיד שלשת הרועים בירח אחד". אין ירושלמי מגילה א' ווערט דערצעהלט, אז אַנטונינוס איז פון די „גרי צדק" (נישט־יודען וואָס זענען געוואָרען אין א געוויסער מאָס יודען) און ער וועט האָבען חלק לעולם הבא.

וועלכען רוימישען קייזער מיינט מען מיט דעם דאָזיגען אַנטונינוס? וועגען דעם איז פאַרהאַן א גרויסע מיינונגס־פערשידענהייט צווישען די געלעהרטע היסטאָריקער, און א ספּעציעלע מחלוקה וועגען דעם איז געווען צווישען יאָסט און ראַפּאָפּאָרט (מחבר פון „ערך מלין"). יאָסט האַלט, אז דאָס איז דער רוימישער קייזער קאַראַקאַלאַ, וואָס האָט גְיַהערשט פון יאָהר 188 ביז 217; טייל מיינען, אז דאָס איז געווען דער גרויסער רוימישער קייזער אַנטאָנינוס פּיוס וואָס האָט געהערשט פון 138 ביז 161; ראַפּאָפּאָרט האַלט אז דאָס מיינט מען דעם קייזער און פילאָזאָף מאַרקוס אוירעליוס, וועלכער האָט אויך געהייסען אַנטאָנינוס, און האָט געהערשט פון 161 ביז 180. לויט ראַפּאָפּאָרט איז דאָס וואָס ווערט געזאָגט אז רבי און אַנטאָנינוס זענען געשטאָרבען אין איין מאָנאַט מיינט מען א זוהן פון אוירעליוס, קייזער קאָמאָדוס, וואָס איז געשטאָרבען אין יאָהר 193. די גאַנצע חלוקי דעות שטאַמט ווירקליך פון דער דאָזיגער דאַטע, נעמליך, ווען איז געשטאָרבען רבי, ווייל לויט איין נוסח אין דעם בעריהמטען היסטאָרישען דאָקומענט „אגרת הרב שרירא גאון" איז רבי געשטאָרבען א סך שפּעטער (אין יאָהר תק"ל לשטרות, דאָס הייסט יאָהר 219) און לויט א אַנדערען נוסח איז ער געשטאָרבען מיט לערך 30 יאָהר פריהער. סיי ווי, זיכער איז די דאָזיגע פראַגע נישט ענטשידען געוואָרען. עס איז אָבער זיכער, אז אויך אַנטאָנינוס פּיוס איז געווען פריינדליך צו יודען און ער האָט אָבגעשאַפט די אַלע שרעקליכע גזרות וואָס זענען איינגעפיהרט געוואָרען אויף יודען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון קייזער אדריינוס נאָך דער מלחמה פון בר כוכבא.

בּיבּליאָגראַפיע: ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין"; גרעץ, „געשיכטע"; וואהלמאַן, „פולמוס אסוירוס" אין די זאַמל־ביכער „התקופה". פראַנקעל, „מבוא הירושלמי".

**אַנטיגנוס** (אַנטיגאָנוס), דאָס איז דער נאָמען פון צוויי פּרינצען פון דער חשמונאים־פאַמיליע אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש. איינער איז געווען אַנטיגנוס דער זוהן פון חשמונאים־פירשט הורקנוס־יוחנן כהן גדול. ער האָט געהאַט מיליטערישע פעהיגקייט און אין די יודישע מלחמות געגען די שכנותדיגע לענדער האָט ער גענומען אָנטייל. ווען זיין ברודער אריסטאָבלוס איז געוואָרען קעניג האָבען הויף־לייט דערצעהלט דעם קעניג א מסירה אז זיין ברודער אַנטיגנוס וויל איהם טויטען. אַריסטובלוס האָט דעריבער געטויט זיין ברודער אַנטיגנוס אין יאָהר 103 פאַר דער קריסטליכער־צייט־

רעכענונג. — דער צווייטער איז געווען אַנטיגנוס זוהן פון אַריסטובלוס דעם 2־טען׳ ער האָט געפיהרט מלחמות געגען הורדוס און איז געטויט געוואָרען פון די רוימער, וואָס האָבען געהאַלטען מיט הורדוס׳ן.

## אנטיגנוס איש סוכו

אין פרקי אבות א׳ ווערט דערצעהלט, אז אין די ערשטע צייטען פון 2־טען בית המקדש איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון די יודען אַנטיגנוס איש סוכו, א תלמיד פון שמעון הצדיק. לויט פערשידענע השערות האָט ער געלעבט לערך 200 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג (אַנדערע געלעהרטע האַלטען, אז ער האָט געלעבט נאָך פריהער). די שטאָדט סוכו זאָל זיין די איצטיגע קליינע באַהן־סטאַציע סוכו אין ארץ־ישראל נישט ווייט פון ירושלים; לויט אנדערע מיינונגען איז עס „שכה" וואָס איז געלעגען אין דרום יהודה. פון דאָזיגען אַנטיגנוס איז געבליבען אין פרקי אבות דאָס ערהאַבענע מאָראַלישע לעהר־וואָרט „אל תהיו כעבדים המשמשין את רבן על מנת לקבל פרס, אלא הוו כעבדים המשמשין את רבן שלא על מנת לקבל פרס ויהי מורא שמים עליכם" (איהר זאָלט נישט זיין ווי די קנעכט וואָס דינען זייער האַר כדי צו בעקומען בעלוינונג, נאָר איהר זאָלט זיין ווי די קנעכט וואָס דינען זייער האַר נישט צו בעקומען בעלוינונג, און די מורא פון הימעל זאָל זיין אויף אייך). דאָס איז יענע ערהאַבענע לעהרע, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דעם יודישען מוסר וועגען דינען גאָט מאַהבה פון ליעבע, נישט פאַר עולם הבא וועגען. אין „אבות דרבי נתן" ה׳ ווערט דערצעהלט אז אנטיגנוס האָט געהאַט 2 תלמידים „צדוק" און „ביתוס", וואָס הערענדיג די דאָזיגע לעהרע פון זייער רבי און נישט פערשטעהענדיג איהר ריכטיגען זין, האָבען זיי ערקלערט אז עס איז איבערהויפּט נישט פאַרהאַן קיין „יענע וועלט" (עולם הבא) און האָבען געגרינדעט די סעקטע „צדוקים" און „ביתוסים". — וועגען דער דאָזיגער לעגענדע ארום דער ענטשטעהונג פון דער „צדוקים"־סעקטע איז פיעל געשריבען געוואָרען דורך די געלעהרטע היסטאָריקער גייגער, קראָכמאַל, וויס, גרעץ און אנדערע. מיר וועלען וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער פראַגע אין דער יודישער געשיכטע געבען ביים שטיך־וואָרט „צדוקים".

ביבליאָגראַפיע: היימאַן, „תולדות"; פרנקעל „מבוא המשנה"; גייגער „אורשריפטען" (דייטש); וויס, „דור דור ודורשיו"; גרעץ, „געשיכטע".

## אנטיוכוס

(אַנטיאָכוס), נאָמען פון גריכיש־העלענישע קעניגען וואָס האָבען געערשט אין סיריען און אויך אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון 2־טען בית המקדש און טייל פון זיי האָבען געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע. זיי האָבען אַלע געהערט צו דער דינאַסטיע סעלעאוקידען. זייער הויפּטשטאָדט איז געווען אַנטיאָכיא אין סיריען׳

דער בעדייטענדסטער קעניג פון זיי איז געווען אַנטיוכוס דער גרויסער; ער האָט געהערשט איבער סיריען אין די יאָהרען 222 — 187 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. ער האָט איינגענומען ארץ־ישראל וואָס האָט זיך פריער געפינען אונטער דער הערשאַפט פון די עגיפּטישע קעניגען די פּטאָלאַמעער.

דער דאָזיגער אַנטיוכוס זאָל האָבען געווען א פריינד פון יודען.

אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט געהייסען דער סירישער קעניג, וועמענס נאָמען איז פערצייכענט אין דער יודישער געשיכטע אַלס בעדייטונג פון רשעות. ער האָט געהערשט אין די יאָהרען 175 — 164 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג; ער איז געווען א זוהן פון אַנטיוכוס דעם גרויסען, אין מדרש ווערט ער אָנגערופען „אַנטיוכוס הרשע". ער האָט עס אין יאָהר 166 (פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) אַלס הערשער איבער ארץ־ישראל גוזר געווען אויף די יודען די גזירה אז אַלע מוזען ווערען „העלענער" אָננעהמען די זיטען און מנהגים און די גריכישע רעליגיע. ער האָט אין בית המקדש אין ירושלם אריינגעשטעלט דעם אָבגאָט צעאוס (וואָס ווערט אָנגערופען אין דניאל י"א „שיקוץ משומם") און געצוואונגען די יודען צו בוקען זיך צו דעם אָבגאָט און מקריב זיין צו איהם קרבנות, און ווער עס האָט נישט געפאָלגט האָט מען געטויט. דעמאָלס איז עס פאָרגעקומען דער גרויסער אויפשטאַנד פון די „חשמונאים"־העלדען וואָס האָבען בעזיגט דאָס סירישע מיליטער און נאָך לאַנגע מלחמות בעפרייט ארץ־ישראל. אַנטיוכוס עפּיפאַנעס איז געשטאָרבען אין פּערסיען אין יאָהר 166 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) און די לעגענדע איז, אז ער האָט פאַר'ן טויט תשובה געטהון און חרטה געהאַט אויף זיין רשעות צו יודען.

אַנטיוכוס אייפּאַטאָר, א זוהן פון עפּיפאַנעס און נאָכהער זיינע נאָכפאָלגער אַנטיוכוס דער זעקסטער און אַנטיוכוס סידעטעס האָבען געהערשט אין סיריען אין דער צייט פון די חשמונאים פירשטען יונתן, שמעון און הורקנוס (פון יאָהר 164 ביז יאָהר 125 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג). זיי האָבען געפּרובט ווידער איינענעהמען ארץ־ישראל און געפיהרט מלחמות געגען יודען. אָבער ענדליך זענען זיי געצוואונגען געוואָרען צו שליסען מיט יודען שלום און אָנצוערקענען די פרייהייט און אָבהענגיגקייט פון ארץ־ישראל.

אויספיהרליך וועגען יענע וויכטיגע געשעהענישען אין דער יודישער געשיכטע וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער „חשמונאים", „חנוכה", און אנדערע בעטרעפענדע שטיך־ווערטער.

ביבליאָגראַפיע: איבער די געשעהענישען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון די אַנטיוכוס־מלכים געפינט מען אין דעם ווערק פון פלאוויוס „אַלטערטימער" און אין די „חשמונאים־ספרים; גרעץ, „געשיכטע"; ווירער, „געשיכטע.

**אַנטיוכיא** (אַנטיאָכיע) אלטע הויפּט־שטאָדט פון סיריען, געגרינדעט 300 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג דורך סעלעוקוס, וועלכער האָט געשאַפען אין סיריען די העלעניש־גריכישע מלוכה. אַנטיוכיע, וועלכע ווערט פיעל מאָל דערמאָהנט אין תלמוד (כתובות פ"ח, בראשית רבה כ"ג) האָט געהאַט אין דער צייט פון בית שני און אויך שפּעטער א גרויסען יודישען ישוב. אין כתובות פ"ח איז פאַרהאַן דער אמורא רבי יצחק פון אַנטיוכיא. אין אַנטיוכיא האָט זיך אויך געשאַפען באַלד איז אָנהויב א צענטער פון קריסטענטום, און די שטאָדט ווערט דערמאָהנט אין עוואַנגעליום (אַפּאָסטאָל־אקטען). היינט הייסט די שטאָדט אויף אַראַביש אַנטאַקיע און עס וואוינען דאָרט 200 בפר־דישע יודען.

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין"; „אוצר ישראל".

**אנטיסעמיטיזם** דאָס וואָרט בעשטעהט פון „אַנטי״ וואָס איז דער טייטש אויף גריכיש „געגען״, און „סעמיטיזם״; וואָס הייסט כאַראַקטער פון די אָבשטאַמענדע פון „שם״; אָבער אין אַלגעמיין ווערט דער אויסדרוק אנטיסעמיטיזם בענוצט נישט אַלס שנאה צו אַלע סעמיטישע פעלקער (אַראַבער, סיריער וכדומה), נאָר בלויז אַלס „שנאה צו יודען״. דעם אויסדרוק האָט בעשאַפען דער יודישער געלעהרטער משה שטיינשניידער, וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען דעם פראַנצויזישען געלעהרטען רענאַן (אין יאָהר 1860) דערפאַר וואָס רענאַן האָט געשריבען אַז די סעמיטישע ראַסע שטעהט נידריג; שטיינשניידער האָט דאָס אָנגערופען „אַנטיסעמיטיזם״. אָבער ווי געזאָגט ווערט עס אָנגעווענדט נאָר אויף „שנאה צו יודען״. אין יאָהר 1879 האָט זיך געגרינדעט אין בערלין די ערשטע „אַנטיסעמיטען־ליגע״, און אין יאָהר 1880 האָבען אָנגעהויבען ערשיינען אין דייטשלאַנד „אַנטיסעמיטישע העפטע״ געווענדעט געגען יודען.

די יודישע היסטאָריקער ווייזען אָן, אַז דער אנטיסעמיטיזם (כאָטש דאָס וואָרט איז ניי) איז זעהר אַלט. מען קאָן זאָגען אַזוי אַלט ווי דאָס יודישע פאָלק איז. שוין אין מצרים ווערט דערצעהלט אין חומש שמות א׳ ווי די מצריים האָבען פיינט געהאַט די יודען און געזוכט דורך פערשידענע גזירות זיי צו פערפייניגען. די שנאה צו יודען ביי פערשידענע פעלקער ציהט זיך דורך די גאַנצע געשיכטע. די סיבות זענען שווער צו פערשטעהן. די מיינונגען וועגען די סיבות זענען צעטיילט. נאַטירליך די אנטיסעמיטען ערקלערען עס דערמיט וואָס די יודען זענען א „נידעריגערע ראַסע״, וואָס פערמאָגט „שלעכטע נייגונגען און אייגענשאַפטען״, וועלכע דערוועקען „אינסטינקטיוו״ ביי די פעלקער פון א „העכערער ראַסע״ שנאה צו זיך. פון דער יודישער זייט אָבער ערקלערט מען די סיבות פון דער שנאה גאַנץ אַנדערש; שוין אין דער גמרא געפינען מיר די ווערטער „בידוע שעשיו שונא ליעקב׳ אַז עס איז א בעקאַנטע זאַך, דאָס דער נישט יוד האָט פיינד דעם יוד. מען ערקלערט די סיבות פון דער שנאה „היסטאָריש״ און „פסיכאָלאָגיש״. פון דעם פסיכאָלאָגישען שטאַנדפונקט ווייסט מען, אַז עס איז דאָס געפיהל פון יעדען שטאַרקערען, פון יעדער מערהייט, צו האָבען א געוויסע פיינדשאַפט צו דער מינדערהייט צום שוואַכערען, דערפאַר ווייל די מינדערהייט איז „אַנדערש״. היסטאָריש ווידער לאָזט זיך די שנאה צו יודען ערקלערען קודם כל צוליב דעם רעליגיעזען אונטערשיד (שנאת הדת) און אויך צוליב דעם וואָס יודען לעבענדיג אַלס נאַציאָנאַל פאָלק צווישען אַנדערע פעלקער און שפּירענדיג זיך געדריקט האָט געמוזט אין זיך ענטוויקלען גרעסערע פעהיגקייטען אין האַנדעל, אין מלאכה, און האָט אַזוי אַרום אַרויסגערופען געגען זיך אויך די קאָנקורענץ שנאה. דאָס איז די נייע פסיכאָלאָגישע טעאָריע פון יודישען געלעהרטען אַלפרעד אַדלער וועגען „מינדערווערטיגקייטס - עמפּינדונג״ וואָס רופט אַרויס די געגען־אַקציע פון דוקא זיך אַרויסווייזען פעהיגער און בעסער. די מיינונגען וועגען די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם זענען אויך צווישען יודען זעלבסט צעטיילט, און דאָס האָט אַרויסגערופען די חלוקי דעות וועגען דער ציוניסטישער בעוועגונג און דעם ציוניזם, וועמענס גרינדער ד״ר הערצל

האָט געהאַלטען, אז דער אַנטיסעמיטיזם וועט נישט אויפהערען אזוי לאַנג ווי יודען וועלען נישט האָבען א אייגענעם יודען־שטאַאט, א אייגען לאַנד און דער גרויסער טייל יודען פון די גלות־לענדער וועלען זיך דאָרט נישט בּזעצען.

וועגען דעם אַנטיסעמיטיזם אין פערשידענע צייטען וועלען מיר געבּען בּיי די שטיך־ווערטער פון די לענדער און אויך בּיי טייל גרויסע אַנטיסעמיטישע פיהרער (דייטשלאַנד, רוסלאַנד, רומעניען, פראַנקרייך, פּוילען, רוים, שפּאַניען, און אַנדערע לענדער ווי אויך נעמען: אַפּיאָן, אייזענמענגער, טשעמבּערלען; היטלער און אַנדערע.

עס זענען געשאַפען געוואָרען פער־בּאַנדען צו קעמפען געגען אַנטיסעמי־טיזם אין פערשידענע לענדער. איבּער־הויפּט ווירקט פיעל אין דער הינזיכט די „ליגע צו קעמפען פאַר מענשען־רעכט“ וואָס איהר הויפּט־זיץ איז אין פּאַריז און האָט אָבּטיילונגען אין אַלע לענדער. די דאָזיגע ליגע צעהלט אַלה איהרע מיטגלידער אַנגעזעהענע קריסט־ליכע פּערזענליכקייטען פון דער ליבּע־ראַלער וועלט, שריפטשטעלער, וויסענ־שאַפטס־מענער. עס איז די האָפענונג פון אַלע ליבּעראַלע פּערזענליכקייטען אז מיט׳ן פאָרשריט פון דער מענשהייט, מיט דעם וואוקס פון דער וויסענשאַפט און מיט דער ענטוויקלונג פון זיטליכען געפיהל בּיי פעלקער, מיט׳ן פעשוואונדען פון שאָוויניזם און נאַציאָנאַלען האַס איבּערהויפּט; וועט אויך פערשוואונדען ווערען דער אַנטיסעמיטיזם. טייל ווי־דער גלויבּען, אז מיט דער פערווירקלי־כונג פון סאָציאַליזם וועט פערשוואונ־דען ווערען דער הויפּט־גרונד פון אַנ־טיסעמיטיזם, די מאַטעריעלע קאָנקו־רענץ־סיבּה, און דאַן וועט אויך דער אַנטיסעמיטיזם אויפהערען.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויך אַרויס־גערופען פון דער יודישער זייט (און טיילמאָל אויך פון נישט־יודען) א גרוי־סע צאָהל „אַפּאָלאָגעטישע בּיכער, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס פערטיידיגען די יודען געגען די אַנטיסעמיטישע טע־נות, אָנווייזענדיג אויף זייער נישט־ריכטיגקייט. איינע פון די סאַמע ערשטע אַפּאָלאָגעטישע ווערק איז דאָס בּעריהמ־טע בּוך „געגען אַפּיאָן“ געשריבּען דורך דעם יודישען היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס (אין 1־טען יאָהרהונדערט). מען קאָן זאָגען אז אין „געגען אַפּיאָן“ זענען פאַרהאַן די הויפּט־יסודות פון אַלע שפּעטערדיגע אַפּאָלאָגעטישע יודי־שע אַנטוואָרטען. אַפּאָלאָגעטישע ספרים און בּיכער זענען שפּעטער געשריבּען געשריבּען געוואָרען אין מיטעלאַלטער און אין דער נייער צייט. מיר וועלען געבּען בּיים שטיכוואָרט „אַפּאָלאָגע־טיק“ און אויך בּיי די שטיכווערטער פון זייערע מחבּרים (ווי פלאַוויוס און אַנ־דערע).

בּיבּליאָגראַפיע: ספּעציעלע בּיכער איבּער דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם זענען נישט פאַרהאַן פיעל; אין די יודישע ענציקלאָ־פּעדיעס, ספּעציעל אין דעם יודיש־דייטשען לעק־סיקאָן און ענציקלאָפּעדיע זענען פאַרהאַן בּעריכ־טען איבּער דעם אַנטעסימיט׳ז אין פערשידענע לענדער (שטיך־וואָרט „אַנטיסעמיטיזם“); גרעץ „געשיכטע“ ספּעציעל אין לעצטען בּאַנד אין דער עפּאָכע פון מענדעלסאָן, פראַנצויזישע רע־וואָלוציע און שפּעטער פיליפּזאָן, דורות האחרו־נים“ (אין העבּרעאישע איבּערזעצונג); דובּנאָוו „די געשיכטע פון יודען אין דער נייעסטער צייט“.

**אַנטיפּאַטער** צוויי פּערזאָנען מיט די נעמען אַנטיפּאַטער האָבּען געשפּילט א בּעזונדערע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע. — אַנטי־פּאַטער דער פאָטער פון הורדוס המלך. ער איז געשטאָרבּען אין ארץ־ישראל

אין יאָהר 43 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. ער האָט געשטאַמט פון די אדום־איינוואוינער, וועלכע דער חשמונאים־פירשט יוחנן הורקנוס האָט געצוואונגען צו ווערען יודען. אַנטיפּאַטער איז געווען א זעהר פעהיגער און כיטרער פּאָליטיקער. ער האָט נאָכ׳ן טויט פון ינאי המלך אַזוי אינטריגירט צווישען די צוויי זוהן פון ינאי, הורקנוס און אריסטובלוס, אז פאַקטיש האָט אַנטיפּאַטער אָנגעפיהרט מיט ארץ־ישראל. נאַכהער ווען דער רוימישער גענעראל פּאָמפּעאוס האָט איינגענומען ארץ־ישראל אין יאָהר 63 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) איז אַנטיפּאַטער געלונגען צו געוואונען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון רוים און בעשטימט צו ווערען אלס פּראָ־קאָנסול און הערשער פון לאַנד יהודה. אדאנק דעם איז נאַכהער זיין זוהן הורדוס געוואָרען קעניג פון ארץ־ישראל. — אַנטיפּאַטער דער זוהן פון הורדוס. ער האָט אינטריגירט געגען זיינע צוויי ברודער אַלכסנדר און אַריסטובלוס ביז הורדוס האָט זיי געטויט. נאַכהער איז אויך ער געטויט געוואָרען דורך הורדוס׳ן אין יאָהר 4 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

ביבליאָגראַפיע: פלאַוויוס, „מלחמה״ און, אַלטערטימער״; גרעץ „געשיכטע״; שירער „געשיכטע״.

## אַנטיפּאַטריס נאָמען פון שטאָט אין ארץ - ישראל.

וואָס הורדוס המלך (10 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג האָט געבויט לכבוד זיין פאָטער אַנטיפּאַטער. דאָס אָרט ווערט דערמאָהנט עטליכע מאָל אין דער משנה און גמרא מיט׳ן נאָמען אַנטיפרס; און אין משנה גטין ט׳ איז צו זעהען אז אַנטיפּאַטרים איז געלעגען אויף דער גרענעץ צווישען יהודה און גליל (היה הולך מיהודה לגליל והגיע לאנטיפרס). פלאַוויוס אין „אַלטערטימער״ 16 דערצעהלט אז דאָס איז דאָס זעלבע אָרט וואָס האָט פריהער געהייסען „כפר סבא״. היינט איז עס א באַהן־סטאַציע אויפ׳ן וועג צווישען לוד און חיפה, און הייסט אויף אראַביש „ראס אל־עין״, און איז די באַהן־סטאַציע פון דער יודישער קאָלאָניע „פתח תקוה״. אויף דעם זעלבען אָרט זענען פאַרהאַן שפּורען פון אַן אַלטער פעסטונג און סתם חורבות; צי זיי שטאַמען פון הורדוס׳ס צייטען איז נישט זיכער.

ביבליאָגראַפיע: סעיר, „הארץ״; ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין״; שוואַרץ, „תבואות הארץ״

## אַנטראָפּאָלאָגיע צוזאַמענגעזעצט גריכיש וואָרט און בעשטעהט פון „אַנטראָפּאָס״ (מענטש) און „לאָגיע״ (לעהרע); דער טייטש איז די לעהרע וועגען מענש, וועגען ראַסען־אָבשטאַמונגען, זיין כאַראַקטער, לעבענס־אויפפיהרונג. וועגען דעם, וואָס אַנטראָפּאָלאָגיע נעהמט ארום אין איהר פאָרשונג איז פאַרהאַן א חלוקי דעות ביי די געלעהרטע. טייל ווילען אריינגעהמען ליכע ענטוויקלונג פון מענש, אלע זיינע נייגונגען, מנהגים, סטאַטיסטיק. טייל נייגונגען, מנהגים, סטאַטיסטיק טייל ווידער בעגרענעצען איהר בלויז צו דער ראַסען־פאָרשונג. — די אַנטראָפּאָלאָגיע פון יודען בעשעפטיגט זיך הויפּטזעכליך מיט דער ראַסען־אָבשטאַמונג פון יודען, מיט פאָרשען זייער אַנאַטאָמישען קערפּער־בוי, די פערשידענע יודישע טיפּען אין דער הינזיכט. אויך וועגען דעם זענען פאַרהאַן פערשידענע מיינונגען. טייל געלעהרטע (זייער צאָהל איז זעהר א קליינע) האַלטען, אז די יודען זענען ריין אין זייער ראַסען־אָבשטאַ־

מונג, אז א דאַנק דעם יודישען רעליגיעזען פערבאָט נישט חתונה צו האָבען מיט מענשען פון אַנדערע רעליגיעס האָט דאָס יודישע פאָלק אָבגעהיטען אלע זיינע ראַסען־אייגענשאַפטען זייט טויזענדער יאָהרען, און זיי זענען די אייניקלעך פון יענע יודען פון ארץ־ישראל פון די צייטען פון תנך און שפּעטער. דאָס וואָס אין פערלויף פון די טויזענדער יאָהרען האָבען זיך דאָך אויסגעמישט מיט'ן יודישען פאָלק מענשען פון אַנדערע פעלקער דורך מגייר זיין זיך וכדומה, גלויבען די דאָזיגע געלעהרטע; אז דאָס זענען געווען גאַנץ זעלטענע פאַלען און האָבען נישט קיין גרויסע בעדייטונג. אַנדערע געלעהרטע האַלטען, אז די יודען זענען אין אַנטראָפּאָלאָגישען זין נישט קיין אייגהייטליך פאָלק, אז צווישען יודען איז אין פערלויף פון דער צייט יאָ צוגעקומען א סך עלעמענטען פון אנדערע פעלקער און טייל געלעהרטע גייען זאָגאַר אזוי ווייט און גלויבען, אז למשל די יודען אין פוילען און רוסלאַנד שטאַמען גאָרנישט פון ארץ־ישראל נאָר פון די כוזרים און אנדערע שבטים און פעלקער.

יעדענפאלס טיילען די געלעהרטע די יודען אין אַנטראָפּאָלאָגישען זין אין אַ גאנצער רייה טיפּען, ספּעציעל אין דעם „ספרדישען", וואָס נעהמט ארום די ספרדישע יודען און זענען נאָהנט צו דער אראבישער ראסע, און דעם אַשכּנזישען (יודען אין פוילען, דייטשלאַנד און מיטעלאייראָפּעאישע לענדער) וואָס האָט אין זיך פיעל פון דער אינדאָ־אייראָפּעאישער ראסע. עס זענען אויך פארהאן די „תימנישע", „קאַווקאַזישע" און אנדערע קלענערע צאָהל יודען פון פערשידענע טיפּען. דער וואוקס פון נישט־יודען וואַקעלט זיך צווישען 1680 און 1730 מילימעטער; דאַגעגען דער דורכשניטליכער יוד איז לערך 1637 מילימעטער. דאָס זעלבע האָט דער דורכשניט יוד אין אייראַפּע א שמעלערען ברוסט־קאַסטען ווי אַ נישט־יוד. לויט דער פאָרם פון קאָפּ־שיידעל זענען די יודען דורכשניטלעך „בראַכיצעפאַלען"; דאָס הייסט, אז די ברייט פון קאָפּ איז העכער ווי 80 פּראָצענט פון זיין לענג. די הויט־ און האָהר־פאָרם זענען ביי יודען אין דורכשניט דונקעלער ווי ביי נישט יודען אין אייראָפּאַ אָבער דערביי איז צו בעמערקען, אז יודען געבען אין דורכשניט אַ גרעסערען פּראָצענט געלע מענשען ווי נישט יודען. בלויע אויגען האָבען צווישען יודען א פיפטעל מענשען; דאַגעגען ביי נישט יודען אין אייראָפּאַ זענען בלוי־אויגיגע פארהאן אַ דריטעל. לעצטענס, צוליב דער פערגרעסערטער צאָהל געמישטע חתונות צווישען יודען און נישט יודען אין אייראָפּאַ און אמעריקא ענדערט זיך נאַטירליך אויך אין א געוויסער מאָל דער אַנטראָפּאָלאָגישער כאַראַקטער פון טייל שיכטען יודען.

וועגען אַנדערע אַנטראָפּאָלאָגישע אָבטיילונגען ביי יודען געבען מיר ביי די שטיכווערטער סטאַטיסטיק, פאָלקלאָר און אנדערע עהנליכע.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאָן שטיך־וואָרט „ראַסע"; איקנאָוו, בייטרעגע צו דער אַנטראָפּאָלאָגיע פון יודען (דייטש); „בלעטער פאר יודישער דעמאָגראַפיע" (יודיש) בערלין 1927.

**אַנטראָפּאָמאָרפיזם** (פאָרשטעלונג פון גאָט אין מענשליכער געשטאלט; מיט מענשליכע אייגענשאפטען; אויף העברעאיש הייסט עס „הגשמה"). אין חומש און

איבערהויפט אין גאַנצען תנך זענען פאַראַן געוויסע אויסדרוקען וועגן דער געטליכקייט, וואָס קלינגען אַנטראָפּאָמאָרפיסטיש, דאָס הייסט, ווי גאָט האָט מענשליכע אייגענשאפטען. אזוי געפינען מיר אָפט אין תנך די אויסדריקען „יד ה׳״ גאָט׳ס האַנד) „וידבר ה׳״ (גאָט האָט גערעדט); „וינחם ה׳״ (גאָט דאָט חרטה געהאַט). פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט שוין אין חומש דברים ד׳ אונטערגעשטראָכען „כי לא ראיתם כל תמונה״ אז גאָט בעזיצט נישט קיין געשטאלט.

די פראגע, צי איז די יודישע רעליגיע געגען יעדען אַנטראָפּאָמאָרפיזם, דאָס הייסט געגען פאָרשטעלען גאָט מיט מענשליכע אייגענשאפטען, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. רבנו משה בן מיימון, דער רמבם (אין 12־טען יאָהרהונדערט) איז אין דער הינזיכט געווען גאַנץ שטרענג און האָט אַלס איינעם פון די 13 עיקרים פון דער יודישער רעליגיע אוועקגעשטעלט, — סיי אין זיין פירוש המשניות אויף סנהדרין פרק חלק, סיי אין זיין „יד חזקה״, — אַלס דריטען עיקר אז גאָט איז „אינו גוף ולא כח בגוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף״, דאָס הייסט, אז די געטליכקייט האָט גאָרנישט פון די אייגענשאפטען פון קערפּער. דער רמבם פעררופט זיך דערביי אויך אויף די גמרא חגיגה ט״ו „אין למעלה לא ישיבה ולא עמידה״, אז ביי דער געטליכקייט זענען די מענשליכע אייגענשאפטען נישט פאראן. דאָס וואָס עס זענען פאראן אין תנך די אויסדריקען „יד ה׳״ (גאָט׳ס האַנד), „וידבר ה׳״ (גאָט האָט גערעדט) ערקלערט דער רמבם אז דאָס איז „בדרך השאלה״, אָדער ווי די גמרא זאָגט, „דיברה תורה כלשון בני אדם״, די תורה בענוצט זיך נאָר מיט אזעלכע אויסדריקען, אז דער מענש זאָל זיי פערשטעהען. לויט׳ן רמבם זענען די וואָס גלויבען אין „הגשמה״, מינים. אָבער דער ראבד (רבי אברהם בן דוד), וועלכער האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט וואָס דער רמבם, טרעט ארויס געגען דעם דאָזיגען עיקר. דער ראבד זאָגט נישט, אז מען דאַרף יאָ „מגשים־זיין״ די געטליכקייט, יאָ פאָרשטעלען גאָט מיט מענשליכע אייגענשאפטען, אָבער ער זאָגט (אין זיינע „השגות״ צום רמבם הלכות תשובה ג׳) אז „גדולים וטובים ממנו״ (גרעסערע און בעסערע פון איהם, פון רמבם) האָבען יאָ געגלויבט אין הגשמה, דאָס הייסט, אז ווען איינער גלויבט אין דעם איז ער נישט קיין מין. אויך רבי יהודה הלוי (אין אָנהויב 12־טען יאָהרהונדערט) אין זיין ספר „הכוזרי״ מאמר ד׳ האַלט אויך אז מען קאָן טייטשען פשוט די אלע ערטער פון תנך „בתמונת ה׳ יביט״ וכדומה און זיין א יוד. א חוץ דעם איינפאכען אַנטראָפּאָרפיזם איז אויך געווען א גאַנצע חלוקי דעות ביי די רעליגיעז־יודישע פילאָזאָפען וועגן די אייגענשאפטען פון גאָט, די „אַטריבוטען״, די „תארים״, מיט וועלכע מען בעשרייבט גאָט, ווי אז ער איז א „רחום וחנון״ (אַ בארמהארציגער), אַ גוטער — ווי מען דאַרף פערשטעהען די דאָזיגע אַטריבוטען. — אויך אין דער מאָדערנער העבּראישער יודענטום־פילאָזאָפיע איז וועגען דער דאָזיגער פראגע, צי די „שלילת הגשמיות״ (דאָס נישט דערלאָזען קיין אַנטראָפּאָמאָרפיזם) איז א עיקר פון יודענטום צי נישט. אחד העם איז דורכאויס פאר „שלילת הגשמיות״ אלס עיקר פון יודענטום (אין זיין „על שתי הסעיפים״). געגען איהם

איז ארויסגעטרעטען ש. י. איש הורוויץ אין זיין „להרחבת הגבולין" (מאיז ולאז", בערלין תרע"ד). — וועגען דעם אלעם וועלען מיר נאך געבען ביי די שטיך־ווערטער „גאט", „עיקרים", „רעליגיע", „משה בן מיימון" און אנדערע.

ביבליאגראפיע: בערנפעלד „דעת אלהים"; ווייס, „דור דור ודורשיו"; קראכמאל „מורה נבוכי הזמן"; גרעץ, „געשיכטע" אין קאפיטעל וועגען רמבם; ניימארק, „תולדות הפילוסופיה"; קויפמאן. „געשיכטע" דער אטלריביטען־לעהרע (דייטש).

## אנכין מ. (געבוירען יאהר 1885),

פסעוודאנים פון ד"ר מאקס שאץ, בעקאנטער יודישער סאציאליסטישער פיהרער און שריפטשטעלער. ער איז געבוירען אין קורלאנד. אין יאהר 1905 האט ער אלס סטודענט אין פעטערבורג ארגאניזירט די פעטערבורגער גרופע פון ציוניסטען־סאציאליסטען (ס. ס.); נאכדעם ווי ער איז געוועזען ארעסטירט דורך די צארישע פאליציי, איז ער אוועק קיין אויסלאנד, געענדיגט אין בערן (שווייץ) אין יאהר 1909 דעם אוניווערסיטעט אלס ד"ר יורי פאר זיין אבהאנדלונג „נאציאנאליטעטען־פראבלעמען אין דער געגענווארט". פון דעמאלס אז האט ער גע־הערט צו די פיהרער פון דער יודישער סאציאליסטישער פארטיי „ס. ס.". אין יאהר 1912 איז ער צוריק געקומען קיין רוסלאנד. אין יאהר 1917 איז ער געווען מיטגליד פון פעטערבורגער „סאוויעט", נאכהער געארבייט אין קיעוו אין דער קאמיסיע ארום דעם געזעץ וועגען נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע פאר יודען אין אוקראינע. אין יאהר 1919 איז ער אוועק קיין אויסלאנד און זיך בעזעצט אין ריגא, וואו ער האט ארגאניזירט די קולטור־ליגע מיט א פערלאג פאר יודישע ביכער. ד"ר אנין שאץ האט מיטגעארבייט אין פיעל זשורנאלען יודישע, רוסישע, דייטשע און אין זיינע ארטיקלען בעלויכטען פיעל פראבלעמען פון יודישער קולטור. ער האט אויך פערעפענטליכט א רייה פילאזאפישע אבהאנדלונגען אין דער יודישער שפראך, ווי „פון רוים צו צייט", „דער אונטערגאנג פון מערב־לענדער" און אנדערע.

ביבליאגראפיע: א גרעסערע רשימה פון ד"ר אנין־שאץ'ס ארטיקלען און אבהאנדלונגען, — אין רייזענ'ס לעקסיקאן, 1926).

## אנכי ז. י. (געבוירען יאהר 1876).

פסעוודאנים פון זלמן יצחק אראנסאן, בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער. אנכי איז געבוירען געווארען אין ליאדי (רוסלאנד) אין א רבנישער פאמיליע. ער האט בעקומען א פרומע ערציהונג, געלערנט אין ישיבות און נאכהער זיך גענומען צו השכלה. ער דעביוטירט מיט א חסידישער פאעמע „הינוקא" (אין העברעאישען זשורנאל „השלח" 1903). נאכהער האט ער פערעפענטליכט אין זשורנאל „דאס יודישע פאלק" א רייה ערצעהלונגען אויף יודיש; זיי זענען דערנאך ערשינען אין א זאמלונג „צווישען הימעל און ערד" (ווארשא 1909); א גרויסען רוהם האט אנכי זיך ערווארבען מיט זיין סעריע מאנאלאגען „רבי אבא", וואס שילדערען פאר אונז חסידישע טיפען, מרום־ראמאנטישע פון פארצייטיגען דור פון ליטווישען חסידות. „רבי אבא" איז ערשינען אין ווארשא 1911. אין יאהר 1911 האט אנכי פערבראכט אין ארץ־ישראל, פון וואנען ער האט געשילדערט זיינע איבערלעבונגען איז

בילדער. די צייט פון דער וועלט־מלחמה איז ער געווען א געוויסע צייט אין ארגענטינא, און אין יאהר 1924 האט ער זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל, וואו ער וואוינט ביז איצט, דארט האט ער אויך ארויסגעגעבען זיין „רבי אבא" אויף העברעאיש. אנכי געהערט צו די ראמאנטיקער פון חסידות אין דער יודישער ליטעראטור.

ביבליאגראפיע: איבער אנכי זענען פארהאן קריטישע אבהאנדלונגען אין די „שריפטע" פון בעל־מחשבות, אין קיעווער „ביכער־וועלט" און פערשידענע צייטונגען; רייזען, לעקסיקאן (1926).

**אנסקי ש.** (1863 — 1920), פסעוודאנים פון שלמה זיינוויל ראפאפארט. דאס איז דער בעריהמטער יודישער סאציאליסטען־פיהרער, שריפטשטעלער (מחבר פון „דיבוק" און אנדערע ווערק) און פאלקלאר־זאמלער. אנסקי איז געבוירען געווארען אין יאהר 1863 אין וויטעבסק ביי בעל הבתי'שע עלטערען, זיין פאטער איז געווען אנגעשטעלט ביי די פאליאקאוו'ס, און זיין מוטער, חנה אדער „אננא" (דערפון שטאמט זיין פסעוודאנים „אנסקי") האט געהאלטען א שענק. אנסקי האט בעקומען א פרומע ערציהונג אין חדר, און צו 15 יאהר האט ער געקענט גמרא מיט תוספות. נאכהער האט ער געלעזען די השכלה־ליטעראטור פון סמאלענסקין און לילענבלום, געווארען א פריידענקער, זיך גענומען לערנען רוסיש, זיך בעקענט מיט די אידעאלען פון די דעמאלסדיגע רוסישע ראדיקאלען. דאס איז געווען אין דער צייט פון דער ראדיקאל־סאציאליסטישער בעוועגונג אין רוסלאנד, „נאראדניטשעסטווא" פון „געהן אין פאלק", זיך אינטערעסירען מיט דעם גייסטיגען און שטייגער לעבען פון די פאלקס־מאסען און זייער בעפרייאונג. אנסקי איז געווארען מיטגעריסען מיט דער דאזיגער בעוועגונג; ער האט שוין דעמאלס אנגעשריבען עטליכע ערצעהלונגען פון רוסישען פאלקס־לעבען, ציהענדיג פרנסה דערפון, וואס ער איז געווען לעהרער ביי יודישע דארפס־פאמיליעס. צוליב דער פערפאלגונג פון דער רוסישער פאליציי אלס סאציאליסט איז אנסקי אין יאהר 1892 אוועק קיין אויסלאנד. און אין פאריז איז ער געווארען דער סעקרעטאר פון רוסישען פאלקס־סאציאליסטישען שריפטשטעלער און פיהרער לאווראוו. אין אויסלאנד, בעזונדערס אין דער שווייץ און בערן, האט ער זיך סעהנטער בעקענט מיט די יודישע סאציאליסטישע עמיגראנטען פון רוסלאנד, צווישען וועלכע עס האט געשפילט א גרויסע ראליע דער שריפטשטעלער (אנסקים פריינד פון די יוגענד־יאהרען) ד"ר חיים זשיטלאווסקי. דאס האט געווירקט אויף אנסקי'ן, אז ער האט זיך גענומען צוריק צו דערנעהנטערען צום יודישען לעבען און אין די יאהרען 1904 — 1905 האט ער פערעפענטליכט זיינע ערשטע ערצעהלונגען און לידער אין יודיש. דעמאלס האט ער אויך פערפאסט דאס ליעד „די שבועה" וואס איז געווען די מארסעליעזע פון די יודישע סאציאליסטישע ארבייטער־פארטייען. אין יאהר 1905 איז ער צוריקגעקומען קיין רוסלאנד, און פון דעמאלס אן הויבט אן אנסקי צו ווירקען אלץ מעהר אלס יודישער שריפטשטעלער, פערעפנטליכענדיג זיין פאעמע „דער אשמדאי", וואס איז א זאמלונג פון די יודישע פאלקס־גלויבענס וועגען גיהנום, שדים, ווי אויך אנדערע

ערצעהלונגען. אנסקי האָט זיך אויך גענומען אָבגעבען מיט זאַמלען יודישען פאָלקלאָר, זיך בעטייליגט אין דער יודישער היסטאָריש־עטאָנגראַפישע געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, געפאָהרען איבער יודישע שטעטלעך זאַמלען קאָלעקציעס פון אַלטע יודישע חפצים, פאָלקס־מעשיות, ליעדער ניגונים וכדומה. ווען די וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכען אין יאָהר 1914 האָט אנסקי אַנגעפיהרט מיט דער הילפס־ארבייט פאר די יודישע מלחמה־געליטענע (אַלס בעפולמעכטיגטער פון „פערבאַנד פון די רוסישע שטעדט), בעזוכענדיג די יודישע שטעדט און שטעדטליך ביים מלחמה־פראָנט אין פּוילען און גאַליציען; נאָכהער האָט ער געשריבען וועגען דעם זיין בוך „חורבן גאַליציען" אין דער מלחמה האָט ער פערפאַסט זיין וויכטיגסטע ווערק די מיסטעריע־דראַמע, — „צווישען צוויי וועלטען", וואָס איז פּאָפּולער געוואָרען מיט'ן נאָמען „דיבוק" (ביאַליק האָט עס איבערזעצט אויף העברעאיש אין „התקופה" באַנד 1). נאָכ'ן דורכמאַכען פערשידענע געשעהענישען אין דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אנסקי נאָך דער וועלט־מלחמה זיך בעזעצט אין ווילנא, נאָכהער אין אָטוואָצק, און דערנאָך אין ווארשא, וואו ער איז געשטאָרבען דעם 8-טען נאָוועמבער יאָהר 1920.

אנסקי'ס ווערק אויף יודיש זענען ערשינען אין 15 בענדער געזאַמעלטע שריפטען (ווארשא 1920 — 1925). זיי ענטהאַלטען חסידישע ערצעהלונגען, נאָוועלען, דער „חורבן גאַליציען", הומאָרעסקען און ליעדער, „זכרונות" (וואו עס איז אויך פאַרהאַן א אויטאָביאָגראַפיע פון מחבר), פאָלקלאָר. אָבער זיין בעריהמטעסטעס ווערק איז די דערמאָהנטע דראַמע „דיבוק", וואָס איז אויפגעפיהרט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אויף יודיש אין ווארשא אין יאָהר 1920, און נאָכהער אויף פיעל בעדייטענדסטע וועלט־ביהנעס, אויף העבּרעאיש דורך די „הבימה", אויף דייטש דורך ריינהארט, אויף פּויליש און אויך אַנדערע שפּראַכען (ענגליש, פראַנצויזיש). אויך אין „דיבוק" האָט אנסקי צונויפגעזאַמעלט פיעל יודישע פאָלקס־גלויבענס, לעגענדעס פון קדושים, חתונה־מנהגים, חסידישע אמונה אין כ'ח פון רביים. בטלנים־שמועסען אין חסידים־שטיבלעך, און פון דעם אַלעם האָט אנסקי געשאַפען א מיסטעריע פון מיסטיש־סימבאָלישען כאַראַקטער. דער „דיבוק" (געדרוקט אויף יודיש אין ווילנא יאָהר 1919) בעשטעהט פון 4 אַקטען. דער ערשטער אַקט קומט פאָר אין א חסידים־שטיבעל; בטלנים זיצען און זינגען פערטיפט אין זיך דאָס ליעד „מחמת וואָס, מחמת וואָס, איז די נשמה פון העכסטער הויך, אראָב אין טיפסטען גרונט? דאָס פאַלען טראָגט דאָס אויפקומען אין זיך". שוין אין די ווערטער איז פאַרהאַן דער מיסטיש־דראַמאַטישער אינהאַלט פון ווערק נאָכהער קומט פאָר ווי א אָרימער ישיבה בחור חנן איז פערליבט אין דעם מיידעל לאה, דער טאָכטער פון א גביר; חנן מיינט דורך קבלה און שמות צו ווירקען, אז דער גביר זאָל איהם נעהמען פאַר אַנ'איידעם. אויך לאה איז פערליבט אין חנן'ען. אָבער איהר פאָטער מאַכט איהר פאַר א כלה פאַר אַנ'אַנדערען חתן, און דאָס ווירקט אויף חנן, אז ער שטאַרבט. אין דעם אַקט זעהט מען שוין אויך א „משולח", וואָס בעגלייט דעם טראַגישען געשע־

העניש. אין 2־טען אקט קומט פאַר די חופּה פון לאה מיט איהר חתן, די רער קבצנים ־ טאַנץ און דער בעזוך פון דער כּלה אויף דעם קבר פון קדושים, חתן כּלה, וואָס זענען אומגעקומען אין דער צייט פון כמיעלניצקי; אונטער דער חופּה ווערט די כּלה משוגע. אין דער משולח, וואָס בעווייזט זיך אויך דאָ, ערקלערט, אַז אין דער כּלה איז אריין א „דיבוק"; דער „דיבוק" איז חנן. אין דריטען און פערטען אקט (פון וועלכע מען האָט אויף דער סצענע געמאַכט איין אקט) קומט פאַר ווי ביים מיראָפּאָלער רבּי אין שטוב איז די דין־תּורה מיט'ן „דיבוק", דעם פער־שטאָרבענעם חנן, און דער רבּי פּס־קנט, אַז ער מוז פערלאָזען דאָס מיי־דעל; אָבער נאָכ'ן פּסק, דין פאַלט אויך דאָס מיידעל טויט. ביידע נשמות האָבען זיך פעראייניגט. דאָס גאַנצע ווערק איז חסידישע ראָמאַנטיק.

ביבליאָגראַפיע: וועגען אַנסקי און זיינע ווערק, ספּעציעל צום „דיבוק" איז פיעל געשריבען געוואָרען; רייזען, „לעקסיקאָן" (1926); ספּעציעל צוויי העפטען־נומערען (7—8, און 9—10) פון זשורנאַל „לעבען" ערשינען ווילנא תרפ"א, געווידמעט דער בעשרייבונג פון אַנסקי און אויך דעם „דיבוק"; און די דאָזיגע העפ־טען איז פאַראַן אַ העכער מאַטעריאַל וועגען אַנסקי; גרעסערע ביבליאָגראַפישע רשימה איז פאַראַן אין רייזען'ס לעקסיקאָן.

## אַנשי כּנסת הגדולה

אין משנה פּרקי אבות א' און שפּע־טער אויך אין פיעל גמרא שטעלען ווערט דערמאָהנט א גרופּע יודישע חכמים אין אַנהויב פון 2־טען בית המקדש מיט'ן נאָמען „אנשי כּנסת הגדולה" זיי האָבען מתקן געווען פיעל תּקנות. מיר געבען וועגען זיי ביים שטיך־וואָרט „כּנסת הגדולה".

**אַנשעל** נאָמען פון איינעם פון די עלטעסטע מחבּרים פון ספרים אין דער יודישער שפּראַך. רבּי אַנשעל האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 16־טען יאָהרהונדערט אין קראָקא. ער זאָל דאָרט האָבען געווען א רב צי א דיין; מען ווייסט עס נישט גענוי. ער האָט מחבּר געווען דאָס ספר „מרכּבת המשנה"; וואָס איז א העברעאיש ־ יודישער קאָנקאָרדאַנץ־ ווערטערבוך אויף תּנ"ך מיט א הקדמה אויף יודיש. דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרען אין קראָקא אין יאָהר 1534 און איז בענוצט געוואָרען דורך מלמ־דים ביים לערנען מיט די יונגלעך חומש צום פערטייטשען. שפּעטער איז דער „מרכּבת המשנה" געדרוקט גע־וואָרען מיט'ן טיטול „ספר ר' אַנשעל".

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1914); ארפּעלעס, „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור"; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**אָסאָ** מלך אין לאַנד יהודה אין דער צייט פון 1־טען בית המקדש. ער איז געווען דער זוהן פון אבים און האָט געקיניגט — ווי עס דערצעהלט דער ספר מלכים א' ט"ו) 41 יאָהר אין ירושלים. וועגען איהם ווערט דערצעהלט, אַז ער איז געווען א פרו־מער מלך און האָט אָבגעהיט די גע־באָטען פון גאָט. ער האָט אויך גע־בויט פעסטונגען אין לאַנד יהודה און געפיהרט מלחמה געגען די כּושים, ווי אויך געגען לאַנד ישראל, וואו עס האָט דעמאָלס געהערשט דער מלך בע־שא. דער תּנ"ך דערצעהלט, אַז ווען אסא איז געשטאָרבען איז דער טרויער גע־וואָרען אזוי גרויס אז „וישרפו לו שרפה גדולה" (מען האָט פאַר איהם אַנגעצונדען גרויסע פייערן). אין דער

גמרא סוטה י׳ זענען פאַרהאַן דרשות וועגן אָסאָ המלך.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות.

**אסוירוס** (נאָמען פון רוימישע הערשער). אין דער גמרא ווערט עטליכע מאָל דערמאָהנט דער נאָמען פון רוימישען הערשער אסוירוס, וועגען וועלכען מען ווייסט נישט גאַנץ גענוי וועמען מען מיינט דערמיט. אין „סדר עולם רבה" (היסטאָרישע כראָניק פון דעם זמן התלמוד) ווערט געזאָגט אז „מפולמוס של אסוירוס עד פולמוס של אספסינוס שמונים שנה" (פון דער מלחמת אסוירוס ביז דער מלחמה פון אספסינוס אין דער צייט פון חורבן בית שני האָט געדויערט 80 יאָהר). דערפון וויל מען האָבען אז דאָ מיינט מען דעם רוימישען הערשער אין ירושלים אין דער צייט פון הרודוס המלך קווינטילוס ווערוס, וועלכער האָט בעת א יודישער רעוואָלוציע אין ירושלים גע־טויט פיעל יודען. ראַפּאַפּאָרט אין „ערך מלין" מיינט אז דאָס איז סקורוס, דער גענעראַל פון רוימישען מי־ליטער־פיהרער פּאָמפּעאוס. — אין עבודה זרה י׳ ווערט דערמאָהנט דער קייזער „אַנטונינוס בן אסוירוס" זאָל מען מיינען אַנניוס ווערוס, דער זוהן פון קייזער אַנטאָנינוס (אין 2־טען יאָהרהונדערט). עס איז אָבער אויך פאַרהאַן א מיינונג (גרעץ און קאָהוט אין זיין „ערוך השלם) אז דאָס מיינט מען דעם רוימישען קייזער אלעקסאַנדער סעווערוס (געהערשט אין די יאָהרען 222 — 235), וועלכער איז געווען גוט צו יודען; ער האָט ביי יודען געהאַט א נאָמען אלס יודען פריינד און מען האָט אין רוים אויף זיין נאָ־

מען אָנגערופען א יודישע שוהל.

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין"; גרעץ, „געשיכטע" קאָהוט, ערוך השלם (שטיך־וואָרט „אנטונינוס").

**אָסטראָג** (אָסטראה), שטאָדט אין וואָהלין (פּוילען), וואָס האָט אין 16־טען און 17־טען יאָהרהונדערט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע אין פּוילען און אוקראַינע׳ אין די יודישע ספרים הייסט זי „אוסטראה". דאָרט זענען אין 16־טען און 17־טען יאָהרהונדערט געווען אלס רבנים די בעריהמטע גאונים רבי שלמה לוריא (מהרש״ל), רבי שמואל אידלס (מהרש״א), רבי דוד סגל (ט״ז) און אַנדערע. ווי דער היסטאָריקער פון יענער צייט רבי נתן נטע האַנאָווער דערצעהלט אין זיין „יון מצולה" איז אין „אוסטראה הבירה" (דער רעזידענץ־שטאָדט אָסטראָג) געווען דער „בית דין הגדול" (דער העכסטער ראַבינאַט) פון וואָהלין און אוקראַינע. אין דער גזרת ת״ח (שחיטה אויף יודען דורך די קאָזאַקען אין יאָהר 1648) איז די יודישע קהלה אין אָסטראָג חרוב געוואָרען. שפּעטער איז שוין דאָרט געווען א קלענערע יודישע קהלה. אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט, אין אָנהויב פון דער חסידות־בעוועגונג, זענען דאָרט געווען די רביים יעקב יוסף מחבר פון „רב ייבי", רבי פּנחס קאָרעצער, דער חסידישער גאון רבי מאיר מרגליות, מחבר פון מאיר נתיבים און אַנדערע. היינט איז אָסטראָג א שטאָדט פון 13 טויזענד איינוואוינער, צווישען וועלכע עס איז פאַרהאַן ביי 8000 יודען.

ביבליאָגראַפיע: בּיבער, „מזכרת

לגדולי אוסטראה"; הורודצקי, ההסידים והחסידים" וועגן „רב ייבי" און רבי פנחס קארעצער; יודישע ענציקלאָפּעד עס.

## אַסטראָלאָגיע

**אַסטראָלאָגיע** דאָס איז א גרי־כיש וואָרט און בעדייט דאָס „וויסען דעם גורל פון א מענש לויט דעם צושטאַנד פון די הימעל־שטערנס". מען נעהמט אָן, אז די ערשטע לעהרען פון אַסטראָלאָ־גיע, און איבערהויפּט די גאַנצע אויפ־פאַסונג, אז פון די שטערנס קאָן מען וויסען דעם גורל פון מענש, שטאַמען פון אַלטען בבל; עס איז א פאַקט, אז ביי די רוימער האָבען די אַסטראָלאָ־גען געהייסען „כאַלדעער" (דאָס הייסט כשדים, „פון בבל"). אין תנך הייסען די אַסטראָלאָגען „הברי שמים" (ישע־יה מ"ז) און אין דער גריכישער תנך־איבערזעצונג סעפּטואַגינטאַ איז פאַר־האַן אויף דעם פּסוק „אַסטראָלאָגען". אין דער גמרא בבא בתרא ט"ז און אַנדערע ערטער הייסט עס „איצט־גנינות" און די גמרא זאָגט דאָרט, אז אברהם אבינו איז געווען א אַסטראָ־לאָג׳ אין שבת קנ"ו זאָגט די גמרא „אין מזל לישראל", דאָס הייסט, אז אויף יודען האָבען די שטערנס נישט קיין איינפלוס. אין טייל ערטער אין ירושלמי עבודה זרה ב׳, בראשית רבה א׳ און אַנדערע הייסט עס אויך „אַס־טראָלוגיא". אין פּסחים קי"ג זאָגט די גמרא „אין שואלין לכלדאין"; אז מען טאָר נישט פרעגען קיין צוקונפט ביי אַסטראָלאָגען", און דאָ באַנוצט די גמרא דעם רוימישען אויסדרוק „כאַלדעער". אָבער אין ברכות ס"ד, ווערט געבראַכט דער סיפור אַז דער אמורא רב יוסף האָט יאָ גע־גלויבט אין אַסטראָלאָגען. אין מיטעל־אַלטער געפינען מיר גרויסע יודישע חכמים, וואָס האָבען געגלויבט אין אַסטראָלאָגיע. שוין אין דער „ברייתא דשמואל" (וואָס שטאַמט פון לערך דעם 7־טען יאָהרהונדערט) איז פאַר־האַן אַסטראָלאָגיע. שפּעטער זיינען גע־ווען אַסטראָלאָגען די גרויסע יודישע חכמים רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין 11־טען יאָהרהונדערט), דער אבן עזרא (אין 12־טען יאָהרהונ־דערט), דער מחבר פון „יוחסין" רבי אברהם זכותא (אין ענדע 14־טען יאָהרהונדערט); דאַגעגען דער רמב״ם (אין ענדע 12־טען יאָהרהונדערט) האָט בעטראַכט די אַסטראָלאָגיע אלס אַבער־גלויבען.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל". (שטיך־וואָרט „אדכגנינות"); לעוו, די אסטראלא־גיע ביי יו־ען" (געדריקט אין „בן חנניה" יאָהר 1863); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַסטראָנאָמיע

**אַסטראָנאָמיע** דאָס איז א גרי־כיש וואָרט און איז דער טייטש „די וויסענשאַפט פון שטערנס". וועגען דעם אַנטייל פון יודען אין דער דאָזיגער אַסטראָנאָמיע־וויסענשאַפט, וואָס לעהרט איבער די בעוועגונגען פון שטערנס פּלאַ־נעטען און אַנדערע הימעלס־קערפּערס, איז געשריבען געוואָרען זעהר פיעל ביכער און אַרטיקלען.

צוערשט ווערט בעהאַנדעלט די פראַ־גע, צי האָבען די יודען אין די אַלטע צייטען, אין ארץ־ישראל, געהאַט גע־וויסע ידיעות פון אַסטראָנאָמיע, אַזעל־כע, וואָס עס האָבען געהאַט די אַלטע עגיפּטער, כאַלדעער און שפּעטער די גריכען. עס איז א פאַקט, אז דער יו־דישער היסטאָריקער פלאַוויוס, וועל־כער האָט געלעבט צום סוף פון 2־טען בית המקדש (אין 1־טען יאָהר־הונדערט נאָך דער קריסטליכער צייט־

רעכענונג) שרייבט אין זיין בוך „אַלטערטימער" 61, אז ווען אברהם אבינו איז געווען אין מצרים אין דער הונגער־צייט האָט ער אויסגעלערנט די עגיפּטישע חכמים, די „חרטומי מצרים", מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. דערפון איז צו זעהן, אז שוין דעמאָלס איז געווען ביי יודען פערשפּרייט די לעגענדע, אז די יודען האָבען אליין ענטדעקט די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט און די אנדערע פעלקער האָבען עס פון זיי אָבגעלערנט. יעדענפאלס אין תנך איז נישט צו בעמערקען קיינע שפּורען פון אַסטראָנאָמישע קענטענישען. עס זענען פאַרהאַן טייל געלעהרטע וואָס גלויבען, אז דער טייטש פון פּסוק אין ספר איוב „נוטה צפון על תהו, תולה ארץ על בלימה" (ער נייגט דעם צפון אויף גאָרנישט, ער הענגט די ערד אויף גאָרנישט) מיינט מען דאָ די אָבנייגונג פון צפון־פּאָל פון דער ערד צום יעהרליכען זון־וועג פון דער ערד; אויך זאָל דער זין פון פּסוק זיין אז די ערד שוועבט אין דעם וועלט-רוים „אויף גאָרנישט". זיכער איז עס נישט. דער איטאַליענישער געלעהרטער סקאַפּאַרעלי אין זיין בוך „די אַסטראָנאָמיע אין אלטען טעסטאַמענט" (געדרוקט אויף דייטש, גיעסען 1904) וויל געפינען אין די פערשידענע שטערן־נעמען אין תנך ווי „עיש", „כימה", „כסיל", אז דאָס זענען בעצייכענונגען פאַר טייל „פיקס־שטערען". יעדענפאַלס פון יענע תנך־צייטען האָבען מיר וועגען אַסטראָנאָמיע ביי יודען כמעט קיין שום ידיעות.

עטוואָס מעהר ידיעות האָבען מיר וועגען דער אַסטראָנאָמיע ביי יודען אין דער צייט פון דער משנה און גמרא (אין די ערשטע יאָהרהונדערטער נאָך דער קריסטליכער צייטרעכענונג). די יודען זענען שוין דעמאָלס געווען עטליכע הונדערט יאָהר אין קולטור־בעציהונגען מיט די גריכען, וועלכע האָבען אין אסטראָנאָמיע דערגרייכט א געוויסע הויכע שטופע עס איז אָבער נישט זיכער, צי די ערשטע יודישע ידיעות האָבען געשטאַמט פון די גריכען צי פון די כאַלדעער אין בבל. יעדענפאלס איז צו זעהן פון דער גמרא ראש השנה כ"ה און אנדערע שטעלען אין דער גמרא, אז די יודישע חכמים האָבען דעמאָלס געוואוסט די רעכענונג פון דעם גאַנג פון דער לבנה און האָבען געהאַט דערצו געוויסע טאַבעלען, וואָס איז זיי נויטיג געווען כדי פעסטצושטעלען די חדשים פאַר דעם יודישען קאַלענדאַר („יסוד העבור", ווי עס האָט דעמאָלס געהייסען). אין שבת ע"ה זאָגט זאגאַר די גמרא אז עס איז נויטיג „לחשב תקופות ומזלות" (צו פערנעהמען זיך מיט אסטראָנאָמיע). אין דער גמרא הוריות י' ווערט דערצעהלט וועגען תנא רבי יהושע, אז ער האָט געוואוסט וועגען דעם גאַנג פון א שטערען, אז ער איז „עולה אחת לשבעים שנה" (ער בעווייזט זיך איינמאָל צו 70 יאָהר). און דער יודישער היסטאָריקער ראַפּאָפּאָרט אין זיין „ערך מלין" (וואַרשאווער אויסגאַבע) שטיך־וואָרט „כוכבא דשביט" ווייזט נאָך, אז דאָס האָט די גמרא געמיינט דעם קאָמעט האַלעי, וועגען וועלכען מען איז ערשט אין 17-טען יאָהרהונדערט דערגאַנגען אז ער בעווייזט זיך איינמאָל אין 70 יאָהר. וועגען אמורא שמואל איז פאַראַן אין ברכות נ"ח אז „נהירין לי שבילי דרקיע" אז ער איז געווען א גרויסער אַסטראָנאָם; דעם דאָזיגען שמואל ווערט צוגעשריבען א „ברייתא

דשמואל", וואס פערנעהמט זיך מיט אסטראנאמיע פון דער צייט נאך דער גמרא, אבער זי ענטהאלט אין זיך א סך אלטע זאכען. דער יודישער געלעהרטער קאמעלהאר אין זיין בוך „התלמוד ומדעי התבל" (די גמרא און די וועלט - וויסענשאפטען) וויל נאר ווייזען, אז די חכמים פון דער גמרא האָבען געוואוסט וועגען דער ריזיגער צאהל ביליאנען שטערען אין קאסמאס און אויך וועגען דעם גרויסען פערנעהם פון דער ערד, וואס שטימט מיט די נייעסטע ערד-מעסטונגען. דאס זענען אלץ השערות, אבער עס איז זיכער, אז געוויסע אסטראנאמישע ידיעות האבען די חכמים פון דער גמרא געהאט.

אין דער צייט פון מיטעלאלטער האָבען די יודען אין פערגלייך מיט אנדערע פעלקער, געשפילט גאר א בעדייטענדע ראליע אין דער אסטראנאמישער וויסענשאפט, וואס האט אין די העברעאישע ספרים פון יענער צייט געהייסען „תכונה". עס איז א פאקט, אז דאס גרעסטע אסטראנאמישע בוך פון אלטערטום, דער „אלמאגעסטי" פון גריכישען אסטראנאם פטאלאמעאוס איז אין פריהען מיטעלאלטער איבערזעצט געווארען אויף אראביש דורך דעם יוד סאהל אל טאבארי, און גאר שפעטער איז עס איבערזעצט געווארען אויף לאטיין פון אברהם דיבלמש (באלאמעס) און דאס האט געווירקט צו דער פערשפרייטונג פון אסטראנאמישער וויסענשאפט אין אייראפא. פיעל מיטגעווירקט צו דער פערשפרייטונג פון אסטראנאמישע וויסענשאפטען אין אייראפא האט דער יודישער געלעהרטער רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין 11־טען יאהרהונדערט) מחבר פון „צורת הארץ"; אויך גרויסע קענטניסען אין אסטראנאמיע האבען בעזעסען דער אבן עזרא, דער רמבם (אין 12-טען יאהרהונדערט), נאכהער רבי יצחק הישראלי (אין 14-טען יאהרהונדערט) מחבר פון „יסוד עולם" און פיעל אנדערע. דאס סאמע מערקווירדיגסטע איז, וואס אין קבלה־ספר „זהר" חלק ג' י' ווערט געבראכט פון ספרא דרב המנונא סבא די מיינונג, אז די ערד דרעהט זיך ארום איהר אקס „כבדור" (ווי א קוגעל) און אויך בעשרייבונגען פון די ארקטישע געגענדען. ווי מען זאל זיך נישט בעציהען צום פראבלעם וועגען דער ענטשטעהונגס־צייט פון „זהר", איז שוין אבער אין דאזיגען ספר וואס איז זיכער געשריבען געווארען פאר קאפערניק (וועלכער האט געלעבט אין 16־טען יאהרהונדערט) פאראן די בעדייטונגס־פולע מיינונג וועגען דער ערד - בעוועגונג, וואס איז נאר געווען בעוואוסט איינצעלנע גרויסע דענקער פון די אלטע גריכען. א זעהר גרויסע בעדייטונג אלס אסטראנאם אין ענדע פון 15־טען יאהרהונדערט האט געהאט רבי אברהם זכותא אין שפאניען און פארטוגאל, וועלכער האט צונויפגעשטעלט די בעריהמטע אסטראנאמישע טאבעלען, מיט וועלכע עס האט זיך בענוצט קאלומבוס אויף זיינע ענטדעקונגס־רייזע קיין אמעריקא.

אין דער נייערער צייט זענען אויך געווען גאנץ בעדייטענדע יודישע געלעהרטע אסטראנאמען, צווישען זיי וויללהעלם בעער (געבוירען יאהר 1797 און געשטארבען יאהר 1850 אין בערלין) א ברודער פון מוזיקער מאיר בעער; הערמאן גאלדשמידט, מאריס לעווי פון פאריז (לייטער פון פאריזער אבסערוואטאריום אין דער מיט פון 19־יאהרהונדערט), עדמונט וויס, און

בעזונדערס אין דער נייעסטער צייט פראפעסאר אלבערט איינשטיין, וועל־כער האט מיט זיינע געוואלדיגע ענט־דעקונגען און רעלאטיוויטעטס־טעאריע בעלויכטען די שווערסטע אסטראנא־מישע פראבלעמען און געשאפען נייע אויפפאסונגען וועגען וועלט־אל און דעם צוזאמענהאנג פון די הימעלס־קערפער.

ביבליאגראפיע: קאמעלהאר, „התלמוד ומדעי התל" (וועגען דער וויסענשאפט אין דער גמרא); דאס דערמאהנטע בוך אויף דייטש פון סקאפארעלי, די אסטראנאמיע אין אלטען טעס־טאמענט" (גיסען 1904); יודישע ענציקלאפעדיעס; „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „תכונה"); ראפא־פארט, „ערך מלין" (שטיך־ווארט כוכבא דשביט".

## אסטראפאלער הערשעל

בעריהמטער יודישער ליץ און ווערטעל־זאגער, האט געשטאמט פון אסטרא־פאל אין וואהלין און האט געלעבט צום סוף פון 18־טען יאהרהונדערט. ער איז געוועזן א חסיד פון רבי ר' ברוך אין מעזשביזש (אייניקעל פון בעל שם), און ער פלעגט דעם רבי פרעהליך מאכען מיט זיינע וויצען. די וויצען און גלייכווערטלעך פון הערשע־לע אסטראפאליער זענען געווארען זעהר פאפולער און פערשפרייט צווי־שען יודען אין פוילען, ליטא, וואהלין און זאגאר אין אמעריקא. פון זיינע וויצען זענען ערשינען ביכלעך „דער בעריהמטער הירשיל אשטראפאליער" אדעס תרס"ד, ווי אויך אנדערע קלע־נערע ביכלעך. אין דייטש איז ערשינען פון בלאך „הערש אסטראפאליער" (וויען 1921).

ביבליאגראפיע: שערמאן, „הער־שעל אסטראפאליער" אויף העברעאיש (תל־אביב 1929); „אשכול" „אוסטרופולר".

## אסטרוק

בעריהמטע יודישע פא־מיליע אין שפאניען איז הרום־פראנקרייך, וועלכע האט ארויס־געגעבען גרויסע געלעהרטע; דער נא־מען פון דער פאמיליע שרייבט זיך אויך „אשתרוך" און „אשתרוג". וועגען „אבא מרי דון אשטרוך" געבען מיר ביים שטיך־ווארט „אבא מרי". — אסטרוק הלוי האט געלעבט איז 15־טען יאהרהונדערט אין שפאניען און האט אנטיילגענומען אין יאהר 1413 אין בעריהמטען ויכוח געגען משומדים פאר'ן פויבסט אין טארטא־זא. ווען דער פויבסט האט איהם גע־פרעגט וועגען דער בעקאנטער אגדה אין מדרש אז משיח איז געבוירען געווארען אין טאג ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען און גע־פינט זיך איצט בעהאלטען, ווי אזוי איז דאס מעגליך, — האט איהם אש־טרוק הלוי אבגעענטפערט: „הערר פויבסט, איהר גלויבט אין אייער משיח א סך וואונדערליכע זאכען, לאזט אונז גלויבען אין אונזער משיח כאטש איין וואונדערליכע זאך". — אסתרוק אליהו אריסטיד, אבער ראבי־נער אין בעלגיען אין יאהר 1866; נאכהער אבער ראבינער אין פראנק־רייך. ער האט פערפאסט אויף פראנ־צויזיש א רייה ביכער וועגען יודישער געשיכטע.

ביבליאגראפיע: יודישע ענציקלאפעד־יעס; „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „אסטרוק").

## אסטרוק זשאן

פון די ערשטע מאדערנע קרי־טיקער פון תנך. ער איז געבוירען גע־ווארען אין פראנקרייך אין יאהר 1684 אלס קריסט; אבער עס איז בעוויזען געווארען, אז ער שטאמט פון דער יודישער אנוסים־פאמיליע „אסטרוק"

ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1766. פון פאַך איז אַסטרוק געווען אַ דאָק־טאָר מעדיצין און איז געווען לייב־דאָקטאָר פון פראַנצויזישען קעניג לוד־וויג דעם 14־טען. אָבער ער האָט אויך פיעל געשריבען איבער פילאָזאָפיע און פילאָלאָגיע. אין יאָהר 1753 איז ער־שינען אין בריסעל אַנאָנים (אָהן דעם נאָמען פון מחבר) זיין פראַנצויזיש בוך מיט דעם טיטול: „בעווייזען אַז משה רבנו האָט זיך בענוצט מיט אָרי־גינאַל־קוועלען ביים צונויפשטעלען דעם חומש בראשית". אין דאָזיגען בוך האָט אַסטרוק דער ערשטער פון אַלע תנך־קריטיקער אָנגעוויזען, אַז אין טייל קאַפּיטלעך פון בראשית איז פאַרהאַן דער נאָמען פון גאָט אַלס „יהוה" און אין טייל אַלס „אלהים", און אַז דער סיפּור המעשה וועגען דער שאַ־פונג פון דער וועלט און פון אָדם הראשון בעשטעהען אין חומש פון צוויי בעזונדערע סיפּורים, און אַז זיי שטאַמען פון צוויי בעזונדערע קוועלען. דאָס האָט פאַר דער מאָדערנער תנך־קריטיק געהאַט די געוואַלדיגסטע בע־דייטונג, און אָבוואָהל אַ סך פון אַס־טרוק'ס מיינונגען זענען שפּעטער אום־געוואָרפען געוואָרען, פונדעסטוועגען האַלטען נאָך היינט טייל תנך־קריטיקער פון געוויסע מיינונגען פון אַסטרוק.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „מבוא לכתבי הקודש"; כהנא, „בראשית עם ביאור מדעי"; בראקהויז, „ענציקלאָפעדיע".

**אַסי** אמורא אין בבל אין דריטען יאָהרהונדערט. אין שבת קמ"ו ווערט געזאָגט אַז ער איז געווען אַ תלמיד חבר פון אמורא רב. עס ווערען פון איהם געבראַכט אין דער גמרא אַ סך הלכה־ און אגדה־ווערטער. אין סוטה ה' זאָגט ער „כל אדם שיש בו גסות רוח לסוף מתמעט" (ווער עס איז אַ בעל גאוה ווערט צום סוף פאַר־קלענערט). אין דברים רבה ו' זאָגט ער „אין אדם אומר לשון הרע עד שכופר בהקדוש ברוך הוא" (אַ מענש זאָגט נישט קיין לשון הרע, סיידען ער לייקענט פריהער אין גאָט) און בבא בתרא ט' זאָגט ער וועגען דער גרויס־קייט פון געבען צדקה, אַז דאָס איז אַזוי גרויס ווי אַלע מצוות צוזאַמען. אין יבמות ס"ב זאָגט ער דאָס מיס־טישע וואָרט „אין בן דוד עד שיכלו כל נשמות שבגוף" (משיח וועט נישט פריהער קומען ביז עס וועלען געענדיגט ווערען אַלע נשמות אין גוף).

עס איז אויך געווען אַ צווייטער אמורא רבי אסי אין ארץ־ישראל אין ענדע דריטען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי יוחנן.

ביבליאָגראַפיע: הלוי, „דורות הרא־שונים"; היימאַן, „תולדות"; „אוצר ישראל".

**אַסימילאַציע** דער טייטש פון דאָזיגען וואָרט איז „מאַכען זיך עהנליך", מאַכען זיך גליך צו יענעם, „אויסמישען זיך מיט יענעם", „פערלירען דעם אייגענעם כאַ־ראַקטער, און ווערען גלייך צו יענעם". אין דער יודישער געשיכטע פון דער נייעסטער צייט מיינט מען מיט „אַסי־מילאַציע" דאָס אויסמישען זיך פון יודען מיט פרעמדע פעלקער. מען אונ־טערשיידט דאָ: 1) „רעליגיעזע אַסימי־לאַציע", דאָס הייסט, אויסמישען זיך מיט די אַנדערע פעלקער אויף רעליג־יעזע, שמד'ען זיך, אויפהערען אויף רע־ליגיעז צו זיין יודען; 2) „נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע", דאָס הייסט בלייבע־דיג ביי דער יודישער רעליגיע זאָל מען אָבער אין אַלע אַנדערע הינזיכטען, נאַציאָנאַל, סיי מיט דער שפּראַך, סיי

מיט דעם נאציאנאלען געפיהל זיך אויסמישען מיט דעם פאלק צווישען וועלכען מען וואוינט. די רעליגיעזע אסימילאציע ביי יודען האט זיך אויסגעדרוקט איןפערשידענע „שמד"־בעוועגונגען, וואס זענען פארגעקומען זא גאר שוין אין די אלטע צייטען אין בבל, גריכענלאנד, אויך אין מיטעל-אלטער און ספעציעל אין דער נייער צייט. וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „שמד". — אבער די נאציאנאלע אסימילאציע, — אבוואהל זי איז שוין פארגעקומען אין א געוויסער מאס אויך אין די אלטע צייטען, אין דער גריכישער, רוימישער וועלט, און שפעטער אויך אין שפאניען, — איז געווארען א אידעאלאגיע און א שטארקע בעוועגונג ערשט אין דער נייערער צייט, פון ענדע 18־טען יאהרהונדערט אין איירא פא.

מען נעהמט אן געוועהנליך (און דאס איז די מיינונג פון סמאלענסקין אין זיין „עת לטעת" און אנדערע), אז די אסימילאציע־בעוועגונג ביי יודען איז ענטשטאנען דורך דעם גרויסען יודישען השכלה־אנהויבער און פילאזאף אין דייטשלאנד משה מענדעלסאן (געשטארבען אין יאהר 1786), וועלכער זאל האבען ערקלערט, אז יודען זענען נישט קיין בעזונדערע נאציע, נאר א רעליגיע, און אז יודען דארפען אומעטום אננעהמען די לאנדעס־שפראך (צו דעם ציל האט ער איבערזעצט דעם תנך אויף דייטש) און אויך די מנהגים פון לאנדעס־פאלק, צווישען וועלכען זיי וואוינען; דעמאלס זאל האבען ענטשטאנען די בעצייכענונג פון די דייטשע אסימילאטארען אלס דייטשען פון משה רבנו'ס גלויבען. אבער באמת איז די דאזיגע מיינונג נישט ריכטיג. עס איז נאר ריכטיג, אז אין אלגעמיין האט די עמאנציפאציע פון יודען איז איירא פא אין ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט, און ספעציעל די פראנצויזישע רעוואלוציע פון יענער צייט, און אויך דאס וואס יודען האבען פון דעמאלס אן אנגעהויבען לערנען אלגעמיינע וויסענשאפטען, „ארויסגעהען פון געטא", נעהמען אנטייל אין ברייטען עקאנאמיש־ווירטשאפטליכען און געזעלשאפטליכען לעבען און וויסענשאפטליכען לעבען פון דער ברייטער וועלט, געפיהרט צו דער נאציאנאל־אסימילאציע־בעוועגונג, וואס האט אויך ארויסגערופען די נעבען־בעוועגונג פון רעליגיעזער „רעפארם" און אויך שמד. די נאציאנאלע אסימילאצע וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין דייטשלאנד און פראנקרייך, האט אנגעהויבען אריינדרינגען נישט נאר אין די לענדער מיט קלענערע יודישע ישובים (איטאליען און אנדערע), נאר אויך אין די לענדער מיט גרויסע, קאמפאקטע יודישע קיבוצים, ווי עסטרייך־אונגארן, רוסלאנד, פוילען. די הויפט־סימנים פון דער „אסימילאציע" זענען דאס אננעהמען די לאנדעס־שפראך, דאס ערקלערען אז יודען זענען נישט קיין „פאלק", נאר א רעליגיע, און דאס נישט אנערקענען די בעזונדערע יודישע קולטור. אין דער אסימילאציע־בעוועגונג זעלבסט זענען געווען פערשידענע שטרעמונגען; אין פוילען איז אין די יאהרען 1917 — 1920 ענטשטאנען זאגאר א בעוועגונג פון „נעא־אסימילאציע", וואס אנערקענט געוויסע נויטווענדיגקייטען פון פלעגען א בעזונדערע יודישע קולטור, אבער נישט מעהר. די אסימילאציע האט ארויסגעגעבען גרויסע פערזענליכקייטען, ווי פרידלענדער, גייגער, ריסער און אנדערע.

דעם קאמף געגען אסימילאציע (נישט פון רעליגיעזען שטאנדפונקט) האט אנ־געהויבען די „נאציאנאלע" בעוועגונג ביי יודען, וואס איז ענטשטאנען אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט, און וואס איהרע הויפט־פיהרער זענען געווען פּרץ סמאלענסקין, נאכהער אחד העם און דערנאך אי־בערהויפּט די גאנצע ציוניסטישע בע־וועגונג און שפּעטער אויך די בעווע־גונגען פון „פאלקיזם", „יודישיזם", און טייל יודישע ארבייטער־בעוועגונגען („סיימאוצעס", פועלי ציון, בונד). וועגען דעם דאזיגען קאמף וועלען מיר געבען, א חוץ ביי די בעזונדערע שטיך־ווערטער פון די בעטרעפענדע יודישע נאציאנאלע דענקער און פיהרער און פארטייען, אויך ביים שטיך־ווארט „נאציאנאליזם". דער טיפ פון א יו־דישען אסימילאטאר איז אויך פארגע־שטעלט געווארען אין די בעלעטריסטי־שע ווערק פון פערשידענע שריפטשטע־לער (שניצלער אין זיין „וועג אינ'ם פרייע" און אנדערע).

ביבליאגראפיע: איבער דער אסימי־לאציע־בעוועגונג יודען איז פיעל געשריבען גע־ווארען; בערנפעלד' „תולדות הריפורמציון הדתית" בערנפעלד, „דות תהוכית"; סמאלענסקין, „עת לטעת"; גרעץ, „געשיכטע" (אין לעצטען באנד); פיליפזאן, „דורות האחרונים" העברעאישער איבער־זעצונג; דובנאוו, געשיכטע פון יודען אין נייעס־טער צייט; אחד העם אין „על פרשת דרכים' („חיקו והתבוללות" און אנדערע); ש. י. איש הורוויץ אין „מאיז ולאן" (ספּעציעל אין „לשאלת קיום היהדות", „הצער היהודי", „להרחבת הגבו־לין"); יודישע ענציקלאפעדיעס („אוצר ישראל שטיך־ווארט „התבוללות").

## אסיריען, אסיראלאגיע

דער נאמען אסיריען ווערט בענוצט פאר דעם אל־טען לאנד אשור אין תנך; „אסיראלא־גיע" הייסט די וויסענשאפט צו פאר־שען די געשיכטע און קולטור פון לאנד אשור און איהרע איינוואוינער, וואס האבען געשפּילט א גרויסע ראליע אין דער אלטער וועלט און האט א גרויסע בעדייטונג פאר ערפארשען דעם תנך און די אלטע יודישע קולטור. וועגען דעם אלעם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „אשור".

## אסלא

די הויפּט־שטאדט פון נאר־וועגיען, וועלכע האט פרי־הער געהייסען „כריסטיאנא", וועגען די יודען אין אסלא וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט „שוועדען־נארווע־גיען".

## אסער

בעקאנטע יודיש־האלענדי־שע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען גרויסע פאליטיקער און אדוואקאטען. — משה שלמה אסער (1754 — 1826) דער גרינדער פון דער פאמיליע איז געווען אדוואקאט אין אמסטערדאם און האט אין ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט געקעמפט פאר גלייכבערעכטיגונג פון האלענדישע יו־דען. — טאביאס מיכאל אסער (1838 — 1913) בעריהמטער האלענדישער מיניסטער און אדוואקאט. ער האט בעקומען אין יאהר 1911 דעם נאבעל־פּרייז פאר וועלט־שלום. ער איז געווען א גרויסער קענער פון פעלקער־רעכט. — קארל אסער (1780 — 1836) זוהן פון משה שלמה, גרינדער פון רעפארם־יודענטום אין האלאנד, פערנומען הויכע דיפּלאמאטישע שטעלונגען אין האלאנד.

ביבליאגראפיע: יודישע ענציקלאפעדיעס (אוצר ישראל", שטיך־ווארט „אשר").

**אסף** אין נחמיה י״ב ווי אויך אין „דברי הימים א׳׳ ט״ז ווערט דערצעהלט וועגען אסף, א משורר פון די לוויים אין בית המקדש אין דער צייט פון דוד המלך. אין ספר תהילים זענען פארהאן טייל קאפיטלעך תהלים וואס זייער אנהויב איז „מזמור לאסף׳׳ (תהלים נ׳, ע״ג און אנדערע). צי אסף האט געשריבען די דאזיגע קאפיטלעך תהלים )ווי עס ווערט געזאגט דורך טייל אין דער גמרא בבא בתרא י״ד), צי זיי זענען צוגעשריבען געווארען אסף׳ן שפעטער, איז נישט בעקאנט. עס ווערט אויך דערמאהנט אין עזרא ב׳ די „בני אסף׳׳.

ביבליאגראפיע: אין די איינלייטונגען צום ספר „תהלים׳׳; „אוצר השמות׳׳ פון ראזענבערג; „אוצר ישראל״.

**אסף שמחה** רב, דאצענט פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, בעקאנטער געלעהרטער פון יודישער געשיכטע. ער איז געבוירען געווארען אין לובאן רוסלאנד 1889. ער האט מחבר געווען אין העברעאיש א רייה ווערטפולע ווערק „מקורות לתולדות החינוך בישראל׳׳ (ירושלים תרפ״ד), און אנד.

**אסף בן ברכיה** איז מיטעלאלטער איז ארומגעגאנגען א „ספר אסף׳׳ (אויך האט מען עס גערופען „ספר רפואות׳׳) וועגען לענדער און סגולות און מעדיצין. דער ערשטער וואס דערמאהנט דאס דאזיגע ספר איז רבי שבתי דונולו מחבר פון „תחכמוני׳׳ (געלעבט אין איטאליען אין 10־טען יאהרהונדערט). דער מחבר ווערט אנגערופען „אסף בן ברכיהו׳׳ ווי אויך „אסף היהודי׳׳, און די לעגענדע איז, אז ער איז געווען מיניסטער ביי שלמה המלך. דער „ספר אסף׳׳ איז אויך איבערגעזעצט אויף לאטיין. דער „ספר אסף׳׳ איז געבליבען אין כתב יד, און עס זענען געדרוקט פון איהם נאר פראגמענטען.

ביבליאגראפיע: כין, „כנסת ישראל׳׳; ראפאפארט אין „אוצר חכמה׳׳ פון בראש. א יודיש-ענגלישע ענציקלאפעדיע.

**אספה** דער נאמען פון א מדרש וואס הויבט זיך אן מיט דעם פסוק „אספה לי שבעים איש׳׳ (במדבר י״א). וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך-ווארט „מדרש.׳׳

**אספמיא** דער תרגום אויף דעם פסוק אין עובדיה ב׳ „וגלות ירושלים אשר בספרד׳׳ זעצט איבער דאס ווארט „ספרד׳׳ „אספמיא׳׳. אין דער משנה בבא בתרא פרק ג׳ ווערט געזאגט וועגען לאנד „אספמיא׳׳ אז דאס איז געווען זעהר ווייט פון ארץ־ישראל. וועגען דעם וואס מען האט געמיינט מיט׳ן לאנד אספמיא איז פיעל געשריבען געווארען. אין מיטעלאלטער איז ארומגעגאנגען א מיינונג אז „אספמיא׳׳ און אויך „ספרד׳׳ מיינט מען שפאניען. ראפאפארט אין „ערך מלין׳׳ (שטיך-ווארט „אספמיא׳׳) שרייבט וועגען דעם א אויספיהרליכע אבהאנדלונג.

**אספסינוס** פלאוויוס, נאמען אין דער גמרא פון רוימישען קייזער וועספאזיאן. וועלכער האט געהערשט איבער רוים פון יאהר 70 ביז 79 פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג, און ער האט אנגעפיהרט מיט דער מלוזמה געגען יודען אין דער צייט פון חורבן פון 2-טען בית המקדש; אספסינוס האט די מלחמה אנגעהויבען און זיין זוהן טיטוס האט

איהר פערענדיגט. אין דער גמרא ווערט ער דערמאָהנט אין דעם בעקאַנטען סיפור וועגען חורבן ירושלים אין בבלי גטין נ"ו, ווי אויך אין „מדרש איכה" אויפ'ן פסוק היו צריה לראש, אבות דרבי נתן פרק ד' ווי אויך אין משנה סוף סוטה און אנדערע ערטער. וועגען דער אָנפיהרונג פון אספּסינוס אַלס רוימישער גענעראַל מיט'ן מיליטער געגען דעם יודישען אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל אין יאָהר 67 ווערט דער־צעהלט גענוי אין דעם בעריהמטען בוך פון יוסף פלאַוויוס „מלחמה". ווען אספּסינוס איז געקומען קיין ארץ-ישראל מיט זיין מיליטער האָט אין רוים גע־הערשט דער קייזער נירון (נעראָן). אספּסינוס האָט איינגענומען דעם גאַנ־צען גליל, גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם הויפּט-פיהרער פון די יודישע מי־ליטער־קרעפטען אין גליל יוסף בן מתתיהו הכהן, וועמען ער האָט גע־שאָנקען דאָס לעבען און נאָכהער איהם אויך געגעבען זיין פאַמיליען־נאָמען פלאַוויוס; דאָס איז דער גרוי־סער יודישער היסטאָריקער יוסף (יאָזעפוס) פלאַוויוס. ער, פלאַוויוס, דערצעהלט, אז ער האָט פאָרגעזאָגט אספּסינוס'ן, אז ער וועט ווערען רוי־מישער קייזער. אין דער גמרא גטין נ"ו ווערט דערצעהלט, אז רבן יוחנן בן זכאי האָט דאָסזעלבע פאָראויסגע־זאָגט אספּסינוס'ן. ווירקליך איז דע־מאָלס נעראָן געטויט געוואָרען, און נאָך א רייה קייזער־סכסוכים איז אס־פּסינוס אויסגערופען געוואָרען אַלס רוימישער קייזער; ער האָט פערלאָזט ארץ-ישראל און איבערגעגעבען די וויי־טערדיגע מלחמה־פיהרונג זיין זוהן טיטוס. אין דער גמרא גטין נ"ו ווערט דערצעהלט, אז רבן יוחנן בן זכאי האָט געבעטען ביי אספּסינוס צו שענקען איהם צו לאָזען לעבען די נשיאים־דינאַסטיע פון רבן גמליאל און יבנה מיט איהרע חכמים. וועגען דעם גאַנצען סיפור המעשה פון דער גמרא וועגען רבן יוחנן בן זכאי מיט אספּסינוס איז פיעל געשריבען געוואָרען דורך די געלעהרטע היסטאָריקער, ווייל פון דער גמרא גטין זעהט מען, אז אספּסינוס האָט בעלאַגערט ירושלים, ווערענד מיר וויסען פון אנדערע היסטאָרישע קוועלען (פלאַוויוס) אז אספּסינוס איז ביי ירושלים נישט געווען, נאָר זיין זוהן טיטוס. — אין אַ טייל ערטער אין דער גמרא און מדרש דאַרף מען לע־זען אנשטאָט אספּסינוס נאָר אדריאנוס למשל אין גטין כ"ז „אספּסינוס הרג בכרך ביתר" און אנדערע ערטער.

ביבליאָגראַפיע: הלוי אין „דורות הראשונים" וועגען דעם ספור פון רבן יוחנן בן זכאי; גרעץ „געשיכטע"; ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין" (שטיך־וואָרט „אספּסינוס"); דערנבורג, משא ארץ ישראל" (אין העברעאישער איבערזעצונג).

**אספת הנבחרים** (פאַרזאַמלונג פון געוועהלטע).
נאָמען פון יודישען פּאַרלאַמענט אין ארץ־ישראל, וואָס איז ענטשטאַנען אין יאָהר 1920, און איז אָפיציעל אַנער־קענט געוואָרען דורך די ארץ־ישראל־רעגירונג 1928 אַלס די פאָרשטייער־שאַפט פון דעם יודישען רעליגיעז־אויטאָנאָמישען ארץ־ישראל ישוב, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען „כנסת ישראל". וועגען דער „אספת הנבח־רים" און די אנדערע מיט איהר געבונ־דענע קערפּערשאַפטען ווי אויך וועגען דעם קאַמף פון דער „אגודת ישראל" געבען מיר ביים שטיכוואָרט „כנסת ישראל".

**אַסקאַרעלי** יודישע פאַמיליע אין איטאַליען. בעקאַנט איז דבורה אַסקאַרעלי, דיכטערין אין אַנ־הויב 17־טען יאָהרהונדערט. זי האָט איבערזעצט אויף איטאַליעניש דעם „מקדש מעט", דעם מוסר־ליעד פון רבנו בחיי, דעם וידוי הגדול פון רבנו נסים, די יום כיפור־עבודה נוסח ספרד. — אַסקאַרעלי משה, דאָקטאָר אין רוים (געשטאָרבען 1889). ער האָט איבערזעצט אויף איטאַליעניש העברע־אישע ספרים; ער האָט אויך געשריבען אין דער צייטונג „המגיד" אונטער דעם פסעוודאָנים „אמת ליעקב".

ביבליאָגראַפיע: וועגען דבורה אַסקאַ־רעלי איז ערשינען אין איטאַלעניש אַ בוך „די דיכטערין דבורה אַסקאַרעלי" (רוים 1925) פון פעלעגרינאַ אַסקאַרעלי; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**אַסקעזע** דאָס איז אַ גריכיש וואָרט (איבונג) וואָס האָט שפּע־טער בעקומען די בעדייטונג פון „פּיי־ניגען זיך", „נישט נאָכגעבען די קער־פּערליכע פערגעניגענס", „בעהערשען די קערפּערליכע פערלאַנגען" כדי צו דערגרייכען דאָדורך גייסטיגע פאָלקאָ־מענהייט. די אַסקעזע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון אַלע רעליגיעס אַ זעהר גרויסע ראָליע. וועגען אַסקעזע אין דער יודישער רעליגיע, וואָס ציהט זיך פון די עלטעסטע צייטען אָן ביז דער לעצטער צייט, געבען מיר ביים שטיכוואָרט „פּרישות", „תענית", „סיגופים".

**אֵסַר חַדֹּן** אין ספר מלכים ב' י"ט און ישעיה ל"ז ווערט דערצעהלט אַז ווען סנחריב דער מלך פון לאַנד אשור האָט געהאַט אַ מפּלה אין זיין מלחמה געגען ארץ־ישראל, איז ער געט'יט געוואָרען דורך זיינע זוהן און אויף זיין אָרט איז געוואָרען קעניג אין אשור זיין זוהן אסר חדן. דאָס איז געווען לערך 700 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. אין ספר עזרא ד' ווערט דערצעהלט, אַז דער דאָזיגער אסר חדן האָט קאָלאָני־זירט די כותים, שומרונים אין ארץ־ישראל. פון אסר חדן האָט מען געפינען אַ בעריהמטע אויפשריפט אין די קייל־שריפטען אין די אויסגראָבונגען אין אַלטען אשור; ער הייסט דאָרט „אשור — אח — דין". ער האָט גע־הערשט פון יאָהר 680 ביז 676 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. ער האָט געפיהרט גרויסע מלחמות געגען מצרים.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפעד־יעס.

**אסתר** דאָס איז דער נאָמען פון דער העלדין פון דעם ספר „אסתר", די יודישע מלכה, דאָס ווייב פון אחשורוש דעם קעניג פון פערסיען. דער סיפור המעשה ווערט דערצעהלט אין ספר „אסתר", וואָס געהערט אין תנך צו די „כתובים" און ווערט אַנ־גערופען אויך „מגילת אסתר". לויט דעם דאָזיגען סיפור האָט אחשורוש, דער מלך פון פרס ומדי, צוערשט גע־האָט אַ ווייב ושתי, וועלכע האָט נישט געוואָלט איהם פאָלגען צו קומען צו אַ סעודה. אחשורוש האָט אויף דער עצה פון זיינע יועצים איהר געמאַכט פאַר אוים קעניגין, און נאָכדעם ווי ער האָט געזוכט אַנ'אַנדערע קעניגין איז איהם געפעלען געוואָרען דאָס יו־דישע מיידעל פון דער הויפּטשטאָדט שושן, אסתר, די טאָכטער פון אביחיל, וועלכער איז געווען דער פעטער פון מרדכי; אסתר האָט אויך געהייסען „הדסה". אסתר האָט נישט אויסגע־

זאגט פון וואנען זי שטאמט. אחשורוש האט איהר גענומען אלס קעניגין. נאכהער איז פארגעקומען ווי אחשורוש'ס צוויי דינער האבען דעם קעניג געוואלט טויטען, און מרדכי איז געוואר געווארען דערפון און ער האט געמאלדען דעם קעניג און איהם געראטעוועט. דערנאך דערצעהלט די מגלת אסתר, ווי אחשורוש'ס הויפט-שר המן איז אין כעס געווארען אויף אלע יודען צוליב דעם וואס מרדכי האט זיך צו איהם נישט געוואלט בוקען. ער האט ארויסבעקומען ביי אחשורוש די ערלויבעניש צו טויטען אלע יודען אין פרס ומדי; המן האט געווארפען גורל (פור, דערפון שטאמט, לויט דער מגלת אסתר, דאס ווארט „פורים") און עס איז געפאלען אויפ'ן 13־טען טאג אין חודש אדר, ווען די יודען זאלען געטייט ווערען. מרדכי איז דערפון געוואר געווארען. לויט זיין ביטע איז אסתר אוועק צו אחשורוש, און נאך א רייה סעודות האט זי איהם דערצעהלט די געשיכטע און געבעטען צו ראטעווען די יודען. אחשורוש האט געהייסען אויפהענגען המנ'ען מיט זיינע 10 זיהן, און מרדכי איז געווארען אויף זיין ארט דער הויפט-שר פון אחשורוש'ן און בעקומען די ערלויבעניש ארויסצוגעבען דעם בעפעהל אז די יודען זאלען זיך נוקם זיין אין זייערע פיינד, וואס זיי האבען געטהון אין די זעלבע טעג אין חודש אדר. לכבוד דעם פייערט מען דעם יום טוב פורים.

וועגען דעם גאנצען סיפור און די מיינונגען פון די געלעהרטע היסטאריקער געבען מיר ביים שטיכווארט „פורים". דארט וועלען מיר אויך געבען א אבהאנדלונג וועגען דעם צוזאמענשטעל פון ספר „מגלת אסתר". ביים שטיכווארט „פורים־שפילען" וועלען מיר אויך געבען וועגען די פערשידענע „אסתר-שפיעלען" וואס זענען געווען ביי יודען.

**אסתר** (געבוירען לערך דעם יאהר 1880). בעקאנטע יודישע סאציאליסטישע פיהרערין אין סאוויעט־רוסלאנד, וואס האט געשפילט א גרויסע ראליע אין דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג. אסתר איז דער פסעוודאנים פון מלכה ליפשיץ; זי האט אויך געהייסען פון ערשטען מאן „פרומקין" און פון צווייטען מאן „וויכמאן", אסתר איז געבוירען געווארען אין מינסק (רוסלאנד); איהר פאטער איז געווען א פערמעגליכער, א למדן און א משכיל און ער האט זיין טאכטער געגעבען א יודישע השכלה-ערציהונג, געלערענט תנך, העבראיש. אסתר האט שטודירט אין פעטערבורג און נאכהער אין אויסלאנד. אין יאהר 1901 איז זי אריינגעטרעטען אין דער יודישער ארבייטער־ארגאניזאציע „בונד", וואס איז דעמאלס געווען אין רוסלאנד נישט לעגאל. זי איז שנעל געווארען איינע פון די הויפט־פיהרערינס אין „בונד". זי האט אויך אנגעהויבען ענערגיש ארויסטרעטען פאר איינפיהרען יודיש אלס אונטערריכטס-שפראך אין יודישע שולען. עטליכע מאל איז זי געווען ארעסטירט. נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע אין רוסלאנד אין יאהר 1919 האט זי געשפאלטען דעם „בונד" (וועלכער איז צו די באלשעוויקעס נישט צוגעשטאנען), און זי האט געשאפען דעם „קאם־בונד" (קאמוניסטישען בונד"). נאכהער האט זי אויך דעם „קאמבונד" ליקווידירט און איז אריינגעטרעטען אין דער באלשעוויסטישער פארטיי. זי איז היינט אין מאסקווא, איינע פון די הויפט-פיהרערין פון דער

יודישער סעקציע בײַ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ אין רוסלאַנד (יעווסעקציע) ווי אויך פון דער רעדאַקציע פון „עמעס" און פיהרט אויך אָן מיט דער קאָמוניסטישער בילדונגס־טעטיגקייט און פּראָפּאַגאַנדע צווישען די יודען אין רוסלאַנד. אסתר האָט אויך פּערעפּענטליכט אויף יודיש א בוך וועגען דעם רוסישען באָלשעוויסטען־פיהרער לעניז, און אויך בראָשורען וועגען סאָציאַליזם. אין רוסיש האָט אסתר פערעפענטליכט (אין מאָסקווא 1923) א בראָשור „נידער מיט די רבנים".

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**אסתרקע** (געליבטע פון פּוילישען קעניג קאַזשימיעזש).

די עלטערע פּוילישע היסטאָריקער דערצעהלען די לעגענדע אז דער פּוילישער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער, וועלכער האָט געלעבט אין דער 2־טער העלפט פון 14־טען יאָהרהונדערט האָט געהאַט א יודישע געליבטע מיט'ן נאָמען אסתר'קע. זי האָט געשטאַמט פון שטעדטעל אָפּאָטשנע, וואו איהר פאָטער איז געווען א שניידער. לויט דער לעגענדע זאָל אסתר'קע האָבען געבוירען פון קאַזשימיעזש 2 טעכטער און 2 זוהן; די טעכטער זענען געבליבען ביים יודישען גלויבען און די זוהן זענען ערצויגען געוואָרען אַלס קריסטען. דער אלטער פּוילישער היסטאָריקער דלוגאָש שרייבט, אז צוליב אסתר'קע האָט קאַזשימיעזש ארויסגעוויזען פריינדשאַפט צו יודען און זיי געגעבען א רייה רעכט. מען ווייזט נאָך איצט בײַ אפּאָטשנע חורבות פון א פּאַלאַץ פון אסתר־קע. — צי די גאַנצע געשיכטע איז ריכטיג, אָדער זי איז נישט מעהר ווי אַ לעגענדע איז שווער פעסטצושטעלען.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; „האסיף" באנד 6; יודישע ענציקלאָפּעדיעס; ניסבוים, „געשיכטע פון יודען אין פּוילען" (פּויליש).

**אָפּאַטאָשו ר.** (געבוירען אין יאָהר 1887), בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער. אָפּאַטאָשו איז דער געענדערטער נאָמען פון „אָפּאַטאָווסקי". ער איז געבוירען געוואָרען אין מלאַווא (פּוילען) אין אַ משכּילישער פאמיליע. אין דער יוגענד האָט ער געלערנט אין אַ וועלטליכער שולע אָבער דערבײַ האָט ער אין שטוב אויך בעקומען א יודיש־העברעאישע ערציהונג. אין יאָהר 1907 האָט ער אויסגעוואנדערט קיין ניו־יאָרק וואו ער האָט געענדיגט אלס ציוויל-אינזשיניער. אין נוי־יאָרק האָט ער אין יאָהר 1910 אָנגעהויבען שרייבען אויף יודיש ערצעהלונגען אין זשורנאַלען און צייטונגען; נאכהער האָט ער אָנגעשריבען א רייה גרעסערע ראָמאַנען ווי „ראָמאַן פון א פערד־גנב", „לעהרער", און פיעל הונדערטער ערצעהלונגען. דעם גרויסען רוהם האָט אָפּאַטאָשו זיך ערוואָרבען דורך זיין גרויסען היסטאָרישען ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער" (יאָהר 1919), וועלכער איז ערשינען אויך אויף העברעאיש מיט'ן נאָמען „ביערות פּולין" („שטיבעל" - פּאַרלאַג 1921). דאָס דאָזיגע בוך וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין ווארשא 1922, איז פונאַנדערגעגאַנגען זיך אין איבער 10 טויזענד עקזעמפּלארען, וואָס איז געווען פון די זעלטענסטע ערשיינונגען בײַ יודישע ביכער. אין דעם בוך „אין פּוילישע וועלדער" שילדערט אָפּאַטאָשו די חסידישע סביבה פון דערמיט פון 19-טען יאָהרהונדערט אין פּוילען, אַרום דער געשטאַלט פון אלטען קאָצקער רבי ר' מענדעלי, און זיין תּלמיד,

דעם ערשטען גערער רבי „רבי איטשע" („חידושי הרים") ווי אויך די ערשטע השׂכּלה־בעוועגונג אין די דאָזיגע חסידישע קרייזען. עס ווערט דאָרט אויך געגעבען דער יודישער מאָמענט אין דעם אָנהויב פון פּוילישען אויפשטאַנד פון יאָהר 1863. דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן, מרדכי, איז א חסידיש יונגעל פון א וואלד, וועלכער ראַנגעלט זיך צווישען פּרויען-ליעבע, חסידות, השׂכּלה, פּוילישען פּאַטריאָטיזם. נאָך זיין דאָזיגען ראָמאַן האָט אַפּאַטאָשו געשריבען נאָך צוויי טיילען, וואָס האָבען צוזאמען מיט די „פּוילישע וועלדער" פאַרגעשטעלט צוזאמען א טרילאָגיע. די צוויי טיילען זענען „דאָס יאָהר 1863" און „אַליין". אָבער זיין הויפּט־ווערק איז פערבליבען זיין „אין פּוילישע וועלדער", געגען וועלכען עס זענען אויך ארויסגעטרעטען טייל חסידישע קרייזען אין פּוילען, האַלטענדיג, אז אַפּאַטאָשו האָט געשילדערט אין א נישט-גינסטיג ליכט דעם הויף פון אַלטען קאָצקער רבי. רייזען אין לעקסיקאָן (1926) גיט אָן, אז די חסידישע רביים אין פּוילען האָבען דעם ראָמאַן געלעגט אין חרם. דאָס איז אָבער נישט פאָרגעקומען; עס זענען נאָר געוועזען עפענטליכע בריעף פון רבנים געגען דעם ראָמאַן. פון אַפּאַטאָשו איז אויך פאַרהאַן א טעאַטער־שטיק „היים בלוט", וואָס מען האָט אויפגעפיהרט אין יודישען טעאַטער.

ביבליאָגראַפיע: וועגען אַפּאַטאָשו אין דער רשימה פון זיינע ווערק ווי אויך די קריטישע מיינונגען איז פאַרהאַן רייזען, לעקסיקאָן (1926); יודיש-דייטשער לעקסיקאָן.

**אַפּאַטהעקער דוד** (געבוירען 1855, — געשטאָרבען 1911). בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער, הומאָריסט, טעאַטער־פּיעסען-שרייבער. ער איז געבוירען געוואָרען אין פּאָניעוועזש (דעמאָלס רוסלאַנד, איצט ליטא), און אין זיינע יוגענד-יאָהרען איז ער אריינגעצויגען געוואָרען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, אַפּאַטהעקער איז ארעסטירט געוואָרען און אין יאָהר 1880 איז ער אנטלאָפען פון רוסלאַנד צוערשט קיין עסטרייך (וואו ער האָט ארויסגעגעבען אין טשערנאָוויץ א זאמלונג „לידער" און געשריבען אין העברעאישע און דייטשע צייטשריפטען) און נאָכהער אין יאָהר 1886 איז ער אוועק קיין אמעריקא מיט'ן צוועק צו גרינדען א קאָמוניסטישע קאָלאָניע. אין ניו-יאָרק און שפּעטער אין פילאדעלפיע האָט אַפּאַטהעקער אָנגעהויבען ארויסגעבען הומאָריסטישע בלעטער, געארבייט אין יודישע צייטונגען. ער האָט אויך געשריבען א רייהע טעאַטער-פּיעסען.

ביבליאָגראַפיע: רייזען לעקסיקאָן (1926); זילבערצווייג, טעאַטער לעקסיקאָן.

**אַפּאָלאָגעטיק** דאָס איז גריכיש און איז דער טייטש „פערטיידיגען זיך" אין וואָרט און שריפט. אונטער דער בעצייכענונג פון „יודישער אַפּאָלאָגעטיק" פערשטעהט מען יענע ספרים און ביכער, וואָס האָבען געהאַט דעם ציעל צו פערטיידיגען געגען די אָנפאלען פון שונאים, סיי די יודישע רעליגיע סיי די יודען. שוין אין די גאר פריהערדיגע צייטען אין די אלטע צייטען פון בית שני, אין אלעקסאנדריען, האָבען א רייהע יודיש-גריכישע שריפטשטעלער געשריבען ווערק געגען די אָנפאלען אויף דער יודישער רעליגיע. פון סוף בית שני איז אמוויכטיגסטען דאָס בוך פון יוסף פלאַוויוס „געגען אַפּיאָן", וואָס

האָט דעם ציעל אויפצווייזען די פאַלשקייט פון בעשולדיגונגען וואָס דער יודען פיינד אַפּיאָן האָט געוואָרפען אויף יודען. אין דער צייט פון מיטעלאַלטער איז די צאָהל יודישע ספרים און ביכער פון אַפּאָלאָגעטישען אינהאַלט, צו פערטיידיגען דאָס יודענטום, געווען גרויס, ספּעציעל אין שפּאַניען, וואו די יודען זענען געצוואונגען געוואָרען צו פיהרען עפענטליכע ויכוחים געגען משומדים וועגען דער בעדייטונג און ריכטיגקייט פון דער יודישער רעליגיע. אין דער נייער צייט האָט די יודישע אַפּאָלאָגעטיק צו פערצייכענען אַלס איהר ערשטען פאָרשטעהער משה מענדעלסאָהן (אין 18-טען יאָהרהונדערט) מיט זיין ווערק „ירושלים" (געשריבען אויף דייטש, און איבערזעצט אין העברעאיש) פון דעמאָלט אָן זענען ערשינען הונדערטער ביכער פון יודישער אַפּאָלאָגעטיק (געגען אַנטיסעמיטיזם, געגען בלוט־בלבול וכדומה) אויף דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש, אונגאַריש און אַנדערע שפּראַכען.

וועגען די וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון דער יודישער אַפּאָלאָגעטיק און זייערע ווערק געבען מיר ביי די בעטרעפענדע שטיכווערטער ווי למשל „פלאַוויוס", משה בן נחמן" (רמבן), „שמעון בן צמח" (תשבץ), „מענדעלסאָהן" און אַנדערע.

ביבליאָגראַפיע: ווערק וועגען דער געשיכטע פון „אַפּאָלאָגעטיק פון יודענטום" זענען ערשינען אַממייסטען אין דייטש; פרידלענדער „געשיכטע פון יודישער אַפּאָלאָגעטיק" (ציריך 1903); פּאָזינאַנסקי אַדאָלף, „שילה, אַדער די יודישע אַפּאָלאָגעטיק" (דייטש); גידעמאַן, „יודישע אַפּאָלאָגעטיק" (גלאָגוי 1906). גענויע רשימה וועגען די דאָזיגע ווערק — אין דער יודיש־דייטשער ענציקלאָפּעדיע.

**אַפּאָסטאָלען** מיט דעם דאָזיגען נאָמען ווערען אין קריסטענטום בעצייכענט די ערשטע תלמידים פון ישו הנוצרי, וואָס זענען דורך איהם געשיקט געוואָרען צו פערשפּרייטען די קריסטליכע לעהרע. דאָס וואָרט „אַפּאָסטאָל" איז גריכיש און איז דער טייטש „שליח". אין עוואַנגעליום (מאַרקוס 3 און אַנדערע ערטער) ווערען אָנגעגעבען 12 אַפּאָסטאָלען, וועלכע זענען אַלע פריהער געווען יודען און זענען דערנאָך געוואָרען קריסטען. וועגען דער בעציהונג פון די אַפּאָסטאָלען צום יודענטום און יודען געבען מיר ביים שטיכוואָרט „קריסטוס" און „קריסטענטום".

**אַפּאָקאַליפּסען** דאָס איז אַ גריכיש וואָרט און איז דער טייטש „ענטפּלעקונגען". מען בעצייכענט דערמיט יענע ביכער און ספרים אין אַלטערטום, וואָס זאָגען פאָרויס אין אַ וואונדערבאַרער פאָרם און מיט בילדליכע געשטאַלטען צוקונפטיגע זאַכען. שוין אין די נביאים־ספרים פון תנך זענען פאַראַן טייל, וואָס טראָגען דייטליך דעם כאַראַקטער פון אַפּאָקאַליפּסען, וואָס ווערען אין העברעאיש בעצייכענט מיט'ן נאָמען „חזיונות" אָדער „מראות". אזוי למשל געהערען צו דעם די „זעהונגען" פון ספר „יחזקאל", „דניאל" און טייל אַנדערע. אין דער צייט פון 2-טען בית המקדש זענען געווען ביי יודען פיעל פון די דאָזיגע אַפּאָקאַליפּטישע ספרים, וואָס האָבען בעשריבען זעהונגען אין הימעל, מלאכים, וויזיעס פון עולם הבא, תחיית המתים, צייטען פון משיח, דעם מלכות שמים. צו זיי געהערען טייל אַפּאָקריפען (כתובים אחרונים) ווי דער „ספר חנוך", „ספר ברוך" די „סיבילה"-

ביכער, און אנדערע (וואָס זענען פערבליבען אין דער גריכישער שפּראַך) עס איז מעגליך, אז טייל פון זיי האָבען געשטאַמט פון דער יודישער סעקטע „איסיים" וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם דאָזיגען סאָרט וויזיעס. אויך אין דער גמרא און מדרשים זענען פארהאן פיעל שטעלען וואָס טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַפּאָקאַליפּסען.

א בעזונדערס גרויסע ראָליע שפּילען ביכער פון אַפּאָקאַליפּסען - כאַראַקטער אין דער ערשטער צייט פון דער גרינדונג פון קריסטענטום. אין עוואַנגעליום איז פאַרהאַן דאָס בוך „די אַפּאָקאַליפּסע פון יאָהאַנעס".

ביבליאָגראַפיע: וזייס, „דור דור ודורשיו"; מיזעס, „אַ העברעאישע אפאקאליפּסע" אין ברעסלויער מאָנאַטשריפּט (1929) צו בעווייזען אַז די אפאקאליפּסע פון יאהאנעס איז אַ העברעאישע; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַפּאָקריפען

דאָס וואָרט איז אַ גריכיש און איז דער טייטש „פערבאָרגען". מיט דעם נאָמען בעצייכענט מען 14 ספרים, וואָס זענען געשריבען געוואָרען נאָכ'ן תנך, אין דער צייט פון בית שני, און זענען נישט אריינגענומען געוואָרען אין תנך, אָבער זיי זענען פאַרהאַן אין דער אַלטער גריכישער תנך-איבערזעצונג „סעפּטואַגינטאַ" (תרגום השבעים). צו זיי געהערען, למשל, די „ספרי חשמונאים", „יהודית" און אַנדערע. אין העברעאישען רופט מען זיי „כתובים אחרונים". מיר וועלען וועגען זיי געבען ביים שטיכוואָרט „כתובים אחרונים".

## אַפּגאַניסטאַן

קעניגרייך אין אזיען צו מערב-צפון פון אינדיען; די הויפּט-שטאָדט איז קאַבול. עס וואוינען דאָרט לערך 20 טויזענד יודען זייט גאָר אַלטע צייטען; זיי רעדען פּערסיש, געהען אָנגעטהון ווי די איבריגע איינוואוינער (נאָר טראָגען אַ שווארצען טורבאַן אויפ'ן קאָפּ), היטען אָב שטרענג דעם שבת ווי אויך כשרות אין עסען. די לעגענדע איז אז נישט נאָר יודען, נאָר אויך אַלע איבריגע איינוואוינער אין אַפּגאַניסטאַן שטאַמען אָב פון די עשרת השבטים. די יודען וואוינען אין בעזונדערע געהעטאָס וואָס ווערען יעדען אָוענד אָבגעשלאָסען ביז אין דער פריה.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

## אַפּאָטוויצער וויקטאָר

יודישער געלעהטער אויפ'ן געביעט פון תלמוד-פאָרשונג, פּראָפעסאָר פון יודישען רבנים - סעמינאַר אין וויען. אַפּטאָוויצער איז געבוירען געוואָרען אין טאַרנאָפּאָל (גאַליציען) אין יאָהר 1871 און ער האָט דורכגעמאַכט זיין אוניווערסיטעט סטודיום אין וויען און בעקומען דעם דאָקטאָר דיפּלאָם. בעריהמט איז זיין בוך „שריפטוואָרט אין דער ראַבינישער ליטעראַטור" (וויען 1906); ער האָט אויך געשריבען פיעל אָבהאַנדלונגען און בעמערקונגען אין דייטשען יודיש-וויסענשאַפטליכען זשורנאַל „מאָנאַטס-שריפט פאַר געשיכטע און וויסענשאַפט פון יודענטום" אין ברעסלוי. ער פערנעהמט זיך אויך מיט ארויסגעבען דעם גרויסען „ראביה" פון רבנו אליעזר בן יואל הלוי.

ביבליאָגראַפיע: יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן.

## אַפּיאָן

בעקאַנטער אנטיסעמיטישער גריכיש - עגיפּטישער שרייבער, וואָס האָט געלעבט אין עגיפּטען אין אַלעקסאַנדריען אין ערשטען יאָהר-

הונדערט. עס ווערט אָנגעגעבען, אז ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 25 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג און איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 50 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכע-נונג. ער איז געווען א פילאָזאָף און שריפטשטעלער און האָט מיטגעהאָלפען צו העצען די גריכיש-עגיפּטישע בעפעל-קערונג אין אלעקסאַנדריען געגען די יודישע איינוואוינער. זיינע שריפטליכע אָנפאַלען אויף יודען און יודענטום זע-נען אונז בעקאַנט פון בעריהמטען בוך „געגען אפּיאָן" פון יודישען היסטאָרי-קער און אלטערטום יוסף פלאַוויוס. אפּיאָן בעשולדיגט די יודען, אז מען האָט די יודען ארויסגעטריבען פון עגיפּ-טען ווייל זיי זענען געווען מצורעים, אז יודען דינען צו א אייזעל, אז יודען פערפייניגען יעדעס יאָהר צום טויט א גריך אין בית המקדש. פלאַוויוס ווייזט אויף די נאַרישקייט פון די אלע בע-שולדיגונגען.

ביבליאָגראפיע: יודישע ענציקלאָפּעד-יעס; דאָס בוך „געגען אפּיאָן" צום סוף פון „ספר יוחסין" אין דער אויסגאַבע פון פיליפּאָוו-סקי לאָנדאָן 1875.

**אַפּיקומָן** די משנה אין פּסחים קי"ט זאָגט „אין מפ-טירין אחר הפסח אפיקומן", דער טייטש איז, מען ענדיגט נישט נאָך דער סדר-סעודה, ווען מען האָט געגעסען דעם קרבן-פּסח, מיט אפיקומן. וואָס דער טייטש איז פון וואָרט „אפיקומן", ווייסט מען נישט. דאָרט אין דער גמרא אליין זענען שוין פאַרהאַן פערשידענע ערקלערונגען פון די אמוראים רב און שמואל און רבי יוחנן; טייל זאָגען, אז מען מיינט פּרוכטען, טייל זאָגען „זי-סיגקייטען" און אנדערע זאַכען. אויך די נייערע יודישע פאָרשער זענען נישט איינשטימיג צווישען זיך וועגען דער בעדייטונג פון וואָרט „אפיקומן"; לעווי (אין זיין „לעבענסאַלטער"), קאָהוט (אין „ערוך השלם"). שפּיצער (אין „דאָס מאהל") און אנדערע מיינען, אז דאָס שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַך און זאָל בעדייטען „שפּילערייען נאָך דער סעודה"; טייל ווילען עס בעטראַכ-טען אלס א וואָרט פון אראַביש. — געוועהנליך ווערט אָנגערופען „אפּי-קומן" דער לעצטער כזית מצה, וואָס מען עסט אין דער פּסח-נאַכט צום סוף פון דער סעודה (רמבם אין הלכות חמץ ומצה, און שלחן ערוך אור חיים סימן תו"ז). עס איז אויך בעקאַנט דער מנהג צו „גנבענען דעם אפיקומן", דאָס הייסט דער פאָטער פון הויזגעזונד לעגט אוועק אין אָנהויב סדר אונטערן קישען פון הסבה-בעט די האַלבע מצה פון אפיקומן און איינער פון די קינדער „גנבעט" עס אוועק און הייסט זיך דערנאָך דערפאַר געבען א מתנה. צו דאָזיגען מנהג איז פאַרהאַן א געוויסע אנדייטונג אין דער גמרא פּסחים ק"ט „חוטפין מצות בלילי פּסחים בשביל התינוקות שלא ישנו" (מען כאַפּט די מצה אין סדר-נאַכט כדי די קינדער זאָלען נישט ענטשלאָפען ווערן). אין „מגן אברהם" סימן ת"ק ווערט גע-בראַכט דער מנהג צו בעהאַלטען דעם אפיקומן פאַר א סגולה.

ביבליאָגראַפיע: קאָהוט „ערוך השלם"; „חלוץ" חלק א'.

**אַפּיקורס** דאָס איז די בעצייכע-נונג אין דער משנה, גמרא און שפּעטערדיגע ספרים און אויך אין דער יודישער שפּראַך פאַר איינעם וועלכער טרעט אָב פון רעלי-גיעזע גלויבונגען. דער נאָמען שטאַמט זיכער פון דער אלטער פילאָזאָפישער

שיטה פון גריכישען פילאָזאָף „עפּי־קורוס", וועלכער האָט געלעבט פון יאָהר 341 ביז 270 פאַר דער קריסט־ליכער צייטרעכענונג. די דאָזיגע עפּי־קוראישע שיטה, וועלכע האָט באמת געהאַט אויך איהרע מאָראַליש־עטישע יסודות, איז שפּעטער שלעכט פערשטאַ־נען געוואָרען, און מען האָט געהאַלטען, אַז זי לערענט דעם מענש נאָכצוגעבען אַלע זיינע זינליכע תאוות און פיהרען א צולאָזען לעבען. אין דער משנה אין סנהדרין לעצטען פּרק „חלק" ווערט געזאָגט „ואלו שאין להם חלק לעולם הבא האומר אין תחיית המתים מן התורה ואין תורה מן השמים ואפּי־קורס" (די דאָזיגע האָבען נישט קיין חלק אין עולם הבא, די וואָס גלויבען נישט אין תחיית המתים, גלויבען נישט אין תורה פון הימעל און אַ אפּיקורס); מען זעהט דערפון, אַז אפּיקורס איז בע־טראַכט געוואָרען אַזעלכער וואָס איז געווען געגען די עיקרים פון דער יודי־שער רעליגיע, פונקט אַ שטייגער ווי דער וואָס גלויבט נישט אין תחיית המתים. אין דער גמרא סנהדרין צ"ט ווערט אָנגערופען „אפּיקורס" איינער וואָס איז מבזה תלמידי חכמים. אין דער משנה פּרקי אבות פּרק ב' ווערט געזאָגט „ודע מה שתשיב לאפּיקורס" (מען דאַרף צו וויסען וואָס צו ענטפערען אויף די פראַגען פון א אפּיקורס). אין רמב"ם הלכות תשובה פּרק ג' ווערט אויסגערעכענט ווער עס הייסט אפּיקורס. פלאַוויוס אין אלטערטימער 11, 7 דערמאָהנט אויך דאָס וואָרט עפּיקורע־ער, וואָס גלויבען נישט אין דער השג־חה פון גאָט.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין"; ערוך השלם פון קאָהוט (שטיך וואָרט „אפּיקורוס") וואו עס ווערען געבראַכט פער־שידענע גמרא־ציטאַטען וועגען אפּיקורס.

**אַפּענדאָפּולאָ כּלב** איינער פון די גרעסטע קאַראַ־אימישע חכמים און געלעהרטע; ער האָט געלעבט אין סוף פון 15־טען און אָנהויב 16־טען יאָהרהונדערט אין אַדריאַנאָפּאָל און בעלגראַד, וואָס האָט דעמאָלס געהערט צו טערקיי. ער האָט פערפאַסט פיעל ספרים אויף העברע־איש פון פערשידענעם אינהאַלט. קאַראַ־אימישע דינים און הלכות („פּתשגן כתב הדת", ערגענצונגען צום „אדרת אליהו"). פילאָזאָפיע („עשרה מאמ־רות"), אסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק (מכלל יופי), ווי אויך שירים, פּיוטים מזמורים און קינות.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: גאָטלאָבער, „בקורת לתולדות הקראים"; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַפּענבאַך זשאַק** (געבוירען — 1819, גע־שטאָרבען 1880), בעריהמטער קאָמפּאָ־זיטאָר. ער איז געבוירען געוואָרען אין קעלן (דייטשלאַנד); זיין פאָטער יהודה אָפּענבאַך איז געווען חזן אין אַ שוהל. אָפּענבאַך האָט ארויסגעוויזען שוין יונ־גערהייט מוזיקאַלישע גייגונגען, ער האָט געלערענט אין קאָנסערוואַטאָריום אין פּאַריז, נאָכהער איז ער געוואָרען כאָר־זינגער אין דער „קאָמישער אָפּע־רע" אין פּאַריז; דערנאָך איז ער געוואָ־רען לייטער פון פערשידענע טעאַטערען. אָפּענבאַך האָט פערפאַסט איבער 100 אָפּערעטעס, צווישען זיי „די שעהנע העלענע", „אָרפעאוס", „האָפמאַנס ערצעהלונגען" און אנדערע.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע : בראָקהויזער ענצי־קלאָפּעדיע; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אַפּענהיים** בעריהמטע יודישע פאַמיליע אין דייטש־לאַנד און עסטרייך; דער נאָמען (וועל־

כּער שרייבט זיך אויך „אופּנהיים“) שטאַמט פון דער שטאָדט אָפּענהיים אין דייטשלאַנד אין דער געגענד פון טייך רהיין. די פאַמיליע אָפּענהיים האָט ארויסגעגעבן גרויסע רבנים, געלעהרטע, פינאַנסיסטען, קינסטלער. די גאַנגעזעהענסטע פּערזענליכקייטען פון דער דאָזיגער פאמיליע געבען מיר אין באַזונדערע שטיך-ווערטער. דאָ פערצייכענען מיר אַ רייה בעדייטענדע מענער פון דער אָפּענהיים-פאַמיליע. — אברהם אָפּענהיים (געשטאָרבן יאָהר 1692) איז געווען פּרעזידענט פון דער יודישער קהלה אין ווארמס, פאָטער פון גרויסען גאון רבי דוד אָפּענהיים; ער האָט זיך פיעל מאָל משתּדל געווען וועגען יודען פאַר די דייטשע פירשטען און ער האָט דעריבער געהאַט דעם טיטול „שתּדלן“. — אָפּענהיים חיים יאַאכים (געבוירען 1832, געשטאָרבען 1891), רב אין דער שטאָדט טהאָרן. ער האָט אויך געהאַט דעם דיפּלאָם דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. ער איז געווען א וויסענשאפטליכער פאָרשער אויפ'ן געביעט פון תּלמוד, און ער האָט געשריבען פיעל ארטיקלען אין פערשיידענע צייטשריפטען (אויך אין העבּרעאישען „האסף“ פון סאָקאָלאָוו אין וואַרשא). ער איז געווען א שוואָגער פון גרויסען יודישען געלעהרטען אייזיק הירש ווייס. — יהודה אָפּענהיים, געלעבט אין ווארמס אין ענדע 17-טען יאָהרהונדערט. ער האָט מחבּר געווען ספרים, „דרך שיח“ אויף דקדוק (פראַנקפורט 1693), „מטה יהודה“ אויף דינים (אָפּענבאַך 1721). — אָפּענהיים משה, בעריהמטער יודישער שתּדלן אין הײדעלבורג אין ענדע 17-טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען דער פיהרער פון די יודען אין גאַנצען פּפאַלץ-פירשטענטום אין דייטשלאַנד. — אָפּענהיים הערמאַן (1855 — 1919) בעריהמטער פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין בערלין. ער איז געווען דער גרינדער פון פערבאַנד פון נערווען-מעדיקער אין דייטשלאַנד. זיינע ווערק איבער די גייסטיגע קראַנקהייטען זענען בעריהמט. — אָפּענהיים דזשאק (געבוירען 1849) פּראָפעסאָר פון יורי אין האָלאַנד, פערנומען אויך גרויסע שטעלונגען אין האָלענדישען רעגירונגס-לעבען. — אָפּענהיים מאָריץ (1801 — 1882) בעריהמטער מאָלער אין דייטשלאַנד. ער האט אממערסטען געצייכענט בילדער אויף תּנך-טעמען, און אויך פון יודישען רעליגיעזען לעבען, ווי „נח און זיינע קינדער“, „שושנה“ „דוד שפּילט פאַר שאול“ „די חופּה“ און אנדערע. — אָפּענהיים מאַקס (געבוירען 1860) בעריהמטער געלעהרטער פון אריענטאַלישער וויסענשאפט אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך אויך בעטייליגט אין וויסענשאפטליכע אויסגראָבונגען אין ארץ־ישראל; ער האָט געשריבען פיעל ווערק אויף דעם געביעט פון אָריענטאַלישער ארכעאָלאָגיע. — אָפּענהיים שמואל (געבוירען אין ניו־יאָרק 1859), פאָרשער פון געשיכטע פון יודען אין אמעריקא. זיינע פאָרשונגען אויף דעם געביעט האָט ער פערעפענטליכט אין ענגליש אין די זאַמעלביכער „פּובליקיישאָנס“ פון דער „יודיש - אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאפט“, פון וועלכער ער איז סעקרעטאַר.

ביבליאָגראַפיע: די אָפּענהיימס איז „אשכּול“; יודיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אָפּענהיים דוד** בעריהמטער רב, מקובל און מחבר און ספרים-זאַמלער אין ענדע 16-טען און אָנהויב 17-טען יאָהרהונדערט. רבי דוד אָפּענהיים (זיין פאָטער

האָט געהייסען אברהם) איז געבוירען אין ווערמס אין יאָהר 1667. ער האָט געלערענט ביי רבי גרשון אשכנזי (מח־בר פון „עבודת הגרשוני") און אנדערע יודישע רבנים פון יענער צייט. אין עלטער פון 17 יאָהר האָט ער חתונה געהאַט מיט גענענדעל די טאָכטער פון רייכען הויף־יוד רבי ליפּמאַן כץ (בע־רענדס) פון האַנאָווער. רבי דוד האָט גאָר יונג פערנומען א רייהע רבנות־פּאָסטענס אין שטעדט. נאָכהער איז ער אין יאָהר 1702 געוואָרען רב אין דער אָנגעזעהענסטער יודישער קהלה אין יענער צייט, אין פּראָג, און איז יאָהר 1718 איז ער געוואָרען רב הכולל איבער גאַנץ בעהמען מיט'ן הויפּט־זיץ אין פּראָג. רבי דוד אָפּענהיים האָט אין זיין רבנות־צייט געפיהרט א שטאַרקען קאַמף געגען די געהיימע אָנהענגער פון שבתי צבי וואָס האָבען זיך דעמאָלס קאָנצענטרירט אין מעהרען און בעהמען. אַבוואָהל מיט א צייט פריהער האָט ער געהאַט געשטיצט דעם שבתי צביניק נחמיה חיון, ניט וויסענדיג זיינע שבתי צבי־מיינונגען. רבי דוד אָפּענ־היים איז געשטאָרבען אין יאָהר 1736. ער האָט מחבר געווען א סך ספרים. וואָס פיעל פון זיי זענען פערבליבען אין כתב יד. זיינע שאלות ותשובות זענען פאַרהאַן אין די ספרים פון אַנדערע רבנים אין יענער צייט (ווי „חות יאור", „שבות יעקב" און אַנ־דערע). פון איהם זענען געדרוקט חי־דושים אויף גמרות (צום סוף פון ספר „בית יהודה", דעסוי 1698), הגהות צום ירושלמי זרעים און שקלים (אַמס־טערדאַם 1700) און אנדערע; אין כתב יד זענען פאַרהאַן פון איהם ספרים אויף קבלה און דרוש.

בעריהמט איז די ביבליאָטעק ספרים, וועלכע רבי דוד אָפּענהיים האָט געהאַט; זי געפינט זיך היינט אין דער בעריהמ־טער באָדלעיאַנא־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד (ענגלאַנד). זיין ביבליאָטעק האָט געהאַט ביי 7000 בענדער העבּ־רעאישע געדרוקטע ספרים און לערך 1000 כתב יד'ן. רבי דוד פלעגט בע־שטעלען ביי דרוקערס, אז זיי זאָלען פאַר איהם דרוקען פון יעדען ספר א עקזעמפּליאַר אויף גוטען פּאַפּיר אָדער פּאַרמעט. מיט זיין ביבליאָטעק האָט זיך בענוצט דער גרויסער קריסטליכער ביבליאָגראַף וואָלף פאַר זיין „ביבליאָ־טעקא העברעא"; עס זענען געמאַכט געוואָרען פון איהר פערשידענע קאַטאַ־לאָגען פון וועלכע דער בעסטער איז דער „קהלת דוד" (האַמבורג 1826).

ביבליאָגראַפיע: כאַנעס „תולדות הפוסקים"; דושניצקי, „תולדות ר' דוד אופנ־היים"; ליבען, „גלעד"; יודישע ענצ־קלאָפּעדיעס.

**אָפּענהיים שמואל** בעריהמטער פי־נאַנסיסט, קייזערליכער פינאַנסיסט אין וויען, גרוי־סער יודישער שתדלן אין 17־טען יאָהר־הונדערט. שמואל אָפּענהיים איז געבוי־רען געוואָרען אין יאָהר 1630 איי ווארמס (דייטשלאַנד). אדאַנק זיינע פינאַנסיעלע פעהיגקייטען האָט ער גע־פיהרט גרויסע געשעפטען מיט דייטשע פירשטען, און שפּעטער האָט ער זיך בעזעצט אין וויען, וואו ער איז גע־וואָרען דער באַנקיר פון קייזערליכען הויף אין עסטרייך. ער האָט געהאָלפען מיט געלד עסטרייך אין דעם קריג גע־גען טערקיי. אָפּענהיים האָט פיעל גע־טהון צו העלפען יודען. ווען דאָס עסט־רייכישע מיליטער האָט איינגענומען פון די טערקען אונגאַרן און גענומען פיעל יודען אין געפאַנגענשאַפט האָט אָפּענהיים מיט זיין געלד זיי אויסגע־לייזט. ער האָט אויך געווירקט אז די

רעגירונג זאָל פערבאָטען דאָס אַנטיסעמיטישע בוך פון אייזענמענגער „ענטדעקטעס יודענטום‟. אָפּענהיים איז צוליב א מסירה געווען ארעסטירט א געוויסע צייט, אָבער מען האָט איהם בעפרייט. אָפּענהיים האָט אויך געשטיצט אין יאָהר 1699 רבי יהודה החסיד און זיינע תלמידים און חברים ווען זיי האָבען געוואנדערט קיין ארץ־ישראל. אָפּענהיים איז געשטאָרבען אין יאָהר 1703.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע‟ חלק ח׳ (העברעאיש) וועגען שמואל אָפּענהיים און זיין שטיצע פאַר רבי יהודה החסיד, געשטיצט אויף שודט׳ס יודישע מערקווירדיגקייטען׳; באַטאָ, „די יודען פון אַלט־וויען‟ (דייטש); יודיש ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

## אָפּענהיימער זיס

בעריהמטער יודישער פינאַנץ־מיניסטער אין דייטשען פירשטענטום ווירטעמבערג אין 18־טען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט געענדיגט מיט א טראַגישען טויט. זיס (אויך יוסף) אָפּענהיימער איז געבוירען געוואָרען אין היידעלבערג לערך דעם יאָהר 1690. זיין פאָטער ישכר איז געווען א בעריהמטער סוחר; טייל זאָגען, אז ער איז געווען א זינגער. זיין פאמיליע איז בעשטאַנען פון בעקאַנטע רבנים, לומדים. שוין אַלס בחור האָט זיס אָפּענהיימער זיך גענומען צום מסחר און ער האָט ארויסגעוויזען אויף דעם געביעט אזעלכע פעהיגקייטען אז פערשידענע פינאַנסיסטען אין פראנקפורט האָבען איהם אָנפערטרויט צו פיהרען זייערע געשעפטען. אין יאָהר 1732 האָט ער זיך בעקאַנט מיט׳ן פירשט קארל אלעקסאַנדער פון ווירטעמבערג, וועלכער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין פאַקטישען פינאַנץ־מיניסטער. אָפּענהיימער האָט געפיהרט די פינאַנץ־געשעפטען פון פירשט מיט אזעלכע פעהיגקייטען, אז דער פירשט האָט צו איהם געוואונען פאָלקאָם צוטרוי. צוליב דעם וואָס דער פירשט האָט געפאָדערט אלץ מעהר געלד האָט אָפּענהיימער געמוזט ארויפלייגען אויף די איינוואוינער אַלץ מעהר שטייערען, איינ־יהרען מאָנאָפּאָלען. דאָס פאָלק האָט זיין גאַנצע שנאה געווענדעט נישט געגען פירשט נאָר געגען דעם יוד זיס אָפּענהיימער. א חוץ דעם האָט אָפּענהיימער זיך געפיהרט מיט גרויס לוקסוס, געוואוינט אין רייכע פאַלאַצען, געפיהרט א פערשווענדיש־לוקססו־לעבען, אָבוואָהל זיין פרומע פאמיליע האָט איהם געשטראָפט דערפאַר און אָנגעוויזען, אז דאָס איז געגען דער יודישער רעליגיע. אָפּענהיימער האָט אויך געטהון פיעל גוטס יודען; ער האָט אויסגעווירקט די ערלויבעניש פאַר יודען צו בעזעצען זיך אין ווירטעמבערגער פירשטענטום. דער סוף איז געווען, אז ווען דער פירשט איז געשטאָרבען אין יאָהר 1737 האָט מען אָפּענהיימען ארעסטירט, געמאַכט איבער איהם א געריכט און פערורטיילט צום טויט דורך הענגען. מען האָט איהם אויפגעהאָנגען דעם 4־טען פעברואַר 1738. אין געפענגניס האָט מען איהם פאָרגעלעגט, אז ער זאָל זיך שמד׳ען אָבער ער האָט ערקלערט, אז ער וויל שטאַרבען א יוד. פאַר דער תליה האָט ער אויסגערופען „שמע ישראל‟.

וועגען דער טראַגישער געשיכטע פון זיס אָפּענהיימער זענען געשריבען געוואָרען פיעל ביכער און ראָמאַנען; בעקאַנט זענען די ראָמאַנען אויף דייטש פון ד״ר לעהמאַן „זיסיא אָפּענהיימער‟ (איבערזעצט אויך אויף יודיש „אויף קידוש השם‟ ווארשא 1922), און פון

לעאָ פייכטוואַנגער „יוד זיס". טייל ווייזען אָן, אַז אָפּענהיימער איז געווען פון די ערשטע אין אייראָפּאַ, וואָס האָבען איינגעפירהט דאָס מאָדערנע פינאַנץ־וועזען און האָט געשטרעבט צו פערשטאַרקען די צענטראַלע רעגירונגס־מאַכט געגען דער הערשאַפט פון די מיטעלאַלטערליכע שטאַנדען. ער איז אויך געווען פון די ערשטע פאָרלויפער פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע ביי די דייטשע יודען. יעדענפאַלס האַלטען א סך היסטאָריקער אַז דער אורטייל אויף איהם איז געווען א אונגערעכטער און אַז נאָר די שנאה צום יוד האָט איהם ארויסגערופען. אויך ביים דייטשען המון אין 18־טען יאָהרהונדערט זענען פערשפּרייט געווען פערשידענע אַנטי־סעמיטישע פּאַמפלעטען און קאַריקאַטורען אין צוזאַמענהאַנג מיט אָפּענהיימער.

ביבליאָגראַפיע: אין „השלח" איז געדריקט „עלילות דברים" וועגען אָפּענהיימער. אין דייטש איז פאַראַן עלוועגספּעק, „יוד זיס אָפּענהיימער" (שטוטגאַרט 1926) א גרינדליכע אָפּהאַנדלונג מיט ביבליאָגראַפיע; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָפּענהיימער פראַנץ** בעקאַנטער יודיש־דייטשער געלעהרטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג, אַנהענגער פון ציוניזם. אָפּענהיימער איז געבוירען געוואָרען אין בערלין אין יאָהר 1864; ער האָט שטודירט פערשידענע געביעטען פון וויסענשאַפט, צוערשט מעדיצין, נאָכהער געשיכטע און נאָר צולעצט סאָציאָלאָגיע. אויך זיין טעטיגקייט איז פערשפּרייט אויף פיעל געביעטען אַלס כלל־טוער, פּראָפעסאָר, שריפטשטעלער. בעקאַנט זענען זיינע סאָציאָלאָגישע שיטות וועגען אייגענטום פון ערד, וואָס איז לויט זיין מיינונג דער קוואַל פון גרויסען עקאָנאָמישען קריזיס פון דער מענשהייט. אָפּענהיימער האָט אין די פיעל ביכער וואָס ער האָט געשריבען געהאַלטען פון גרינדען קאָמונע־ווירטשאַפטען פון ערד לויט א געוויסען סיסטעם. ער האָט אַזעלכע קאָמונע־ווירטשאַפטען (אויף העברעאיש הייסט עס „קבוצה") געגרינדעט אין דייטשלאַנד און ארץ־ישראל (די קבוצה אין „מרחביה"), און איבערהויפּט איז די גאַנצע „קבוצה"־אידעע אין ארץ־ישראל ענטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אָפּענהיימער. ער האָט אויך פיעל מיטגעווירקט צו פערשפּרייטען דעם ציוניזם אין דייטשלאַנד. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה איז אָפּענהיימער אויך געווען מיטגליעד פון קאָמיטעט צו שיצען די יודען אין מזרח־אייראָפּאַ. אָפּענהיימער פערנעהמט דעם אמט אַלס פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט אין פראַנקפורט. פון זיינע ביכער זענען די וויכטיגסטע „דער שטאַאַט" (1908), „וועגען צו געמיינשאַפט" (1926); דאָס אַלץ איז געשריבען אין דייטש. פיעל פון זיינע אַרטיקלען זענען איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש.

ביבליאָגראַפיע: ציטראָן, „לעקסיקון ציוני"; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אָפּערט** בעקאַנטע יודישע פאַמיליע אין דייטשלאַנד וואָס האָט ארויסגעגעבען גרויסע געלעהרטע. — ערנסט אָפּערט (געבוירען 1832 — 1903) געבוירען אין האַמבורג, איז געווען א בעריהמטער רייזענדער און פילאָלאָג. ער האָט געשריבען וויכטיגע ווערק איבער כינאַ און מזרח־אַזיען. — גוסטאַוו אָפּערט א ברודער פון ערנסט (1836 — 1908) בעריהמטער געלעהרטער פילאָלאָג פון סאַנסקריט און פון קענטנים פון אינדיען. ער האָט פער־

פאסט פיעל ווערק וועגען אינדיען, איהר געשיכטע, שפּראַכען, פילאָזאָפיע. בעקאַנט איז זיין אָבהאַנדלונג „חרשיש און אופיר" (בערלין 1903) אין וועלכען ער בעהאַנדעלט געהיימניספולע לענדער אין תנך. ער האָט אויך געשריבען איבער די יודישע קאָלאָניעס אין אינדיען.

אמבעריהמטסטען פון דער אָפּערט־פאַמיליע איז יוליוס אָפּערט, א ברודער פון ערנסט און גוסטאַוו. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1825 אין האַמבורג. אין יאָהר 1847 האָט ער נאָכ'ן ענדיגען זיין שטודיום פון פילאָלאָגיע און ספּעציעלע פון די אראַבישע און סאַנסקריטיט־שפּראַכען, בעקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם צוליב זיין בוך „וועגען די שטראָף־געזעצען פון יודען. אָפּערט האָט זיך בעטייליגט אין זעהר פיעל וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציעס וואָס האָבען געמאַכט אויסגראָבונגען אין פּערסיען, אין אַלטען לאַנד אשור און בבל און אַנדערע. און זיינע ווערק איבער די דאָזיגע אַלטע קולטורען, וואָס האָבען אויך אַ גרויסע בעדייטונג ביי דער פאָרשונג פון תנך און אַלטער יודישער געשיכטע, זענען בעריהמט. ער האָט אויך געשריבען א רייה ביכער איבער תנך־ספרים. די צאָהל פון זיינע ביכער און אַרטיקלען בעטרעפט איבער 400. ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער פראַנצויזישער צייטשריפט „רעווי ד' אַסירילאָזשי" ווי אויך מיטאַרבייטער פון רעווי ד' עטיד זשואיף", ער איז אויך געווען מיטגליעד פון דער אַליאַנס. אָפּערט איז געשטאָרבען אין פּאַריז יאָהר 1905.

ביבליאָגראַפיע: „כנסת ישראל"; יודישע ענציקלאָפּעדיע.

**אָפֵק** נאָמען פון טייל שטעדט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון תנך; אויך קלינגט דער נאָמען אפקה. אין שמואל א' כ"ט ווערט דערצעהלט, אז אין אפק אין עמק יזרעאל איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט צווישען שאול המלך און די פלשתים. ספּיר אין „הארץ" מיינט אז דאָס איז דאָס אראַבישע דאָרף „פיקעה" ביים בארג גלבוע. בעלקינד מיינט, אז דאָס איז דאָס היינטיגע „עפולה" אין מלכים א' כ' ווערט דערמאָהנט דאָס אָרט „אפקה"; דאָרט האָט געהאַט א מפּלה אין דער מלחמה דער קעניג פון ארם בן הדד. קיין קלאָרע און זיכערע מיינונג וועגען די ערטער פון די אלע שטעדט איז נישט פאַראַן.

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, ארץ־ישראל ושכניתוה; גאָלדהאַר „אדמת קודש"; ספּיר, „הארץ".

**אפרים** נאָמען פון יודישען שבט, וואָס האָט געשפּילט די בעדייטענדסטע ראָליע אין דער יודישער געשיכטע אין דער צייט פון 1־טען בית המקדש. אין חומש בראשית מ"א ווערט דערצעהלט, אז יוסף, דער זוהן פון יעקב אבינו האָט געבוירען 2 זוהן, דעם עלטערען האָט ער א נאָמען געגעבען מנשה און דעם יונגערען אפרים „כי הפרני אלהים בארץ עניי" (ווייל גאָט האָט מיך געמעהרט אין לאַנד פון מיין פּיין). אָבער אין חומש בראשית מ"ח ווערט געזאָגט אין נאָמען פון יעקב אבינו אז „אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי", דאָס הייסט, אז כאָטש אפרים און מנשה זענען נישט יעקב'ס קינדער, פונדעסטוועגען ווערט יעדער פון זיי פאַררעכענט ווי אַ בעזונדערער שבט, פונקט ווי ראובן און שמעון. אין זעלבען קאַפּיטעל אין חומש

ווערט אויך געזאָגט אין נאָמען פון יעקב, אז אַבוואַהל אפרים איז געווען יונגער פון מנשה, פונדעסטוועגן דאַרף אפרים פערערכענט ווערען אלס גרע־סער, און יעקב האָט נביאות געזאָגט, וועגען אפרים „וזרעו יהיה מלא הגו־יים" (זיינע קינדער וועלען זיין פול מיט פעלקער).

אין דער אַלטער יודישער געשיכטע האָט דער שבט אפרים אַנגעפיהרט מיט א רייה אַנדערע שבטים פון יודישען פאָלק און האָט פיעל געקעמפט צו דער־האַלטען די הערשאַפט. שוין דער יודי־שער פיהרער נאָך משה רבנו, יהושע בן נון, וואָס האָט אריינגעפיהרט די יודען קיין ארץ־ישראל, איז געווען פון שבט אפרים (במדבר י"ג). דערנאָך איי דער צייט פון די שופטים אין קאַפּיטעל ט' זעהט מען דעם קאַמף פון שבט אפרים געגען שבט מנשה אין דער צייט נאָכ'ן טויט פון שופט גדעון פדי צו פערנעהמען די הערשאַפט דורך אבי־מלך אין שכם, וואָס איז געווען די הויפּטשטאָדט פון אפרים. דאָס לאַנד וואָס דער שבט אפרים האָט פערנומען, נעמליך אין דערמיט פון ארץ־ישראל, ארום דער גאַנצער געגענד פון דער שטאָדט שכם מיט די בערג ארום זיי, וואָס האָט געטראָגען אין תנך דעם נאָמען „הר אפרים", האָט פעראייניגט דעם דרום טייל פון ארץ־ישראל מיט דעם צפון טייל, און אזוי ארום איז עס געווען דער צענטער פון גאַנצען לאַנד. ווען דער שופט יפתח פון שבט מנשה האָט איבערגענומען די הערשאַפט, ווערט דערצעהלט אין שופטים י"ב, אז אפרים האָט אַנגעהויבען געגען איהם א מלחמה און איז בעזיגט געוואָרען; דאָרט ווערט אויך דערצעהלט, אז מען האָט דערקענט די איינוואוינער פון אפרים דאַדורך וואָס זיי האָבען ארויסגערעדט א „שין" ווי א „סמך", און אַנשטאָט „שבולת" האָבען זיי געזאָגט „סבולת".

שפּעטער ווען דער שבט יהודה דורך דוד המלך און שלמה המלך האָט פער־נומען די הערשאַפט איבער דעם גאַנ־צען פאָלק, איז נאָכ'ן טויט פון שלמה המלך פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד פון ירבעם בן נבט „אפרתי" (מלכים א' י"א) דאָס הייסט פון שבט אפרים, און ער האָט אָבגעריסען דעם גאַנצען מי־טעל טייל און צפון טייל פון ארץ־ישראל, די „10 שבטים", און געגרינ־דעט די מלוכה פון אפרים אין שכם, ווי עס דערצעהלט אין מלכים א' י"ב „ויבן שכם בהר אפרים" (און ער האָט געבויט שכם אין בארג אפרים). פון דעמאָלס אָן קומען פאָר אין קעגן גרייך אפרים אָדער „קעניגרייך ישראל" (מלכות ישראל) ווייטער מלחמות וועגען דער הערשאַפט צווישען אפרים און מנשה. טיילמאָל זיינען דינאַסטיעס פון אפרים (ירבעם, אחאב) אין טיילמאָל פון מנשה („יהוא בן נמשי" און אַנדערע). אפרים איז געווען דער געגענזאַץ צו יהודה, און אפילו נאָך דעם חורבן פון דעם מלכות אפרים, האָבען זיך געפינען נביאים, וואָס האָבען געהאָפט אז די מלכות אפרים וועט נאָך שפּילען איהר גלאַנץ־ראָליע, און אזא נביאות־קאַפּיטעל געפינט זיך אין ירמיה ל"א „אפרים בכורי הוא" (אפרים איז מיין עלטסטער זוהן), און „הבן יקיר לי אפרים" (מיין טייערסטער זוהן איז אפרים) און „רחם ארחמנו" (איך וועל אויף איהם רחמנות האָבען).

וועגען די אלע היסטאָרישע פראַגען וואָס זענען פערבונדען מיט דער עפּאָכע פון „מלכות אפרים", וועגען דער דע־מאָלסדיגער פונאַנדערטיילונג פון יודי־

שען פאָלק, וועגען די נביאים פון אפרים און די פערשידענע מיינונגען פון געלעהרטע ארום די פראגען, און בעזונדערס וועגען דעם רעליגיעזען צענטרום אין שכם אלס געגענזאַץ צו ירושלים און אויך וועגען דער אבשטאַמונג פון די „שומרונים" צי זיי געהערען צו די „בני אפרים". — זעלען מיר געגען ביי די שטיכווערטער „ישראל", „מלכות", „שכם", שומרונים, עשרת השבטים.

אין דער גמרא און מדרש זענען פארהאן פערשידענע דרשות וועגען אפרים און ספּעציעל וועגען דעם פסוק אין דברי הימים א' ז' אז די „בני אפרים" זענען בעהערשט געוואָרען דורך די פלשתים פון גת (אין מדרש רבה כ', סנהדרין צ"ב און אנדערע ערטער).

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג „אוצר השמות"; קיטעל, „געשיכטע"; עקשטיין, „געשיכטע אונד בעדייטונג דער שטאַדט שכם" (בערלין 1886); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַפרים פון באַן** בעריהמטער למדן און קינות־שרייבער און כראָניקער פון 12־טען יאָהרהונדערט, וועמען מיר האָבען צו פערדאַנקען פיל ידיעות וועגען די שחיטות אויף יודען אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון די „נוסעי הצלב" (קרייץ פאַהרער) פון די יאָהרען תתנ"ו (1096) ביז דעם יאָהר תתקנ"ז (1197). רבי אפרים בן יעקב פון באַן איז געבוירען געוואָרען אין וואָרמס לערך דעם יאָהר 1132, און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1197. ער האָט אליין איבערגעלעבט טייל פון יענע שרעקליכע שחיטות און ער האָט זיי בעשריבען. ער האָט אויך פערפאַסט א רייה קינות, און איין קינה „למי אוי למי אבוי" איז אויף די יודען וואָס זענען פערברענט געוואָרען אויף קידוש השם און בלוט־בלבול אין בלואַ.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע" אין דער נאָטע וועגען די קוועלען צו די „נוסעי הצלב"; לאַנדסהוט „עמודי העבודה"; שולמאַן, „תולדות חכמי ישראל".

**אפרים הגדול** פון די בעלי התוספות אין 12־טען יאָהרהונדערט. ער איז געשטאָרבען אין רעגענסבורג אין יאָהר 1175. ער איז געוועזען א תלמיד פון רבנו תם. אפרים הגדול ווערט דערמאָהנט פיעל מאָל אין תוספות, וואו ער הייסט אויך רבי אפרים מרגנשפורק; זיין פאָטער האָט געהייסען יצחק. אין תשובות ספר תשבץ שנ"ג ווערט געבראכט אז בי רבי אפרים פלעגט קומען אליהו הנביא. רבי אפרים האָט א חוץ הלכות אין תוספות אויך געשריבען סליחות און פיוטים, און די בעקאַנטע סליחה צו עשרה בטבת „אבותי כי בטחו" איז אויך דורך איהם פערפאַסט געוואָרען.

ביבליאָגראַפיע: לאַנדסהוט „עמודי העבודה"; פין, „כנסת ישראל"; מיכאל, „אור החיים".

**אפרים כץ** בעריהמטער גאון און פוסק אין 17־טען יאָהרהונדערט, בעקאַנט אלס דער מחבר פון „שער אפרים". ער איז געבוירען געוואָרען אין ווילנא אין יאָהר 1616; זיין פאָטער האָט געהייסען רבי אהרן. שוין אַלט זייענדיג 20 יאָהר איז רבי אפרים כץ אויפגענומען געוואָרען אלס דיין אין ווילנא. אין יאָהר 1655 (תט"ו) ווען די קאָזאַקען זענען אריין אין ווילנא און געשאָכטען פיעל יודען איז רבי אפרים צוזאַמען מיט נאָך א סך יודען אנטלאָפען פון ווילנא, און נאָכדעם ווי ער איז געוועזען רב אין א רייה שטעדט אין מעהרען, איז ער אויפ־

גענומען געוואָרען אלס רב אין דער הויפטשטאָדט פון אונגארן אלט־אָפען (אובין ישן), וואָס איז דאָס איצטיגע בודאפעשט. דאָרט איז ער געשטאָרבען אין יאָהר תל״ח (1678). זיין ספר „שער אפרים״ (געדרוקט זולצבאך 1688) ענטהאַלט שאלות ותשובות. דער בעריהמטער גאון רבי צבי אשכנזי מחבר פון „חכם צבי״ איז געווען זיין אייניקעל.

ביבליאָגראַפיע: אַ גרינדליכע מאָנאָגראַפיע וועגען רבי אפרים כץ האָט אַרויסגעגעבען גרינוואַלד, „תולדות חכמי ישראל געדריקט אין יאָהר 1924.

**אפריקא** נאָמען פון וועלט־טייל, וואָס איז ארומגערינגעלט דורך דעם מיטעללענדישען ים, דעם רויטען ים, דעם אטלאַנטישען אָקעאַן און אינדישען אָקעאַן, פערנעהמט א שטח פון 30 מיליאָן קוואדראט קילאָמעטער. ווען יודען האבען זיך דאָס ערשטע מאָל בעוויזען אין אפריקא איז שווער צו זאָגען. אין חומש ווערט דערצעהלט דער בעקאַנטער סיפור ווי אזוי די יודען אין דער צייט פון די אבות, אברהם, יצחק ויעקב, זענען דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מצרים (עגיפּטען) וואָס געפינט זיך אין אפריקא. יעדענפאלס איז זיכער, אז צום סוף פון ערשטען בית המקדש האָבען געוואוינט יודען אין מצרים און דערנאָך איז דאָרט געווען א שטארקע יודישע קאָלאָניע (אין „יעב״). אין דער צייט פון 2־טען בית המקדש, נאָך דעם גרויסען זיג פון אלעקסאַנדער מוקדון און דער גרינדונג פון אלעקסאַדריען איז עגיפטען, האָט דער יודישער ישוב איז עגיפטען זיך שטארק פערגרעסערט, און ער האָט זיך פערשפּרייט אויך אויף די שכנותדיגע לענדער קירענאַיקא און קאַרטאַגא, עס איז אויך מעגליך, אז א געוויסער טייל יודען האָבען אריינגעדרונגען אויך אין מזרח־אפריקא אין לאַנד כוש (אבעסיניען) און פון זיי זאָלען שטאַמען די איצטיגע „פאַלאשען״. אין מיטעלאַלטער זענען געווען גרויסע יודישע ישובים אין גאַנץ צפון־אפריקא. דאָס הייסט, מאראָקא, אלזשיר, טוניס טריפּאָליס און עגיפּטען. אין דער נייערער צייט האָבען יודען זיך אויך גענומען בעזעצען אין דרום־אפריקא, וואו זיי בילדען איצט א אַנגעזעהענעם יודישען ישוב. עס איז אַנגענומען אז די צאָהל יודען אין אפריקא בעטרעפט לערך 450 טויזענד.

וועגען די יודען אין אפריקא געבען מיר ביי שטיכווערטער פון די איינצעלנע לענדער ווי „מצרים״, „מאראָקא״, „אלזשיר״, טוניס, טריפּאָליס, דרום־אפריקא, אוגאַנדא, און אנדערע.

דער נאָמען אפריקא ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא און מדרש זעהר אָפט (שבת ל״א, סנהדרין צ״ד, אז די עשרת השבטים זענען פערטריבען געוואָרען קיין אפריקא). ראַפּאָפּאָרט אין „ערך מלין״ זאָגט די השערה אז דער נאָמען אפריקא איז פון העברעאישען „אפר״ וואָס האָט די בעדייטונג פון ווייט ציהענדעם לאַנד בעוואַקסען מיט גראָז.

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין״; שווארץ, „תבואות הארץ; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אצילות** (עמאַנאַציע, אויסשטראַהלונג). דאָס איז דער הויפּטבעגריף פון דער פילאָזאָפישער שיטה פון קבלה, וואָס ערקלערט, ווי אזוי פון דער געטליכקייט, וואָס איז אונענדליך, גייסטיג, האָט געקאָנט ענטשטעהען א וועלט, וואָס איז ענדליך און

בעשטעהט פון מאטעריע, גשמיות. די קבלה, אין איינשטימונג מיט דער אלטער פילאזאפישער שיטה פון נעאפלאטאניזם, ערקלערט עס דורך „אצילות“, „עמאנאציע“, די אויסשטראהלונג. וועגען דעם גאנצען סיסטעם וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט „קבלה“.

## אקאדעמישע פעראיינען

וועגען די יודישע אקאדעמישע פעראיינען אין דער וועלט וועלען מיר געבן ביים שטיך־ווארט „סטודענטען“.

## אקאסטא אוריאל (1590 — 1640).

בעריהמטער פילאזאף און קעמפער געגען דער יודישער רעליגיעזער טראדיציע. אקאסטא איז געבוירען געווארען ביי עלטערן אנוסים (יודען, וואס זענען געצווינגען געווארען אנצונעמען דאס קריסטענטום) אין אפארטא אין פארטוגאל. אקאסטא (וועמענס נאמען איז געווען גאבריעל) איז איבערגעגעבן געווארען צו די יעזואיטען אין אפארטא צו ערציהען. ער האט ערלערנט גרינדלעך א רייה שפראכען און אויך לאטיין און בעקומען א קאטוילישע ערציהונג. ווי אקאסטא דערצעהלט האט אין איהם זיך אליין, אהן דעם איינפלוס פון אנדערע אנוסים, אריינגעגנב'עט דער צווייפעל אין דער קאטוילישער רעליגיע; ער האט דעריבער אנגעהויבען לערנען תנך אין דער לאטיינישער וואלגאטא איבערזעצונג, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז די תורת משה איז די ריכטיגע רעליגיע, און ער האט דעריבער צוגערעדט זיין מוטער און פיער ברודער (זיין פאטער האט שוין נישט געלעבט) צו ענטלויפען קיין אמסטערדאם און זיך מגייר צו זיין. אמסטערדאם אין האלאנד איז דעמאלס געווען די פרייהייטסשטאדט פאר אנוסים; דארט זענען אנגעקומען נאך פון פריהער א סך אנוסים און געווארען יודען. אקאסטא מיט זיינע ברידער און מוטער זענען אנגעקומען קיין אמסטערדאם אין יאהר 1618; דא האבען זיי זיך מגייר געווען, און אקאסטא האט אנגענומען דעם נאמען אוריאל. ער האט דא צוזאמען מיט זיינע ברודער פערלעגט א גרויסע האנדעלס אונטערנעהמונג, אבער גלייכצייטיג האט ער פארטגעזעצט זיינע רעליגיעזע פארשונגען. דא איז מיט אקאסטא פארגעקומען א געוויסע טראגישע פאסירונג. ער האט אין פארטוגאל זיך פארגעשטעלט דאס יודענטום אלס די תורת משה אהן שום תורה שבעל פה, אבער אין אמסטערדאם האט ער דערזעהען דאס יודענטום אין איהר גאנצער טראדיציע, מיט די אלע דינים און הלכות און פירושים. עס איז א פאקט אז נישט נאר אקאסטא נאר אויך אנדערע יונגע אנוסים, וואס האבען זיך מגייר געווען אין אמסטערדאם האבען געפרובט פיהרען א קאמף געגען דעם דאזיגען ארטאדאקסישען יודענטום, פאדערענדיג רעפארמען. אבער אקאסטא, אלס דער ביטערסטער פון זיי אלע, איז ארויסגעטרעטען אפען געגען דער יודישער טראדיציע, און נאכדעם ווי די רבנים האבען איהם געלייגט אין חרם (אין יאהר 1618), האט אקאסטא נאכמעהר פערשארפט זיין קאמף. ער האט אנגעהויבען פערשפרייטען די מיינונג, אז אין תורת משה איז גארנישט פאראן וועגען עולם הבא און השארת הנפש (אונשטערבליכקייט פון נשמה). ער האט ערקלערט אז ער וועט ארויסגעבען וועגען דעם א בוך. אבער געגען דעם איז ארויסגעטרעטען דער דאקטאר שמואל דע סילווא מיט א בוך אויף שפאניש „טראטאדא“ (אבהאנדלונג) וועגען אונ־

שטערבליכקייט פון נשמה אָבצוּוואַרפען די טענות פון „א געוויסען געגנער". דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרען אין יאָהר 1623. געגען דעם בוך פון דע סילוויא האָט אקאָסטאַ שנעל (אין יאָהר *1624*) אָבגעדרוקט א געגען־בוך אויך אויף שפּאניש „עקזאמען" (אויספאָרשונג). דעמאָלס האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע רדיפות געגען אקאָסטאַ; ער איז זאָגאר ארעסטירט געוואָרען פאר לייקענען אין די יסודות פון יעדער רעליגיע איבערהויפּט, און מען האָט איהם בעשטראָפט צו בעצאָהלען 300 גולדען און זיין בוך האָט מען פערברענט. נאָך 15 יאָהר זיין אין חרם האָט אַקאָסטאַ, ווען די פעראיינזאמקייט איז געוואָרען שוין אונערטרעגליך, זיך געווענדעט צו די רבנים אין אמסטערדאַם, אז ער האָט חרטה און רופט צוריק זיינע אפּיקורסישע מיינונגען. מען האָט זיין תשובה אָנגענומען און פון איהם אַראָבגענומען דעם חרם (אין יאָהר 1633). אָבער אקאָסטא, דער פערביטערטער פריי גייסט, האָט שנעל ווידער אָנגעהויבען פערשפּרייטען פרייזיניגע מיינונגען, און דאָס מאָל נאָך שארפער, נעמליך, אז די תורת משה איז נישט געגעבען געוואָרען פון גאָט. מען האָט איהם ווידער געלעגט אין חרם, און אזוי איז ער ווידער געווען אָבגעזונדערט 7 יאָהר. נאַכהער האָט אקאָסטאַ (אין יאָהר 1640) ווידער ערקלערט, אז ער האָט חרטה, און מען האָט איהם געצוואונגען עפענטליך צו זאָגען וידוי אין שוהל און געשלאָגען איהם 39 „מלקות", און אזוי ארום אראָבגענומען דעם חרם. די דאָזיגע שאנד האָט אויף אַקאָסטאַ'ן געמאַכט דעם טיפסטען איינדרוק, און אין מאָנאַט אפּריל 1640 (די דאַטע 1647, וואָס איז געווען אָנגענומען און ווערט אויך געבראכט אין „אוצר ישראל" איז דורך גרעץ בעוויזען געוואָרען אלס נישט ריכטיג) האָט ער געשאָסען צו זיינס א פעטער, וועמען ער האָט חושד געווען, אז ער פלעגט אויף איהם אָנרייצען די רבנים. נאַכהער האָט אקאָסטאַ זיך זעלבסט דערשאָסען צום טויט (אין אפּריל יאָהר 1640). ווען מען איז אריינגעקומען צו איהם אין צימער האָט מען געפינען אויפ'ן טיש געשריבען אויף לאַטיין זיין אויטאָביאָגראפיע מיט'ן נאָמען „עקזעמפּלאר הומאַנע וויטע" (א ביישפּיל פון א מענשען־לעבען), אין וועלכער אקאָסטאַ דערצעהלט זיין טראגיש לעבען און קעמפען.

וועגען אוריאל אקאָסטאַ זענען פאַרהאַן עטליכע וויכטיגע פראַגען. ערשטענס: צי איז פאַרהאַן אין דער העברעאישער ספרים־ליטעראַטור פון יענער צייט אַן אָבקלאַנג פון אַקאָסטאַ'ס קאַמף. דער בעריהמטער געלעהרטער פערלעס מיינט, אז די תשובה אין דעם ספר „שאלות ותשובות רבי יעקב לבית הלוי" (געדרוקט אין ווענעציע 1632) וועגען דעם אפּיקורס אין אמסטערדאַם וואָס לייקענט אין השארת הנפש זאָל זיך בעציהען אויף אַקאָסטאַ. אָבער דאָרט שטעהט, אז די מוטער זיינע האָט אויך געהאַלטען מיט איהם, און בּיי אַקאָסטא איז דאָס, ווייזט אויס, נישט געווען דער פאל. עס איז אויך פאַרהאַן א מיינונג אז דער „מגן וצינה" פון רבי יהודה אריה די מודינא איז געווען געגען אַקאָסטאַ. צווייטענס איז די פראַגע, צי אקאָסטא איז געווען פעראיינזאמט אין דעם קאַמף, אָדער ער האָט אין אמסטערדאַם שוין געהאַט דעמאָלס נאָך אנדערע חברים פריידענקער ווי ער. פון דעם דערמאָהנטען תשובה ספר, אויב די שטעלע בעציהט זיך נישט צו אקאָסטאַ, איז צו זעהען, אז נאָך אנדערע פרייגייסטער זענען דעמאָלס געווען צווישען די אַמס־

טערדאמער יודען. די דריטע פראגע איז, ווי ווייט דער אקאסטא־קאמף האט געהאט שפעטער אנ'איינפלוס אויף שפינאזא, וואס האט געווירקט אין אמסטערדאם עטוואס שפעטער. וועגען דעם וועלען מיר געבען ביים שטיך־ווארט שפינאזא. — וועגען דעם נאמען „אקאסטא" ווערט אנגעוויזען, אז פריהער אין פארטוגאל האט ער געהייסען „ד'א אקאסטא". עס איז א פאקט, אז פון דער אקאסטא־פאמיליע אין שפאניען און פארטוגאל האבען זיך אויסגעצייכנט א רייה פערזענליכקייטען.

וועגען אקאסטא איז זעהר פיעל געשריבען געווארען נישט נאר וויסענשאפטליכע אבהאנדלונגען נאר אויך ערצעהלונגען, און בעזונדערס בעריהמט איז די דראמע וואס דער דייטשער שריפטשטעלער קארל גוצקאוו האט געשריבען אין יאהר 1847 מיטן נאמען „אוריאל אקאסטא". דעמאלס איז געווען די עפאכע פון קאמף פאר פרייהייט איז אייראפא, און גוצקאוו האט אין זיין העלד, אקאסטא, פערזאניפיצירט דעם פרייהייטס־קאמף געגען דער רעאקציע און קאנסערוואטיזם. די דראמע איז איבערזעצט געווארען אין פיעל שפראכען (אויף העברעאיש פון ד"ר שלמה רובין, אויף יודיש פון לערנער איז אדעם 1885). בעקאנט איז אויך זאנגוויל'ס אקאסטא אין זיין „טרוימער פון געהטא" אין דער לעצטער צייט (יאהר 1932) איז אין בערלין ערשינען א וויכטיגע ארבייט (אויף דייטש) פון קאסטיין „אוריאל אקאסטא", וועלכער בעטראכט די טראגעדיע פון אקאסטא פון נאציאנאלען שטאנדפונקט, אנווייזענדיג, אז אקאסטא האט פון אנהויב געהאט צוריקגעקעהרט נאר צו דער יודישער רעליגיע און נישט צום יודישען פאלק און דעריבער האט ער נישט פערשטאנען די יודישע טראדיציע.

ביבליאגראפיע: א גרינדליכע קוועלענאבהאנדלונג איז פארהאן אין דער אקאסטא־נאטע צו ג־עץ'ס געשיכטע (אין העברעאיש שפ"ר'ס איבערזעצונג); דאס דערמאהנטע בוך פון קאסטיין; דובנאוו אין זיין יודישע געשיכטע; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אקדמות** פיוט אין דער אראמעאישער שפראך, ווערט געזאגט פאר קריאת התורה דעם ערשטען טאג שבועות. אין פיוט ווערט געשילדערט די גרויסקייט פון גאט, דער שבח פון די יודען וואס זיי דערהאלטען זיך ביי דער אמונה און דערפאר וועלען זיי זוכה זיין צו עולם הבא. יעדער פסוק פון פיוט ענדיגט זיך מיט די בוכשטאבען „תא". פערפאסט דעם פיוט האט (ווי עס איז צו זעהן פון די אנהויב־אותיות פון די סוף פסוקים) דער חזן פון מיינץ און ווארמס לערך דעם יאהר 1060 רבי מאיר ברבי יצחק, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט די לעגענדע, אז ער איז דורך א נס אריבער דעם טייך סמבטיון צו די עשרת השבטים און דארט האט ער זיך אויסגעלערנט דעם אקדמות. אין די ספרדישע מחזורים איז דער אקדמות נישטא. צום אקדמות איז פארהאן א ספעציעלע מעלאדיע.

ביבליאגראפיע: עלבויגען, „תולדות התפלה"; יודישע ענציקלאפעדיעס (ספעציעל „אוצר ישראל").

**אקסעלראד פאוועל** בעריהמטער סאציאליסטישער פיהרער און שריפטשטעלער. אקסעלראד איז געבוירען געווארען אין יאהר 1850 ביי יודישע עלטערען אין רוסלאנד (טשערניגאווער גובערניע). צוערשט איז אקסעלראד געווען א אנארכיסט, אבער נאכהער איז ער ארי־

בער צום סאָציאַליזם ער האָט אממערס־טען פערבראַכט אין בערלין און אין דער שווייץ, און אָנגעפיהרט מיט דער רוסישער סאָציאַליסטישער עמיגראַציע, און ער האָט רעדאַגירט דעם בעקאַנטען סאָציאַליסטישען אָרגאַן „איסקרא“. ביי דער שפּאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע אין יאָהר 1903 אין „באָלשעוויקעס“ (אונטער דער פיהרונג פון לענין) און „מענשעוויקעס“ איז אקסעלראָד געוואָרען דער פיהרער פון די מענשעוויקעס. זייט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין יאָהר 1918 בעקעמפט אַקסעלראָד די באָלשעוויקעס. ער האָט געשריבען א רייה וויכטיגע ביכער איבער סאָציאַליזם, צווישען זיי „איבער דעם באָלשעוויזם“ (1919) און אנדערע.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

## אקסענפעלד ישראל (1787 — 1866).

בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געשריבען אין דער יודישער שפּראַך אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. אקסענפעלד איז געבוירען געוואָרען אין נעמיראָוו (פּאָדאָליען אין רוסלאַנד) אין יאָהר 1787. אין זיינע יוגענד־יאָהרען איז אקסענפעלד געוועזן א חסיד און איז געפאָהרען צו רבי נחמן ברעסלאָווער און האָט זיך אויך געחבר׳ט מיט רבי נתן ברעסלאָווער. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו השכלה, זיך ערלערענט א רייה שפּראַכען, רוסיש, פּויליש, דייטש. צוערשט האָט אקסענפעלד זיך פערנומען מיט מסחר, נאָכהער אין יאָהר 1824 האָט ער זיך בעזעצט אין אָדעס, וואו ער איז געוואָרען נאָטאַריוס. זיין שטוב איז געוועזן א זאַמלונגס־אָרט פאַר געבילדעטע יודען אין אָדעס. אקסענפעלד האָט ליעב געהאַט די יודישע שפּראַך און ער האָט אָנגעשריבען אויף יודיש צעהנדליגער ערצעהלונגען און טעאַטער־שטיק, פון וועלכע ער האָט געדרוקט ביי זיין לעבען נאָר צוויי, „דאָס שטערן־טיכל“ און „דער ערשטער יודישער רעקרוט“ (ביידע געדרוקט אין לייפּציג יאָהר 1861). אין יאָהר 1864 האָט אקסענפעלד פערלאָזט אָדעס און האָט זיך בעזעצט מיט זיין פרוי און קינדער אין פּאַריז. דאָרט איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1866. נאָך זיין טויט האָבען זיינע פריינד ארויסגעגעבען נאָך עטליכע ביכלעך פון אקסענפעלד; אָבער דער גרעסטער טייל איז געבליבען אין כתב־יד. ערשט אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה האָט מען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אָנגעהויבען ארויסגעבען דעם רייכען ארכיוו פון אקסענפעלד׳ס ווערק ווי אויך אויפפיהרען טייל פון זיינע טעאַטער־שטיק. די ביכער פון אקסענפעלד האָבען נישט נאָר א געוויסען ליטעראַרישען ווערט, נאָר זיי ענטהאַלטען אויך א אוצר פון יודישע לעבענס־בילדער פון יענער צייט און שילדערען אונז דעם יודישען לעבענס־שטייגער אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט אין דרום־רוסלאַנד. אקסענפעלד׳ס א זוהן, אויגוסט אקסענפעלד איז געוועזן אין פּאַריז פון די אָנגעזעהענסטע דאָקטוירים, און זיינע ווערק איבער מעדיצין זענען בעריהמט; ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1876.

ביבליאָגראַפיע: א גרעסערע רשימה וועגען אָקסענפעלד איז פאַרהאַן אין רייזענ׳ס לעקסיקאָן (1926); רייזען, „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס; אין סאָוויעט־רוסלאַנד זענען ערשינען לעצטענס אַרבייטען וועגען אָקסענפעלד, בעזונדערס שטיף׳ס „די עלטערע יודישע ליטעראַטור“, קיעוו 1929.

**אַקראַ** נאָמען פון אַן'אַלטער פעסטונג אין ירושלים, וואָס איז געבויט געוואָרען דורך דעם סירישען קעניג אַניוכוס עפּיפאַנעס אין יאָהר 173 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. די דאָזיגע פעסטונג האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער צייט פון די חשמונאים־קאַמפּען, ווייל אין אקרא איז געשטאַנען דאָס סירישע מיליטער, וואָס האָט כסדר געקאָנט אָנפאַלען אויף די יודישע קעמפער. אין מגילת תענית פרק ב' ווערט דערמאָהנט די פעסטונג מיט'ן נאָמען „חקרא". — אין דער גמרא ווערען אָפט דערמאָהנט שטעדט אין בבל מיט'ן נאָמען „אקרא".

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאָפּאָרט, „ערך מלין"; „שבע חכמות"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַראַביען** מיט'ן דאָזיגען נאָמען רופט מען אָן געוועהנליך דאָס גרויסע און ברייטע לאַנד וואָס ציהט זיך צו מזרח און דרום פון ארץ־ישראל אין אזיען און פערנעהמט דעם גאַנצען אַראַבישען האַלב־אינזעל לענגאויס דעם רויטען ים, און טייל אין דער מדבר ביז מעסאָפּאָטאַמיען. טייל רעכענען מעסאָפּאָטאַמיען אויך אַלס אַראַביען. קיין בעשטימטע גרעניצען האָט נישט דאָס דאָזיגע לאַנד, וואָס איז פון די עלטעסטע צייטען אַן געווען צעטיילט אין דער הערשאַפט דורך פערשידענע שבטים. אויך קיינמאָל איז נישט קלאָר אפילו, וויפיל איינוואוינער אַראַביען האָט; עס ווערט אָנגעגעבען די צאָהל פון 12 מיליאָן ביז 20 מיליאָן. דאָס לאַנד אַראַביען ווערט שוין דערמאָהנט אין תנך מיט'ן נאָמען ערב, און מיר געפינען אין ירמיה כ"ה „ואת כל מלכי ערב — השוכנים במדבר" (און די אַלע מלכים פון אַראַביען וואָס וואוינען אין דער מדבר). אויך שפּעטער אין דער גמרא ווערט אַראַביען (ערב) זעהר פיעל מאָל דערמאָהנט (יבמות ע"א, קידושין ל"ב און אַנדערע ערטער).

וועגען די יודען אין אַראַביען וועלען מיר געבען ביי די שטיך־ווערטער פון די בעזונדערע אַראַבישע לענדער, „תימן", „העדזשאַס", „מעסאָפּאָטאַמיען"; וועגען די פערשידענע יודישע שבטים אין אַראַביען און די לעגענדעס וועגען זיי אַלס די אָבשטאַמענדע פון די עשרת השבטים וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „עשרת השבטים".

**אַראַבער** מיט'ן דאָזיגען נאָמען ווערען געוועהנליך אָנגערופען די אַלע מענשען, וואָס רעדען די אַראַבישע שפּראַך, מייסטנס מאָכמעדאַנער און בעוואוינען געוועהנליך דעם גאַנצען שטח לענדער, וואָס ציהען זיך פון סיריען אין אזיען, דורך מעסאָפּאָטאַמיען, ארץ־ישראל, עבר הירדן, לענדער פון אַראַבישען האַלב־אינזעל, נאָכהער דער צפון־ברעג פון אפריקאַ, מצרים, טריפּאָליס, טוניס, אַלזשיר, מאַראָקאָ. אָבער צווישען די אַראַבער אַליין זענען פאַראַן פערשידענע טיילען און גרופּען, און פיעל פון זיי בעטראַכטען זיך נישט אַלס אַראַבער, נאָר אַלס בעזונדערע פעלקער, ווי למשל טייל איינוואוינער פון מצרים בעטראַכטען זיך אַלס עגיפּטער, אַ בעזונדערע נאַציע. די צאָהל אַראַבער איצט אויף דער וועלט איז נישט גענוי פעסטגעשטעלט; מען נעהמט אָן, אַז זייער צאָהל איז פון 40 ביז 50 מיליאָן נפשות. אָבער זיכער איז עס נישט, ווייל וועגען אַראַבישען האַלב־אינזעל זענען נישט פאַראַן קיינע זיכערע ציפערען. וועגען די פערשידענע אַלע דערמאָהנטע לענדער, אין וועלכע די אַראַבער וואוינען, ווי אויך וועגען זייער געשיכטע און בעציהונג מיט יודען, וועלען מיר געבען

ביי די שטיכווערטער פון די דאָזיגע לענדער (ארץ־ישראל, מצרים, סיריען און אזוי ווייטער). דאָ וועלען מיר גע־בען וועגען די אראַבער אין אַלגעמיין, אויף וויפיל זיי האָבען אַ בעדייטונג פאַר דער יודישער געשיכטע און פאַר פער־שטעהן די איצטיגע לאַגע אין ארץ־ישראל.

די אראַבער בעשטעהען פון פערשי־דענע גרופּען, שבטים, וועלכע טיילען זיך ווידער אויך לויט זייערע הויפּט־בעשעפ־טיקונגען. די הויפּט־גרופּען ביי די אראַ־בער זענען:

1) „בעדואינער“, דאָס הייסט אראַ־בער, וואָס וואוינען נישט אויף איין אָרט, נאָר וואַנדערען צוזאַמען מיט זיי־ערע פרויען און קינדער פון אָרט צו אָרט, און וואוינען אין געצעלטען פון שווארצע שעפּסען־פעל; די דאָזיגע בע־דואינער האָבען געהייסען אין תנך „קדר“, און מיר געפינען אין שיר השי־רים א׳ „שחורה אני — כּאהלי קדר“ (איך בין שווארץ — ווי די געצעלטען פון קדר). די בעדואינער לעבען פון האָ־דעווען בהמות, אַממערסטען ציגען, קעמלען, און זיי וואַנדערען כּדי צו גע־פינען פּאַשע פאַר זייערע בהמות. זיי פיהרען נאָך היינט א פּרימיטיווע, איינ־פאַך לעבען, וואָס איז געבליבען ביז לעצטענס כּמעט ווי אומפערענדערט זייט טויזענדער יאָהרען, זעגען אַלע בעוואָ־פענט, און צווישען די פערשידענע שבטים בעדואינער קומען אָפט פאָר כּסדר קאַמפּען. עס איז זיכער, אַז ויען מיר לערנען אין חומש וועגען יענע צייטען ווען די אור־עלטערען פון יודישען פאָלק זענען געווען „רועי צאן“ (פּאַסטוכער פון שעפּסען) און דער מחלוקה אין חומש בראשית צווישען די „רועי לוט“ און „רועי אברם“ און דעם וואַנדערען פון איין אָרט אויף׳ן צווייטען, אַז דאָס איז געווען אַ סאָרט לעבען פון די בע־דואינער.

2) „פעלאַכען“, דאָס זענען אראַבער, וואָס זייערע זיידעס האָבען זיך אָבגע־ריסען פון דעם בעדואינישען וואַנדער־לעבען און האָבען זיך בעזעצט אויף לאַנד, גרינדען דערפער און פיהרען אַ לעבען אויף אַ שטענדיגען וואוין־אָרט. די פעלאַכען זענען אַ בעדייטענד רוהי־גערער מענשען־עלעמענט פון די בעדו־אינער, אָבוואָהל אויך ביי זיי זענען גע־בליבען פערשידענע מנהגים פון דעם אַמאָליגען מדבר־לעבען און ספּעציעל דער „גאולת הדם“, דאָס הייסט אויב איינער פון שבט, צו וועלכען דער פע־לאַך געהערט איז ערמאָרדעט געוואָרען דורך איינעם פון אַ צווייטען שבט, קו־מען פאָר קאַמפען צווישען די צוויי שבטים. דער פעלאַך אין די אראַבישע לענדער אין אַלגעמיין פיהרט זיין ווירט־שאַפט און לאַנד־ארבייט זעהר פּרימי־טיוו, אַזוי ווי פאַר טויזענדער יאָהרען, כּמעט אָהן שום אויסבעסערונגען, און דעריבער איז ער אין אַלגעמיין זעהר אָרעם, איז אָרעם געקליידעט, וואוינט שלעכט און עסט שלעכט. אָבער אין די לעצטע יאָהרען איז צו בעמערקען אין לעבען פון די אראַבישע פעלאַכען אַ בעדייטענדע ענדערונג, ער ווערט מעהר ציוויליזירט, נעהמט איבער די לאַנד־ווירטשאַפטליכע ארבייטס־מעטאָדען פון אייראָפּא.

3) „שטאָדטישע אראַבער“, וואָס בע־שטעהען פון בעלי־מלאכות, סוחרים, זאָגאר פון געבילדעטע פּראָפעסיעס (בע־אַמטע, דאָקטוירים, אינזשעניערען, זשור־נאַליסטען, שריפטשטעלער וכדומה), וואָס פיהרען שוין אַ מעהר וויינג צי־וויליזירט לעבען, און די אייראָפּעאישע מאָדערנע בילדונג פערשפּרייט זיך צווי־

שען זיי אַלץ מעהר און מעהר.

4) „עפענדים“, דאָס זענען דער אראַבישער „אדעל“־קלאַס, פּריצים, וואָס האָבען געוועהנליך גרויסע לאַנד־גיטער, הייזער, זענען רייך, א גרויסער טייל פון זיי פערמאָגט אייראָפּעאישע בילדונג.

א חוץ דעם טיילען זיך איין די אראַבער אין פערשידענע שבטים, אין שפּיץ פון יעדען שבט שטעהען די „שייכען“. אָבער דאָס דאָזיגע שבטים־אַנגעהעריגקייטס־געפיהל ווערט בסדר שוואַכער און ספּעציעל ביי די שטאָדטישע אראַבער.

די רעליגיע פון אראַבער איז אממערסטען די מאַכמעדאַנישע, אַבוואָהל עס איז פאַרהאַן א זעהר קליינע צאָהל אראַבער (ספּעציעל אין סיריען און ארץ־ישראל) וואָס זענען אויך קריסטען. וועגען די רעליגיעזע מנהגים פון די אראַבער און זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און גייסטליכע וועלען מיר געבען ביים שטיכוואָרט „מאַכמעד“ און „מאַכמעדאַנישע רעליגיע“. די אראַבער (מאַכמעדאַנער) זענען „פּאָליגאַמיסטען“ דאָס הייסט, זיי איז ערלויבט חתונה צו האָבען מיט עטליכע פרויען; אָבער מיט דער דאָזיגער ערלויבעניש בענוצען זיך נישט אַלע אראַבער, און געוועהנליך האָבען נאָר די רייכע צו עטליכע פרויען. די פרויען פיהרען א זעהר אָבגעזונדערט לעבען, אין א בעזונדער אָבטיילונג פון דער וואוינונג, קומען נישט אין בעריהרונג מיט פרעמדע מאַנספּערזאָנען, די שטאָדטישע אראַבישע פרויען געהען פערדעקט דאָס גאַנצע געזיכט; די פרויען פון די פעלאַכען געהען מערסטענס מיט אָבגעדעקטע געזיכטער. די מענער טראָגען די ספּעציעלע קליידונג פון די מזרח־לענדער.

די אראַבער זענען סעמיטען, דאָס הייסט, זיי געהערען צו דער ראַסע „שם“, פון וועלכער לויט דער טראַדיציע עס שטאַמען אָב אויך די יודען. לויט דער לעגענדע שטאַמען אָב די אראַבער פון ישמעאל, דעם זוהן פון אברהם אבינו, און זיי האָבען דעריבער אין זייער רעליגיעזער און היסטאָרישער טראַדיציע פיעל געמיינזאַמע לעגענדעס מיט דעם יודישען פאָלק.

די אראַבישע שפּראַך געהערט צו דער דרום־גרופּע פון די סעמיטישע שפּראַכען און האָט נאַטירליך פיעל עהנליכע עלעמענטען מיט דער העברעאישער און אראַמעאישער שפּראַכען. די אראַבישע שפּראַך טיילט זיך אין פערשידענע דיאַלעקטען, און א חוץ דעם טיילט זי זיך אויך אין דעם אַלטען „קלאַסישען“ אראַביש, אין וועלכען עס איז געשריבען דער הייליגער בוך „קאָראַן“ און אויך די בעדייטענדסטע ליטעראַרישע אראַבישע שאַפונגען, און די „וואולגאַרע“ שפּראַך, אין וועלכע עס רעדט היינט דאָס פאָלק. די אראַבישע שפּראַך האָט אויך א גרויסע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער אַלט־העברעאישער שפּראַך, און ווי עס האָט לעצטענס בעוויזען דער יודישער געלעהרטער פון ירושלים דוד יעלין געפינען זיך אין תנ״ך ספּעציעל אין ספר איוב פיעל ווערטער וואָס שטאַמען דירעקט פון דער אראַבישער שפּראַך. אויך אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען זענען אריינגעקומען ווערטער פון אראַבישען און ספּעציעל די אַלע וויסענשאַפטליכע טערמינען וואָס הויבען זיך אָן מיט אל („אַלגעבראַ“, „אַל־כימיע“ וכדומה).

אין דער אראַבישער שפּראַך האָבען אויך יודען געשאַפען א גרויסע ליטעראַטור. דאָס איז געווען אין דער צייט פון מיטעלאַלטער, זינט דעם 8־טען ביז דעם 13־טען יאָהרהונדערט. ווען די

אראבישע שפראך האט אדאנק דער פערבריטונג פון דער מאכמעדאנישער רעליגיע זיך פערשפרייט איבער בבל, סיריען, ארץ־ישראל, צפון־אפריקא און שפאניען, און עס איז אין דער שפראך ענטשטאנען א גרויסע קולטור און וויסענשאפט. אויך די יודען האבען אנגעהויבען צו רעדען אראביש, און זיי האבען געשאפען אין אראביש פיעל וויכטיגע ספרים, וואס פערנעהמען דעם אנגעזעהענסטען ארט אין יודענטום; אזוי זענען די מערסטען ספרים, ספעציעל פון פילאזאפישען אינהאלט, אבער אויך לומדישע ספרים פון רב סעדיה גאון, די אלטע מדקדקים, רבנו בחיי, רבי יהודה הלוי, רבי משה אבן עזרא, רמבם און פיעל, פיעל אנדערע געשריבען געווארען אויף אראביש, און ערשט שפעטער האט מען זיי איבערזעצט אויף העברעאיש („האמונות והדעות", „חובת הלבבות", „כוזרי", „מורה נבוכים", „פירוש המשניות להרמבם" און פיעל אנדערע). אפילו די העברעאישע פאעזיע וואס איז געשאפען געווארען אין יענער צייט (רבי יהודה הלוי, רבי שלמה אבן גבירול, אבן עזרא און אנדערע), איז אויך געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער אלגעמיינער אראבישער ליטעראטור; די יודישע פילאזאפיע אין יענער צייט איז געווען פולשטענדיג בעאיינפלוסט פון די גרויסע אראבישע פילאזאפען אין יענער צייט, פון אלפאראבי, אוועראעס (אבן רשד), אוויצענא (אבן סנה) און אנדערע. די אראבישע שפראך ווערט אויך היינט גערעדט דורך א גרויסער צאהל יודען, ספעציעל אין תימן, אלזשיר, מאראקא, באגדאד און אנדערע אראבישע לענדער; די תימנישע יודען אין ארץ־ישראל רעדען נאך היינט אראבישע, וואס איז געמישט מיט העברעאישע ווערטער און האט א ספעציעלע אויסשפראך.

וועגען דער יודיש־אראבישער פילאזאפיע געבען מיר ביי דעם שטיך־ווארט „פילאזאפיע", ווי אויך ביי די בעטרעפענדע יודישע פילאזאפען פון דער אראבישער עפאכע (סעדיה גאון, אברהם בן דוד דער ערשטער, גבירול, יהודה הלוי, משה בן מימון און אנדערע).

וועגען די אראבער אין ארץ־ישראל און זייער בעציהונג צום ציוניזם ווי אויך די יודישע מיינונגען וועגען דער „אראבער־פראגע" געבען מיר ביים שטיך־ווארט „ארץ־ישראל".

ביבליאגראפיע: יודישער זשורנאל „אלטניילאנד" (ווארשא 1925); „אבן ספיר"; אהאגען, ארץ ישראל וסוריה אין העברעאישער איבערזעצונג פון אליהו ספיר; איבער די אראבישע ליטעראטור ביי יודען „געשיכטע" פון גרעץ, „וועלט־געשיכטע פון יודען" פון דובנאוו, בערנפעלד, „דעת אלהים"; גינזבורג, „יודישע דענקער און פאעטען" (אויף יודיש); זשיסלאווסקי, „פילאסאפיע" (אויף יודיש); צינבערג, „געשיכטע פון דער ליטעראטור" (יודיש); יודיש־ענגלישע ענציקלאפעדיע, „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „ערב"); יודיש דייטשע ענציקלאפעדיע.

## אראגאניען

**אראגאניען** נאמען פון איינער פון די פראווינצען אין שפאניען, וואס איז מיט הונדערטער יאהרען צוריק געווען א בעזונדער לאנד. אין דער געשיכטע פון יודען אין שפאניען פערנעהמט אראגאניען א בעדייטענד ארט. מיר וועלען געבען וועגען דעם ביים שטיך־ווארט „שפאניען".

## אראמעאישע שפראך

**אראמעאישע שפראך** די אראמעאישע שפראך איז גערעדט געווארען מיט דריטהאלבען טויזענד יאהר צוריק אויף דעם גאנצען שטח לענדער אין אזיען צו צפון פון ארץ־ישראל איבער גאנץ סיריען, קליין־אזיען ביז פערסיען און ארא־

מעניעז. אין דער יודישער קולטור־געשיכטע שפּילט די אראמעישע שפּראַך א זעהר בּעדייטענדע ראָליע נישט נאָר צוליבּ איהר עהנליכקייט מיט העבּרעאיש, נאָר אויך צוליבּ דעם, וואָס גרויסע טיילען פון יודישען פאָלק האָבּען ביי 12 — 15 הונדערט יאָהר גערעדט אראַמעאיש און אויך געשאַפען וויכטיגע ספרים אין דער דאָזיגער שפּראַך. שוין אין חומש בּראשית ל״א געפינען מיר די ערשטע אראַמעאישע ווערטער ווען יעקב און לבן האָבּען געשלאָסען א בּונד און לבן האָט אָנגערופען דערנאָך דעם דענקמאָל דערפון אויף אראמעאיש „יגר שהדותא״. אין דער לעצטער צייט פון 1־טען בּית המקדש געפינען מיר אין מלכים בּ׳ י״ח און ישעיה ל״ו, אז די דיפּלאָמאַטישע שפּראַך צווישען די יודישע שרים פון ירושלים און די דעלעגאַטען פון אשור איז געווען אראַמעאיש (דבר נא אל עבדיך ארמית כּי שומעים אנחנו). אויך פון אנדערע קוועלען. די בּעריהמטע אויסגראָבּונגען אין עגיפּטען אין עלעפאַנטינע ווייסען מיר, אז אין יענער צייט האָט די אראמעאישע שפּראַך זיך שטארק פערשפּרייט און איז בּענוצט געוואָרען אַלס אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך צווישען די פעלקער אין פאָדער־אזיען. גרויסע טיילען פון די שפּעטערדיגע תּנ״ך־ספרים, דניאל, טיילען פון עזרא זענען שוין געשריבּען אין אראַמעאיש, און עס איז קלאָר צו זעהען, אז שוין אין די פריהע צייטען פון 2־טען בּית המקדש האָט דער גרעסטער טייל יודען אפילו אין ארץ־ישראל, און בּפרט די גרויסע מאַסען יודען אין בּבל, סיריען, גערעדט אראַמעאיש, וואָס איז פון דעמאָלס אָן געוואָרען די מאַסען־שפּראַך פון יודישען פאָלק. מיר געפינען אז איינער פון די גאָר ערשטע יודישע סנהדרין־פיהרער פון זמן בּית שני „יוסי בּן יועזר״ (ענדע פון 2־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג) האָט געזאָגט א הלכה אויף אראמעאיש (משנה עדיות ח׳ „דיקרב בּמיתא מסתאב״). די יודען אין ארץ־ישראל און בּבל האָבּען גערעדט אראמעאיש לערך 12 — 15 הונדערט יאָהר, דאָס הייסט פון גלות בּבל (500 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) בּיז לערך דעם 9־טען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכענונג, ווען די אראבּישע שפּראַך האָט זיך פערשפּרייט אין די אלע לענדער אויך ארץ־ישראל און בּבל, און די יודען האָבּען אָנגעהויבּען רעדען אראַבּיש. אין פערלויף פון דער דאָזיגער „אראַמעאישער״ עפּאָכע האָבּען די יודישע רעליגיעזע חכמים געשריבּען פיעל וויכטיגסטע ספרים אין דער אראמעאשער שפּראַך, צווישען אַנדערע די תּרגומים אויף תּנ״ך (תּרגום אונקלוס, ירושלמי, יונתן בּן עוזיאל), א רייה כּתובים אחרונים, דער גרעסטער טייל פון דער גמרא פון בּבלי און ירושלמי, דער גרעסטער טייל מדרשים, פערשידענע ספרים אין דער צייט פון די גאונים (שאלות ותשובות, הלכות גדולות, שאילתות) און אויך געוויסע טיילען פון קבלה־ספר „זהר״, וואָס ווי מען זאָל נישט זיך בּעציהען צו דער פראַגע וועגען דער ענטשטעהונגס־צייט פון זהר, איז אָבּער זיכער: אז טיילען פון איהם שטאַמען געוויס פון עלטערע צייטען. אויך דער גרעסטער טייל שפּעטערע ספרים פון רבנים זענען געשריבּען אין א שפּראַך, וואָס איז געמישט פון אראַמעאיש און העבּרעאיש. אין דאַווענען זענען אריינגענומען געוואָרען א סך תּפלות אויף אראַמעאיש, ווי קדיש, כּל נדרי, געוויסע שטעלען פון סליחות, יקום פּורקן און אַנדערע. אויך

די „כתובה“, „גט“ און תנאים ווערען געשריבען אין דער אראמעאישער שפראך.

אין טייל אלטע ספרים ווערט די אראמעאישע שפראך בעטראכט אין א געוויסער מאָל אלס הייליג, נישט אזוי ווי לשון־קודש, אָבער דאָך בעזיצט זי א געוויסע הייליגקייט. אין ירושלמי סוטה ז׳ זאָגט דער אמורא רבי יוחנן „אל יהא לשון סורסי קל בעיניך שבתורה נביאים וכתובים הוא אמור“ (זאָל די אראמעאישע שפראך, סורסי, נישט זיין גרינג אין דיינע אויגען, ווארום זי געפינט זיך אין גאנצען תנך). דאגעגען געפינט מען אין סוטה מ״ט אז טייל תנאים און אמוראים זענען געווען געגען דעם וואָס דאָס פאָלק רעדט אראמעאיש, און האָבען פערלאנגט, מען זאָל רעדען לשון קודש. אין דער שפעטערדיגער צייט פון קבלה (אין 16־טען יאָהרהונדערט) פון רבי יצחק לוריא (אר״י) האָט מען געהאלטען די אראמעאישע שפראך, אלס די שפראך פון זהר און אנדערע קבלה־ספרים, פאר גאר הייליג.

עס איז צו בעמערקען, אז נאָך היינט זענען פארהאַן אין טייל געגענדען פון מעסאָפּאָטאַמיען יודען און קריסטען, וואָס וואוינען דאָרט זייט טויזענדער יאָהרען און רעדען נאָך ביז היינט אראמעאיש, זיי געפינען זיך ספּעציעל אין געוויסע דערפער אין קורדיסטאָן און זיי רופען זייער שפּראך „לישנא של עימראני“. זייער אראמעאיש איז אביסעל אנדערש פון דעם תרגום־לשון אין די תרגומים און דער גמרא, אָבער זי איז אין גרונד די זעלבע שפראך.

ביבליאָגראַפיע: איבער דער אראמעאישער שפראַך אין די תרגומים און גמרא זענען פאַרהאַן די דריי ווערטער־ביכער „ערוך השלם“ פון קאהוט אויף העברעאיש, לעווי׳ס אויף דייטש און יאסטראָוו אויף ענגליש; רייפמאַן אין „הכרמל“ יאָהרגאנג 7 פארעפענטליכט אַ רשימה פון די פערשידענסטע יודישע ספרים אויף אראמעאיש; ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין“; לוצאטא, „אוהב גר“; אוצר ישראל (שטיך־וואָרט „ארמית“); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אראָן הערמאַן** בעריהמטער יודישער עלעקטראָפיזיקער, געבוירען 1845 און געשטאָרבען 1913 אין בערלין. אראָן האָט געמאַכט וויכטיגע ענטדעקונגען אויפ׳ן געביעט פון עלעקטראָ־פיזיק, און ער ווערט פערדעכענט אלס דער ערפינדער פון דראָטלאָזען טעלעגראף און איבערהויפּט פון דעם ערשטען ראַדיאָאַפּאַראַט.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אַראָניוס יוליוס** (1861 — 1893), בעריהמטער יודיש־דייטשער היסטאָריקער. זיין ארבייט „רעגעסטען צו דער געשיכטע פון יודען אין דייטשלאַנד“ וואָס ענטהאַלט ארכיוו־פאָרשונגען פאר דער אַלטער געשיכטע פון דייטשע יודען (ביז׳ן 13־טען יאָהר־הונדערט) איז זעהר ווערטפול.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אַראָנסאָן** נאָמען פון א בעקאַנטער יודישער פאַמיליע, וועלכער שרייבט זיך אויך אויף העברעאיש „אהרנסון“. אהרן אראָנסאָן, בעריהמטער געלעהרטער באָטאַניקער אין ארץ־ישראל אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען א זוהן פון א יודישען קאָלאָניסט אין דער קאָלאָניע „זכרון יעקב“. ער האָט געגרינ־

דעט אַ באָטאַנישען עקספערימענטען־סטאַציע ביי אַטליט. זיין וויכטיגסטע ענטדעקונג איז געווען דאָס געפינען דעם „ווילדען ווייץ" אין ארץ־ישראל פון וואנען עס שטאַמט אָב דער קולטיווירטער ווייץ. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט ער ענטוויקעלט א טעטיגקייט פאר ענגלאַנד געגען טערקיי. ער איז אומגעקומען מיט אַ טראַגישען טויט אין יאָהר 1918, אראָבפאַלענדיג פון עראָפּלאַן אין ים אין לאַמאַנש־קאַנאַל. — זיין שוועסטער שרה אראָנסאָן, וועלכע האָט אויך אָנגעפיהרט מיט אַ שפּיאָנאַזש־אקציע לטובת ענגלאַנד געגען דער טערקיי אין דער וועלט־מלחמה. זי איז פערפייניגט געוואָרען צום טויט דורך די טערקען אין יאָהר 1917; איהר ארבייט האָט זי געפיהרט, כדי צו בעפרייען ארץ־ישראל און אזוי ארום מיני־העלפען דעם אויפבוי פון יודישען נאַציאָנאַלען היים אין ארץ־ישראל. — אראָנסאָן נחום (געבוירען 1872 אין רוסלאַנד), בעריהמטער יודישער סקולפּטאָר אין פאריז. פון זיינע שאפונגען זענען בעריהמט „משה", „בר מצוה", „בעטהאָווען" און אנדערע.

**ארבייט** (אין דער יודישער רעליגיע). וועגען דער בעציהונג פון דער יודישער רעליגיע צו ארבייט און צום ארבייט־מענש זענען פאראַן פערשידענע שטעלען אין תנ״ך, תלמוד און אויך אין די שפּעטערע ספרים. בעקאַנט איז דער פסוק אין תהלים קכ״ח „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" (אויב די וועסט עסען פון דיין אייגענער ארבייט וועט דיר גוט זיין). אין חומש געפינען מיר פערשידענע שטעלען וועגען שיצען דעם ארבייטער געגען זיין בעל־הבית, און אין ויקרא י״ט ווערט אָנגעזאָגט דעם ארבייטס־געבער „ולא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר" (מען טאָר נישט אָבלייגען ביז צומאָרגענס דאָס בעצאָהלען דעם ארבייטער זיין טאָג־לויהן). אין דער גמרא קידושין כ״ט זאָגט די גמרא „חייב האב ללמד את בנו אומנות, וכל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטות" (א פאָטער איז פערפליכטעט צו לערנען זיין זוהן א פאַך צו ארבייטען, און אויב נישט איז עס פונקט ווי ער וואָלט איהם געלערענט צו זיין א רויבער). אין דער משנה פרקי אבות א' איז פאראַן דאָס בעקאַנטע וואָרט „אהב את המלאכה" (האָב ליעב די ארבייט) און דאָרט פרק ב' איז פאראַן „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" (אויב איינער לערענט און דערביי האָט ער נישט קיין ארבייט ווערט אויך דאָס לערנען גאָרנישט). מיר געפינען אויך א רייה תנאים און אמוראים, וואָס זענען געווען ארבייטער, ווי רבי יוחנן הסנדלר (א שוסטער), רבי יצחק נפחא (א שמיעד) און אנדערע. אין דער גמרא און שלחן ערוך (חושן משפט של״ג) איז פאראַן דער דין, אז דער ארבייטער האָט דאָס רעכט חרטה צו האָבען און אוועקגעהען פון דער ארבייט „אפילו בחצי היום" (אין מיטען טאָג), דאַגעגען דער בעל הבית קאָן איהם אינמיטען דער ארבייט נישט ענטזאָגען. עס איז זאָגאַר פאראַן אין דער יודישער רעליגיע דער בעגריף פון „ענטשעדיגונג" אויב אַן ארבייטער געהט אוועק פון זיין ארבייט; דאָס איז די בעקאַנטע מצוה פון „הענקה". פלאַוויוס אין זיין בוך „געגען אפּיאָן" זאָגט אז די יודען אין די אַלטע צייטען האָבען מיט האַנדעל זיך נישט בעשעפטיגט.

וועגען דער האַנדוועקעריי ביי יודען און פאַרוואָס אַ גרויסער טייל האָט שפּעטער זיך געוואָרפען צום האַנדעל

וועלען מיר געבען ביי די שטיך-ווערטער „האנדווערקעריי" און „האנדעל".

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" שטיכוואָרט „אומן", „פּיעל"; „אשכול" (שטיכוואָרט „אומנות").

## אַרבייטער בעוועגונג

איבער דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג און אויך ארבייטער-פּארטייען און וויכטיגע אינסטיטוציעס וועלען מיר געבען ביי די שטיך-ווערטער „סאָציאַליזם", ביי די בעטרעפענדע יודישע ארבייטער-פּארטייען ווי „בונד", „פּועלי-ציון", „קאָמוניזם", „מפלגת פּועלי ארץ-ישראל", „ס. ס.-אָווצעס" און „פּועלי אמוני ישראל", און אויך פּראָפעסיאָנעלע ארבייטער-פעראיינען; „הסתדרות העובדים" און „ארבייטער-רינג".

## אַרבייטער-רינג

דער „יודישער ארבייטער-רינג" איז די גרעסטע יודישע ארבייטער-אָרגאניזאציע אין אמעריקא און קאַנאַדע פאר זעלבסטהילף. דער ארבייטער-רינג איז געגרינדעט געוואָרען אין יאהר 1901 צו פערזיכערען זיך און אונטערשטיצונג אין פאל פון אומגליקס-פאַלען און נויט. דער ארבייטער-רינג צעהלט איצט לערך 90 טויזענד מיטגלידער און האָט ביי 700 אָרטס-גרופּען און האלט אויס פיעל שולען מיט יודיש אלס אונטערריכטס-שפּראך, סאַנאַטאָריומס, גיעט ארויס פּאָפּולערע ביכער, א מאָנאַטס-זשורנאל דער „פריינד". זיין פערזיכערונגס-פערמעגען בעטרעפט ביי 3 מיליאָן דאָלאר. ער געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון „בונד". — נעבען איהם עקזיסטירט אין אמעריקא און קאנאדא א „אינדעפּענדענט ארבייטער-רינג" (אונאבהענגיגער) וועלכער איז ענטשטאַנען אין די לעצטע יאהרען פון דער וועלט-מלחמה. אָבער עס זאָל פאַרקומען א פעראייניגונג פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס. — אין אמעריקא האָט זיך אויך געגרינדעט א „נאַציאָנאַלער ארבייטער-פערבאַנד", וועלכער בעשטעהט פון סימפּאַטיקער פון די פּועלי-ציון. — גלייכצייטיג איז אויך פאַרהאַן אין אמעריקא דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער-אָרדען" וועלכער בעשטעהט פון סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם און צעהלט ביי 18000 מיטגלידער; ער גיעט ארויס א מאָנאַטס-שריפט „דער פונק".

## אַרביך חיים

בעריהמטער אמסטערדאמער מחבר און דרוקער אין ענדע 17-טען און אנהויב 18-טען יאהרהונדערט. ער האָט ארויסגעגעבען זיינע איבערזעצונגען אויף יודיש פון רבי מנשה בן ישראל'ס „מקוה ישראל" און „מסעות רבי בנימין מטודילה", ווי אויך דאָס מוסר-ספר אין דער יודישער שפּראך „לב חכמים"; ער האָט אויך ארויסגעגעבען יודישע איבערזעצונגען געמאַכט דורך אנדערע מחברים, ווי פון „מנורת המאור", מעשה ה' און אנדערע.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1914).

## אַרבֵּל

נאָמען פון א אלטער שטאָדט אין ארץ-ישראל אין גליל התחתון נישט ווייט פון טבריה. פון דאָרט האָט געשטאַמט איינער פון די אלטע תנאים אין דער צייט פון בית שני נתאי הארבלי (פּרקי אבות א'). אין דער צייט פון די חשמונאים-מלחמות איז דאָרט פאָרגעקומען א גרויסע שלאַכט. פלאוויוס אין „אלטערטימער" 14 דערצעהלט אז ביי ארבל איז געווען א גרויסער טאָל מיט הייהלען וואו עס האָבען

זיך בעהאַלטען די יודישע פרייהייטס־גבורים אין דער מלחמה געגען הורדוס. דער דאָזיגער ארבל־טאָל ווערט אויך דערמאָהנט אין ירושלמי ברכות א׳. איז דער בעקאַנטער קינה אויף תשעה באב „איכה ישבה חבצלת השרון״ וואָס שטאַמט פון א אלטער ברייתא ווערט דערמאָהנט, אז אין ארבל האָבען געוואוינט כהנים.

ביבליאָגראַפיע: ראַפּאַפּאָרט „ערך מלין״; הורוויץ, ארץ ישראל ושכנותיה; קליין, „ארץ ישראל״; ספיר, „הארץ״.

**ארבע** דער טייטש פון ארבע אויף העברעאיש איז „פיער״. עס זענען פאַרהאַן פערשידענע טערמינען וואָס הויבען זיך אָן מיט׳ן וואָרט „ארבע״, וועגען וועלכע מיר וועלען שרייבען אין אנדערע שטיכווערטער. „ארבע כנפות״ וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „ציצית״; „ארבע מיתות בית דין״ וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „טויט־שטראָף״, ארבע כוסות וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „סדר״. — „ארבע פרשיות״ רופט מען די פיער שבתים פאַר פסח, ווען מען לייענט אין ספר־תורה, א חוץ די וואָד־סדרה אויך נאָך יעדען שבת נאָך אַן־אנדערע פרשה: 1) פרשת „שקלים״ (מען לייענט „כי תשא״); 2) פרשת „זכור״ (מען לייענט די פרשה „זכור את אשר עשה לך עמלק״); 3) פרשת „פרה״ (מען לייענט די פרשה פון „פרה אדומה״); 4) פרשת „החודש״ (מען לייענט די פרשה „החודש הזה לכם״).

**ארגענטינא** נאָמען פון א לאַנד, וואָס ליגט אין דרום־אמעריקא, פערנעהמט דעם מזרח־דרום־טייל פון דרום־אמעריקאַ, און ציהט זיך לענג אויס דעם אַטלאַנטישען אקעאַן. די גרויס פון ארגענטינא איז לערך 3 מיליאָן קוואדראט קילאָמעטער; איהר בעפעלקערונג איז ביי 12 מיליאָן. ארגענטינא איז א רעפובליק, בעשטעהט פון 15 פראָווינצען און 10 טעריטאָריעס. די לאַנדעס־שפּראַך איז שפּאַניש. די הויפּט־שטאָדט איז בוענאָס־איירעס מיט א בעפעלקערונג פון 1 מיליאָן איינוואוינער. די צווייטע גרעסטע שטאָדט איז ראָזאריא מיט אַ בעפעלקערונג פון 270 טויזענד. דער קלימאַט איז א וואַרימער, מעסיג־טראָפּיש. די הייסעסטע טעג זענען אין די מאָנאַטען יאַנואַר און פעברואַר. די מערסטע בעשעפטיגונג פון דער בעפעלקערונג איז לאַנדווירטשאַפט.

יודען זענען איצט (יאָהר 1932) פאַרהאַן אין ארגענטינא לערך 240 טויזענד. זייער צאָהל פערגרעסערט זיך כסדר דורך די איינוואַנדערונג. עס איז שווער פעסטצושטעלען ווען יודען האָבען זיך אָנגעהויבען בעזעצען אין ארגענטינא. מען נעהמט אָן, אז שוין אין 17־טען יאָהרהונדערט האָבען זיך דאָרט געפינען אנוסים (געהיימע יודען) פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. די ערשטע יודען האָבען אָנגעהויבען זיך בעזעצען אין ארגענטינא אין דערמיט פון 19־טען יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1868 איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע יודישע קהלה אין בוענאָס־איירעס. די הויפּט־איינוואַנדערונג פון יודען קיין ארגענטינא האָט זיך אָנגעהויבען דעם יאָהר 1889, ווען באַראָן הירש האָט געגרינדעט די חברה יק״א (יודישע קאָלאָניזירונגס־ארגאַניזאַציע) און איהר געגעבען די סומע פון 10 מיליאָן דאָלאַר מיט דעם הויפּט־ציל צו בעזעצען אויף קאָלאָניעס אין ארגענטינא יודען פון רוסלאַנד און רומעניען. אין פערלויף פון די יאָהרען 1889

ביז 1892 זענען אנגעקומען קיין ארגענטינא ביי 3000 יודען. יק"א האט דארט געקויפט גרויסע שטחים ערד און געגרינדעט קאלאניעס און גענומען בעזעצען די יודישע קאלאניסטען. זעהר פערגרעסערט האט זיך די יודישע איינוואנדערונג קיין ארגענטינא אין די יאהרען 1905 — 1906 בעת די פאגראמען אין רוסלאנד. אין פערלויף פון די דאזיגע 2 יאהר זענען געקומען קיין ארגענטינא לערך 20 טויזענד יודען. בעזונדערס גרויס איז געווארען די יודישע איינוואנדערונג קיין ארגענטינא נאך דער וועלט-מלחמה, פון יאהר 1921 אן, ווען די פעראייניגטע שטאאטען פון צפון־אמעריקא האבען געשלאסען די טויערען פאר דער איינוואנדערונג און א גרויסער שטראם יודישע עמיגראנטען, ספעציעל פון אוקראינא (נאך די שרעקליכע פאגראמען אין די נאך־מלחמה־יאהרען), האט געצויגען קיין ארגענטינא. מען נעהמט אן, אז פון יאהר 1921 ביז דעם יאהר 1932 זענען אנגעקומען קיין ארגענטינא ביי 85 טויזענד יודישע עמיגראנטען.

פון די יודען אין ארגענטינא בעשעפטיגען זיך ביי 15 פראצענט (לערך 35 טויזענד יודען) מיט לאנדווירטשאפט, און דער גרעסטער טייל פון זיי אין די יק"א־קאלאניעס. אממערסטע קאלאניעס געפינען זיך אין דער פראווינץ „ענרעריא". די גרעסטע קאלאניעס זענען „מאזעסוויל", „מויריציא" און „קלארא". א גרויסע צאהל יודען (23 פראצענט) פערנעהמט זיך מיט מלאכות. דער הויפט יודען פערנעהמען זיך מיט האנדעל און פרייע פראפעסיעס (אינזשינירען, דאקטוירים וכדומה). די יודען פערנעהמען אין ארגענטינישען עפענטליכען לעבען אן'אנגעזעהענע שטעלונג, פערנעהמען הויכע רעגירונגס־פאסטענס, בעטייליגען זיך אין דער ארגענטינישער פרעסע און ליטעראטור. אין דער הויפט־שטאדט בוענאס־איירעס געפינט זיך ביי 100 טויזענד יודען. די ארגענטינישע יודען האבען עטליכע גרויסע רעליגיעזע קהלות־ארגאניזאציעס („קאנגרעגאציאן איסראעליטא"), וועלכע האלטען אויס תלמוד־תורה־שולען און אנדערע וועלטליכע שולען. עס ערשיינען אין בוענאס־איירעס צוויי טאג־צייטונגען אין דער יודישער שפראך „די יודישע צייטונג" (ציוניסטיש) און „די פרעסע" (לינקע ארבייטער־בעוועגונג); א חוץ דעם ערשיינען אין ארגענטינא ביז 20 וואכען־ און מאנאט-זשורנאלען אויף יודיש און שפאניש. די גרעסטע יודישע ארגאניזאציע אין ארגענטינא איז די ציוניסטישע פעדעראציע, וועלכע גיעט אויך ארויס איהר וואכען־זשורנאל „די יודישע וועלט". אויך די יודישע ארבייטער האבען דארט זייערע פראפעסיאנעלע פעראיינען. אין ארגענטינא זענען פארהאן 2 יודישע טעאטערען.

ווענען די יודען אין ארגענטינא געבען מיר ביים שטיך־ווארט „יק"א", „בוענאס־איירעס", „עמיגראציע", „מאזעסוויל", „מויריציא", „קלארא".

ביבליאגראפיע: אלפערסאן, „30 יאהר אין ארגענטינא" (בערלין 1923); נאמבערג, „רייזע אין ארגענטינא"; יודישע ענגלישע ענציקלאפעדיעס.

**ארדיט** בעקאנטע יודיש־שפאנישע פאמיליע. פון איהרע מיטגלידער זענען בעקאנט: דון יוסף ארדיט, וועלכער איז געווען פון די יודישע דעלעגאטען אין גרויסען ויכוח מיט די משומדים אין טארטאסא אין יאהר 1413. שלמה ארדיט, א מקובל, געלעבט אין סמירנא (טערקיי) אין 18־טען יאהר־

הונדערט; ער האָט מחבר געווען „לחם שלמה" אויף תורה (סאלאָניקי 1751). רפאל ארדיט, מחבר פון הלכה־ספר „מרפא לשון" (סאלאָנאקי 1826).

**אָרוֹן** אין העברעאישען איז עס דער טייטש „א קאַסטען".
אין דער יודישער רעליגיע געפינען מיר די בעדייטונג פון „ארון" אויך פאר דריי פאָלגענדע וויכטיגע זאכען:

1) „ארון הברית" (דער קאַסטען פון בונד"), אזוי הייסט אין חומש דער הייליגער ארון, אין וועלכען עס זענען לויט דער יודישער טראדיציע געלעגען די צוויי לוחות וואָס משה רבנו האָט בעקומען אויפ'ן בארג סיני. ער האָט אויך געהייסען „ארון העדות". דעם „ארון" האָט מען אין דער אלטער צייט, פאר דעם ערשטען בית המקדש, געפיהרט פאר דעם יודישען מיליטער אין פאל פון א מלחמה, און אין ספר שמואל א' ד'—ז' ווערט דערצעהלט דער בעקאַנטער סיפור ווי די יודען אין דער מלחמה געגען די פלשתים האָבען געפיהרט דעם ארון, און די פלשתים האָבען בעזיעגט די יודען און גענומען דעם ארון געפאנגען, און נאַכהער האָבען זיי איהם געמוזט צוריקקעהרען ווייל עס האָבען זיך בעוויזען ביי זיי שלאפיקייטען. אין חומש במדבר י' ווערט געזאָגט, אז ווען די יודען האָבען געוואנדערט אין דער מדבר און געפיהרט מיט זיך דעם „ארון", איז ווען דער ארון האָט געריהרט (ויהי בנסוע הארון) האָט מען געזאָגט: „קומה ה' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך" (שטעה אויף גאָט, און זאָלען צעוואָרפען ווערען דיינע פיינד און זיי זאָלען אנטלויפען פאר דיר!): צוריק גאָט). די תנך־קריטיקער און פאָרשער ווילען זעהען אין דעם גאַנצען ענין פון „ארון" עפּעס א אַלטען רעליגיעזען קולט, פאר די וואנדערענדע שבטים (סאָלאָוויטשיק אין „המדבר" אין ערשטען באנד „דביר" בערלין תרפ"ד). אין דער גמרא זענען פאראַן פיעל אגדות וועגען ארון (סוטה ל"ה און אנדערע ערטער). לויט איין טראדיציע איז דער ארון בעהאַלטען געוואָרען אונטער דעם בית המקדש נאָך פאר'ן חורבן פון בית ראשון אין דער צייט פון יאשיהו המלך (שקלים ו'), און עס ווערט דערצעהלט די מעשה ווי איינער א כהן האָט בעמערקט עפּעס א אָרט אין בית המקדש וואָס דאָרט זאָל זיין דער ארון בעהאַלטען נאָר איידער ער האָט דערצעהלט זיינע חברים איז ער געשטאָרבען. אין 2־טען ספר חשמונאים ווערט דערצעהלט, אז ירמיה הנביא האָט בעהאַלטען דעם ארון אויפ'ן בארג נבו און דאָרט וועט ער זיין ביז דער גאולה פון די יודען.

2) „ארון הקודש", ווערט אָנגערופען דער ארון אין יעדען בית המדרש און שוהל, אין וועלכען עס שטעהען די ספרי תורות. שוין אין דער גמרא שבת ל"ב ווערט געזאָגט, עמי הארצים ווערען בעשטראָפט פון הימעל דערפאַר וואָס זיי רופען דעם „ארון קודש". אייגפאך „ארנא" (קאַסטען). דער ארון הקודש איז זעהר הייליג און אין דער גמרא און שלחן ערוך (אורח חיים קנ"ד) ווערען געבראכט דינים וועגען זיין הייליגקייט. ביי א סך פייערליכע תפילות ווערט דער ארון הקודש געעפענט און מען רופט עס „פתיחת הארון", און דאָס פערמאַכען רופט מען „סגירת הארון".

3) „ארון המת". אזוי ווערט גערופען אין דער גמרא די „מיטה" אויף וועלכער מען פיהרט דעם טויטען קערפער

פון א מענש (עדיות ה' סוקלין את ארו־נו, סוטה י"ג, „ארונו של יוסף" און אנדערע ערטער). איבערהויפט איז דער מנהג די זאכען וואס האבען א שייכות צום בעגראבען א טויטען מענש אנצו־רופען אין דער יודישער שפראך מיט לשון־קודש־ווערטער („מיטה", קרשים, וכדומה).

ביבליאגראפיע: ראזענבערג, „אוצר השמות"; קיטעל, „געשיכטע, יודיש־דייטשער לעקסיקאן (שטיך־ווארט „בונדעסלאדע").

## אָרזשעשקא עליזא (1842 — 1910).

בעריהמטע פוילישע שריפטשטעלעריו, א קריסטין, וועלכע האט ארויסגעוויזען גרויס סימפאטיעס צו יודען און צום יודענטום. זי האט געשריבען א רייה ערצעהלונגען אין פויליש פון יודישען לעבען („אלי מאקאווער", „מאיר יע־זאפאוויטש", „גדליה" און אנדערע). איהר ראמאן „מירטאלא" פון יודישען לעבען אין רוים נאכ'ן חורבן בית שני איז איבערזעצט געווארען אויף העברע־איש און יודיש.

## אָרחות חיים

א בעקאנטער מוסר־ספר אין דער פארם פון א צוואה, וואס איז געווען פער־שפרייט אין מיטעל־אלטער (געדרוקט פראג שע"ב). דער מחבר ווערט אנגע־געבען אלס רבי אליעזר הגדול, און דעריבער האבען טייל געמיינט אז דאס איז דער תנא רבי אליעזר בן הורקנוס. וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין גמרא ברכות כ"ח אז די תלמידים זענען געקומען צו איהם פאר'ן טויט זיינעם ער זאל זיי לערנען „ארחות חיים" (די וועגען פון לעבען). אבער זיין „שם הגדולים" ברענגט די מיינונג, אז דאס האט פערפאסט רבי אליעזר הגדול אין דייטשלאנד, דער רבי פון רש"י, וועלכער האט געלעבט לערך דעם יאהר 1050. דאס ספר האט אויך גע־הייסען „צוואת רבי אליעזר הגדול". אין ספר זאגט ער אז זיין זוהן אויפ־צופיהרען זיך פרום און גוט, אז דער עולם הזה איז גארנישט און פערגענגליך, ער זאל נישט נאכיאגען זיך נאך הערשאפט, בעציהען זיך גוט צו מענשען. דער גע־לעהרטער גידעמאן אין „התורה והח־חיים" (ערשטען חלק, העברעאישע אי־בערזעצונג) ברענגט א רייה שטעלען פון „ארחות חיים" און פערגלייכט זיי מיט דייטשע „צוואות" פון יענער צייט. דער ארחות חיים איז אויך איבערזעצט געווארען אויף יודיש דורך יעקב בן משולם (בן יעקב אין „אוצר הספרים").

ביבליאגראפיע: גידעמאן, „התורה והחיים" זלק א'; „אוצר ישראל" (שטיך־ווארט „ארחות חיים"); א פירוש צום „ארחות חיים" מיט א הקדמה מיט דער מיינונג אז דער מחבר איז יא דער תנא האט ארויסגעגעבען רבי גרשון העניך פון ראדזין (ווארשא תרנ"א).

## אָרט

יודישע געזעלשאפט צו העל־פען פערשפרייטען מלאכה ביי יודען. „ארט" (וואס איז די ראשי תיבות פון די רוסישע ווערטער „אב־טשעסטוואָ רעמיעסלענאוואָ טרודא") איז געגרינדעט געווארען אין רוסלאנד דורך גינזבורג און פאליאקאוו אין יאהר 1905, אבער איהר הויפט־ארבייט האט זי ענטוויקעלט אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה (ארגאניזירענדיג הילף פאר די ענטלאפענע יודען פון די מלחמה־געגענדען, און בעזונדערס נאך דער וועלט־מלחמה פון יאהר 1920 אן. ארט האט אין א גאנצער רייה לענדער, פוי־לען, רומעניען, לעטלאנד, ליטא, עסטאנ־יא, דייטשלאנד פערלעגט שולען צו ער־לערנען יודישע בחורים און מיידלער בערשידענע מלאכות; זי האט אויך ער־טיילט שטיצע פאר די האנדווערקער.

אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זי געהאָלפען צו דער גרינדונג פון א רייה יודישע קאָלאָניעס און צו דער איבערפיהרונג פון שטאָדטישע יודען צו לאַנד־ארבייט. אויפ'ן קאָנגרעס אין בערלין אין יאָהר 1921 זענען פעראייניגט געוואָרען אַלע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס פון „אָרט" אין איין אינטערנאַציאָנאַלע צענטראַלע, וואָס איהר הויפט־זיץ איז אין בערלין אונטער דער פיהרונג פון אָרט־פרעזידענט אַבּראַמסאָן. אָרט פערוואַלטעט און שטיצט 82 פאַך־שולען.

## אָרטאָדאָקסיע

**אָרטאָדאָקסיע** דאָס איז א גריכיש וואָרט און בּעדייט „די ריכטיגע מיינונג"; אין רעליגיעזען זין הייסט „אָרטאָדאָקסיע" דער מענש, וואָס האַלט זיך בּיי די אַלטע אָנגענומענע רעליגיעזע גלויבּונגען און לעבּענס־פאָרמען און ענדערט זיי נישט. בּיי יודען איז דער נאָמען „אָרטאָדאָקסען" ענטשטאַנען אין דייטשלאַנד אין 19־טען יאָהרהונדערט ווען עס זענען ענטשטאַנען די פערשידענע רעפאָרם־בּעוועגונגען, וואָס האָבּען זיך געשטעלט די אויפגאַבּע צו רעפאָרמירען די יודישע רעליגיע, צו ענדערען פערשידענע יודישע רעליגיעזע לעבּענס־מנהגים. דעמאָלס איז אויך ענטשטאַנען אַלס געגען־ווירקונג די פרומע ריכטונג, די אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז ארויסגעטרעטען צו אָרגאַניזירען די פרומע אין תורה־טרייע יודען און צו פערטיידיגען די אַלטע פרום־רעליגיעזע לעבּענס־פאָרמען. די הויפט־פיהרער פון דער יודישער אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד זענען געווען דער רב פון דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע אין פראַנקפורט רבּי שמשון רפאל הירש און רבּי עזריאל הילדעסהיימער פון בּערלין. עס זענען אין א גאַנצער רייה שטעדט אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן געגרינדעט געוואָרען בּעזונדערע אָרטאָדאָקסישע קהלות. אין דייטשלאַנד האָט די אָרטאָדאָקסיע ארויסגעגעבּען די וואָכענשריפט „דער איזראַעליט" (צוערשט אין מיינץ און דערנאָך אין פראַנקפורט) אונטער דער פיהרונג פון ד"ר מאיר לעהמאַן. פון דייטשלאַנד האָט די אָרגאַניזירונג פון דער יודישער אָרטאָדאָקסיע זיך פערשפרייט אין פיעל אנדערע לענדער, און אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און שפעטער אויך אין פוילען די הויפט־וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די אָרטאָדאָקסישע יודען איז די „אגודת ישראל". אָבּער עס זענען פאַרהאַן פיעל אָרטאָדאָקסישע יודען וואָס האָבּען געגרינדעט פאַר זיך קלענערע פעראיינען. די ליבּעראַלע אָרטאָדאָקסישע יודען וואָס האַלטען אז אין אַלגעמיין נאַציאָנאַל יודישע ענינים דאַרף מען יאָ געהען מיט אַלע יודען, אָהן אונטערשיד פון רעליגיעזע מיינונגען, געהערען געוועהנליך צו דער אָרגאַניזאַציע „מזרחי", וואָס ארבּייט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר דעם אויפבּוי פון א נאַציאָנאַלען היים אין ארץ־ישראל. דער הויפט־יסוד פון אָרטאָדאָקסישען יודענטום בּעשטעהט אין דער לעהרע, אז אַלע אָנגענומענע מצוות און דינים פון שלחן ערוך און פוסקים זענען גילטיג שטענדיג, אָהן אונטערשיד פון צייט־בּעדינגונגען און אז אין די דאָזיגע רעליגיעזע לעבּענס־פאָרמען קאָן מען נישט מאַכען קיינע פשרות. דאגעגען דאָס „ליבּעראַלע" און „רעפאָרם"־יודענטום האַלט, אז די מצוות און דינים דאַרף מען צופאַסען צו די צייט־בּעדינגונגען.

וועגען דעם קאַמף פון דער אָרטאָדאָקסיע פאַר דערהאַלטען דאָס טראַדי־

ציאָנעלע יודענטום געבּען מיר אויך בּיי די שטיך־ווערטער „רעפאָרם", „אגו־דת ישראל", „הירש, שמשון רפאל", „סופר, משה", „מזרחי".

**אַריה** דאָס איז א נאָמען פון א סך גרויסע יודישע רבּנים, ווי די בּעריהמטע גאונים, דער „שאגת אריה", דער „קצות החושן". צוליב דעם וואָס געוועהנליך זענען זיי גערופען געוואָרען מיט זייער יודישען נאָמען „לייב" (וואָס איז די איבּערזעצונג פון „אריה") וועלען מיר זיי געבּען בּיי די שטיך־ווערטער „לייב".

**אַריסטאָטעלעס** בּעריהמטער גריכישער פי־לאָזאָף, וועלכער האָט געלעבּט אין גרי־כענלאַנד פון יאָהר 384 בּיז 322 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, אין דער צייט פון אלעקסאַנדער מוקדון. אין די יודיש פילאָזאָפּישע ספרים פון מי־טעלאַלטער ווערט ער אָנגערופען בּקי־צור „ארסטו". אריסטאָטעלס האָט גע־האָט דעם גרעסטען איינפלוס אויף די יודישע פילאָזאָפען אין מיטעלאַלטער און ספּעציעל אויפן רמבּם, און אויב מען וויל זיך בּעקענען מיט דער יודישער רע־ליגיעזער פילאָזאָפיע פון יענער צייט מוז מען זיך בּעקענען מיט אריסטאָ־טעלס לעהרע אין אַלגעמיין.

אריסטאָטעלס האָט געשריבּען זעהר פיעל בּיכער. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פערלוירען געגאַנגען. אָבּער א געוויסע צאָהל בּיכער זענען געבּליבּען. די יודישע פילאָזאָפען אין מיטעלאַל־טער האָבּען זיך בּעקענט מיט די בּיכער פון אריסטאָטעלס אָממערסטען נישט אין זייער אָריגינאַל אין דער גריכישער שפּראַך, נאָר דורך די איבּערזעצונ־גען אין דער אַראַבּישער שפּראַך. אָמ־מערסטען האָבּען זיי זיך דערבּיי אויך בּענוצט מיט די קאָמענטאַרען צו אריס־טאָטעלס'עס בּיכער פון די אַראַבּישע פילאָזאָפען. דער ערשטער יוד וואָס האָט אין מיטעל־אַלטער זיך בּעקענט מיט דער שיטה פון אריסטאָטעלס און איהר דערמאָהנט אין זיינע ספרים איז געווען רבּי דוד אלמוקמץ הבבלי, וועל־כער האָט געלעבּט אין אָנהויב 10־טען יאָהרהונדערט. ער בּרענגט אין נאָמען פון אריסטאָטעלס די בּעקאַנטע לעהרע, אז די „אטריבּוטען", די „תיאורים", די „בּעצייכענונגען" וועגען גאָט, קאָן מען זאָגען נאָר „נעגאַטיוו", דאָס הייסט וואָס גאָט „איז נישט", אָבּער נישט „פּאָזיטיוו", דאָס הייסט וואָס גאָט „איז יאָ".

עס איז זיכער, אז הגם דער גרויסער יודישער פילאָזאָף פון יענער צייט רב סעדיה גאון (געבּוירען אין יאָהר 892, געשטאָרבּען 941), דער גרינדער פון דער יודישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, דערמאָהנט נישט אין זיין ספר „האמו־נות והדעות" דעם נאָמען פון אריסטאָ־טעלעס, אָבּער ער האָט זיכער שטודירט אריסטאָטעלעס'עס לעהרען און ער בּרענגט א סך פון זיי אין זיין דער־מאָהנטען ספר. שוין אין דעם בּעקאַנ־טען פּראָבּלעם וועגען „חידוש וקדמות העולם", דאָס הייסט, צו איז די וועלט בּעשאַפען געוואָרען, אָדער זי עקזיס־טירט פון אייבּיג אָן, בּרענגט רב סעדיה די מיינונג פון „האיש הזה" (דעם דאָ־זיגען מענש, דאָס מיינט ער זיכער אריס־טאָטעלעס'ן), וואָס האַלט אז די וועלט עקזיסטירט פון אייבּיג אָן און זי איז נישט בּעשאַפען געוואָרען, און רב סע־דיה גאון טרעט ארויס געגען דער מיי־נונג, ווייל זי שטימט נישט מיט דעם סיפּור אין חומש וועגען „בּריאת העו־

לם". א גאַנצע רייה יודישע פילאָזאָפען וואָס האָבען געלעבט אין 11־טען און 12־טען יאָהרהונדערט, ווי רבי שלמה אבן גבירול, רבי אברהם אבן עזרא, רבנו בחיי מחבר פון „חובת הלבבות" און אנדערע, אָבוואָהל זיי ברענגען מיינונגען פון אריסטאָטעלעס (טייל מיט זיין נאָמען און טייל אָהן זיין נאָמען), זענען אבער אין אלגעמיין נישט געווען זיינע אָנהענגער. אויך דער „כוזרי", וועלכער ברענגט דעם נאָמען פון „אריסטו", איז אין אלגעמיין א געגנער פון דעם גאַנצען ענין פילאָזאָפירען, און דעריבער איז אריסטאָטעלעס'עס איינפלוס אויף איהם נישט בעזונדערס גרויס.

די ערשטע צוויי גרויסע יודישע פילאָזאָפען וואָס זענען אינגאַנצען געוואָרען אָנהענגער פון אריסטאָטעלעס (מיטן אויסנאַהם פון עטליכע לעהרען ווי למשל דעם דערמאָהנטען „קדמות העולם") זענען געווען רבי אברהם בן דוד, ראבד דער ערשטער) וואָס האָט געשריבען זיין ספר „אמונה רמה" אין 2־טער העלפט פון 12־טען יאָהרהונדערט, און רבי משה בן מיימון, דער רמבם, אין זיין בעריהמטען „מורה נבוכים", וועלכער האָט זיך אויסגעדרוקט אין „מורה נבוכים" ב', אז „אלץ וואָס אריסטו האָט געזאָגט וועגען זאכען פון דער ערד ביז צום „גלגל הירח" (לבנה־ספערע) איז אמת, אָהן שום צווייפעל". דער רמבם האָט נאָר נישט מסכים געווען מיט אריסטאָטעלעס וועגען דעם פראָבלעם פון „קדמות העולם", האַלטענדיג אז די וועלט איז יאָ בעשאפען געוואָרען, און אויך נישט וועגען דעם פראָבלעם פון „השגחה פרטית" (די געטליכע השגחה אויף יעדען איינצעלנעם וועזען). נאָכהער זענען שוין כמעט אלע יודישע גרויסע רעליגעזע פילאָזאָפען געגאַנגען אין דער שיטה פון אריסטאָטעליזם, ווי רבי הלל פון וועראָנא (מחבר פון „תגמולי הנפש"), רבי לוי בן גרשון (רלב"ג), רבי משה פון נאַרבאָנא און פיעל אַנדערע. מען האָט אויך איבערזעצט אין העברעאיש פיעל פון אריסטאָטעלעס'עס גרעסערע ביכער און קלענערע אָבהאַנדלונגען. א גרויסער טייל פון די דאָזיגע ערשינענע ביכער זענען פסיידאָ־אריסטאָטעלישע (דאָס הייסט, אנדערע האָבען זיי פערפאסט און אָנגערופען אַלס זייער מחבר דעם נאָמען פון אריסטאָטעלעס).

וועגען אריסטאָטעלעס זענען ארומגעגאַנגען זינט גאָר אַלטע צייטען לעגענדעס, אז ער האָט גענומען זיין פילאָזאָפישע חכמה פון יודען אין ירושלים; שוין פלאַוויוס אין זיין „געגען אפיאָן" ברענגט די דאָזיגע לעגענדע. עס זענען געווען זאָגאר לעגענדעס, אז אריסטאָטעלעס אליין איז געווען א יוד. **וועגען דער שיטה פון אריסטאטעלעס און איהר איינפלוס אין דער יודישער פילאזאפיע געבען מיר ביים שטיך-ווארט „משה בז מימון".**

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; גינזבורג, „ידישע דענקער און פאָעטען" (אויף יודיש) אין די ביאָגראפיעס פון רב סעדיה גאון, ראב"ד צום ערשטען, רמב"ם און אַנדערע; איבער די העברעאישע איבערזעצונג פון אַריסטאָטעלעס האָט שטיינשניידער געשריבען אין זיין דייטש בוך „דיי העברעאישע איבערזעצונגען אין מיטעל-אַלטער" אויך אין זיין „ספרות ישראל" איבערזעצט אויף העברעאיש; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

# יודישע ענציקלאָפּעדיע

פאַר יודישע געשיכטע, קולטור, רעליגיע
פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, ביאָגראַפיע,
ביבליאָגראַפיע, און אַנדערע יודישע ענינים.


בעארבייט און צונויפגעשטעלט
פון
**שמחה פיעטרושקא**


**באנד II, פערטער בוך**
**(אריכטובולום — בלום)**


**1933 ווארשא תרצ"ג**

פ א ר ל א ג „י ה ו ד י ה"

*Copyright 1933.*
*by Wydawnictwo „Jehudia“, Warszawa.*

*PRINTED in POLAND*

**S. PIETRUSZKA**

**„ENCYKLOPEDJA ŻYDOWSKA“**

**Tom. II,**

**Wydana przez wyd. „Jehudia“**

Skład: „Zjednoczeni Drukarze”.
Druk: „Grafja”

# הקדמה

ביים ארויסגעבען איצט דעם צווייטען באַנד (4-טען בוך) פון דער „יודישער ענציקלאָפּעדיע" אויף יודיש, האַלטען מיר פאַר נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף אַ רייה ענדערונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין דעם ענציקלאָפּעדיע-פּלאַן און אויך אויף געוויסע כאַראַקטער-שטריכען פון דער ענציקלאָפּעדיע בכלל.

שוין אין דער הקדמה צום ערשטען באַנד האָבען מיר ערקלערט, אַז אונזער ציעל איז צו געבען נישט אַ ספּעציעל-וויסענשאַפטליכע ענציקלאָפּעדיע פאַר פאָרשער פון חכמת ישראל, נאָר אַ פאָלקסטימליכע ענציקלאָפּעדיע, אַ קלאָר און פערשטענדליך האַנד-און לעזע-בוך פאַר אַ גרעסערע צאָהל יודישע לעזער, וואָס ווילען בעקומען ידיעות איבער אַלע ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות מיט יודענטום, איבער יודישער געשיכטע, רעליגיע, פילאָזאָפיע, לענדער-קיבוצים, ספרים, ביכער, לעבענס-בעשרייבונגען פון גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, יודישע בעוועגונגען (חסידות, ציוניזם וכדומה). מיר האָבען דעריבער נישט געפינען פאַר נויטיג צו ערשעפּען יעדען ענין, צו געבען אַלע איינצעלהייטען וועגען יעדער זאַך, נאָר מיר געבען די גרונד-בעגריפען, די הויפּט-דאַטעס, די וויכטיגסטע פּאַסירונגען. דאָס האָט אונז אויך בעוואויגען צו בענוצען אין דער ענציקלאָפּעדיע נישט דעם אָנגענומענעם קורצען סטיל און ראשי תבות, נאָר גראָד די פּאָפּולערע שרייב-פאָרם, דאָס קלאָרע אַרומרעדען יעדען ענין, כדי די ענציקלאָפּעדיע זאָל קאָנען בענוצט ווערען ווי אַ לעזע-בוך אויך פאַר אַזעלכע לעזער, וועלכע מען דאַרף ערשט אַריינפיהרען אין די אַלע ענינים.

צווייטענס, לויט דעם פריהערדיגען פּלאַן האָט די ענציקלאָפּעדיע געזאָלט ענטהאַלטען מעהר שטיך-ווערטער, מעהר איינצעל-ענינים, און וועגען יעדען פון זיי האָט געזאָלט בעזונדער אין דער ענציקלאָפּעדיע בעשריבען ווערען. אָבער אין דער אַרבייט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס האָט זעהר בעשווערט דאָס אַרויסגעבען די ענציקלאָפּעדיע; שוין דער ערשטער אות „אלף" האָט פערנומען זעהר פיעל אָרט, און אַזוי אַרום וואָלט אויסגעקומען, אַז די גאַנצע ענציקלאָפּעדיע, אנשטאָט 10 בענדער (30 ביכער), וואָלט געמוזט פערנעהמען בעדייטענד מעהר. מיר האָבען דעריבער געמאַכט געוויסע ענדערונגען און אין די ווייטערדיגע

ביכער בעמיהען מיר זיך צו געבען וואס=וועניגער איינצעל=ענינים, און אלץ מעהר אלגעמיינע שטיך=ווערטער. למשל אזעלכע שטעדט מיט גרויסע יודישע ישובים, ווי ביאליסטאק, באסטאן, באלטימאר וכדומה, וועלען מיר נישט געבען אלס איינצעלנע שטיך=ווערטער, נאר אריינשליסען זיי אין די שטיך=ווערטער „פוילען", „פעראייניגטע שטאטען". מיר וועלען געבען אלס בעזונדערע שטיך=ווערטער נאר גאר בעדייטענדע הויפט=שטעדט, אדער אזעלכע, וואס האבען א וויכטיגערע בעדייטונג אין דער יודישער געשיכטע.

דריטענס, ביים פיהרען די ארדנונג פון די שטיך=ווערטער לויט'ן אלף=בית איז אויסגעקומען, אז אין די ערשטע בוכשטאבען („אלף" און „בית") זענען אריין פראפארציאנעל א זעהר גרויסע צאהל ענינים, און מיר האבען דעריבער א סך פון זיי זיך בעמיהט צו געבען אין די ווייטערדיגע בוכשטאבען. אזוי למשל די חסידישע רביים רבי בונם פון פשיסכא, ר' אלימלך פון ליזשענסק וכדומה געבען מיר ביי די שטיך=ווערטער „שמחה בונם", „ליזשענסק"; דאסזעלבע געבען מיר רבי ישראל דעם מגיד פון קאזשעניץ ביים שטיך=ווארט „קאזשעניצער מגיד", ווייל אויך דער בוכשטאב „יוד" ענטהאלט א זעהר גרויסע צאהל שטיך=ווערטער. דעריבער, ווען א לעזער וועט נישט געפונען א פערזענליכקייט ביים שטיך=ווארט פון נאמען אדער פון פאמיליען=נאמען, זאל ער זוכען ביים שטיך=ווארט פון דער שטאדט, וואו די פערזענליכקייט האט געוואוינט; קיין פעסטע כללים האבען מיר דא נישט איינגעפיהרט.

פערטענס, דא ערקלערען מיר נאכאמאל, וואס מיר האבען געזאגט אין דער הקדמה צום ערשטען באנד, נעמליך, אז אונזער ענציקלאפעדיע איז א יודישע און נעהמט ארום נאר יודישע ענינים, און מיר פרעטענדירען נישט צו געבען אלגעמיינע ערקלערונגען. דעריבער, ווען מיר בעשרייבען א לאנד, געבען מיר נאר וועגען די יודען אין דאזיגען לאנד, זייער געשיכטע, זייער לאגע אין דער געגענווארט. וועגען לאנד זעלבסט געבען מיר נאר די סאמע נויטוועגדיגסטע אלגעמיינע בעגריפען, ווי למשל וואו דאס לאנד געפינט זיך, וויפיעל עס איז די צאהל פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג וכדומה און נישט מעהר. מיר געבען די ערקלערונג, ווייל אין דער קריטיק איבער דעם ערשטען באנד איז געמאכט געווארען א פארוואורף אין דער דאזיגער הינזיכט.

פיפטענס, מיר ערקלערען, אז אין וויסענשאפטליכער און רעליגיעזער הינזיכט זענען מיר פולשטענדיג אביעקטיוו, דאס הייסט, אז אין יענע פאלען, וואו עס איז פארהאן א חלוקי=דעות צווישען דער וויסענשאפטליכער פארשונג און דער רעליגיעזער טראדיציע, געבען מירביידע מיינונגען. דאס איז נישט קיין פראגע וועגען אונזער ע נ ט ש יי ד ו נ ג איבער די דאזיגע צוויי מיינונגען נאר וועגען א י נ פ א ר מ י ר ע ן דעם לעזער, וועגען דערצעהלען איהם דאס, וואס איז איבער דעם ענין געזאגט געווארען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דארט, וואו די וויסענשאפטליכע מיינונג אליין איז גארנישט קיין זיכערע, נאר שטיצט זיך אויף שוואכע השערות (הויפטזעכליך אין א גאנצער רייה איינצעלהייטען פון דער תנ"ך=קריטיק אין דער גאר אלטער יודישער געשיכטע) ברענגען מיר די וויסענשאפטליכע מיינונגען און געבען צו, אז דאס זענען השערות. דאגעגען

דאָרט, וואו די וויסענשאַפטליכע מיינונג איז די פולשטענדיג זיכערסטע (למשל אין דער כראָנאָלאָגיע פון בנין בית שני, וואָס ציהט נאָך זיך די ענדערונג פון דער גאַנצער כראָנאָלאָגיע פון די געשעהענישען פון ספר מלכים און דברי הימים) שטרייכען מיר אונטער די דאָזיגע זיכערהייט (אין שטיך־וואָרט „בית־המקדש" און אַנדערע). אויך ווילען מיר בעמערקען, אַז די אויפגאַבע פון אַ יודישער ענ־ציקלאָפּעדיע איז נישט אַריינצולאָזען זיך אין ויכוחים מיט'ן יודענטום, נאָר פעסטצושטעלען פאַקטען און מיינונגען. למשל אין אַ קריטיק איבער דעם ערשטען באַנד האָט מען אונז געמאַכט דעם פאָרוואורף, פאַרוואָס מיר האָבען אין שטיך־וואָרט „אדם הראשון" נישט דערצעהלט, אַז דער סיפּור פון אדם הראשון אין חומש איז אין סתירה צו דאַרווינ'ס טעאָריע וועגען דער אָבשטאַמונג פון מענש. דער דאָזיגער פאָרוואורף איז אַ פאַלשער. אין „אדם הראשון" דאַרפען מיר נאָר געבען, וואָס אין יודענטום איז פאַרהאַן וועגען דעם און אויך וואָס די היסטאָריש־וויסענשאַפטליכע פאָרשונג האָט צוזאָגען וועגען די פאַרגלייכענדע אדם־הראשון־סיפּורים ביי אַנדערע אַלטע פעלקער. אָבער עס איז נישט די אויפגאַבע פון אַ „יודישער ענציקלאָפּעדיע" געגענצושטעלען דעם סיפּור פון חומש די נייע ביאָ־לאָגישע טעאָריעס איבער דער אָבשטאַמונג פון מענש

זעקסטענס, אין דער צייט, וואָס די ענציקלאָפּעדיע ווערט געדרוקט, קומען געוועהנליך פאָר ענדערונגען אין לעבען און מיר ווילען זיך בעמיהען אין אַ ספּע־ציעלען צוגאָב־בויגען זיי ריכטיג צו שטעלען למשל אין איצטיגען באַנד געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אַרלאָזאָראָוו" די קורצע לעבענס־בעשרייבונג פון דאָזיגען ציוניסטישער פיהרער, אָבער אין דער צווישען צייט (דעם 16־טען יוני 1933) איז אַרלאָזאָראָוו ערמאָרדעט געוואָרען אין תל־אביב. מיר זועלען זיך בעמיהען, ווי געזאָגט, צוצוגעבען די דאָזיגע צוגעקומענע פאַקטען אין אַ צוגאָב־בויגען.

זיבעטענס, דאָס וואָס דער לעזער בעמערקט, אַז אין דער ענציקלאָפּעדיע ווערט אָבגעגעבען מעהר פּלאַץ פאַר דער אַמאָליגער יודישקייט־וועלט און דאָס יודישע לעבען פון דער געגענוואַרט פאַרנעהמט וועניגער פּלאַץ, איז עס דערפאַר, זוייל ווען מיר ווילען געבען אַ יודישע ענציקלאָפּעדיע איבער דעם גאַנצען סכום הכולל פון יודענטום, מוזען נאַטירליך די פיעל טויזענדער יאָהרען יודישע גע־שיכטע, שאַפונגען, רעליגיע, ביאָגראַפיעס פאַרנעהמען דעם אַנגעזעהענסטען אָרט. אַ חוץ דעם איז וועגען יודישען לעבען פון דער געגענוואַרט דאָך פאַרהאַן אין דער יודישער שפּראַך בעדייטענדערע ביכער, און דער לעזער קאָן פון זיי פיעל לערנען (איבער ליטעראַטור רייזענ'ס לעקסיקאָן, איבער טעאַטער זילבערצווייג'ס לעקסי־קאָן, איבער „בונד", „ציוניזם" און אַנדערע פיעל ביכער אין יודיש) דאַגעגען איז וועגען די עלטערע יודישע עפּאָכען פאַרהאַן אין דער יודישער שפּראַך זעהר זועניג און דעריבער האָבען מיר אין דער ענציקלאָפּעדיע געגעבען וועגען זיי אויספיהרליכער. אויך די דאָזיגע ערקלערונגען געבען מיר צוליעב דעם פאָרוואורף, זואָס די קריטיק האָט אונז געמאַכט אין בעצוג צום ערשטען באַנד.

די ענציקלאָפּעדיע איז אויסגערעכענט אויף 10 בענדער, וועלכע ווע־לען

ארומנעהמען אַלע שטיך=ווערטער=בוכשטאַבען פון אלף ביז תיו. יעדער באַנד־ ווערט אַרויסגעגעבען אין 3 ביכער, צו 10=דאָפּעל=בויגען אין אַ בוך; די אַלע דריי ביכער ווערען דערנאָך פעראייניגט אין איין באַנד. ביז איצט איז ערשינען־ דער ערשטער באַנד פון „א" ביז „אַריסטאטעלעס" (ביכער 1, 2 און 3). איצט־ געבען מיר אַרויס דעם 2=טען באַנד, וואָס וועט בעשטעהן פון די ביכער 4, 5 און־ 6. מיר ווילען האָפען, אַז מיר וועלען האָבען די מעגליכקייט אַרויסצוגעבען די־ ענציקלאָפּעדיע ביז צום סוף.

**אַריסטובלוס** אין דער אַלטער יודי=
שער געשיכטע פון דער
2=ער העלפט פון בית שני זענען פאַרהאַן
עטליכע יודישע פּערזענליכקייטען מיט'ן
נאָמען אַריסטובלוס (אויף גריכיש האָט
דער נאָמען געקלינגען „אַריסטאָבולאָס",
אין דער גמרא בבא קמא פ"ב ווערט
דער דאָזיגער נאָמען געשריבען „אַרים=
טובלס"), וואָס האָבען אַ גרויסע בּע=
דייטונג. מיר ווּעלען דאָ געבען די וויכ=
טיגסטע פון זיי.

1) אַריסטובלוס דער ערשטער. ער
איז געווען דער ערשטער יודישער מלך
פון דער חשמונאים=דינאַסטיע. זיין פאָ=
טער איז געווען יוחנן כהן גדול (הורקנוס
דער ערשטער) דער פירשט. אַריסטובלוס
(וועמענס יודישער נאָמען איז געווען
יהודה) איז געבוירען געוואָרען לערך
דעם יאָהר 140 פאַר דער קריסטליכער
צייטרעכנונג, און שוין ביים לעבען פון
זיין פאָטער האָט ער זיך אויסגעציי=
כענט אַלס יודישער מיליטער=פיהרער
און געפיהרט מלחמות געגען די סירי=
שע אַרמעען, וואָס האָבען געוואָלט איינ=
נעהמען ארץ=ישראל. ער האָט זיך אויס=
געצייכענט מיט זיין שטאַרקען כאַראַק=
טער, אָבער דערביי אויך אַלס ריקזיכטס=
לאָזער און גרויזאַמער מענש. זיין פאָ=
טער יוחנן כהן גדול האָט פאַר זיין טויט
אָנגעזאָגט אין דער צוואה, אַז אַלס הער=
שעריין אין לאַנד זאָל בּעשטימט ווערען
זיין ווייב די אלמנה, דאַגעגען יהודה
אריסטובלוס זאָל זיין נאָר כהן גדול.
אָבער ווי יוחנן איז געשטאָרבען האָט
אַריסטובלוס איינגעזעצט אין געפאַנגע=
ניש זיין מוטער (זי איז געווען זיין
שטיף=מוטער) ווי אויך זיינע דריי ברו=
דער און ער האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס
יודישער מלך. זיין שטיף=מוטער איז גע=
שטאָרבען אין געפענגעניש פון הונגער
און דער קלאַנג איז געווען, אַז אַרים=
טובלוס האָט איהר געלאָזט טויטען.
אַריסטובלוס האָט אויך געלאָזט טויטען
זיין ברודער אנטיגנוס. אַריסטובלוס איז
געשטאָרבען אין יאָהר 103 פאַר דער
קריסטליכער צייטרעכנונג. נאָך זיין
טויט האָט זיין אלמנה, די שפּעטערדיגע
קעניגין שלמציון המלכה חתונה געהאַט
מיט זיין ברודער אלכסנדער ינאי, וועל=
כער איז ערקלערט געוואָרען אַלס קעניג.
פון אַריסטובלוס זענען געבליבען
מטבעות מיט דער העבּרעאישער אויפ=
שריפט „יהודה כהן גדול וחבר היהודים".

2) אַריסטובלוס דער צווייטער איז גע=
ווען דער זוהן פון קעניג אלכסנדר ינאי
און זיין פרוי שלמציון. ער איז געבוירען
געוואָרען לערך דעם יאָהר 100 און גע=
שטאָרבען אין יאָהר 49 פאַר דער קריסט=
ליכער צייטרעכנונג. אויך ער איז געווען
פון זיין יוגענד אָן אַ מיליטער=מאַן, און
דעריבער האָט ער אין דעם גרויסען
קאַמף צווישען די צוויי יודישע פּאַרטייען
אין יענער צייט, פרושים און צדוקים, זיך
געשטעלט אויף דער זייט פון די צדוקים,
וואָס זייערע פיהרער זענען געווען די
גענעראַלען און מיליטער=לייט אין ארץ=
ישראל. נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער
און נאָכהער פון זיין מוטער איז אַרים=
טובלוס אַרויסגעטרעטען אין אָפענעם
קאַמף געגען זיין ברודער הורקנוס (דעם
צווייטען) וועגען דער הערשאַפט אין
ארץ=ישראל. דאָס איז די בּעריהמטע
מלחמה פון די צוויי חשמונאים=ברידער,
וואָס ווערט אויך דערמאָהנט אין דער
גמרא בבא קמא פ"ב „כשצרו בית
חשמונאי זה על זה" („ווען די חשמונאים
האָבען בּעלאַגערט איינער דעם צוויי=
טען); די דאָזיגע מלחמה האָט אויך גע=
געבען די געלעגענהייט דעם רוימישען
מיליטער=פיהרער פּאַמפּעאוס זיך אַריינ=

צומישען אין דעם בירדער־קאַמף, און שטעלענדיג זיך אויף דער זייט פון הורקנוס, האָט דאָס רוימישע מיליטער דעמאָלס צום ערשטען מאָל פערנומען ארץ־ישראל. אריסטובלוס איז גענומען געוואָרען געפאַנגען דורך די רוימער און מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט קיין רוים. דאָ איז ער שפּעטער בעפרייט געוואָרען דורך דעם געגנער פון פּאַמפּעאוס, דעם רוימישען הערשער יוליוס צעזאַר, וועלכער האָט געגעבען אריסטובלוס'ן אַ אַרמעע, כדי צו קעמפען געגען פּאַמפּעאוס. אָבער די פיינד פון אריסטובלוס האָבען איהם פער'סמ'ט און ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 49. זיין קערפער האָט מען געבראַכט קיין ירושלים און דאָרט קובר געווען.

3) אריסטובלוס דער צווייטער איז געווען אַ אייניקעל פון הורקנוס דעם צווייטען און אַ שוואָגער (פרוי'ס ברודער) פון הורדוס המלך, און האָט פערנומען דעם אַמט אַלס כהן גדול. הורדוס האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל דעם דאָזיגען אריסטובלוס נישט ערקלערען אַלס הערשער איבער ארץ־ישראל, און ער האָט דעריבער געהייסען זיינע קנעכט, אַז זיי זאָלען איך געהיים דערטרינקען זיין שוואָגער. ער איז דערטרונקען געוואָרען ביי יריחו אין יאָהר 35 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

4) אריסטובלוס דער פירטער. ער איז געווען אַ זוהן פון הורדוס המלך, און איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 35, און איז געטויט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון זיין פאָטער הורדוס אין יאָהר 7 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. אריסטובלוס איז געווען דער זוהן פון דער טראַגיש־אומגעקומענער קעניגין מאַריאַמנע, וואָס איז געטויט געוואָרען דורך איהר מאַן הורדוס. נאָך איהר טויט האָבען פערשידענע הויף־לייט אינטריגירט ביי הורדוס'ן געגען אריסטובלוס און זיין ברודער אלכסנדר, בעשולדיגענדיג זיי, אַז זיי ווילען אויס נקמה פאַר זייער מוטער טויטען הורדוס'ן. הורדוס האָט זיינע דאָזיגע צוויי זוהן געלאָזט טויטען.

5) אריסטובלוס פון פּאַנעאַס. אין דער אַלטער צייט, אין 2־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג איז אין אַלעקסאַנדריען אין עגיפּטען, וואו עס האָט געבליהט די יודישע פילאָזאָפיע אין דער גריכישער שפּראַך, אַרומגעגאַנגען אַ פילאָזאָפיש בוך, געשריבען אין גריכיש, און דער מחבר פון בוך האָט געזאָלט הייסען „אריסטובלוס פון פּאַנעאַס" (אין עגיפּטען). דאָס בוך אַליין איז צו אונז נישט דערגאַנגען, נאָר צוויי פרקים פון איהם זענען געבליבען אין די שריפטען פון קריסטליכען קירכען־פאָטער אייזעביוס (אין דריטען יאָהרהונדערט, נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג). אין די דאָזיגע פרקים בעמיהט זיך אריסטובלוס צו ערקלערען די אַלע אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע אויסדריקען אין תנ"ך, וואָס שטעלען פאַר די געטליכקייט אין מענשליכער געשטאַלט מיט מענשליכע אייגענשאַפטען, ווי למשל „יד ה'" (גאָט'ס האַנד), „וידבר ה'" (גאָט האָט גערעדט) אַז דאָס איז נור אַ אַלעגאָריע, אַ משל, וואָס דאַרף אויסדריקען די כחות פון דער געטליכקייט. אריסטובלוס ברענגט אויך די לעגענדע, אַז די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען, פּיטאַגאָראַס, פּלאַטאָן און אַנדערע האָבען געשעפּט זייערע פילאָזאָפישע קענטנישען פון יודען. — וועגען דעם דאָזיגען אריסטובלוס זענען די מיינונגען פון די געלעהרטע היסטאָריקער צוטיילט. טייל האַלטען, אַז אַזעלכער האָט גאָרנישט עקזיסטירט, און זיין

בוך איז פערפאַסט געוואָרען ערשט שפּעטער, נאָך דעם יודיש-גריכישען פילאָזאָף פילאָן, וואָס האָט געלעבט אין 1-טען יאָהרהונדערט. עס ווערט אויך אָנגעוויזען אויף פיעל בשותפות'דיגע געדאנקען, וואָס זענען פאַרהאַן ביי אריסטובלוס און פילאָן, און עס איז שווער פעסטצושטעלען, ווער עס האָט גענומען פון וועמען.

ביבליאָגראַפיע: וועגען די ערשטע אַריסטובלוס, וואַס האַבען געשטאַמט פון דער חשמונאים-דינאַסטיע און זייערע מלחמות און טראַגישע איבערלעבונגען, זענען די הויפּט-קוועלען די ווערק פון פלאַוויוס „אַלטערטימער" און „מלחמה", און נור געוויסע שפורען געפונען מיר אויך אין דער גמרא; די פאָרשונגען וועגען זיי זענען אין גרעץ „געשיכטע"; שירער, „געשיכטע"; „דורות הראשונים" פון הלוי; דערענבורג „משא ארץ-ישראל" אין דער העברעאישער איבערזעצונג פו- מבשן; וועגען דעם פילאָזאָף אריסטובלוס פון פאנעאַס איז פאַרהאַן אין גרעץ „געשיכטע"; בערנפעלד „דעת אלהים"; שירער „געשיכטע", ווי אויך אין דייטשען ווערק פון צעלער „פילאָזאָפיע פון די גריכען".

## אַריסטעאַס

דער קריסטליכער קירכען - פאַטער אייזעביוס (אין ענדע דריטען יאָהרהונדערט) ברענגט אין זיינע שריפטען א געוויסען אריסטעאס, וואָס האָט געשריבען א יודישע געשיכטע אויף גריכיש און אויך ערקלערונגען צום ספר איוב. אין דער ענדע פון בית שני איז געווען בעקאַנט אין אלעקסאנדריען א בריעף מיט'ן נאָמען „אריסטעאס-בריעף" וועגען דעם ווי אזוי עס איז איבערגעזעצט געוואָרען דער תנ"ך אויף גריכיש, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „סעפּטואגינטא" (תרגום-השבעים). וועגען דעם דאָזיגען אריסטעאס-בריעף געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „סעפּטואגינטא".

## אַרכיווען

מיט דעם דאָזיגען נאָמען בעצייכענט מען זאַמלונגען פון דאָקומענטען, וואָס ווערען אויפגעהיט. עס איז זיכער, אז שוין אין די גאָר אַלטע צייטען פון דער יודישער געשיכטע, אין בית ראשון, זענען געווען יודישע ארכיוון אין ארץ-ישראל, וואו עס זענען אויפגעהיטען און געזאַמעלט געוואָרען די וויכטיגע היסטאָרישע דאָקומענטען, יחוס-בריעף, מלוכה-אַקטען וכדומה. פון דעם, וואָס די מחברים פון ספר מלכים און דברי הימים פעררופען זיך ביי דער געשיכטע פון יעדען קעניג פון יהודה אָדער ישראל „הלא הם כתובים בדברי הימים למלכי יהודה" אָדער „למלכי ישראל", איז צו זעהען, אז אין ירושלים און אין שומרון (דער הויפּט-שטאָדט פון די מלכי ישראל) זענען געווען ספּעציעלע ארכיוון מיט געזאַמעלטע דאָקומענטען און בעשרייבונגען פון די בעטרעפענדע הערשער. אויך שפּעטער, אין דער צייט פון בית שני איז זיכער געווען אין ירושלים א ארכיוו מיט פערשידענע וויכטיגע דאָקומענטען, און עס איז אָנצונעהמען, אז אין דער גאונים-עפּאָכע אין בבל איז געווען א יודישער ארכיוו מיט דאָקומענטען, מיט וועלכע עס האָט זיך בענוצט רבי שרירא גאון אין זיין בעריהמטען בריעף („אגרת דרב שרירא"). אויך אין מיטעל-אַלטער און שפּעטער ביז צו דער נייערער צייט זענען געווען אין די פערשידענע וויכטיגערע קהלות אין שפּאַניען, דייטשלאַנד, איטאַליען, פּוילען, געוויסע ארכיוון, וואו מען האָט געזאַמעלט און אויפגעהיט וויכטיגע דאָקומענטען, אַקטען-פריווילעגעס, וואָס מען האָט בעקומען פון הערשער (אין העברעאיש האָבען זיי געהייסען „קיומים"), אָנגענומענע תקנות, פערשריבענע וויכטיגע

היסטאָרישע געשעהענישען. טייל פון זיי זענען געזאמעלט געוואָרען אין די אַזוי־גערופענע „פנקסים“. אָבער דער גרעסטער טייל פון די אַלע ארכיוועו־דאָקומענטען זענען פערניכטעט געוואָרען. ערשט אין דער נייערער צייט איז אין פערשידענע לענדער ענטשטאַנען דער פּלאַן צו גרינדען יודישע ארכיוועו, צו זאמלען און אָבצוהיטען די וויכטיגע דאָקומענטען. אין דייטשלאַנד איז אַ דאַנק דער בעמיהונג פון דר. צוויוער ענטשטאַנען אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונדערט דער „געזאמט ארכיוו פון דייטשע יודען“, אַ חוץ דעם זענען פאַרהאַן לאָקאַלע ארכיוועו אין די בעזונדערע דייטשע קהלות פון בערלין, ברעסלוי, קעלן, האמבורג און אַנדערע, ווי אויך אין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, פראַנקרייך (פּאַריז), ענגלאַנד (לאָנדאָן) ווי אויך ביי די גרעסערע יודישע ביבליאָטעקען אין די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא. אין פוילען זענען פאַרהאַן ארכיוועו ביי די יודישע געמיינדעס אין ווארשא, קראָקא, לעמבערג און ווילנא, וואו עס איז אויך פאַרהאַן אַ ספּעציעלע ארכיוו־זאַמלונג ביי דער „יוואָ“ (יודיש־וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט). יודישע ארכיוועו זענען אויך פאַרהאַן אין רוסלאַנד (לענינגראַד און מאָסקווא), וואָס זענען געגרינדעט געוואָרען נאָך פאַר דער מלחמה אין יאָהר 1908, און זענען שפּעטער בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען. — בעזונדערע ארכיוועו האָבען אויך די פערשידענע יודישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. אין בערלין איז אין יאָהר 1919 געגרינדעט געוואָרען דער ציוניסטישער ארכיוו, וואָס זאַמעלט אַלע אַקטען און דאָקומענטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער געשיכטע פון ציוניזם. אַ גרויסער ארכיוו איז אויך פאַרהאַן ביי דער אוניווערזיטעטס־ביבליאָטעק אין ירושלים. אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (בונד, פּועלי ציון) האָבען זייערע ארכיוועו.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן.

**ארכיטעקטור** מיט דעם וואָרט בעצייכענט מען די „בוי־קונסט“, דעם „בוי־סטיל“ פון הייזער און אַנדערע געביידעס. עס איז איינע פון די שווערסטע פראַגען, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געלעזט, צי האָבען יודען אין די אַלטע צייטען און אויך שפּעטער געהאַט אַ אייגענע ארכיטעקטור, אַ אייגענעם סטיל אין דער בוי־קונסט פון געביידעס און מאָנומענטען, ווי עס האָבען געהאַט אַנדערע אַלטע פעלקער, מיט וועלכע יודען זענען געקומען אין בעריהרונג, ווי למשל די אַלטע עגיפּטער, באַבילאָניער, גריכען און אַנדערע. טייל האַלטען זיך ביי דער לעגענדאַרער מיינונג, אַז יודען אין די גאַר אַלטע צייטען האָבען יאָ געהאַט אַ אייגענע ארכיטעקטור, און ווען די יודען זענען אין די צייטען פון די אבות געקומען קיין מצרים, האָבען זיי דאָרט אויסגעלערענט די עגיפּטער בויען זייערע געביידעס, און אַזוי ווי די שפּורען פון דער עגיפּטישער ארכיטעקטור זענען צו געפינען אויך אין דער שפּעטערדיגער גריכישער בוי־קונסט, פון וואַנען עס האָבען געלערענט די ארכיטעקטור אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, קומט אויס, אַז די יודען זענען די ארכיטעקטור־לעהרער פון אייראָפּאַ, אָבער דאָס איז נישט מעהר, ווי אַ נישט־בעוויזענע לעגענדאַרע מיינונג. דאַגעגען איז פאַרהאַן אַ אַנדערע מיינונג, אַז די יודען האָבען אויך אין די אַלטע צייטען אין ארץ־ישראל נישט גע־

האט קיין אייגענע ארכיטעקטור, און אפילו אויף צו בויען דעם ערשטען בית=המקדש אין דער צייט פון שלמה המלך האבען יודען געבראכט בוי=מייסטער פון פעניציען (פון חירם מלך צור) ווי עס ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים, אזוי, אז לויט דער דאזיגער מיינונג איז דער בוי=סטיל פון בית=המקדש געווען א פעניצישער. וואס אנבעלאנגט די שפורען פון געביידעס און מאנומענטען, וואס זיינען געבליבען פון דער צייט פון 2=טען בית=המקדש (למשל דער ,,יד אבשלום'' אין ירושלים, די חורבות פון די יודישע שוהלען אין גליל, וואס מען האט לעצטענס געפונען) איז אין זיי צו בעמערקען דייטליך דעם איינפלוס פון דער גריכישער און רוימישער בוי=קונסט. דר. א. סוקעניק, אין זיין ארטיקעל ,,חורבות פון אנטיקע יודישע שוהלען אין ארץ=ישראל'' (געדרוקט אין זשורנאל ,,מילגרוים'', בערלין 1922), זאגט, אז די דאזיגע אלטע שולען זיינען אין זייער סטיל גארנישט עהנליך צו אונזערע איצטיגע שולען, אבער כאטש די באזיליקע איז גענומען געווארען פון די גריכישע בנינים, פערמאגט זי דאך איהרע יודישע אייגענטימליכקייטען, ווייל די ארכיטעקטען האבען געמוזט צופאסען די פרעמדע בוי=פארם צו די דרכים פון יודישען לעבען. אויך די יודישע שוהלען אין מיטעל=אלטער און דער נייער צייט אין אייראפא זיינען אין זייער בוי=סטיל געווען בעאיינפלוסט פון דער ארכיטעקטור פון די ארומיגע פעלקער, און ספעציעל איז צו בעמערקען אין זיי דעם ביזאנטינישען סטיל, הויפטזעכליך אין שפאניען, וואו דער איינפלוס פון דעם מזרח=סטיל פון די מוירען=אראבער איז געווען גרויס. עס איז פארהאן א מיינונג, אז גראד אין פוילען אין 17=טען און 18=טען יאהרהונדערט זיינען די יודישע שוהלען יא געבויט געווארען לויט א אייגענעם יודישען סטיל. דער פוילישער דיכטער מיצקעוויטש אין זיין פאעמע ,,פאן טאדעאוש'' ברענגט די מיינונג, אז די יודישע קרעטשמעס אין פוילען זיינען געבויט לויט דעם סטיל פון בית=המקדש. א געוויסער בעזונדערער יודישער סטיל אין דער בוי=קונסט ענטשטעהט לעצטענס אין ארץ=ישראל ביים בויען די נייע הייזער אין די שטעדט. אבער אויך דער דאזיגער סטיל דערמאהנט א געמיש פון דעם מזרח=סטיל אין דער אייראפעאישער ארכיטעקטור. אין דער נייער העברעאישער שפראך אין ארץ=ישראל ווערט דער ארכיטעקט אנגערופען: ,,אדריכל''.

ב י ב ל י א ג ר א פ י ע: טאנענבוים אין „כנסת ישראל" פון שפר וועגען ארכיטעקטור ביי יודען אין אלטערטום; דאס דערמאהנטע ארטיקעל פון סוקעניק אין „מילגרוים". ווי אויך דאס ארטיקעל פון טעפליץ אין „מילגרוים" מיט'ן נאמען „פון דער „פאלקס=קונסט"; די זאמעלביכער „קובצים" פון דער „חברה לחקירת העתיקות בארץ=ישראל" (וועגען די אלט=שולען אין גליל); יודישע ענציקלאפעדיעס (אין אוצר ישראל שטיך=ווארט „בנין").

**ארכעאלאגיע** דאס איז א גריכיש ווארט, און בעדייט ,,די לעהרע פון אלטערטום''. מיט'ן ווארט ,,יודישע ארכעאלאגיע'' בעצייכענט מען די וויסענשאפט, וואס פערנעהמט זיך מיט אויספארשען דעם יודישען לעבענס=שטייגער אין די צייטען פון אלטערטום, אין די צייטען פון תנ''ך, פון צווייטען בית=המקדש, משנה און גמרא, דאס הייסט, ווי אזוי יודען האבען געלעבט, זייערע הייזער, מאכלים, מלבושים, פערשידענע לעבענס=געוואוינהייטען, הויז=זאכען, כלים, מלחמה=גע=

וועהר, גלויבונגען, אינסטיטוציעס, נאַטור=וויסענשאַפטען, מנהגים, האַנדעל, לאַנדווירטשאַפט. כדי דאָס אַלץ צו וויסען און גרינדליך אויסצופאָרשען, בענוצט זיך די וויסענשאַפט פון „יודישער אַרכעאָלאָגיע" קודם כל מיט די ידיעות, וואָס זי שעפּט פון די אַלטע ספרים, פון תנ"ך, די ספרים און ביכער פון דער צייט פון 2=טען בית=המקדש (כתובים אחרונים, יודיש=גריכישע ביכער, פילאָנס ווערק, די ביכער פון פלאַוויוס), די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור (משנה, תוספתות, ביידע גמרות בבלי און ירושלמי, די פערשידענע מדרשים וכדומה), די ביכער פון אַלטען קריסטענטום. חוץ דעם בעקומט מען אויך פערשידענע ידיעות פון די אויסגראַבונגען, פון די פערשידענע זאַכען, וואָס מען געפינט אין דער ערד און וואָס שטאַמען פון יענע אַלטע צייטען (שטיקער מויערען, אויפשריפטען, מטבעות, כלים, סתם זאַכען). אָבער כדי גרינדליכער צו קענען לערנען דעם יודישען לעבענס=שטייגער אין יענע אַלטע צייטען, מוז די יודישע אַרכעאָלאָגיע זיך אויך בעשעפטיגען מיט קענען=לערנען די אַרכעאָלאָגיע פון די שכנות'דיגע פעלקער אין אַלטערטום, וואָס האָבען געהאַט אַ איינפלוס אויפ'ן לעבען פון יודישען פאָלק, דאָס הייסט, די אַרכעאָלאָגיע פון נאָהנטען אָריענט (עגיפּטען, אשור און בבל, סיריען, אַראַביען, פערסיען און אַנדערע לענדער) ווי אויך פון טייל אַנדערע פעלקער אין שפּעטערען אַלטערטום, ווי גריכענלאַנד, רוים, די לענדער פון פאָדער=אַזיען און אַנדערע.

איבער דער יודישער אַרכעאָלאָגיע זענען געשריבען געוואָרען זעהר פיעל ביכער און אָבהאַנדלונגען, און עס זענען אויך פערעפענטליכט געוואָרען פיעל בילדער. אין ארץ=ישראל איז פאַרהאַן די יודישע געזעלשאַפט „חברה לחקירת העתיקות בארץ=ישראל" („צו פאָרשען די אַלטערטימער אין ארץ=ישראל"), וואָס גיעט אַרויס „קובצים" זאַמעלביכער מיט די רעזולטאַטען פון די פאָרשער. אויך אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקא, פראַנקרייך, איטאַליען זענען פאַרהאַן געזעלשאַפטען צו ערפאָרשען די אַלטערטימער פון ארץ=ישראל און זיי געבען אַרויס פערשידענע זשורנאַלען און פערעפענטליכען אויך בעזונדערע ווערק פון זייערע פאָרשונגען. וויכטיגע ענציקלאָפּעדישע ווערק וועגען דער אַרכעאָלאָגיע פון דער צייט פון תנ"ך האָבען אַרויסגעגעבען אין דייטש: וויענער „ביבלישע רעאַל=ענציקלאָפּעדיע"; נאָוואַק, „העברעאישע אַרכעאָלאָגיע"; קייל, „האַנדבוך דער ביבלישען אַרכעאָלאָגיע"; אין העברעאיש איז פאַרהאַן: סאָלאָווייטשיק „שכיות המקרא" (בערלין 1925) מיט 700 בילדער; אין ענגליש איז פאַרהאַן: הענדקאָק, „דהי אַרכעאָלדזשי אָוו דהי האָלי לענד" (1916) און אויך פיעל אַנדערע. וועגען דער צייט פון דער גמרא איז פאַרהאַן פון קרויס „קדמוניות התלמוד" (בערלין 1922), ראַפּאַפּאָרט'ס „ערך מלין" און אַנדערע.

וועגען די אויסגראָבונגען גיבען מיר ביים שטיך=וואָרט אויסגראָבונגען. דאָסזעלבע גיבען מיר ביי פערשידענע שטיך=ווערטער וועגען „לאַנד=ווירטשאַפט", „מטבעות", „מלחמה=וועזען", „אָבערגלויבונגען", „מלבושים", „עסען", „האַנדווערקעריי" און פערשידענע אַנדערע זאַכען, וואָס געהען אַריין אין געביעט פון אַרכעאָלאָגיע.

ביבליאָגראַפיע: די דערמאָהנטע העברעאישע ביכער פון סאָלאָווייטשיק „שכיות המקרא", קרויס „קדמוניות התלמוד"; יודישע ענציקלאָפּעדיע.ס

**אַרכעלאוס** יודישער הערשער. זוהן פון הורדוס. ער איז בעשטימט געוואָרען דורך רוים אַלס הערשער איבער דרום און מיטעל ארץ־ישראל מיט ירושלים אַלס הויפּטשטאָדט נאָכ'ן טויט פון זיין פאָטער אין יאָהר 4 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. דעם טיטול האָט ער געהאַט נישט „קעניג" (ווי זיין פאָטער) נאָר „עטנאַרך". אָבער ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס זעהר שטרענגער און גרויזאַמער הערשער און באַלד אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין הערשאַפט האָט ער אום יום־טוב פּסח געשיקט מיליטער אין בית־המקדש און איז אָנגעפאַלען אויף דעם צונויפגעזאַמעלטען המון יודען און פיעל פון זיי געטויט דערפאַר, ווייל זיי האָבען געוואַגט זיך געגענצושטעלען זיינעם אַ בעפעהל. די יודען האָבען געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין רוים, און אין יאָהר 6 פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג (דאָס הייסט אין 10־טען יאָהר פון אַכעלאוס'עס הערשאַפט) האָט איהם רוים אַראָבגעזעצט פון זיין הערשאַפט און איהם פערטריבען קיין גאַליען (דאָס היינטיגע פראַנקרייך) וואו ער איז געשטאָרבען. נאָך אַרכעלאוס האָט רוים בעשטימט איבער ארץ־ישראל איהר אייגענעם רוימישען פערוואַלטער. פאַקטיש איז אַרכעלאוס געוועזען נישט קיין יודישער הערשער, נאָר אַ פערטרעטער פון רוים, און דאָס, וואָס רוים האָט איהם אַראָבגעזעצט, איז געוועזען דערפאַר, ווייל ער האָט זיין גרויזאַמקייט אַרויסגעוויזען צו־פיעל.

ביבליאָגראַפיע: פלאַוויוס (אין „אַלטערטימער" און „מלחמה"); גרעץ „געשיכטע" שירער „געשיכטע"; הלוי „דורות הראשונים"

**אַרלאָזאָראָף חיים** געבוירען 1899 ציוניסטישער פיהרער, איצט (אין יאָהר 1932) פּאָליטישער לייטער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און יודישער אַגענץ אין ירושלים. ער האָט דורכגעמאַכט זיין דאָקטאָר־שטודיום אין דייטשלאַנד און זייט דעם יאָהר 1924 וואוינט ער אין ארץ־ישראל. אַרלאָזאָראָף איז פון די גרינדער פון דער ציוניסטישער רעכטער אַרבייטער־פּאַרטיי „התאחדות" (נאָהנט אין דער אידעאָלאָגיע צו דער רעכטער „פּועלי ציון") און האָט געשריבען אין דייטש און העברעאיש (זשורנאַל „הפּועל הצעיר") פיעל אַרטיקלען איבער ארץ־ישראל־פראַגען. זייט דעם יאָהר 1931 איז ער מיטגליעד פון דער ציוניסטשער עקזעקוטיווע און איהר פּאָליטישער לייטער אין ירושלים. אַרלאָזאָראָף איז איצט פון די פיהרער פון דער „מפלגת פּועלי ארץ־ישראל" (אַרבייטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל).

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**אַרם** נאָמען פון לאַנד און פאָלק פון דעמזעלבען לאַנד, וואָס ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך און האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער אַלטער יודישער געשיכטע. דאָס לאַנד אַרם, וואָס איז בעוואוינט געווען דורך דעם פאָלק „אַראַמעער", האָט אַרומגענומען דאָס היינטיגע סיריען מיט דער הויפּט־שטאָדט דמשק און האָט זיך געצויגען ווייט ביז בבל. לויט דעם חומש בראשית כ"ב איז ארם געווען דער זוהן פון שם בן נח. דאָס לאַנד ארם איז געווען אָפט מאָל צוטיילט אין קלענערע לענדער, וואָס האָבען געהייסען אין תנ"ך „ארם נהרים" (בראשית י"ד), דאָס הייסט „צווישען די טייכען" פרת און חדקל, און דערפון שטאַמט דער גריכישער נאָמען „מעסאָפּאָטאַמיען", „צווי־

שען די טייכען''; „פדן ארם'' בראשית כ''ח, דאָס הייסט „דאָס פעלד פון ארם'', און דאָס זאָל זיין דאָס זעלבע, וואָס אין הושע י''ב „שדה ארם''; „ארם צובא'' (שמואל א' י''ד); „ארם בית רחוב'' (שמואל ב' י'); „ארם דמשק'' (שמואל ב' ח'). די שפּראַך פון די אראַמעער איז געווען „אַראַמעאיש'' און וועגן דעם געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „אַראַמעאיש''.

די בעדייטונג פון ארם אין דער יודישער געשיכטע איז זעהר גרויס. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז בכלל שטאַמט אָב דאָס יודישע פאָלק פון „ארם'' און אַ חוץ דער בעקאַנטער גענעאלאָגיע אין חומש בראשית י''א וועגן דער אָבשטאַמונג פון תרח דעם פאָטער פון אברהם אבינו אין איינעם פון די אַראַמעאישע לענדער, איז אויך אין דברים כ''ו אונטערגעשטראָכען געוואָרען דער „ארמי אבד אבי'' („מיין פאָטער איז געווען אַ בלאָנדזשענדער אַראַמעער''). אין ספר שמואל ב' און גאַנץ ספר מלכים (א' און ב') געפינען מיר כסדר, אַז צווישען דעם יודישען פאָלק אין ארץ-ישראל און דעם לאַנד ארם זענען געווען פערשידענאַרטיגע בעציהונגען; טיילמאָל פריינדליכע, און גאַנץ אָפט פיינדליכע. וועגען די מלחמות צווישען ארם און יודען איז פאַראַן ספּעציעל אין ספר מלכים ב'. אָבער ענדליך האָט ארם געהאַט דעמזעלבען גורל, וואָס ארץ-ישראל; אויך ארם איז צוערשט איינגענומען געוואָרען דורך אשור, נאָכהער בבל, דערנאָך דורך פערסיען און שפּעטער דורך גריכענלאַנד און רוים. וועגען דער פּאָליטישער לאַגע פון ארם אין דער דאָזיגער שפּעטערער גריכיש-רוימישער עפּאָכע גיבען מיר ביים שטיך-וואָרט „סיריען'', ווייל אַזוי האָט דאָס לאַנד געהייסען אין יענער צייט.

אין דער גמרא ווערט גאַנץ אָפט בענוצט דאָס וואָרט „ארמאי'' (אַראַמעער), צו בעצייכענען בכלל אַ נישט-יוד (סנהדרין פ''א „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו''), אָבער אין פיעל פאַלען איז אין די אַלטע טעקסטען פון דער גמרא געווען דאָס וואָרט „נכרי'' אָדער „גוי'' און ערשט די שפּעטערדיגע צענזור האָט איבערגעמאַכט עס אויף „ארמאי''.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג, „אוצר השמות''; פין, „האוצר''; קרעהלינג, „אַראַם אונד ישראל'' (דייטש) 1918; גרעץ, „געשיכטע'' (ערשטער טייל); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אַרמילוס** לויט אַן אַלטער יודישער לעגענדע איז דאָס דער נאָמען פון אַ שלעכטען קעניג, וואָס וועט הערשען אין דער צייט איידער משיח וועט קומען. דער קעניג אַרמילוס וועט, לויט דער דאָזיגער לעגענדע, הערשען איבער „אדום'' (דאָס זאָל זיין רוים) און ער וועט מלחמה האַלטען געגען יודען ביז משיח וועט קומען און איהם בעזיגען, און דעמאָלס וועט זיין די גאולה. — אין דער גמרא און אַלטע מדרשים איז די אַרמילוס-לעגענדע נישט פאַראַן. אין תרגום צו ישעיה י''א אויפ'ן פסוק „וברוח פיו ימית רשע'' ווערט צוגעגעבען, אַז רשע מיינט מען „אַרמילוס''; אָבער עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס וואָרט איז צוגעגעבען געוואָרען צום תרגום שפּעטער. איינער פון די ערשטע, וואָס דערמאָהנט די אַרמילוס-לעגענדע, איז רב סעדיה גאון אין זיין „האמונות והדעות'' מאמר ח'. מיר געפינען אויך די אַרמילוס-לעגענדע אין סוף מדרש „ויושע'' ווי אויך אין דעם „נברות דרבי שמעון בן יוחאי'', וואָס שטאַמט פון 9-טען אָדער 10-טען יאָהרהונדערט. אין דעם „אותיות המשיח''

(וואָס שטאַמט אויך פון 10־טען יאָהר־הונדערט) איז פאַרהאַן די לעגענדע־אַרמילוס אויספיהרליכער, ספּעציעל די לעגענדע וועגען זיין געבורט פון אַ פרויען־שטיין־בילד אין רוים. אויף ווי וויט די אַרמילוס־לעגענדע האָט אַ שייכות מיט דער לעגענדע ביי די קריס־טען וועגען דעם „אַנטי־קריסט", וואָס איז עהנליך צו אַרמילוס, איז נישט זיכער, כאָטש אין טייל אַלטע יודישע ספרים איז יאָ עפּעס וועגען דעם פאַר־האַן.

ביבליאָגראַפיע: קאָהוט „ערוך השלם"; גידעמאַן „התורה והחיים" (2־טער טייל); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**ארמעניען** לאַנד אין פאָדער־אַזיען, וואָס ציהט זיך ביים קאַספּישען ים און ביי די בערג אַראַראַט (אררט). עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג ביי פיעל געלעהרטע, אַז קיין אַרמעניען זענען פערטריבען געוואָרען די עשרת השבטים אין דער צייט פון 1־טען בית־המקדש. דער יודישער גע־לעהרטער צבי כשדאי אין זיין „שבטי יעקב ונצורי ישראל" (חיפה תרפ"ח) האָט צונויפגעזאַמעלט זעהר פיעל דאָקו־מענטען צו בעווייזען, אַז די אַרמענער זעלבסט זענען עם די אָבשטאַממענדע פון די עשרת השבטים און אַז נישט קוקענ־דיג דערויף, וואָס די אַרמענער זענען שפּעטער געוואָרען קריסטען, האָבען זיך ביי זיי דערהאַלטען פערשידענע יודישע מנהגים (שחיטה, תעניתים און אנדערע). אַ גאַנצע רייהע אַדעל־פאַמיליעס פון די אַרמענער (אימערעטינסקי, באַגראַציאָן און אנד.) האָבען אַ יחוס־טראַדיציע פון דוד המלך. אַנ'אַנדערע יודישע לעגענדע בעהויפּטעט, אַז די אַרמענער שטאַמען פון „עמלק" און די יודען אין די מזרח־לענדער רופען די אַרמענער „טימכע" (דאָס וואָרט „תמחה" את זכר עמלק). אין דער גמרא און מדרש ווערט אַרמע־ניען עטליכע מאָל דערמאָהנט (מדרש איכה: „הריני מגלה אותם דרך ארמי־ניא"). זייט דעם יאָהר 1921 געהערט אַרמעניען צו סאָוועט־רוסלאַנד און איז אַ סאָוויעטישע רעפּובליק. יודען וואוינען דאָרט ביי 8000 נפשות.

ביבליאָגראַפיע: כשדאי „שבטי יעקב ונצורי ישראל" (חיפה תרפ"ח); ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין"; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסי־קאָן.

**ארנון** דער נאָמען פון אַ טייך אין עבר הירדן, וואָס ווערט דערמאָהנט אין חומש (במדבר כ"א) אַלס די גרעניץ פון לאַנד מואב. דאָרט ווערט דער טייך אָנגערופען אין לשון רבים „ואת הנחלים ארנון", ווייל דער ארנון בעשטעהט צוערשט פון צוויי קליינע טייכלעך, וואָס פעראייניגען זיך דער־נאָך. לויט'ן נאָמען פון טייך האָט אין תנ"ך אויך די גאַנצע דאָרטיגע געגענד געהייסען „ארנון" (ירמיהו מ"ח, הגידי בארנון). אין דער גמרא ברכות נ"ד ווערט געבראַכט די אגדה, אַז דאָרט איז געשעהען די אידען אַ נס, ווייל — ווען די יודען זענען געווען אין דער מדבר האָבען זיך די אמורים בעהאַלטען אין ארנון־טאָל צווישען די בערג, כדי צו בעפאַלען די יודען; דער נס איז געווען, אַז די בערג האָבען זיך צוגערוקט איי־נער צום צווייטען און די אמורים זענען געטויט געוואָרען. דער ארנון ווערט אויך דערמאָהנט אויף דעם בעריהמטען שטיין פון מישע מלך מואב.

**ארנשטיין** נאָמען פון אַ בעריהמ־טער יודישער פאַמיליע אין וויען אין 18־טען און 19־טען יאָהרהונדערט. דער ערשטער בעקאַנטער יוד פון דער דאָזי־

גער פאַמיליען איז געווען אהרן יצחק אַרנשטיין (געשטאָרבען אין יאָהר 1744). ער איז געווען דער הויף־באַנקיר פון עסטרייכישען קייזערליכען הויף; ער האָט אויפגעהאַלטען לומדים און איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער נדבן. — זיין זוהן נתן אַנרשטיין האָט בעקומען דעם טיטול באַראָן, אויך ער איז געווען בעקאַנט אַלס פילאַנטראָפּ און האָט געגרינדעט פיעל פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען. זיין פרוי פאַני פאָן אַרנשטיין (געבוירען אין בערלין אין יאָהר 1758 טאָכטער פון באַנקיר פייט, — געשטאָרבען אין יאָהר 1818) איז געווען בעריהמט מיט איהר סאַלאָן אין וויען, וואו עס האָבען זיך גזאַמעלט די ליטעראַרישע און דיפּלאָמאַטישע וויענער פערזענליכקייטען. אין איהר סאַלאָן האָבען פערקעהרט די בעריהמטע דעמאָלסדיגע וועלט־דיפּלאָמאַטען, טייעראַן, וועלינגטאָן, די ליטעראַטען שלעגעל. אָבוואהל עס איז נישט בעקאַנט, אַז זי זאָל זיך האָבען אָבגעגעבען ספּעציעל מיט יודישע ענינים, זענען פאַרהאַן בעווייזען, אַז אויף דעם וויענער דיפּלאָמאַטען־קאָנגרעס אין יאָהר 1815 נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען, ווען מען האָט פעסטגעשטעלט די פּאָליטישע מאַפּע פון אייראָפּא, האָט פאַני פאָן אַרנשטיין געווירקט, אַז יודען זאָלען בעקומען געוויסע פרייהייטען און רעכט. איהרע קינדער האָבען זיך געשמד'ט און פון זיי שטאַמט די עסטרייכישע קאַטוילישע באַראָנען־פאַמיליע פאָן אַרנשטיין. — מאַרק אַרנשטיין (געבוירען אין יאָהר 1879 אין וואַרשא), אַ בעקאַנטער יודישער דראַמאַטורג און טעאַטער־רעזשיסער. ער האָט געשריבען די פּיעסען „דאָס אייביגע ליעד", „דער ווילנער בעל־הבית'ל" און אַנדערע. ער איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרען פון דער העברעאישער טעאַטער־טרופּע „הבימה".

ביבליאָגראַפיע: איבער דער וויענער פאַמיליע אַרנשטיין און דער בעדייטונג פון פאַני פאָן אַרנשטיין ביי גרעץ אין זיין „געשיכטע" (העברעאיש) באַנד 9; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע.

## אָרנשטיין יעקב — 1744 1839

בעריהמטער רב און פוסק אין לעמבערג, מחבר פון ספר „ישועות יעקב". ער איז געווען אַ זוהן פון לעמבערגער רב ר' מרדכי זאב. אין לעמבערג איז ער געוואָרען רב (נאָך זיין רבנות אין דער שטאָדט זשולקעוו) אין יאָהר 1806. רבי יעקב משולם אָרנשטיין איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער למדן און זיין ספר „ישועת יעקב אויף שלחן ערוך (געדרוקט אין זשולקעוו אין די יאָהרען תק"סט—תק"צה) איז געווען פּאָפּולער אין דער לומדישער וועלט. רבי יעקב משולם אָרנשטיין איז אויך בעקאַנט מיט זיין קאַמף געגען דער „השכלה"־בעוועגונג, וואָס האָט אין זיינע צייטען זיך אָנגעהויבען אין גאַליציען. ער האָט אין יאָהר 1815 געלעגט אין חרם אַ רייה אָנגעזעהענע משכילים אין מזרח־גאַליציען, צווישען זיי אויך דעם געלעהרטען רבי שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) און ערטער, און נור אונטער דעם דרוק פון דער פּאָליציי האָט ער דעם חרם צוריק אָבגערופען. געגען דעם דאָזיגען חרם האָט ראַפּאָפּאָרט פערעפענטליכט (אין לעמבערג 1815) זיין פּאָלעמישע בראָשור „נחלת יהודה". רבי יעקב אָרנשטיין איז געשטאָרבען אין יאָהר 1839. זיין אייניקעל (פון זיין יונג־פערשטאָרבענעם זוהן רבי מרדכי זאב) איז געווען רבי הירש אָרנשטיין, צווערשט רב אין

בריסק, און נאַכהער רב אין לעמבערג. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1888. פון איהם זענען פאַרהאַן שאלות ותשובות „מלחמות“ (לעמבערג 1889).

**ביבליאָגראַפיע:** „כלילת יופי“ פון דעמביצער; באַלאַבאַן, „געשיכטע פון יודען אגאַליציען“ (אויף פויליש); יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע.

**אָרנשטיין לעאָנאַרד** געבוירען אין יאהר 1880 אין האלאנד בעריהמטער יודישער מאַטעמאַטיקער, פּראָפעסאָר אין אוטרעכט. אָרנשטיין נעהמט אַ גרויסען אַנטייל אין דער ענטוויקלונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואו ער איז איינער פון די מיטגלידער פון קוראַטאָריום און ער האָט אויך מיטגעהאָלפען צום אויפבויען דעם מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישען אינסטיטוט. אָרענשטיין איז בעריהמט אין דער אַלגעמיינער וויסענשטאַפטליכער וועלט, אַלס איינער פון די בעדייטענדסטע מאַטעמאַטיקער.

**אָרעמקייט** די מיטלייד בעציהונג צו אָרעמקייט און צו דער זאָרג וועגען אָרימע מענשען איז איינער פון די הויפט־שטריכען פון דער אידישער רעליגיע און פון יודענטום. שוין אין תנ״ך זעהט מען דייטליך די דאָזיגע מיטלייד־בעציהונג צום אָרעמאַן, וואָס ווערט אָנגערופען אויף העברעאיש „עני“. „אביון“, „דל“, „רש“ און אויך נאָך אַנדערע נעמען. אין שמות כ״ב ווערט אָנגעזאָגט, אַז ווען מען באָרגט געלד דעם אָרעמאַן (את העני) „לא תהיה לו כנשה“ („זאָלסטו איהם נישט דריקען“), און אויב מען נעהמט ביי איהם זיין קלייד אלס משכון זאָל מען עס איהם צוריקגעבען. אין דברים ט״ו ווערט אָנגעזאָגט „פתח תפתח את ידך—לעניך ולאביונך“ (דו זאָלסט עפענען דיין האנד פאר דיין אָרעמאַן). אין די אַנדערע תנך־ספרים געפינען מיר אויך גאַנץ אָפט ווערטער מיט מיטלייד צום אָרעמאַן. אין משלי זענען פאַרהאַן וועגען דעם פיעל שפּריכווערטער, און ווען עס ווערען אין משלי ל״א דערצעהלט די מעלות פון א גוטער פרוי ווערט אויך דערמאָהנט „כפה פרשה לעני“ (איהר האנד שטרעקט זי אויס צום אָרעמאַן). עהנליכעס געפינט מען אויך אין תהלים, איוב און אנדערע תנך־ספרים. גרעץ אין דער ברעסלויער מאָנאַט־שריפט (יאָהר 1869) זאָגט ארויס זיין השערה, אז אין דער צייט פון תנ״ך איז געווען ביי אידען א ספּעציעלע אביונים־סעקציע, צו וועלכער עס האָבען אויך געהערט די נביאים, און איהר ציעל איז געווען צו פּרעדיגען די גוטע זייטען פון אָרעמקייט, פון נישט־בעזיצען ערדישע גיטער, און דער אָרעמאן איז געוואָרען אידעאַליזירט, און דערויף זאָלען זיך בעציהען די פערשידענע תנך־שטעלען, ווי „כי הציל את נפש אביון“ (ירמיה ז׳), „והשארתי בקרבך עם עני“ (צפניה ג׳), „עני ורוכב על החמור“ (זכריה ט׳), און אויך אנדערע ערטער (וועגען דער אביונים־סעקטע גיבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אביונים“). עס איז זיכער, אז די דאָזיגע שטרעמונג צו אידעאליזירונג פון אָרעמקייט האָט עקזיסטירט ביי אַ רייה אידישע סעקטען אין דער גאנצער צייט פון בית־שני, און ספּעציעל ביי די „איסיים“. שפּורען דערפון זענען פאַרהאַן אויך אין די ערשטע אידיש־קריסטליכע שריפטען, און ספּעציעל אין די בעקאַנטע בערג־פּרעדיגט אין עוואַנגעליום און מתי. — אין דער משנה און גמרא געפינט מען פיעל ווערטער וועגען הילף פאר אָרימע, און זאָגאר א געוויסע אידעאליזירונג.

אין חגיגה ט׳ ווערט געזאָגט פון אמורא שמואל, אז איינע פון די גוטע ערשיינונגען ביי אידען איז די אָרעמקייט (יאה עניותא לישראל), אָבוואָהל אין אנדערע ערטער ווערט די אָרעמקייט בעצייכענט אלס דער גרעסטער אומגליק פאר׳ן מענש. ווי קשה עניות (מועד קטן י״ז), „עני חשוב כמת״ (נדרים עד), „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״ (עירובין מ״א). אין פרקי אבות א׳ ווערט אלס איינע פון די אָנווייזונגען פאר׳ן מענש געזאָגט „ויהו עניים בני ביתך״ (אָרעמע לייט זאָלען זיין אין דיין הויז). וועגען צדקה און פערשידענע הילפס=פאָרמען פאר אָרעמעלייט אויך אין די שפּעטערע צייטען וועלען מיר געבען ביים שפּריכוואָרט „צדקה״.

1 ביבליאָגראַפיע: גרעץ אין מאָנאַטס=שריפט (1869); אין אוצר ישראל״ שטיך=וואָרט „עני״; יודיש=דייטשע ענציקלאָפּעדיע אין לעקסיקאָן.

**אֶרֶץ** אויף העבּרעאיש איז ארץ דער טייטש „ערד״, אָדער „לאַנד״. אָבּער אין דער משנה און גמרא ווערט געבּראַכט דאָס וואָרט „ארץ״ אויך צו בּעצייכנען ארץ=ישראל, און עס איז בּעקאַנט דער תלמודישער בּעגריף „מצוות התלויות בּארץ״ („מצוות, וואָס זענען פערפליכטענד נור אין ארץ=ישראל״); דעריבּער זענען אַלע לענדער אויסער ארץ=ישראל אויך אָנגערופען געוואָרען „חוץ=לארץ״ (אויסלאַנד). וועגען די טערמינען פון „אויסלאַנד״ אין געגענזאַץ צו ארץ=ישראל געבּען מיר בּיים שטיך=וואָרט „אויסלאַנד״. אין דער נייערער צייט ווערט בּענוצט דאָס וואָרט „ארץ״ צו בּעצייכנען „ארץ=ישראל״ אויך אין אַ רייהע שפּראַכען, ספּעציעל אין פּויליש.

**אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל** דאָס איז דער אַלגעמיין אָנגענומענער נאָמען פון אַלטען יודישען לאַנד, וואָס ליגט אין פאָדער=אַזיען לענג=אויס דעם מיטעל=לענדישען ים צווישען עגיפּטען פון דרום=זייט און סיריען פון צפון=זייט. מיר וועלען דאָ געבּען די אַלגעמיינע בּעשרייבּונג פון לאַנד, די נעמען, גרוים, געשיכטע, טאָפּאָגראַפיע, נאַטור, בּעפעלקערונג, פּאָליטישע פערהעלטנישען וכדומה.

I. נעמען פון לאנד אין תנ״ך

געפינען מיר פערשידענע נעמען צו בּעצייכנען דאָס לאַנד ארץ=ישראל. טייל=מאָל ווערט עס אָנגערופען „ארץ=כנען״ (בּראשית י״ב און פיעל אַנדערע ערטער) לויט דעם נאָמען פון פאָלק „כנען״, וואָס האָט דאָרט געוואוינט איידער די יודען זענען אין די גאָר אַלטע צייטען געקומען אין לאַנד. עס הייסט אויך „ארץ אמורי״; דער פּאַס פלאַך=לאַנד, וואָס ציהט זיך בּיי דרום לענג אוים דעם בּרעג פון מיטעללענדישען ים הייסט אויך „ארץ פלשתים״, ווייל דאָרט האָבּען געוואוינט די פלשתים (שמות י״ג פסוק י״ז און פיעל אַנדערע ערטער). אָבּער גלייכצייטיג געפינט מען שוין אין תנ״ך פערשידענע נעמען, וואָס בּעצייכענען עס אַלס דאָס „לאַנד פון יורען״, אָדער אַלס „הייליג לאַנד״. אַזוי הייסט עס שוין אין שמואל א׳ י״ג, ווי אויך אין יחזקאל כ״ז „ארץ=ישראל״; אין בּראשית מ׳ דערצעהלט יוסף, אַז ער איז גע׳גנב׳עט געוואָרען פון „ארץ העברים״ (דאָס לאַנד פון די עברים״) אין זכריה ב׳ הייסט עס „אדמת הקדש״ („די הייליגע ערד״); אין ירמיה ב׳ הייסט עס אויך „ארץ ה׳״ (גאָט׳ס ערד״), אין דניאל י״ב הייסט עס „ארץ הצבי״ („דאָס לאַנד פון גליסטונג״). אין

דער צייט פון ערשטען בית־המקדש, ווען ארץ־ישראל איז געווען איינגעטיילט אויף צוויי מלוכות, האָט דער דרום־טייל געהייסען „ארץ יהודה" („דאָס לאַנד פון יהודה") און דער צפון „ארץ אפרים" („דאָס לאַנד פון אפרים"), אָדער „ישראל". דער נאָמען „פאַלעסטינא", וואָס איז אָנגענומען היינט אין דער וועלט און וואָס שטאַמט פון וואָרט „פלשתים", שטאַמט פון אַלטען גריכישען היסטאָריקער הערָאדאט (אין 5־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) און פון דעמאָלס אָן ווערט עס אָנגערופען „פאַלעסטינא" אויך אין די גריכישע שריפטען פון די אַלטע יודישע שריפטשטעלער, צווישען זיי אויך פון פילאָן, פלאַוויוס און אַנדערע. אין דער גמרא אין בבלי, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין בבל, ווערט ארץ־ישראל אויך אָנגערופען „מערבא", ווייל ארץ־ישראל איז געלעגען צו מערב פון בבל (עירובין נ"ד און אַנדערע ערטער). אין די קריסטליכע שריפטען ווערט ארץ־ישראל אויך אָנגערופען „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד", וואָס נעהמט זיך פון די פיעל ערטער אין חומש, וואו עס ווערט געזאָגט „הארץ אשר נשבע" („דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו געבען יודען"). דער היינטיגער אָפיציעלער רעגירונגס־נאָמען פון לאַנד איז אין ענגליש און אַראַביש סתם „פאַלעסטינא", דאַגעגען אויף העברעאיש (וואָס איז איינע פון די דריי אָפיציעלע רעגירונגס־שפראַכען) הייסט עס „פלשתינה א"י" (די „א"י" זענען די ראשי תבות פון „ארץ־ישראל"). אויך מיר וועלען אין אונזער דאָזיגער בעשרייבונג זיך בענוצען מיט דער ראשי תבות א"י פאַר דער בעצייכנונג פון ארץ־ישראל.

II. גרויס און גרעניצען פון לאַנד

די גרויס פון א"י איז נישט געווען אין אַלע צייטען דיזעלבע. טיילמאָל האָט א"י אַרומגענומען אַזעלכע שטחים לענדער, וואָס אין אַנדערע צייטען האָבען זיי צו א"י נישט געהערט. אין חומש בראשית ט"ו און שמות כ"ג און אין אַנדערע תנ"ך־ערטער ווערט אָנגעגעבען די אידעאַלע גרויס פון ארץ־ישראל פון נהר מצרים (דאָס איז דער טייך וואדי אל אריש אין דרום) ביז צום טייך פרת אין מעסאָפּאָטאַמיען; אַזוי אַרום האָט א"י דעמאָלס אַרומגענומען אויך דעם גרויסען באַרג לבנון, סיריען, עבר־הירדן און אַ טייל מעסאָפּאָטאַמיען. די דאָזיגע גרעניצען האָט א"י געהאַט אין דער צייט פון די מלכים דוד און שלמה. אָבער עס זענען געווען צייטען, ווען א"י איז געווען אַ סך קלענער און האָט מעהר נישט אַרומגענומען ווי דאָס איצטיגע א"י ווי אויך אַ טייל פון עבר הירדן. אין דער גמרא ווערען דעריבער די אַלע שטחים איינגעטיילט, וועגען דער הייליגקייט, אין פערשידענע מדרגות: 1) „כבוש עולי מצרים", דאָס הייסט, דאָס א"י, וואָס איז איינגענומען געוואָרען דורך די יודען, ווען זיי זענען אָנגעקומען פון מצרים; 2) „כבוש דוד", די געגענדען, וואָס זענען פעראייניגט געוואָרען צו א"י דורך דוד המלך; 3) „כבוש עולי בבל", דאָס א"י, וואָס איז בעזעצט געוואָרען אין אָנהויב פון 2־טען בית־המקדש דורך די יודען, וואָס זענען צוריקגעקומען פון בבל.

היינט, נאָך דער וועלט־מלחמה, אין יאָהר 1922, איז דער שטח פון א"י געוואָרען בעגרעניצט, און נעהמט אַרום נאָר דאָס לאַנד, וואָס ליגט אויף דער מערב־זייט פון טייך ירדן. די מזרח־גרעניץ איז דער ירדן, די מערב־גרעניץ

איז דער מיטעללענדישער ים, די דרום=גרעניץ איז אַ ליניע, וואָס שניידט פון דער מיט מדבר סיני ביז צום פּאָרט אַקאַבאַ ביים ים=סוף (רויטען ים), און די צפון=גרעניץ איז ביי ראס=על=נאַקו=ראַ" ביי דער אַלטער שטאָדט צור. „עבר הירדן" איז היינט פּאָליטיש אַ בעזונדער לאַנד. דער שטח פון א"י איז גרויס לערך 26 טויזענד קוואַדראַט=קילאָמעטער. די געאָגראַפישע גרעניצען פון א"י זענען דער $29,5^{\circ}$ גראַד אין דרום און דער $33,5^{\circ}$ אין צפון, און דער $34^{\circ}$ און $37^{\circ}$ גראַד צווישען מערב און מזרח. די גרעסטע לענג פון א"י איז ביי 400 קילאָמעטער און די גרעסטע ברייט ביי 200 קילאָמעטער. די דורכ=שניטס=ברייט איז ביי 150 קילאָמעטער.

### III. איינטיילונג פון לאנד

אין די אַלטע צייטען פון פּאַר דעם 2=טען בית=המקדש איז דאָס לאַנד געווען געטיילט צוערשט לויט די שבטים, וואָס האָבען פערנומען דאָס לאַנד (דאָס לאַנד פון שבט יהודה, פון שבט נפתלי וכדומה), און דערנאָך אין די צוויי בע=זונדערע מלוכות: דער דרום=טייל אַלס מלכות יהודה מיט ירושלים אַלס הויפּט=שטאָדט, און דער צפון אַלס מלכות אפרים מיט שכם און שומרון אַלס די הויפּט=שטעדט. אין דער שפּעטערער צייט פון 2=טען בית=המקדש ווערט א"י איינגעטיילט אין 3 טיילען (משנה שביעית פרק י' און אויך ביי פלאַוויוס אין זיין בוך „מלחמה"): 1) „יהודה", דער דרום=טייל פון לאַנד; 2) „גליל", דער צפון=טייל פון לאַנד; 3) „עבר הירדן" (ביי פלאַוויוס הייסט עס „פּע=רעאַ"), די געגענד אין יענער זייט ירדן, אַרום דעם ים כנרת. באמת איז געווען נאָך אַ טייל ארץ=ישראל, דאָס איז דער מיט פון לאַנד, מיט'ן נאָמען „שומרון". דאָס היינטיגע א"י, וואָס בעזיצט נישט דעם עבר הירדן, קאָן דעריבער אויך איינגעטיילט ווערען אין די דריי טיי=לען: „יהודה" (דרום), „שומרון" (מי=טעל=לאַנד), „גליל" (צפון). דער גליל טיילט זיך אין „גליל העליון" און „גליל התחתון". וועגען דער היינטיגער רעגי=רונגס=איינטיילונג פון א"י וועלען מיר געבען ביי דער „פּאָליטישער אַדמי=ניסטראַציע".

### IV. בערג, טאלען, טייכען, ימים

שוין אין חומש און אין דער משנה (שביעית י') ווערט אָנגעוויזען אויף דער פיזיש=געאָגראַפישער איינטיילונג פון א"י אין „הר" (באַרג), „שפלה" (פלאַך=לאַנד), „עמק" (טאָל=לאַנד). די „שפלה" איז דאָס לאַנגע און שמאָלע פלאַכע לאַנד, וואָס ציהט זיך לענג=אויס דעם מיטעללענדישען ים פון צפון קיין דרום, און וואָס נעהמט אַרום דאָס פלאַכע לאַנד ביי עכו אין צפון, דערנאָך דעם מפרץ חיפה, און נאָכהער צו דרום דעם גאַנצען שרון, און דערנאָך ווייטער די גאַנצע „שפלת=יהודה", און דעם „נגב" אין דרום, וועלכער נעהמט אַרום אויך די מדבריות אין דרום. צו מזרח פון דאָזיגען פלאַכען לאַנד ציהט זיך אַ לאַנגער פּאַס בערג אויך פון צפון צו דרום, און ער זעהט אויס ווי אַ פער=לענגערונג פון גרויסען לבנון=באַרג אין צפון. די בערג טיילען זיך אין דריי טיילען: אין „הרי גליל" (די צפון=בערג, וואָס ליגען אין גליל), די „הרי שומרון" (בערג פון שומרון) און „הרי יהודה" (בערג פון יהודה). די העכסטע זענען די בערג פון גליל, און דער באַרג עצמון האַלט ביי 1200 מעטער; אין דרום פון גליל התחתון געפינט זיך דער באַרג

תבור. האַרט בײַם ברעג פון מיטעללענדישען ים בײַ חיפה געפינט זיך דער כרמל־באַרג. צווישען די בערג פון שומרון האָבען אַ היסטאָרישע בעדײַטונג דער באַרג „גריזים" און דער באַרג „עבל", וואָס ווערען דערמאָהנט אין חומש (דער באַרג גריזים ווערט בעטראַכט אַלס הייליג דורך די שומרונים). צווישען די דרי יהודה זענען בעקאַנט דער באַרג „מוריה" און באַרג „ציון" אין ירושלים, דער הר הצופים (נעבען ירושלים). נאָך דעם דאָזיגען באַרג־פּאַס צו מזרח ציהט זיך ווידער אַ שטח פלאַך־לאַנד ביז צום טייך ירדן; דאָס ווערט אָנגערופען דער „עמק הירדן" (ירדן־טאָל). אויך צווישען די בערג פון גליל און צפון־זייט און די שומרון־בערג אין דרום, און דעם כרמל אין מערב־דרום ציהט זיך אַ גרויס פלאַך־לאַנד, וואָס איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „עמק יזרעאל" און אויך סתם „דער עמק". דאָס פלאַכע לאַנד ביי טבריה אַרום דעם ים כנרת הייסט אויך „עמק טבריה". — טייכען זענען אין ארץ־ישראל קיין סך נישט פאַרהאַן. דער גרעסטער טייך איז דער ירדן, וועלכער הויבט זיך אָן אין צפון ביים באַרג חרמון אין סיריען און פאַלט אַריין אין די וואַסערען פון דער „חולה" (מי מרום) און פליסט פון דאָרט אַרויס, און פאַלט אַריין אין ים כנרת, נאַכהער פליסט ער אַרויס פון כנרת און ציהט זיך לענג־אויס ארץ־ישראל ביז ער פאַלט אַריין אין דרום אין ים המלח; דאָס איז אַ שמאָלער (אין טייל ערטער נור 10 מעטער די ברייט) אָבער אַ לאַנגער טייך (פון זיין אַרויסגאַנג ביים חרמון ביז'ן אַריינפאַל אין ים המלח, לויפט ער אַדורך אַ שטרעקע פון 250 קילאָמעטער). ביים ירדן, אויף דעם מזרח־ברעג, וואו עס פאַלט אַריין אין איהם דער טייך ירמוס, איז געבויט געוואָרען די עלעקטרישע סטאַציע פון רוטענבערג, וואָס בעזאָרגט א"י מיט עלעקטריע. וועגען ירדן געבען מיר אַ גאַנץ בעזונדערע בעשרייבונג ביים שטיך־וואָרט „ירדן". — דער צווייטער וויכטיגסטער טייך אין א"י איז דער „ירקון" (אויף אַראַביש הייסט ער די „אָדזשא"), וואָס פליסט אַרויס אין דער מיט פון שרון און פאַלט אַריין אין מיטעללענדישען ים ביי תל־אביב. פון דאָזיגען טייך ציהט מען וואַסער צו בעוואַסערען די פּאָמעראַנצען־גערטנער (פּרדסים) פון טייל קאָלאָניעס אין שרון, בעזונדערס אין פתח־תקוה. — דער דריטער וויכטיגער טייך אין א"י איז דער „קישון", וועלכער ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך אין ספר שופטים ביי דער מלחמה מיט סיסרא, ווי אויך אין ספר מלכים ביי דער מעשה פון אליהו הנביא. דער קישון פליסט אַדורך דאָס פלאַך־לאַנד צווישען חיפה און עכו און פאַלט אַריין אין מיטעללענדישען ים. — עס זענען פאַרהאַן אין ארץ־ישראל נאָך אַ רייה אַנדערע קלענערע טייכלעך, וועלכע הייסען אויף אַראַבישען „וואַדי" (אין העברעאישען איז עס „נחל"), וואָס זענען פיל וואַסער נאָר אין ווינטער, אין דער צייט פון די רעגענס, דאַגעגען זומער זענען זיי כמעט אינגאַנצען אויסגעטרוקענט. — פון די ים'ען, וואָס רינגלען אַרום ארץ־ישראל איז דער וויכטיגסטער דער מיטעללענדישער ים, וואָס הייסט אין חומש „ים הגדול", און וועלכער איז די מערב־גרעניץ פון א"י (דעריבער הייסט אויף העברעאיש דער מערב אויך „ים"), און ציהט זיך לענג־אויס דעם גאַנצען מערב־ברעג פון לאַנד. דורך דעם דאָזיגען ים, אויף וועמענס ברעג עס ליגען די שטעדט יפו, תל־אביב, חיפא, עכו און אויך דער גרעס־

טער טייל יודישע קאָלאָניעס, ווערט געפיהרט דער גרעסטער טייל קאָמוניקאַציע פון א"י מיט די אייראָפּעאישע לענדער. — זעהר וויכטיג איז דער צווייטער „אינערליכער ים" (אייגענטליך אַ „יעזשאָרע") אין א"י, דער ים המלח, וועלכער ליגט צו דרום־מזרח פון א"י און איז לאַנג ביי 73 קילאָמעטער און איז ברייט אין דורכשניט ביי 12 קילאָמעטער. דער ים המלח ליגט טיעף אונטער דעם ים־שפּיגעל 392 מעטער, און ענטהאַלט אין זיך פיעל זאַלצען און מינעראַלען (דעריבער הייסט ער „ים המלח", זאַלץ־ים). אין איהם געפינען זיך נישט קיין פיש, און ער הייסט דעריבער אויך „דער טויטער ים". לעצטענס אין יאָהר 1927 איז געשאַפען געוואָרען אַ יודישע געזעלשאַפט „חברת האשלג", וואָס עקספּלאָאַטירט די מינעראַלען־אוצרות פון ים המלח. — דער דריטער ים, אויך אַ אינערליכער, איז דער ים כנרת, ביי טבריה, וועמענס וואַסער איז נישט געזאַלצען; ער האַלט 20 קילאָמעטעם די לענג און ביי 8 קילאָמעטער די ברייט אין דורכשניט; דאָס טיפסטע אָרט אין איהם איז ביי 47 מעטער. עס איז פאַרהאַן נאָך די יעזשאָרע „מי מרום" (היינט — „די חולה") אין צפון פון ארץ־ישראל, וואָס האַלט ביי 7 קילאָמעטער די לענג און ביי 8 קילאָמעטער די ברייט. — אַ חוץ טייכען האָט ארץ־ישראל אויך קוואַלען, און זאָגאַר מינעראַל־קוואַלען (חמי טבריה און אַנדערע), און די נידריגע ערטער ספּעציעל אין שרון זענען רייך אין שפּיגעל־וואַסער, און גראָבענדיג עטליכע מעטער אין דער טיעף טרעפט מען געוועהנליך אָן אויף וואַסער. דערפון זענען דאָרט די גרויסע ברונעמס, פון וועלכע מען בעוואַסערט די פּאָמעראַנצען־גערטנער (פּרדסים) און די קאָלאָניעס אין שרון. — וועגען יעדען פון די וויכטיגערע טייכען און ים'ען אין ארץ־ישראל געבען מיר בעזונדערע בעשרייבונגען ביי די ענטשפּרעכענדע שטיך־ווערטער, ווי „ירדן", „מיטעללענדישער ים", „כנרת", „ים המלח", „ירקון", „קישון" וכדומה.

## V. קלימאַט, צייטען פון יאָהר, רעגענס

דער קלימאַט פון א"י איז אַ סוב־טראָפּישער, דאָס הייסט, ער איז אַ סך וואַרימער, ווי אַפילו אין די דרום־אייראָפּעאישע לענדער (איטאַליען, שפּאַניען), אָבער ער איז נישט אַזוי הייס, ווי אין די ריכטיג טראָפּישע לענדער פון אַזיען און אַפריקא. אָבער אין א"י זעלבסט איז דער קלימאַט אין פערשידענע געגענדען גאַנץ פערשידען: אין די בערג־געגענדען איז קעלטער און אין די טאָלען און פלאַך־לענדער איז הייסער. אים אַלגעמיין האָט ארץ־ישראל נאָר צוויי צייטען פון יאָהר, דאָס איז דער זומער, וואָס ציהט זיך פון פסח ביז סוכות, און דער ווינטער, פון סוכות ביז פסח. אַ גאַנצען זומער (אין דער גמרא הייסט עס „ימות החמה") געהט נישט קיין רעגען, נאָר זעהר זעלטען טרעפט זיך, אַז אינמיטען זומער זאָלען אַראָבפאַלען רעגען־טראָפּענס. דערפאַר געהען די רעגענס אום ווינטער, און דער ווינטער הייסט דעריבער אין דער גמרא „ימות הגשמים" (די רעגענס־טעג). אים זומער איז געוועהנליך די וואַרימקייט ביי 35 גראַד צעלזיוס אין טאָל, און ביי 30 גראַד אין די בערג. ביינאַכט איז מיט 6 גראַד ווינציגער. זומער איז ביינאַכט שטאַרק דער טוי, וואָס איז טיילמאָל אַזוי שטאַרק, אַז ער מאַכט נאָס אַלץ ווי אַ לייכטער רעגען. ווינטער איז געוועהנליך אויך ביי 10 גראַד וואַרם.

נאָר טײלמאָל טרעפט זיך, אז עס איז גוט קאַלט (ספּעציעל ביינאַכט) ביז 1 אָדער 2 גראַד פראָסט. אין דער בערג-געגענד (ירושלים, צפת, חברון) טרעפען זיך ווינטער נאָך גרעסערע קעלטען, און עס פאַלט דאָרט טײלמאָל אַ שניי. די הייסעסטע חדשים זענען אב און אלול (אויגוסט), און די קיהלסטע טבת און שבט (יאַנואַר). טײלמאָל בלאָזען זעהר הייסע ווינדטען פון דער מדבר, וואָס מען רופט „כאַמסין" (פון וואָרט חמשין, פופציג), און דעמאָלס דערגרעהט די היץ ביז 45 און זאָגאַר 50 גראַד צעלזיוס; אָבער דאָס דויערט נישט לאַנג. — רעגענס הויבען אָן פאַלען אין ארץ-ישראל לערך סוכות-צייט, און פאַלען צו עטליכע טאָג נאָכאַנאַנד. די ערשטע רעגענס הייסען דער „יורה", דאַגעגען די לעצטע רעגענס, וואָס פאַלען אין דער צייט צווישען פורים און פסח הייסען דער „מלקוש". דער דורכשניטליכער פאַל פון רעגען אין פערלויף פון אַ יאָהר בעטרעפט אין א"י ביי 600 מיליטמעטער.— די היץ אין ארץ-ישראל ווערט אַביסעל אָבגעקיהלט דורך די ווינטען, וואָס בלאָזען געוועהנליך פון מערב-זייט, פון ים. עס זענען אויך פאַרהאַן די וואַרימע מזרח-ווינטען, וואָס בלאָזען פון דער מדבר געוועהנליך ווינטער-צייט.

## VI. מינעראַלען, געוויקסען, בעלי-חיים

ארץ-ישראל איז אַ לאַנד, וואו עס זענען אַמאָל געווען טעטיג וואולקאַנען, וועלכע זענען איינגעלאָשען געוואָרען, און דערמיט ערקלערט זיך, וואָס פון צייט צו צייט בעמערקט מען אין א"י אויך ערד-ציטערנישען (די לעצטע גרויסע ערד-ציטערניש איז געווען אין יאָהר 1927). דערפון שטאַמט עס, וואָס אַ גרויסער טייל באָדען פון א"י איז בעדעקט מיט וואולקאַן-שטיינער (באַזאַלט). די בערג פון א"י בעשטעהען מייסטענס פון קאַלך-שטיינער. אָבער עס איז זיכער, אז עס זענען פאַרהאַן אין די בערג רייכע מינעראַלען, קופּער, אייזען, און שוין אין חומש דברים ח' ווערט געזאָגט וועגען א"י „אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחושת" (איהרע שטיינער זענען אייזען און פון איהרע בערג וועסטו אויסהאַקען קופּער). רייכע מינעראַלען געפינען זיך אין דער געגענד פון ים המלח (זאַלצען, פּאַטאַש, בראָם, שוועבעל, מאַגנעזיום), און עס זענען פאַרהאַן מיינונגען, אז אויך נאַפט-קוועלען זענען פאַרהאַן אין יענער געגענד. אין דער געגענד פון עטלית ביים מיטעללענדישען ים (אין שומרון) ווערט עקספּלאָאַטירט קאַך-זאַלץ. טייל בערג ענטהאַלטען מאַרמאָר-שטיינער, וואָס ווערען איצט בענוצט צו אינדוסטריע-צוועקען. די ערד אין די פלאַך-געגענדען פון א"י בעשטעהט אין דער אויבערשטער שיכט מייסטענס פון שווערען ליים באָדען, און אויך פון לייכטער „כאַמראַ", וואָס איז זעהר גוט פאַר פּאָמעראַנצען-גערטנער (פּרדסים). פון דער מינעראַל-אינדוסטריע איז אויך אָנצווייזען אויף די פּראָדוקציע פון צעמענט, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט פון דעם קאַלך פון כרמל דורך די פאַבריק „נשר" ביי חיפה. — אין געוויקסען (פלאָראַ) איז א"י זעהר רייך. אין חומש דברים ווערען דערמאָהנט די „שבעת המינים", די 7 געוויקסען-פּראָדוקטען, מיט וועלכע א"י איז בעריהמט, דאָס זענען: ווייץ, גערשטען, ווינטרויבען, פייגען, מילגרוימען, אייל-בירטען און האָניג. לעצטענס זענען דאָס הויפּט-געוויקס פון א"י אויך די „ציטרוס-פרוכטען, דאָס זענען: פּאָמעראַנצען, אתרוגים און גרייפּ-פרוכט.

עס וואקסען אין א"י אין א רייכער צאהל אויך ארבוזען (אבטיחים), אלע סארטען ירקות, ווי: קארטאפעל, פאמידארען, קרויט, מעהרען, בוראקעס, שפינאק, ציבעלעס, קנאבעל, רעטעך, סאלאט, קאלאפיארען וכדומה, ווי אויך די פרוכטען: מאנדלען, טייטלען, עפעל, בארנעס, פלוימען, טרוסקאווקעס, און פון תבואות אויך דער דורא, סעזאם (שומשמין) און אויך טאבאק, פלאקס; מען האט אויך געמאכט פראבעס מיט ביינוועל. בוימער זענען פארהאן (א חוץ פרוכט-בוימער) זעהר וועניג, אבער לעצטענס בעמיהט מען זיך צו פלאנצען אויך וועלדער. עס זענען דא פארהאן די סאסנע-בוימער, דער אייקאליפטוס (מען רופט עס „דער יודישער בוים", ווייל יודען האבען איהם געבראכט צו פערפלאנצען, כדי אויסצוטריקענען די זומפען), אקאציע, ציפרעסען וכדומה, אויך בלומען וואקסען דא אין די פערשידענסטע סארטען. וועגען די תבואות און פרוכטען-בוימער, ספעציעל וועגען פאמעראנצען (תפוח זהב) און פאמעראנצען - גערטנער (פרדסים) געבען מיר ווייטער אין דער איצטיגער בעשרייבונג ביים קאפיטעל פון לאנדווירטשאפט. — פון בעלי חיים (פאונא) זענען אממעהרסטען פערשפרייט די הויזליכע בהמות און עופות: קיה, שעפסען, דער אייזעל (פערד זענען פארהאן וועניג), וואס דינט צום איבערפיהרען זאכען, דער קעמעל, דער מוילטיער („פרדה") וואס פערטרעט אין א"י דאס ארבייטס-פערד, היהנער, גענז, קאטשקעס, אינדיקעס, פערשידענע סארטען פייגעל, פיש, וואס ווערען געפאנגען אין ים כנרת און אויך אין מיטעללענדישען ים; פון די גאר ווילדע חיות, ווי לייבען, בערען, וואס זענען אין די אלטע צייטען געווען פערשפרייט אין ארץ-ישראל (בעקאנט איז דער סיפור אין ספר שמואל פון דוד המלך „גם את הארי ואת הדב הכה עבדך") איז היינט גארנישט געבליבען. מען טרעפט אויך שאקאלען, וועלף, הירשען, פיקסען. א בעזונדערען קאמף פיהרט מען לעצטענס געגען די פערשידענע סארטען פליגעלעך מאסקיטען, וואס זענען פארהאן אין די זומפיגע געגענדען, און איין סארט מאסקיט „אנאפעלעס" פעראורזאכט די מאלאריע-קראנקהייט.

### VII. פאליטישע געשיכטע פון א"י

די פאליטישע געשיכטע פון ארץ-ישראל גרייכט גאר אלטע צייטען מיט 4—5 טויזענד יאהר צוריק. עס האבען אין דעם לאנד געוואוינט פערשידענע סעמיטישע פעלקער, און פאליטיש האבען איבער דעם לאנד געהערשט דאס אלטע מצרים, די אלטע בעטיטער (חתים), אשור, און גאנץ אפט איז עס אויך געווען אונאבהענגיג, צעטיילט צווישען די פערשידענע ארטיגע פעלקער, אמורי, כנענים (פעניציער), פלשתים, אדום. יעדענפאלס די אור-אלטע געשיכטע פון א"י איז איינגעהילט אין א שלייער פון א געהיימניס, און ערשט א דאנק די לעצטע ענטדעקונגען און אויסגראבונגען אין עגיפטען (די תל-על-אמארנא-שריפטען) אין אשור און בבל ווי אויך די אויסגראבונגען אין א"י זעלבסט בעקומען מיר בילדער וועגען יענע אור-אלטע פערהעלטנישן, וועגען דער בעהערשונג פון א"י דורך יודען געפינען מיר די בעקאנטע סיפורים אין תנ"ך, וואס זאל האבען פארגעקומען אין דער צייט פון יהושע בן נון לערך דעם יאהר 1400 פאר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג אין פערלויף פון 800 יאהר זענען יודען געווען די הערשער אין א"י ביז צום חורבן פון

1=טען בית=המקדש (אין אָנהויב פון 7=טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג) ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון בבל. נאָכהער ווען בבל איז איינגענומען געוואָרען דורך פערסיען (פרס) איז אויך ארץ=ישראל געוואָרען אַ טייל פון דער פערסישער אימפּעריע; אָבער די יודען האָבען פון כורש מלך פרס (לערך דעם יאָהר 536 פאַר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג) בעקומען די ערלויבעניש צוריקצוקומען אין לאַנד. די יודען האָבען געבויט דאָס 2=טע בית=המקדש און געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אונטער דער פערסישער הערשאַפט. דאָס האָט געדויערט ביז דעם יאָהר 333 (פאַר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג) ווען דער גריכיש=מאַצעדאָנישער העלד אַלעקסאַנדער מוקדון האָט צובראָכען די פערסישע אימפּעריע און צווישען אַלע איהרע לענדער איינגענומען אויך ארץ=ישראל. דעמאָלס איז א"י און דער יודישער אויטאָנאָמישער ישוב געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכיש=איי־אָפּעאישער וועלט. אַ לאַנגע צייט האָט ארץ=ישראל זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט צוערשט פון די גריכישע מלכים און מצרים און דערנאָך פון די גריכישע מלכים אין סיריען (אנטיוכוס) ביז דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים=העלדען (אין 2=טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג) האָט אינגאַנצען בעפרייט א"י און געשאַפען אַ אונאָבהענגיגע יודישע מלוכה. אין יאָהר 63 (פאַר דער צייט=רעכנונג) האָט דאָס רוימישע מיליטער, אונטער דער פיהרונג פון פּאָמפּעאוס, איינגענומען א"י, און אָבוואָהל יודען אין א"י האָבען נאָך געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע און זאָגאַר מיט אייגענע מלכים (הורדוס, אגריפּס) איז עס שוין פאַקטיש געווען אַ רוימישע פּראָווינץ. אין יאָהר 70 נאָך דער קריסטליכער צייט=רעכנונג, אין דער מלחמה פון יודען געגען די רוימער, האָבען די רוימער פערניכטעט אויך דאָס לעצטע ביסעל אויטאָנאָמיע, פערברענט דאָס 2=טע בית=המקדש (חורבן בית שני) און פון דעמאָלט אָן איז א"י אַ לאַנגע צייט געווען אונטער דער רוימישער הערשאַפט, וועלכע האָט גאַנץ אָפט געדרוקט די יודישע איינוואוינער מיט פערשידענע גזרות (ספּעציעל נאָך דעם טראַגישען אונטערדרוקטען אויפשטאַנד פון בר כוכבא אין יאָהר 132), און די יודען האָבען מאַסענווייז אויסגעוואַנדערט פון לאַנד; עס האָט זיך אָנגעהויבען די לאַנגע גלות=עפּאָכע, וואָס האָט זיך געצויגען ביי 18 הונדערט יאָהר. בעזונדערס זענען שווער געוואָרען די גזרות אויף יודען אין א"י, ווען דאָס קריסטענטום האָט בעהערשט די רוימישע אימפּעריע און האָט געדריקט אויך די יודען אין א"י. אין אָנהויב פון 7=טען יאָהרהונדערט האָט מאַכמעד אויסגערופען אין אַראַביען זיין נייע רעליגיע, די מאַכמעדאַנישע (איסלאַם), ייעלכע ער האָט גענומען פערשפּרייטען מיט פייער און שווערד, איינגנעהמענדיג די לענדער אין פאָדער=אַזיען אין אַפריקא. צווישען זיי איז אויך ארץ=ישראל אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון פערשידענע אַראַבישע קאַליפען און סולטאַנען, די אַראַבישע שפּראַך איז געוואָרען די הערשענדע, אַ סך אַראַבער האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד און פערנומען די פעלדער און דערפער. פון דעמאָלס אָן דאַטירט די פערוויסטונג פון לאַנד, די פעראָרעמונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון האַנדעל, און די דאָזיגע פערוויסטונג

איז געוואָרען נאָך שטאַרקער דערמיט, וואָס אין פערלויף פון מיטעל=אַלטער איז א״י געווען דער מלחמה=אָביעקט צווישען די מאַכמעדאַנער און די קריסטליכע קרייץ=פאָהרער („נוסעי הצלב״), וואָס זענען געקומען אין 11=טען, 12=טען און 13=טען יאָהרהונדערט פון אייראָפּא אויסצולייזען דאָס הייליגע לאַנד פון די מאַכמעדאַנישע הענד. אויך די קאַמפען צווישען די פערשידענע קאַליפען און שייכען און די שפּעטערדיגע טערקישע פּאַשאַס האָבען געהאָלפען חרוב צו מאַכען דאָס לאַנד. פון אָנהויב 16=טען יאָהרהונדערט האָט זיך ארץ=ישראל געפונען אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי, וואָס האָט געדויערט ביז'ן יאָהר 1917, ווען ענגלאַנד האָט איינגענומען ארץ=ישראל, און דאָס לאַנד איז אין יאָהר 1922 ערקלערט געוואָרען דורכ'ן פעלקער=בונד אַלס מאַנדאַט=לאַנד פון ענגלאַנד, דאָס הייסט, ענגלאַנד האָט איבער ארץ=ישראל דעם מאַנדאַט, די אויפזיכט, און איינער פון די הויפט=יסודות פון מאַנדאַט איז צו שאַפען אין א״י אַ יודישע נאַציאָנאַלע היים אין זין פון דער באַלפור=דעקלאַראַציע, וואָס איז אין יאָהר 1917 אַרויסגעגעבען געוואָרען פון ענגלאַנד דורך דעם ענגלישען מיניסטער לאָרד באַלפור וועגען שאַפען די דאָזיגע יודישע נאַציאָנאַלע היים. — דורך די גאַנצע צייט פון דער גלות=עפּאָכע, דאָס הייסט פון דעם אונטערדריקטען בר=כוכבא=אויפשטאַנד אין 2=טען יאָהרהונדערט, דורך דעם גאַנצען מיטעל=אַלטער ביז אין דער נייער צייט, האָבען יודען אינגאַנצען נישט פערלאָזט ארץ=ישראל. פערקעהרט, אַפילו אין די צייטען פון די גרויזאַמסטע רדיפות האָבען יודען זיך בעמיהט אויפצוהאַלטען אַ געוויסען יודישען ישוב אין א״י, און שטענדיג האָבען זיך געפונען יודען אין די פערשידענסטע לענדער, וואָס האָבען געשטרעבט אין ארץ=ישראל זיך צו בעזעצען, און עס זענען געמאַכט געוואָרען פּראָבען צוריק צו גרינדען אין ארץ=ישראל אַ זעלבסטשטענדיגע יודישע מלוכה. אין 3=טען, 4=טען און 5=טען יאָהרהונדערטער זענען געווען אין א״י גרויסע יודישע ישיבות, מיט זיי האָבען אָנגעפיהרט די נשיאים און די א״י-אמוראים, און פון זיי שטאַמט דער תלמוד ירושלמי און אַ גאַנצע רייהע מדרשים. אויך שפּעטער אין די פריהערדיגע צייטען פון מיטעל=אַלטער זענען געווען אין א״י ישיבות אונטער דער פיהרונג פון „גאונים״. פון צייט צו צייט זענען שוין דעמאָלס ענטשטאַנען בעוועגונגען פון אַזוי=גערופענע „פאַלשע משיחים״, וואָס האָבען געוואָלט מיט דער שווערד אין דער האַנד בעפרייען א״י און שאַפען אַ זעלבסטשטענדיג יודיש לאַנד. מען קאָן זאָגען, אַז ביז דעם 11=טען יאָהרהונדערט אין דער צייט פון די „נוסעי הצלב״ איז אין ארץ=ישראל נאָך געווען אַ בעדייטענדער יודישער ישוב. אָבער די גרויזאַמע „נוסעי הצלב״ האָבען צום גרעסטען טייל א״י=יודען אויסגעקוילעט. פון דעמאָלס אָן איז דער דאָרטיגער יודישער ישוב געוואָרען זעהר קליין, אָבער אַ געוויסע צאָהל יודען האָבען זיך דאָרט שטענדיג געפונען. דער רייזענדער רבי בנימין פון טאַדעלאַ אין ענדע 12=טען יאָהרהונדערט האָט געפניען אין גאַנץ א״י גאָר אַ קליינע צאָהל יודען; מען נעהמט אָן, אַז נישט מעהר ווי 1000 פאַמיליעס. ווען דער רמבן איז אין דער 2=טער העלפט 13=טען יאָהרהונדערט געקומען קיין א״י, האָט ער געפונען דאָרט נאָך ווינציגער יודען. ערשט אין 16=טען יאָהר=

הונדערט האבען זיך אנגעהויבען בעזעצען דארט מעהר יודען, ספעציעל די ארויסגעטריבענע ספרדישע יודען פון שפאניען און פארטוגאל. דעמאלס האט דער טערקישער מיניסטער דון יוסף, נשיא פון נאקסאס, געפרובט גרינדען ארום טבריה א זעלבסטשטענדיגען יודישען ישוב. שטארק פערגרעסערט האט זיך דער יודישער ישוב אין א"י ערשט אין 19־טען יאהרהונדערט, און פיעל מיטגעווירקט דערצו האבען די ליבהאבער פון ציון משה מאנטעפיארע פון ענגלאנד, יהודה טורא פון אמעריקא און אנדערע, וואס האבען פיעל בייגעטראגען צו העלפען דעם יודישען ישוב. אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט האט זיך אנגעהויבען אין פערשידענע לענדער די בעוועגונג פון מאדערנעם „חבת ציון"; פערשידענע כלל־טוער, רבנים, שריפטשטעלער האבען אנגעהויבען פערשפרייטען דעם געדאנק וועגען בעזעצען זיך אין א"י, קאלאניזירען דארט יודען אויף ערד־ארבייט. די „אליאנס" האט געשאפען (אין יאהר 1870) די אגראנאמישע שולע „מקוה ישראל". נאכהער האבען אנגעהויבען ענטשטעהן די יודישע קאלאניעס; עס האט זיך אנגעהויבען די „בילו" („בית יעקב לכו ונלכה") בעוועגונג, דאס איז געווען די „ערשטע עליה". באראן ראטשילד האט אנגעהויבען מיטהעלפען צו דער גרינדונג פון קאלאניעס. די אלע איינצעלנע בעוועגונגען האבען זיך פעראייניגט אין יאהר 1897 אין דער גרויסער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס איז געשאפען געווארען דורך דר. הערצל. דער ישוב האט זיך כסדר פערגרעסערט, און איז געווארען שטארקער אין אנהויב 20־טען יאהרהונדערט. דאס איז געווען די „צווייטע עליה". אין יאהר 1917 האט ענגלאנד ארויסגעגעבען די באלפור־דעקלאראציע, וואס אנערקענט ארץ־ישראל אלס נאציאנאלע היים פאר יודען. אין די יאהרען 1919—1920, באלד נאך דער וועלט־מלחמה, האבען ווידער פיעל יודען איינגעוואנדערט קיין ארץ־ישראל (די „דריטע עליה") און דערנאך אין די יאהרען 1924—1925 איז פארגעקומען די גרויסע עליה („פיערטע") פון פוילישע יודען קיין א"י. אין יאהר 1929 איז פארגעקומען דער בלוטיגער איבערפאל פון אראבער אויף די א"י־יודען, וועלכער איז העלדיש אבגעשטויסען געווארען, און אין די יאהרען 1931—1933 איז פארגעקומען די „פינפטע עליה". איצט (אין יאהר 1933) שטעהט א"י אין דעם פאליטישען צענטער פון די יודישע אינטערעסען אין דער גאנצער וועלט. — מיר האבען דא געגעבען נאר זעהר בקיצור וועגען די אלע ענינים, וואס האבען א שייכות מיט דער אלגעמיינער און יודישער געשיכטע פון ארץ־ישראל. מיר וועלען געבען וועגען דעם אלעם ביי די בעטרעפענדע שטיך־ווערטער, ווי „ציוניזם", „משיחים", „עליה", „חלוקה", „ירושלים", „בר־כוכבא", „אדרינוס" און בכלל אלע וויכטיגערע נעמען פון דער אלטער יודישער געשיכטע, קאלאניעס, חובבי־ציון־פיהרער וכדומה.

VIII. רעגירונג, פאליציי, מיליטער

ארץ־ישראל איז, לויט דעם בעשלוס פון פעלקער־בונד פון יאהר 1922, א מאנדאט־לאנד פון קלאס „א" פון ענגלאנד, דאס הייסט, ענגלאנד דארף אנפיהרען מיט דער רעגירונג פון לאנד, כדי עס צוצוגרייטען צו א זעלבסטשטענדיגער פאליטישער עקזיסטענץ; דערביי אבער ווערט אין א"י־מאנדאט געזאגט, אז

ענגלאַנד דאַרף אויך מיטווירקען צו שאַפען פאַר יודען אין א"י אַ נאַציאָנאַלע היים אין זין פון דער דערמאָהנטער באַלפור-דעקלאַראַציע, נישט פערשמעלערענדיג דערביי די רעכט פון די איבריגע איינוואוינער פון לאַנד. אין נאָמען פון ענגלאַנד פיהרט אָן מיט דער רעגירונג אין א"י אַ „הויך-קאָמישאַנער" (הויכער קאָמיסאַר), אויף העברעאיש „נציב העליון", וועלכער ווערט בעשטימט פון ענגלאַנד אויף 5 יאָהר און וואוינט אין ירושלים אַלס די הויפּטשטאָדט פון לאַנד. דער ערשטער נציב העליון איז געווען סער הערבערט סעמיועל (אַ יוד) פון 1920 ביז 1925; דער צווייטער איז געווען לאָרד פּלומער (1925—1928); דער דריטער — סער דזשאָהן טשענסעלאָר (1928—1931); דער פערטער — גענעראַל וואָקאָפּ (פון יאָהר 1931). דער צווייטער בעאַמטער נאָכ'ן נציב העליון איז דער „גענעראַל-סעקרעטאַר", וועלכער איז אַ סאָרט פּרעמיער-מיניסטער. די רעגירונג בעשטעהט פון 18 דעפּאַרטאַמענטען-דירעקטאָרען, וואָס יעדער פון זיי פערוואַלטעט מיט אַ דעפּאַרטאַמענט (יוסטיץ, פינאַנסען, בילדונג, אימיגראַציע, געזונדהייט וכדומה). דאָס גאַנצע לאַנד א"י איז איינגעטיילט אין דריי ראַיאָנען (דיסטריקטען): ירושלים-דיסטריקט, וואָס נעהמט אַרום די שטעדט און דערפער אַרום ירושלים, חברון, בית לחם, ראַמאַלאַה, יריחו; 2) צפון-דיסטריקט, וואָס נעהמט אַרום חיפה, עכו, נצרת, טבריה, צפת, שכם, דזשענין, תל-כרם, בית שאָן, אַלזאָ אויך דעם גאַנצען עמק יזרעאל, גליל און שומרון; 3) דרום-דיסטריקט, וואָס נעהמט אַרום יפו, רמלה, עזה, באר שבע, און אַלזאָ אויך תל-אביב און די אַלע ווי'כטיגסטע יודישע קאָלאָניעס אַרום תל-אביב, אין שפּיץ פון יעדען דיסטריקט שטעהט אַ דיסטריקט-קאָמיסאַר. אין יעדער שטאָדט פון די דערמאָהנטע שטעדט געפינט זיך אַ וויצע-קאָמיסאַר (סגן-מושל), וואָס פיהרט אָן מיט דער געגענד פון דער שטאָדט. אין די שטעדט און אויך אין טייל יודישע קאָלאָניעס זענען פאַראַן געוועהלטע שטאָדט-ראַטען. — די אָפיציעלע שפּראַכען פון ארץ-ישראל זענען ענגליש, אַראַביש און העברעאיש.

אין ארץ-ישראל איז נישט פאַראַן קיין צוואַנג-מיליטער-דינסט. די שוץ פון לאַנד איז איבערגעגעבען דעם „גרעניץ-קאָרפּוס", וואָס סטאַנציאָנירט ביי עבר הירדן און בעשטעהט פון 900 מאַן (צווישען זיי 28 יודען) ווי אויך פּאָליציי, וואָס בעשטעהט פון 1710 מאַן, צווישען זיי ביי 250 יודען). אַ חוץ דעם איז נאָך פאַראַן ספּעציעלע ענגלישע פּאָליציי פון 640 מאַן. אין דער יודישער שטאָדט תל-אביב איז פאַראַן אַ ספּעציעלע שטאָדטישע פּאָליציי, וואָס בעשטעהט בלויז פון יודען און די קאָמאַנדע-שפּראַך איז העברעאיש.

אין ארץ-ישראל געפינען זיך אויך שטענדיג עטליכע אָבטיילונגען פון ענגלישען מיליטער, ווי אויך עסקאַדרעס פון ענגלישען קריגס-לופט-פלאָט, וואָס געפינען זיך אין „סאַראַפאַנד" (נעבען רמלה).

אין ארץ-ישראל האָבען כמעט אַלע מלוכות זייערע גענעראַל-קאָנסולאַטען, צווישען וועלכע עס זענען פאַרהאַן אַ גרויסע צאָהל יודען אַלס גענעראַל-קאָנסולען און קאָנסולען. דער זיץ-אָרט פון די גענעראַל-קאָנסולאַטען איז ירושלים. אָבער אויך אין תל-אביב און אין חיפה זענען פאַראַן קאָנסולען. אין

תל־אביב איז פאַרהאַן איין גענעראַל־קאָנסולאַט פון פוילען.

IX. בעפעלקערונג. אין דער צעהלונג, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען דעם 18־טען נאָוועמבער 1931 איז געווען אין גאַנץ ארץ־ישראל 1 מיליאָן מיט 35,821 איינוואוינער, דערפון זענען געווען 526,680 מענער און 509,141 פרויען. לויט די רעליגיעס זענען געווען 759,712 מאַכמעדאַנער; 174,610 יודען; 91,398 קריסטען; די איבריגע פון אַנדערע רעליגיעס (צווישען זיי 182 שומרונים). אָבער צוליעב דעם, וואָס טייל יודען האָבען דעמאָלס באָיקאָטירט די צעהלונג איז אָנצונעהמען, אַז שוין דעמאָלס זענען אין א"י געווען מיט אַ 10 טויזענד יודען מעהר, דאָס הייסט אַלזאָ, ביי 185 טויזענד יודען. אין יאָהר 1932 זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל ביי 15 טויזענד יודען, אַזוי אַז איצט (אין אָנהויב 1923) זענען פאַרהאַן אין א"י איבער 200 טויזענד יודען, דאָס הייסט ביי 20 פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג. פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג וואוינט לערך 400 טויזענד אין די שטעדט, און די איבריגע ביי 670 טויזענד — אין די דערפער. דער נאַטירליכער צוואוקס יעהרליך (וויפיעל מענשען עס ווערט מעהר געבוירען ווי עס שטאַרבען אין איין יאָהר) איז געווען אין יאָהר 1930 25,074, דאָס הייסט לערך 2,98 פּראָצענט. אָבער נישט ביי אַלע טיילען פון דער בעפעלקערונג איז עס גלייך. ביי די מאַכמעדאַנער מאַכט אויס דער יעהרליכער נאַטירליכער צוואוקס אין א"י (גענומען דעם דורכשניט פון די לעצטע 10 יאָהר) 2,8 פּראָצענט; ביי יודען 2,2 פּראָצענט; ביי די קריסטען 2,1 פּראָצענט.

X. אַראַבער, קריסטליכע און מאַכמעדאַנער

די צאָהל אַראַבישע איינוואוינער אין ארץ־ישראל איז איצט לערך 840 טויזענד. פון זיי זענען נאָר אַ קליינער טייל (לערך 70 טויזענד) קריסטען; אַלע איבריגע אַראַבער זענען מאַכמעדאַנער. וועגען דעם אַלגעמיינעם לעבענס־שטייגער פון די אַראַבער בכלל (וואָס איז כמעט דערזעלבער פאַר אַלע אַראַבער פון נאָהנטען מזרח) געבען מיר אין אונזער ענציקלאָפּעדיע ביים שטיך־וואָרט „אַראַבער", און וועגען זייערע רעליגיעזע גלויבונגען געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „מאַכמעדאַנישע רעליגיע". דאָ וועלען מיר געבען עטוואָס וועגען די ארץ־ישראל־אַראַבער בפרט. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פעלאַכען (דאָרפס־לייט, וואָס בעזיצען נישט קיין סך פעלד). אָבער טייל פון זיי זענען אויך עפענדים, פּריצים, וואָס האָבען גרויס־גיטער און זענען רייך. די קריסטליכע אַראַבער זענען אים אַלגעמיין אינטעליגענטער פון די מאַכמעדאַנישע; די קריסטליכע אַראַבער וואוינען מייסטענס אין די שטעדט און זיי האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער פּאָליטיק פון די אַראַבער. די אַראַבער אין א"י שטעהען אים אַלגעמיין נישט אויף קיין הויכער קולטורעלער שטופע, אָבער אין די לעצטע יאָהרען איז פאַרהאַן צווישען זיי אַ בעמיהונג צו בילדען זיך, עס ווערען געגרינדעט פאָלקס־שולען און זאָגאָר מיטעל־שולען, און אַ סך פון דער אַראַבישער א"י־יוגענד שטודירט אין אויסלאַנד אין די אוניווערזיטעטען, מייסטענס אין ביירות (סיריען) און קאַהיר (עגיפּטען) ווי אויך אין פּאַריז. צווישען די א"י־אַראַבער זענען פאַרהאַן אַ גרעסערע צאָהל פּערזענליכקייטען מיט העכערער אינטעליגענץ, דאָקטוירים, אַד־


דאס היסטאָרישע
ארץ-ישראל
בירות
צידון
צור
עכו
חיפה
דמשק
דן
מי מרום
טבריה
ירמוק
כרמל
גלבוע
מגידו
בית שאן
הרי
נפתלי
עמק יזרעאל
שומרון
שכם
יבוק
עמק השרון
יפו
ירושלים
יריחו
רבת עמון
אשדוד
אשקלון
בית לחם
מידבא
חברון
עזה
הרי יהודה
עמון
מואב



דאס יודישע
ארץ ישראל
קנה המדה 1:1,150,000
אדמת יהודים
אדמת הקרן הקימת לישראל
אייזענבאהן
מטולה
כפר גלעדי
תל־חי
יסוד המעלה
אילת השחר
משמר הירדן
מחנים
ראש־פנה
ים כנרת
מגדל
חטין
טבריה
מצפה
שגרה
כנרת
עכו
מפרץ חיפה
חיפה
יגור
כפר חסידים
נהלל
נצרת
כפר־תבור
יבנאל
רמה
צמח
דגניה
ביתניה
מנחמיה
רוטענבערגס סטאציע
מרחביה
עפולה
גבע
עין־חרד
בית אלפא
בית־שאן
עתלית
טנטורה
שפיה
זכרון־יעקב
גבעת־עדה
קסריה
כרכור
חפציבה
חדרה
ואדי חורית
תל־כרם
שומרון
שכם
כפר סבא
הרצליה
כפר מלל
פתח תקוה
עין־גנים
תל־אביב
יפו
מקוה ישראל
נבליה
ראשון־לציון
באר־יעקב
בן־שמן
לוד
רמלה
רם־אלה
בארות
יהודה
יריחו
רחבות
חלדה
גדרה
עקרון
קרית ענבים
מוצא
בית הכרם
ירושלים
תפיות
באר־טוביה
בית לחם
חברון
עזה
רוחמה
ים המלח
גליל
גלעד
ירדן

וואקאטען, אינזשיניערען, העכערע בע=
אמטע, ווי אויך גרויסע סוחרים, באנקי=
רען. די לאנדווירטשאפט פון אראבישען
פעלאך איז א פרימיטיווע, אבער לעצ=
טענס ווערט זי וואס אמאל פערגרע=
סערט, אין א גרויסער מאס א דאנק
דעם איינפלוס פון דער יודישער קאלא=
ניזאציע. די אנגעזעהענסטע פאליטישע
ארגאניזאציעס פון די א״י=אראבער גרו=
פירען זיך ארום דער ,,אראבישער עקזע=
קוטיווע״ וועמענס צענטער איז אין
ירושלים, און זי ווערט געוועהלט יעדע
דריי יאהר אויף דער אראבישער לאנ=
דעס=קאנפערענץ. די עקזעקוטיווע בע=
שטעהט פון 48 מיטגלידער. אין איהר
זענען פארהאן דריי פארטייען: די אנ=
הענגער פון העכסטען מאכמעדאנישען
גייסטליכען אין ירושלים דעם ,,מופטי״,
די ,,אפאזיציע״ און די ,,קריסטליכע
אראבער״. דער ירושלימער מופטי איז
אויך דער פיהרער פון מאכמעדאנישען
אבער=ראט, וואס פערוואלטעט מיט אלע
גיטער פון דער מאכמעדאנישער געזעל=
שאפט אין א״י. די ענגלישע רעגירונג
אנערקענט די ,,אראבישע עקזעקוטיווע״
אלס די פאליטישע פערטרעטערין פון די
א״י=אראבער און פיהרט מיט איהר
פאליטישע פערהאנדלונגען. די שטימונג
פון גרעסטען טייל פאליטישע אראבישע
פיהרער, וואס גרופירען זיך ארום דער
עקזעקוטיווע איז געגען דעם ציוניזם
און געגען דער באלפור=דעקלאראציע. די
אראבישע עקזעקוטיווע האט אויך גע=
פרובט פיעל מאל (ספעציעל נאך דעם
פאגראם אויף יודען אין יאהר 1929)
אגיטירען צווישען דער אראבישער בע=
פעלקערונג צו באיקאטירען די יודען.
אבער די באיקאט=אגיטאציע האט א
שוואכע ווירקונג, ווייל די גרויסע אראַ=
בישע מאסען געהען נישט נאך די דא=
זיגע פאליטישע פיהרער. עס ערשיינען
אין א״י איצט (יאהר 1933) דריי טעג=
ליכע אראבישע צייטונגען, וואס צווי=
שען זיי איז די פערשפרייטסטע (ביי
2000 עקזעמפליארען) דער ,,פאלאסטין״
(אין יפו), ווי אויך א רייה וואכען=און
מאנאט=שריפטען; זיי זענען אלע געגען
דער יודישער שטרעבונג צו בויען די
יודישע נאציאנאלע היים אין א״י. אבער
דער איינפלוס פון דער אראבישער
פרעסע אויף די בעפעלקערונג איז נישט
קיין גרויסער. א גרויסער טייל פון די
אראבישע פאליטישע פיהרער איז נישט
נור געגען ציוניזם נאר בכלל געגען דעם
ענגלישען מאנדאט און זיי ווילען, אז
א״י זאל פעראייניגט ווערען מיט די אנ=
דערע אראבישע לענדער אין איין גרוי=
סער אראבישער אימפעריע. ווען די
ענגלישע רעגירונג האט אין יאהר
1922 געוואלט שאפען א ,,לעגיסלאטיווען
ראט״ אין א״י האבען די אראבישע פא=
ליטיקער זיך אבגעזאגט צו בעטייליגען
אין איהם. אים אלגעמיין זענען די פא=
ליטישע פיהרער פון די אראבער געגען
יעדער אויסערליכער אריינמישונג אין די
פאליטישע צושטענדען פון א״י, אבוואהל
זיי ווייסען, אז דער פעלקער=בונד האט
יא אנערקענט דאס היסטארישע רעכט
פון יודען צו בויען זיך דא א נאציאנאל=
לאנד. אין דעם בעשטעהט די אזוי=
גערופענע ,,אראבער=פראגע״ וועגען דעם,
ווי אזוי צו געפינען א לעזונג, וואס זאל
צופרידענשטעלען געוויסע אראבישע פא=
ליטישע שטרעבונגען און דאך זאל דאס
נישט שטערען דער ענטוויקלונג פון דער
יודישער נאציאנאלער היים.

### XI, אנדערע נישט=יודישע בעפעלקערונג

א חוץ אראבער איז אויך פארהאן
אין ארץ=ישראל נאך א נישט=יודישע

בעפעלקערונג, אממייסטען קריסטען פון די פערשידענסטע פעלקער אין דער וועלט. ארץ-ישראל איז פערהייליגט אין דער קריסטליכער וועלט, אלס דאס לאנד וואו עס געפינען זיך פערהייליגטעסטע קריסטליכע ערטער („געבורטס-קירכע" אין בית-לחם, „הייליגער קבר" אין ירושלים, די פערשידענע קריסטליכע הייליגע פלעצער אין נצרת און פערשידענע ערטער אין גליל). דעריבער האבען זייט אלע צייטען כסדר געצויגען אהער א סך פרומע קריסטען, דא צו לעבען און צו שטארבען. פערשידענע קירכען-געמיינדעס האבען דא געבויט זייערע הייםען, געשיקט גלחים, מאנאכען, און אויך געוויסע ציווילע קריסטען האבען בעשלאסען דא צו לעבען. כמעט יעדע קריסטליכע קירכען-געמיינדע אין דער וועלט האט דא איהרע פארשטעהער, די גרעסטע פון זיי זענען די גריכיש-פראוואסלאווגע, די קאטוילישע, ארמענישע, און א גאנצע רייה פערשידענע פראטעסטאנטישע קירכען, ווי אויך אנדערע קליינע קריסטליכע געמיינדעס. עס זענען דא פארהאן איטאליענער, ענגלענדער, דייטשען (וואס האבען זייערע בעקאנטע מוסטערהאפטע קאלאניעס פון דער טעמפלער-געזעלשאפט, ווי „שרונה" ביי תל-אביב, „ווילהעלמינא" און אנדערע), אמעריקאנער, ארמענער און פיעל פיעל אנדערע. א סך פון זיי פיהרען דא געשעפטען, פערנעהמען פאסטענס אלס בעאמטע. זייער צאהל איז נישט קיין גרויסע, מען רעכענט, אז ביי 15.000. א חוץ קריסטען זענען פארהאן אויך פון אנדערע אמונות ווי באהיסטען, דרוזען (ועמענס רעליגיעזע גלויבונגען זענען א געמיש פון קריסטענטום און איסלאם), שומרונים (וואס וואוינען נאר אין שכם און האבען זייער כהן גדול. מיר שרייבען וועגען זיי ביים שטיקווארט „שומרונים") און אנדערע, צוזאמען ביי א 10 טויזענד. דער איינפלוס פון די דאזיגע נישט-אראבישע קריסטען אין א"י איז זעהר א גרויסע און זייי פערנעהמען (ספעציעל די ענגלענדער) די אנגעזעהענסטע רעגירונגס-פאסטענס אין לאנד און שפיעלען א גרויסע ראלע אויך אין האנדעל און פינאנץ-וועזען.

## XII. יודישע בנבעלקערוג

וויפיעל יודען זענען פארהאן איצט (אין אנהויב יאהר 1933) אין ארץ-ישראל? עס איז שווער דערויף צו געבען א גענויעם ענטפער. ווי געזאגט איז ביי דער פאלקסצעהלונג נאוועמבער 1931 פעסטגעשטעלט געווארען די צאהל יודען אויף 174,610, דערפון איז געווען 88.100 מענער און 86.510 פרויען. אבער שוין דעמאלס זענען געווען מעהר יודען, ווייל א סך האבען באיקאטירט די צעהלונג. א חוץ דעם איז אין יאהר 1932 אריינגעקומען ביי 15.000 יודען אין לאנד. אויך אין אנהויב 1933 זענען אריינגעקומען עטליכע טויזענד יודען. מען גלויבט, אז די צאהל איז איבער 200 טויזענד, דאס הייסט ביי 20 פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג. ווען מען נעהמט אין אכט, אז ביי דער פאריגער צעהלונג אין יאהר 1922 זענען געווען נישט מעהר ווי 83.794 יודען אויף א אלגעמיינער בעפעלקערונגס-צאהל פון לערך 760 טויזענד, דאס הייסט נישט מעהר ווי 11 פראצענט, הייסט עס, אז אין פערלויף פון 10 יאהר איז די צאהל יודען אין א"י געשטיגען אויף דריטהאלבען מאל אזוי פיעל, און פראצענטאל איז זי געשטיגען כמעט ווי דאפעלט (פון 11 אויף 20). קיין גענויע סטאטיסטיק וועגען דער בעשעפטיגונג

פון דער יודישער בעפעלקערונג אין א״י איז נישט פאראן. אבער מען נעהמט אן, אז איצט (יאהר 1933) לעבען אויף די קאלאניעס ביי 55 טויזענד נפשות, (דאס הייסט ביי 23 פראצענט) און אין די שטעדט ביי 150 טויזענד נפשות. אין די קאלאניעס פערנעהמען זיך די יודען כמעט אלע מיט לאנדווירטשאפט; אין די שטעדט ביי 30 פראצענט מיט פאבריקאציע און מלאכה, 27 פראצענט ארבייטער, 11 פראצענט סוחרים, און די איבריגע זענען בעאמטע, רענטיערען, הויז־בעזיצער, פרייע פראפעסיעס וכדומה. די יודען אין ארץ־ישראל טיילען זיך אין פערשידענע געמיינדעס און טיפען. די גרעסטע צאהל (80 פראצענט פון אלע יודען אין א״י) זענען די אשכנזים, וואס שטאמען פון די אייראפעאישע לענדער, אמעריקא. נאך זיי געהען די „ספרדים״, די אייניקלעך פון די אמאליגע ארויסגעטריבענע פון שפאניען און פארטוגאל. נאכהער אין צאהל זענען די „תימנים״, יודען וואס שטאמען פון תימן, דערנאך געהען פערשידענע טיפען יודען מוגראבען פון מאראקא און אנדערע נארד־אפריקאנישע לענדער, בוכארישע יודען, פערסישע יודען און אנדערע קלענערע. די שפראך פון דער יוגענד איז כמעט אינגאנצען העברעאיש; פון די עלטערע רעדט א זעהר גרויסער טייל העברעאיש, און א טייל אשכנזישע יודען, ספעציעל פון אלטען דור, רעדען יודיש, די ספרדים א טייל שפאניאליש און די תימנים אראביש; אבער די העברעאישע שפראך ווערט אלץ כסדר בעפעסטיגט אלס די אומגאנגס־שפראך פון די יודען אין ארץ־ישראל. — וועגען דעם לעבענס־ארט פון די פערשידענע טיפען יודען וועלען מיר געבען ביי די ענטשפרעכענדע שטיך־ווערטער, ווי „ספרדים״, „תימנים״ וכדומה. — די יודישע בעפעלקערונג אין א״י, וועלכע ווערט אויך אנגערופען דער „ישוב״, ווערט געוועהנליך געטיילט אויף דעם „נייעם ישוב״ און דעם „אלטען ישוב״. מיט דעם „אלטען ישוב״ מיינט מען געוועהנליך די אזוי־גערופענע חלוקה־יודען, די קינדער און אייניקלעך פון יודען, וואס זענען מיט פיעל צעהנדליגער יאהרען צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל כדי דא צו וואוינען ביי די הייליגע ערטער און צו זיצען און לערנען מתפלל זיין, און זיי זענען אויסגעהאלטען געווארען מיט פרנסה דורך געלד פון דער „חלוקה״ אדער די קופת רבי מאיר בעל הנס, וואס מען האט געשיקט פון די גלות־לענדער. אויך טייל פון די דאזיגע יודען האבען זיך גענומען צום האנדעל און מלאכה און דערמיט פיעל מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון ישוב. זיי וואוינען מייסטענס אין ירושלים, צפת, טבריה און פריהער (פאר דעם פאגראם אין יאהר 1929) אויך אין חברון. דער „נייער ישוב״ בעשטעהט פון די יודען וואס זענען געקומען בויען ארץ־ישראל, גרינדען קאלאניעס, פאבריקען און בויען די נאציאנאלע יודישע היים. דער גאנצער יודישער ישוב איז ארגאניזירט אין קהלות, אין יעדער שטאדט און קאלאניע איין קהלה, און די אלע קהלות צוזאמען פון גאנצען לאנד זענען פערבונדען אין איין דורך די רעגירונג אנערקענטע ארגאניזאציע „כנסת ישראל״. די ארגאנען פון דער „כנסת ישראל״ זענען: דער יודישער פארלאמענט „אספת הנבחרים״, וואס בעשטעהט פון 71 מענשען, און פון א „ועד הלאומי״ (געוועהלט דורך די „אספת הנבחרים״), דאס הייסט „נא־

ציאָנאַל-ראַט", וואָס בעשטעהט פון 21 מאַן. אין די קאָמפעטענצען פון דער „כנסת ישראל" געהען אַריין אַלע רעליגיעזע ענינים פון ישוב, דאָס שולוועזען, צדקה-אַנשטאַלטען, און אויך רעפרעזענטירט זי פאָליטיש דעם ישוב פאַר דער רעגירונג. אַ געוויסע צאָהל עקסטרעמע אָרטאָדאָקסען פון דער „אגודת ישראל" - פאַרטיי אין ירושלים איז אַרויסגעטרעטען פון דער „כנסת ישראל צוליעב דעם, וואָס אין איהר האָבען וואַהל-רעכט פרויען, וואָס איז געגען די רעליגיעזע אַנשויאונגען פון דער „אגודת ישראל". אַלס רעליגיעזער טייל פון דער „כנסת ישראל" איז דער ראַבינאַט (רבנות), די רבנים אין יעדער קהלה, און זייער העכסטע אינסטאַנץ איז די „רבנות הראשית" (דער העכסטער ראַבינאַט") וואָס געפינט זיך אין ירושלים און בעשטעהט פון 8 מיטגלידער און צווישען זיי 2 הויפט-רבנים, אַ אשכנזישען און ספרדישען. איצט איז דער אשכנזישער הויפט-רב רבי אברהם יצחק הכהן קוק, און דער ספרדישער — רבי יעקב מאיר. — אויך וועגען דער „כנסת ישראל" אין איהרע פונקציעס און קאַמפען אַרום איהר וועלען מיר געבען ביים שטיך-וואָרט „כנסת ישראל".

## XIII. שטעדט

אין ארץ-ישראל זענען פאַרהאַן וועניג שטעדט. אינגאַנצען לערך 20; טייל פון די דאָזיגע שטעדט (ווי דזשענין, בית שאָן און אַנדערע) זענען פאַקטיש דערפער. די גרעסטע שטאָדט אין ארץ-ישראל איז די הויפט-שטאָדט ירושלים. זי בעשטעהט פון דער „אַלטער שטאָדט", וועלכע איז אַרומגערינגעלט זייט אַלטע צייטען מיט אַ מויער און דאָרט געפינען זיך די הייליגע יודישע, קריסטליכע און מאַכמעדאַנישע ערטער (כותל המערבי, דער פלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען דער בית-המקדש און איצט שטעהט דאָרט דער אָמאַר-מאַשעע, דער קבר פון קריסטוס וכדומה), און פון דער „נייער שטאָדט", וואָס געפינט זיך אויסער דער מויער, און צו וועלכער עס ווערען צוגערעכענט אויך די נייע יודישע שטאָדטישע ישובים, ווי תלפיות, רחביה און אַנדערע. די בעפעלקערונג פון ירושלים צעהלט לערך 95 טויזענד נפשות, צווישען זיי לערך 55 טויזענד יודען, 20 טויזענד מאַכמעדאַנער און לערך 20 טויזענד קריסטען. דאָס הייסט אַ יודישע מעהרהייט. אין ירושלים געפינען זיך אַלע צענטראַלע אינסטיטוציעס סיי פון דער רעגירונג, סיי די יודישע אינסטיטוציעס, (וועגען „ירושלים" געבען מיר אַ ברייטע אָבהאַנדלונג און בעשרייבונג ביים שטיך-וואָרט „ירושלים"). — די צווייטע גרעסטע שטאָדט אין א"י איז תל-אביב, די נייע יודישע שטאָדט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען בויען אויף דעם צפון זאַמדבערג פון ים ביי יפו אין יאָהר 1909. זי צעהלט איצט (יאָהר 1933) לערך 57 טויזענד איינוואוינער; זיי זענען כמעט אַלע יודען, און נאָר ביי 100 מאַכמעדאַנער און לערך 100 קריסטען. תל-אביב איז אייגענטליך די פערלענגערונג פון דער שטאָדט יפו, און אָפיציעל האָט זי נאָך געוויסע אַדמיניסטראַטיווע פערבינדונגען מיט יפו, אָבער אין אַלע אַנדערע הינזיכטען איז זי אַ בעזונדערע שטאָדט, מיט אַ אייגענעם שטאָדטראַט („עיריה"), פרעזידענט („ראש-עיריה"), פאָליציי („משטרה"), און דאָס אַלץ בעשטעהט פון בלויז יודען.

פאַקטיש מאַכט תל־אביב דעם איינדרוק פון אַ אויטאָנאָמיש קליינעם, אונאָפּהענגיגען יודישען „שטאָדט־שטאַאַט". אין תל־אביב זענען די הייזער געבויט מיט מאָדערנע איינריכטונגען, דאָס לעבען איז מאָדערן־אייראָפּעאיש, די שטאָדט האָט אייגענע פּאָסט, טעלעגראַף, גרויסע געשעפטען, פאַבריקען, אַ אייגענע עלעקטרישע סטאַציע פון רוטענבערג, און ליגענדיג ביים ים איז זי אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ ים־קוראָרט. (אויך וועגען תל־אביב געבען מיר אַ גאַנץ בעזונדערע גרויסע און אויספיהרליכע בעשרייבונג ביים שטיך־וואָרט „תל־אביב"). — נעבען תל־אביב געפינט זיך אויפ'ן ים־ברעג די דריטע גרעסטע שטאָדט פון א"י יפו, די אַלטע שטאָדט, וואָס ווערט דערמאָהנט אין אַלט־עגיפּטישע שריפטען און אין תנ"ך (יהושע, יונה). יפו צעהלט ביי 52 טויזענד איינוואוינער, פון זיי זענען 36 טויזענד מאַכמעדאַנער, 9 טויזענד קריסטען און 7 טויזענד יודען. די יודען אין יפו געהערען צו דער יודישער קהלה אין תל־אביב. אין יפו געפינט זיך אַ אַלט־מאָדישער פּאָרט; די גרעסטע שיפען שטעלען זיך אָב איין קילאָמעטער ווייט פון ברעג און שיפלעך פיהרען צו די סחורות און פּאַסאַזשירען צום ברעג. ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער גרעסטער ים־פערקעהר צווישען א"י און אויסלאַנד פאָרגעקומען דורך יפו; ערשט אין די לעצטע 2 יאָהר, זינט מען בויט אויס דעם מאָדערנעם פּאָרט אין חיפה, ווערט די בעדייטונג פון יפו אין ים־פערקעהר פיעל שוואַכער. אין יפו איז דער רעגירונגס־צענטער פון גאַנצען דרום־דיסטריקט („מחוז הדרום"). אויך וועגען דער דאָזיגער שטאָדט געבען מיר אַ בעזונדערע בעשרייבונג ביים שטיך־וואָרט „יפו". — די פיערטע גרעסטע שטאָדט אין א"י איז „חיפה", וואָס אָבוואָהל אין תנ"ך ווערט זי נישט דערמאָהנט איז זי אָבער אַ גאַנץ אַלטע שטאָדט. זי ליגט צופיסענס פון באַרג כרמל און אויפ'ן ברעג ים, און דאָרט בילדעט דער ברעג אַ נאַטירליכען שטילען ים־בוזען („מפרץ חיפה"). די שטאָדט צעהלט היינט ביי 52 טויזענד איינוואוינער, פון זיי לערך 20 טויזענד מאַכמעדאַנער, 41 טויזענד קריסטען און 18 טויזענד יודען, מייסטענס צוגעקומענע אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה. די יודען וואוינען סיי אין שטאָדט זעלבסט, סיי אין בעזונדערע קוואַרטאַלען (בת גלים, „הדר הכרמל" און אַנדערע). דאָ געפינען זיך עטליכע גרויסע יודישע פאַבריקען, „טחנות הגדולות" גרויסע מיהלען פון ראָטשילד, די אייל־פאַבריק „שמן", נישט ווייט פון שטאָדט ביי 10 קילאָמעטער די גרויסע צעמענט־פאַבריק „נשר" און אַנדערע. אין חיפה ווערט געבויט דער גרויסער פּאָרט פון א"י, וואָס זאָל פערטיג ווערען שוין היי־יאָהר (1933), און דאָ זאָלען אויך געצויגען ווערען די נאַפט־רעהרען פון מעסאָפּאָטאַמיען און אויך די באַהן־ליניע ביז באַגדאַד. אין חיפה געפינט זיך אויך דער יודישער טעכניקום. אויך וועגען חיפה געבען מיר אַ אויספיהרליכע בעשרייבונג ביים שטיך־וואָרט „חיפה". — די איבריגע שטעדט אין ארץ־ישראל זענען „טבריה" מיט לערך 9 טויזענד איינוואוינער צווישען זיי ביי 6 טויזענד יודען; „צפת" מיט לערך 10 טויזענד איינוואוינער צווישען זיי לערך 2700 יודען; חברון מיט 18 טויזענד איינוואוינער צווישען זיי לערך 100

יודען (נאָך דעם פּאָגראָם אין יאָהר 1929 זענען כמעט אַלע יודען פון דאָרט אוועק), עכו מיט לערך 8 טויזענד איינוואוינער (ביי 250 יודען); עפולה די נייע יודישע שטאָדט אין עמק יזרעאל מיט לערך 900 איינוואוינער, כמעט בלויז יודען; שכם, אַראַבּישע שטאָדט מיט לערך 20 טויזענד איינוואוינער (בלויז אַראַבער און נאָר לערך 160 שומרונים), ווי אויך אַנדערע שטעדט (בית=לחם, לוד, רמלה וכדומה), וואָס האָבען אַ קלענערע בעדייטונג און זענען בעוואוינט כמעט בלויז דורך אַראַבּער. וועגען די אַלע דערמאָהנטע שטעדט האָבען מיר דאָ געגעבען נאָר עטוואָס, און וועגען יעדער בעזונדער וועלען מיר געבען אויספיהרליך ביים בעטרעפענדעם שטיק=וואָרט, ווי ,,טבריה'', ,,צפת'' וכדומה.

XIV. יודישע קאָלאָניעס ארץ=ישראל איז אין אַלגעמיין אַ לאַנד מיט אַ מעהרהייט פון דאָרפישער בעפעלקערונג. דער גרעסטער טייל פון דער אַראַבּישער בעפעלקערונג וואוינט אין די דערפער לערך 650 אין צאָהל. אָבער די יודען אין א"י אין דער נייערער צייט האָבען געוואוינט אין די שטעדט. ערשט מיט איבער 50 יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מאָדערנע חבת=ציון=בעוועגונג, האָט זיך אויך אָנגעהויבען די בעוועגונג צו גרינדען יודישע קאָלאָניעס אין ארץ=ישראל, צו בעשעפטיגען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. די ערשטע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געגרינדעט איז געווען ,,פתח תקוה'' (געגרינדעט אין יאָהר 1878), און היינט האָבען מיר שוין אין א"י ביי 130 יודישע קאָלאָניעס צווישען וועלכע עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע גרויסע און רייכע קאָלאָניעס, ווי פתח=תקוה מיט לערך 7 טויזענד איינוואוינער, רחובות און אַנדערע. אין די אַלע יודישע קאָלאָניעס וואוינען היינט קרוב 50 טויזענד יודישע קאָלאָניסטען, און זיי נעהמען אַרום איבער 1 מיליאָן מיט 200 טויזענד דונאַם (1 נייער דונאַם איז 1000 קוואַדראַט מעטער). וועגען די גרעסערע קאָלאָניעס וועלען מיר געבען ביי די בעטרעפענדע שטיק=ווערטער (למשל ביי די שטיק=ווערטער ,,פתח=תקוה'', ,,רחובות'', ,,ראשון לציון'' וכדומה) גרויסע און אויספיהרליכע בעשרייבונגען. דאָ געבען מיר נאָר אַ רשימה פון די אַלע קאָלאָניעס, צונויפגעשטעלט לויט דעם נייעם ,,האַנדבוך פון ארץ=ישראל'' פון טריוואַקס, ערשינען אין יאָהר 1932. די רשימה איז לויט דעם אלף=בית=סדר, און מיר געבען ביי יעדער קאָלאָניע די צאָהל דונאַם און איינוואוינער ווי אויך טיילמאָל דעם כאַראַקטער פון דער קאָלאָניע, דאָס הייסט, צי איז זי אַ ,,קבוצה'', ,,מושב עובדים'', אָדער אַ פּריוואַטע קאָלאָניע. וועגען דעם, וואָס עס בעדייטען די דאָזיגע טערמינען געבען מיר ווייטער.

א) ,,אחוזת סעמועל'', ישוב אויף'ן כרמל, 3000 דונאַם, 87 נפשות. ,,איילת השחר'', קבוצה אין גליל העליון (3[illegible] דונאַם, 103 נפשות. — ב) ,,באר טוביה'', אין דרום=יהודה, 6000 דונאַם, 212 נפשות, ,,באר יעקב'', נישט ווייט פון רחובות, 2200 דונאַם,265 נפשות; ,,בית אלפא'', קבוצה אין עמק יזרעאל 4650 דונאַם, 257 נפשות; בית הגי'' אין גליל התחתון, 1635 דונאַם, 134 נפשות; ,,ביתניה'', אין גליל התחתון, 900 דונאַם, 35 נפשות; ,,בית חנן'', אין יהודה, נעבען ,,נס ציונה'', 1800 דונאַם, 178 נפשות; ,,בן שמן'', קאָלאָניע

און אגרי קולטור-שולע, 2200 דונאם, 253 נפשות, דאָרט איז אויך פאַרהאַן 500 דונאם הערצל-וואַלד; „בלפוריה", אין עמק יזרעאל, 18000 דונאם, 283 איינוואוינער; „בני ברק", נעבען תל-אביב, 1500 דונאם, איבער 1000 נפשות, אויך פאַבריקאַציע; „בנימינה", אין שומרון, אויך באַהן-סטאַציע, 16000 דונאם, 1189 נפשות; „בת שלמה", אין שומרון, נעבען „זכרון יעקב", 3500 דונאם, 86 נפשות. — ג) „גבע", קבוצה אין עמק יזרעאל, 1840 דונאם, 108 נפשות; „גבעת ברנר", קבוצה נעבען „רחובות", 155 נפשות; „גבעת חיים", נייער פּלאַנטאַציע ישוב, נעבען „תל-מונד"; „גבעת עדה", אין שומרון, ביי „זכרון יעקב", 6000 דונאם, 210 איינוואוינער; „גבת", קבוצה אין עמק יזרעאל, 15000 דונאם, 106 נפשות; „ג'דה", (לעז „דזשעדא"), 1100 דונאם, 77 נפשות, דאָרט איז אויך אַ טעקסטיל-פאַבריק; „גדרה", אין יהודה, 7000 דונאם, 208 נפשות; „גנגר", קבוצה אין עמק יזרעאל, 4300 דונאם, 109 נפשות; „גן הדר", נייע פּלאַנטאַציע-קאָלאָניע אין יהודה, 69 נפשות; „גן חיים", אין שרון, 3500 דונאם, 100 נפשות; „גן יבנה", נייער ישוב, אין יהודה; „גן רוה", נייער ישוב, נעבען רחובות; „גן רשל", נייער ישוב אין שרון; „גן שמואל", קבוצה אין שומרון, 975 דונאם, 52 נפשות; „גן השרון", אין שרון, 950 דונאם, 52 נפשות; „גשר נחלים", קבוצה ביים ירדן, 4100 דונאם, 67 נפשות; „גת רמון", נעבען „פתח תקוה", 142 נפשות. — ד) „דגניה אלף און בית", 2 קבוצות ביים ירדן און כנרת, 2300 דונאם, 274 נפשות. — ה) „הדר", אין שרון, 4000 דונאם, 71 נפשות; „הר טוב", אין די בערג פון יהודה, ביי באַהן-סטאַציע, 5000 דונאם, 107 נפשות; „הרצליה", אין שרון, 14000 דונאם, 1217 נפשות. — ו) „וואַדי חוארית", ביי חדרה, 31000 דונאם, עס ווערען איצט דאָרט געגרינדעט קאָלאָניעס. — ז) „זכרון יעקב", אין שומרון, 16000 דונאם, 1192 נפשות; „זרעניה", אין שומרון, 2500 דונאם, 22 נפשות. — ח) „חדרה", אין שומרון, לערך 40000 דונאם, 2135 נפשות; „חולדה", קבוצה אין יהודה 2350 דונאם, 27 נפשות; „חרות יהודה", נייער ישוב אין שרון. — ט) „טירה", ביים כרמל, 2500 דונאם, 20 נפשות. — י) „יבנאל", אין גליל התחתון, 25000 דונאם, 493 נפשות; „יגור" (יאַדזשור), קבוצה ביי חיפה, 6000 דונאם, 100 נפשות, דאָרט איז אויך די צעמענט-פאַבריק „נשר"; „יהודה", נייער ישוב ביי תל-מונד; „יסוד המעלה", אין גליל העליון, 11000 דונאם, 162 נפשות. — כ) „כנרת", ביים ירדן, געמישטע קאָלאָניע פון אַ מושב און אַ קבוצה, 4665 דונאם, 355 נפשות; „כפר אהרן", אין יהודה, 400 דונאם, 40 נפשות; „כפר אתא", ביי חיפה, 29 נפשות; „כפר בילו", נייער ישוב ביי רחובות; „כפר ברוך", אין עמק יזרעאל, 3500 דונאם, 175 נפשות; „כפר גדעון", 5800 דונאם, 96 נפשות; „כפר גון", קבוצה ביים ירדן, 1930 דונאם, 59 נפשות; „כפר גלעדי", פעראייניגט מיט תל חי, קבוצה אין גליל העליון, 3300 דונאם, 100 נפשות; „כפר גנים", אין יהודה, 3000 דונאם, 307 נפשות; „כפר החורש, נייער ישוב אין עמק יזרעאל; „כפר ותיקים", נייער ישוב אין יהודה; „כפר חטין", אין גליל התחתון, 3600 דונאם, 94 נפשות; „כפר חסידים", נעבען חיפה, 10000 דונאם, 420 נפשות: „כפר יהושע", אין עמק

יזרעאל, 5000 דונאם, 277 נפשות;
,,כפר יונה'', נייער ישוב אין שרון;
,,כפר יחזקאל'', אין עמק יזרעאל'', 4500
דונאם, 400 נפשות; ,,כפר ילדים'', אין
עמק יזרעאל, לאנדווירטשאפטליכער ער־
ציהונגס־אנשטאלט פאר יתומים, 1000
דונאם, 126 נפשות; ,,כפר מלל'', אין
שרון, 2400 דונאם, 230 נפשות; ,,כפר
נחמן'', נייער ישוב אין שרון; ,,כפר
סבא'', אין שרון, 8000 דונאם, 1405
נפשות; ,,כפר תבור'' (מסחה), אין עמק
יזרעאל, נעבען בארג תבור, 10000 דו־
נאם, 238 נפשות; ,,כרכור'', אין שומרון
ביי חדרה, 18600 דונאם, 310 נפשות.
— מ) ,,מאיר שפיה'', אין שומרון, 2000
דונאם, 170 נפשות צוזאמען מיט דער
לאנדווירטשאפטליכער קינדער־שולע;
,,מגדיאל'', אין שרון, 5000 דונאם, 740
נפשות; ,,מגדל'', ביי טבריה, 700 דו־
נאם, 278 נפשות; ,,מוצא'', ביי
ירושלים, 655 דונאם, 151 נפשות;
,,מזרע'', קבוצה אין עמק, 8800 דו־
נאם, 81 נפשות; ,,מחנה יהודה'', ביי
פתח תקוה, 550 דונאם, 472 נפשות;
,,מחנים'', אין גליל העליון, 2600 דו־
נאם, 30 נפשות; ,,מטולה'', אין גליל
העליון, 10000 דונאם, 205 נפשות;
,,מנחמיה'', ביים כנרת, 6 טויזענד דו־
נאם 182 נפשות; ,,מקוה ישראל'', לאנד־
ווירטשאפטליכע שולע ביי תל־אביב,
2600 דונאם, 400 נפשות; ,,מרחביה'',
קבוצה און מושב אין עמק, 10000 דו־
נאם, 302 נפשות; ,,מרץ'', נייער ישוב
ביי חדרה; ,,משמר הירדן'', אין גליל
העליון, 10000 דונאם, 100 נפשות;
,,משמר העמק'', קבוצה אין עמק, 2500
דונאם, 122 נפשות. — נ) ,,נהלל'',
אין עמק, 11000 דונאם, 648 נפשות;
,,נוה יעקב'', ביי ירושלים, 140 דונאם,
101 נפשות; ,,נחליאל'', אין שומרון,
2000 דונאם, 176 נפשות; ,,נחלת גנים'',
ביי תל־אביב, 60 דונאם, 81 נפשות;
,,נחלת יהודה'', ביי ראשון לציון, 800
דונאם, 257 נפשות; ,,נחלת יצחק'',
ביי תל־אביב, 300 דונאם, 134 נפשות;
,,נחלת השבים'', נייער ישוב אין שרון;
,,נס ציונה'', אין יהודה, 8000 דונאם.
1013 נפשות; ,,נתניה'', אין שרון,
12000 דונאם, 253 נפשות. — ס)
,,סעדזשערא'' (אלניה), אין גליל התחתון
12000 דונאם, 162 נפשות. — ע)
,,עטרות'', קבוצה ביי ירושלים, 344 דו־
נאם, 112 נפשות; ,,עין גנים'', ביי
פתח תקוה, 1000 דונאם, 355 נפשות;
,,עין זתים'', ביי צפת, 3300 דונאם,
12 נפשות; ,,עין חרוד'', קבוצה אין
עמק, 9000 דונאם, 487 נפשות;
,,עפולה'', נייע שטאדט אין עמק;
,,עקרון'', אין יהודה, 14000 דונאם,
396 נפשות; ,,עתלית'', אין שומרון,
באהן־סטאציע, 8000 דונאם, 200
נפשות, זאלץ־פראדוקציע פון ים. —
פ) ,,פרדס חנה'', אין שומרון, 22000
דונאם, 282 נפשות; ,,פקיעין'', א אלט
דארף, עס וואוינען דארט אויך 52 יו־
דישע נפשות; ,,פתח תקוה'', אין יהודה,
איבער 30.000 דונאם, 6880 נפשות. —
ק) ,,קבוצת מרמורק'', אין יהודה, 56
נפשות; ,,קבוצת שילר'' ביי רחובות;
,,קדימה'', נייע ישובים אין שרון;
,,קלמניה'', אין שרון, 1350 דונאם, 48
נפשות; ,,קסריה'', 20000 דונאם, 22
נפשות; ,,קרית ענבים'', ביי ירושלים,
500 דונאם, 109 נפשות; ,,קרית שאול'',
ביי תל־אביב, 260 דונאם, 26 נפשות. —
ר) ,,ראשון לציון'', אין יהודה, 17000
דונאם, 2525 נפשות, גרויסער וויין־
קעהלער (יקב); ,,ראש פנה'', אין גליל
העליון, 14000 דונאם, 653 נפשות;
,,רביה'', ביי חדרה, 1900 דונאם, 22

נפשות; „רחובות“, אין יהודה, 25000 דונאַם, 2300 נפשות; „רמת גן“, ביי תל-אביב, 2800 דונאַם, 1675 נפשות; „רמת דוד“, נייער ישוב אין עמק אויפ'ן נאָמען פון דאַוויד לאָיד דזשאָרדזש; „רמת טמקין“, נייער ישוב אין שרון; „רמת הצפון“, ביי חיפה, נייער ישוב; „רמת השרון“, אין שרון, 2000 דונאַם, 312 נפשות; „רמתים“, אין שרון, 400 דונאַם, 180 נפשות; „רעננה“, אין שרון, 10000 דונאַם, 615 נפשות; „רעגניה“ אין שרון, 16 נפשות. — ש) „שחר“, ביי פתח-תקוה, 3000 דונאַם, דער ישוב ווערט איצט געשאַפען; „שיבת ציון“, ביי ראשון לציון, 195 דונאַם, 317 נפשות; „שכונת ברוכוב“, ביי תל-אביב, 1800 דונאַם, 1023 נפשות; „שערים“, ביי רחובות, 500 נפשות; „שרון“, קבוצה אין עמק, 56 נפשות; „שרונה“, קבוצה אין עמק, 47 נפשות; „שרוניה“, ביי תל מונד, נייער ישוב; „שריד“, קבוצה אין עמק, 2800 דונאַם, 58 נפשות. — ת) „תל אור“, נעבען רוטענבערגס עלעקטרישער סטאַציע, ביים ירדן, 310 נפשות; „תל חי“, זעה כפר גלעדי; „תל יוסף“, קבוצה אין עמק, 7300 דונאַם, 272 נפשות; „תל מונד“, אין שרון, 14000 דונאַם, 183 נפשות; „תל עדשים“, מושב אין עמק, 7000 דונאַם, 151 נפשות; „תל צבי“, נייער ישוב אין שומרון. — ווי געזאָגט זועלען מיר וועגען די וויכטיגסטע קאָלאָניעס געבען בעזונדערע אויספיהרליכע בעשרייבונגען ביי די בעטרעפענדע שטיך-ווערטער, ווי „פתח-תקוה“, „רחובות“, „ראשון-לציון“, „חדרה“ וכדומה.

XV. לאַנדווירטשאַפט און קאָלאָניזאַציע

אין ארץ-ישראל איז פאַרהאַן ביי 26 מיליאָן דונאַם ערד (1 נייער דונאַם איז 1000 קוואַדראַט-מעטער). גאָר אין די אַלטע צייטען איז כמעט דאָס גאַנצע לאַנד בעאַרבייט געוואָרען, און מיר געפינען אין ספר שמואל ב', אז ווען דוד המלך האָט געצעהלט די יודישע חיילות זיינע, האָט ער געהאַט 1 מיליאָן מיט 300.000 קריגס-לייט, דערפון איז צו זעהן אז דעמאָלס האָבען צוזאַמען מיט פרויען, קינדער און אַלטע לייט געוואוינט אין ארץ-ישראל און זיך ערנעהרט פון דער לאַנדווירטשאַפט ביי 5 מיליאָן איינוואוינער. דער גאַנצער באָדען איז געווען בעאַרבייט. די אַלע וויסטע בערג, וואָס מען זעהט היינט אין א"י זענען געווען בעדעקט מיט פרוכטבאַרע ערד און פערפלאַנצט מיט פרוכטען-גערטנער און ירקות. היינט אָבער ווערט אָנגענומען, אז לערך 15 מיליאָן דונאַם פון דעם באָדען קאָן דערווייל גאָרנישט בעאַרבייט ווערען; דאָס זענען די פוסטע שטיינער-נאַקעטע בערג, פון וואַנען די פרוכטבאַרע ערד איז אין משך פון דורות אַראָבגעשוואָנקען געוואָרען, ווייל דאָס לאַנד איז געווען פוסט און קיינער האָט עס נישט געפלעגט. אָבער ביי 11 מיליאָן דונאַם קאָנען נאָך יאָ בעאַרבייט ווערען. פון זיי ווערען בעאַרבייט לעת-עתה נישט מעהר ווי ביי 5—6 מיליאָן דונאַם, ווייל אויך די איבריגע זענען, אָדער פלעצער, וועגען, וואָס מען בעאַרבייט נישט, אָדער גרויסע שטחים פון זומפען, וואָס מען דאַרף ערשט אויסטריקענען; דאָס טהוען איצט די יודען מיט זייער נייער קאָלאָניזאַציע. די יודישע לאַנדווירטשאַפט אין ארץ-ישראל פערגרעסערט זיך מיט יעדעס יאָהר. אין יאָהר 1899 האָבען יודען געהאַט אין זייער רשות אין א"י נישט מעהר ווי 300 טויזענד דונאַם; אין

יאָהר 1932 האָבען זיי שוין געהאַט 1
מיליאָן מיט 200 טויזענד דונאַם. פון
דעם געהערען 440 טויזענד דונאַם צו
„פיקא" (דאָס איז די ראשי תבות פון
ענגלישען „פּאַלעסטיין דזשואִוש קאָלאָ־
ניזיישאָן אַסאָסיישאָן", (פּאַלעסטינישע
יודישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט),
וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורך
דעם נדיב הידוע באַראָן עדמונד ראָ־
טשילד. פיקא האָט געגרינדעט פיעל אַנ־
געזעהענע קאָלאָניעס אין א"י, צווישען
זיי אַזעלכע ווי זכרון יעקב און אַנדערע,
און אויך איצט טריקענט אויס „פיקא"
גרויסע שטחים ערד און גרינדעט קאָ־
לאָניעס און גיעט זיי צו פּריוואַטע יודי־
שע קאָלאָניסטען אויף אויסצוצאָהלען
אין אַ לאַנגען טערמין. דער צווייטער
גרעסטער אייגענטימער פון יודישען
באָדען אין א"י איז דער „קרן קיימת":
דאָס איז די ציוניסטישע אינסטיטוציע
פאַר „גאולת האדמה" (אויסלייזען די
א"י־ערד), וואָס זאַמעלט געלד אין דער
וועלט, כדי אויסצוקויפען דעם באָדען
פון א"י. דער קרן־קיימת האָט ביי 265
טויזענד דונאַם. דער קרן־קיימת האָט
אויסגעלייזט דעם גרויסען שטח ערד
עמק יזרעאל, דעם טאָל ביים מיטעל־
לענדישען ים „וואדי כאוואריט" און
פיעל אַנדערע. דער קרן־קיימת פער־
קויפט נישט קיין ערד, נאָר גיעט עס
אוועק צו יחידים קאָלאָניסטען אויף איי־
ביגע אַרענדע, וועלכע אָרדנען זיך איין
אויף זיי מיט דער הילף פון „קרן
היסוד". אויף דעם באָדען פון קרן־
קיימת זענען געגרינדעט געוואָרען דריי
סאָרטען קאָלאָניעס: 1) „קבוצה", דאָס
הייסט אַ קאָלאָניע, וואָס אַלע איהרע
מיטגלידער פיהרען אַ בשותפות'דיג קאָ־
מונע־לעבען, אַלע הכנסות געהען אין
איין בשותפות'דיגע קאַסע און אויך אַלע
הוצאות זענען בשותפות; 2) „מושב
עובדים", יעדער קאָלאָניסט האָט זיין
באַזונדערע ווירטשאַפט, אָבער דערביי
איז יעדער פערפליכטעט נאָר צו אַרביי־
טען אַליין („עבודה עצמית") נישט
דינגען קיינע אַרבייטער; 3) מושבה,
דאָס איז אַ געוועהנליך פּריוואַטע קאָ־
לאָניע, אין וועלכער מען קאָן אויך דינ־
גען אַרבייטער. (וועגען „פיקא", „קרן
קיימת", „קרן היסוד", „קבוצה" געבען
מיר אויספיהרליכע בעשרייבונגען ביי
זייערע שטיך־ווערטער „פיקא", „ראָ־
טשילד", „קרן קיימת", „קבוצה"). די
דריטע יודישע באָדען־אייגענטימער אין
א"י זענען פּריוואַטע יודען; צו זיי גע־
הערט לערך אַ האַלבען מיליאָן דונאַם.
אין דער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָ־
ניזאַציע אין א"י האָבען יודען ווירקליך
געשאַפען וואונדער. גאַנצע געגענדען
(דער עמק יזרעאל, פתח־תקוה, חדרה און
פיעל אַנדערע), וואָס זענען געווען פול
מיט זומפּען און דאָרט זענען געווען
נעסטען פון די אַנאָפעלעס־מאָסקיטען,
וועלכע האָבען אַרויסגערופען די שווער־
סטע מאַלאַריע־קראַנקהייטען און מענ־
שען האָבען דאָרט נישט געקאָנט וואוי־
נען, — האָבען יודען אויסגעטריקענט
און פערוואַנדעלט אין די בליהענדסטע
קאָלאָניעס. — די לאַנדווירטשאַפט אין
ארץ־ישראל בעשטעהט פון דריי סיסטע־
מען: 1) „עקסטענסיווע ווירטשאַפט".
דאָס הייסט פערזייהען תבואה (אַמ־
מייסטען ווייץ, גערשטען), און די בע־
וואַסערונג פון די פעלדער קומט פאַר
נאָר דורך דעם רעגען פון הימעל; פאַר
דער דאָזיגער ווירטשאַפט דאַרף מען
האָבען פאַר אַ פאַמיליע צו לעבען לערך
120 דונאַם פעלד; 2) „געמישטע ווירט־
שאַפט", דאָס הייסט אַ 5 דונאַם זאָלען
בעוואַסערט ווערען קינסטליך, פון ברו־

נעמס אָדער קוואַלען, און פערזייהען זיי מיט ירקות אָדער פרוכטען, און די איבריגע פעלד זאָל מען פערזייהען מיט תבואה; דערצו דאַרף מען האָבען פאַר אַ פאַמיליע ביי 50 דונאַם; 3) „אינטענסיווע ווירטשאַפט", דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער באָדען זאָל בעוואַסערט ווערען נאָר קינסטליך, פון ברונעמס אָדער קוואַלען, און מען זאָל אויף דעם באָדען פערזייהען נאָר ירקות אָדער פרוכטען, ספעציעל „ציטרוס" = פרוכטען, דאָס הייסט, פאָמעראַנצען, אתרוגים, גרעיפּ־פרוכט, אָדער ווי מען רופט עס אויף העברעאיש „פרדס". דערצו דאַרף מען האָבען פאַר אַ פאַמיליע צו לעבען דערפון לערך 15 דונאַם. מען נעהמט אָן, אַז אַזא באָדען, וואָס איז גוט אויף די אינטענסיווע ווירטשאַפט, ספעציעל אויף פלאַנצען פרדסים, וואָס פאָדערט אַ בעזונדערען סאָרט ערד, איז פאַרהאַן אין ארץ־ישראל לערך 700 טויזענד דונאַם. פון דעם איז שוין ביז איצט פערפלאַנצט ביי 150 טויזענד דונאַם; יודען האָבען דערפון 85 טויזענד דונאַם און אַראַבער 65 טויזענד דונאַם. ספעציעל האָבען יודען אין די לעצטע יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה שטאַרק פערגרעסערט זייער צאָהל דונאַם פרדסים. אין יאָהר 1924 האָבען יודען געהאַט נאָר 12 טויזענד דונאַם פרדס, און אין יאָהר 1932 האָבען יודען געהאַט 85 טויזענד דונאַם, און די צאָהל פערגרעסערט זיך כסדר. כמעט אַלע פרדסים געפינען זיך אויף דעם ברעג לענג־אויס דעם מיטעללענדישען ים, און זיי ציהען זיך פון עזה אין דרום ביז איבער זכרון־יעקב אין צפון, האָבענדיג תל־אביב מיט די קאָלאָניעס אַרום איהם (פתח־תקוה, רחובות, דעם גאַנצען שרון) אַלס צענטרום. מען רעכענט, אַז אין יאָהר 1933 וועט דער עקספאָרט פון פאָמעראַנצען פון א"י קיין אויסלאַנד צום פערקויף זיין ביי 4 מיליאָן קעסטלעך, און אין אַ 4—5 יאָהר אַרום, ווען די ניי־פערפלאַנצטע פרדסים וועלען אָנהויבען געבען פרוכט (אַ פרדס הויבט אָן צו געבען פרוכט ערשט 7 יאָהר נאָכדעם, ווי מען פערפלאַנצט איהם) וועט מען עקספאָרטירען פון א"י לערך 10 מיליאָן קעסטלעך, אַ חוץ דער צאָהל, וואָס ווערט פערנוצט אין לאַנד. אַ גוטער דונאַם פרדס גיעט ביי 100—150 קעסטלעך פאָמעראַנצען. אויף דער פרדסים־ווירטשאַפט שטיצט זיך דער הויפט־יסוד פון דער יודישער לאַנדווירטשאַפט אין א"י, ווייל אַ דונאַם פרדס טראָגט ברוטאָ לערך 25 פונט, און נעטאָ (נאָכדעם, ווי מען רעכענט אַראָפ די הוצאות ביים בעאַרבייטען איהם, לערך 12 פונט). — אַ גרויסען אָרט פערנעהמען אין דער יודישער לאַנדווירטשאַפט אין א"י אויך אַ רייהע אַנדערע פרוכטען, ספעציעל וויינטרויבען( די וויינטרויבען־גערטנער רופט מען „כרמים"). דער שטח וויין־גערטנער אין א"י בעטרעפט 75 טויזענד דונאַם, דער גרעסטער טייל יודישע. די הכנסה דערפון בעשטעהט אַמייסטען פון אויסגעאַרבייטען וויין, וועלכער ווערט ס'רוב אויסגעאַרבייט אין די בעקאַנטע וויין־קעלערס (יקב) אין ראשון לציון פון באַראָן ראָטשילד און ווערט פערקויפט אונטער דעם נאָמען „כרמל". די וויינטרויבען־פראָדוקציע אין א"י ווערט געשאַצט אויף 20 טויזענד טאָן. אַ געוויסע הכנסה ברענגען אויך אַריין באַנאַנעס, איילבירטען, מאַנדלען. די הכנסה פון תבואה אין א"י איז נישט קיין גרויסע; נישט נאָר וואָס מען עקספאָרטירט דערפון זעהר ווייניג קיין אויסלאַנד, מוז מען נאָך אַריינברענגען גרעסערע קוואַנטומס

זוייץ און מעהל, ביז 15 טויזענד טאָן יעהרליך. אַ גרויס אָרט אין עקספּאָרט קיין אויסלאַנד פון די לאַנדווירטשאַפטליכע ארטיקלען פערנעהמען די וואַסערמעלאָנען (ארבוזען), וואָס בעטרעפט ביז 100 טויזענד פונט יעהרליך. נאָך דער מלחמה האָט מען אויך אָנגעהויבען פלאַנצען אין טייל יודישע קאָלאָניעס טאַבאַק, וואָס פערנעהמט איצט אַ שטח פון 10 טויזענד דונאַם. וואָס אנבעלאַנגט פערשידענע ירקות, ווערען זיי לעצטענס אין די יודישע קאָלאָניעס פיעל געפלאַנצט, אַזוי אַז איצט זענען זיי אַ גרויסער יסוד פאַר דער יודישער לאַנדווירטשאַפט. דאָס זעלבע איז אויך מיט פיה=און עופות=ציכט. דאָס שטייגט כסדר און עס זענען שוין פאַרהאַן טייל יודישע קאָלאָניעס = ווירטשאַפטען, וואָס לעבען דער עיקר פון דער מילך=פראָדוקציע, פון עופות און אייער.

### XV1. (האנדעל, פאבריקאציע, מלאכה)

איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען די ציוניסטישע בעוועגונג אויפצובויען אין א״י די יודישע נאַציאָנאַלע היים זענען דער האַנדעל און די פאַבריקאַציע אין א״י געווען זעהר קליינע. ערשט די יודען, וואָס זענען אָנגעקומען אין די יאָהרען נאָך דער וועלט=מלחמה, ספּעציעל די 4=טע עליה פון די יאָהרען 1924—25 פון פוילישע יודען, האָבען שטאַרק פערגרעסערט סיי דעם מסחר סיי די פאַבריקאַציע ווי אויך האַנדווערקעריי. אין מערץ יאָהר 1930 האָט די צעהלונג פון יודישע אינדוסטריע = אונטערנעהמונגען געוויזען לערך 2500 אונטערנעהמונגען מיט 11500 אַרבייטער, און דער אַרבייטס=לויהן יעהרליך האָט בעטראָפען 700 טויזענד פונט. אין די יאָהרען 1931—33 האָט זיך דאָס שטאַרק פערגרעסערט, ספּעציעל אין דער בוי=אינדוסטריע. די גרעסערע יודישע פאַבריקאַציע=אונטערנעהמונגען זענען: 1) די „ים המלח = געזעלשאַפט" מיט אַ קאַפּיטאַל פון 400 טויזענד פונט, וואָס עקספּלאָאַטירט די מינעראַלען פון ים המלח, בעשעפטיגט 300 אַרבייטער; 2) רוטענבערגס עלעקטרישע געזעלשאַפט („חברת החשמל"), וואָס האָט געשאַפען די גרויסע הידרווילישע עלעקטריע=סטאַציע ביים ירדן מיט 4 טורבינעס, מיט 35 טויזענד פערד=קראַפט, און זי בעזאָרגט גאַנץ ארץ=ישראל (אַ חוץ ירושלים) מיט עלעקטריע צו אינדוסטריע און בעלויכטונג. איהר גרונד=קאַפּיטאַל איז 1 מיליאָן פונט, און בעשעפטיגט 300 אַרבייטער; 3) די צעמענט=פאַבריק „נשר" ביי חיפה מיט אַ קאַפּיטאַל פון 300 טויזענד פונט, בעשעפטיגט 350 אַרבייטער; 4) די אייל=און זייף=פאַבריק „שמן" אין חיפה מיט אַ קאַפּיטאַל פון 200 טויזענד פונט, בעשעפטיגט 260 אַרבייטער; 5) „סיליקאַט" פאַבריק פון בוי=מאַטעריאַלען אין תל=אביב. נאַכהער קומען זעהר פיעל קלענערע און גרעסערע פאַבריקען און ווארשטאַטען, וואָס אַרבייטען אויס פערשידענע סחורות, זאָקען („לודזיה" און אַנדערע), זייד (דעלפינער, זאַקס), וועבעריי („ברקאי" און אַנדערע), מעבעל (גוראַלסקי און אַנדערע), לעדער, שיך, גאַלאַנטעריע, דרוקערייען וכדומה פון די פערשידענסטע בראַנזשעס. די אינדוסטריע פערגרעסערט זיך לעצטענס אויך צוליעב דעם, וואָס עס ווערט איצט געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צו נוצען אין א״י נאָר „תוצרת הארץ" (פּראָדוקטען, וואָס ווערען אויסגעאַרבייט אין לאַנד). לעצטענס זענען געווען עטליכע אויסשטעלונגען (תערוכה) פון די אַלע אַרטיקלען. עס

ווערט אָנגעגעבען, אַז פאַר אינדוסטריע און בעלייכטונג איז בענוצט געוואָרען פון רוטענבערגס עלעקטרישע סטאַציע אין יאָהר 1932 לערך 12 מיליאָן קילאָוואַט, כמעט דער עיקר האָבען עס גענוצט יודען. — דער אויסלענדישער האַנדעל פון א"י איז אַ נעגאַטיווער, דאָס הייסט, מען פיהרט אריין סחורה (אימפּאָרט) פאַר אַ גרעסערע סומע געלד ווי מען פיהרט ארויס (עקספּאָרט). אין יאָהר 1931 האָט דער אימפּאָרט בעטראָפען ביי 6 מיליאָן פונט, און דער עקספּאָרט ביי אַנדערהאַלבען מיליאָן פונט. דעם אונטערשיד דעקען די גרויסע סומען געלד, וואָס קומען אריין מזומן קיין ארץ־ישראל סיי דורך די פערשידענע ציוניסטישע אינסטיטוציעס („קרן היסוד", קרן קיימת" און אַנדערע), סיי דורך אַנדערע יודישע אינסטיטוציעס („חליקה", פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען) סיי דורך פּריוואַטע יודישע קאַפּיטאַלען, ווי אויך דורך קריסטליכע אַנשטאַלטען און טוריסטיק.

XVII. [געלד, בודזשעט, צאָל, ימים טובים] אין א"י איז די מטבע דער ארץ־ישראל־פונט, וואָס האָט דעם זעלבען ווערט, וואָס דער ענגלישער פונט־שטערלינג. אויף העבראעיש הייסט די מטבע „לירה ארץ־ישראלית". דער פונט איז איינגעטיילט אין 1000 מילים. יעדע 10 מילים רופט מען „פּיאַסטער" אָדער אויך „גרוש". פּאַפּיר־געלדער זענען פאַרהאַן אַ האַלבער פונט, 1 פונט, פינף, צעהן, פופציג און 100 פונט. זילבערנע זענען פאַרהאַן 50 און 100 מילים. די קלענערע מטבעות זענען פון בראָנז און ניקעל. — דער בודזשעט פון דער א"י־רעגירונג בעטרעפט פאַר דעם יאָהר אַפּריל 1932 — אַפּריל 1933 2 מיליאָן מיט 42,0483 פונט הכנסות און 2 מיליאָן מיט 403,235 הוצאות. איבערהויפּט האָט די א"י־רעגירונג געהאַט כסדר אַ עודף אין דער קאַסע. די הכנסות פון דער רעגירונג בעשטעהען פון צאָל, שטייערן, אַקציז, פּאָסט, באַהן, סטעמפּלען, ערלויבענישען וכדומה. די הוצאות זענען אויף בעאַמטע, פּאָליציי, מיליטער, שולען, געזונדהייט וכדומה. דער דורכשניט פון צאָל אויף אריינגעפיהרטע סחורות קיין א"י בעטרעפט 13 פּראָצענט פון דעם סחורות־ווערט; אָבער עס איז פאַרהאַן אַ גענוג דיפערענצירטער טאַריף. מאַשינען זענען בעפרייט פון צאָל; אויך ברען־שטאָפען (אַ חוץ בענזין), געוויסע רויה־שטאָפען פאַר דער אינדוסטריע זענען בעפרייט פון צאָל. לויט אַנ'אָבמאַך איז צאָל־פריי דער האַנדעל צווישען א"י מיט די שכנות־לענדער סיריען און עבר־הירדן. — די הויפּט־שטייערן אין א"י זענען: 1) „ווערקאָ", דאָס איז אַ שטייער פון די הכנסות פון אַלע אונבעוועגליכע גיטער, און בעטרעפט 15 פּראָצענט פון דער געשאַצטער הכנסה; 2) „אשער" (עושר), 10 פּראָצענט פון דער הכנסה פון לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, וואָס ווערט גענומען ביים לאַנדווירט. אַ חוץ דעם זענען נאָך פאַרהאַן שטייערן וואָס די שטאָדט־פערוואַלטונגען נעהמען פון געשעפטען און וואוינונגען; דאָס בעטרעפט ביי 12 פּראָצענט פון דירה־געלד. די אַלע אַנדערע שטייערן, וואָס זענען פערשפּרייט אין אייראָפּא, ווי הכנסה־שטייער, אומזאַץ־שטייער וכדומה זענען אין א"י נישט פאַרהאַן, דאָס הייסט, איינער קאָן פערדינען פון קאַפּיטאַלען און געשעפטען די גרעסטע סומעס, צאָהלט ער פון זיינע דאָזיגע איינקינפטען קיין שטייער. — קיין צוואַנגס־

ימים-טובים (ווי אין טייל קריסטליכע לענדער זונטאָג וכדומה), אין וועלכע די געשעפטען זאָלען נישט טאָרען זיין אָפען איז אין א"י נישטאָ. די רעגירונג האָט נאָר אנערקענט פאַר איהרע בעאַמטע פון יעדער רעליגיע געוויסע הויפּט-ימים-טובים. די יודען פייערען שבת, די קריסטען זונטאָג, און די מאָכמעדאַנער פרייטאָג. אין תל-אביב איז יאָ איינגעפיהרט א געוויסע „שמירת שבת-פעראָרדנונג", וואָס ערלויבט נישט צו האַלטען אָפען יודישע געשעפטען אים שבת, אָבוואָהל דאָס א"י-געריכט האָט די דאָזיגע פעראָרדנונג נישט אנערקענט אלס אָפיציעל-געזעצליך.

XVIII. [באנקען, היפּאָטעקען, קאָאָפּעראַטיוון]. די גרעסטע באַנק אין א"י איז די פיליאַל פון דער ענגלישער „באַרקליים"-באַנק, וואָס האָט איהרע הויפּט-אָבטיילונגען אין תל-אביב, יפו, ירושלים. די צווייטע גרעסטע באַנק איז די יודישע ציוניסטישע באַנק „אפּ"ק" („אנגלאָ פּאַלעסטיין קאָמפּאַני"), וואָס האָט פיעל מיטגעהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון יודישען ישוב. (ווענען דער אפּ"ק געבען מיר אויספיהרליכער ביים שטיך-וואָרט „אנגלאָ פּאַלעסטיין קאָמפּאַני"). א חוץ דעם זענען פאַראַן א רייה קלענערע יודישע געזעלשאַפטליכע און קאָאָפּעראַטיווע באַנקען ווי „אשראי", „מזרחי", „בנק הפועלים" (ארבייטער-באַנק), „בנק עולים", „קופת עם", „בני בנימין", „הלואה וחסכון". עס איז אויך פאַראַן א היפּאָטעקען-אינסטיטוציע „באַנק אפּותיקאי הכללי", וואָס האָט געגעבען אין תל-אביב הלוואות אויף הייזער, ווי אויך אנדערע קלענערע היפּאָטעקען-אינסטיטוציעס, וואָס באָרגען קלענערע סומען אויף הייזער, אָבער אָהן א גרעסערער בעדייטונג. די היפּאָטעק אין א"י „טאבו", איז אן'אָפיציעל אנערקענטע רעגירונגס-אינסטיטוציע. די צייגנים פון אייגענטום אויף א אונבעוועגליך גוט הייסט „קושאן". א חוץ די דערמאָהנטע פינאנציעלע אינסטיטוציעס ווירקען אין א"י אויך דריי יודישע לאָקאַלע פערזיכערונגס-געזעלשאַפטען: „יהודה", „הסנה", און „בטוח כללי". אין ארץ-ישראל זענען פאַראַן איבער 300 יודישע קאָאָפּעראַטיווע חברות, וואָס נעהמען ארום פערשידענע געביעטען פון ווירטשאַפט, ווי פינאנסען, כמעט די גאנצע לאנדווירטשאַפט, פאַבריקען, וואַרשטאַטען, הייזער-בוי וכדומה, און זיי פערנעהמען א וויכטיג אָרט אין יודישען ישוב.

XIX. [באהנען, אויטאָס, שיפען, פּאָסט] אין א"י זענען פאַראַן פאָלגענדע באַהן-ליניעס: 1) די הויפּט-ליניע, וואָס געהט לענג-אויס דעם ברעג פון מיטעללענדישען ים און שניידט אדורך פערביי די וויכטיגסטע יודישע קאָלאָניעס אין שומרון, שרון און יהודה, דאָס איז די ליניע חיפה—לוד—קאנטארא (ביז עגיפּטען); זי האָט 425 קילאָמעטער; 2) די ליניע יפו—תל-אביב—ירושלים מיט דער לענג פון 87 קילאָמעטער; ביי דער באַהן-סטאַציע „לוד" קניפּט זי זיך אָן מיט דער ערשטער באַהן-ליניע חיפה—עגיפּטען; 3) די ליניע חיפה—צמח (ביים ירדן און ים כנרת) מיט א לענג פון 88 קילאָמעטער און זי שניידט אדורך דעם עמק יזרעאל און אלע דאָרטיגע וויכטיגע יודישע קאָלאָניעס; זי פעראייניגט זיך מיט דער באַהן-ליניע קיין סיריען ביז דמשק. א חוץ די דאָזיגע הויפּט-ליניען זענען

פאַרהאַן עטליכע קלענערע, אָהן בעזונדערע בעדייטונג. די ליניע פון 7 קילאָמעטער די לענג פון פתח⸗תקוה ביז „ראש⸗על⸗עין" איז אַ יודישע און רוהט אים שבת. — אַ בעדייטענד וויכטיגערען אָרט פערנעהמט אין א"י די אויטאָמאָבילען⸗קאָמוניקאַציע, וואָס פערבינדעט ווירקליך אַלע וויטסטע פונקטען פון לאַנד. מען נעהמט אָן, אַז אין יאָהר 1932 זענען געווען אין א"י איבער 4000 אוטאָמאָבילען. אין א"י זענען פאַרהאַן פיעל גוטע אַספאַלט⸗שאָסעען, (יפו—ירושלים, ירושלים—חיפה איבער דעם עמק יזרעאל און אנדערע), אויף וועלכע עס געהען גוט די אויטאָמאָבילען, אויך אין די שטעדט זעלבסט (תל⸗אביב, ירושלים, חיפה) פערנעהמט דער אויטאָמאָביל דעם פּלאַץ, וואָס אין מאַנכע אייראָפּעאישע שטעדט דער עלעקטרישער טראַמוואַי. יודישע שאָפערען און אויטאָמאָבילען⸗געזעלשאַפטען איז פאַרהאַן אַ גרויסע צאָהל. — דער הויפט⸗פּאָרט אין ארץ⸗ישראל איז חיפה, וואו עס ווערט איצט פערענדיגט אַ מאָדערנער פּאָרט. אָבער אַ גרעסערע צאָהל שיפען קומען אויך צו קיין יפו; זיי שטעלען זיך אָב ווייט פון ברעג, לערך אַ קילאָמעטער, און מיט קליינע שיפלעך פיהרט מען צו פּאַסאַזשירען און סחורות. אין יאָהר 1930 זענען געקומען אין די א"י⸗פּאָרטען 1228 דאַמף⸗שיפען פון 2 מיליאָן און 750 טויזענד טאָן, ווי אויך אַ געוויסע צאָהל זעגעל⸗שיפען. כמעט אַלע שיפען זענען פון אויסלאַנד. ערשט לעצטענס האָט אַ גרופּע יודען געפּרובט איינאָרדנען אַ אייגענע קלענערע שיף⸗קאָמוניקאַציע און געקויפט אַ קליינע שיף „כרמל", ווי אויך עטליכע קלענערע פיש⸗פאַנג⸗שיפען. — א"י האָט אַ גוטע פּאָסט⸗און טעלעגראַף⸗פערבינדונג מיט דער גאַנצער וועלט, און די אַלגעמיינע פּאָסט⸗הכנסה בעטרעפט לערך 250 טויזענד פונט יעהרליך. צווישען די פּאָסט⸗און טעלעגראַף⸗בעאַמטע איז פאַרהאַן אַ גרעסערע צאָהל יודען. אַלע דאָקומענטען פון דער פּאָסט, באַהן וכדומה זענען אין די דריי אָפיציעלע שפּראַכען: ענגליש, העברעאיש און אַראַביש.

XX. [ארבייטער. פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען]. די יודישע ארבייטער אין א"י זענען בעקאַנט אין דער יודישער וועלט מיט'ן נאָמען „חלוצים". די הויפט⸗אָרגאַניזאַציע פון יודישע ארבייטער אין א"י איז די „הסתדרות הכללית של העובדים העברים בא"י", (אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון יודישע ארבייטער אין א"י); זי איז אויך בעקאַנט מיט'ן סתם⸗נאָמען „הסתדרות" (עס ווערט געלעזען מיט דער ספרדישער אויסשפּראַך „היסטאַדרוט"). די „הסתדרות" צעהלט (אין יאָהר 1933) לערך 35 טויזענד מיטגלידער און נעהמט אַרום פערשידענע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין גאַנצען לאַנד. ביי דער „הסתדרות" עקזיסטירט די „קראַנקען⸗קאַסע" („קופת חולים"), קולטור⸗קאָמיסיע („ועדת התרבות"), דער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָאָפּעראַטיוו („תנובה"), דער קאָאָפּעראַטיוו „המשביר", די לאַנדווירטשאַפט⸗ארבייט⸗קאָאָפּעראַטיוו „ניר". די הסתדרות האָט אַ זעהר גרויסע בעדייטונג פאַר דעם יודישען אויפבוי פון א"י, (וועגען איהר געבען מיר אויספיהרליך ביים שטיך⸗וואָרט „הסתדרות העובדים"). עס זענען פאַרהאַן נאָך אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „ארגון" פון די רעוויזיאָניסטען, די לעהרער⸗אָרגאַניזאַציע („הסתדרות המורים"), „הסתדרות הפקידים" פון בעאַ⸗

אמטע (אָנגעשלאָסען אין דער אַלגעמיי־
נער „הסתדרות"), ווי אויך פעראייניגען
פון פערשידענע פרייע פּראָפעסיעס,
דאָקטוירים, דענטיסטען, אַדוואָקאַטען,
אינזשינערען וכדומה. אויך די יודישע
פאַבריקאַנטען האָבען זייער אָרגאַניזאַציע
„התאחדות בעלי תעשיה" (אין תל־
אביב), די קאָלאָניסטען „התאחדות
האכרים", דערביי איז פאַראַאַן די
„התאחדות האכרים הלאומיים", וואָס
זענען געגען בעשעפטיגען נישט־יודישע
ארבייטער אין יודישע קאָלאָניעס. עס
איז אויך פאַראַאַן די „אגודת הסופרים
העברים", וואָס איז די פעראייניגונג
פון העבראַאישע שריפטשטעלער.

XXI. [שולען, ישיבות, צייטונגען, ביכער
איבער דעם גאַנצען יודישען
ישוב אין א"י איז פערשפּרייט א נעץ
פון יודישע שולען מיט העבראַאיש אַלס
אונטערריכטס־שפּראַך. זיי ווערען אויס־
געהאַלטען אַביסעל דורך דער רעגירונג,
וועלכע גיעט פאַר אַלע יודישע שולען
צושטייער לערך 20 טויזענד פונט יעהר־
ליך, דורך אָבצאָהלונגען פון די שטאָדט־
און קאָלאָניעס־פערוואַלטונגען, און דורך
די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (יודישע
אגענץ), עס איז פאַראַאַן אויך א קליינע
צאָהל שולען, וואָס ווערען אויסגעהאַל־
טען דורך אַנדערע יודישע אינסטיטו־
ציעס, ווי „אליאַנס" און אַנדערע, ווי
אויך פּריוואַטע שולען. אין די יודישע
שולען אין א"י האָבען געלערענט אין
יאָהר 1932 לערך 31,500 שילער און
שילערינס. אין די שולען פון דער יודי־
שער אגענץ (258 אין דער צאָהל) האָ־
בען געלערענט נאָהנטע 23 טויזענד שי־
לערס און שילערינס דורך 897 לעהרער
און לעהרערינס. די דאָזיגע שולען בע־
שטעהען פון קינדער־גאַרטענס („גנים"),
פאָלקס־שולען („בתי ספר עממיים"),
מיטעל־שולען, לעהרער־סעמינאַרען און
האַנדווערקער־שולען. דער בודזשעט דער־
פון בעטרעפט לערך 130 טויזענד פונט
יעהרליך. מיט דעם שול־וועזען פער־
נעהמט זיך דער „ועד החינוך" (שול־
אָבטיילונג), וועלכער בעשטעהט פון
פאָרשטעהער פון דער יודישער אגענץ,
ועד הלאומי, לעהרער־אָרגאַניזאַציע
און פון דער רעגירונג. די שולען בע־
שטעהען פון אַלגעמיינע, אָרטאָדאָקסישע
און ארבייטער־שולען (פון „ועדת
התרבות"). א חוץ דעם זענען פאַראַאַן
די שולען פון דער אליאַנס, וועלכע האַלט
אויך אויס צוויי האַנדווערקער־שולען אין
ירושלים. די וויכטיגסטע שולע פון דער
„אליאַנס", וועלכע ווערט אויך גע־
שטיצט פון באַראָן עדמונד ראָטשילד,
איז די לאַנדווירטשאַפטליכע שולע מקוה־
ישראל, נעבען תל־אביב, מיט דעם לעהר־
טערמין פון 3 יאָהר, (וועגען דער דאָ־
זיגער שולע געבען מיר ביים שטיך־
וואָרט „מקוה־ישראל"). עס עקזיסטי־
רען אויך אַנדערע קלענערע לאַנדווירט־
שאַפטליכע שולען, ווי „כפר הנוער" אין
בן שמן, „כפר ילדים" אין עמק און אַנ־
דערע. אין נהלל איז פאַראַאַן א לאַנד־
ווירטשאַפטליכע שולע פאַר מיידלעך.
אין א"י זענען פאַראַאַן עטליכע מיטעל־
שולען, צווישען וועלכע עס זענען די אָנ־
געזעהענסטע דאָס „הרצליה"־גימנאַ־
זיום, די האַנדעלס־שולע „בית הספר
למסחר", מזרחי־שולע „תחכמוני", טעכ־
נישע שולע „מונטפיורי", (אַלע אין תל־
אביב), רעאַל־שולע אין חיפה, גימנאַזיעס
אין ירושלים, ראשון לציון, פתח־תקוה.
פון די הויכשולען זענען בעקאַנט די
העבראַאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים
(וועגען איהם געבען מיר אויספיהרליך
ביים שטיך־וואָרט „אוניווערסיטעט")

אוּן דאָס טעכניקום אין חיפה. (וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „טעכניקום"). אויסער דעם זיינען פאַראַן פיר לעהרער-און לעהרערינס-סעמינאַריומס, פון זיי צוויי אַלגעמיינע און צוויי אָרטאָדאָקסישע (פון מזרחי). — עס זענען אויך פאַראַן תּלמוד-תּורה'ס און ישיבות פון אַלטען טיפּ, וואו מען לערענט גמרא און פּוסקים, אַממייסטענס אויף יודיש, דאָס רוב פון זיי געפינט זיך אין ירושלים. בעקאַנט זיינען די ישיבות פון סלאָבאָדקע (פריהער אין חברון, דערנאָך אין ירושלים), ישיבה פון „מרכז הרב", ישיבה פון „שפת אמת" (געגרינדעט דורך דעם גערער רבי), חיי עולם, מאה שירים און אַנדערע. — אין א"י ערשיינען 4 טעגליכע העברעאישע צייטונגען: „הארץ" (בירגערליך-ראַדיקאַל), „דבר" (אָרגאַן פון די אַרבייטער), „דאר היום" (קאָנסערוואַטיוו, אָבער נישט רעליגיעז), „החרות" (פון די ספרדים); 12 וואָכען-זשורנאַלען, צווישען וועלכע די" וויכטיגסטע זיינען „הפועל הצעיר" פון די אַרבייטער, „בוסתנאי" (פון דער „התאחדות האכרים"), „מאזנים" און „כתובים" (געווידמעט ליטעראַטור-פּראָבלעמען), „קול ישראל" (פון דער „אגודת ישראל"), „הזית העם" (צוויי מאָל אַ וואָך, פון די רעוויזיאָניסטען), ווי אויך פיעל פאַך-זשורנאַלען אויף העברעאיש, ווי „השדה" (פאַר אגריקולטור), „הרפואה" (מעדיצין) און אַנדערע. דער טיראַזש פון די טעגליכע צייטונגען איז פון 2000 ביז 7000. עס ערשיינט אין ירושלים אויך אַ יודישע צייטונג אויף ענגליש „פּאַלעסטיין בּיולעטין". אין ארץ-ישראל ערשיינען אויך פיעל העברעאישע ביכער און עס זיינען טעטיג אַ סך פערלאַגען, צווישען וועלכע די" וויכטיגסטע זיינען „דביר", „אמנות" און אַנדערע. ארץ-ישראל פאַרמאָגט אויך אַ גרויסע נעץ ביבליאָטעקען און לעזעזאַלען. די גרעסטע ביבליאָטעק איז די נאַציאָנאַלע אוניווערזיטעטס - ביבליאָטעק אין ירושלים, (וועגען דעם ביים שטיך-וואָרט „אוניווערסיטעט"). אין תּל-אביב איז פאַראַן די שטאָדטישע ביבליאָטעק „שער ציון" און אויך דער „בית אחד העם". אַ גרויסע קולטור-טעטיגקייט ענטוויקעלט די „ועדת התרבות" פון דער „הסתדרות" דורך איהרע ביבליאָטעקען, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אין אַלע יודישע ישובים פון לאַנד.

XXII. [געזונדהייט, היגיענע, ספארט] דאָס געזונדהייטס-וועזען שטעהט איצט (יאָהר 1933) אין א"י אויף אַ הויכער מדרגה ספּעציעל פון דער יודישער בעפעלקערונג, פאַר וועלכער עס זאָרגט (זינט יאָהר 1931) דער ועד הלאומי, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע („יודישע אַגענץ") און אויך אַנדערע אינסטיטוציעס. די הויפּט-יודישע שפּיטאָלען ווערען אויסגעהאַלטען דורך די געזעלשאַפט „הדסה" (אַמעריקאַנער יודישע פרויען-אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין יאָהר 1912), „קופּת חולים" (קראַנקען-קאַסע פון די אַרבייטער), ווי אויך פריוואַטע קליניקעס. אַ דאַנק דעם איז ביי יודען די שטערבליכקייט זעהר געפאַלען. ביי יודען אין א"י איז דער פּראָצענט פון טויט-פאַלען ביי זויג-קינדער אין יאָהר 1930 געווען נישט מעהר, ווי 69 אויף טויזענד (אין דייטשלאַנד 96, אין ענגלאַנד 74). אַ חוץ דעם זיינען פאַראַן פיעל פריוואַטע יודישע דאָקטוירים, סאַנאַטאָריומס. אויך וועגען היגיענע ווערט אין יודישען א"י-ישוב שטאַרק

נעזאָרגט, אין ירושלים און אין תל־אביב זענען פאַרהאַן די „בתי הבריאות" (געזונדהייטס־הייזער) געגרינדעט דורך דעם פערשטאָרבענעם נדבן פון אַמעריקא נתן שטרויס פאַר דער פּפלעגיע פון היגיענע. אויף גאָר אַ הויכער מדרגה שטעהט דער ספּאָרט ביי דער יודישער יוגענד אין א"י, און דאָס ווירקט־מיט צו דער פערבּעסערונג פון געזונדהייטס־וועזען. עס זענען פאַרהאַן פערשידענע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. אויפ'ן ערשטען פּלאַץ שטעהט אין א"י דער „מכבי", וועלכער איז אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער „מכבי"־אָרגאַניזאַציע. די צווייטע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע איז פון דער אַרבייטערשאַפט מיט'ן נאָמען „הפועל", און די פערשידענע קלענערע ספּאָרט־גרופּען „צופים", (סקויטען), „הנוער הלאומי" (נאַציאָנאַלע יוגענד) און אַנדערע. אין תל־אביב, ירושלים, חיפה האָבען די יודישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס זייערע אייגענע ספּאָרט־פּלעצער. אין פריהלינג יאָהר 1932 איז פאָרגעקומען אין א"י די „מכביאַדע", וואָס איז געווען די מאַניפעסטירונג פון יודישען ספּאָרט.

XXIII. [ציוניסטישע אינסטיטוציעס. תרבות] די פאָרשטעהערשאַפט פון יודישען ישוב אין א"י פאַר דער א"י־רעגירונג איז, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, דער „ועד הלאומי". אָבער די פאָרשטעהערשאַפט פון גאַנצען יודישען פאָלק פאַר דער ענגלישער און א"י־רעגירונג אַלס מאַנדאַט־מאַכט איז די „יודישע אַגענץ", וואָס ווערט געוועהלט אַ העלפט מיטגלידער דורך דעם ציוניסטישען קאָנגרעס און אַ העלפט דורך די יודישע אָנגעזעהענע קבוצים אין פערשידענע לענדער. אין יאָהר 1930 האָט די יודישע אַגענץ איבערגענומען אַלע וויכטיגע ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל און זי פיהרט אָן מיט דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבייט אין לאַנד. וועגען דער אַגענץ און דער ציוניסטישער אַרבייט און איהרע אינסטיטוציעס וועלען מיר געבען ברייט און אויספיהרליך ביים שטיך־וואָרט „ציוניזם". דאָ געבען מיר נאָר די הויפּט־שטריכען פון זיי. די יודישע אַגענץ אין ירושלים (פריהער האָט מיט זיי פערוואַלטעט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, „הנהלה הציונית") האָט אין ירושלים פאָלגענדע דעפּאַרטאַמענטען: 1) פּאָליטישע ענינים; 2) קאָלאָניזאַציע; 3) ערציהונג; 4) פינאַנסען; 5) אימיגראַציע און אַרבייט; 6) מיטעלשטאַנד־ענינים; 7) סטאַטיסטיק; 8) האַנדעל און אינדוסטריע; 9) אַלגעמיינער סעקרעטאַריאַט. דאָס געלד פאַר די אַלע ענינים בעקומט די יודישע אַגענץ דורך דעם „קרן היסוד", וועמענס הויפּט־ביוראָ געפינט זיך אין ירושלים. די אַגענץ פערנעהמט זיך מיט בעזעצען מיטעללאָזע יודען אויף באָדען, העלפען דעם האַנדעל און אינדוסטריע, אויסהאַלטען די שולען, שפּיטאָלען. ערד פאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע בעקומט די אַגענץ דורך דעם קרן קיימת; וועמענס הויפּט־ביוראָ געפינט זיך אויך אין ירושלים. אין פערלויף פון די 11 יאָהר פון 1920 ביז 1931 האָט די אַגענץ (פריהער די ציוניסטישע עקזעקוטיווע) אויסגעגעבען פון די קרן־היסוד־געלדער אין ארץ־ישראל לערך 4 מיט אַ האַלבען מיליאָן פונט. — וועגען די אַלע אינסטיטוציעס וועלען מיר געבען אויספיהרליך ביים שטיך־וואָרט „ציוניזם". — די „יודישע אַגענץ" פערנעהמט זיך אויך מיט רעגולירען די יודישע אַרביי־

טער=אימיגראַציע קיין ארץ=ישראל. יעדעם האַלבע יאָהר (אַפּריל און אָקטאָבער) בעקומט די „יודישע אַגענץ פון דער ארץ=ישראל=רעגירונג אַ געוויסע צאָהל סערטיפיקאַטען (אין ערשטען האַלבען יאָהר 1933 — 4200 סערטיפיקאַטען) צו בעזעצען יודישע אַרבייטער פון אויסלאַנד. — אַ חוץ דער יודישער אַגענץ זיינען טעטיג אין א״י אויך אַ רייה אַנדערע יודישע אָרגאַניזאַציעס, ווי פיק״א (וועגען איהר געבען מיר ביים שטיך=וואָרט „פיק״א״) פון באַראָן ראָטשילד, „אַליאַנס״, ווי אויך אַ רייה חברות פון אַלטען יודישען ישוב, וואָס האַלטען אויס ישיבות, תלמוד=תורות, מושב=זקנים׳ס, יתומים=הייזער, און בעזונדערס די „חלוקה״, וואָס שטיצט די עלטערע אונפערמעגליכע יודען, (וועגען דעם געבען מיר בעזונדער ביים שטיך וואָרט „חלוקה״).

XXIV. [אימיגראַציע, בירגערשאַפט, טוריסטיק.] דאָס נייע געזעץ וועגען אימיגראַציע קיין ארץ=ישראל איז אַריין אין קראַפט סעפּטעמבער 1932. לויט דעם געזעץ קאָנען קומען אַלס אימיגראַנטען („עולים״) קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען 1000 פונט אָדער פרייע פּראָפעסיעס מיט 500 פונט, אָדער ספּעציעלע פאַכלייט מיט 250 פונט; אַ חוץ דעם קאָנען קומען מענשען מיט געזיכערטע אַרבייט און הכנסה. אויפ׳ן גרונד פון דאָזיגען געזעץ בעקומט די יודישע אַגענץ יעדעם האַלבע יאָהר (אַפּריל און אָקטאָבער) סערטיפיקאַטען צו ברענגען יודישע אַרבייטער, גאַראַנטירענדיג, אַז זיי וועלען האָבען בעשעפטיגונג. אין פערלויף פון נאָך דער וועלט=מלחמה (פון יאָהר 1918 ביז 1933 זיינען אַריינגעקומען קיין ארץ=ישראל ביי 140 טויזענד יודען. דאָס פּראָבלעם פון דער יודישער אימיגראַציע קיין א״י איז איצט פון די וויכטיגסטע אין יודישען פאָלקס=לעבען. אין אָנהויב פון יאָהר 1933 איז ענטשטאַנען אין דער גאַנצער יודישער וועלט די בעוועגונג צו פערלאַנגען פון דער ענגלישער רעגירונג „עליה חפשית״, דאָס הייסט „פרייע אימיגראַציע״, יעדער יוד זאָל האָבען דאָס רעכט צו קומען און בעזעצען זיך אין א״י אָהן שום בעגרענצונגען. די יודישע סערטיפיקאַטען = אימיגראַציע קיין א״י ווערט רעגולירט אין די פערשידענע לענדער דורך די יודישע פּאַלעסטינא=אַמטען, וואָס געפינען זיך אין די רעזידענץ=שטעדט און זיי זיינען אַ טייל פון אימיגראַציע=דעפּאַרטאַמענט פון דער יודישער אַגענץ אין ירושלים. — אַ גרויסע בעדייטונג האָט פאַר א״י אויך די טוריסטיק אים אַלגעמיין (פיעל קריסטען פון דער גאַנצער וועלט בעזוכען א״י, כדי צו זיין אויף די הייליגע קריסטליכע ערטער) און ספּעציעל די יודישע טוריסטיק, וואָס קומט פאָר אַ גאַנץ יאָהר און בעזונדער פּורים און פּסח=צייט. אין יאָהר 1931 זיינען געקומען קיין א״י 58 טויזענד טוריסטען און האָבען געבראַכט ביי 300 טויזענד פונט הכנסה. אין א״י זיינען פאַרהאַן צו דעם ציעל גוטע האָטעלען, מען נעהמט אָן, אַז איבער 300 האָטעלען, צווישען זיי טייל ערשט=קלאַסיגע. — די בירגערשאַפט קאָן בעקומען יעדער אימיגראַנט נאָכדעם, ווי ער איז געווען אין לאַנד צוויי יאָהר.

XXV. [הייליגע ערטער] ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז א״י אַ הייליג לאַנד נישט נאָר פאַר יודען נאָר אויך פאַר קריסטען, ווייל עס האָט אין דאָזיגען

לאַנד געלעבט דער גרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיע ישו הנוצרי, און אויך אין א געוויסער מאָס פאַר מאַכ־מעדאַנער. די הייליגסטע ערטער פון קריסטען זענען דער „קבר פון קריסטוס" אין ירושלים, דאָס געבורטס־אָרט „בית־לחם", די קינדהייטס־שטאָדט „נצרת" אין גליל און אויך טייל אַנדערע ערטער אַרום דעם ים כנרת און ירדן. פאַר די מאַכמעדאַנער איז דער הייליגסטער אָרט דער „אָמאַר־מעטשעט", וואָס גע־פינט זיך אין ירושלים אויפ'ן אָרט, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָס בית־המקדש. — פאַר יודען איז ארץ־ישראל פול מיט די הייליגסטע ערטער און זכרונות פון די אַלטע תנ"ך־צייט און שפּעטער. דאָס הייליגסטע אָרט איז דער מקום המקדש. דער פּלאַץ פון בית־המקדש, וואוהין פרומע יודען האַלטען, אַז מען טאָר דאָרט נישט אַריינגעהן. דאָס צווייטע הייליגע אָרט איז די כותל־המערבי, די מערב־וואַנד פון דער מויער, וואָס האָט אַמאָל אַרומגערינגעלט דעם בית־המקדש־פּלאַץ. דאָס דריטע הייליג־סטע אָרט איז דער קבר פון דער מוטער רחל, נישט ווייט פון בית לחם אויפ'ן וועג פון ירושלים. דאָס פיערטע הייליגע אָרט איז די „מערת המכפלה" איז חברון, וואו עס ליגען לויט דער טראַ־דיציע די אבות. א חוץ דעם זענען פאַר־האַן א רייהה אַנדערע הייליגע ערטער, ווי דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי אין מירון, דער קבר פון שמעון הצדיק ביי ירושלים, סתם קברים פון תנאים און אמוראים; ווי ווייט עס איז ריכטיג די מיינונג, אַז דאָס זענען די קברים פון יענע תנאים און אמוראים, איז שווער וועלען מיר געבען גאַנץ אויספיהרליך פעסטצושטעלען. וועגען די אַלע ערטער ביי די בעזונדערע שטיד־ווערטער, ווי למשל „כותל־המערבי", „בית־המקדש", „רחל", „רחל" „שמעון בן יוחאי" וכדומה.

XXVI. [פאַרשונגען אויסגראַבונגען]

ארץ־ישראל אַלס דאָס לאַנד פון דער אַלטער געשיכטע, פון תנ"ך, אַלס דאָס וויגעלע פון די וועלט־רעליגיעס, האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרכעאָלאָגען צו גראָבען אויף די טראַדיציאָנעלע היסטאָרישע ערטער און צו פאָרשען דאָס לאַנד. אין דייטשלאַנד פערנעהמט זיך דערמיט דער דייטשער „פּאַלעסטינא־פעראיין", וואָס האָט אויסגעהאַלטען פערשידענע געלעהרטע אין א"י, געשיקט עקספּעדיציעס, גע־מאַכט אויסגראַבונגען, אַרויסגעגעבען ספּעציעלע זשורנאַלען אין דייטש פאַר א"י־פאָרשונג. אויך אין ענגלאַנד איז פאַרהאַן דער „פּאַלעסטיין־עקספּלאָריי־שאַן פאָנד", וואָס האָט געמאַכט פיעל פאָרשונגען און אויסגראַבונגען. אויך די אַמעריקאַנער וויסענשאַפטליכע וועלט האָט געשיקט אויספאָרשונגס־עקספּעדי־ציעס קיין ארץ־ישראל. לעצטענס איז אויך ענטשטאַנען אין א"י די יודישע געזעלשאַפט „חברה לחקירת א"י ועתיקותיה" אין ירושלים. די וויכטיג־סטע אויסגראַבונגען זענען געמאַכט גע־וואָרען אין דער אַמאָליגער שטאָדט „שומרון" (סעבאַסטע), „תענך", „גזר" „יריחו" און פיעל אַנדערע ערטער, וואו מען האָט געפינען קולטור־שפּורען פון אַלטע צייטען. די צאָהל ביכער און אָבּ־האַנדלונגען, וואָס זענען ערשינען אויפ'ן געביעט פון א"י־פאָרשונג אין פערשי־דענע שפּראַכען, דערגרייכט אין די פיעל צעהנדליגער טויזענדער. דער ענגלי־שער פאָרשער טאַמסאָן האָט אַרויסגע־געבען אויף ענגליש ספּעציעלע ביבליאָ־

גראפישע רשימות פון אָבהאַנדלונגען און ביכער וועגען א״י. אָבער אויך זיי זענען נישט קיין ערשעפּענדע. אויף יודיש זענען וועגען דער פאָרשונג פון אַלטען א״י פאַרהאַן זעהר ווייניג, כמעט ווי גאָרנישט. אין העברעאיש איז פאָרהאַן פון אָנהויב 14-טען יאָהר-הונדערט דער „כפתור ופרח״ (פון רבי אישתורי הפרחי) און נישט רעכענענדיג די קלענערע ספרים („שבחי ירושלים״ וכדומה), איז ערשט אין 19-טען יאָהרהונדערט ערשינען דאָס ערשטע וויסענשאַפטליכע בוך „תבואות הארץ״ פון רבי יוסף שוואַרץ; נאָכהער זענען ערשינען „אדמת קודש״ פון „גאָלדהאַר״, די לוחות און „ירושלים״ פון לונץ מיט פיעל וויסענשאַפטליך היסטאָרישען מאַטעריאַל, די „קובצים״ פון דער דערמאָהנטער „חברה לחקירת א״י ועתיקותיה״, און א רייה מאמרים צעוואָרפען איבער פערשידענע צייטשריפטען. וועגען די אויסגראָבונגען אין ארץ-ישראל וועלען מיר געבען ביי די בעטרעפענדע שטיך-ווערטער) ווי „שומרון״, „גזר״ וכדומה).

XXVII. [ליבע צו א״י און הייליגקייט]
שוין אין חומש דברים א׳ י״ב ווערט גערעדט וועגען ארץ-ישראל, אז דאָס איז דאָס לאַנד „אשר עיני ה׳ אלהיך בה״ („וואָס גאָט׳ס אויגען זענען אויף איהם״), א געטליך לאַנד. אין דער משנה און גמרא (כלים פרק א׳ און אַנדערע ערטער ווערט אונטערגעשטראָכען די קדושה (הייליגקייט) פון ארץ-ישראל. זעהר פיעל ווערט גערעדט אין גאַנצען תלמוד און שפּעטער אין די ספרים וועגען דער ליבע צום הייליגען לאַנד און דער מצוה צו וואוינען דאָרט. אין ספרי )פרשת ראה( ווערט דערצעהלט וועגען די תנאים רבי יהודה בן בתירא און רבי מתיא בן חרש און אנדערע, וואָס האָבען געוואָלט פערלאָזען דאָס לאַנד און האָבען געוויינט, ערקלערענדיג, אז „ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה״ (דאָס וואוינען אין ארץ-ישראל איז אזוי חשוב ווי אַלע מצוות פון דער תורה). אין פסחים קי״ג זאָגט דער אמורא ר׳ יוחנן, אז ווער עס וואוינט אין א״י וועט האָבען עולם הבא. אין כתובות קי״ב ווערט דערצעהלט וועגען אמורא רבי אבא, אז ער האָט געקישט די שטיינער פון ארץ-ישראל. אין א סך גמרא-ערטער ווערט געלויבט א״י. די ליבע צום לאַנד איז געוועזען אזוי גרויס, אז א סך גרויסע אמוראים וואָס זענען געשטאָרבען אין חוץ לארץ האָבען געהייסען זייערע טויטע קערפּער פיהרען קיין א״י. (כתובות קי״א, מועד קטן כ״ה). אין מדרש בראשית רבה צ״ו ווערט געבראַכט די בעקאַנטע טראַדיציע, אז די טויטע אין חוץ לארץ וועלען מוזען, איידער זיי וועלען אויפשטעהען תחית המתים, זיך קאָלערען דורך היילען („גלגול מחילות״) קיין א״י. דערפון שטאַמט אויך שפּעטער דער מנהג צו לעגען אויף טויטע קערפּער אויך אין חוץ לארץ ארץ-ישראל-ערד אויף די אויגען פאַר׳ן קובר זיין. דורכגעדרינגען מיט דער דאָזיגער ליבע צו א״י האָבען יודען פון פיעל דורות געשטרעבט צו בעזעצען זיך אין א״י, און פון א סך אזעלכע רייזענדע, וואָס האָבען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק איינגעשטעלט זייער לעבען און געפאָהרען קיין ארץ-ישראל, זענען אונז געבליבען בעריכטען פון זייערע רייזעס (א זאַמלונג פון זיי איז ערשינען דורך אייזענשטיין אין ניו-יאָרק „ספר המסעות״). אויסצוגען פון בעשרייבונ-

גען פול מיט ליבע און בענקשאפט צו ארץ=ישראל ווי אויך ציון=לידער (פון רבי יהודה הלוי'ס „ציון הלא תשאלי“ און אנדערע) האט ארויסגעגעבן דער קרן קימת מיטן נאמען „ספר הארץ“ רעדאגירט דורך יעקב פיכמאן.

צום סוף בעמערקען מיר נאכאמאל, אז וועגען דעם גרעסטען טייל ענינים, וואס האבען א שייכות צו ארץ=ישראל, געבען מיר גאנץ בעזונדער און אויספיהרליכער אין די בעטרעפענדע ספעציעלע שטיך=ווערטרע אין אונזער ענציקלאפעדיע, ווי „ירושלים“, „תל=אביב“, „ציוניזם“ וכדומה, וואס מיר האבען שוין אויסגערעכנט.

ביבליאגראפיע: אין דער יודישער שפראך איז פארהאן וויינציג ביכער וועגען ארץ=ישראל; דאס נייעסטע וועגען דעם נייעם ישוב איז דאס „האנד=בוך פון ארץ=ישראל“ פון טריוואקס (ווארשא, תרצ״ג), פון וואנען מיר האבען גענומען טייל דאטעס און ציפערען; עס זענען פארהאן קלענערע בראשורען=אויסגאבען פון „קרן היסוד“ און „קרן קימת“; פון די עלטערע אין יודיש איז צו פערצייכענען בן צבי'ס און בן גוריון'ס בוך וועגען ארץ=ישראל (ניו=יארק), פיעטרושקא ארץ=ישראל (ווארשא 1921), אויך זשורנאל „אלטניילאנד“ (ווארשא 1925); אויף העברעאיש זענען וויכטיג פרעס „ספר המסעות (תרפ״א); לונץ, „ספרה של א״י (תרפ״ד), בראווער „ספר הארץ“ (תרפ״ז), די „לוח החבר“, וואס ערשיינט יעדעס יאהר און ענטהאלט ווערטפולע סטאטיסטיק; וועגען די עלטערע ספרים איבער ארץ=ישראל האבען מיר געגעבען אויבען ביי „פארשונג“; עס איז נאך צוצוגעבען „ערך מלין“ פון ראפאפארט שטיך=ווארט „ארץ=ישראל“; אהאגען „ארץ=ישראל וסוריה“ (איבערזעצונג פון ספיר); הורביץ, „ארץ=ישראל ושכנותיה“; „הארץ“ פון ספיר (תרע״א); א געוויסע נישט=פולשטענדיגע רשימה ווערט געבראכט אין „אוצר ישראל“ שטיך=ווארט „ארץ ישראל“; אין אנדערע שפראכען איז צו פערצייכענען אויף דייטש טריטש'ס „פאלעסטינא“, בעדעקער'ס וועגווייזער אין פאלעסטינא, וואס ערשיינט יעדעס עטליכע יאהר אין א נייער אויפלאגע; א געוויסע רשימה איז פארהאן אין יודיש=דייטשען „לעקסיקאן, שטיך=ווארט „פאלעסטינא“.

**אררט** דער חומש בראשית ח' דערצעהלט, ווען דער מבול האט זיך געענדיגט האט די תיבה פון נח זיך אבגעשטעלט אויף די בערג „אררט“. שוין אין די אלטע צייטען איז געווען די לעגענדע, אז דאס זענען די קורדען=בערג און דער תרגום אונקלס זעצט איבער דעמזעלבען פסוק אין חומש „על טורי קרדו“ (אויף די קורדען=בערג). יעדענפאלס שוין אין די אלטע אסירישע קייל=שריפטען ווערען דערמאהנט די בערג „אוראראטא“. צי די איצטיגע בערג אין ארמעניען וואס הייסען אראראט האבען עפים א שייכות מיט יענעם „אררט“ איז שווער פעסטצושטעלען. — מיט'ן נאמען „אררט“ האט געוואלט דער יודישער כלל=טהוער מרדכי עמניאל נח גרינדען אין די פעראייניגטע שטאאטען פון צפון=אמעריקא אין יאהר 1825 א זעלבסטשטענדיגע יודישע שטאדט און מדינה. וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך=ווארט „נח, מרדכי עמנואל“.

ביבליאגראפיע: ראזענבערג „אוצר השמות“; כשדאי, „שבטי יעקב ונצורי ישראל“; „אוצר ישראל“.

**ארתחששתא** אין ספר נחמיה ב' ווערט דערצעהלט, אז אין אנהויב פון 2=טען בית=המקדש האט געהערשט אין פערסיען דער קעניג ארתחששתא, ביי וועמען נחמיה איז געווען דער שר=המשקים, און דער דאזיגער קעניג (אויך דערמאהנט אין עזרא ד') האט געגעבען די יודען אין בבל די ערלויבניש צו געהען קיין ארץ=ישראל און אויפצובויען די מויער פון ירושלים. ווער דער דאזיגער ארתחששתא איז געווען

איז שווער צו זאָגען, ווייל אין דער פּער־סישער געשיכטע זענען געווען דריי קעניגן מיט׳ן נאָמען „אַרטאַקסער־קסעס״. טייל מיינען, אַז דאָס איז גע־ווען אַרטאַקסערקסעס דער ערשטער וואָס האָט געלעבט אין די יאָהרען 465־425 פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

ביבליאָגראַפיע: ראָזענבערג „אוצר השמות״; גרעץ „געשיכטע״; די פערשידענע קאָ־מענטאַרען צו ספר עזרא און נחמיה.

**אש שלום** [געבוירען יאהר 1880] בעריהמטער יודישער דיכטער, שריפטשטעלער און דראַמאַ־טורג. אש איז געבוירען געוואָרען אין קוטנא, ביי וואַרשא, אין יאָהר 1880. (די דאַטע 1881 אין יודיש־דייטשען לעקסיקאָן איז נישט קיין ריכטיגע). זיין פאָטער משה, וואָס האָט געשטאַמט פון רבנים (דער פאַמיליען־נאָמען אש איז וואַהרשיינליך דער קיצור פון דער אונ־גאַריש־עסטרייכישער שטאָדט אייזענ־שטאָדט, און עס זענען געווען א רייה אונגאַרישע רבנים מיט׳ן פאַמיליע־נאָ־מען „אש״) איז געווען א בעל־תורה און א בעל־צדקה. אויך זיין מוטער, מלכה, וועלכע וואוינט איצט (1933) אין קוטנא האָט געשטאַמט פון א רבנישער משפחה. אש האָט אין זיין יו־גענד בעקומען ביז 16 יאָהר א פרומ־יודישע ערציהונג אין חדר און ישיבה, נאָכהער האָט ער זיך גענומען צו השכלה, געלעזען העברעאישע ביכער, און שוין יונגערהייט האָט ער געפּרובט שאַפען אייגענע ליטעראַרישע אַרבייטען אין העברעאיש. אין יאָהר 1899 איז ער געקומען קיין וואַרשא צו י. ל. פּרץ און איהם געוויזען זיינע ערשטע נאָוועלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין יודיש. זיין ערשטע נאָוועלע „משה׳לע״, האָט אש אָבגעדרוקט אין דער יודישער וואָ־כעשריפט „דער איד״ אין יאָהר 1900. פון דעמאָלס אָן האָט אש פּערעפענט־ליכט מעהרערע נאָוועלען אין יודישע און העברעאישע צייט־שריפטען. אין יאָהר 1902 איז ערשינען אין העברעאיש א זאַמלונג נאָוועלען פון אש מיט׳ן נאָמען „ספּורים״. ביסלעכווייז איז אש אַריבער צום שרייבען איינגאַנצען אין דער יודישער שפּראַך. זיין ערשטע זאַמ־לונג ערצעהלונגען אויף יודיש איז ער־שינען אין יאָהר 1903 מיט׳ן נאָמען „אין א שלעכטער צייט״. אין יאָהר 1904 האָט אש פּערעפענטליכט זיין שענסטע פּאָעמע „שטעטעל״, וואָס האָט איהם ערוואָרבען דעם רוהם אַלס איינעם פון די שענסטע און בעגאַבטע־סטע יודישע שריפטשטעלער. דעמאָלס האָט אש אויך אָנגעהויבען שאַפען דראַ־מאַטישע ווערק, „צוריקגעקומען״ (אויף העברעאיש „יצא וחזר״), נאָכהער „משיח׳ס צייטען״, „גאָט פון נקמה״, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג נישט נאָר אויף דער יודישער ביהנע נאָר אויך אויף דער רוסישער, פּוילישער און דייטשער ביהנע. אין יאָהר 1908 איז אש געפאָהרען קיין ארץ־ישראל. אין יאָהר 1910 איז ער געפאָרען קיין אַמערי־קא. די ביידע רייזעס האָבען אויף איהם געמאַכט א גרויסען איינדרוק און ער האָט אָנגעשריבען די צוויי ביכער „אין ארץ־ישראל״ (1911) און די ערצעה־לונג „אַמעריקא״. אין יענער צייט האָט אש געשאַפען נאָך א רייה דראַמאַטישע ווערק („שבתאי צבי״ און אַנדערע), ווי אויך דעם ראָמאַן „מערי״, „רבי שלמה נגיד״, „מעשה׳לעך פון חומש״ און האָט אויך איבערזעצט אין א דיכ־טערישער פאָרם „רות״. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה (פון יאָהר 1914

ביז יאָהר 1919) האָט אַש געוואוינט אין אַמעריקא, וואו ער האָט געשאַפען אַ רייה ווערק, וואָס האָבען זיין רוהם נאָכמעהר פערגרעסערט, צווישען זיי „אַנקעל מאָזעס", „מאָטקע גנב", די היסטאָרישע ראָמאַנען „כשוף־מאַכעריז פון קאַסטיליען" און „קידוש־השם" (פון גזרת ת"ח). אין ענדע פון דער מלחמה האָט אַש גענומען אַנטייל אין דער הילפס־טעטיגקייט פון די אַמעריקאַנער יודען פאַר די יודען אין די מזרח־אייראָפעאישע לענדער, און ער האָט נאָך דער מלחמה בעזוכט אַלס פאָרשטעהער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" ליטא, ווילנא, און אין יאָהר 1921 איז ער געקומען קיין ווארשא. אַש האָט פון דעמאָלס אָן ווידער געמאַכט אייניגע רייזעס קיין אַמעריקא און איבער פערשידענע אייראָפעאישע לענדער. אין יאָהר 1927 האָט ער נאָכאַמאָל בעזוכט ארץ־ישראל (געשריבען וועגען דעם זיין צווייט ארץ־ישראל־בוך „דער מזבח") און נאָכהער זיך בעזעצט אין פאַריז, קומענדיג פון צייט צו צייט קיין פוילען און אַנדערע לענדער. אין פערלויף פון די נאָך־מלחמה־יאָהרען האָט ער בערייכערט די יודישע ליטעראַטור מיט אַ רייה נייע ווערק, פון וועלכע די וויכטיגסטע זענען זיין „טרילאָגיע" („פעטערבורג", „ווארשא", „מאָסקווא", אַ ראָמאַן פון רעוואָלוציאָנערען לעבען, אויך די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע), „חיים לעדערער'ס צוריקקומען" (די גייסטיגע טראַגעדיע פון אַ אַמעריקאַנער גביר, וואָס בענקט צו די אידעאַלען פון זיין אַמאָליגער יוגענד), „טויט־שטראָף", „גאָט'ס געפאַנגענע", און לעצטענס פערעפענטליכט אַש (אין די צייטונגען „פאָרווערטס" אין אַמעריקא און „היינט" אין ווארשא, וואו ער איז אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער) זיין היסטאָרישען ראָמאַן „דער תהלים יוד" פון חסידישען לעבען אין פוילען אין דער צייט פון די רביים פון פשיסכע און קאָצק (אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט). אין יאָהר 1930 האָט די גאַנצע יודישע וועלט געפייערט דעם 50־יעהריגען יובילעאום פון שלום אַש.

וועגען אַש אַלס דיכטער, שריפטשטעלער און דראַמאַטורג זענען געשריבען געוואָרען פיעל אָבהאַנדלונגען. די קריטיקער שרייבען וועגען איהם פאָלגענדעס: „אַלס דיכטער פון יודישען שמעדטעל איז אַש געווען דער ערשטער ראָמאַנטיקער פון דער יודישער ליטעראַטור, וואָס האָט איינגעהילט אין אַ צאַרטען יום־טוב־שלייער דאָס איינגעפונדעוועטע אַלט־פאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען־לעבען. זיינע בילדער זענען געשריבען אין אַ רוהיגען עפישען טאָן, אָבער גלייכצייטיג זענען זיי דורכגעדרינגען מיט וויכען פערבענקטען ליריזם, מיט טיעפער צוגעבונדענקייט צו דער מאַמע ערד, מיט דעם פיינסטען חוש פאַר די פאַרבען און קלאַנגען פון דער נאַטור. אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען („קידוש השם", „כשוף־מאַכעריז פון קאַסטיליען") דערהויבט זיך אַש צו דעם טראַגישען פאַטאָס פון דער יודישער געשיכטע". אַש'ס ווערק זענען ערשינען אין געזאַמעלטע שריפטען 18 בענדער אין ווארשא יאָהר 1924, דערנאָך זענען צו זיי צוגעקומען די שפעטערדיגע ווערק זיינע (טרילאָגיע, חיים לעדערערס צוריקקומען, גאָט'ס געפאַנגענע). אַש'ס ווערק זענען איבערזעצט געוואָרען אויך אין פיעל אַנדערע שפראַכען, דייטש, פויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש. יעדעס בוך וואָס ערשיינט אין יודיש

פון אַש, ווערט גלייכצייטיג געדרוקט אויך אין דייטשער איבערזעצונג. אַש האָט עטליכע קינדער, צווישען זיי איז בעקאַנט אַלס שריפטשטעלער אין דער ענגלישער שפּראַך נאַטאַן אַש (זיינע ווערק „בראָנקס-עקספּרעס״ און אַנדערע האָבען איהם ערוואָרבען אַ גרויסען רוהם אַלס שריפטשטעלער).

ביבליאָגראַפיע: אַ גרעסערע רשימה פון אַש׳ס ווערק סיי אין יודיש סיי אין אַנדערע שפּראַכען, ווי אויך אַרטיקלען און אָבהאַנדלונגען וועגען אַש איז ערשינען אין רייזען׳ס „לעקסיקאָן״ (יאָהר 1926), אָבער די רשימה נעהמט אַרום נאָר ביז׳ן יאָהר 1924, אין דער צייט, וואָס שפּעטער האָט אַש געשאַפען זיינע דערמאָהנטע ווערק „טריאָלאָגיע״ און אַנדערע. עס פעהלען דאָרט, נאַטירליך, אויך די אויסגאַבע פון אַש׳ס ווערק אין העברעאיש, וואָס ערשיינט אין תל-אביב זינט דעם יאָהר 1928 אין דעם פערלאַג „דביר״; אין די יאָהרען 1930 און 1931 זענען אין אַלע יודישע צייטונגען, לכבוד דעם 50-יעהריגען יובילעאום פון אַש, ערשינען גרעסערע אָבהאַנדלונגען וועגען איהם ווי אויך ספּעציעלע יובל-נומערען.

**אַשור** אַ נאָמען פון לאַנד און פאָלק אין אַלטערטום. מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק האָט אין אַזיען, ביים טייך טיגרים (חדקל) געבליהט אַ גרויסע מעכטיגע אימפּעריע, דאָס לאַנד „אשור״ (אסיריען), וואָס האָט עקזיסטירט עטליכע טויזענד יאָהר, און דאָרט איז ענטשטאַנען אַ הויכע קולטור און ציוויליזאַציע. אין שכנות פון דאָזיגען אשור ביי די טייכען טיגרים און פרת איז געווען אַ צווייט לאַנד מיט׳ן נאָמען „בבל״ (באַבילאָניען), וואָס האָט אויך געשאַפען אַ גרויסע און שטאַרקע אימפּעריע, בעזיגט אַ סך לענדער, און אויך איהר קולטור און ציוויליזאַציע איז שוין דעמאָלס געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע. די דאָזיגע צוויי לענדער, אשור און בבל, האָבען געהאַט איינער אויף דעם צווייטען אַ גרויסען איינפלוס, זייערע קולטורען האָבען זיך אַריינגעדרינגען איינע אין דער צווייטער, און מיט דער צייט איז ענטשטאַנען יענע קולטור פון אַלטערטום, וואָס מען רופט די „אסיריש-באַבילאָנישע״ קולטור, און די וויסענשאַפט, וואָס פאָרשט די געשיכטע און קולטור פון אשור און בבל רופט מען „אַסיריאָלאָגיע״. די אַסיריאָלאָגיע האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער ציוויליזאַציע-געשיכטע פון דער מענשהייט, ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פיעל קולטור-געביעטען און וויסענשאַפטען אויך פון אַנדערע פעלקער אין אַלטערטום, פון די אַלטע עגיפּטער, גריכען און אַנדערע, זענען געשאַפען געוואָרען דורך די פעלקער פון אשור און בבל. אַ בעזונדערס גרויסע בעדייטונג האָט די אַסיריאָלאָגיע פאַר דער פאָרשונג פון דער יודישער געשיכטע און קולטור אין די אַלטע צייטען פון תנ״ך, ווייל ערשטענס האָבען די לענדער אשור און בבל עטליכע מאָל בעהערשט ארץ-ישראל, און צווייטענס געפינט מען אויך אין דער אַלטער יודישער קולטור אַ געוויסען איינפלוס פון דער אסיריש-באַבילאָנישער וועלט. מיר וועלען דאָ געבען וועגען אשור אויף ווי ווייט דאָס האָט אַ שייכות צום אַלטען יודענטום און תנ״ך.

גענוי ווען עס איז ענטשטאַנען די אַלטע אימפּעריע אשור איז שווער פעסטצושטעלען. אַפילו פון די פיעל שריפטען, וואָס מען האָט געפינען אין די אויסגראַבונגען אין אשור און בבל און וואָס ענטהאַלטען פיעל ידיעות וועגען יענער אַלטער צייט און אויך פון די פערשידענע דענקמעלער, וואָס זענען געפינען געוואָרען, איז אויך שווער צו דערגעהן וועגען דעם עטוואָס בעשטימטעס. אַ ן

חומש בראשית ווערט געזאָגט, אז צוערשט איז געווען נמרוד דער מלך פון בבל און ערשט פון דאַזיגען לאַנד איז אַרויסגעגאַנגען אשור, וועלכער האָט געבויט נינוה. דאָס שטימט מיט דער מיינונג פון די נייע וויסענשאַפטליכע פאָרשער, וואָס האַלטען, אז צוערשט האָט עקזיסטירט דאָס לאַנד בבל, און ערשט דערנאָך איז אויפגעקומען אשור. מען נעהמט אָן, אז אשור איז ענטשטאַנען לערך 2000 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ווערענד בבל איז אויפגעקומען מיט לערך 2500 יאָהר פאַר דער דאַזיגער צייטרעכנונג. דאָס פאָלק, וואָס האָט געוואוינט אין אשור איז געווען ס'רוב א סעמיטישעס; אויך דאָס שטימט מיט דעם סיפור אין חומש בראשית י"א פסוק כ"ב, אז אשור איז געווען דער זוהן פון שם. די הויפּטשטאָדט פון לאַנד איז געווען די שטאָדט „אשור", וואָס איז געלעגען ביים טייך טיגרים. ערשט אין די גאַר שפּעטערע צייטען איז געוואָרען די הויפּט⸗שטאָדט „נינוה". צווישען אשור און בבל זענען פאָרגעקומען כסדר קאַמפען איבער דער הערשאַפט אין פאָדער⸗אזיען; גאַנץ אָפט איז אשור איינגענומען געוואָרען דורך בבל און עס איז געוואָרען פון ביידע לענדער איין לאַנד; ספּעציעל איז אשור אַרונטערגעפאַלען פולשטענדיג אונטער דער הערשאַפט פון בבל אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון באַבילאָנישען קעניג „האמוראַבי" (וועגען איהם שרייבען מיר בעזונדער ביים שטיך⸗וואָרט „האמוראבי"). שפּעטער האָט אשור זיך ווידער בעפרייט, און האָט דערגרייכט איהר הויכע פּאָליטישע מאַכט אין דער צייט פון קעניג תגלת⸗פלאסר דעם 1⸗טען (אין 12⸗טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), וועלכער האָט איינגענומען נישט נור בבל נאָר אויך ארם (דאָס שפּעטערדיגע סיריען), פעניציען (צור און צידון) און האָט וואהרשיינליך אויך דערגרייכט ביז ארץ⸗ישראל. אָבער אין א נאָהנטער פּאָליטישער בעריהרונג מיט ארץ⸗ישראל איז אשור געקומען ערשט שפּעטער (אין 9⸗טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) אין דער צייט פון קעניג שלמנאסר דעם 2⸗טען, נאָכהער תגלת פלאסר דעם 4⸗טען, (דערמאָהנט אין ספר מלכים ט"ו) און שלמנאסר דער 4⸗טער (דערמאָהנט מלכים י"ז), וועלכער האָט איינגענומען דאָס מלכות און דעם לעצטען מלך ישראל הושע בן אלה און פערטריבען די עשרת השבטים אין גלות. אין ספר מלכים ב' ווערען דערמאָהנט נאָך א רייהע קעניגען פון אשור, וואָס זענען געקומען אין בעריהרונג מיט דעם מלכות יהודה, און דער בעקאַנטסטער צווישען זיי איז סנחריב, וועלכער האָט בעלאַגערט ירושלים אין דער צייט פון חזקיה המלך און זיין מיליטער האָט געטראָפען א גרויס אומגליק אזוי אז ער האָט געמוזט אוועק פון ירושלים. אין 7⸗טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז אשור איינגענומען געוואָרען דורך דעם קעניג פון בבל נבו⸗פלאסר (פאָטער פון נבוכדנאצר) און איז געוואָרען א טייל פון בבל, וואָס איז דערנאָך איינגענומען געוואָרען דורך פּערסיען (פרס ומדי) און דעמאָלס ענדיגט זיך די אַלטע אסירישע עפּאָכע.

די ידיעות וועגען אַלטען לעבען פון אשור האָבען מיר א דאַנק די געפונענע אויפשריפטען אויף טאָוולען אין די אויסגראָבונגען אויף די אַלטע שטעדט פון אשור און ספּעציעל פון נינוה. מען האָט דאָרט ענטדעקט גאַנצע ביבליאָ⸗

טעקען פון אזעלכע טאוולען; די שריפט פון זיי איז די אזוי=גערופענע „קיילען=שריפט" (פלעקעל=שריפט), און די בוכשטאבען בעשטעהען פון צייכענס, וואס זעהען אויס ווי „קיילען" (פלאקענס). מיר ווערען פון זיי געוואהר, אז די פעלקער פון אשור און בבל זענען בעשטאנען פון א געמיש פון ארישע שבטים (עהנליך צו די היינטיגע איראפעאישע פעלקער) און סעמיטישע שבטים, צווישען זיי האבען די הויפט=קולטורעלע ראלע געשפיעלט די פעלקער „שמיר" און „אכד" („סומערידען" און „אקאדען"). זיי האבען בעזעצען גרויסע ידיעות פון מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, כראנאלאגיע, אגרי=קולטור, דיכטונגען און האבען אויך געהאט א ווייטענטוויקעלטע ליטעראטור. אין דער רעליגיע פון אשור און בבל זענען פאראן א סך ערצעהלונגען, וואס דערמאהנען עהנליכע ספורים אין חומש, ספעציעל די גאנצע מעשה מיט'ן מבול; אויך דארט ווערט דערצעהלט, ווי גאט האט בעשלאסען צו ברענגען א מבול אויף דער וועלט, און ער האט געהייסען דעם איינציגען צדיק, „אוט=נאפישתים" מיט'ן נאמען, בויען זיך א שיף, און ווי דער דאזיגער צדיק האט דערנאך ארויסגעשיקט א טויב צו זעהן, אויב עס איז שוין טריקען אויף דער וועלט. אויך זענען דארט פאראן עהנליכע ספורים צו דער מעשה פון אדם הראשון מיט'ן גן עדן און „עץ החיים" און „עץ הדעת". אויך איז דארט פאראן די אינסטיטוציע פון רוהען דעם 7=טען טאג (דער יודישער שבת), אבער וועלכער טראגט דארט דעם כאראקטער פון א „פערשאלטענעם טאג". זאגאר די גאנצע אסיריש=באבילאנישע ליטעראטור וועגען מצריב זיין קרבנות דערמאהנט אביסעל דעם ספר „ויקרא" פון חומש, און אפילו דער אויסדריק „וכפר" ווערט דארט כסדר דערמאהנט. א חוץ דעם איז פאראן אין דער אסיריש=באבילאנישער געזעץ=ליטעראטור א גרויסע עהנליכקייט צווישען די געזעצען פון אשור און בבל און די געזעצען, וואס זענען פאראן אין חומש ספעציעל אין דער סדרה „משפטים" (וועגען דעם געבען מיר ספעציעל און אויספיהרליך ביים שטיך=ווארט „האמוראבי"). וועגען דער פראגע: אין וואסער בעציהונג עס שטעהט דער חומש און זיינע סיפורים און געזעצען צו די אסיריש=באבילאנישער קולטור=וועלט, וועגען זייער איינפלוס איינער אויף דעם צווייטען, — איז געשריבען געווארען זעהר פיעל ביכער און אבהאנדלונגען. אין ענדע פון 19=טען יאהרהונדערט האט ארויסגערופען אין דער וויסענשאפטליכער וועלט א שטורם דאס בוך פון דעליטש „באבעל אונד ביבעל", וואס האט געוואלט אומווארפען די גאנצע מיינונג וועגען דעם, אז דאס יודענטום האט געגעבען דער וועלט די אידעע פון מענאטעאיזם (אז אויף דער וועלט איז דא נור איין גאט). געגען דעליטש'ן זענען געשריבען געווארען פיעל אנטווארטען. עס איז אויך צו בעמערקען, אז אין די פיעל איינשריפטען, וואס מען האט געפונען אין די אלט=אסירישע=באבילאנישע ביבליאטעקען זענען פאראן אויך ידיעות, וואס בעשטעטיגען די סיפורים פון תנ"ך אין ספר מלכים ב' וועגען די מלחמות פון די מלכים פון אשור געגען די יודישע קעניגען. עס ווערען דארט געבראכט די נעמען פון די מלכים אחאב, יהוא, אחז און אנדערע. — וועגען דעם איינפלוס פון דער שפעטערדיגער באבילאנישער קולטור פון גלות בבל אז און ווייטער.

ספעציעל פון דער תלמודישער צייט אויף דער יודישער וועלט, געבען מיר ביים שטיך=ווארט „בבל". — וועגען די איינצעלנע געשעהענישען צווישען אשור און ארץ=ישראל אין דער צייט פון 1=טען בית המקדש געבען מיר ביי די בעטרעפענדע שטיך = ווערטער ווי „סנחריב", „עשרת השבטים", „נינוה" „קיילען=שריפט" און אנדערע.

ביבליאגראפיע: גרעץ, „געשיכטע" (ערשטער באנד); דובנאוו „וועלט געשיכטע פון יודישען פאלק"; פאגט, „וועלט געשיכטע (אין יודישער איבערזעצונג, ניו=יארק); סאלאווייטשיק, „שכיות המקרא"; ראזענבערג „אוצר השמות" (שטיך=ווארט „אשור"); יודיש=דייטשע ענציקלאפעדיע און לעקסיקאן; „אוצר ישראל", שטיך=ווארט „אשור". אין די שפראכען דייטש, ענגליש און פראנצויזיש איז וועגען אסיריאלאגיע פאראן פיעל טויזענדער ביכער און אבהאנדלינגען.

**אשי, רב** בעריהמטער אמורא אין בבל; רב אשי האט געלעבט אין 4=טען דור פון די אמוראים אונגעפעהר פון יאהר 352 ביז 427, און איז געווען ראש ישיבה אין דער שטאדט „מתא מחסייא". וועגען רב אשי ווערט אנגענומען, אז ער האט מסדר געווען (רעדאגירט) דעם תלמוד בבלי. ער מיט זיין חבר דעם אמורא רבינא האבען צונויפגענומען א גרעסערע צאהל אמוראים און צוזאמען געזאמעלט די אלע מימרא'ס און סוגיות און קשיות און תירוצים פון די פריהערדיגע אמוראים און צונויפגעשטעלט דעם תלמוד בבלי; דאס האט רב אשי געמאכט אין צוויי רעדאקציעס: די ערשטע האט געהייסען „מהדורא קמא" און די צווייטע „מהדורא בתרא" (בבא בתרא קנ"ז). וועגען זיינע עלטערען איז אונז גארנישט בעקאנט. די מיינונגען פון גרעץ און ווייס, אז זיין פאטער איז געווען רב שימי בר אשי **איז דורך היימאן** („תולדות תנאים ואמוראים") בעוויזען געווארען אלס נישט ריכטיג. אין דער גמרא ברכות נ"ז ווערט דערצעהלט, אז רב אשי איז געווען זעהר רייך; אין גטין נ"ט ווערט ער בעטראכט אזוי גרויס, ווי רבי דעם מסדר פון דער משנה. וועגען דער רעדאקציע פון תלמוד בבלי דורך רב אשי זענען פאראן פערשידענע מיינונגען. הלוי אין „דורות הראשונים" ווייזט אויף, אז שוין פאר רב אשי'ן זענען געווען צונויפגעשטעלטע גמרות, און רב אשי האט זיי נור פערענדיגט (וועגען דער רעדאקציע פון דער גמרא געבען מיר ביים שטיך=ווארט „תלמוד"). פון רב אשי'ן זענען פאראן נישט נור זעהר פיעל הלכות אין גאנצען תלמוד בבלי, נאר אויך פיעל אגדה=ווערטער, אין סוטה ה' זאגט ער „כל אדם שיש בו גסות רוח לסוף נפחת" („דער מענש, וואס האלט זיך גרויס, ווערט צום סוף דערנידריגט"). ער זאגט אויך, אז אויב איינער וויל טהון א מצוה, נאר ער קאן נישט, איז עס אזוי גוט, ווי ער וואלט איהר געטהון (ברכות ו'). אין בבא מציעא פ"ג ווערט וועגען רב אשי און רבינא געזאגט, אז זיי זענען „סוף הוראה" (די לעצטע פון אמוראים) אבוואהל עס זענען געווען עטליכע אמוראים אויך נאך זיי. רב אשי'ס זוהן איז געווען מר בר רב אשי, אויך ראש ישיבה און פון די לעצטע אמוראים.

ביבליאגראפיע: א גרעסערע אבהאנדלונג וועגען רב אשי האט געשריבען צורי, „רב אשי" (בילגוריי 1924); היימאן „תולדות תנאים ואמוראים"; הלוי „דורות הראשונים"; ווייס „דור דור ודורשיו" (זיינע מיינונגען וועגען רב אשי און דער רעדאקציע פון דער גמרא בבלי זענען אינ'ם אלגעמיין אבגעווארפען געווארען דורך הלוי.

**אַשכּנָז** אין חומש בראשית ווערט דער נאָמען „אשכנז" דערמאָהנט אלס פון א פאָלק, וואָס שטאַמט פון גומר בן יפת דעם זוהן פון נח. אויך אין ירמיה נ"א ווערט דערמאָהנט דאָס לאַנד „אשכנז". וואהרשיינליך מיינט מען דערמיט דאָס לאַנד אסקאָניוס אין פאָדער־אַזיען. אָבער שוין אין דער צייט פון מדרש און שפּעטער אין מיטעל־אַלטער האָט מען בענוצט דאָס וואָרט אשכנז צו בעצייכענען דייטשלאַנד. פון וואַנען דאָס נעהמט זיך, איז שווער צו זאָגען. טייל מיינען (אין דער גמרא יומא י' ווערט זאָגאר בפירוש געזאָגט „גומר זה גרממיא"), אַז דאָס איז פון „גומר — גערמאַניען". אַנדערע מיינען, אַז דאָס איז „זכשן", ווייל גאָר אמאָל זענען פון אַלע גערמאַנישע שבטים געווען אַמפּאָפּולערסטען די „זאַקסען", וואָס האָט זיך געשריבען אויף העברעאיש „זכשן" און דאָס איז עהנליך צו „אשכנז". יעדענפאַלס קיין זיכערע מיינונג איז נישט פאַרהאַן. אין סידור פון רב עמרם גאון ווערט שוין בפירוש דערמאָהנט דער מנהג פון „קהלת ישראל שבארץ אשכנז", וואָס מיינט דייטשלאַנד. אויך רב סעדיה גאון אין פּירוש אויף דניאל ז' דערמאָהנט אשכנז אַלס דייטשלאַנד. רש"י ברענגט דעם לשון „אשכנז" (דברים ג' און אַנדערע ערטער). סיי ווי אין מיטעל־אַלטער איז שוין דער נאָמען אשכנז געווען זעהר פערשפּרייט צו בעצייכענען דייטשלאַנד, און די מנהגים פון די יודישע קהלות אין דייטשלאַנד ווי אויך זייער נוסח פון דאַווענען זענען געווען בעוואוסט אַלס דער „מנהג אשכנז", ווי אויך „נוסח אשכנז". — מיט דער צייט האָבען אַלע יודען אין מזרח־און מיטעל־אייראָפּעאישע לענדער זיך אָנגערופען „אשכנזים", אין גענענזאַץ צו די יודען, וואָס האָבען געשטאַמט פון שפּאַניען, וועלכע מען האָט גערופען די „ספרדים". צו די אשכנזישע יודען געהערען אַלזאָ נישט נור די יודען פון דייטשלאַנד, נור אויך פון פּוילען, רוסלאַנד, פראַנקרייך, סקאַנדינאַווישע לענדער און אויך זייערע קינדער און אייניקלעך, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין אַמעריקא און אַנדערע לענדער. די אשכנזישע יודען האָבען זייער בעזונדערען נוסח אין דאַווענען, זייער מחזור (מיט קליינע ענדערונגען אין די פערשידענע לענדער), און אין שאלות פּסקענען זייערע רבנים לויט דעם רמ"א (רבי משה איסערלעס), דאַגעגען די ספרדים פּסקענען לויט דעם שולחן ערוך פון רבי יוסף קרא (בית יוסף). אויך די אויסשפּראַך פון העברעאיש האָבען די אשכנזישע יודען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די ספרדים (זיי האָבען דעם אונטערשייד פון אַ לאַנגען קמץ ביז אַ פּתח, רעדען אַרויס די „תיו" און אַנדערע). ערשט אין ארץ־ישראל איז לעצטענס אָנגענומען געוואָרען אויך דורך די אשכנזישע יודען צו רעדען העברעאיש מיט דער ספרדישער אויסשפּראַך. די אשכנזישע יודען צייכנען זיך אויס מיט אַ בעזונדערען געזיכטס־אויסזעהען פון די ספרדישע יודען, וועלכע זענען פון אַ טונקעלער פאַרב און עהנליכער צו די דרום־מזרחפעלקער.

ביבליאָגראַפיע: אוצר ישראל („אשכנז"); יודיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן.

**אַשכּנַזִי** בעקאַנטער יודישער פאַמיליען־נאָמען, וואָס שטאַמט פון וואָרט אשכנז, וואָס, ווי מיר געבען ביים דאָזיגען שטיך־וואָרט, האָט עס בעצייכענט דייטשלאַנד. וועגען די בעזונדערס

וויכטיגע יודישע פערזענליכקייטען מיט דעם פאמיליען־נאמען „אשכנזי" געבען מיר דא אין בעזונדערע אבשניטען. — אברהם אשכנזי, חכם־באשי אין ירושלים, געבוירען אין יאהר 1813 און געשטארבען אין יאהר 1880. — אליעזר אשכנזי, רב און דאקטאר, געבוירען אין יאהר 1512, געוועזען רב אין עגיפטען (אין פאסטאט ביי קאהיר), נאכהער אין ווענעציע, שפעטער אין פראג, פויזען און איז געשטארבען אין קראקא אין יאהר 1584. ער איז בעקאנט אלס מחבר פון א רייה ספרים, צווישען זיי דעם „מעשי ה'" אויף תורה און דער הגדה, „יוסף לקח", אויף די מגלת אסתר. — אליעזר בן נתן אשכנזי. ער האט געלעבט אין עגיפטען אדער אין גריכענלאנד אין 14־טען יאהרהונדערט. ער האט מחבר געווען א פירוש אויף חומש „צפנת פענח" אין וועלכען ער ווייזט ארויס פיעל קריטיק און פריי־גייסט. ער האט געקענט די אלטע עגיפטיש־קאפטישע שפראך און בענוצט זיך מיט איהר צו ערקלערען ווערטער פון חומש. ער ברענגט אויך פילאזאפישע מיינונגען פון אריסטאטעלעס און דעם רמבם. אין זיין פירוש בעציהט ער זיך קריטיש צו די אגדות פון דער גמרא, און ער פרובט ערקלערען א רייה נסים פון חומש (קריעת ים סוף, דעם מן) לויט דרך הטבע. ווענען איהם שרייבט עפשטיין אין זיין „קדמוניות היהודים". — בער אשכנזי, אויך ישכר בן נפתלי, מחבר פון בעקאנטען פירוש „מתנות כהונה" אויף מדרש רבה געדרוקט דאס ערשטע מאל אין קראקא 1586); ער האט געלעבט אין 16־טען יאהרהונדערט אין שעברעשין (אין פוילען, לובלינער געגענד). — בצלאל אשכנזי, בעריהמטער למדן, מחבר פון „שיטה מקובצת". ער איז געבוירען געווארען אין ירושלים לערך דעם יאהר ר"פ (1520). ער איז געוועזען א תלמיד פון רבי דוד אבו זימרא אין מצרים. שפעטער (אין יאהר 1543) איז ער געווארען רב אין מצרים (אין קאהיר), וואו ער האט אויך געפיהרט א ישיבה און איינער פון זיינע תלמידים איז געוועזען דער גרינדער פון דער נייער קבלה־שיטה רבי יצחק לוריא (ארי הקדוש). ביז דעמאלס איז אין שפיץ פון די יודען אין מצרים געשטאנען א פערזענליכקייט מיט'ן טיטול „נגיד", און דער דאזיגער אנפיהרענדער אמט האט עקזיסטירט אין מצרים איבער 500 יאהר. צוליעב א מחלוקה צווישען רבי בצלאל אשכנזי און דעם דעמאלס־דיגען „נגיד" רי יעקב בן חיים, האט אשכנזי געווירקט ביי דער רעגירונג אבצושאפען דעם אמט. צום סוף יאהרען האט רבי בצלאל אשכנזי זיך בעזעצט אין ירושלים, וואו ער איז געווארען דער ראש הרבנים. ער איז געשטארבען אין יאהר שמ"ח (1588). א חוץ פערשידענע תשובות־ספרים האט ער מחבר געווען זיין בעריהמט ספר אויף גמרות „שיטה מקובצת", וואס ענטהאלט זאמלונגען פון פערשידענע פריהערדיגע מפורשים, וועלכע זענען פאר אונז פערלוירען געגאנגען. פרטים וועגען איהם ברענגען אזולאי אין „שם הגדולים", פרומקין „תולדות חכמי ירושלים", ראזאנעס „דברי ימי ישראל בתוגרמה". — גרשון אשכנזי, בעריהמטער רב אין 17־טען יאהרהונדערט, מחבר פון שאלות־ותשובות־ספר „עבודת הגרשוני". ער איז געבוירען געווארען אין קראקא לערך דעם יאהר 1620; זיין פאמיליען־נאמען

איז געווען „אוליף“, נאָר ער איז מעהר בעקאַנט מיט'ן נאָמען „אשכנזי“. רבי גרשון איז געווען א תלמיד פון בעריהמטען קראָקאָווער רב און פּוסק רבי יואל סירקים (מחבר פון ב"ח) ווי אויך פון רבי יהושע חריף מחבר פון „מגיני שלמה“. אין דער יוגענד איז רבי גרשון געווען דיין אין קראָקא. אין יאָהר 1649 (ת"ט), אין דער צייט פון כמיעלניצקי'ס שחיטה אויף יודען, איז רבי גרשון אנטלאָפען פון פּוילען און איז געווען דערנאָך רב אין א רייהע שטעדט ווי פּרוסטיץ, הענא, ניקעלשבורג, וויען און דערנאָך אין מעץ; דאָ איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1693. ער איז געווען פון די גרויסע לומדים און פּוסקים אין זיין צייט, און איז אויך ארויסגעטרעטען געגען דער שבתי-צבי-בעוועגונג. זיין ספר „עבודת הגרשוני“ גיעט אונז אין די שאלות ותשובות אויך פיעל מאַטעריאַל פאַר דער פאָרשונג פון דעמאָלסדיגען לעבענס-שטייגער פון די יודען אין פּוילען. — יצחק אשכנזי (1856—1902), בעריהמטער יודישער קונסט-מאָלער אין רוסלאַנד. זיינע צייכנונגען זענען אַממייסטען גענומען פון יודישען לעבען, ווי „פריינטאָג פאַרנאַכט“, דער „פּערהער פון א חתן“, די „יודישע חתונה“, ווי אויך פון אלט-ביבלישע טעמען ווי „קהלת“, „אברהם שיקט אוועק הגר'ן“ און אנדערע. אשכנזי האָט זיך געהאַלטען פאַר א נאַציאָנאַלען יוד און האָט צוליעב זיין יודישקייט פיעל געליטען. — יעקב בן יצחק אשכנזי, בעריהמטער אלט-יודישער שרייבער, מחבר פון בעקאַנטען ספר אויף אלט-יודיש „צאינה וראינה“, וואָס איז געלעזען געוואָרען דורך מיליאָנען יודישע פרויען. ער האָט געלעבט אין 17-טען יאָהרהונדערט. אויספּיהרליכער וועגען איהם און זיין ספר געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „צאינה וראינה“. — צבי הירש אשכנזי, דאָס איז דער בעריהמטער רב און פּוסק, מחבר פון „חכם צבי“. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1658 אין מעהרען, און געשטאָרבען אין יאָהר 1718 אין לעמבערג. זיין פאָטער איז געווען דער בעריהמטער רב ר' יעקב ווילנער, וועלכער איז געווען א איידעם פון רבי אפרים הכהן, מחבר פון „שער אפרים“. צוליעב די שחיטות פון כמיעלניצקי איז זיין פאָטער אנטלאָפען פון ווילנא און האָט זיך בעזעצט אין אונגארן אין אלט-אָפען. רבי צבי אשכנזי האָט געלערענט ביי זיין זיידען דעם „שער אפרים“, נאָכהער האָט ער געלערענט אין די ישיבות אין סאַלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט אין יאָהר 1670 בעקומען דעם טיטול „חכם“. ער האָט דעמאָלס חתונה געהאַט און זיך בעזעצט אין אלט-אָפען. אין יאָהר 1686, אין דער מלחמה צווישען עסטרייך און טערקיי איז א גראַנאַט געפאַלען אויף דער וואוינונג פון רבי צבי, עס זענען אומגעקומען זיין פרוי און איינציגע טאָכטער, און רבי צבי איז אוועק פון דאָרט און געוואַנדערט איבער דער וועלט. ענדליך איז ער געקומען קיין אלטאָנא (נעבען האַמבורג) און דאָרט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אלטאָנער רב, און ווען זיין שווער איז געשטאָרבען, איז ער געוואָרען רב אויף זיין אָרט. דערנאָך, אין יאָהר 1710, איז ער געוואָרען רב אין אמסטערדאַם, אין דער אשכנזישער געמיינדע; דאָרט איז אויסגעבראָכען א גרויסע מחלוקה צווישען רבי הירש און

דעם רב פון דער ספרדישער געמיינדע אין אַמסטערדאַם רבי שלמה איילִיון (וועגען איהם געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „איליון'') צוליעב דעם באַקאַנטען שבתי־צבי'ניק נחמיה חיון, געגען וועלכען רבי הירש איז אַרויסגעטרעטען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און רבי שלמה האָט נחמיה חיונ'ען פאַרטיידיגט. עס זענען געוואָרפען געוואָרען חרמים פון ביידע צדדים, און רבי הירש איז זאָגאַר געווען אַרעסטירט. אין יאָהר 1714 איז רבי הירש אַוועק פון אַמסטערדאַם און נאָכ'ן וואַנדערען איבער דער וועלט אַ געוויסע צייט, איז ער געוואָרען רב אין לעמבערג אין יאָהר 1717. דאָ איז ער געשטאָרבען 4 חדשים נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרען רב. זיין ספר די שאלות ותשובות, „חכם צבי'' (געדרוקט אַמסטערדאַם 1712) איז באַרימט אין דער לומדישער וועלט. זיין זוהן איז געווען דער בעריהמטער רבי יעקב עמדין. — שלמה אשכנזי, געבוירען 1520, געשטאָרבען 1608, איז געווען דאָקטאָר אין פּוילישען קעניגליכען הויף ביים קעניג זיגמונד אויגוסט דעם 2־טען. אין יאָהר 1569 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער איז געוואָרען הויף־דאָקטאָר ביים סולטאַן און גרויס־וועזיר, און האָט געשפּיעלט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָליע; ער האָט אַלס טערקישער דעלעגאַט געשלאָסען דעם שלום מיט וועניציען, און האָט אויך געהאָלפען וועהלען אַלס פּוילישען קעניג דעם פראַנצויזישען פּרינץ הענרי פון אַנזשו. ער האָט אויך פיעל געהאָלפען יודען. — שמעון אשכנזי, (געבוירען 1867), בעריהמטער פּוילישער היסטאָריקער און דיפּלאָמאַט. ער האָט אין יאָהר 1920 פאַרטרעטען פּוילען אין דעם פעלקער־בונד. זיינע ווערק זענען געשריבען אין פּויליש און באַהאַנדלען טעמען פון דער פּוילישער געשיכטע. אשכנזי האָט אין יאָהר 1912 געהאָלפען אַרויסגעבען דעם יודיש־פּוילישען היסטאָרישען זשורנאַל „קוואַרטאַלניק'' אין וואַרשא.

ביבליאָגראַפיע: אַ רשימה פון די אשכנזי'ם איז פאַרהאַן אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס. וועגען „שיטה מקובצת" האָבען מיר געגעבען די ביבליאָגראַפיע אינוועניג; וועגען חכם צבי זענען די וויכטיגערע קוועלען דעמביצער'ס „כלילת יופי"; גרעץ אין זיין געשיכטע באַנד 8 (העברעאיש) צום סוף אין דער נאָטע וועגען דער מחלוקה אַרום נחמיה חיון; באָבער „אנשי שם"; וועגען רבי אליעזר אשכנזי איז פאַרהאַן אין צונץ, „עיר הצדק", מאָנאָגראַפיע פון קראָקא; וועגען דיפּלאָמאַט שלמה אשכנזי איז פאַרהאַן ביי גרעץ אין זיין „געשיכטע".

**אֶשכֹּל** נאָמען פון דער יודישער ענציקלאָפּעדיע אויף העברעאיש. וואָס האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין בערלין־ירושלים אין יאָהר תר"ץ אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר קלאַטשקין. דער ערשטער באַנד איז ערשינען אין יאָהר תר"צ; דער צווייטער באַנד אין יאָהר תרצ"ג; דיביידע בענדער נעהמען אַרום עטוואָס מעהר ווי אַ העלפט פון אות א'. דאָס איז אַ אויספיהרליכע יודאאיקא־ענציקלאָפּעדיע. זי ווערט אַרויסגעגעבען ביי דער מיטאַרבייט פון איבער הונדערט באַקאַנטע געלעהרטע אויפ'ן געביעט פון חכמת ישראל; דער זעלבער פערלאַג גיעט אַרויס אויך די גרויסע ענציקלאָפּעדיא יודאַאיקא אויף דייטש.

**אַשמְדַאי** דער נאָמען פון קעניג פון די שדים, וואָס איז זעהר פּאָפּולער אין די אַלטע יודישע שדים־

לעגענדעס פון דער צייט פון דער גמרא ביז אין מיטעל־אלטער. וואס עס בעדייט דאס ווארט „אשמדאי" איז נישט קלאר. ראפאפארט אין „ערך מלין" (שטיקווארט אשמדאי) מיינט, אז דאס איז פון דער אראמעאישער שפראך, „אשמד". וואס איז דער טייטש פערטיליגען, פערניכטען, ווייל דער דאזיגער שדים־קעניג וויל אלץ פערניכטען. אבער פיעל וואהרשיינליכער איז די מיינונג פון קאהוט (אין „ערוך השלם") און אנדערע געלעהרטע, אז דאס שטאמט פון דער פערסישער שפראך, און אין דער אלט־פערסישער רעליגיע איז דער נאמען פון טייוועל געווען „עשמא־דאעווא" („עשמא" הייסט „גאט" און „דאעווא" איז „צארן" אדער „אבנארעריי" אויף אלט־פערסיש). דאס ערשטע מאל געפינט מען דעם נאמען אשמדאי אין אפאקריפישען „ספר טוביה", וואס איז געבליבען נאר אין דער גריכישער שפראך, דארט הייסט ער „אסמאדאיאס". דער „ספר טוביה" איז לויט דער מיינונג פון די געלעהרטע געשריבען געווארען אין ארץ־ישראל באלד נאכ'ן חורבן פון 2־טען בית־המקדש, אלזא לערך אין אנהויב פון 2־טען יאהרהונדערט. דארט ווערט דערצעהלט, ווי אזוי דער אשמדאי פלעגט טויטען די חתנים פון א געוויסער שעהנער פרוי שרה אין דער נאכט פון דער חופה, און ווי אזוי טוביה האט איהם בעזיעגט. אין דער גמרא און מדרש געפינט מען דעם אשמדאי אין עטליכע ערטער, ווי פסחים ק"י (וואו ער הייסט „אשמדאי מלכא"), מדרש תהלים ע"ח, און דער עיקר אין גטין ס"ח; דארט ווערט דערצעהלט די מעשה, ווי אזוי שלמה המלך האט ארויסבעקומען דורך דעם אשמדאי דעם ווארם „שמיר", וואס צוברעכט שטיינער, כדי צו בויען דאס בית־המקדש און ווי אשמדאי האט אויפ'ן וועג געזאגט פערשידענע חכמות. און ענדליך ווי אשמדאי האט זיך פערשטעלט פאר שלמה המלך, און האט דעם ריכטיגען שלמה אראבגעווארפען פון דער מלוכה און ער אליין איז געווארען קעניג, ביז מען האט עס ענטדעקט דורך דעם, וואס מען האט געזעהן, אז זיינע פיס זענען ווי פון א היהן, און מען האט איהם אראבגעווארפען, און שלמה איז ווידער געווארען מלך. ראפאפארט אין „ערך מלין" בעמערקט, אז די אלע אשמדאי־שטעלען געפינען זיך אין דער גמרא אדער אין מדרשים, וואס שטאמען פון בבל; ווייזט אויס, אז נאר דארט, נישט אין ארץ־ישראל, איז געווען צווישען יודען פאפולער דער דאזיגער נאמען. אויך אין מיטעל־אלטער זענען ארומגעגאנגען פערשידענע יודישע לעגענדעס וועגען אשמדאי. א פאעמע מיט פערשידענע יודישע פאלקס־גלויבונגען וועגען אשמדאי און שדים און גהינום, האט אנגעשריבען ש. אנ—סקי; די פאעמע טראגט דעם טיטעל „אשמדאי".

ביבליאגראפיע: ראפאפארט „ערך מלין"; קאהוט, „ערוך השלם"; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אשקלון** נאמען פון אמאל בעריהמטער שטאדט אין דרום־א"י ביים מיטעללענדישען ים, ווערט דערמאהנט אין פיעל ערטער אין תנ"ך (יהושע י"ג, שופטים י"ד, שמואל ב' א') אלס א שטאדט פון די פלישתים, וואס יודען האבען איינגענומען נור אויף א קורצער צייט, און עס האבען דארט געוואוינט מייסטענס נישט־יודען. אויך שפעטער אין דער צייט פון דער משנה (צום סוף פון בית שני און שפעטער) איז אשקלון נישט פערערבענט געווען

אלס ארץ־ישראל (גטין משנה א׳). היינט איז עס א קליין אראביש דארף. אמייסטע חורבות, מיט׳ן נאמען „עסקלאן״, אויפ׳ן וועג צווישען יפו און עזה. די שטאדט אשקלון ווערט דערמאהנט שוין אין די אלטע טעל־על־אמארנא־אינשריפטען (פון 14־טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

ביבליאגראפיע: ספיר, „הארץ״; הורוויץ, „ארץ ישראל ושכנותיה״.

**אשר** דער נאמען פון זוהן פון יעקב אבינו, פון זלפה, אין בראשית ל׳ ווערט דער נאמען אויסגעטייטשט אלס „גליק״. פון איהם שטאמט שבט אשר, וואס האט געוואוינט אין א״י אויפ׳ן ברעג פון מיטעללענדישען ים אין צפון, אין דער געגענד פון די שטעדט עכו און צידון, אבוואהל די דאזיגע שטעדט זעלבסט איז דעם שבט אשר נישט געלונגען צו בעזעצען (שופטים א׳). פון דער שטעלע אין דער ברכה פון יעקב אבינו (בראשית מ״ט) „מאשר שמנה לחמו״ („פון אשר קומט דאס פעטע ברויט״) איז צו זעהן, אז דאס לאנד פון שבט אשר איז געוועזן פרוכטבאר. די מאדערנע תנ״ך־פארשער (מאקס מילער, קיטעל און אנדערע) מיינען, אז „אשר״ האט געמיינזאמעס מיט דעם פאלק און לאנד „אסערו״ אין מערב־צפון פון ארץ־ישראל, וואס ווערט דערמאהנט אויף אלט־עגיפטישע אינשריפטען, און דאס איז געוועזן א האלב־כנענישער שבט. וועגען „שרח״, דער טאכטער פון אשר (בראשית מ״ו) ווערט דערצעהלט אין מדרש פיעל אגדות און בעזונדערס, אז זי האט געלעבט זעהר לאנג.

ביבליאגראפיע: ראזענבערג, „אוצר השמות״; אוצר ישראל („אשר״).

**אשר בן יחיאל** בעריהמטער פוסק, בעקאנט מיט׳ן נאמען „דער ראש״. רבי אשר בן יחיאל, דער ראש, איז געבוירען געווארען אין דייטשלאנד לערך דעם יאהר 1250. זיין זיידע איז געוועזן דער פוסק רבי אליעזר בן נתן (ראב״ן). דער ראש איז געוועזן א תלמיד פון גרעסטען רב און פוסק אין דייטשלאנד אין יענער צייט רבנו מאיר בן ברוך, וואס איז בעקאנט מיט׳ן נאמען „מהר״ם מרוטענבערג״. אבער דער מהר״ם האט אויך שטארק געהאלטען פון זיין תלמיד דעם ראש, און ער שרייבט צו איהם טיילמאל „מורי הרב ר׳ אשר שיחיה״ (וועגען רבי ר׳ אשר). שוין אין דייטשלאנד איז דער ראש בעריהמט געוועזן אלס גרויסער למדן און פוסק. אבער לערך דעם יאהר 1302 (זיכער איז נישט די דאזיגע דאטע) האט דער ראש געמוזט ענטלויפען פון דייטשלאנד. די סיבה דערפון איז געוועזן פאלגענדע: דער דייטשער פירשט אלברעכט האט געדארפען האבען געלד, און כדי צו צווינגען די דייטשע יודען, אז זיי זאלען איהם געבען א גרעסערע געלד־סומע, האט ער געלאזט ארעסטירען דעם מהרם מרוטענבערג און איהם איינגעזעצט אין דער פעסטונג ענזיסהיים (אין עלזאס) און איהם געהאלטען אלס א משכון, אז די יודען וועלען איהם די סומע געבען. דער מהרם אבער האט בעפויהלען, אז מען זאל איהם נישט אויסלייזען, ווייל דאס וועט ווייזען די אלע מלכים און פירשטען די מעגליכקייט, ווי אזוי אויסצופרעסען געלד ביי יודען. דער מהרם איז געשטארבען אין דער תפיסה. אבער נאך פריהער האט פירשט אלברעכט געוואלט ארעסטירען אויך דעם ראש (וועלכער האט געהערט צום ראבינאט אין ווארמס).

דער ראש איז ענטלאָפֿן מיט זיין פֿאַמיליע פֿון דייטשלאַנד, און ער האָט געוואַנדערט איבער פֿערשידענע לענדער אין פֿראַנקרייך, ביז ער איז געקומען קיין שפּאַניען און האָט זיך בעזעצט אין טאָלעדאָ (טוליטולא), וואו מען האָט איהם אויפֿגענומען מיט גרויס כבוד. דאָרט האָט דער ראש געגרינדעט אַ ישיבה, וועלכע איז געוואָרען אַזוי בעריהמט, אַז פֿון אַלע לענדער זענען געקומען תלמידים לערנען. דער מחבר פֿון „שיטה מקובצת", רבי בצלאל אשכנזי שרייבט וועגען ראש (אין זיינע תשובות סימן כ"ב), אַז „ער איז געווען דער רבי פֿון אַלע לענדער, פֿון די סלאַווישע ביז פֿראַנקרייך און שפּאַניען, און דער רוב יודען האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר זייער רבי". אין טאָלעדאָ איז דער ראש געווען 23 יאָהר און ער איז געשטאָרבען דאָרט אין יאָהר 1327 (חשון ה' אלפים פ"ח).

דער ראש איז געווען בעריהמט אין דער רבנישער וועלט אַלס פּוסק. ער האָט מחבר געווען זיין בעקאַנטען פּירוש און פּסקי הלכות כמעט צו דער גאַנצער גמרא (געדרוקט צום סוף פֿון די גמרות); אַ חוץ דעם האָט ער אויך מחבר געווען אַ פּירוש צו משניות זרעים, און פֿערשידענע קלענערע דרוש־ספרים, און אויך די „שאלות ותשובות הראש" (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1522). דאָס ספר שאלות ותשובות „בשמים ראש". וואָס איז געוואָרען צוגעשריבען דעם ראש, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס פֿאַלש, און דער ראש האָט עס נישט מחבר געווען. דער ראש האָט געלעבט אין דער צייט, ווען עס האָט זיך געפֿיהרט אין שפּאַניען און דרום־פֿראַנקרייך דער קאַמף אַרום די פֿילאָזאָפֿישע ספרים פֿון רמב"ם, צי מען מעג אין זיי לערנען. דער ראש האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון די געגנער פֿון די פֿילאָזאָפֿישע ספרים (אין דעם בריעף נ"ב אין „מנחת קנאות"). אָבער פֿון די עקזאַקטע וויסענשאַפֿטען, און ספּעציעל פֿון אַסטראָנאָמיע האָט ער שטאַרק געהאַלטען, און ער האָט עס געראַטען זיין תלמיד רבי יצחק הישראלי מחבר צו זיין אַסטראָנאָמישען ספר „יסוד עולם". דער ראש האָט איבערגעלאָזט אַכט זוהן, פֿון וועלכע זיין עלטסטער רבי יהודה איז געוואָרען רב אין טאָלעדאָ נאָכ'ן ראש'ס טויט. אַמבעריהמטסטען איז זיין צווייטער זוהן רבי יעקב, דער מחבר פֿון די „טורים", וואָס אויף זיי שטיצט זיך דער שולחן ערוך.

ביבליאָגראַפֿיע: ווייס, דור דור ודורשיו" (חלק ה'); גרעץ, „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**אָשֶר לֶעמְלִין** פֿאַלשער „נביא" אין הויב פֿון 16־טען יאָהרהונדערט. עס איז פֿון איהם ווייניג בעקאַנט. מען ווייסט נור, אַז ער האָט געשטאַמט פֿון דייטשלאַנד. אין יאָהר 1501 האָט ער פֿאַר זיינע בעקאַנטע זיך ערקלערט אַלס נביא און האָט מבשר געווען די בשורה, אַז אינגיכען קומט משיח. ער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס, און באַלד איז געוואָרען זעהר גרויס די צאָהל גלויביגע אין איהם. דאָס איז געווען אין דער צייט באַלד נאָך דעם גירוש שפּאַניען (אין יאָהר 1492) און פּאָרטוגאַל, ווען אין אַלע לענדער זענען געווען פֿיעל ענטלאָפֿענע פֿון די דאָזיגע צוויי לענדער. די ליידען פֿון יודען זענען געווען גרויס. דעריבער האָט די בשורה פֿון אשר לעמלין געפֿונען אַ סך גלויביגער. אשר לעמלין איז אַרומגעפֿאָהרען אין פֿערשידענע שטעדט און גערופֿען

צום תשובה טהון, ווייל די גאולה איז נאהנט, און אלס א צייכען האט ער אנגעגעבען, אז גאר אינגיכען וועלען איינפאלען אלע קריסטליכע קירכעס. וועגען דער דאזיגער משיח-בעוועגונג פון לעמלין ברענגען רבי אברהם פריציל אין זיין „ארחות עולם", ווי אויך רבי דוד גאנז אין „צמח דוד". א סך יודען האבען פערלאזט זייערע געשעפטען אין ערווארטונג פון שנעלען אנקומען פון משיח. אבער פלוצלינג איז אשר לעמלין געשטארבען. דאס האט ארויסגערופען אזא ענטוישונג צווישען זיינע אנהענגער, אז א סך פון זיי האבען זיך געשמדט. אים אלגעמיין האט די דאזיגע משיח-בעוועגונג נישט ארויסגערופען קיין בעזונדערען איינדרוק צווישען די יודען אין די שפעטערדיגע דורות, אזוי, אז גאר שנעל איז די גאנצע אשר לעמלין-בעוועגונג פערגעסען געווארען און נישט איבערגעלאזט נאך זיך קיינע שפורען, ווי עס האבען איבערגעלאזט די אנדערע בעוועגונגען (למשל „שבתי צבי").

ביבליאגראפיע: וועגען דער בעוועגונג פון אשר לעמלין איז פארהאן אין „ארחות עולם" פון פריציל, „צמח דוד", דברי הימים פון רבי יוסף הכהן און אין פעפערקארנ'ס „שפיעגעל צור ערמאהנונג"; גרעץ, „געשיכטע".

**אשֵׁרָה** דאס איז דער נאמען פון הייליגען בוים אדער פון הייליגען האלץ-פלאקען אריינגעשטעקט אין מזבח, וואס איז געווען אנגענומען אין דער געצענדיענסט ביי טייל מזרח-פעלקער אין די אלט תנ"ך-צייטען. אין חומש דברים ט"ז איז פארהאן דער „לא תטע לך אשרה" (דו זאלסט דיר נישט פלאנצען קיין אשרה) און פיעל מאל אין חומש און אנדערע תנ"ך-ספרים ווערט יודען שטרענג פערבאטען צו דינען צו דער אשרה. אבער נישט קוקענדיג דערויף, איז טיילמאל ביי יודען, אין דער צייט פון ערשטען בית-המקדש, ווען טייל יודישע שבטים האבען געהאלטען פון געצענדינסט-קולט, יא געווען איינגעפיהרט אויך די אשרה (מלכים ב' כ"א, און מ"ז, און אנדערע ערטער).

ביבליאגראפיע: ראזענבערג „אוצר השמות" (שטיך-ווארט „אשירה"); רובין, „סגולות הצמחים"; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**אַתְ-בַּשׁ** עס ווייזט אויס, אז שוין אין די אלטע צייטען פון תנ"ך איז געווען ביי יודען פאפולער די איבערשטעלונג פון אותיות לויט דעם סיסטעם פון „את-בש", וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואס דער ערשטער בוכשטאב פון אלף בית די „אלף" ווערט געשריבען אנשטאט דעם לעצטען בוכשטאב די תיו; דער צווייטער בוכשטאב, די בית אנשטאט דעם פאר-לעצטען די שין, און אזוי כסדר. אין מדרש רבה י"ח ווערט ריכטיג אנגעוויזען אויפ'ן פסוק אין ירמיה, אז „ששך" מיינט מען „בבל" (די צוויי שין'ס אנשטאט די צוויי „בית'ן", און די „כף" אנשטאט די „למד"), דער סיסטעם פון את-בש ווערט דערמאהנט אין דער גמרא שבת ק"ד.

ביבליאגראפיע: „אוצר ישראל" (שטיך-ווארט „אלפא ביתא"), אנדערע יודישע ענציקלאפעדיעס ביים שטיך-ווארט „אלפאבעט".

**אֶתְרוֹג** דאס איז דער נאמען פון דער פרוכט, וואס מען דארף, לויט דעם יודישען דין נעהמען אים סוכות (צוזאמען מיט'ן לולב, הדסים און ערבות) און בענשען איבער איהם. אין חומש (ויקרא כ"ג) ווערט נור געזאגט וועגען „פרי עץ הדר", אבער לויט דער יודישער טראדיציע, וואס איז זעהר אלט,

מיינט מען דערמיט דעם אתרוג. ראפאפארט אין „ערך מלין" (שטיך=ווארט „אתרוג") ברענגט א גרינדליכע פארשונג וועגען דעם „פרי עץ הדר" אלס אתרוג און ווי עם האבען געטייטשט דעם דאזיגען פסוק די פערשידענע אלטע תרגומים (עקילס, „פשיטתא" און אנדערע) ווי אויך פלאוויוס. — דער אתרוג ווערט לעצטענס געפלאנצט אויך אין די יודישע קאלאניעס אין ארץ=ישראל, און עס איז ענטשטאנען די בעוועגונג צו נוצען אים סוכות די א"י=אתרוגים אנשטאט וואס ביז איצט האט מען גענוצט די אתרוגים פון דער גריכישער אינזעל קארפו (קארפירער אתרוגים).

ביבליאגראפיע: „ערך מלין" פון ראפאפארט; „אוצר ישראל".

# ב.

ב (בית) דאס צווייטע אות פון העברעאישען און יודישען אלף בית, און האט א בעדייטונג פון „א הויז". די „בית" האט אין דער צאהלען=ארדנונג די בעדייטונג פון 2 און אויך „דער צווייטער" (ביים שטיך=ווארט „א" געבען מיר ציטאטען וועגען דעם).

**באארד אוו דעפיוטיס** דאס איז דער נאמען פון דער פעראייניגונג פון די יודישע קהלות אין ענגלאנד און רעכענט זיך אלס די פארשטעהער=קערפערשאפט פון ענגלישען יודענטום. דער פולער נאמען פון דער געזעלשאפט, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1760 (פריהער האט זי געהייסען „דהי קאמיטי אוו דעפיוטים") איז „באארד אוו דעפיוטים אוו בריטיש דזשום", („די קערפערשאפט פון די פארשטעהער פון די בריטישע יודען"), און איהר אויפגאבע איז נישט נור צו ערלעדיגען די אינערליכען קהלה=אנגעלעגנהייטען פון די ענגלישע יודען, נאר זי טרעט אויך אויף צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון יודען אין פערשידענע לענדער, וואו זיי ווערען פערפאלגט. אין די דאזיגע אויסלענדישע יודישע ענינים ארבייט זי צוזאמען מיט דער „אנגלא דזשואיש אסאסיישאן" (וועגען איהר געבען מיר ביים בעטרעפענדעם שטיך=ווארט) אין דעם געמיינזאמען „דזשאינט פאריין קאמיטי". איינער פון די ערשטע פיהרער פון דער באארד אוו דעפיוטים, וואס האט אין נאמען פון דער געזעלשאפט אינטערווענירט צו העלפען יודען אין אנדערע לענדער איז געוועזען סיר משה מאנטעפיארע, וועלכער איז געווארען פרעזידענט פון דער געזעלשאפט אין יאהר 1835. דער איצטיגער פרעזידענט פון דער „באארד אוו דעפיוטים" (יאהר 1933) איז נעוויל לאסק. אין באארד אוו דעפיוטים נעהמען אנטייל לערך 280 יודישע פארשטעהער פון אלע יודישע געמיינדעס אין דער גאנצער בריטישער אימפעריע. אין אלע רעליגיעזע אנגעלעגנהייטען ווערט די געזעלשאפט געפיהרט דורך דעם לאנדאנער

רב הכולל און דעם „חכם" פון דער ספרדישער געמיינדע אין לאָנדאָן.

ביבליאָגראַפיע: אַ גרינדליכע אָפּהאַנדלונג וועגען דער געשיכטע פון „באָארד" איז פאַראַן אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**באַגדאַד** בעריהמטע אַלטע שטאָדט איצט די הויפּט־שטאָדט פון אַרבּאַישען קעניגרייך מעסאָפּאָטאַמיען (איראק). זי ליגט אויף דעם טייך טיגרים (חדקל), זי צעהלט בּיי 200.000 איינוואוינער און צווישען זיי לערך 60 טויזענד יודען, וואָס רעדען אַממייסטען אַראַביש, האָבּען אייגענע שוהלען, פערשידענע ערציהונגס־אַנשטאַלטען, שולען, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען דורך די „אַליאַנס", פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען. אין באַגדאַד לעבּען אויך בּיי 500 יודען, וואָס שטאַמען פון אייראָפּאַ, אַממייסטען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

די געשיכטע פון די יודען אין באַגדאַד איז זעהר אַ אַלטע. וואַהרשיינליך האָבּען דאָרט געוואוינט יודען שוין אין דער צייט פון בית־שני. יעדענפאַלס אין דער גמרא ווערט דערמאָהנט אַ אמורא רב הונא בגדתאה (ברכות נ"ד און אַנדערע ערטער). בעזונדערס פערגרעסערט האָט זיך דער יודישער ישוב אין באַגדאַד אין דער צייט פון די גאונים אין בבל; אין באַגדאַד האָט געוואוינט דער ריש גלותא, דער פיהרער פון אַלע יודען אין בבל. אויך שפּעטער שרייבּען אַלע יודישע רייזענדע (רבי פתחיה פון רעגענשבורג און אַנדערע) וועגען יודען אין באַגדאַד. נעבּען באַגדאַד זענען פאַראַן אַלטע קברים, וועגען וועלכע די יודישע טראַדיציע זאָגט, אַז דאָרט איז פאַראַן דער קבר פון יהושע בן יהוצדק הכהן, וואָס ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך אין זכריה. אין דער געגענד פון באַגדאַד ווערט געוויזען אויך דער קבר פון יחזקאל הנביא.

ביבליאָגראַפיע: ראזאנעס, „דברי ימי ישראל בתוגרמה"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס („אוצר ישראל" שטיך־וואָרט „בגדד").

**באַגראָוו ג.** בעריהמטער יודיש־רוסישער שרייבּער, געבּוירען אין יאָהר 1825 אין פּאָלטאַווא, געשטאָרבּען אין יאָהר 1885. ער האָט מיטגעאַרבּייט אין די רוסיש־יודישע צייטונגען „ראַזסוועט" און „וואָסכאָד". זיינע ערצעהלונגען זענען גענומען פון יודיש־רוסישען לעבּען. טייל פון זיי זענען איבּערזעצט אויך אין העבּרעאיש. באַגראָוו האָט אויף דער עלטער זיך געשמדט. — בּעקאַנט איז זיין אייניקעל באַגראָוו, אַ יוד, אַ אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פערקעהרט אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזען און גלייכצייטיג געדיענט אין דער רוסישער געהיים־פּאָליציי; אין יאָהר 1911 האָט ער דערשאָסען אין קיעוו דעם רוסישען פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין. דאָס רוסישע געריכט האָט איהם דעמאָלס פעראורטיילט צום טויט דורך הענגען און דער אורטייל איז געוואָרען אויסגעפיהרט.

**באָדנהיימער מ.** (געבּוירען 1865), בעריהמטער ציוניסטישער פיהרער אין דייטשלאַנד. דר. מאַקס באַדענהיימער, וועלכער איז פון פאַך אַ אַדוואָקאַט, איז געווען איינער פון די ערשטע געבּילדעטסטע דייטשע יודען, וואָס זענען צוגעטרעטען צו דער ציוניסטישער אידעע. אין יאָהר 1891 האָט ער פערעפענטליכט זיין ערשטע שריפט אין דייטש: „סיריען און פּאַלעס־

טינא אַלס דער מקום מקלט פאַר די רוסישע יודען"; ווען הערצל איז אויפ־געטרעטען מיט דער ציוניסטישער אידעע פון גרינדען אַ יודישע מלוכה, איז באַ־דענהיימער גלייך צוגעטרעטען צו הערצל מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג. באַ־דענהיימער איז געווען פּרעזידענט פון דער „ציוניסטישער פעראייניגונג" אין דייטשלאַנד, יאָהרען־לאַנג מיטגליעד פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין יאָהר 1898 האָט ער בעגלייט הערצלען אין זיין רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ארץ־ישראל, וואו זיי זענען אויפ־גענומען געוואָרען דורכ'ן דייטשען קיי־זער ווילהעלם אַלס די פאָרשטעהער פון ציוניזם.

ביבליאָגראַפיע: „לקסיקון ציוני"; יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן.

## באַדער גרשם (געבוירען 1868),

בעקאַנטער יודישער און העברעאישער שריפטשטעלער און היסטאָריקער. געבוירען אין קראָקא אין יאָהר 1868, בעקומען אַ פרומע ערציה־הונג, נאָכהער האָט ער זיך גענומען צו השכלה, שטודירט אין דייטשלאַנד, געווען לעהרער אין גאַליציען. אין יאָהר 1889 האָט ער רעדאַגירט דעם העברעאישען וואָכען־זשורנאַל „השמש"; אין יאָהר 1894 האָט ער זיך בעזעצט אין לעמ־בערג, וואו ער האָט 20 יאָהר פערנומען אַ אָנגעזעהענע שטעלונג אין ליטעראַרי־שען און געזעלשאַפטליכען לעבען, געווען רעדאַקטאָר פון העברי, געגרינדעט די ער־שטע יודישע טעגליכע צייטונג אין עסט־רייך „לעמבערגער טאַגבלאַט" (אין יאָהר 1904), אַרויסגעגעבען „באַדער'ס יודי־שער פאָלקס־קאַלענדאַר", ווי אויך גע־דרוקט פערשידענע ערצעהלונגען, פעליע־טאָנען, אַרטיקלען און אַנדערע צייט־שריפטען, און געשריבען טעאַטער־פּיע־סען. זינט 1912 וואוינט באַדער אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געווען פון די רעדאַקציע־מיטאַרבייטער צווערשט פון „יודישען טאַגעבלאַט" און דערנאָך פון „מאָרגענזשורנאַל". באַדער האָט אין יאָהר 1929 פערעפענטליכט זיין בוך „30 דורות פּוילישע יודען" וועגען דער געשיכטע פון יודען אין פּוילען.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן [1926]; זילבערצווייג, „טעאַטער־לעקסיקאָן".

## באָרושאָרער י. (1873 — 1915)

יודישער שריפט־שטעלער און אַנאַרכיסטישער טהוער. באָרושאָווער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין ליבאַוויטש (רוסלאַנד). שוין אַלס יונגעל איז ער אַריינגעצויגען געוואָרען אין די רעוואָלוציאָנערע אַר־בייטער־קרייזען. אַלט זייענדיג 18 יאָהר איז ער אוועק קיין אַמעריקא, וואו ער האָט אָנגעהויבען דרוקען אַרטיקלען, לי־דער און נאָוועלען אין דער יודישער אַר־בייטער־פּרעסע, ספּעציעל אין דער „פרייער אַרבייטער־שטימע". ער האָט אויך פערפאַסט אַרבייטער־לידער, וועל־כע זענען געווען זעהר פּאָפּולער („אַ גע־זאַנג צום פאָלק" און אַנדערע), ווי אויך איבערזעצט אויף יודיש שעקספּיר'ס שיילאָק און געטע'ס פויסט. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1915.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן [1926].

## באַזעל

בעקאַנטע שטאָדט אין דער שווייץ ביי דער דייטשער גרעניץ. די געשיכטע פון די יודען אין באַזעל איז אַ גאַנץ אַלטע, און יעדענ־פאַלס האָבען זיי דאָרט געוואוינט שוין אין אָנהויב פון 13־טען יאָהרהונדערט.

אין דער געשיכטע פון די יודען אין דער נייער צייט איז באזעל בעקאנט געווארען דערמיט, וואס דארט איז געעפענט געווארען דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס, און דער פראגראם פון ציוניזם צו „שאפען פאר'ן יודישען פאלק א עפענליך-רעכטליכע געזיכערטע היים אין ארץ-ישראל" ווערט אנגערופען דער „באזעלער פראגראם". וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך-ווארט „ציוניזם".

**באזיליאה** (באזילעא), א בעריהמטע יודיש-איטאליענישע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען א רייה וויכטיגע יודישע פערזענליכקייטען, און שטאמט וואהרשיינליך פון באזעל. דער ערשטער פון דער משפחה, וואס ווערט דערמאהנט, איז געוועזען רבי מרדכי בן ראובן באסולה (די פאמיליע האט זיך גערופען אויך „באזילה", „באסולה", „באזולה"), בעקאנט אלס בעל מגיה (קארעקטאר) פון די גמרות, וואס זענען געדרוקט געווארען אין סאנצינא אין יאהר 1489. זיין זוהן רבי משה איז געווען פון די גרויסע מקובלים, וואס האבען דורכגעפיהרט דאס דרוקען דעם „זהר" (מאנטוא 1558); ער איז געשטארבען אין צפת אין יאהר 1560. אמבעריהמטסטען פון דער פאמיליע איז געווען רבי אביעד שר שלום, זוהן פון רבי מנחם שמשון. רבי אביעד שר שלום איז געווען רב אין מאנטוא, וואו ער איז געשטארבען אין יאהר 1742; ער איז געווען א בעריהמטער למדן, מקובל, אבער גלייכצייטיג אויך א געלעהרטער אין וועלטליכע לימודים (מאטעמאטיק, אסטראנאמיע). זיין ספר „אמונת חכמים" (ערשינען אין יאהר ת"צ, 1730) איז אויפצווייזען די נישטיגקייט פון דער פילאזאפיע; אין דעם ספר פערטיידיגט ער אויך די קבלה. פון רבי אביעד שר שלום זענען פארהאן אויך הלכה-תשובות און פסקים אין ספר „פחד יצחק" פון רבי יצחק למפרונטי.

ביבליאגראפיע: גירונדי, „תולדות גדולי ישראל"; מורטארא, „מזכרת חכמי איטליה"; יודישע ענציקלאפעדיעס.

**באטאשאנסקי ר.** (געבוירען אין יאהר 1892), בעקאנטער יודישער זשורנאליסט און שריפטשטעלער. געבוירען אין בעסאראביען, צוערשט האט ער געארבייט אין א רייה יודיש-רומענישע צייטונגען און רעדאגירט יודישע ארבייטער-זשורנאלען. זינט יאהר 1923 איז ער אין ארגענטינא, וואו ער ארבייט מיט אין דער טאג-צייטונג „יודישע פרעסע".

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1926); זילבערצווייג, טעאטער-לעקסיקאן.

**באטווריניק ב.** (געבוירען 1885), יודישער שריפטשטעלער און טעאטער-פיעסען-פערפאסער אין אמעריקא. ער איז געבוירען געווארען אין מינסקער געגענד (רוסלאנד), וואו ער איז אריינגעצויגען געווארען אין רעוואלוציאנערע קרייזען, אין יאהר 1905 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא; ער איז איצט שטענדיגער מיטארבייטער אין „פארווערטס", ווי אויך מיטרעדאקטאר פון סאציאליסטישען ארגאן „דער וועקער".

ביבליאגראפיע: רייזען, לעקסיקאן (1926); זילבערצווייג, טעאטער-לעקסיקאן.

**באכער ווילהעלם** (1850—1913), בעריהמטער יודישער פראפעסאר, געלעהרטער אויפ'ן געביעט פון חכמת ישראל. ער איז געבוירען געווארען אין אונגארן אין יאהר

1850, געווען אַ זוהן פון העברעאישען איבערזעצער פון לעסינג'ס „נתן דער חכם" שמעון באַכער. ווילהעלם באַכער האָט אָנגעפיהרט מיט דעם ראַבינער־סעמינאַר אין בודאַפּעשט, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1913. באַכער האָט געשריבען זעהר פיעל ווערק אויפ'ן געביעט פון יודישער וויסענשאַפט, אַמייסטען אין דייטש, און טייל אין אונגאַריש. אַמבעריהמטסטען זענען זיינע ווערק איבער דער „אגדה", וואָס זענען ערשינען אין העברעאישער איבערזעצונג פון ראַבינאָוויטש אין תל־אביב („אגדות התנאים", „אגדות אמוראי ארץ־ישראל" און אַנדערע). עס איז אָבער נישט געווען כמעט קיין איין געביעט אין דער עלטערער יודישער וויסענשאַפט, וואָס באַכער זאָל נישט האָבען בערייכערט מיט זיינע פאָרשונגען, ווי אַלטע העברעאישע גראַמאַטיק, העברעאישע פּאָעזיע אין מיטעל־אַלטער. ער האָט אויך אַרויסגעגעבען די יודיש־וויסענשאַפטליכע צייטשריפט אויף אונגאַריש „מאַדזשאַר זשידאָ סעמלע".

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע, וואו עס איז פאַרהאַן אַ גרעסערע אָבהאַנדלונג וועגען באַכער; אויך אין די אַנדערע יודישע ענציקלאָפּעדיעס, וואו באַכער איז געווען מיטאַרבייטער.

**באַכראַך** (אויף העברעאיש ווערט דער נאָמען געשריבען אויך „בכרך"), דער נאָמען פון אַ יודישער פאַמיליע, וואָס האָט אַרויסגעגעבען בעדייטענדע פּערזענליכקייטען. דער נאָמען שטאַמט פון דער שטאָדט באַכראַך אין דייטשלאַנד ביים טייך רהיין, וואו עס זענען אין מיטעל־אַלטער פאָרגעקומען שחיטות אויף יודען, און וואָס איז אויך בעריהמט דורך די ערצעהלונג פון היינריך היינע „דער רב פון באַכראַך". די וויכטיגסטע פון די באַכראַך־מיטגלידער זענען: רבי שמואל באַכראַך (1575—1615), רב אין קעלן, וואָרמס, מחבר פון ספרים איבער אַסטראָנאָמיע, וואָס זענען פערלוירען געגאַנגען. — זיין זוהן רבי משה שמשון (1600—1670) רב אין לייפּניק און דערנאָך דרשן אין פּראַג, און נאָכהער רב אין וואָרמס. ער האָט מחבר געווען סליחות. — דער בעדייטענדסטער איז רבי יאיר חיים באַכראַך, מחבר פון שאלות ותשובות „חות יאיר". ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1628 און האָט שוין אין דער יוגענד זיך אַרויסגעוויזען אַלס גרויסער למדן. ער האָט געוואוינט אין וואָרמס, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1701. רבי יאיר חיים איז געווען נישט נור אַ גרויסער למדן און פּוסק, נאָר אויך אַ געלעהרטער אין מאַטעמאַטיק און אין זיין ספר „חות יאיר" איז פאַרהאַן אַ תשובה וועגען מאַטעמאַטישע ענינים. ער זאָל אויך האָבען מחבר געווען אַ פּירוש אויפ'ן „מורה נבוכים" פון רמבם. מיט אַ יאָהר 50 צוריק האָט מען געפונען אין כתב יד רשימות פון רבי חיים יאיר באַכראַך, פון וועלכע עס איז צו זעהן, אַז ער האָט געגלויבט אין שבתי צבי אַלס משיח, און האָט אויך פיעל געהאַלטען פון דער טעאָלאָגישער קבלה־שיטה פון שבתי צבי'ס נביא רבי נתן העזתי.

ביבליאָגראַפיע: אַ גרינדליכע אָבהאַנדלונג וועגען רבי חיים יאיר און דער פאַמיליע באַכראַך האָט געשריבען אויף דייטש קויפמאַן „רבי יאיר חיים באַכראַך און זיינע עלטער־עלטערען"; די רשימות פון רבי חיים זענען אָבגעדרוקט אין העברעאישען גרעץ־געשיכטע חלק ח' אין די בעמערקונגען פון שפר.

**באַלאַבאַן מאיר שמואל** (געב. 1877 אין לעמבערג), בעריהמטער יודישער גע־

לעהרטער אין פּוילען, דירעקטאָר פון
דעם „מזרחי״־סעמינאַר פאַר רבנים
„תחכמוני״ אין ווארשע. באַלאַבאַן איז
געבוירען געוואָרען אין אַ סוחרישער
פאַמיליע; ער האָט דורכגעמאַכט זיין
אוניווערסיטעט־שטודיום אין לעמבערג,
וואו ער האָט בעקומען דעם ד״ר־טיטול.
אַ געוויסע צייט איז ער געווען פּראָפע־
סאָר אין אַ רייה מיטעל־שולען אין לעמ־
בערג און גלייכצייטיג געהאַלטען לעק־
ציעס אין אוניווערסיטעט איבער דער
געשיכטע פון יודען אין גאַליציען (די
לעקציעס זענען געזאַמעלט אין זיין בוך
אויף פּויליש „געשיכטע פון יודען אין
גאַליציען״). באַלאַבאַן האָט אויך מיט־
געאַרבייט אין דער יודיש־רוסישער ענצי־
קלאָפּעדיע איבער פערשידענע ענינים
פון יודישער געשיכטע אין פּוילען. זינט
יאָהר 1920 האָט ער זיך בעזעצט אין
ווארשע אַלס דירעקטאָר פון „תחכמוני״.
אין ווארשע האָט ער רעדאַגירט דעם
זשורנאַל „נאָווע זשיטשע״. באַלאַבאַן
האָט פערעפענטליכט אַ גרויסע צאָהל
ביכער און אַרטיקלען אין פּויליש, יודיש,
דייטש און העברעאיש איבער פערשי־
דענע ענינים פון דער יודישער געשיכטע
(„ועד ארבע ארצות״, געשיכטע פון יו־
דישע דרוקערייען, און פיעל אַנדערע).
זיין בעדייטענדעס בוך איז „די יודישע
געשיכטע און ליטעראַטור״ (אויף פּוי־
ליש) אין 3 בענדער. באַלאַבאַן האָט
אויך פערעפענטליכט אַ רייה אָבהאַנד־
לונגען איבער די אַלטע יודישע שולען אין
פּוילען. זעהר ווערטפול איז אויך זיין
ביבליאָגראַפישע רשימה און אָבהאַנדלונ־
גען איבער דער פראַנקיסטישער בעוועג־
גונג (פערעפענטליכט אין געדענק־בוך
פון ד״ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי,
יאָהר 1927).

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן
(1926); יודיש־דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעק־
סיקאָן.

## באַלעכאָווער ב. (1723—1805)

יודישער כלל־
טהוער אין מזרח־גאַליציען אין 18־טען
יאָהרהונדערט, בעריהמט דורך זיינע
„זכרונות״, וואָס וואַרפען ליכט אויף
דער פראַנקיסטען־בעוועגונג. ווי באַלע־
כאָווער דערצעהלט, האָט ער אַנטייל גע־
נומען אין ויכוח צווישען יודען און
פראַנקיסטען אין לעמבערג אין יאָהר
1759. מיט זיין פאַמיליען־נאָמען האָט
בער באַלעכאָווער געהייסען בירקענטאַל,
און האָט געשטאַמט פון דער שטאָדט
באַלעכאָוו. די „זכרונות״ פון באַלעכאָ־
ווער האָט ווישניצער ארויסגעגעבען אויף
יודיש אין בערלין יאָהר 1922. ד״ר
בראַווער האָט פערעפענטליכט אין
„השלח״ (יאָהרגאַנג 1916 און יאָהר־
גאַנג 1921, „מקור חדש״) דאָס ספר
„אמרי בינה״ פון באַלעכאָווער וועגען די
פראַנקיסטען.

ביבליאָגראַפיע: ווישניצער, אין דער
איינליישונג צו באַלעכאָווער׳ס „זכרונות״ (בער־
לין 1922); בראַווער, אין די דערמאָהנטע השלח׳ס.

## באַלפור אַרטור (1848 — 1931)

בעריהמטער ענג־
לישער לאָרד, וועמענס נאָמען עס איז
פערבונדען מיט דער בעקאַנטער „באַל־
פור־דעקלאַראַציע״. אַרטור דזשיימס
באַלפור איז געבוירען געוואָרען אין
יאָהר 1848 אין ענגלאַנד, און ער האָט
אין זיין פאָטער־לאַנד דערגרייכט די
העכסטע פּאָליטישע שטעלונג, פערנומען
פערשידענע מיניסטאָרען־אַמטען און אין
די יאָהרען 1902—1905 איז ער אַלס
פיהרער פון דער ענגלישער קאָנסערוואַ־
טיווען־פּאַרטיי געווען פּרעמיער־מי־
ניסטער. אין דער צייט פון וועלט־קריעג,

אין יאָהר 1916, האָט ער פּערנומען דעם אַמט אַלס ענגלישער אויסערן-מיניסטער (ביז יאָהר 1920), און דעמאָלס האָט ער, אין יאָהר 1917, דעם 2-טען נאָוועמבער, אַרויסגעגעבען צום יודישען פֿאָלק זיין „באַלפור-דעקלאַראַציע". די דאָזיגע דעקלאַראַציע האָט באַלפור אַדרעסירט צו לאָרד ראָטשילד, און זי ענטהאַלט די ערקלערונג, אַז די ענגלישע רעגירונג סימפּאַטיזירט מיט די יודישע ציוניסטישע שטרעבונגען און וועט שטיצען די גרינדונג אין ארץ-ישראל פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר דעם יודישען פֿאָלק. וועגען דער געשיכטע, ווי אַזוי די באַלפור-דעקלאַראַציע איז ענטשטאַנען און וואָסערע פּירושים עס זענען נאָכהער צו איהר געגעבען געוואָרען, געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „ציוניזם". לאָרד באַלפור האָט אויך נאָכהער מיטגעהאָלפען דעם ציוניזם. אין יאָהר 1920 האָט ער פאַרגעלעגט פאַר דעם פעלקער-בונד דעם פּלאַן פון ארץ-ישראל-מאַנדאַט. אין יאָהר 1925 האָט ער אין ירושלים געעפענט די העברעאישע אוניווערסיטעט. לכבוד איהם זענען אָנגערופען געוואָרען אַ רייהע גאַסען אין ארץ-ישראל (אויך אין תל-אביב) מיט'ן נאָמען „באַלפור", און אין עמק יזרעאל איז פאַרהאַן אַ קאָלאָניע מיט'ן נאָמען „בלפוריה" („באַלפוריאַ"). לאָרד באַלפור איז אויך געווען אַ גרויסער שריפטשטעלער און פילאָזאָף, און ער האָט געשריבען אין ענגליש בעדייטענדע ביכער.

ביבליאָגראַפיע: יודיש-דייטשע ענצ-קלאָפּעדיע און לעקסיקאָן.

**באַלשעוויזם** מיט'ן נאָמען „באַלשעוויזם" (מעהר-הייטס-אָנהענגער) ווערט בעצייכענט דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד, אַלס געגענזאַץ צו דער „מינדערהייט" („מענשעוויקעס") אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע זענען געגנער פון עקסטרעמען קאָמוניזם. וועגען דעם איינפלוס פון יודישע סאָציאַליסטען אין באַלשעוויזם און אויך וועגען דער בעציהונג פון באַלשעוויזם צו דער יודען-פראַגע, געבען מיר ביי די שטיך-ווערטער „קאָמוניזם" און „רוסלאַנד" (קאַפּיטעל „ראַטען-פערבאַנד").

**באַמבערג דאַניעל** בעריהמטער דרוקער פון העברעאישע ספרים, ספּעציעל גמרות, אין ווענעציע אין 16-טען יאָהרהונדערט. דאַניעל באַמבערג איז געווען אַ קריסט און האָט געשטאַמט פון אַנטווערפּען. זיין העברעאישע דרוקעריי אין ווענעציע איז געווען בעריהמט, און עס האָבען ביי איהם געאַרבייט אַלס קאָרעקטאָרען און אויפזעהער אַדעלקינד, רבי אליהו בחור און פיעל אַנדערע יודישע געלעהרטע פון יענער צייט. ער האָט געדרוקט דעם תנ"ך מיט אַ רייהע אַלטע מפרשים, וואָס זענען ביז איהם געווען נישט געדרוקט. ער האָט דער ערשטער געדרוקט גאַנץ ש"ס (אין די יאָהרען 1520—23) און לויט זיין אָרדנונג פון די דפים און רשי און תוספות זענען שפּעטער געדרוקט געוואָרען אַלע גמרות. ער האָט אויך געדרוקט אַנדערע יודישע ספרים. באַמבערג איז געשטאָרבען אין יאָהר 1553.

ביבליאָגראַפיע: כוואָלסאָן, „ראשית מעשה הדפוס"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**באַמבערגער** בעקאַנטע יודישע פאַמיליע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַ רייהע בעדייטענדע פּערזענליכקייטען. — זע-

ליגמאַן באַמבערגער (1807 — 1878) בעריהמטער אָרטאָדאָקסישער רב אין דער שטאָדט ווירצבורג. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון גרויסען קאַמף צווישען די רעפאָרם-ראַבינער און דער אָרטאָדאָקסיע. באַמבערגער האָט געקעמפט געגען דער רעפאָרם פון דער יודישער רעליגיע. ער האָט אָנגעפיהרט אין ווירצבורג מיט א גרויסער ישיבה. ער האָט אויך מחבר געווען א רייה ספרים (,,נחלי דבש'', ,,מלאכת השמים'' און אַנדערע). באַמבערגער איז געווען געגען דעם שריט פון די עקסטרעמע יודישע אָרטאָדאָקסען אין פראַנקפורט מיט רבי שמשון רפאל הירש אין דער שפּיץ, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פון דער אַלגעמיינער יודישער קהלה אין דייטשלאַנד און געגרינדעט די בעזונדערע יודישע געמיינדע פון דער ,,טרענונגס-אָרטאָדאָקסיע''; באַמבערגער האָט געהאַלטען, אַז מען דאַרף בלייבען אין דער אַלגעמיינער יודישער קהלה, און ער האָט וועגען דעם געפיהרט שריפטליכע דיסקוסיעס מיט רבי שמשון רפאל הירש. — לודוויג באַמבערגער (1823 — 1899) יודישער מלוכה-מאַן אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָליע אין דער דייטשער פּאָליטיק אין די צייטען פון ביסמאַרק. באַמבערגער איז געווען א בעריהמטער יוריסט, און אין רעוואָלוציע-יאָהר 1848 האָט ער געהערט צו די פרייהייט-קעמפער און איז אַרעסטירט געוואָרען און פעראורטיילט צום טויט; נאָר ער איז ענטלאָפען קיין ענגלאַנד. נאָכהער האָט מען איהם ערלויבט צוריקצוקומען קיין דייטשלאַנד. ער איז געווען פיעל מאָל געוועהלט אַלס דעפּוטאַט אין דייטשען פּאַרלאַמענט פון די נאַציאָנאַל-ליבעראַלען, און האָט פיעל מיטגעהאָלפען ביסמאַרק'ן אין דער לייטונג פון די מלוכה-פינאַנסען און צאָל-אַנגעלעגענהייטען. אָבער אין טייל ענינים איז ער אַרויסגעטרעטען געגען ביסמאַרק'ן. נאָך ביסמאַרק'ס טויט האָט באַמבערגער געשריבען וועגען איהם זיין בעריהמטע מאָנאָגראַפּיע. ער האָט אויך פערפאַסט זיין ווערק ,,דייטשלאַנד אונד יודענטום''.

ביבליאָגראַפּיע: יודיש-דייטשע ענציקלאָפּעדיע און לעקסיקאָן; בראָקהויז ענציקלאָפּעדיע.

**באַנעטה** יודישע פאַמיליע אין אונגאַרן. — יחזקאל באַנעטה, בעריהמטער רב און ראש ישיבה אין נייטרא, געבוירען 1773 און געשטאָרבען 1854. — עדוארד באַנעטאַ (געבוירען 1855), בעריהמטער יודישער געלעהרטער, פּראָפעסאָר פון דער הויכשול פאַר וויסענשאַפט פון יודענטום אין בערלין. ער האָט פערפאַסט א רייה ווערק אויף דייטש ,,רבי שמואל הנגיד'', ,,צדוקים און פרושים'' און אַנדערע. — דער דאָזיגער פאַמיליען-נאָמען איז באַנעטה, אָבער מען דאַרף עס נישט פערטוישען מיט'ן נאָמען ,,בענעט''.

**באַנקען** זס איז שווער פעסטצושטעלען, אויף ווי ווייט עס האָבען שוין עקזיסטירט אין די אַלטע צייטען פון תנ''ך און בית שני אין ארץ-ישראל אַזעלכע סאָרט פינאַנץ-אינסטיטוציעס, ווי באַנקען. מען קאָן נור זאָגען, אַז עס זענען דעמאָלס געווען יודען, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט געלד-באָרגען. אין דער גמרא ווערט יאָ דערמאָהנט דער ,,שלחני'' (שקלים פ''א און אַנדערע ערטער), וואָס האָט ערפילט געוויסע פונקציעס, וואָס די מאָדערנע באַנקירען, געלד-טוישען און זאָגאַר נעהמען ביי

מענשען געלד־דעפּאָזיטען און אוועקבאָרגען זיי צו אַנדערע (בבא מציעא מ"ג, „המפקיד מעות אצל שלחני", צי ער מעג זיך מיט זיי בענוצען). אין מיטעלאַלטער, אין אייראָפּאַ, האָבען יודען זיך בעשעפטיגט מיט באָרגען געלד אויף צינזען. און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבען טיילמאָל אַרויסגערופען גזרות אויף יודען אין פערשידענע לענדער. ערשט שפּעטער, אין 14־טען און 15־טען יאָהרהונדערט, הויבען אָן צו ענטשטעהן אין איטאַליען באַנקען אין מאָדערנעם זין, און דער יודישער אַנטייל אין זיי איז געווען זעהר גרויס. יודען האָבען זיך אַרויסגעוואָזען אַלס פעהיגע פינאַנסיסטען און זיי האָבען נישט נור ענטוויקעלט דאָס פּריוואַטע באַנק־וועזען, נור האָבען אויך פערנומען הויכע שטעלונגען אַלס פינאַנץ־מענער פון מלוכות אין פירשטליכע הויפען, און די יודישע הויף־באַנקירען אין דייטשלאַנד און עסטרייך אין 16־טען און 17־טען יאָהרהונדערט האָבען זיך ערוואָרבען אַ גרויסען איינפלוס. אין 18־טען און 19־טען יאָהרהונדערט האָבען יודען שוין געשפּיעלט די זעהר אָנגעזעהענסטע ראָליע אין גרינדען די מאָדערנע באַנק־הייזער, סיי פּריוואַטע, סיי אַקציען־געזעלשאַפטען. בעריהמט זענען געווען די יודישע באַנקירען־פאַמיליעס מענדעס, פּערעירא (אין אַמסטערדאַם און לאָנדאָן), פּינעטאָ, אַגילאַר און נאָכהער די ראָטשילד'ס. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט זענען בעריהמט געווען אין דייטשלאַנד די יודישע באַנק־פירמעס בלייכרעדער, מענדעלסאָן, אין ענגלאַנד ברידער לאַזאַר, ראָטשילד, סאַסאָן (אינדיען), און אין אַמעריקא די באַנק־פירמע קוהן־לעב. אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען יעקב שיף. אין 20־טען יאָהרהונדערט זענען די מייסטע באַנקען אין דער וועלט געוואָרען אַקציען־געזעלשאַפטען, אָבער אויך אין זיי האָבען יודען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, ספּעציעל אין דייטשלאַנד (גאָלדשמידט, לייטער פון דער דייטשער נאַציאָנאַל באַנק, מעלכיאָר און אַנדערע), פראַנקרייך, ענגלאַנד. — אין 20־טען יאָהרהונדערט זענען אויך ענטשטאַנען ספּעציעלע יודישע געזעלשאַפטליכע באַנקען, פון וועלכע די אָנגעזעהענסטע זענען די ציוניסטישע פינאַנץ־אינסטיטוציעס „אַנגליאָ־פּאַלעסטיין קאָמפּאַני" (אַפּ"ק), דער „באַנק הפועלים" אין ארץ־ישראל, אַ רייהע אַנדערע קלענערע ארץ־ישראל־באַנקען, ווי אויך קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־ און האַנדווערקער־באַנקען אין פערשידענע לענדער (פּוילען, ליטא און אַנדערע לענדער). וועגען זיי געבען מיר בעזונדער ביים שטיך־וואָרט „קאָאָפּעראַטיווען".

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (שטיך־וואָרט „שלחני"); יודיש־דייטשער לעקסיקאָן; שיפּער, „די יודישע ווירטשאַפטס־געשיכטע"; זאָמבאַרט, „די יודען אונד דאס ווירטשאַפטס־לעבען" (דייטש).

**באַס שבתי** (1641 — 1718), דאָס איז דער בעריהמטער ביבליאָגראַף און רש"י־מפרש רבי שבתי בן יוסף באַס (אויך בס) מחבר פון פירוש אויף רש"י „שפתי חכמים" און פון ביבליאָגראַפישען ספר „שפתי ישנים". ער איז געבוירען געוואָרען אין קאַליש אין יאָהר 1641, און נאָכ'ן טויט פון זיינע עלטערען, וואָס זענען אומגעקומען אין דער שחיטה אויף יודען פון פּוילישען גענעראַל טשאַרנעצקי אין יאָהר 1655, איז באַס אוועק קיין פּראָג, וואו ער איז געוואָרען משורר אין דעם

כאָר פון דער אַלטנײ שוהל; דערפון
שמאַמט זײַן צונאָמען „באַס", אַלס
'אַס=משורר. פון דאָרט איז ער אַוועק
קײַן אַמסטערדאַם, וואו ער האָט ער=
לערנט דאָס דרוקער=פאַך און זיך פער=
לעגט אַ דרוקערײ. נאַכהער האָט ער זיך
בעזעצט אין דיהרענפורט און זיך פער=
לעגט אַ דרוקערײ און געדרוקט אַ רײה
ספרים. צוליעב אַ מסירה פון גלחים, אַז
אין געדרוקטען ספר „שערי ציון" איז
פערהאַן אַ לעסטערונג פון קריסטענטום,
איז באַס צוזאַמען מיט זײַן אײנציגע:
זוהן יוסף געווען ארעסטירט 10 וואָכען
און ערשט נאַכהער בעפרײט געוואָרען.
רבי שבתי באַס האָט פערפאַסט אַ רײה
ספרים אויף העברעאיש און יודיש. זײַן
הויפט=ספר איז דער „שפתי ישנים"
(ערשטע אויסגאַבע אַמסטערדאַם 1680),
דאָס איז די ערשטע ביבליאָגראַפישע
רשימה פון העברעאישע ספרים, וואָס
זענען ערשינען ביז זײַן צײַט; די רשימה
ענטהאַלט 2200 ספרים. דער „שפתי
ישנים" איז ערשינען אין יאָהר 1681
אויך אויף לאַטײן און האָט געדיענט אַלס
וועג=ווײַזער אויך פאַר דעם קריסטליכען
ביבליאָגראַף וואָלף צו זײַן „ביבליאָגראַ=
פיאַ העברעאַ". דאָס צווייטע וויכטיגע
ספר פון באַס איז זײַן פירוש צו רשי
אויף חומש און חמש מגילות „שפתי
חכמים", וואָס איז אייגענטליך אַ זאַמ=
לונג פון פירושים פון פריהערדיגע
מחברים צוזאַמען מיט אייגענע בעמער=
קונגען. באַס האָט אויך פערפאַסט אויף
יודיש אַ וועג=ווײַזער פאַר סוחרים
„מסכת דרך ארץ" (אַמסטערדאַם
1680), און האָט אויך אַרויסגעגעבען
דעם יודישען פירוש אויף חומש און
חמש מגילות פון רבי משה שרטעלש
„באר משה" און צוגעשריבען צו איהם
אַ העברעאישע גראַמאַטיק. באַס איז גע=
שטאָרבען אין קראַטאָשין אין יאָהר
1718.

ביבליאָגראַפיע: שולמאַן „שפת יהודית אשכנזית וספרותה"; פירסט, „ביבליאָטעקאַ יודאַיקא"; אוצר ישראל („בס"); רייזען, לעקסיקאָן (1914).

## באַסטאָמסקי שלמה

(געבוירען 1891 אין ווילנא), בעקאַנטער יודישער זאַמלער און פאָרשער פון פאָלקלאָר. ער האָט
אויך אַרויסגעגעבען אויף יודיש אַ רײה
לערנביכער פאַר אַריטמעטיק, ליטעראַ=
טור=כרעסטאָמאַטיע, ווי אויך קינדער=
ביכלעך. זײַנע זאַמלונגען פון יודישען
פאָלקלאָר זענען: „בײם קוואַל" (צוויי
בענדער, ערשינען ווילנא 1920 און
1923), אַ זאַמלונג פון שפּריכווערטער,
רעדענס = אַרטען וכדומה; „יודישע
פאָלקס=רעטענישען" (יאָהר 1921); „יי=
דישע פאָלקס=מעשיות און לעגענדעס"
(1925).

ביבליאָגראַפיע; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

## באָסניען

אַ לאַנד אין זיד=אייראָפּאַ, וואָס האָט געהערט אין די
לעצטע יאָהרהונדערטער צו טערקיי,
נאַכהער צו עסטרייך און פון יאָהר 1918
צו יוגאָסלאַוויען. יודען וואוינען אין
באָסניען שוין זייט דעם 16=טען יאָהר=
הונדערט, ספּעציעל אין דער הויפּט=
שטאָדט סאַראָיעוואָ, וואו עס איז אין
17=טען יאָהרהונדערט געווען רב רבי
צבי אשכנזי, מחבר פון „חכם צבי".
מען שאַצט איצט די צאָהל יודישע
איינוואוינער אין באָסניען אויף 14.000
נפשות, וועלכע בעשטעהען אַממייסטען
פון ספרדים. עס ערשיינען דאָרט אויף
סערביש צוויי יודישע צייטשריפטען.

ביבליאָגראַפיע: יודיש=דײַטשע ענצי=
קלאָפּעדיע; ראזאנעס, „דברי ימי ישראל
בתוגרמה".

**באסעווי** א בעקאנטע יודישע אדעל־פאמיליע אין פראג אין 17־טען יאהרהונדערט. דער בעקאנטסטער מיטגליד איז געוועזן יעקב באסעווי פאן טרויענבערג, וועלכער איז געוועזן דער ערשטער יוד אין עסטרייך, וואס האט בעקומען דעם אדעל־טיטול. ער איז געבוירען אין יאהר 1570 און געשטארבען 1634. ער איז געוועזן דער הויף־יוד פון קייזער רודאלף דעם 2־טען. ער האט פיעל מיטגעווירקט צו שיצען די יודען אין עסטרייך אין דער צייט פון 30־יעהריגען קריעג, און האט געהאלפען רבי יום טוב ליפמאן, דעם מחבר פון תוספות יום טוב, ווען מען האט איהם ארעסטירט צוליעב א מסירה.

ביבליאגראפיע: גרעץ „געשיכטע”; באטא, „די יודען אין אלטען וויען” (דייטש).

**באק** (אויך ב"ק), בעקאנטע יודישע פאמיליע אין איטאליען, בעהמען, פוילען און אויך אין ארץ־ישראל; איהרע מיטגלידער האבען זיך מייסטענס בעשעפטיגט מיט דרוקעריי. דער נאמען ב"ק זאל זיין די ראשי תבות פון „בני קדושים”, און די פאמיליע שטאמט פון איינעם, וואס איז אומגעקומען אויף קידוש השם. אין רוסלאנד איז צום סוף פון 19־טען און אנהויב 20־טען יאהרהונדערט געוועזן בעקאנט יוליאן באק (1861 — 1903), בעריהמטער זשורנאליסט, גרינדער פון דער ליבעראלער צייטונג „ריעטש”, געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער ליבעראלער רוסישער פארטיי „קאדעטען”.

**באקסט** בעקאנטע יודישע פאמיליע אין רוסלאנד. לעא באקסט (1868 — 1924) איז געוועזן א בעריהמטער מאלער. ניקאליי (נח) באקסט (1842 — 1904) איז געוועזן א בעריהמטער פיזיאלאג און שריפטשטעלער אין כלל־טהוער. די רוסישע רעגירונג האט איהם בעשטימט אין דער „קאמיסיע צו בעטראכטען די יודען־געזעצען”; באקסט האט געהאלפען גרינדען די געזעלשאפט „ארט”, און זיין אפאלאגעטיש ווערק אין רוסיש „רוסישע מענשען וועגען יודען” האט געהאט א גרויסע בעדייטונג.

**באראכאוו בער** (1881—1917) בעריהמטער יודישער ארבייטער־פיהרער, גרינדער פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי פועלי־ציון, פארשער פון יודישער פילאלאגיע און אלט־יודישער ליטעראטור, וועמענס איינפלוס אין דער יודישער ארבייטער־וועלט איז זעהר גרויס. באראכאוו איז געבוירען געווארען אין רוסלאנד (פאלטאווער גובערניע) אין יאהר 1881; זיין פאטער, משה, איז געוועזן א העברעאישער לעהרער און א אנהענגער פון דער חיבת ציון־בעוועגונג און ער האט אין זיין זוהן איינגעפלאנצט די ליעבע צו ציון. באראכאוו האט געלערענט אין א רוסישער גימנאזיע, וועלכע ער האט געענדיגט אין יאהר 1900, און דערביי האט ער פאר זיך שטודירט אלטע שפראכען (אויך סאנסקריט), פילאזאפיע. שוין אין יאהר 1903 איז באראכאוו צוגעשטאנען צו ביידע בעוועגונגען, וואס האבען דעמאלס עקזיסטירט אין דער יודיש־רוסישער וועלט, צום ציוניזם און סאציאליזם, און שוין דעמאלס האט באראכאוו זיך ארומגעטראגען מיט דעם געדאנק צו פעראייניגען די ביידע בעוועגונגען און שאפען זייער אידעאלאגישע סינטעזע. דעם שפעטערדיגען פראגראם פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער ארבייטער־

פּאַרטיי „פּועלי־ציון". אין יענער צייט האָט באָראָכאָוו געשריבען אַ סעריע אַרטיקלען אויף רוסיש (יודיש שרייבען האָט באָראָכאָוו זיך אויסגעלערנט ערשט שפּעטער, אַלט־זייענדיג 26 יאָהר) וועגען ציוניזם און יודישער אַרבייטערשאַפט, און אין יאָהר 1906 האָט ער צוזאַמען מיט אַ רייה אַנדערע חברים צונויפגערופען אין פּאָלטאַווא דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָהר פון דער פעראייניגטער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. פון דעמאָלט אָן איז באָראָכאָוו געשטאַנען אין שפּיץ פון פּועלי־ציון, וועגען וועלכער ער האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייה שריפטען אין רוסיש און יודיש. אין יאָהר 1907 האָט ער זיך בעזעצט אין וויען אַלס סעקרעטאַר פון אַלוועלטליכען פערבאַנד פון פּועלי־ציון. אין וויען האָט ער זיך אויך אָבגעגעבען מיט פאָרשען די יודישע שפּראַך די אַלט־יודישע ליטעראַטור און יודישע פילאָלאָגיע, און אַלס רעזולטאַט פון זיינע אַרבייטען איז ערשינען זיין שטודיום אין ווילנער „פּנקס" (יאָהר 1913) „די ביבליאָטעק פון'ם יודישען פילאָלאָג", וואָס האָט אַ גרויסען ווערטה פאַר יודישיסטיק־פאָרשער; אין זעלבען „פּנקס" איז באָראָכאָוו אויך אַרויסגעטרעטען מיט אָנווייזונגען וועגען רעפאָרמירען די אָרטאָגראַפיע פון דער יודישער שפּראַך. נאָכ'ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז באָראָכאָוו אוועק קיין אַמעריקאַ, וואו ער האָט אָנגעפיהרט מיט דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, און אויך מיטגעווירקט צו דער שאַפונג פון יודיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס; דאָרט האָט ער אויך געשריבען פיעל אַרטיקלען וועגען פּאַרטיי־אידעאָלאָגישע פראַגען און האָט אויך געזאַמעלט מאַטעריאַלען פאַר אַ געשיכטע פון דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין יאָהר 1917, איז באָראָכאָוו אוועק קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט ווידער אָרגאַניזירט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי. אין ענדע פון יאָהר 1917 (4־טען דעצעמבער) איז באָראָכאָוו געשטאָרבען אין קיעוו פון אַ בלוט־פערגיפטונג אין די לונגען. — וועגען באָראָכאָוו'ס אידעאָלאָגיע פון פּועלי־ציוניזם (באָראָכאָוויזם) וועלען מיר געבען ביים שטיך־וואָרט „פּועלי־ציון". עס זענען פאַרהאַן וועגען דעם מיינונגס־פערשידענהייטען ביי די פיהרער פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטייען זעלבסט. דער אָנדענקען פון באָראָכאָוו ביי דער ציוניסטישער אַרבייטערשאַפט איז אַזוי גרויס, אַז אין פיעל שטעדט זענען געגרינדעט געוואָרען „באָראָכאָוו"־היימען, און אין ארץ־ישראל ביי תל־אביב איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלע גאַרטען־שטאָדט־קאָלאָניע מיט'ן נאָמען „שכונת בורוכוב". פיעל פון באָראָכאָוו'ס אַרטיקלען אויף יודיש זענען ערשינען אין געזאַמעלטע שריפטען („פּועלי ציון־שריפטען", ניו־יאָרק 1920 מיט ביאָגראַפישע נאָטיצען פון וויאָהלנער) און אויך איינצעלנע ביכער און בראָשורען.

ביבליאָגראַפיע: די דערמאָהנטע נאָטיצען פון וואָהלינער צו די שריפטען פון באָראָכאָוו ניו־יאָרק 1920; „צום אנדענק פון באָראָכאָוו". „קיעוו 1918; רייזען, לעקסיקאָן (1926), וואו עס איז פאַרהאַן אַ רשימה פון באָראָכאָוו'ס אַרטיקלען.

## באַראַנאָוו מ. (1864 — 1924),

פּסיידאָנים פון משה גאָרמידאָר, בעריהמטער יודישער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער. געבוירען אין רוסלאַנד האָט באַראַנאָוו דורכגעמאַכט זיין שטודיום אין רוסלאַנד, נאָכהער אין פּאַריז, פערנומען אַ אָנגעזעהע־

נע שטעלונג אין דער יודישער ארבייטער־בעוועגונג. אין יאהר 1895 איז ער אוועק קיין אמעריקא און דארט איז ער שפעטער געווארען א שטענדיגער מיטארבייטער פון „פארווערטס". באראנאוו איז געוועזן זעהר בעליעבט אין די יודישע ארבייטער־קרייזען, אויף וועלכע ער האט געהאט א גרויסען איינפלוס. ער איז געווען א שארפער געגנער פון באלשעוויזם. זיינע ארבייטען זענען פערצייכענט אין רייזענס לעקסיקאן (יאהר 1926).

**בארד** אין דער יודישער רעליגיעזער וועלט האט די בארד („זקן" אויף העברעאיש) געהאט א זעהר גרויסע בעדייטונג שוין זייט די אלטע צייטען. אין חומש ויקרא י"ט איז פארהאן דער פערבאט נישט אראבצונעהמען די בארד („ולא תשחית את פאת זקנך"); אין דעם ספר שמואל ב' י' ווערט דערצעהלט, ווי דאס אראבנעהמען די בארד איז ביי די יודען אין יענער צייט פערעכענט געוועזן פאר א גרויסע שאנד. אין דער משנה (מכות פ"ג) געפינען מיר די ערקלערונג, אז מען טאר נישט אראבנעהמען די בארד נאר מיט א ראזיר־מעסער („תער") אבער אבשערען די בארד מעג מען יא. פון ירושלמי (ראש השנה פרק א') איז צו זעהן, אז אין דער צייט פון דער גמרא פלעגען יודען זיך יא שערען די בערד. אין דער קבלה ווערט די בארד אנגערופען די „דקנא דקדישא" („די הייליגע בארד") און אין די קרייזען פון מקובלים און חסידות ווערט יעדע האהר פון דער בארד בעטראכט אלס הייליג, אז נישט נאר מען איז נזהר איהר נישט אבצושערען, נאר אפילו ווען א האהר ווערט ארויסגעריסען, לייגט מען איהר אריין אין א ספר. די בארד ווערט בעטראכט ביים פאלק אלס אזוי הייליג, אז עס איז פארהאן זאגאר די שבועה: „ביי בארד און פיאות".

ביבליאגראפיע: אוצר ישראל (שטיך־ווארט „זקן"); בערענשטיין און אין „שפריכווערטער" ביים ווארט „בארד" ברענגט א גאנצע רייהע פאלקס־ווערטלעך וועגען בארד; יודיש־דייטשע ענציקלאפעדיע.

**בארטה יעקב** (1851 — 1914), בעריהמטער יודיש־דייטשער געלעהרטער אריענטאליסט, וועמענס ווערק אין דייטש איבער דער בילדונג פון דער העברעאישער שפראך און אנדערע סעמיטישע שפראכען ווערען גערעכענט פאר גרונד־לעגענדע און פון הויכען וויסענשאפטליכע ווערטה. בארטה איז געוועזן פראפעסאר פון בערלינער ראבינער־סעמינאר און אוניווערסיטעט. ער איז געוועזן א שטרענג ארטאדאקסישער יוד. — זיין זוהן לאצארוס בארטה איז היינט איינער פון די פיהרער פון דער ציוניסטיש־ארטאדאקסישער מזרחי־פארטיי אין דייטשלאנד; אין ענדע ווינטער 1933, נאך דעם אויסברוך פון די היטלער־פערפאלגונגען אויף יודען אין דייטשלאנד, איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל.

**בארנשטיין חיים** (1846—1927) בעריהמטער יודישער געלעהרטער אין פוילען, ספעציעל אויפ'ן געביעט פון דער געשיכטע פון יודישער כראנאלאגיע. בארנשטיין האט געוואוינט אין ווארשא, וואו ער איז געוועזן דירעקטאר פון דער סינאגאגע אויף טלאמאצקע. זיינע וויסענשאפטליכע ארבייטען אויפ'ן געביעט פון יודישער כראנאלאגיע, זענען געוועזן געדרוקט אין די זאמעל־ביכער „התקופה". א אינטערעסאנטע שילדע־

רונג פון באַרנשטיין האָט געגעבן סאָקאָלאָוו אין התקופה יאָהר 1927.

**באר שבע** אַלטע שטאָדט אין ארץ-ישראל אויף דער דרום-גרעניץ פון לאַנד; זי ווערט דערמאָהנט אין חומש בראשית כ"א אין דער צייט פון אברהם אבינו. באר שבע האָט זיך גערעכענט פאַר די ענדע פון ארץ-ישראל אין דרום, און אין תנ"ך געפינט מען דעם אויסדרוק „מדן ועד באר שבע" אַלס די בעצייכנונג פון צפון ביז דרום (שמואל ב' י"ז). היינט איז עס אַ אַראַבישע שטאָדט אין נגב פון ארץ-ישראל; יודען געפינען זיך דאָרט גאַרנישט. קיין באר שבע איז געצויגען אַ באַהן-ליניע. אָבער די צוגען געהען אַהין נאָר 2 מאָל וועכענטליך.

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל ושכנותיה"; ספיר „הארץ"; אוצר ישראל („באר שבע").

**בבא בן בוטא** דער נאָמען פון אַ תנא, אַ תלמיד פון די בית שמאי, וואָס האָט געלעבט אין ארץ-ישראל אין דער צייט פון הורדוס המלך (ערשטע יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). אין דער גמרא בבא בתרא ד' ווערט דערצעהלט, אַז הורדוס המלך האָט אַלע יודישע חכמים געטויט נאָר בבא בן בוטא האָט ער געלאָזט לעבען און איהם אויסגעשטאָכען די אויגען; נאָכהער האָט איהם הורדוס געפרעגט, וואָס ער זאָל טהון, כדי מען זאָל איהם פערגעבען די זינד, האָט איהם בבא געראַטען, אַז ער זאָל איהם איבערבויען דאָס בית המקדש. אין נדרים ס"ו ווערט וועגען בבא בן בוטא דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער עניו און גוטמוטיגער מענש.

ביבליאָגראַפיע: פראַנקעל, „דרכי המשנה"; דור דור ודורשיו פון וויס; יעבץ, „תולדות ישראל", וועלכער וויל פערבינדען די מעשה אין דער גמרא מיט אַ געוויסער שטעלע ביי פלאַוויוס.

**בבא-בוך** אַ בעריהמטער ראָמאַן אין דער אַלט-יודישער שפּראַך, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער און פאַנטאַסטיש, אַז דערפון שטאַמט די בעצייכנונג אין יודיש „בבא-מעשה" פאַר יעדע פאַנטאַסטישע ערצעהלונג. וועגען דעם בוך זעלבסט געבען מיר ביים שטיך-וואָרט פון זיין מחבר „בחור, אליהו".

**בבות** הערמיט ווערען בעצייכענט די דריי מסכתות אין דער גמרא פון סדר נזיקין, וואָס הייסען „בבא קמא", בבא מציעא", בבא בתרא". דאָס וואָרט בבא איז אַראַמעאיש און איז דער טייטש „דער טויער". „בבא קמא" איז דער טייטש דער „ערשטער טויער", „בבא מציעא" — דער „מיטעלסטער טויער" און „בבא בתרא" — דער „לעצטער טויער". ווי עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא בבא קמא ק"ב, זענען די אַלע דריי מסכתות געווען איין מסכתא, וואָס האָט געהייסען „נזיקין" („כולה נזיקין חדא מסכתא היא") נאָר צוליעב איהר גרויס האָט מען איהר צוטיילט אין דריי טיילען. אין די „בבות" ווערען בעהאַנדעלט יורידישע פראַגען פון דיני ממנות, געלד-סכסוכים, צווישען איין מענש און דעם צווייטען.

**בבל** (באַבילאָניען), דער נאָמען פון בעריהמטען לאַנד אין אזיען, אויף דעם טייך פרת, וואָס איז געווען איינע פון די גרעסטע אימפעריעס אין די צייטען פון תנ"ך, און האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער יודישער גע-

שיכטע. אויך די הויפּט־שטאָדט פון דאָזיגען לאַנד האָט געהייסען בבל און איז געלעגען אויף דעם ברעג פון פּרת. דער נאָמען בבל ווערט געבראַכט שוין **אין די אַלטע אסיריש־באַבילאָנישע** קייל־שריפטען, דאָרט הייסט ער „באַב־אילו", דאָס הייסט, דער טויער פון גאָט. אין חומש בראשית י"א ווערט דערצעהלט דער בעקאַנטער סיפור וועגען דעם טורם („מגדל בבל"), וואָס די איינוואוינער אין יענער געגענד האָבען געוואָלט אויפבויען, כדי ארויפצוגעהן אויף איהם אין הימעל אריין, אָבער גאָט האָט פערמישט זייער שפּראַך, און דעריבער האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען יענער שטאָדט בבל פון וואָרט „בלל" („פערמישען"). אין בראשית י' ווערט געבראַכט וועגען נמרוד, אַז ער האָט געהערשט איבער בבל. יעדענפאַלס איז בבל געווען אַ אימפּעריע שוין מעהר ווי צוויי טויזענד יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. און עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז אַבוואָהל די שפּעטערדיגע בבל־שפּראַך איז געווען אַ סעמיטישע, זענען די ערשטע איינוואוינער בעשטאַנען פון אַ נישט־סעמיטיש פאָלק, סומערער („שמיר" פון תנ"ך). בבל האָט געהאַט אַ הויכע קולטור און ציוויליזאַציע, און האָט כסדר ריוואַליזירט מיט דער ציוויליזאַציע און פּאָליטישער מאַכט פון איהר שכנות־לאַנד אשור. די גאַנצע וויסענשאַפטליכע פאָרשונג פון יענער קולטור, פון וועלכער עס זענען פערבליבען געשריבענע ביכער אויף טאָוולען, די אַזוי־גערופענע „קייל־שריפטען", ווערט אָנגערופען „אסיריאָלאָגיע" און מיר געבען וועגען איהר ברייטער ביים שטיך־וואָרט „אשור". דאָרט געבען מיר אויך וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער אַלטער אסיריש־באַבילאָנישער קולטור, גלויבונגען פון איין זייט און דער אַלטער יודישער רעליגיע און קולטור פון דער צווייטער זייט. דאָ וועלען מיר געבען וועגען דער שפּעטערדיגער בעדייטונג פון בבל אין דער יודישער געשיכטע און קולטור.

די יודישע וועלט איז געקומען אין פּאָליטישער בעריהרונג מיט בבל אונגעפעהר אין דער צייט פון גרויסען באַבילאָנישען קעניג נבוכדנאצר (אין 7־טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), וועלכער האָט איינגענומען גאַנץ ארץ־ישראל, פערברענט דאָס ערשטע בית־המקדש און אַ גרויסען טייל יודען אוועקגעפיהרט אין גלות קיין בבל; פון דעמאָלס אָן איז דאָס יודענטום פערבונדען מיט בבל לערך 1500 יאָהר, און בבל איז געוואָרען, נאָך ארץ־ישראל, דער גרעסטער יודישער צענטר. אין יענער צייט פון נבוכדנאצר איז בבל, און איהר הויפּט־שטאָדט, וואָס האָט אויך געהייסען בבל, זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון אויפבליהונג. בבל האָט בעהערשט כמעט גאַנץ פאָדער־אזיען. די הויפּט־שטאָדט איז געווען די רייכסטע און פעסט געבויטסטע אין דער וועלט. אין ישעיה י"ג, ווען דער נביא זאָגט אָן די מפּלה פון דאָזיגען לאַנד, רופט ער אָן בבל: „צבי ממלכות תפארת גאון כשדים", („דאָס שענסטע פון די לענדער, די שעהנקייט פון דעם שטאָלץ פון די באַבילאָניער"). אין ירמיה נ"א ווערט אויך גערעדט וועגען דער „חומת בבל הרחבה", דער ברייטער מויער פון בבל. אין דניאל ד' ווערט וועגען „בבל רבתא" גערעדט מיט בעוואונדערונג. דאָרט אַהין זענען אָנגעקומען אַ גרויסער טייל יודען פון ארץ־ישראל, און ווי דער נביא ירמיה האָט זיי אָנגעזאָגט,

(ירמיה כ"ט) האָבן זיי גענומען דאָרט פלאַנצן גערטנער, בויען הייזער, האַלטענדיג דאָס לאַנד אַלס אַ ניי היימאַטלאַנד. אַפילו נאָכדעם, ווי בבל איז איינגענומען געוואָרן (אין 6=טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) דורך כורש מלך פרס, וועלכער האָט ערלויבט די יודען צוריקצוגעהן קיין ארץ=ישראל און בויען דאָס בית=המקדש, זענען נישט אַלע יודען צוריקגעגאַנגען, אַ גרויסער טייל יודען זענען פערבליבן אין בבל און ווייטער דאָרט געפיהרט זייער אייגנאַרטיג אינערליך לעבן. אין בבל זענען געווען אייגענע יודישע נביאים; דאָס גאַנצע ספר יחזקאל איז געשריבן געוואָרן אין בבל, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז אויך דאָס ספר איוב שטאַמט פון בבל. עס איז קיין ספק נישט, אַז די יודען האָבן דעמאָלס איבערגענומען אַ סך זאַכען פון דער באַבילאָנישער קולטור, און דער ירושלמי זאָגט, אַז די נעמען פון די חדשים האָבן די יודען איבערגענומען פון די באַבילאָנער. (וועגן דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג ארום דעם פראָבלעם פון „באַבעל און ביבעל", וועגן דעם איינפלוס פון דער בבל=קולטור אויף די סיפורים אין תנ"ך געפינען מיר ביים שטיך=וואָרט „אשור").

וועגן דעם, וואָס איז געשעהן מיט די יודען אין בבל באַלד אין די ערשטע צייטען פון 2=טען בית=המקדש, נאָך דעם, ווי אַ טייל פון די בבלישע יודען האָבן זיך בעזעצט צוריק אין ארץ=ישראל, איז נישט בעוואוסט. מיר האָבן וועגן דעם קיין שום פריהערדיגע קוועלען=ידיעות. עס ווייזט אָבער אויס, אַז ביי די יודען אין בבל איז געפיהרט געוואָרן פון די גאַר אַלטע צייטען אַ סאָרט היסטאָרישע כראָניק, וואָס האָט געהייסן אויף אַראַמעאיש „שלשולתא דקבלא" („די קייט פון טראַדיציע"), וועלכע ווערט געבראַכט אין בעקאַנטען בריעף צו מר שאול דעם ריש גלות אין באַגדאַד, פערעפענטליכט צוזאַמען מיט'ן ספר אלדד הדני, (פאַריז 1828), דאָרט ווערט דערצעהלט, אַז די יודען אין בבל האָבען זיך געבויט אַ שוהל אין דער שטאָדט נהרדעא פון די בית=המקדש=שטיינער, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט, און די שוהל האָט דעריבער געהייסען „שף ויתיב", דאָס הייסט „אַרויסגענומען געזעצט" (די דאָזיגע שוהל ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא), און די יודען האָבען בעקומען אין בבל אַ אייגענע פערוואַלטונג מיט אַ „ריש גלותא" („דער קאָפּ פון גלות") אין דער שפּיץ. דער ערשטער „ריש גלותא", ווערט דערצעהלט אין בעקאַנטען „סדר עולם זוטא", איז געווען דער פערטריבענער יודישער קעניג יכניה, און דערנאָך גיעט איבער דער בריעף די נעמען פון אַלע ווייטערדיגע ריש גלותא'ס, וואָס האָבען אַלע געשטאַמט פון יכניה און אַזוי אַרום פון דער קעניגליכער דינאַסטיע פון דוד המלך („מלכות בית דוד").

עס איז שווער צו זאָגען עטוואָס זיכערעס וועגען דעם יודישען לעבען אין בבל אין יענע צייטען. אָבער עס ווייזט אויס, אַז די יודען אין בבל האָבען אין פערלויף פון דער גאַנצער צייט פון צווייטען בית=המקדש און אויך אַ געוויסע צייט שפּעטער ווירקליך געפיהרט אַ אייגען ענטוויקעלט יודיש לעבען, האָבענדיג אַ ברייטער אויטאָנאָמיע מיט אַ ריש גלותא אין דער שפּיץ, און וואַהרשיינליך האָבען זיי שוין דעמאָלס געהאַט זייערע גוט ענטוויקעלטע „מתיבתות" (ישיבות), וואָס האָבען פערשפּרייט דעם לימוד התורה. די דאָ=

זיגע ידיעה וועגען דעם ענטוויקעלטען יודישען לעבען אין בבל שוין אין די פריהעריגע צייטען, געפינען מיר אויך אין דעם בעקאנטען היסטארישען „אגרת דרב שרירא גאון" (בריעף פון רב שרירא). עס ווייזט אויך אויס, אז דער הויפּט=צענטער פון יודישען ישוב אין בבל אין יענע צייטען פון 2=טען בית=המקדש איז געווען די שטאדט נהרדעא, וואו די יודען האבען אין טייל צייטען דערגרייכט א געוויסע אונאבהענגיגקייט אויך אין פּאליטישען לעבען. דער יודישער היסטאריקער פלאוויוס אין זיין „אלטערטימער" 18,9 בעשרייבט די דאזיגע שטאדט אין דער צייט פון 1=טען יאהרהונדערט נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג. ער זאגט, אז נהרדעא האט א סך יודישע איינוואוינער, איהרע פעלדער זענען זעהר פרוכטבאר און נעבען איהר פליסט דער טייך פרת און זי איז ארומגערינגעלט דורך א שטארקע פעסטונגס=מויער, אזוי, אז זי איז זיכער געגען אן'אנפאל פון א שונא. אין דער דאזיגער שטאדט האבען די יודען פון בבל געמאכט זייער צענטער, וואו זיי האבען געהאלטען די געלדער, וועלכע זיי האבען געשיקט פאר דעם בית=המקדש קיין ירושלים. פלאוויוס דערצעהלט דארט, ווי אין דער דאזיגער שטאדט נהרדעא האבען געוואוינט צוויי יודישע ברידער אזינעאום און אנילעאוס (וואהרשיינליך זענען עס די נעמען „חסינאי" און „חנילאי", איינער פון די צוויי נעמען, חנילאי, ווערט דערמאהנט אין דער גמרא נדה מ"ג), גרויסע העלדען, און זיי זענען געווארען די מיליטער=פיהרער פון בבלישען קעניג, און א געוויסע צייט האבען זיי זאגאר געהערשט זעלבסטשטענדיג איבער טייל לאנדעס=טיילען פון בבל. עס איז אויך זיכער, אז דער

לימוד התורה אין בבל איז שוין געווען ענטוויקעלט פון די פריהערדיגע צייטען אן. א חוץ וואס מיר געפינען וועגען דעם אין די טראדיציעס, וואס האבען זיך דערהאלטען אין שפּעטערדיגע דאקומענטען („אגרת דרב שרירא גאון און אנדערע) ווערט אויך אין דער גמרא דערצעהלט, אז אין דער צווייטער העלפט פון בית שני „נשתכחה תורה מישראל ועלה הלל מבבל ויסדה" („די תורה איז פערגעסען געווארען נאר הלל איז געקומען פון בבל און ער האט איהר צוריק געגרינדעט"). דעמאלס האט בבל ארויסגעגעבען אזא גרויסע פּערזענליכקייט, ווי הלל הזקן, וואס איז געווארען דער פיהרער פון ארץ=ישראל=יודענטום. אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש זענען געווען מאמענטען, ווען די ארץ=ישראל=יודען זענען געווארען פערפאלגט (די מלחמות צווישען הורקנוס און אריסטובלוס און אנדערע) זענען א סך ארץ=ישראל=יודען אנטלאפען קיין בבל (אויך הורקנוס אליין איז אוועק קיין בבל). די משנה אין יומא דף ס"ו דערצעהלט, אז יודען פון בבל פלעגען קומען אויף יום=כיפור קיין ארץ=ישראל אין בית=המקדש. פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז די בעציהונגען פון די יודען אין די ביידע לענדער זענען געווען זעהר נאהנטע. פון דער משנה אין קידושין פרק ד' און אין דער גמרא דארט איז צו זעהן, אז די בבלישע יודען האבען געפיהרט א שטרענגע קאנטראל איבער זייער ראסען=ריינקייט, נישט אויסצומישען זיך דורך הייראטען מיט אנדערע פעלקער, אזוי ווייט, אז מען האט געהאלטען די בבלישע יודען פאר מעהר מיוחסים פון די יודען אין ארץ=ישראל (וועגען דעם, אז אין בבל איז שוין אין די גאר ערשטע צייטען געווען ענטוויקעלט ביי יודען דער

לימוד התורה האָט אָנגעשריבען אַ
גרינדליכע אָבהאַנדלונג הלוי אין „דורות
הראשונים", צווייטער באַנד, ערשטער
העפט אין קאַפּיטעל „בבל וארץ־
ישראל").

מעהר ידיעות וועגען די יודען אין
בבל און זייער לעבען האָבען מיר פון די
צייטען נאָכ'ן חורבן בית שני, און בע־
זונדערס פון דער צייט פון דער גמרא
(לערך אָנהויבענדיג פון 3־טען יאָהר־
הונדערט נאָך דער קריסטליכער צייט־
רעכנונג), וועגען דעם דאָזיגען לעבען
האָבען מיר אין דער גאַנצער גמרא בבלי.
מיר זעהען, אַז דעמאָלס, נאָך די גרויסע
פּאָליטישע אומגליקען אויפ'ן יודישען
פאָלק אין ארץ־ישראל, נאָך דעם בר־
כוכבא־אויפשטאַנד און די גזירות פון
רוימישען קייזער אדרינוס זענען זעהר
פיעל יודען ענטלאָפען קיין בבל, און דער
צענטער פון יודישען לעבען האָט זיך בים־
לעכווייז איבערגעטראָגען פון ארץ־ישראל
קיין בבל. אין בבל איז ענטשטאַנען אין
פערלויף פון עטליכע יאָהרהונדערט דאָס
גרויסע ווערק פון יודענטום, די גמרא
בבלי, וואָס נעהמט אַרום דאָס לעבען און
טעטיגקייט און לעהרען פון די בעדייו־
טענדסטע יודישע פיהרער, די אמוראים
פון בבל. אין בבל זענען דעמאָלס געווען
די גרעסטע ישיבות פון יודענטום (צו־
ערשט אין די שטעדט נציבין און נהר־
דעא, דערנאָך אין פומבדיתא און סורא).
אין בבל האָט דער ריש גלותא ווירקליך
אָנגעפיהרט זעלבסטשטענדיג מיט די
יודען, געהאַט ברייטע פּאָליטישע רעכט,
און די יודען האָבען זיך געפיהרט לויט
אייגענע געזעצען, געהאַט אייגענע ריכ־
טער און איבערהויפּט אַ ברייטע אויטאָ־
נאָמיע, און זיי האָבען דעם פּערסישען
קעניג פון בבל געדאַרפט צאָהלען נור אַ
געוויסען שטייער. פון פיעל ערטער אין
דער גמרא קאָן מען אויפשטעלען אַ גע־
נוי לעבענס־בילד פון די דאָרטיגע יודען
אין יענער צייט, זייער בעשעפטיגונג,
מנהגים, לעבענס־אַרט. אַ גוטע אָבהאַנד־
לונג וועגען דעם האָט געשריבען געצאָוו
אין זיין ספר „על נהרות בבל", וואו ער
האָט צונויפגענומען די אַלע שטעלען
פון דער גמרא. מיר ווילען דאָ געבען די
הויפּט־שטריכען. אין דער גמרא ברכות
ל"ה און אויך פיעל אַנדערע גמרא־
ערטער איז צו זעהן, אַז טייל יודען אין
בבל האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד־
אַרבייט, סיי אויף זייערע אייגענע פעל־
דער, סיי אויף פעלדער, וואָס זיי האָ־
בען גענומען אין אַרענדע ביי אַנדערע.
דערפון זענען פאַרהאַן זעהר אָפט אין
דער גמרא די פערשידענע פּראַקטישע
יורידישע הלכה־פראַגען וועגען פעלדער
און בעלי חובות, וואָס ווילען די פעל־
דער צונעהמען, חזקה וכדומה (אין די
גמרות בבא קמא, בבא מציעא און בבא
בתרא, ספעציעל דעם 3־טען פרק „חזקת
הבתים"). אפילו די תלמידים, וואָס האָ־
בען געלערנט אין די ישיבות, האָבען
אויך געאַרבייט אויף די פעלדער, און
דער אמורא רבא האָט געזאָגט צו זיינע
תלמידים, אַז זיי זאָלען נישט קומען צו
איהם לערנען אין די מאָנאַטען ניסן און
תשרי, ווייל דעמאָלס דאַרפען זיי צו־
העלפען זעיערע שטוב־מענשען אין דער
פעלדער־בעאַרבייטונג. זיי האָבען זיך
אויך בעשעפטיגט מיט פיה־ציכט (בבא
מציעא צ"ד, סוכה מ"ז, חולין פ') און
אויך מיט מסחר, מלאכה, פערשידענע
פאַכען, וואָס ווערען זעהר פיעל דער־
מאַהנט אין דער גמרא; טייל יודען האָ־
בען אויך זיך פערדינגען אין מיליטער
(סנהדרין צ"ז, בבא בתרא קמ"ד). אין
דער גמרא גטין פ"א, בבא בתרא כ"ט,
שבת קנ"א ווערט געבראַכט, אַז עס זע־

נעז געווען צווישען די בבלישע יודען אויך רייכע מענשען, אַבוואָהל אים אַלגעמיין האָט בבל געגאָלטען אַלס אַ לאַנד פון אָרעמקייט (תשעה קבין עניות נטלה בבל'', קידושין מ''ט). די שפּראַך, וואָס יודען האָבען גערעדט אין בבל איז געווען אַראַמעאיש (סוטה מ''ט), וואָס האָט זיך אונטערשיידעט שטאַרק פון דעם סיריש־אַראַמעאישען, וועלכען מען האָט דעמאָלס גערעדט אין ארץ־ישראל (,,לשון סורסי''). אין דער דאָזיגער שפּראַך איז פערפאַסט דער גרעסטער טייל פון דער גמרא בבלי און אויך פון די שפּעטערדיגע גאונים תשובות. די יודען אין בבל האָבען אויך געהאַט פערשידענע מנהגים גאַנץ אַנדערע פון די ארץ־ישראל־מנהגים, און די גמרא אונטערשיידעט זיי מיט דעם אויסדרוק ,,הא לן והא להו'' (,,אזוי זענען מיר, די בבליים, זיך נוהג, און אַנדערש זענען זיך נוהג זיי, אין ארץ־ישראל''). די דאָזיגע בעזונדערע מנהגים ווערען געבראַכט אין ספר ,,ים של שלמה'', צום סוף בבא קמא, און אַ זאַמלונג פון זיי האָט צונויפגענומען און אָבגעדרוקט ד''ר יואל מילער אין ,,השחר'', 7־טער יאָהרגאַנג.

דער יודישער ישוב אין בבל האָט זיך געהאַלטען אַ לאַנגע צייט און איז געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע אויך נאָך דעם אָבשלוס פון דער בבלישער גמרא (,,חתימת התלמוד''), וואָס איז פאָרגעקומען אין 6־טען יאָהרהונדערט. דעמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען אין בבל די עפּאָכע פון די גרויסע ישיבות־פיהרער מיט די טיטולען ,,רבנן סבוראי'' און נאָכהער ,,גאונים'', וואָס האָט זיך געצויגען ביי 500 יאָהר. אויך פון יענער צייט האָבען מיר אין די פערשידענע ,,תשובות הגאונים'', די היסטאָרישע כראָניק ־ דאָקומענטען (,,אגרת דרב שרירא'' און אַנדערע) בילדער פון יודישען לעבענס־שטייגער אין בבל. אויך דעמאָלס האָבען די בבלישע יודען געפיהרט אַ אויטאָנאָמיש לעבען און בבל איז געוואָרען (צוליעב דעם גרויסען חורבן אין ארץ־ישראל) דער פּאַקטישער גייסטיגער צענטער פאַר'ן גאַנצען יודענטום אין דער וועלט. די ישיבות אין בבל מיט זייערע פיהרער די ,,גאונים'' און אויך דער וועלטליכער מנהיג פון בבל־יודענטום, דער ריש גלותא, זענען געווען די פאַקטישע פיהרער און אויטאָריטעטען פון גאַנצען וועלט־יודענטום. פון אַלע לענדער איז מען געקומען לערנען אין די בבל־ישיבות. פון בבל זענען אַרויסגעקומען די גרויסע לומדים, וואָס האָבען פערשפּרייט דעם לימוד התורה אין אַנדערע לענדער. אין יענער צייט האָבען די יודען פון בבל אויך געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָליע אין די מלחמות צווישען די פערסישע קעניגען (צו וועמען בבל האָט געהערט) און די רוימיש־ביזאַנטינישע קייסרים, און יודען האָבען זיך אויסגעצייכענט אַלס מיליטער־פיהרער און סאָלדאַטען אין די פערסישע אַרמעען. עס זענען זאָגאַר געווען פּרובען פון בבל־יודענטום צו מאַכען אויפשטאַנדען און אינגאַנצען בעפרייען דאָס יודישע פאָלק (די בוסתנאי־געשיכטע, די פערשידענע משיחים־בעוועגונגען פון אבו איסי איספאהאני, דוד אל־רואי און אַנדערע). אין בבל זענען דעמאָלס ענטשטאַנען אַ רייה יודישע רעליגיעזע סעקטען, וואָס האָבען געלייקענט די תורה שבעל פה, און צווישען זיי איז די גרעסטע געווען די סעקטע פון די קאַראַאימער (,,קראים'') מיט ענן אין דער שפּיץ. אין בבל איז דאָס גייסטיגע לעבען פון יודענטום אין יענער צייט געווען זעהר שטורמיש, אויפגע־

ברויזט. דאָס איז געשעהען בעזונדערס זינט דעם 7=טען יאָהרהונדערט, ווען די אַראַבער אונטער דער פיהרונג פון מאַכאַמעד האָבען פערשפּרייט די נייע רעליגיע אויף דער וועלט און איינגענומען פון איין זייט בבל און פּערסיען, אַזש ביז אינדיען, און פון דער צווייטער זייט פיעל מערב=לענדער פון ביזאַנטינישען קייזערטום. די בבלישע יודען האָבען זיך בעקענט מיט די פילאָזאָפישע ווערק (דורך די פערמיטלונג פון די סירישע שריפט=שטעלער) פון די אַלטע גריכען און אויך מיט די געדאַנקען און אידעען פון אינדיען, ווי אויך מיט די וויסענשאַפטען פון אַלטערטום. ביסלעכווייז האָבען די יודען אין בבל איבערגענומען די אַראַבישע שפּראַך, און זיי האָבען אין דער דאָזיגער שפּראַך געשריבען פיעל פילאָזאָפישע ווערק, וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונגען און אַ דאַנק די בבלישע יודען האָט זיך די וויסענשאַפט פערשפּרייט אויף דער וועלט. אַזעלכע יודיש = בבלישע פערזענליכקייטען, ווי רבי דוד אלמוקמץ, רב סעדיה גאון און אַנדערע זענען געווען די ערשטע אַריינפיהרער פון דער פילאָזאָפיע אין דער מיטעלאַלטערליכער יודישער וועלט.

אין דעם 11=טען און 12=טען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבען די ירידה פון יודענטום אין בבל. די סיבה דערפון איז שווער פעסטצושטעלען. מעגליך אַז דאָס איז געווען צוליעב די גרויסע פערוויסטונגס=מלחמות, וואָס זענען פון דעמאָלס אָן פאָרגעקומען אין די לענדער אַרום בבל, וואָס האָבען זיי בכלל חרוב געמאַכט; אויך האָבען די יודען אין בבל פון דעמאָלס אָן אָנגעהויבען צו ליידען גאָר גרויסע רדיפות. אויך פריהער זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט רדיפות אויף די בבלישע יודען, אָבער זיי האָבען נישט לאַנג געדויערט. יעדענפאַלס פון דעמאָלס אָן טראָגט זיך איבער דער יודישער צענטער פון בבל אין די לענדער פון אייראָפּא, ווי שפּאַניען, איטאַליען און דייטשלאַנד. וועגען דעם לעבען פון די בבלישע יודען אין די שפּעטערדיגע צייטען געבען מיר ביי די שטיך = ווערטער „מעסאָפּאָטאַמיען“ „פּערסיען“, „באַגדאַד“. איצט געפינט זיך בבל אין דעם טייל פון אַראַבישען קעניגרייך „עיראַק“. — וועגען אַ גאַנצער רייהע ענינים, וואָס זענען פערבונדען מיט בבל געבען מיר ברייטערע בעשרייבונגען אין בעזונדערע שטיךווערטער, למשל „גמרא“ (איבער דער גמרא בבלי), „גאונים“, „ריש גלותא“ די שטעדט „נהרדעא“, פומבדיתא, סורא, „קאַראַאימער“, ווי אויך ביי די נעמען פון די גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען אין בבל געווירקט.

ביבליאָגראַפיע: וועגען דעם אַלטען בבל פון די תנך=צייטען און איהר קולטור אין בעצוג צום תנ״ך איז ענטשטאַנען אַ ריזיגע ליטעראַטור; מיר גיבען וועגען איהר ביים שטיךוואָרט „אשור“; בילדער פון די אויסגראָבונגען אין בבל פון יענע צייטען זענען פאַרהאַן אין סאָלאָווייטשיק, „שכיות המקרא“; וועגען שפּעטערדיגען לעבען פון בבלישע יודען איז פאַרהאַן אין געצאָוו „על נהרות בבל“; דורות הראשונים״ חלק ב׳ („בבל וארץ=ישראל“) און חלק ג׳; גרעץ, געשיכטע (עפּאָכען פון דער גמרא און גאונים); פונק, „די יודען אין באַבילאָניען“ (דייטש, אויספיהרליך ווערק); „תשובות הגאונים“ אַרויסגעגעבען פון ד״ר לעווין אין תל=אביב; גינזבורג, „געאָניקא (ענגליש, איבער דער גאונים=עפּאָכע, אַ זעהר אויספיהרליך ווערק); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בֶּגֶד** אויף העברעאיש קלייד, מלבוש. וועגען דער קליידונג ביי יודען געבען מיר ביים שטיך=וואָרט

„קליידונג". אין דער יודישער שפּראַך ווערט בּענוצט דאָס וואָרט בגד אַלס אַ טייערע קליידונג, אויך „בגדי מלכות": דאָס וואָרט „בגדים" ווערט בּענוצט בּיים בּעצייכענען די תכריכים, וואָס מען טהוט אָן אַ טויטען אין קבר אריין.

**בַּדְחָן** אין דער יודישער שפּראַך ווערט מיט'ן וואָרט בּדחן אָנגערופען איינער, וואָס זיין אויפגאַבּע איז פרעהליך צו מאַכען דעם פערזאַמעלטען עולם אויף אַ סעודה, ספּעציעל אויף חתונות, און טיילמאָל אויך אויף בּרית'ן און אַנדערע סעודות (מען רופט איהם אויך „מאַרשעליק"). דער נאָמען שטאַמט פון אַראַמעאישען וואָרט „בּדח" — „פרעהען" (דער תרגום אויף דעם פּסוק תהלים ה' „ויעלצו בך", זעצט איבּער מיט „ויבדחון בך"). אין לשון רבים ווערט בּענוצט דאָס וואָרט „בּדחנים". אין דער גמרא געפינען מיר (תענית כ"ג), אַז עס זענען שוין דעמאָלס געווען אַזעלכע „אינשי בדוחי" („מענשען בּדחנים"), וואָס זייער אויפגאַבּע איז געווען אריינצובּרענגען מענשען אין אַ פרעהליכער שטימונג. אין בּרכות ל' ווערט געזאָגט, אַז די רבּנן פלעגען זיך מבדח־זיין אויף אַ חתונה. אין דער גמרא נדרים נ' ווערט דערצעהלט וועגען אמורא בר קפּרא, אַז ער האָט „מבדח"־געווען רבּי יהודה הנשיא אויף דער חתונה פון זיין זוהן. דאָ געפינען מיר דאָס ערשטע מאָל דעם אויסדרוק פון „מבדח"־זיין אויף אַ חתונה איז בּעצוגנג צו אַ פערזאָן, וואָס האָט פרעהליך געמאַכט דעם פערזאַמעלטען עולם דורך פערשידענע וויצען, רשי דאָרט אויפ'ן אָרט רופט אָן בּפירוש בּר קפּרא'ן מיט'ן נאָמען „בּדחן"; דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער דאָזיגער נאָמען ווערט אַזוי דערמאָהנט. אויף ווי ווייט עס זענען געווען אין מיטעלאַלטער ספּעציעלע „בּדחנים", אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַך פרעהליך צו מאַכען די פערזאַמעלטע געסט אויף חתונות, איז שווער פעסטצושטעלען. פון די פערשידענע שאלות ותשובות ספרים, וויסען מיר נאָר, אַז עס זענען געווען אַ סאָרט קונצען־מאַכער צוזאַמען מיט כלי־זמרים, וואָס האָבּען פערוויילט די חתונה־געסט, און זיי האָבּען זיך אויך פערשטעלט אין מאַסקעס. (וועגען דעם אי'ן דער „געשיכטע פון יודישען טעאַטער" פון ד"ר שיפּער, וואָס בּרענגט פערשידענע קוועלען איבּער די דאָזיגע אַמאָליגע יודישע „לצים"). עס ווייזט אויס, אַז די בּדחנים־אינסטיטוציע שטאַמט פון 15־טען און 16־טען יאָהרהונדערט פון דייטשלאַנד, און פון דאָרט האָט זיך עס אָנגענומען אין פּוילען, ליטא און אַלע אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואו בּדחנות איז געוואָרען אַ פאַך, און ספּעציעלע מענשען האָבּען זיך דערמיט בּעשעפטיגט.

דער בּדחן איז דער צערעמאָניאַל־מייסטער פון דער חתונה־פייערליכקייט. אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ער, אין שפּיץ פון דער קאַפּעליע כלי־זמרים רופט אויף דעם חתן אין דער חופּה־נאַכט צו בּעדעקענס, האַלט פאַר איהם אַ דרשה און „בּעזינגט" איהם, ער „בּעזינגט" אויך די כלה, און ער פיהרט דאָס יונגע פּאָר צו דער חופּה דער בּדחן נעהמט אויף מיט ספּעציעלע קבלת־פּנים־אויסרופען די מחותנים, די געסט. נאָך דער חופּה, בּיי דער חתונה־סעודה, מאַכט דער בּדחן צוזאַמען מיט די כלי־זמרים פרעהליך דעם עולם פערזאַמעלטע, זינגט פאַר זיי אין מוזיק־בּעגלייטונג פערשידענע לידער,

זאָגט וויצען, גאַנץ אָפט פערשטעלט ער זיך און פיהרט אויף קורצע פאַרשטעלונגען. טייל בדחנים זענען געווען בעריהמט אלס גרויסע קינסטלער אין זייער פאַך; פיעל פון זיי האָבען אויך פערפאַסט אייגענע ליעדער, וועלכע זיי האָבען אָבגעדרוקט. אין ווילנער „פנקס" פון יאָהר 1922 האָט פערעפענטליכט דער אַלטער בדחן אין יענער צייט יעקב זיזמאַר „פון מיינע זכרונות וועגען בדחנים", אין וועלכע ער דערצעהלט וועגען אַ רייה בדחנים, וואָס זענען געווען בעריהמט אין דער געגענד פון ליטא און ווייסרוסלאַנד אין 19=טען יאָהרהונדערט, ווי אליקים צינזער, אליעזר כווילאַטשער, מאָנע קאָם (ביאַליסטאָק), פסח אליה באַברויסקער, וועלכער האָט געהאַט אַ אייגען פערד און וועגעלע און ארומגעפאָהרען אויף חתונות, ווי אויך אַנדערע. צו זיי איז אויך צוצוגעבען אַ רייה בעריהמטע בדחנים אין דער געגענד פון וואַרשא אין אָנהויב 20=טען יאָהרהונדערט, ווי שמואל מאַטשעוויצער, נח נאַשעלסקער און אַנדערע. זיזמאַר דערצעהלט, אַז די בדחנים האָבען געמוזט פאַר זייערע געסט, די גבירים לומדים, אַרויסווייזען גרויס חריפות, און האָבען אויך געזונגען ריהרענדע מעלאָדיעס שטיקלעך פיוט ווי „עודדות בצדק", „והביאני לשלום" און אַנדערע (אין פוילען פלעגען זיי זינגען „דרכך אלהינו להאריך אפיך", אָדער „אל אמונה בערכך דין" מיט מעלאָדיעס, וואָס זענען פערפאַסט געוואָרען דורך בעקאַנטע כלי=זמרים) ביים בעזינגען דעם חתן. דערצעהלט זיזמאַר, פלעגט דער בדחן בענוצען אַזעלכע דרשות ווי: אַז „טילת" מאַכט „טוב לגבר יעשה תשובה" (עס איז גוט פאַר אַ מענש תשובה צו טהון), און „קיטל" מאַכט „קבורה, יללה, טהרה, לויה", וואָס דערמאָהנט דעם טויט. דער בדחן האָט בעקומען זיין בעפרידיגונג סיי פון מחותן, געוועהנליך דער כלה'ס פאָטער, וואָס ער האָט עם געהאַט לויט'ן מנהג צו דעקען די חתונה=הוצאות, סיי פון די געסט, וועלכע ער האָט בעזינגען; אַ געוויסען טייל געלד האָט ער אויך בעקומען פון דרשה=געשאַנק, וואָס ער האָט אויסגערופען.

וועגען דעם איבערגאַנג פון בדחנים צו יודישע אַקטיאָרען און די פּרימיטיווע טעאַטער=פאַרשטעלונגען, וועלען מיר געבען ביים שטיך=וואָרט „טעאַטער". וועגען אליקים צונזער געבען מיר ביים שטיך=וואָרט „צונזער". ווייטערע איינצעלהייטען וועגען בדחנים און מאַרשאַליקען געבען מיר ביים שטיך=וואָרט „חתונה".

ביבליאָגראַפיע: ווילנער פנקס 1922 זיזמאַר'ס „זכרונות"; אין שאַצקי'ס „אַרכיוו פאַר יודישען טעאַטער"; זילבערצווייג, „טעאַטער=לעקסיקאָן"; יודישע ענציקלאָפעדיעס ביים שטיך=וואָרט בדחן.

**בדרשי ידעיה** בעריהמטער יודישער דענקער און דיכטער אין זיד=פראַנקרייך אין דער 2=טער העלפט פון 12=טען און אין דער 1=טער העלפט פון 13=טען יאָהרהונדערט. ער האָט זיך אויך גערופען „ידעיה הפניני" און אויך „ען באָנעט פּראָפיאַט". ער האָט געשטאַמט פון דער זיד=פראַנצויזישער שטאָדט „בעזיערס" און דערפון שטאַמט זיין צו=נאָמען „בדרשי". זיין פאָטער רבי אברהם בדרשי, וועלכער האָט געלעבט לערך פון דער צייט 1230 — 1300, איז אויך געווען אַ בעקאַנטער דיכטער און גראַמאַטיקער; רבי אברהם האָט פערפאַסט

„חרב מתהפכת" איבער העברעאישער דיכטונג און „חותם תכנית" וועגן העברעאישע סינאָנימען (געדרוקט אַמ־סטערדאַם 1862 דורך פּאָליאַק), ווי אויך אַ ליעד „בקשת הלמדין". רבי ידעיה בדרשי איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1270 און ער האָט צום סוף פון זיין לעבען געוואוינט אין שפּאַניען, אין באַרצעלאָנא. פון פאַך איז ער גע־ווען דאָקטאָר מעדיצין. זיין רוהם אין דער יודישער וועלט האָט ער זיך ער־וואָרבען דורך זיין בעקאַנטען פילאָזאָפי־שען מוסר־ספר „בחינת עולם", וואָס ער האָט פערפאַסט נאָך דעם יאָהר 1306, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גירוש פון יודען פון פראַנקרייך. דאָס דאָזיגע ספר איז ביי יודען געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז דאָס איז געווען פון די ערשטע גע־דרוקטע העברעאישע ספרים און איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרען אין מאַנטוא פאַר דעם יאָהר 1480; שפּעטער איז ער איבערגעדרוקט זעהר פיעל מאָל (בן יעקב אין „אוצר הספר־דים" זייט 68 גיעט אָן צעהנדליגער אויסגאַבען מיט פערשידענע פירושים צו איהם). דער „בחינת עולם" איז שוין אין די פריהערדיגע צייטען עטליכע מאָל געדרוקט געוואָרען אין איבערזעצונגען אין אַלט־יודישער שפּראַך. בעקאַנט איז די אַלט־יודישע איבערזעצונג דורכ'ן בע־קאַנטען מדקדק אין 17־טען יאָהרהונ־דערט יצחק אייזיק אויערבאַך אין פראַנק־פורט; זיין יודישע איבערזעצונג פון „בחינת עולם" איז געדרוקט אין זולצ־באַך 1743 מיט'ן נאָמען „צפנת פענח". אין יאָהר 1803 האָט אַ געוויסער צבי הירש בן מאיר געדרוקט אין פראַנק־פורט ד' אָדער דעם בחינת עולם מיט אַ יודישער איבערזעצונג; אין יאָהר 1805 האָט אליעזר פּאַוויר אָבגעדרוקט אין זשולקעוו די יודישע איבערזעצונג פון „בחינת עולם".

דער אינהאַלט פון ספר איז אַ פילאָ־זאָפיש־פעסימיסטישער; עס ווערט דאָרט אַנגעוויזען אין אַ שעהנער העברעאישער מליצה־שפּראַך די נישטיגקייט פון דעם עולם הזה, ווי דאָס גאַנצע לעבען פון מענש איז פערגענגליך, און די וועלט איז ווי אַ „ים זועף", אַ שטורעמדיגער ים, וואָס דראָהט דעם מענש איינצו־שלינגען, און דעם מענש'ס לעבען איז נישט מעהר, ווי אַ צעבראָכען בריקעל איבער דעם ים. דער מחבר קומט דאָ צו רעליגיעזע אויספיהרונגען, אַז דער מענש דאַרף נאָר זאָרגען וועגען זיין נשמה און יענער וועלט. דאָס ספר איז איינגעטיילט אין 37 פרקים. דער „בחינת עולם" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרען אין אַ סך אַנדערע שפּראַכען.

אַ חוץ דעם „בחינת עולם" האָט דער בדרשי מחבר געווען נאָך אַ רייה אַנדע־רע ווערק ווי דעם „ספר הפרדס", וואָס ענטהאַלט דברי מוסר (געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1516), „בקשת הממין", אַ ליעד, וואָס אַלע ווערטער הויבען זיך אָן מיט דעם בוכשטאַב „מים" (געדרוקט צום סוף „בחינת עולם") „אוהב נשים", און אַמבעריהמט־סטען איז זיין בריעף צום גרויסען רב אין יענער צייט רבי שלמה בן אדרת (רשב"א), וואָס הייסט „אגרת התנצלות" (געדרוקט אין די „תשובות הרשב"א סימן ת"ח), אין וועלכער ער טרעט אַרויס געגען רשב"א, פאַרוואָס ער האָט אויסגערופען אַ חרם אויף לערנען פילאָזאָפיע און די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב"ם. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אין יודענטום איז געפיהרט געוואָרען דער העפטיגער קאַמף וועגען פילאָזאָפיע, און רבי ידעיה בדרשי האָט

זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פילאָזאָפיע=אָנהענגער. דער בדרשי זאָל אויך האָבען פערפאַסט אַ שאַך=שפּיעלבוך „מעדני מלך". דער בדרשי איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 1340.

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; ווסיי, „דור דור ודורשיו" חלק ה'; בערנפעלד, „דעת אלהים"; שטערן'ס דייטשע אויסגאַבע פון „בחינת עולם", וויען 1847 מיט אַ גרעסערע ביאָגראַפיע און איינלייטונג צום ספר.

**בהב** דאָס איז צו בעצייכענען די טעג מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. (ב' איז מאָנטאָג אַלס דער 2=טער טאָג פון דער וואָך, און ה' — דער 5=טער איז דאָנערשטאָג) פון די 2 וואָכען נאָך פסח און נאָך סוכות; ספּעציעל פרומע יודען זענען זיך נוהג צו פאַסטען אין די דאָזיגע טעג. שפּורען פון דעם דאָזיגען מנהג ווערען שוין געבראַכט אין מדרש בראשית רבה ע"ו און סוף מגילת תענית (גזרו רבותנו שיהיו מתענין בב' וה'). אין טור אורח חיים סימן תצ"א ווערען געבראַכט טעמים, פאַרוואָס מען פאַסט בה"ב. טייל פאַסטען אויך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין די ווינטערוואָכען „שובבים תת". וועגען דעם ביי „שובבים". אין „מנהגים" פון מהרי"ל ווערען געבראַכט פערשידענע מנהגים פון בה"ב.

**בהיר** דער נאָמען פון איינעם פון די עלטסטע קבלה=ספרים. דאָס וואָרט „בהיר" איז דער טייטש שיינען, און איז דער זעלבער אויסדרוק, וואָס „זהר". דעם נאָמען „בהיר" טראָגט דעם דאָזיגען ספר צוליעב דעם, וואָס ער הויבט זיך אָן מיט'ן פסוק „בהיר הוא בשחקים". ווער עס האָט מחבר געווען דעם „ספר הבהיר" און אין וועלכער צייט ער איז ענטשטאַנען, איז שווער צו זאָגען. לויט דער טראַדיציע זאָל עס האָבען מחבר געווען דער תנא רבי נחוניה בן הקנה (אין 1=טען יאָהרהונדערט), וועמען מען שרייבט צו נאָך אַן אַנדער קבלה=ספר „הקנה". דער ספר הבהיר הויבט זיך ווירקליך אָן מיט די ווערטער „אמר רבי נחוניה בן הקנה". דער רמבן (אין 13=טען יאָהרהונדערט) אין זיין פירוש אויף תורה רופט איהם אויך אָן „מדרש ר' נחוניה בן הקנה" רבי חיים יוסף דוד אזולאי אין שם הגדולים (שטיך=וואָרט „בהיר") גלויבט דעריבער, אַז רבי נחוניה איז געווען דער „ראש למקובלים" נאָך פאַר רבי שמעון בן יוחאי. אָבער שוין פון די פיעל ווערטער פון אמוראים, (וואָס האָבען געלעבט הונדערטער יאָהרען נאָך רבי נחוניה), וואָס ווערען דערמאָהנט אין ספר הבהיר און אויך פון דעם סטיל און געדאַנקען=גאַנג (דער הבהיר איז געשריבען אין תלמודיש=העברעאיש) איז צו זעהן, אַז דער ספר איז פערפאַסט געוואָרען בעדייטענד שפּעטער. טייל פאָרשער גלויבען, אַז דער פערפאַסער זאָל האָבען געווען דער מקובל רבי יצחק סגי נהור (זוהן פון ראב"ד דעם דריטען אין 13=טען יאָהרהונדערט). אין ספר הבהיר ווערען דערמאָהנט די ספירות, וועלכע ער רופט אויך אָן „דברות". טייל ווילען געפינען דאָרט רמזים צו דער פילאָזאָפישער מיינונגספערשידענדייט וועגען דער פראַגע פון „קדמות העולם" (צי די וועלט עקזיסטירט פון אייביג אָן).

ביבליאָגראַפיע: „רב פעלים"; גרעץ, „געשיכטע"; שלום, אין זיין דייטשער איבערזעצונג „דאָס בוך בהיר" (לייפציג 1923).

**בובליק גדליה** בעקאַנטער מזרח=פיהרער אין אַמעריקאַ, לאַנג=יעהריגער רעדאַקטאָר פון

„יודישעס טאגבלאט" אין ניו־יאָרק, אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער און פּובליציסט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1875 אין גראָדנא, געלערענט אין ישיבות, נאָכהער אוועק קיין אַר־גענטינא אין די יודישע קאָלאָניעס, פון דאָרט קיין אַמעריקא. פון איהם איז ערשינען דאָס בוך „מיין רייזע אין ארץ־ישראל". בובליק איז איינער פון די טעטיגסטע כלל־טהוער אין דער ציוניס־טיש־מזרחיסטישער וועלט.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**בובער מאַרטין** יודישער נאַציאָנאַ־לער דענקער און פאָרשער פון חסידות אין דייטשלאַנד. בובער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1878 אין ווין, (ער איז אַן אייניקעל פון מדרשים־פאָרשער שלמה בובער), און האָט שטודירט פילאָזאָפיע און קונסט־געשיכטע. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען צוגעטרעטען צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און האָט רעדאַגירט די ציוניסטישע צייטשריפט אין דייטש „די וועלט". נאָכהער האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט פאָרשונגען אי־בער יודישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע; זינט יאָהר 1923 פערנעהמט ער די קאַ־טעדרע איבער יודישער רעליגיאָנס־פילאָ־זאָפיע ביי דער אוניווערסיטעט אין פראַנקפורט דמיין. בובער האָט געשאַפען צווישען דער יודיש־דייטשער יוגענד די גייסטיגע ריכטונג פון ציוניזם, וואָס איז אַ סינטעזע פון אחד־העמיזם מיט רע־ליגיעזען מיסטיציזם. די בעדייטענדסטע ווערק פון מארטין בובער, אַלע געשרי־בען אין דייטש, זענען „דער גרויסער מגיד און זיינע תלמידים" (וועגען רבי בער דעם מגיד פון מעזריטש און זיינע נאָכפאָלגער די רביים פון רוסלאַנד און פּוילען) אין וועלכען ער גיעט אַ זאַמלונג פון געקליבענע חסידישע ווערטער; „מיין וועג צום חסידיזם"; „רעדען אי־בער דאָס יודענטום"; „די לעגענדע פון בעל־שם"; „די געשיכטע פון רבי נחמן" (וועגען רבי נחמן בראַסלאַווער), ווי אויך אַנדערע קלענערע בראָשורען און בי־כער; לעצטענס גיעט ער אויך אַרויס אַ נייע איבערזעצונג אין דיכטערישער פאָרם פון תנ"ך אויף דייטש. זיינע „רעדען איבער דאָס יודענטום" זענען ערשינען אויך אין יודישער איבערזע־צונג, בערלין 1922. בובער האָט אויך רעדאַגירט די יודיש־דייטשע צייט־שריפט „דער יודע" (אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה), געווידמעט דער פערטיפונג פון די פּראָבלעמען פון יו־דענטום און ציוניזם. בובער האָט אויך אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער אַלגע־מיינער פאָרשונג פון רעליגיאָנס־וויסענ־שאַפט און ער האָט צוזאַמען מיט קריסט־ליכע דענקער אַרויסגעגעבען אין דייטש די צייטשריפט „די קרעאַטור" (בערלין 1926), וואָס איז געווידמעט די רע־ליגיעזע פּראָבלעמען.

ביבליאָגראַפיע: יודיש־דייטשע ענצי־קלאָפּעדיע און לעקסיקאָן רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**בובער שלמה** (1827 — 1906). בעריהמטער פאָר־שער פון מדרשים. שלמה בובער איז געבוירען געוואָרען אין לעמבערג אין יאָהר 1827; ער האָט פערנומען אין מזרח־גאַליציען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אַ דאַנק זיין גרויס רייכטום (געווען אַ גרויסער באַנקיר און גוטס־בעזיצער, געהאַט דעם טיטול „קייזערליכער ראַט") און זיין לומדות און געלעהרזאַמקייט. אין לעמבערג איז ער אויך געווען דער פיהרער פון דער קהלה. אין די יאָהרען

1882 און שפּעטער האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט אָרגאַניזירען די הילף פאַר די ענטלאָפענע יודען פון די רוסישע פּאָגראָמען. זיין גרויסע בעדייטונג האָט שלמה בובער צוליעב זיין פאָרשונג פון די אַלטע מדרשים. ער האָט אויפגעזוכט אין פערשידענע ביבליאָטעקען כתבי יד פון מדרשים, וואָס זענען נאָכנישט געהאַט ערשינען, און ער האָט זיי ארויסגעגעבען צוזאַמען מיט וויסענשאַפטליך=בעאַרבייטע איינלייטונגען. אזוי האָט ער אַרויסגעגעבען די „פסיקתא דרב כהנא" (ליק תרכ"ה); „מדרש לקח טוב" (ווילנא תרמ"ד); מדרש תנחומא הקדום" (ווילנא תרמ"ו); „מדרש תהלים" (ווילנא תרנ"א); „מדרש איכה"; „מדרש שכל טוב" און אַנדערע קלענערע מדרשים; ער האָט אויך ארויסגעגעבען צוויי וויכטיגע מאָנאָגראַפיעס „אנשי שם" (איבער די רבנים פון לעמבערג) און „קריה נשגבה" (קראָקא תרס"ג), איבער די געשיכטע פון רבנים אין זשולקעוו, וואָס ענטהאַלטען רייכע מאַטעריאַלען פאַר דער ביאָגראַפיע=פאָרשונג פון די פוילישע רבנים אין 17=טען און 18=טען יאָהרהונדערט. בובער האָט אויך געשריבען הונדערטער וויסענשאַפטליכע מאמרים פון חכמת ישראל, צעוואָרפען איבער פערשידענע צייטשריפטען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1906.

ביבליאָגראַפיע: רייגעב, „דור וחכמיו"; בערנפעלד אין „השלוח" באַנד 17; יודישע ענציקלאָפעדיעס.

**בודאַפּעסט** הויפּט=שטאָדט פון אונגאַרן, צעהלט לערך 1 מיליאָן איינוואוינער, צווישען זיי לערך 220 טויזענד יודען. די שטאָדט איז אַ פעראייניגונג פון 3 שטעדט „בודא", (וואָס האָט געהייסען „אָפען"), „אַלט=בודא" (וואָס האָט געהייסען „אַלט=אָפען", און אין די אַמאָליגע יודישע ספרים ווערט עס אָנגערופען אויף העברעאיש „אובין ישן") און „פעסט".

די עלטסטע יודישע קהלה איז געווען אין אַלט=אָפען, און עס איז פאַרהאַן שפּורען, אַז שוין אין 11=טען און 12=טען יאָהרהונדערטער האָבען זיך דאָרט געפונען יודען. אין 14=טען און 15=טען יאָהרהונדערטער איז אַלט=אָפען בעריהמט געוואָרען מיט איהרע לומדים די „חכמי אובין"; אַלט=אָפען, ווי גאַנץ אונגאַרן האָט זיך געפונען אַ געוויסע צייט, פון 1541 ביז 1686, אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי. אין יאָהר 1686 (תמ"ו) איז אַלט=אָפען איינגענומען געוואָרען צוריק דורך עסטרייך, און דאָס עסטרייכישע מיליטער האָט אויסגעשאָכטען דעם גרעסטען טייל יודישע איינוואוינער, און די איבריגע יודען זענען פון דער שטאָדט פערטריבען געוואָרען. אין אָנהויב פון 18=טען יאָהרהונדערט האָבען זיך יודען ווידער אָנגעהויבען בעזעצען אין אַלט=אָפען און שפּעטער אויך אין פעסט. פון דעמאָלס אָן האָט זיך ענטוויקעלט דאָרט ווידער דער יודישער ישוב. וועגען די פּאָליטישע קאַמפען, וואָס די יודען אין אָפען און פעסט האָבען געהאַט צו פיהרען פאַר זייערע בירגער=רעכט, געבען מיר ביים שטיקוואָרט „אונגאַרן". אַבוואָהל שפּעטער זענען די אַלע דריי דערמאָהנטע שטעדט פעראייניגט געווען אין איין שטאָדט „בודאַפּעסט", האָבען זיי נאָך געהאַט יעדע אַ בעזונדערען רב, און געפיהרט אַ בעזונדערען קהלה=לעבען. צו די בעריהמטסטע רבנים אין אַלט=אָפען געהערען דער בעריהמטער גאון רבי משה מינץ (געשטאָרבען 1831), רבי הירש העלער, און אין פעסט איז געווען רבי

וואָלף באַסקוויץ (צום סוף פון 18=טען
יאָהרהונדערט), רבי ישראל וואהרמאַן
און אַנדערע. אין בודאַפּעסט האָט שוין
אין אָנהויב פון 19=טען יאָהרהונדערט
זיך ענטוויקעלט דער קאַמף איִנערליך
אין דער יודישער קהלה וועגען איינפיה=
רען רעפאָרמען אין יודישען רעליגיעזען
לעבען, און די קהלה האָט נאָך פיעל
קאַמפען זיך צעטיילט אין דריי בע=
זונדערע קהלות, אין „רעפאָרמער“, אָר=
טאָדאָקסען“ און „סטאַטוס=קוואָ“, דאָס
הייסט, אַזעלכע, וואָס זענען געבליבען
געמישט פון אָרטאָדאָקסען און רעפאָר=
מער צוזאַמען (וועגען דעם ביים שטיך=
וואָרט „אונגאַרן“). אין בודאַפּעסט איז
פאַרהאַן דער אונגאַרישער ראַבינער=סע=
מינאַר (געגרינדעט 1877), מיט וועלכען
עס האָבען אָנגעפיהרט די בעריהמטע
יודישע געלעהרטע דוד קויפמאַן, וויל=
העלם באַכער, בלאָך, און איצט פּראָפע=
סאָר דר. לודוויג בלוי, ווי אויך אַ יודיש=
אונגאַרישער לעהרער = סעמינאַר. אין
בודאַפּעסט ערשיינען אַ רייה יודישע
צייטשריפטען אין דער אונגאַרישער
שפּראַך, ווי אויך דער „הצופה מארץ
הגר“ (אַרויסגעגעבען פון דר. בלוי). צו
די בעריהמטסטע יודען, וואָס האָבען
געשטאַמט פון בודאַפּעסט געהערען
אויך טעאָדאָר הערצעל (גרינדער פון
ציוניזם), מאַקס נאָרדוי, ווי אויך פיעל
יודישע געלעהרטע, פּאָליטיקער, פינאַנ=
סיסטען. — וועגען אַ רייה ענינים פון
בודאַפּעסט געבען מיר אויך ביים שטיך=
וואָרט „אונגאַרן“.

ביבליאָגראַפיע: די ווערק פון
גרינוואַלד, „היהודים באונגריא“, „קורות התורה
והאמונה באונגרים“; די דערמאָהנטע צייטשריפט
„הצופה מארץ הגר“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בוטון אברהם** (1560 — לערך
1603), בעריהמטער
גאון און מחבר פון „לחם משנה“ אויפ'ן
רמב"ם. רבי אברהם בוטון (דער פּאַ=
מיליען=נאָמען לעזט זיך „באָטאָן“) האָט
געלעבט אין סאַלאָניקי און האָט אָנגע=
פיהרט מיט אַ ישיבה, וואָס האָט אַרויס=
געגעבען תלמידים גרויסע רבנים. מען
האָט איהם געהאַלטען אויך פאַר אַ
גרויסען הייליגען און עס ווערען דער=
צעהלט פון איהם מופתים. דער „קורא
הדורות“ דערצעהלט די לעגענדע, אַז
רבי אברהם בוטון איז געשטאָרבען אין
אַ מגיפה און מען האָט איהם קובר גע=
ווען ערב שבת, ווען עס איז שוין געווען
פינסטער און די, וואָס האָבען איהם
קובר געווען האָבען געהאַט צער, מיי=
נענדיג, אַז זיי האָבען מחלל שבת געווען,
אָבער עס איז זיי געשעהען דער נס, אַז
צוריקגעהענדיג פון בית=הקברות, האָט די
זון זיי אויפגעשיינט. אַ חוץ זיין בע=
ריהמטען פּירוש צום רמבם „לחם
משנה“, האָט רבי אברהם בוטון מחבר
געווען אויך שאלות ותשובות „לחם
רב“ (געדרוקט אין סמירנא 1640).

ביבליאָגראַפיע: כאָנעס, „תולדות
הפוסקים“; „קורא הדורות“ פון קונפורטי; יודי=
שע ענציקלאָפּעדיעס.

**בוים** עס איז באַקאַנט, אַז ביי אַ
גאַנצער רייה פעלקער אין אַל=
טערטום איז געווען אַ געוויסער רעליג=
יעזער קולט פון בוים, און עס זענען גע=
ווען ביי זיי הייליגע ביימער, הייליגע
וועלדער. דער פערשפּרייטסטער קולט איז
געווען די „אשרה“, וועגען וועלכען מיר
געבען ביים שטיך=וואָרט „אשרה“. עס
זענען פאַרהאַן מיינונגען פון געלעהרטע,
אַז אויך ביי יודען אין די אַלטע צייִ=
טען זענען געבליבען געוויסע שפּורען פון
דאָזיגען בוים=קולט. שוין די ערשטע
כּפּורים פון חומש וועגען גן עדן ענט=

וויקלען זיך ארום די צוויי בוימער, דעם
„עץ החיים״ (וואָס ווער עס עסט פון
זיינע פרוכטען לעבט אייביג) און „עץ
הדעת״ (וואָס ווער עס עסט פון זיינע
פרוכטען בעקומט וויסען). די דאָזיגע גע־
לעהרטע ווייזען אויך אָן אויף די פער־
שידענע ערטער אין תנ״ך, ווי דבורה
הנביאה איז געזעסען אונטער אַ טייַ־
טעל־בוים, דוד המלך (שמואל ב׳ ה׳)
האָט פון גערויש פון די בוימער געני־
מען דעם צייכען אָנצוגרייפען די
פלשתים, ערשט די פערשידענע ערטער
אין ארץ־ישראל מיט׳ן נאָמען „אלון״
יעדענפאַלס איז זיכער, אַז די נביאים
האָבען געקעמפט געגען דאָזיגען בוים־
קולט, און דאָס איז אַ בעווייז, אַז אין
טייל צייטען האָט ביי די יודען אין די
אַלטע צייטען דער קולט עקזיסטירט. —
אין די שפּעטערדיגע צייטען איז געוואָ־
רען איינגעפיהרט דער „ראש השנה
לאילנות״ (ראש השנה פאַר בוימער)
אים חמשה עשר בשבט, וואָס איז גע־
וואָרען אין אַ געוויסער מאָס דער בוים־
יום־טוב. וועגען דעם געבען מיר ביים
שטיך־וואָרט „חמשה עשר בשבט״.

ביבליאָגראַפיע: איבער די פער־
שידענע בוימער אין תנך און גמרא, אין „אוצר
ישראל״ שטיך־וואָרט „אילן״; יודיש־דייטשער
לעקסיקאָן „בוימקולט״.

**בוך** איבער דער געשיכטע פון יודישע
ביכער־און ספרים־דרוקערייען
און אויך דרוק־פאָרמען און אויסגאַבען
געבען מיר ביי די שטיך־ווערטער „דרו־
קעריי״ און „פערלאַג״; איבער דער יו־
דישער ליטעראַטור געבען מיר ביים
שטיך־וואָרט „ליטעראַטור״; וועגען דער
אויספערטיגונג פון ספרים אין דער
צייט איידער די דרוק איז ערפינדען
געוואָרען געבען מיר ביים שטיך־וואָרט
„ספרים״, וואו עס ווערט אויך געגעבען
איבער דעם אויסערליכען כאַראַקטער
פון די ספרים, די טיטולען, שער־בלעטער
און אנדערע צייכענס; איבער ביכער־
זאַמלונגען, רשימות, געבען מיר ביי די
שטיך־ווערטער „ביבליאָטעקען״ און
„ביבליאָגראַפיע״; איבער די ערשטע
העברעאישע ספרים־אויסגאַבען געבען
מיר אויך ביים שטיך־וואָרט „אינקונאַ־
בול״; איבער ספרים־און ביכער־צענזור
געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „צענ־
זור״.

**בוכאַרא** דער נאָמען פון אַ לאַנד
אין צענטראַל־אַזיען, וואָס
גרענעצט זיך מיט רוסלאַנד און פערסיען,
צעהלט לערך 2 מיליאָן איינוואוינער,
מאַכמעדאַנער; עס וואוינען דאָרט לערך
30 טויזענד יודען. די געשיכטע פון
יודישען ישוב אין בוכארא איז זעהר אַל־
אַלטע. עס זענען פאַרהאַן לעגענדעס, אַז
די דאָרטיגע יודען זענען אייניקלעך פון
די פערטריבענע עשרת השבטים אין
דער צייט פון 1־טען בית־המקדש, און
דאָס זאָל זיין דאָס לאַנד „חבור״, וואָס
ווערט דערמאָהנט אין מלכים ב׳ י״ז
וואוהין די עשרת השבטים זענען פער־
טריבען געוואָרען. אין מיטעל־אַלטער
זענען די בוכארער יודען געשטאַנען
אונטער דעם איינפלוס פון די יודען אין
פערסיען, און זיי האָבען געהאַט אַ חומש
מיט אַ פערסישער איבערזעצונג. די
בוכארער יודען זענען געקומען אין
נאָהנטער פערבינדונג מיט די יודען פון
איירעפּאַ ערשט אין 19־טען יאָהרהונ־
דערט, ווען רוסלאַנד האָט (אין די
יאָהרען 1866—68) איינגענומען בוכאַ־
רא. פון דעמאָלס אָן האָבען די בוכארער
יודען אָנגעהויבען פיהרען האַנדעל מיט
רוסלאַנד, וואוהין זיי האָבען פערקויפט
טעפּיכער, זיידענס, ביינוועל. אין יאָה־

1893 האָט זיך אָנגעהויבען בײַ די בוכאַרער יודען די בעוועגונג צו בעזעצען זיך אין ארץ=ישראל און הונדערטער יודישע משפחות פון בוכארא האָבען זיך זייט דעמאָלס בעזעצט אין ירושלים און אויפגעבויט זייער אייגענעם שטאָדטפירטעל, די בוכאַרער הייזער, ווי אויך אייגענע שוהלען. דורך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (אין יאָהר 1917) אין רוסלאַנד איז אויך אין בוכאַרא איינגעפיהרט געוואָרען די סאָוויעטען=מכאַט און דאָס לאַנד איז געוואָרען אַ סאָוויעטען=רעפובליק אין די ראַהמען פון רוסישען סאָוויעטען=פערבאַנד. יודען פערנעהמען אין דער בוכאַרא=סאָוויעטען=רעגירונג וויכטיגע אַמטען. די בוכאַרער יודען רעדען אַ פערסישען דיאַלעקט געמישט מיט טערקישע ווערטער און אויך אַ סך העברעאישע ווערטער. די מייסטען יודען וואוינען אין די שטעדט בוכארא, סאמאַרקאַנד, טאשקענט און אַנדערע. אַ גרויסע זאַמלונג פון יודיש=פערסישע האַנדשריפטען, וואָס שטאַמען פון בוכאַרא געפינט זיך אין אַזיאַטישען מוזעאום אין לעניגראַד. אין דער נייער צייט (פאַר דער מלחמה) האָבען די יודען אין בוכאַרא ענטוויקעלט אַ ברייט העברעאיש שול=וועזען מיט אַ העברעאיש טעאַטער, ביבליאָטעקען. די פאַמיליען=נעמען פון די בוכאַרער יודען ענדיגען זיך אַממייסטען מיט „אָף", ווי „יוחננאָף" וכדומה. די קליידונג פון די עלטערע בוכאַרישע יודען איז אַ לאַנגער כאַלאַט ווי אויך אַ „פאַפאַכע" (פוטער=היטעל) אויפ'ן קאָפּ.

ביבליאָגראַפיע: „מסעות ישראל"; יודיש=רוסישע ענציקלאָפעדיע; אוצר ישראל, „בוכאַרא".

**בוכשטאַבען** וועגען דעם יודישען און העברעאישען אלף בית געבען מיר בײַם שטיך=וואָרט „אלף בית", ווי אויך בײַ די איינצעלנע בוכשטאַבען, שטיך=ווערטער ווי „א", „ב" וכדומה.

**בולאַן** דער נאָמען פון מלך פון כוזרים, וואָס האָט דער ערשטער זיך מגייר געווען און האָט פערוואַנדעלט די כוזרים אין אַ פאָלק פון יודישען גלויבען. ער ווערט דערמאָהנט אין בעקאַנטען בריעף פון כוזרישען קעניג יוסף צו חסדאי אבן שפרוט. — וועגען דעם געבען מיר אויספיהרליך בײַם שטיך=וואָרט „כוזרים".

**בולגאַריען** דער נאָמען פון אַ זעלבסטשטענדיג קעניגרייך, אַ לאַנד אין דרום=מזרח פון איירָאָפּא, אויף דעם באַלקאַנישען האַלבאינזעל, בעוואוינט דורך לערך 5 מיליאָן איינוואוינער, צווישען זיי לערך 60 טויזענד יודען. די הויפט=שטאָדט איז סאָפיא, וואו עס וואוינען לערך 25 טויזענד יודען.

די געשיכטע פון יודישען ישוב אין בולגאַריען איז גאָר אַן'אַלטע. עס זענען פאַרהאַן טייל היסטאָריקער, וואָס גלויבען, אַז שוין אין דער ערשטער צייט פון 2=טען בית=המקדש האָבען יודען זיך בעזעצט אין בולגאַריען, וואָס האָט דעמאָלס געהייסען מעזיען, דער רד"ק אין זיין פירוש אויף שופטים כ' ברענגט די לעגענדע, אַז ווען די יודען האָבען אין דער מלחמה צוליעב פלגש בגבעה געטויט די מיטגלידער פון שבט בנימין, זענען 1000 מענער פון שבט בנימין אַוועק קיין מזרח=איירָאָפּא און זיך בעזעצט אויך אין מעזיען. יעדענפאַלס איז זיכער, אַז שוין אין די ערשטע יאָהרהונדערטער נאָכ'ן חורבן פון 2=טען בית=

המקדש האָבען יודען געוואוינט אין איצ-
טיגען בולגאַריען (אין מעזיען און דאַ-
ציען) און האָבען דאָרט געהאַט אייגענע
שוהלען. עס איז פאַרהאַן אַ דאָקומענט,
אַז אין יאָהר 379, זענען די יודען אין
בולגאַריען פערפאָלגט געוואָרען דורך די
קריסטען, און דער קייזער טעאָדאָזיוס
האָט פעראָרדענט די יודען נישט צו
שטערען ביים דאַווענען אין די שוהלען.
עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דער ער-
שטער יודישער ישוב איז געווען אין
דער שטאָדט ניקאָפּאָלים, וואו עס איז
נאָך ביז היינט דער מנהג צו לייענען
פּורים די מגלה צוויי טאָג, אויך אין
שושן פּורים, וואָס ווייזט, אַז זי איז
בעטראַכט געוואָרען אַלס גאָר אַ אַלטע
שטאָדט. — אין פריהען מיטעל-אַלטער
האָבען אַ סך יודען געוואוינט אין בול-
גאַריען, און עס זענען פאַרהאַן מיינונ-
גען, אַז פיעל פון די בולגאַרישע איינ-
וואוינער האָבען זיך מגייר געווען. אונ-
טער דער ווירקונג פון די בולגאַרישע
יודען האָט דער קעניג פון כוזרים אָנגע-
נומען די יודישע רעליגיע. דער רייזענ-
דער רבי בנימין פון טודעלא (אין 12-טען
יאָהרהונדערט) שרייבט וועגען די קריסט-
ליכע איינוואוינער פון בולגאַריען אין
זיין צייט, אַז מען זאָגט, אַז „זיי זענען
געווען יודען, און זיי האָבען גערופען די
יודען אונזערע ברידער". וועגען די בול-
גאַרישע יודען אין 14-טען יאָהרהונ-
דערט ווייסט מען, אַז זיי האָבען געהאַט
אַלע פריהייטען, און עס ווערט דער-
צעהלט, אַז אַ יודיש מיידעל מיט'ן נאָ-
מען שרה האָט חתונה געהאַט מיט'ן בול-
גאַרישען צאַר אַלעקסאַנדער (יאָהר
1340) און זי האָט געהאַט אַ גרויסען
איינפלוס אויף די אינערליכע ענינים
פון לאַנד און זי האָט אויך מיטגעווירקט
צו דער פערבעסערונג פון דער לאַגע פון

די בולגאַרישע יודען. ווען דער אונגאַרי-
שער קעניג לודוויג דער ערשטער האָט
אין יאָהר 1360 אַרויסגעטריבען די יודען
פון אונגאַרן, איז אַ גרויסער טייל פון
זיי אַוועק קיין בולגאַריען, וואו זיי האָ-
בען זיך בעזעצט אַממייסטען אין די
שטעדט ניקאָפּאָלים און ווידין, (די
שטאָדט ווערט געשריבען אויף העברע-
איש אין די תשובות-ספרים „בודון").
אין 15-טען יאָהרהונדערט האָט רבי
שלום פון נייששטאַט געגרינדעט אין ווי-
דין אַ ישיבה, און זיין תלמיד רבי דוסא
היוני איז געווען דער ערשטער אונז
בעקאַנטער מחבר פון בולגאַריען; ער
האָט מחבר געווען אַ פּירוש אויף רשי
אין יאָהר ק"ץ (1430); אין ענדע פון
14-טען יאָהרהונדערט (1393—1395)
האָט דאָס טערקישע מיליטער איינגע-
נומען גאַנץ בולגאַריען. און פון דעמאָלס
אָן איז דער גורל פון די יודען אין בול-
גאַריען געווען (ביז דער 2-טער העלפט
פון 19-טען יאָהרהונדערט) דאָס זעלבע,
וואָס פון אַלע יודען אין גאַנץ טערקיי
דאָס הייסט, זיי האָבען דאָרט געהאַט
מעהר פריהייטען, ווי די איבעריגע
יודען אין איירופּא אין יענע יאָהר-
הונדערטער. אַ סך יודען, וואָס זע-
נען ענטלאָפען פון די פערפאָלגונגען אין
דייטשלאַנד האָבען זיך בעזעצט אין די
באַלקאַנישע לענדער פון טערקיי און
אויך אין בולגאַריען, ספּעציעל אין סאָ-
פיא. אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען
זענען אָנגעקומען קיין בולגאַריען (ווי
אין די איבעריגע טערקישע לענדער) אַ סך
שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יודען (אין
פערלויף פון גאַנצען 16-טען יאָהרהונ-
דערט), וועלכע האָבען געלעגט זייער
גאַנצען סטעמפּעל אויף דעם יודישען
ישוב אין בולגאַריען, וועלכער איז פון
דעמאָלס אָן געוואָרען אַ ספרדישער

ישוב. פיעל פון די בעריהמטע ספרדישע גאונים האָבען געוואוינט אין בולגאריען, ווי רבי יוסף קארא (מחבר פון „שלחן ערוך"), רבי שמואל די מודינא און אנדערע. א גרויסע ראָליע האָבען די בולגארישע יודען אויך געשפּיעלט אין 17־טען יאָהרהונדערט אין דער שבתי־צבי־בעוועגונג, און דער בעריהמטער תלמוד פון שבתי צבי, נתן הנביא, האָט זיך שפּעטער בעזעצט אין סאָפיא, וואו ער איז געשטאָרבען. אין פערלויף פון דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט בולגאריען כסדר געפיהרט אויפשטאַנדען געגען טערקיי, כדי צו געווינען איהר פרייהייט; אין די אלע מלחמות, ביי דער מיטהילף פון רוסלאַנד, — האָבען יודען פיעל געליטען: אין יאָהר 1828 איז פּאַקטיש ענטשטאַנען דאָס אונאָבהענגיגע בולגארישע פירשטענטום, וואו כאָטש די יודישע גלייכבערעכטיגונג אין בולגאריען איז גאַראַנטירט געוואָרען דורך דעם בערלינער קאָנגרעס פון די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות אין יאָהר 1878, איז פונדעסטוועגען געוועזען צו בעמערקען אין לאַנד אַנ'אַנטיסעמיטישע בעוועגונג און זאָגאַר פּאָגראָמען (אין יאָהר 1891). אָבער אים אלגעמיין האָבען יודען אין בולגאריען אלע רעכט, פיהרען זעלבסטשטענדיג זייערע אייגענע קהלות, און פערנעהמען אנגעזעהענע אמטען אויך אין מיליטער.

אין בולגאריען לעבען איצט (יאָהר 1933) לערך 60 טויזענד יודען, פון וועלכע נאָר ביי 5000 זענען אשכנזים און אלע איבריגע זענען ספרדים. זיי בעשעפטיגען זיך אַממייסטען מיט האַנדעל און מלאכה, און נאָר א קליינער טייל פערנעהמט זיך מיט פרייען פּראָפעסיעס (אדוואָקאַטען, דאָקטוירים, אינזשינערען). די גרעסטע קהלה (לערך 25 טויזענד יודען) געפינט זיך אין סאָפיא, די אנדערע צוויי גרויסע קהלות זענען אין פיליפּאָפּעל און רושטשוק. זיי האָבען אייגענע גוט אָרגאַניזירטע קהלות מיט רעכט פון אַרויפלעגען עטאַט, און אין פאַמיליען־פראַגען האָבען טייל יודישע ראַבינאַטען אין בולגאריען אויך רעגירונגס־רעכט. די ציוניסטישע בעוועגונג אין בולגאריען איז זעהר א ענטוויקעלטע, און די בולגארישע קהלות בעשטייערען יעדען יוד מיט אַנ'אָבצאָהל פאַר קרן היסוד. די אומגאַנגס־שפּראַך פון די בולגארישע יודען איז שפּאַניאָליש; אין די געבילדעטע קרייזען איז זי פראַנצויזיש, אָבער לעצטענס ענטשטעהען דאָרט פיעל העברעאישע שולען, און פיעל פון דער יודישער יוגענד רעדט העברעאיש. א גרויסער טייל פון די יודישע שולען געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון דער „אליאַנס". אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה איז צו בעמערקען ביי די בולגארישע יודען די בעוועגונג צו בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל, וואו די בולגארישע יודען האָבען געגרינדעט אייגענע קאָלאָניעס (צווישען זיי „בית חנן" און אנדערע).

ביבליאָגראַפיע: איבער דער געשיכטע פון יודען אין בולגאַריען זענען פונאַנדערגעוואָרפען פיעל ווערטפולע ידיעות אין דעם „דברי ימי ישראל בתוגרמה" פון שלמה ראזאנעס (דער דאָזיגער היסטאָריקער וואוינט אין רושטשוק); „אוצר ישראל" („בולגאַריאַ"); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בונד** דאָס איז דער פערקירצטער נאָמען פון דער יודישער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּאַרטיי, וואָס האָט פאַר דער וועלט־מלחמה אַרומגענומען דעם גרעסטען טייל יודישע אַרבייטער אין די לענדער, וואָס האָבען דאַן געהערט צו רוסלאַנד, און פון זינט

נאָך דער וועלט־מלחמה נעהמט זי אַרום דעם גרעסטען טייל יודישע אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פּוילען. דער פולער נאָמען פון דער פּאַרטיי איז געווען „יודישער אַרבייטער־בונד פון רוסלאַנד. ליטא און פּוילען". דער בונד איז געגרינדעט גע־וואָרען אויף דער קאָנפערענץ פון אַ רייה יודישע אַרבייטער־סאָציאַליסטען אין ווילנא אין יאָהר 1897 פון דער פער־אייניגונג פון שוין עקזיסטירענדע יודי־שע סאָציאַליסטישע גרופּען אין רוסלאַנד. אי'הר טעטיגקייט אין רוסלאַנד, ווי די טעטיגקייט פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז געווען נישט לעגאַל, און גאַנץ אָפט זענען פאָרגעקומען דורך דער רוסישער פּאָליציי אַרעסטען אין די רייהען פון בונד־מיטגלידער. דער בונד האָט ענטוויקעלט אַ בעזונדערס לעב־האַפטע טעטיגקייט אין רוסלאַנד אין די רעוואָלוציאָנערע יאָהרען 1905 — 1906, און האָט דעמאָלס און אויך שפּעטער אַרויסגעגעבען פיעל בראָשורען און לע־גאַל־ ווי אויך אונלעגאַל־ערשיינענע צייט־שריפטען („דער וועקער", „אַרבייטער־שטימע", „דער יודישער אַרבייטער". „לעבענס־פראַגען" און אַנדערע), אין וועלכע דער בונד האָט פערשפּרייט זיין פּראָגראַם. דער פּראָגראַם פון בונד איז נישט שטענדיג געווען קלאַר, און צווישען זיינע פּאַרטיי־טעאָרעטיקער זעלבסט זע־נען פאָרגעקומען, און נאָך היינט קומען פאָר פערשידענע חלוקי־דעות וועגען הויפּט־פּונקטען פון פּראָגראַם. אין די פראַגען פון סאָציאַליזם איז דער בונד אָפיציעל געווען דער אָנהענגער פון די רוסישע „מענשעוויקעם" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועל־כע האָבען געהאַלטען פון אַ געוויסער מעסיגונג ביים איינפיהרען די סאָציאַ־ליסטישע אָרדנונג. אַ חוץ דעם אַלגע־מיינעם סאָציאַליסטישען פּראָגראַם האָט דער בונד זיין ספּעציעל־יודישען פּראָ־גראַם. דער בונד אין איינער פון זיינע הויפּט־בראָשורען, אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1905 מיט'ן נאָמען „אונזערע פאָ־דערונגען" ערקלערט, אַז די אַסימילאַ־ציע פון יודען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען, איז אַ שעדליכע אוטאָפּיע, און ברענגט נאָר שאָדען די מאַסען, און נישט נאָר וואָס די יודען וועלען נישט איבערנעהמען די קולטור פון פרעמדען פאָלק, נאָר וועט דורך דער אַסימילאַציע אויפהערען צו ענטוויקלען זיין אייגענע קולטור. דעריבער איז דער בונד פאַר דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון יודען אין יעדען לאַנד, וואו זיי וואוינען אין גרעסערע מאַסען, און דערהויפּט, אַז יודען זאָלען האָבען זייערע בעזונדערע וועלטליכע שולען מיט יודיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך, וואָס זאָל אויסגעהאַלטען ווערען דורך דער רעגירונג. אויך זאָל געפּלעגט און ענט־וויקעלט ווערען די אייגנאַרטיגקייט פון דער יודישער פאָלקס־קולטור, פאָר־שען דעם יודישען פאָלקלאָר און בכלל אויפהאַלטען דאָס אייגענאַרטיגע יודישע קולטורעלע לעבען. וואָס אַנבעלאַנגט יודישער רעליגיע, דאַרף דאָס זיין, לויט'ן בונד, די פּריוואַטע זאַך פון יעדען איי־נעם, אָבוואָהל אים אַלגעמיין פיהרט דער בונד יאָ אַנ'אויפקלערונגס־קאַמף געגען רעליגיע און ספּעציעל געגען קלע־ריקאַליזם.

ארום דעם דאָזיגען הויפּט־פּראָגראַם פון בונד זענען פאָרגעקומען קאַמפען און חלוקי דעות צווישען די פיהרער פון בונד זעלבסט. פיעל פון זיי האָבען גע־האַלטען, אַז מען דאַרף דעם פּראָגראַם מאַכען לינקער וואָס אַנבעלאַנגט זיין סאָציאַליסטישען טייל, און וואָס נוגע

זיין ספעציעל=יודישען טייל, דאַרף מען אויך ווענ׳גער אונטערשטרייכען די נויטווענדיגקייט פון דער יודישער נאַציאָנאַל=קולטורעלער אויטאָנאָמיע; אַנדערע ווידער האָבען געהאַלטען אויך דעם איצטיגען בונד=פּראָגראַם פאַר צו=לינק און צו=ווענ׳ג יודיש=נאַציאָנאַל. ספעציעל שאַרף איז געוואָרען די דאָזיגע מיינונגס=פערשידענהייט נאָכ׳ן אויסברוך פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין יאָהר 1917. אַ גרויסער טייל פון בונד=מיטגלידער צוזאַמען מיט אַ רייהע פיהרער פון דער פּאַרטיי (צווישען זיי אסתר פרומקין און אַנדערע) האָבען זיך אָבגעשפּאָלטען און געשאַפען דעם קאָמבונד'' („קאָמוניסטישער בונד''), וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער באָלשעוויסטישער בעוועגונג און אַרבייט מיט איהר צוזאַמען. אָבער אויך צווישען די איבערגעבליבענע בונד=מיטגלידער, וואָס זענען אַמייסטען פערבליבען אין פּוילען האָבען זיך געשאַפען צוויי ריכטונגען, דער „לינקער בונד'' און דער „רעכטער בונד'', וועלכע זענען אָבער געבליבען צוזאַמען איין פּאַרטיי.

דער בונד עקזיסטירט (זינט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע) פּאַקטיש נאָר אין פּוילען, וואו ער פערנעהמט די וויכטיגסטע פּאָזיציע אין דער יודישער סאָציאַליסטישער אַרבייטערשאַפט און צעהלט איצט (אין יאָהר 1933) ביי 50 טויזענד מיטגלידער און סימפּאַטיקער. ער פיהרט פּאַקטיש אָן מיט דעם גרעסטען טייל פון די יודישע פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער=פעראיינען אין פּוילען, האָט אַ גרויסען איינפלוס אין דער אָנפיהרונג פון די יודישע וועלטליכע שולען מיט יודיש אַלס אונטערריכטס=שפּראַך (פון „ציש''א''), און אין דער קולטור=ענטוויקלענדער אינסטיטוציע „קולטור=ליגע''.

גיעט אַרוים אַ טעגליכע צייטונג אויף יודיש „פּאָלקס=צייטונג'', ווי אויך אַ ליטעראַרישע וואָכענשריפט „וואָכענשריפט''.

אין בעצוג צו ציוניזם האָט דער בונד אַ דורכאויס נעגאַטיווע שטעלונג, האַלטענדיג, אַז ארץ=ישראל קאָן נישט לעזען די יודען=פּראַגע, וועלכע מוז געלעזט ווערען אין יעדען לאַנד, וואו יודען וואוינען, דורך פיהרען דעם קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג אויפ׳ן אָרט, און ווייל ארץ=ישראל קאָן די יודען=פּראַגע אין אַלגעמיין נישט לעזען, דעריבער בעטראַכט דער בונד דעם ציוניזם אַלס שעדליך און בעקעמפט איהם. ערשט אין די לעצטע יאָהרען איז צו בעמערקען אין די בונד=רייהען זעלבסט אַ שוואַכע בעוועגונג יאָ צו בעציהען זיך צי דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ=ישראל פּאָזיטיוו. אין דער הינזיכט פון אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע געהערט דער בונד צום 2=טען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער נעהמט אַרום די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון פערשידענע לענדער אין געגענזאַץ צום 3=טען אינטערנאַציאָנאַל („קאָמינטערן'') וועלכער נעהמט אַרום די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די לענדער.

די הויפּט=פיהרער, וואָס האָבען געהאַט אַ בעזונדערען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון „בונד'' און זיין פּראָגראַם, זענען געווען: מעדעם, מערעזשין, „אסתר'' (פרומקין), אלגין, צביון, קרעמער, קאַסאָווסקי, ליטוואַק, מיכאַלעוויטש; איצט זענען די וואָרט=פיהרער פון בונד אין פּוילען עהרליך, כמורנער (לעשטשינסקי), אַלטער, פּאָרטנאָי און אַנדערע, וועגען אַ טייל פון זיי געבען מיר ביי די בעטרעפענדע שטיך=ווערטער פון זייערע נעמען.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע: די ידיעות וועגען

בונד, היסטאָרישע און פּאַרטיי=פּאָלעמישע זענען פאַרהאַן זעהר פיעל צעוואָרפען אין פערשידענע ווערק ווי אויך צייטשריפטען. א חוץ אין די ביאָגראַפיעס און זכרונות פון די בונד=פיהרער „זכרונות פון אַ יודישען סאָציאַליסט” פון מיכאַלעוויטש וואַרשא 1921 — 1923, „זכרונות” פון מעדעם וואַרשא, 1917, „פון מיין לעבען”, פון מעדעם ניו=יאָרק 1923, „זכרונות” פון ליטוואַק (1926) איז דאָס וויכטיגסטע בוך איבער דעם בונד, בוכבינדער, „די געשיכטע פון דער יודישער אַרבייטער=בעוועגונג”, מאָסקווא 1926; פיעל מאַטעריאַלען איז פאַרהאַן אין קירזשניץ, „דער יודישער אַרבייטער”, מאָסקווא 1928, אַגורסקי, „דער קאַמף געגען בונד” מאָסקווא 1932, „דער בונד אין דער רעוואָלוציע” (לויטן בונדישען אַרכיוו) וואַרשא 1930, שולמאַן, „בלעטלעך געשיכטע” וואַרשא 1929, „25 יאָהר בונד” וואַרשא 1923 (גענויע געשיכטליכע דאַטעס פון דער בונד=ענשטעהונג ביז 1923), אַרבייטער=לוח ערשינען אין וואַרשא פון 1920 ביז 1926, „בעריכט פון צוזאַמענפאָהר פון בונד אין פוילען”, יאַנואַר 1929 (דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבען די סטאַטוטען פון דער פּאַרטיי, דער אָרגאַניזאַציע=בוי, דער צוזאַמענשטעל פון די אָרגאַניזאַציע=אָרגאַנען, צענטראַל=קאָמיטעט, ווי אויך פון די בונדישע נעבען=אָרגאַניזאַציעס: צוקונפט פון דער יוגענד, „סקיף” פון קינדער, „מאָרגענשטערן” פאַר ספּאָרט).

**בוסתנאי** בעריהמטער יודישער ראש הגולה אין בבל אין 7=טען יאָהרהונדערט, דער ערשטער ראש הגולה אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער (מאַכמעדאַנער) אין בבל. וועגען בוסתנאי זענען פאַרהאַן צוויי לעגענדעס. איין לעגענדע איז, אַז דער פערסישער קעניג, וואָס האָט געהערשט איבער בבל, האָט בעשלאָסען אויסצוהרגענען אַלע יודען, וואָס שטאַמען פון דוד המלך (די ראש הגולה=פאַמיליע האָט געשטאַמט לויט דער טראַדיציע פון דוד המלך). ער האָט געלאָזט אַלע פון דער פאַמיליע נעהמען געפאַנגען און זיי געטויט. געבליבען איז נור איין שוואַנגער פרוי, די שנור פון פאָריגען ראש הגולה. ביינאַכט האָט דעם פערסישען קעניג זיך געחלומט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גאָרטען און האַקט אויס אַלע בוימער, און ווי ער האָט זיך דערנעהנטערט צום לעצט=געבליבענעם יונגען בוים, כדי איהם אַראָבצוהאַקען, איז צו איהם צוגעקומען אַ אַלטער מאַן און אַרויסגעכאַפּט פון זיין האַנד די האַק און מיט איהר פערוואונדעט דעם קעניג אין שטערען, און דער קעניג האָט איהם געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט דעם לעצט=געבליבענעם יונגען בוים פפלעגען, ביז עס וועט פון איהם צוריק אַרויסוואַקסען אַ גאָרטען. ווען דער קעניג האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערצעהלט דעם חלום, און איינער פון די יודישע חכמים האָט איהם דאָס אויסגעטייטשט, אַז דער אַלטער מאַן איז געווען דוד המלך, און אַז איצט דאַרף דער קעניג אָבהיטען דאָס לעצט=געבליבענע קינד, וואָס דאַרף געבוירען ווערען פון דער דאָזיגער פאַמיליע. דער קעניג האָט זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבען דעם אַלטען מאַן אין גאָרטען, ערפילט, און ער האָט ערצויגען דאָס געבליבענע קינד, וועלכעם ער האָט אַ נאָמען געגעבען בוסתנאי, וואָס איז אויף פערסיש דער טייטש „גאָרטען”, אַלס אנדענקונג צום חלום מיט’ן גאָרטען. ווען בוסתנאי איז עלטער געוואָרען, איז ער געוואָרען דער ראש הגולה פון אַלע יודען אין בבל. איינמאָל האָט ער זיך געפונען אין דער אנוועזענהייט פון קעניג, און אַ פליג האָט איהם דעמאָלס זיך געשטעלט אויפ’ן געזיכט און איהם געביסען ביז בלוט, אָבער בוסתנאי האָט זיך נישט קיין בעוועג געטהון, אויס אַכטונג צום קעניג. פון דעמאָלס אָן האָט בוסתנאי אין זיין פאַמיליען=הערב און סטעמפּעל פון ראש הגולה אַריינגעשטעלט דאָס בילד פון אַ פליג. אין דער צייט פון בוסתנאי איז

אויף פאַרגעקומען דאָס וויכטיגע געשעעניש: מאַכאַמעד האָט געגרינדעט די נייע רעליגיע פון איסלאַם, און זיין תּלמיד, דער ערשטער מאַכמעדאַנישער קאַליף אָמאַר האָט איינגענומען פיעל לענדער אין אַזיען און צווישען זיי אויך בבל און פּערסיען. אָמאַר האָט בוסתנאי'ן וויטער בעשטימט אַלס ראש הגולה, און האָט איהם געגעבען אַלס פרוי דאַראַ, די טאָכטער פון לעצטען פּערסישען קעניג כאָסראָ. נאָכ'ן טויט פון בוסתנאי האָבען זיינע קינדער פון דער יודישער פרוי זיך געקריגט וועגען דער ירושה מיט די קינדער פון דער פּערסישער פרוי דאַראַ, און וועגען דער מחלוקה זענען פאַרהאַן תּשובות אין די תּשובות הגאונים פון יענער צייט. דאָס איז דער נוסח פון איין לעגענדע. אַנ'אַנדערער נוסח דערצעהלט די זעלבע לעגענדע, אָבער אַז דאָס האָט נישט דער פּערסישער קעניג בעפויהלען צו טויטען די פאַמיליע פון ראש הגולה, נאָר דער ראש מתיבתא רב חנינא האָט צוליעב אַ מחלוקה מיט'ן ראש הגולה מתפּלל געווען און די גאַנצע פאַמיליע פון ראש הגולה איז געשטאָרבען און געבליבען איז נאָר די שוואַנגער-פרוי, די מוטער פון בוסתנאי, און דער חלום איז פאָרגעקומען מיט רב חנינא'ן לויט דער דאָזיגער לעגענדע איז דער ריכטיגער נאָמען פון בוסתנאי געווען מר זוטרא.

צווישען די היסטאָריקער זענען פאַרהאַן פערשידענע מיינונגען וועגען די דאָזיגע לעגענדעס. אין דער בעקאַנטער תּשובה פון רב האי גאון („שערי צדק" סימן י"ז), וואו עס ווערט געבראַכט די מחלוקה וועגען דער ירושה, ווערט בוסתנאי אָנגערופען „בוסתנאי דהוא חנינא" („דאָס איז חנינא"). עס ווערט אָנגענומען, אַז בוסתנאי איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 620 און איז געשטאָרבען לערך דעם יאָהר 670. אין די קאַראַאימישע קוועלען ווערט ער אָנגערופען „בוסתנאי בן חנינא". צום ערשטען מאָל ווערט געבראַכט די בוסתנאי-לעגענדע אין „סדר עולם זוטא", וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין 8-טען יאָהרהונדערט. שפּעטער זענען ערשינען פערשידענע נוסחאות פון דער „מעשה בוסתנאי" (דאָס ערשטע מאָל געדרוקט אין ווענעציע 1585). וועגען בוסתנאי ווערט אויך געבראַכט אין דער בעריהמטער „אגרת דרב שרירא גאון".

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; הלוי, „דורות הראשונים" (אין דער גאונים-עפּאָכע); טיקאָטשינסקי אין „דביר" חלק א'.

**בועז** יודישע פּערזענליכקייט אין תּנ"ך, פון ספר „רות", (ווערט געשריבען „בעז"), געלעבט אין דער צייט פון די שופטים, זוהן פון שלמון פון שבט יהודה, לאַנדווירט אין בית לחם יהודה. אין רות ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט רות פון מואב און פון זיי איז אַרויסגעקומען די פאַמיליע פון דוד המלך. וועגען דער היסטאָרישער בעדייטונג פון דעם דאָזיגען סיפּור געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „רות".

**בוענאָס-איירעס** הויפּט-שטאָדט פון אַרגענטינא, צעהלט לערך 1 מיליאָן איינוואוינער, צווישען זיי לערך 100 טויזענד יודען אַ יודישע קהלה (געגרינדעט אין יאָהר 1868), צוויי יודישע טאָג-צייטונגען („די יודישע צייטונג" און „די פּרעסע"), צענטראַל-זיץ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין אַרגענטינא, יודישע שולען, תּלמוד-תּורות, פּראָפעסיאָנעלע

ארבייטער־פאַרטייען, 2 יודישע טעאַטערן. זעה אויך שטיך־וואָרט „אַרגענטינא".

## בוקאָווינא

לאַנד אין זיד־אייראָפּאַ, וואָס האָט פאַר דער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך, און נאָך דער וועלט־מלחמה אין יאָהר 1919 איז עס געוואָרען אַ טייל פון רומעניען. די הויפּט־שטאָדט פון בוקאָווינא איז טשערנאָוויץ. איבער דער ערשטער איינוואַנדערונג פון יודען אין בוקאָווינא זענען פאַרהאַן ביי די היסטאָריקער פערשידענע מיינונגען. טייל בעהויפּטען, אַז שוין אין די ערשטע יאָהרהונדערטער נאָכ'ן חורבן פון 2־טען בית־המקדש זאָלען אין בוקאָווינא זיך האָבען בעזעצט יודען, וואָס זענען געקומען אַהין פון די רומענישע ברעגעס ביים שוואַרצען ים, וואו זיי האָבען געוואוינט שוין אין די פריהעסטע צייטען. די נייעסטע געשיכטע פון יודען אין בוקאָווינא הויבט זיך אָן ערשט פון יאָהר 1775, ווען עסטרייך האָט איינגענומען בוקאָווינא, וואָס האָט ביז דעמאָלס זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי. איינגאַנצען האָבען זיך דעמאָלס געפונען אין בוקאָווינא 500 יודישע פאַמיליעס. פון דעמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסע איינוואַנדערונג פון יודען פון רוסלאַנד, גאַליציען און אונגאַרן קיין בוקאָווינא, און אָבוואָהל די עסטרייכישע רעגירונג האָט איינגעפיהרט פערשידענע בעגרענצונגען פאַר פרעמדע יודען האָט דער יודישער ישוב אין בוקאָווינא כסדר זיך פערגרעסערט. דעמאָלס האָט זיך אויך אָנגעהויבען די איינוואַנדערונג פון דייטשען קיין בוקאָווינא, אַזוי, אַז דאָס לאַנד האָט מיט דער צייט בעקומען אַ געמישטע בעפעלקערונג פון רומענער, אוקראַינער, יודען, פּאָליאַקען און דייטשען. אין ענדע פון 18־טען און אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט דער יודישער ישוב אין בוקאָווינא אַרויסגעוויזען אַ גרויסע נייגונג צו דער השכלה, און אין בוקאָווינא האָבען זיך געגרינדעט פיעל יודישע שולען מיט דייטש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך אין געגענזאַץ צום שכנות'דיגען גאַליציען און פּאָדאָליען, וואו עס האָט געהערשט דאָס חסידות. דער צענטר פון דער השכלה איז געווען די הויפּט־שטאָדט טשערנאָוויץ, און אָבוואָהל דאָס חסידות האָט זיך בעמיהט צו פערנעהמען פּלאַץ אויך אין בוקאָווינא (אין טשערנאָוויץ איז געווען דער בעריהמטער חסידישער רב רבי חיים, מחבר פון „באר מים חיים", און אינמיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין בוקאָווינא געגרינדעט דער סאַדיגורער הויף), אָבער די השכלה האָט אין בוקאָווינא געזיגט שוין גאָר פריה, און אין ענדע פון 19־טען און אָנהויב 20־טען יאָהרהונדערט האָט בוקאָווינא אַרויסגעגעבען בעדייטענד'ע יודישע געלעהרטע, פּאָליטיקער, אַזוי ווייט, אַז דער רעקטאָר פון דער דייטשער אוניווערסיטעט אין טשערנאָוויץ פאַר דער מלחמה איז געווען אַ יוד (צעזאַר פּאָמעראַנץ). אין בוקאָווינא איז אויך די יודישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג געווען לעבהאַפט ענטוויקעלט שוין אין ענדע פון 19־טען יאָהרהונדערט. דאָרט זענען געגרינדעט געוואָרען די ערשטע ציוניסטישע פעראיינען אין עסטרייך; דאָרט איז ענטשטאַנען דער ערשטער פּראָיעקט פון איינפיהרען אַ נאַציאָנאַל־יודישע אויטאָנאָמיע. אין טשערנאָוויץ איז אויך געווען דער בעריהמטער צוזאַמענפאָהר פון די יודישיסטען צו אַנער־

קענען יודיש אַלס די נאַציאָנאַל=שפּראַך
פון יודישען פאָלק. נאָך דער וועלט=
מלחמה ענדע יאָהר 1918 איז בוקאָווינא
אַריבער צו רומעניען, און אויך אונטער
דער רומענישער הערשאַפט נעהמען די
יודען אַ גרויסען אַנטייל אין עפענטלי=
כען לעבען, שיקען זייערע פאָרשטעהער
אין רומענישען פּאַרלאַמענט, און אָבּ=
וואָהל עס בעמערקען זיך אויך אין
בוקאָווינא אַנטיסעמיטישע אָנפאַלען
פון די רומענישע „קוזא"=אַנטיסעמיטען
און לעצטענס (זינט דער הערשאַפט פון
היטלער אין דייטשלאַנד אין יאָהר
1933) אויך פון די דייטשע איינוואוי=
נער, פיהרען דאָך די בוקאָווינער יודען
אַ בעוואוסטזיניג נאַציאָנאַל לעבען און
פערנעהמען הויכע שטעלונגען אין אַל=
געמיינעם עפענטליכען לעבען.

עס לעבען איצט אין בוקאָווינא (יאָהר
1933) לערך 190 טויזענד יודען אויף
דער אַלגעמיינער צאָהל בעפעלקערונג
פון לערך 950 טויזענד. די יודען בע=
שעפטיגען זיך מיט האַנדעל, מלאכה,
פרייע פּראָפעסיעס און אויך מיט לאַנד=
ווירטשאַפט. אויספיהרליכעס איבער די
יודען אין בוקאָווינא געבען מיר אויך
ביי די שטיך=ווערטער „טשערנאָוויץ"
און „רומעניען"; אין דעם שטיך=וואָרט
טשערנאָוויץ געבען מיר איבער דעם
לאָקאַלען לעבען פון די בוקאָווינער יו=
דען, און אין שטיך=וואָרט „רומעניען"
איבער דעם אַלגעמיינעם אַנטייל פון די
בוקאָווינער יודען אין פּאָליטישען לע=
בען פון רומעניען.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּע=
דיעס, בעזונדערס די יודיש=דייטשע ענציקלאָ=
פּעדיע.

**בוקאַרעשט** הויפּט = שטאָדט פון
רומעניען; איבער די
יודען פון בוקאַרעשט געבען מיר ביים
שטיך=וואָרט „רומעניען".

**בוקסטאָרף** פאַמיליען=נאָמען פון
2 בעריהמטע קרים=
טען (פאָטער און זוהן אין 17=טען יאָהר=
הונדערט, וואָס האָבען זיך אויסגעצייי=
כענט אַלס געלעהרטע אין יודישער און
אָריענטאַלישער וויסענשאַפטען. — יאָ=
האַנעס בוקסטאָרף (דער פאָטער) איז
געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1564 אין
קאמען (דייטשלאַנד) און איז געשטאָר=
בען אין יאָהר 1629 אין באַזעל. ער האָט
ערלערנט די העברעאישע שפּראַך ווי
אויך תנ"ך, תרגום און די תלמודישע
ליטעראַטור אין אָריגינאַל. ער איז געווען
פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין דער
הויך=שולע אין באַזעל. ער האָט פער=
פאַסט אויף לאַטיין דעם „אוצר פון דער
גראַמאַטיק פון דער הייליגער שפּראַך"
(געדרוקט אין באַזעל 1609), וואָס ענט=
האַלט נישט נאָר אַ העברעאישע גראַ=
מאַטיק, נאָר אויך אויסצוגען פון אַלטע
העברעאישע ספרים, און אויך אַ קאַפּי=
טעל איבער דער גראַמאַטיק פון דער
עלטערער יודישער שפּראַך און אויס=
צוגען פון אַלט=יודישע טעקסטען (פון
„שבט יהודה", אליהו בחור'ס יודישער
תהלים=איבערזעצונג און אַנדערע). בוקס=
טאָרף האָט אויך אַרויסגעגעבען אויף
לאַטיין אַ רייהע ווערטער=ביכער פון
העברעאיש און פון תלמודישען אַראַמע=
איש (געשטיצט אויפ'ן ספר „ערוך"),
אַ תנ"ך=קאָנקאָרדאַנץ, און זיין בעריהמ=
טע „ביבליאָטעקא ראַביניקא" (אַ בי=
בליאָגראַפישע רשימה פון אַלטע העברע=
אישע ספרים). בוקסטאָרף איז געווען אַ
געגנער פון יודען און זיין יודען=שנאה
ווייזט ער אַרויס אין זיין בוך „סינאַגאָ=
גא יודאַאיקא". — בוקסטאָרף יאָהאַ=

נעם (דער זוהן פון פריהערדיגען) איז געבוירען געוואָרען אין באַזעל אין יאָהר 1599 און געשטאָרבען אין יאָהר 1664. אויך ער איז געווען פּראָפעסאָר פון העברעאיש. בעריהמט זענען זיינע לאַטיינישע איבערזעצונגען פון „מורה נבוכים" און פון „כוזרי", ער איז געשטאַנען אין בריפליכער פערבינדונג מיט אַ רייה יודישע געלעהרטע אין זיין צייט, צווישען זיי אויך מיט רבי מנשה בן ישראל.

ביבליאָגראַפיע: סאָלאָווייטשיק און רובאַשאָוו „תולדות בקורת המקרא" (איבער דעם יונגערען בוקסטאָרף); שולמאַן, „די געשיכטע פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור" אין שלום־עליכם'ס „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק"; רייזען, לעקסיקאָן (1914); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בחת** אונטער דעם דאָזיגען נאָמען איז בעקאַנט דער בעריהמטער פּוסק רבי יואל סירקיש, מחבר פון „בית חדש" און דערפון איז די ראשי־תבות ב"ח. מיר געבען וועגען איהם ביים שטיך־וואָרט „סירקיש".

**בחור אליהו** בעריהמטער העברעאישער מדקדק און שפּראַך־פאָרשער און אויך שריפטשטעלער אין דער אַלט־יודישער שפּראַך אין דער 2־טער העלפט פון 15־טען און ערשטער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט. ער איז אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען „אליהו לעוויטא", און „אליהו בן אשר הלוי אשכנזי". גענוי ווען ער איז געבוירען געוואָרען איז שווער פעסטצושטעלען. עס איז זיכער, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין ניישטאַדט אין דייטשלאַנד ביי מינכען, וואהרשיינליך אין יאָהר 1472 (לויט דער מיינונג פון בובער אין יאָהר 1468) און איז געשטאָרבען אַלס אַלטער מאַן אין ווענעציע אין יאָהר 1549. אליהו בחור האָט שוין אין דייטשלאַנד בעקומען אַ גרינדליכע בילדונג אין תלמוד און העברעאישער שפּראַך. פון דייטשלאַנד איז ער אַוועק קיין איטאַליען, וואוהין ער איז אָנגעקומען אין יאָהר 1504. עס איז דעמאָלס גראָד געווען די צייט פאַר דער רעפאָרמאַציע־בעוועגונג, ווען די קריסטליכע וועלט האָט זיך פעראינטערעסירט מיט יודישער וויסענשאַפט און ספּעציעל מט דער העברעאישער שפּראַך. אליהו בחור האָט אין רוים זיך בעקענט מיט דעם געלעהרטען קאַרדינאַל עגידיא דע וויטערבאַ, גענעראַל פון אויגוסטינער־אָרדען (אַ פריינד פון הומאַניסט רייכלין), דער קאַרדינאַל האָט אליהו בחור איינגענומען צו זיך אין הויז כדי צו לערנען ביי איהם העברעאיש, אויסהאַלטענדיג דעם יודישען געלעהרטען. גלייכצייטיג האָט אליהו בחור געלערענט ביים קאַרדינאַל די גריכישע שפּראַך און אַנדערע וועלטליכע וויסענשאַפטען. אַ דאַנק דעם קאַרדינאַל האָט אליהו בחור אין רוים בעקומען נאָך אַ רייה אַנדערע קריסטליכע תלמידים, וואָס האָבען געלערענט ביי איהם העברעאיש, צווישען זיי אויך דעם בישאָף דע־סעלוו און די געלעהרטע סעבאַסטיאַן מינסטער און פּוילוס פאַגיוס (איבערזעצער פון פרקי אבות אויף לאַטיין). לויט דעם אויפטראַג פון קאַרדינאַל האָט אליהו מחבר געווען זיין העברעאישען דקדוק־ספר „הבחור" אין יאָהר 1517, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין באַזעל רפ"ה און איז איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטיין דורך דעם דערמאָהנטען מינסטער. פון דאָזיגען ספר האָט ער בעקומען זיין נאָמען „בחור" (די מיינונג פון מאַקס עריק אין זיין „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור", אַז בחור האָט ער געהייסען,

ווייל ער האָט חתונה געהאַט שוין אַלט־זייענדיג איבער 40 יאָהר, איז בעוויזען געוואָרען אַלס נישט־ריכטיג; אגב איז ,,בחור'' געווען אַן אָנגענומענער טיטול, ווי ,,רבנו קלונימוס הבחור'' און אַנדערע). אין רוים האָט אליהו בחור זיך אויך בעקענט מיט דעם גרינדער פון דער רעפאָרמאַציע מאַרטין לוטער. אין יאָהר 1527 איז אליהו בחור, צוליעב די מלחמה־אונרוהען, אַוועק פון רוים און וואַנדערענדיג 2 יאָהר האָט ער זיך בעזעצט אין ווענעציע אין יאָהר 1529 וואו ער איז געווען קאָרעקטאָר אין באָמבערג'ס דרוקעריי; דאָרט האָט ער געוואוינט ביז זיין טויט אין יאָהר 1549.

אַ חוץ דעם דערמאָהנטען ספר ,,הבחור'' האָט אליהו מחבר געווען נאָך אַ רייה אַנדערע וויכטיגע ספרים, און דער וויכטיגסטער פון זיי איז זיין ,,מסורת המסורת'', (געדרוקט ווענעציע 1538, נאַכהער באַזעל 1539), אין וועלכען ער האָט געוואַגט אַרויסצוטרעטען מיט אַ שאַרפער קריטישער אַנאַליזע איבער די אַלע טראַדיציאָנעלע אָנגענומענע מיינונגען וועגען דער מסורה פון תנ''ך; אַ גרויסען איינדרוק האָט געמאַכט דעם בחור'ס מיינונג אין זיין דאָזיגען ספר, אַז די העברעאישע נקודות און טעמים, וועגען וועלכע מען האָט געמיינט, אַז זיי זענען גאָר אַלט און זענען געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, זענען אויפגעקומען גאָר שפּעט, יעדענפאַלס שוין נאָך דער צייט פון דער גמרא. די דאָזיגע מיינונג האָט שפּעטער געדיענט אויך אַלס קריטישער בעוויז נעגען דער טראַדיציע, אַז רבי שמעון בן יוחאי איז געווען דער מחבר פון זוהר, וועהרענד אין זוהר זענען שוין פאַרהאַן די נקודות און טעמים. — אויסער דעם ,,מסורת המסורת'' האָט דער בחור פערפאַסט אויך פאָלגענדע העברעאישע ספרים: ,,התשבי'' אַ ווערטער־בוך צו 712 תלמודישע ווערטער (וויפיעל עס בעטרעפט דאָס וואָרט ,,תשבי''). אין דאָזיגען ווערטער־בוך, אין וועלכען ער פערטייטשט די ווערטער אויף איטאַליעניש און יודיש, בענוצט זיך דער בחור מיט קענטנישען פון גריכיש און לאַטיין; ,,ספר ההרכבה'' (ערשינען יאָהר 1518) און ,,פרקי אליהו'' (גדערוקט 1520) ביידע אויף דקדוק; ,,טוב טעם'' אויף טעמים (ווענעציע 1538); ,,שמות דברים'' (איזנא 1542) אויף ווערטער אין תנ''ך; פירושים צום ,,מכלול'' פון רד''ק, צום ,,פתח דבר'' (אַ דקדוק־ספר) און צום ,,מהלך שבילי הדעת'' פון רבי משה קמחי; ,,הזכרונות'' אַ קאָנקאָרדאַנץ אויפ'ן תנ''ך; ,,המתורגמן'' אויף די אַראַמעאישע ווערטער אין תרגום (איזנא 1541).

אליהו בחור האָט אויסער זיינע העברעאישע ספרים אויך געשריבען ספרים און ביכער אין דער יודישער שפּראַך; ער איז איינער פון די עלטסטע שריפטשטעלער אין יודיש. די מיינונג, וואָס איז פאַרהאַן אין דער רוסיש־יודישער ענציקלאָפּעדיע, אַז אליהו בחור איז געווען דער איבערזעצער אויף יודיש פון חומש, געדרוקט אין קאָנסטאַנץ 1544 איז בעוויזען געוואָרען אַלס נישט ריכטיג. אָבער עס איז ריכטיג, אַז דער בחור האָט איבערזעצט אויף יודיש אין פערזען דעם ספר איוב (ווענעציע 1544) און דעם ספר תהלים (ווענעציע 1545). יודיש רופט ער אָן ,,טויטשע שפּראַך''. עס ווערט אָנגעגעבען אַז אליהו בחור איז אויך דער מחבר פון דער יודישער סידור־איבערזעצונג, וואָס איז ערשינען אין יאָהר 1562 אין מאַנטוא.

אליהו בחור איז אויך דער מחבר פון דער פּאָפּולערער ערצעהלונג „בבא בוך" (אויך „בבא=מעשה"), וואָס איז אייגענטליך (ווי צעדנער האָט בעוויזען) אַ איבערזעצונג פון איטאַליענישען ראָמאַן „בוּאָווע ד' אַנטאָנאַ", וועלכער איז איבערגעמאַכט פון אַ פּאָפּולערען ענגלישען ראָמאַן „סער בעווים אָוו העמטאָן". וועגען דער ערשטער יודישער אויסגאַבע פון בחור'ס בבא=בוך זענען פאַרהאַן פערשידענע מיינונגען: טייל געבען אָן, אַז דאָס איז ווענעציע 1540, און מאַקס וויינרייך האָט געפונען אַן'אויסגאַבע פון איזנע יאָהר 1508. יעדענפאַלס איז דער דאָזיגער יודישער ראָמאַן פון בחור וועגען קעניגליכען פרינץ בבא און זיינע פּאַסירונגען געווען זעהר פערשפּרייט צווישען די יודישע לעזער אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען; דער בבא=בוך איז איבערגעדרוקט געוואָרען פיעל מאָל (בן יעקב אין „אוצר הספרים" ברענגט אַ נישט=פולע רשימה פון די בבא=בוך=אויסגאַבען) און צוליעב זיין פּאָפּולאַריטעט ווערט בענוצט אויף יודיש דאָס וואָרט „בבא=מעשה" צו בעצייכנען אַ פאַנטאַסטישער ערצעהלונג. פרילוצקי אין „ייוואָ=בלעטער" נומער 4—5 פון יאָהר 1932 ברענגט כאַראַקטעריסטישע בעמערקונגען וועגען דעם פערבאָט פון דער רוסישער צענזור אין 19=טען יאָהרהונדערט צו דרוקען דעם „בבא=בוך". אליהו בחור זאָל אויך זיין דער אויטאָר פון אַ יודישען ראָמאַן „פּאַריז און וויענא" (וועגען דעם איז פאַרהאַן אַן'אויספיהרליכער אַרטיקעל פון יעקב שאַצקי אין „לאַנדוי=בוך", אַרויסגעגעבען פון „ייוואָ"). — פון פאַמיליען=לעבען פון אליהו בחור איז אונז ווייניג בעקאַנט. מען ווייסט נאָר, אַז זיינע צוויי אייניקלעך, זיהן פון אַ טאָכטער, האָבען זיך געשמדט, און דאָס זענען די בעקאַנטע משומדים אין 16=טען יאָהרהונדערט וויטאָריאָ עליאַנאָ און שלמה ראָמאַנאָ, וועלכער האָט אַלס משומד געהייסען יאָהאַנעס באַפּטיסטאָ.

ביבליאָגראַפיע: איבער אליהו בחור איז פיעל געשריבען געוואָרען; גרעץ, „געשיכטע"; שלמה בובער, „תולדות אליהו תשבי"; עריק אין זיין „געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור; צינבערג, געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור; די דערמאָהנטע אַרטיקלען פון שאַצקי און פרילוצקי; יודישע ענציקלאָפּעדיעס; רייזען לעקסיקאָן (1914).

**בַּחיי בן אשר** פּאָפּולער מפרש פון חומש אין שפּאַניען

אין דער 2=טער העלפט פון 13=טען און אָנהויב 14=טען יאָהרהונדערט. דער רבני בחיי איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1260 און האָט געלעבט אין סאַראַגאָסאַ (שפּאַניען), וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1340. ער איז געווען אַ תלמיד פון רשב"א (רבי שלמה בן אדרת). זיין פירוש אויף תורה (געדרוקט נעאַפּאָל 1492) איז אַ געמיש פון פשט, מדרש און קבלה, און איז אין די יודישע מאַסען ספּעציעל פּאָפּולער געוואָרען אַ דאַנק די אויסצוגען פון איהם אין יודיש, וואָס ווערען געבראַכט אָפט אין דעם טייטש=חומש „צאינה וראינה". דער רבנו בחיי האָט אויך מחבר געווען דעם „כד הקמח" אויף דרשות (קאָנסטאַנטינאָפּאָל רע"ה), „שובע שמחות" און שלחן ארבע". לויט דער מיינונג פון רייפמאַן האָט רבנו בחיי אויך מחבר געווען דעם ספר „האמונה והבטחון", וואָס ווערט בטעות צוגעשריבען דעם רמב"ן.

ביבליאָגראַפיע: וועגען רבנו בחיי האָט געשריבען אַ שטודיום אין דייטש בערנשטיין, „די שריפט=ערקלערונג פון בחיי בן אשר" (בערלין 1891); אזולאי, שם הגדולים; „די יודישע מפרשים" פון דוד דרוק (וואַרשא 1933); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בַּחיי אבן פְּקוּדָה** דאָס איז דער בערימטער יודיש-שפּאַנישער רעליגיעזער פילאָזאָף אין 12-טען יאָהרהונדערט, מחבר פון פּאָפּולערען ספר „חובות הלבבות". זיין פולער נאָמען איז „בחיי בן יוסף אבן פקודה" (אויך „בקודה"), ער איז אויך בעקאַנט מיט'ן נאָמען „רבנו בחיי הדיין" און „החסיד". וועגען לעבען פון דאָזיגען גרעסטען יודישען רעליגיעזען מאָראַל-פילאָזאָף, וועמענס ספר האָט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף מיליאָנען יודען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען — איז אונז כמעט גאָרנישט בעקאַנט. מען ווייסט אפילו נישט גענוי אין וועלכער צייט ער האָט געלעבט. עס זענען נור פאַרהאַן געוויסע אנדייטונגען, אז ער איז געוועזן דיין אין סאַראַגאָסאַ אָדער אין קאָרדאָבאַ אין שפּאַניען לערך אין ענדע פון 11-טען יאָהרהונדערט. טייל געלעהרטע היסטאָריקער רוקען איבער זיין צייט ביז אין דער מיט פון 12-טען יאָהרהונדערט, אַנדערע ווידער נעהמען אָן, אז ער האָט געלעבט אין אָנהויב פון 11-טען יאָהרהונדערט). זיין ספר האָט ער געשריבען אויף אַראַביש, וואָס איז דעמאָלס געוועזן די אומגאַנגס-שפּראַך פון די יודען אין שפּאַניען און אויף איהר האָבען געשריבען זייערע ספרים אויך אַנדערע גרויסע יודישע דענקער אין יענער צייט. דער נאָמען פון ספר אויף אַראַביש איז „קיטאַב אל הידאַיאַ אילאַ פאַראַאיד אל קולוב", דאָס הייסט „דאָס בוך איבער די פליכטען פון הארץ"; דעם אַראַבישען אָריגינאַל פון ספר האָט מען געפונען און ד"ר יהודה האָט איהם אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1912. אָבער אין דער יודישער וועלט איז ער בעריהמט געוואָרען דורך די העברעאישע איבערזעצונג פון ספר, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען איבערזעצער אין יענער צייט רבי יהודה אבן תבון, וועלכער האָט עס איבערזעצט לערך דעם יאָהר 1180 און האָט עס אַ נאָמען געגעבען „חובות הלבבות" („די פליכטען פון הערצער"). דער „חובות הלבבות" בעשטעהט פון אַ הקדמה און 10 שערים (קאַפּיטלעך). אין דער הקדמה זאָגט דער רבנו בחיי, אַז ער האָט געזעהן ווי יודישע מחברים האָבען פערפאַסט ספרים איבער פערשידענע מצוות און הלכות, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געשריבען וועגען די „מצוות פון הארץ", וואָס נעהמען אַרום אַלע געביעטען פון מוסר און חסידות, כאָטש ער האָט געפונען אַז די גאַנצע תורה און נביאים זענען פול מיט די דאָזיגע פליכטען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו שרייבען זיין דאָזיגען ספר, כדי צו ערקלערען די אַלע איינצעלהייטען פון די „הארץ-פליכטען". נאָך דער הקדמה קומען די 10 שערים. — דער ערשטער קאַפּיטעל הייסט „שער היחוד", וואָס ענטהאַלט פילאָזאָפישע הקירות און בעווייזען איבער דער עקזיסטענץ פון גאָט און אַז גאָט האָט בעשאַפען די וועלט מיט אַ ציעל און אַז עס איז פאַרהאַן נאָר איין גאָט אויף דער וועלט. אין דאָזיגען קאַפּיטעל בענוצט זיך דער רבנו בחיי מיט בעווייזען וועגען דער גאָט-עקזיסטענץ, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַ רייהע אַלטע גריכישע און אַראַבישע פילאָזאָפען ווי אויך פון רב סעדיה גאון'ס „אמונות ודעות". צו דער מיינונג, אַז די וועלט איז נישט ענטשטאַנען דורך אַ צופאַל, נאָר זי איז בעשאַפען געוואָרען דורך גאָט לויט אַ פּלאַן און צו אַ געוויסען ציעל, ברענגט רבנו בחיי אין דאָזיגען „שער היחוד" זיינע בעקאַנטע צוויי-

משלים: איין משל איז, ווי איינער האָט
געפונען אויף אַ פּאַפּיר אָנגעשריבען אַ
שעהנע פּאָעמע אין אַ קונסט-געפּאַרעמ-
טער שפּראַך און מען האָט איהם גע-
וואָלט איינרעדען, אַז דאָס האָט קיינער
נישט אָנגעשריבען, נאָר טינט האָט זיך
אויסגעגאָסען אויפ'ן פּאַפּיר צופעליג און
פון די טינט-פלעקען זענען צופעליג
ענטשטאַנען די ווערטער פון דער פּאָע-
מע. דער צווייטער משל איז, ווי איינער
האָט געפונען אויף פעלדער אַ פיין-
איינגעאָרדענטער מאַשין מיט גוט-פונק-
ציאָנירענדע רעדער אויף צו בעוואַסערען
די פעלדער, און מען האָט איהם געוואָלט
איינרעדען, אַז דאָס האָט קיין בעל-
מלאכה נישט געמאַכט, נאָר צופעליג זע-
נען זיך די מאַשין-טיילען צונויפגעקו-
מען. דער נמשל דערפון איז, אַז די
וועלט, וואָס איז איינגעאָרדענט מיט
אַזאַ צוועקמעסיגקייט, דער אָרגאַניזם
פון מענש, די בעוועגונגען פון די הי-
מעל-קערפּערס, קאָן נישט זיין קיין צו-
פעליג-ענטשטאַנענע זאַך, נאָר זי איז
געשאַפען געוואָרען דורך גאָט לויט אַ
פּלאַן און צו אַ געוויסען ציעל. אין
„שער היחוד" בעהאַנדעלט דער רבנו
בחיי אויך אַ רייה אַנדערע פילאָזאָפיש-
טעאָלאָגישע פּראָבלעמען, ווי די
„אַטריבוטען פון דער געטליכקייט"
(„תארי אלהים") די בעגריפען פון
„געטליכער איינהייט" און אַנדערע. צו
יעדען אַרויסגעזאָגטען פילאָזאָפישען גע-
דאַנק געפינט דער רבנו בחיי אַ ענט-
שפּרעכענטען פּסוק אין תנ"ך אָדער אַ
וואָרט אין דער גמרא צי אין מדרש,
אין וועלכע ער טייטשט אַריין זיין גע-
דאַנק. — דער צווייטער קאַפּיטעל הייסט
„שער הבחינה", איבער די פליכטען
פון מענש צו דערקענען די געטליכע
השגחה אין דער נאַטור, און די געטליכע
געזעצען ווי אַזוי צו לעבען אויף דער
וועלט. — דער דריטער קאַפּיטעל הייסט
„שער עבודת אלהים", אין וועלכען ער
לערענט ווי אַזוי דער מענש דאַרף דינען
גאָט, און דערביי פיהרט דער מחבר אַ
ויכוח געגען אַ גאַנצער רייה „מיינונגען
פון אונגלויביגע", וואָס גלויבען נישט
אין השארת הנפש (אונשטערבליכקייט
פון דער נשמה), שכר ועונש, און בע-
ריהרט דאָ אויך דאָס בעקאַנטע פילאָ-
זאָפיש-טעאָלאָגישע פּראָבלעם פון
„ידיעה ובחירה" (ווי אַזוי קאָן גאָט
וויסען אַלץ, און דערביי זאָל דער מענש
האָבען דעם פרייען ווילען, אין דער צייט
וואָס דאָס וויסען פאָרויס דורך גאָט דעם
מענש'ס מעשים מאַכט שוין אונמעגליך
דעם מענש צו טהון, וואָס ער וויל).
אין דאָזיגען קאַפּיטעל איז אויך פאַרהאַן
אַ דיאַלאָג צווישען דעם מענש'ס נשמה
און זיין קערפּער איבער די פערשידענע
שלעכטע און גוטע מידות און ערשיינונ-
גען פון מענש'ס לעבען, איבער בושה
און חוצפּה, כעס און גוטהאַרציגקייט,
עניוות און גאוה, רחמנות און אכזריות,
ליבע און שנאה, פרייד און טרויער און
אַנדערע. — אין פיערטען קאַפּיטעל
„שער הבטחון" רעדט אַרום דער מחבר
די מידה פון בטחון, ווי דער מענש,
טהוענדיג זיין אַרבייט, דאַרף לעגען זיין
האָפנונג אויף דער געטליכקייט; דערביי
ווייזט ער אָן, אַז בטחון ברענגט גייס-
טיגע רוה פאַר'ן מענש. אין דאָזיגען
קאַפּיטעל בעריהרט דער רבנו בחיי אויף
דאָס בעקאַנטע טעאָלאָגיש-עטישע
פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב
לו" (פיעל גוטע מענשען געהט שלעכט
אויף דער וועלט, און פיעל שלעכטע
מענשען לעבען אין וואוילטאָג). — דער-
נאָך קומען די ווייטערע קאַפּיטלען
„יחוד המעשה", „הכניעה", „התשובה";

„חשבון הנפש", „פרישות" און „אהבת ה'", אין וועלכע דער מחבר לערנט די פערשידענע פרומע מידות פון פרישות, בעשיידענהייט ליעבע צו גאָט, און צו זיינע דאָזיגע פילאָזאָפיש = אויסגעדרוק־טע געדאַנקען ברענגט ער די ענטשפּרע־כענדע פסוקים און ווערטער פון תנ"ך, גמרא, מדרשים, ווי אויך ווערטער פון פערשידענע דענקער, וועלכע ער רופט אים אַלגעמיין נישט אָן ביי די נעמען (אַ חוץ עטליכע, ווי אַריסטאָטעלעס, רב סעדיה גאון און אַנדערע), נאָר סתם „אמר אחד מן החסידים" („עס האָט גע־זאָגט איינער פון די חסידים") וכדומה.

א גאַנצע רייה געלעהרטע, ווי קויפ־מאַן, קאהלבערג, יהודה און אַנדערע, האָבען נאָכגעוויזען, אַז דער רבנו בחיי איז אין זיין „חובות הלבבות" געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אַ רייה אַראַביש = מאַכמעדאַנישע רעליגיעזע טע־אָלאָגען און מוסר=סעקטען פון יענער צייט. הויפּטזעכליך האָט געווירקט אויף איהם די לעהרע פון די „קאַלאַם" אָנ־הענגער (זיי ווערען אָנגערופען אין די העברעאישע ספרים „מדברים"), וואָס האָבען געפיהרט פון איין זייט אַ קאַמף געגען די אפיקורסים און פון דער צוויי־טער זייט — געגען דער אַנטי=פילאָזאָ־פישער ריכטונג אין דער מאַכאַמעדאַני־שער וועלט. אַ בעזונדערע ווירקונג האָ־בען געהאַט אויף דעם רבנו בחיי די אַראַבישע עטישע סעקטע „אחי הטהרה" („אחוואַן אַלצאַפאַ"), „ברידער פון ריינהייט", דאָס איז געוועזען אַ געזעל־שאַפט פון פרומע מאַכאַמעדאַנער אין די לענדער פון פאָדער=אַזיען און צפון אפריקא אין 10=טען און 11=טען יאָהר־הונדערט, וואָס האָט געזוכט אויסצו־גלייכען די אַלטע גריכישע פילאָזאָפיע מיט די רעליגיעזע לעהרען פון איסלאַם.

אויך זאָל דער רבנו בחיי האָבען גע־שטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער רעליגיעזער סעקטע „סופיער" און אַנדערע אַראַבישע חסי־דים=אסקעטען, וואָס האָבען געלערנט צו לעגען דער עיקר אַכט אויף דער עטישער אויפפיהרונג פון מענש, זיך אָבצוזאָגען פון עולם הזה און זיך פער־טיפען אין די געדאַנקען וועגען דער געטליכקייט. די אַלע ווערטער, וואָס ווע־רען געבראַכט אין „חובות הלבבות" אַלס „אמר אחד מן החסידים" שטאַמען אַלע פון די דערמאָהנטע אַראַבישע לעהרער.

דער איינפלוס פון „חובות הלבבות" אין דער יודישער וועלט אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען איז געוועזען אונגעוועהנליך גרויס. אַלע דרשנים האָ־בען גענומען די טעמעס פאַר זייערע דרשות פון דאָזיגען ספר. עס האָבען זיך געגרינדעט חברות מיט'ן נאָמען „חובות הלבבות" צו לערנען דאָס דאָ־זיגע ספר אין בית=המדרש יעדען אָוונד. דער אזולאי אין „שם הגדולים" שרייבט וועגען מנהג צו זאָגען אַ קיצור פון „חובות הלבבות" אין די פרומע טעג פון עשרת ימי התשובה. אין בעקאַנטען ספר „מגיד משרים" פון מחבר פון שלחן ערוך רבי יוסף קארו (אין 16=טען יאָהרהונדערט), וואו עס ווערט פאָרגע־שטעלט, אַז אַ מגיד פון הימעל ערטיילט רבי יוסף קארו פערשידענע פרומע עצות אין פרומקייט, ווערט צווישען אַנדע־רעם געזאָגט פון מגיד, אַז רבי יוסף קארו זאָל יעדען טאָג לערנען אַ קאַפּי־טעל פון ספר „חובות הלבבות", ווייל דאָס וועט אין איהם מכניע זיין דעם יצר הרע און אָבשוואַכען זיין קראַפט. אין דער חסידישער וועלט איז דער חובות הלבבות בעטראַכט געוואָרען אַלס

דער „ראש וראשון לספרי המוסר" („דער העכסטער פון די מוסר־ספרים"). אויך פון די מאָדערנע יודישע געלעהרטע און דענקער איז דער ספר „חובות הלבבות" זעהר געשעצט געוואָרען. און גרעץ שרייבט וועגען איהם, אז נישט נור צווישען יודישע ספרים נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז נישט פאַרהאַן אַזאַ ערהאַבען עטיש ווערק, וואָס זאָל מיט זיינע געדאַנקען אַזוי ערוועקען מענשען צו אַ פיין און מאָראַליש לעבען. טייל געלעהרטע שטרייכען אונטער די פּאָעטישע זייט פון „חובות הלבבות", די הייליגקייט און וואַרעמקייט, מיט וועלכער ער איז געשריבען.

דאָס ערשטע מאָל איז דער „חובות הלבבות" געדרוקט געוואָרען דורך יוסף אשכנזי אין נעאַפּאָל 1490 (ר"ן), און נאָכהער איז ער איבערגעדרוקט געוואָרען פיעל מאָל און עס זענען צוגעגעבען געוואָרען צו איהם אַ רייהע פירושים ווי „מנוח הלבבות" (לובלין שנ"ו), „מרפא לנפש", „טוב הלבנון", „פת לחם", „לב הלבבות" און אַנדערע. פון „חובות הלבבות" איז אַ חוץ דער העברעאישער איבערזעצונג פון אבן תבון אויך געווען נאָך אַ העברעאישע איבערזעצונג פון רבי יוסף קמח. (פון דער דאָזיגער איבערזעצונג האָט יעלינעק אָבגעדרוקט דריי פּרקים, לייפּציג 1846). דער חובות הלבבות איז אויך איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטיין, שפּאַניש, דייטש און ענגליש. אין יאָהר 1716 איז ערשינען אויך די יודישע איבערזעצונג אין אַמסטערדאַם, געמאַכט דורך יצחק בן משה ישראל. אין די דאָזיגע יודישע איבערזעצונג איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרען פיעל מאָל צוזאַמען מיט'ן העברעאישען טעקסט. עס איז צו בעמערקען, אז דאָס ערשטע פילאָזאָפישע קאַפּיטעל „שער היחוד" איז אין דער דאָזיגער פערשפּרייטער יודישער איבערזעצונג נישט געדרוקט געוואָרען, נאָר אויף העברעאיש און אויף יודיש נישט, ווייל מען האָט געהאַלטען, אז דער „פשוט'ער המון", וואָס לייענט יודיש דאַרף זיך נישט פאַרנעהמען מיט פילאָזאָפישע חקירות איבער דער עקזיסטענץ פון גאָט, ווייל די קשיות וועט דער „המון" פערשטעהען און די תירוצים וועלען זיין פאַר איהם שווער, און דאָס קאָן פיהרען צו אפּיקורסות. אַ יודישע איבערזעצונג פון חובות הלבבות אין דער מאָדערנער יודישער שפּראַך איז ערשינען אויך אין ניו־יאָרק 1927. — אַ חוץ דעם „חובות הלבבות" האָט רבנו בחיי אויך פערפאַסט זיין מוסר־ליעד אויף העברעאיש מיט'ן אָנהויב „ברכי נפשי", וואָס איז געדרוקט צוזאַמען מיט'ן „חובות הלבבות", ווי אויך אַנדערע פּיוטים און בקשות. די מיינונג, אַז דער רבנו בחיי איז אויך דער מחבר פון פּסיכאָלאָגישען ספר „תורת הנפש" האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג.

ביבליאָגראַפיע: בערנפעלד, „דעת אלהים"; לאַנדסהוט „עמודי העבודה"; קויפמאַן, „די טעאָלאָגיע פון בחיי אבן פקודה" (דייטש); יהודה, איינלייטונג צו דער אַראַבישער אויסגאַבע פון חובות הלבבות אין יאָהר 1912; קאַהלבערג, „די עטיק פון בחיי" 1914 (דייטש); גרעץ, „געשיכטע"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בחירה** מיט'ן דאָזיגען וואָרט ווערט אין די עלטערע העברעאישע פילאָזאָפישע ספרים בעצייכענט דער בעגריף וועגען „פרייען ווילען" פון מענש. וועגען דעם פּראָבלעם פון פרייען ווילען אין דער יודישער רעליגיעזער פי־

לאזאפיע געבען מיר ביים שטיך־ווארט „ידיעה ובחירה".

**בטחון** מיט דעם ווארט בטחון ווערט אין דער יודישער רעליגיעזער עטיק בעצייכענט די פליכט פון מענש צו האבען האפנונג אין גאט נישט מייאש צו זיין זיך אין א שלעכטער לאגע, צו האפען, אז גאט וועט איהם העלפען. שוין אין תנ"ך זענען פארהאן זעהר פיעל פסוקים, וואס רעדען וועגען דער האפנונג פון מענש צו גאט; דאך בעקאנטע קאפיטעל אין תהלים „ה' רועי לא אחסר" איז דער שטארקסטער אויסדרוק פון בטחון צו גאט אין אלע ערגסטע אומשטענדען („גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע"). אין תלמוד, אין מדרש און שפעטער אין אלע ספרים פון דער יודישע מיטעלאלטער ־ פילאזאפען און אויך ספרי המוסר און די חסידישע ספרים אין די סאמע שפעטערע צייטען ווערט די מידה פון בטחון געשאצט זעהר הויך. אין ירושלמי ברכות פרק ה' זאגט רבי יוחנן „לעולם לא יהא הפסוק הזה זז מתוך פיך: אשרי אדם בוטח בך" (זאלסט שטענדיג זאגען דעם פסוק: וואויל איז דעם מענש, וואס האט צו דיר, גאט, בטחון"). אין די חסידישע ספרים ווערען דערצעהלט פערשידענע סיפורי־מעשיות פון צדיקים, וואס האבען געוויזען זייערע תלמידים, ווי ווייט עס דארף דערגעהן די מידה פון בטחון ביי א מענש.

**בטלנים** אין דער יודישער שפראך ווערט בעצייכענט מיט'ן ווארט בטלנים מענשען, וואס זיצען אין בית המדרש און לערנען אדער זענען עוסק אין חסידות צי פרומקייט און פערנעהמען זיך נישט מיט קיין בעשעפטיגונג, און האבען דעריבער נישט קיין ידיעה אין וועלט־זאכען. אין דער משנה מגילה פרק א' און אויך אין אנדערע ערטער פון דער גמרא (בבא קמא פ"ב) איז צו זעהן, אז די „עשרה בטלנין" (10 מענשען בטלנין) האבען אמאל פערנומען אין דער יודישער שטאדט אנ'אנגעזעהן ארט. אויך רבי בנימין פון טודעלא (אין 12־טען יאהרהונדערט) דערצעהלט אין זיין „מסעות", אז אין באגדאד האט ער געפונען די ישיבה פון 10 פערזאן, וועלכע ווערען גערופען „בטלנין", און זיי זענען נישט עוסק אין קיין זאך נאר אין צרכי צבור און זיי פסקענען די דין־תורות. אין דער חסידישער וועלט הייסען בטלנין אויך די, וואס זיצען ביים רבי אין הויף און אויך אין שטיבעל און פערנעהמען זיך נור מיט חסידות. אין אנסקי'ס טעאטער־פיעסע „דיבוק" קומען פאר כאראקטעריסטישע סצענעס פון בטלנים אין חסידים־שטיבעל, וועלכע זיצען און דערצעהלען זיך מעשיות פון רביים, זינגען מיט דבקות חסידישע ניגונים און זאגען תהלים פאר קראנקע.

**ביאגראפיע** דאס איז א גריכיש ווארט און בעדייט די „לעבענס ־ בעשרייבונג" פון א מענש. שוין אין די גאר אלטע צייטען זענען געווען לעבענס־בעשרייבונגען פון גרויסע יודישע פערזענליכקייטען, און עס איז קיין ספק נישט, אז די היסטארישע ספרים פון תנ"ך, שופטים, שמואל, מלכים, בעשטעהען אויך פון אויסצוגען פון פערשידענע ביאגראפישע ספרים, וואס זענען פערלוירען געגאנגען און אין וועלכע עס זענען געווען די איינצעלנע לעבענס־בעשרייבונגען פון די שופטים־

העלדען גדעון, שמשון, פון שמואל הנביא, דוד המלך, שפּעטערע מלכים, די נביאים אליהו, אלישע וכדומה. אין דער צייט פון בית שני זענען אין דער גריכשער שפּראַך געשריבען געוואָרען פון אַ גאַנצער רייה יודיש־גריכישע שריפטשטעלער (פילאָן און אַנדערע) ביאָגראַפיעס פון תנ"ך־פּערזענליכקייטען, ווי אברהם אבינו, משה רבנו און אַנדערע. אין דער צייט נאָך דער גמרא זענען פאַרהאַן אַמייסטענס ביאָגראַפישע ספרים, וואָס פאַרנעהמען זיך נישט מיט איין מענש, נאָר מיט אַ גאַנצער רייה פּערזענליכקייטען, ווי די בעקאַנטע „אגרת דרב שרירא גאון" (רשימה פון די גאונים אין בבל), „סדר התנאים והאמוראים" און אַנדערע. פון 15־טען יאָהרהונדערט בעווייזען זיך שוין אָפּטער די ביאָגראַפישע גענעאַלאָגישע ספרים וועגען פאַרזאָנען פון דער רבנישער וועלט, ווי דער „ספר יוחסין" פון רבי אברהם זכותא, דער „קורא הדורות" פון קונפורטו, נאכהער דער „סדר הדורות" פון רבי יחיאל האַלפּערין, „שם הגדולים" פון אזולאי, ווי אויך איינצעלנע ביאָגראַפיעס (שבחי האר"י וועגען רבי יצחק לוריא, „שבחי רבי חיים וויטאל" און אַנדערע). אין דער נייער צייט, ספּעציעל זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג אויף'ן געביעט פון חכמת ישראל בעוועגען זיך אַ בעדייטענדערע צאָל יודישע ביאָגראַפיעס, און צווישען די ערשטע פון זיי זענען געוועזן בעריהמט ד „תולדות" פון ראַפּאָפּאָרט, בעאַרביי־טונגען פון דעם לעבען און ווירקען פון די אַמאָליגע גרויסע יודישע פּערזענליכקייטען רבי נתן בעל הערוך, רב חננאל, רבי אלעזר הקליר און אַנדערע, וואָס האָבען די ערשטע געבראַכט אין דער יודישער פאָרשונג דעם מוסטער פון אַ וויסענשאַפטליכער ביאָגראַפיע־בעהאַנדלונג פון יודישע היסטאָרישע פּערזענליכקייטען. אין 19־טען און 20־טען יאָהרהונדערט זענען ערשינען יודישע ביאָגראַפישע ווערק אין אַ גרויסער צאָהל נישט נור אויף העברעאיש נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכען, אַמייסטענס אין דייטש; עס זענען ערשינען נישט נור איינצעלע־ביאָגראַפיעס נאָר אויך לעקסיקאָנען. מיר געבען דאָ די וויכטיגסטע לעקסיקאָניש - ביאָגראַפישע ווערק (אַחוץ די אַלגעמיין־יודישע ענציקלאָפּעדיעס וועגען וועלכע מיר געבען ביים שטיךוואָרט „ענציקלאָפּעדיעס"): „שם הגדולים" פון אזולאי (רשימה פון פוסקים און רבנים ביז אין דער 2־טער העלפט פון 18־טען יאָהרהונדערט; „שם הגדולים החדש" פון וואַלדען (רשימה פון חסידישע רביים ביז אין דער מיט פון 19־טען יאָהרהונדערט); „סדר הדורות החדש" פון באדאק (רשימה פון חסידישע רביים ביז אין דער מיט פון 19־טען יאָהרהונדערט). די „עשר'ס" פון בערנגער (ביאָגראַפיעס פון חסידישע רביים); „כנסת ישראל" פון פין (ביאָגראַפיעס פון בעריהמטע יודישע פּערזענליכקייטען ביז אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט); „תולדות חכמי ישראל" פון שולמאַן; „דור רבניו וסופריו" פון אייזענשטאַדט; „תולדות תנאים ואמוראים" פון היימאַן; „עמודי העבודה" פון לאַנדסהוט (רשימה פון מחברים פון פיוטים); „ספר זכרון" פון סאָקאָלאָוו; „אהלי שם" פון גאָטליב; גירונדי, „תולדות גדולי ישראל"; ציטרון'ס „לקסיקון ציוני", „זכרון לחובבים ראשונים", (ארץ־ישראל־פּערזענליכקייטען) פון גראַיעווסקי. אין יודיש זענען פאַרהאַן וויניגער'ס „גרויסע יודישע נאָ־

ציאָנאַל־ביאָגראַפיע" (ערשינען אין
טשערנאָוויץ אין די יאָהרען 1925 —
1930); רייזען'ס „לעקסיקאָן" ער־
שטע אויסגאַבע, ערשינען 1914, 2־טע
אויסגאַבע אין 4 בענדער ערשינען אין
די יאָהרען 1926 — 1930 (נעהמט
ארום שריפשטעלער אין דער יידישער
שפּראַך אָדער וואָס האָבען געשריבען
וועגען דער יודישער שפּראַך); זילבער־
צווייג'ס „לעקסיקאָן פון יודישען טעאַ־
טער" (נעהמט אַרום די יודישע אַרטיס־
טען און פּיעסע־שרייבער, ערשינען דער
ערשטער באַנד); „געשיכטע פון חזנים",
ראָזען (ניו־יאָרק 1924); „משומדים"
פון ציטראָן און „משומדים" (ספּעציעל
אין פּוילען) פון פרענק; אַ רשימה פון
יודישע לעקסיקאָניש־ביאָגראַפישע ווערק
אין אַנדערע שפּראַכען איז פאַרהאַן אין
יודיש־דייטשען לעקסיקאָן שטיך־וואָרט
„ביאָגראַפישע זאַמעלווערקע".

**ביאַליק חיים נחמן** בעדייטענד־
סטער הע־
ברעאישער דיכטער אין דער נייערער
צייט. ביאַליק איז געבוירען געוואָרען
עשרה בטבת יאָהר 1873 אין דאָרף
ראַדי, וואָלינער געגענד אין דער פאַ־
מיליע פון אַנ'אונפערמעגליכען קרע־
טשמע־אייגענטימער. זיין פאָטער, יוסף
ביאַליק, איז געווען אַ למדן. ווען ביאַליק
איז נאָך געווען אַ קינד האָבען זיינע
עלטערען זיך בעזעצט אין זשיטאָמער.
דאָרט איז זיין פאָטער געשטאָרבען אין
יאָהר 1880, ווען ביאַליק איז אַלט גע־
ווען 7 יאָהר. פון דעמאָלס אָן האָט
ביאַליק זיך ערצויגען ביי זיין זיידען
יעקב משה. שוין אַלס קינד האָט ביאַ־
ליק אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען
אין לערנען, און אַלט זייענדיג 12 יאָהר
האָט ביאַליק אַרויסגעוויזען פעראינטע־
רעסירונג צו די טיפע פילאָזאָפישע ווערק
פון דער יודישער חקירה אין מיטעל־
אַלטער, און ער האָט שוין דעמאָלס גע־
לערענט דעם „מורה נבוכים", „כוזרי"
„חובות הלבבות", „עיקרים", וואָס האָט
זיך געפונען ביי זיין זיידען. אַ חוץ דעם
האָט ער אויך זיך פעראינטערעסירט
מיט ספרים פון קבלה, חסידות. אין יאָהר
1888 איז ער אַוועק לערנען אין דער
בעריהמטער וואָלאָזשינער ישיבה. אין
דער דאָזיגער ישיבה איז אין יענער צייט
שוין געווען אין געהיים צווישען אַ גרוי־
סען טייל ישיבה־בחורים די בעוועגונג
צו השכלה, וועלטליכער בילדונג, און
אויך ביאַליק איז דאָרט מיטגעריסען
געוואָרען מיט דעם השכלה־שטראָם, זיך
געלערענט רוסיש, אָנגעהויבען צו לעזען
די ערשטע העברעאישע השכלה־ביכער
און אויך רוסישע ערצעהלונגען און לי־
דער. אין יאָהר 1891 איז ביאַליק אַוועק
קיין אָדעס, וואו עס איז דעמאָלס גע־
ווען דער צענטער פון יודישער השכלה
אין דרום־רוסלאַנד. אין יענעם יאָהר
האָט ער פערעפענטליכט זיין ערשטען
מאמר אין „המליץ" מיט'ן נאָמען „רעיון
הישוב" איבער פראַגען פון חבת ציון,
און באַלד דערנאָך, אין זעלבען יאָהר.
לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אחד העם
(מיט וועמען ביאַליק האָט זיך דעמאָלס
בעקענט אין אָדעס און וועלכער האָט
געהאַט אין גייסטיגען זין אויף ביאַ־
ליק'ן אַ גרויסען איינפלוס) האָט ביאַ־
ליק פערעפענטליכט אין זאַמעל־בוך
„פרדס" פון ראַווניצקי זיין ערשטען
העברעאישען ליעד „אל הצפור". שוין
אין דאָזיגען ליעד האָט זיך ביאַליק
אַרויסגעוויזען אַלס מייסטער פון דער
העברעאישער פּאָעזיע־שפּראַך, און די
צאַרטע בענקשאַפטספולע ציון־טענער

פונ'ם ליעד האָבען געמאַכט אויף די
לעזער דעם אונגעוועהנליכסטען איינ-
דרוק. דער ,,אל הצפור'' האָט דערמאָהנט
מיט זיין ליריזם די ציון-ליעדער פון רבי
יהודה הלוי. ביאַליק האָט באַלד דערנאָך
אויך פערעפענטליכט זיינע צוויי לידער
(אין ,,השלח'', רעדאַגירט דורך אחד
העם) ,,משוט במרחקים'' און
,,בתשובתי'', וואָס האָבען נאָכמעהר
פערשטאַרקט דעם איינדרוק צווישען די
העברעאישע לעזער, אַז אין דעם יונגען
ביאַליק האָט מען פאַר זיך אַ גרויסען
העברעאישען דיכטער.

אין יאָהר 1892 האָט ביאַליק חתונה
געהאַט, זיך בעזעצט אין שטעדטעל
קאַסטשעוו (נישט ווייט פון זשיטאָמיר)
וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע יאָהר
און פערעפענטליכט אַ רייה וואונדער-
פולע לידער, ,,ברכת העם'', ,,הרהורי
לילה'', ,,אגרת קטנה'', ,,דמעה נאמנה'',
,,מתי מדבר האחרונים'', ,,מה רב, אוי,
מה רב השממון''. אין יאָהר 1897 האָט
ביאַליק זיך בעזעצט אויף 2 יאָהר
אין סאָסנאָוויץ, וואו ער האָט זיך בע-
שעפטיגט אַלס לעהרער פון העברעאיש,
און דאָרט האָט ער געשאַפען אַ חוץ אַ
רייה קלענערע לידער (ווי ,,אכן חציר
העם'', ,,אם יש את נפשך לדעת'' און
אַנדערע) אויך זיין בעריהמטע פּאָעמע
,,המתמיד'' (יאָהר 1898), אין וועלכער
עס ווערען געשילדערט די אינערליכע
איבערלעבונגען פון דעם ישיבה-בחור,
דעם מתמיד, וואָס האָט זיך קאָנצענ-
טרירט אין זיך, איהם געהט נישט אָן
דאָס אויסערליכע, און זיין גאַנצע נשמה
איז אריינגעטהון נאָר אין לערנען, אין
אין דעם ,,אמר רבא'' און ,,אמר אביי''.
אין דאָזיגען ,,המתמיד'' ווי אויך אין
דעם ,,אם יש את נפשך לדעת'' און אַנ-
דערע לידער האָט ביאַליק, אין געגענ-
זאַץ צו די אַמאָליגע השכלה-קעמפּער
ארויסגעוויזען אַ פּאָזיטיווע בעציהונג
צום אַלטען פרום - יודישען לעבענס-
שטייגער, צום בית-מדרש. עטוואָס שפּע-
טער אין יאָהר 1899 האָט ביאַליק אויך
געשריבען זיין ערשטע ערצעהלונג אין
פּראָזע ,,אריה בעל גוף'', און אין דעם
זעלבען יאָהר האָט ביאַליק זיך ווידער
בעזעצט אין אָדעס, וואו ער האָט גע-
עפענט אַ דרוקעריי און שפּעטער אויך
געגרינדעט (צוזאַמען מיט ראווניצקי און
בן-ציון) דעם פערלאַג ,,מוריה'', וואָס
האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין
דער געשיכטע פון דער נייער העברעאי-
שער ליטעראַטור און פּעדאַגאָגיק, ארויס-
געבענדיג וויכטיגע ביכער אין די דאָזיגע
געביעטען. פון דעמאָלס אָן האָט ביאַליק
שוין אַ לאַנגע רייה יאָהרען געוואוינט
אין אָדעס (מיט'ן אויסנאַהם פון אַ קור-
צער צייט, אין יאָהר 1904, וואָס ער
האָט פערבראַכט אין ווארשא) און גע-
שאַפען זיינע בעריהמטע לידער
,,למתנדבים בעם'', ,,שירה יתומה'',
,,נטוף נטפה הדמעה'', ,,מתי מדבר''
און פיעל אַנדערע, ווי אויך עטליכע ליע-
דער אין דער יודישער שפּראַך (געדרוקט
אין דער וואָכענשריפט ,,דער יוד''),
צווישען זיי זיין ,,אונטער גרינינקע בוי-
מעלעך'' און די פּאָעמע ,,דאָס לעצטע
וואָרט'', וואָס האָט אריינגעבראַכט
דעם נבואישען פּאַטאָס אין יודיש.

אין יענער צייט, יאָהר 1903, נאָכ'ן
קעשענאָווער פּאָגראָם, האָט ביאַליק אָנ-
געשריבען זיין גרעסט ווערק, וואָס האָט
איהם אוועקגעשטעלט אַלס דעם בעדיי-
טענדסטען נאַציאָנאַלען דיכטער פון
יודישען פאָלק אין דער נייער צייט,
נעמליך, די פּאָעמע ,,משא נמירוב''.

וואָס האָט אויך געהייסן „מעיר ההרגה" (צוליעב דער צענזור האָט מען געמוזט ענדערען דעם נאָמען אויף „משא נמירוב"), דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון צער און צאָרן געגען דער דערנידעריגונג פון יודישען פאָלק, און אין דער פאָעמע איז געוואָרפען געוואָרען דער רוף צו זעלבסט-פערטיידיגונג. די זעלבע פאָעמע האָט ביאַליק שפּעטער, אין יאָהר 1906, אַרויסגעגעבען אויך אין זיין אייגענער איבערזעצונג אויף יודיש מיט'ן נאָמען „אין דער שחיטה-שטאָדט" (ערשינען 1906, אין דעם בוך „פון צער און צאָרן", וואו עס זענען אַריין נאָך אַ רייה יודישע ליעדער פון ביאַליק). דעמאָלס האָט ביאַליק אַ געוויסע צייט אויך רעדאַגירט דעם „השלח", און אַרויסגעגעבען אַ רייה וויכטיגע אַנטאָלאָגיעס פון דער אַלטער ליטעראַטור, ווי „שירת ישראל", ספר „האגדה", „דברי אגדה", „ספורי המקרא", „דברי תורה", „דברי נביאים", „דברי כתובים" (טייל פו זיי האָט ביאַליק אַרויסגעגעבען אויך אי יודיש: „פונם חומש", יודישע אגדות" און אַנדערע). גלייכצייטיג האָט ער אין פערלויף פון די שפּעטערדיגע יאָהרען ווייטער פערעפענטליכט אַ רייה נייע ליעדער און פאָעמעס („מגלת האש" און אַנדערע) און ספּעציעל אַ רייה ליעדער אויף פאָלקס-מאָטיווען, ווי „בין נהר פרת ונהר חדקל", „יש לי גן ובאר יש לי", „לא ביום ולא בלילה" און אַנדערע, עס זענען אויך ערשינען אין בוך-פאָרם ביאַליק'ס געזאַמעלטע שירים אויך האָט ער אין יאָהר 1908 פערעפענטליכט זיין ערצעהלונג „ספיח" (ערינערונגען פון זיין קינדהייט און יוגענד), און שפּעטער אויך אַ רייה איבערזעצונגען („דאָן קישאָט" און אַנדערע).

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה האָט ביאַליק רעדאַגירט דעם זאַמעלבוך „כנסת", איבערזעצט אויף העברעאיש „אַנסקי'ס „דבוק", געשריבען די ערצעהלונג „החצוצרה שנתבישה", ווי אויך אַ רייה ליעדער („הציץ ומת" און אַנדערע, ווי אויך אַרויסגעגעבען מיט דרואַנאָוו דעם ערשטען באַנד פון פאָלקלאָר-זאַמעלבוך „רשמות". נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אי יאָהר 1917 האָט ביאַליק פיעל געליטע, און זיין לעבען איז זאָגאָר געווען אין געפאַהר אין דער צייט פון דעניקינס אינוואַזיע אין רוסלאַנד. אַ דאַנק פיעל בעמיהונגען פון רוסישען שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי איז געלונגען ביאַליק'ן און נאָך אַנדערע 12 העברעאישע שריפטשטעלער צו פערלאָזען אין יאָהר 1921 ראַטען-רוסלאַנד. ביאַליק האָט דאָן פערבראַכט עטליכע יאָהר אין בערלין און האַמבורג, וואו ער האָט אַרויסגעגעבען די זאַמעל-ביכער „דביר" געווידמעט חכמת ישראל, און האָט צוגעגרייט זיין גראַנדיעזען פּלאַן פון „דביר"-פערלאַג, וועלכע זאָל אַרומנעהמען די אויסגאַבען פון דער גאַנצער אויסגעוועהלטער ליטעראַטור פון יודישען פאָלק, אָנהויבענדיג פון די פריהעסטע צייטען אין מיטעלאַלטער ביז דער נייסטער צייט. דעם דאָזיגען פּלאַן האָט ער אָנגעהויבען ברייט צו פערווירקליכען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך בעזעצט, אין יאָהר 1924, אין ארץ-ישראל, אין תל-אביב, וואו ער וואוינט אין זיין הויז „בית ביאַליק" (אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רחוב ביאַליק"), וואָס איז געוואָרען דער צענטער פאַר דער יודישער אינטעלי-

גאַנץ און געזעלשאַפט פון תל=אביב. אין דעם „דביר"=פערלאַג אין תל=אביב האָט ביאַליק אַרויסגעגעבן (אַ חוץ אַ רייה ווערק פון דער נייער ליטעראַטור) אויך מאָנומענטאַלע אויסגאַבען פון די שירים פון רבי שלמה אבן גבירול, רבי משה אבן עזרא צוזאַמען מיט בעמערקונגען און ערקלערונגען. ער האָט אויך אָנגעהויבען אַרויסגעבען משניות מיט נקודות מיט אַ אייגענעם קורצען פּירוש. אין ארץ=ישראל האָט ביאַליק אויך איבערזעצט אין העברעאיש שילער'ס ווילהעלם טעל און פראַגמענטען פון שעקספּיר'ס „יוליוס צעזאַר", ווי אויך אַ רייה קינדער=פּאָעמעס ווי „אלוף בצל ואלוף שום", „שור אבוס" און אַנדערע און אַרויסגעגעבען ווייטערע בענדער פון „רשמות". אַ חוץ זיין אַרבייט אויפ'ן געביעט פון ליטעראַטור האָט ביאַליק אויך אַנטוויקעלט אין ארץ=ישראל אַ לעבהאַפטע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, זייענדיג דער גרינדער און פיהרער פון אַ רייה וויכטיגע אינסטיטוציעס, ווי „אגודת הסופרים העבריים" (פון וועלכער ער איז עהרען=פּרעזעס), די קולטור=אינסטיטוציע „אהל שם", און אַנדערע. ביאַליק איז אויך מיטגליד פון קוראַטאָריום פון „מכון למדעי היהדות" (אינסטיטוט פאַר יודישער וויסענשאַפט) ביי דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין יאַנואַר 1933 איז אין דער גאַנצער יודישער וועלט געפייערט געוואָרען דער 60=יעהריגער יובילעאום פון ביאַליק און אַלע יודישע צייטונגען און צייטשריפטען האָבען איהם געווידמעט ספּעציעלע נומערען, און דורך פיעל יודישע אינסטיטוציעס זענען איינגעאָרדענט געוואָרען בעזונדערע פייערליכקייטען.

פיעל פון ביאַליק'ס ווערק זענען (אַ חוץ אין דער העברעאישער שפּראַך, אין וועלכער זיי זענען ערשינען עטליכע מאָל אונטער'ן נאָמען „כל כתבי ביאַליק") איבערזעצט געוואָרען אין פיעל שפּראַכען, רוסיש, דייטש ענגליש, פּויליש און אַנדערע. אין דער יודישער שפּראַך איז ערשינען אין יאָהר 1913 אַ זאַמלונג פון ביאַליק'ס „פּאָעזיע" מיט אַ ביאָגראַפיש=קריטישער איינלייטונג פון בעל מחשבות. אין דער דאָזיגער זאַמלונג געהען אַריין „נאַציאָנאַלע לידער" (געשריבען דורך ביאַליק אין יודיש), איבערזעצונגען, וואָס ביאַליק האָט געמאַכט אויף יודיש פון אַנדערע שפּראַכען (ווי הלוי'ס „ציון הלא תשאלי" און ים=ליעדער, היינעס „פּרינצעסין שבת"), „נאַטור=לידער", און איבערזעצונגען, וואָס אַנדערע דיכטער האָבען געמאַכט פון ביאַליק'ס העברעאישע לידער („דער מתמיד" דורך שוואַרץ און אַנדערע). די זעלבע יודישע אויסגאַבע איז ערשינען אויך אין בערלין יאָהר 1922 („דער מתמיד" פעהלט דאָרט) מיט'ן צוגאָב פון אַ רייה פאָלקס=לידער. אויך זענען ערשינען בעזונדערע איבערזעצונגען אויף יודיש פון ביאַליק'ס ערצעהלונג אין פערשידענע זאַמעל=ביכער.

ביבליאָגראַפיע: וועגען ביאַליק אַלס דיכטער און אויך זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט איז פיעל געשריבען געוואָרען. אַ גענויע ביבליאָגראַפישע רשימה וועגען ביאַליק'ס ווערק און אַרטיקלען איבער ביאַליק איז פערעפענטליכט אין „עין הקורא" 1923 העפטען ב — ג; פון דער לעצטער צייט איז אַ בעזונדערע רשימה וועגען ביאַליק פערעפענטליכט געוואָרען אין די צייטשריפטען און צייטונגען אין אָנהויב יאַנואַר 1933 צו ביאַליק'ס 60=יעהריגען יובילעאום („מאזנים", הארץ, „דבר", אין יודיש: „היינט" פון 8=טען יאַנואַר 1933, „מאָמענט" פון יענעם טאָג און אַנדערע יודישע צייטונגען. אין יודיש איז פאַראַן נ. מייזעל „ח. נ. ביאַליק" (לעבען

און שאפען); יהודה עלועט „ביאליק'ס טרעהרען"; די דערמאהנטע איינלייטונג פון בעל־מחשבות צו ביאליק'ס „פאעזיע"; ציטראן „לעקסיקון ציוני; רייזען, לעקסיקאן (1926); יודישע ענציקלאפעדיעם.

**ביבאגו אברהם** יודישער פילאזאף אין שפאניען אין דער 2־טער העלפט פון 15־טען יאהרהונדערט. ווען ער איז געבוירען געווארען און ווען ער איז געשטארבען, איז נישט בעקאנט. מען ווייסט נור, אז אין יאהר 1446 איז ער געווען אין דער שטאדט הוערקא און אין 1471 האט ער אנגעפיהרט מיט א ישיבה אין סאראגאסא. ער האט געפיהרט ויכוחים מיט קריסטליכע טעאלאגען. זיין הויפט־ספר איז דער „דרך אמונה" (געדרוקט קאנסטאנטינאפאג 1521), אין וועלכען ער זוכט אויסצוגלייכען די אמונה מיט דער פילאזאפיע. ביבאגו איז געשטאנען אין פילאזאפישער הינזיכט אונטער דעם איינפלוס פון אריסטאטעלעס און זיין אראבישען קאמענטאטאר אווראעס (אבן ר"שד) ווי אויך פון רמב"ם. ער האט אויך פערפאסט א ספר „עץ חיים".

ביבליאגראפיע; „כנסת ישראל" פין; „אור החיים" (255) פון מיכאעל; יודישע ענציקלאפעדיעם.

**ביבליאגראפיע** דאס איז א גריכיש ווארט, וואס בעדייט „ביכער־בעשרייבונג", און דערמיט ווערט בעצייכענט די וויסענשאפטליכע פערצייכנונג פון ביכער און זייערע אויטארען. געוועהנליך זענען די ביבליאגראפישע רשימות צונויפגעשטעלט לויט דער ארדנונג פון אלף־בית, און אין די רשימות ווערען אנגעגעבען דער נאמען פון בוך, דער מחבר, דאס ארט און יאהר פון דרוק, דער אינהאלט פון בוך, די גרויס פון בוך, די צאהל זייטען, די הסכמות און אנדערע איינצעלהייטען. די „יודישע ביבליאגראפיע" נעהמט ארום צוויי אבטיילונגען: 1) העבראאיקא", וואס ענטהאלט די רשימה פון אלע ביכער און ספרים, וואס זענען געשריבען געווארען מיט דעם העברעאישען אלף־בית, סיי אין העברעאיש, סיי אין יודיש, סיי אזי די פערשידענע אנדערע „יודישע" שפראכען (אראביש־יודיש, שפאניאליש און אנדערע); 2) „יודאאיקא", וואס נעהמט ארום אלע ביכער, וועלכע זענען געשריבען געווארען אין אנדערע שפראכען, אבער זיי בעהאנדלען יודישע ענינים. אין דער אלגעמיינער וויסענשאפט ווערען דערצו איינגעפיהרט נאך צוויי אבטיילונגען, וואס כאטש זיי האבען א שייכות צום יודענטום אבער זייער ביבליאגראפיע פיגורירט גאנץ בעזונדער; דאס זענען: „ביבעל־אבטיילונג", וואס נעהמט ארום די ביכער איבער דעם תנ"ך און כתובים אחרונים (אפאקרפיען), און „פאלעסטינא־אבטיילונג", וואס נעהמט ארום די ביכער, וועלכע בעהאנדלען פאלעסטינא־פארשונגען.

עס איז שווער פעסטצושטעלען, פון ווען אן עס האט זיך אנגעהויבען די יודישע ביבליאגראפיע, דאס הייסט, דאס צונויפשטעלען רשימות פון ספרים און ביכער פון יודישען אינהאלט. עס איז קיין ספק נישט, אז שוין אין די פריהערדיגע צייטען (פון די גאונים אין בבל) זענען געווען אזעלכע רשימות, וואס פראגמענטען פון זיי האט מען געפונען אין דער בעקאנטער „גניזה" אין קאהיר (פרטים אין געדענק־בוך אין ענגליש צום אנדענקען פון אבראהאמס.

ארויסגעגעבען 1927 אין ניו־יארק).

אבער די ערשטע פראבע צונויפצושטעלען א וויסנשאפטליכע יודישע ביבליאגראפיע שטאמט פון קריסטליכען געלעהרטען יאהאנעס בוקסטארף דעם עלטערען, אין ענדע 16־טען יאהרהונדערט, וועלכער האט אין זיין לאטיינישער „ביבליאגראפיא ראביניקא" (ארויסגעגעבען אין באזעל יאהר 1613 און 1640) צונויפגעשטעלט די ערשטע רשימה פון א רייה רבנישע ספרים אין דער ארדנונג פון אלף־בית. אבער די דאזיגע רשימה (וואס ענטהאלט אגב אינגאנצען 324 ספרים) האט נישט געהאט קיין בעזונדערען וויסנשאפטליכען ווערט. די ערשטע וויסנשאפטליכע בעארבייטונג פון יודישער ביבליאגראפיע איז געמאכט געווארען דורך א צווייטען קריסטליכען געלעהרטען בארטאלאצי (געבוירען 1613, געשטארבען 1687), וועלכער האט אין יאהר 1675 ארויסגעגעבען אין רוים זיין לאטייניש ווערק אין 4 בענדער „ביבליאטעקא מאגנא ראביניקא" (אויף העברעאיש איז דער טיטעל דערפון „קרית ספר"), וואס נעהמט ארום די רשימה פון 1960 רבנישע ספרים וואס האבען זיך געפונען דעמאלס אין דער וואטיקאן־ביבליאטעק, און דערצו האט א צווייטער געלערטער אימבאנאטי צוגעגעבען דאס פינפטע באנד „ביבליאטעקא לאטינא העבראאיקא", אין וועלכען ער גיעט די ביבליאגראפישע רשימה פון 2166 ביכער איבער יודען און יודענטום, וואס קריסטליכע געלעהרטע האבען געשריבען אין לאטיין. אונגעפעהר אין יענער צייט (אמסטערדאם 1680) איז אויך ערשינען דאס ערשטע ביבליאגראפישע ספר אויף העברעאיש, דאס איז דער „שפתי ישנים" פון רבי שבתי באס, מחבר פון „שפתי חכמים" (וועגען איהם געגעבען מיר ביים שטיך־ווארט „באס"), וועלכער האט בענוצט צו זיין ווערק די ביכער־זאמלונג פון אמסטערדאמער בית־המדרש און פון דער ביבליאטעק פון רבי משה אגילאר. צום סוף פון „שפתי ישנים" איז אויך פאראן א רעגיסטער „שער בת רבים" פון די מחברים פון די ספרים לויט אלף בית, ווי אויך א צעטיילונג פון די ספרים לויט די געביטען, וואס זיי בעהאנדלען, (שפעטער האט אבגעדרוקט א קיצור פון „שפתי ישנים" רבי יחיאל היילפערין אין „סדר הדורות", קארלסרוהע 1769). א גרינדליכע יודישע ביבליאגראפיע האט פערפאסט אין לאטיין יאהאן קריסטיאן וואלף, נעמליך, די 4 בענדער „ביבליאטעקא העבראאיקא" (געדרוקט אין האמבורג 1715 — 1733), און נאכהער האט קעכנער צוגעגעבען צו וואלף'ס בוך א צוגאב־רשימה מיט'ן נאמען „נאווא ביבליאטעקא העבראאיקא" (יענא 1783—84). וואלף האט כמעט ווי ערשעפט אין זיין רשימה אלע ספרים פון יענער צייט, און ער האט צו זיין ארבייט זיך בענוצט מיט דער בעריהמטער ביבליאטעק פון רבי דוד אפענהיים (וועגען איהם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „אפענהיים דוד"), וואס איז געווארען שפעטער דער יסוד פון דער יודישער אבטיילונג פון דער באדלעיאנא־ביבליאטעק אין אקספארד. אין יענער צייט האט רבי חיים יוסף דוד אזולאי ארויסגעגעבען זיין „שם הגדולים" (ליווארנא 1774—90), וואס ענטהאלט אויך א רשימה פון ספרים (שפעטער בעארבייט דורך בן יעקב ווילנא 1852). דער קריסטליכער געלעהרטער דע ראסי האט אין ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט פערעפענטליכט א רייה ארבייטען איבער די ערשטע העברעאישע דרוק־אויס־

גאבען „אינקונאבולען" (וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך־ווארט „אינקונאבולען").

די מאדערנע ביבליאגראפיע = פארשונגען אויפ'ן געביעט פון „העבראאיקא" און „יודאאיקא" האבען זיך אנגעהויבען ערשט אין 19־טען יאהרהונדערט, און בעזונדערס האבען בייגעטראגען צו דער גרינדליכקייט פון די פארשונגען די בעריהמטע יודישע געלעהרטע צונץ, ראפאפארט, שטיינשניידער, פירסט, בן יעקב, דוקעס, כרמולי, נייבויער, צעדנער, רעסט און אנדערע. אלס רעזולטאט פון זייערע ארבייטען זענען ערשינען (א חוץ פיעל פערשידענע אבהאנדלונגען פונאנדערגעווארפען אין וויסענשאפטליכע צייטשריפטען) די גרויסע יודישע ביבליאגראפיעס אין 19־טען יאהרהונדערט: די „ביבליאטעקא יודאאיקא" פון פירסט (לייפציג 1848—63), וואס נעהמט ארום ביי 40 טויזענד ביכער און ספרים פון העבראאיקא און יודאאיקא; שטיינשניידער'ס „קאטאלאג" פון דער באדלעיאנא ביבליאטעק (בערלין 1852—60); צעדנער, „קאטאלאג" פון בריטיש מוזעאום (לאנדאן 1867), רעסט, קאטאלאג פון דער ראזענטאל־ביבליאטעק (אמסטערדאם 1875); ליפע'ם „אסף המזכיר" (ווינען 1881—89), ווי אויך וויליאם צייטלין'ס ביבליאטעקא העבראאיקא פאסטמענדעלסאניאנא" (לייפציג 1891—95), וואס נעהמט ארום די העבראאישע ביכער נאך דער מענדעלסאן־עפאכע. און אנדערע. אין העבראאיש איז ערשינען נאכ'ן טויט פון מחבר דאס מאנומענטאלע ווערק פון יצחק אייזיק בן יעקב „אוצר הספרים" (געדרוקט ווילנא 1880 מיט בעמערקונגען פון שטיינשניידער), וואס ענטהאלט א רשימה פון לערך 17000 ספרים געדרוקטע (און אויך כתבי יד) אין העברעאיש, יודיש און אנדערע שפראכען אבער אלץ אין העברעאישען אלף־בית, ביז'ן יאהר 1863. וויכטיג איז אויך ווינער'ס „קהלת משה", וואס איז ערשינען ביז אות „ט". אין 19־טען יאהרהונדערט האבען אנגעהויבען ערשיינען אויך ספעציעלע צייטשריפטען, געווידמעט דער יודישער ביבליאגראפיע. די ערשטע צייטשריפט אין דייטש „העברעאישע ביבליאגראפיע" („המזכיר") האט ארויסגעגעבען שטיינשניידער אין די יאהרען 1858—82, נאכהער „צייטשריפט פיר העברעאישע ביבליאגראפיע" (אויף דייטש, ארויסגעגעבען פון פריימאן און בראדי, אנהויבענדיג פון יאהר 1896), און אויך אין די פערשידענע צייטשריפטען פאר אריענטאלישער וויסענשאפט און ביבליאגראפיע זענען איינגעפיהרט געווארען ספעציעלע יודאאיקא = אבטיילונגען. אין 20־טען יאהרהונדערט זענען די פארשונגען איבער יודישער ביבליאגראפיע פארטגעזעצט געווארען, און בעזונדערס האבען זיך פערנומען דערמיט די געלעהרטע פאזנאנסקי, פריימאן, בראדי, פריידוס, (פיהרער פון דער יודאאיקא־אבטיילונג אין דער ניו־יארקער שטאדט־ביבליאטעק), מארקוס, טויבער, און בעזונדערס וויכטיג איז געווארען די העברעאישע דריי־מאנאט־שריפט „קרית ספר", וואס האט אנגעהויבען צו ערשיינען ביי דער העברעאישער אוניווערסיטעטס = ביבליאטעק אין ירושלים זינט דעם יאהר 1924 און וועלכע פיהרט א גענויע רשימה פון אלע ניי־ערשינענע ספרים און ביכער סיי אין העברעאיש, יודיש, סיי אין אנדערע שפראכען פון יודישען אינהאלט, און גיעט דערביי אויך אבהאנד־

לונגען איבער זיי, ווי אויך פערשידענע
פאָרשונגען איבער אמאָליגע דרוקען
און כתבי=יד. א געוויסע בעדייטונג האָט
אויך געהאַט די ביבליאָגראַפישע צייט=
שריפט „עין הקורא‟, וואָס איז ערשי=
נען אין בערלין 1923, ווי אויך די סאָנ=
צינא=בלעטער, וואָס ערשיינען (אין
דייטש) אין בערלין זייט 1925. אין הע=
בראַיש איז אויך ערשינען (יאָהר
1929) פרידבערג׳ס „בית עקד הספרים‟
א רשימה פון העבראַישע ספרים. וואָס
אָנבעלאַנגט דער „פּאַלעסטינא‟ = פאָר=
שונג איז צו פערצייכענען די רשימה
פון טאַמסען פון פּאַלעסטינא=ביבליאָ=
גראַפיע פאַר די יאָהרען 1927—1895,
5 בענדער, צונויפגעזאַמעלט אלץ, וואָס
איז געשריבען געוואָרען וועגען פּאַ=
לעסטינא=ליטעראַטור פון די אַלטע ציי=
טען (4=טען יאָהרהונדערט) ביז 1878.
א ספּעציעלע ביבליאָגראַפיע איבער
קבלה=ספרים („ביבליאָגראפיא קאַבאַ=
ליסטיקא‟) איז ערשינען יאָהר 1928
פון ד״ר גרשון שלום.

אויך אויפ׳ן געביעט פון ביבליאָגראַ=
פיע פון ספרים און ביכער אין דער
יודישער שפּראַך זענען צו פערצייכנען
א רייה וויכטיגע אַרבייטען. שוין שטיינ=
שניידער אין זיין דערמאָהנטען ווערק
„קאַטאַלאָג‟ פון באדלעיאנא = ביבליאָ=
טעק האָט נאָטירט אַלע עלטערע ביכער
אין דער יודישער שפּראַך און צוגעגעבען
צו זיי ווערטפולע בעמערקונגען. דאָס
זעלבע האָט אויך געטהון בן יעקב אין
דערמאָהנטען „אוצר הספרים‟. א חוץ
דעם האָט שטיינשניידער נאָך אַנדערע
וויכטיגע ביבליאָגראַפישע אַרבייטען אי=
בער עלטערע ביכער אין דער יודישער
שפּראַך, נעמליך זיין „איבער די פאָלקס=
ליטעראַטור דער יודען‟ (אין גאָשעס
„אַרכיוו פאַר ליטעראַטור = געשיכטע‟
יאָהר 1872), אין ניימאַנ׳ס „סעראַפּע=
אום‟ (יאָהרען 1848, 49, 64, 66, 69),
אין זיין „געשיכסט=ליטעראַטור דער יו=
דען‟, אין זיין „ספרות ישראל‟ (הע=
בראַישע איבערזעצונג פון ד״ר מאַל=
טער) ווי אויך אין דערמאָהנטען זשור=
נאַל „המזכיר‟. א חוץ שטיינשניידער
און בן יעקב האָט אויך געבראַכט בי=
בליאָגראַפישע פערצייכנישען פון על=
טערע יודישע ביכער צעדנער אין זיין
דערמאָהנטען קאַטאַלאָג פון בריטיש=
מוזעאום. מיט דער ביבליאָגראַפיע פון
דער נייער ליטעראַטור אין דער יודי=
שער שפּראַך האָט מען זיך אָנגעהויבען
פעראינטערעסירען ערשט אין דער לעצ=
טער צייט, עטליכע יאָהר פאַר דער
וועלט=מלחמה. באָראָכאָוו אין ווילנער
„פנקס‟ (יאָהר 1913) האָט פערעפענט=
ליכט א ביבליאָגראַפיע פון וויסענ=
שאַפטליכע אַרבייטען איבער דער יודי=
שער שפּראַך. רייזען אין „לעקסיקאָן‟
פון יאָהר 1914 האָט פערעפענטליכט א
ביבליאָגראַפישע רשימה פון אַנאָנימע
ווערק ווי אויך פון טאָג=צייטונגען און
צייט=שריפטען אין יודיש. קיין אַלגעמיין
ביבליאָגראַפיש ווערק פון אַלע ביכער
איז נאָכנישט ערשינען. דער „יודישער
וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט אין ווי=
נא‟ („יוואָ‟) פערעפענטליכט רשימות
פון לויפענדע ערשיינענדע ביכער און
אויך וויכטיגערע צייטונגס=אַרטיקלען
(פון יודישען פאָקלאָריסטישען און
היסטאָרישען אינהאַלט) אין יודיש. א
ביבליאָגראַפישער זשורנאַל אויף יודיש
„די ביכער = וועלט‟ איז ערשינען אין
וואַרשא אין די יאָהרען 1922—1924,
אינגאַנצען 10 נומערען. אין דער וואָכענ=
שריפט „ליטעראַרישע בלעטער‟, וואָס
ערשיינט אין וואַרשא פון יאָהר 1923,
ווערט פערעפענטליכט יעדע וואָך א בי=

בליאָגראַפישע רשימה פון די לויפענדיע ערשיינענדע ביכער אויף יודיש.

ביבליאָגראַפיע: איבער דער עלטערער פאָרשונג פון העבראישער ביבליאָגראַפיע געפינט מען געוועהנליך אין די אַלע דערמאָהנטע ספרים אין זייערע איינלייטונגען, אין שטיינשניידער'ס „קאַטאַלאָג און „המזכיר", בן יעקב'ס „אוצר הספרים", אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס ביים שטיך־וואָרט „ביבליאָגראַפיע"; איבער יודישער ביבליאָגראַפיע אין דער דערמאָהנטער „ביכער־וועלט".

## ביבליאָטעק

מיט'ן וואָרט „ביבליאָטעק" בעצייכענט מען א זאַמלונג פון ספרים, אַלץ איינס, צי די זאַמלונג געהערט צו א פּריוואַטער פּערזאָן, צי זי געהערט צו א עפנטליכער אינסטיטוציע (שטאָט, געמיינדע, מלוכה, פעראיין, אינסטיטוציע). וועגען דעם צי עס זענען געוועזן יודישע ביבליאָטעקן (דאָס הייסט ספּעציעלע ביבליאָטעקן מיט ספרים פון יודישען אינהאַלט) אין די אַלטע צייטען, איז שווער צו זאָגען עטוואָס זיכערעס. געווים איז ביי יודען שוין אין די גאָר פריהערע צייט געוועזן שטאַרק געשעצט דאָס קויפען ספרים סיי פּריוואַט סיי אויף פּאַר ישיבות, (וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „ספרים") און ממילא זענען געוועזן אויך ספרים־זאַמלונגען. אָבער וועגען איינגעאָרדנטע אַלטע יודישע ביבליאָטעקן ווייסען מיר נישט. עס זענען געוועזן פּריוואַט־זאַמלונגען פון ספרים ערשט אין מיטעלאַלטער (ביי רבי שמואל הנגיד, רבי יהודה אבן תבון און אַנדערע). אין דער נייערער צייט, נאָך דער ערפינדונג פון דרוק אין 15־טען יאָהרהונדערט הערט מען עפטער וועגען יודישע פּריוואַטע ביבליאָטעקן (מאָדענא'ס אין פעראַרא. אגילאַר'ס אין אַמסטערדאַם, רבי מנשה בן ישראל'ס און אַנדערע). אויך זענען אין דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק אין רוים שוין גאָר פריה געזאַמעלט געוואָרען יודישע ספרים. אין 17־טען יאָהרהונדערט איז געוועזן בעריהמט די יודישע ביבליאָטעק פון רבי דוד אָפּענהיים, וואָס איז שפּעטער פערקויפט געוואָרען אין דער באָדלעיאַנא־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד. די פערשידענע פּריוואַטע יודישע זאַמלונגען זענען ביסלעכווייז אויפגעקויפט געוואָרען דורך עפענטליכע ביבליאָטעקען אָדער זיי זענען אוועקגעגעבען געוואָרען אַלס מתנה, און אַזוי אַרום זענען אין 19־טען יאָהרהונדערט ענטשטאַנען א רייהע גרויסע יודישע ביבליאָטעקען אין פערשידענע לענדער, אין וועלכע עס ווערט געזאַמעלט נישט נור געדרוקטע ספרים און ביכער, נאָר אויך כתבי־יד. מיר געבען דאָ א רשימה פון די גרעסערע ביבליאָטעקען, סיי אַלגעמיינע, וואָס ענטהאַלטען גרעסערע יודישע אָבטיילונגען, סיי ספּעציעל־יודישע ביבליאָטעקען.

די גרעסטע ספּעציעל־יודישע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס ווערען געזאַמעלט אויך אַלגעמיינע ביכער אָבער זי איז יודיש אַלס אינסטיטוציע) איז די אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק (נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק — ספריה לאומית) אין ירושלים, וועלכע איז ענטשטאַנען צוערשט דורך דער זאַמלונג פון ד"ר כאַזאַנאָוויטש „בית נאמן" און ווערט איצט כסדר ערגענצט דורך רייכע ביכער־מתנות, ווי אויך דורך איינקויפונגען (וועגען איהר געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „אוניווערסיטעט"). די גרעסטע יודישע ביבליאָטעק איז הינזיכט פון יודאאיקא־ און העבראאיקא־ביכער (וועגען די בעגריפען „יודאאיקא" און „העבראאיקא" געבען מיר ביים שטיך־

וואָרט „ביבליאָגראַפיע“) געפינט זיך ביים יודיש־טעאָלאָגישען סעמינאַר אין ניו־יאָרק, וועלכע צעהלט לערך 80 טויזענד געדרוקטע ספרים און ביכער, ווי אויך לערך 7 טויזענד כתבי־יד; אין דער דאָזיגער ביבליאָטעק זענען פאַרהאַן פיעל ווערטפולע עקזעמפּליאַרען, אינקונאַבולען און זאָגאַר אוניקומס (אַזעלכע ביכער, וואָס זענען נור פאַרהאַן צו איינצעלנע אין דער וועלט). אַ זעהר רייכע יודישע ביבליאָטעק איז אויך פאַרהאַן אין אַמעריקא ביים רעפאָרם־ראַבינער־סעמינאַר (היברו יוניאָן קאָלעדזש) אין סינסינאַטי, וועלכע ענטהאַלט ביי 65 טויזענד ביכער. אויך די יודישע דראָפּסי־קאָלעדזש־ביבליאָטעק אין פילאַדעלפיע איז אַ זעהר רייכע. אין אייראָפּא זענען די גרעסטע יודישע ביבליאָטעקען, די ביים ראַבינער־סעמינאַר (דזשוס קאָלעדזש) אין לאָנדאָן (לערך 40 טויזענד בענדער), ביי דער „אַליאַנס“ אין פּאַריז (לערך 28 טויזענד בענדער), ביי די ראַבינער־סעמינאַרען אין ברעסלוי, בודאַפּעשט, „עץ חיים“ אין אַמסטערדאַם, הויך־שולע פאַר וויסענשאַפט פון יודענטום אין בערלין, ביי די יודישע געמיינדען אין בערלין, פראַנקפורט, סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אין וואַרשאַ אויף טלאָמאַצקע, די שטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנא, די זאַמלונג ביים יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט („יוואָ“) אין ווילנא, וואָס נעטהאַלט ספּעציעל די רייכסטע זאַמלונג פון ביכער און צייטונגען אין דער יודישער שפּראַך. אַ חוץ די דאָזיגע ספּעציעל־יודישע ביבליאָטעקען זענען פאַרהאַן רייכע יודישע אָבטיילונגען ביי אַ רייהע גרויסע אַלגעמיינע ביבליאָטעקען, פון וועלכע די גרעסטע זענען די באָדלעיאַנא אין אָקספאָרד (ענגלאַנד), בריטיש־מוזעאום, קעמבּרידזש (ענטהאַלט אַ רייכע זאַמלונג פון כתבי־יד), די רוסישע שטאַאַטס־ביבליאָטעק און אויך דער אַזיאַטישער מוזעאום אין לענינגראַד (רוסלאַנד), די שטאָדט־ביבליאָטעק (פּובליק לייברערי) אין ניו־יאָרק, די פראַנקפורטער שטאָדט־ביבליאָטעק, די פּאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, און אויך ביי די אַנדערע קלענערע ביבליאָטעקען. — איבער די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעקען און לעזע־זאַלען געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „פאָלקס־ביבליאָטעקען“.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל“ (בית עקד ספרים“(; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן (רשימה פון די אַלגעמיינע ביבליאָטעקען און זייערע יודישע אָבטיילונגען).

## ביבעל

מיט'ן דאָזיגען נאָמען ווערט אין דער אַלגעמיינער וועלט אָנגערופען דער תנ"ך. דאָס וואָרט ביבעל שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַך, וואו דער אויסדרוק פאַר'ן תנ"ך איז געווען „ביבליאַ טאַ“ דאָס הייסט „די געטליכע ביכער“, און אין אָבקירצונג איז געוואָרען „ביבליאַ“ און „ביבעל“. אַרום דעם תנ"ך זענען ענטשטאַנען אַ רייהע וויסענשאַפטען, וואָס ווערען אָנגערופען מיט דעם נאָמען ביבעל און נאָך אַ וואָרט, ווי למשל „ביבעל־קריטיק“, „ביבעל־געשיכטע“ וכדומה. — מיר וועלען וועגען דעם אַלעם געבען ביים שטיך־וואָרט „תנ"ך“. — וועגען די ערשטע שריפטען פון קריסטענטום געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „עוואַנגעליום“ און „קריסטענטום“.

## ביזאַנץ

מיט'ן דאָזיגען נאָמען ווערט בעצייכענט די גרויסע אימפּעריע, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 4־טען יאָהרהונדערט, און האָט אַרומ־

גענומען אַלע מזרח-לענדער פֿון דער אַלטער רוימישער אימפּעריע, און איהר הויפּט-שטאָדט איז געווען קאָנסטאַנטינאָפּל (פֿריהער האָט די דאָזיגע שטאָדט געהייסען „ביזאַנץ"), וואו עס האָט געוואוינט דער אימפּעראַטאָר פֿון דער ביזאַנטישער מלוכה. אין דער געשיכטע פֿון יודישען פֿאָלק האָט די ביזאַנטינישע אימפּעריע געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע. ערשטענס צוליעב דעם, וואָס פֿון זינט רוים איז אין 4-טען יאָהרהונדערט צעטיילט געוואָרען אויף 2 בעזונדערע אימפּעריעס, „מערב-רוימישע" און „מזרח-רוימישע" (ביזאַנטינישע) איז ארץ-ישראל געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון ביזאַנץ, און דאָס האָט געדויערט ביז'ן אָנהויב פֿון 7-טען יאָהרהונדערט, ווען ארץ-ישראל איז איינגענומען געוואָרען דורך די אַראַבער. צווייטענס ווייל אונטער דער הערשאַפֿט פֿון ביזאַנץ האָבען זיך געפֿונען לענדער מיט גרויסע יודישע ישובים, עגיפּטען, סיריען, קליין-אַזיען, גריכענלאַנד, די גריכישע אינזלען, און אַ טייל פֿון איטאַליען, אַ חוץ וואָס אין קאָנסטאַנטינאָפּל זעלבסט האָבען זיך געפֿונען אַ גרעסערע צאָהל יודען. די ביזאַנטינישע אימפּעראַטאָרען זענען אים אַלגעמיין, אַלס אייפֿריגע קריסטען, נישט געווען גוט צו יודען, און גאַנץ אָפֿט האָבען זיי זיך צוגעקוקט גלייכגילטיג, ווען עס זענען פֿאָרגעקומען אָנפֿאַלען אויף יודען (די שחיטות אויף יודען אין סיריען ענדע פֿון 5-טען יאָהרהונדערט און אַנדערע). עס זענען אויך געווען יודישע אויפֿשטאַנדען געגען דער ביזאַנטינישער הערשאַפֿט (אין 4-טען יאָהרהונדערט אין אַלעקסאַנדריען און אַנטיאָכיען); אויך די שומרונים אין ארץ-ישראל האָבען געמאַכט אויפֿשטאַנדען געגען דער הערשאַפֿט פֿון די ביזאַנץ-אימפּעראַטאָרען, און די אויפֿשטאַנדען זענען בלוטיג דערשטיקט געוואָרען. אָבער נישט קוקענדיג דערויף, האָבען פֿיעל פֿון די אימפּעראַטאָרען זיך דאָך געמוזט רעכנען מיט דער גרויסער צאָהל יודישער בעפֿעלקערונג אין זייער אימפּעריע און גאַנץ אָפֿט נעהמען די יודען אין שוץ. וועגען דעם לעצטען ביזאַנטישען הערשער איבער ארץ-ישראל העראַקליוס (אין אָנהויב 7-טען יאָהרהונדערט) ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן אין חלום, אַז אַ גרויסער טייל פֿון זיין מלוכה וועט אַריינפֿאַלען אין די הענד פֿון „גע'מל'עטע". ער האָט אויסגעטייטשט דעם חלום, אַז דאָס מיינט מען די יודען, און ער האָט אַרויסגעגעבען זיין בעפֿעהל צו טויטען אַלע יודען מיט'ן אויסנאַהם פֿון די, וואָס וועלען זיך שמד'ען. זיין חלום איז מקוים געוואָרען דאָדורך, וואָס די אַראַבער (וואָס זענען אויך גע'מל'עט) האָבען פֿערנומען עגיפּטען, ארץ-ישראל און אַ טייל סיריען. די גרויסע יודישע רדיפֿות זענען פֿאָרגעקומען אין די צייטען פֿון אימפּעראַטאָר אייסאוריקוס (אין דער מיט פֿון 8-טען יאָהרהונדערט), וועלכער האָט פֿערטריבען אַלע יודען פֿון זיין אימפּעריע און אַ סך פֿון די יודען האָבען זיך גע'שמד'ט לפּנים, בלייבענדיג אין געהיים יודען. די גזירה איז אָבער שפּעטער בטל געוואָרען. דער עיקר האָבען זיך די ביזאַנטינישע אימפּעראַטאָרען אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זיי האָבען איינגעפֿיהרט אָפֿיציעלע בעגרענצונגען פֿון די בירגער-רעכט פֿון די יודען (די אימפּעראַטאָרען טעאדאזיוס, יוסטיניאַן און אַנדערע). אין די שפּעטערע יאָהרהונדערטער פֿון מיטעלאַלטער (פֿון 11-טען יאָהרהונדערט אָן) איז די לאַגע

פון די יודען אין דער ביזאנטינישער אימפעריע בעסער געווארען. די סיבה דערפון איז געווען דאס, וואס די דאזיגע אמאל־גרויסע אימפעריע איז כסדר געווארען פערקלענערט, אלע שכנות'דיגע לענדער האבען פון איהר אבגעריסען שטיקער, און זי האט געמוזט גאנץ אפט אנקומען צו יודישער הילף, נישט נאר אין פינאנציעלער, נאר אויך אין פאליטישער הינזיכט. דער רייזענדער רבי בנימין פון טודעלא (אין 12־טען יאהרהונדערט) בעשרייבט די יודען אין ביזאנץ, אז זייער לאגע איז א גוטע, פערנעהמען זיך מיט מסחר, מלאכה, און האבען אויך א גרויסען איינפלוס אין דער פאליטיק. אין 15־טען יאהרהונדערט איז דער רעשט פון דער ביזאנטינישער אימפעריע צוזאמען מיט קאנסטאנטינאפאל ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון טערקיי, און דער גורל פון די דארטיגע יודען איז שוין פערבינדען מיט דעם גורל פון די יודען אין טערקיי. — די יודען אין דער ביזאנטינישער אימפעריע האבען גערעדט אים אלגעמיין גריכיש (א חוץ די יודען אין ארץ־ישראל און סיריען, וואו טייל פון זיי האבען גערעדט אויך סיריש־אראמעאיש). — א רייהע פון די פריהערדיגע און אויך שפעטערדיגע מדרשים זענען פערפאסט געווארען אין דער ביזאנטינישער אימפעריע, און דעריבער איז אין זיי פארהאן אזוי פיעל גריכישע זאנטישע יודען זענען איבערגענומען און אנדערע). שפעטער האבען געלעבט אין ביזאנץ רבי טוביה בן אליעזר, מחבר פון מדרש „לקח טוב" (אין 11־טען יאהרהונדערט), רבי זרחיה היוני, רבי שבתי דונולו, מחבר פון „תחכמוני" און אנדערע. דער נוסח פון סידור און אויך בית־המדרש מנהגים פון די ביזאנטינישע יודען האט געהייסען „נוסח ביזאנץ" און אויך „מנהג רומניא". פון די ביזאנטינישע יודען זענען איבערגענומען געווארען א סך אויסדרוקען, וואס זענען שפעטער אריין אין דער יודישער ריטואל־שפראך, ווי למשל, „סנדק" (א גריכיש ווארט „סינדיקאס"), „פזמון" און אנדערע.

ביבליאגראפיע: גידעמאן, „התורה והחיים" )אין די ערשטע טיילען וועגען די יודען אין איטאליען); פירסט, די יודען אין ביזאנטישען רייך" (דייטש); קרויס, שטודיען צו ביזאנטיניש־יודישער געשיכטע" (דייטש); יודישע ענציקלאפעדיעם.

**ביילין** בעקאנטע פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבען א רייה יודישע שריפטשטעלער. — ביילין אשר (געבוירען 1881 אין קיעוו) וואוינט אין לאנדאן, פערעפענטליכט א רייה נאוועלען אין העברעאיש, געווען קארעספאנדענט פון יודישע צייטונגען, רעדאקטאר פון „יודישען עקספרעס" אין לאנדאן, געשריבען אויך טעאטערפיעסען. — ביילין ישראל (געבוירען 1883 אין נאווארדאק, פוילען), יודישער סאציאליסטישער פיהרער און שריפטשטעלער, איצט אין אמעריקא, רעדאקטאר פון מאנאטליכען ארגאן פון ארבייטער־רינג „דער פריינד" און אויך דירעקטאר פון בילדונגס־דעפארטאמענט פון ארבייטער־רינג. — ביילין ס. שמואל (געבוירען 1885 אין מינסקער גובערניע), וואוינט אין קאפענהאגען, געווען רעדאקטאר פון דער ערשטער יודישער צייטונג אין די סקאנדינאווישע לענדער „דאס וואכענבלאט, נאכהער געארבייט אין „קאפענהאגער טאגבלאט", ענטוויקעלט א געזעלשאפטליכע יודישע טעטיגקייט אין קאפענהאגען, קעמפער פאר יודיש. — ביילין שלום (געבוירען

1857 אין נאָוואָרדאָק), בעקאַנטער ראַבינער אין אירקוטסק (רוסלאַנד) זיך בעשעפטיגט מיט פאָרשונגען איבער יודישען פאָלקלאָר.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָ (1926).

**ביילינסאָן משה** (געבוירען 1889) בעקאַנטער העברעאישער זשורנאַליסט און אַרבייטער-טהוער אין ארץ-ישראל, מיטאַרבייטער פון דער אַרבייטער-טאָג-צייטונג אין תל-אביב „דבר״. פריהער האָט ער געוואוינט אין איטאַליען, וואו ער האָט מיטגעהאָלפען צו פערשפּרייטען איז דער איטאַליענישער שפּראַך ידיעות איבער דער יודישער ליטעראַטור, פערעפענטליכענדיג אויף איטאַליעניש איבערזעצונגען פון פרץ, אַש.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1916).

**ביילים-פּראַצעס** וועגען דעם ביילים-פּראָצעס אין קיעוו 1913 געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „בלוט-בלבולים״.

**ביי׳ערן** איבער דער געשיכטע פון יודען אין בייערן און אויך דער איצטיגער לאַגע געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „דייטשלאַנד״.

**בייראָן** (1788 — 1824), בעריהמטער ענגלישער דיכטער (אַ קריסט), וועלכער האָט מיט זיינע לידער „העברעאישע מעלאָדיען״ פיעל מיטגעהאָלפען צו ערוועקען אין דער קריסטליכער וועלט אַכטונג צו יודען, און לויט טייל מיינונגען, קאָן מען איהם פערעכנען אַלס דעם ערשטען ציון-דיכטער אין דער מאָדערנער צייט.

לאָרד דזשאָרדזש בייראָן איז געבוירען געוואָרען אין ענגלאַנד אין יאָהר 1788, און איז אומגעקומען אין דער מלחמה פאַר דער פריהייט פון גריכענלאַנד אין יאָהר 1824. ער איז איינער פון די בעדייטענדסטע לירישע און ראָמאַנטישע דיכטער אין דער נייער צייט. זיין „היברו מעלאָדיס״ (העברעאישע מעלאָדיען) האָט ער פערפאַסט אין יאָהר 1814 אַלס טעקסט צו אַ סינאַגאָגאַליש-מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע פון נאַטאַן. זיין בעריהמטעסטעס ליד פון די דאָזיגע העברעאישע מעלאָדיען איז זיין „אָ, וויין פאַר יענע״, אין וועלכען עס זענען פאַראַן די בעריהמטע שורות: „די טויב האָט איהר נעסט, דער פוקס זיין בעהאַלט-שטוב, דער מענש די היימאַט, יהודה אָבער נור זיין גרוב״. בעריהמט זענען אויך זיין „זעהונג פון בלשאצר״, „הורדוס וויינט אויף מאַריאמנע״ און זיין „ביי די ברעגעס פון ירדן״, וואו עס זענען פאַראַן טענער פון ציון-ליעבע. זעהר בעריהמט איז אויך זיין ביבלישע פּאָעמע „קין״. אויף העברעאיש האָט מאַנדעלקערן איבערזעצט די העברעאישע מעלאָדיעס מיט׳ן נאָמען „שירי ישורון״. „קין״ איז איבערזעצט געוואָרען דורך פרישמאַן. אויך אין יודישען זענען פאַראַן איבערזעצונגען פון בייראָן. בייראָן האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף היינע און זיינע העברעאישע מעלאָדיען.

ביבליאָגראַפיע: איבער בייראָן און זיין בעדייטונג פאַר יודען, אין די יודישע ענציקלאָפּעדיעס; פרישמאַן, אין איינלייטונג צו „קין״.

**ביירוט** איבער די יודען אין דער פאָרט-שטעדט ביירוט, איינער פון די עלטסטע שטעדט אין מזרח, געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „סיריען״.

**ביכאָווסקי זלמן** יודישער פּסיכאָלאָגישער פאָרשער און כלל-טוהער, געבוירען אין יאָהר 1865 אין וואָלין, געלערענט יודישע וויסענשאַפט, שטודירט מעדעצין און פערנעהמט איצט אַ אָנגעזעהענע שטעלונג אין פּוילען (ער וואוינט אין ווארשא) אַלס דאָקטאָר-מעדיצין, כלל-טוהער, ציוניסטישער פיהרער און פאָרשער פון יודישער געשיכטע. אַלס בעריהמטער נעווראָלאָג האָט ביכאָווסקי פערעפענטליכט וויכטיגע אָבהאַנדלונגען אין דייטש, פראַנצויזיש, פּויליש, רוסיש, העברעאיש און יודיש. זיין אַרבייט איבער דעם „פראַנקיזם אַלס פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע ערשיינונג" (אין די העברעאישע זאַמעל-ביכער „התקופה") איז אַ גרויסער ביטראָג צו יודישע געשיכטע-פאָרשונג.

ביבליאָגראַפיע: ציטראָן, „לקסיקון ציוני"; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**ביכלער אַדאָלף** בעריהמטער יודישער פּראָפעסאָר, געלעהרטער היסטאָריקער און אָריענטאַליסט, ספּעציעל אויף אַ רייה געביעטען פון חכמת ישראל. געבוירען אין יאָהר 1867 אין אונגארן, האָט ביכלער שטודירט אין די ראַבינער-סעמינאַרען אין בודאַפּעשט און ברעסלוי. ער האָט נאַכהער פערנומען אַ רייה פּראָפעסאָרען-אַמטען, און איצט איז ער דירעקטאָר פון ראַבינער-סעמינאַר („דזשוס' קאָלעדזש") אין לאָנדאָן. ביכלער האָט געשריבען זיינע אַרבייטען אַממייסטען אין דייטש, און אַ געוויסע טייל אויך אין ענגליש און פראַנצויזיש. זיינע בעריהמטסטע ווערק זענען: „די פּריסטער" (איבער די יודישע כהנים צום סוף פון בית שני); „די טאָביאַדען און אָניאַדען" (וועגען די בני טוביה און חוניו אין דער פאַר-חשמונאים-עפּאָכע); „דאָס סנהדרין"; „דער גליל'שער עם הארץ" (אַ וויכטיגע אָבהאַנדלונג איבער דער געזעלשאַפטליכער צעטיילונג פון יודען אין ארץ-ישראל אין דעם יאָהר-הונדערט נאָכ'ן חורבן בית שני), ווי אויך פיעל אַנדערע אַרטיקלען. ביכלער האָט אויך מיטגעאַרבייט אין דער יודיש-ענגלישער ענציקלאָפּעדיע. ער איז אויך מיטגליעד פון קוראַטאָריום פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

ביבליאָגראַפיע: יודישע ענציקלאָפּעדיעס (אַ חוץ דעם „אוצר ישראל").

**בילדער** איבער זאַמלונגען פון בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון יודישע פערזענליכקייטען און ספּעציעל וועגען דער זאַמלונג ביי דער ירושלימער אוניווערסיטעט געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „אויטאָגראַפען". דאָרט געבען מיר אויך וועגען בילדער - פאַלסיפיקאַטען פון יודישע פערזענליכקייטען. איבער דעם פערבאָט פון געצען-בילדער געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „געצען-דינסט". — איבער בילדער אין יודישער קונסט און דער בעציהונג דערצו פון דער יודישער רעליגיע געבען מיר ביי די שטיך-ווערטער „מאַלעריי" און „סקולפּטור".

**בילו** דאָס איז דער נאָמען פון אַ בעוועגונג צווישען יודישע סטודענטען אין רוסלאַנד אין יאָהר 1882, נאָכ'ן אויסברוך פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. צו אויסוואַנדערען קיין ארץ-ישראל און דאָרט זיך צו בעשעפטיגען מיט לאַנדווירטשאַפט. דער נאָמען „בילו" איז די ראשי תבות פון פּסוק אין ישעיה ב' „בית יעקב לכו ונלכה"

(„הויז פון יעקב קומט און לאָמיר געהן"), איינע פון די קאָלאָניעס, וואָס זיי האָבען געגרינדעט איז געוועז „ראשון=לציון". איבער דער בעוועגונג פון „בילו" און די „בילו'צעס" געבען מיר ביים שטיך=וואָרט „ציוניזם".

**בִּימָה** נאָמען פון דעם טיש אין דער שוהל, אויף וועלכען מען לייענט די ספר תורה. דאָס וואָרט בימה איז פון גריכישען „בעמא", און עס ווערט געבראַכט שוין אין דער גמרא (סוכה נ"א און אַנדערע ערטער). מען רופט עס אין דער יודישער שפּראַך אויך „אַלמעמער" (פון אַראַבישען „אַלמינבאַר"), „בעלעמער", „מעלעמער" און אויך „שלחן". די בימה געפינט זיך אין מיטען דער שוהל. אין די רעפאָרם-סינאַגאָגעס האָט מען איינגעפיהרט, אַז די בימה איז אויף דער מזרח=וואַנד ביים ארון=קודש, און וועגען דער דאָזיגער פראַגע איז געפיהרט געוואָרען אַ גרויסער קאַמף צווישען די אָרטאָדאָקסען און די רעפאָרם=ראַבינער אין 19=טען יאָהרהונדערט אין דייטשלאַנד און אונגאַרן.

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" (בימה); יודיש=דייטשער לעקסיקאָן („אַלמעמער); „לב העברי" (איבער דעם קאַמף וועגען בימה=אָרט).

**בִּימקאָ** יודישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג. געבוירען אין יאָהר 1890 אין קעלץ (פוילען), זיך בעזעצט אין יאָהר 1921 אין ניו=יאָרק. פון זיינע גרעסערע ערצעהלונגען זענען בעקאַנט „רעקרוטען", „ס'לעצטע וואָרט", „פון קריג און פרידען". אַלס דראַמאַטורג האָט בימקא זיך בעריהמט געמאַכט דורך זיין דראַמע „גנבים" (יאָהר 1919), וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אַ רייה יודישע ביהנעס אין ווארשא, ניו=יאָרק, וויען און אויך אויף העברעאיש אין ארץ=ישראל.

ביבליאָגראַפיע: רייזען, לעקסיקאָן (1926); זילבערצווייג, טעאַטער=לעקסיקאָן.

**בִּינג** בעריהמטע יודישע פאַמיליע אין דענעמאַרק, וואָס האָט אַרויסגעגעבען בעדייטענדע מיטגלידער, וועלכע האָבען פערנומען הויכע שטעלונגען סיי אין יודישען לעבען אין דענעמאַרק (מיטגלידער פון קהלה=פערוואַלטונגען, גרינדער פון יודישע שולען) סיי אין אַלגעמיין פּאָליטישען און פינאַנציעלען לעבען. צו די אָנגעזעהענע האָבען געהערט הערמאַן בינג (1845—96) דעפוטאַט און רעדאַקטאָר פון „פּאָליטיקען" אין קאָפּענהאַגען, יאַקאָב בינג (1848—1924) בעריהמטער פינאַנסיסט, פּרעזעס פון קונסט=געווערבע=מוזעאום און אַנדערע.

**בִּינשטאָק לייב** (1836 — 1894), בעריהמטער יודיש=רוסישער פּובליציסט און כלל=טהוער אין רוסלאַנד און אויך חובב ציון. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1836 אין רוסלאַנד און געשטאָרבען אין יאָהר 1894 אין ארץ=ישראל (אין יפו), וואו ער איז געוועזן טעטיג אַלס בעאַמטער פון דער געזעלשאַפט חובבי ציון. ער האָט געשריבען אַ רייה ערצעהלונגען אין יודיש און רוס'ש און האָט אויך מיטגעהאָלפען מענדעלי מוכר ספרים ביים איבערזעצען אַ רייה ערצעהלונגען. בינשטאָק איז אויך געוועזן אַ געווייסע צייט ראַבינער אין זשיטאָמער און דער „געלערנטער יוד" ביים וואָלינער גובערנאַטאָר און ער האָט פיעל מיטגעווירקט לטובת יודען.

ביבליאָגראַפיע: יודיש=רוסישע ענציקלאָפּעדיע; „ספר זכרון" פון סאָקאָלאָוו; רייזען, לעקסיקאָן (1926).

**ביצה** נאָמען פון אַ מסכתא אין דער משנה און גמרא, פון סדר מועד; דער אָנהויב פון דער מסכתא איז „ביצה שנולדה ביום־טוב“, ווענען דער פראַגע פון אַ איי, וואָס איז געבוירען געוואָרען אים יום־טוב, צי מעג מען עס עסען. דאָס וואָרט ווערט אויסגערעדט נישט „ביצה“ מיט אַ צדיק, נאָר „ביעא“ (פון אַראַמעאישען). עס איז געווען אַמאָל אַ מנהג ביים אָנהויבען מיט קינדער לערנען גמרא אָנצוהויבען מיט דער מסכתא ביצה. די דאָזיגע מסכתא ווערט אויך אָנגערופען „יום־טוב“, ווייל זי בעהאַנדעלט די פראַגען ווענען טהון מלאכות אים יום־טוב. — ווענען די מנהגים, וואָס זענען פערבונדען מיט אייער געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „איי“.

**ביק יעקב שמואל** פון די ערשטע משכילים אין גאַליציען אין ענדע 18־טען און אָנהויב 19־טען יאָהרהונדערט. ביק איז געבוירען געוואָרען לערך דעם יאָהר 1770 אין בראָד (גאַליציען) און אונטער דעם איינפלוס פון דעם השכלה־שריפטשטעלער מענדעל לעפין האָט אויך ביק זיך גענומען צו השכלה, ערלערענט אַ רייהע אייראָפּעאישע שפּראַכען, וועלטליכע וויסענשאַפטען, געשריבען גוט העברעאיש און גלייכצייטיג געווען אַ גרויסער למדן. אָבער אין נעגענזאַץ צו די משכילים פון יענער צייט, וואָס האָבען איבערהויפּט זיך בעצויגען נעגאַטיוו צו די ערשיינונגען פון פרום־רעליגיעזען יודענטום און בעזונדערס צו דער חסידות־בעוועגונג, האָט ביק זיך בעצויגען פּאָזיטיוו צום חסידות, האַלטענדיג, אַז די השכלה גיעט נישט איהרע טרעגער דעם אינערליכען אינהאַלט פון לעבען, וואָס דאָס חסידות גיעט יאָ. איבערהויפּט האָט ביק זיך בעצויגען מיטע ליעבע צו אַלע פאָלקס־ערשיינונגען פון יודישען לעבען, און דערפון נעהמט זיך עס, וואָס אין דער צייט ווען אַנדערע משכילים פון יענער עפּאָכע זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער יודישער שפּראַך, אָנרופענדיג איהר זשאַרגאָן און בעציהענדיג זיך צו איהר מיט פעראַכטונג (דער אַרויסטריט פון טוביה פעדער מיט זיין „קול מהצצים“ אין יאָהר 1815 געגען מענדעל לעפין פאַר זיין שרייבען יודיש, אין „דער שפּראַך פון די דינסטמוידען“) האָט ביק פערטיידיגט די יודישע שפּראַך (אין „כחם חמד“ 1). ער דרוקט דאָרט אויס זיין פערוואונדערונג איבער אַזאַ בעציהונג צו דער פאָלקס־שפּראַך. ביק האָט אין יאָהר 1817 אויך אַרויסגעגעבען אַ צייטשריפט „עולת שבת“. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1831 אין בראָד.

ביבליאָגראַפיע: ליאַכאָווער, „תולדות הספרות העברית“; גאָטלאָבער׳ס, „זכרונות ווענען יודישע שרייבער“ (אין שלום־עליכם׳ס פאָלקס־ביבליאָטעק“); אין „חרמון“ 1903); רייזען, לעקסיקאָן (1914); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**ביקאָנספילד** בעריהמטסטער ענגלישער שטאַאטסמאַן, פרעמיער־מיניסטער, שריפטשטעלער אין 19־טען יאָהרהונדערט, פון יודישער אָבשטאַמונג, בעקאַנט אויך מיט זיין נאָמען בעניאַמין ד׳ איזראַעלי. לאָרד ביקאָנספילד (ער האָט געהאַט דעם טיטול „אוירל“, „גראַף“) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1804 אין לאָנדאָן, זיין פאָטער איז געווען דער שריפטשטעלער אייזעק ד׳איזראַעלי, אַ יוד. ווען ביקאָנספילד איז אַלט געוואָרען 13 יאָהר האָט איהם זיין פאָטער אָבגעשמדט אויף דעם אַנגליקאַנישען גלויבען.

שוין אַלס יונגער מאַן האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען, סיי אויפ'ן געביעט פון ליטעראַטור, סיי אויך אין דער פּאָליטיק. אַלט זייענדיג 22 יאָהר האָט ער פערפאַסט זיין ערצעהלונג „וויוויאַן גריי". נאכהער האָט ער געמאַכט אַ רייזע אין אָריענט, בעזוכענדיג אויך ארץ־ישראל. אין יאָהר 1837 איז ביקאנספילד געוואָרען דעפּוטאַט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט, אַלס מיטגליעד פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, און דעמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען זיין גרויסע פּאָליטישע קאַריערע. ער איז באַלד דערויף געוואָרען דער פיהרער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכער ער האָט אָבער צוגעגעבען געוויסע אידעאַלען פון דעמאָקראַטיזם און פּאָרטשריט. ביקאנספילד איז דערנאָך געוואָרען פינאַנץ־מיניסטער פון ענגלאַנד, נאכהער (1868) פּרעמיער־מיניסטער, און נאָך אַ הפסקה פון עטליכע יאָהר איז ער אין יאָהר 1874 ווידער געוואָרען ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער, בעקומענדיג נאכהער דעם לאָרדען־טיטול „אוירל אָוו ביקאנספילד". אַלס פּאָליטישער פיהרער פון ענגלאַנד האָט ביקאנספילד פיעל מיטגעהאָלפען צו פערשטאַרקען די אינטערעסען פון דער בריטישער אימפּעריע, נישט דערלאָזענדיג אין יאָהר 1878 אויפ'ן בערלינער קאָנגרעס נאָך דער רוסיש־טערקישער מלחמה, אַז רוסלאַנד זאָל זיך צו־פיעל פערשטאַרקען. ביקאנספילד האָט דעמאָלס בעקומען פאַר ענגלאַנד די אינזעל ציפּערן, די פינאַנציעלע הערשאַפט איבער דעם סועץ־קאַנאַל (מיט דער הילף פון די ראָטשילד'ס), וואָס האָט פערזיכערט פאַר ענגלאַנד דעם וועג איבער דעם מיטעללענדישען ים קיין אינדיען. ביקאנספילד האָט זיך ערוואָרבען דעם צוטרוי און רוהם נישט נאָר ביים ענגלישען פאָלק, נאָר אויך ביי דער דעמאָלסדיגער הערשערין פון ענגלאַנד, קעניגין וויקטאָריא, פאַר וועלכער ער האָט געשאַפען דעם טיטול „אימפּעראַטאָרין פון אינדיען". ביקאנספילד איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן אין יאָהר 1881, און ביז היינט בעטראַכטען איהם די קאָנסערוואַטיווען אין ענגלאַנד אַלס זייער אָנגעזעהענסטען פיהרער, און זיי האָבען געגרינדעט אַ ספּעציעלע „ליגע פון פּרימראָז" (ביקאנספילד האָט ליעבגעהאַט די בלום ערשט־פריהלינג „פּרימראָז"), וואָס פערעהרט ביקאנספילד'ן. — אין בעצוג צו יודען האָט ביקאנספילד אַרויסגעוויזען נישט נאָר די גרעסטע סימפּאַטיע, נאָר ער האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויך בעטראַכט אַלס יוד, און ער האָט אין זיין פּאָליטישער טעטיגקייט פיעל געקעמפט פאַר די יודישע רעכט אין ענגלאַנד, באַלקאַן־לענדער (אויף דעם בערלינער קאָנגרעס, יאָהר 1878) און האָט פיעל געשטיצט מאָנטעפיאָרע'ן אין זיין ארבייט לטובת יודען אין פערשידענע לענדער. אין זיינע עפענטליכע פּאַרלאַמענט־ארויסטריטען האָט ביקאנספילד גאַנץ אָפט זיך בעריהמט מיט זיין יודישער אָבשטאַמונג. אין זיינע ערצעהלונגען „דוד אלרואי", „קאָנינגסביי" וועיזט ער ארויס אַ גרויסע ליבע צו דער יודישער געשיכטע („דוד אלרואי" איז איבערזעצט געוואָרען אין פיעל שפּראַכען און אויך אין העברעאיש און יודיש) און זאָגאַר אַ געוויסען ארט ציוניזם.

ביבליאָגראַפיע: די שילדערונג פון ביקאָנספעלד אין זאַנגוויל'ס „טרוימער פון געהטאָ"; סאָקאָלאָוו, „געשיכטע פון ציוניזם"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס („אוצר ישראל", דיזראַעלי").

**בירא=בידזשאַן** נאָמען פון אַ לאַנד אין אַזיען אויפ'ן ווייטען מזרח, אונטער דער הערשאַפט פון דער ראַטען=רעפובליק פון רוסלאַנד, וואָס האָט אַ געוויסע בעדייטונג פאַר דעם יודישען פאָלק זינט די רעגירונג פון דער רוסישער ראַטען=רעפובליק האָט דעם 28=טען מערץ יאָהר 1928 בעשטימט בירא=בידזשאַן אַלס טעריטאָריע פאַר דער יודישער מאַסען=איינוואַנדערונג מיט דעם ציעל צו שאַפען דאָרט אַ יודיש=נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַטיוו = טעריטאָריאַלע רעפובליק אין די ראַהמען פון דעם פערבאַנד פון די ראַטען=רעפובליקען פון רוסלאַנד.

בירא=בידזשאַן ליגט צווישען אַמור און מאַנדזשוריען און פערנעהמט אַ שטח פון 38 טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער. דורך דעם לאַנד פליסען די צוויי נעבען=טייכען פון טייך אמור, וואָס הייסען „בירא" און „בידזשאַן", אויף וועלכע עס געהען שיפען און זיי פערבינדען דאָס לאַנד דורך וואַסער=קאָמוניקאַציע מיט דער אַמורער געגענד. אַ אייזענבאַהן=ליניע ציהט זיך דורך בירא=בידזשאַן און פעראייניגט דאָס לאַנד פון איין זייט מיט צענטראַל=רוסלאַנד (פון בירא=בידזשאַן ביז מאָסקווא איז לערך 9000 קילאָמעטער) און פון דער צווייטער זייט מיט דעם פאָרט וולאַדיוואָסטאָק אויפ'ן פאַסיפיק=אָקעאַן; פון בירא=בידזשאַן ביז וולאַדיוואָסטאָק איז ביי 940 קילאָמעטער.

דער ווינטער איז אין בירא=בידזשאַן אַ קאַלטער, אַ טרוקענער, אַ זוניגער מיט ווייניג שניי, און דער זומער איז אַ הייסער מיט אַ סך שטאַרקע רעגענס. די הויפט=רעגענס פאַלען אין די חדשים יוני, יולי און אויגוסט. אין פערלויף פון 6 יאָהר האָט מען אונטערזוכט די דורכשניטס=טעמפעראַטור אין לאַנד, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דורכשניטליך איז די טעמפעראַטור זומער 22 גראַד וואַרעם צעלזיוס, און ווינטער 20 גראַד פראָסט צעלזיוס. אים אַלגעמיין איז יאַנואַר לערך 20 גראַד פראָסט, פעברואַר 17, מערץ 9, אַפּריל שוין לערך 3 גראַד וואַרעם, מאַי 11, יוני 17, יולי 21, אויגוסט 19, סעפטעמבער 12) אָקטאָבער 4, נאָוועמבער און דעצעמבער ווידער 10 ביז 15 גראַד פראָסט. בירא=בידזשאַן האָט אויך אַ רייהע בערג, וועגען וועלכע די אויספאָרשונג האָט בעוויזען, אַז זיי זענען רייך אין מינעראַלען און מעטאַלען, ווי אייזען, קופּער, גאָלד, זילבער, גראַפיט, קויהלען, מאַרמאָר און עהנליכע. גרויסע שטחים אין לאַנד זענען בעדעקט מיט אור=אַלטע וועלדער. וואָס אַנבעלאַנגט די לאַנדווירטשאַפט וואַקסט דאָרט אַ חוץ ווייץ און קאָרן אויך רייז, טאַבאַק, וויינטרויבען און אויך אַ רייהע אַנדערע דרום=פלאַנצונגען. דער באָדען, נאָכדעם ווי מען פיהרט אויף איהם אַדורך דעם געהעריגען דרענאַזש (וואַסער=קאַנאַלען, אויסטריקענונג) איז אַ פרוכטבאַרער און די תבואה=גערעטעניש איז דאָרט מיט 20—30 פראָצענט העכער ווי אין די אייראָפּעאישע געגענדען פון ראַטען=רוסלאַנד. אין די טייכען קאָן געפיהרט ווערען אַ גרויסער פיש=פאַנג.

דאָס לאַנד בירא=בידזשאַן האָט רוסלאַנד פערנומען אין יאָהר 1858 אין אַ זעהר ווילדען צושטאַנד; עס האָבען דאָרט כמעט נישט געוואוינט קיין מענשען, די ערד איז געווען אָבגעלאָזט, אָהן שום וועגען. די צאַרישע רעגירונג פון רוסלאַנד האָט דעמאָלס בעזעצט אַ געוויסע צאָהל קאָזאַקען=פאַמיליעס אין בירא=בידזשאַן, אַזוי אַז אין יאָהר

1928 האָבען אין דאָזיגען לאַנד געוואוינט ביי 35 טויזענד נפשות, פון זיי זענען געווען ביי 25 טויזענד רוסען (קאָזאַקען, אוקראַאינישע פויערען), און די איבריגע כינעזער, קארעער, און אויך שבטים פון סיביר, ווי יאַקוטען, אורעכען, טוגוסען. אין מערץ 1928 האָט די רעגירונג פון די ראַטען-רעפובליק אין רוסלאַנד בעשטימט ביראָ-בידזשאַן אַלס איינוואַנדערונגס-לאַנד פאַר יודען, און פון דעמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען די יודישע איינוואַנדערונג אין דאָזיגען לאַנד. ביז סוף פון יאָהר 1932 האָבען זיך בעזעצט לערך 13 טויזענד יודישע נפשות, און עס זענען געגרינדעט געוואָרען אַ רייהע שטעדט (ווי ביראָ-בידזשאַן, לאַנדאָקאַ, סאַצשטעטעל, וואַלדהיים, ביראָפעלד, איקאָר) ווי אויך לאַנדווירטשאַפטליכע דערפער, אַזוי אַז איצט, יאָהר 1933, צעהלט די בעפעלקערונג איבער 50 טויזענד נפשות, און דער פּלאַן איז, אַז אין יאָהר 1933 זאָלען אַריינקומען נייע 17 טויזענד יודען און יעדעס יאָהר אַלץ מעהר אַזוי, אַז ביז'ן יאָהר 1938 זאָל זיין אין ביראָ-בדיזשאַן ביי 300 טויזענד נפשות, אין דעם ביי 80 פּראָצענט יודען און דאָס לאַנד זאָל ערקלערט ווערען אַלס יודישע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע. די הויפּטשטאָדט פון לאַנד איז די שטאָדט ביראָ-בידזשאַן (פריהער האָט זי געהייסען „סט. טיכאַנקאַיאַ"), וואָס צעהלט אַ בעפעלקערונג פון 7000 נפשות, צווישען זיי ביי 4000 יודען. די יודען אין גאַנצען לאַנד בעשעפטיגען זיך אַ טייל מיט לאַנדווירטשאַפט (ספּעציעל אין קאָלעקטיווע ווירטשאַפטען, „קאַלכאָזען") און אויך מיט פאַבריקאַציע, געעפענט האָלץ-פאַבריקען, געגרינדעט ציעגעלניעס, דורכגעפיהרט עלעקטריפיקאַציע, געשאַפען פאַבריקען צונויפצושטעלען פאַרטיגע הייזער, מעבעל-פאַבריקען, מאַשין-פאַבריק; דער פערזיי-שטח פון לאַנד, וואָס האָט אין יאָהר 1929 אַרומגענומען 14 טויזענד העקטאַר, האָט אין יאָהר 1932 אַרומגענומען 28 טויזענד העקטאַר. אין ביראָ-בידזשאַן זענען אָנגעקומען יודען אַמאַייסטען פון רוסלאַנד, אָבער אַ געוויסע צאָהל יודען איז אַהינגעקומען אויך פון אַ רייהע אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. אין לאַנד איז איינגעפיהרט געוואָרען טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע פערבינדונגען מיט'ן איבריגען טייל פון רוסלאַנד. עס זענען דאָרט געעפענט געוואָרען פאָלקס-שולען מיט יודיש אַלס אונטעררי‍כטסשפּראַך, ווי אויך 3 טעכניקומס פאַר לאַנדווירטשאַפט, מעליאָראַציע און בוי-אַרבייט.

די פראַגע, צי איז דאָס לאַנד ביראָ-בידזשאַן ווירקליך צוגעפּאַסט צו אַ גרויסער יודישער מאַסען-איינוואַנדערונג פון פיעל הונדערטער טויזענדער יודען, וואָס זאָל מאַכען דאָס לאַנד פאַר אַ יודישע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע, האָט אַרויסגערופען גרויסע דיסקוסיעס אין דער יודישער פרעסע און געזעלשאַפט זינט דעם יאָהר 1928. עס זענען געווען פיעל מיינונגען פאַר און געגען. מיר געבען דאָ אויסצוגען פון אַ בריעף, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אָנהויב יאָהר 1933 פון אַ מאַן פון ווילנא סאַשאַ שקאָלניצקי, וועלכער איז אָנגעקומען קיין ביראָ-בידזשאַן אין יאַנואַר 1932, (דער בריעף איז געדרוקט אין „אויפבוי" נומער 2, וואַרשאַ, 1933).

„ביראָ-בידזשאַן איז אַ לאַנד פון 40 טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער, פון דעם 20 טויזענד צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט און 20 טויזענד וואַלד. דאָס

לאַנד געפינט זיך צווישן דעם וועלט-וועג פאַריז—מאָסקווע—וולאַדיוואָסטאָק און דעם 3000 קילאָמעטער לאַנגען טייך אמור, אַ מעת-לעת דויערט פאָהרען ביז צום פאָרט וולאַדיוואָסטאָק, און די פערוואָרפענסטע פונקטען זיינע זענען נישט מעהר ווי 100 קילאָמעטער פון באַהן אָדער שיף, און עס שניידט דאָרט אַדורך דער לופט-וועג מאָסקווע—וולאַדיוואָסטאָק, פערמאָגט אַ היבש ביסל מעכאַנישע פאַרקען, אַ טעלעפאָנען, עלעקטראָ-סטאַציעס, טעכניקומס און שולען. ווער דאַרף פאָהרען קיין בירא-בידזשאַן? יעדע איבערוואַנדערונג איז פערבונדען מיט שוועריגקייטען און דאָס אייגענע אויך די בירא-בידזשאַנער. עס דאַרפען דעריבער פאָהרען נאָר געזונדטע און אַרבייטספעהיגע, וואָס שרעקען זיך נישט אָב פאַר צייטווייליגע שוועריגקייטען. בירא-בידזשאַן איז אַ רויה לאַנד, אַ פיאָנערען-לאַנד און שוועריגקייטען זענען פאַרהאַן פיעל, סיי אין דירות, סיי אין דערנעהרונג. פון טאָג צו טאָג ווערען די שוועריגקייטען וועניגער. בירא-בידזשאַן נויטיגט זיך היינט אין פאָלגענדע פאַכען און ספעציאַליטעטען: טישלער, שאָפערס, טראַקטאָריסטען, טעכניקער, מעליאָראַטאָרס, אינזשינערען, אַגראָנאָמען, וואַלד-ספעציאַליסטען, ערד-מעסטער, מעדיצינישע און קולטור-טהוער, בוכהאַלטערען, חשבון-פיהרער, עלעקטראָ-טעכניקער, טאָקער אויף מעטאַל, שמידען, שלאָסער, שטוקאַטערען און אַנדערע. בירא-בידזשאַן האָט שוין היינט צו פערצייכנען פאַר דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ גרויסע זיגען אויפ'ן פראָנט פון ווירטשאַפט און קולטור-אויפבוי. עס זענען דאָ אַ רייה קאָלעקטיווע ווירטשאַפטען, מאַשין-טראַקטאָר-סטאַציעס, עלעקטראָ-סטאַציעס, אַ קאַלך-פאַבריק אין לאָנדאָקאָ, אַ פיבראַליט-פאַבריק, אַ פאַבריק פון בוי-דעטאַלען, אַ דרוקעריי, אַ פאַבריק פון שול-געצייגען, געהילץ-פאַבריקען, גאָלד-גרובענס, מעבעל-, שוסטער-, שניידער-, זאָקען-, טשעמאָדאַנען-אַרטעלען און נאָך אַ רייה וויכטיגע ווירטשאַפטליכע אונטערנעהמונגען. דאָס לאַנד פאָדערט אַ געוואַלדיגע איינוואַנדערונג. צום סוף פון צווייטען פינף-יאָהר (1938) דאַרף דאָס לאַנד פערוואַנדעלט ווערען אין אַ בליהענדיגען ראַיאָן פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. פון דער בעפעלקערונג אין 1932 יאָהר 50 טויזענד דאַרף אין 1937 יאָהר אויסוואַקסען ביז 200 טויזענד. היינט צוטאָג געפינען זיך אין בירא-בידזשאַן אַ קנאַפע טויזענד איבערוואַנדערער פון גאָר דער וועלט״.

עס זענען אָבער פאַרהאַן מיינונגען, וואָס ווייזען אָן אויף די נעגאַטיווע זייטען פון בירא-בידזשאַן אַלס לאַנד פאַר יודישער אימיגראַציע, נעמליך די ווייטקייט פון די אייראָפעאישע ישובים, די נאַטירליכע שוועריגקייטען, קלימאַט וכדומה.

ביבליאָגראַפיע: די בראָשור פון קאַנטאָראָוויטש „בירא-בידזשאַן״ (1932) שאַן-אַגין, „בירא-בידזשאַן״ (וואַרשא 1933); מיט אַ מאַפע און אילוסטראַציעס; די ערשטע 2 נומערען פון „איבערבוי״ (וואַרשא 1933, די אַרטיקלען פון ראַקאָווסקי און דער דערמאָהנטער בריעף).

**בירב יעקב** בעריהמטער רב און ראש ישיבה אין ארץ-ישראל אין 16-טען יאָהרהונדערט. רבי יעקב בירב איז געבוירען אין שפאַניען אין יאָהר 1474. אין יאָהר פון גירוש שפאַניען (1492) איז ער אַלס 18-יעהריגער יונגערמאַן אַוועק קיין אַפריקא און איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין

פּעץ. פון דאָרט האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים, וואו ער איז געווען אין יאָהר 1522. נאָכהער איז ער געווען אין דמשק אין סיריען, דערנאָך אין קאַהיר (עגיפּטען) אַלס רב (אין יאָהר 1533). אין עטליכע יאָהר שפּעטער האָט ער זיך בעזעצט אין צפת, וואו ער איז געוואָרען רב און אָנגעפיהרט מיט אַ גרויסער ישיבה, און אין צפת איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1546. רבי יעקב בירב איז בעקאַנט אין דער יודישער געשיכטע אויך דערמיט, וואָס ער האָט אין צפת אין יאָהר 1538 געפּרובט בענייען די אַלטע אינסטיטוציע פון „סמיכה“, דאָס הייסט געבען סמיכה רבנים, אַז זיי זאָלען האָבען דעם כח פון די אַמאָליגע סנהדרין איידער דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען און שפּעטער די רבנים מוסמכים אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער גמרא, און זיי זאָלען קאָנען לעזען אַזעלכע רעליגעזע פראַגען, וואָס נאָר דאָס סנהדרין האָט זיי געקאָנט לעזען. אין בענייען די דאָזיגע סמיכה־אינסטיטוציע איז אויך געווען אַ געוויסע משיח־אידעע, ווייל עס איז געווען דער גלויבען, אַז דורך בענייען די סמיכה וועט מען צואיילען די גאולה דורך משיח. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט רבי יעקב בירב מסמיך געווען פיער זיינע תלמידים, דעם בעריהמטען מחבר פון שלחן ערוך רבי יוסף קארא (בית יוסף), רבי משה מטראני, רבי אברהם שלום און רבי ישראל די קוריאל; רבי יוסף קארו האָט מסמיך געווען רבי משה אלשיך, וועלכער האָט מסמיך געווען דעם בעריהמטען מקובל רבי חיים וויטאַל. געגען דעם בענייען די סמיכה איז אַרויסגעטרעטען דער רב פון ירושלים רבי לוי אבן חביב (רלב"ח), און עס איז ענטשטאַנען אַ גרויסע מחלוקה, ביז די סמיכה איז אָבגעשאַפט געוואָרען. דאָס בעריהמטע ספר פון רבי יעקב בירב זענען זיינע „שאלות ותשובות מהרי בירב“ (ווענעציע 1663), וועלכע זענען אויך וויכטיג דערמיט, וואָס אין די פיעל הלכה־פראַגען געבען זיי אונז בילדער פון יודישען לעבען אין יענער צייט אין די מזרח־לענדער. ער האָט אויך מחבר געווען פירושים צום תנ"ך.

ביבליאָגראַפיע: אזולאי, „שם הגדולים“; פרומקין, „תולדות חכמי ירושלים“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בירנבוים** פאַמיליען־נאָמען פון אַ רייה אָנגעזעהענע יודישע שריפטשטעלער.

1) אברהם בירנבוים, געבוירען אין פּולטוסק (פּוילען) אין יאָהר 1865 ביי חסידישע עלטערען, איז געווען פון די ערשטע פאָרשער פון חסידישער מוזיק אין פּוילען. ער איז געווען אין זיינע יונגע יאָהרען אַ למדן און אַ חסיד, חזן־שוחט אין אַ רייה שטעדט, שפּעטער (1893) איז ער געוואָרען אָבער־קאַנטאָר אין טשענסטאָכאָוו (פּוילען) און האָט דאָרט געגרינדעט די חזנים־שולע, וואָס האָט אַרויסגעגעבען מאָדערנע חזנים. בירנבוים האָט אויך געשריבען אַרטיקלען איבער מוזיק אין „הצפירה“, „העולם“ (וואו ער האָט אין יאָהר 1907 פערעפענטליכט אַ סעריע אַרטיקלען איבער חסידישע מוזיק פון די רבייאישע הויפען אין פשיסכע, קאָצק, וואָרקע), רעדאַגירט דעם „ירחון החזנים“, און אין יאָהר 1907 צונויפגערופען קיין וואַרשא דעם חזנים־צוזאַמענפאָהר פון פּוילען און געשאַפען דעם ערשטען חזנים־פערוואַנד אין פּוילען. ער האָט אויך פערפאַסט אויף יודיש און העברע־

איש א לעהר־בוך פאר מוזיק מיט'ן נאמען „תורת הזמרה הכללית" (ארויס־געגעבען יאהר 1902). בירנבוים איז גע־שטארבען אין יאהר 1922 אין טשענ־סטאכאוו.

2) נתן בירנבוים (בעקאנט אויך מיט זיין פסיידאנים „מתתיהו אחר"), בע־ריהמטער יודישער שריפטשטעלער און דענקער, אמאליגער ציוניסטישער פיה־רער און איצט איינער פון די אנגעזע־הענסטע ווארט־פיהרער פון רעליגיעזען און ארטאדאקסישען יודענטום, וועל־מענס איינפלוס אין דער יודישער וועלט איז זעהר גרויס. נתן (נחום) בירנבוים איז געבוירען געווארען אין וויען אין יאהר 1864, זיינע עלטערען זענען געווען רעליגיעזע מענשען און האבען געשטאמט פון א חסידישער פאמיליע אין גאליציען. בירנבוים האט בעקומען א אלגעמיין וועלטליכע בילדונג אין א דייטשער שו־לע, און איז מיטגעריסען געווארען מיט די מאטעריאליסטישע פרייגייסט־שטרע־מונגען פון דער דייטש־עסטרייכישער אינטעליגענץ אין די 70־ער יאהרען פון 19־טען יאהרהונדערט אונטער דעם איינפלוס פון די געלעהרטע פאגט, ביכ־נער („קראפט און שטאף") און אנדע־רע. בירנבוים האט שטודירט מזרח־שפראכען און אדוואקאטור און בעקומען דעם טיטול ד"ר יורי, אבער ער האט זיך באלד איבערגעווארפען צו פובלי־ציסטיק. אונטער דעם איינפלוס פון דעם העברעאישען נאציאנאלען שריפטשטע־לער סמאלענסקין אין די 80־ער יאהרען אין וויען און זיין צייטשריפט „השחר" האבען אין די וויענער יודישער אינטע־ליגענץ שוין דעמאלס זיך אנגעהויבען צו בעמערקען נייגונגען צום יודישען נא־ציאנאלען געדאנק, און באלד איז אויך בירנבוים מיטגעריסען געווארען מיט דער דאזיגער בעוועגונג. ער האט שוין אין יאהר 1883 (צוזאמען מיט נאך חברים סטודענטען) געגרינדעט דעם ערשטען נאציאנאל - ציוניסטישען סטו־דענטען־פעראיין אין עסטרייך „קדימה" (נאך איידער ד"ר הערצל איז אויפגע־טרעטען מיט דעם „יודענשטאאט") און ער האט אין די דייטשע שריפטען, וואס ער האט רעדאגירט, „זעלבסטעמאנצי־פאציאן" (1884—86) און „יודישע פאלקסצייטונג" (1890—93) האט ער געפרעדיגט דעם געדאנק וועגען אויפ־לעבען דאס יודישע פאלק אין זיין נא־ציאנאלער היים, ארץ־ישראל. בירנבוים האט דארט דער ערשטער געשאפען די אויסדריקען „ציוניזם", „פאליטישען ציוניזם". ווען עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע ציוניסטישע בעוועגונג פון ד"ר הערצל איז בירנבוים געווען איינער פון איהרע אייפריגסטע ווארט־פיהרער, גענעראל־סעקרעטאר פון ציוניסטישען ביורא. אבער אין יאהר 1898, נאכ'ן 2־טען ציוניסטישען קאנגרעס איז אין בירנבוימען פארגעקומען א ענדערונג. ער האט זיך בעקענט מיט'ן לעבען פון די יודישע מאסען אין גאליציען און רוסלאנד און פון א ציוניסט איז ער געווארען אזוי־צו־זאגען א „פאלקיסט־יודישיסט", א יודישער „מאסען־נאציא־נאליסט", א גלות־נאציאנאליסט. ער האט געהאלטען, אז די יודישע מאסען מוזען בלייבען אין די גלות־לענדער, און נאר א קליינעם טייל וועט מען קאנען אריבערפיהרען קיין ארץ־ישראל, און פאר'ן יודישען פאלק איז וויכטיג נישט יענער קליינער טייל אויסדערוועהלטע, נאר די מאסען, און דאס פאלקס־לעבען, די זיטען און כאראקטער־אייגענשאפטען

פון די דאָזיגע מאַסען זענען דער יסוד
פון דער יודישער נאַציאָנאַלער קולטור,
און דעריבער דאַרף מען דאָס אַלץ פּפלע=
גען. דערפון איז ער אויך געקומען צו
דער אייפריגער אַנערקענונג פון דער
יודישער שפּראַך אַלס די נאַציאָנאַל=
שפּראַך פון יודישען פאָלק. בירנבוים
האָט פון דעמאָלס אָן אין זיינע צאָהל=
רייכע אַרטיקלען, בראָשורען געפיהרט
די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אויסקעמפען נאַ=
ציאָנאַלע רעכט פאַר די יודישע פאָלקס=
מאַסען אין די לענדער, וואו זיי וואוי=
נען, פאַר דער אַנערקענונג פון יודיש
אַלס יודישע נאַציאָנאַלע שפּראַך; ער
האָט זיך אויסגעלערנט רעדען און
שרייבען יודיש. דער דאָזיגער פעריאָד
אין בירנבוימס לעבען האָט געדויערט
ביז דער צייט פון דער וועלט=מלחמה
אין יאָהר 1914. אין פערלויף פון דאָ=
זיגען פעריאָד איז בירנבוים געווען דער
גרויסער וואָרט=פיהרער פון יודישיזם:
ער איז געווען דער פּאָרזיצענדער פון
דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין
יאָהר 1908, וואָס האָט פּראָקלאַמירט
יודיש אַלס נאַציאָנאַל=שפּראַך פון יודי=
שען פאָלק. ער האָט אַרויסגעגעבען „ד״ר
בירנבוים׳ס וואָכענבלאַט״ (אין טשער=
נאָוויץ), געמאַכט רונד=רייזעס איבער די
יודישע צענטרומס אין גאַליציען, פּוי=
לען, רוסלאַנד, האַלטענדיג פּאָרטראַגען
וועגען גלות=נאַציאָנאַליזם. — אין דער
צייט פון דער וועלט=מלחמה איז אין
בירנבוים׳ס גייסטיגע אַנשויאונגען פּאָר=
געקומען אַ טיפע ענדערונג. פון אַ פריי=
דענקער, וואָס האָט געשטיצט זיין וועלט=
אַנשויאונג אויף מאַטעריאַליסטיש=אַטע=
איסטישע טעאָריעס פון די דייטשע פּאָ=
זיטיוויסטען אין 19=טען יאָהרהונדערט,
איז בירנבוים געוואָרען אַ פרום=גלויבי=
גער יוד, וואָס גלויבט נישט נאָר, אַז עס
איז פאַרהאַן אַ גאָט, אַ וועלט=בעשעפער,
וואָס פיהרט אָן מיט דער וועלט און
מיט דער געשיכטע פון מענשען און
פעלקער, נאָר אויך, אַז גאָט האָט געגע=
בען די תורה צו די יודען און אויסגע=
וועהלט די יודען אַלס „גאָטעס=פאָלק״
(דער נאָמען פון בירנבוים׳ס אַ בראָ=
שור) און מען איז מחויב מקיים צו זיין
אַלע מצוות און דינים פון דער יודישער
רעליגיע, ווי עס הייסט אונז דאָס
שטרענג=אָרטאָדאָקסישע יודענטום. בירנ=
בוים איז אַרויסגעטרעטען אַלס מיטגליד
פון דער אָרטאָדאָקסישער אָרגאַניזאַציע
„אגודת ישראל״, אַלס קעמפער געגען
דעם וועלטליכען נאַציאָנאַליזם פון יודי=
שען פאָלק און פאַר אַ פולשטענדיגען
צוריקקעהר צו דער יודישער רעליגיע,
„צו דער אַלטער יודישער אמונה, צו
יודישקייט און צו יודישע קדושה=שטרע=
בונגען״. ער האָט אויך זיין פּריוואַט=
לעבען געענדערט פולשטענדיג, געוואָרען
במעשה אַ פרומער יוד, אָנגעהויבען
נזהר זיין אין אַלע רעליגיעזע מצוות און
דינים. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ רייה
בראָשורען אין דייטש און יודיש „גאָ=
טעס פאָלק״ (וועלט=פערלאַג בערלין
1920), „דברי העולים״ (ברין, 1917,
אויף יודיש און העברעאיש, וואָס בירנ=
בוים רופט נאָר „לשון קודש״), „פון
אַנ׳אפיקורס געוואָרען אַ מאמין״, „אין
גלות ביי יודען״. אַלס סעקרעטאַר פון
דער „אגודת ישראל״ האָט ער פיעל
מיטגעהאָלפען צו דער פּאָפּולאַריזירונג
פון די יודיש=אָרטאָדאָקסישע אַנשויאונ=
גען צווישען דער אינטעליגענץ, מיטגע=
אַרבייט אין די אָרטאָדאָקסישע צייטונ=
גען. בירנבוים׳ס ווערק זענען געזאַמעלט
געוואָרען אין דייטש „אויסגעוועהלטע

שריפטען" (טשערנאָוויץ 1910), און „אום די עווינקייט" (בערלין 1920). אַ חוץ זיינע דערמאָהנטע בראָשורען אין יודיש האָט בירנבוים געשריבען פיעל אַרטיקלען אין יודישע צייטונגען און וואָכענשריפטען. בירנבוים לעבט איצט אין וויען.

3) שלמה בירנבוים (געבוירען 1891) זוהן פון נתן בירנבוים, בעריהמטער יודישער אָרטאָדאָקסישער געלעהרטער און פילאָלאָג. אין דייטש האָט ער פערפאַסט אַ רייה ווערק איבער דער יודישער שפּראַך און אַ זאַמלונג חסידישע ווערטער „לעבען אונד וואָרטע דעם בעל־שם" (בערלין 1920). אין יודיש האָט ער פערפאַסט זיין „יידיש לשון" מיט אַן אייגענער אָרטאָגראַפיע.

ביבליאָגראַפיע: איבער נתן בירנבוים זענען פאַרהאַן פיעל אָבהאַנדלונגען, אויסגערעכענט אין לעקסיקאָן פון רייזען (1926); אין וואַרשא פערלאַג „ישורון" איז ערשינען אין יאָהר 1925 אַ „יובילעאום־בוך" אויף יודיש לכבוד בירנבוים אין וועלכען עס זענען פאַרהאַן ווערטפולע ביאָגראַפישע, נאָטיצען און אָבשאַצונגען. — וועגען אברהם בער בירנבוים אין „היינט" און „מאָמענט" (סעפּטעמבער 1922), לעקסיקאָן פון רייזען (1926).

**בית** אויף העברעאיש איז דער טייטש פון „בית" אַ הויז. דאָס וואָרט „בית" קומט אָפט פאָר אַלס אַ טייל פון פערשידענע צוזאַמענגעזעצטע ערטער־נעמען אין ארץ־ישראל ווי בית־אל, בית־לחם וכדומה, און אויך פון פערשידענע רעליגיעזע געגענשטאַנדען ווי בית־המקדש, בית־המדרש, בית־עלמין, בית־דין וכדומה, און ספּעציעל שפּעטער אין דער משנה און גמרא ווערט בענוצט אויך דאָס וואָרט „בית" סתם אַלס בית־המקדש, און מען אונטערשיידעט „בית ראשון" (דאָס ערשטע בית־המקדש) פון „בית שני" (דאָס צווייטע בית־המקדש). וועגען פערשידענע מצוות, וואָס זענען געווען גילטיג נור ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען ווערט געזאָגט, אַז זיי זענען נוהג נאָר „בזמן הבית" (אין דער צייט פון בית־המקדש). — די רשימה פון די יודישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, וואָס הויבען זיך אָן מיט'ן נאָמען „בית" געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „ארץ־ישראל".

**בית־אל** אַ אַלטע שטאָדט אין ארץ־ישראל, וואָס ווערט שוין דערמאָהנט אין דער צייט פון אברהם אבינו (בראשית י"ב). מען גלויבט, אַז דאָס איז דאָס היינטיגע אַראַבישע דאָרף „ביטין", וואָס געפינט זיך צו צפון פון ירושלים אויפ'ן וועג קיין שכם. אין יהושע י"ב ווערט עס גערעכענט צו די שטעדט פון שבט בנימין, אין יהושע י"ח און שופטים א' דערצעהלט, אַז די בני יוסף האָבען די שטאָדט איינגענומען. פריהער האָט די שטאָדט געהייסען „לוז". וועגען בית־אל ווערט דערמאָהנט אין אַ רייה ערטער אין תנ"ך, אַז דאָרט איז געווען אַ אָרט פון רעליגיעזען קולט; יעקב אבינו האָט געבויט דאָרט אַ מזבח און אַ מצבה (בראשית ל"ה), ירבעם בן נבט האָט דאָרט אויפגעשטעלט איינעם פון די גאָלדענע קעלבער צום דינען (עמוס ד'). אויך דער נאָמען „בית אל" (גאָט'ס הויז) ווייזט דערויף.

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל ושכנותיה"; ספיר, „ספר הארץ"; ראָזענבערג, „אוצר השמות".

**בית גוברין** אַ אַלטע שטאָדט אין דרום־ארץ־ישראל, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהערט צו אדום. אין דער רוימישער צייט פון נאָכ'ן

בית־שני האָט זי געהייסן אויך ,,עלעוטראָפּאָליס'' (ווערט דערמאָהנט אין מדרש בראשית רבה י''ד). היינט איז עס אַן אַראַביש דאָרף צו מערב פון חברון און הייסט ,,בעט דזשיברין''; דאָרט וואוינען ביי 1000 אַראַבער.

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, ,,ארץ ישראל ושכנותיה''; ראַפּאָפּאָרט, ,,ערך מלין''; ספיר ,,ספר הארץ''.

**בית דָגָן** אַ אַלטע שטאָדט אין ארץ־ישראל, וואָס איז געלעגען נישט ווייט פון יפו און האָט געהערט צום שבט יהודה (יהושע ט''ו), איצט איז עס אַ אַראַביש דאָרף אויפ'ן וועג פון יפו קיין רמלה (אויפ'ן שאָסע, וואָס געהט פון יפו קיין ירושלים) און הייסט ,,בעט־דעדזשען'', נעבען דעם דאָזיגען דאָרף איז פאַרהאַן אַ בערגעל, וואָס דאָרט זאָל זיך האָבען געפונען די חורבות פון דער אַלטער שטאָדט ,,בית דגן'' פון תנ''ך. די שטאָדט האָט געהערט צו די פלשתים און דער נאָמען פון דער שטאָדט שטאַמט פון דעם טעמפּעל צום אָבגאָט ,,דגון'', וואָס די פלשתים האָבען דאָרט געהאַט (שמואל א' ה'), וועגען ,,דגון'' געבען מיר ביים שטיך־וואָרט ,,פלשתים''. — עס איז געוועזען נאָך אַ אָרט אין צפון־ארץ־ישראל מיט'ן נאָמען בית דגן, וואָס האָט געהערט צום שבט אשר, (יהושע י''ט) און ווערט דערמאָהנט אויך שפּעטער אין דער תוספתא שביעית פ''ט ,,בני גליל העליון אוכלין עד שיכלו לופסי בית דגן'' (דער ערשטער ,,בית דגן'' ווערט אין תוספתא אהלות פ''ג אָנגערופען ,,בית דגן שביהודה'').

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, ,,ארץ ישראל ושכנותיה''; ספיר, ,,ספר הארץ''; ,,שבע חכמות שבתלמוד'' פון הערשענזאָהן.

**בית־דין** (,,געריכטס־הויז''). מיט'ן נאָמען ,,בית דין'' ווערט אין דער משנה, גמרא און אויך שפּעטערע יודישע ספרים אָנגערופען דאָס יודישע געריכטס־קאָלעגיום, וואָס האָט צו ענטשיידען אין אַלע פראַגען, סיי אין רעליגיעז־ריטועלע, סיי אין געלדזאַכען, סיי קרימינעלע שטראָף־פּראָצעסען. אין תנ''ך ווערט דאָס וואָרט ,,בית דין'' נישט דערמאָהנט, און אין די תנ''ך־ספרים ווערט כסדר גערעדט וועגען ,,שופטים'' אַלס די יודישע ריכטער (דברים ט''ז און אַנדערע ערטער). טייל יודישע געלעהרטע היסטאָריקער (גינזבורג אין זיין בעקאַנטען אַרטיקעל ,,בית דין'' אין דער יודיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע און אַנדערע) האָבען די מיינונג, אַז די גאַנצע אינסטיטוציע פון ,,בתי דינים'' ביי יודען לויט דער גאַנצער אָרדנונג און פאַרשריפטען וועגען זייער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער משנה סנהדרין, איז איינגעפיהרט געוואָרען ערשט אין די שפּעטערע היסטאָרישע צייטען, צום סוף פון בית שני אָדער גאָר ערשט נאָכ'ן חורבן בית שני. אין דער גמרא געפינען מיר טראַדיציעס וועגען ,,בתי דינים'' פון גאָר אַלטע יודישע צייטען (בית דינו של שמואל ושלמה אין מכות כ''ג, בית דינו של גדעון ויפתח, תוספתא ראש השנה פ''ב, בית דינו של חשמונאי סנהדרין פ''ב). ווי די משנה און גמרא שטעלען פאָר האָט אין דער צייט פון בית המקדש עקזיסטירט אין ירושלים דער ,,בית דין הגדול'' (דאָס העכסטע געריכט), וואָס האָט אויך געהייסען די ,,סנהדרין גדולה'' (דאָס גרויסע סנהדרין) פון 71 מאַן (סנהדרין פ''ו, ספרי דברים); קלענער פון זיי איז געוועזען

דאָס בית דין פון די „סנהדרי קטנה" פון 23 מאַן, וואָס האָט זיך געפונען איבער יעדען יודישען שבט, און דאָס דאָזיגע געריכט האָט געהאַט דאָס רעכט צו פּסקענען טויט-שטראָף („דיני נפשות"). נאַכהער איז געגאַנגען דאָס „בית דין של שלשה", דאָס געריכטס-קאָלעגיום פון 3 פּערזאָן פאַר וויכטיגערע ציוויל- און קרימינעלע פּראָצעסען. פאַר קליינע ציוויל-פּראָצעסען איז גענוג געווען איין ריכטער, אַ „מומחה". גענוי וועגען דער איינטיילונג פון די דאָזיגע בתי-דינין און זייערע קאָמפּעטענצען איז פאַראַן אין דער מסכתא סנהדרין. וועגען די יודישע געריכטס-קאָלעגיומס אין די שפּעטערע צייטען געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „רבנים"; וועגען דעם סנהדרין געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „סנהדרין"; וועגען די אַנדערע וועלטליכע געריכטען (אין ארץ-ישראל און אַנדערע לענדער) געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „געריכטען". — וועגען דעם כח און כבוד פון בית דין איז פאַראַן אין דער גמרא פיעל ווערטער. די משנה אין עדיות פ"א זאָגט, אַז „אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חברו אלא אם כן גדול ממנו בחכמה ובמנין" (אַז איין בית דין קאָן נישט מבטל מאַכען דעם אורטייל פון אַ צווייטען בית דין סיידען ער איז גרעסער פון יענעם סיי אין געלעהרזאַמקייט סיי אין צאָהל). אין סנהדרין מ"ד ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט באַליידיגען קיין בית דין. אין דער גמרא מכות כ"ג ווערט געזאָגט, אַז אויך אין הימעל איז פאַראַן אַ בית דין, וואָס הייסט „בית דין של מעלה". אין די חסידישע ספרים ווערט וועגען דאָזיגען „בית דין של מעלה" פיעל געשריבען, און עס איז דער חסידישער גלויבען וועגען אַנגעזעהענע חסידישע רביים, אַז זיי געהערען אין הימעל צום „בית דין של מעלה". זעה אויך שטיך-וואָרט „אב-בית-דין".

ביבליאָגראַפיע: אסף, „בתי הדין בישראל" ירושלים תרפ"ד; ביכלער, „דאָס גרויסע סנהדרין (דייטש); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בית הכנסת** מיט'ן דאָזיגען וואָרט איז אין העברעאיש בעצייכענט געוואָרען די „שוהל", וואו מען האָט נאָר געדאַווענט, אין אונטערשיעד צום „בית המדרש", וואו מען האָט געדאַווענט און געלערענט און האָט אויך געדיענט אַלס האַלב-וועלטליכער צוזאַמענקונפט פאַר די יודען פון דער קהלה. וועגען „בית הכנסת" געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „שוהל". וועגען בית-המדרש ביים שטיך-וואָרט „בית המדרש".

**בית הכרם** אַנ'אַלטע שטאָדט אין ארץ-ישראל אין צפון פון ירושלים, ווערט דערמאָהנט אין ירמיה ו' („ועל בית הכרם שאו משאת"), און אין נחמיה ב' אַלס קרייז-שטאָדט. אין דער משנה מדות פ"ג און גמרא נדה כ"א ווערט דערמאָהנט „בקעת בית הכרם". היינט איז דער נאָמען פון איינער פון די יודישע פאָרשטעדט פון ירושלים אויך „בית הכרם". (וועגען איהם געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „ירושלים").

ביבליאָגראַפיע: הורוויץ, „ארץ ישראל ושכנותיה"; הערשענזאָהן, „שבע חכמות שבתלמוד"; ספיר, „הארץ".

**בית הלל** אַזוי האָט געהייסען די שולע פון אַ רייהע תנאים צום סוף פון בית-שני אויפ'ן נאָמען

פון זייער רבי, הלל הזקן, אין געגענזאַץ צו אַ צווייטער שולע ,,בית שמאי, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון דעם רבי, שמאי הזקן. וועגן די דאָזיגע צוויי שולען וועמענס הלכות זענען צעוואָרפען איבער דער משנה געבען מיר ביי די שטיך=ווערטער ,,הלל'' און ,,שמאי''.

## בית המדרש

דער טייטש דערפון אויף העברעאיש איז ,,דאָס הויז פון שטודיום'', און דערמיט איז בעצייכענט געוואָרען דאָס הויז, וואו מען האָט נישט נאָר געדאַווענט, נאָר אויך געלערענט תורה, אין געגענזאַץ צום ,,בית הכנסת'', ,,שוהל'', וואו מען האָט נאָר געדאַווענט. די דאָזיגע איינטיילונג איז פערבליבען ביז אין דער נייעסטער צייט. אין יעדער שטאָדט מיט אַ יודישער קהלה איז פאַרהאַן נעבען דער שוהל אויך אַ בית=המדרש, וואָס איז אייגענטליך אויך דער צוזאַמענקונפטס=אָרט פאַר די שטאָדטישע יודען צו בעטראַכטען קהלישע זאַכען, שמועסען וועלטליכע ענינים, אָפטמאָל שלאָפען דאָרט אויך ישיבה=בחורים אָדער פרעמדע אורחים. דאָס בית=המדרש ווערט דעריבער בעטראַכט אַלס ווייניגער הייליג פון דער שוהל, וועלכע איז געווידמעט בלויז צום דאַווענען.

אין דער גמרא און מדרשים ווערען איבערגעגעבען טראַדיציעס, אַז די אינסטיטוציע ,,בית המדרש'' איז שוין גאָר אַלט. אין מדרש בראשית רבה ס''ג ווערט געזאָגט, אַז יעקב אבינו האָט געלערענט אין ,,בית מדרש'' פון ,,שם ועבר''. אין דער גמרא ווערען געבראַכט טראַדיציעס וועגען ,,בית המדרש'' פון שלמה המלך, חזקיה (סנהדרין צ''ד) און אַנדערע תנ''ך=פערזאָנען. יעדענפאַלס איז זיכער, אַז אין דער שפּעטערדיגער צייט פון בית שני האָט עקזיסטירט ביי יודען די בית=המדרש=אינסטיטוציע, וואָס איז געווען דער אָרט, וואו מען האָט געלערענט מיט תלמידים. אין יומא ל''ה ווערט דערצעהלט ווי הלל האָט געלערענט אין ירושלים אין בית=המדרש פון שמעיה ואבטליון (אין 1=טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). אין שבת י''ז ווערט דערצעהלט וועגען בית המדרש, וואו עס האָבען געלערענט און געפיהרט צווישען זיך מחלוקת אין לערנען הלל ושמאי מיט זייערע תלמידים. פון דער גמרא ברכות כ''ח, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם בעפעהל פון רבן גמליאל הנשיא אין יבנה, אַז ,,כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש'' (אַ תלמיד וואָס איז אינערליך נישט ווי אויסערליך זאָל נישט אַריינקומען אין בית=המדרש) איז צו זעהן, אַז דער בית המדרש איז געווען דאָס אָרט, וואו דער נשיא אין ארץ=ישראל האָט געלערענט מיט די תלמידים. אויף אַראַמעאיש האָט מען עס גערופען אין די צייטען פון דער גמרא ,,בי מדרשא'' (חגיגה ג'). אין ברכות כ''ח ווערט געבראַכט אַ ספּעציעלע תפלה, וואָס מען האָט געזאָגט פאַר'ן אַריינגעהן אין בית=המדרש. אין אַ רייהע ערטער אין דער גמרא איז צו זעהן, אַז מען האָט אין בית=המדרש אויך געדאַווענט (סוטה כ''ב), ווי אויך געגעסען און געשלאָפען (ירושלמי, שבת, סוכה כ''ח, וואו רבי אליעזר ריהמט זיך, אַז ער איז נישט געשלאָפען קיינמאָל אין בית=המדרש).

אין מיטעל=אַלטער און דער נייער צייט איז דאָס בית=מדרש געווען דער

צענטער פון יודישען קהלישען לעבען אין יעדער שטאָדט. געוועהנליך איז אין די גרעסערע שטעדט געווען איין גרויס בית־המדרש און אַ רייה קלענערע בתי־מדרשים, פון וועלכע טייל האָבען קאָנצענטרירט אַרום זיך בעלי־מלאכות פון געוויסע פאַכען, ווי „דאָס שניידערישע בית־המדרש", „דאָס קצבישע בית־המדרש" וכדומה, ווייל דאָס האָט זיי אויך געדיענט אַלס אַ האַלב־רעליגיעזער האַלב־געזעלשאַפטליכער קלוב, וואו די מתפללים האָבען נישט נאָר געדאַווענט און געלערנט נאָר אויך בעטראַכט זייערע קהלישע אינטערעסען. מיט דעם בית־המדרש פיהרען אָן „גבאים", וואָס ווערען געוועהלט דורך די דאַווענערס חול המועד סוכות אָדער חול המועד פסח, און די אָרדנונג און ריינהייט אין בית־המדרש ווערט געהאַלטען דורכ'ן „שמש", וועלכער ווערט דערפאַר בעצאָהלט. אין די קלענערע בתי־מדרשים איז געוועהנליך אויך פאַראַן אַ מגיד אָדער אַ לערנער, וואָס לערענט יעדען אָוונד און שבתים און ימים־טובים מיט די דאַווענערס עין יעקב, מדרש, לייכטע שטיקלעך גמרא, מוסר ספרים. אויך די שוהל אין הויף פון יעדען חסידישען רבי, וואו די חסידים דאַווענען צוזאַמען מיט'ן רבי, הייסט בית המדרש, און מען רופט עס געוועהנליך „דעם רבי'ס בית־המדרש". אין יעדען בית־המדרש זענען געוועהנליך פאַראַן שענק אָדער פאָליצעס מיט ספרים, גמרות, רמבם'ס, ארבעה שלחן ערוך'ס, פוסקים, אויך ספרי־אחרונים, צום לערנען. צו דעם ציעל איז פאַראַן ביים בית־המדרש אַ ספּעציעלע חברה „תיקון ספרים", וואָס ווערט פערוואַלטעט פון די בחורים, וועלכע לערנען אין בית המדרש; זיי נעהמען צונויף נדבות־געלד און קויפען דערפאַר ספרים און פערריכטען זיי, ווען זיי ווערען צעריסען. — וועגען דעם בוי־סטיל פון די בית־המדרש־געביידעס געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „שוהלען" און אויך „אַרכיטעקטור".

ביבליאָגראַפיע: אַבראַהאַמס אין ענגליש בוך „דאָס יודישע לעבען אין מיטעל־אַלטער" (אַ קיצור דערפון איז פאַראַן אין יודישער איבערזעצונג, און אויך אין העברעאישען „חיי היהודים בימי הבניים" אין „השלח" פון יגלין גיעט וועגען דעם לעבען פון בית־המדרש; בערלינער, חיי היהודים באשכנז בימי הבניים"; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בית המקדש** („דאָס הויז פון הייליגטום"), נאָמען פון דעם הייליגסטען יודישען פלאַץ און הויז אין ירושלים, וואָס איז געווען דער צענטער פון רעליגיעזען יודישען לעבען אין די צייטען פון אַלטערטום און וואו דער דינסט צו גאָט איז פאָרגעקומען אויך דורך מקריב זיין קרבנות. געוועהנליך אונטערשיידעט מען צוויי בית־המקדש'ס, דער „ערשטער" („בית ראשון") און דער „צווייטער" („בית שני"). מיר וועלען דאָ געבען וועגען יעדען פון זיי בעזונדער.

דער ערשטער בית־המקדש איז, לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אין ספר מלכים א' (קאַפּיטלעך ה' — ט') געבויט געוואָרען דורך שלמה המלך. וועגען דער צייט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, איז פאַראַן אַ גרויסע חלוקי דעות צווישען דער אַלטער יודישער טראַדיציע פון כראָנאָלאָגישען ספר „סדר עולם" און גמרא פון איין זייט און דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג פון דער צווייטער זייט. עס האַנדעלט זיך בכלל וועגען דער היסטאָרישער צייט־פעסטשטעלונג אין דער אַלטער יודישער געשיכטע, ווייל

לויט דער טראַדיציע פון דער גמרא איז אַנגענומען געוואָרען, אַז פון בויען דעם 2-טען בית-המקדש ביז דער צייט פון אַלעקסאַנדער מוקדון איז געווען גאָר ווייניג יאָהרען, און דעריבער זענען אַלע פריהעריגע צייט-פעסטשטעלונגען אויך אַרויסגעקומען שפּעטער, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך די היס-טאָרישע כראָנאָלאָגיע - פאָרשונג. ווע-גען דעם האָט דער ערשטער פיעל גע-שריבען רבי עזריה דמן האדומים אין זיין „מאור עינים’’ און ער האַלט, אַז מען דאַרף זיך האַלטען ביי דער וויסענ-שאַפטליכער כראָנאָלאָגיע. לויט דעם קומט אויס, אַז דאָס ערשטע בית-המקדש איז געבויט געוואָרען לערך דעם יאָהר 1020 פאַר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג. דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען אין יאָהר 586 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג דורך נבוכד-נאצר דעם קעניג פון בבל, עס קומט דע-ריבער אויס, אַז דער דאָזיגער בית-המקדש איז געשטאַנען לערך 434 יאָהר. אין דער גמרא יומא ט' ווערט געזאָגט, אַז דער „מקדש שלמה’’ (דאָס הייסט דער בית ראשון) איז געשטאַנען 410 יאָהר. קיין גרויסער אונטערשיעד איז אַלזאָ דאָ נישט פאַרהאַן. ווי דער ספר מלכים א' דערצעהלט, האָט מען צום בויען דעם בית-המקדש זיך בענוצט מיט בוי-קינסטלער, וועלכע עס האָט גע-שיקט חירם מלך צור פון פעניציען. דער בית-המקדש איז בעשטאַנען פון אַ גרוי-סען הויף, וואָס האָט געהייסען „עזרה’’, און וועלכער איז געווען איינגעטיילט, לויט דער הייליגקייט, אין דריי טיילען: „עזרת נשים’’ (פאַר פרויען), „עזרת ישראל’’ (פאַר מענער ישראלים) און „עזרת כהנים’’ (וואוהין נאָר כהנים האָ-בען געמעגט אַריינקומען). אויפ'ן הויף, צו וועלכען עס האָבען געפיהרט עטליכע טויערען, האָבען זיך געפונען: דער קו-פּענער מזבח, אויף וועלכען מען האָט מקריב געווען קרבנות, פערשידענע לשכות (קליינע געביידעס) און אַנדערע פערשידענע זאַכען, וואָס האָבען גע-הערט צו דער עבודה, ווי אויך אַ קו-פּערנער ים. צום סוף פון דעם הויף עזרה (וועלכער האָט אין דער צייט פון 2-טען בית פערנומען 322 איילען די לענג און 135 איילען די ברייט) האָט זיך געפונען די געביידע פון בית-המקדש, וועלכע איז געווען 60 איילען די לענג, צוואַנציג די ברייט און 30 די הויך. אָבער אויף דער געביידע איז נאָך געווען אַ טורם פון 90 איילען די הויך. אין דער מערב-זייט פון דער געביידע איז געבויט געווען די הייליגסטע געביי-דע, דער „קדש הקדשים’’, וואָס האָט געהאַלטען צו 20 איילען די לענג, ברייט און הויך. די ערשטע געביידע האָט גע-הייסען דער היכל, די צווייטע דער קדש הקדשים. אין היכל איז געשטאַנען די מנורה, אַ מזבח, אויף וועלכען מען האָט געריכערט קטורת, דער שלחן, אויף וועלכען מען האָט געלעגט דעם לחם הפנים (ברויט). דאָרט האָבען די כהנים געקאָנט אַריינקומען שטענדיג. דאַגעגען אין קדש הקדשים האָט זיך געפונען דער ארון, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט אויף אַ אור-אַלטען שטיין „אבן שתיה’’ (מיר געבען וועגען דעם ביים שטיך-וואָרט „אבן שתיה’’). און איבער דעם ארון זענען געווען כרובים, פייגלען פון גאָלד. דאָרט אַהין האָט געמעגט אַריינקומען נור דער כהן גדול אים יום כיפור. די גאַנצע געביידע איז געווען פון געהאַקטע שטיינער, צו וועל-כע מען האָט נישט בענוצט קיין אייזען, און די טירען זענען געווען פון האָלץ.

דער גרעסטער טייל פון דער געביידע איז געווען בעדעקט מיט גאָלד.

דעם צווייטען בית־המקדש האָט מען אָנגעהויבען צו בויען מיט דער ערליבעניש פון כורש מלך פרס, נאָכדעם, ווי די יודען זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל לערך דעם יאָהר 537, און נאָך אַ רייהע שטערונגען איז ער פערענדיגט געוואָרען לערך דעם יאָהר 516 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט, פונקט 70 יאָהר נאָך דעם, ווי דער בית ראשון איז חרוב געוואָרען, וואָס האָט געשטימט מיט דער בעקאַנטער נבואה פון ירמיהו הנביא, אַז 70 יאָהר וועט דויערען דער גלות בבל. דער בית שני איז חרוב געוואָרען דורך טיטוס דעם רוימישען מיליטער־פיהרער אין יאָהר 68 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג, אַזוי אַז ער איז געשטאַנען לערך 584 יאָהר (די גמרא יומא י"ט גיעט אָן, אַז נור 420 יאָהר). אין אָנהויב איז דער בית שני געווען זעהר אָרעם געבויט, נאָר שפּעטער (אין יאָהר 40 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) האָט איהם הורדוס המלך איבערגעבויט מיט גרויס פּראַכט און רייכקייט. דער הויפּט־אונטערשיעד אין דער הייליגקייט פון ערשטען ביז צום צווייטען בית־המקדש איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס אין בית־שני איז נישט געווען דער ארון. וועגען די אָרדנונגען אין 2־טען בית־המקדש האָבען מיר בעדייטענד מעהר ידיעות און זיי געפינען זיך אין די צוויי מסכתות פון דער משנה „מידות" (וועגען דעם בוי פון בית־המקדש. די עזרות וכדומה) „תמיד" און „שקלים" (וועגען דער פערוואַלטונג, דער עבודה, קרבנות וכדומה). די הויפּט־פיהרער פון בית־המקדש זענען געווען דער כהן־גדול און זיין סגן (געהילף). פערוואַלטעט מיט די פינאַנציעלע ענינים האָבען 3 גזברים, 7 אמרכלין און 2 קתוליקין (אַלע כהנים), און אונטער זיי זענען געווען פערשיעדענע אונטער־פערוואַלטער. אויף אויסצוהאַלטען דעם בית־המקדש האָט יעדער יוד געמוזט געבען יעהרליך אַ האַלבען שקל, אַ חוץ וואָס עס זענען אַריינגעפאַלען אַ סך רייכע נדבות. דעם בית־המקדש האָבען געהיט ספּעציעלע שומרים. וועגען די קרבנות אין בית־המקדש, דער אָרגאַניזאַציע פון די כהנים, כהן גדול, די לויים, געבען מיר בעזונדער ביי די בעטרעפענדע שטיך־ווערטער „קרבנות", „כהנים", „כהן גדול", „לויים", „עבודה". לויט דעם דין זענען אַלע יודען, וואָס האָבען געהאַט די מעגליכקייט דערצו געווען פערפליכטעט צו קומען אויף די דריי ימים טובים, פּסח, שבועת און סוכות אין בית־המקדש, אָבער אַממייסטען פלעגט מען קומען אים פּסח, אַזוי ווייט, אַז ווי די תוספתא אין פּסחים און אויך פלאַוויוס אין קדמוניות (ביים בעשרייבען דאָס לעבען פון מלך אגריפּס) דערצעהלען, זענען געקומען דעמאָלס קיין ירושלים פיעל הונדערטער טויזענדער מענשען, נישט נור פון ארץ־ישראל נאָר אויך פון אַנדערע לענדער.

די עזרה (דער בית־המקדש־הויף) איז געווען נור אַ טייל פון אַ גרויסען פּלאַץ אויף אַ באַרג, וואָס מען האָט אָנגערופען דער „הר הבית" („באַרג פון בית־המקדש"), וועלכער האָט געהאַלטען 500 איילען אויף 500 איילען. סיי דער הר הבית, סיי די עזרה זענען געווען אַרומגערינגעלט מיט מויערען. ווי די טראַדיציע זאָגט, איז די היינטיגע כותל המערבי אַ טייל פון דער מערב־וואַנד פון הר הבית. אויפ'ן הר הבית האָבען

נישט געטאָרט אַריינקומען קיין רע־
ליגיעז־אומריינע יודען („טמאים") און
אויך נישט קיין נישט־יודען. עס איז
געווען אין הורדוס'ס בית־המקדש א
ספּעציעלע אויפשריפט אויף גריכיש און
העברעאיש, וואָס פאַרווערט נישט־יודען
דאָרט אַריינצוקומען; די דאָזיגע אויפ־
שריפט האָט מען גראָד געפינען און זי
איז איצט אין מוזעאום אין קאָנסטאַנטי־
נאָפּאָל. היינט איז דער הר הבית אין די
הענד פון מאַכאָמעדאַנער און עס
שטעהט אויף איהם איינער פון די היי־
ליגסטע מאַכאָמעדאַנישע טעמפּלען, דער
אָמאַר־מאָשעע (אויפ'ן אָרט פון קדש
הקדשים). פרום־רעליגיעזע יודען זענען
נאָך היינט נזהר נישט אַריינצוגעהן
אויפ'ן הר הבית, ווייל רעליגיעז הייסען
מיר היינט „טמא" (אָבוואהל לעצטענס
האָט הרב בראווער פון ירושלים אַרויס־
געגעבען אין יאָהר תרפ"ח א קונטרס
„כניסה להר הבית" מתיר צו זיין אַריינ־
צוגעהן דאָרט).

וועגען דער הייליגקייט און וואונדער
פון בית־המקדש איז פיעל געשריבען
געוואָרען אין דער משנה, גמרא, מדרשים
און שפּעטערע ספרים. דער בית־המקדש
ווערט אָנגערופען אויך בית הבחירה
(משנה מעשר שני פרק ה', אויך דער
רמב"ם רופט אָן זיינע הלכות וועגען
בית־המקדש „הלכות בית הבחירה")
סתם „בית" (וועגען דעם געבען מיר
ביים שטיך־וואָרט „בית"), „מקדש",
און אויך אַנדערע נעמען („לבנון",
„בית זבול", „בית עולמים"). אין דער
משנה סוכה מ"א) ווערען געבראַכט
פאַרשידענע תקנות, וואָס מען האָט
שפּעטער פאַראָרדענט אלס „זכר למקדש"
(„צום אָנדענקונג פון בית־המקדש").
אין מדרש שמואל ט"ו ווערט געבראַכט,
אז עס איז געווען א ספּעציעלע „מגלת
בית המקדש", וואָס גאָט אַליין האָט
געגעבען ווי אַזוי דעם בית המקדש צו
בויען. וועגען דער שענקייט פון מקדש
הורדוס זאָגט די גמרא (סוכה נ"א, בבא
בתרא ד'), אַז ווער עס האָט נישט גע־
זעהען זיין געביידע, דער האָט נישט
געזעהען „בנין מפואר מימיו" („אזא
שעהנעם בנין זינט ער לעבט"). צום
אָנדענקען פון בית־המקדש זענען פאַר־
פאַסט געוואָרען א גרויסער טייל פון די
תפלות („רצה", „ובכן יתקדש", „ומפני
חטאינו" און אַנדערע), אין וועלכע עס
ווערט געבעטען צו גאָט, אַז ער זאָל
ברענגען די גאולה און מען זאָל צוריק
אויפבויען דאָס בית־המקדש. וועגען דעם
דאָזיגען „בית המקדש לעתיד" גלויבט
די טראַדיציע, אַז ער ווערט בעשריבען
אין ספר יחזקאל מ"א.

וועגען א רייהע ענינים, וואָס האָבען
א שייכות צום בית־המקדש געבען מיר
אין בעזונדערע שטיך־ווערטער, ווי
„חורבן", „תשעה באב", „כותל
המערבי", „תיקון חצות", „כהנים",
„קרבנות", „הר הבית", „לויים",
„אבן שתיה" און אַנדערע. — וועגען
יודישען „בית המקדש" אין עגיפּטען
געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „חניו".

ביבליאָגראַפיע: „תפארת ישראל" אין
פירוש צו דער משנה „מדות" אין „תמיד";
כלבו, „בנין אריאל" (וויען 1883); „אוצר ישראל"
(„בית המקדש").

**בֵּית הַסֵּפֶר** אויף העברעאיש איז
„בית הספר" דער
טייטש „שולע", (אין לשון רבים „בתי־
הספר") און אַזוי הייסען אויך היינט
די שולען אין ארץ־ישראל זאָגאר ביי־
די, וואָס רעדען דאָרט יודיש. דער דאָ־
זיגער אויסדרוק שטאַמט פון דער גמרא,
און אין רבים האָט עס געהייסען „בתי

סופרים'' (ירושלמי תענית פרק ד'). ווי אזוי דאָס וואָרט שרייבט זיך איז נישט קלאָר, טייל גלויבען, אַז אַמאָל האָט עס געהייסען ,,בית הסופר'' און סופר איז דער טייטש געווען ,,לעהרער'' און מיר געפונען אין סוכה כ''ט ,,משל לסופר שבא לבית הספר''. — וועגען שולען ביי יודען (אויך איצט אין ארץ־ישראל) געבען מיר ביים שטיך־וואָרט ,,שולען''. וועגען חדרים און אַלטע עהנליכע לערן־אנשטאַלטען ביי יודען אין די אַלטע צייטען געבען מיר ביים שטיך־וואָרט ,,חדרים'' און ,,ישיבות''.

**בית חורון** אַ אַלטע פעסטונגס־שטאָדט אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען צעטיילט אין צוויי טיילען ,,בית חורון עליון'' און ,,בית חורון תחתון''; דער ארויפגאַנג פון איינעם צום צווייטען האָט געהייסען ,,מעלת בית חורון'' (יהושע ט''ז, און דברי הימים ב' ח', אַז שלמה המלך האָט דאָרט געבויט פעסטונגען). ווי די פאַלעסטינא־פאָרשער האָבען פעסטגעשטעלט איז עס דאָס היינטיגע אַראַבישע דאָרף ,,בית אור'' צו מזרח פון לוד. ביי בית־חורון זענען אויך פאָרגעקומען שלאַכטען אין דער צייט פון די חשמונאים.

ביבליאָגראַפיע: ,,תבואות הארץ'' פון שוואַרץ; ,,ארץ ישראל'' פון הורוויץ; ספיר ,,הארץ''.

**בית לחם** אַלטע שטאָדט אין ארץ־ישראל פון די צייטען פון תנ''ך. זי ווערט דערמאָהנט צום ערשטען מאָל אין בראשית ל''ה, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז יעקב אבינו האָט קובר געווען רחל'ען נישט ווייט פון אפרת ,,היא בית לחם'' (,,דאָס איז בית לחם''). די שטאָדט געפינט זיך היינט ביי 8 קילאָמעטער פון ירושלים, און לערך אַ קילאָמעטער פון בית לחם געפינט זיך דער קבר רחל. בית לחם האָט געהאַט אַ בעדייטונג אין דער יודישער געשיכטע אַלס די שטאָדט פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דוד המלך און אַזוי אַרום אַלע מלכים פון יהודה, און דערמיט איז פערבונדען דער סיפור פון מגלת ,,רות''. די קריסטליכע לעגענדע האָט דעריבער שפּעטער זיך געפלייסט צו דערצעהלען (אין עוואַנגעליום מאַטיי) אַז אויך ישו הנוצרי איז געבוירען געוואָרען אין בית לחם. וועהרענד אין אַנדערע קוועלען איז געווען אָנגענומען, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין נצרת אין גליל. טייל געלעהרטע זאָגען דאָ אַרויס די השערה, אַז עס איז פערטוישט געוואָרען דאָס בית לחם פון דוד המלך, וואָס איז געלעגען אין שבט יהודה, מיט בית לחם, וואָס איז געלעגען אין גליל (יהושע י''ט) נעבען נצרת, און ווערט אין ירושלמי מגילה א' אָנגערופען ,,בית לחם צרייה'' (וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך־וואָרט ,,קריסטוס''). היינט איז בית־לחם אַ שטאָדט, בעוואוינט אַממייסטען דורך קריסטליכע אַראַבער ביי 7000 איינוואוינער, און מיט איהרע פיעל קירכען (די ,,געבורטס־קירכע'' איז די גרעסטע) ווערט זי בעטראַכט אַלס איינע פון די הייליגסטע קריסטליכע ערטער אין ארץ־ישראל.

ביבליאָגראַפיע: שוואַרץ, ,,תבואות הארץ''; הורוויץ, ,,ארץ ישראל''; ספיר, ,,ספר הארץ''; ענציקלאָפּעדיעס (יודישע און אַלגעמיינע).

**בית עלמין** נאָמען פון פּלאַץ, וואו מען איז קובר מתים. אויף העברעאיש האָט דער פּלאַץ גע־

הייסען „בית הקברות" (נחמיה ב' און אין פיעל ערטער אין דער גמרא); „בית עלמין" ווערט דערמאָהנט אין ברכות נ"ח און סנהדרין י"ט. אויף יודיש ווערט דער פּלאַץ גערופען „בית הקברות", „בית החיים" („דאָס אָרט פון די לעבעדיגע"), „בית עלמין", „בית עולם" (ווערט אויך דערמאָהנט אין קהלת י"ב), און אויך „דאָס גוטע אָרט". דער בית עלמין האָט ביי יודען זיך געפונען אונטער דער שטאָדט (משנה בבא בתרא פרק ב') און אין די אַלטע צייטען איז געוועזען דער מנהג דאָרט צו פּלאַנצען בוימער, אַזוי אַז די רוימער אין די אַלטע צייטען האָבען דעם יודישען בית־עלמין גערופען „האָרטוס יודעאָרום" („דער יודישער גאָרטען"). פון די גמרא־קוועלען (סנהדרין נ"ו און אַנדערע) איז צו זעהן, אַז עס איז געוועזען דער חוב צו האַלטען דעם בית־עלמין אין כבוד. אין ברכות נ"ח ווערט דערמאָהנט אַ ספּעציעלע ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכען ביים אַריינגעהן אויף אַ בית־עלמין. פון אַנדערע גמרא־קוועלען (ברכות י"ח, נדה י"ז) איז צו זעהן, אַז עס איז געוועזען דער פאָלקס־גלויבען, אַז אויפ'ן בית־עלמין ביינאַכט קומען די נשמות פון די מתים און זיי שמועסען צווישען זיך. דער דאָזיגער פאָלקס־גלויבען איז פערשפּרייט אויך ביז היינטיגען טאָג, און עס זענען פאַראַן פיעל יודישע פאָלקס־לעגענדעס, וואָס דערצעהלען וועגען מתים אין תכריכים וואָס דורכגעהער האָבען בעמערקט ביינאַכט וואַנדערען אויפ'ן בית־עלמין. אויפ'ן בית־עלמין זעלבסט איז איינגעפיהרט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אַז עס זענען פאַראַן „שענערע קרקע'ס" (דאָס אָרט אויף אַ קבר הייסט „קרקע", ערד אויף אַראַמעאיש) און ווענ'יגער מיוחס'דיגע קרקע'ס, און פאַר די שענערע הייסט די קהלה זיך צאָהלען גרעסערע סומען. מיט דעם בית־עלמין פערוואַלטעט געוועהנליך די יודישע קהלה אָדער די ספּעציעלע חברה־קדישא, וואָס בעזאָרגט געוועהנליך די קבורה פון מת. אַלס שטראָף פאַר אַזעלכע, וואָס האָבען ביים לעבען זיך נישט אויפגעפיהרט אָרענטליך איז דער מנהג צו בעגראָבען זייען טויטען קערפּער ביים פּאַרקאַן.

וועגען דער היסטאָרישער בעדייטונג פון בית־עלמין'ס אין אַלטע שטעדט און אויך וועגען די געהעריגע מצבות־אויפשריפטען־ביכער, ווי אויך וועגען מצבות־שענדונגען געבען מיר ביים שטיךוואָרט „מצבות". וועגען די מנהגים פון קובר זיין אַ מת געבען מיר ביי די שטיך־ווערטער „טויט" און „קברים". דער בית־עלמין האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג ביי דער אָרגאַניזירונג פון אַ יודישער קהלה, און איינע פון די הויפּטזאַכען, וואָס יודען האָבען געפאָדערט פון דער לאַנדעס־רעגירונג ביים גרינדען אַ נייעם ישוב איז געווען די ערלויבניש צו האָבען אַ אייגענעם בית־עלמין

ביבליאָגראַפיע: „אוצר ישראל" שטיךוואָרט „בית הקברות"; יודיש־דייטשער לעקסיקאָן („פרידהאָף").

**בית שאָן** אַלטע שטאָדט אין ארץ־ישראל, נישט ווייט פון ירדן, ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך (יהושע י"ז און אַנדערע ערטער), און האָט שפּעטער, אין דער צייט פון בית שני, געהייסען „סציטאָפּאָלים". היינט איז בית שאָן (אויף אַראַביש „ביסאָן") בעוואוינט דורך אַראַבער.

**ביתוסים** אין ארץ־ישראל אין דער יודישע רעליגיעזע סעקטע צייט פון צווייטען בית־המקדש, און זי ווערט דערמאָהנט אין דער גמרא צו־זאַמען מיט די „צדוקים" אַלס אַזעלכע, וואָס האָבען געלייקענט אין דער תורה שבעל פה און אַ רייהע רעליגיעזע עקרים פון די „פרושים". אין אבות דרבי נתן פרק ה' ווערט דערצעהלט, אַז דער יו־דישער חכם אנטיגנוס איש סוכו (וואָס האָט געלעבט לערך דעם דריטען יאָהר־הונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג), וואָס האָט געלערענט, (אין פרק אבות א') אַז מען זאָל דיענען גאָט נישט אויף צו בעקומען לויהן (שלא על מנת לקבל פרס) האָט געהאַט צוויי תלמידים, וואָס האָבען געהייסען צדוק און ביתוס. די דאָזיגע תלמידים האָבען איבערגעחזר'ט זייער רבי'ס לעהרע צו זייערע אייגענע תלמידים, און די תלמי־דים ווידער צו ווייטערע תלמידים, און זיי האָבען אויסגעטייטשט די ווערטער, אַז עס איז איבערהויפּט נישטאָ „תחיית המתים ומתן שכר של צדיקים בעולם הבא" („תחיית המתים און בעלויהנונג פאַר פרומע אויף יענער וועלט"). זיי זענען דעריבער געוואָרען צוויי סעקטען („שתי משפחות רעות") און זיי האָ־בען זיך גערופען „צדוקים" אויפ'ן נאָמען פון צדוק און ביתוסים אויפ'ן נאָמען פון ביתוס (וואָס איז גריכיש און קלינגט „באָעטאָס") וועלכער איז געוואָרען פּאָפּולער אַלס אייגען־נאָמען ביי יודען און מיר געפינען אין דער גמרא „מרתא בת ביתוס" (תוספתא יומא און אנדערע ערטער). אָבער וועגען דער סעקטע „ביתוסים" זענען פאַרהאַן אַ סך חלוקי דעות צווישען די געלעהרטע. גרעץ גלויבט, אַז אין דער צייט, וואָס די צדוקים זענען געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי און האָבען פערטרעטען די מי־ליטעריש־אַריסטאָקראַטישע קלאַס ביי יודען, זענען די „ביתוסים" געווען אַ ריין־רעליגיעזע פּאַרטיי, און דעריבער געפינען מיר אין מגילת תענית און אין דער משנה און גמרא (מנחות ס"ה און אנדערע ערטער), אַז די ביתוסים זענען געווען מחולק מיט די פּרושים אין גע־וויסע איינצעלנע רעליגיעזע פראַגען (ווי „עצרת אחר השבת", דאָס הייסט צי שבועות מוז פאַלען אים זונטאָג וכדומה). יאָסט און דערענבורג האַלטען, אַז די ביתוסים זענען דאָס זעלבע, וואָס די צדוקים. טייל ווידער גלויבען, אַז דאָס איז געווען אַ סעקטע פון דער פאַמיליע פון כהנים גדולים ביתוס, וואָס זענען געווען פאַמיליע־מחותנים מיט הורדוס המלך. — וועגען דער סעקטע און איה־רע לעהרען געבען מיר ביים שטיק־וואָרט „צדוקים".

ביבליאָגראַפיע: גרעץ, „געשיכטע"; גייגער'ס „אורשריפט" (דייטש); דובנאָוו, „גע־שיכטע"; אוצר ישראל („ביתרסים").

**ביתר** דאָס לעזט זיך „בעטאַר", און איז געווען אַן'אַלטע בעריהמ־טע פעסטונג אין ארץ־ישראל (די שטאָדט „ביתר" אין חוץ לארץ, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער משנה חלה ד' איז אַ גאַנץ אַנדערע) און איז געווען דער קאָנצענטרירונגס־פונקט פאַר'ן יו־דישען מיליטער אין דער מלחמה פון בר כוכבא (אין די יאָהרען 132—35 נאָכדער קריסטליכער צייטרעכנונג) גע־גען די רוימער. די שטאָדט ביתר ווערט דערמאָהנט אין דער משנה תענית ד' (אַז זי איז חרוב געוואָרען אים תשעה באב) און אין אַ רייהע ערטער אין דער גמרא ((גטין נ"ו, מדרש איכה און אַנ־דערע). וועגען דעם וואו די שטאָדט איז

געלעגען איז פאַרהאַן מיינונגס־פאַרשיידענהייטען ביי די געלעהרטע. טייל פאָרשער גלויבען, אַז דאָס איז דאָס איצטיגע קליין אַראַביש דאָרף „ביטיר“, וואָס איז אַ באַהן־סטאַציע פאַר ירושלים, ליגט צווישען הויכע בערג, און דער פּאַלעסטינא־פאָרשער קלערמאָן־גאַנאַ האָט דאָרט געפונען אויפשריפטען, אַז דאָרט זענען געווען די רוימישע לעגיאָנען, וועגען וועלכע מען ווייסט, אַז זיי האָבען געקעמפט געגען בר כוכבא. אַנדערע פאָרשער בעהויפּטען, אַז ביתר איז געלעגען ווייטער אַ סך צו מערב, נעבען דעם מיטעללענדישען ים אין דער געגענד פון דער איצטיגער קאָלאָניע פתח תקוה (זייער בעוויז איז פון מדרש איכה, אַז ביתר איז געווען נאָהנט צום ים, כאָטש אין ירושלמי תענית ד' איז פאַרהאַן פערקעהרט). גאָלדהאָר אין „אדמת קודש“ מיינט, אַז ביתר איז געלעגען גאָר אין צפון נאָך עכו. יעדענפאַלס קיין זיכערע מיינונג קאָן מען דאָ נישט זאָגען, אַמוואַהרשיינליכסטען איז ריכטיג די השערה, אַז דאָס איז דאָס דאָרף „ביטיר“ ביי ירושלים. אין דער גמרא גטין נ"ז ווערט דערצעהלט, אַז ביתר איז געווען אַ כרך און די צאָהל איהרע איינוואוינער האָט בעטראָפען אין די פיעל הונדערטער טויזענדער. — וועגען דער מלחמה זעלבסט געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „בר כוכבא“.

מיט'ן נאָמען „ביתר“ ווערט לעצטענס אָנגערופען די יוגענד־אָרגאַניזאַציע פון דער רעוויזיאָניסטישער ריכטונג אין ציוניזם (אונטער דער פיהרונג פון זשאַבאָטינסקי), וועלכע איז אָרגאַניזירט האַלב־ספּאָרט, האַלב־מיליטעריש און האָט אָבטיילונגען אין אַלע לענדער מיט יודישער בעפעלקערונג. איהר הויפּט־קאָמענדאַנט איז זשאַבאָטינסקי. יעדע לאַנדעס־ביתר האָט איהר לאַנדעס־קאָמענדאַנט (מפקד הארצי). דער נאָמען „ביתר“ איז אַ ראשי תבות פון „ברית טרומפּעלדור“ אויפ'ן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר, וואָס איז אומגעקומען אין ארץ־ישראל. וועגען דער אָרגאַניזאַציע געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „רעוויזיאָניזם“.

ביבליאָגראַפיע: „תבואות הארץ“ פון שוואַרץ; „ארץ ישראל“ פון הורוויץ; ספיר, „ספר הארץ“; גאָלדהאָר „אדמת קודש“; הלוי, „דורות הראשונים“; קאָהוט, „ערוך השלם“; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בכור** (דער „עלטסטער“, אויף העברעאיש). אין חומש שמות י"ג ווערט געזאָגט אַלס איינע פון די ערשטע מצוות, וואָס די יודען האָבען אָנגענומען באַלד ווי זיי זענען אַרויס פון מצרים. נאָך איידער זיי האָבען מקבל געווען די תורה, „קדש לי כל בכור“, אַז דער ערשט־געבוירענער זוהן איז פערהייליגט. לויט'ן יודישען דין זענען פאַרהאַן צוויי סאָרטען בכורים: אַ „בכור מאמו“, דאָס הייסט אויב די מוטער האָט נישט געהאַט פריהער קיין קינדער, און אַזעלכער איז הייליג און מען דאַרף איהם אויסלייזען דורך 5 שקלים פון אַ כהן („פדיון־הבן“), און אַ „בכור מאביו“, דאָס הייסט, אויב דער פאָטער האָט נישט געהאַט פריהער קיין קינדער, און אַזאַ בכור (דברים כ"א) בעקומט נאָכ'ן טויט פון פאָטער צוויי חלקים ירושה („פי שנים“) ווערענד די אַנדערע זיהן נעהמען נאָר צו איינצעלנע חלקים ירושה. די הייליגקייט פון בכור איז נישט נאָר ביי מענשען, נאָר אויך ביי בהמות. אין במדבר י"ח ווערט געזאָגט, אַז אַ בכור, וואָס איז געבוירען געוואָרען פון שעפּסען און רונדער („בכור בהמה טהורה“) איז הייליג און

מען מוז איהם אוועקגעבען צו א כהן. דאָסזעלבע איז הייליג א בכור, וואָס איז געבוירען געוואָרען פון אַן'אייזעל („פטר חמר"), וואָס מען דאַרף אָב־האַקען דעם קאָפּ אָדער אויסלייזען איהם דורך א שעפּסעל, וואָס מען דאַרף אוועקגעבען צום כהן. — וועגען די אַלע דינים סיי פון פדיון הבן, סיי וועגען ירושה ווי אויך וועגען „בכור בהמה טהורה" און „פטר חמר" איז פאַרהאַן אין דער גמרא, רמבם און שלחן ערוך. וועגען פדיון הבן געפינען מיר בעזונדער ביים שטיך־וואָרט „פדיון הבן". וועגען בכורים פון בהמות איז פאַרהאַן א ספּע־ציעלע מסכתא „בכורות".

וועגען דער גאַנצער הייליגקייט פון בכור זענען פאַרהאַן פערשידענע מיי־נונגען ביי די געלעהרטע פאָרשער. שוין אין דער גמרא זבחים קי"ב און בכורות ד' ווערט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אין די גאַר־אַלטע צייטען זענען די בכורים ביי יודען געווען דאָסזעלבע, וואָס שפּעטער די כהנים. זיי זענען גע־ווען די רעליגיעזע פיהרער און האָבען מקריב געווען קרבנות. טייל פאָרשער ווילען האָבען, אַז אין די גאַר אַלטע צייטען האָט אויך ביי יודען עקזיסטירט דער מנהג, וואָס ביי אַנדערע סעמיטישע פעלקער איז יענער צייט מקריב צו זיין די עלטסטע קינדער, די בכורים, אין א גרויסער נויט־צייט, פונקט ווי מיר גע־פונען וועגען דעם אין מלכים ב' ג', ווי דער מלך מואב האָט געבּרענגט פאַר א קרבן זיין עלטסטען זוהן ווען מואב האָט מלחמה געהאַלטען מיט יודען. שפּורען פון דאָזיגען אַלטען בלוטיגען מנהג: מקריב צו זיין מענשען־קרבנות ווילען די דאָזיגע געלעהרטע געפינען אין דער מעשה פון יפתח (אין ספר שופטים), דעם גאַנצען סיפּור פון עקדת יצחק און אַנדערע שטעלען אין תנ"ך; אויך זאָל שטעהן דערמיט אין פערבינדונג די מכת בכורות פון מצרים. דערפון זאָל עס שטאַמען, וואָס שפּעטער, ווען די יודען האָבען אויפגעהערט דעם דאָזיגען מנהג, האָט מען אָנגעהויבען די בכורים „אויס־צולייזען". די „בכורה" איז ווייטער גע־בליבען א הייליגע און ווערטהפולע זאַך, אָבער נישט אַזוי ווי פריהער. נאָכמעהר, אין דער גאַנצער אַלטער יודישער געשיכטע איז צו זעהן, ווי די בכורה־אינסטיטוציע איז ספּעציעל מיט א כוונה, בעקעמפט געוואָרען, אַלץ כדי אויסצוואָרצלען יענע אַלטע מנהגים. מיר זעהען, אַז שוין אברהם אבינו, דער פאָטער פון יודישען פאָלק, איז געווען דער יונגערער זוהן ביי זיין פאָטער תרח (בראשית סוף סדרה נח) און נישט דער בכור. נאָכהער ווען פון אברהם איז אַרויסגעקומען דער זוהן, וואָס האָט געזאָלט ווייטער פאָרטפלאַנצען די טראַדיציע און ווערען דער פאָטער פון יודישען פאָלק, איז עס נישט געווען דער בכור ישמעאל, נאָר דער יונגערער זוהן יצחק (בראשית כ"א). דערנאָך, ווען יצחק האָט איבערגעגעבען ווייטער זיין שטאַמפאָטערשאַפט פון יודישען פאָלק איז עס נישט געווען צו זיין על־טערען זוהן עשו נאָר צו זיין יונגערען יעקב. דאָ ווערט שוין דערצעהלט אין חומש בראשית סדרה תולדות דער גאַנ־צער סיפּור, ווי אַזוי אַז שוין איידער עשו און יעקב זענען געבוירען געוואָ־רען האָט מען פון גאָט געזאָגט „ורב יעבוד צעיר" („אַז דער עלטערער וועט דינען דעם יונגערען"), און אַז יעקב האָט „אָבּגעקויפט" ביי זיין ברודער עשו די „בכורה" פאַר א טאָפּ לינזען און ווי אַזוי אויך זיין פאָטער'ס ברכה, וואָס איז געווען מיט דער בכורה פער־

בונדען, האָט יעקב בעקומען. אָבער עס איז צו זעהן דייטליך, אַז אויך דאָ איז געווען די כוונה אונטערצושטרייכען, אַז די הייליגקייט און ווערטה פון דער בכורה ווערט נישט געאַכטעט. פון יעקב'ס קינדער איז ווידער נישט ראובן דער בכור געווען דער פיהרער, נאָר גאָר יהודה און יוסף, די יונגערע (בראשית סדרה ויחי, אין דער ברכה פון יעקב, דברי הימים א' ה'). וועגען יוסף'ס צוויי זיהן ווערט אין דער סדרה ויחי דייטליך געזאָגט, אַז יעקב אבינו האָט מיט אַ כוונה אויפגעהויבען דעם יונגערען אפרים איבער זיין ברודער מנשה, און אַזוי האָט אויך שפּעטער אין דער יודישער געשיכטע דער שבט אפרים געהאַט די איבערמאַכט איבער דעם שבט מנשה, מיט וועלכען עס זע-נען פאָרגעקומען די קאַמפּען אין מלכות ישראל. דאָסזעלבע איז דוד המלך געווען דער יונגסטער זוהן אין זיין פאָטער'ס הויז (שמואל א' י"ז), און שלמה המלך איז געווען פון די יונגערע זיהן דוד'ס (מלכים א' א'). פון דעם אַלעם איז צו זעהן, אַז אין דער יודישער געשיכטע (וואָס איז, ווי טייל תנ"ך-פאָרשער מיי-נען, צונויפגעשטעלט געוואָרען אין סיפּורים דורך די כהנים) דורכגעפיהרט געוואָרען די טענדענץ אָוועקצונעהמען ביי די בכורים זייער אַמאָליגען ווערטה, כדי צו ווייזען, אַז זיי זענען נישט מעהר הייליג. און דאָס הויפּט-אָרט אנשטאָט זיי פערנעהמען די כהנים.

אין שפּעטערדיגען יודענטום פער-נעהמט דער בכור נישט קיין בעזונדערער שטעלונג אַ חוץ די דערמאָהנטע צוויי ריטועל-יורידישע דינים וועגען פּדיון הבן און צוויי חלקים ירושה, וואָס דער בכור נעהמט. עס איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג (ירושלמי סוף מסכתא פסחים) אַז בכורים פאַסטען ערב פסח אַלס אָנדענקען צו דעם נס ביי יציאת מצרים, ווען די בכורים פון די מצריים זענען אומגעקומען און די יודישע זענען געבליבען לעבען. אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָ-זיגען מנהג איז שפּעטער אין דער צייט פון דער שבתי-צבי-בעוועגונג (2-טע העלפט פון 17-טען יאָהרהונדערט) ענטשטאַנען אַ געוויסע מיסטעריעזע קבלה-מיינונג, געבראַכט אין ספר „חמדת ימים" וועגען „בכור שנהרג בערב פסח" („דער בכור, וואָס איז אומגעקו-מען אים ערב פסח") וועלכער איז „מלכנו משיחנו וגואלנו" („אונזער מלך, אונזער משיח, אונזער ערלייזער"), וואָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורם פון די רבנים געגען דאָזיגען ספר, אין וועלכען מען האָט געפּרובט זעהן אַלוזיעס צו קריסטליכע גלויבונגען. וועגען דעם זענען פאָרגעקומען גרויסע שטרייטיגקייטען זאָגאָר ביז אין דער לעצטער צייט (וועגען דעם געבען מיר ביים שטיך-וואָרט „חמדת ימים"). דעם דאָזיגען תענית פון בכורים ערב פסח איז דער מנהג „אויסצולייזען" דורך מאַכען אַ סיום אויף אַ מסכתא גמרא. — דער גרעסטער טייל דינים וועגען בכור געפינט זיך אין דער מסכתא בכורות, וואָס איז אַ טייל פון סדר קדשים. זי ענטהאַלט 9 פּרקים, וועלכע נעהמען אַרום אַלע דינים פון בכור בהמה טהורה, פּטר חמור, בכור אדם, ירושה און אויך וועגען מעשר בהמה.

ביבליאָגראַפיע: כהנא, תנך עם פירוש מדעי אין שמות סדרה בא; וועלהויזען „פּראָלע-גאָמענע" (דייטש); קיטעל, „געשיכטע" (דייטש); בערנפעלד, אין „מבוא לכתבי הקודש"; ראָזענ-בערג, „אוצר השמות"; האַמבורגער'ס רעאַל-ענ-ציקלאָפּעדיע (דייטש); אוצר ישראל („בכור").

**בכורים** („ערשטע פרוכט“, אויך העברעאיש). אין חומש שמות כ"ג און דברים כ"ו ווערט געזאגט, אז די ערשטע ערד־פרוכט („ראשית בכורי אדמתך“) סיי פון פעלד, דארף מוז דער לאנדווירט ברענגען אין א קויש („טנא“) אין „גאט'ס הויז“ („בית ה' אלהיך“) און דארט זאגען א געוויסע דאנק־תפלה פאר גאט, דערפאר וואס ער האט די יודען געגעבען א גוט לאנד, „ארץ זבת חלב ודבש“, און די דאזיגע ערשטע פרוכט, בכורים, דארף מען אוועקגעבען דעם כהן. וועגען דער דאזיגער מצוה פון ברענגען ביכורים זענען ווירקליך דערהאלטען געווארען בעשרייבונגען, ווי אזוי זי איז פארגעקומען און ווי אזוי די יודישע לאנדווירטען פון ארץ־ישראל פלעגען אין דער צייט פון 2־טען בית־המקדש זיי ברענגען קיין ירושלים אין בית־המקדש. מיר האבען וועגען דעם א בעשרייבונג ביי פילאן פון אלעקסאנדריען (אין 1־טען יאהרהונדערט) און אין דער משנה פון מסכתא בכורים, וואו עס ווערט דערצעהלט פאלגענדעס: ווען א לאנדווירט איז אריינגעגאנגען אין זיין פעלד און גארטען און געזעהען די ערשטע פרוכטען, וואס זענען אין דעם יאהר צייטיג געווארען, דעם ערשטען שטענגעל פייגען, וויינטרויבען אדער מילגרוימען, האט ער זיי ארומגעבונדען מיט א שנור און געזאגט: „דאס איז ביכורים“. דערצו האט ער צוגעלעגט נאך אנדערע גוטע פרוכטען. דאסזעלבע האט מען געטהון מיט די ערשטע תבואות פון ווייץ און גערשטען. דאס אלץ האט מען אריינגעלעגט אין א קויש. די רייכע לאנדווירטען האבען די בכורים געלעגט אין קוישען פון גאלד און זילבער, די ארעמע אין געפלאכטענע ערבה־קוישען.

די אלע לאנדווירטען האבען זיך צונויפגעזאמעלט אין דער קרייז־שטאדט פון זייערע דערפער (דאס האט געהייסען „עיר המעמד“) און צוזאמען איז מען געגאנגען קיין ירושלים, פיהרענדיג די בכורים. פאר זיי איז געגאנגען א אקס, וועמענס הערנער זענען געווען בעדעקט מיט גאלד (דער אקס איז געווען בעשטימט אלס קרבן) און אויף זיין קאפ א קרוין פון איילבירט־שטענגלעך. געפיהרט די מחנה האט א ממונה און פאראויס איז געגאנגען א ארקעסטער מיט מוזיק פון פייפלעך. דער ממונה האט יעדען אין דער פריה אויפגעוועקט די לאנדווירטען מיט די ווערטער: „קומו ונעלה ציון אל בית אלהינו“ („לאמיר אויפגעהן קיין ציון אין גאט'ס הויז“). ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ירושלים זענען זיי ענטקעגענגעקומען די אנגעזעהענע ירושלימער איינוואוינער און זיי בעגריסט מיט די ווערטער: „אחינו, בואכם לשלום“ („אונזערע ברידער, איהר זענט געקומען אין פרידען!“). אזוי זענען זיי געגאנגען ביז צום בארג, וואו דאס בית המקדש איז געשטאנען. דארט האט יעדער לאנדווריט גענומען זיין קויש ביכורים און איז אריינגעגאנגען דערמיט אין דער עזרה (הויף פון בית־המקדש). דארט זענען זיי בעגעגענט געווארען דורך די לויים מיט געזאנג. די בכורים האט מען אוועקגעגעבען דעם כהן און יעדער לאנדווירט האט איבערגעלייענט די פרשה פון בכורים, וואס איז פארהאן אין דברים כ"ו (די דערמאהנטע דאנק־תפלה) און דערמיט איז דאס בכורים־ברענגען געווען געענדיגט.

געוועהנליך האט מען אנגעהויבען ברענגען בכורים אים יום־טוב שבועות, און דעריבער הייסט דער דאזיגער יום־טוב „חג הבכורים“. די צייט פון

ברענגען איז געווען ביז חנוכה (משנה בכורים פרק א'). אין דער משנה בכורים ווערט דערציילט, אז אפילו אגריפס המלך (צום סוף פון בית שני) האט אויך אליין געטראגן זיין בכורים-קויש.

זינט דעם יאהר 1926 איז אין דעם מאדערנעם יודישען ישוב אין ארץ-ישראל בענייעט געווארען די אלטע בכורים-פייערליכקייט צוגעפאסט צו די נייע צייט-פארמען. די הויפט-פייערליכקייט קומט פאר אין דער וואך נאך שבועות אין דער שטאדט חיפה, וואוהין עס קומען אלע שול-קינדער פון די יודישע קאלאניעס אין עמק יזרעאל און ברענגען פערשידענע לאנדווירטשאפט-ליכע פראדוקטען פאר דעם קרן-קיימת, און זינגען דערביי ספעציעלע ליעדער, צווישען זיי דאס בכורים-ליעד „סלנו על כתפנו, ראשנו עטורים, מקצות הארץ באנו, הבאנו בכורים". אין א קלענערער פארם קומט פאר די זעלבע פייערליכקייט אויך אין תל-אביב און ירושלים. צו דער פייערליכקייט קומען געווענליך פילע איינוואוינער, אבער דער בכורים-יום-טוב איז ספעציעל בעשטימט פאר קינדער.

וועגען דער מצוה פון בכורים איז פאראן די משנה בכורים, וואס איז א טייל פון סדר זרעים, ענטהאלט פיער פרקים. אויף דער דאזיגער מסכתא איז פאראן נור גמרא ירושלמי.

ביבליאגראפיע: ראזענבערג, „אוצר השמות"; „אוצר ישראל" („בכורים"); יודיש-דייטשער לעקסיקאן

**בל** דער נאמען פון אלט-בבלישען אבגאט, וועלכער איז געווען פערשפרייט אויך ביי א רייה אנדערע פעלקער אין שכנות פון ארץ-ישראל און אויך ביי א געוויסען טייל יודען אין ארץ-ישראל אלס דער „בעל". מיר געבען וועגען דעם ביים שטיך-ווארט „בעל".

**בל תשחית** אין דער משנה און גמרא ווערט דאס ווארט „בל" בענוצט גאנץ אפט אנשטאט „לא" („נישט") ביים בעצייכענען א רייה פערבאטען. אזוי זענען פאראן די פערבאטען „בל יחל" (מען טאר נישט עובר זיין אויף א נדר), „בל יראה" (מען טאר נישט לאזען אין שטוב פסח קיין חמץ), „בל תאחר" (מען טאר נישט פערשפעטיגען ביים מקיים זיין א נדר), „בל תוסיף" (מען טאר נישט טהון א מצוה מעהר ווי זי איז געבאטען, למשל טראגען 5 ציצית אנשטאט 4 וכדומה), „בל תלין" ((א בעל בית טאר נישט איבערלאזען נעכטיגען ביי זיך דאס לויהן-געלד פון זיין ארבייטער, נאר מוז איהם אין זעלבען טאג בעצאהלען), „בל תשחית" (מען טאר נישט פערדארבען און פערניכטען א זאך, וואס האט א ווערטה, א פרוכט-בוים, עסענווארג, מלבושים וכדומה). זעהר פאפולער איז אין דער יודישער רעליגיע דער לעצטער פערבאט פון „בל תשחית", פון וועלכען עס זענען ארויסגעצויגען געווארען פערשידענע עטישע און געזעלשאפטליך-מאראלישע לעהרען. אין חומש (דברים כ') ווערט נאר געזאגט, אז אפילו ווען מען פיהרט מלחמה געגען א שונא'ס לאנד, טאר מען אויך נישט אבהאקען (לא תשחית) קיין פרוכט-בוים „כי ממנו תאכל" (ווייל פון איהם עסט מען). שפעטער (אין גמרא עבודה זרה י"א, בבא מציעא ל"ב, אין ביידע ערטער אין תוספות) ווערט אנגעוויזען, אז אויך דאס פערדארבען יעדע אנדערע נוצליכע זאך איז מען עובר אויף בל תשחית,

און דער רמבּם הלכות מלכים פּרק ו', געשטיצט אויף אַ רייה גמרות זאָגט, אַז „כּל המשבּר כּלים וקורע בּגדים והורס בּנין וסותם מעיין ומאבּד מאכלים (ווער עס צעבּראַכט כּלים, צערייסט קליידער, צעשטערט אַ געבּיידע, פערשטאָפּט אַ וואַסער־קוואַל און פערדאַרבּט עסענוואַרג) איז אויך עובר אויף דעם פערבּאָט. אין דער גמרא שבת קכ"ט און ק"מ און בבא קמא צ"א ווערט אויך איינגעפיהרט דער בּעגריף פון „בּל תשחית דגופא", אַז אַ מענש טאָר זיך אַליין נישט פּייניגען, ווייל ער פערדאַרבּט דערמיט זיין אייגענעם קערפּער. אויך אין דעם יודישען פאָלקס־לעבּען איז דערפון ענטשטאַנען דער בּעגריף פון בּל תשחית אין די אויסדרוק־פאָרטען פון „אַ עבירה פאַר גאָט". אַזוי ווען איינער וואַרפט אַוועק אַ שטיקעל בּרויט ווערט געזאָגט דערויף אַ „עבירה פאַר גאָט", און מען האַלט פאַר אַ מצוה אויפצוהויבּען פון דער ערד אַ שטיקעל בּרויט צי אַנדערע עסענוואַרג. דער ספר „החינוך" (אין שופטים) ערקלערט, אַז דער פערבּאָט פון בּל תשחית איז כּדי איינצופלאַנצען אין מענש די נייגונג ליעבּ צו האָבּען דאָס גוטע און נוצליכע און צו פערשטעהן, אַז מען דאַרף שעצען נוצליכע זאַכען כאָטש זיי געהערען צו אַנ'אַנדערען מענש און אַזוי אַרום אָבּצושוואַכען אין זיך דאָס געפיהל פון אייגען־ליעבּע.

בּיבּליאָגראַפיע: אוצר ישראל (בּיים שטיך־וואָרט „בּל תשחית");

**בּלאָה־ווייס** דאָס זענען די אָפּיציעלע פאַרבּען פון דער ציוניסטישער פאָהן, פעסטגעשטעלט אויף דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין בּאַזעל (יאָהר 1897) לויט'ן פאָרשלאַג פון דוד וואָלפסאָהן, וועלכער האָט פאָרגעלעגט די דאָזיגע פאַרבּען, ווייל זיי פיגורירען אין יודישען טלית. מיט'ן נאָמען בּלאָה־ווייס זענען אויך געווען אַ רייה ציוניסטישע יוגענד־פעראיינינונגען אין דייטשלאַנד.

**בּלאָוויץ הענרי** בּעריהמטער יודיש־פראַנצויזישער זשורנאַליסט אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. ער איז געבּוירען געוואָרען אין יאָהר 1825 אין בּלאָוויץ (טשעכיען) און האָט זיך בּעזעצט אין פראַנקרייך, וואו ער האָט געאַרבּייט אין אַ רייה צייטונגען און אַ דאַנק זיינע פעהיגקייטען איז ער בּעצייכענט געוואָרען אַלס „קעניג פון צייטונג־רעפּאָרטערען". ער איז געווען אַ לענגערע צייט קאָרעספּאָנדענט אין דער לאָנדאָנער „טיימס", און האָט בּעקומען אַ רייה עהרען־אָרדענס. בּלאָוויץ דערצעהלט אין זיינע שריפטען, אַז ער איז געווען גע'שמד'ט. צי דאָס איז ריכטיג איז נישט בּעקאַנט. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז אַ דאַנק זיין איינפלוס האָט דער ענגלישער שטאַאַטסמאַן אליפאַנט זיך פעראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון יודען און געפּלאַנט דאָס בּעזעצען יודען אין ארץ־ישראל.

בּיבּליאָגראַפיע: אייגען קיש אי „קלאַסישער זשורנאַליזם" (דייטש, אין יאָהר 1923); יודיש־דייטשער לעקסיקאָן.

**בּלאַזער יצחק** בּעריהמטער רב און איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער „מוסר"־בּעוועגונג אין ליטא און רוסלאַנד אין דער 2־טער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. רבּי יצחק בּלאַזער איז געבּוירען געוואָרען אין יאָהר 1840 אין ווילנא און האָט געלערענט אַ לענגערע צייט

בײַ דעם גרויסען שעפער פון דער מוסר־בעוועגונג רבי ישראל סאַלאַנטער. אין די יאָהרען 1864—78 איז ער געווען רב אין פעטערבורג. שפּעטער איז ער געקומען קיין קאָוונא און ער האָט אין דער פאָרשטאָדט סלאָבאָדקע געגרינדעט די ישיבה פון די מוסרניקעס, וואו מען האָט געלערנט אַ חוץ גמרא און פּוסקים אויך מוסר־ספרים יעדען טאָג אַ שיעור „חובות הלבבות", „מסלת ישרים" און אַנדערע. רבי יצחק בלאַזער אַליין האָט מיט די מוסר־שיעורים אָנגעפיהרט, איינפלאַנצענדיג אין זיינע תלמידים אַסקעטישע אנשויאונגען איבער דער נישטיגקייט פון דער וועלט. געגען זיין ישיבה האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער קאַמפף פון אַ רייה אַנדערע ישיבות־פיהרער פון די משכילים. ער האָט דעמאָלס פערלאָזען קאָוונא און זיך בעזעצט אין דער שטאָדט קעלם, וואו ער האָט אויך געגרינדעט אַ מוסר־שטיבעל. דאָרט האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ספר אויף מוסר „אור ישראל". אין יאָהר 1902 איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל און האָט זיך בעזעצט אין ירושלים, וואו ער האָט אָנגעפיהרט מיט דעם ועד הכללי; דאָרט איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1912. רבי יצחק בלאַזער האָט אַ חוץ זיין דערמאָהנטען „אור ישראל" אויך מחבר געווען זיין הלכה־ספר „פרי יצחק" (ווילנא 1881 און ירושלים 1912). איבער די לעהרען פון רב ייצחק בלאַזער געבען מיר ביים שטיך־וואָרט „מוסר־בעוועגונג".

ביבליאָגראַפיע: ראָזענפעלד, „רבי ישראל סאַלאַנטער"; פרידמאַן אין זיינע זכרונות (תל־אביב 1927); מ. רייזען אין אוצר הספרות באַנד 3; יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בלאָך** פאַמיליען־נאָמען פון אַ רייה אָנגעזעהענע יודישע פּערזענליכקייטען אויף פערשידענע געביעטען. וועגען דער אָבשטאַמונג פון נאָמען „בלאָך" זענען פאַראַן פערשידענע מיינונגען. טייל גלויבען, אַז דאָס איז אַ העברעאיש ראשי־תבות־וואָרט און האָט געקלונגען אַמאָל „בל"ח", וואָס מאַכט „בן לוי חביב" (אין 16־טען יאָהרהונדערט איז געווען אַזאַ בעריהמטער רב ר' לוי בן חביב), אָדער פון „בל"ח", וואָס מאַכט „בן לוי חכם". אַן אַנדערע מיינונג, אַז דאָס איז פון די סלאַווישע שפּראַכען און האָט געקלונגען „וולאָך", וואָס איז אין פּויליש און אַנדערע סלאַווישע שפּראַכען דער טייטש „איטאַליענער". מיר געבען דאָ די אָנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען פון דער בלאָך־פאַמיליע:

1) זשאַן בלאָך, בעריהמטער יודיש־פראַנצויזישער שריפטשטעלער, געבוירען 1884 אין פאַריז. זיינע ראָמאַנען „לעווי" (פון דער דרייפוס־צייט), „עט סי" (אַ ראָמאַן פון אַ יודישער פאַמיליע אין עלזאס נאָכ'ן פערנעהמען די פּראָווינץ דורך דייטשלאַנד אין יאָהר 1870), „לאַ נואי קורד", האָבען איהם ערוואָרבען אַ גרויסען רוהם.

2) יאַן בלאָך (געבוירען אין ראַדאָם, (פּוילען) אין יאָהר 1836 און געשטאָרבען אין ווארשא 1901), בעריהמטער אינדוסטריעלער, פּאַציפיסט. יאַן בלאָך איז געווען איינער פון די גרעסטע מיליאָנערען און פינאַנסיסטען אין רוסלאַנד אין 19־טען יאָהרהונדערט, ער האָט אויסגעבויט אַ רייה אייזענבאַהנען, געגרינדעט פאַבריקען, און האָט געהאַט גרויס אָנזעהן אין רוסישען קייזערליכען הויף. אָבוואָהל בלאָך האָט זיך געשמדט (אויף פּראָטעסטאַנטיזם) האָט ער פיל זיך בעמיהט צו פערבעסערען די לאַגע פון יודען אין רוסלאַנד און פּוילען.

ער האט פעראנשטאלטעט דאס ארויסשיקען א קאמיסיע אויסצופארשען די יודישע לאגע אין די פוילישע שטעדטלעך (אין וועלכער עס האט זיך בעטייליגט י. ל. פרץ, וועלכער האט בעשריבען דערפון בילדער פון א „פראווינץ־רייזע”) צו זאמלען סטאטיסטישע ציפערען. ער האט אויך געשטיצט אלע יודישע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס. זעהר בעריהמט איז בלאך'ס גרויס בוך „די קומענדע מלחמה”, וואס איז ערשינען אין יאהר 1898 (פערעפענטליכט אין א רייה שפראכען). אין דאזיגען בוך ווייזט אויף בלאך, אז די קומענדע וועלט־מלחמה מוז זיך ענדיגען מיט א באנקראט פון די פעלקער, וואס האט זיך ווירקליך ארויסגעוויזען אלס ריכטיג נאך דער וועלט־מלחמה. אין זיין צוואה האט בלאך ערקלערט. „איך בין געבוירען אלס יוד און איך שטארב אלס יוד”. זיין איידעם איז געוועזען דער בעריהמטער פוילישער רעאקציאנערער שריפטשטעלער יוזעף ווייסענהאף (פון א פוילישער שליאכטא־פאמיליע).

3) יוסף שמואל בלאך, בעריהמטער עסטרייכישער ראבינער, שריפטשטעלער, זשורנאליסט, דעפוטאט פון פארלאמענט. ער איז געבוירען געווארען אין גאליציען יאהר 1850, געלערענט ביי רבי יוסף שאול נאטאנזאן, געענדיגט די אוניווערסיטעט אין ציריך אלס דאקטארפילאזאף, געוועזען ראבינער אין א רייה שטעדט, צום סוף אין פלארידסדארף ביי וויען, וואו ער איז געשטארבען אין יאהר 1923. א חוץ א רייה וויכטיגע ביכער איבער חכמת ישראל („איבער דער ענטשטעהונג פון קהלת”, „העלעניסטישע בעשטאנדטיילען אין תנ"ך־ספרים”, און אנדערע, אלץ אין דייטש) האט בלאך אויך געגרינדעט אין יאהר 1883 (אין דער צייט פון בלוט־בלבול־פראצעס פון טיסא־עסלאר) דעם בעריהמטען יודיש־דייטשען זשורנאל אין עסטרייך „עסטרייכישע וואכענשריפט”, אין וועלכען בלאך האט 37 יאהר געפיהרט א קאמף געגען די אנטיסעמיטען פראפעסאר ראהלינג פון פראגער אוניווערסיטעט, ליגער, ליכטענשטיין און אנדערע. בלאך איז אויך געוועזען א געוויסע צייט דעפוטאט אין עסטרייכישען פארלאמענט. ער האט אויך אין אנהויב געפיהרט א שטארקען קאמף געגען הערצל און דעם ציוניזם, אבער שפעטער איז ער געווארען א סימפאטיקער פון ציוניזם. בלאך'ס מעמוארען „אויס מיין לעבען” (ערשינען אין דייטש, יאהר 1922) האט א גרויסען ווערט פאר דער פארשונג פון דער יודישער געשיכטע אין די עסטרייכישע לענדער אין ענדע פון 19־טען און אנהויב 20־טען יאהרהונדערט.

4) ערנעסט בלאך, בעריהמטער קאמפאזיטאר, געבוירען אין יאהר 1880 אין גענף (שווייץ), בעריהמט איז זיין אפערע „מאקבעט” און זיינע יודישע קאמפאזיציעס „תהלים”, „שלמה”, „ישראל”.

5) פיליפ בלאך, ראבינער און היסטאריקער, געבוירען אין יאהר 1841, געוועזען ראבינער אין פויזען, געשטארבען אין בערלין אין יאהר 1923. ער איז בעריהמט אלס פארשער פון דער קבלה. און ער האט פערפאסט א רייה ווערק איבער רבי יצחק לוריא און אנדערע מקובלים. ער האט אויך פערעפענטליכט היסטארישע ארבייטען איבער דער געשיכטע פון יודען אין פויזענער געגענד.

6) שמשון בלאך, פון די ערשטע משכילים אין גאליציען, געבוירען אין קוליקאו אין יאהר 1784, געשטארבען

אין יאָהר 1845 (י״ח תשרי תר״ו). ער איז געווען אַ תלמיד פֿון נחמן קראָכמאַל. אַ געוויסע צייט איז ער געווען קאָרעקטאָר אין דער דרוקעריי פֿון שמיד אין ווין. בעריהמט זענען די געאָגראַפֿישע ביכער „שבילי עולם" (דריי חלקים איבער אַזיען, אַפֿריקאַ און אייראָפּאַ), וואָס בלאָך האָט פֿערפֿאַסט און וועלכע זענען געווען זעהר פּאָפּולער און האָבען פֿיעל מיטגעהאָלפֿען צו פֿערשפּרייטען געאָגראַפֿישע וויסען צווישען בית-המדרש בחורים. בלאָך האָט אויך איבערזעצט אויף העברעאיש רבי מנשה בן ישראל'ס „תשועת ישראל" און אויך געשריבען אויף העברעאיש אַ אָבהאַנדלונג איבער קאַנט'ס פֿילאָזאָפֿיע.

ביבליאָגראַפֿיע: איבער די בלאָך-פֿערזענליכקייטען אין דער יודיש-ענגלישער ענציקלאָפּעדיע און יודיש-דייטשער ענציקלאָפּעדיע; איבער יאַן בלאָך אויך אין הערצל'ס טאָג-ביכער (באַנד 2); איבער יוסף שמואל בלאָך אין דובנאָוו'ס „נייעסטע יודישע געשיכטע". און „כנסת ישראל" תרמ״ז; שמשון בלאָך אויך אין באַדער'ס „זר פּרחים".

**בלאָשטיין עזר** בעקאַנטער יודישער פֿערפֿאַסער פֿון פֿערשפּרייטעסטע ראָמאַנען-ביכער. געבוירען אין יאָהר 1840 אין דינאַבורג (דעמאָלס רוסלאַנד, איצט לעטלאַנד), געלערענט צוערשט אין חדר, ישיבה, דערנאָך שטודירט רוסיש און דייטש, געווען לעהרער, איבערזעצט אויף רוסיש דעם סידור און מחזור, פֿערפֿאַסט אויף יודיש אַ רוסישען גראַמאַטיק, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפֿאָלג, ווי אויך אַ העברעאיש לערן-בוך „המנהל בדרך סלילה". זיין הויפּט-פּאָפּולאַריטעט האָט בלאָשטיין צו פֿערדאַנקען זיינע איבער 100 ראָמאַנען און ערצעהלונגען, וואָס ער האָט פֿערפֿאַסט אויף יודיש פֿון דעם טיפּ שמ״ר-ראָמאַנען, וועלכע זענען געלעזען געוואָרען דורך די פֿאָלקס-מאַסען. בלאָשטיין איז אַ געוויסע צייט אויך געווען רעדאַקטאָר פֿון אַ יודישער צייטונג אין לאָנדאָן. ער איז געשטאָרבען אין ווארשא אין יאָהר 1898.

ביבליאָגראַפֿיע: אַ רשימה פֿון בלאָשטיינ'ס ראָמאַנען איז פֿאַרהאַן אין רייזענ'ס לעקסיקאָן (1926), וואו עס איז אויך פֿאַרהאַן אַ גרעסערע ביאָגראַפֿיע פֿון בלאָשטיינען.

**בלהה** נאָמען פֿון יעקב אבינו'ס ווייב (חומש בראשית סדרה ויצא), וועלכע האָט איהם געבוירען די שבטים דן און נפתלי. בלהה איז געווען פֿעררעכענט אַלס די שפחה פֿון רחל. אין בראשית ל״ה ווערט דערצעהלט, אַז ראובן האָט געלעבט מיט בלהה'ן, און דאָס האָט געווירקט, אַז ראובן איז שפּעטער אַראָבגעפֿאַלען אין דער מעלה פֿון די שבטים. אין מדרש ווערען דאָרט געבראַכט אַ רייה דרשות וועגען דעם.

**בלוט** אין חומש ווערט דאָס בלוט בעטראַכט אַלס דער טרעגער פֿון לעבען פֿון מענש, און אין חומש דברים י״ב ווערט געזאָגט „כי הדם הוא הנפש" („דאָס בלוט איז די נשמה"). דערפֿון שטאַמט, וואָס טויטען אַ מענש האָט געהייסען אין העברעאיש „בלוט-פֿערגיסען" („שופך דם האדם" אין בראשית, „אל תשפכו דם" איז בראשית סדרה וישב און אַנדערע ערטער). דערפֿון שטאַמט אויך דער פֿערבאָט נישט צו עסען קיין בלוט (בראשית ט' ויקרא י״ז און אַנדערע), און פֿאַר עסען בלוט קומט די האַרבע שטראָף כרת, ביים שעכטען מוז מען דאָס בלוט צודעקען מיט שטויב אָדער אַש, וואָס הייסט „כיסוי הדם" (דער געבאָט וועגען דעם איז אין ויקרא י״ז). דאָס בלוט פֿון אַ

קרבן האָט מען נעשפּרענגט אויפ'ן מזבח (אין ספר ויקרא). כדי צו בעזייטיגען דאָס בלוט פון פלייש און מען זאָל עס קאָנען עסען איז איינגעפיהרט געוואָרען אין יודישען דין דאָס פליישזאַלצען („מליחה”) און אַ חוץ אין דער גמרא זענען פאַרהאַן וועגען דעם אויספיהרליכע דינים אין שלחן ערוך, יורה דעה, הלכות מליחה, וואָס זענען איינע פון די הויפּט-לימודים, פון וועלכע עס ווערען עקזאַמינירט רבנים ביים בעקומען היתר הוראה.

ביבליאָגראַפיע: איבער די דינים פון „מליחה” און „כיסוי הדם” איז פאַרהאַן אין שלחן ערוך יורה דעה; אוצר ישראל („דם”).

**בלוט-בלבולים** דאָס זענען די שווערע בלבולים, וואָס שונאים פון יודען האָבען אויסגעקלערט אויף יודען, אַז זיי נוצען צום באַקען מצות אויף פסח בלוט פון קריסטליכע קינדער, וועלכע ווערען געטויט. די היסטאָרישע פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דעם דאָזיגען בלוט-בלבול האָט מען פאָרגעוואָרפען די ערשטע קריסטען אין די ערשטע יאָהרהונדערטער אין די רוימישע פּראָווינצען, אַז אין די פּאַסכאַ-טאָג נוצען זיי בלוט פון נישט-קריסטען, און דאַדורך זענען געווען אַ סך רדיפות אויף קריסטען. געגען יודען איז ערוועקט געוואָרען דער בלוט-בלבול (וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען עלילת-דם און אויך „ממזר-בלבול”) אין 12-טען יאָהרהונדערט, און פון דעמאָלט אָן ציהט זיך דער עלילת-דם ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער יודישער געשיכטע. יודען-פיינד האָבען איהם שטענדיג בענוצט, כדי צו העצען פינסטערע מאַסען געגען יודען; זיי האָבען ארויסגעגעבען בראָשורען, אין וועלכע זיי האָבען דערצעהלט מעשיות וועגען דעם, ווי יודען טויטען קריסטליכע קינדער, און דערביי געוויזען כלומרשט בילדער פון די געטויטע קינדער. הונדערטער טויזענדער יודען האָבען געליטען דעם מאַרטירער-טויט צוליעב דעם דאָזיגען בלוט-בלבול; זעהר פיעל פּאָגראָמען און שחיטות אויף יודען זענען צוליעב דעם פאָרגעקומען, און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס בעריהמטע קריסטליכע געלעהרטע, זאָגאַר פּויפּסטען, קעניגען האָבען אויפגעוויזען, אַז דער בלוט-בלבול געגען יודען איז אַ נידערטרעכטיגע פאַלשע בעשולדיגונג, ווערען דאָך זאָגאַר אין דער נייער צייט ערוועקט דורך יודען-פיינד בלוט-בלבולים, כדי צו רייצען דעם נישט-יודישען המון געגען יודען. די בעקאַנטסטע בלוט-בלבולים געגען יודען זענען פאָלגענדע: פולדא יאָהר 1236, מינכען 1285, פּראָג 1305, איבערלינגען 1331, רעגענסבורג 1474, טריענט 1475, טירנוי 1494, פּעסינג 1529, דמשק 1840, טיסא-עסלאַר 1882, קאָרפו 1891 און לעצטנעס פאַר דער וועלט-קריעג דער בעקאַנטער בייליס-פּראָצעס אין קיעוו יאָהר 1913, וואָס איז אינסצעניזירט געוואָרען דורך דער רוסישער צאַרישער רעגירונג געגען יוד מענדעל בייליס, אַז ער זאָל האָבען געטויט דעם קריסטליכען יונגעל יושטשינסקי צו בענוצען זיין בלוט אויף מצות (אין דאָזיגען פּראָצעס איז דער בעשולדיגטער, בייליס, בעפרייט געוואָרען). די אויסגערעכענטע זענען נאָר אַ קליינער טייל פון די בלוט-בלבולים געגען יודען, וועמענס צאָהל גרייכט אין די פיעל הונדערטער, פיעל פון זיי זענען פאָרגעקומען אין שפּאַניען דורך דער אינקוויזיציע אין די יאָהרען פאַר'ן גרוש (אין יאָהר 1492). דער הויפּט-

שווער־פונקט פון די אַלע בלבולים איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס אין די פריהערדיגע צייטען, ווען מען האָט יודען בעשולדיגט אין בלוט־בלבול האָט מען ביי דער אויספאָרשונג זיי געפייניגט מיט די שרעקליכסטע עינויים, אַז זיי זאָלען זיך מודה זיין, און כמעט דער גרעסטער טייל פון די געפייניגטע האָבען אויסגעהאַלטען די יסורים און נישט מודה געווען זיך אין פאַלשען בלבול, האָבען אָבער טייל פון די געפייניגטע יודען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די פייניגונגען, זיך מודה געווען אין אַלעם, וואָס זייערע פאַרשער האָבען זיי געהייסען. אַזוי אַרום זענען ענטשטאַנען אַקטען און דאָקומענטען, אַז כלומרשט יודען אַליין האָבען „בעשטעטיגט" דעם בלוט־בלבול. אַ חוץ דעם האָט אויך אומגליקליך געווירקט דער פאַקט, וואָס כמעט אים אַלגעמיין האָבען אויך משומדים שאַרף ערקלערט, אַז דער בלוט־בלבול איז פאַלש, האָבען זיך אָבער טיילמאָל געפונען משומדים, וואָס זייענדיג שטאַרק אין כעס אויף די יודען צוליעב בעליידיגונג וכדומה האָבען זיי מיט אַ שלעכטער כוונה ערקלערט, אַז דער בלוט־בלבול איז אמת. אַזוי איז פאָרגעקומען אין פוילען אויף דעם לעמבערגער ויכוח איז יאָהר 1759, ווען די פראַנקיסטען האָבען בעשטעטיגט דעם בלוט־בלבול, וועלענדיג אַזוי אַרום זיך נוקם זיין אויף יודען, און באַלד דערנאָך איז ווירקליך פאָרגעקומען אין שטעדטעל וואָידזיסלאַוו איינער פון די גרויזאַמסטע בלוט־בלבולים, צוליעב וועלכען עס זענען אומגעקומען אַ סך יודען.

איבער דעם בלוט־בלבול איז פיעל געשריבען געוואָרען; אַ חוץ אין דער יודישער געשיכטע פון גרעץ, זענען ערשינען זעהר פיעל ספּעציעלע ווערק וועגען דעם בלבול אממייסטען אין דייטש; אין העברעאיש איז פאַרהאַן יצחק בער לעווינזאָנ'ס „אפס דמים"; אויף דייטש זענען די בעקאַנטעסטע ווערק כוואָלסאָנ'ס „דער בלוט־אַבערגלויבע" און דעליטשע'ס „שאכמאַט די בלוט־ליגנערס"; אין דעם גרעסטען בלוט־בלבול־פּראָצעס אין דער נייערער צייט, ביילים־פּראָצעס, זענען פאָרגעקומען פיעל ויכוחים און אַ סטענאָגראַפישער בעריכט אויף יודיש איז ערשינען אין וואַרשא („דער ביילים־פּראָצעס", וואַרשא 1914, אַרויסגעגעבען פון ביבער); יודישע ענציקלאָפּעדיעס.

**בלוי לודוויג** בעריהמטער יודישער געלעהרטער אויפ'ן געביעט פון חכמת ישראל. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1861 אין אונגאַרן, און האָט שטודירט יודישע וויסענשאַפט. איצט פערנעהמט בלויז דעם פּראָפעסאָר־אַמט אין דער ראַבינער־שולע אין בודאַפּעשט. גיעט אַרויס די צייט־שריפט „הצופה לחכמת ישראל". זיינע פאָרשונגען אויפ'ן געביעט פון תנ"ך און מדרשי הלכה (מכילתא, ספרי) ווי אויך איבער דעם אַלטען יודישען פאָלקלאָר האָבען אַ גרויסע ווערטה.

**בלום לעאָ** בעריהמטער סאָציאַליסטישער פיהרער אין פראַנקרייך, געבוירען אין יאָהר 1872. בלום געהערט צו די מעסיגע סאָציאַליסטען אין 2־טען אינטערנאַציאָנאַל, און איז דער פאַקטישער פיהרער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. אַלס יוד האָט בלום אַרויסגעוויזען סימפּאַטיע צו דער אויפבויענדער יודישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.